STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00309

BOTSHANI

Chawa Rosenfarb

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Milford Balick
in memory of
his father, Samuel Balick

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חוה ראָזענפאַרב

באָטשאַני

חוה ראָזענפּאַרב

באָטשאַני

וועלט
ראַט
פֿאַר ייִדיש
און ייִדישער
קולטור

פֿאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישׂראל

חוה ראָזענפאַרב

באַטשאַני

(אַ ראָמאַן)



אַרויסגעגעבן פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור

תשמ״ג — 1983

CHAWA ROSENFARB

BOCIANY

חוה ראָזענפאַרב / באָטשאַני

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, ברנר 14

נדפס בישראל תשמ״ג

מיניאַטור־צייכענונג: דייווי טושינסקי

©

Copyright by Chawa Rosenfarb

456, Barton Ave, Montreal H3P IN4, Canada

Printed in Israel

דפוס „אורלי״, רח׳ עקיבא איגר 8, ת״א.

פאַר מיינע קינדער —
גאָלדעלען און אַברהמעלען.

מיין דאַנק בונים ווינערן — פאַר זיין גערולד און זאָרג און פאַרן דער־מעגלעכן דאָס דערשיינען פון דער דאָזיקער אַרבעט.

ח. ר.

ערשטער טייל

דער סוף פון אַ וואָר איז דער אָנהייב
פון לעגענדע...

קאַפּיטל איינס

1

דאָס שטעטעלע באַטשאַני איז געלעגן איינגעבעט צווישן „בלויען באַרג" און „ווייסן באַרג" ווי אַ פּאַרטוליעטע בושלענבעסט, פון וועלכער די שפּיציקע טונקל־געלבע שטרוידעכער און די ציגל־פאַרביקע שינדלדעכער האָבן אַרויסגעקוקט ווי שנאָבלען פון עופעלעך. אַ פאַרוואָרפן, פאַרגעסן שטעטעלע געווען, ווו די צייט האָט אויסגעזוען אַנצוקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג און די נייעסן וואָס האָבן דערגרייכט אַהער דורך דעם „ברייטן טאָפּאָליע־וועג" פון דעם נאָענטסטן שטעטל כוואָסטי, וואָס האָט פאַרמיטלט צווישן באַטשאַני און דער וועלט, האָבן שוין געוויינטלעך „געהאַט בערד".

דער טאָל גופא אין וועלכן באַטשאַני איז געלעגן איז געווען אַן אָפּצווייג פון דעם ווייסל־טאָל, וואָס אויסער דעם זומפּנרינג וואָס האָט אַרומגעהאַלדזט דאָס שטעטל, איז ער געווען געבענטשט מיט שפּעדיקער ערד. שטחים מיט קאָרן און ווייץ, מיט האָבער און קאַרטאָפליעס, מיט גרינע פּאַשע־לאָנקעס און סעדער האָבן זיך געצויגן אויף מיילן און מיילן, דאָ און דאָרט, ווי אַן אינדזל אינעם גאָלד־גרין: אַ ריזיקע שאָטנדיק־טונקעלע פלאַכטע פון אַ וואַלד, צי אַ ליכטיקער שפּיגל פון אַ סטאַוו.

דער „בלויער באַרג" איז געווען בלוי און דער „ווייסער באַרג" — ווייס, ווייל זומערצייט איז דער ערשטער געווען באַדעקט מיט אַ קאָפּטוך פון בלויע כאַברעס און דער צווייטער, מיט אַ קאָפּטוך פון ווייסע מאַרגאַריטקעס. אין אַ זוניקן טאָג האָבן די כאַברעס, די מאַרגאַריטקעס, צוזאַמען מיט די רויטע מאָנבלומען און געלבע פּוטער־בעכערס וואָס האָבן פאַרפּלייצט די לאָנקעס און היגלען, צוזאַמען מיט די קאַנוואַליעס, די פאַרגעס־מיך־נישט־בלומען אין די זומפּן, צוזאַמען מיט די וואַסער־ליליעס אויף די סטאַוועס, צוזאַמען מיט די גאָלדענע פעלדער, גרינע לאָנקעס, טונקעלע סאָסנע־וועלדער, ליכטיקע בעריאָזע־וועלדער — געשאַפן איין לעבעדיק־פאַרביקן טעפּעך. ער האָט זיך נישט נאָר געשפּיגלט אין הימל, נאָר האָט געשעמערירט אין דער סאָמער לופטן. אַזוי זויבער־קרישטאָליק איז די לופט דאָרט געווען, אַז מען איז קיין מאָל נישט געווען זיכער, צי די וואָלקנס אויפן האָריזאָנט

זיינען באמת געווען וואַלקנס, צי דאָס זיינען געווען די קאָנטורן פון די ווייט־ווייטע טאַטרען־בערג, וואָס האָבן שוין געהערט צו דער עסטרייכישער אימפּעריע.

אויסער דעם וואָס דער טומל פון דער וועלט האָט דערגרייכט קיין באָטשאַני נאָך שפּעטער ווי אין די אַנדערע קליינע שטעטלעך, האָט זיך דאָס שטעטעלע וויניק וואָס אונטערשיידט פון זיי. דאָס הייסט, אין תּוך איז דאָס געווען אַ דאָרף מיט הילצערנע כאַלופּעס, און זיין אָפּיציעלער פּאַרטרעטער איז געווען נישט קיין בירגער־מייסטער, נאָר דער פּאַוויאַטאָווי נאַטשעלניק. שטאַטישן פּרעסטיזש האָט זיך באָטשאַני איינגעקויפט דערמיט וואָס עס האָט פאַרמאָגט אַ ברוקירטן מאַרק־פּלאַץ ארומגערינגלט מיט אַ פּאָר געמויערטע געביידן, וואָס האָבן אַרויסגעסטאַר־טשעט פון דעם אַרום ווי אַ האַלבקרייז פון אומגלייכע, שיטערע ציין. צו אָט די געביידן האָט קודם־כּל געהערט דער „קאָשטשאָל פון אַלע הייליקע״, פּלאַנקירט פון דער פּלעבאַניע פון איין זייט, און פון דעם פּאָוויאַטאָווי נאַטשעלניקס קאַמיעניצע פון דער אַנדערער זייט. אויסער דעם, האָבן אַ פּאָר אָנגעהעריקע צום ייִדישן פּני אויך געהאַט דאָרט זייערע איינשטאָקיקע קאַמיעניצעס.

דאָך איז באָטשאַני געווען אַן אַנדערשדיק און אויסנעמלעך שטעטעלע. דאָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן גלייך ווי מען האָט זיך דערצו דערנענטערט. די אויסנעמלעכקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס יעדער איינגעזונקענע, פאַרשימלטע כאַלופּע, צי יעדער שטאָלצע ציגלנע קאַמיעניצע — סיי ייִדישע, סיי גוייִשע — האָט ווי אַ של־ראש פּאַררוקט איבערן שפּיץ שטערן, געטראָגן אויפן פאַרנטיקן שפּיץ דאָך אַן אַלט ראָד, וואָס דערויף האָט אַ בושל־פּאָרל זיך יעדער יאָר איינגעקוואַרטירט, צו לייגן אייער, אויסצוהאָדעווען דאָס קליינוואַרג און שוין במילא פאַרברענגען דאָ אויף זומער־דאַטשע.

די באָטשאַנעס פון באָטשאַני זיינען געווען מאַיעסטעטישע פייגל, דריי, טייל מאָל פיר פוס די הייך, מיט שוואַרצע פליפּעדערן, אַ טונקל־רויטן שנאָבל און רויטלעכע הויכע שטעקנפיס. זיי האָבן געהאַט אַן ערנצטע נייגונג אָפּצושטיין אומבאַוועגלעך אויף איין פוס און מעדיטירן, און וואָלטן מסתּמא אָפּגעגעבן דערויף זייערע טעג, ווען נישט די פּראָזאַיִשע לעבנס־באַדינגונגען: עניני־פּרנסה, לאָוו־דווקא האַרבע... להיפּוך צו די פּראָבלעמען פון די בעלי־בתּים אויף וועמעס דעכער זיי האָבן געוווינט.

די באָטשאַנעס האָבן נעמלעך געשעפּט חיונה פון די זומפּן הינטערן שטעטל, ווו עס האָט געראָיעט מיט פרעש, שלימאַקעס, שלענגלעך און קאָפּעקלעך. די מענטשלעכע טבע פון זאַמלען זאַפּאַסן האָבן די באָטשאַנעס נישט פאַרמאָגט. זיי האָבן זיך און זייער קליינוואַרג געקאָנט אָנשטאָפּן אַזוי ווייט און נישט ווייטער. דאָך האָט זיי דער געדאַנק וועגן די אוצרות אין די זומפּן, ווייזט אויס, נישט געלאָזט איינרוען און זיי האָבן אַ שיינע פּאָר מאָל אַ טאָג זיך געמוזט אַריבערכאַפּן אין די „גאָלדגרובן״ זייערע, און אויב נישט אַהיימקומען מיט אַ נאַש אין גורדער־

בייטל, איז לכל־הפחות אַרומקרייזלען איבער די זומפּן און האַלטן שמירה. דערפאַר איז דער חלל איבערן שטעטל תמיד פול געווען מיט זייער פאַרהאַוועטן קלאַקען און קוואַקען — קולות וואָס האָבן געקלונגען... נישט סתם אין דער וועלט אַריין.

איז טאַקע נישט קיין וווּנדער וואָס אַ וואַנדערנדיקע סטאַדע בעטלערס, וועלכע האָט אַ מאָל, אין אַ דינסטיק בעתן מאַרקטאָג, אָפּגעשטאָט דעם שטעטל אַ וויזיט, האָט פּאָפּולער געמאַכט איבער פּוילן דאָס ווערטל: „אַ באָטשאַנישער יאָרמאַרק", צו באַצייכענען די גראַטשקע וואָס האָט דאָ בפּועל־ממש דערגרייכט ביז צו די הימלען. ווייל יעדן דינסטיק איז דער טאַראַראַם אונטן — דאָס גראַגערן פון מענטשלעכע קולות, און דער טאַראַראַם אויבן — דאָס בלעקעצן פון פייגלשע קולות, געווען ביכולת צו פאַרטויבן דאָס נישט־געניטע אויער פון אַ פרעמדן, נאָך איידער עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז אייגנטלעך איז ער דאָ אַריינגעפאַלן אין צוויי שטעטלעך: אַ באָטשאַני־של־מעלה און אַ באָטשאַני־של־מטה,ביידע טויט־ערנצט פאַרנומען מיט עולם־הזהדיקע פּראָבלעמען: איינס מיטן האָבן צו פיל, דאָס צווייטע מיטן האָבן צו ווייניק.

ווייל דעם באָטשאַני־של־מטה איז געגאַנגען גאָרנישט אַזוי פייגלדיק. דאָס לאַנד אַרום איז טאַקע געווען שפּעדיק און ברייטהאַרציק, אָבער געהערן האָט עס געהערט צום פּריץ און צו זיינע יורשים, וועלכע האָבן געוווינט אין „הויף" הינטערן שטעטל, צופוסנס פון ווייסן באַרג, וואָס אַהין האָט געפירט דער שמאָלער טאָפּאָליע־וועג, דורך אַ ברעטערבריק פאַרוואָרפן איבער די זומפּן. די מערסטע פּויערים האָבן פאַרמאָגט נישט מער ווי אַ כזית זומפּיק לאַנד מיט אַ פּאָר קי, חזרים און עופות. זיי האָבן אָפּגעאַרבעט זייערע טעג ווי פאַרבאָקעס אויפן פּריצס פעלדער. און אַז דער פּריץ איז אַלט געוואָרן און זיינע יורשים זיינען צוריקגע־קומען פון די גרויסע שטעט מיט וואָס אַ מאָל מער „ליבעראַליזמוס" און „ציווי־ליזאַציע", האָבן זיי מיט אַלץ עפעקטיווערע לעגאַלע דריידלעך און צוקער־זיסע ריידלעך איינגערעדט די פּויערים אָפּצוטרעטן פאַר אַ שיבוש גאַנצע שטיקער פון זייערע מיזערנע, בלאָטיקע נחלאָות, וועלכע דעם פּריצס אַגראָנאָמען האָבן שפּעטער אויסגעטריקנט, און די כלאָפּעס האָבן געמוזט וואָס אַ מאָל שווערער פּראַצעווען אויפצוהאַלטן דאָס חיות. — און ווי ס'האָט זיך „געקריסטלט", אַזוי האָט זיך „געייִדלט". דאָס שטעטעלע באָטשאַני האָט זיך קונה־שם געווען מיטן דלות.

מילא, דערויף איז קיין עצה נישט געווען. דער אביון האָט פון זיין היים און פון זיין גורל נישט געקאָנט אַנטרינען. וואָס ער האָט יאָ געקאָנט טאָן איז געווען וואַרטן מיט אַן אייזערנעם געדולד און האָפן, דער קריסט — אויפן הימלישן קעניגרייך, און דער ייִד — אויף ביאת־המשיח, און בינו־לבינו זיך לאָזן טרייסטן מיט וואָס עס לאָזט זיך.

און די באָטשאַנעס זיינען טאַקע געווען אַ טרייסט פאַרן שטעטל.

דערפאַר, ווען דער גאָלדענער פּוילישער האַרבסט האָט גענומען טונקען די

בלעטער אין אַ פּאַליטרע פון שקיעה־פאַרבן, ווען סנאָפּעס תּבֿואה האָבן זיך, ווי פיגורן וואָס האַלטן זיך אַרום אין אַ מעלאַנכאָלישן טאַנץ, באַוויזן אויף די אָפּגעקאָסעטע פעלדער, און ס׳איז שוין געווען נאָכן אלולדיקן שופר־בלאָזן און נאָך די ימים־נוראים — האָט זיך אין די הערצער פון די איינוווינערס פון באָטשאַני אַ באַזונדערער אומרו פאַרמישט מיטן געוויינטלעכן האַרבסטיקן טרויער. אָט זיינען אָנגעקומען די טעג ווען די בושלען האָבן, ווי אויף אַן אָפּגערעדטן צייכן, זיך אַ הייב געטאָן פון די דעכער, זיך צעפּאַכעט מיט די פליגל ווי מיט אַ זייגעזונט, און זיך אויפגעהויבן וואָס אַ מאָל העכער צום הימל. אַ ביסל האָבן זיי אַרומגעקרייזט דאָס שטעטל און דעם הויף, דעם ווייסן און בלויען באַרג, די זומפּן, דעם סטאַוו, דעם נאָדלוואַלד און דאָס בעריאָזע־וועלדל, ווי זיי וואָלטן וועלן אַריינעמען מיט די בליקן די היימישע פּאַנאָראַמע. דערנאָך האָבן זיי, ווי אויף אַ באַפעל, זיך אויסגעסדרט אין לאַנגע שנורן, און אָט אַזוי, מיט ווערדע, מאַיעסטעטיש, אַוועקגעצויגן אין ווייטע מקומות.

„ווער ווייסט, צי זיי וועלן צוריקקומען...״ האָבן זיך פויערטעס פאָרכטיק געצלמט.

ניין, נישט ווי דער מענטש איז אַ פויגל געווען, וואָס ווו געבוירן דאָרט האָט ער געמוזט שטאַרבן. פריי איז אַ פויגל געווען, הויך איז ער געפלויגן, געזען פאָרויס און צוריק. האָבן אפשר די בושלען געקאָנט פאָרויסזען, אַז די היינט אַזוי שפּעדיקע זומפּן וועלן מיט דער צייט מסתמא אין גאַנצן אויסגעטריקנט ווערן און זיי האָבן ביי צייטן זיך געקאָנט באַזאָרגן מיט אַ נייַעם מקום. און די פויערטעס האָבן געפּינטלט מיט די פייכטע אויגן צום הימל, ביז דער לעצטער צעציטערטער פאָדעם פון די שנורן בושלען האָט זיך אַרייגעשלענגלט אין האָריזאָנט, זיך אויסגעדריוולט און נישט־געוואָרן.

יעדן ערב־פרילינג, ווען די שנייען זיינען נאָך נישט רעכט געווען צעשמאָלצן, האָבן סיי די שקצימלעך, סיי די חדר־ייִנגלעך גענומען לויפן דורך די בלאָטעס אויסקוקן די באָטשאַנעס; די שקצימלעך צום ווייסן באַרג, און די חדר־ייִנגלעך — צום בלויען באַרג, ווו די ווינטמיל איז געשטאַנען. פון בלויען באַרג האָט מען געקאָנט זען נישט נאָר גאַנץ באָטשאַני, נישט נאָר דעם סטאַוו ווו די שדים האָבן זיך געבאָדן און ווו קיילעלע די כּלה האָט זיך דערטרונקען, און נישט נאָר די פעלדער און וועלדער פון יענער זייט סטאַוו, נאָר אַפילו די הרי־חושך וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער גרענעץ פון דער־וועלט און יענער־וועלט. די גויים האָבן אָט די הרי־חושך גערופן די טאַטרען. דאָרט, ביי דעם סודותדיקן שבת־טייך סמבטיון, האָבן געלעבט די פּיפּערנאָטערס וואָס האָבן געהיט דאָס לאַנד פון די תּמיד גליקלעכע רויטע ייִדעלעך וועלכע האָבן נישט געוווּסט פון גלות. טאַקע צו די זומפּן און בלאָטעס פון אָט דעם גליקלעכן לאַנד זיינען דאָס די בושלען אָפּגעפלויגן יעדן ווינטער און פון דאָרט האָבן זיי זיך געדאַרפט באַווייזן.

געוויינטלעך איז טאַקע פון אַט די ווייסע־חברהניקעס אָנגעקומען די בשׂורה אין שטעטל אַריין: „די באַטשאַנעס קומען!"

די דערוואַקסענע האָבן אַט די נייעס אויפגענומען מיט אַ געמאַכטן גלייכגילט, ווי אייבער זאָגט: „הלוואַי וואָלטן אונדז בעסערע בשׂורות אָנגעזאָגט געוואָרן". אָבער אין זיך האָט מען אָפּגעאָטעמט דערלייכערט. דאָס צוריקקומען פון די בושלען איז געווען אַ גוטער סימן. און אויס דאַנקבאַרקייט פאַר זייער געטריישאַפט האָט דאָס שטעטל נישט אָנערקענט קיין שום קאַלענדאַרישע צייטן פון יאָר. דעם טאָג וואָס די בושלען זיינען „אַהיימגעקומען" האָט מען פאַררעכנט פאַר דעם ערשטן טאָג פון זומער און דעם טאָג פון זייער אָפּפלי — פאַר דעם ערשטן טאָג פון ווינטער.

בכלל, וואָס נוגע דעם יידישן טייל פון דער באַפעלקערונג פון באַטשאַני, איז דער רוב געווען זיכער, אַז אַ שיינעם העלן טאָג וועט נישט קיין אַנדערער נאָר משיח בן־דוד אַליין אַריינרייטן אין שטעטל, צוזאַמען מיט די בושלען; ער — מיטן ברייטן טאַפּאַליע־שליאַך, און זיי — איבער זיין קאָפּ. זיי וועלן צוזאַמען פאַרביי דעם גויישן בית־עלמין און, להבדיל, דערנאָך — דעם יידישן. די בושלען וועלן זיך צעקלאַקען און אויפוועקן די מתים, אַזוי אַז יענער טאָג וועט זיין נישט נאָר דער ערשטער טאָג פון זומער, נאָר בכלל דער טאָג פון תחית־המתים און פון דער גאולה.

און אַ פאַקט איז, אַז אַלע דורות חדר־יינגלעך פלעגן זיך פאַרנעמען מיט דער שקלא־וטריא: וואָס וועט משיח טאָן ווען ער וועט פאַרביירייטן דעם גויישן בית־עולם? וועט טאַקע אויף די גוישע מתים אויך חל זיין דאָס תחית־המתים, צי משיח וועט זיי לאָזן ווייטער פוילן אין דר׳ערד? און וואָס וועט ער טאָן מיט די לעבעדיקע גוים? וועט ער זיי אויך אויסלייזן, אויב נישט אין זכות פון זייערע מעשׂים־טובים לגבי די יידן, איז אין זכות פון זייער גוטהאַרציקייט צו די באַטשאַנעס וואָס וועלן אים, משיחן, באַגלייטן אין שטעטל אַריין? — און אַזוי ווי מיט די דערוואַקסענע האָט מען נישט געקאָנט דערגיין צו קיין טאַלק אין דעם ענין, האָבן די בחורימלעך אַליין געפּסקנט די שאלה, בדרך־כלל לויט דעם, צי זיי זיינען גראָד געווען אַריינגעטאָן אין אַ מלחמה מיט די שקצימלעך, צי נישט.

דער בעסטער צייטפאַרטרייב פאַר די מענטשן פון באַטשאַני איז געווען צוצוקוקן, מיט אַ מין משפּחהדיקן אינטערעס, ווי אַזוי די בושלען בויען די נעסטן אויף די דעכער, און דערביי פילאָסאָפירן און מאַכן פאַרגלייכן צווישן מענטשלעכן און פויגלשן משפּחה־לעבן. בפרט איז דאָס געווען אַ טעמע פאַר די ווייבער, סיי גויישע, סיי יידישע. נישט איינע פון זיי האָט געהאַלטן אָנגעגרייט אַ ביגל גוטן שטרוי מיט ריטלעך, כּדי די בושלען זאָלן זיך נישט מוזן מטריח זיין צו ווייט צו זוכן בוי־מאַטעריאַל. און בעת די „זי" האָט פאַרשוואַנגערט און געהאַלטן ביים לייגן די אייער, האָבן בעל־הביתטעס דאָ און דאָרט אַרויסגעשיקט דאָס

קליינוואַרג צום נאָענטסטן זומפּ כאַפּן זשאַבעלעך, קאָפּעקלעך, שלימאַקעס און רעגן־ווערעם פאַר דער קימפּעטאָרין, סתּם ווי אַ זשעסט פון סאָלידאַריטעט. זיי זיינען נישט געווען זיכער, אַז די פויגלשע מאַנספאַרשוינען האָבן מער פאַרשטענדעניש פאַר אַ „זי" אין אַזאַ פּאָלאָזשעניע ווי די מענטשלעכע. און אָט דאָס פּילנע־ווען האָט אָנגעהאַלטן סיי ווען די „זי" האָט געלייגט די אייער, סיי דעם גאַנצן חודש ווען דער „ער" און די „זי" פלעגן די אייער אויסזיצן. דעם „ערס" מיטזיצן אויף די אייער מיט דער „זי" האָט מען אָנגענומען ווי נאָך אַ באַווייז פון „ער"־ישער פוילקייט. עפּעס שלעכט געווען צו ליגן אין קימפּעט — אין דעם פאַל: זיצן אין קימפּעט — ווען דאָס ווייב האָט אויסגעטראָגן די ווייען פון געבערן?

שפּעטער אַריין האָט מען צוגעקוקט ווי די יונגע בושלען האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן ערשטן פלי מיט טאַטע־מאַמע. מען האָט נחתדיק אָנגעקוואָלן — און גלייך דערנאָך האָט מען באַקומען „בילכערע דאגות". די בושלען זיינען צוריק געוואָרן אַ טייל פון דער פּאַנאָראַמע און מען האָט זיך אויף זיי קוים אומגעקוקט — סיידן אַ שׂרפה, צי אַ שטורעם, צי סתּם אַ ווילדער שלאַקסרעגן.

סיי די יידישע, סיי די גוייִשע פייער־בריגאַדעס — וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין באַזונדערע חברות, מיט באַזונדערע פערד און וועגענער, באַזונדערע פעסער און אַנדערע כּלים, אָבער האָבן געווייניטלעך אַ פייער געלאָשן צוזאַמען — האָבן אפילו פאַרפּולקומט אַ ספּעציעלע טעכניק צו ראַטעווען די בושלען בעת אַ סכּנה. געדאַרפט האָט מען ניצן דערביי אַ לאַנגן דראָנג מיט האַקעס; געדאַרפט, ווייל גענוצט האָט מען אים כּמעט קיין מאָל נישט. געווען בילכערע זאַכן צו האָבן אין זינען בעת אַ שׂרפה, למשל, ווי דעם דראָנג מיט די האַקעס, צי די בושלען גופא. די הייזער אין באַטשאַני זיינען געווען לויטער האָלץ, די דעכער פון שטרוי, און זומער, אין די היצן, האָט מען מער נישט געדאַרפט ווי אַ פונק און אַ ווינטל און דאָס מינדסטע פלעמל האָט געקאָנט אַ פאַרשפּרייט טאָן אַ פייער, ווי אַ מגפה, ממש אין אַן אויגנבליק. די איינציקע מעלה פון אָט דעם מצב איז געווען וואָס זינט דעם פּאָגראָם נאָכן טויט פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, ווען אַ האַלבשטעטל איז אַוועק מיטן פייער, האָבן די גויִים נישט געוואַגט אונטערצוצינדן קיין איין יידיש הויז בעת אַן אָנפאַל אויף יידן. זיי האָבן אויף אַ ביטערן אופן געלערנט, אַז פייער איז נישט איבערקלייבעריש.

וואָס נוגע די בושלען, האָבן זיי ברוך־השם אָן פייער־בריגאַדעס זיך בעסער אַן עצה געגעבן בעת אַ שׂרפה, ווי זייערע בעלי־בתּים — מיט די פייער־בריגאַדעס. זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן מיט זייער האָב־און־גוטס, נאָך איידער די פייערלייט האָבן זיך געכאַפּט וווּ עס ברענט.

נאָר טאַמער האָט געטראָפן אַן אויסטערלישער פאַל ווען אַ כאַטע איז געשטאַנען אין פייער און אַל דאָס לעבעדיקע איז פון איר אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן, אַחוץ די קליינע בושלען אין די נעסטן, איז דאָס באַטראַכט געוואָרן פאַר

אַ בייזן סימן אויף להבא, הגם די פלאַמען האָבן געשוינט דאָס שטעטל. מען איז די פּייערלייט מקבל־פּנים געווען אין די געסלעך מיט געביילטע פּויסטן און „געפּעפּערטע״ פּאַרוורפן. מען האָט אפילו נישט געשוינט פּישעלען דעם קצב, דעם אָנפירער פון דער יידישער פּייער־בריגאַדע, וואָס פון אים איז אָפּהענגיק געווען וואָס פאַר אַ שטיקל פלייש מען וועט האָבן אין טשאָלנט אַריין. און מען האָט אויך נישט געשוינט דעם חשובן, תמיד שיכורן אָנפירער פון דער גויִשער פּייער־בריגאַדע, דעם פּאַן וואַצלאַוו ספּאָקוינִי, וועמעס לייבלעכער ברודער עס איז געווען דער גלח, פּאַטערל סטאַניסלאַוו, וואָס פון זיינע דרשות אין דער קירך „פון אַלע הייליקע״ איז אָפּהענגיק געווען וואָס עס האָט זיך געטאָן ביי די כלאָפּעס אין די קעפּ.

און טאַקע, אַ דאַנק די באַטשאַנעס, וואָס זיינען, ווי מען ווייסט, מזלדיק פאַר מענטשן — אויב מען באַציט זיך מענטשלעך צו זיי — איז דאָס שטעטעלע באַטשאַני, אחוץ אין הילכות־פּרנסה, געווען אַ מזלדיק שטעטעלע סיי פאַר די יידן, סיי פאַר די גוים. די באַטשאַנעס האָבן, זעט אויס, זיך אויך אָפּגעזאָגט צו באַמערקן די ווענטלעכע ראַסע־אונטערשיידן צווישן זייערע גאַסטגעבערס און זיי האָבן אָן פאַראורטלען געזען דערצו, אַז די טראַכטן סיי ביי די נשים־צדקניות, סיי להבדיל ביי די גויעס, זאָלן קיין מאָל נישט זיין ליידיק. זיי האָבן אָנגעשיט קליינוואַרג אויפן שטעטל וויפל באַר די נאַטור האָט דערלאָזט.

חוץ־מזה, האָבן די גוים און די יידן בדרך־כּלל געלעבט צווישן זיך, אָדער בעסער געזאָגט, לעבן זיך, גאַנץ בשלום. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק געברויכט און בלית־ברירה, ווילנדיק־נישט־ווילנדיק, אונטערגעהאַלטן איינע די אַנדערע ביים לעבן. מען האָט, פון אַ געהעריקער דיסטאַנץ, אָנגעהאַלטן אַ פאַרעם פון „גוטברודערשאַפט״ וואָס פלעגט טייל מאָל דערפירן צו אויפריכטיקע פריינדשאַפטן צווישן יחידים, פריינדשאַפטן פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער.

יידישע האָרפגייערס און יידישע קצבים־יונגען און פורמאַנעס האָבן גע־טרונקען מיט די פויערים אין דער יידישער קרעטשמע. גוים האָבן גענומען אויף באָרג אין די יידישע קרעמלעך אויפן פּאַטשעיאָוו, ווי די שטעטלשע האַלעס האָבן זיך גערופן. אָפט האָבן יידישע קרעמערס באַקומען במתנה אַ ביסל קאַרטאָפל, אַ פאָר הייפּטלעך קרויט, ציבעלעך, פרוכטן פון „זייערע״ כלאַפּעס. אַז מען איז פון באַצירק געקומען אַפּשרייבן ביי אַ פויער זיין ביסל האָב־און־גוטס פאַר נישט־געצאָלטע שטייערן, האָבן יידן זיך „צוזאַמענגעלייגט״ פּונקט ווי פאַר אַ יידישן צוועק און געהאָלפן אויסלייזן דעם אומגליקלעכן. פון דער אַנדערער זייט, האָט מען מיט דער הילף פון אַ באַקאַנטן פויער געקאָנט ווירקן אויפן נאַטשעלניק, אַז ער זאָל דעם נאָמען פון אַ יידישן זכר אַריינשטעלן אין די „ספּיסקעס״ פון פּריזיוו אויף אַ פאָר יאָר שפּעטער. און בעת אַ טריקעניש אָדער אַ מגפה צווישן די בהמות, ווען חסידים אויפן וועג צום רבין זיינען אין זייערע בוידן גראָד

פאַרבייגעפאָרן די כאַלופּעס לענג־אויס דעם ברייטן טאָפּאָליע־וועג — פלעגן די פויערים פון די שוועלן זיי נאָכרופן: „פאַרגעסט נישט, וו׳אימיע באָגאַ, צו בעטן פּאַנאַ צאַדיקאַ אויף רעגן. בעט אויף אַ נס פאַר אונדז אויך!״

דאָך, אַפילו ווען מען איז געווען שווה־בשווה מיט אַנאַנדער, איז מען ברוגז געוואָרן ווען עס האָט זיך אונטערגערוקט אַ זונטיק אינדערפרי, צי אַ חגא־פרימאָרגן. אויסגעדריקט האָט זיך דאָס דערין וואָס די ייִדן זיינען פאַרשוווּנדן ווי מייז אין די לעכער און די גויים האָבן איבערגענומען באָטשאַני. אין אַזעלכע טעג האָט דער ייִדישער פּחד זיך געלאָזט ווײַלגיין אויטאָמאַטיש — פון געוווינט־שאַפט. במשך פון דורות האָבן דאָך ייִדן דערפירט צו שלמות די קונסט פון זאָרגן זיך „נאַ זאַפּאַס״, און זיי פלעגן, זיך בדרך־כלל נישט טועה זיין. איז הגם אין באָטשאַני איז געווען אַ גרויסע וואַרשיינלעכקייט, אַז די זאָרגן זיינען אומזיסטע, האָט מען דאָך געלאָזט די הערצער זיך צעפּויקן מיט טרעוואָגע, ווען נאָר דער קלויסטערגלאָק האָט זיך צעקלונגען מיט חגא.

ס׳איז דען אַ וווּנדער? בעת אַזאַ טאָג האָבן די שטעטלשע גויים און די גיים פון די אַרומיקע דערפער, און די נאָגעס פון מאָנאַסטיר, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער גרענעץ פון גוייִשן קוואַרטל פאַרפלייצט אַלע געסלעך, געצויגן צום מאַרקפּלאַץ אין פּראָצעסיעס מיט הייליקע בילדער. כאָרן־געזאַנג און ווייִרויך האָבן מיט פרעמדקייט פאַרטשאַדעט די היימישע לופט. שפּעטער האָט אָט דער אויסגעסטרויעטער און אָנגעסטרויעטער המון ווי אַ לאַווינע זיך געגעבן אַ טראָג אַרויס פון דעם קאָשטשאָל און זיך פונאַנדערגעפלאָסן איבערן שטאָטגאָרטן, איבערן מאַרקפּלאַץ און אַרום די פאַרמאַכטע האַלעס, דעם פּאָטשעיאָוו. באַלד האָבן זיך פלעשלעך „מאָנאָפּאָלקע״ באַוויזן פון אונטער די זונטיקדיקע פּאַזוכעס. מען האָט אָנגעהויבן פון אַ טענצל און אויסגעלאָזט מיט אַ געשלעג... — האָט מען דאָך געמוזט זיין חסר־דעה נישט צו פאַרהאַמערן טיר און טויער מיט שטאַבעס און פּרענטעס, נישט צו האַלטן פאַרקלאַפּט די לאָדנס, בפרט פון די „שלעכטע״ ייִדישע הייזער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אויף די צענטראַלע פלעצער ווו אָט די פאַרווײַלונגען זיינען פאָרגעקומען.

אָבער אַחוץ אַ „שטיקל״ פּאָגראָם, וואָס האָט געטראָפן אַ פאַר מאָל זינט דעם גרויסן פּאָגראָם נאָכן טויט פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, האָט מען זיך אין באָטשאַני אויף גאָרנישט נישט געקאָנט באַקלאָגן. איין מאָל איז אַזאַ „שטיקל״ פּאָגראָם פאָרגעקומען צוליבן אומדערקלערלעכן טויט פון אַ שייגעצל, אַ צווייט מאָל — נאָך אַ צו פייערדיקער דרשה פון גלח, אַ דריט מאָל — נאָך אַ טויפונג, איין מאָל אויך נאָך אַ חתונה, און אַן אַנדערש מאָל נאָך אַ לוויה, ווען דער בגילופינער עולם האָט זיך געמוזט אַ ביסל מער ווי סתם צערודערן.

בעצם איז דאָך דאָס שטעטל גופא געווען גויים־ריין, אַזוי צו זאָגן. דער קאָשטשאָל אויפן מאַרקפּלאַץ, אין סאַמע צענטער פון שטעטל, האָט טאַקע פון

רעכטס געהאַט די פּלעבאַניע און פון לינקס דעם נאַטשעלניקס קאַמיעניצע, ווו די סטראַזשניקעס האָבן געוווינט און ווו די „קאַזע" איז געווען. אָבער אויסער דעם, איז דער מאַרקפּלאַץ געווען אַרומגערינגלט מיט לויטער יידישע הייזער, אַ פּאָר פון זיי מאָדערנע, געמויערטע, און די רעשט הילצערנע, שימלדיקע, האַלב־איינגעזונקענע אין דער ערד. זיי זיינען אַלע געווען באַוווינט פון דער באָטשאַנישער יידישער סמעטענע. די געמויערטע הייזער האָבן געהערט צו אַזעלכע חשובע יידן ווי דער אַרענדאַר, דער האָלץ־סוחר, צי דער „שרייבער", און די הילצערנע — צו די כלי־קודש, צו פישעלע קצב, צי שמוליקלען דעם רופא. שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס דער פּאַטשעיאָוו איז געווען אויסגעפּילט מיט לויטער יידישע קרעמלעך.

פון אַט דעם מאַרקפּלאַץ, דעם איינציקן ברוקירטן מקום אין שטעטל, האָבן, ווי שטראַלן פון אַ זון, זיך געצויגן אין אַלע ריכטונגען די זייטיקע קרומע זאַמד־און בלאָטע־געסלעך. וואָס מער צום צענטער, דאָס מער יידן האָבן זיי באַוווינט. וואָס ווייטער צו די פעלדער, צום בעריאָזע־וועלדל און די זומפּן — דאָס מער זיינען די כאַלופּעס געווען גויִיִשע. אין דעם רינג גופא פון יידישע הייזער אַרום מאַרקפּלאַץ איז דער איינשטעל געווען אַזאַ, אַז וואָס מער אַ ייִד איז געווען ביי דער דעה און דער מטבע, דאָס נענטער האָט ער געוווינט צום האַרץ פון שטעטל. די פענצטער פון זיין דירה זיינען טאַקע געווען „שלעכטע", דערפאַר איז אין זייבע פּאָקויעס געווען פון אַלעם גוטן — אָדער כמעט...

2

דורכן פענצטער פון בוידעמשטיבל האָבן אַריינגעשטראָמט די ערשטע גרויע ליכטער פון טאָג. עס איז געווען שפּעט זומער און דער הימל דרויסן איז געווען זייער טיף און עפּעס ווי פאַרנעפּלט, ווי ער וואָלט געווען איינגעוועבט אין אַ דורכזיכטיקן וואַטעקנויל. אין מיזרח האָט ער זיך געגומען טונקען אין אַ בלייכן מאַראַנצן־קאָליר. אַ האָן איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ קריי, דערנאָך נאָך איינער. אַ פּאָר פייגל האָבן אָפּגעענטפערט. די גרילן, וואָס האָבן די גאַנצע נאַכט נישט אויפגעהערט צו זינגען, האָבן אַציגד, מיטן אָנקום פון טאָג, זיך גאָר געלאָזט ווילגיין און האָבן געזעגט די שטילקייט מיט נאָגנדיקע, אויפרעגנדיק־מאָנאָטאָנע קלאַנגען.

הינדעלע פּאָלין, כאַמעלע דעם סופרס ווייב, איז געווען פולשטענדיק אָנגעטאָן. זי האָט פאַרריכט דאָס שייטל אויפן קאָפּ און זיך איינגעהילט אין איר פּאַטשיילע. זי האָט אַ גרייך געטאָן נאָך אַ לערן קרוג אויף דער קרומער קרעדענץ און האָט זיך אומגעקערט צום צימער. הגם שאָטנס האָבן זיך נאָך געהושכט אין די ווינקלען, האָבן די היימישע קאָנטורן פון יעדער זאַך אינעם צימער זיך לייכט

געלאָזט דערקענען אין דעם גרויען ליכט פון פענצטער. וואָס פאַר אַ טרויעריקער, פאַרוואַרלאָזטער מקום דאָס איז געווען! די קרומע פּאָדלאָגע האָט געטרעשטשעט און זיך געטרייסלט אונטער יעדן טראָט וואָס מען האָט געשטעלט. דער שיפער דאַך איז אַראָפּגעקומען כּמעט ביז דעם קאָפּ אָנצורירן. נאָר אין דער מיטן פון צימער, ווו דער טיש איז געשטאַנען, איז מעגלעך געווען אויפצוהייבן די האַנט און נישט אָנרירן די בעלקעס. זומערלעב האָט מען דאָ געקאָנט דערשטיקט ווערן פון היץ. ווינטער איז מען געפרוירן געוואָרן פון קעלט. דאָך האָט זי, הינדעלע, ליב געהאַט דאָס ווינקל אירס, נישט געקוקט אויף דער אומהיימלעכקייט, נישט געקוקט וואָס עס האָט אויסגעזען אַריינצולאָקן כּל-מיני אומגליקן.

זי האָט געוואָגלט די געשוואָלענע אויגן צום בעט ווו די צוויי חולאים זיינען געלעגן: איר מאַן ר׳ כּאַמעלע דער סופר און איר עלטסטער זון איטשעלע. איטשעלע איז געווען אַן עילוי וועמעס נאָמען האָט זיך געהאַלטן ביים פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער שעלצער גובערניע. ער איז פאַרשלאָפט געוואָרן אויף סוכּאָטעס גראָד יענע טעג ווען עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז גלייך נאָך זיין בר-מיצווה וועט ער אוועק אין דער ישיבה אין שעלץ. דאָס איז געשען צוויי יאָר נאָך דעם ווי זיין טאַטע איז פאַרשלאָפט געוואָרן.

דער טאַטע און דער זון האָבן שווער געאָטעמט, יעדער אָטעם אַ כאַרכלדי־קער, אָפּגעהאַקטער זיפץ. יעדער אָטעם האָט זיך איינגעשניטן אין הינדעלעס האַרץ ווי דער שאַרף פון אַ מעסער, און באַפרייט אַ נייע כוואַליע טרערן פון צווישן אירע וויִעס. די טרערן האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן אַרויסגעפּליוצט דירעקט פון די אָפענע ווייטיק-וווּנדן אין איר האַרץ. די ווייסלען פון אירע זייער גרויסע שוואַרצע אויגן זיינען געווען רויט, די אויגן-לעדלעך אָנגעשוואָלן ווי בלויע געשווירן, אירע באַקן ווי צוויי פולע וואַסער-פענכערס. זי האָט מער קיין כּוח נישט געהאַט צו וויינען, און דאָך, ווען נאָר זי איז געווען אַליין און קיינער האָט זי נישט געזען, האָבן די טרערן נישט געוואָלט זיך פאַרהאַלטן, ווי איר גאַנצער גוף וואָלט פול געווען מיט זיי, ווי ער וואָלט כּסדר אָנגעפילט געוואָרן פון אַ ברונעם אַן אַ באָדעם. זי האָט מער נישט פאַרמאָגט די פעיִקייט פון פילן די טרערן און זיי אָפּצווישן. אומגעשטערט זיינען זיי געגאַנגען זייער וועג — און זי איז געגאַנגען אירן. טראָץ די טרערן האָט זי געטאָן אַלץ וואָס זי האָט געהאַט צו טאָן. נישט פאַראַן געווען אַפילו קיין איין רגע אויף אָפּצוגעבן זיך דעם אויסשליס־לעכן לוקסוס פון אויסוויינען זיך.

זי האָט אַ קער געטאָן די איבערפולע אויגן צום איינגעזונקענעם בעט אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט פון צימער. זי האָט באַמערקט דאָס ליידיקע אָרט אין אים וואָס האָט נאָך געהאַלטן דעם אָפּדרוק פון איר קערפּער. נאָענט צו דער וואַנט, צופוסנס פון בעט, זיינען געשלאָפן אירע צוויי יינגסטע, די מיידעלעך. איר בליק האָט אַוועקגעוואַנדערט צום שטרויזאַק אויף דער פּאָדלאָגע אונטערן

פּענצטער, ווו אירע צוויי ייִנגערע זין זיינען געשלאָפן, איינגעפּלאָנטערט אין דער פּערענע, איינעמס פּיס איינגעפלאָכטן אין דעם אַנדערנס.

דער ייִנגערער פון די צוויי ייִנגלעך, יעקב, האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, ווי ער וואָלט דערפילט דער מאַמעס בליק אויף זיך, און שלאָף. זי האָט מורא באַקומען, אַז ער וועט זיך איבערוועקן און זי האָט זיך גיך אָפּגעקערט. אָבער ווי נאָר זי האָט דערגרייכט די טיר, האָט זי דערהערט זיין קול: „איך גיי מיט, מאַמעשי!״

זי האָט נישט געענטפערט. זי האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט אַרויס מיט אַ געוויין. זי האָט פאַר אים אָפּגעשניטן אַ שטיקל ברויט פון דעם פּערטעלע לאַבן, וואָס זי האָט געהאַט אַרויסגעלייגט אויפן טיש, און האָט אַ פּליסטער געטאָן: „שנעלער, וואַש דיך און מאַך אַ מוציא״. זי האָט גיך אָפּגעווישט דאָס פּנים מיטן ברעג פון דער פאַטשיילע.

ווי נאָר דאָס ייִנגעלע האָט זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון איבערבעט און זיך אויפגעשטעלט, איז זי צו צום שטרויזאַק איינצודעקן זיין ברודער. דערנאָך האָט זי זיך אַרויסגעלענט דורכן פּענצטער און האָט טיף אַריינגעאָטעמט; דאָס מאָל האָט זי זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט די בלויזע דלאָניעס. איר בליק האָט זיך צעוואַנדערט איבער די דעכער פון שטעטל. די באָטשאַנעס זיינען נאָך געווען שטיל. אין דער ווייטנס האָט דער טורעם פון דער קירך זיך איינגעשניטן אין דער טיפער פאַרנעפּלטער גרויקייט מיטן בלייכן שימער פונעם צלם אויפן סאַמע שפּיץ. דערנאָך איז איר בליק געפאַלן אויפן גאָרטן פון מאָנאַסטיר בשכנות.

זי האָט זיך אַ ביסל מער אויסגעבויגן פון פּענצטער. צוויי נאָנעס, שוואַרץ־באַקליידטע, מיט בלאַנקענדיק־ווייסע, שטייף געקראָכמאַליעטע קאַפּטיכער און „גייווערשירצן״, האָבן שפּאַצירט צווישן די בייטן מיט קליינע תּפילה־ספרימלעך אין די הענט. יאָ, זיי זיינען אויך שוין געווען אויף די פּיס, גרייט צו געניסן פון אַ לאַנגן פולן זומערטאָג אין רו. ס׳איז הינדעלען נישט איינגעפאַלן זיי מקנא צו זיין. זיי זיינען געווען צו פרעמדע יצורים, מען זאָל קוקן אויף זיי מיט קינאה. דאָך איז זייער אָנבליק געווען באַרויִקנדיק. זיי האָבן אונטערגעשפּאַרט אירע מחשבות וועגן איר אייגענער אמונה.

זי האָט אָפּגעזיפצט און אויפגעהויבן די אויגן צום הימל. „טאַטע זיסער אין הימל״, האָט זי געפּליסטערט, „באַווייז מיר דיין גוטסקייט מיט אַט דעם אָנקומענ־דיקן טאָג״.

אַ בלייכער אָפּשיין פון אַ האָפענדיק ליכט האָט זיך באַוויזן אין די ווינקלען פון איר מויל. הגם זי האָט געוווּסט, אַז דער אָנקומענדיקער טאָג וועט זיך ווייניק וואָס אונטערשיידן פון די פריִערדיקע, און זי האָט זיך ווייט נישט געהאַלטן פאַר קיין מזלדיקן מענטש — איז פאַר איר דער אָנקום פון אַ נייעם טאָג, הגם באַגלייט פון טרערן, געווען דערהייבנדיק. זי האָט נישט געהאָפט אויף קיין נס. דער בטחון וואָס האָט זי אויסגעפילט יעדן פרימאָרגן איז באַשטאַנען אין איר פילן

דעם כּוח פון אמונה, די פעיִקייט צוזאַמען מיט איר משפּחה אויפצונעמען, אָנצו־נעמען דעם מישפּט פון אַלמעכטיקן; זיך אונטערצוגעבן זיין רצון און נישט לאָזן דעם צוטרוי צו אים זיך אַ וואַקל טאָן אויף אַ האָר.

„גאָט ׳עט העלפן....״ האָט זי געפּליסטערט.

דער ווייטיק האָט נאָך שאַרפער איינגעפרעסט איר האַרץ בעת זי האָט אַריינ־געאָטעמט די פאַרשיכּורנדיקע ריחות וואָס האָבן דערגרייכט צו איר פון די נאָנטס גאָרטן: דער פּאַרפום פון רויזן, יאַשמין און אַקאַציע. די ריחות זיינען געווען אומגעוויינטלעך שאַרף בעת אָט דער פאַרטאָגיקער שעה. די גרילן האָבן פאַרעקשנט געזונגען, געשטאָכן דעם מוח מיט אַ מיליאָן שפּילקעס.

זי האָט זיך אָפּגעקערט פון פענצטער. דאָס געזאַנג פון די גרילן, דער פּאַרפום פון די בלומען האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער טוכלער לופט פון צימער ווו שאַטנס האָבן געהויערט אין יעדן ווינקל ווי גרויליקע רויב־חיות מיט צעשפּרייטע פליגל.

דאָס שטיקל ברויט וואָס זי האָט געהאַט אָפּגעשניטן פאַר יעקבן איז נעלם געוואָרן. ער איז געשטאַנען ביי דער טיר און געמייסטערעוועט ביים שלאָס וואָס איז לויז געהאָנגען אויף די שרויפן. הינדעלע האָט אוועקגעשטעלט אַ קרוג מיט פרייש וואַסער אויף דער שטול ביים קראַנקנבעט. אירע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט די אָפענע גלאַזיקע אויגן פון איר מאַן. „ד׳פילסט דיך בעסער, הע?״ האָט זי אַ פרעג געטאָן אין אַ טאָן וואָס האָט גיכער געקלונגען ווי אַ באַשטעטיקונג, נישט ווי אַ פראַגע.

„געלויבט צו גאָט״, האָט ער געענטפערט מיט אַ שוואַך קול. די פליגל פון זיין דינער שאַרפער נאָז האָבן געפלאַטערט, זיך געראַנגלט פאַר יעדן אָטעם לופט.

„רוק אויבעט אהער דאָס בענקל מיט די ספרים״, האָט ער געקרעכצט.

זי האָט פאַרקאַרבט דעם שטערן, אומצופרידן, אָבער האָט צוגערוקט צום בעט דאָס בענקל וואָס איז געווען שווער באַלאָדנט מיט ספרים. איר קול איז געווען ווייך: „ס׳איז נאָך פינצטער חושך דאָ. פאַר וואָס שלאָפסטו נישט קראַנטער נאָך אַ ביסל?״ זי האָט זיך געוואָנדן צו יעקבן: „ס׳ט געמאַכט אַ ברכה?״

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיי זיינען אַרויס פון צימער, פאַר־זיכטיק געגומען אַראָפּקריכן דעם שטאָק קרומע שטיגן אינעם חושך. די הילצערנע שטיגן זיינען געווען געדרייטע און האָבן זיך געטרייסלט. טייל ברעטער זיינען געווען האַלב־אָפּגעבראָכן, דאָ און דאָרט האָט געפעלט אַ גאַנץ ברעט. דער פאַרענטש האָט זיך געשאָקלט און האָט מיטגעקרעכצט מיט די שטיגן בעת הינדעלע און יעקב האָבן אַראָפּגעטרעטלט. אין דער פינצטער האָבןביידע געזוכט מיט די פּאָדעשוועס די שטאַרקע ערטער וואָס זאָלן אונטערשפּאַרן זייער וואָג און זיי זאָלן אַראָפּקומען אָן אַ מיכשול. אַראָפּגעקומען בשלום, האָבן זיי זיך באַגעגנט

אויג אויף אויג מיט מאַנקע דער גויִשער וועשינס קו וועלכע האָט „געווינט" אויפן פּאַרטער אין דער חרובער צעטרייבערטער שטוב אונטערן בוידעם.

אויפן הויף האָט הינדעלע באַמערקט מאַנקען וואָס האָט געוואַשן די וועש פאַרן אַרענדאַר און פאַר אַנדערע נגידישע משפּחות. מאַנקע איז שוין געשטאַנען פאַר איר שוועל, איבער אַ פּאַרעדיקער באַליע, אירע אָרעמס נאַקעט, די פּיס באָרוועס. זי האָט ענערגיש געוויגט איר בוזעם אַהין און צוריק איבערן וואַשברעטל. דערזען הינדעלען, האָט זי זיך אַ רגע פאַרהאַלטן אָפּצווישן דעם שווייס פון פּנים מיטן נאַקעטן אָרעם און אַ פרעג טאָן: „וואָס מאַכן זיי?"

„גאָט ׳עט העלפן", האָט הינדעלע גיך געענטפערט, שלעפנדיק יעקבן פאַר דער האַנט. נאָך דעם ווי זי איז פאַרביי מאַנקען, האָט זי אומגעקערט דעם קאָפּ צו איר און צוגעגעבן ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט: „מאַך אַ פייער אין דער קיך אין אַ שעה אַרום און שטעל אַרויף דאָס טעפּל אָנצוואַרעמען".

„אַזוי וועל איך טאָן", האָט מאַנקע געענטפערט נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, צוריק אַריינגעטאָן אין איר אַרבעט.

הינדעלע האָט געשאָקלט צו זיך מיטן קאָפּ אַ פאַרטראַכטע. מאַנקע די וועשין האָט געהאַט אַן ענלעך מזל צו אירן. מאַנקע איז געווען אַן אַלמנה און מיט איבער צוויי יאָר צוריק איז איר הויז, וואָס איז געשטאַנען קעגן איבער דער גאַס, אָפּגעברענט געוואָרן ביז צום פונדאַמענט. ווען נישט די העלדישע מעשׂים פון מאַנקעס קוזין, דעם פייער־קאָמענדאַנט פאַן וואַצלאַוו ספּאַקויני, וואָלט די גאַנצע גאַס, צי אפשר גאָר גאַנץ באָטשאַני יענע נאַכט אַוועק מיט די פלאַמען. איצט האָט מאַנקע געווינט אין אַ כאַטע אויף הינדעלעס הויף. זיי, הינדעלע און מאַנקע, זיינען תמיד געווען פריינדלעך איינע מיט דער אַנדערער, אָבער הינדעלע האָט זיך קיין מאָל נישט דערלויבט צו האָבן מער מגע־ומשא מיט מאַנקען, צי מיט די אַנדערע גויעס, ווי עס איז נייטיק געווען. נאָר די לעצטע צייטן, זינט זי, הינדעלע, האָט געמוזט יעדן פאַרטאָג אַוועקאיילן צו ר׳ פייוועלע דעם מילנערס נחלה אויפן בלויען באַרג, צו באַקומען אַ קרוג קאָזע־מילך „פון דער קאָזע אַוועק" פאַר אירע קראַנקע, ווי אַ גמילות־חסד פון מילנער, האָט מאַנקע זיך אָנגענומען צו האַלטן אַן אויג אויף הינדעלעס פענצטער און ווי נאָר זי וועט הערן דעם מינדסטן קלאַנג פון אויבן, אַרויפגיין, מאַכן אַ פייער אין דער קיך און צושטעלן דעם טאָפּ מיט גריץ צו וואַרעמען.

„ווי מאָדנע", האָט הינדעלע דערשטוינט געשאָקלט מיטן קאָפּ, בעת זי האָט געשלעפּט יעקבן פאַר דער האַנט דורך דעם שליאַך וואָס איז געווען אומגלייך און צעקאָפּעט פון אומצייליקע וואָגנרעדער. „ווען נישט אונדזערע אומגליקן, וואָלטן מירביידע זיך אַזוי גוט ווי נישט געקענט, כאָטש מען איז די איינציקע צוויי שכנות פון זעלבן הויף..."

אַרויס אויפן ברייטערן וועג, האָט הינדעלע זיך גענומען מאַרשירן מיט מער

ענערגיע, האַלטנדיק דאָס יינגעלע פאַר דער האַנט. עס האָט זי נישט געאַרט אים מיטצונעמען. אמת, ער האָט זיך געניייטיקט אין אָט די פּאָר שעה שלאָף אין דער פרי, דאָך איז זי געווען זיכער, אַז דאָס מיטגיין מיט איר האָט אים פאַרגיטיקט דערפאַר אויף אַ באַשטימטן אופן. הגם ער האָט גאָרנישט געזאָגט — אירע יינגלעך זיינען נישט געווען צו באַריידעוודיק — האָט זי געקאָנט פילן, אַז ער האָט פאַרגעניגן פון דעם גאַנג ביי איר זייט, פונקט ווי זי האָט געהאַט פאַרגעניגן פון מיטנעמען אים. ס'איז געווען טרייסטנדיק פאַר איר צו האַלטן זיין דראָבנע האַנט אין אירער, צו לאָזן רוען דעם בליק אויף זיין אידל־פאַרחלומט פנימל און באַמערקן אַ קוים־קוימיקן צופרידענעם שמייכל שפּילן אויף זיינע ליפּן. אָט דער בלייכער שמייכל זיינער איז איר טייער געווען, באַזונדערש לעצטנס, זינט ער איז געוואָרן אַזאַ „בעקסע". ניין, נישט פון דעם מין „בעקסעס", ווי קינדער זיינען בטבע. ער האָט גאָרנישט געוויינט ווי אַ קינד — נאָר גיכער, ווי זי אַליין. די טרערן זיינען געוויינטלעך שטיל געררונען איבער זיינע באַקן.

אַז זי האָט אים אַ מאָל געפרעגט פאַר וואָס ער וויינט גאָר אין מיטצעדרינען, האָט ער איר געענטפערט: „איך וויין נישט, מאַמעשי. די אויגן שוויצן מיר".

„פאַר וואָס שוויצן דיר די אויגן?"

„ווייל עך האָב מורא, מאַמעשי".

„פאַר וואָס האָסטע מורא?"

„איך ווייס נישט, מאַמעשי".

זי איז נישט צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל איר זאָגן. אירע מיידעלעך זיינען אויך געווען ווינערקעס. אָבער זיי האָבן געוויינט ווי קינדער וויינען, טומלדיק, צושטייען־דיק, ווי זיי וואָלטן אויסגעפּרווט דער מאַמעס געדולד. אָבער ווען יעקב האָט געוויינט, איז איר האַרץ פול געוואָרן מיט אַזאַ פאַרגעפיל, אַזאַ אימה, אַז זי האָט דאָס קוים געקאָנט אויסהאַלטן.

אַ פּאָר יידן מיט טלית־זעקלעך אונטער די אָרעמס זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען אויפן וועג אין שול אַריין. באַלד זיינען הינדעלע און יעקב אויך פאַרביי דעם שיינעם הילצערנעם געביי פון דער שול. דורך דער אָפענער טיר האָבן זיי געזען אַ צאָל יידן אינעווייניק, דאַוונען איינגעהילט אין די טליתים. אַ פּאָר יידן האָבן זיך הייס געאַמפּערט איבער עפּעס אויף דער שוועל פון דער שול און ר' לייבעלע שמש האָט זיך אויף זיי געבייזערט: „יידן, אָדער עץ גייט אַריין, אָדער עץ גייט אַרויס!" פויערים מיט צעקנעפּלטע קאַזשוכעס זיינען פאַרביי אין גאַס. דעם פריצס פאַראַבקעס און לוין־אַרבעטערס האָבן געאיילט אין דער ריכטונג פון שמאָלן טאַפּאַליע־וועג וואָס האָט געפירט אין „הויף". אַ פאַרשלאָפן פאַסטעכל האָט געטריבן אַ סטאַדע קי צו דער פּאַשע־לאַנקע.

ווען הינדעלע און יעקב זיינען אַרויסגעקומען אויפן ברייטן טאַפּאַליע־וועג און דער הימל איז ליכטיקער געוואָרן, האָבן זיי באַמערקט ר' סענדערל דעם

מקובל זיך דערנענטערן פון דער ווייטן. נעכטן, ווען הינדעלע איז געזעסן פאַר איר קלייטל אין פאַטשעיאַוו, האָט זי אים געזען פאַרשליסן זיין זייפקרעמל און זיך פאַרנעמען אַהער צום ברייטן טאַפּאַליע־וועג. איצט איז ער געגאַנגען צוריק מיט אַ זאַק קרייטעכצער פאַרוואָרפן איבערן אַקסל. זי, הינדעלע, האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פאַרבראַכט די נאַכט לעבן די זומפּן, זיך געבאָדן אין סטאַוו, און האָט אפשר געזען דאָס פּנים פון דער לבנה אין דער פאַרגאַנגענער, לבנהלאָזער נאַכט. ר׳ סענדערל האָט דאָך איר אַ מאָל געהאַט געזאָגט, אַז די לבנה איז אייגנטלעך דאָס פּנים פון דער געטלעכער שכינה, וועמעס אויגן זיינען בלינד געוואָרן פון וויינען איבער דעם צער פון גלות, וואָס זי האָט געטיילט מיט די קינדער פון ישראל. ווייל אַפילו ווען די לבנה האָט געשיינט, האָט זי נישט געשיינט מיט איר אייגן ליכט, נאָר מיטן טעמפּן ליכט פון אַ בלינדנס אויגן.

בעת ר׳ סענדערל איז זיי פאַרבייגעגאַנגען האָט הינדעלע אים באַגריסט פון דער זייט מיט אַ וואַרעם, דרך־ארצדיק קול. „וואָס הערט זיך?״ האָט ער זי געפרעגט פון דער ווייטן.

„געלויבט זיין ליבער נאָמען. גאָט ׳עט העלפן״, האָט זי אים געענטפערט, שפּרייזנדיק פאַרויס, אָבער מיטן קאָפּ אומגעקערט, כדי צו האַלטן די אויגן אויף אים אַ ווײַלע לענגער. דער אָנבליק פון דעם דראָבנעם עלטערן ייִדן מיט דער פּראַכטפולער גרויער באָרד, איז געווען טרייסטנדיק. זי האָט געפילט אַ הײַלנדיקע גוטסקייט אַרויסשטראַלן פון אים. ביי איר איז קיין ספק נישט געווען, אַז אויפן וועג פון זיין נאַכטיקער התבודדות האָט ער אָפּגעשטאַט אַ וויזיט ביי יואלן דעם שמיד, וועלכער האָט געלעבט אַליין, אין אַ כאַלופּע ביי זיין שמידעריי לעבן דעם ברייטן טאַפּאַליע־וועג, העט נאָכן בלויען באַרג. זינט אַ סך יאָרן האָט קיינער אין באַטשאַני נישט געהאַט קיין מגע־ומשא מיט יואלן, אַ שיכור וועמען מען האָט חושד געווען אין גאַרנישט פיינע זאַכן. נאָר פורמאַנעס, צי טייל חסידים אויפן וועג צום רבין האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דער קוזשניע, כדי יואל זאָל אונטער־שמידן זייערע פערד. ר׳ סענדערל דער מקובל איז געווען דער איינציקער וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ גוט־פריינדשאַפט מיטן שמיד.

ר׳ סענדערל האָט דאָס אַ מאָל איר, הינדעלען, געהאַט דערקלערט. „דער רבי, ר׳ מאיר״, האָט ר׳ סענדערל געזאָגט, „האָט אָנגעהאַלטן אַ גוט־פריינדשאַפט מיט אַחרן, דעם זינדיקן אַפּיקורס. אַז מע האָט אים געפרעגט פאַר וואָס ער חברט זיך מיט אַט אַזאַ חברה־מאַן, האָט רבי מאיר דערקלערט: ,אַחר איז ווי אַ מילגרוים. וואַרף איך אַוועק די שאָל און בין מיך מחיה מיט דער פרי׳ ״.

אַט די פירונג האָט הינדעלע געלערנט פון ר׳ סענדערל און זי האָט נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל אין איר באַנעמונג מיט מענטשן, באַזונדערש מיט אירע קומעס, ווי מאַנקע די וועשין, צי נעכעלע די געשטופּלטע, ר׳ לייבעלע דעם שמשס ווייב. בפרט האָט זי זיך אַזוי געפירט מיט נעכעלען. ווייל נעכעלע איז געווען נענטער

צו איר האַרץ. נעכעלע איז געווען כּמעט ווי אַ קרובה. דערפֿאַר האָבן אירע חסרונות שטאַרקער געאַרט הינדעלען. נעכעלע איז געווען אַזוי אָפּגעהיט אין אַלע דינים און פֿרומע פֿירעכצער, אַז זי האָט נישט געקאָנט פֿאַרליידן, אַז הינדעלע זאָל זאָגן אַן איינציק גוט וואָרט וועגן מאַנקען דער וועשין, נאָר דערפֿאַר ווייל מאַנקע איז געווען אַ „זייעריקע״. וואָלט נעכעלע געוווסט, אַז הינדעלע האָט נישט קיין פּיפּס געטאָן, ווען זי האָט באַמערקט אירע קינדער זיך שפּילן מיט מאַנקעס קינדער אין הויף, וואָלט זי זיכער איבערגעריסן אַלע באַציִונגען מיט איר, הינדעלען, איר בעסטער חברטע. נעכעלע האָט געהאַלטן אין איין מישפּטן יעדן איינעמס רייד און פֿירעכצער, אין איין פּסקענען, אין איין פֿאַראורטלען, און האָט קיין מאָל נישט געפֿונען קיין „מילדערנדיקע אומשטענדן״. — דאָך האָט הינדעלע ליב געהאַט נעכעלען, נישט געקוקט אויף נעכעלעס שטרענגקייט. נעכעלעס נשמה איז געווען פֿול מיט בענקעניש. נעכעלע האָט ליב געהאַט חסידישע און חזנישע ניגונים און זי איז געווען אַן עלנטע — נישט פֿאַרמאָגט אַפֿילו קיין איין קינד עס זאָל זי טרייסטן. דערצו איז נעכעלע געווען אַ גוטע נשמה. מער ווי איין מאָל האָט זי פֿון איר אייגענער שפּייז אָפּגעקאָכט אַ זופּ פֿאַר הינדעלעס חולאים און זי האָט זיך געטיילט מיט הינדעלען מיט אַלע מציאות וואָס זי האָט איינגעהאַנדלט בעתן מאַרקטאָג, ווייל הינדעלע האָט נישט געהאַט די צייט און נישט דאָס געמיט אַליין צו „שפּעקולירן״.

די קאַטעסביים וועג האָבן געגומען דערוואַכן פֿון שלאָף. באַרוועסע פֿויערטעס אין לאַנגע באַרכנטענע נאַכטהעמדער זיינען געשטאַנען אין די הייף און געקאָרמעט די עופֿות. די הענער האָבן אָנגעהויבן ענערגיש צו קריייען. די פֿייגל האָבן אַרומגעפֿלאַטערט, פֿיבערדיק, דערוואַרטנדיק. די זון איז אַרויסגעקומען. אירע שטראַלן האָבן אַ שאָס געטאָן דורך די טאָפּאָליע־צווייגן, אַרויס אויפֿן ברייטן טאָפּאָליע־וועג און באַגריסט הינדעלען און יעקבן מיט אַ פּלוצעמדיקן, פֿאַרבלענדנדיקן ליכט. אין אַן אויגנבליק האָט זיך די וועלט איבערגעביטן אין אַ צעשיינטן, צעשמייכלטן מקום.

ווי דירעקט אַריינפֿאַרנדיק אין די זונשטראַלן, האָט אַ לייטער־וואָגן זיך באַוויזן אויפֿן וועג און איבערגעגומען הינדעלען מיטן יינגל. הינדעלע האָט נאָכגערופֿן דעם פֿורמאַן. זי האָט אים געקענט, פּונקט ווי זי האָט געקענט די מערסטע פּויערים פֿון דער געגנט, פֿון איר האַנדלען מיט זיי אין איר קרעמל אויפֿן פּאַטשעיאַוו. באַלד האָבן מאַמע און זון זיך געדראַפּעט אויפֿן וואָגן. זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויפֿן שפּיץ פֿון אַ מחיהדיק־צעשמעקטן סטויג היי.

יעקב האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף דער מאַמען. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די זון האָט זיך געשפּיגלט אין איר פּנים. די פּיס האָבן אים געהאַט אָנגעהויבן ווייַ צו טאָן בעתן לאַנגן מאַרש. איצט האָבן זיי גערוט טיף אין היי, אונטער הינדעלעס ספּאָדניצע. ער האָט פֿאַרמאַכט די שלעפֿעריקע אויגן און האָט

זיי גלייך צוריק געעפנט. אַ שאָד געווען נישט צו זען דער מאַמעס באַהאַלטענעם שמייכל, דעם אַנבליק פון איר איידעלער, געבויגענער פּאַרעם, וואָס די ציטערדיקע גאָלדענע זונשטראַלן האָבן אַרומגעצייכנט מיט ליכט.

זיין מאַמע איז טאַקע געווען קליין און דאַר. הגם זי האָט שווער געאַרבעט און ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען אַ טאָג ווען ער האָט זי געזען ליגן אין בעט, סיידן ווען זיינע שוועסטערלעך זיינען געבוירן געוואָרן — האָט יעקב דאָך געציטערט איבער איר, ווי זי וואָלט געווען אַזוי שוואַך, אַז דער מינדסטער ווינט וואָלט זי געקאָנט אַוועקבלאָזן. עס איז אים אויסגעקומען, אַז זי איז געווען עפּעס אַ זעלטן באַשעפעניש, כּמעט הייליק, באַשאַפן פון עפּעס אַ באַזונדערער טייערער מאַטעריע, וואָס מען האָט געמוזט זיך אומגיין מיט איר זייער פאָרזיכטיק און געמוזט זי באַשיצן ווי מען האָט געקאָנט. דאָך, אין איר שוואַכקייט, איז זי געווען זיין אָנשפּאַר, זיין פעלדז. ער האָט איר געהאָלפן וויפל ער האָט געקאָנט. און ער איז געלאָפן צו איר זיך באַקלאָגן, אַז זי זאָל אים טרייסטן און איינגעמען, ווען נאָר ער האָט זיך געגייטיקט. — איצטער האָט די פאַטשיילע אויף אירע אַקסלען, וועלכע האָט פריִער אויסגעזען אין יעקבס אויגן ווי אַ מין טרויער־פעלערינע, צי דער מאַנטל פון אַ שדיכע, באַקומען די ענלעכקייט צו די צונויפגע־לייגטע פליגלען פון אַ באַטשאַניכע, אין רו.

„ד׳זעסט די זונבלומען דאָרטן ?״ האָט הינדעלע אַ שנוף געטאָן די נאָז און אָנגעוויזן מיט דער גאָמבע אויף אַ שטיקל לאַנד אין גאַנצן באַדעקט מיט שלאַנקע זונבלומען.

יעקב האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ און באַגלייט איר בליק מיט זיינעם. דאָס שטיקל לאַנד האָט אויסגעזען ווי אַן אינדזל פון זונען אין אַ ים פון גרין און האָט ווי אַרויסגעשטראַלט אַן אייגן ליכט פון זיך. ער האָט אויפגעשמייכלט. „ז׳זעען אויס קאָמיטשנע״, האָט ער געענטפערט.

זי האָט געוווּסט, אַז מיטן וואָרט „קאָמיטשנע״ האָט ער געמיינט פריילעך, מחיהדיק אָנצוקוקן. זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אים אַרומגענומען מיט דער פאַטשיילע. זי האָט אים באַטראַכט פון דער זייט. „צווישן אים און מיר שפּילן פידעלעך...״ האָט זי אַ זאָג געטאָן אין זיך. „כ׳בין נייגעריק צי ער ווייסט אויך דערפון...״ זי האָט אָפּגעווישט די נאָז מיטן ברעג פון דער פאַטשיילע און פאַר־ריכט דאָס שייטל אויפן קאָפּ. איר שייטל האָט געהאַט די טבע זיך אויסצוקרימען צו דער זייט. אין לויף פון טאָג האָט זי זעלטן עס אויסגעגלייכט, זעלטן אויפמערק־זאַם געווען דערויף, הגם זי האָט יאָ געדאַרפט. ס׳איז געווען איר איינציק שייטל. אייגנטלעך וואָלט זי עס געדאַרפט טראָגן נאָר אום שבת און די יום־טובים און אין דער וואָכן טראָגן אַ קופּקע, צי אַ קאָפּטיכל, ווי אַ סך אַנדערע ווייבער. אָבער זי איז דעם גאַנצן טאָג געשטאַנען אויפן פּאַטשעיאָוו, אויסגעשטעלט אויף לייטנס בליקן, און סוף־כּל־סוף איז זי דאָך נישט געווען בילע ווער. זי איז געווען

ר׳ כאַמעלע סופרס ווייב, אַליין אַן אָפּשטאַמיקע פון וווּרקער רבין. אַחוץ דעם, האָט זי זיך עפּעס געפילט זיכערער ביי זיך ווען זי האָט געטראָגן דאָס שייטל.

זיי זיינען אָנגעקומען צום בלויען באַרג. הינדעלע האָט געדאַנקט דעם פויער און צוזאַמען מיט יעקבן אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן. זיי האָבן זיך פאַרנומען אַרויפצוקלעטערן דעם באַרג. נאָך אַ פּאָר מינוט, האָט זי אָפּגעלאָזט דעם יינגעלעס האַנט, געלאָזט אים פון הינטן, און האָט זיך אַ יאָג געטאָן באַרג־אַרויף צו לאָזן דעם קרוג אויף דער שוועל פון דעם מילנערס ווערענדע. ווען יעקב האָט דער־גרייכט דעם שפּיצבאַרג, האָט שוין הינדעלע געוואַרט אויף אים פאַרן פּלויטטויער. זיי האָבן אַנטדעקט אַ קעמפּע ווזשאַס וואָס איז געוואַקסן דערלעבן און האָבן זיך אָוועקגעזעצט בשכנות, אין הויכן גראָז, איבער וועלכן הינדעלע האָט אויס־געשפּרייט דעם ברעג פון איר פאַטשיילע.

אירע פינגער האָבן אַ שפּיל געטאָן מיטן ווזשאַס, בעת זיי האָבן ביידע באַטראַכט די צעבליטע לילאַ־קעפּלעך. דערנאָך האָבן זיי אַ קער געטאָן די בליקן צו די באַוועגלעכע פליגלען פון דער מיל און האָבן זיך איינגעהאַרכט אין זייער אַנגענעמען קרעכצקלאַנג. די לופט האָט געשימערט מיט אַ קרישטאָלן ליכט. אירע ריחות זיינען געווען שאַרף, פריש, פאַרשיכורנדיק. יעקב האָט אָוועקגעלייגט דעם קאָפּ אין הינדעלעס שויס, פאַרמאַכט די אויגן צו באַשיצן זיי פון דער זון און שוין איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ דרעמל. הינדעלע האָט באַטראַכט זיין בלייך אײדל פנימל, אַ רערלדיק, ברוין פאַהלע האָט געציטערט אויף זיין באַק. ער האָט געאָטעמט לייכט, רויִק. זי האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין קאָפּ, ווי זי וואָלט וועלן אים פאַרדעקן מיט אַ צוגאָב־קאַפּעלע און האָט אַ טונק געטאָן דעם בליק אירן אין דער ווייטקייט.

העט־העט אין טאָל האָט זי געזען באַטשאַני אַרומגעקראַנצט מיט די צוויי טאַפּאָליע־וועגן, דעם שמאָלן און דעם ברייטן. מיט אָט דעם נענטערן ברייטן טאַפּאָליע־וועג איז זי דאָס אָנגעקומען אין שטעטל חתונה צו האָבן מיט ר׳ כאַמעלע סופר. ווי לאַנג צוריק איז דאָס געווען? זי האָט זיך קוים געקאָנט אַן עצה געבן מיטן חשבון פון דער צאָל יאָרן, הגם די טעג פון איר אָנקום און פון איר חתונה זיינען געווען אַזוי בולט אין איר זכרון, ווי דאָס וואָלט געווען היינט. ווי לאַנג איז דאָס געווען זינט זי האָט זיך געזען מיט איר אייגענער משפּחה? זי האָט געבענקט נאָך אירע שוועסטער. אָבער מער ווי נאָך יעדער פון זיי האָט זי געבענקט נאָך דער פאַרשטאָרבענער מאַמען. „אַפילו זייער אַלטע לייט״, האָט הינדעלע געטראַכט, „פילן מסתמא ווי די מאַמע פעלט זיי אויס, באַזונדערש אין שווערע צייטן״.

ס׳איז געווען משונהדיק ווי זי, הינדעלע, איז נוטה געווען צו אומגליקן. זי האָט זיך אַפילו נישט געוווּנדערט וואָס דאָס קלוגע ווערטל „משנה־מקום משנה־מזל״

האָט זיך צו איר מזל נישט געפּאַסט. איר אָנקומען קיין באָטשאַני האָט אויף קיין האָר נישט געביטן צום גוטן איר גורל. איר זכות־אָבות, איר זיין אַ דירעקטע אָפּשטאַמיקע פון מלך דודס הויז, איר שפּעטערדיקער יִחוס פון אַרויסקומען פון ווורקער רבינס גזע, צי איר מאַנס יִחוסדיקער אָפּשטאַם פון דער סאַמער סמעטענע פון דער רבנישער וועלט — האָבן אויף אָט דעם גורל קיין שליטה נישט געהאַט.

זי האָט זיך געוואָלט דערמאָנען די שטריכן פון איר טאַטנס פּנים און האָט בשום־אופן נישט געקאָנט. זי האָט אים קוים געקענט, קוים אים געדענקט. ער איז געווען אַ פאַנאַטיש־פאַרגלייבטער חסיד, האָט געלעבט מיטן רבין און פאַרן רבין. זיין אמתע היים איז געווען דעם רבינס הויף. — אָבער, אוי... די מאַמע... הינדעלע האָט געזען איר מאַמעס שטריכן אין דמיון, געזען זיי ביז צום מינדסטן פּרט, געזען דער מאַמעס געבויגענע פיגור, איר אופן פון גיין, פון רעדן, פון געסטיקולירן. די מאַמע, שטאָלץ ווי זי איז געווען פון איר משפּחהס ראָלע אין שטעטל, מיט איר אייגענעם מאַנס ראָלע, און ווי חסידיש־פריילעך זי אַליין האָט זיך תמיד באַמיט צו זיין, האָט קוים אַ מאָל צייט געהאַט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. זי האָט נישט נאָר פאַרמאָגט אַ פולע שטוב מיט קינדער און אַ מאַן צו פאַרזאָרגן, נאָר זי האָט אויך געמוזט מכניס־אורח זיין די צוגעפאָרענע חסידים וואָס איר מאַן האָט אַהיימגעבראַכט, געבן זיי אַ נאַכטלעגער און אַ מאָלצייט אָפּצועסן. זי האָט זיך געמוזט אַן עצה געבן אַזוי ווייל ווי זי האָט געקאָנט, און זי האָט אונטערגענומען כּל־מיני געשעפטן, אַריינגערעכנט דאַרפגייעריי. און זי האָט געלאָזט די זאָרג פאַר דער בעל־הביתישקייט צו איר עלטסטער טאָכטער. נאָר ווען די מאַמע איז שוואַכער געוואָרן און די טאָכטער איז עלטער געוואָרן, איז געווען פאַרקערט: די מאַמע איז געבליבן אין דער היים און די טאָכטער איז אַרויס פאַרדינען דאָס שטיקל טעגלעכע ברויט פאַר דער משפּחה.

הינדעלע האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען קיין איינציקן טאָג ווען זי איז געזעסן ליידיק, אויסער אַ שבת צי אַ יום־טוב. גיין שפּאַצירן סתם אַזוי, אָן אַ באַזונדערן ציל, אויסער דאָס האָבן פאַרגעניגן פון גיין, איז געווען אַ נישט־דערהערטע זאַך. זי איז דאָך געווען די עלטסטע אין שטוב, די מאַמע נומער צוויי צו אירע שוועסטער און ברידער; האָט זי געהאַט אַ באַזונדערן זכות צו טראָגן די לאַסט פון דער משפּחה אויף אירע דינע אַקסלען. מער ווי איין מאָל האָט זי געמוזט דערמאָנען איר פאַרהאָוועטער מאַמען אָנצווייגן איר יִינגסטן ברודערל, זישעלען. אָט דער זישעלע האָט זיך איר, הינדעלען, שפּעטער אָפּגעדינט אויף אַ געוויסן אופן. אַזוי גיך ווי ער האָט אָנגעהויבן גיין אין חדר, האָט ער זיך גענומען לערנען הינדעלען דאָס אַלץ וואָס ער אַליין האָט געלערנטביים מלמד. שפּעטער, ווען זישעלע האָט אָנגעהויבן לערנען גמרא, זיינען זיי איבערגעגאַנגען די פּרקים משניות באַהאַלטענערהייט, ווייל צו זיצן מיט אַ שוועסטער און דערצו צו קבלען מיט איר האָט עפּעס נישט געהאַט קיין פּנים. דאָך זיינען אָט די שעהען געווען

ביידן אַזוי טייער, אַז זיי האָבן בשום־אופן דאָס נישט געקאָנט אויפגעבן, אַפילו ווען זישעלע איז געוואָרן אַ בר־מיצווה־בחורל. דערנאָך האָט זיך אָבער דער גורל אַריינגעמישט. זישעלע איז געשטאָרבן פון אַן אומבאַקאַנטער חלאת.

ווי אַ פּועל־יוצא פון דעם לערנען מיט איר ברודער, האָט הינדעלע אַנטוויקלט אַ „שוואַכקייט" צו ספרים, צום לייענען. איידער איר מאַן און איר זון זיינען פאַרשלאָפט געוואָרן, האָט זי תּמיד געהאַט חשבונות צו פירן מיטן מוכר־ספרים וועלכער פלעגט איין מאָל, צי צוויי מאָל אַ יאָר אָפּשטאָטן אַ וויזיט אין באַטשאַני. ער האָט געהאַנדלט מיט תּפילין, מזוזות, קמיעות פאַר שוואַנגערע פרויען, אָבער דער עיקר מיט ספרים, הייליקע און סתם ביכלעך, געבונדענע, צי אין ווייכע טאָוולען, יידישע, צי לשון־קודשדיקע. זיין וועגעלע איז געווען אַזוי אָנגעלאָדנט מיט ספרים, אַז הינדעלען האָט זיך אַזש פאַרדרייט דער קאָפּ אויף זייער אָנבליק. דאָס האַרץ האָט איר אַזש געקלאַפּט — פון דעם גרויסן אויסוואַל וואָס זי האָט געהאַט פאַר זיך. זי האָט אָפּגעקליבן וואָס עס איז איר געקומען אין דער האַנט אַריין, גענומען אויף אויסצוצאָלן פאַר אַ פּאָר קאָפּעקעס אַ חודש: מוסר־ספרים, ביכלעך מיט קלוגע שפּריכווערטער, חסידישע מעשׂיות, צי סתּם אינטערעסאַנטע געשיכטעס געשריבן אין עברי־טייטש. איִרע באַליבטסטע מעשׂיות זיינען געווען די וואָס האָבן דערציילט וועגן דעם ייִדישן אַמאָל, מעשׂיות געשפּונען אַרום די העלדן־פיגורן פון חומש. אַזעלכע ביכלעך האָבן הינדעלען געשטאַרקט און איר געגעבן אַן אָנשפּאַר אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

זי האָט חתונה געהאַט שפּעט, צו אַכצן יאָר. דאָס איז נישט געווען צוליבן דוחק אין שדכנים מיט אינטערעסאַנטע שידוכים, נאָר ווייל די מאַמע הינדעלעס איז קראַנק געוואָרן און הינדעלע האָט געמוזט וואַרטן, אַז די אַנדערע שוועסטער זאָל ווערן גענוג בקי איבערצונעמען די פירונג פון דער בעל־הבתּישקייט פון איר. דעמאָלט האָט הינדעלע באַקומען דעם חתן וואָס זי האָט זיך כּשר פאַרדינט.

אוי, די צייט צווישן איר ווערן אַ כּלה און איר חתונה! דעמאָלט האָט דאָס הינדעלע געהערט זאָגן וועגן זיך, אַז זי איז „נישט קיין מיאוס מיידל". ווען זי איז אַראָפּגעקומען קיין באַטשאַני חתונה האָבן, האָט זי געהאַט לאַנגע קאַשטאַן־האָר וואָס זי האָט געטראָגן פאַרפלאָכטן אין אַ ריזיקן קאָקס אויפן קאָרק. אמת, זי איז געווען קורצגעוואוקסיק און האָט אויסגעזען שוואַכלעך. אָבער אין דער אמתן איז זי געווען קרעפטיק און געזונט און צו גלייכער צייט אויך דין, בייגעוודיק און לייכטפיסיק. בעת יענע צייטן האָט זי געהאַט רגעס ווען זי האָט זיך געזאָרגט וועגן געפינען חן אין מענטשלעכע אויגן, און זי פלעגט זיך פרייען ווען זי האָט געשפּירט, אַז זי האָט געפונען חן. היינט צו טאָג, האָט דאָס מאַכן אַזאַ „צימעס" מיט זיך איר אויסגעזען ווי ריינע אייטלקייט. אַזוי פרעמד איר היינטיקער נאַטור איז דאָס געווען, אַז יענע צייטן זיינען איר אויסגעקומען ווי אַ חלום וואָס זי האָט וועגן זיך געחלומט.

איר לעבן האָט געהערט אויסשליסלעך צו איר מאַן און די קינדער. עס האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, פונאַנדערגעלאָזט אין זייער לעבן, אָן אַ שפור. און דאָך האָט זי כסדר און כסדר זיך באַמיט נאָך פולקומער צו „פאַרשווינדן". אַפילו איר ליבשאַפט צום לייענען איז נישט געווען קיין ריין אייגננוציק געפיל. עס איז תּמיד באַגלייט געווען מיט אַ הינטער־געדאַנק, אַז אויף דעם אופן וועט זי אפשר קומען נענטער צו איר מאַנס וועלט פון רעיונות, אַז זי וועט אים בעסער פאַרשטיין, און אַזוי אַרום אים קענען בעסער דינען. צי זי האָט פאַרדייט די מעשׂיות וואָס זי האָט געלייענט, כּדי זיי בעסער געדענקען און אַ מאָל קאָנען זיי דערציילן אירע קינדער. עס איז איר אויסגעקומען ווי נאָר איר גוף וואָלט געוועלקט, בעת איר נשמה איז געוואָרן וואָס אַ מאָל רייכער און איז געוואַקסן ווי אַ פרוכטיקער בוים — אַ דאַנק אירע לייבלעך־נאָענטסטע.

אַזוי איז הינדעלע געגאַנגען אין איר מאַמעס פוסטריט מיטן אויסהאַלטן איר משפּחה. זי האָט געעפנט אַ קרעמל פון גאַלאַנטעריע אויפן פּאַטשעיאַוו. זי האָט געזען דערצו, אַז די רער, וואָס האָט געפירט פון דער קיך אין איר בוידעמשטיבל אין שכנותדיקן קעמערל אַריין, זאָל תּמיד זיין וואַרעם, אַזוי אַז איר מאַן זאָל דריבען ביים טישל קענען טאָן זיין הייליקע אַרבעט אין באַקוועמלעכקייט און מנוחה. זי האָט געזען דערצו, אַז עס זאָל נישט אויספעלן אייל אין זיין לעמפּל, און נישט קיין שטיקל ברויט צום הערינג, נישט קיין ציבעלע, צי אַ פּאָר קאַרטאָפל, אַז עס זאָל ליגן אַ הינערשע פולקע אויף זיין טעלער יעדן שבת. ווייל איר מאַן איז דאָך נישט געווען בילע ווער. מיט וואָס ער האָט זיך עוסק געווען איז נישט געווען קיין קלייניקייט. דאָס גאַנצע חיוּת האָט ער געמוזט דערין אַריינלייגן. איין מאָל האָט ער אַפילו פירגעבראַכט דעם רבי ר' מאירס רייד פּאַר איר. „איך בין אַ סופר", האָט דער רבי ר' מאיר געזאָגט, „מוז איך זייער מדקדק זיין אויף מיין עבודה, ווייל זי איז הייליק. גאָטס ווערק איז דאָס. און אויב מע לאָזט אַרויס אַפילו איין אות, צי אויב מען שרייבט מיט איין אות מער ווי עס קומט, קאָן מען, חלילה, צעשטערן די גאַנצע וועלט".

הינדעלעס מאַן, כאַמעלע דער סופר, איז געווען אַ למדן וועמעס נאָמען איז געווען ווילבאַקאַנט אין דער גאַנצער שעלצער גובערניע. ער האָט זיך נישט בלויז אָפּגעגעבן דער הייליקער עבודה פון שרייבן ספר־תּורות פאַר די שכנותדיקע קהילות, נאָר ער איז אויך מחבר געווען ספרים מיט חידושים, אויך חקירה־ספרים און אַ קליין ספרל פון זיינע אייגענע שאַרפע רעיונות וועגן יידישן דת. דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז געווען אַ געראַנגל ווערט צו זיין אָט דעם גוטן גורל זיינעם, צו זיין אַ סופר ביי יידן — און צום שווערסטן איז דאָס אים אָנגעקומען גראָד אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן מיט זיין אייגענעם הויזגעזינד. ער האָט זיך תּמיד געפילט ווי אַ בעל־חוב, סיי לגבי זיין ווייב — צוליב דער האָרעוואַניע אירער; סיי לגבי זיינע טעכטערלעך — ווייל ער האָט זיי קוים באַמערקט, און

ווען ער האָט זיי יאָ באַמערקט, האָט ער צעפּלאָנטערט זייערע נעמען; סיי לגבי זיינע זין — ווייל ער האָט זיי אָפּגעגעבן צו ווייניק צייט. ער האָט זיך באַמיט זיי אָפּצודינען, באַלוינען — מיט דער התמדה, דער מי וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין זיינע כּתבים, און מיטן באַנעמען זיך צו זיי מיט עניוותדיקער צוריקגעהאַלטנ־קייט. ער האָט קיין מאָל גאַרנישט פאַרלאַנגט פאַר זיך.

הינדעלע, ווי זי איז אַזוי געזעסן אויפן גראָז, האָט דערפילט ווי די מחשבות וועגן איר מאַן ברענגען צוריק די נאַכט אין איר האַרץ און זי האָט זיך באַמיט אַנצושפּיצן דעם געדאַנק אויף יעקבן, וועלכער איז געשלאָפן מיטן קאָפּ פאַרטוליעט אין איר שויס. זי האָט באַטראַכט דעם ייִנגעלעס פיין־געצייכנטע ברעמענשטריכן, די דינע, כּמעט דורכזיכטיקע אויגן־לעדלעך, אַרומגעזיימטע מיט גלאַנציקע ברוינע וויִעס. זי האָט ליב געהאַט זיינע אויגן. זיי זיינען איר אויסגעקומען ווי צוויי שיסעלעך מיט האָניק, פולע מיט ברוינער זיסקייט. זי האָט אויך ליב געהאַט זיין מויל, אַזוי איידל אויסגעשניטן, די ליפּן בלייך־רויט, פאַרחלומט. זי האָט ליב געהאַט זיין גאָמבע, זיינע אויערן, די פאָרעם פון זיין גאַנצן פּנים און די פאָרעם פון זיין גוף וואָס האָט איר דערמאָנט אָן אַ קליין דין־צעוויגטביימל, ווען ער האָט זיך באַוועגט. און ער האָט אויך געהאַט אַ גוטן קאָפּ. אַוודאי האָט נישט ער, נישט זיין עלטערער ברודער, שלום, זיך געקאָנט פאַרגלייכן מיט איר עלטסטן, מיט איטשעלען, דעם עילוי. קיינער פון אירע זין איז נישט אַזוי ענלעך געווען צו זייער טאַטן, ווי איטשעלע. דאָך איז זי פּונקט אַזוי שטאָלץ געווען מיט זיי, ווי זי איז געווען מיט איטשעלען. זי איז שטאָלץ געווען מיט אירע מיידעלעך אויך, הגם קיינער האָט קיין באַזונדערע מעלות נישט געזען אין זיי. אָבער איטשעלע... איטשעלע איז געווען דער וויכטיקסטער פון זיי אַלע... נישט צוליב זיינע מעלות, נאָר ווייל ער איז געווען אַזוי מסוכּן קראַנק...

אירע אויגן זיינען פול געוואָרן און פּלוצעם האָבן טרערן אַ פלייץ געטאָן פון זיי און פון דער נאָז. איר גוף האָט זיך געטרייסלט אין ספּאַזמעס, ווי ער וואָלט געווען אַ זאַק איבערפולט מיט דער ביטערער, געזאַלצענער פליסיקייט.

אין דעם אויגנבליק האָט זי דערהערט ווי פּרעדקאַ, דעם מילנערס גאַס־פאַדיניע, רופט זי. מיט די טרערן נאָך פריש אויף די באַקן האָט הינדעלע אויפגע־הויבן יעקבס קאָפּ פון איר שויס, אויפגעזעצט אים, איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס און זיך אַ לאָז געטאָן צום הויף. זי האָט זיך באַמיט צו באַהערשן די טרערן, דעם יאָמער וואָס האָט זיך געריסן פון איר קעל, נישט אויפצוּוועקן דעם מילנערס משפּחה, וועלכע איז נאָך געשלאָפן אינעם שווייגנדיקן ווייס־באַמאָלענעם הויז.

ווען הינדעלע איז אונטערגעקומען גאָר נאָענט, האָט פּרעדקאַ מיט מיטגעפיל אַ פרעג געטאָן: „ס'איז זיי ערגער געוואָרן?"

„גאָט ׳עט העלפֿן׳, האָט הינדעלע געשטאַמלט, זיך געשטיקט מיט די ווערטער, מיט די טרערן. זי האָט גענומען דעם קרוג פֿון פּרעדקאַס האַנט, זיך טיף פֿאַרנייגט, ווי פּרעדקאַ וואָלט געווען די בעל־הביתטע פֿון הויז און נישט אַ באַדינערין. „זאָל גאָט דיר באַצאָלן. אַ שיינעם דאַנק״. זי האָט זיך אָפּגעקערט און גלייך איינגעטונקען דעם בליק אין דער ווייסער שוים אינעם קרוג. אירע טרערן האָבן אַרויפֿגעקאַפּעט אויף דער שוים. דער אַנבליק פֿון דער וואַרעמער, בלעזלדיקער מילך האָט זי באַרויִקט. זי האָט זיך אויף אַ רגע פֿאַרהאַלטן, צוריק צו געווינען דעם גלייכגעוויכט, דערנאָך איז זי גיך צו צו יעקבן, גענומען אים פֿאַר דער האַנט, און זיי זיינען אַראָפּ פֿון בלויען באַרג און פֿאַרקירעוועט מיטן ברייטן טאָפּאָליעוועג.

3

ס׳איז געווען פֿרייטיק, דער טאָג וועלכן באַטשאַני האָט אויסגעקוקט די גאַנצע וואָך. דאָס שטעטל איז געווען פֿאַרפּאַרעט מיט די צוגרייטונגען צום שבת, און דער מאַרק, די סטראַגאַנעס, די געוועלבער זיינען געווען באַלאַגערט מיט מענטשן.

הינדעלע איז געשטאַנען לעבן איר זיצקעסטל אין פֿראַנט פֿון איר קלייטל, אַרומגערינגלט פֿון אירע קינדער און פֿון קונים. די ייִנגלעך, שלום און יעקב, זיינען פֿרי אָפּגעלאָזט געוואָרן פֿון חדר און נאָך דעם ווי זי האָט זיי געהאַט אויסגעטיילט אַ שטיקל ברויט יעדן, האָט זי זיי געהאַט געלאָזט אַכטונג געבן אויפֿן קלייטל און אַליין איז זי אַוועקגעלאָפֿן אַהיים אַנצוקאַרמען די קראַנקע. זי האָט אויפֿגערוימט דאָס בוידעמשטיבל, צוגעגרייט די שבתדיקע מאכלים און צעריבן די קאַרטאָפֿל אויפֿן טשאָלנט, וואָס מען האָט אין באַטשאַני גערופֿן יאַפּצאַק. זי האָט אַוועקגעטראָגן דאָס טשאָלנט צום בעקער און איז צוריקגעקומען צום קלייטל. זי האָט די ייִנגלעך געשיקט אַ גאַנג, איינעם אָפּצוצאָלן אַן אַדרעוויף אויף אירע חובות ביי די קרעמערס, ביים רבין; דעם אַנדערן, אַרייצוטראָגן אירע פּאָר קאָפּעקעס דאָ און דאָרט, אויף צדקה־צוועקן. אירע צוויי מיידעלעך זיינען די גאַנצע צייט געווען לעבן איר, זיך געשפּילט אין רינשטאָק.

אַצינד, אַ פּאָר שעה שפּעטער, האָבן די קינדער געקלעפּט צו איר. ווידער הונגעריק, האָבן זיי אומגעדולדיק געוואַרט, אַז זי זאָל פּטור ווערן פֿון די קונים און זיי דערלאַנגען עפּעס צו עסן. הינדעלע האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי באַמערקט נישט די קינדער. נישקשה, זיי וועלן וואַרטן, די קונים וועלן נישט. אַצינד האָט זי געמוזט מיט אַלע חושים, מיט איר גאַנצן חיות זיך קאָנצענטרירן אויפֿן קלייטל.

עס זאָגט זיך נאָר אַזוי, „קלייטל״. אין דער אמתן האָט הינדעלע פֿאַרמאָגט נישט מער ווי אַ „בלינד״ פֿענצטער מיט פּאָליצעס אויף וועלכע זי האָט געהאַלטן אויסגעשטעלט די שאַכטלען מיט סחורה: „דראַביאַזגאַווע גאַלאַנטעריע״, ווי זי

האָט דאָס אַליין געררופן: שנורעוואַדלעס, קנעפּ, קאַמען, האָרנאָדלען, פּאַרזיכער־נאָדלען און אויך מענערישע און ווייבערישע זאָקן, אַניצעס, קאָפּטיכלעך, הענ־טשקעס, קאָלירטע בענדער, קאַראַנקעס וכדומה. אַליין איז זי סיי זומער, סיי ווינטער געזעסן דערלעבן, אויפן טראָטואַר, אויף אַ קעסטל ביי דער מויער. אין פאַל פון אַ רעגן צי שניי, האָט זי געהאַלטן דעם טאָוולענעם צודעק פון אַ שאַכטל איבערן קאָפּ. אַז ס'איז געווען גאָר קאַלט און נאַס, האָט זי זיך, די סחורה און די קינדער, אויב זיי זיינען געווען מיט איר, צוגעדעקט מיט אַ צעראַטענער פּלאַנדעקע.

הינדעלע האָט געפירט אַ גאַנצע בעל־הבתישקייט דאָ דרויסן, אויפן פּאָטשע־יאָוו, בפרט לעצטנס ווען זי האָט געוואָלט, אַז די געזונטע קינדער זאָלן וואָס ווייניקער זיין אין דער היים, כדי זיי זאָלן נישט כאַפּן דאָס חלאת, וואָס איז געווען אַנשטעקנדיק ווי „אַ פייער". זי האָט אַרויסגעבראַכט אַהער אַ שטיקל ברויט, אַ סלוי מיט אַ שמאַלצהערינג, אַ פּאָר ציבעלעך און אַ טאָפּ מיט גריץ וואָס זי האָט געהאַלטן וואַרעם אויפן פייערטאָפּ.

נישט געווען קיין גרויס לייזן אין קלייטל די גאַנצע וואָך, אויסער די דינסטיק־דיקע מאַרקטעג און די פרייטיקס. די רעשט פון דער וואָך האָט הינדעלע געקאָנט אָפּזיצן שעהען ביז אַ קונה האָט זיך באַוויזן. טייל מאָל האָט זי געקאָנט אָפּזיצן פון אין דער פרי ביז פּאַר נאַכט און אַהיימגיין אָן די פּאָר קאָפּיקעס אויף אַ ברייטל. דאָס האָט געקאָנט טרעפן אין אַ דינסטיק צי פרייטיק אויך, אָבער בעת אָט די טעג, ווי נאָר איין קונה האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר, ווי עס איז געשען טאַקע אין אָט דעם אויגנבליק, איז זי גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַנדערע צוויי, דריי, צען. אירע הענט האָבן נערוועז געשלעפּט די שאַכטלען פון די פּאָלי־צעס. זי איז אַרויפגעקראָכן אויפן זיצקעסטל צו דערגרייכן די שאַכטלען אויף דער אייבערשטער פּאָליצע, זי האָט זיך געבויגן, אַראָפּ אויף די קני, אַרויסצו־שלעפּן די שאַכטלען פון דער אונטערשטער פּאָליצע. זי האָט שיִער נישט איבער־געקערט דעם פייערטאָפּ ווען זי האָט געוואָלט אונטערהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט און האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער מיטלסטער פּאָליצע וואָס האָט איר געדינט פּאַר אַ „קאָנטור"־טיש. דאָס לויזע שייטל האָט זיך איר אויסגעדרייט צו דער זייט, שווייס האָט געקאַפּעט פון איר נאָז און שטערן. זי האָט געסאָפּעט, געזופּט, געשנופּלט. דעקלעך פון שאַכטלען זיינען געפלויגן אין דער לופטן און זאָקן, בענדער, קאַמען, קנעפּ, טיכלעך האָבן זיך געהויפנט פּאַר איר אין אַ פּאַרפּלאָנטערטן מיש־מאַש, הגם זי האָט געהאַלטן חשבון און געהאַלטן אַלץ אויפן אויג.

די מערסטע קונים האָבן נאָך אַ פּאָר מינוט איינגעזען, אַז זי האָט נישט געהאַנדלט מיט דעם וואָס זיי האָבן געברויכט. אָבער זי האָט זיי נישט געלאָזט אַוועקגיין, זיך באַמיט זיי איבערצוצייגן, אַז אויב זי האָט גראָד נישט געהאַט אין איר קראָם דאָס, אין וואָס זיי האָבן זיך גענייטיקט אין איצטיקן מאָמענט — האָט זי אָבער געהאַט דאָס, אין וואָס זיי וועלן זיך נייטיקן אַ ליאַדע רגע, נאָר

זיי האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון דערפון. קאַפּעקעס האָבן זיך אָנגעהויפנט אין איר דלאָניע. זי האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אין איר שירץ־קעשענע און דער קונה, צי קונהטע איז אַוועק מיט אַ פּאָר קנעפּלעך, אַ פּאָר האָרשפּילקעס, צי אַ שפּולעכל גאָרן, און נייע קונים האָבן פאַרנומען זייער אָרט.

הינדעלעס מיידעלעך זיינען נאָך מער אומגעדולדיק געוואָרן. זיי האָבן זי געגומען ציִען פאַר די פאַלדן פון ראָק און אונטערגעווייִנט: „מאַמעשי, ברויט מיט הערינג!"

זי האָט נאָך אַלץ געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי הערט זיי נישט, אַז זי פילט נישט ווי זיי רייסן זי ביי דער ספּאָדניצע. די רגעס זיינען געווען טייער. זי האָט געמוזט צושפּיצן איר גאַנץ חיות צו דעם וואָס זי האָט אַצינד געטאָן. דאָס געהע־ריקע באַניצן פון איר גאַנצער קאַלעקציע פון העפלעכע אויסדרוקן און דינערישע רייד האָט געקאָנט זיין דעצידירנדיק אין פאַרקויפן די סחורה. און זי האָט געוווּסט ווי צו רעדן צו די פּויערים. זי האָט זיי באַהאַנדלט מיט דרך־ארץ, זיך געניייגט פאַר זיי, האָט דינעריש פאַרגעשלאָגן איין זאַך צי אַן אַנדערע, האָט זיי געמאַכט קאָמפּלימענטן, געלויבט זייער אויסזען און זיך געוואָגדן צו זיי מיט „פּראָשע פּאַני", צי „פּראָשע פּאַנאַ" ווי זיי וואָלטן געווען די פּריצים פון „הויף", און נישט די באַדינערס. דאָס איז נישט געווען סתם אַן אָנשטעל. הינדעלע האָט באמת זיך געפילט הכנעהדיק, כמעט ווי אַ בעטלערין לגבי די קונים אירע. פון זיי איז אָפּהענגיק געווען, צי אירע קינדער וועלן האָבן דאָס שטיקל ברויט מיט הערינג יעדן טאָג.

לסוף איז זי געבליבן נאָר מיט איין קונה, אָבער מיט דעם שווערסטן. ער איז געקומען, זאָל גאָט זי שומר־ומציל זיין, צו כאַפּן אַ שמועסל מיט איר, אין אָט דעם טאָג פון אַלע טעג, און דאָס קויפן עפּעס ביי איר איז נאָר געווען אַן אויסרייד און ער האָט דערוועגן גלייך פאַרגעסן. זי האָט נישט געהאַט קיין גרינגע אַנונג וואָס ער האָט געוואָלט האָבן פון איר, מיט זיינע אָפּטע, פּלוצעמדיקע וויזיטן אין איר קלייטל; פאַר וואָס ער האָט תמיד געגלאָצט אויף איר מיט זיינע אַרויסשטאַרצנ־דיקע, מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן פון אַ שיכור און האָט זי אויסגעפרעגט וועגן אירע פּריוואַטע ענינים וואָס זיינען נישט געווען זיין עסק. זי האָט זיך געניייטיקט אין דער גבורה פון אַ שמשון־הגיבור כדי צו בלייבן געדולדיק, טראָץ איר מידקייט, און צו ענטפערן אויף זיינע קשיות — אויפריכטיק און צו דער זאַך. עס איז נישט געווען איר טבע זיך אומפריינדלעך אָפּצופאַרטיקן מיט וועמען עס זאָל נישט זיין — בפרט נישט מיט אים, אַ גוי, דער פייער־קאָמענדאַנט, פּאַן וואַצלאַוו ספּאָקויני אַליין. עס איז דאָך געשען נאָר אַ דאַנק זיין העלדישקייט, וואָס איר משפחה איז ניצול געוואָרן בעת דער שרפה וואָס האָט אויסגעבראָכן אין זיין קוזינע מאַנקעס הויז, מיט מער ווי צוויי יאָר צוריק.

„זאָג מיר, פאַר וואָס זענען דיינע אויגן הייַנט רויטער ווי ווען איך האָב דיך

גענען דאָס פּריִערדיקע מאָל ?" — האָט ער אַ פרעג געטאָן ווי נאָר דער לעצטער קונה איז פאַרשוווּנדן פון הינדעלעס קליטל. ער האָט איינגעגראָבן די פעטלעכע פינגער אין דעם הויפן סחורה וואָס איז געווען פונאַנדערגעוואָרפן איבער דער מיטלסטער פּאָליצע און איר געקוקט גלייך אין פּנים אַריין. „אָלאַ באָגאָ!" — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַ דערשטוינטער. „דו קוקסט דאָך אויס ווי די הייליקע פּאַננע מאַריע נאָך דער קרייציקונג פון יעזוסן! אויסן אויג!"

הינדעלעס אָטעם האָט זיך פאַרהאַקט. זי האָט אַרויסגעשטאַמלט, „פאַר וואָס זאָלן מיר די אויגן זיין רויטער ?..." זי האָט אָפּגעקערט די אויגן פון אים און האָט אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט מיט אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס איבער דער דלאָניע: „דער פּאַן פייער־קאָמענדאַנט ט'קויפן די שקאַרפּעטקעס, צי זאָל איך זיי אַוועקלייגן ?"

ער האָט אַראָפּגענומען די שקאַרפּעטקעס פון איר דלאָניע און זיי אַוועקגעלייגט אויפן הויפן סחורה אויף דער פּאָליצע. „אַ רחמנות דיינע אויגן, הינדעלע". ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו איר. ער איז געווען אַ שווערלייביקער מאַנספּאַרשוין מיט אַ ריזיקן בויך וואָס האָט אַריבערגעשלאָגן איבער די הויזן פון זיין כמו־מיליטערישן מונדיר. זיין גראַנאַטענער זשאַקעט מיט די באַגילדעטע קנעפּ איז געווען אָפן, מיט די פּאָלעס אַוועקגעשאַרט צו דער זייט. ווי ער איז אַזוי געשטאַנען, האָט ער מיט זיין גרויסן גוף פאַרשטעלט דעם גאַנצן פּראָנט פון קליטל, אַזוי אַז הינדעלע מיט די צוויי מיידעלעך, איינגעקלאַמערט אין איר שירץ, האָט זיך געמוזט צוריקציִען צו דער מויער. „אַזעלכע גרויסע שוואַרצע אויגן..." — האָט דער פּאַן וואַצלאַוו געקרעכצט. ער האָט צוגעשפּרייזט גאָר נאָענט צו איר; זיין אָטעם, אָנגעלאָדנט מיטן ריח פון בראָנפן, האָט געשלאָגן גלייך אין איר פּנים. „מ'זאָגט, אַז דער טייוול האָט שוואַרצע אויגן", האָט ער געסאָפּעט, „בעת דיינע..." זיין קול איז אַריבער אין אַ הייזעריקן פליסטער. „בעת פון דיינע קוקט אַרויס אַ מלאך. איך זאָל אַזוי... איך שווער... ס'איז דער מלאך פון רחמים, פון באַרעמהאַר־ציקייט. זאָג מיר, הינדעלע, דו ווייסט, אַז דער מלאך פון באַרעמהאַרציקייט קוקט אַרויס פון דיינע אויגן ?"

זי האָט געהערט אָט די באַמערקונג פון אים אַ סך מאָל פריִער און איז נישט נתפעל געוואָרן. „פאַר וואָס דאַרף דער מלאך פון באַרעמהאַרציקייט אַרויסקוקן דווקא פון מיינע אויגן ?" האָט זי צעשטרייט געמורמלט און אין האַרצן גערופן דעם מלאך פון באַרעמהאַרציקייט, צי לכל־הפחות איר שכן, יאָסעלע אַבעדאַלע, אַז זיי זאָלן קומען און זי אויסלייזן פון וואַצלאַווס אַנוועזנהייט. זי האָט זיך באַפרייט פון די פויסטלעך פון אירע טעכטערלעך וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אָן איר שירץ און געמאַכט אַ דערצידערנדיקן טראָט צוריק צו אירע פּאָליצעס. „איז אויב דער פּאַן פייער־קאָמענדאַנט דאַרפט נישט די שקאַרפּעטקעס, טאָ אפשר ט'ער זיך הייסן געבן אַן אַרשין פון אָט דעם זיידבאַנד, פאַר זיין טאָכטער וואַנדען ?"

זי האָט גענומען אַ ראָלקע מיט רויטער באַנד פון דעם הויפן סחורה אויף דער מיטל־פּאָליצע און האָט אים געוויזן. זי האָט אין דער אמתן נישט מורא געהאַט פאַר אים. ער האָט איר קיין מאָל נישט געטאָן קיין שלעכטס, אויסער וואָס ער האָט אָפּגענומען איר צייט מיט זיינע משונהדיקע רייד פאַר וועלכע זי האָט נישט געהאַט קיין נערוון און קיין געדולד. ווען ער וואָלט איר כאָטש געלאָזט פילן, אַז עס לוינט זיך דער קרבן פון געדולד פון איר זייט, ווייל ער וועט עפּעס קויפן, וואָלט אפשר געווען לייכטער, האָט זי געטראַכט, און אויפגעוויקלט די ראָלקע באַנד. זי האָט אויסגעבונדן אַ שיינע, לאָקנדיקע שלייף פון דער באַנד. „עס וואָלט איר געקליידט... מיט די בלאָנדע האָר", האָט הינדעלע זיך באַמיט צו באַהערשן איר קול. „איך האָב זי געזען יענע וואָך... זי וועט אויסוואַקסן אַ קראַסאַוויצע..."

ער האָט זיך צעשמייכלט. אַ פּלוצעמדיקער פאַרצווייפלטער שמייכל. „פאַר־מאָגסט אַ ביסל רחמים פאַר מיר אין דיין האַרצן, זאָג..."

„איך ?... פאַר וואָס ? ניין... יאָ", האָט זי געשטאַמלט און געפּאַכעט אַ צע־טומלטע מיט דער רויטער שלייף אין דער האַנט. „צו וואָס דאַרפט דער פאַן פייער־קאָמענדאַנט צו האָבן מיין רחמים ?"

„ווייל איך בין אַ פאַרשאָלטענער..."

„גאָט אין הימל! פאַניע פייער־קאָמענדאַנט, זינדיקט נישט מיט די רייד! איך ווינטש נישט מיינע שונאים, אַז ז'זאָלן זיין אַזוי פאַרשאָלטן ווי איר זענט".

„אוי, הינדעלע, זאָג דאָס נישט... דו... דו ביסט געבענטשט... דו ביסט מזלדיק !"

הינדעלע האָט פאַרביסן די ליפּן. עס איז איר אויסגעקומען מאָדנע וואָס אָט דעם שיכּורס רייד האָבן זי אַזוי אַדורכגענומען און אַנגערירט עפּעס זייער פילבאָרס טיף אין איר. זי האָט זיך צוזאַמענגענומען און האָט געענטפערט : „איך דאַנק דעם רבונו־של־עולם יעדן טאָג פאַר מיין דאָברע מזל... הכלל... זאָל איך אָפּשניידן אַן אַרשין פון אָט דעם באַנד פאַר אייך, פאַניע פייער־קאָמענדאַנט ?"

„שנייד... יאָ..." האָט ער געזיפצט. „צעשנייד מיין האַרץ אויך. דיך וואָלט איך געלאָזט צעשניידן מיין האַרץ אויך".

מיט אַ ציטעריקער האַנט האָט זי אָפּגעשניטן אַן אַרשין פון דער זיידסטענגע און אים צוזאַמענגעוויקלט. „און וואָס הערט זיך מכּוח די שקאַרפּעטקעס, פאַניע פייער־קאָמענדאַנט ?" האָט זי געמורמלט מיט אַ צורעדנדיקן טאָן. „איר'ט זיי נעמען ?"

„יאָ... כ'על זיי נעמען. פון דיר וועל איך אַלץ נעמען, הינדעלע".

זי האָט אים גיך דערלאַנגט די זאָקן וועלכע זיינען געווען איינגעוויקלט צוזאַמען מיטן אַרשין באַנד. „דאָס מאַכט אויס אַ פערטל רובל, פאַניע פייער־קאָמענדאַנט", האָט זי אויסגעפירט.

דעם פייער־קאָמענדאַנטס אויגן זיינען פול געוואָרן מיט טרערן. „איך בין אַזאַ פאַרשאָלטענער...״ האָט ער געשנופּלט.

„אַ פּערטל רובל״, האָט זי איבערגעחזרט, אַנווייזנדיק אויף דעם פּעקעלע אין זיין האַנט. זי האָט אים נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן, געזען ווי ער גרייכט אין דער קעשענע. זיין האַנט האָט אַרויסגעטויכט פון איר בלויז מיט אַ צענער קאָפּעקע. זי האָט געוואַרט, אַז ער זאָל אַ זוך טאָן אין דער אַנדערער קעשענע, אָבער ער האָט נאָר אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען. „גוט, ׳על איך דאָס אויפשרייבן אויף אייער חשבון, פאַניע פייער־קאָמענדאַנט״, האָט זי אַ זיפץ געטאָן און אַרויסגענומען אַ שטומפּיק פּיצעלע בלייער פון דער שירץ־קעשענע.

„יאַ, הינדעלע, שרייב דאָס אַלץ אויף מיין חשבון״, האָט ער געמורמלט און אַוועקגעדרעפּטשעט פון איר נאָך איידער זי האָט באַוויזן אויפצושרייבן אויפן צודעק פון אַ שאַכטל די סומע וואָס ער איז איר געקומען.

„ברויט מיט הערינג!״ האָבן די קינדער זי אַרומגערינגלט שמייכלענדיק דערלייכטערט.

הינדעלע האָט פונאַנדערגעוויקלט דאָס ליינטיכל אין וועלכן זי האָט געהאַלטן דאָס עסן פאַר די קינדער. זי האָט אָפּערגעשלעפּט דאָס הילצערנע קעסטל, ווו זי האָט געהאַלטן איר זאַפּאַס סחורה, פון אונטער דער אונטערשטער פּאָליצע, און די קינדער האָבן זיך אַוועקגעזעצט דערויף. זי האָט יעדן פון זיי דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט, האָט פול געמאַכט פיר בלעכענע שיסלען מיט האָבערגריץ און יעדן דערלאַנגט אַ הילצערנעם לעפל. זי האָט זיי דערמאָנט צו מאַכן אַ ברכה, אָנגעזאָגט די יינגעלעך אַכטונג צו געבן אויפן קלייטל און האָט זיך אַוועקגעשאַרט אין דער ריכטונג פון ר׳ סענדערל דעם מקובלס קלייטל. זי האָט אומבאַדינגט געמוזט אים זען כאָטשבי אויף אַ פּאָר מינוט.

די קרעמערס און די מענטשן אויפן פּאַטשעיאָוו האָבן זי באַמערקט, הגם זי האָט זיך באַמיט פאַרבייצושאַרן, אַז קיינער זאָל זי נישט זען. די וואָס זיינען נישט געווען צו פאַרנומען האָבן זיך אָפּגעשטעלט מיט איר, זי אויסגעפרעגט וועגן אירע קראַנקע, דערציילט איר וועגן די בייסטע רפואות אויף סוכאָטעס, געגעבן איר גוטע עצות און זיך באַמיט זי צו שטאַרקן אין איר אמונה אין דעם אַלמעכטיקנס גוטסקייט און חסד. זי האָט איינגעשטימט מיט זיי, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געגעבן איר געווינטלעכן ענטפער, „גאָט ׳עט העלפן״, געוואונטשן זיי אַ גוטן שבת און האָט זיך אַוועקגעשאַרט ווייטער.

אירע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבערן מאַרקפּלאַץ. וואַגנס און וועגעלעך האָבן געקלאַפּט מיט די רעדער אָן ברוק. מענטשן זיינען אַרומגעשטאַנען אין גרופּקעס, אין קנופּן, ווי אינדזעלעך אין אַ ים; האָבן זיך געהאַנדלט, זיך געקריגט, געסטיקולירט און פול געמאַכט די לופט מיט רייד, מיט געשרייען. מיידלעך זיינען געלאָפן צום שוחטס הויז מיט הינער אונטער די אָרעמס, צי אין קוישן. טייל

ווייבער האָבן געאײַלט מיט פאַררײסטע טעפּ מיט יאַפּצאַק־טשאָלנט צום בעקער. אַנדערע האָבן מיט קוישן איבער די אָרעמס געמאַכט לעצט־מינוטיקע אײַנקויפן, שפּעקולירט וועגן פּרוכטן מציאות אויף שבת־אויפּס און גענישטערט אין די קוישן פון די פּויערטעס וועלכע זײַנען געוועזן פאַרנומען מיט מאַכן זייערע אײַנקויפן אויף זונטיק. אַ פּאָר ייִדן מיט צעפּליזעגנע איבעצעס און פלאַטערנדיקע אַרבע־כנפות האָבן געטראָגן בענק אין דער ריכטונג פון דער שול. — דער שנײַדער און דער שוסטער, אויפן וועג צוריק פון אָפּליפערן זייער אַרבעט אויף שבת, האָבן זיך צעהיצטע געקריגט. זיי זײַנען געשטאַנען צווישן צוויי פערד וועלכע האָבן זיי געשמיסן מיט די שוואַרצהאָריקע עקן. די פורמאַנעס, וואָס זײַנען געשטאַנען אויף די וועגענער, האָבן זיך צוגעקוקט, זיך געוויילט און זיי אונטער־געהעצט אויסצוגעפינען ווער פון זיי עס איז גערעכט, דורך אַ פּויסטן־פאַרמעסט. — אַ פּאָר פערד זײַנען געשטאַנען בײַ די קאָרעטעס אין מיטן מאַרק און האָבן געקייט. פון דאָרט, פון דער פּלומפּ, איז כאַצקעלע דער וואַסער־טרעגער אָנגעקומען מיט צוויי עמערס וואַסער אָנגעהאַנגען אָן קאַראָמיסל וואָס אויף זײַנע אַקסלען. סטאַדעס וואַנדערנדיקע הינער און קאַטשקעס, אַ פּאָר פאַרבלאָנדזשעטע חזירים האָבן שפּאַצירט צווישן די וועגענער, געזוכט דעם „בעכטיקן טאָג". אַ פּלוצעמדי־קער ווינט וואָס איז אָנגעקומען פון הינטער דעם קאַשטשאָל האָט אַראָפּגעבלאָזן די היטלעך און די קאַפּעלעך פון צוויי עלטערע ייִדן וואָס זײַנען געווען אויפן וועג אין דער מיקווה.

דער טומל, דער הו־האַ, די קולות, מענטשלעכע און חיהשע, האָבן זיך פאַרמישט מיטן מאַנאָטאָנעם ניגון פון די בית־מדרש־בחורים, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אָפענעם בית־מדרש־פענצטער, זיך פאַרקנוילט מיט די פאַרטויבנדיקע געשרייען פון די חדר־ייִנגלעך, פרײַ פון חדר, און מיטן געקלאַקערײַ פון די בושלען וואָס האָבן געקרייזט איבערן הימל אין דער הייך, ווי זיי וואָלטן אויך זיך געגרייט מקבל צו זײַן די מלכה־שבת.

הינדעלע האָט אַלץ געזען, אַלץ געהערט, אָבער אַלץ איז איר אויסגעקומען פאַרטעמפּט, פאַרשטיקט אין דעם שווערן וואָלקן וואָס האָט אײַנגעפּרעסט איר האַרץ. אַ צעשטרייטע האָט זי זיך אָנגעשטויסן אָן דעם בייגל־הענדלערל וועלכער האָט געוואָנדערט אַהין און צוריק פאַר די קלייטלעך און גערעוועט אויף די העכסטע טענער פון זײַן דין מיידלש קולכל: „פרישע בייגל! זעקס אַ צענער!" זי האָט שיִער נישט אַרויסגעקלאַפּט דעם קויש פון זײַן האַנט. דערנאָך האָט זי זיך אָנגעשטויסן אָן אַ טרעגער מיט שטריק אַרומגעבונדענע אַרום די לענדן, און ער האָט זי שיִער נישט אומגעוואָרפן.

לסוף האָט זי אָפּגעיאָגט די ציג וואָס האָט געצופּט בײַ דער שטריק מיט וועלכער דער טירפּליגל פון ר' סענדערלס קלייטל איז געווען צוגעבונדן צו דער מויער, און זי איז אַרײַן אינעווייניק. זי האָט זיך דורך־אַרצדיק פאַרהאַלטן אין אַ

קליינעם אָפּשטאַנד פון מקובל, וועלכער איז געזעסן אין דער טיף פון דעם פּייכטן, טונקעלן קלייטל, זיין פּנים אַרומגענומען מיטן ליכט פון אַ נאַפטלאַמפּ.

זי האָט געהאַט אַ פּאַרכטיקן אָפּשיי פאַר אָט דעם ייִד. לויט איר נאָך איז ער געווען אַ צדיק וואָס האָט געוווסט גוואַלדיקע סודות. זי האָט זיך גאָרנישט גע־וווּנדערט וואָס אַ טייל ייִדן פון באַטשאַני, טייל פון זיי אַפילו לומדים וואָס זיינען געשווומען אין ים פון תורה, פלעגן זיך אַריינכאַפּן צו ר׳ סענדערל בייצוווינען ווי זיין נשמה איז זיך מתיחד מיט דער נשמה פון אר״י הקדוש. ווען נאָר זיי האָבן געהאַט דאָס פּאַרגעפיל, אַז עפּעס אַ סכנה רוקט זיך אָן אויפן שטעטל, האָבן זיי זיך פאַרמאַכט מיט אים דרינען אין קלייטל. מענטשן האָבן געשמועסט, אַז אינע־ווייניק רופט ר׳ סענדערל אויף דעם נאָמען פון שברירי, דעם שד פון בלינדקייט און באַצווינגט אים און מאַכט אים פאַרויסזען אין וואָס די סכנה באַשטייט; אַז לויט די אָנווייזונגען פון אר״י הקדוש זאָגן זיי דרינען שפּרוכן צוזאַמען און פאַרטוישן קמיעות, כּדי אָפּצושרייען דעם גזר־דין. און כּדי איבערצודרייען דעם סדר פון די געשעענישן און איבערקערן דאָס שלעכטע וואָס האָט געזאָלט קומען, אויפן גוטן, האָבן זיי דרינען אַלץ געטאָן פאַרקערט: געגאַנגען אויף צוריק, אָנגעטאָן די בגדים אויף דער פאַרקערטער זייט און געלייענט פּסוקים פון חומש פון סוף ביז צום אָנהייב.

הינדעלע אַליין האָט אָפּגעשטאַט אָפטע וויזיטן ביי ר׳ סענדערלען, גענומען קמיעות ביי אים, געבעטן אים מתפּלל זיין פאַר איר אַזוי, אַז די סכנה וואָס האָט זיך אָנגערוקט צו איר שטוביקער שוועל זאָל פאַרטוישט ווערן אויף עפּעס גוטס פאַר איר הויזגעזינד און פאַר איר. זי פלעגט אויך קויפן ביי אים אַ ביסל קרייטער־אויסקאָך, וואָס ער האָט פאַרקאָכט פון די קרייטעכצער וועלכע ער האָט געקליבןביים סטאַוו. זי האָט דאָס אַריינגעטאָן אין דער שפּייז פון אירע קראַנקע, בסתר, אַז איר מאַן זאָל נישט באַמערקן. ווייל איר מאַן האָט געהאַלטן, אַז ר׳ סענדערל טוט נישט אויף קיין שום גוטס מיט זיינע טועכצער. אָבער הגם הינדעלע האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר איר מאַן און האָט קיין מאָל נישט באַצווייפלט זיינע אורטיילן, האָט זי דאָך, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין ר׳ סענדערלען, זיך באַטראַכט פאַר ראוי צו האָבן איר אייגענע מיינונג. סוף־כּל־סוף איז זי געווען אַ נאַרישע, אומוויסנדיקע אישה און אַ נאַרישע און אומוויסנדיקע אישה האָט געהאַט דאָס רעכט צו האָבן אירע אייגענע נאַרישע מיינונגען.

אַזוי גיך ווי ר׳ סענדערל האָט באַמערקט הינדעלען, האָט ער אַרויסגעצויגן אַ זילבערנע האָר פון זיין פּראַכטיקער באָרד, זי אַרויפגעלייגט אויפן דף וווּ ער האָט געהאַלטן אין מיטן לערנען. ער האָט אָוועקגערוקט דאָס ספר און זי צוגערופן נענטער מיט אַ פינגער, ווי מען רופט צו אַ קינד. זי האָט זיך געפילט שולדיק וואָס זי האָט אים געשטערט, האָט זי זיך דערנענטערט צו אים זיפצנדיק, שטאַמלענדיק.

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך זיין ליולקע, אַרויסגעשיט דעם אַלטן טאַביק פון דעם ליולקע־שיסעלע און עס פול געמאַכט מיטן פרישן טאַביק וואָס איז געלעגן אָנגעהויפנט דערלעבן אויף אַ שמוציקער שמאַטקע. ער האָט פאַר־רייכערט און זיך צעשמייכלט צו איר מיט אַ פּאָר קינדיש־בלויע אויגן וואָס האָבן אויסגעזען ליכטיקער צו מאַכן דאָס גאַנצע אַנפּענטצטערדיקע קליינטל. אויף אירע אַנטשולדיקונגען האָט ער געענטפערט, צווישן איין פּיפּקע פון דער ליולקע און אַן אַנדערן, ווי ער וואָלט פאַמעלעך אַרויסגעצויגן די ווערטער פון דער ליולקע. „די הייליקע ספרים זענען געגעבן געוואָרן פאַרן ווייל פונעם בן־אָדם און נישט פאַרקערט". ער האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ רגע און צוגעגעבן: „פון דעם דרשן איך, אַז דער בן־אָדם איז וויכטיקער פון די הייליקע ספרים".

„אַפילו אַ זינדיקע אישה?" — האָט הינדעלע געפרעגט.

האָבן זיך זיינע בלווילעכע ליפּן צעצויגן אין אַ תּמימותדיקן שמייכל: „וואָס זינדיקער, דאָס נענטער דאַרפט מען צוקומען".

יאָ, ר' סענדערל, הגם ער האָט געהאַט צו טאָן מיט ניסתּרדיקע ענינים, איז געווען אַן אָפּענער, און אַז מען איז אַריינגעקומען צו אים, האָט ער נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן אַ מאַנספאַרשוין, אַ נקבה, צי אַפילו אַ קינד. ווער עס האָט אים עפּעס געפרעגט, דעם האָט ער געענטפערט מיט זיין שטילן זויבערן קול, וואָס איז אַרויסגעקומען ווי גלייך פון זיין זויבערער נשמה. — אָבער געהאַלטן האָט זי אים פאַר אַ בעל־שם, פאַר איינעם וואָס קען די סודות פון שם־המפורש, גראַד נישט דערפאַר וואָס ער האָט געקענט היילן מיט שפּרוכן און קמיעות, צי קרייטעכצער, נאָר צוליב דעם וואָס ער האָט געקאָנט אויפטאָן אַן זיי, מיט זיין בלויזער אָנוועזנהייט.

זי האָט אָבער אַצינדער אים עפּעס נישט געקאָנט זאָגן, אַז זי האָט זיך אַריינ־געכאַפּט צו אים, צו ר' סענדערלען, פּראָסט־פּשוט זיך גוט אויסצוווינען פאַר אים, כדי זי זאָל שפּעטער האָבן אַ גוטן און רויִקן שבת. דאָס אויסווינען זיך פאַר ר' סענדערלען האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט איר אָפּווינען די נעכט און די פרימאָרגנס אַליין, אין די ווינקעלעך, אין איינזאַמקייט. דאָס אויסוויינען זיך פאַר ר' סענדערלען האָט מען געקאָנט פאַרגלייכן נאָר צו די זעלטנסטע רגעס פון לייטערנדיקער, טרייסטנדיקער תּפילה. האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי איז אַריינגעקומען קויפן אַ שטיקל כּשרע זייף, ווייל ער האָט געהאַנדלט מיט זייף אין זיין קרעמל. ערשט ווען ער האָט איר דערלאַנגט דאָס שטיקל זייף און אַ זאָג געטאָן, „ס'האַרץ איז דיר באַשווערט, העט?" — האָט זי זיך צעכליפּעט.

„איך האָב אַ ברונעם פון טרערן אָנשטאָט אַ האַרץ, ר' סענדערל", איז זי זיך פאַרגאַנגען אין אַ יאָמער, קוקנדיק אויף אים דורכן געדיכטן נעפּל פון טרערן.

ער האָט איר צוריקגעקוקט גלייך אין פּנים, נישט ווי אַנדערע ייִדן, וועלכע האָבן אויסגעמיטן צו קוקן אויף אַ ייִדענע. זיינע שטווינענדיק־בלויע אויגן זיינען

אויך געוואָרן פאַרצויגן ווי מיט אַ טרעריקן שלייער; זיינען געוואָרן טונקעלער, פול מיט אַן אומבאַשרייבלעכן טרויער. זיינע ברעמען זיינען געוואָרן שאַרף אָנגעשפּיצט, ווי עפּעס וואָלט אים אָנגעהויבן ווײ צו טאָן. ער האָט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל. די אונטערשטע ליפּ האָט אים געציטערט ווי ביי אַ פאַרבלאָנדזשעט דערשראָקן קינד, אָט־אָט און עס ברעכט אויס אין אַ געוויין. דאָס גאַנצע פּנים זיינס האָט אויסגעדריקט אַזוי פיל צער, אַזאַ ווייטיק — אַז הגם זי האָט נאָך אַלץ געוויינט, האָט הינדעלע געגומען פילן, אַז ער האָט איבערגענומען אַ גרויסן חלק פון איר פּיין — און האָט זי געבראַכט דערצו, אַז זי זאָל גאָר פילן, אַז זי דאַרף אים טרייסטן, און נישט פאַרקערט. זי האָט נישט דערוואַרט, אַז ער זאָל איר זאָגן עפּעס מער מיט זיין זויבערן קול, ווי: „ס׳ט אם־ירצה־השם זוכה זיין מגדל צו זיין דיינע קינדער לתורה, לחופּה, ולמעשים־טובים”. און ער האָט גאָרנישט מער געזאָגט, נישט צוגעגעבן קיין איין טרייסטוואָרט וואָס זאָל האָבן אַ דירעקטן שייכות צו איר מאַן, צי צו איטשעלען, ווי יעדער אַנדערער גוטער ייִד וואָלט געטאָן.

האָט זי לסוף טרייסטנדיק אַ זאָג געטאָן: „זאָל דער רבונו־של־עולם אונדז שומר־ומציל זיין. האָט אַ גוטן שבת, ר׳ סענדערל”. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן שטיקל זייף אין איר האַנט. זי האָט געוווּסט, אַז די זייף מיט וועלכער ר׳ סענדערל האָט געהאַנדלט איז געווען אַן אָנטייט אויף דער „זייף פון רחמימהדיקער, נשמה־יתרהדיקער גוטסקייט”, וואָס האָט אָפּגערייניקט אַ מענטשנס האַרץ פון פולקומען ייִאוש.

זי איז אַרויס פון קלייטל און זיך געפילט ווונדערלעך רויִק. פּלוצעם האָט זי זיך דערמאָנט, אַז איר מאַן און איטשעלע האָבן זיך תּמיד בעסער געפילט אום שבת, אַז היינט אָוונט וועלן זיי אַרויס פון בעט, אָנטאָן די שבתדיקע בגדים און זיך זעצן צום טיש. די גאַנצע משפּחה וועט זיצן אַרום טיש. דאָס ווייסע טישטעך, די אָנגעצונדענע ליכט וועלן מאַכן דאָס בוידעמשטיבל אויסזען יום־טובדיק. זיי וועלן אַלע זינגען זמירות און מאַרגן דעם גאַנצן טאָג וועלן קומען ייִדן מבקר־חולה זיין, זיצן מיט די קראַנקע, לערנען און דאַווענען צוזאַמען. דערנאָך האָט זי זיך דערמאָנט, אַז אייגנטלעך איז זי געווען פאַרטיק מיט אַלע צוגרייִטונגען צום שבת, און אַז אַלץ וואָס עס איז איר געבליבן צו טאָן איז געווען וואַרטן מען זאָל שליסן די קרעמלעך אויפן פּאַטשעיאָוו, אַהיימנעמען די קינדער, אויסצוואַשן זיי און זיך, און זיך איבערטאָן אין די שבתדיקע בגדים.

אויפן וועג צוריק צו איר קלייטל האָט זי באַמערקט איר שכן יאָסעלען אַבעדאַלע אַרויסקומען אויף דער שוועל פון זיין קאַלכקרעמל. לעבן אים איז געזעסן אַבעלע־נאַר, דער שטאָט־משוגענער, אויף דער ערד, אָנגעלענט אָן דער מויער. אַבעלע האָט געשמייכלט זיין ברייטן תּמעוואַטן שמייכל צו דער פאַרהאָוועטער

וועלט וואָס האָט זיך געשפּרייט פאַר זיינע אויגן. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו הינדעלען און זי האָט אַריינגעלייגט אַ קאָפּעקע אין זיין ריזיקער דלאָניע. יאָסעלע אַבעדאַלע, וועלכער האָט געטורעמט איבער אים, האָט געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט הינדעלען נישט באַמערקט. זי האָט אים יאָ צוגעוואָרפן אַ בליק, פאַרבייגייענדיק, און געפּרוווט לייענען פון זיין פּנים אין וואָס פאַר אַ געמיט ער איז געווען.

ווי ער איז אַזוי געשטאַנען און זיך אָנגעלענט אָן ביישטידל, מיט די הענט אויפן רוקן, דער אייבערשטער טייל פון זיין גוף צעוויגט, אַהין און אַהער, נאָכגע־פאָלגט פון זיין שיינער געלבער באָרד — האָט יאָסעלע אַבעדאַלע אויסגעזען ווי אַ חיה אין אַ שטייג. ער האָט קוים אַריינגעפּאַסט מיט זיין הייך אין פּיצינקן קלייטל זיינעם. זיין קאָפּ האָט כמעט אָנגערירט די אייבערשטע בעלקע פון דער טיר־ראָם.

בעת יענער אומפאַרגעסלעכער נאַכט, ווען מאַנקע דער וועשינס הויז איז אוועק מיטן פייער, מיט מער ווי צוויי יאָר צוריק, האָט יאָסעלעס ווייב מאַרימל אויסגעהויכט איר נשמה אין קימפּעט. זינט דעמאָלט האָט הינדעלע זיך תּמיד געגעבן די מי אַרויסצווייזן יאָסעלען אַ ביסל שכנדיקע פריינדלעכקייט. אָבער ער האָט דאָס קיין מאָל נישט אויסגעזען צו באַמערקן. ער איז געווען אַ שווייגנ־דיק־מרוקעוואַטער ייִד, נוטה צו אויסבראַכן פון כּעס ווען מען האָט אים אַרויס־געוויזן צו פיל האַרציקייט. ער האָט קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן הינדעלען קיין ברעקל אויפמערקזאַמקייט. אין דער פרי האָט מען זיך באַגריסט מיט אַ „גוט־מאָרגן". ער האָט זי געפרעגט וואָס עס מאַכן אירע חולאים, זי האָט אים געפרעגט וואָס עס מאַכן זיינע קינדער. בעתן שליסן די קרעמלעך האָט מען געשאָקלט מיט די קעפּ און געזאָגט: „אַ גוטן טאָג". אויסער דעם האָט מען זעלטן פאַרביטן אַ וואָרט.

לעבן איר קלייטל זיינען נאָך אַלץ געזעסן אירע קינדער און האָבן געהאַלטן ביים ענדיקן עסן. זיי האָבן אויסגעקראַצט די שיסעלעך מיט די הילצערנע לעפל און זיי אָפּגעלעקט מיט די צינגער. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איר קעסטל דערלעבן. ס'האָט זיך געמאַכט ווינטיקער אין מאַרק. ס'איז געוואָרן נישקשהדיק קאַלט. בדרך־כּלל זיינען די וועטערן נאָך אַלץ געווען אָנגענעם, אָפּט מאָל איז אַפילו געווען הייס אין מיטן טאָג. אָבער לעצטנס האָבן געטראָפן טעג, וואָס ווי נאָר די זון האָט אָנגעהויבן איר גאַנג אַראָפּ פון הימל, האָט מען זיך דערמאָנט, אַז די בושלען וועלן בקרוב אוועקפליִען און אַז דער זומער איז געווען אַזוי גוט ווי פאַרביי. אַצינד האָבן זיך וואָלקנס געזאַמלט איבערן קאָפּ.

הינדעלע האָט איינגעהילט די מיידעלעך אין איר פאַטשיילע. אַ פּאָר קונים האָבן זיך ווידער פאַרהאַלטן לעבן איר קלייטל, און נאָך דעם ווי זי האָט זיך אָפּגע־פאַרטיקט מיט זיי און האָט זיך אַ קער געטאָן צו די קינדער, האָט זי באַמערקט, צו איר צופרידנקייט, אַז די ייִנגלעך האָבן זיך אויך אַרונטערגעטוליעט אונטער

דער פּאַטשיילע. זי האָט דערפילט אַ פּאָר טראָפּנס רעגן אויפן פּנים. זי האָט אַרויס־געצויגן די צעראַטענע פּלאַנדעקע, האָט צוגעדעקט די סחורה, זיך אַוועקגעזעצט אויף איר קעסטל און אַריבערגעצויגן די צעראַטע איבער איר קאָפּ און די קעפּ פון די קינדער.

„לאָז מען אַריינשטעלן דעם פּייערטאָפּ אין דער מיטן", האָט דאָס עלטערע טעכטערל, גיטעלע, פּאָרגעשלאָגן.

הינדעלע האָט צוגעשיט אַ ביסל האָלצקוילן צום פּייערטאָפּ און אים אַוועק־געשטעלט צווישן די קינדערס פיס, אויף אַ קליינעם דרייפיסיקן שטענדער. די קינדער האָבן אַוועקגעלייגט די הענט אויפן פּייערטאָפּ. הינדעלע האָט מורא באַ־קומען, אַז די יינגלעך וועלן ווערן אומגעדולדיק און וועלן זיך אַ לאָז טאָן אין דער קעלט און אין רעגן צו זייערע צעיאָכמערטע חברימלעך — און זי האָט אויף גיך איינגעפּעדעמט אַ מעשה וועגן בעל־שם־טוב, כּדי צו שאַפן ביי די קינדער אַן ערב־שבת־שטימונג. דערנאָך האָט זי זיך פאַרנומען זיי צו דערציילן וועגן וווּרקער רבין וועמעס אָפּשטאַמיקע זיי זיינען געווען.

בעת זי האָט גערעדט, האָט הינדעלע אַרויפגעשטעלט דאָס טעפּל מיט ציקאָ־ריע־קאַווע אויפן פּייערטאָפּ און ווען טויבע־קריינדעלע, די טיקערין, וועלכע האָט ווי אַ צוגאָב־פּרנסה פאַרקויפט באָבע־אַרבעס אויפן פּאַטשעיאָוו, איז אונטערקגעקו־מען, האָט הינדעלע — זי האָט היינטיקן פרייטיק אויסנעמלעך גוט געלייזט — געקויפט אַ פולע קוואַרט גרויסע הייסע אַרבעס פאַר די קינדער. טויבע־קריינדעלע, וועלכע האָט געטראָגן דעם הייסן טאָפּ פאַרהילט אין שמאַטעס, אויף אַ שטריקל פאַרהאַנגען אויפן האַלדז, האָט אָפּגעמאָסטן די אַרבעס און זיי אויסגעשיט אויף אַ טעקטור־דעקל פון הינדעלעס אַ שאַכטל. הינדעלע האָט באַמערקט כאַצקעלען דעם וואַסער־טרעגער פאַרביישלעפּן צוויי עמערס וואַסער. זי האָט אים צוגערופן און אים דערלאַנגט אַ שעפּ הייסע ציקאַריע־קאַווע מיט אַ פּאָר אַרבעס.

בעת־מעשה האָט זי איינגערוימט די קינדער אין איר ספּעציעלן מעשׂה־טאָן: „ווער ווייסט, צי כאַצקעלע איז נישט אַ מאָל איינער פון די ל"ו צדיקים, פאַרשטעלט אונטערן פּרצוף פון אַ שטומען וואַסער־טרעגער".

כאַצקעלע דער וואַסער־טרעגער האָט שוין געהאָט באַגראָבן פיר ווייבער און דריי קינדער; געבליבן איינינקער אַליין אויף דער וועלט, נאָך דעם ווי די לעבן־געבליבענע קינדער זיינען זיך צעלאָפן און נעלם געוואָרן — און ער האָט פאַרלוירן דאָס לשון. מענטשן האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָט ער זיך אַ נדר געטאָן צו שווייגן די רעשט פון זיין לעבן — אַ שטראָף וואָס ער האָט אויף זיך גענומען פאַר זיין אַ לאָ־יוצלח. אָבער הינדעלע האָט געהאַלטן, אַז כאַצקעלע דער וואַסער־טרעגער איז גאַרנישט געווען כאַצקעלע דער וואַסער־טרעגער, נאָר עפּעס אַ הייליקער ייִד, וואָס טראָגט אויף זיינע אַקסלען, נישט פולע עמערס וואַסער — נאָר פולע עמערס טרערן פון כּל־עם־ישׂראל. און בעת ער האָט געזופּט די שעפּ

קאַווע, האָבן הינדעלעס קינדער זיך איבערגעבויגן איבער כאַצקעלעס פולע עמערס און האָבן זיך געשפּיגלט אין די „וואַסער־טרערן".

אַבעלע דער שטאַטנאַר, וועלכער איז נאָך אַלץ געזעסן לעבן יאָסעלע אַבעדאַ־לעס קריידקרעמל, האָט באַמערקט ווי הינדעלע דערלאַנגט די קאַווע מיט די באַבע־אַרבעס כאַצקעלען, און ווי נאָר זי האָט נאָכגערופן דעם וואַסער־טרעגער: „האָב אַ גוטן שבת!" האָט אַבעלע זיך צוגעשאַרט צו איר מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. הינדעלע האָט אין איר אַריינגעשיט אַ פּאָר אַרבעס און אים אויך דערלאַנגט אַ ביסל קאַווע, וואָס ער האָט אַראָפּגעשלונגען מיט גרויסע, הילכיקע שלוקן. דערנאָך האָט ער זיך איינגעבויגן און זיך אַרונטערגעשאַרט אונטער דער צעראַ־טענער פּלאַנדעקע. ער האָט צוגעדעקט די קינדערס הענט אויפן פייערטאָפּ מיט זיינע ריזיקע דלאָניעס און זיי האָבן גענומען זיך אויסשמועסן מיט אים „אויף זיין לשון".

בעת אַבעלע האָט אויף זיי געגלאָצט, האָט הינדעלע דערקלערט די קינדער, אַז אייגנטלעך לאַכט אַבעלע נישט, נאָר אַז אַט אַזוי איז געווען אויסגעשניטן זיין מויל און זי האָט די קינדער שטאַרק אָנגעזאָגט נישט חוזק צו מאַכן פון אים.

זי האָט געפונען אַ טיפן, פאַרבאָרגענעם זינען אין אַבעלעס פּלאַפּלערייען. זי האָט בכלל געזען עפּעס פאַרהוילן־מיסטישס אין אים, אין זיין אויסזען, אין זיין מגושמדיקער הייך, אין זיין אומבאַקאַנטן אָפּשטאַם. צו מאָל האָט זי געהאַט אַן עוקץ פון אַ פאַרדאַכט, וואָס זי האָט געטיילט מיטן מקובל, ר' סענדערלען, אַז אַבעלע איז געווען אַ גולם וואָס עפּעס אַ גרויסער צדיק האָט באַשאַפן דורכן שם־המפורש און אים אונטערגעוואָרפן אין באָטשאַני צו דערפילן אַ געהיים שליחות, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום קץ און צו ביאת־המשיח. איז זי, הינדעלע, דען נישט געווען דערביי אין ר' סענדערלס קרעמל, ווען אַ ייִד איז אַריינגעקומען פרעגן צי מען מעג אַבעלען צורעכענען צו אַ מנין, צי נישט, און ר' סענדערל האָט געענטפערט: „סע ווענדט זיך..."?

די מעשה וועגן גולם האָט אָנגעגליט הינדעלעס ייִנגערן זון, יעקבס דמיון, און ער האָט זי נישט צו רו געלאָזט מיט כּל־מיני קשיות וועגן גולם. האָט הינדעלע אים און די איבעריקע קינדער דערציילט וואָס זי האָט געוווּסט, הגם די קינדער זיינען נאָך געווען צו יונג צו פאַרשטיין און זי אַליין איז נישט געווען קיין בקי אין אַט די ענינים. אָבער זי האָט געוואָלט אויפוועקן אין זיי די ערשטע נצוצות, דעם חוש פאַר דעם פאַרהוילענעם, בפרט אַצינדער, אַ פּאָר שעה פאַרן אָנקומען פון שבת.

„דו פרעגסט פאַר וואָס אָדם־הראשון איז אויך געווען אַ גולם?" — האָט זיך איר קול צעשאַרכט מיט דעם באַזונדערן ניגון וואָס עס האָט אָנגענומען ווען זי האָט דערציילט אַ מעשה. „דאָס איז דערפאַר וואָס דער רבונו־של־עולם האָט אָדם־הראשונען באַשאַפן אויף דעם זעלבן אופן ווי דער צדיק באַשאַפט אַ גולם.

פון ליים, פון דער ערד אים אויסגעקנעטן. דערפאַר הייסט ער דאָך אָדם, פון דער אַדמה. און אין דעם אַדמה־בערגל, וואָס ער האָט צוזאַמענגעשאַרט, האָט דער רבונו־של־עולם אַריינגעהויכט זיין אָטעם און אים לעבעדיק געמאַכט. אָבער איידער אָדם־הראשון האָט געהאַט גאַטס אָטעם אין זיך, איז ער געווען אַ גולם".

„און ווען האָט אָדם געקראָגן אַ נשמה?" — האָט יעקב געפרעגט.

„ער האָט זי געקראָגן", האָט זי געענטפערט, „צוזאַמען מיטן אַלמעכטיקנס אָטעם, האָט ער זי געקראָגן".

„און אַ גולם האָט נישט קיין נשמה, מאַמעשי?" — האָט יעקב געפרעגט.

„אפשר האָט ער יאָ... אָבער אַן אַנדער סגאַל... ווייל דער הייליקער צדיק וואָס באַשאַפט אים, כאָטש ער ניצט דערביי דעם שם־המפורש, איז סוף־כל־סוף אַ מענטש, אַ בשר־ודם, און זיין באַשאַף קאָן נישט זיין דאָס זעלבע וואָס דעם רבונו־של־עולמס. ווי למשל דער רבונו־של־עולם און דער הייליקער צדיק וואָלטן בעת־מעשׂה געשטאַנען אויפן זעלבן לייטער, נאָר דער רבונו־של־עולם אויפן סאַמע אייבערשטן שטאַפּל און דער צדיק אויפן סאַמע אונטערשטן".

„דאָס הייסט, אַז אַבעלע האָט אַ סאַמע אונטערשטע נשמה", האָט הינדעלעס עלטערע טאָכטער, גיטעלע, אויסגעפירט.

אַבעלע האָט געוווסט, אַז די רייד זיינען וועגן אים. איז הגם ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, האָט ער זיך געהאַלטן באַרופן אַריינצוּוואַרפן זיין מיינונג.

„ניין, אַבעלע אַ צדיק..." האָט ער זיך אָפּגערופן.

„ניין, ניין", האָט הינדעלע איבערגעחזרט ווי זי וואָלט אים נאָכגעזאָגט, און האָט געשמייכלט אַן אומבאַקוועם שמייכעלע. האָט זי צעטומלט די קינדערס מחשבות? מן־הסתם. אָבער זי האָט זיי בלי־ספק אָנגערעגט אויך. זי האָט פאַרגעזעצט מיט מער קלאָרקייט: „אַבעלעס נשמה איז פּראָסט און פּשוט אַנדערש פון אונדזערער. דערפאַר פאַרשטייען מיר אים נישט. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שליחותן ער האָט דאָ אויסצופירן? ווייל איידער דער אמתער משיח, משיח בן־דוד, 'עט אָנקומען, 'עט אַן אַנדער משיח זיך באַווייזן פאַר אים, משיח בן־יוסף, און... און דער דערפאַר דאַרפט מען האָבן דרך־ארץ פאַר אַבעלען. נאָר אַז מען איז אַליין אַ נאַר, קאָן מען רופן אַבעלען־נאַר, — אַ נאַר. אָבער אַ סך מענטשן זענען אַזוי. טאָמער פאַרשטייען זיי עפּעס נישט, זאָגן זיי, אַז עס איז נאַריש. טאָמער פאַרשטייען זיי עמעצן נישט, זאָגן זיי, אַז ער איז אַ שוטה, אַ גולם, עץ פאַרשטייט? ס'איז גאָרנישט אַזוי לייכט צו וויסן ווער עס איז אַ חכם און ווער אַ נאַר".

„אָבער פאַר וואָס איז אַבעלע אַזוי גרויס?" — האָט גיטעלע געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי האָט פאַרשטאַנען יעדער וואָרט וואָס איז געקומען פון איר מאַמעס מויל, און אַז זי איז געווען פונקט אַזוי אַריינגעטאָן אין דער מעשׂה ווי יעקב, צי איר עלטערער ברודער, שלום, וועלכער האָט שווייגנדיק זיך איינגעהערט אין דער מאַמעס רייד.

„איך ווייס נישט פאַר וואָס", האָט הינדעלע מודה געווען. „ווען עס קומט צו אַזעלכע ניסתּרדיקע ענינים זענען די דערוואַקסענע פּונקט אַזוי אומוויסנדיק ווי די קינדער. איך ווייס נאָר, אַז אָדם־הראשון, ווען ער איז באַשאַפן געוואָרן, איז אויך געווען אַ גרויסער, אַזוי גרויס ווי פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן. דערפאַר זאָגט מען, אַז יעדער מענטש איז אַ גאַנצע וועלט. ערשט שפּעטער, ווען אָדם האָט אָנגעהויבן צו זינדיקן איז ער קלענער געוואָרן, איינגעשרומפּן. אָבער מיט אַ גולם געשעט, שמועסט מען, דאָס קאַפּויערדיקע. ער האַלט אין איין וואַקסן".

„'עט דאָך אַבעלע־נאַר ווערן נאָך אַ גרעסערער נאַר!" האָט גיטעלע אויסגערופן.

„אַבעלע אַ צדיק..." האָט אַבעלע זיך אַריינגעמישט, זיך צעגייזועט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

ווידער האָט הינדעלע זיך אומבאַקוועם צעשמייכלט, אָבער זי איז אָנגעגאַנגען מיט די רייד: „אונדז זעען מיר דאָס נישט, אָבער אויפן גולמס שטערן איז אָנגעשריבן דאָס וואָרט 'אמת'. און ווען דער גולם ווערט צו גרויס און צו שטאַרק און דער צדיק וואָס האָט אים באַשאַפן קריגט מורא פאַר אים, מעקט ער אָפּ דעם אַלף פון דעם וואָרט 'אמת' אויפן גולמס שטערן, און עס ווערט 'מת', וואָס דאָס מיינט טויט. און דאַמאָלס פאַלט דער גולם צוזאַמען און עס ווערט פון אים צוריק אַ בערגל ערד".

„און וואָס געשעט מיט דעם גולמס שליחות?" האָט איר יעקב איבערגעריסן.

„גאָרנישט. ס'לאָזט זיך אויס אַ בוידעם דערפון. ווייל עס געשעט מיט אַ מענטשנס טועכצער, אַפילו ווען ער איז אַ הייליקער צדיק, אַז ער באַשאַפט גרויסע זאַכן און מאַכט זיי אַליין דערנאָך קאַליע. פּונקט ווי די קו וואָס גיט אַ שיינעם שקאַפּיק מילך, דערנאָך קערט זי אים איבער מיט איין קאָפּע פון פוס. און איין מאָל איז טאַקע געשען, אַז אַ גולם איז געוואָרן אַזוי הויך און אַזוי גרויס, אַז דער באַשעפער זיינער, דער הייליקער צדיק, האָט נישט געקאָנט מער דערגרייכן צום גולמס שטערן, אויסצומעקן דעם אַלף אין דעם וואָרט 'אמת' און מאַכן דערפון 'מת', ווען ער האָט געוואָלט פון דעם גולם פּטור ווערן. טאָ וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט געהייסן דעם גולם, דעם משרת זיינעם, זיך איינבייגן און אים, דעם צדיק, אַראָפּצינען די שיך. דאַמאָלס האָט דער צדיק זייער שנעל אויסגעמעקט דעם אַלף פון דעם וואָרט 'אמת' אויפן גולמס שטערן, און אַזוי איז דער גולם צוריק געוואָרן אַ באַרג ליים. נאָר וואָס דען? ער איז געוואָרן אַזאַ שווערער באַרג ליים, אַז ווען ער איז אַרויפגעפאַלן אויפן צדיק, האָט ער אים צעקוועטשט, מען זאָל אָפּגעהיט ווערן, אויך טויט. איז אפשר דערפון געדרונגען, אַז דער רבונו־של־עולם האָט זיך אַריינגעמישט אין דער מעשה, כּדי צו לערנען די מענטשן, אַז אַפילו אויב מען איז אַ הייליקער צדיק און מען באַשאַפט גרויסע

זאַכן, דאַרף מען פון זיך נישט בלאָזן, און נישט אַרומגיין מיט אַ פּאַרריסענער נאָז, ווייל יעדן איינעמס סוף איז דער זעלבער ווי דער סוף פון יעדן גולם״.

הינדעלע האָט פאַרפלאָכטן די הענט איבער איר שויס און באַטראַכט די פּנימער פון די קינדער. יאָ, זי האָט בפירוש איינגעזען, אַז ווי געוויינטלעך, האָט זי אויך דאָס מאָל צעטומלט די קינדער מיט אירע מעשׂיות. דאָך איז זי געווען צופרידן מיט זיך און מיט זיי. אירע רייד זיינען זיי נישט געווען אין גאַנצן קלאָר? איז וואָס? זאָלן זיי וויסן, אַז אין אָט דער וועלט איז נישט פאַראַן געווען אַזאַ זאַך וואָס זאָל זיין אין גאַנצן קלאָר. און די זאַכן וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין די קלאָרסטע, זיינען גראַד געווען די צום מערסטן פאַרוויקלטע און פאַרפּירע־רישע. זי איז אויך געווען ביי דער מיינונג, אַז צו קינדער מעג מען רעדן פּונקט ווי צו דערוואַקסענע. אַז וואָס זיי זיינען רייף געווען אויפצונעמען, האָבן זיי אויפגענומען און דאָס איבעריקע האָט אויף זיי קיין שום ווירקונג נישט געהאַט, נישט צום גוטן, נישט צום בייזן.

ווי זיי האָבן צוגעקוקט ווי אַבעלע־נאַר רוקט זיך צוריק צו זיין פריִערדיקן אָרט, לעבן יאָסעלען אַבעדאַלע, האָבן די קינדער באַמערקט דעם ארץ־ישׂראל־ייִד אָנקומען אין מאַרק, איינזאַמלען דאָס ארץ־ישׂראל־געלט. הגם דער ייִד האָט זיך ווייניק וואָס אונטערשיידט מיטן אויסזען פון אַנדערע שטעטלשע ייִדן, איז די קינדער אויסגעקומען, אַז ער איז געווען איינגעהילט אין אַ שלייער פון מידבר־שטויב און האָט געטראָגן דעם ריח פון ארץ־ישׂראלדיקע בשׂמים מיט זיך. האָט הינדעלע, וועלכע האָט אין בוידעמשטיבל, איבער דער מזוזה, געהאַט הענגען אַ פּושקעלע ווו זי האָט יעדער מאָל צום ליכט צינדן אַריינגעלייגט אַ קאָפּעקע „ליכט־געלט״ פאַרן ארץ־ישׂראל־ייִד, אָנגעהויבן צו דערציילן די קינדער מעשׂיות וועגן ארץ־ישׂראל און דער הייליקער שטאָט ירושלים, וועגן די אָבות־אבותינו און ווי אַזוי זיי האָבן געלעבט.

איידער וואָס־ווען, איז פון דעם געוואָרן אַ שפּיל אַזאַ. ווי נאָר עס האָט זיך אין מיטן פון הינדעלעס חומש־מעשׂיות באַוויזן אַן אינטערעסאַנטע פיגור אין דעם המון אויפן פּאַטשעיאַוו, ווי למשל דער שניידער און דער שוסטער, וועלכע האָבן זיך פריִער געקריגט און האָבן אַצינדער צוזאַמען אַוועקגעשפּרייזט צו זייערע וואַרשטאַטן, צי דער בלעכער, צי פישעלע דער קצב איז גראַד פאַר־בייגעגאַנגען, צי ר׳ לייבעלע יאַפּצאַק־פּרעסער, דער שמש פון דער שול — האָבן די קינדער, צוזאַמען מיט הינדעלען, זיי אין דמיון אַריבערגעטראָגן צו די זאַמדיק־שטייניקע געמערק פון ארץ־ישׂראל אין די אַלטע צייטן און זיי האָבן זיך גע־פּרוווט פאָרשטעלן וואָס יעדער פון די שכנים וואָלט דאָרט געטאָן און ווי ער וואָלט אויסגעזען.

שלום, הינדעלעס עלטערער ייִנגל, האָט זיך אָפּגערופן צום ערשטן מאָל, אָנווייזנדיק מיט דער גאָמבע אויף יאָסעלען אַבעדאַלע, וועלכער איז נאָך אַלץ

געשטאַנען אַנגעלענט אָן דעםביישטידל פון זיין קריידקלייטל. „אים וואָלט עד גאָר קיין ארץ־ישראל נישט אַריינגעלאָזט".

„פאַר וואָס דאָס?" האָט הינדעלע אַ דערשטוינטע אָנגעקוקט דעם זון.

„דערפאַר ווייל עד קאָן אים נישט ליידן. ער האָט אַ בייז פּנים און צו דיר רופט ער זיך קיין מאָל נישט אָפּ מיט קיין וואָרט".

„כ'בין דאָך אַן אשה, באַרישער קאָפּ", האָט הינדעלע מילד אַ זאָג געטאָן.

„אָבער אַז ד'זאָגסט אים גוט־מאָרגן, מעג ער דאָך ענטפערן, הע? טאָ וואָס פאַנפעט ער?"

„ווייל ער איז אַ רשע־מרושע!" האָט הינדעלעס עלטערע טאָכטער, גיטעלע, איינגעשטימט מיטן ברודער, הגם להיפוך צו זיין ערנצטקייט, האָט זי געכיכיקעט.

„חלילה!" האָט הינדעלע אויך געשמייכלט, זי האָט נישט קלאָר געוווסט פאַר וואָס. „ס'זענען נישטאָ קיין רשע־מרושעס".

„וואָס דען איז דאָ?" האָט גיטעלע שפּילעוודיק געפרעגט.

„אומגליקלעכע מענטשן זענען דאָ". הינדעלע האָט אַליין נישט געוווסט פאַר וואָס דער פייער־קאָמענדאַנט, פאַן וואַצלאַוו ספּאָקויני, איז איר אין דער רגע געקומען אויפן רעיון. די קינדער זיינען אַרויס מיט אַ געלעכטער און איבער־געהאַקט אירע משונהדיקע טראַכטענישן. זי האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל מיט אַ וואָרענונג, אַז יאָסעלע קאָן זיך אַ מאָל משער זיין, אַז זיי רעדן וועגן אים.

גיטעלע האָט ניט אויפגעהערט צו כיכיקען: „אָט דעם גרויסן בער, יאָסעלע אַבעדאַלע, רופסטע אומגליקלעכע מענטשן? ער מאַכט אַנדערע מענטשן אומ־גליקלעך מיט זיין געבייזער, דו ווייסט דאָס אַליין, מאַמעשי".

„טאָ וואָס מיינסטע, מאַמעשי, וואָלט יאָסעלע אַבעדאַלע געטאָן אין ארץ־ישראל?" האָט יעקב געפרעגט, פאַראינטריגירט.

„יאָסעלע אַבעדאַלע?" האָט הינדעלע זיך פאַרטראַכט. „ער וואָלט, דאַכט זיך מיר, געוועזן אַ נביא".

„אַ נביא!" זיינען די קינדער ווידער אַרויס מיט אַ פאַרשטיקט געלעכטער, מיט די הענט ביי די מיילער, און האָבן זייטיק געקוקט אין יאָסעלעס זייט, צו זען צי ער איז זיך נישט משער, אַז מען לאַכט אָפּ פון אים.

„יאָ, אַ נביא", האָט הינדעלע באַשטעטיקט אַנטשלאָסן. „ער זעט אויס ווי אַ נביא אויכעט".

די קינדער האָבן נאָך אַלץ געלאַכט. גיטעלע האָט פאַרריכט הינדעלען דאָס שייטל וואָס האָט זיך איר בעת־מעשה געהאַט אַ רוק געטאָן צו דער זייט און שלום האָט אָנגעקוקט די מאַמען מיט אַ חוזקדיקן בליק. „האָסט שוין אַ מאָל געהערט וועגן אַ נביא וואָס רעדט נישט אויס קיין וואָרט צו קיינעם?"

„יאָ, אַ שטומער נביא!" האָט די הייטערע גיטעלע אונטערגעכאַפּט.

„ווער זאָגט, אַז ער איז שטום?" האָט הינדעלע זיך נישט געלאָזט צעטומלען

פון די קינדער. „ר׳איז אַ שווייגער, נו? טאָ וואָס איז? פֿאַרגעסן נישט, אַז ער האָט זיבן קינדער אָן אַ מאַמען אויסצוהאָדעווען. און זאָרגן ענק גאָרנישט, אין זיך, אין זיין קאָפּ, רעדט ער שוין גאָר אַ סך״.

„וואָס הייסט אין זיך, אין זיין קאָפּ, רעדט ער?״ האָט גיטעלע אָנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר לאַכנדיקע אויגן.

„אין זיין נשמה רעדט ער״.

„פֿון וואַנען ווייסטע, מאַמעשי?״ האָט יעקב געפֿרעגט.

„ווייל אַ מענטשנס נשמה שווייגט קיין מאָל נישט״.

„אפילו נישט אין שלאָף?״

„אפילו נישט אין שלאָף״.

„אַ נשמה שלאָפֿט קיין מאָל נישט?״

„אוודאי נישט. האָסט דאָך געהערט. די נשמה איז גאָטס אָטעם און גאָט שלאָפֿט קיין מאָל נישט און הערט קיין מאָל נישט אויף צו אָטעמען״. דאָ האָט זיך הינדעלע געוואָנדן צו שלומען. „אויף דיר איז מיר אַ חידוש, שלום, דו ביסט דאָך אויך נישט פֿון די גרויסע רעדערס... דאַרפֿסטע דאָך וויסן״.

די הייטערע גיטעלע האָט איר איבערגעריסן און האָט זיך צעפּאַטשט מיט די הענט. זי האָט אָנגעוויזן מיט דער גאָמבע אויפֿן מאַרקפּלאַץ וווּ אַ גוייִשע לוויה האָט פֿאַרבייגעצויגן. „הייבט אייַנער, מאַרגן צען!״ האָט זי אויסגערופֿן.

איר שוועסטערל שיינדעלע איז אויך לעבעדיק געוואָרן און זיך צעפּאַטשט מיט די הענט. הינדעלע האָט אויף זיי אָנגעשריגן: „הערטץ אויף, די רגע! ס׳אַ זינד צו שעלטן די גויים״. זי האָט אַ זאָג געטאָן צו די ייִנגלעך, „זיי זענען אויך אין גלות. זיי בענקען אויך נאָך משיחן. און אַז ער׳ט קומען, ט׳ער מוזן קומען צו אַלעמען, אויב נישט, ׳עט קיינער נישט אויסגעלייזט ווערן, קיינער...״ זי האָט זיך ווידער אַ קער געטאָן צו די מיידעלעך. „צ׳ווילט, אַז מאַנקע די וועשין, צי בראָנעק און מאַרישאַ זאָלן שטאַרבן?״ די מיידעלעך האָבן געקוקט אויף איר, זיך צעפינטלט מיט די אויגן און געשאָקלט מיט די קעפּ אויף ניין.

הינדעלע האָט זיך פֿאַרנומען צו דערציילן די קינדער וועגן גויים און ייִדן, וועגן מענטשן און וועגן דער וועלט בכלל, און וועגן זייער שטעטל באָטשאַני בפרט. זי האָט געניצט פּשוטע ווערטער, אָבער האָט זיך געגעבן די מי, אַז זיי זאָלן קלאָר אָפּשפּיגלען אירע מחשבות וועגן לעבן, איר בילד פֿון דער וועלט. דאָס שטעטעלע באָטשאַני איז, למשל, אין גאַנצן, ווי עס גייט און שטייט, איר אויסגעקומען ווי עפּעס אַ נישט-רעאַלער מקום, ווי אַ מין מאַסקע איבער אַן אַנדערער ניסתּרדיקער אָרטשאַפֿט. זי האָט געזען גוואַלדיקע סימנים אין די פּשוטסטע געשעענישן אין באָטשאַני. און ווי זי האָט אַזוי געשפּונען דעם פֿאָדעם פֿאַר אירע קינדער וועגן אַלץ וואָס איז אמתדיק און נישט-אמתדיק, וואָס עס איז דאַכטעניש און איז נישט קיין דאַכטעניש אין אָט דער ממשותדיקער און אַזוי נישט-ממשות-

דיקער וועלט, האָט דער קליינער יעקב אויפגעהויבן צו איר די אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי צוויי קליינינקע שיסעלעך פולע מיט ברוינעם האָניק.

„ד׳מיינסט צו זאָגן, מאַמעשי, אַז איך בין אפשר אויך נישט אויף אַן אמת איך אַליין?״ האָט ער אַ פרעג געטאָן.

„ווער ווייסט?״ האָט הינדעלע סודותדיק געשמייכלט. „ס׳קאָן גריילעך געמאָלט זיין, אַז דער רבונו־של־עולם איז עפעס באַזונדערס אויסן געווען מיט דיר, וואָס דו ווייסט אַליין נישט. אפשר ביסטע געקומען אויף דער וועלט צו דערפילן אַ גרויס שליחות, נישט ווי אַ גולם, נאָר ווי אַ מענטש... און ער׳ט עס דיר מגלה זיין ווען ד׳עסט אם־ירצה־השם בר־מיצווה ווערן, צי אַ ביסעלע שפעטער אַריין... און דיין נשמה ט׳באַנייט ווערן״.

„אָבער דו, מאַמעשי!״ האָט יעקב אויסגערופן מיט אַן אונטערטאָן פון פאַר־צווייפלונג אין קול. ס׳האָט זיך אים גיכער געגלוסט צו וויינען, ווי זיך צו פרייען אויפן געדאַנק פון האָבן אַ באַנייטע נשמה. „דו מוזסט זיין ראַכטיק! אין גאַנצן ראַכטיק!״

„אוודאי בין עך״, האָט זי אים באַרויִקנדיק געקלעפּלט איבער דער קני. „דו ביסט אויך אין גאַנצן ראַכטיק. אַלץ איז אין גאַנצן ראַכטיק און נישט אין גאַנצן ראַכטיק אין דער זעלביקער צייט״. זי האָט בשום־אופן נישט געקאָנט אים זאָגן עפעס אַנדערש ווי זי האָט געפילט. אַנשטאָט דעם, האָט זי גענומען אים אויפקלערן די פאַרכטיקע פראַכט, דעם גוואַלדיקן, אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן זינען פון דעם „נישט־ראַכטיק״ זיין, הגם זי האָט געוווּסט, אַז ער איז נאָך געווען צו יונג צו באַגרייפן דאָס אַלץ וואָס זי איז אויסן געווען אים איבערצוגעבן. לסוף האָט זי זיך ברייט צעשמייכלט צו די קינדער, מיט אַ שמייכל וואָס זיי האָבן זינט אַ לאַנגער צייט נישט געהאַט געזען אויף איר פנים און האָט פאַרענדיקט: „אָבער איין זאַך איז אין גאַנצן ראַכטיק און נישט נישט־ראַכטיק!״

„וואָס איז?״ האָבן די קינדער צוזאַמען אויסגערופן.

האָט זי זיי געענטפערט: „אַז עך האָב ענק ליב״.

איינעם נאָכן אַנדערן האָט זי זיי אַרומגעהאַלדזט, בעת זיי האָבן געהאַלטן אויף איר די צעשטראַלטע אויגן. זי איז זיי געווען דאַנקבאַר פאַרן זיצן מיט איר, פאַר העלפן איר אָנהאַלטן דאָס רויִקע געמיט פון אָפּגהאַרציקער דערוואַרטונג אויפן אָנקום פון שבת. זי האָט טאַקע אין אָט דעם אויגנבליק באַמערקט דעם שמש אַרומגיין מיטן העמערל און קלאַפּן אין די לאָדנס, רופנדיק צו שליסן און גרייטן זיך צו די יום־טובדיקע רגעס. די שכנים אויפן פּאַטשעיאָוו האָבן זיך אַ נעם געטאָן צום פאַרמאַכן די קרעמלעך. דער ווינט האָט אויסגעזען צו האָבן נאָכגעלאָזט פון דער בייסיקייט, דער רעגן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מילד קאַפּען. הגם ס׳איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג אומעטום, איז דער טומל אויסגעקומען ווי איינגעשטילט; ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך געווען גרייטן אויפצונעמען דעם

יום־טובדיקן גאַסט, די מלכּה שבת, וואָס דער שאָרך פון אירע זיידענע פּאַנטאָ־פּעלעך וועט זיך אָט באַלד דערהערן.

הינדעלע האָט געלאָזט די קינדער אונטער דער צעראַטענער פּלאַנדעקע, און האָט זיך פאַרנומען מיטן שליסן דאָס קרעמל.

יעקב האָט באַגלייט דער מאַמעס יעדער באַוועגונג מיט די אויגן. ער האָט געטראַכט וועגן די בושלען. ער האָט געפלעגט זיי מקנא זיין, וואָס זיי האָבן פליגל און קאָנען זיך אויפהייבן אַזוי הויך; און ווינטער, ווען די ערד איז איינגעקלאַמערט אין אייזיקע קלאַמערס פון פראָסט, מוזן זיי נישט זיצן אין דער נעסט, נישט זיין פאַרשטעקט אין די לעכער, ווי די ווערעם, צי להבדיל די מענטשן פון באַטשאַני, נאָר זיי פליִען אַוועק דאָרט וווּ ס׳איז וואַרעם. — איצט איז אים אויסגעקומען, אַז די מאַמע זיינע איז געווען פּונקט ווי אַ מאַמע־באַטשאַן, אַז ער און זיינע ברידער און שוועסטערלעך זיינען געווען אירע קינדער־באַטשאַנעס וועמען זי האָט געלערנט, אַז זיי מוזן נישט איבערווינטערן אויף דער ערד, אין דער בלאָטע און אין עיפּוש און זיין ווי ווערעם, נאָר אַז זיי קאָנען צוזאַמען מיט איר זיך אויפהייבן מיט דער נשמה און אַוועקפליִען אַהין וווּ עס איז וואַרעם.

4

יעקב האָט אַ סך אַריינגעטראַכט אין דער מאַמעס רייד. ווי לאַנג עס איז נאָך געווען וואַרעם און דאָס דאַכפענצטער איז געשטאַנען אָפן ביי נאַכט, איז יעקב געלעגן אויפן שטרויִשעניק אונטערן פענצטער, צוזאַמען מיט זיין ברודער, שלומען, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער מאַמעס ווערטער זיינען ווי גליוורעמ־לעך וואָס בליצן און פינקלען אין דער טונקל אַרום אים. די ריחות וואָס האָבן אַרויפגעשמעקט פון די נאַנעס׳ גאָרטן זיינען געווען פאַרשיכּורנדיק. אָפּט מאָל האָט די לבנה אַריינגעשיינט דורכן פענצטער גלייך אין די אויגן. ווייסע וואָלקנס, ווי זיילעכלעך רויך, האָבן זיך געוויקלט און געדריוולט איבערן גראַנאַטענעם הימל.

„זיי פרווון שרייבן די אותיות פון אַ ניסתרדיקן אַלף־בית", האָט יעקב צו זיך געזאָגט. ער האָט אַדורכגעקוקט דורך די שווימענדיקע אותיות און אים איז אויסגעקומען ווי דער הימל וואָלט זיך אויפגערוקט ווי אַ פּירהאַנג און אונטער אים איז געווען אַן אַנדערער פּירהאַנג, און דערנאָך נאָך אַן אַנדערער. אַן אומקלאָרע בענקעניש האָט זיך ווייפּול צענאָגט אינעם האַרצן: צו דערשלאָגן זיך צו דעם לעצטן, סאַמע לעצטן פּירהאַנג, זען ווי ער רוקט זיך אויף — און אַריינקוקן אין דער גרויליק־פראַכטיקער טיף פון באַשעפערס פאַרבאָרגנסטן סוד.

אָבער אין קאַלטע נעכט האָבן דער מאַמעס רייד אָנגענומען אַ גאָר אַנדערן באַטייט. די קעלט האָט געבראַכט אויפן רעיון סיי דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער,

סיי דעם קומענדיקן. יעקב האָט זיך דערמאָנט דעם פראָסט און שניי וועלכע האָבן ממשותדיק באַקליידט די וועלט מיט אַ ניי פּנים. אַלץ האָט אויסגעזען פאַרענדערט. שיין און בייסיק־פראָסטיק. אַז ער האָט זיך מיט נאָך אַ פּאָר חדר־יינגלעך אַרויפגעכאַפּט אויפן בעלפערס שליטעלע און מען האָט זיך אַהיימגעגליטשט פון חדר, מיט די צעצונדענע לאַמטערנדלעך אויף די שויסן, האָבן די טונקעלע געסלעך מיט די ווייסע וועגן, די ווייסע הייזקעס מיט די שוואַרצע באַזילבערטע שויבן צעשימערטע פון פראָסט, מיטן אָפּשיין פון די נאַפטלעמפּלעך אין די שטיבער — געשאַפן אַ בילד וואָס האָט דירעקט באַשטעטיקט דער מאַמעס רייד. גאַנס וועלט האָט פאַרמאַגט שיכטן און שיכטן פון וואָרהאַפטיקייט. יעדער זאַך אין אַט דער וועלט האָט פאַרמאָגט פּרצופים אויף פּרצופים, מאַסקעס אויף מאַסקעס... מסתמא דעם מענטשנס פּרצוף אויך — פאַרשלייערט מיט שלייערן — איינער איבערן אַנדערן.

האָט זיך יעקב אין אַזעלכע קאַלטע נעכט געטוליעט צום וואַרעמען לייב פון זיין ברודער שלומען און געקוקט ווי די קאַלטע לבנה, גאָר אַן אַנדערע ווי די זומערדיקע, שימערט דורך דער שויב מיט פראָסטיקע שטראַלן. איר אָפּשיין האָט זיך פאַרגנבעט צום עמער מיט וואַסער און אים פאַרצויגן מיט אַ זילבערטישטעכל, אַ דינעם שיכט אייז איבערן וואַסער, ווי זי וואָלט עס געוואָלט פאַרטוליען, האַלטן וואַרעם מיט איר קעלט. אַ מויז האָט אונטער דער פאַדלאָגע ערגעץ אַנגסטיק געגריזשעט דאָס האָלץ, ווי זי וואָלט זיך וועלן אַרויסגריזשען פון דעם פראָסטיקן שוידער וואָס האָט זי אַרומגעהאַלדזט.

יעקב האָט זיך געטרייסלט אונטערן איבערבעט, דאָס פּנים פאַרדעקט ביז צו די אויגן מיט דער דערע. אַזוי האָט ער געקוקט אויף די חפצים אין שטוב און געזען ווי אויך זיי האָבן פאַרלוירן זייערע טאָג־טעגלעכע פּרצופים אין דער לבנה־געוואַשענער פינצטערניש און האָבן זיך באַקליידט אין אַ נייעם לבוש. זיי האָבן אויסגעזען ווי באַלעבטע משונהדיקע בעל־חיים, ווי זיי וואָלטן פאַרמאָגט נשמות וואָס האָבן אים געלאָקט און האָבן געזאָגט צו אים אויף אַ פרעמד און דאָך פאַרשטענדלעך לשון: „אפילו דאָס איז נישט אונדזער ראַכטיק פּרצוף".

כּדי זיך צו באַרויִקן, האָט ער, לויט די אָנווייזונגען פון זיינע עלטערע חברימלעך, זיך פאַרגעשטעלט דעם שם־המפורש אין פייערדיקע אותיות, הגם די חברימלעך האָבן בפירוש געזאָגט, אַז מען טאָר דאָס נישט טאָן אויפן געלעגער. און סיי ווי האָט עס נישט געהאָלפן. האָט יעקב שטילערהייט — אַז דער טאַטע און איטשעלע זאָלן נישט דערהערן — זיך אַריינגעשלייכט אין בעט ווו די מאַמע איז געשלאָפן מיט די צוויי שוועסטערלעך צופוסנס. זי האָט אים איינגעדעקט און גלייך איז אים אויסגעקומען מאָדנע וואָס ער האָט זיך אַזוי דערשראָקן. וואָס איז דאָ געווען זיך צו שרעקן, אַז די מאַמע איז געווען דערלעבן? און ער איז איינגעשלאָפן אַזוי — און אין חלום אויף ס'ניי און גאָר אַנדערש איבערגעלעבט דער מאַמעס רייד.

היינט ביי נאַכט האָט געכליאָפּעט אין דרויסן. ס'האָט אַריינגערעגנט דורכן דאַך. הינדעלע האָט אַריינגעפּאַקט אַלע פיר געזונטע קינדער אין איר בעט, די מיידלעך צופוסנס, די יינגלעך צוקאָפּנס; ווייל אין אָט דעם בעט האָט די שיסל וואָס הינדעלע האָט אונטערגעשטעלט אויפצוכאַפּן דעם רעגן זיך געהאַלטן פעסטער אין איבערבעט. זי האָט פונאַנדערגעשטעלט טעפּ און שיסלען איבער דער שטוב און אַליין האָט זי זיך מיט אַ פּאַטעלניע אויפן בויך אָוועקגעלייגט אויפן שטרויזעקל אונטערן פענצטער.

דער רעגן האָט געפּויקט און געקלימפּערט איבערן דאַך, איבער די שיסלען, דעם מעבל, דער פּאָדלאָגע. יעקבן איז אויסגעקומען ווי טויזנטער שדים וואָלטן געקלאַפּט מיט הוילע טויטנביינער, גרייט זיך אַריינצורייסן אַהער. און ער האָט אויפגעהערט צו וויסן צי ער שלאָפט, צי ער איז וואַך, צי ער חלומט, צי ער איז גאָר אַליין אַ חלום אין עמעצנס שלאָף. די גרענעץ צווישן דעם וואָס איז וואָר און וואָס איז נישט, איז לגמרי אָפּגעווישט געוואָרן.

יעקב האָט געהאַלטן די אויגן פעסט געשלאָסן. דערנאָך האָט ער זיי געעפנט. ער האָט דערזען דעם טאַטן זיצן לעבן אויוון. דאָס ליכטל איז געווען אָנגעצונדן און איז געשטאַנען אין אַ בראָטפּאָן אויף דער באַנק. דערלעבן האָט דער טאַטע, אַ ווייס־פּנימדיקער, מיט אַן אויסגעקראַכענער טונקעלער באָרד, זיך געוויגט איבער אַ ספר אויף די קני. אַש איז געלעגן אויף זיין קאָפּ. דער טאַטע האָט געכליפּעט אַ רעגנדיקן כליפּ. דעם טאַטנס טרערן האָבן געקלאַפּט אין דאַך, אין די פּאַנען, אין די טעפּ און שיסלען אַרום. און די שדים האָבן אָפּגעענטפערט מיטן קלאַפּן פון די טויטנביינער. דער טאַטע האָט געקלאָגט אויפן חורבן בית־המיקדש, אויף דער שכינה וואָס איז אין גלות, אויף דעם צער און דעם ווײ פון עם־ישראל. און ער, יעקב, האָט זיך מער נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און געוויינט, מיט אַ שפּיץ פון קישן פאַרשטופּט אין מויל.

„האָטץ רחמנות אויף מיין טאַטשי...‟ האָט ער זיך געבעטן ביי די שדים. „טוטץ נישט קיין עוולה מיין טאַטשי...‟

אָבער אַז ער האָט געגעבן נאָך אַ קוק צום ווינקלביים אויוון, האָט ער דורך די טרערן דערזען, אַז דאָס איז גאָרנישט דער טאַטע זיינער וואָס וויגט זיך איבערן ספר — נאָר דאָס איז דער מלאך־המוות אַליין, וואָס קוקט אַריין אין זיין בוך פון נעמען... און זוכט וועמעס נאָמען אויסצושטרייכן. יעקב האָט זיך נאָך מער צעכליפּעט. ביז די מאַמע וועלכע איז געלעגן אַ וואַכע האָט אים דערהערט. זי איז צוגעקומען צום בעט, אַריינגענומען אים אין די אָרעמס און אים צוגעטראָגן צום שטרוישעניק. זי האָט אים איינגעטוליעט לעבן דער וואַנט ווו ס'איז געווען טרוקן און זיך אָוועקגעלייגט לעבן אים מיט דער פּאַטעלניע אויפן בויך, איבער דער דערע.

„שאַ... וויין נישט..." האָט זי אים מיט אַ קוים הערבאַרן פליסטער באַרויִקט. „דער טאַטע וויינט שוין פאַר דיר אויכעט".

ס'איז געווען מאָדנע, אָבער יעקבן איז קיין מאָל נישט איינגעפאַלן צוצוגיין צום טאַטן, צי צו איטשעלען, דעם עילוי, זיך אָוועקזעצן לעבן זייער בעט און זיי פרעגן וועגן די אַלע זאַכן וואָס האָבן אים געפּייניקט, און לאָזן זיי דערקלערן די אַלע רעטענישן וואָס ער האָט אָנגעגעגנט וואָס עלטער ער איז געוואָרן. דער טאַטע און איטשעלע זיינען געווען צוויי צדיקים וועלכע האָבן געהויזט מיט דער משפחה נאָר מיט זייערע גופים. זיי זיינען געווען ווי געסט פון אַן אַנדערער וועלט, אַ וועלט פאַר זיך. זיי האָט מען געקאָנט נאָר באַוווּנדערן און באַדינען. זייער חלאת האָט אויסגעזען כמעט נאָרמאַל. ס'האָט כמעט אויסגעזען נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן נפטר ווערן. ווייל דער רבונו־של־עולם האָט זיי אַראָפּגעשיקט אַהער נאָר אויף אַ קורצער צייט, כדי צו לאָזן וויסן דעם בן־אָדם צו וואָס פאַר אַ מדרגה ער וואָלט זיך געקאָנט דערהייבן — און אויך כדי אָנצוטאָן כבוד הינדעלען און אירע אַנדערע קינדער, מיטן לאָזן לעבן אַט די צוויי צדיקים אין זייערע דלד אמות, און זיי באַשענקען מיט אַ ליכט אויפן גאַנצן לעבן אַרויס.

האָט יעקב געטראַכט ליבערשט אַ פרעג צו טאָן ר' סענדערלען דעם מקובל וועגן די ענינים וואָס האָבן אים געפּייניקט. ר' סענדערל האָט גערן געהאַט קינדער און האָט זיי תמיד אויפגענומען מיט אַ ברייטן שמייכל. אָבער ר' סענדערל, הגם ער האָט זיך באַצויגן צו יעקבס שאלות מיט גרויס ערנצט, האָט זיך געוויינט־לעך אַריינגעלאָזט אין דערציילן מעשיות, וואָס זיינען טאַקע געווען אַטעם־פאַר־כאַפּנדיק — אָבער זיי האָבן נאָך מער פאַרפּלאָנטערט יעקבס רעיונות, ווי זיין מאַמעס מעשיות.

איז געבליבן צו טאָן די פּשוטסטע זאַך: אַ פרעג טאָן דעם מלמד אין חדר. יעקב האָט גערן געהאַט דעם מלמד. אמת, ער האָט אָפט געשריגן און זיך געבייזערט אויף דער חבֿרה חדר־יִינגלעך, אָבער די גרעסטע שטראָף וואָס מען האָט באַקומען פון אים איז געווען אַ קלעפּל איבער די פינגער, אַ קנייפּ אין דער באַק, אַ צי ביי אַן אויער, צי ביי דער נאָז, וואָס דאָס האָט אין דער אמתן נישט ווי געטאָן. די בעסטע געלעגנהייט צו פרעגן דעם רבין אַזעלכע קשיות איז געווען לג־בעומר, אין פרילינג, ווען מען איז געגאַנגען מיטן רבין אַרויס אויף די פעלדער וואָס האָבן געהערט צום האָלץ־סוחר. דעמאָלט איז דער רבי געווען גוט אויפגעלייגט און ער האָט זיך נישט געבייזערט ווען די יִינגלעך האָבן אים געשטעלט די ווילדסטע קשיות. און דער רבי וועט דאָך וויסן וואָס עס שטייט געשריבן אין דער תּורה שוואַרץ אויף ווייס וועגן דעם וואָס איז „ראַכטיק" און „נישט־ראַכטיק" — ווי למשל לעבן און טויט.

אָבער ס'איז נאָך געווען גאָר ווייט ביז פרילינג. ס'איז ערשט געווען נאָך

תישעה־באב. די אויערן זיינען נאָך פול געווען מיטן יאָמער אויפן חרוב ווערן פון בית־המיקדש, פון ירושלים, און אויף אַנדערע קאַטאַסטראָפעס אין ייִדישן עבר. שלום, דער עלטערער ברודער, האָט באַנוצט נייע ווערטער: „ניגלה״ און „ניסתר״. ער האָט גערעדט וועגן געטלעכע כוחות „עליונים״ און ערדישע „תחתו־נים״. דערנאָך האָבן די ימים־נוראים זיך גענומען אָנרוקן. אַלע וואָס האָבן זיך געקריגט און זיינען ברוגז געווען דעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן זיך איבערגעבעטן און זיך געווונטשן אַ גוט יאָר. דער קלאַנג פון שופר בלאָזן האָט גענומען פאַר־פּאַלגן די אויערן. דאָס שטעטל האָט תּפילה געטאָן און געזיפצט: „וויפל וועלן פאַרביי... וויפל וועלן אויפקומען... וועמען צום לעבן און וועמען צום טויט...״

אַ יאָמער האָט זיך געטראָגן פון בית־עולם, פון בית־מדרש, פון דער שול, פון שטיבלעך און שטיבער. דערנאָך האָט מען איבערן מאַרק, פאַרביי דעם פּאַטשעיאָוו, גענומען טראָגן ווייסע הענער צום שוחט, אָפּצושעכטן אויף כפּרות. פון שוחטס הויף האָט דער האַרבסטיקער ווינט אַנגעטראָגן אַ שניי פון ווייסע פעדערן...

יום־כיפּור איז אָנגעקומען. דער טאַטע און איטשעלע זיינען קוים זשיפּענדיק אַראָפּ פון געלעגער. די גאַנצע משפּחה, אויסער די קליינע שוועסטערלעך, איז אַוועק אין שול. ס׳איז געווען נאָך זון־אונטערגאַנג. די גאַסן און געסלעך זיינען געווען אָפּגעשטאָרבן, לער. גאַנץ באַטשאַני איז געווען אין שול. אינעווייניק זיינען וואַקסענע ליכט געווען אָנגעצונדן, האָבן אַרויסגעשטראַלט עפּעס אַ באַזונדער נישט־ערדיש ליכט. די טירלעך פון אָרון־קודש זיינען געשטאַנען אָפן. פּונקט ווי די אַנדערע ייִדן, האָט דער טאַטע געטראָגן אַ ווייסן קיטל. אַלע קעפּ זיינען געווען איבערגעדעקט מיט טליתים. דאָס האַרץ האָט געשווערט מיט אַ לאַסט... מיט אַ פאַרכטיקער אימה...

שטיל, שטיל האָט דער חזן אָנגעהויבן כּל־נדרי. זיין זיס, זיידן קול האָט זיך געוויקלט אין אַזאַ דינעם שאַרפן ווייטיק, אַז ס׳האָט אַזש אָטעם פאַרפּעלט. ווי אַ נאָדל האָט עס זיך אַריינגעשטאָכן גלייך אין האַרצן. און אַ קלאָג, אַ געשריי, יסורימדיק־שאַרף — און דאָך די מרירות פונאַנדערגעלאָזט אין דער זיסקייט פון בטחון און אמונה — האָט זיך אַרויסגעריסן פון די העלדזער.

דאָ דערלעבן איז געשטאַנען דער טאַטע. דער טלית איבער זיין קיטל האָט געפלאַטערט ווי אַ זעגל אין אַ שטורעמדיקן ווינט, זיין גוף האָט זיך געטרייסלט ווי דער שטאַם פון אַן אויסגעוואָרצלטן בוים. נאָך אַ רגע און דעם חזנס קול וועט אים אונטערכאַפּן און אַוועקטראָגן, ווי אויף דער שאַרף פון אַ שפּיז. דער טויט־בלייכער ברודער איטשעלע איז געשטאַנען דערלעבן, געציטערט, זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. דאָס מויל אָפן, האָט ער מיט אַלע כוחות געזופט... געזופט לופט, די אויגן פאַרגלאָצט צום הענגל־לייכטער. טרערן זיינען אים שטיל גערונען פון די אויגן. שלום, דער שטאַרקער, געזונטער ברודער וואָס האָט אונטער־

געהאַלטן איטשעלען, האָט אויך געוויינט. אַלע ייִדן פון באָטשאַני האָבן געכליפּעט. און די מאַמע איז געווען ווייט... אויבן, אין דער ווייבערשול איז זי געווען. און יעקב האָט אויך געוויינט און אין דער מוראדיקער אימה, אין האַרצן גערופן נישט „גאָט!", נאָר „מאַמע!".

דערנאָך האָבן דער טאַטע און איטשעלע זיך דערפילט גאָר שלעכט און אַ פּאָר ייִדן האָבן זיי אַהיימגעטראָגן.

אין דער היים זיינען דער טאַטע און איטשעלע ווידער געלעגן אין בעט. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען דעם מינדסטן ביסן אין מויל זיך צו דערכאַפּן דאָס חיות. די שטוב האָט געפאַסט. יעקב האָט אָנגערעדט די שוועסטערלעך, גיטעלען און שיינדעלען, און זיי האָבן אַלע דריי דערקלערט דער מאַמען, אַז זיי וועלן אויך פאַסטן. „דער טאַטשי זאָל געזונט ווערן און איטשעלע אויך".

הינדעלע האָט אָפּגעווישט די טרערן פון די אויגן און געזאָגט: „אַז צ׳ווילט אַזוי, זאָל זיין אַזוי". זי האָט זיך לאַנג פאַרטראַכט. דערנאָך האָט זי צוגעגעבן: „שאַטן קאָן עס ענק, חלילה, נישט. און אַ קרבן פון קינדער קאָן אַ מאָל לייכטער אָנגענומען ווערן..."

יעקב האָט זיך געשעמט מיט זיין גרויסן ווילדן הונגער. ער האָט געשלונגען דאָס שפּייעכץ בעת ער האָט צוגעקוקט ווי גיטעלע און שיינדעלע האָבן דעם גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג געהאַלטן אין איין טרינקען קעפיער. „דאָס איז דאָך נישט געגעסן", האָבן זיי זיך פאַרענטפערט פאַר דער מאַמען.

„אַוודאי נישט", האָט הינדעלע באַשטעטיקט און געגעבן יעדער פון זיי אַ רוי איי אויסצוטרינקען. „דאָס הייסט אויך נישט געגעסן", האָט זי זיי פאַרזיכערט.

יעקב האָט זיך צו גאַרנישט צוגערירט און פונקט ווי די דערוואַקסענע אָנגע־האַלטן דעם תענית. דערנאָך, ווען דער הונגער איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז יעקב האָט אים ממש אויפגעהערט צו פילן, און ווען דער יום־כיפּור האָט זיך דערנענטערט צו נעילה און די טויערן פון אַלמעכטיקנס חסד האָבן געהאַלטן ביים שליסן זיך — האָט דער טאַטע שטיל אויסגעהויכט די נשמה.

קאַפּיטל צוויי

1

הינדעלעס שכן אויפן פּאַטשעיאַוו, דער קריידהענדלער יאָסעלע אַבעדאַלע, האָט אויך געוווינט אויף דער גרענעץ מיט די גויִישע ווינערטער, נאָר ער האָט געוווינט צו צפון פון שטעטל, בעת זי האָט געוווינט צו דרום. דאָס איז צו באַווייזן, אַז אויך ער האָט נישט געהערט צום פּני. און הגם דאָס הייזל ווו ער האָט געוווינט איז געווען זיין אייגנס און ער האָט עס מיט די אייגענע צוויי הענט אויסגעבויט גלייך נאָך דער חתונה, האָט ער זיך מיט דעם שטיק אייגנטום נישט געגרויסט. ער האָט עס גערופן „די קנאַלבודע״.

יאָסעלע האָט געשטאַמט פון דורות ייִדן וואָס האָבן געצויגן חיונה פון די וועלדער לעבן די בייטייכן פון דער ווייסל — פון האָלץ; נישט חלילה ווי האָלץ־סוחרים, צי אַרענדאַרן, נאָר ווי האָלצהעקערס, פליטן־בינדערס, טראַטווע־און בערלינקע־בויערס, הייזער־בויערס און סטאָליערס.

יאָסעלע אַליין פלעגט אויף זיך זאָגן, אַז ער איז נאָך אין דער מאַמעס בויך געווען אַ סטאָליער. ער איז געקומען אויף דער וועלט מיט אַ ליבשאַפט צו האָלץ, צום ריח און באַריר דערפון. ער פלעגט אַנקוועלן פון דעם האָלצס נאָכגיביקייט צו זיין ווילן, צו זיינע הענט. און ס׳איז נישט געווען קיין זאַך, וואָס יאָסעלע איז נישט ביכולת געווען צוזאַמענצושטעלן פון האָלץ, צוזאַמענשטעלן אַזוי, אַז ס׳איז געווען לעולם־ועד — מאַסיוו, פעסט, פּונקט ווי ער אַליין איז געווען.

די צרה איז נאָר געווען וואָס אין באַטשאַני האָט זיך יעדער איינער אַלץ צוזאַמענגעשטעלט אַליין, אָדער בכלל נישט צוזאַמענגעשטעלט און געלאָזט די צעבראָכענע גראַטעס וואַרטן אויף משיחן, ער זאָל אויך זיי גאַנץ מאַכן. ווייל נישט צו רעכענען די פּאָר עשירים, איז דאָך דער אונטערשייד צווישן דעם גביר און דעם קבצן אין באַטשאַני געווען אַ נישטיקער. און אויב אין אַנדערע מקומות וואָלט אַ ייִד מיט יאָסעלעס „גאָלדענע הענט״ געקאָנט שאַרן גאָלד צוליב די אָפטע שׂרפות, האָט ער אין באַטשאַני געקאָנט שאַרן נאָר — מיצוות. נאָך אַ שׂרפה האָבן זיך די אָפּגעברענטע אַריבערגעקליבן אין הקדש און די געשווינטע האָבן מנדב געווען ברעטער און צוגעלייגט אַ האַנט אויפצובויען אַ נייע כאַלופּע. יאָסעלע גופא האָט מער ווי צוגעלייגט אַ האַנט. ער איז געווען דער גאַנצער

קאָפּ פון אַזאַ אונטערנעמונג. אָבער קיין פּרנסה איז אין דעם משא־ומתּן נישט געווען. און וואָס שייך די הייזער פון די עשירים וועלכע האָבן יאָסעלען יאָ מפרנס געווען אין זיין יוגנט, זיינען קיין נייע נישט צוגעקומען, ווייל זייערע חתונה־געהאַטע קינדער האָבן זיך געגומען באַזעצן אין די גרויסע שטעט, און האָבן זיי געדאַרפט עפּעס פאַרריכטן, האָבן זיי געגוצט דערצו עמעצן פון זייער באַטאַליע משרתים.

אָבער דער עיקר איז געווען וואָס יאָסעלע האָט זייער פרי אָנגעהויבן צו פאַרלירן די ראיה. דרויסן האָט ער נאָך גאַנץ גוט געזען, אָבער טאָן אַ געניי שטיקל אַרבעט אונטער אַ דאַך איז אים אָנגעקומען וואָס אַ מאָל שווערער. האָט ער בלית־ברירה געמוזט וואַרפן דאָס פאַך און זיך אָנכאַפּן אין וואָס עס זאָל נישט זיין.

און טאָן האָט ער דאָס געמוזט נישט לאַנג נאָך דער חתונה. ווייל זיין ווייב מרים, אָדער מאַרימל, ווי ער האָט זי גערופן, אַז זי האָט זיך, נאָך די ערשטע פיר יאָר אָן קינדער, גענומען צום קינדלען, האָט זי — ווי דער באַטשאַנישטער שטייגער איז געווען — אים גלייך אָנגעפּלאָדיעט אַ שטוב מיט זעקס מוידן און איין בנאָק. און אַזוי ווי דאָס איז, ווייזט אויס, געווען אַלץ וואָס איז איר געווען פאַרשריבן אויפצוטאָן אויף גאָטס ערד, האָט זי בעת דער קימפּעט מיט דער מיזינקע, בינהלען, זיך יונגערהייט געגעבן אַ טראָג אָפּ פון דער וועלט, נישט געקוקט וואָס יאָסעלע האָט גערירט הימל און ערד זי צו ראַטעווען.

אמת, ווען מאַרימל איז געווען געזונט און האָט בעסער ווי גוט פאַרענטפערט אַלע הצטרכותן וואָס אַן אישה האָט געדאַרפט פאַרענטפערן, האָט יאָסעלע אָסור געמאַכט אַ „צימעס" מיט איר. אָבער ווי נאָר דער מלאך־המוות האָט זיך אַ שטעל געטאָן איר צוקאָפּנס, האָט יאָסעלע זיך פאַרמאָסטן צו ראַנגלען מיט אים מיט אַלע מיטלען וואָס זיינען אַ ייִדן געגעבן געוואָרן.

ער האָט מנדב געווען ליכט מיט ליכט פאַר דער שול, געלאָפן מתפּלל זיין ביי די קברים פון אירע פרומע קרובים. ער האָט געשיקט אויסמעסטן די ווענט פון בית־הקברות און האָט פון ר' סענדערלען דעם מקובל און בעל־שם געבראַכט אַלע מעגלעכע קמיעות און אָפּשפּרעכענישן. ער האָט געזען, אַז מען זאָל איר געבן דעם שליסל פון דער שול צו האַלטן אין דער האַנט, אַז מען זאָל איר דעם פּינקס פון שטעטל אַרונטערלייגן אונטערן קישן, אַז מען זאָל מיט קרייד אַרומצייכע־נען אַ ראָד אַרום איר בעט און מען זאָל עפּענען אַלע קנופּן פון אירע קליידער. און נישט געקוקט וואָס די ווענט פון שטוב זיינען געווען אויסגעקלאַפּט מיט קוויטלעך און אויף די שטריק אונטערן סופיט זיינען געהאַנגען די שיר־המעלות־בריוועלעך, און וואָס יאָסעלע איז אַוועקגעלאָפן צום סופר מיט דער מזוזה, זי איבערצוקוקן — האָט דאָס אַלץ נישט געהאָלפן. בדמיך חיי, אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן, איז געווען געשריבן. און מאַרימל, איז אין איר בלוט גאָר אויסגע־

גאַנגען און געבראַכט אויף דער וועלט — נאָך אַ מויד. זי האָט איבערגעלאָזט יאָסעלען „אַליין זעך צ'מאַרדעווען" און צו באַשאַפן ברויט — פון קרייד. ווייל יאָסעלע האָט איבערגענומען דאָס מיסחר וואָס זי האָט געהאַט באַקומען בירושה: דאָס קלייטל פון קאַלך און קרייד אויפן פּאַטשעיאַוו.

ס'איז געווען דער דריטער יאָרטאָג נאָך מאַרימלס טויט. יאָסעלע האָט אָנגעצונדן אַ יאָרצייט־ליכט. פאַר טאָג, ווען עס איז נאָך געווען פינצטער דרויסן, איז ער אַוועק אין שול און דערנאָך אויפן גוטן־אָרט. אַחוץ דעם האָט זיך אָט דער טאָג מיט גאָרנישט נישט אונטערשיידט פון יעדן אַנדערן טאָג וואָס איז פאַרביי זינט מאַרימל איז געשטאָרבן. יעדער טאָג איז פאַר יאָסעלען געווען אַ טאָג פון טרויער.

אין יענער אומפאַרגעסלעכער נאַכט ווען די שׂרפה האָט זיך צעבושעוועט אין מאַנקע דער וועשינס הויז אויף יענער זייט שטעטל, איז געשען יאָסעלעס אומגליק מיט מאַרימלען. יענע נאַכט האָט נאָך אַלץ געפלאַקערט אין יאָסעלעס האַרץ און דער שטראָם פון צייט איז זי נישט ביכולת געווען צו פאַרלעשן. יעדער פרט פון יענער נאַכט, יעדע איר רגע איז געווען איינגעפּייערט אין יאָסעלעס זכרון אַזוי לעבעדיק — אַז אַצינד, ווי ער איז אַזוי געשטאַנען אויף דער שוועל פון זיין קלייטל און זיך געוויגט אַהין און צוריק, מיט די הענט פאַרפלאָכטן אויפן רוקן, האָט ער געקאָנט אָן שום מניעות אַרומוואַנדערן מיטן געדאַנק אין יענעם גיהנומדיקן, צעפלאַמטן חושך, מיט דריי יאָר צוריק.

ער האָט זיך געזען שטיין אין אַ ווינקל פון דער כאַלופּע. דאָס צימער פול מיט ייִדן, מיט ווייבער. זיינע אויגן זיינען געווען איינגעפלאָנטערט אין די פאַלדן פון דעם ווייסן פירהאַנג פון ליילעכער אין קעגן־איבערדיקן ווינקל. הינטער זיי, לעבן פענצטער, איז געלעגן מאַרימל און געגוססט. עס האָבן זיך מער קיין געשרייען נישט געהערט פון דאָרטן, נאָר שוואַכע קרעכצן וואָס זיינען פאַרשלונגען געוואָרן פון די קלאַנגען פון די תּהילימדיק־שלוכצנדיקע שטימעס. פּלוצעם האָט זיך צערעוועט דאָס אומגעריכטע קול: „געוואַלד! ייִדן, ס'ברענט!" דער עולם אין צימער האָט אַ שוידער געטאָן, זיך צעוויגט. פּנימער פאַרשטיינערט אין דער צעטומלטקייט. דערנאָך אַ געשריי: „די קינדער!" ווייבער זיינען אַרויסגעקומען צו לויפן פון הינטער דעם פירהאַנג פון ליילעכער.

דאָס איז געווען דער אויגנבליק ווען יאָסעלע האָט געזען מאַרימלען צום לעצטן מאָל, אויפן בעט לעבן פענצטער. די פלאַמען פון דער שׂרפה האָבן זיך געשפּיגלט אין די שויבן. אים איז אויסגעקומען ווי דאָס בעט וואָלט געשטאַנען אויף אַ פלאַקערנדיקן שייטער־הויפן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט ברייט־פונאַנדערגעריסענע אויגן. אויף אָן אויגנבליק איז ער געווען דאָס פאַרבלאָדזשעטע בחורל אין דער אַנדערער שׂרפה... דער שׂרפה בעתן פּאָגראָם. „מאַמע! מאַמע!"

האָט ער געשריגן. — אָבער ניין, ער איז מער נישט געווען קיין יינגל. ער איז געווען אַ מאַנספּאַרשוין. דער שותּף צו מאַרימלס גסיסה.

די שכנים פון געסל האָבן געהאַט אַריינגענומען זייערע קינדער צו זיך, כּדי זיי זאָלן נישט זיין קיין עדות צו זייער מאַמעס לייב־צערייסנדיקע רגעס פון ברענגען לעבן אויף דער וועלט. יאָסעלע איז געווען זיכער, אַז די שכנים וועלן אָפּהיטן די קינדער פּונקט ווי זייערע אייגענע. אָבער ווו איז געווען די שׂרפה? זאָל ער אַרויסטראָגן מאַרימלען מיטן בעט דרויסן אַרויס? נישט אַלע יידן זיינען אַרויסגעלאָפן פון דער כאַלופּע. אַ גרופּקעלע עלטערע בעל־תּפילות און לערנערס זיינען געבליבן. ער וועט דאָך נישט אַרויסשיקן קיינעם פון זיי אויסצוגעפינען ווו דאָס פייער איז געווען. זיי זיינען געווען עלטער פון אים און וויכטיקער דאָ מיט זייערע תּפילות ווי ער, מאַרימלס מאַן, דער פּראָסטאַק, דער גראָבער־יונג.

איז ער אַליין אַרויסגעלאָפן דרויסן. ס׳איז געווען אַ בייסיקע פּראָסטיקע נאַכט. „גאָט־זיי־דאַנק פאַר דער קעלט!״ האָט יאָסעלע געפּליסטערט צו זיך.

די שכנים האָבן נישט געוואַרט אויף קיין נסים. דאָס שטעטלשע קליינוואַרג, איינגעהילט, איינגעטוליעט אין קנוילן שמאַטעס, טיכער, שאַלן, האָבן זיך צעטומלטע, דערשראָקענע געטוליעט איינס צום אַנדערן און געוועט, פאַר־טויבט די לופט מיט געוויינען און פישטשערייען. מאַנספּאַרשוינען און יאָמערנ־דיקע, צעקרעכצטע יידענעס האָבן געוואָרפן פּעק מיט בעטגעוואַנט, מיט כּלים, גראַטעס, דורך די אָפענע טיר און פענצטער, געשלעפּט טישן, בעטן און אַנדערע מעבל־שטיקער דרויסן אַרויס. ווי נאָר ער איז פאַרביי בראַנטשעלע דער קלאָגערינס כאַלופּע, האָט יאָסעלע באַמערקט זיינע קינדער צווישן בראַנטשעלעס חברה קליינוואַרג. האָט ער געהאַט איין זאַרג ווייניקער. איצט האָט ער זיך אַ יאָג געטאָן. די פייערצונגען זיינען געקומען וואָס אַ מאָל נענטער אים אַנטקעגן. זיי זיינען געשפּרונגען צום הימל עלעהיי זיי וואָלטן געווען געלב, צי רויט־נעגלדיקע לאַפּעס, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרנומען אויסצודראַפּען די שטערן פון דער קלאָרער גראַנאַטענער טיפקייט איבערן קאָפּ.

ער איז אַדורך דעם מאַרקפּלאַץ וואָס האָט געברויעט מיט אויפגערעגט־איילנדי־קע שאָטנס. די לופט האָט געציטערט מיט געשרייען און יאָמעריי. אָט איז געווען די גאַס פון מאַנאַסטיר ווו דאָס פייער האָט געבושעוועט אין זיין גרויליקער, בלוט־גליווערנדיקער פּראַכט. מענטשן זיינען אַרויסגעקומען צו לויפן פון דאָרטן מיט קינדער, מיט פּעק און זעק. שוואַרצע און רויטע שאָטנס האָבן פאַרבייגעשווינדלט. באַוועגלעכע קאָנטורן, איינער פאַרקנוילט מיטן אַנדערן. אַנדערע מענטשן האָבן זיך געדרענגט קעגן דער אַנקומענדיקער מאַסע פון לייבער, צו דערשלאָגן זיך צו די פייער־לעשערס און זיי אַרויסצוהעלפן מיט וואָס עס לאָזט זיך. וועגענער מיט פעסער וואַסער סיי פון דער יידישער, סיי פון דער גוייִשער פייער־בריגאַדע, האָבן פאַרשטעלט יאָסעלען דעם וועג.

„וואַסער! וואַסער!" האָבן זיך געהערט געשרייען פון אַלע זייטן, און זיך פאַרמישט מיטן הויכן קנאַקן, מיטן קרעכצן פון צעפּאַלנדיקן צעפלאַקערטן דאַך, פון די בעלקעס וואָס האָבן אויסגעזען ווי שטורקאַצן. שקצים און בית־מדרש־בחורים האָבן געאײַלט מיט ליידיקע עמערס צו די נאָענטסטע פּלומפּן און ברינעמער.

עס האָט נאָך נישט געהאַט געטראָפן קיין פייער, וואָס יאָסעלע אַבעדאַלע זאָל נישט האָבן געווען דערביי. ער האָט געגנוי געוווסט ווי אַזוי די פלאַמען האָבן זיך אויפגעפירט, און אַצינדער האָט ער זיך גלייך אָפּגעגעבן אַ חשבון פון דער לאַגע. מאַנקעס כאַלופּע האָט זיך אויסגעברענט ביז צום גרונט און די פייערלייט האָבן זיך באַמיט צו באַשיצן די שכנותדיקע כאַלופּעס, און האָבן זיי פאַרפּלייצט מיט וואַסער. דאָך, כּדי זיך צו פאַרזיכערן, האָט יאָסעלע זיך אַדורכגעשלאָגן צו פּישעלען קצב, דעם ייִדישן פייער־קאָמענדאַנט. פּישעלעס רויטע פּנים האָט אָפּגעשפּיגלט די פלאַמען, געגלאַנצט פון שווייס, אַ פאַרשמירטס מיט סאַזשע און בלאָטע. ער האָט געהאַלטן די וואַסער־קישקע און האָט קאָמאַנדעוועט מיט זײַנע מענטשן מיט אַ באַפעלנדיק קול וואָס האָט אויסגעזען צו פאַרמאָגן אַן אונטערטאָן פון פאַרגעניגן.

„וואָס הערט זיך?" האָט יאָסעלע אויסגערופן צו אים.

„די גאַס איז געראַטעוועט!" האָט פּישעלע צוריקגעשריגן. יאָסעלע האָט אָפּגעזיפצט דערלייכטערט. איצט האָט ער לכל־הפּחות אויף אַ רגע געמוזט אָפּסאָפּען און כאַפּן דעם אָטעם. פּישעלע האָט זיך צוגעשטופּט נענטער צו אים מיט דער קישקע אין דער האַנט. „וואַצלאַוו, אַ כאָלערע אויף אים, איז שיִער נישט צעקוועטשט געוואָרן פון אַ גזימס!" איז פּישעלע אָנגעגאַנגען מיט זײַן הויך קול. „אַ טייוול האָט זיך באַזעצט אין אים הײַנטיקע נאַכט! ס'איז זײַן קוזינע מאַנקעס כאַטע. און ד'ווייסט וואָס נאָך? ער האָט כאַמעלען דעם סופר אַראָפּגעברענגט צו שלעפּן קאַפּעטשעלע, ד'הערסט?" — אַ טשאַטע זכרונות פון די קינדער־יאָרן, פון די טעג ווען ער האָט געלעבט און זיך געשפּילט מיט וואַצלאַוון, איז באַפאַלן יאָסעלען. ווי מאָדנע דאָס איז געווען וואָס הײַנטיקע נאַכט זײַנען אים געקומען אויפן געדאַנק זאַכן וועלכע ער האָט לאַנג צוריק געהאַט אויסגעמעקט פון געדעכעניש. „קוק, קוק, יאָסעלע!" האָט פּישעלע געהוקעט און געקייכט אין יאָסעלעס אויער. „די פלאַמען דרינען. ז'זעען דאָך אויס ווי אַ חברה נאַקעטע נקבות! זיי מאַכן מיך טראַכטן זינדיקע מחשבות, ד'הערסט, יאָסעלע?" — יאָסעלע האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך. ס'האָט נישט געהאַט קיין זינען צו דערמאָנען פאַר פּישעלען ווי שמאַל מאַרימל האָט געהאַלטן. פּישעלע איז געוואָרן האַלב־משוגע ווען ער האָט זיך פאַרנומען מיט לעשן אַ פייער. דערפאַר איז ער געווען אַזאַ גוטער פייער־לעשער. כּדי צו טאָן אַ שטיקל אַרבעט באמת גוט, האָט מען געדאַרפט קאָנען אַרבעטן ווי אַ האַלב־באַזעסענער, האָט יאָסעלע געטראַכט. „איי, יאָסעלע", האָט פּישעלע געדרייט דעם קאָפּ אויפן פלײשיקן רויט־פאַרשוויצטן קאַרק. „ווען דו

זאָלסט אַזוי וויסן ווי מיר גלוסט זיך צו געבן אַ וואָרף אַריין אין פייער, אַנצו־כאַפּן די ברענענדיקע נקבות ביי די גאָרגלען און זיי געבן אַזאַ צעקוועטש מיט די צוויי ידים מיינע!״

יאָסעלע האָט געהאַט געגוג. ער האָט זיך אומגעקערט און זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון זיין גאַס. ניין, ער איז נישט געלאָפן. די פיס זיינען אים ווי געליימט געוואָרן, ס׳האָט געקאָסט מי זיי צו באַוועגן. ער איז געווען פאַרשטייפט פון אימה, זיך געוווּנטשן קיין מאָל נישט אָנצוקומען צו זיין כאַלופּע.

ווען ער האָט זי דערגרייכט און איז אַריין אינעווייניק און עמעץ האָט אים אָנגעזאָגט די געבורט פון אַ טאָכטער און דעם טויט פון זיין ווייב, האָט ער נישט קיין פינטל געטאָן מיט קיין אויג. ער האָט די גאַנצע צייט געהאַט געוווּסט, אַז מאַרימל איז אַ פאַרמישפּטע. זינט דער רגע ווען ער האָט זי געזען אויפן בעט, מיט די פייער־פלאַמען זיך אָפּשפּיגלען אין דער שויב — ווי אויף אַ פלאַקערנדיקן שייטער־הויפן — האָט ער געוווּסט, אַז דער אַלמעכטיקער האָט זי אויפגעגעבן, און אים אויפגעגעבן. דאָס איז געווען די אמתע סיבה פאַר וואָס ער האָט געמוזט אַרויסלויפן פון דער כאַטע, פאַר וואָס ער האָט זיך געזוימט צוריקצוקומען. ער איז נישט בכוח געווען זיך צו באַגעגענען מיט איר טויט, זיך צו באַגעגענען מיט זיך אַליין, אין זיין אומבאַהאָלפנקייט. ניין, עס איז נישט פאַראַן געווען קיין פייער־לעשער וואָס איז בכוח געווען צו פאַרלעשן די פלאַמען פון דעם אַלמעכ־טיקנס צאָרן.

יאָסעלע האָט קיין מאָל נישט גערן געהאַט זיין קליייטל. נאָך מאַרימלס טויט האָט ער עס ממש פיינט באַקומען. הײַנט, אין דעם יאָרצייט־טאָג, איז דאָס שטיין פאַר דער שוועל און וואַרטן אויף אַ קונה געווען כּמעט מער ווי ער האָט געקאָנט פאַרטראָגן. כּמעט — ווייל עס איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה ווי עס צו פאַרטראָגן. אַ ייִד האָט געדאַרפט אויפנעמען אַלץ וואָס עס איז אים געגעבן געוואָ־רן — באהבה. און ער, יאָסעלע, האָט אויפגענומען — ניין, נישט באהבה, נאָר מיט פאַרביסענע ליפּן. ער האָט זיך קיין מאָל נישט געקלאָגט אויף זיין גורל. אָבער דעם הייַנטיקן טאָג האָט אַ באַהאַלטענער כּעס זיך צעזאָטן אין אים.

הײַנט, בעת ער איז אַזוי געשטאַנען און זיך אָנגעלענט אָן ביישטידל פון קליייטל, האָט ער גענומען אַריינגעטראַכטן אין דעם גאַנצן ענין „אהבה״ — און ער איז געקומען צו אַזעלכע אַפּיקורסישע אויספירן, אַז ער האָט זיך פאַר זיי אַליין דערשראָקן.

ער האָט נעמלעך אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז עס איז גאָרנישט פאַראַן געווען אַזאַ זאַך ווי אהבה. אַז אַפילו דער „ואהבת״ איז געווען אַ לעכערלעך קינדעריש וואָרט, אַ מין לאַקריץ־צוקערל אַריינגעשטעלט דאָ און דאָרט אין די הייליקע ספרים. מיט אַ מאָל איז אים געוואָרן שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַ דערוואַקסע־

נער ייִד האָט געקאָנט מאַכן דעם אָנשטעל אַפּילו, אַז ער איז תּופס דעם ענין, אַז ער פּילט טאַקע מיט אַלע רמח־אברים דעם „ואהבת", ווי עס שטייט געשריבן: „בכל לבבך ובכל נפשך". ווי אַזוי האָט דער געשמיסענער בן־אָדם, דער צעטראָ־טענער וואָרעם געקאָנט דאָס באַווייזן, בפרט ווען דער „ואהבת" איז געקומען ווי אַ באַפעל? ווי אַזוי האָט דער וואָס שמייסט דיך מיט בראַנדיקע ריטער, דער וועמען דו האָסט געדינט מיט דער גאַנצער געטריישאַפט פון דיין האַרצן, דיר געקאָנט קאָמאַנדעווען: האָב מיך ליב! — אַפילו אויב אָט דער קאָמאַנדע־געבער איז געווען דער באַשעפער פון דער וועלט בכבודו־ועצמו?

יאָסעלע האָט געוווּסט: ייִראת־שמים און אַהבת־שמים זיינען געווען די צוויי פליגל פון אַ ייִדנס נשמה, די צוויי פליגל פון זיין תּפילה און פון זיינע מעשׂים. ביי אים, ביי יאָסעלען, איז איין פליגל אָפּגעזענקט געוואָרן און ער איז געבליבן נאָר מיטן צווייטן: מיט ייִראת־שמים.

ווי אַ פּועל־יוצא דערפון, האָט ער זיך היינט אויפגעהערט איינצורעדן, אַז ער האָט ליב געהאַט זיין פאַרשטאָרבן ווייב מאַרימלען, הגם ער האָט זינט איר טויט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען און ער האָט געפילט, פּונקט ווי עס איז געווען געשריבן וועגן אַ מאַן וואָס פאַרלירט זיין ווייב — ווי ער וואָלט אַליין איבערגעלעבט דעם חורבן בית־המיקדש. דאָס איז געשען דערפאַר, האָט ער זיך אויסגעטייטשט, ווייל מאַרימל איז פּראָסט און פּשוט געווען זיין זיווג. אין הימל זיינען זיי בײדע צונויפגעפּאָרט געוואָרן צו זיין איינס און צוליב דעם האָט ער זיך אַציננד, אָן איר, געפילט נאָר ווי אַ האַלבער מענטש. און וואָס נוגע זיינע קינ־דער, האָט יאָסעלע אויך אויפגעהערט צו זען דערין אַן ענין פון ליבשאַפט. ער, יאָסעלע, איז געווען זייער טאַטע, איז ער מחויב געווען זיי צו דערהאַלטן ביים לעבן, צו זאָרגן פאַר זיי, פּונקט ווי דער באַטשאַן אויפן דאַך האָט געזאָרגט פאַר זיינע קליינע. יעדער חיה האָט געזאָרגט פאַר אירע יורשים. די זרע האָט געמוזט אויפגעהאַלטן ווערן. דאָס איז געווען אַ גרונטיקער יסוד פון לעבן.

דאָס איז עס געווען: חוב, פליכט — און נישט אַהבה — בין אָדם לחברו און בין אָדם למקום. נאָר איין זאַך איז געווען בלי שום ספק: דער רבונו־של־עולם איז געווען דער האַר וואָס איז געזעסן אויף זיין כּסא־הכּבוד אויבן, אין די הימלען, און דער בן־אָדם איז געווען זיין קנעכט אונטן, אָפּט מאָל טיף אין דער אדמה. האָט דער קנעכט געמוזט דינען דעם האַר, פּונקט ווי דער פאַראָבעק האָט געדינט דעם פּריץ. דערפאַר האָט דעם רבונו־של־עולמס „ואהבת" געקאָנט מיינען נאָר איין זאַך: „דערפיל דיין חוב!" יעדער איינער האָט געהאַט זיין שליחות צו דערפילן, וואָס צוליב איר איז ער אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף אָט דער וועלט. און צי דאָס שליחות איז אים געווען ניחא, צי נישט — האָט ביי אים קיינער נישט געפרעגט.

ווי ער איז אַזוי געשטאַנען פאַר דער שוועל פון זיין קלייטל, האָט יאָסעלע באַמערקט זיין שכנה, הינדעלען, כּאַמעלע דעם סופרס אַלמנה, זיך דינגען מיט

אַ קונה לעבן איר „פענצטער״־קלייטל. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז אַן אַפּשטאַמיקע פון וווּרקער רבין און ער האָט זיך דערמאָנט אַן דעם וווּרקער דרך אין דרשענען, אַז דער אור־מקור פון דער וועלט איז גרויסע אַהבה. אַז איטלעכער מענטש קאָן צוריקקומען צו אָט דעם אורקוואַל און דורך אים זיך פאַרבינדן אין ליבשאַפט מיט אַנדערע מענטשן, און מיטן באַשעפער פון דער וועלט.

מער ווי תמיד האָט זיך הײַנט יאָסעלע אויסגעלאָכט פון אַזאַ מין דרשענען. פון וואַנען האָט ער דאָס אַרויסגעדרונגען, דער וווּרקער, אָט דער תמימותדיקער צדיק? — האָט יאָסעלע זיך געפרעגט. פון דעם וואָס איין מענטש איז גרייט געווען אויפצופרעסן דעם אַנדערן? פון דער גוטהאַרציקייט פון צאַר און זײַנע מענטשן, צי פון די פּאַליאַקן, צי די גויים בכלל? צי פון דער איידלקייט פון דעם רבונו־של־עולמס אייגענעם געטרײַען חייל: די פרומינקע גבירים, די בעלי־טאַקסע, די כּלי־קודש, די לומדים? ווי האָט ער דאָס געקאָנט אײַנרעדן אַזאַ מענטשן ווי ער, יאָסעלע, וואָס האָט אייגער אַליין זיך געמוזט ראַנגלען, נישט נאָר פאַרן שטיקל ברויט פאַר זײַנע קינדער, נאָר אויך פאַר אַ רגע מנוחה אין אייגענעם הארצן? זיך ראַנגלען יעדן טאָג אויף ס׳נײַ מיט דער אומבאַהאָלפנקייט, מיטן כּעס און דער רציחה וואָס האָבן אים צעפרעסן אינעווייניק, צעפרעסן יעדן בן־אָדם? — סיידן דער הייליקער צדיק, דער וווּרקער, האָט געקאָנט באַווײַזן די קונץ פון אויסטאָן זיך פון זײַן נעבעכדיקער מענטשלעכקייט. צי אפשר האָט ער גאָר אויף אַ נאָווינע אין זינען געהאַט דעם ימח־שמו, יעזוסן, וועלכער האָט מיט זײַן „גרויסער ליבע״ גורם געווען, אַז ייִדיש בלוט זאָל זיך גיסן ווי וואַסער? ס׳איז כּ׳לעבן צײַט געווען צו שיקן דעם גאַנצן ענין אַהבה — אַ הויז ווײַטער.

הײַנט, שטאַרקער ווי ווען נישט איז, האָט יאָסעלע געהאַלטן מיטן קאָצקער רבינס שיטה. דער קאָצקער האָט געוווּסט, אַז די וועלט איז נישט מער ווי אַ שטיק חומר און אַז דער בן־אָדם איז נישט מער ווי אַ שטויבעלע פון דעם חומר, אַ גשמיותדיקע נישטיקייט. און אַז ווי ער זאָל זיך נישט דרייען, מעג ער זיך אויפן קאָפּ שטעלן, וועט ער זיך פון דעם ערדישן לבוש נישט קאָנען באַפרייען, ביז דער רגע ווען ער וועט אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם. אמת, דער קאָצקער האָט אויך געגלייבט, אַז יחידי־סגולה קאָנען דאָס יאָ באַווײַזן. אָבער יאָסעלע איז געווען סקעפּטיש דערוועגן. דער עיקר איז געווען, אַז דער קאָצקער האָט אויסגעדריקט זײַן, יאָסעלעס, ביטערניש און כּעס, דעם צער זײַנעם און זײַן הילפלאָזיקייט. דער קאָצקער האָט געפּראַוועט התבודדות און געשאָלטן זײַנע חסידים מיט וויסטע קללות. אַ כּוח געווען דערין, דער כּוח פון יִיאוש פון יעדן איינעם וואָס קאָן נישט געפינען דאָס, וואָס די וועלכע „קריכן אַרום מיט די שטיוול אין הימל״, שרייען — אַז עס איז דאָ.

נאָר וואָס? יאָסעלע האָט זיך, פּונקט ווי אין קלייטל זײַנעם, אויך אין קיין שום שטיבל נישט אין גאַנצן אַרײַנגעפּאַסט, בפרט נאָך מאַרימלס טויט. ער האָט

מיטגעמאַכט די חסידישע דרכים עפּעס גאַרנישט חסידיש, אָן באַזונדערער התּ־להבות, אָן דבקות — נאָר קאַלט, מעכאַניש, ווי אַ דערוואַקסענער וואָס מאַכט מיט אַ קינדערשפּיל. דאָס טאָג־טעגלעכע פון שטיבל־לעבן האָט אים נישט אַריינגעצויגן. ער איז געווען אַ זייטיקער. נישט ווייל ער האָט דאָס געוואָלט, נאָר ווייל אַזאַ איז געווען זיין טבע. ער האָט זיך געקאָנט זיין שטעטל אַליין באַשטיין. ער האָט אָבער שטאָל און אייזן געהאַלטן, אַז אַ ייִד האָט געמוזט האָבן נישט נאָר אַ שטוב — נאָר אויך אַ שטיבל.

בכּלל האָט זיך יאָסעלע אָבעדאַלע אין אַ סך זאַכן נישט אַריינגעפּאַסט, אַריינ־געמעכנט זיין פּאַרצויגענעם נאָמען: יאָסעלע. מיט זיין וווּקס, מיט זיין געשטעל און מיט זיין נישט צו וואָזשנער פריינדלעכקייט — האָט אים דער נאָמען געפּאַסט ווי אַ קינדערהעמדל וואָלט געפּאַסט אויף אַ ריז. דאָך וואָלט קיינעם נישט איינגע־פאַלן, און אוודאי נישט יאָסעלען אַליין, זיך צו שטעלן קעגן דער טראַדיציע פון נעמען־פּאַרציִעניש און פון צונעמענישן וואָס מען האָט צו די נעמען־פּאַרציִענישן צוגעטשעפּעט, וואָס דאָס שטעטל האָט אָנגעהאַלטן זינט קדמונים.

שנית, ווען די שכנים האָבן פּאַראיבל געהאַט אויף יאָסעלען, און דאָס האָט נישט זעלטן געטראָפן, ווייל ער האָט זיך אויפגעפירט גאַנץ משונהדיק — האָבן זיי געדרייט מיט די קעפּ, געהויבן די הענט צום הימל און אויסגערופן: „אוי, איז דאָס אַ יאָסעלע, ער זאָל אונדז לעבן און געזונט זיין!" — און דעמאָלט האָט די פּאַרציִעניש געקלונגען אַקוראַט ווי ס׳באַדאַרפט צו זיין.

יאָ, אָן אויסזען האָט יאָסעלע געהאַט ממש אַ מאַיעסטעטישן. ער איז געווען אַ הויכער, קרעמפּער גבר, אַ הדרת־פּנימדיקער, מיט געדיכטע געל־פלאַקסענע ברעמען און אַ רייכער געל־בלאָנדער באָרד. מיט זיין גאַנג, מיט די קאַרגע, שאַרפע רייד, מיט זיין לעבן בתוך המחנה און דאָך האַלטן זיך אַ שפּאַן מחוץ פון איר, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק ווי מען וואָלט אים אַרויסגענומען פונעם חומש און אים איבערגעטראָגן אַהער, אויף די בלאָטיקע געסלעך פון באַטשאַני — ווי אויף אַ נסיון: ער זאָל זיך ראַנגלען מיט דעם נישטיקן דראָביאַזגאָוון לעבן און דאָך נישט אויסקוקן לעכערלעך אין די טועכצער וואָס ער האָט געטאָן — נאָר בלייבן אַ ייִד וואָס וועקט צו זיך דרך־ארץ, מער נאָך: אפשיי.

יאָסעלע האָט גראָד אַנדערע געקאָנט מאַכן פילן אומבאַקוועם — אָפּט מאָל מיט זיין בלויזן בליק. זיין בליק איז געווען אַ שאַרפער, שטרענגער, מעגלעך טיילווייז צוליב דעם וואָס דער כּוח מיט וועלכן זיין גוף איז געווען אָנגעלאָדן, האָט פאַרמיטן זיינע אויגן. ער האָט זיי געמוזט שטאַרק אָנשטרענגען, פאַרשפּיצן די ברעמען און פאַרציִען דעם שטערן, כּדי בעסער צו זען. אָבער פאַראַן געווען אין דעם אָנגעצויגענעם בליק פון די קראַנקע אויגן אַ פונק פון טרויעריק־קלוגער רעזיגנאַציע, אָן אַ שמץ ווייכקייט, ווי ער וואָלט מיט דעם בליק געזאָגט יעדן

שכן: „וואָס בריקעסטו זיך איבער לאַבזעס, ווען דאָס בריקען זיך איבער תּוך־זאַכן העלפט אויך נישט?״

האָבן די שכנים אין דער גאַס, צי אויפן פּאַטשעיאַוו, נישט קלאָר געוווסט ווי זיך צו באַנעמען מיט אים. אמת, זיי האָבן געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר אים, האָבן געהאַלטן אַ וועלט פון זיין חכמה, פון זיין פרומקייט און ערלעכקייט, און מען האָט אים אָפּט מכבד געווען מיט בוררות אין אַ שטרייטיקן ענין. אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט ער זיך פאַרדינט מען זאָל קוקן אויף אים מיט אַ מאָס ביטול, ווייל ער איז דאָך לאַ־עלינו געווען אַ גרויסער קבצן און אַ גע־שווירענער לאַ־יוצלח דערצו. „ווען יאָסעלע זאָל האַנדלען מיט ליכט״, האָבן די שכנים צווישן זיך געשמועסט, „וואָלט די זון קיין מאָל נישט אונטערגעגאַנגען״. דערצו איז יאָסעלע געווען אַ ייִד אַ מרוק, נישט אַ שכן מיט שכנים צו גלייך, מיט קיינעם זיך אין קיין רעכטן שמועס קיין מאָל נישט אַריינגעלאָזט. און אַזאַ פירונג, וואָס האָט גיכער געפּאַסט פאַר אַן עושר אַן אַדיר, צי פאַר אַ למדן־מופלג, האָט ביי אַ מענטשן אויף יאָסעלעס מדרגה אויסגעזען בפירוש קאַמיש.

דאָך האָט מען עפּעס נישט געקאָנט אָפּלאַכן פון אים, אַפילו נישט הינטער די אויגן, און דערלויבט זיך אים צו פאַרטשעפּען און צו ברוגזן אויף אים האָט מען נאָר ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין זיין אייגענער טובה. אויפגעטאָן דערמיט האָט מען טאַקע גאָרנישט, ווייל יאָסעלע איז געווען נישט נאָר אַ פאַרריסן־האַנאַראַוועער, נאָר אויך אַן אומדערהערטער עקשן. דאָך האָט דאָס אַריינמישן זיך אין יאָסעלעס ענינים אַ ביסל געשטילט דאָס אייגענע געוויסן, דאָס הייסט: מען האָט נישט צוגעקוקט גלייכגילטיק. מ׳האָט געטאָן וואָס מ׳האָט געקאָנט.

2

אַ מילדער פאַרנאַכט. יאָסעלע איז אַרויסגעקומען פון דער שול אַקסל צו אַקסל מיט די צוויי גרעסטע שטעטלשע נגידים, דעם אַרענדאַר און דעם האָלץ־סוחר. די צוויי חשובע ייִדן האָבן יעדער געטרייסלט די הענט, אָדער גיכער די פינגערשפּיצן פון די מענטשן וואָס האָבן זיי אַרומגערינגלט, יאָסעלען אַריינגע־רעכנט. זיי האָבן אַ מרוקע געטאָן אַ פאַר קאַרגע ווערטער צו יעדן איינעם און האָבן אַוועקגעשפּרייזט אין דער ריכטונג פון זייערע ציגלענע קאַמיעניצעס אויפן מאַרקפּלאַץ.

יאָסעלע האָט אַדורכגעשפּיזט מיט די אויגן די רוקנס פון די צוויי נגידים. אין זייערע זויבערע, גוט־געפּאַסטע איבעצעס געניית פון ערשטקלאַסיקן שטאָף, מיט די זיידענע גאַרטלען אַרום די לענדן, אין די בלאַנקנדיקע ווייסע זאָקן, אַן אַ מינדסטן בלאָטע־פלעקעלע, אין די גלאַנציקע לאַטשן, האָבן זיי אויסגעזען עלע־

גאַנטער און יום־טובדיקער אָנגעטאָן בעת אָט דעם וואָכנטאָג, ווי די אַנדערע ייִדן בעת אַ שבת, צי אַ יום־טוב.

ווי לאַנג יאָסעלע האָט געזען אָט די צוויי נגידים אין דער שול, פאַרנעמען זייערע בכּבודיקע ערטער לעבן דער מיזרח־וואַנט ביים אָרון־קודש, האָט זייער אַנוועזנהייט יאָסעלען נישט געאַרט. ווי נישט איז האָבן די טליתים איבער זייערע אַקסלען אויסגעזען פּונקט ווי יעדן אַנדערן דאַווענערס, און זיי איינגעגלידערט אין דער גאַנצקייט, אין דער ברודערשאַפט פון ישׂראל. אָבער אין דער גאַס, ווען אָט די צוויי נגידים האָבן זיך אָפּגעטיילט פון איבעריקן עולם, זיינען געוואָרן אַ וועלט פאַר זיך אַליין, שוין גאָרנישט אויף דעם זעלביקן אופן ווי יאָסעלע איז געווען אַ וועלט פאַר זיך אַליין — ווייל ער האָט געלעבט מיט דער עדה, געווען אַ טייל פון איר און אירע פריידן און לײדן זיינען געווען אויך זיינע — איז די ביטערניש און דער כּעס אָנגעשוואָלן אין זיין האַרץ.

ער איז געוואָרן נאָך מער אויפגערעגט, ווען ער האָט באַמערקט די צוויי חשובֿע ייִדן זיך פאַרהאַלטן און דערלאַנגען די הענט צוויי אַנדערע פאַרשוינען, וואָס האָבן זיך געהאַט דערנענטערט מיט אַ שפּאַצירנדיקן טראָט און האָבן זיך מיט זיי אָפּגעשטעלט; צוויי פאַרשוינען וואָס גאַנץ באַטשאַני האָט פון זיי געווייכט. איינער פון זיי איז געווען דער ליסער „שרייבער", גאַספּאַדין הענריק פייפער, וועמען דאָס שטעטל האָט גערופן „דיניעקאָפּ", וועלכער האָט זיך געקליידט אין גרויסשטאָטישע אָנצעגער, אין העמדער מיט שטייפע קראַגנס און שניפּסן. זיין שרייבן איז באַשטאַנען אין פירן דעם פּריצס ביכער, אין שרייבן כּל־המינים קאָנטראַקטן, אין מאַכן די יאָר־חשבונות פאַרן מילנער, דעם אָרענדאַר, דעם האָלץ־סוחר און צוויי מאָל אַ וואָך, צווישן צוויי און דריי אַ זייגער, געשריבן „פּאָדאַ־ניעס" אויף רוסיש פאַר די שטעטלשע ייִדן. ער איז געווען אַ גוי־גמור, נישט געמאַכט קיין סוד דערפון, נאָר פאַרקערט, זיך אויפגעפירט ווי ער וואָלט געוואָלט אויסשטעכן קהל די אויגן מיט זיין שׂונא־ישׂראלדיקייט. האָט טאַקע קהל נישט געהאַט קיין שום מגע־ומשׂא מיט אים, סיידן מען האָט געדאַרפט צו אים אָנקומען.

און דער צווייטער פאַרשוין איז געווען נאָך געפערלעכער פון אים. דאָס איז געווען שמוליקל רופא, דער פריזיער־פעלדשער, אַ פאַרביסענער משׂכּיל, וואָס אויף זיין הויז איז לעבן דער ראָזורע געהאָנגען אַ שילדל: „סאַמועל בעסטערמאַן, פעלדשער" און פאַרמאָגט האָט ער אַ ווייב, אַ הייבאַם, וואָס האָט נישט געטראָגן קיין שייטל. און געפערלעך איז שמוליקל רופא געווען צוליב דעם, ווייל ער איז גראָד געווען אָן אייגענער, אַ קבצן בן־קבצנים, אויסגעקאָכט מיט יעדן איינעם ווי אַ ברודער און ס'איז נישט לייכט געווען זיך אָפּצוטשעפּען פון אים. אַ טבֿע האָט ער געהאַט אַריינצוזאָגן יעדן איינעם, איידער יענער האָט זיך פאַרמאַסטן אים אַריינצוזאָגן.

נאָך די צוויי, דער אָרענדאַר און דער האָלץ־סוחר, האָבן פאַרמאָגט די העזה

צו ברעכן דעם אַלגעמיינעם ברוגז מיט די צוויי ייִדישע גויִים. „אַט אַזוי אויפריכטיק זענען זיי אין זייער אמונה, אין זייערע אַחדות מיט דער עדה...״ האָט יאָסעלע אַ טראַכט געטאָן, דריי מאָל אויסגעשפּיגן, און זיך אָפּגעקערט, שפּרייזנדיק אין דער ריכטונג פון זיין געסל. ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַן אַנדערן חשובן ייִדן פון באָטשאַני, ר׳ פּייוועלען דעם מילנער, וועלכער האָט אויך נישט אָנגעהאַלטן דעם ברוגז מיט די צוויי ייִדישע גויים. אָבער ר׳ פּייוועלע מילנער איז געווען גאָר אַן אַנדערע מעשה. קודם־כּל איז ער געווען אַ גאַליציאַנער און האָט בעסער נישט געוווּסט; שנית, איז ער געווען דער גוטהאַרציקסטער ייִד וואָס יאָסעלע האָט אָנגעגעגנט און זיינע מעלות זיינען אַ טויזנט מאָל אַריבערגעשטיגן זיינע חסרו־נות. ער איז געווען אַ ייִד וואָס האָט געדינט דעם אייבערשטן און זיינע ייִדן אַ סך בעסער ווי נישט איין פרומינקער, אָפּגעהיטער „צדיק אין פּעלץ״.

יאָסעלע האָט זיך געגומען אַהיימשפּרייזן מיט פעסטע, ענערגישע טריט. פאַרלוירן די צוויי נגידים פון די אויגן, האָט ער זיי פאַרלוירן פון רעיון. איצט האָבן אַנדערע בילדער פון פאַרנאַכטיקן באָטשאַני פאַרנומען זיין בליק. ער האָט ליב געהאַט דאָס שטעטל אין דעם בלויען בין־השמשות־ליכט. געזען דורך זיינע שוואַכע אויגן, האָט עס אויסגעזען ווי פאַרהילט אין אַ בלויער מעלאַנכאָליע. ערגעץ צווישן הימל און ערד האָט עס געשוועבט, געוויגט אויף די ניגונים פון קול־תּורה וואָס האָט זיך געטראָגן פון די בתּי־מדרשים, די שטיבלעך, די הייזער; זיך פאַרמישט מיט די קולות וואָס זיינען געקומען פון די גויִישע הייזער, מיטן בילן פון הינט, גראַגערן פון גענדז, קוואַקען פון זשאַבעס, און דער עיקר מיטן קלאַקען פון בושלען. חדר־ייִנגלעך האָבן זיך אַרומגעיאָגט איבערן לערן מאַרקפּלאַץ. ווייבער האָבן געצויגן אין דער ריכטונג פון שׂרה־לאהלע דער שוחטקעס הויז, צו הערן אירע מעשׂיות; אַנדערע האָבן געשמועסט אויף די שוועלן, צי געשיילט קאַרטאָפל פאַר דער טיר. די בעל־מלאָכות אין די אַרבעט־בגדים, מיט די גראָבע פינגער פאַרשטעקט אין די אייבערשטע קעשענעס פון זייערע צעשליסענע וועסטלעך, האָבן שפּאַצירט אַהין און אַהער פאַר די פאַרמאַכטע קראָמען פון פאַטשעיאָוו און זיך אויסגעטענהט צווישן זיך אין הויכע טענער. די קצבים־יונגען און די פור־מאַנעס אין הויכע שטיוול, מיט צעפינקלטע פאַפּיראָסלעך אין די הענט, האָבן געשפּרייזט צום ברייטן טאָפּאָליע־וועג, צו דער ייִדישער קרעטשמע, צו פאַרגיסן דאָס אומעטיקע־אומרויִקע נאַגעניש פון הארצן מיט אַ לעמפּיקל „מאָנאָפּאָלקע״.

סטאַדעס קי האָבן געגומען פאַרפלייצן דעם מאַרקפּלאַץ, אָנקומענדיק פון די אַרומיקע פעלדער. פאַרחלומטע פאַסטעכלעך האָבן זיי געטריבן אַהיים. די איינצלנע, שמאָל־גופיקע בית־מדרש־בחורים וועלכע האָבן דאָ אַרומגעבלאָנקעט מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און האָבן אונטערגעברומט אַ ניגון, די קעפּ פאַרטראָגן אין די הימלען העט־העט — האָבן זיך מיט אַ מאָל געכאַפּט, אַז זיי זיינען פאַרשוווּנקט געוואָרן פון די סטאַדעס ווי פון די כוואַליעס פון אַ ים, און

האָבן זיך צעזעגלט מיט די לאַנגע שמאָלע הענט, געזוכט אַ וועג אַרויס. דער קאָשטשאָל־גלאָק האָט זיך צעקלונגען אויף „אַניאָל פּאַנסקי״. די לופט איז געוואָרן בלויער און בלויער.

צוויי שכנים פון יאָסעלעס גאַס, מיט טלית־זעקלעך אונטער די אָרעמס, האָבן אָנגעיאָגט יאָסעלען און צעשטערט די מנוחהדיקע רגעס וואָס ער האָט אַריינגע־זאַפּט מיט די חושים, איידער ער איז אַריבערגעטרעטן די שוועל פון זיין „קנאָל־בודע״. איינער פון די צוויי ייִדן איז געווען ר׳ גדליהלע, דער מאַן פון פעשעלע שליאַך, וואָס איר פרנסה איז געווען צו גיין איבער די הייזער מיטן סידור און טייטל און לערנען די מיידלעך לייענען. ר׳ גדליהלע האָט געשאָנקען יאָסעלען אַ מין דרך־ארצדיקן בליק און אַ חניפהדיק שמייכעלע, וואָס האָבן יאָסעלען גלייך געהאָלפן זיך משער זיין וועגן וואָס אָט די צוויי שכנים האָבן זיך פאַרנומען אים צו פאַרטשעפּען. דאָס זיינען זיי געווען שלוחי־ציבור, אונטערגעשיקט פון שטעטל, וואָס האָט זיך לעצטנס ממש געשטעלט אויפן קאָפּ, אים, יאָסעלען, חתונה צו מאַכן, כּדי זיינע קינדער זאָלן זיך נישט וואַלגערן הפקר אין די גאַסן. — און קיין בעלנטעס האָבן נישט געפעלט. אָבער יאָסעלע וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט זיין מאַרימלען ווען ז׳ איז קוים דרייצן יאָר אַלט געווען, האָט באַשלאָסן איר צו בלייבן געטריי אויך נאָכן טויט.

„יאָסעלע...״ האָט ר׳ גדליהלע אָנגעהויבן מיט אַ ווייך קול.

יאָסעלע האָט אים אַפילו נישט געגעבן די געלעגנהייט צו כאַפּן דעם אָטעם, און האָט אַרויסגעפּלאַצט, טרייסלענדיק ענערגיש מיטן קאָפּ: „לאָ, קיין שטיפמאַמע ׳עלן מאַנע קינדער נישט האָבן. נישט באַ מאַטיען!״

„אָבער יאָסעלע...״ האָט דער אַנדערער ייִד, ר׳ זרחל, טויבע־קריינדעלע דער טיקערינס מאַן, גענומען פּרוון זיין מזל מיט יאָסעלען. „ס׳איז דאָך אַ זינד...״

יאָסעלע האָט פאַרגיכערט דעם טראָט. „צו געבן מאַנע קינדער אַ שטיפמאַמען איז אַ גרעסערע זינד״.

די צוויי ייִדן זיינען אים נאָכגעלאָפן. ר׳ זרחל האָט נישט אויפגעגעבן. „גע־דענק, יאָסעלע״, האָט ער אים געוואָרנט. „דאָס בעסטע פערד דאַרפט האָבן אַ בייטש, דער קליגסטער מענטש דאַרפט אַ מאָל אַן עצה און דער פרומסטער מאַן דאַרפט אַ ווייב!״

„אפשר לאָזט עץ מיך צו רו?״ האָט יאָסעלע אַ קער געטאָן דאָס כּעסיקע פּנים צו זיי.

„אונדז ׳עלן מיר דיך נישט צו רו לאָזן!״ האָט ר׳ גדליהלע מוטיק אויסגע־רופן. אונדז זענען מיר דיינע שכנים און ידידים. אונדז האָבן מיר דיין טובה אין זינען!״

„מוחל ענקערע טובות!" האָט יאָסעלע אויסגערופן און זיך מער נישט אומגע־קוקט אויף זיי. ער האָט אויפגעהערט הערן וואָס זיי רופן אים נאָך. ווייל אַז יאָסעלע האָט אָנגעהויבן שטעלן זיינע „לאָקשנטריט" איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך אים אָנצויאָגן.

דעם זעלביקן אָוונט זיינען די צוויי ווייבער פון די צוויי ייִדן אַריינגעקומען אין דער „קנאַלבודע" איבעררעדן מיט יאָסעלען. דאָס האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט יאָסעלעס פאַריתומטע קינדער און האָבן געוווסט מיט וואָס פאַר אַן אַרגו־מענטן צו אים צו קומען. אָבער יאָסעלע האָט זיי אַפילו די מיילער נישט געלאָזט עפענען, און איז זיי משלח געווען, נאָך איידער זיי האָבן רעכט אַריבערגעטרעטן די שוועל.

זינט אָט דעם אָוונט האָט די גאַס געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי האָט זיך באַליידיקט פון יאָסעלען, און ער האָט געהאַט אַ פּאָר וואָכן מנוחה. אין דער אמתן, האָבן נישט די גאַס, נישט די שטעטלשע גוטע ייִדן אויפגעגעבן. מען האָט נאָר געזוכט דעם פּאַסיקן פאַרשוין וואָס וואָלט ביכולת געווען צו העלפן קהל מנצח צו זיין יאָסעלעס משונהדיק עקשנות. ביז די שכנים פון גאַס איז געקומען אויפן רעיון נישט קיין אַנדערער ווי פּישעלע קצב, דער ייִדישער פּייער־לעשער־קאָמענדאַנט.

פּישעלע איז געווען דער פּאַסיקסטער מענטש מען זאָל אים אַריינשיקן איבעררעדן מיט יאָסעלען. ראשית־כל איז פּישעלע געווען אַ כוח אין שטעטל וואָס מיט אים האָט מען זיך געמוזט רעכענען, נישט נאָר דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ קצב און דערצו אַ מאַסיווער, שווער־לייביקער גבר מיט אַזעלכע מוסקלען אויף די אָרעמס, אַז ס'האָט אַזש נישט געפּאַסט פאַר אַ ייִדן — נאָר אויך דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ פאַרביסענער רודף־יושר. ער האָט בשום־אופן נישט געקאָנט צוזען אַן עוולה. און ס'איז געווען אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז פּישעלע האָט אַראָפּגעגנבעט גאַנצע שטיקער פלייש פון דער וואָג ביי די רייכע קונים זיינע, אַלץ כדי אָן אָרעמע ייִדענע זאָל אַ מאָל בחצי־חינם אַרויסטראָגן פון זיין יאַטקע אַ ברעקל פלייש פאַר איר בני־בית. דערביי איז פּישעלע געווען אַ גרויסער פריילעך־מאַכער און אַ וויצלער. אַ ווייבל האָט געקאָנט אַרויסגיין פון זיין יאַטקע בלויז מיט אַ פּאָר ביינער אין האַנט — אָבער זי האָט נישט פאַרפעלט צו טראָגן אַ שמייכל אויפן פּנים.

שנית, איז פּישעלע געווען אַ שטאַרק פרומער. ער האָט געשלעפּט די יאַטקע־יונגען אין בית־מדרש אַריין, אין שול אַריין, און הגם ער איז פּונקט ווי זיי געווען אַן עם־הארץ און בלויז געקאָנט דאַווענען פון סידור, איז ער טעג אָפּ־געזעסן ביים רב, צי ביים שוחט אין שטוב און פון בלויז צוהערן זיך צו דברי־תורה האָט ער זיך פאַראייגנט דאָס לשון ממש פון אַ למדן; און ער האָט זיך

מיט דעם לשון באַוויזן פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט אים געוואָלט אויסהערן. די לומדים האָבן הינטער זיינע פלייצעס אָפּגעחוזקט פון זיין פאַרמישן איין פסוק מיט אַן אַנדערן, אָבער האָבן אים געלויבט פאַר זיינע גוטע כּוונות.

אויסער דעם, האָט פישעלע סתּם ליב געהאַט מענטשן; געווען, ווי מען זאָגט דאָס, אַ „צאַלע־מיאַסטאָ־נאַ־מאַיעי־גלאָוויע„־ייִד, אויסגעקאָכט מיט יעדן איינעם ווי אַן אייגענער ברודער און נישט נאָר האָט ער געוווּסט וואָס ביי יעדן אין טאָפּ קאָכט זיך, צי קאָכט זיך נישט — נאָר ער האָט אויך געוווּסט וואָס אין יעדן איינעמס נשמה טוט זיך, בפרט אין שלאָף.

מחמת פישעלע קצב האָט זיך ממש פּערזענלעך געקענט מיט אַלע שדים און נישט־גוטע וועלכע האָבן יעדער נאַכט איבערגענומען דאָס שטעטל, בפרט מיטוואָך און שבת ביי נאַכט, ווען די שדיכע יגרת בת־מחלת האָט אַרומגעהוליעט מיט אירע אַכצן מיליאַרד געפערלעכע רוחות. און אַז שׂרה־לאהלע די שוחטקע, וועלכע איז געווען אַ ספּעציאַליסטקע אויף פּותר צו זיין חלומות, האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט עפּעס אַ שווערן חלום וואָס מען האָט איר געבראַכט פּותר צו זיין, האָט זי זיך אַן עצה געהאַלטן נישט מיט עמעצן אַנדערש, נאָר מיט פישעלען. — ווייל פישעלע האָט געהאַט אַ טבע צו זען די נישט־גוטע ביי דער אַרבעט, אין זיינע אייגענע חלומות. ער האָט בפירוש געזען ווי זיי צעפּלאָנטערן דעם צי יענעמס שכנס חלומות, כּדי מען זאָל זיי נישט קענען פּותר זיין. און ווי נאָר פישעלע האָט זיך אויפגעוועקט אין דער פרי און האָט אַריינגעכאַפּט דאָס דאַוו־נען, איידער ער האָט אַפילו געכאַפּט אַ ביסן אין מויל אַריין — און אַ ייִד ווי פישעלע האָט קיין עין־הרע געהאַט אַ נישקשהדיקן אַפּעטיט — האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט צו דעם צי יענעמס שכן, אים באַצייַטנס וואָרענען, אַז עס גרייט זיך אויף אים אַ זייער פאַרפּלאָנטערטער חלום, און אַז ער זאָל דערפון נישט נתפּעל ווערן. „ייִדן האָבן געענוגג זאָרגן ביי טאָג”, האָט ער זיי געטרייסט, „דאַרפן זיי די ביינאַכטיקע זאָרגן ווי אַ לאָך אין קאָפּ”. דאָס איז געווען נאָך אַ סיבה פאַר וואָס מען האָט פישעלען באַטראַכט ממש פאַר אַ מענטש אָן אַ גאַל.

אַחוץ דעם, איז פישעלע געווען דער פּאַסיקסטער מענטש איבערצורעדן מיט יאָסעלען, ווייל ער און יאָסעלע זיינען אַ מאָל געגאַנגען אין חדר צוזאַמען, און ווייל פישעלע איז געווען דער קאָמענדאַנט פון דער פייער־בריגאַדע און יאָסעלע, הגם ער איז נישט געווען קיין פּאַקטישער מיטגליד אין דער בריגאַדע, האָט אָפט פרייוויליק צוגעהאָלפן, בפרט נאָך דער שׂרפה, ווען עס איז געקומען צום אָפּבויען די כאַלופּעס. אַזוי אַז פישעלע האָט געהאַט דאָס רעכט צו רעדן מיט יאָסעלען ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן, ווי אַ גענעראַל מיט אַ גענעראַל למשל — און עס איז געווען יאָסעלעס מענטשלעכער חוב לכל־הפּחות זיך צוהערן צו פישעלען מיט קאָפּ.

3

ס'איז געווען דער סוף פון אַ שטילן וואָכנטאָג אויפן פּאָטשעיאָוו. הגם ייִדן האָבן געהאָוועט אַהער און אַהין פאַרביי די קרעמלעך און דער מאַרקפּלאַץ האָט געוויעט מיט ווייבער און מיט כמאַרעס קינדער, איז קיין „לייזעכץ" נישט געווען. יאָסעלע, אין דער ווייס־פאַרקריידטער צייגענער איבעצע, מיט די פאַרקריידטע באָרד און פאות, מיט ווייסע פלעקן אויפן פּנים און מיט קאַלכשטויב אויף די הערלעך אין דער נאָז, איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון זיין קרעמל און אַרויסגעקוקט צום דרויסן מיט אַן אומצופרידענעם כעסיקן בליק. דאָס אָפּשטיין אין קלייטל אַזאַ טאָג, זען ווי די זון וואַנדערט צו ביז צו די אייגענע פּיס און שפּעטער זען זי פאַמעלעכל אַוועקוואַנדערן צו דער טומאה, דעם קאָשטשאָל, און פאַרשווינדן פון מאַרקפּלאַץ — און ער, יאָסעלע, זאָל בלייבן צוגעמויערט צום זעלביקן אָרט, אָט ווי די פּלומפּ אין דרויסן, ווי דער פערדסלופּ, ווי די מויער — אומבאַוועגלעך ווי אַ חפץ — איז געווען דער גרעסטער נסיון פאַר זיין „אייזער־נעם געדולד".

דערצו האָבן זיך מיטן צופאַלן פון פאַרנאַכט אַ צעטראָג געטאָן די שאַרפע ערד־ריחות פון די נאַקעטע פעלדער. די פרייע פרישע ווינטן וואָס האָבן הפקרדיק אַריינגעטאַנצט אין קרעמל און פאַרבלאָזן יאָסעלעס פּאַלעס, האָבן נאָך מער אויפגעבלאָזן אין אים דאָס געפיל פון אַ פאַרמישפּטן, אַ תּפיסהניק, אַ צוגעקאָוועטן צו זיין קאַלך־און קרייד־גורל. זיי האָבן צעכוואַליעט אין אים אַזאַ פּלוצעמדיקע ווילדע בענקעניש אַ ריר צו טאָן מיט די גלידער, אַלץ אין אים האָט זיך אַזוי צעשריגן גוואַלד, זיך אַ באַוועג צו טאָן — אַז עס האָט זיך אים אַזש פאַרגלוסט אַרויסצופלאַצן מיט אַ לעסטערונג. ער האָט בפירוש געפילט, אַז דאָס וואָלט אים לייכטער געמאַכט. — יאָ, פאַר וואָס האָט ער געזאָלט איינצוימען אויך די מחשבות זיינע און נישט לאָזן לכל־הפּחות זיי זיך אַ ביסל צעהפקרן? וואָס מער געפּענטעט דער גוף איז געווען, דאָס פרייער, דאָס מער אומגעזאָטלט האָט זיך געגלוסט אַוועקצובריקען מיט די רעיונות.

„נו, טאָ וואָס 'עט שוין אַרויסקומען דערפון, אַז עך 'על לעסטערן?" האָט ער זיך אָפּגעענטפערט און פאַרביסן די ליפּן. „דער רבונו־של־עולם 'עט דען נעמען ערנצט מיינע קללות? ווייסט ער דען נישט, אַז ער'ט אַזאַ געטרייען עבד ווי יאָסעלע אַבעדאַלע אַזוי לייכט נישט געפינען?... טאָ זאָל עך אפשר קראַנטער שעלטן מיך אַליין? אָבער ווי אַזוי שעלט מען זיך, אַז מען איז שוין אַ פאַרשאָלטענער? און וואָס 'עט זיין דער תכלית, אַז כ'על שוין אונדז אַלע ביידע אָפּשעלטן מיט אַלע וויסטע קללות? 'עט מיר דען עפּעס העלפן? ס'עט מיר לייכטער מאַכן אויפן האַרץ? פון ווען שפּילט דאָס ביי יאָסעלען אַבעדאַלע אַזאַ ראָלע אַרומצו־שלעפּן אַ שווער האַרץ? מיקנשמאַלץ!" האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

ער האָט פאַרלייגט די הענט אויפן רוקן, זיך אָנגעשפּאַרט אויפןביישטידל און זיך גענומען וויגן אַהין און אַהער מיטן אייבערשטן טייל קערפּער.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. נישט נאָר האָט ער געהאַט אַ ייִדענע, הינדעלען, כאַמעלע דעם סופרס אַלמנה, אינעם קרעמל צו זיין רעכטער זייט, נאָר אַ ייִדענע איז אויך געזעסן אינעם קרעמל צו זיין לינקער זייט. לעולם זיינען אין די קרעמלעך פון דער זייט פּאַטשעיאַוו געזעסן בלויז ווייבער און די מאַנספּאַרשוינען האָבן זיך זעלטן געוויאָוועט זיי צו פאַרטרעטן. און די בעל־מלאָכות האָבן געהאַט זייערע וואַרשטאַטלעך פון דער אַנדערער זייט פּאַטשעיאַוו.

„ס'דען...״ האָט יאָסעלע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. „די גברים זיינען זיך עוסק אין תּוך־זאַכן, זיצן על התּורה ועל העבודה און לאָזן די ווייבער זיך פאַר־נעמען מיט אַזעלכע לאַבזעס ווי פּרנסה, למשל. פון ווייבער לאָזן זיי זיך באַדינען, די וויללערנערס. און פאַר וואָס נישט? ס'איז עפּעס שלעכט צו פילן, אַז אויף דיר שטייט די וועלט? די תּורה איז דאָך טאַקע דאָס ליכט, די פּראַקטיקייט. זי איז אַנגעפּיקעוועט מיט חכמה. זי לייטערט, דערהייבט. ווער־מיר־גוטס־קינד צו זיצן יומם־ולילה און טרינקען פון דעם קוואַל — ווי מען וואָלט שוין געהאַט אויסגעגעבן די קינדער אין פריידן״.

„מיקנשמאַלץ!״ האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „אַז עך וואָלט דווקא געוואָלט, האָב עך דאָך אויך געקאָנט נעמען אַ ספר אין האַנט. וואָס טוט דען ר׳ סענדערל דער מקובל? זיצט אין זיין זייפקלייטל און לערנט גאַנצענע טעג. טאָ וואָסאָראַ ספר זאָל עך למשל נעמען אין האַנט? חומש מיט רש״י קען עך כמעט פון אויסווייניק. גמרא? דאַרף מען דאָך קענען... דאַרף מען דאָך געדענ־קען... צוזאַמען מיט די דפים, אויף יענעם גרוויליקן טאָג אין גמרא־חדר...״

אַ חברה בייזע זכרונות האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן צו יאָסעלעס קאָפּ און ער האָט זיי גיך אַרויסגעטרייסלט פון געדאַנק, באַפרייט דאָס געמיט פון זיי. ניין, אייגנטלעך איז ער די לומדים און די לערנערס נישט אַזוי שטאַרק מקנא געווען. ער וואָלט סיי ווי נישט געקאָנט אָפּזיצן דאָס גאַנצע לעבן איבער אַנגעפּיקעוועטע ספרים מיט הונדערטער דפים, און נישט האָבן קיין גרינגע אַנונג וואָס עס טוט זיך אויף גאָטס וועלט, אָט דער וועלט וואָס איז סיי מיט איר שיינקייט, סיי מיט איר מיאוסקייט דאָך געווען באַשאַפן פאַרן מענטש; אָט דער וועלט וואָס אין שייכות מיט איר דאָ־זיין איז די גאַנצע תּורה געגעבן געוואָרן. און די שאלה איז דאָך געווען: ווען האָט אַזאַ ייִד, אַ לערנער, געפונען צייט און די געלעגנהייט אויסצוניצן די חכמה וואָס ער האָט זיך פאַראייגנט פון די ספרים — אין דעם לעבן פון אַלע טאָג? צו טאָן די אַלע מיצוות וואָס האָבן באַקומען אַ זינען נאָר אין דער ממשותדיקער וואָכעדיקייט פון דער חומרדיקער וועלט?

וויגנדיק זיך אַזוי אַהין און צוריק, אָנגעשפּאַרט אויפן ביישטידל, האָט יאָסעלע צום וויפלטן מאָל זיך געפרעגט: „איז טאַקע דער קיום פון דער וועלט און דער

קיום-האומה באַזירט אויף אַט אַזאַ אופן פון לערנען גאָטס תורה? געשעט טאַקע, אַז די בעלי־תורה טוען אויף דעם אופן אויסגעפינען דעם בוראס אמתן רצון און זענען זיך מתדבק מיט אים? אָבער אויב דאָס וואָלט אמת געווען, טאָ ווי וואָלטן זיי געקאָנט זיך אויפפירן פונקט פאַרקערט ווי עס שטייט געשריבן? עס שטייט געשריבן: 'מאַך נישט פון דער תורה קיין קרוין זיך צו בלאָזן מיט איר, און נישט קיין אַקער צו גראָבן מיט איר' און איך זאָל מיר שוין האָבן אַזאַ יאָר וויפל לומדים בלאָזן זיך יאָ און גרויסן זיך יאָ און קוקן מיט ביטול אַראָפּ אויף יעדן איינעם וואָס פאַרדינט זיך דאָס שטיקל ברויט אין שוויס פון שטערן, דעם בעל־מלאָכה, דעם קרעמערל למשל. — און אפשר... אפשר איז אָט דער דרך נישט מער ווי אַ לצנות־שפּיל פון דער סיטרא־אחרא?" האָט אַ בייז־צינישע שאלה אַ פּיק געטאָן יאָסעלעס מוח. „דאָס גאַנצע חקרענען און דרשענען און פּילפּולען זיך זעט דאָך טאַקע גיכער אויס ווי אַ חוזק־שפּיל. ווייל משה רבנו אַליין האָט דאָך אַלץ געמאַכט אַזוי פּשוט ווי צוויי און צוויי. אָוועקגעשטעלט די יסודות פון אַ ייִדנס פירעכצער און אַראָפּ פון מאַרק. און טאַקע דערפאַר וואָס עס איז אַזוי פּשוט, איז עס דאָך אַזוי שטאַרק, אַז עס קאָן איינברעכן בערג. און טאַקע אַזוי. וואָס ברויך איך דעם גאַנצן פּילפּול, אַז איך קאָן מיך אַרומרינגלען מיט אָט דעם געזעץ ווי מיט מויערן. יאָ, דעם שולחן־ערוך מוז מען אָפּהיטן, געטריי, ביז צו דער מינדסטער קלייניקייט; ווייל די קלענסטע נאַכלעסיקייט קאָן אויסבויערן אַ לאָך אין דער פעסטינג, וואָס קאָן, חלילה, זי אין גאַנצן צעשטערן. אָבער צווישן אָט די פעסטינג־מויערן, מעג איך מיך פירן פריי. כ'מוז נישט נאָכטאָן אַנדערע. אַ מענטש איז נישט קאַ מאַלפּע, בפרט אַ ייִד".

אַזוי האָט יאָסעלע אַרויפגעצווונגען די גלייכגעוויכט אויף זיך. דאָס „אייזערנע געדולד" האָט זיך אומגעקערט צו אים. אַצינד האָט ער מיט ווייניקער ביטערניש און מיט מער תענוג אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון די פעלדער. זיינע קורצזיכטיקע אויגן האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף דעם שכנותדיקן קרעמל, וווּ הינדעלע, דעם סופרס אלמנה, איז געזעסן לעבן אירע פּאַליצעס מיט גאַלאַנטעריע, אַן אָפּן סידורל איז געלעגן אויף איר שויס — און לעבן איר איז געשטאַנען נישט קיין אַנדערער ווי וואַצעק, וואַצלאַוו ספּאַקויני, הייסט דאָס, דער פּייער־לעשער־קאָמענדאַנט.

יאָסעלע איז נשתומם געוואָרן. ווי אַזוי האָט זיך וואַצעק גענומען אַהער? ווי מאָדנע וואָס ער, יאָסעלע, איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין זיך, אַז הגם ער האָט געקוקט די גאַנצע צייט אין אָט דער ריכטונג, האָט ער גאָרנישט באַמערקט. און אַחוץ־מזה, וואָס פאַר אַ געשעפטן האָט וואַצלאַוו געהאַט מיט אָט דער מיזערנער ייִדענע, וואָס ער האָט זיך לעבן איר אַזוי אָפּט אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעשמועסט מיט איר, דערלאַנגט צוקערלעך אירע קינדער, וואָס זי האָט, פאַרשטייט זיך, גלייך אים צוריקגעגעבן. עס איז קיין ספק נישט געווען, אַז וואַצלאַוו איז געווען שיכור. טאָ פאַר וואָס האָט זי אים דערלויבט צו שטיין אַזוי

נאָענט פון זיך? און בכלל, פאַר וואָס האָט זי אים געענטפערט? וואָלט זי געהאַלטן דאָס מויל און זיך נישט אָפּגערופן אויף זיין פּלאַפּלען, וואָלט ער אַוועקגעגאַנגען און זי צו רו געלאָזט.

דער אָנבליק פון וואַצלאַוון לעבן הינדעלען האָט יאָסעלען אויפגערעגט און אים אויף ס'ניי געמאַכט פילן אומרויִק. „וואָס איז דאָס מיין עסק?" האָט ער געפּרוווט זיך באַרויִקן. „כ'האָב דאָך זי מער ווי איין מאָל געוואָרנט... און ווי לאַנג איך האָב נישט קיין מגע־ומשא מיט אים..." דאָך האָט יאָסעלע נישט געקאָנט אַראָפּנעמען די אויגן פון דעם פּאָר, ביז וואַצלאַוו האָט זיך אַוועקגעריסן פון הינדעלען און איז אונטערגעקומען צו אים, צו יאָסעלען.

„וואָס הערט זיך נייעס, יאָסעק?" האָט דער פייער־קאָמענדאַנט אַ פרעג געטאָן מיט אַ הייזעריק־שיכּור קול און אַרויסבאַלושטשעט די וואָסערדיקע אויגן אויף יאָסעלען, ווי ער וואָלט געפּרוווט אַדורכקוקן דורך אים. וואַצלאַוו איז געווען טרויעריק, פאַרצווייפלט ווען ער איז געווען שיכּור. „עך, ווען דו זאָלסט וויסן, ברודער, ווי מיר גלוסט זיך צו פאַרלאָטען אונדזער צעריסענע פריינדשאַפט..." ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף יאָסעלעס אַקסל ווי ער וואָלט אים וועלן צוריקהאַלטן פון וויגן זיך אַהער און אַהין. זיינע אַרויסגעגלאָצטע אויגן זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף יאָסעלעס צוזאַמענגעפּרעסטן מויל.

„אויף אַ צעריסענער פריינדשאַפט קאָן מען קיין לאַטע נישט לייגן!" האָט יאָסעלע אַרויסגעפּלאַצט נאָך אַן אויגנבליק פון אומבאַקוועמען שווייגן. ער האָט זיך אַ קער געטאָן אין קלייטל אַריין און זיך דאָרט אַרומגעפּאַרקעט ביז וואַצלאַוו איז פאַרשוווּנדן פון דער טיר. יאָסעלע איז גיך אַרויס אין דרויסן, זיך אַרומגעקוקט. וואַצלאַוו איז געשטאַנען אין מיטן מאַרקפּלאַץ ווי ער וואָלט אָפּגעוואַרט דעם גלח וואָס איז אָנגעקומען פון אַ געסל. יאָסעלע איז צוגעשפּרונגען צו הינדעלען און זי נאָך אַ מאָל געוואָרנט מיט אַ הייזעריק, כעסיק קול נישט אַריינצולאָזן זיך אין קיין שום שמועסן מיטן גוי, און אים נישט צו ענטפערן מיט קיין וואָרט.

הינדעלע האָט אויפגעהויבן די פאַרטרערטע אויגן פון סידורל, און געשטאַרט אויף יאָסעלען מיט אַ מין תּמעוואַטן האַלב־שמייכל. „גלייבט מיר, ר' יאָסעלע", האָט זי אַ שוווערן זיפץ געטאָן, „אַז איך האָב נישט קיין ברעקל געמיט צו שמועסן מיט אים. איר מיינט, אַז ער איז אויסן עפּעס שלעכטס?" האָט זי געפרעגט אין אַ וואַרעם צעגאָסן קול.

„ווייס איך וואָס ער איז אויסן?" אויפן אָנבליק פון הינדעלעס צעווייטיקטן פּנים האָט זיך יאָסעלע דערפילט אומבאַקוועם. ער האָט געוווּסט וואָס זי לעבט איבער. דאָך האָט ער זיך ווידער אַ בייזער געטאָן. „אָבער צ'וואָס דאַרפט מען זיך אַריינלאָזן אין אַ שמועס מיט אים, הע?"

זי האָט זיך געגאַפט אויף אים מיט די איבער־פולע שוואַרצע אויגן. ס'האָט אַזש אויסגעזען נישט לייטיש. „וואָס זאָל עך טאָן?" האָט זי אויסגעשטרעקט די

דלאַניע צו אים, ווי זי וואָלט דערוואַרט ער זאָל אויף איר אַרויפלייגן אַן עצה. „אַ מענטש קומט צו פאַרבייטן אַ פּאָר ווערטער, ווי אַזוי קאָן עך אים נישט ענטפערן?"

„ווי אַזוי?" האָט ער שוין כמעט אויסגעשריגן. „מיטן האַלטן ס'מויל! ווייסט איר שוין ווי אַזוי?" האָט ער זיך געקאָכט, אָבער אין זיך געווען שטאַרק אומצופרידן. „ר' זעט נישט, אַז ער איז שיכּור ווי לוט?"

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּל: „ווי קאָן מען דאָס נישט זען? ס'הערט זיך פון אים אויף אַ מייל". איר נאַרישוואַטער שמייכל איז נאָך אַלץ געווען באַהאַלטן אין די ווינקלען פון אירע ליפּן וואָס האָבן קוים־קוים געציטערט, ווי זי וואָלט געהאַלטן ביים אויסברעכן אין אַ געוויין. אַנשטאָט דעם האָט זי צוגעגעבן: „אָבער דערפאַר איז אים לייכטער אַרויסצוקומען מיט דעם וואָס עס דריקט אים אויפן האַרץ". — יאָסעלע האָט נישט געהאַט קיין טבע זיך אַריינצולאָזן אין לאַנגע שמועסן מיט זיין שכנה, צי מיט ייִדענעס בכּלל און ער האָט בלויז אַ מרוקע געטאָן. נאָר זי האָט זיך צוגערוקט נענטער צו אים מיט איר זיצקעסטל, דאָס אָפענע ספּרל נאָך אַלץ אין איר שויס, און איז אָנגעגאַנגען: „ר'איז זיך מצער צוליב זיין ברודער, דעם גלח, וועלכער וויל אים נישט קענען". זי האָט מיט דער גאָמבע אַ וויז געטאָן אין דער ריכטונג פון גלח וועלכער האָט געשפּרייזט איבערן מאַרקפּלאַץ. „איר ווייסט וואָס דער פּאַן וואַצלאַוו האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן? ער האָט אַ זאָג געטאָן: 'ענקער אמונה איז די אמתדיק־קריסטלעכע אמונה. ביי ענק זענען אַלע ייִדן ברידער, בעת ביי אונדז פירט זיך מיין אייגענער ברודער נישט אויף ווי אַ ברודער. ער פּרעדיקט: האָטש ענק ליב, און אַליין איז ער פול מיט שינאה צו זיין אייגן בלוט און פליייש'. און איר ווייסט, ר' יאָסעלע, וואָס עך האָב אים דערויף געענטפערט?" איר פּנים האָט באַקומען דעם אויסדרוק פון אַ קליין מיידעלע וואָס האָט דערוואַרט אַ קנופּ אין בעקל פון אַ טאַטן. „כ'האָב אים געענטפערט, אַז פאַר אים פּאַסט זיך בעסער זיין רעליגיע, און פאַר אונדז פּאַסט זיך בעסער אונדזערע. און אַז ער זאָל זיך האַלטן ביי זייניקער. און כ'האָב אים געטרייסט, אַז זיין ברודער האָט אים יאָ ליב, אַז נישט וואָלט אים נישט אַזוי געאַרט וואָס ער, דער פּאַן וואַצלאַוו, טרינקט אַ סך... ווייל אַנדערע גוטע קריסטן טרינקען אויכעט... און ער איז זייער מוחל".

וואָס זי האָט נישט דערמאָנט פאַר יאָסעלען איז געווען, אַז וואַצלאַוו, וועלכער איז מסתמא געווען אַזוי שיכּור, אַז ער האָט נישט געוווסט וואָס ער רעדט, האָט איר געזאָגט, אַז ווען נאָר ער טראַכט וועגן אירע טרויעריקע שוואַרצע אויגן בעתן לעשן אַ פייער, דערזעט ער דעם מלאך פון חסד פאַר זיך, און ער לעשט דאָס פייער „מיט מער פייער".

דער גלח, אַ סקעלעטישער סוכאָטניק, מינדסטנס מיט אַ האַלבן קאָפּ העכער פון זיין ברודער וואַצלאַוון, איז געווען אויפן וועג פון געבן דעם לעצטן סאַקראַ־

מענטש צו אַן אויסגעזייענדיקער נשמה. ער האָט געטראָגן זײַנע ווײַסע בגדים און געטראָגן דעם וויאַטיקום אין דער האַנט. גלײַך הינטער אים האָט זײַן סטאַדע פֿון אַלטאַר־ייִנגלעך נאָכגעשפּרייזט מיטן קאַדזשעלניק. איינער פֿון זיי האָט גע־טרייסלט אַ גלעקל. די פּויערים וואָס זײַנען פֿאַרבײַ האָבן אָראָפּגעקניט. וואַצלאַוו איז געשטאַנען מיט אַ פּאָר שריט דערווײַטערט, געשטאַרט אויף זײַן ברודער און דער ברודער — ווי ער וואָלט אים נישט באַמערקט.

ווי יאַסעלע האָט זיי באַטראַכט דורך די פֿאַרנעפּלטע אויגן, האָט אַ קנויל זכרונות־בילדער, וועלכע ער האָט פֿאַרעקשנט געפּרוּווט אָפּטרײַבן פֿון זיך, ווי אַ טשאַטע הינט געגומען רײַסן שטיקער פֿון זײַן זכרון.

קעגן זײַן ווילן האָט ער זיך דערזען ווי אַ קינד... ער האָט געזען וואַצלאַוון און זײַן עלטערן ברודער סטאַניסלאַוון, דעם הײַנטיקן גלח, ווי קינדער אין זײַן עלטער. ער האָט געזען די קאַמערן און פּאַלאַטקעס צווישן די זומפּן און טײַכלעך ווו זיי האָבן דעמאָלט געוווינט און ווו אַלע דרײַ האָבן זיך צוזאַמען אַרומגעשפּילט. דער טאַטע פֿון די צוויי שקצימלעך, צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר פּויערים, צוזאַמען מיט יאַסעלעס טאַטן און אַנדערע מיטגלידער פֿון דער גרויסער משפּחה האָבן געהאָלפֿן די פּוילישע לעגיאָנערן, די קעמפֿערס פֿאַר פּוילנס באַפֿרייונג פֿון צאַרס ממשלה, זיך באַהאַלטן אין די אָרטיקע וועלדער נאָך דער מפּלה פֿון דער פּוילישער פּאָוסטאַניע אין 63סטן יאָר. עס זײַנען שוין געווען פֿאַרבײַ אַרום צען יאָר נאָך יענע בלוטיקע געשעענישן, אָבער די לעגיאָנערן האָבן נאָך אַלץ געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן, אַז די לאַנגע הענט פֿון תּליון מוראַוויאָוו זאָלן זיי נישט דערגרייכן. מוראַוויאָווס יעגערס האָבן זיך נאָך אַלץ געיאָגט נאָך זיי, און האָבן געלויערט אויף אַרום די זומפּן פֿון באַטשאַני.

די מיטגלידער פֿון יאַסעלעס משפּחה האָבן געבויט די טראָטוועס פֿאַר די מורדים און וואַצלאַווס און סטאַניסלאַווס פֿאָטער צוזאַמען מיט די אַנדערע כלאָפּעס האָבן זיי אַריבערגעפֿירט אויף יענער זײַט וואַסער אין די געדיכטע וועלדער צווישן די זומפּן. די מורדים זײַנען נישט געווען בילע ווער. זין פֿון רײַכע לײַט זײַנען זיי געווען, פֿון שררות, פֿון גרויס־שטאָטישער סמעטענע, קרובים און פֿרײַנד פֿון דעם הײַנטיקן פֿריץ וואָס האָט געוווינט אין הויף. און געווען צווישן זיי אויך פּאָוסטאַנצעס־לעגיאָנערן ייִדן, סײַ פֿון רוסישן, סײַ פֿון עסטרײַכיש־פּרײַסישן פּוילן. אַפֿילו איצט האָט יאַסעלע נאָך זייער בולט געקאָנט זען אין זכרון די טרויעריקע פּנימער פֿון אָט די נאָבעלע יונגע־לײַט וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין זײַן דעמאָלטיקער היים, בעת זיי האָבן געוואַרט מען זאָל זיי אַריבערטראַנספּאָרטירן איבערן וואַסער. אַ צאָל פֿון זיי האָבן צוזאַמען מיט יאַסעלעס טאַטן זיך געפּלעגט שטעלן דאַוונען מעריב. בײַ נאַכט האָט מען זיי געלייגט אויף דער מאַמעס און די קינדערס געלעגערס, צוגעדעקט זיי מיט דער

פוכענער פערענע און דער פיר־יאַריקער יאָסעלע, מיט זיינע ברידערלעך און דער מאַמען האָבן פאַרבראַכט די נאַכט שוידערנדיק אין אַן אַנדערער קאַמער, ווו דער ווינטער ווינט האָט אַריינגעבלאָזן דורך די שפּאַרונעס. דערנאָך איז אָנגעקומען די נאַכט ווען אַ טראַטווע איז אַריינגעפאַלן אין דער פאַסטקע פון דעם צאַרס יעגערס. יאָסעלע האָט געדענקט זיין מאַמעס פּנים פון יענער נאַכט... האָט בולט געהערט די שיסעריי וואָס האָט אָפּגעהילכט אין דעם שווייגנדיקן חושך פונעם דרויסן. דאָס איז געווען די נאַכט ווען וואַצלאַווס און סטאַניסלאַווס פאָטער איז דערהרגעט געוואָרן. די מערהייט פון די יונגע פּאַוסטאַנצעס האָט מען געכאַפּט און פאַרשיקט קיין סיביר.

צווישן די וועמען עס איז דאָך געלונגען צו אַנטלויפן יענע נאַכט זיינען געווען דעם פּריצס קרובים. דערפאַר האָט דער פּריץ גענומען וואַצעקס און סטאַשעקס מאַמען, די אַלמנה, אונטער זיינע פליגל, געזאָרגט פאַר אירע קינדער. אַזוי האָט ער אַוועקגעשיקט סטאַשעקן, דעם בחור אירן, קיין טשענסטאָכאָוו זיך לערנען אויף אַ גלח. און ווערן אַ גלח איז געווען סטאַשעקס חלום. יאָסעלע האָט נאָך איצט געקאָנט זען אין זכרון דעם אויסגעדאַרטן, תּמיד ערנצטן סטאַשעקן אָנפירן מיט די שפּילערייען אַרום די ביידלעך, לעבן פלאַכן טייכל ווו מען האָט זיך צוזאַמען געבאָדן. דאָרט האָט סטאַשעק אים, יאָסעלען, געהאַלטן אין איין „טויפן" און מושטרירן אים און וואַצעקן צו גיין אין אַ „פּאָכוד". ער, יאָסעלע, האָט זיך געלאָזט מושטרירן מיטן תּנאַי, אַז מען וועט אין „פּאָכוד" צוזאַמען זינגען „לכה דודי לקראת כלה", און דערנאָך צוזאַמען אויסרופן „שמע־ישראל!" מער פון ייִדישקייט האָט ער, יאָסעלע, נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט. ער איז נאָך אַפילו אין חדר נישט געגאַנגען. — און אַז סטאַשעק איז אַוועק נאָך טשענסטאָכאָוו, האָט שוין זיין מאַמע געזען דערצו, אַז דער פּריץ זאָל נאָכשיקן אויך וואַצעקן. אָבער וואַצעק האָט געהאַט בילכערע פּאַרגעניגנס אין זינען און ער איז אַנטלאָפן פון קלאָשטאָר.

וואַצעק איז געווען דער היפּוך פון זיין נזיריש־אויסגעמאָגערטן עלטערן ברודער, וועלכער האָט אין די גלחישע קליידער אויסגעזען ווי ער וואָלט אין זיי געבוירן געוואָרן. וואַצעק איז געווען אַ גשמיותדיקער, אַן אָנגעלאָדנטער מיט אַן אינערלעכן פייער און מיט תּאוות. אין די שפּעטערע יאָרן האָט זיך יאָסעלע קיין מאָל אין קיין שמועס מיט וואַצעקן נישט אַריינגעלאָזט. ער האָט אים אויסגעמיטן ווי אַ מגפה, — צי אפשר נישט אַזוי ווייט אים אַליין, ווי די זכרונות פון די זאָרגלאָזע ערשטע יאָרן פון לעבן, אַט דעם פאַרלוירענעם גן־עדן, וועלכער איז פאַרטרונקען געוואָרן אין אַ בלוט־מבול בעת דער שחיטה וואָס איז נאָכגעקומען מיט ניין יאָר שפּעטער. זיין לעבן מיט וואַצעקן און סטאַשעקן האָט קיין שום באַטייט נישט געהאַט פאַר יאָסעלען היינט צו טאָג, אויסער וואָס עס האָט אים דערמאָנט אָן דעם תּהום וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט פון אים.

דאָך איז בעת אַ שׂרפה געווען אוממעגלעך נישט צו באַמערקן וואַצלאַוון. יאָסעלע פלעגט אים בגנבה באַטראַכטן, געזען וואַצלאַווס פליישיקע רויטע פּנים באַלויכטן פון די פלאַמען, געזען אים שטשירען די ציין מיט אַ מין ווילדער חיה׳שער פרייד און מיט אַ רציחהדיקן כעס גלייכצייטיק. צו מאָל פלעגט זיך יאָסעלען אויסדאַכטן, אַז וואַצעקן גלוסט זיך גיכער צו צעבלאָזן דאָס פייער ווי עס צו פאַרלעשן. פלעגט יאָסעלען אויך איינפאַלן, אַז וואַצעקן גריזשעט זיין טאַטנס העלדישייט ווי אַ דיבוק; פונקט ווי ס׳האָט אים, יאָסעלען, געגריזשעט די דער־מאָנונג פון דעם שיינעם פרייען לעבן וואָס זיין אייגענער זיידע און דער טאַטע האָבן געפירט.

דאָך פלעגט זיך יאָסעלע אָפּטרייסלען פון דעם געדאַנק, פונקט ווי פון די זכרונות זיינע. נישט געווען קיין שום ענלעכקייט צווישן זיינע פאַרלאַנגען און גלוסטענישן און וואַצעקס. צווייטנס, וואָס איז דאָס וויכטיק געווען? וואַצלאַוו איז געווען אַ שקלאַף פון זיינע פאַרלאַנגען און גלוסטענישן, און ער, יאָסעלע, איז געווען האַר איבער זיינע. וואַצלאַוו איז געווען אַ גוי און ער, יאָסעלע — אַ ייִד. יאָ, זיי זיינען זיך געווען ווילד־פרעמדע.

פאַר וואַצעקן האָבן די באַטשאַנישע גויים דרך־ארץ געהאַט, סיי אין זכות פון זיין העלדישן טאַטן, סיי אין זכות פון זיין ברודער, דעם גלח. וואַצעק האָט אָבער אָט דעם נישט־פאַרדינטן כבוד נישט געקאָנט פאַרדייען. דערפאַר האָט ער זיך דערשלאָגן צו ווערן פייער־קאָמענדאַנט. וועלטן האָט ער איינגעלייגט צו באַווייזן זיין העלדישקייט, און וואָס ער האָט באַוויזן איז געווען זיין נאַרישקייט. אַ פאַר מאָל האָט ער שיִער נישט באַצאָלט מיטן לעבן דערפאַר. ווייל בעת אַ שׂרפה איז ער געווען סיי שיכור, סיי אומדערשראָקן, און האָט זיך באַוועגט צווישן די פייערזיילן, ווי ער וואָלט אַרומשפּאַצירט צווישן ביימער אין אַ גאָרטן. — דערצו איז ער געווען אַ באַרימער וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט געהאַט. זיין אייגענע אמתע העלדישקייט איז אים קיין מאָל נישט גענוג געווען. ער האָט זי געמוזט באַפּוצן מיט נישט־געשטויגענע מעשׂיות וועלכע קיינער האָט נישט געגלייבט, אָבער וועלכע קיינער האָט נישט אָפּגעלייקנט, אויס מורא פאַר אים און אויך ווייל די מעשׂיות זיינען געווען פאַרוויילנדיק.

ער האָט אַרומפּאַראַדירט אין דעם ספּעציעלן קאָמענדאַנטסקע מונדיר מיט גילדענע קנעפּ — צעקנעפּלטע, די פּאָלעס צעפלויגן, ווי ער וואָלט געווען פאַר־נומען מיט ראַטעווען די וועלט יעדן אויגנבליק פון טאָג. דאָס פּעטע בייכל האָט אים אַרויסגעסטאַרטשעט איבער דעם ברייטן פּאַס פון די הויזן ווי אַן אָנגעבלאָזענע קאָבזע, און ער האָט, דרייענדיק די העטמאַנסקע וואָנצעס, נאָר געזוכט אַ געלעגנ־הייט צו פאַרבעטן וועמען אין דער ייִדישער קרעטשמע, וווּ ער האָט זיך אַריינגע־לאָזט אין די מעשׂיות וועגן זיינע נסימדיקע אויפטוען. — נישט קיין האָר ווייניקער נסימדיק זיינען געווען זיינע אויפטוען אין די בעטן פון די פּויערטעס, און אין

פויערשן קהל־לעבן בכלל. די מערסטע כלאַפּעס האָבן אָפּגעאַרבעט די טעג ווי פּאַראַבקעס אויפן פּריצס פעלדער, צי אין „הויף", און וואַצעק איז דערווייל געשלאָפן מיט זייערע ווייבער און געבעל־הבתעוועט אין די דאָרפישע עסקים, ווייל דעם נאַטשעלניק האָט מען נישט געטרויט. דער נאַטשעלניק האָט טאַקע דעם און יענעם אַ מאָל אַ טובה געטאָן, אָבער ס'איז געווען אַ חשד, אַז ער איז יד־אחת מיט דער „אַכראַנקע", אַ מאַסקאַלישער שטיוול־לעקער און אַ מסור. דערפאַר איז וואַצלאַוו געווען דער אייגנטלעכער אָנפירער פון דער גוייִשער קהילה. מען האָט אים אָפּט טיטולירט ווי „קאָמענדאַנט פאַן וואַצלאַוו ספּאָקויני", און נאָר געציילטע לצים האָבן געוואַגט הינטער זיינע פּלייצעס פאַרבייטן דאָס וואָרט „קאָמענדאַנט" אויף „קאָמעדיאַנט".

יאַסעלע איז מיד געוואָרן פון שטאָרן אויף וואַצלאַוון, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין מיטן פון מאַרקפּלאַץ, ווי אַ טעלעגראַפן־סלופּ, הגם זיין ברו־דער מיט דער סוויטע זייַנער זיינען שוין געווען לעבן דער פּלעבאַניע. אַ נעפּל האָט זיך אַ שטעל געטאָן פאַר יאַסעלעס קורצזיכטיקע אויגן. דורך דעם נעפּל האָט ער דערזען פישעלען קצב אַרויסקומען פון דער יאַטקע ביים ראָג פון פּאַטשעיאַוו און זיך דערנענטערן; געזען, אַט ווי מען זעט אַ פליג זיך באַוועגן, ווי מען זעט אַ הונט, צי אַ קאַץ אָנקומען. מען זעט און מען באַמערקט נישט. און אַז פישעלע האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער שוועל לעבן יאַסעלען, האָט יאַסעלע זיך ווייטער געוויגט מיט די הענט פאַרלייגט אויפן רוקן, אָנגעשפּאַרט אַן ביישטידל, די אויגן פאַרקוקט אין דער ווייט, די מחשבות — נאָך ווייטער.

פישעלע האָט אונטערגעהויבן דעם ברעג פון זיין יאַטקע־שירץ, וועלכע איז געווען באַדעקט מיט אַ מוסטער פון טונקעלע און העלע בלוט־און שמוץ־פלעקן, און האָט זיך הויך אויסגעשנייצט די נאָז, ווי ער וואָלט אויף דעם אופן געוואָלט יאַסעלען אויפוועקן פון דער לעטאַרגיע און זיך אַליין לופטיקער מאַכן אין קאָפּ. ער איז טאַקע געווען אַ פריילעך־מאַכער און אַ וויצלער, אָבער ווען ער איז געווען אַ שליח־ציבור האָט ער זיינע שליחותן גענומען גאָר ערנצט און דער ערנצט האָט זיך טאַקע געמאָלן אויף זיין גאַנצן קיילעכדיקן, פליישיקן פּנים, ביז אַראָפּ צו דער שפּיצבאָרד וועלכע ער האָט מיט זיין מאַסיווער, געאָדערטער האַנט אויסגעגלייכט. זיין נאָז, אַן אויסגערייניקטע און פאַררויטלטע, האָט זיך מיט די שטאַרקע, נערוועז־צעפּלאַטערטע נאָזפליגל אָנגעשפּיצט אויף יאַסעלען. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן ביישטידל קעגן איבער און זיך גענומען וויגן פּונקט ווי יאַסעלע.

„אַ טויטער טאָג היינט, הע, יאַסעלע?" האָט זיך פישעלע פאַמעלעך, פאַרזיכ־טיק גענומען איינצופעדעמען דעם שמועס. יאַסעלע, אים קעגן איבער, האָט זיך ווייטער געוויגט און אַפילו נישט קיין ריר געטאָן מיט די לעפצן. וואָס האָט ער

געזאָלט ענטפערן פישעלען? האָט פישעלע געברויכט זיין, יאָסעלעס באַשטעטי־קונג, אַז דער טאָג האָט שוין געמעגט געהערן צום פאַרגאַנגענעם יאָר? איז פישעלע געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט צוליב יאָסעלעס שווייגן. ווייל אייגנטלעך האָט ער לעצטנס געזוכט אַ געלעגנהייט זיך פונאַנדערצושמועסן מיט זיין חבר, מיט יאָסעלען — וועגן זיך אַליין. פרעגן ביי אים אַן עצה, ווי מען פרעגט אַ ברודער, אַן עצה וואָס מען וואָגט גאָר קיין ברודער נישט צו פרעגן און וואָס נאָר ער, יאָסעלע אַליין, וואָלט אים אפשר געקאָנט געבן. אָבער יאָסעלע איז געווען אַ האַרטע נוס אויפצוקנאַקן. האָט ער אים דען נישט געקענט, דעם פּאַטענטירטן עקשן, דעם וויסטן מרוק? פישעלע האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ וואָרף געטאָן אַ צווייטע שאלה: „און וויפל לייזסטע דאָס היינט אַ זעקל קאַלך?"

צוליב העפלעכקייט־וועגן האָט יאָסעלע צוריקגעבאָמקעט: „וויפל ס'לאָזט זעך, לייז עך". און ער האָט אַפילו צוריקגעפרעגט: „ווילסט אויסקאַלכן דיין דירה?"

פישעלע האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער פּאַטילניצע, ווי ער וואָלט זיך מישב געווען. „ווייס עך וואָס... אפשר... אפשר אויף איבער אַ יאָר פסח, מ'זאָ'סט דערלעבן".

„טאָ קום אריין מ'זאָ'סט דערלעבן איבער אַ יאָר פסח מיך פרעגן".

באַקומען דעם שאַרפן ענטפער, האָט אין פישעלען עפּעס אַ קאָך געטאָן און אַ שטאָך געטאָן און ער האָט אָנגעקוקט יאָסעלען מיטן שאַרפן בליק פון אַ באַליידיקטן שליח־ציבור און אַ באַעוולטן חבר. אָבער ער איז גלייך ווייכער געוואָרן און האָט צעשפרייט די פולע פליישיקע ליפן מיטן האַרציקן שמייכל פון אַ חבר וואָס איז מוחל און פון אַ מענטש אָן אַ גאַל. „זע נאָר זע דעם אָפּשניט וואָס ער גיט מיר! מיט וואָס האָב עך מיך דאָס אַזוי פאַרזינדיקט ביי דיר, הע? אַריינגעכאַפּט זיך צו דיר אויף אַ שמועסל..."

יאָסעלע האָט תּיכּף צוריקגעשאָסן: „איך ווייס צוליב וואָס ד'האָסט דיך אַריינגעכאַפּט און כ'ווייס ווער ס'האָט דיך געשיקט".

„יאָ, ד'ווייסט? טאָ אפשר לאָזסטע מיך אויך וויסן?" האָט פישעלע אויסגעזען אומשולדיק און באַעוולט. „עך האָב שוין נישט קיין רעכט מיך אַריינצוכאַפּן צו דיר אָט סתּם אַזוי? אַ צו קליין שטיקעלע לעבן האָט מען דאָס אָפּגעלעבט צוזאַמען?"

יאָסעלע איז קיין האָר נישט גערירט געוואָרן פון פישעלעס ברודערלעכן טאָן און האָט אים געענטפערט געגנוי ווי ער האָט געפילט: „אַז מען איז זיך אַזעלכע אייגענע, דאַרפסטע דאָך וויסן פונקט ווי איך, אַז אויף דעם וואָס עס לוינט זיך צו שמועסן זענען קיין ווערטער נישט פאַראַנען, און אויף דעם וואָס עס לוינט זיך נישט צו שמועסן, איז יעדער וואָרט איבעריק".

דער שמייכל האָט זיך ווידער גענומען טוקן אויף פישעלעס ליפן. „וואָס עך

ווייס איז", האָט ער געדרייט מיטן קאָפּ, „אַז מען קאָן טאַקע נישט רעדן קיין וואָרט מיט דיר. וואָס ביסטע מיצקע־דרינען אַזוי אָנגעיחסנט געוואָרן, הע? ס׳גרויסע געווינעכץ האָסטע געוווּנען, צי וואָס?"

„חלילה־וחס", האָט יאָסעלע רויִק געענטפערט. „צו האָבן דאָס געלט אויף אַ לאָטעריע־בילעט איז אַ געגוג גרויס געווינעכץ פאַר מיר. נו, אדרבא, אַז ד׳ווילסט דווקא רעדן, רעד".

„וואָס הייסט, אַז עך וויל דווקא רעדן, זאָל עך רעדן?" האָט פישעלע אָנגעהויבן פאַרלירן דאָס געדולד. „כ׳וויל אַז ד׳זאָלסט מיך אויסהערן און מיט קאָפּ!" איז פישעלע צוגעטרעטן צו אַ פראַנטאַלער אַטאַקע, ווייל וויצלען זיך מיט יאָסעלען איז געווען אוממעגלעך און רעדן אַן אינטים־חבריש וואָרט, זיך מתוודה זיין פאַר אים, למשל, האָט אויסגעזען אַ ריין משוגעת; ווייל אַפילו אַ נאָרמאַלער מענטשלעכער שמועס מיט אים האָט זיך געקלעפּט ווי אַרבעס צו דער וואַנט.

„מ׳שמועסט אין שטאָט", האָט ער אַ זאָג געטאָן און דאָס מאָל זיך באַמיט, אַז זיין קול זאָל אַרויסקומען וואָס שטרענגער, „אַז ד׳האָסט ווידער משלח געווען ר׳ מנשהלען דעם שדכן אויף גאָרנישט קיין שיינעם אופן. האָסט דאָך אים חלילה געקאָנט דעם קאָפּ פּלעטן". פישעלע האָט זיך געכאַפּט, אַז זיין שאַרפער טאָן איז דאָך נישט געווען פּאַסיק. ער האָט נישט געוואָלט קיין קריגערייַ מיט יאָסעלען. געווינען האָט ער אים געדאַרפט, איבערצייגן. האָט פישעלע אַ ביסעלע אונטערגעוואָרעמט דאָס קול און עס צוגעפּאַרבט מיט אַ חניפהלע: „׳עסטע מיר גיין זאָגן, אַז ד׳ביסט בטבע אַ שלעגער? ניין, ברודערקע, מיר ׳עסטע דאָס נישט איינרעדן. נאָר וואָס? דאָס וואָס ד׳האָסט געטאָן איז דער בעסטער סימן, אַז ד׳ביסט שוין גוט אין די הענט פון דער סיטרא־אחרא. אָט דאָס וויל ער דאָך טאַקע, דער שטן, אַז ייִדן זאָלן נישט חתונה האָבן, נאָר ז׳זאָלן שלאָפן מיט זיינע שדימשע ווייבער. דער בעסטער וועג צו בענדיקן דאָס פאָלק ישראל".

יאָסעלע האָט זיך אַ קער געטאָן אין קלייטל אַריין, געכאַפּט די האַק און מיט גרויס רוגזה גענומען זיך צום שפּאַלטן אַ פּאַצענע קאָלך וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט. — איז האָט ער, הייסט עס, ריכטיק געטראָפן. פישעלע קצב איז טאַקע נישט אַריינגעקומען ווי אַן אייגענער, אַ חבר, סתּם אים צו האַלטן קאָמפּאַניע און צוזאַמען מילדער מאַכן די לאַסט פון אָט דעם לאַנגן טאָג. דאָס האָט פישעלען דאָס שטעטל ווידער אונטערגעשיקט, אים, יאָסעלען צו פּייניקן. האָט יאָסעלע אַ שאַר געטאָן די צעשפּאַלטענע פּאַצענע קאָלך און שאַרף אַ דרייַ געטאָן מיטן קאָפּ. „מאַנע קינדער ׳עלן קאַ שטיפמאַמע נישט האָבן, נישט באַ מאַטיען!" ער האָט אָפּגעהאַקט און גענומען אַן אַנדערע פּאַצענע קאָלך.

געזען, אַז יאָסעלע האָט די האַק ווידער אַראָפּגעלאָזט אויפן שטיק קאָלך, איז פישעלע בייגעקומען די מאַמענטאַלע אימה וואָס איז אים באַפאַלן און גורם געווען, אַז דאָס בלוט זאָל אָפּפליסן פון זיינע צעהיצטע פליישיקע באַקן. ער האָט

געמאַכט אַ האַלבן טראָט אין קלייטל אַריין, נענטער צו יאָסעלען. „כ׳זאָל מיר שוין האָבן אַזאַ יאָר״, האָט ער אַרויפגעלייגט די געאָדערטע האַנט אויף דער מיט־בלוט־פאַרפלעקטער שירץ אויף זיין בוזעם. „וויפל שטיפמאַמעס עס זענען טייל מאָל בעסער ווי אַ לייבלעכע מאַמע״. ער האָט דאָס געזאָגט מיט איבער־געגומענקייט, האָבנדיק אין זינען זיך אַליין. וויפל מאָל האָט ער דאָס אין זיינע אייגענע קינדער־יאָרן מתפּלל געווען, אַז זיין מאַמע די מרשעת זאָל איינגעמען אַ מיתה־משונה און ער זאָל האָבן אַ שטיפמאַמע?

יאָסעלע האָט אויסגעשטרעקט די האַנט מיט דער האַק צו פּישעלען: „נאַ, האַק דיר קראַנטער אָפּ די צונג, איידער ד׳ברענגסט אַזעלכע רייד אויף די ליפּן״. ער האָט וואַרענענדיק אַ טרייסל געטאָן מיט דער האַק. „אויף מיינע שונאים געזאָגט צו האָבן אַפילו די בעסטע שטיפמאַמע״.

„אויף מיינע אויך...״ האָט פּישעלע אומזיכער און ווי איבערבעטנדיק איינגעשטימט.

דאָך האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּטרייסלען פון דעם אומגעריכטן בילד וואָס האָט זיך אַ שטעל געטאָן פאַר אים אין זכרון, פון זיין אייגענער מאַמען, וועלכע האָט אים אָפּגעטאָן אַזעלכע געברענטע צרות, אַז די ערגסטע שטיפמאַמע האָט געמוזט זיין אַ מלאך קעגן איר. קיין גלייך וואָרט האָט זי קיין מאָל צו אים נישט אַרויסגערעדט, רק געשאָלטן און געקאָטעוועט און אים אָנגערופן מיט די ווילדסטע צונעמענישן, ווי נאָר זי האָט אים געכאַפּט ביים פאַרחלומען זיך אויף אַן אויגנ־בליק. ווייל ווי אַ קינד האָט ער, פּישעלע, געהאַט אַ די טבע פון אומגעריכט פאַרגעסן ווו ער געפינט זיך און זען זיך אין דער מיטן פון ווילדע וועלדער, וויסטע מידבריות, זיך העלדיש ראַנגלען מיט לייבן, מיט טיגערס און העלפאַנטן און זיי מיט די בלויזע צוויי הענט מנצח זיין. געטרייסלט פון אימה האָט ער זיך תמיד פאַר איר, מער ווי פאַר דער ערגסטער שדיכע וואָס איז אים צו חלום געקומען. צו מאָל האָט ער געטראַכט, אַז זי איז אַן אמתע שדיכע און ביז צום היינטיקן טאָג האָט ער זיך פון אָט דער דאַכטעניש נישט באַפרייט, און נישט פון דער אימה. יאָ, הגם ער איז היינט צו טאָג געווען אַ יונג מיט ביינער, אַ קצב און אַ העלדישער פּייערמאַן, וואָס דאָס גאַנצע שטעטל האָט דרך־ארץ געהאַט פאַר אים, האָט ער נאָך אַלץ, אינעווייניק, אין זיך — זיך געפילט ווי אַ שרץ און ער האָט נאָך אַלץ ליב געהאַט זיך צו שפּילן אין דמיון מיט בילדער ווי ער איזדעקעוועט זיך איבער דער מאַמען און הרגעט זי אַוועק. אַוודאי האָט ער געוווסט, אַז ער זינדיקט מיט די געדאַנקען. אַ ייִד האָט געמוזט ליב האָבן זיינע טאַטע־מאַמע, ווער און וואָס זיי זאָלן נישט זיין. אָבער ער איז גרייט געווען אָנצונעמען די שטראָף פאַר ברעכן גאָטס געבאָט, פאַרן פּרייז פון דעם פאַרגעניגן וואָס אָט די מערדערישע מחשבות האָבן אים פאַרשאַפט.

„טאָ האַק מיר קראַנטער נישט קאַ טשייניק!״ האָט יאָסעלעס קול אַרויסגע־

שלאָגן פישעלען פון זיינע טראַכטענישן. יאָסעלע האָט ווידער אַ כאַפּ געטאָן אַ פּאַצענע קאַלך און זיך פאַרמאָסטן אויף איר מיט דער האַק. ער איז געווען צופרידן פון דער המצאה אַ רודער צו טאָן מיט די גלידער. אַלע שטיקער קאַלך וועט ער אַזוי דערוויל צעהאַקן, האָט ער באַשלאָסן, וועט ער זיך נישט אַזוי אויפרעגן בעת פישעלעס דרשענען.

פישעלע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אָפּצוטרייסלען זיך פון די פריוואַטע מחשבות זיינע און ער איז אָנגעגאַנגען מיט דעם ענין וואָס ער האָט זיך פאַר־נומען אַרומצורעדן מיט יאָסעלען. „בנאמנות, יאָסעלע", איז ער אויף ס'ניי אַריינגעפאַלן אין דעם האַרציק־חברישן טאָן. „כ'הייב דיך נישט אָן צו פאַרשטיין. וואָסאָראַ ייִד ביסטע דאָס? פון איין זייט ביסטע פרומער און אָפּגעהיטענער ווי יעדער איינער פון אונדז, און דאָך ביסטע נישט מיט לייטן צו גלייך. הע, וואָס. איז דאָס עפּעס? פאַר וואָס קענסטע נישט זיין ווי הערש־בערעלע דער בעקער למשל? ווי לאַנג איז ער געווען אַן אַלמן, הע? און מענדעלע בעל־עגלה? ער האָט זיך דאָך קוים געקאָנט דערוואַרטן... קוים געדולד געהאַט..."

יאָסעלע האָט פלייסיק געשפּאָלטן די שטיקער קאַלך און געצויגן מיט אַן אַקסל. „אַז עך זאָל זיין אַזוי ווי דער און יענער, טאָ ווער 'עט זיין אַזוי ווי איך, הע?"

„הער דיך אויף צו חכמהנען, טו מיר אַ טובה", האָט פישעלע אַ זאָג געטאָן אַן איבערגענומענער. „אויב ליגט דיר עם־ישראל נישט אין זינען, טאָ האָב כאָטש רחמנות אויף זיך אַליין..." — פישעלע האָט זיך אין האַרצן געשטראָפט וואָס ער האָט אָט די גאַנצע שליחות גענומען אַזוי פערזענלעך און כסדר בעת־מעשה אין זינען געהאַט זיך. — „יאָ, שוין אָפּגערעדט פון די קינדער, שוין אָפּגערעדט וואָס ד'דאַרפסט עמעצן דיר אַרויסצוהעלפן... מיט פרנסה". ער האָט כלומרשט זיך אַרומגעקוקט איבערן פיצעלע קרעמל. אין דער אמתן האָט ער געוואָלט אָפּווענדן די אויגן פון יאָסעלען. „אָבער... ד'ביסט דאָך אַ מאַנספּאַרשוין, קיין עין־הרע, ביז הונדערט און צוואַנציק. און..." פישעלע האָט זיך אַ ביסל צוגעבויגן צו יאָסע־לען. „כ'על דיר מודה און מתוודה זיין..." זיין קול איז אומגעריכט פאַרכריפּעט געוואָרן. ער האָט ווידער אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרץ. „אַז איך אַליין, כאָטש כ'בין אַ באַווייבטער..."

אין דער רגע איז פישעלען איינגעפאַלן, אַז דאָס איז דער פּאַסיקער מאָמענט צו עפענען דאָס האַרץ פאַר יאָסעלען, צו דערציילן אים וואָס עס געשעט מיט אים לעצטנס און פרעגן ביי אים אַן עצה. די יעניקע חלומות האָט ער אים געוואָלט אָנפאַרטרויען, וואָס ער האָט זיי קיינעם נישט פאַרטרויט, און ער האָט נישט געוואָגט אַפילו אָנצוטייטן אויף זיי פאַר שרה־לאהלען דער שוחטקע. דאָס גאַנצע לעבן, זינט די חדר־יאָרן און דער גרויסער שחיטה אין שטעטל, האָט ער געפילט ווי עפּעס אַ שד וואָלט זיך אַריינגעכאַפּט אין אים און אים צו עפּעס געטריבן...

צו עפּעס שרעקלעכס... און ער האָט אַליין נישט געוווּסט צו וואָס. ביז נישט לאַנג צוריק האָט ער טייל מאָל אָנגעטייט אויף דעם אַלעם אין אַ שפּאַסיקן, שפּילעוודיקן טאָן, כּדי יאָסעלע, צי ווער עס איז, זאָל נישט דערשנאַפּן ווי ערנצט דער מצב איז. אָבער לעצטנס איז דאָס שדישע אין אים געוואָרן אַזוי מאָנענדיק, אַז ער האָט געמוזט עמעצן דערציילן דערוועגן, אויב נישט, האָט ער געפילט, וועט עפּעס גרויליקס געשען. און דער עמעצער האָט געקאָנט זיין נאָר יאָסעלע. נאָר אים האָט ער געקאָנט אָנפאַרטרויען... נאָר יאָסעלען, ווייל ער איז געווען נאָענט ווי אַ ברודער, און דאָך נישט קיין ברודער... נאָר יאָסעלען, וואָס האָט זיך אויך געפונען אין אַ באַזונדערש נישט נאָרמאַלן מצב... נאָר ער וואָלט געווען ביכולת צו פאַרשטיין, אפשר העלפן מיט אַן עצה — פאַרשטייט זיך, אויב ער וואָלט נישט געווען אַזאַ האַרטער נוס אויפצוקנאַקן.

איז פּישעלע גרייט געווען אין אָט דער רגע אָפּצומאָלן פאַר יאָסעלען די בילדער פון נאַקעטע ווייבער, וואָס ער האָט יעדער נאַכט געזען אין חלום. אויסגעלייגט איבער זיין יאַטקעקלאָץ האָט ער זיי געזען, מיט אַראָפּהענגענדיקע הענט און פיס. ער האָט געגלוסט צו זיי און זיי געשניטן מיטן גרויסן קצבישן מעסער, עלעהיי זיי וואָלטן געווען כּשרע שטיקער בהמה.

פּישעלע האָט זיך באַהערשט, אַ פּאָר מאָל אַ שלינג געטאָן, ווי ער וואָלט צוריק אַראָפּגעשלונגען די רייד וואָס זיינען אים קאַפּויער געקומען אויף דער צונג, און ער האָט זיך אויף ס'ביי קאָנצענטרירט אויף יאָסעלען: „ווילסטע טאָקע גאַנצע טעג ארומגיין מיט זינדיקע מחשבות אין קאָפּ?" ער האָט אָפּגעלעקט די ליפּן. „ווייסטע נישט, אַז לילית פליט אַרום יעדער נאַכט און קלעפּט זיך צו צו מאַנספאַרשוינען וואָס שלאָפן אַליין? ווילסטע דווקא, אַז ז'זאָל קומען דיך ווערגן מיט אירע האָר? ווייסטע כאָטש, אַז יעדער איינציקע האָר ביי איר איז אַ שלאַנג, וואָס קאָן אָפּסמען אַ פאָלק מיט זעלנערס? נאָך דאָס פעלט דיר צו צו דיין פינצטער מזל? זינדיקע מחשבות 'עלן דאָך מאַכן אַ תּל פון דיר צווישן אַ יאָ און אַ ניין... און דערנאָך, אויף יענער־וועלט, ט'מען דיך אויפהענגען פאַר דער צונג... צי ד'עסט גאָר גיין אין כּף־הקלע, אַרומבלאָנקען דיך צווישן הימל און ערד..." — פּישעלע האָט אָזש אַ שוידער געטאָן, ווייל ביי דעם האָט ער דאָך אַליין געהאַלטן...

יאָסעלע האָט אַ פּעסטן שפּיי געטאָן, כּדי זיך צו באַפרייען פון דעם קאַלכשטויב וואָס איז אים אַריין אין מויל. „דו גיב דיר בעסער אַן עצה מיט דיינע אייגענע זינדיקע מחשבות", האָט ער שפּייענדיק געענטפערט פּישעלען. „זאָל דיר נישט וויי טאָן דער קאָפּ פאַר מיינע".

פּישעלע האָט אַ שפּרונג געטאָן. „פון וואַנען ווייסטע, אַז עך האָב זינדיקע מחשבות?"

„וואָס דען? ד'ביסט אַ מלאך?" האָט יאָסעלע אָפּגעווישט דאָס מויל מיט אַ שאַרפן רייב פון אָרבל.

אויף פישעלען גופא האָט ער נישט קיין בליק געטאָן. פישעלע האָט זיך געשלאָגן אין פאַרמאַכטע טירן. אוודאי האָט ער, יאָסעלע, געוווסט, אַז מיט זיין גאַנצער אָפּגעהיטקייט, מיט דער גאַנצער פרומקייט זיינער וועט ער זיך נישט אויסקויפן פון דער זינד נישט חתונה צו האָבן. אָבער ווער איז געווען פישעלע צו קומען דרשענען פאַר אים? און אַז מען האָט שוין „צוזאַמען חזרים געפּאַשעט", אַזוי צו זאָגן, איז וואָס? ער, יאָסעלע, האָט היינט צו טאָג נישט געהאַט קיין עוקץ צוטרוי צו פישעלען און נישט צו זיין גוט־פריינדשאַפט, האָט דאָס גאַנצע שטעטל אים געמעגט האַלטן פאַר אַ מענטש אָן אַ גאַל און אים לויבן ביז צו די הימלען. אַ מענטש וואָס האָט באַגנבעט און אָפּגענאַרט זיינע קונים, אויב אַפילו רייכע, אַפילו כּדי צו טאָן אַ מיצווה, האָט געקאָנט באַגנבענען און אָפּנאַרן יעדן איינעם און זיך ווי נישט איז שוין געפינען אַ הכשר דערויף. נישקשה, יאָסעלע האָט געוווסט, אַז דער גרעסטער פאַרברעכער האָט נישט ליב מודה צו זיין אַפילו פאַר זיך אַליין, אַז ער איז אַ פאַרברעכער, און וואָס זינדיקער ער איז, דאָס גיכער, דאָס פיפיקער געפינט ער אַ היתר, פּאַסט צו אַ דין צו זיינע זינד כּדי זיך ריינצווואַשן.

„טאַקע ווייל עך בין נישט קיין מלאך", האָט פישעלעס רוי־רויט פּנים זיך ערשט רעכט צעפלאַמט. „קלער עך טאַקע יאָ וועגן גאָטס מישפּט אויף יענער וועלט". פישעלע האָט זיך געפילט וואָס אַ מאָל אומבאַקוועמער. די מוסקלען אויף זיינע אָרעמס האָבן זיך אָנגעדראָלן מיט רציחה, ער האָט אַליין נישט געוווסט אויף וועמען, אויף יאָסעלען, צי אויף זיך. „און דו מעגסט אויך געבן אַ קלער..." האָט זיך זיין האַנט פאַרוויקלט אין אַ פויסט.

„איך בין נאָך דערווייל נישט פאַרטיק מיט גאָטס מישפּט אויף אָט דער וועלט", האָט יאָסעלע טרוקן געענטפערט.

„דאָס זאָגסטע ווייל ד'האָסט נישט קיין גרינגע אָנונג וואָס סע טוט זיך אָפּ אין גיהנום!" האָט פישעלע אויפגעהויבן די פויסט ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אויף יאָסעלען. „ס'ט טאַקע גאָרנישט קיין מורא, הע, צעלייגער מיינער?"

„און אַז כ'האָב יאָ?" האָט יאָסעלע זיך נאָך רויִקער אָפּגערופן און געמאַכט זיך נישט זען פישעלעס אויפגעהויבענע פויסט. „אָבער קאָ שטיפמאַמע 'עלן מאַנע קינדער נישט האָבן. נישט באַ מאַטיען!"

פישעלע האָט אַ שפרונג געטאָן צו דער שוועל. „געדענק, יאָסעלע!" האָט ער אויסגערופן און געפאָכעט מיט דער פויסט אין יאָסעלעס פּנים. „אַ שטאָט ייִדן וויל דיך ראַטעווען און דו לאָזסט נישט!"

„מוחל טובות", האָט יאָסעלע צוריקגעמרוקעט. „כ'קאָן מיר מיין שטעטל אַליין באַשטיין".

„ד'קאָנסט נישט!"

„ס'איז נישט קהלס געשעפט, צי איך האָב חתונה, צי נישט".

„ס'איז יאָ! דו ביסט קהלס געשעפט און קהל איז דיין געשעפט און דער וואָס שטעלט זיך קעגן קהל פאַרשפּילט אַלע מאָל, פריִער צי שפּעטער, אַזוי צי אַזוי, האָב דיר דאָס אין זינען!" פישעלע האָט פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט די פויסט אַ האַלבן וועג און אָפּגעוואַרט איף דער שוועל, צי יאָסעלע וועט וואָגן אָפּצו־לייקענען זיין שאַרפע פעסטשטעלונג.

יאָסעלע האָט נישט געוואָגט, נישט דערווידערט. ער האָט פישעלען אין האַרצן געגעבן גערעכט. אויך ער האָט געהאַלטן, אַז יעדער ייִד איז געווען אַ גליד פון דעם גוף וואָס האָט זיך גערופן עם־ישראל, און אויב אַפילו איין ייִד האָט געזינ־דיקט, איז דער גאַנצער ייִדישער גוף געווען קראַנק. פון דער אַנדערער זייט, האָט ער אָבער נישט געקאָנט פאַרליידן, וואָס יעדער איינער האָט זיך געהאַלטן באַרעכ־טיקט אים, יאָסעלען, אַ דעה צו זאָגן ווי ער זאָל זיך פירן, וואָס ער זאָל טאָן. ער האָט אַרויסגעפּלאַצט צוריקפּאַכענדיק מיט אַ פויסט צו פישעלען: „דו הער בעסער איף צו שטופּן דיין נאָז ווו מ'דאַרפט נישט!"

האָט פישעלע, אַ דערצאָרנטער, אומצופרידן מיט זיך און מיט זיין נישט־געראָטענער שליחות, זיך מיט בײדע הענט אָנגעכאַפּט פאַר די ביישטידלעך מיט אַ מין שמשון־הגיבורדיקן זשעסט און אַ שטרעק געטאָן דעם קאָפּ צו יאָסעלען. „און ד'ווייסט וואָס נאָך עך 'על דיר זאָגן?" האָט ער אויסגערופן אַ צעקאָכטער. „דו... דו אַליין ביסט ערגער פון אַ שטיפטאַטן צו דיינע קינדער! ד'ביסט אַ קאַלטער גזלן!" — און ער איז אַנטלאָפן צו זיך אין דער יאַטקע.

יאָסעלע איז געבליבן זיצן מיט דער האַק אין דער האַנט, אומבאַוועגלעך. פישעלעס לעצטע ווערטער האָבן אים געדונערט אין די אויערן. איז פישעלע געווען גערעכט? אפשר איז ער, יאָסעלע, טאַקע געווען אַ קאַלטער גזלן, אַ שטיפ־טאַטע צו זיינע קינדער? — ער האָט זיך שווער אויפגעשטעלט, געלאָזן די שטיקער קאַלך אַראָפּפאַלן פון דער אויסגעווייסטער שויס, זיך פאַמעלעך צוגעשאַרט צו דער שוועל און פאַרנומען דאָס אָרט ווו ער איז פריער געשטאַנען. אויפן פאַטשעיאַוו האָבן די קרעמערקעס גענומען פאַרלייגן די פרענטעס איבער די טירן פון די קלייטלעך. יאָסעלעס שכנה, הינדעלע די אַלמנה, האָט שוין געהאַלטן ביים איינפּאַקן אירע שאַכטלען מיט גאַלאַנטעריע. זי האָט אַרומגעוויקלט אַרום די פינגער די סטענגעס און באַנדן, צעשאָטענע איבער דער מיטלסטער פאַליצע פון איר „פענצטער". לעבן איר זיינען געשטאַנען אירע צוויי מיידעלעך און זיך געוויקלט אין די פאַלדן פון איר ספּאָדניצע. זיין, יאָסעלעס מיידעלע, פייגעלע, איז געשטאַנען ביי דער זייט און האָט צוגעקוקט.

„ס'עט שוין היינט קיין לייזעכץ נישט זיין, ר' יאָסעלע", האָט הינדעלע זיך אָפּגערופן צו אים, אַראָפּציִענדיק אַ רויטע סטענגע־ראָלקע פון די פינגער. איר קול האָט געקלונגען ווי זי וואָלט אים געוואָלט טרייסטן. מסתמא האָט זי געהערט פישעלעס אויסגעשריי.

אַט די ייִדענע, הינדעלע, האָט געהאַט אַזאַ מין אַרט קול, אַ נישט־אָנגענעמס, אַ תּמיד צעגאַסנס, אַ טרעריקס, אַ ווייך געקנעטנס, אַ וואַרעמס — ווי זי וואָלט געהאַלטן אַט באַלדביים צוקומען צו דעם צו וועמען זי האָט גערעדט, און אים רחמנא־לצלן געבן אַ גלעט אין קאָפּ. און אַליין איז זי געווען אַ מין „אַסאַבע" וואָס עס איז געווען אומאָנגענעם צו קוקן אויף איר, נישט אַז יאָסעלען איז געגאַנגען אין לעבן אויף איר צו קוקן. זי איז געווען אַ „גאַרנישטיקע", אַ דראַבנע, אַ שאָטנדיקע, מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגאַנעס, די גרייס פון צוויי פלוימען. זיי האָבן באַלויכטן מיט אַ מין שאָטנדיק־סאַמעטן ליכט איר גראָשנדיק פּנימל וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גלאַטע, דינע הויט, אויך עפּעס ווי דאָס הייטל פון אַן איידעלער טונקעלער פלוים. דער וווּרקער שמייכל איז געווען ווי באַהאַלטן אין די ווינקלען פון אירע תּמיד־פייכטע, ווי אין טרערן־געווייקטע ליפּן, ווי ער וואָלט יעדער רגע גרייט געווען אויפצוהייבן דעם טרויער־שלייער וואָס האָט פאַרהילט איר פּנים; נישט קיין גאַוהדיק־ייִחוסדיקער שמייכל, נאָר אַ גייוועדיק־קינדערשער, לויט יאָסעלען — אַ נאַרישעוואַטער. דערצו איז דאָס שייטל שטענדיק קרום געזעסן אויף איר קאָפּ און ווינטער האָט איר געקאַפּעט פון דער נאָז.

צום גליק האָט הינדעלע אים, יאָסעלען, צו רו געלאָזט די גאַנצענע טעג וואָס זיי האָבן אַזוי טיר לעבן טיר „געקרעמלט און געוואַרט אויף אַ קונה". אַז זי האָט נישט געהאַט קיין קונים, האָט זי געבעטן די ווייבער פון די שכנותדיקע קרעמלעך צו כאַפּן אַ בליק אויף אירע פּאַליצעס, און אַליין איז זי אַהיימגעלאָפן צו איר קראַנקן זון. אָדער זי איז געזעסן און געלייענט פון דער צאינה־וראינה, צי פון אַ סידורל, מיט אַ לחשדיקן שעפּטש. איז אויסער זיין „גוט־מאָרגן" און זיין פרעגן וועגן געזונט פון הינדעלעס זון, און אויסער איר „גוט־יאָר" און איר פרעגן וועגן זיינע קינדער, האָבן זיי זעלטן פאַרביטן מער ווי געציילטע ווערטער אין לויף פון טאָג, און אַזאַ שמועס ווי זיי האָבן געהאַט וועגן דעם פייער־קאָמענדאַנט וואַצלאַוון איז געווען אַ יוצא־מן־הכּלל. סיידן ווינטער, גלייך ווי ס'האָט גענומען ווערן קאַלט, ווי לעצטנס למשל. דעמאָלט האָט הינדעלע נישט נאָר צוגערופן יאָסעלעס מיידעלעך, אויב זיי זיינען געווען אויפן פּאַטשעיאַוו, און זיי געלאָזט וואַרעמען די הענט אויפן פייערטאָפּ, אָדער זי האָט זיי דערלאַנגט ביסלעך וואַרעמע גריץ; זי האָט אויך אַריינגעבראַכט יאָסעלען אַ שיסעלע האָבערגריץ. זי האָט אים דערלאַנגט אַ הילצערנעם לעפל און אין אים אַזוי לאַנג אַריינגערעדט, אַז ער זאָל איר נישט אָפּזאָגן און זי נישט מבייש זיין, אַז ס'איז אים אַזש געוואָרן פּריקרע און ער האָט איר נאָכגעגעבן, כּדי וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון איר. ער האָט זי נישט געקאָנט פאַרליידן. ער האָט בכּלל פיינט געהאַט די וווּרקער. — ס'איז אים נישט אָנגעגאַנגען, צי זי האָט יאָ געהערט פישעלעס אויסרוף, צי נישט. ער האָט נישט געברויכט זי זאָל אים טרייסטן.

איצטער האָט יאָסעלע גראָד יאָ געהאַלטן געוואָנדן די אויגן אין הינדעלעס

ריכטונג. נישט, חלילה, אַז ער האָט געקוקט אויף איר. זי איז אים אָסור אָנגע־גאַנגען. ער האָט געקוקט אויף זיין קליינער טאָכטער פּיגעלען וועלכע האָט אַ פאַרווײלטע געפּאַטשט אין די הענט, בעת הינדעלעס מיידעלעך האָבן זיך באַהאַלטן אין זייער מאַמעס ספּאָדניצע. — און פון דאָרט, פון יענער זייט, האָט געווייעט אַ שאַרף ווינטל, וואָס האָט אים געפּאַכעט אין פּנים און איינגעשטילט די אויפרע־גונג וואָס פּישעלע האָט גורם געווען.

דאָך, קעגן זיין ווילן, האָט ער יאָ אַ טראַכט געטאָן וועגן הינדעלען. ער האָט זיך דערמאָנט ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל געזען. דאָס איז געווען ווען זי איז געהאַט אָנגעקומען קיין באַטשאַני אַ כּלה צו ווערן פּאַר כאַמעלען דעם סופר. די שטעטלשע חסידים האָבן די וועלט איבערגעקערט פון גרויס גדולה. נאָר ער, יאָסעלע, האָט נישט געקאָנט איינזען די גרויסע מציאה וואָס כאַמעלע האָט זיך דאָ איינגעהאַנדלט, אַחוץ יִחוס. ווייל נישט הינדעלע האָט געהאַט אַ לייטישן נדן, און וועגן איר אויסזען האָט בכלל נישט געלוינט צו רעדן. שוין דעמאָלט איז אַלץ געווען ביי איר גראָשנדיק דראָבנע, מיטן אויסנאָם אפשר פון דעם בוזעם און די אויסגערונדיקטע באַקעס. און אַ גאַנג האָט זי געהאַט ווי זי וואָלט מורא געהאַט אָנצורירן די ערד, פּונקט קאַפּויער ווי זיין, יאָסעלעס ווייב, מאַרימל, וואָס האָט געשטעלט אַ טראָט מיט דער זיכערקייט און גדלות פון אַ מלכּה שבא... און אַ לייב האָט מאַרימל געהאַט פול און פעסט, ווי אויסגעטאָקט פון מירמלשטיין... און ווען כאַמעלע דער סופר האָט געשריבן די נייע ספר־תּורה פאַר דער נייער שול, איז מאַרימל געווען מעוברת מיט הערשעלען, יאָסעלעס קדיש... און נישט לאַנג נאָך דעם ברית איז די ספר־תּורה געווען פאַרטיק... ווי אויף אַ חתונה האָט מען זי געפירט אין שול אַריין, מיט טאַנץ און געזאַנג. דעמאָלט האָט ער, יאָסעלע, גע־טאַנצט מיט דער ספר־תּורה אונטער דער חופּה, דאַכט זיך, געטאַנצט צום לעצטן מאָל אין לעבן...

אַצינד, אַנשטאָט צו ענטפערן הינדעלען אויף איר באַמערקונג וועגן לייזעכץ, האָט יאָסעלע אַ מרוקע געטאָן און איז אַריין אין קלייטל. אַ משונהדיקער געדאַנק האָט זיך אַ צינד געטאָן אין זיין קאָפּ: „טאָמער וואָלט מיר פּישעלע אָנגעבאָטן אַ שידוך מיט איר דרינען", האָט ער אַ טראַכט געטאָן, „וואָלט איך אים מיט אָט דער האַק דעם קאָפּ געשפּאָלטן". ער האָט אָוועקגעלייגט די האַק, צוזאַמענגע־שאַרט די צעשפּאָלטענע שטיקער קאָלך און זיך גענומען צו פאַרמאַכן דאָס קלייטל.

אַזוי איז יאָסעלע געבליבן ביי זיין באַשלוס נישט חתונה צו האָבן. אַז די שכנים האָבן אים געזען פאַרבייגיין אין געסל, האָבן זיי געשאָקלט מיט די קעפּ: „ס'איז דען אַ מענטש? אַ שטיק אייזן איז דאָס". אָבער ביי דעם גאַנצן פאַראיבל האָט מען געהאַט אָפּשיי פאַר זיין „אייזנדיקייט". מען האָט געטראַכט, אַז אויב אַזאַ חשובער מענטש, אַזאַ אָפּגעהיטענער ייִד, אַזאַ ערלעכער חסיד ווי יאָסעלע

אבעדאלע האט זיך געגעבן אזא שטעל, האט זיך אפשר דער רבונו־של־עולם אליין אריינגעלייגט אין דעם ענין. דאס האט אבער נישט געמיינט, אז מען האט געדארפט יאסעלען צו רו לאזן און אים מער נישט צורעדן א שידוך צו טאן. ווייל טאמער איז דאס נישט געווען קיין גאט־זאך, נאר חלילה פארקערט, דער שטן האט, אן יאסעלעס וויסן, געהאט א האנט אין זיין נישט־יידישן פירעכץ — האט מען נישט געוואלט האבן א סיבה זיך פארצווארפן, אז מען האט צוגעקוקט מיט פארלייגטע הענט.

וואס עס האט די שכנים צום מערסטן געארט און פארשאפן זארג איז געווען וואס יאסעלע איז נישט געווארן מער איינגעארבעט אין פארטרעטן א מאמען פאר זיינע קינדער, ווי ער איז געווען אין די ערשטע צייטן. זיינע קינדער האבן זיך ארומגעשלעפט קרוע־בלוע, אויסגעקליידט אין לאכעס און שמאטעס, תמיד שמוציק און אויסגעהונגערט. דערפאר, ווי נאר יאסעלעס עלטערע מיידעלעך האבן אנגעהויבן צו פארשטיין וואס מען רעדט צו זיי, האבן די שכנות, וועלכע האבן זיי געגעבן א ביסל ווארעמס יעדן טאג, גענומען זיי שיקן א גאנג, געגעבן זיי זייערע קליינע קינדער צוצוהאלטן, באפעלט זיי ארויסצוטראגן דעם פאמעשאף, אויסקערן די פאדלאגע אין זייערע כאטעס — כדי די מיידעלעך זאלן זיך איינאר־בעטן און זיך אויסלערנען אכטונג געבן אויף זיך.

די איבעריקע קינדער האבן פארבראכט אין דער כאטע, ווען עס איז געווען קאלט דרויסן. אויב ס׳איז געווען ווארעמער, האבן די מיט שטארקערע פיסלעך זיך ארומגעשלעפט איבער די גאסן, אדער ארומגעבלאנדזשעט אויפן פאטשעיאוו, געגעסן וואס די גוטהארציקע קרעמערקעס האבן זיי דערלאנגט, צי זיי האבן אליין געכאפט וואס עס איז זיי געקומען אין די הענט אריין. די גאר יונגע האבן זיך געשפילט אין דער בלאטע פאר דער שוועל פון זייער כאטע, איינגעשלאפן אויף דער שוועל, זייגנדיק א פינגער, צי א שטיקל סקארינע וואס יאסעלע האט פאר זיי געלאזט מיט א שכנה. פון די נעזער איז גערונען, די פנימער פארשמירט מיט בלאטע, די געלב־בלאנדע האר פארפלאנטערט אין קאלטנס, פול מיט קרעץ און לייז. פעשעלע שליאך, די שכנה די אנדערע טיר, האט פונקט ווי בראנטשעלע די קלאגערין און טויבע־קריינדעלע די טיקערין, געהאט געשווירן ביי מארימלס טויטנבעט, אז זי וועט זיין ווי א מאמע צו אירע קינדער. און זי האט אין דער אמתן זיי געצוואגן די קעפ יעדן פרייטיק — אבער אן זייף, פונקט ווי זי האט געצוואגן אירע אייגענע קינדער. זייף האט זי גענוצט נאר ערב א יום־טוב, צי ערב א שבת מיט א יום־טוב צוזאמען.

אבער אט אזא איז דער מצב פון יאסעלעס קינדער געווען נאר אין די וואכנ־טעג. און וואכנטעג האבן זיך נישט גערעכנט. זיי זיינען געווען נאר א פרוזדור צום הייליקן שבת.

שבת איז יאסעלעס היים געווען צוריק א היים.

4

אַ צייט נאָך זיין שמועס מיט פישעלען דעם קצב, זיינען יאָסעלען קלאָר געוואָרן צוויי זאַכן אויף אַ מאָל. ערשטנס, אַז ער קאָן בשום־אופן מער נישט אויסהאַלטן דאָס טאָג־טעגלעכע אָפּשטיין אין זיין קאַלך־און קרייד־קרעמל. צווייטנס, אַז עס איז געוועזן די העכסטע צייט אַריינצונעמען די צוויי עלטסטע מיידלעך זיינע אין קרעמל און זיי אַריינפירן אין די סודות פון מיסחר.

יאָסעלע אַבעדאַלע האָט זיך געקאָנט פאַרגלייכן אין כּוח נישט נאָר מיט פישעלען דעם קצב, צי מיט יעדן אַנדערן מיטגליד פון דער פייער־בריגאַדע, צו וועלכער עס האָבן געהערט די שטאַרקסטע יונגען פון די „דריי פּאַיען": די פּיישערס, פלײשערס און פורמאַנעס — נאָר אויך מיט יעדן גוי. און די חברה פון דער פייער־בריגאַדע וועלכע האָט אויך געשפּילט די ראָלע פון אַ נישט־אָפּיציעלער מליץ — ווייל ביי דעם גאַנצן שלום־בית מיט די גויים האָבן זיך אָפט געמאַכט סיכסוכים אין שטעטל, אַפילו געשלעגן, בפרט אין די מאַרקטעג — זיינען אָפט געקומען צו יאָסעלען ער זאָל ברענגען צו אַן אויסגלייך. אַ מענטש וואָס זאָל פאַרמאָגן סיי כּוח, סיי מוח איז, פּונקט ווי אין דער גאַנצער וועלט, אויך אין באַטשאַני געווען אַ זעלטנהייט.

אַפילו די גויים האָבן דאָס אָפּגעשאַצט. זיי האָבן זיך גערעכנט מיט יאָסעלען. קודם־כּל האָבן זיי זיין יידיש בעסער פאַרשטאַנען. ער האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין קיין לאַנגע ברייענישן, נאָר מיט זיין „אייזערנעם געדולד" אויסגעהערט ביידע צדדים, נישט דערלויבט זיי איבערצושלאָגן איינער דעם אַנדערן, נאָר יעדן געלאָזט זיך אויסלאָדענען מיט רייד און געשרייען, ביז די צינגער זיינען מיד געוואָרן. דעמאָלט האָט יאָסעלע אַ זאָג געטאָן, „מנע..." און „נו... נו", אַ צופּ געטאָן די באָרד און אָנגעוויזן אויפן שולדיקן.

טאָמער האָט עס זיך געהאַנדלט אין אַ לאַבוע, איז דער שולדיקער, לויט יאָסעלען, תּמיד געווען דער יידישער צד. און יאָסעלע פלעגט זאָגן צום יידישן צד: „ס'איז קראַנטער אַזוי. מחמת, אַז אַ ייד איז גערעכט, שטעלט ער זיך ערשט אויס אויף די רעכטע קלעפּ". און צום גוייִשן צד האָט ער געזאָגט: „אַבי דאַלעי... אַבי דאַלעי... אַבי האַנדעל שעדו!" און געמאַכט דעם צופרידענעם גוי אַ שאָקל טאָן דעם „שולדיקן" יידנס פינגערשפּיצן, און ס'איז געווען שלום. אַזוי האָט זיך טאַקע יאָסעלע פאַראייגנט דעם צונאָמען „אַבעדאַלע" — אַ פאַרגרייזונג פון דעם ווערטל: „אַבי דאַלעי".

נאָך דעם ווי יאָסעלע האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון די צוויי וויכטיקע פאַקטן, האָט ער איינעם אַ דאָנערשטיק געלאָזט זיינע צוויי עלטסטע מיידלעך, רייזעלען און רחלען, אין קרעמל און אַליין, מיט אַ זאַק סחורה — קאַלך און קרייד — אויף די פּלייצעס, זיך אַרויסגעלאָזט איבער די אַרומיקע דערפער. די

פויערים האָבן אים גערן געגעבן אַ פּאָר גראָשן צו פאַרדינען, און אַזוי איז ער פאַרקראָכן העט צום בלויען באַרג, פאַרריכט די וועראַנדע ביי ר׳ פייוועלען דעם מילנער און דערנאָך אָוועקגעוואַנדערט אין דאָרף הינטערן באַרג און האָט איבער־געגעכטיקט אין אַ שייער. פאַר טאָג, גלייך ווי ער האָט אָפּגעדאַוונט שחרית צווישן די ווייכע הויפנס פון מחיהדיק־שמעקנדיקן היי און איז אַרויס אין דרויסן „באַאַרבעטן״ דאָס דאָרף, האָט ער אויך אָנגעקלאַפּט אין וואַצלאַוו ספּאָקויניס טיר. אמת, ער האָט קיין מגע־ומשא מיט דעם גוי נישט געהאַט, אָבער פּרנסה איז געווען גאָר אַן אַנדער ענין. און וואַצלאַוו האָט אים טאַקע גלייך אַ נעם געטאָן צו זיך אויפן הויף, אַ ווייז געטאָן דאָס קרום־שטייענדיקע בית־הכסא און געהייסן עס פאַרריכטן.

יאָסעלע האָט אַראָפּגעלייגט דעם זאַק פון אַקסל, געבעטן וואַצלאַוון אים דער־לאַנגען די נייטיקע כּלים און גלייך זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. דאָס בית־הכסא איז געשטאַנען ביים סאַמע סוף פון הויף צווישן צוויי באַרנביימער. אַ פּאָר געציילטע איבער־רייפע, טונקל־רויטע באַרנעס האָבן נאָך אַראָפּגעווונקען פון די העכסטע צווייגן. בלויז צו אַרבעטן אין דער שכנישאַפט פון אַזעלכע ביימער איז געווען אַ נחת. די גאַנצע לופט איז געווען אַדורכגענומען מיטן ריח פון רייפע פּרוכטן. דערצו איז דער טאָג געווען אַ ליכטיקער, איינער פון די לעצטע גאָלדענע שפּעט־שפּעטע האַרבסטטעג, און פון וואַצלאַווס הויז האָט זיך דעם גאַנצן טאָג געטראָגן דאָס זיס־יונגע געזאַנג פון וואַצלאַווס עלטסטן שיקסל, וואַנדען. אמת, אַ ייִד האָט נישט געטאָרט זיך איינהערן אין אַזאַ געזאַנג, אָבער איר קול האָט פול געמאַכט די לופט און יאָסעלע האָט עס אָנגענומען ווי דאָס צוויטשערן פון די פייגל. ער האָט זיך קאָנצענטרירט אויפן שטיקל אַרבעט.

אַז יאָסעלע איז שפּעטער אין טאָג פאַרטיק געוואָרן מיטן שטיקל אַרבעט, האָט וואַצלאַוו, שוין שטאַרק אַ בגילופינער, אַ דריי געטאָן די העטמאַנסקע וואַנצעס, אַרויסגערופן זיין גויע מיט אַלע יורשים פון דער כאַלופּע און זיי געגעבן אַ באַפעל, אַז זיי זאָלן איינער נאָכן אַנדערן אַריין אין דעם בית־הכסא און עס „באַגיסן״, אַז עס זאָל זיין אויף דאָברע מזל. דערנאָך האָט ער זיין חברה אָפּקאָ־מאַנדירט אין אַ זייט, זיי אויסגעשטעלט אין אַ מין ערנוואַך און נאָך אַ מאָל אַ דריי געטאָן די וואַנצעס. ער האָט צוזאַמענגעלייגט די דלאָניעס איבער זיין ברוסט־קאַסטן, ווי צו תּפילה, האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז און מיט פאַמעלעכע פייערלעכע טריט, נאָכמאַכנדיק זיין ברודער דעם גלח, האָט ער צומאַרשירט צו דעם הילצערנעם געביי, כּדי אים אויך אינעווייניק צו „באַשווענצלען״. אין דער רגע האָט דער קאַשטשאַל־גלאָק אין שטעטל זיך צעקלונגען אויפן צווייטן „אַניאָל פּאַנסקי״. וואַצלאַווס ווייב מיט די קינדער האָבן זיך איבערגעצלמט און געזאָגט: „ניעך בענדזשע פּאַכוואַלאַני״.

די גויע האָט זיך אַן אייל געטאָן צום גאַניק, גענומען דאָס לעבעדיקע הינדל

וואָס זי האָט געהאַט צוגעגרייט און וואָס האָט געצאַפּלט מיט צוגעבונדענע פיסלעך לעבן דער פּריזבע און עס אַריינגעלייגט אין יאָסעלעס זעקל. זי האָט אים אַרויסגעבראַכט פון דער כאַלופּע אַ טוץ אייער פּאַרוויקלט אין אַ צונויפגעקנופּטער שמאַטעדיקער ראַגאָזשקע, און אָפּגעציילט זיבן גרויסע רויטע עפּל פאַר יעדן פון זיינע קינדער — געצוי ווי זיי האָבן זיך אין דער פרי געהאַט משווה געווען. יאָסעלע האָט במקום אַ דאַנק אַ שאָקל געטאָן צו איר מיטן קאָפּ, עפּעס אַ מרוקע געטאָן, געזאָגט „פּאַשאָל וואָנט" צום קודלאַטן כלב וואָס האָט זיך צו אים פריינדלעך געטשעפּעט און זיך אָפּגעקערט פון דער כאַלופּע.

נאָר דאָ האָט זיך די טיר פון בית־הכּסא אויפגעקייטלט און וואַצלאַוו איז אויף צעוויגטע פיס אַרויסגעשפּרונגען אויפן שטעגל. „העי, יאָסעק, ווו אַנטלויפסטו, אין דיין מאַמעס מאַמען אַריין!" האָט ער אויסגערופן און קנעפּלענדיק די הויזן אונטער דעם אָנגעזויערענעם בויך, זיך אַ יאָג געטאָן צו יאָסעלען. בעת־מעשה האָט ער אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ פלעשל „מאָנאָפּאָלקע" און עס אַ הייב געטאָן אין יאָסעלעס ריכטונג. „וואַרט צו, פערד איינער, אַצינד ט'מען באַגיסן סטאַראָפּאָלסקים זוויטשייעם!" דערוויל, לויפנדיק, האָט ער אַריינגעגליטשט דעם האָלדז פון פלעשל צווישן די אייגענע וואַנציקע ליפּן און אַריינגעזויגן אין זיך אַ לאַנגן שלוק בראָנפן.

יאָסעלע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך פאַרנומען אַוועקצושפּרייזן. אָבער מער ווי אַ פּאָר טריט האָט ער נישט באַוויזן צו שטעלן. וואַצלאַוו איז צו אים צוגעפאַלן, אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם, זיך שעלמיש צעוווּנקען מיט די מיט־בלוט־פאַרלאָפענע גלאָזיקע אויגן, און גענומען פאָכען מיטן פלעשל פאַר יאָסעלעס נאָז. וואַצעקס כאַליאַסטרע קינדער האָט זיך צעפּאַטשט מיט די הענט, די אויסגעשמירטע פּנימער צעשמייכלט פון אויער צו אויער. — ווייל ווען דער שיכּורער וואַצלאַוו איז געבליבן אין דער היים, ווי למשל היינט, איז געווען יום־טוב ביי אים אין דער כאַלופּע. ער האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ בעל־תּשובה, געווען גוט צום ווייב און זיך געבערוועט מיט זיינע שקצימלעך. אויסער דעם, האָט ער זיך דעמאָלט פאַרנומען מיט זיין אייגענער „כודאָבע", און ער האָט אָפּט געוויינט. אָט אַזוי וויינענדיק, האָט ער טאַקע געהאַט צונויפגעקנאַלט דאָס־אַ נייע בית־הכּסא, וואָס איז געווען אַזאַ קרומע און לאָמע „שפּימבע־דעגימבע", אַז איינס פון די שקצימלעך איז אַריינגעפאַלן אין גרוב, צוליב די לויזע ברעטלעך; און אָט די האַנטאַרבעט וואַצעקס האָט יאָסעלע דאָס היינט פאַרריכט.

איצט איז וואַצעק געשטאַנען האַרט לעבן יאָסעלען און אים געשטופּט דאָס פלעשל אין מויל אַריין: „נאַ, צי אַריין!"

אייגנטלעך האָט זיך יאָסעלען שטאַרק געגלוסט צו „באַגיסן" די געלעגנהייט. געווען היינט אַ וויכטיקער טאָג פאַר אים. צום ערשטן מאָל זינט יאָרן האָט דער גוף אין אים אויפגעזונגען מיט פרייד — מיט דער פריי. אַזוי לאַנג נישט געפילט

אזא יום־טוב אין אלע גלידער. און דא, דרויסן, אונטערן ליכטיקן הימל, האבן די אויגן נאך גאנץ גוט געדינט. ער האט צו רעכט געמאכט א בית־הכסא, געמאכט א לייט דערפון, אזוי, אז עס וועט מסתמא איבערלעבן וואצעקן אליין. יאסעלע האט געווארפן א שטאלצן בליק אין דער ריכטונג פון בית־הכסא און דאך אפגעשטופט וואצעקס האנט מיטן פלעשל און קאטעגאריש געדרייט מיטן קאפ. „ניין, כ׳לאז מיך אין וועג אריין״. ער איז געווען אנטשלאסן נישט נאכצוגעבן וואצעקן, נישט נאכצוגעבן זיך. נישקשה, אז א מענטש האט זיך געפילט גוט, איז אים נישט אנגעקומען שווער גובר צו זיין אפילו די שטארקסטע גלוסטעניש. און היינט איז געווען פרייטיק. ער, יאסעלע, האט געדארפט מיט א ניכטער געמיט זיך גרייטן צום הייליקן שבת. דערפאר האט ער זיך צוגעזאגט טאפלט הנאה צו האבן פון דעם גלעזל ווישניאק אויף דער נאכט, בעתן קידוש. דערצו האט נאך אין זאק ביי אים געצאפלט דאס הינדל און אין ראגאווקע־טארבעלע זיינען געלעגן גאנצע צוועלף פרישע אייער, פון דער הון אוועק. זיין חברה וועט ערשט דערפילן דעם טעם פון אן אמתן שבת. און ער איז טאקע געווען אומגעדולדיק; געלאזט זיי אליין דעם גאנצן מעת־לעת.

וואצעק, נידעריקער פון יאסעלען, אבער א ברייטפלייציקער און א שווערער, האט זיך אנגעהאנגען אן יאסעלען, מיט איין האנט פארווארפן איבער יאסעלעס נאקן. מיטן וואנציקן מויל קעגן יאסעלעס בארד, האט ער מיט דער אנדערער האנט געפרווט טרעפן מיטן פלעשל אין יאסעלעס מויל און בשום־אופן נישט געקאנט. „פאפיעם... פאפיעם צו אונדזער פריינדשאפט! דא דיאבלא, פאפיעם...״ האט ער וויינענדיק־בעטנדיק געשפריצט שפייעכץ אין יאסעלעס פנים מיט יעדן „פא... פא״ וואס ער האט ארויסגעזאגט.

„ניע פאפיעם!״ האט יאסעלע געדרייט מיטן קאפ, געשטרעקט דעם האלדז און מיטן אקסל געפרווט לויז מאכן וואצעקס ארעם ארום זיין נאקן.

וואצעק האט געווארפן דעם קאפ אין אלע זייטן און געבלעקעצט: „און איך... איך זאג, אז דו׳סט יא... טרינקען!״

יאסעלע האט זיך אומגעדולדיק געראנגלט מיט אים. א שאד אים געווען די אייער אין טארבעלע. „מ׳עט טרינקען א צווייט מאל!״ האט ער געסאפעט.

וואצעק האט ארויסבאלושטשעט די אנגעלאפענע אויגן און זיך נאך פעסטער צוגעקלעפט צו יאסעלען. „א צווייט מאל ט׳מען טרינקען נאך א מאל!״ — אבער די יוכע האט שוין א קאך געטאן אין אים. „נו, דא יאסנעי כאלערי! גיב שוין א זופ, ברודערל, נא, צי אריין!״ האט שוין יאסעלע נישט געקאנט אויסהאלטן און האט מיט כוח אפגעשטופט וואצעקן פון זיך. וואצעק איז א צעוויגטער געבליבן שטיין אנטקעגן יאסעלען און זיך פארמאסטן אויף אים מיטן פלעשל עלעהיי דאס פלעשל וואלט געווען א שליידערשטיין. „ס׳ט טרינקען, צי נישט? דו... דו...״

האָט ער גערעוועט און זיך אַ שטעל געטאָן מיט צעשפּרייטע הענט און פיס פאַר דער פורטקע, פאַרשטעלנדיק יאָסעלען דעם וועג אַרויס.

„גיב אַכטונג!״ האָט יאָסעלע מיט אַלע כּוחות זיך באַהערשט און מיט אַ רויִק קול אויסגערופן. „ס'ט איסגיסן דעם בראָנפן!״

„טאָ נעם און טרינק, פאַרשיוויעץ איינער!״ וואַצלאַוו איז שוין געווען אויסער זיך, נאָר זיין קול האָט גראָד געקלונגען קלאָרער, ווי דער כּעס וואָלט אים אויסגעניכטערט.

וואַצעקס גויע איז אַרויסגעקומען צו לויפן און זיך דערנענטערט צוזאַמען מיט איר פאַרוויילטער כאַליאַסטרע. „טרינק, יאַסעק! גיב שוין אַ טרונק!״ האָט זי געעצהט יאָסעלען. „טו אים צוליב, דעם גיעבאַראַק. זיך ווידער צעקריגט מיטן ברודער. פון קאַשטשאַל אים אַרויסגעוואָרפן. נו, גיב אַ זופּ, יאַסעק! זיי דו אים אַ ברודער!״ האָט זי געבעטן.

„ניין״, האָט יאָסעלע גיך אַ קאַם געטאָן די באָרד מיט די פינגער און זיך אַרומגעקוקט דורך וואָגעו צו אַנטרינען פון וואַצעקן. „כ'מוז לויפן!״

וואַצעק איז אַרויס מיט אַ ווילד געלעכטער: „אַוודאי ס'טו לויפן, דו קונדעל פאַרכאַטי! נאָר פריִער ס'טו אָט דאָס פלעשעלע אַריינכלייען ביזן דנאָ... דאָ סטראַצעניאַ!״ ער האָט זיך אַ פאַרמעסט געטאָן מיטן פוס און אַרויסגעקאָפּעט דאָס טיכל מיטן טוץ אייער פון יאָסעלעס האַנט. אויף דער ערד לעבן יאָסעלען האָט זיך גענומען גיסן פון דער ראַגאַווקע אַ געלב־ווייסע, קלעפּיקע יויך. וואַצעקס קינדער האָבן זיך צעקייכט פון געלעכטער, די גויע האָט קינסטלעך מיטגעלאַכט. וואַצעק האָט אַ כאַפּ געטאָן די גראַביע וואָס איז געהאַנגען אויפן פּלויט און זיך מיט איר פאַרמאָסטן אויף יאָסעלען. יאָסעלע האָט אַנגעכאַפּט די גראַביע פון דער אַנדערער זייט, זי אַ טאַרגע געטאָן מיט אַזאַ כּוח, אַז דער שיכּור האָט זיך צעטאַנצט מיט איר פון זיין זייט — און זיך מיט אַ האַלבן קאַזשעליק איבערגעקערט אין גראָז.

„אַלאַ באָגאַ!״ האָט די גויע אַ שטרעק געטאָן די הענט צום הימל. איר עלטסטע טאָכטער, וואַנדע, וועלכע איז די גאַנצע צייט געווען אין הויז, איז אַרויסגעקומען צו לויפן.

יאָסעלע האָט אַראָפּגענומען דעם זאַק פון אַקסל און צוזאַמען מיט דער גויע און דער כאַליאַסטרע אַריינגעטראָגן וואַצעקן אין דער כאַלופּע. צוריק אַרויס אין דרויסן, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דעם טוץ אייער וואָס האָט זיך געפּרעגלט אין דער זון אויף דער ערד, אַ קאַם געטאָן די באָרד, פאַרוואָרפן דאָס זעקל מיט דער צאַפּלדיקער הון איבערן אַקסל און איז אַרויס אויפן פעלדשטעג, וואָס האָט אים אַרויסגעפירט אויפן ברייטן טאַפּאָליע־וועג. ער איז פאַרביי יואל דעם שמידס קוזשניע. ער האָט זיך באַמיט צו קוקן פאַר זיך און זיך געמאַכט נישט באַמערקן דעם שמיד. ער האָט נישט געוואָלט האָבן קיין שום מגע־ומשא מיט אים. אויף יואלן האָט מען דערציילט אויסטערלישע זאַכן און אויסער די פורמאַנעס און אַ

טייל חסידים, האָט זיך מיט אים קיינער נישט געחברט. דאָך, ווען יאָסעלע האָט הינטער דער פּלייצע דערהערט יואלס שווערע באַס־קול אים נאָכרופן און אים ווינטשן אַ גוטן שבת, האָט יאָסעלע, וועלכער האָט זיך אַצינד מאָדנע גוט געפילט, אַ פּאַכע געטאָן מיט דער האַנט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געענטפערט, נישט אומקערנדיק דעם קאָפּ: „אַ גוטן שבת, אַ גוט יאָר!"

ער האָט זיך איינגעהערט אין אומגעדולדיקן קוואַקען פון דער הון אויף זיין פּלייצע. ס'איז אים אויסגעקומען ווי זי, די הון, וואָלט אים געמוסרט וואָס ער איילט נישט נאָך מער אונטער דעם טראָט און ברענגט זי נישט וואָס גיכער צום שוחט, ווי זי וואָלט קיין געדולד נישט געהאַט אין איר חשק צו באַשיינען זיין שבתדיקן טיש. האָט ער זי געפּאָלגט און זיך צעשפּרייזט מיט זיין מאָסיוון, אייליקן טראָט און ערשט אַצינד פאַרנומען די שאַרפע ריחות פון די פעלדער. אַ בייסיקער ווינט האָט געהויבן דעם שטויב און געוויגט די שלאַנקע טאָפּאָליע־ביימער ביי דער זייט, איבער די גראָבנס לעבן וועג. אַ רעגן פון טרוקענע געלב־גאָלדענע בלעטער איסגעמישט מיט האַרטע קרישקעס שטויב האָט ווי מיט בעזעמריטלעך געשמיסן איבער יאָסעלען. די שטויביקע באָרד איז אים צוריקגע־פלויגן אין פּנים און ער האָט אָפּגעשפּיגן אירע האָר צוזאַמען מיט די ברעקלעך זאַמד וואָס זיינען אים פאַרפלויגן אין מויל. מיט אַ פּעסטן, געזונטן אָטעם האָט ער אַרויסגעבלאָזן דעם ווינט וואָס האָט אים געקיצלט אין די נאָזלעכער.

דאָרט, הויך אויפן שפּיץ פון בלויען באַרג, האָבן די פליגל פון דער ווינטמיל זיך הייטער געדרייט. פון דער אַנדערער זייט וועג, אין אַ כאַטע נישט ווייט פון דער קרעטשמע, איז אַ פויערטע געזעסן לעבן דער אָפענער טיר און געדרייט אַ שפּינרעדל, געשפּונען פלאַקס. העכער אַרויף, אויפן פעלד העט־ווייט, האָט אַ שיקסע געוואַנדערט צו דער קאַפּליצע מיט אַ צעפלויגן טוך איבער די אַקסלען.

— יאָסעלע האָט פאַרמרוזשעט די אויגן און געזען מאַרימלען. ניין... מאַרימל איז געווען אין דער פאַרעם פונעם וואָלקן וואָס איז גיך געשווומען איבערן קאָפּ — צו מערב צו. זי האָט זיך געאיילט, זיך געגרייט צום ליכט־צינדן, געאיילט אַהין ווו די זון וועט באַלד שבת מאַכן הינטערן האָריזאָנט.

„רבונו־של־עולם", האָט יאָסעלע אַ ברום געטאָן, האַלטנדיק די אויגן אויפן הימל. „זעסט, כ'האָב כוח דיך נישט צו שילטן, ווען מיר איז שלעכט. און זעסט... איך בענטש דיך און איך לויב דיך ווען מיר איז גוט. אָבער טו מיר אַ טובה... לאָז מיך פילן, אַז איך בין מיין אייגענער מענטש. דו ביסט טאַקע דער האַר פון דער וועלט און דער גורם פון אַלץ... אַלץ. און איך דין דיר מיט אַלע פּיטשעווקעס, אַזוי ווי ד'האָסט געבאָטן... אָבער ס'איז בעסער דיר צו דינען, נישט קריכנדיק אויף אַלע פיר... נאָר שפּרייזנדיק אויף מיינע צוויי אייגענע רגלים, אָט אַזוי... פונקט ווי איך שפּריַיז אַצינדער".

אַז אויפגעלייגטער איז יאָסעלע אַריינגעקומען אין שטעטל; אַז אויפגעלייגט־

קייט וואָס האָט זיך חלילה נישט געשפּיגלט אין אַ שמייכל אויף זיין פּנים, נאָר זיך אַנגעזען אין זיין אויסגעגלייכטן שטערן, אין די הויך־פֿאַרצויגענע ברעמען, אין דעם שטאָלצן פּלאַטער פֿון די שטאַרקע נאָזפֿליגל, אין דעם פֿרייען שווונג פֿון זיין באָרד, אין דעם ענערגישן ספּרוזשיסטן טראָט זיינעם און אין פֿלאַטער פֿון זיינע צעפֿלויגענע פּאָלעס. און כּדי זיך צו פֿאַרשאַפֿן אַ כּשר־פֿאַרדינט ביסל פֿאַרגעניגן, האָט ער זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט אָפּצופֿרישן די מידע אויגן און דערפֿרייען דאָס הארץ אויף דער שוועל פֿון דער „נייער" שול וועלכע איז אויפֿגעבויט געוואָרן לעבן אָרט ווו די אַלטע איז אָפּגעברענט געוואָרן בעת יענער מוראדיקער הריגה נאָכן מאָרד איבערן צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

אין יענע אימהדיקע טעג איז יאָסעלע געווען אַ בר־מיצווה־בחורל. די משפּחה האָט שוין דעמאָלט געוווינט אין שטעטל און יאָסעלע האָט געלערנט ביים גמרא־מלמד. דער מלמד און אַלע ייִדן פֿון שטעטל האָבן גראָד זיך געריכט, אַז ליאָדע טאָג זאָל משיח אַריינרייטן אויף אַן אייזעלע קיין באָטשאַני. און יאָסעלע האָט אים דערוואַרט, מיטן גאַנצן חיות דערוואַרט דעם דערלייזער און איז יעדן טאָג צוזאַמען מיט די אַנדערע חדר־ייִנגלעך געלאָפֿן אים אַנטקעגן אויפֿן ברייטן טאַפּאַליע־וועג, אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן בלויען באַרג ווו די חורבה פֿון דער ווינטמיל איז געשטאַנען, וואָס ר׳ פּייוועלע מילנער האָט זי שפּעטער אויפֿגעריכט. און פֿון דאָרט אויבן האָט מען אויסגעקוקט... אויסגעקוקט. און געדאַכט האָט זיך, אַז אָט, אָט הערט מען שוין טאַקע דאָס בלאָזן פֿון גרויסן שופֿר. נאָר געווען איז דאָס דאָס קול פֿון גרויסן שחיטה־שופֿר, פּונקט ווי בעת די גזירות ת״ח ות״ט ווען מען האָט זיך אויך געריכט אויפֿן שופֿר של משיח.

ווי אַזוי דאָס איז געשען האָט קיינער אייגנטלעך נישט געוווּסט. סיי די גויים, סיי די ייִדן האָבן זיך מצער געווען צוליבן טויט פֿון קייסער. די ייִדן האָבן קיין מאָל אויף קיין נייעם קייסער נישט ליב געהאַט צו בעטן און די גויים האָבן נאָך גוט געדענקט די „פּאַנשטשינע", וואָס איז נישט לאַנג צוריק אָפּגעשאַפֿט געוואָרן. דערנאָך האָבן ייִדן פֿון שטעטל כוואַסטי געבראַכט די נייעס, אַז אין קיִעוו איז פֿאַרגעקומען אַ פּאָגראָם, אַז אין וואַרשע איז געווען אַ דריי־טאָגיקע שחיטה. אָבער דאָס זיינען געווען קלאַנגען. זינט יאָסעלע האָט געדענקט האָט מען גערעדט וועגן שחיטות, אַ מאָל אין איין שטאָט, אַ מאָל אין אַן אַנדערער. אָט האָט מען גערעדט. מיט באָטשאַני האָט דאָס קוים אַ שייכות געהאַט. ביז צווישן די כלאָפּעס האָט זיך גענומען פֿאַרשפּרייטן דער קלאַנג, אַז ייִדן האָבן דערהרגעט דעם צאַר, אַז דעם נייעם קייסערס מיניסטער, דער גראַף איגנאַטיעוו, האָט בפּירוש געהייסן שלאָגן ייִדן, אַזאַ ניי געזעץ איז אַרויס. און דעם צאַר האָט מען געמוזט פֿאָלגן...

דעמאָלט איז האַלב באָטשאַני צוזאַמען מיט דער שול אָפּגעברענט געוואָרן,

און צווישן די הרוגים האָבן זיך געפונען יאָסעלעס זיידע מיט דער באָבען, אַ מומע מיט איר ביי־געבוירן עופעלע, און יאָסעלעס עלטסטן ברודערס כלה האָבן די קאָזאַקן מאַנס געווען.

דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט פּונקט אַזוי אומגעריכט ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן. באַטשאַני איז אָפּגעבויט געוואָרן ממש איבער נאַכט. אָבער יאָסעלע איז צום גמרא־מלמד נישט צוריקגעגאַנגען און דעם פּוס נישט אַריינגעשטעלט אין בית־מדרש. ער האָט לגמרי פאַרלוירן דעם חשק צום לערנען און וואָס ער האָט יאָ געהאַט געלערנט פון דער גמרא איז אים אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ, אָפּגע־ווישט געוואָרן פון זכרון ווי מיט אַ שוואָם, שפּורלאָז, אויפן לעבן אַרויס.

דעמאָלט האָט מען אויפגעבויט די נייע שול. געווען איז דאָס נישט סתם אַ שול. פאַר באַטשאַני איז דאָס געווען אַ טרייסט — אַ טייערע צאַצקע, אַ שטיק צירונג אויפן קאָפּ פון אָן אויפגעריכטער אָפּגעשליסענער כלה. ווייל נישט נאָר אַ געוויינטלעך שטעטל, נאָר אַפּילו אַ גרויסער, רייכער כרך וואָלט זיך מיט אַזאַ שול געקאָנט גרויסן. און געבויט האָט זי נישט קיין אַנדערער ווי יאָסעלעס טאַטע מיט די פעטערס — מיטן בראָך אין האַרצן זי געבויט, און מיט עקשנות, מיט להכעיסדיקייט און מיט גרויס התלהבות. זיי האָבן די שול אויסגעצירט, די גאַנצע „באָזשע־מאַניע" אַריינגעלייגט אין איר. ווייל אין דער אמתן זיינען די מאַנספּאַר־שוינען אין יאָסעלעס משפּחה געווען טראַטווע־בויערס, און הייזער־בויערס נאָר צוליב פּרנסה. בעצם זיינען זיי געווען סטאָליאַרעס און האָלצשניצערס פון פּיערווי סאָרט. דעמאָלט, ביים בויען די שול, האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרהיימישן יאָסעלען מיט די סודות פון פאַך.

די שול איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון לויטער האָלץ, האָט געהאַט געשניצטע באַלקאָנדלעך און געדרייטע אַרומגעשניצטע טרעפּ וואָס האָבן אַרויפ־געפירט צו דער ווייבערשול. דער באַלקן אַרום די הענגל־לייכטערס, דער באַלע־מער און דער עמוד, די מאַסיווע אַריינגאַנג־טיר און די קליינע זייטיקע טיר זיינען אַלע געווען אויסגעצאַצקעט מיט הייליקע הירשעלעך, לייבן, טייבעלעך און וויינטרויבן־הענגלעך וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי לעבעדיק ווי געטאָקטע אויערריינגען. אַפילו די גויים האָבן באַקומען אָפּשיי פאַר דער שול און געהאָלפן זי אָפּהיטן פון אַ שׂרפה.

אמת, די שול, שיין ווי זי איז געווען, האָט געהאַט אַ שטיקל מום. זי איז געשטאַנען אַ ביסל אויסגעבויגן, ווי איינער וואָס האָט איין אַקסל אַ נידעריקן און דעם אַנדערן אַ הויכן. מחמת צוליב דעם זומפּיקן באָדן האָט זי גיך גענומען איינזינקען. אָבער דאָס איז געווען אַ גאָט־זאַך און דאָס שטעטל האָט זיך געמאַכט דאָס נישט באַמערקן, אָדער גיכער, האָט עס בפועל־ממש נישט באַמערקט. מען האָט ליב געהאַט די שול מיט אַ פאַרכטיקער ליבשאַפט. איר האָט דאָס שטעטל אָנפאַרטרויט די נשמה.

יאָסעלע האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ באַזונדער געפיל פאַר דער שול. ער איז דאָך געווען געקנופּט און געבונדן מיט איר מיט טויזנטער פעדעם פון נאָענט־קייט. און ער האָט איר טאָקע קיין מאָל נישט געקאָנט פאַרבייגיין און זיך נישט אָפּשטעלן אויף דער שוועל כאָטש אויף אַן אויגנבליק, כדי אַריינצואָטעמען דעם ריח אירן, וואָס איז נישט געווען סתּם דער ריח פון האָלץ, נאָר פון עפּעס מער, פון עפּעס נישט־דערקלערלעך מחיהדיקן, דערהייבנדיקן. און אַז ער האָט באַריִרט די פיינע שניצערייען אויף דער טיר, זיין אייגענעם טאַטנס אַ שטיקל אַרבעט, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער פאַרשטאָרבענער טאַטע גיט אים אָפּ שלום און דאָס איז געווען אַ מאַכטיק געפיל.

הגם יאָסעלע האָט זיך אַצינד געאיילט, האָט ער גאָרנישט טראַכטנדיק, זיך פאַרהאַלטן אויף דער שוועל פון דער שול און מיט דער האַנט אַ גלעט געטאָן „דעם טאַטנס טיר, אָפּצוגעבן דעם טאַטן שלום”. ווייזט אויס אַז דער שמש פון דער שול, ר׳ לייבעלע יאַפּצאַק־פּרעסער, ווי מען האָט אים אין שטעטל גערופן, האָט דורכן פאַליש־פענצטערל באַמערקט יאָסעלען אָנקומען פון דאָרף מיטן בּרייטן טאַפּאַליע־וועג, און ער איז אַרויסגעקומען אויף דער שוועל מיט די הענט פאַר־פלאַכטן אונטער זיין אָנגעבלאָזענעם בייכל.

„געווען אין דאָרף אַ גאַנצן מעת־לעת, הע?” האָט ר׳ לייבעלע, פאַר וועמען עס זיינען קיין סודות נישט פאַראַן געווען, אַ גרילץ געטאָן מיט זיין פאַרכריפּעט קול. „און געכאַפּט אַ זופּ בראָנפן אויכעט, הע?” ער האָט אַ כיכיקע געטאָן און אַרומגעשמעקט יאָסעלען עלעהיי אַ הינטל.

יאָסעלע האָט זיך דערמאָנט ווי נאָענט ער איז טאָקע געווען פון כאַפּן אַ זופּ בראָנפן און ער האָט צופרידן אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען: „אָסור זאָל מיר זיין!” אָבער ר׳ לייבעלע, וועמען יאָסעלע האָט נישט געקאָנט פאַרליידן, האָט אים פאַר־שטערט דעם אויגנבליק פון מנוחה אויף דער שוועל פון דער שול. האָט יאָסעלע זיך אַ לאָז געטאָן צוריק אין געסל אַריין, אין דער ריכטונג פון שוחטס הויז.

אַרום האָט דאָס שטעטל זיך פיבערדיק געגרייט צום שבת. ווייבער האָבן געראַמט דאָס מיסט פון פאַר די הייזער און עס צוזאַמענגעשאַרט אין קופּקעלעך אין מיטן גאַס. אַנדערע זיינען געלאָפן צינדן נשמה־ליכט אין דער שול. ייִדן, מיט צעפלויגענע טלית־קטנס, האָבן געאיילט אַהין און אַהער, אויסצוענדיקן זייערע עסקים פון דער פאַרגאַנגענער וואָך. אויפן אָנבליק פון די פאַרהאַוועטע בעטלערס וואָס זיינען אַרומגעלאָפן פון טיר צו טיר אויפן שנאָר, האָט יאָסעלע זיך פאַרקרימט. „פאַרחוצפּהטע עובר־בטלניקעס!” האָט ער אַ מרוקע געטאָן צו זיך. „לויפן אַרום נאָך נדבות ווי זיי וואָלטן געלאָפן אויפמאָנען אַ חוב!” דאָך האָט ער אַריינגעטאָן די האַנט אין קעשענע און פונאַנדערגעטיילט די בעטלערס אַ ביסל קאָפּעקעס וואָס ער האָט פאַרדינט ביי די פּויערים. ער האָט אויך נישט פאַרגעסן אַריינצוטראָגן אַ

מטבע צום רבין ר׳ שאַפּסעלען אויפן חשבון פון שכר־לימוד וואָס ער איז אים געקומען. ער האָט אַריינגעטראָגן זיין באַשטייערונג פאַרן רב, געגעבן אויף מעות־חיטים, אויף דער באָד, אויפן הקדש — און דערנאָך, מיט אַ לייכט הארץ און מיט נאָך אַ לייכטערער קעשענע, און מיט דער געקוילעטער הון אין זעקל, זיך אַ לאָז געטאָן צו זיין קרעמל אויפן פּאַטשעיאָוו — צו זען וואָס זיינע טעכטער האָבן אויפגעטאָן און עס צו פאַרשליסן אויף שבת.

דערהערט פון די טעכטער, אַז אַלץ איז אַדורך בשלום, און אַז זיי האָבן אַפילו געלייזט אַ צענערל, האָט יאָסעלע יעדער פון זיי דערלאַנגט אַ שטורכאַק אין הינטן אַריין, ווייל זיי האָבן נישט צוגיפגעקערט דעם שמוץ פון פאַר דער שוועל. דערנאָך, אַז ער האָט זיך גענומען פאַרמאַכן דאָס קרעמל, האָט ער, מיט די אויגן אויף די פרענטעס, אויסגערופן בנעימותדיק־קלאָר: „האָטץ מיר אַ גוטן שבת, שכנטע!״

„איר אויכעט, ר׳ יאָסעלע!״ האָט הינדעלע, כאַמעלע דעם סופרס אַלמנה, אים געענטפערט מיט איר צעגאָסן וואָרעם קול.

אַנגעקומען אין דער היימישער גאַס, האָט יאָסעלע אָפּגעטרעטן ביי זיין שכנה, בראַנטשעלען דער קרעכצערין. גערופן האָט מען זי „קרעכצערין״ ווייל זי איז געווען אַ פּאַכאָווע מיטקרעכצערין ביי די שוועלן פון לעבן און טויט. זי האָט געהאַט אונטער איר קאָמאַנדע אַ חברה גוטע ווייבערקעס און מען האָט זי גערופן סיי צו אַ קימפּעטאָרין, סיי צו אַ גוסס. אויף דעם אופן האָט זי מפרנס געווען איר משפחה, סיי איר מאַן דעם פרומען ר׳ פּסחלען וועלכער האָט יומם־ולילה געלערנט און סיי איר שטוב מיט זונדלעך, איינס קלענער פון אַנדערן. מחמת קיין שום געשעעניש אין באַטשאַני האָט אָן בראַנטשעלען און איר חברותא קלאָגערקעס נישט געהאַט קיין יידישן טעם.

יאָסעלע האָט דערלאַנגט בראַנטשעלען דאָס אָפּגעשאַכטענע הינדל און דאָס ביסל מעל וואָס ער האָט געבראַכט פון מילנער, זי זאָל אָפּקאָכן אַ יאַיכל מיט אַ ביסל לאָקשן פאַר אים און זיין בני־בית. בראַנטשעלע, פאַרנומען מיט איר שטובאַרבעט, האָט גיך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. געוויינטלעך האָט בראַנטשעלע אויך אונטערגעקרעכצט ווען זי האָט געטאָן איר שטובאַרבעט. אָבער נישט היינט. היינט האָט זי אַפילו באַוויזן נאָכצורופן יאָסעלען ווען ער איז אַרויס פון איר כאַטע: „האָטץ מיר אַ גוטן שבת!״

יאָסעלע איז אַריין אין זיין „קנאַלבודע״ און האָט צוזאַמען מיט די עלטערע מיידעלעך, רייזעלען און רחלען, גענומען צוגרייטן די שטוב אויף שבת. דערנאָך איז ער אַוועקגעלאָפן אין דער מיקווה. שפּעטער האָט ער זיך אויסגעקליידט אין דער שבתדיקער אויסגעבלאַקניעטער איבעצע, מיטן אויסגעדריוולטן גאַרטל, און האָט אָנגעטאָן אויפן קאָפּ דאָס אויסגעקראַכענע שטריימל. דאָס פּנים ראַז און אויסגעלייטערט, די באָרד אויסגעקאָמט און זויבער, האָט ער אַוועקגעשפּרייזט,

מיט דעם קדיש זײַנעם, הערשעלען, פֿאַר דער האַנט, אין שול אַרײַן — צום דאַוונען — און ערשט רעכט אויסגעזען ווי ער וואָלט אַרויסגעשפּרייזט פֿון אַ דף פֿון חומש.

5

כּדי דער שבת זאָל זײַן נאָך שבתדיקער איז יאָסעלע אַהיימגעקומען פֿון דאַוו־נען מיט אַן אורח צום טיש: מיט אַבעלען דעם שטאָטנאַר.

אַז מען האָט געקוקט אויף אַבעלען האָט זיך געגלוסט צו לאַכן. געווען איז ער דער העכסטער מענטש אין באַטשאַני, פֿאַרמאָגט ריזיקע הענט און פֿיס. ער האָט געהאַט אַ רויטע, תּמיד־רינענדיקע קאַרטאָפֿל־נאָז און אַנגעשוואָלענע, אַרויסשטאַרצנדיקע ליפּן וואָס האָבן געסליניעט און געשמייכלט אַ תּמעוואַטן שמייכל. האָר האָט ער געהאַט נישט קיין בלאָנדע צי פֿלאַקסענע, צי אַפֿילו גרויע — נאָר בפּועל־ממש ווײַסע. ווײַס זײַנען אויך געווען זײַנע משונהדיק־לאַנגע ווי̇עס איבער די קײַלעכדיקע, אַרויסבאַלושטשעטע שליפֿיעס מיט וועלכע ער האָט גע־האַלטן אין איין פֿינטלען. אָבער דאָס קאָמישסטע אין זײַן פּנים זײַנען געווען די ברעמען. גראָד זיי זײַנען געווען שוואַרץ, ווי אָפּגעפֿאַרבט מיט קויל: צוויי גראָבע, שוואַרצע פּאַסן פֿאַרהויבן בײַ די ברעגעס, נישט אַראָפּ צו, נאָר אַרויף צו — ווי צוויי בערשטלדיקע שיפֿלעך, וואָס האָבן זיך געוויגט אַרויף און אַראָפּ אויף זײַן געקאַרבטן שטערן, ווי אויף אַ ים, בעת ער האָט געמאַכט גרימאַסעס און פֿאַרווײַלט יאָסעלעס קינדער.

אַבעלע איז געווען אַ צוגעלאָזענער, ממש אַ ליבלעכער. פֿאַרבליבן בײַ אים די אומשולד פֿון אַ דרײַ־פֿיר־יאָריק קינד, און אויף אָט דער מדרגה האָט זיך, ווײַזט אויס, זײַן שׂכל פֿאַרהאַלטן. בלויז זײַן גוף איז געווען אַ דערוואַקסענער, אַ יונגער נאָך, אָבער אַן אויסגעטריקנטער. דאָס שטעטל האָט אים גערן געהאַט און דאָך זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי צו אים, מחמת ער האָט עפּעס נישט פֿאַרמאָגט נישט דעם אויסזען, נישט די מאַנירן פֿון אַ יי̇דישן נאַר, הגם קיינער האָט אייגנט־לעך נישט געוווּסט די פֿאַרשריפֿטן ווי אַזוי אַ יי̇דישער נאַר דאַרף אויסזען, צי זיך אויפֿפֿירן. ס'איז גיכער געווען אַן ענין פֿון דערשפּירן, דערשנאַפּן דאָס נישט־בולט היימישע.

דעם אמת געזאָגט, האָט אַבעלע אויף קיין גוי אויך נישט אויסגעזען. זיכער איז מען געווען נאָר אין איין זאַך: אַז ער איז אַ געמלעטער, ווײַל דאָס שטעטל האָט דעם ענין גרינטלעך אויסגעפֿאָרשט. אָבער פֿון וואַנען ער איז געקומען האָט מען נישט געוווּסט. פּלוצעם, אַ שנײַיִקן ווינטער אינדערפֿרי, האָט כאַצקעלע, דער שטומער וואַסער־טרעגער, נאָך אין דער צײַט איידער ער האָט זיך אַ נדר געטאָן צו ווערן אַ פּרוש און שטום ווערן, אַנטדעקט דאָס פֿרעמדע נפֿש שלאָפֿן

אויף דער באַנק אין בית־מדרש, ביים פּיעקעליק. און אַזוי האָט אַבעלע זיך דעמאָלט באַוויזן אין שטעטל.

אַז מען האָט אים געפרעגט: „אַבעלע, פון וואַנען קומסטע אַהער?"

האָט ער געענטפערט: „פון מאַרשע".

האָט מען נישט געוווסט, צי ער מיינט וואַרשע, צי ס'איז גאָר פאַראַן געווען אַ שטעטל וואָס האָט זיך גערופן מאַרשע. האָט מען איבערגעפרעגט: „ווו איז מאַרשע, אַבעלע?"

האָט ער געענטפערט: „דאָרט".

„ווו דאָרט?"

האָט ער געענטפערט: „אונטערן גיטן־אָרט".

דערפאַר האָט זיך קיינער נישט געריסן אַריינצונעמען אַבעלען צו זיך אין שטוב אַריין, בפרט, אַז דאָס האָט געמיינט נאָך אַ מויל צו קאַרמענען. האָט יאָסע־לע אַבעדאַלע זיך מרחם געווען איבער אים און אים אָפּגעגעבן דאָס קעמערל הינטער זיין קאַלך־און קרייד־קרעמל, ווו ער האָט געהאַלטן זיינע זאַפּאַסן פון קאַלך און קרייד אויפן פּאָטשעיאַוו. און אַזוי האָט אַבעלע אויך באַקומען דעם נאָמען זיינעם. ווייל אַז מען האָט אים געפרעגט ווי ער הייסט, צי ווו ער וווינט, האָט ער געענטפערט מיט אַ קינדערשן גייוועדיקן שמייכל: „אַבע... אַבע..." ווי דאָס גאַנצע וואָרט „אַבעדאַלע" וואָלט געווען פאַר אים צו לאַנג אַרויסצוזאָגן. און ער איז געווען געטריי יאָסעלען אַבעדאַלע ווי אַ הונט, גענומען פאַר ליב יאָסעלעס שטורכאַקעס און זיך פאַרשטאַנען מיט אים אויפן ווונק.

די גאַנצע וואָך האָט אַבעלע געלעבט פון כאַפּן עפּעס דאָ און דאָרט פון דער שפּייז וואָס מען האָט פאַרקויפט אויפן פּאָטשעיאַוו, צי פון די ביסנס וואָס די קרעמערקעס האָבן אים דערלאַנגט. פרייטיק צו נאַכטס און שבת האָט ער געוויינט־לעך געגעסן ביי יאָסעלעס טיש. און זיין בלויזע אָנוועזנהייט אין שטוב איז גענוג געווען צו הייבן די שטימונג. יאָסעלע האָט זיך טאַקע נישט אָנגעשלאָסן אָן די קינדערס געלעכטער — קיינער פון זיי האָט אים קיין מאָל נישט גזען קיין שמייכל טאָן — אָבער די לופט אַרום אים איז לייכטער געוואָרן צו אָטעמען, דער עיקר אַ דאַנק דעם שבת, אָבער אויך אַ דאַנק אַבעלעס אָנוועזנהייט, וואָס איז אייגנטלעך אויך געווען אַ דאַנק דעם שבת.

דעם הייַנטיקן שבת, נאָך דעם ווי יאָסעלע האָט אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין זיין לעבן און האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער די דערפער — איז ער געווען באַזונדערש גוט אויפגעלייגט. היינט אויף דער נאַכט ביים שבתדיקן טיש, נאָך דעם ווי זיי האָבן אויפגעגעסן די לאָקשן מיט יויך, מיטן הינדל, און יאָסעלע האָט זיך געהאַט מחיה געווען מיטן בעכער ווישניאַק וואָס ער האָט געטרונקען צו קידוש — האָט געטראָפן אַ גאָר אויסנעמעלעכע זאַך. נעמלעך, זיין זון, הערשעלע,

איז געוואָרן אַזוי צעשפּילט און צעבאַלעוועט צוליב דעם טאַטנס צוגעלאָזנקייט, אַז ער האָט זיך אַזש אין גאַנצן פאַרגעסן און האָט זיך גענומען די העזה, אַ פרעג צו טאָן דעם טאַטן וועגן עפּעס וואָס האָט אים זינט אַ צייט געפּייניקט.

„טאַטשי", האָט ער אויפגעהויבן די טונקעלע, שיפלעכע אויגן אויף יאָסעלען. „פאַר וואָס עפּעס לאַכט דער טאַטשי קיין מאָל נישט?"

האָט יאָסעלע זיך נישט אַנגעבייזערט אויף אים צוליב דער דרייסטער שאלה, נאָר וואָרעם אַ מרוקע געטאָן אין דער באָרד אַריין: „ווייס עך וואָס. נאַראָנים און קינדער לאַכן. אַ ייִד לאַכט נישט".

„פאַר וואָס, טאַטשי? אין שטיבל האָב עך געזען אַ סך ייִדן לאַכן", איז הערשעלע נאָך דרייסטער געוואָרן.

„ווייל ז'זענען נאַראָנים, לאַכן זיי", האָט יאָסעלע רויִק געענטפערט.

„און מיין רבי, ר' שאָפּסעלע, איז אויכעט אַ נאַר?" הערשעלעס רבי, ר' שאָפּסעלע האָט געהאַט אַ טבע אָפּצולאַכן פון די חדר-ייִנגלעך וואָס האָבן נישט געקענט די פּרשה „ווי אַ וואַסער". ער האָט דערלאַנגט פּעטש און דערביי געכי־כיקעט מיט אַ הייזעריק קול.

יאָסעלע האָט אויפגעקלערט דעם זון: „דער רבי ר' שאָפּסעלע ניצט דאָס לאַכן ווי אַ מיטל צום קנעלן".

„און די חסידים?" האָט הערשעלע נישט אָפּגעלאָזט. „זיי לאַכן דאָך אויכעט. און ז'כאַפּן אַריין אַ ריקודל און ז'לאָזן זיך ווילגיין?"

„אַז ד'עסט דיך גוט צוקוקן", האָט יאָסעלע פּאַמעלעך געקאַמט די באָרד מיט פונאַנדערגעשפּרייטע פינגער, „ס'טע זען, אַז ז'לאַכן צום שטאַרקסטן ווען עס גלוסט זיך זיי צו וויינען".

„און דער רב? כ'האָב אַליין געזען ווי ר'האָט געלאַכט צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר ייִדן אויפן וועג אַהיים פון שול".

„דער רב וויל נישט מבייש זיין די אַנדערע, לאַכט ער מיט זיי מיט. אינעווייניק, אין האַרץ, לאַכט ער נישט".

„פאַר וואָס אַזוי?"

„דערפאַר אַזוי. ווייל אין תּוך גענומען איז נישטאָ פון וואָס צו לאַכן. דער רבונו-של-עולם איז אַריינגעטאָן אין אַ מלחמה אויף לעבן און טויט מיט דער סיטרא-אחרא, און קיין סוף דערצו זעט מען נישט. דערווייל איז דאָס בית-המיקדש חרוב געוואָרן און ייִדן זענען אין גלות. קומט אויס, אַז ווען דער בן-אָדם לאַכט, לאַכט ער פון אַ קרומקייט אין גאָטס וועלט, אין גאָטס עבודה. לאַכן מיינט אויסלאַכן דעם רבונו-של-עולם. ני, מיינסטע, אַז עס פּאַסט אויסצולאַכן דעם טאַטן פון דער וועלט, דעם באַשעפער, וואָס אין זיינע הענט ליגט דעם ייִדנס גאַנצע לעבן?"

„אַבער טאַטשי", האָט הערשעלע, אַ צעפלאַמטער און שטאַרק איבערגע־נומענער מיט זיין אייגענער העזה און מיטן פאָטערס צוגעלאָזנקייט, נישט באַ־

מערקט ווי ער צופּט אויס די פלאַקסענע האָר פון זיינע פּאהלעך. „משיח ט׳דאַרף מוזן אַ מאָל קומען און דער רבונו־של־עולם וויל דאָך, אַז יִידן זאָלן נישט פאַרלירן דעם בטחון און זיין פריילעך״.

„טאַקע אמת. אָן זייער בטחון וואָלטן יִידן קיין יִידן נישט געווען. אָבער געלעכטער קער זיך אָן מיט פריילעכקייט און מיט בטחון פּונקט ווי אַ הונט קער זיך אָן מיט אָן אַרבע־כּנפות״.

„אָבער דער רבי זאָגט...״

„פון וואַנען ווייסט דער רבי ?״

„ס׳שטייט בפירוש געשריבן...״

„אַפילו ווען ס׳שטייט בפירוש געשריבן״, האָט יאָסעלע אים איבערגעריסן. עס האָט אים אָסור געאַרט וואָס זיין קליינער הערשעלע האָט בעסער געוווסט פון אים ווו עס איז בפירוש געשטאַנען געשריבן. און שטאָלץ דערמיט איז ער, יאָסעלע, אויך נישט געווען. אַזוי האָט ער געוואָלט אַז עס זאָל זיין. אַזוי האָט באַדאַרפט צו זיין. האָט ער געלאָסן ווייטער געצויגן: „מ׳דאַרפט דאָך זיין ווי דער רבונו־של־עולם, צו וויסן גענוי וואָס דער רבונו־של־עולם איז אויסן מיט דעם גאַנצן ענין פריילעך זיין... און בכּלל מיט יעדן וואָרט וואָס שטייט גענוי געשריבן...״ — יאָסעלע האָט זיך געכאַפּט, אַז ער קאָן אַ מאָל מיט אַזעלכע רייד אַראָפּפירן דעם זון פון גלייכן וועג. דער ווין איז אים, ווייזט אויס, געגאַנגען גלייך אין קאָפּ אַריין דעם היינטיקן ערב־שבת. ער האָט גיך צוגעגעבן: „איין זאַך זאָלסטע וויסן זיין, אַז לאַכן און פריילעך זיין זענען נישט איינס און די זעלבע זאַך, און פריילעכקייט און בטחון זענען אויך נישט איינס און די זעלבע זאַך. און... און נעם, למשל, אַבעלען־נאַר. וואָס איז דאָ צו לאַכן פון אַזאַ וויסטן תם... אַ קיילעכדיקן יתום, הע, זאָג אַליין ?״

הערשעלע איז נישקהדיק צעטומלט געוואָרן פון זיין טאַטנס משונהדיקע רייד. אָבער ער האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט און ווייטער געפרעגט: „טאַ פאַר וואָס בייזערט זיך דער טאַטשי נישט, אַז מען לאַכט פון אַבעלען ?״

„אויף ווענען האָב עך מיך צו בייזערן, נאַרישער קאָפּ, הע ?״ האָט יאָסעלע כמעט צערטלעך צוריקגעפרעגט. „עץ זענט דאָך אַלע אויף אַבעלעס מדרגה״. ער האָט צוגעגעבן נאָך מער אויפגעלייגט: „אויב עס גייט אין קינדער און נאַראָנים, איז לאַכן און פריילעך זיין און האָבן בטחון יאָ איינס און די זעלביקע זאַך״.

„און דער... דער טאַטעשי... ווייל ר׳איז נישט קאָ קינד און נישט קאָ נאַר, איז סיי ווי סיי פריילעך אַצינדער, כאָטש ער לאַכט נישט ?״ האָט הערשעלע, שוין אין גאַנצן צעטומלט, אַנגעשטעלט די אויגן אויף יאָסעלען.

„אוודאי בין עך, שוטה־קאָפּ. ראשית, איז היינט שבת. שנית, אַז עך האָב אַזאַ, קשיא־פרעגער ווי דו, קדיש מיינער, איז דאָך מיר אַוודאי וואויל״.

עפּעס האָט אַ נאָג געטאָן אין יאָסעלעס האַרץ. ער האָט באַטראַכט דעם זון

מיט אַ מין פֿאַרבענקטן בליק; דערנאָך האָט ער די אויגן אַ קער געטאָן צו די איבעריקע קינדער וואָס זיינען געקראָכן איבער אַבעלעס שויס און אַרומגערודערט מיט אים. זייערע פּנימער האָבן געשיינט אין דער טונקל פֿון צימער, ווי געוואַשן פֿון דעם צעפֿינקלטן שיין פֿון די ליכט אין די שבת־לייכטערס אויפֿן טיש. ווען ער האָט פֿאַרהאַלטן דעם בליק אויפֿן צעשטראַלטן, זומער־געשפּרענקלטן פּנים פֿון זיין ייִנגסטער, פֿון בינהלען, וועמעס האָר האָבן פֿאַרמאָגט אַ רויטלעכן אָפּשיין, האָבן אירע אויגן אים אָפּגעענטפֿערט מיט אַזאַ שאַרף־בייסיקן בליאַסק, אַז עפּעס האָט אַ שטיק געטאָן אין יאָסעלעס קעל. אַ מאַכטיקע בענקעניש האָט אים איינ־גענומען.

ברומענדיק אַ זמירות־ניגון, האָט יאָסעלע זיך אויפֿגעשטעלט און זיך דער־נענטערט צום פֿענצטער. דורך דער פֿינצטערניש דרויסן האָט ער געזען די צעלויכ־טענע פֿענצטער פֿון די הייזער קעגן איבער דער גאַס. אין יעדן פֿענצטער: אָנגעצ־צונדענע ליכט אויף אַ טיש. ער האָט געזען די משפּחות, דער מאַן פֿון איין זייט טיש, דאָס ווייב פֿון דער אַנדערער. „אַ מלך מיט אַ מלכּה...״ האָט דאָס בענקען געצופּט ביים האַרצן. „ז׳זענען מרמז דעם אייבערשטנס מתיחד זיין זיך מיט דער שבת־מלכּה, מיט דער שכינה, וואָס האָט זיך היינט אויף דער נאַכט צוריקגעקערט צו אים, כּדי זיי זאָלן ווערן איינס״. יאָסעלע האָט זיך העכער, פֿאַרעקשנטער צעזונגען מיטן זמירות־ניגון, כּדי צו באַפֿרייען זיין בענקעניש פֿון דעם טרויעריקן זוים, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען זי אַרומצוזיימען. היינט ביי נאַכט איז געווען שבת און עס איז נישט פֿאַראַן געווען קיין אָרט פֿאַר ייִאוש אין אַ ייִדנס האַרץ. און פֿאַר וואָס זאָל ער זיך מבייש זיין? זיין מאַרימל וועט אויך קומען צו אים היינט ביי נאַכט, צו זיין מיט אים.

ביי נאַכט, אויפֿן געלעגער, איידער יאָסעלע איז איינגעשלאָפֿן, זיינען משונה־דיקע, פֿאַרפּלאָנטערטע מחשבות געקומען יאָסעלען אין קאָפּ אַריין. די פֿאַרגאַנגענע צוויי טעג וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אין די דערפֿער האָבן אויפֿגעלעבט אין זיין זכּרון און אים נישט געלאָזט איינשלאָפֿן. ער האָט געטראַכט גראָד וועגן ענינים וואָס האָבן זיך נישט געפּאַסט פֿאַר פּרייטיק־ביינאַכטיקע טראַכטענישן: וועגן פּרנסה, וועגן הולך, אין וועלכן זיינע קינדער גייען אַרום. דערנאָך, ווען די וואָכקייט איז אַ ביסל פֿאַרנעפּלט געוואָרן, האָבן יאָסעלען אָנגעהויבן צו פּייניקן כּלערליי זעונגען, וואָס ער האָט גאָר קיין דעה און קיין שליטה איבער זיי נישט געהאַט. זיי האָבן אים אַראָפּגעשלעפּט אין אַ מין גיהנומדיקן שאול־התחתית.

„מסתּמא כּדי מיך צוצוגרייטן צו וואָס עס דערוואַרט מיך אויף יענער וועלט...״ האָט ער אַ טראַכט געטאָן. „נישטאָ קיין ספק, אַז פֿאַר אַ מאַן אָן אַ ווייב איז דער הימל פֿאַרשלאָסן. ער גייט גלייך אין גיהנום אַריין...״ ער האָט אָנגענומען דעם גזר־דין וועגן גיהנום מיט אַ קאַלטבלוטיקן מוט.

אָבער ווי נאָר ער איז איינגעשלאָפן און האָט אָנגעהויבן צו חלומען, האָט ער זיך געמומען טרייסלען פון אימה. איצט איז ער באמת געווען אין גיהנום. פולשטענדיק וואך, האָט ער זיך אַרומגעבלאָנקעט אין אַ קאַשמאַר. זיין גוף איז פון פחד געוואָרן שלאַבעריק און נאַכגיביק עלעהיי ער וואָלט געווען אַ קוקלע. — ער האָט זיך געזען אין דער נאַכט פון פאָגראָם, געוואַנדערט דורך אים ווי אַ בר־מיצווה ייִנגל, געזען די טויטע גופים פון זיינע באַבע־זיידע, געזען דעם מיט־בלוט־אויסגעשמירטן ריז, מיט די תחתונים אַראָפּגעלאָזט, זיך וואַרפן אויף זיין ברודערס כלה. דערנאָך האָט ער זיך אַליין דערזען... דעם היינטיקן יאָסעלען. דאָס איז ער געווען דער פאַרבלוטיקטער ריז וואָס וואַרפט זיך אויפן מיידל... ניין, ער איז געווען אַ קוקלע. שווער־ברוסטיקע, לאַנגהאָריקע גיהנום־ווייבער זיינען אים באַפאַלן פון אַלע זייטן. זייערע האַרטע אָרעמס האָבן אים איינגעקלאַמערט מיט קייטן־רינגען. אויף די בעטן פון נעגל און פייער האָבן זיי אים אַרויפגעשלעפּט און האָבן געוויעט: „האָב חתונה מיט מיר, יאָסעלע!" יעדע פון זיי האָט אים געשלעפּט אין אַן אַנדער ריכטונג, בעת דער שייטער־הויפן פון נעגל און פייער האָט געשונדן און געטרייבערט זיין הויט. זיי האָבן געלאַכט אַ גיהנומדיק געלעכ־טער, געוויזן אים שורות מילך־ווייסע ציין, וועלכע זיינען נישט געווען קיין ציין, נאָר ווייסע רערלעך פון וועלכע מילך־ווייסער אייל איז אַרויסגערונען, געציטשעט און נאָך מער צערייצט די פייער־פלאַמען. ביז די רויטע פייערצינגער האָבן אונ־טערגעצונדן יאָסעלעס לייב און זיינע גלידער האָבן זיך צעטליִעט און צעקנאַקט, און דער שווייס האָט אַ שלאָג געטאָן פון אים, ווי ער וואָלט געווען אַ שטיק קלאָדע, אַ שטיק קינהאָלץ, אַן אָפּגעצעסעטער שטאָם פון אַ דעמב וואָס זיין זאַפט און זשיוויצע האָבן אַרויסגעשלאָגן דורך דער קאָרע.

דערנאָך האָט ער געזען ליליתעס אויגן אַרויסלייכטן פון אַלע פינצטערנישן ווי שטורקאַצן. זי האָט זיך צו אים דערנענטערט... דערנענטערט — און אָט איז זי אַ פאַל געטאָן אויף אים און זיך געמומען וויקלען אַרום אים מיט גיפטיקע שלאַנגען־האָר, ווי אַ סמיקער קלעטער־געוויקס אַרום שטאָם פון אַ געפאַלענעם דעמב.

„איך בין דיין מאַרימל... דיין מאַרימל בין עך..." האָט זי געפּליסטערט מיט אַ זיס־בייסיק קול. „איך בין נאָך אַלץ דיין ווייב... דו ביסט נאָך אַלץ מיין מאַן..." זי האָט אים געברענט מיטן אָטעם ווי מיט אָנגעגליטע שפּילקעס. „זאָג מיר צו... אויף אייביק... אייביק..."

און הגם יאָסעלע האָט אַפילו אין חלום געוווסט, אַז דאָס איז אַ ליגן, אַז זיין מאַרימל קאָן נישט זיין ערגעץ אַנדערש נאָר אין ליכטיקן גן־עדן, האָט ער, פאַר־טראָגן אין יסורים, אויסגעשריגן: „אויף אייביק, מאַרימל... אויף אייביק!" און ער איז געקומען איבער איר. און ער, יאָסעלע אַבעדאַלע, וואָס זיין ראיה איז

טאָקע געוואָרן פאַרנעפּלט, אָבער וואָס קיין טרער האָט קיין מאָל נישט פאַרשטעלט זיין בליק — האָט געוויינט אין שלאָף.

ווי ער האָט געוויינט, האָט ער זיך געזען אַן איינזאַמען ליגן אויסגעצויגן מיט צעשפּרייטע הענט און פיס אויף אַ טראַטואַר וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגע־בויט — שווימען אויפן צעכוואַליעטן טייך פון זיינע אייגענע טרערן. דער שטראָם האָט אים מיטגעריסן, מיטגעטראָגן איבער קאַסקאַדעדיקע וואַסערפאַלן אַראָפּ... אַראָפּ, און ער האָט איבער אים קיין שליטה נישט געהאַט. און ווי ער איז אַזוי געשווומען איבערן טרערנטייך, האָט ער געזען זיינע נאַקעטע קינדער אַרויסשטייגן פון די זומפּן אין די וועלדער לענג־אויס די ברעגעס. ער האָט געזען זייערע אויס־געבלייכטע פּנימער, די אויסגעדאַרטע גלידער — און ער האָט נאָך מער געוויינט, אַזוי געיאָמערט, אַז די טראַטואַר האָט זיך אַזש פונאַנדערגעלאָזט אונטער אים און ער האָט אָנגעהויבן פאַלן... זינקען. און ווי ער איז געזונקען, האָט ער געזען זיינע קינדער אַרומשוועבן אַרום אים, נישט זיבן, נאָר הונדערטער. אַ סטאַדע שוואַרץ־פליגלדיקע באַטשאַנעס זיינען זיי געווען. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אים און מיט שאַרפע שנאָבלען און נעגלדיקע פיס געקראַצט, געדראַפּעט זיינע וווּנדן און אים אַראָפּגעשטופּט וואָס אַ מאָל טיפער אין שאול. ער האָט אָנגעהויבן פאַלן און פאַלן אינעם תהומיקן קעסלגרוב און פון זיין מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ לאַנג לעצט געשריי.

זיין אייגן געשריי האָט אים אויפגעוועקט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער כאַלופּע ווי דער גרוי פון פאַרטאָג האָט באַלויכטן די בערג מיט שמאַטעס אונטער וועלכע עס זיינען אויף די הילצערנע קויקעס געשלאָפן זיינע קינדער. ער האָט געזען די אָפּגעריסענע ווענט; דער קאַלך אָפּגעשיילט, האָט דאָס פאַר־שימלטע האָלץ אַרויסגעקוקט אויף דער שטוב ווי צענדליקער טונקעלע אויגנ־לעכער. ער האָט געזען די צעפאַלנדיקע וואַסערבאַנק, די לאָמע קרעדענץ מיטן ביסל געפעס, די שוואַרצע טעפּ, די שמוציקע שיסלען. ער האָט געפילט אַ ווייטיק אין גאַנצן לייב. מיט אַ ביטערן טעם אין מויל און אַ הוילקייט אונטערן לעפעלע האָט ער זיך געטרייסט: „ברוך־השם, נאָך אַ נאַכט איבערגעקומען". — דערנאָך האָט ער דערזען דעם טיש וועלכער איז אַן אויסגעקרימטער געשטאַנען אויף דער אומגלייכער ליימיקער פּאַדלאָגע, — געזען די אויסגעברענטע ליכט אין די שבת־לייכטערס. אַ ליכט איז אים אויפגעגאַנגען אין קאָפּ, אַזוי העל, אַזוי שטראַליק, אַז עס האָט גורם געווען ער זאָל געבן אַ וואָרף אַרויס די פיס אויף דער פּאַדלאָגע און זיך אויפזעצן. ער האָט מיט גרויס צופרידנקייט אָוועקגעלייגט די הענט אויף די קני און אויסגערופן אין זיך: „ס'איז דאָך שבת היינט!" ווי דאָס וואָרט „שבת" וואָלט געווען אַ כישוף־שפּרוך, האָט זיך יאָסעלעס שטימונג לגמרי געביטן. ער האָט גאָרנישט געדענקט פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט. אַלץ וואָס זי האָט אים

איבערגעלאָזט איז געוועז אָט די נישט־אָנגענעמע אינערלעכע לערקייט וועלכע איז אַצינד פֿאַרפּלייצט געוואָרן פֿון אַ זיסער טרייסטנדיקער רו.

באַלד האָבן זיך די קינדער איבערגעוועקט. מיט אַ הייטערן אויסרוף האָט ער זיי אַראָפּגעטריבן פֿון די קויקעס: „שבת היינט!"

זיי זיינען געווען פּונקט אַזוי צופֿרידן ווי ער. דער טאַטע איז געווען אין דער היים. היינט וועלן זיי זיין פּונקט ווי די אַנדערע קינדער אין גאַס. מיט שטיקלעך חלה אין די הענט, האָבן זיי זיך אַ יאָג געטאָן צו די פֿענצטער אין די צעשליסענע אונטערוועש. דער טאָג דרויסן איז געווען אַ האַרבסטיקער, קאַלטער. דער ווינט האָט געקערט דאָס זאַמד פֿון וועג און געהויבן טרוקענע בלעטער, שמוץ און קנוילן שטויב אין דער לופֿטן. אַ באַדאַכטע, פֿייערלעך־שטילע באַוועגונג האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן דרויסן. באַלד זיינען די לאָדנס פֿון אַלע פֿענצטער אין געסל געשטאַנען אָפֿן. דער שמש איז שוין געהאַט פֿאַרביי, אָבער זיין קול האָט מען געהערט פֿון שכנותדיקן געסל, רופֿן די ייִדן צו דער שבתדיקער עבודת־הבורא.

ס'האָט נישט לאַנג גענומען און דערוואַקסענע און קינדער, אויסגעפּוצט אין די שבתדיקע בגדים, האָבן זיך באַוויזן אין ווינטיקן דרויסן. יאָסעלעס קינדער האָבן זיך פֿאַרהאַוועטע גענומען אָנטאָן אויף דער גיך. יאָסעלע אַליין האָט אַרויפֿגע־צויגן זיין אויסגעבלאַקניעטע שבתדיקע קאַפּאָטע, מיטן אויסגעריבענעם שטריימל אויפֿן קאָפּ און האָט פֿאַרוואָרפֿן דעם טלית איבער די אַקסלען. באַלד זיינען זיי אַלע געווען אין גאַס. יאָסעלע האָט ביי דער האַנט געהאַלטן הערשעלען, וועלכער האָט געטראָגן דעם טאַטנס סידור. הינטער זיי זיינען געגאַנגען יאָסעלעס פֿיר עלטערע מיידלעך צוזאַמען מיט די טעכטערלעך פֿון די שכנות און האָבן געטראָגן פֿאַר די ווייבער די סידורימלעך און די תחינות פֿאַרבונדן אין נאַזטיכער. אויפֿן מאַרקפּלאַץ האָבן ייִדן און ייִדענעס זיך געגריסט מיט אַ פֿאַרטרוילעכן, האַרציקן פֿליסטער. „גוט־שבת, גוט־יאָר..." האָט עס געשורעט אין דער לופֿטן צוזאַמען מיטן שאַרכן און שורגען פֿון די אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער. דאָס זיינען נישט געווען די זעלבע ייִדן, נישט די זעלבע באַגריסונגען ווי במשך פֿון דער וואָך. געווען אַ הויך פֿון נישט־ערדישקייט אַרום זיי, און אויך אַרום דעם שטילן מאַרקפּלאַץ, דעם שווייגנדיקן פּאַטשעיאָוו, אַרום דעם גאַנצן שטעטל. די לופֿט גופֿא האָט אויסגעזען צו זיין אַן אַנדערע, מיט איר באַזונדערן, שבתדיקן אָטעם, וואָס האָט געשמעקט מיט די בשׂמים פֿון אַנדערע וועלטן.

אין שול האָט דער חזן באַוויזן וואָס ער קאָן אויפֿטאָן מיט זיין קאַנאַריק־קול און דער עולם ייִדן האָט זיך מחיה געווען מיט זיין מתיקותדיקן טרילען, וואָס איז געפֿלאָסן אין יעדנס האַרץ אַריין ווי קוואַלוואַסער און געוואַשן די געמיטער. יאָסעלע איז געווען אַזוי פֿאַרדבקעט, אַזוי שיכּור מיט דער פֿרייד פֿון שבת, אַז ער האָט פֿאַרלוירן יעדן חוש פֿון צייט און אָרט.

דערנאָך איז מען אַרויסגעקומען פון דער שול אין אָט דער געביטענער וועלט אַריין, אין אַ באַטשאַני וואָס איז נישט געווען באַטשאַני. נאָר דער אויסער־לעכער אויסזען פון שטעטל, דער סקעלעט פון די גאַסן און געסלעך איז געווען דער זעלבער. אָצינד, ווי מען האָט זיך באַוועגט אין דער ריכטונג פון די שטיבער ווו דאָס שבתדיקע מאָלצייט, וואָס מען האָט זיך די גאַנצע וואָך געגרייט דערצו, ווערט אָט באַלד דערלאַנגט ווערן — האָט מען זיך נישט געאײַלט, אונטערגעטריבן פון די לײַדיקע מעגענער. נאָר מען האָט געטרעטן בנעימותדיק, בכּבודיק, און זיך געגומען צײַט אַרומצוקוקן זיך איבער גאָטס פאַרענדערטער וועלט. יאָ, מען האָט בפירוש געקאָנט פילן דעם אָטעם פון הייליקייט הויערן איבער די ווײַטע פעלדער, די וועלדער, די בערג. יעדער פאַרב, דער שימער פון יעדער זאַך, יעדער אָפּשפּיג־לונג פון דער ממשותדיקער וואָר איז געווען דורכזיכטיק און ווי באַהויכט מיט אַ נשמהדיקער, אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער רוחניותדיקייט. די שטילקייט פון אַרום איז געווען אַזוי קלאָר, אַזוי פולשטענדיק, אַז מען האָט געקאָנט הערן און דאָך נישט פאַרנעמען מיט די אויערן די עכאָס פון די פויערישע קולות וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די כאָטעס, צי אַפילו דעם אָפּהילך פון די אייגענע טריט. אַזוי לײַכט, אַזוי פאַרהאָנגען אין אַ האַרמאָנישער, שלווהדיקער גלײַכגעוויכט פון דער אַלוועלט האָט מען זיך געפילט.

יאָסעלעס צוויי עלטסטע מיידלעך זײַנען מיט זייערע חברטאָרינס אַוועק־געלאָפן צום בעקער אַהיימברענגען דאָס טשאָלנט וואָס טויבע־קריינדעלע, די טיקערין, האָט פאַר זיי געהאַט צוגעגרייט. יאָסעלע האָט אַהיימגעבראַכט אַבעלען־נאַר צום עסן. בעת זיי זײַנען אַלע געזעסן אַרום טיש, און די בלעכענע גאָפּל־לעפל האָבן פריילעך געקלימפּערט, די ליפּן האָבן גיריק געזופּט דעם ברײַקן יאַפּצאַק, האָט אַ מיידל, פּעשעלע שליאַכס טעכטערל, זיך באַוויזן אויף דער שוועל מיט אַ טעלער אַ צוגעדעקטן מיט אַן אויסגעהאַפּטן טישטעכל. „די מאַמע ט׳געשיקט אַ שטיקל לאָקשן־קוגל”, האָט זי שעמעוודיק אַ זאָג געטאָן. מיטן שבתדיקן שלייפ־באַנד לויז אונטערטאָנצנדיק איבער אירע דריוולדיקע האָר, מיט יעדן טראָט וואָס זי האָט געשטעלט, האָט זי זיך פּאַמעלעך דערנענטערט צום טיש און אַוועקגע־שטעלט אויף אים דעם טעלער.

אַ ביסל שפּעטער איז אַן אַנדער מיידל אַרײַנגעקומען, מיט אַן ענלעכן טעלער, מיט אַ פּאָר האָניק־קיכלעך.

נאָכן עסן האָט יאָסעלע אַ ביסל פאַרהערט הערשעלען מעביר זײַן די סדרה. ער האָט הערשעלען געשטעלט קשיות, כּלומרשט אים אויסצופּרווון. אין דער אמתן האָט ער בײַ הערשעלען געלערנט, בעסער געלערנט ווי בײַ זײַן אייגענעם רבין אַ מאָל. אַזוי איז דאָס געווען און אַזוי האָט דאָס געדאַרפט צו זײַן. און ער האָט אויך נישט איבערגעכאַפּט די מאָס מיטן פאַרהער. ער האָט געוואָרט, אַז די שבתדיקע שלעפעריקייט זאָל קומען אויף אים ווי אַ צײַכן פון גאָטס חסד.

אַ גאַנצע וואָך האָט ער געוואַרט אויף אָט דער רגע. ניין, ער, יאָסעלע, איז נישט נוטה געווען אַריינצוקלערן און אַריינצודרשענען אין ענינים פון אמונה. ווערדליק אים איז דאָס אַריינטייטשן און אַריינדרשענען געווען אַ סימן פון אַ ייִדנס שוואַכקייט, פון זיינע ספקות, גיכער ווי פון זיין כוח. יאָסעלע האָט דאָס נישט געברויכט. ער האָט זיך געהאַלטן אַרומגעגאַרטלט מיט גאָטס געבאָטן ווי מיט שטריק, און אַל דאָס איבעריקע איז שוין צוגעגאַנגען אויטאָמאַטיש. למשל אַציג־דער. שבת איז געווען אַ מיצווה אויסצולייזיקן דעם קאָפּ פון אַלע ערדישע רעיונות — האָט ער אים אויסגעליידיקט. שבת האָט מען נישט געטאָרט אַריינקלערן אין דברי־חול — האָט ער נישט אַריינגעקלערט. נישט געווען ביי אים קיין ענין פון איבערקליגן דעם רבונו־של־עולם. אמת, ער איז די פאַרגאַנגענע נאַכט שלעכט געשלאָפן. רעשטלעך וואַכעדיקייט האָבן מסתמא זיך נאָך געהאַט אויסבאַהאַלטן אין די ווינקעלעך פון זיין מוח. אָבער עס איז נישט געווען דער מינדסטער ספק ביי אים, אַז דעם היינטיקן נאָכמיטאָג וועט ער שלאָפן בעסער ווי די גאַנצע איבעריקע וואָך, ווייל דער שבת האָט איבערגענומען זיין גאַנץ חיות אין רשות.

כדי די קינדער זאָלן אים נישט שטערן אין דרעמל, האָט זיי יאָסעלע משלח געווען פון דער שטוב אַרויס, פאַרריגלט די טיר און זיי האָבן זיך נישט געטאָרט באַווייזן איבער דער שוועל פריער ווי צו הבדלה.

מיט אַ מחיהדיקן קרעכץ האָט ער צעקנעפּלט די בגדים און זיך אַזאַ וואָרף געטאָן אויף דעם צעטאָרגעטן, צעפליקטן בעטגעוואַנט, אַז די רויטע פערענע האָט אויפגעפּלאַצט אין נאָך אַ פּאָר ערטער, און פעדערן האָבן גענומען פליִען פון די לעכער. דערנאָך איז אים קלאָר געוואָרן, אַז אַ קלעצל וואָס האָט אונטערגעשפּאַרט די קויקע, האָט זיך אַרויסגערוקט פון געשטעל. ער האָט נישט פאַרריכט די קויקעס זינט דעם טאָג ווען ער האָט זיי געהאַט צוזאַמענגעקלאַפּט. איצט האָט ער געמוזט זיך מטריח זיין, זיך אויפשטעלן און דעם קלאָץ צוריק אַריינרוקן אויפן פּלאַץ. ער האָט זיך טאַקע אויפגעשטעלט, אָבער ער איז געווען צו שלעפעריק. האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך אויסגעצויגן אויפן הויפן שמאַטעס וואָס איז לכבוד שבת צונויפגעשאַרט געוואָרן אונטער דער וואַנט, בעת מען האָט אויף דעם רעשט פון דער ליימענער פּאָדלאָגע אויסגעשיט געלבן זאַמד.

אויף אַן אויגנבליק האָט יאָסעלע געהאַט אַ נישט־אָנגענעמע מחשבה: „איך, וואָס איך בוי פּאָר אַנדערע אַזוי, אַז עס זאָל זיין לעולמם־ועד — האָב פּאָר זיך אַליין צונויפגעקנאַלט אָט די שפּימבע־דעגימבע קנאַלבודע, מיטן שפּימבע־דעגימבע־מעבל, וואָס פאַרדינט זיך גאָר דעם נאָמען מעבל נישט צו טראָגן, ווייל עס וואַקלט זיך און וויגט זיך ווי עס וואָלט געמאַכט געווען פון שטרוי, נישט פון האָלץ. און איך, וואָס איך האַנדל מיט קאַלך און קרייד, האָב מיר קיין מאָל נישט די צייט גענומען כאָטשבי אויסצווייסן די ווענט, וואָס זענען באַוואַקסן מיט שוואָמען און מיט שימל, עלעהיי זיי וואָלטן אַרויסגעוואַקסן גלייך פון אַ זומפּ. קיין

מאָל קומט מיר נישט אין זינען אַריינצורופן דעם גלעזער און אים לכל־הפחות פרעגן אַ פּרייז פאַרן פאַרריכטן די שויבן, נאָר איך לאָז די צעבראָכענע שויבן יאָר נאָך יאָר קלינגען אויפן ווינט און די פעלנדיקע שטיקער בלייבן פאַרטרעטן מיט שמאַטעקנוילן און מיט אַלטע קישנס. און אַז איך געפין שוין יאָ אַ מאָל אַ נאָגל און באַשליס אים אַריינצוקלאַפּן דאָרט וווּ עס נייטיקט זיך צום מערסטן, גלייך איך אים אויס, און לסוף באַהאַלט איך אים צו נוצן ביים צונויפקלאַפּן די סוכּה..."

— אַט אַזאַ מאָדנע געפיל האָט ער, יאָסעלע, געהאַט זינט די טעג די גרויליקע, ווען ער איז געוועזן אַ בר־מיצווה־בחורל און דאָס גרויסע אומגליק איז געשען, אַז אַלץ וואָס ער בויט פאַר זיך וועט נישט האָבן קיין האַפט, איז אויף דערווייל...

פּלוצעם האָט ער זיך דערמאָנט און אויסגערופן צו זיך: „ס'איז שבת! שבת איז היינט!" און ער האָט איבערגעהאַקט די ביטערע מחשבות. ער האָט זיי פאַר־ריגלט אין קאָפּ אויף זיבן שלעסער, האָט אויפגעריגלט דאָס קדשי־קדשים־ווינקעלע פון זיין הארץ — פון וועלכן זיין מאַרימל האָט אַרויסגעשוועבט צו אים אין אַ ווייס־שבתדיק חתונה־קלייד, אין וועלכן מען האָט זי אויסגעצירט אין גן־עדן, ווייל איר ערדיש שבת־קלייד איז געווען שוואַרץ. אין דעם ווייסן קלייד האָט זי אויסגעזען ווי בעת זייער חתונה. זי איז געווען די שכינה, די מלכה־שבת. דער באַריר פון אירע הענט איז געווען היילנדיק און הייליק. און היילנדיק און הייליק איז געווען די רו און מנוחה וואָס זיינען דורך אירע פינגער אַריינגערונען אין אים און זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער אַלע גלידער.

ער האָט אַריינגעכאַפּט אַ מחיהדיק־טיפן, פעסטן שלאָף. אַפילו דאָס גראָגערן אויפן דאַך פון דעם בושלענפּאַרל, פון „מענדלען־און־גנענדלען", ווי זיינע קינדער האָבן די בושלען גערופן, האָט אים אויך נישט אויפגעוועקט. פאַרקערט, יאָסעלעס דונערדיקער שנאָרך, וועלכער האָט צו די בושלען דערגרייכט דורך דער עפענונג אין קוימען, האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אין ריטעם פון זייערע אייגענע קולות, און פון דעם איז אַרויסגעקומען אַ מין לויזער, מנוחהדיקער זמר. דער זמר האָט זיך פאַרקנופּט מיט דעם שנאָרך־און קוואַקע־זמר פון די שכנותדיקע הייזער — און זיך געהויבן צום הימל לייכט, שלווהדיק — לאָזנדיק וויסן דעם רבונו־של־עולם, אַז דאָס שטעטעלע באַטשאַני שלאָפט אַצינד דעם שבת־נאָך־טשאָלנט־שלאָף, אַזוי ווי ער, דער באַשעפער פון דער וועלט, האָט געבאָטן.

צווישן די שלאָפנדיקע כאַלופּעס האָבן אַרומגעהאַוועט די ווייסע־חברה־ניקעס און זיך ערשט רעכט געלאָזט ווילגיין. די פּאָר שעה וואָס מען האָט נישט געהאַט אויף זיך די אויגן פון די דערוואַקסענע זיינען אויסגענוצט געוואָרן אויף אַלע שפּיצלעך און שטיפעררייען וואָס זיינען אין אַ וואָכנטאָג נישט געווען מעגלעך אויסצופירן. אָבער אַפילו, אַז מען האָט געשפּילט „פּאַלענט", צי זיך געשלאָגן — יִדן קעגן כּנענים — האָט מען דאָס געטאָן מיט אַ פאַרשטיקט פּישטשעריי, מיט פאַרפּרעסטע מיילער, נישט אַרויסצולאָזן אַ צו הויך געשריי, צי געלעכטער —

כּדי נישט אויפצוּוועקן די שלאָפנדיקע כאַלופּעס, און זיך אַליין חלילה נישט פאַרשטערן דעם פאַרגעניגן.

יאַסעלעס קינדער האָבן זיך פאַרהאַלטן נאָך שטילער און פאַרזיכטיקער ווי די אַנדערע. ערשטנס זיינען זיי, נישט צו רעכענען הערשעלען, געווען מיידלעך. צווייטנס, האָבן זיי זיך עפּעס נישט באַטראַכט פאַר קיין קינדער זינט דעם טאָג וואָס דער שׂכל האָט זיך אַ וועק געטאָן ביי זיי. קינדערשע שפּילערייען האָבן זיי נישט געלאָקט. די מיידעלעך זיינען געזעסן אויף דער שוועל פון דער כאַלופּע, איינגעוויקלט אין שמאַטעס און טיכער, די קלענערע אויף די שויסן פון די גרע־סערע, און האָבן זיך איבערדערציילט די מעשׂיות וואָס זיי האָבן אויפגעכאַפּט ביי די ווייבער אין געסל. די איינציקע שפּיל וואָס זיי האָבן זיך דערלויבט אַ שפּיל צו טאָן איז געווען „סטרולקעס".

און הערשעלע, זייער ברודער, איז אויך נישט אַוועק ווייט פון דער כאַלופּע. ער איז געזעסן קעגן איבער, אויף אַ שטיין, איינגעקאַרטשעט. אַ ספר אָן אָפּנס האָט זיך לייכט געטרייסלט אויף זיינע צעציטערטע קני̇ען וואָס ער האָט כּסדר אָנגעקלאַפּט איינע קעגן דער אַנדערער, כּדי זיך צו דערוואַרעמ̇ען. ער האָט געלערנט אַ ביסל, און אַ ביסל אַרויפגעקוקט צו די בושלען, מענדלען און גנענדלען, די אַנזאַגערס פון גוטע בשׂורות, וואָס האָבן עפּעס הײַיאָר פאַרשפּעטיקט מיטן אַוועקפלי̇ען קיין דרום. דאָס האַרץ האָט אים געפּיקט אַרויפצוקלעטערן אויפן דאַך. ער איז ביי־געריק געווען וועגן די קליינע אין דער נעסט. אָבער דער טאַטע האָט געהאַט שטרענג אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל נישט וואַגן. און הערשעלע האָט, פּונקט ווי זיינע שוועסטער־לעך, מורא געהאַט פאַרן טאַטן מער ווי פאַר גאָט אַליין. די קינדער האָבן נישט געצווייפלט, אַז הגם דער טאַטע שלאָפט אַצינד זיין שבתדיקן שלאָף, זעט ער און ווייס געגוי וואָס זיי, זיינע קינדער, טוען דאָ דרויסן, אין אָט דער רגע. דער בלויזער געדאַנק דערוועגן האָט גורם געווען, אַז הערשעלע זאָל אַ שולדיקער אַפּרייסן די אויגן פון די באַטשאַנעס און צוריק איינגראָבן די נאָז אין די קליינע אותיעלעך פון ספר. און ער האָט נישט סתּם געהאַלטן די בליקן אויפן כּתב, נאָר האָט טאַקע געלערנט, מיט התמדה. ער האָט ליב געהאַט דאָס לערנען. דאָס ספר איז געווען דאָס בעסטע אָרט זיך צו באַהאַלטן פון דער וועלט; אַ באַהעלטעניש פאַר וועלכן מען האָט נישט פאַרדינט קיין שטראָף. און הגם די חברימלעך פון דער גאַס האָבן אים גערופן מיטצוהאַוּוען מיט זיי, און האָבן אָפּגעחוזקט פון אים פאַרן אָפּזאָגן — האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט, נאָר נאָך פלייסיקער זיך געוויגט איבערן ספר, געטרייסלט מיט די קני̇ען, און געצופּט די פלאַקסענע האָר פון די פּאהלעך.

און טאַקע, ווי האָבן יאַסעלעס קינדער זיך געקאָנט אַוועקרירן פון הויז, אַז דרינען האָט גערוט דער, וואָס האָט געהאַלטן אַלע פעדעם — מיט וועלכע זיי זיינען געווען צוגעבונדן צום לעבן?

קאַפּיטל דריי

1

דעם גאַנצן ווינטער נאָך זיין פאָטערס טויט, האָט יעקב, הינדעלע דער אַלמנהס ייִנגסטער זון, נישט פאַרמאָגט קיין שום געפיל פון לעבן אין זיך. אַ ווייסער פרעמדער שונא, האַרט, נישט צום צעברעכן, האָט אין באַקאָויון פון אייזיקן פראָסט אויסגעשמידט ווייסע שטאָלענע תכריכים און מיט זיי איינגעפאַנצערט די גאַנצע וועלט. ער, יעקב, האָט זיך געפונען ערגעץ ווו אונטער זיי, איינגעזונקען אין אַ פינצטערן תהום — אַ מין באַהעלטעניש פון דעם קאַלטן ווייטיק וואָס האָט איינגעקאָוועט דאָס לעבן דאָרט אויבן, אויף דער ערד. טעג און נעכט זיינען געווען איין קאָשמאַר. נאָר ביי נאַכט האָבן דער חושך און דער שלאָף נאָך דיקער געמאַכט דעם פאַנצער אַרום אים און נאָך מער פאַרטעמפּט די חושים. דאָס איז ער, יעקב, געווען אויסגעלאָשן, געווען פאַרביי.

דערנאָך זיינען די טעג פון צער שיטערער געוואָרן. דער תהום פון חושך איז פּאַמעלעכל, פּאַמעלעכל פאַרפּלייצט געוואָרן מיט אַ ליכט, וואָס האָט אונטערגע־הויבן די נשמה צו דער אייבערפלאַך, צו כאַפּן אַן אָטעם פון דער לופט פון לעבן. דער טרויער אין בוידעמשטיבל איז געוואָרן דערטרעגלעך.

נישט לאַנג דערנאָך האָט דער מלמד אין חדר אָנגעזאָגט הינדלען די גוטע בשורה, אַז יעקב, איר ייִנגסטער זון, איז שוין מיט מזל גרייט פאַר דער גמרא און יעקב איז אַריבער לערנען צו ר׳ שאַפּסעלען, דעם גמרא־מלמד.

אין אָט די טעג האָט יעקב צום ערשטן מאָל אויפגעהערט צו פאַרשטיין די מאַמען. די מאַמע האָט געפלעגט זאָגן, אַז תורה לערנען איז זיס — און יעקבן איז זי ביי ר׳ שאַפּסעלען געווען ביטער ווי סם. מיט טרערן האָט ער געשלונגען די רייד פון אַביי, און מיט אימה האָט ער געפּליסטערט די רייד פון רבא.

דער מלמד ר׳ שאַפּסעלע איז געווען אַ געהויקערט, פאַרקאַטערט ייִדל מיט אַ תמיד־רינענדיקער נאָז און אַ פּאָר קליינע וואַסערדיקע אייגלעך. ער איז געזעסן מיט די חדר־ייִנגלעך ביי אַ לאַנגן צעפּוילטן טיש, אַ רויטע פּאַטשיילע אין איין האַנט און דער קאַנטשיק אין דער אַנדערער. דער גרעסטער לויב פאַר אַ תלמיד איז געווען דער בלויזער פאַקט וואָס דער רבי האָט נישט אָפּגעחוזקט פון אים,

אָדער אים נישט פאַרשעמט פאַר די אַנדערע יינגלעך, אָדער האָט אים נישט געהייסן „זיך אַריבערלייגן״.

דער חדר גופא האָט זיך געפונען אין אַ צעפוילטער, טוכלער כאַלופּע ווו דעם רבינס ווייב און זיינע טעכטער האָבן אויסגעריסטע זיך אַרומגעפּאַרעט ביי די שוואַרצע זעק קוילן מיט וועלכע זיי האָבן געהאַנדלט. אַלץ אַרום איז געווען פאַרקוילט און פאַרריסט: די ספרים פון די יינגלעך, זייערע בגדים, זייערע הענט און פּנימער. אַלץ האָט געטראָגן שפּורן פון קוילנשטויב. דאָ, אין דעם טונקעלן, טוכלען חדר, די ווענט אויסגעצירט מיט שוואַרצע פלעקן וואָס האָבן שוואַרץ צעשפּילט דעם דמיון, איז מען אָפּגעזעסן דעם גאַנצן טאָג. דעם רבינס ווייב און די טעכטער האָבן צוזאַמען מיטן רבין קאָמאַנדעוועט מיט די יינגלעך, געשיקט זיי אַ גאַנג, געלאָזט זיך אַרויסהעלפן פון זיי אין דער שטובאַרבעט, זיך געבייזערט אויף זיי און געהייסן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסטער פון רבינס אייגענעם ביז גאָר געראָטענעם זונדל, וועלכער איז שוין געווען אַ בית־מדרש־לערנער. זיי האָבן אויך נאָכגעקוקט צי די חדר־יינגלעך שפּילן נישט קיין קאָרטן אונטערן טיש.

ר׳ שאָפּסעלע האָט געהאַט אַ גוואַלדיק גוטן נאָמען אין שטעטל. סיי די לומדים, סיי די עלטערן, סיי זיינע געוועזענע תלמידים האָבן געהאַט גרויס אָפּשיי פאַר אים. ער איז געווען אַן אמתער קענער און ער איז געווען גרויס אין איבער־געבן דאָס וואָס ער האָט געקענט. ער האָט געקאָנט, ר׳ שאָפּסעלע, לעבעדיק מאַכן יעדער וואָרט, יעדן פּירוש. יעדער מדרש, יעדע אגדה איז אַרויסגעקומען פון זיין מויל פאַרמאַגנדיק טויזנטער טעמען און טויזנטער באַטייטן. ניין, ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן ביים קנעלן. געגומען די שליחות פון אַ רבין גאָר ערנצט. ער האָט זיך נישט דערלויבט צו כאַפּן דעם אָטעם, צי לאָזן די תלמידים זיינע אָפּכאַפּן דעם אָטעם. פאַר די געוויינטלעכע שמד־שטיק פון חדר־יינגלעך האָט מען ביי אים טייער באַצאָלט. דער פאַקט וואָס ער איז געווען אַן אומגעדולדיקער מענטש און אַ חדר־יינגל האָט געמוזט קענען זאָגן דאָס געלערנטע „ווי אַ וואַסער״, אויב נישט איז דער קאַנטשיק געגומען געוואָרן אין דער אַרבעט אַריין — האָט בייגעטראָגן צו ר׳ שאָפּסעלעס גוטן נאָמען אין שטעטל, הגם געוויינטלעך איז אַ גמרא־מלמד שוין זעלטענער אָנגעקומען צום קאַנטשיק. אָבער ר׳ שאָפּסעלע איז נישט געווען קיין געוויינטלעכער מלמד. אַפילו ר׳ לייבעלע יאַפּצאַק־פּרעסער, דער שמש פון דער שול, וועלכער האָט וועגן קיינעם נישט געהאַט קיין גוטע מיינונג און האָט זיך פאַרקרימט ווי נאָר ער האָט געהערט אַ גוט וואָרט וועגן עמעצן, האָט געמוזט צוגעבן, אַז ר׳ שאָפּסעלע איז דער גרעסטער אוצר — אחוץ אים אַליין, פאַרשטייט זיך — וואָס באָטשאַני האָט פאַרמאָגט.

די חדר־יינגלעך האָבן גאַנץ געשמאַק געקנעלט, נישט געקוקט אויף אַלץ. טייל שעהען זיינען געווען אַזוי אָטעם־פאַרכאַפּנדיק, אַז מען האָט נישט געוווּסט ווו זיי זיינען אַהינגעקומען. אָבער די טעג אין חדר זיינען געווען לאַנג, און עס

איז נישט געווען דער טאָג, אַז דער רבי זאָל נישט ווערן פון די יינגלעך „אַריבער־לייגן", הגם דער רבי האָט נישט צוגעטאָן קיין האַנט צום „אַריבערלייגן" גופא. דאָס איז געווען די שעה ווען יעקב האָט דערקענט די טבע פון יעדן פון זיינע חברימלעך און האָט זיך משער געווען ווי זיי וועלן זיך אויפפירן ווען זיי וועלן זיין דערוואַקסן.

טייל יינגלעך האָבן אָנגעהויבן וויינען און פלאַטערן, אַנדערע האָבן געוויינט און געפלאַטערט און געקושט דעם רבין די האַנט, ער זאָל זיי מוחל זיין דאָס „אַריבערלייגן זיך". אַנדערע האָבן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן זיין גוט און ווויל, מלאכים ממש. אַנדערע האָבן פאַרביסן די ליפּן און געקוקט אויפן רבין מיט כּעסיקע בליקן. נאָך אַנדערע האָבן אַפילו געוויזן דעם רבין די צונג און זיך גאַרנישט געמאַכט פון דער טאָפּלטער פּאַרציע קלעפּ וואָס האָט זיי דערוואַרט. אַנדערע גאָר האָבן אָנגענומען דעם רבינס פּסק־דין, ווי עפּעס וואָס איז זיי געקומען. זיי האָבן נישט געוויינט און זיך נישט געבריקעט, נאָר געלאָזט די אָקסלען הענגען אַ רגע און דערנאָך, גלייכגילטיק צו זיך, האָט מען זיך אויפגע־קנעפּלט די הייזלעך, און מען האָט זיך אַריבערגעלייגט איבערן בענקל, ווי דער רבי האָט געהייסן, צי אויפן טיש, און מען האָט אַליין פאַרשאַרצט דאָס העמדל.

דער רבי האָט גענומען דעם קאַנטשיק, האָט אויסגעשנייצט די נאָז און גענומען זיך צייט בנעימותדיק זי אָפּצווישן מיט דער רויטער פאַטשיילע. זיין ווייב און טעכטער, כּדי נישט צו פאַרשעמען די בחורימלעך, האָבן זיך גענומען פאַרען אין דער קאַמער וואָס האָט געגרענעצט מיטן חדר; אָבער זיי האָבן געלאָזט די טיר אָפן, און די יינגלעך האָבן קיין ספק נישט געהאַט, אַז זיי האָבן אַריינגעקוקט אַהער, אומגעדולדיק צוריקצוגיין צו זייער פּריעדיקער אַרבעט אַרום די קוילן. דאָס איז געווען דאָס ערגסטע: דאָס אַראָפּלאָזן אַליין די תחתו־נימלעך און דאָס צוקוקן פון די ווייבער. דאָס האָט אפשר מער וויי געטאָן ווי די קלעפּ גופא. מען האָט דעמאָלט זיך ערשט רעכט געפילט ווי אַ שרץ וואָס יעדער דערוואַקסענער קאָן צעטרעטן. און פון דער חרפּה, דער בושה וואָס מען האָט בעת אַזאַ רגע איבערגעלעבט, האָט דאָס האַרץ אויפגעריסן מיט אַ געשריי צום האַר פון דער וועלט, ער זאָל קומען זען און צוקוקן ווי חדר־יינגלעך לערנען זיין תורה, אַט פּונקט ווי יידן דאַרפן זי לערנען — מיט יסורים.

די ערשטע צייטן האָט ר' שאַפּסעלע יעקבן געשוינט. ער האָט אים פון צייט צו צייט דערלאַנגט אַ קלאַפּל מיטן הענטל פון קאַנטשיק איבער די פינגער, אָבער צום „אַריבערלייגן זיך" האָט ער אים נישט גערופן. פּאַרט אַ פרישער יתום. אָבער לאַנג האָט דאָס נישט געדויערט, ווייל יעקב איז ביי ר' שאַפּסעלען נישט געווען קיין יחסן. ס'האָבן צווישן זיינע תלמידים נישט געפעלט קיין יתומים. און אַזוי איז געקומען אויך יעקבס ריי און ער איז געקומען פּנים־אל־פּנים אויך מיט זיין אייגענער טבע.

יעקב האָט זיך געגרייט צו אָט דער רגע זינט דעם טאָג ווען ער איז אַרײַנגעקומען לערנען ביי ר׳ שאַפּסעלען. ער האָט געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט זיך אויפפירן אָדער אַזוי ווי אַריהלע, פישעלע דעם קצבס זונדל, אָדער ווי הערשעלע, יאָסעלע אַבעדאַלעס זונדל, וועלכער האָט געהערט צו די עלטערע תלמידים.

אַריהלע איז געווען דער בעסטער תּלמיד אין חדר, אָבער אַ בחורל, אַ „יאַטיבי־דאַם״, וועלכער האָט פון קיינעם זיך נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע, געפירט מיט חברימלעך געשלעגן „פאַרן יושר״ און אַפילו נישט מורא געהאַט זיך אָפּצורעכענען מיט די שקצימלעך. אַריהלע איז געווען אויך אַזוי ווייט יושרדיק, אַז ער האָט זיך מיט אַלעמען געחברט, נישט געמאַכט קיין אויסנאַם און אַפילו די בחורימלעך וואָס קיינער האָט פון זיי נישט געהאַלטן, ווי יעקב למשל, זיינען געווען זיינע חברים. יעקבן האָט חברה באַטראַכט ווי אַ לעמעשקע וואָס האַלט זיך ביי דער מאַמעס פאַרטעך און זיי האָבן אים טאַקע גערופן „ווייבע מירל״, ווייל ער פלעגט אַנטלויפן ווען חברה האָט זיך אַריינגעלאָזט אין געשלעגן. טראָץ דעם, צי אפשר צוליב דעם אַלעם, האָט אַריהלע גענומען יעקבן אונטער זיינע פליגל און ער איז געוואָרן יעקבס באַליבטסטער חבר. אָט דער חבר, אַריהלע, האָט געקאָנט זיך ראַנגלען מיטן רבין ווי אַן אמתער לייב, קאָפּען אים, שפּייען, רופן אים אַלע מינים שמוציקע קצבישע נעמען, ביז דער פאַרצווייפלטער רבי האָט אויסגעשנייצט די נאָז און האָט אַריינגערופן זיין איינציקן זון, וואָס האָט פלייסיק געלערנט אין שכנותדיקן חדר. צוזאַמען האָבן זיי געצוווּנגען אַריהלען זיך „אַריבערצולייגן״, און דער העלד פון חדר, אַריהלע, האָט באַקומען די אמתע שמיץ פון ר׳ שאַפּסעלעס קאַנטשיק.

הערשעלע ווידער, יאָסעלע אַבעדאַלעס זונדל, איז געווען אַ דירעקטער היפּוך פון אַריהלען. הערשעלע האָט נישט געבעטן ביים רבין, נישט געקושט זיין האַנט, גאַרנישט צוגעזאָגט, — נאָר אויפן אָרט אַראָפּגעצויגן די הייזלעך ווי אַ געניטער זעלנער, זיך אַריבערגעלייגט איבערן בענקל, פאַרשאַרצט דאָס שמוציקע העמדל און אויפגעדעקט די צייכנס פון קאַנטשיק וואָס זיינען דאָרט פאַרבליבן נאָך זיין טאַטנס שמיץ, פון נעכטן, צי אייערנעכטן. דערנאָך, אַז דער רבי האָט געשמיסן מיטן קאַנטשיק איבערן הינטער־חלק, האָט הערשעלע, פּונקט קאַפּויער ווי די אַנדערע חדר־ייִנגלעך, נישט אַרויסגעלאָזט קיין פּיפּס. ער האָט געהאַלטן די הענט פאַרפּרעסט אין פויסטן, און ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון בענקל, האָבן זיין אונטערשטע ליפּ און זיין גאָמבע געטראָגן טיפע שפּורן פון זיינע ציין, וועלכע ער האָט געהאַלטן איינגעביסן כּדי צו פאַרשטיקן די קלאַנגען וואָס האָבן זיך געריסן פון זיין מויל. און הגם זיינע אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן, האָט קיין איין טראָפּן זיך נישט אַראָפּגעגליטשט אויף זיינע באַקן.

אַז דער רבי האָט צום צווייטן מאָל אַ זאָג געטאָן צו יעקבן „לייג דיך אַרי־

בער!" האָט יעקב געוואָרפֿן אַ גיכן בליק צו דער טיר און אײדער וואָס ווען, איז ער שוין געווען אין דרויסן. ער האָט זיך נאָכגעלאָזט אין אַ ווילדן גאַלאָפּ, צו דער מאַמען אויפֿן פּאָטשעיאָוו. אָבער אײדער ער איז צוגעקומען אַהין, האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן און אַ פֿאַרקירעווע געטאָן אין דער ריכטונג פֿון ברייטן טאַפּאַליע־וועג. „ניין", האָט ער באַשלאָסן. „איכל צו דער מאַמען נישט לויפֿן. כ'בין נישט מער קיין ייִנגעלע. כ'בין אַ גמרא־בחור און איך מוז קענען אַליין אויסטראָגן די חרפּה. צווייטנס, איז די מאַמע אַ גרויסע ווייַנערקע לעצטנס. איך 'על נישט מאַכן איר נאָך מער וויינען. דריטנס, דער מאַמען קאָן קומען אין קאָפּ אַריין דער קלוגער איינפֿאַל מיטצוקומען מיט מיר אין חדר אַריין מאָרגן און בעטן ביים רבין ער זאָל האָבן איינזעעניש מיט מיר". אויפֿן בלויזן געדאַנק דערוועגן איז יעקבס פּנים רויט געוואָרן. חוץ מזה, האָט ער מער נישט געפֿילט פֿאַר דער מאַמען אָט דאָס וואָס ער האָט אַ מאָל געפֿלעגט פֿילן. ווי האָט זי אים געקאָנט לאָזן אויפֿוואַקסן מיט דער איינרעדעניש, אַז ער איז אַזוי גערעאָטן, אַז ער האָט צו זיך קיין גלייכן נישט? ווי האָט זי אים געקאָנט אַרויסבאַגלייטן פֿון שטוב מיט אַזאַ שטאָלצן בליק, מיט אָט דעם שמייכל דורך די טרערן, בעת יענעם ערשטן טאָג ווען ער איז אַוועק לערנען אין רבי ר' שאַפּסעלעס חדר? האָט זי נישט געוווּסט וואָס עס האָט אים דערוואַרט? און ווי האָט דאָס געקאָנט געשען, אַז זיינע צוויי ברידער, איטשעלע און שלום, האָבן נישט געמאַכט קיין ענין וועגן דעם רבינס שמייסן אין חדר? ווי האָבן זיי געקאָנט פֿאַרטראָגן דעם בזיון? פֿאַר וואָס האָבן זיי אים, יעקבן, נישט געוואָרנט ביי ציינטס וועגן אָט די וויכטיקע און צעטרייסלענדיקע איבערלעבענישן וואָס ער וועט האָבן אַדורכצוגיין אין גמרא־רביס חדר?

ער איז געלאָפֿן לענג־אויס דעם ברייטן טאַפּאַליע־וועג. שליטנס און וועגע־נער זיינען אים פֿאַרבייגעפֿאָרן. ער האָט באַמערקט קליינע גרופּעס ייִנגלעך, עלטערע פֿון אים, מיט זייערע מאַמעס וואָס האָבן געטראָגן זייערע קלומיקלעך אין די הענט. די לעצטע גרופּעס בחורימלעך, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען קיין כוואַסטי אין דער ישיבה. די מאַמעס האָבן אָפּגעשטעלט די וועגענער, אַוועקגעזעצט די זונדלעך אויף זיי און מיט ברכות, מוסר־רייד און טרערן זיך אָפּגעזעגנט מיט דער חברה. קינאה האָט אַ שטיק געטאָן יעקבן אין האַלדז. ווי האָט ער שוין געהאַלטן אַזוי וויַט! זיך אַרויסצולאָזן אין דער וועלט, צו דער פֿריי! ער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ פֿון זיי בעת ער איז זיי פֿאַרבייגעלאָפֿן. ס'איז אים געווען הייס. די בגדים האָבן אים געקלעפּט צום לייב.

לסוף איז ער מיד געוואָרן פֿון גאַלאָפּירן. ער האָט אָנגעהויבן פֿילן די ווינ־טערדיקע קעלט. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט געבושעוועט אַ גרויסער שניי־שטורעם. די פֿעלדער זיינען געווען באַדעקט מיט שניי־פּערענעס און דער וועג גופֿא איז געווען פֿול מיט אייזגליטשן און שניי. און דאָ האָט ער געמאַכט פּליטה פֿון חדר און אַפֿילו נישט אַ כאַפּ געטאָן דאָס בורקעלע וואָס ער האָט געירשנט

פון זיין עלטערן ברודער, שלומען. ער האָט אַפילו פאַרגעסן אַ כאַפּ צו טאָן דעם וואָלענעם שאַל וואָס די מאַמע האָט ספּעציעל פאַר אים געהאָט אויסגעשטריקט. אַ שיינע זאַך וואָלט דאָס געווען, אַז ער זאָל קראַנק ווערן פּונקט ווי דער ברודער, איטשעלע. עס איז אים איינגעפאַלן, אַז די מאַמע וואָלט דאָס גאַרנישט איבער־געטראָגן, ווען ער זאָל קראַנק ווערן... צי האָבן אַנטלאָפן פון דער היים. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, פאַרהאַלטן און זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק. איצט האָט ער אין איין אָטעם זיך געטראָגן אין דער ריכטונג פון חדר. אין קאָפּ האָט אים געבאָמבלט דער רעיון: „יעקב לויפט צו דער עקדה...“ אַריבערגעטרעטן די שוועל פון חדר, איז ער גלייך צו צו ר׳ שאָפּסעלען. ער האָט אויפגעכאַפּט די חוזקדיקע בליקן פון די חברימלעך און האָט דערהערט עמעצן אַ סיקע טאָן: „פחדן... ווייכע מירל!“

דער רבי האָט אָנגעוויזן יעקבן זיין אָרט ווי קיין מאָל גאָרנישט און איז אָנגעגאַנגען מיטן קנעלן. יעקב האָט זיך אַריינגעקוועטשט צווישן צוויי ייִנגלעך אויף דער לאַנגער באַנק, און געבליבן זיצן ווי אויף הייסע קוילן. מיט אַ פאַר־שטייפּט האַרץ האָט ער אויפגעכאַפּט די נישט־פריינדלעכע בליקן פון די ייִנגלעך. נישט געקומען קיין דערמוטיקונג פון ערגעץ, סיידן אפשר פון אַריהלען, וועמעס אויגן האָבן אויסגעזען צו זאָגן: „האָסט נאָך אַ מעגלעכקייט צו בלייבן מיין חברל, אויב...“

לסוף האָט דער מלמד זיך אַ קער געטאָן צו יעקבן און אים געהייסן זיך אַריבערלייגן. די חרפה איז געווען טאָפּלט גרויס, ווייל די ייִנגלעך האָבן אויסגע־זען אָנצוקוועלן. און ער, יעקב, האָט יאָ געוויינט. און געשריגן האָט ער: „מאַמע!“ וואָס האָט די חברה נאָך מער אויפגעהייטערט.

אויפן וועג אַהיים פון חדר, אין דער גליטשיקייט און בלאָטע, מיט אַ צעקייל־טן הינטן און אַ צעוונדיקט האַרץ, האָט יעקב געדרעפּטשעט אין דער טונקל, די אויגן בלינד פון טרערן. דער אָנגעצונדענער לאָמטערן אין זיין האַנט האָט אים וויניק וואָס געדינט און ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דעם פּלאָנטער פון געסלעך און בלאָטיקע שטעגן. „איך האָב פאַרלוירן דעם וועג אַהיים און אָסור צי עס אַרט מיך“, האָט ער געשטאַמלט צו זיך, געהעשעט און געווישט מיט דער האַנט די טרערן וואָס האָבן געוואַשן זיינע באַקן. „איך וויל שטאַרבן. כ׳על מיך לייגן אין בעט אַריין און מער נישט אויפשטיין... ווי קאָן איך לעבן מיט דער חרפה... אייניטשקער אַליין אויף דער וועלט?“ אוודאי איז ער געווען אַליין. די מאַמע האָט זיך נישט גערעכנט. זי האָט אים פאַרראַטן. זי איז געווען אַ נאַרישע אַלטע ייִדענע וואָס האָט געהאַט משוגענע איינרעדעניש, למשל, אַז עס זיינען נישט פאַראַן געווען קיין רשע־מרושעס, אַז עס זיינען בלויז פאַראַן געווען אומגליק־לעכע מענטשן. ווי האָט זי געוואַגט זאָגן אָט אַזאַ זאַך, בעת זי האָט געקענט דעם

רבין ר׳ שאַפּסעלען? ער, יעקב, וועט איר מער קיין וואָרט נישט גלייבן. — סיידן... סיידן זי האָט געהאַט אין זינען... סיידן ר׳ שאַפּסעלע איז נישט געווען קיין אמתער מענטש, נאָר דער אַשמדאי אַליין, פאַרשטעלט אונטער דער מאַסקע פון אַ מענטש.

ער איז אַריינגעקומען אין בוידעמשטיבל. הינדעלע איז מיט אַ שיסעלע זופּ אין דער האַנט געזעסן לעבן בעט און מיט אַ לעפל געקאָרמעט דעם קראַנקן איטשעלען. זי האָט אַ קער געטאָן איר טרויעריקן בליק צו יעקבן, באַטראַכט זיין פייכט פנים וואָס איז געווען איסגעשמירט מיט קוילנשטויב, זיין קרום־פאַרקנע־פּלטן קאַפּטאָן און דעם טלית־קטן וואָס האָט זייטיק אַרויסגעקוקט פון הינטער אים. אירע אויגן האָבן אויסגעזען צו פרעגן עפּעס, אָבער זי האָט גאָרנישט געזאָגט און צוריק אומגעקערט דעם קאָפּ צו איטשעלען.

„כ׳האָב מיך געשלאָגן מיט די יינגלעך״, האָט ער געפילט, אַז ער דאַרפט זיך פאַרענטפערן. זיין קול איז נאָך געווען הייזעריק פון וויינען. זי האָט אים געשענקט נאָך אַ פאַרשנדיקן בליק. ער האָט גלייך איינגעזען, אַז זי גלייבט אים נישט. איידער ער האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים טיש צו זיין שיסעלע מיט זופּ, האָט זי זיך ווידער אומגעקערט צו אים.

„פאַר וואָס האָט דער רבי דיך געשלאָגן?״

פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט גלייך געטראָפן! נו, האָט ער איר איצט גענדאַרפט דערציילן, אַז דער רבי האָט אים געשמיסן ווייל ער האָט פאַרלוירן פון די אויגן דאָס אָרט ווו מען האָט געהאַלטן? — ווייל גראָד אין דער צייט האָט ער זיך אין דמיון געזען וואַנדערן לענג־אויס דעם שמאָלן טאָפּאַליע־וועג נישט ווייט פון דעם פּריצס הויף. פּלוצעם האָט ער געפונען אַ שטיק צירונג די גרייס פון אַ לאַבן ברויט. ער האָט זיך געפעדערט און צוריקגעגעבן דעם פּריץ אָט דאָס טייערע, אויסערגעוויינטלעכע שטיק צירונג, וואָס איז געווען אַזוי פּראַכטיק, אַז עס האָט געשניטן אין האַרצן זיך צו מוזן שיידן דערמיט. אָבער צום פּריץ האָט עס געהערט. און דער פּריץ האָט אים באַלוינט פאַר זיין ערלעכקייט און פאַר זיין כּוח זיך קעגנצושטעלן דער תּאווה צו גנבענען; באַלוינט אים מיט הונדערט מיליאָן רובל! ער, יעקב, איז געווען איפּן וועג אַהיים מיט אַ זאַק געלט, אָנצוזאָגן דער מאַמען די גוטע בשורה. פון איצט אָן וועט זי נישט מוזן מער האָרעווען אין קלייטל, צי אין דער היים. איטשעלע וועט אָוועקגעפירט ווערן אין בעסטן שפּיטאָל אין דער וועלט. די שוועסטערלעך וועלן באַקומען די שענסטע קליידלעך אין דער וועלט און די מאַמע וועט באַקומען אַ מער געפּאַסט שייטל, ספּעציעל אויף שבת. זי וועט גאָרנישט טאָן גאַנצע פּעליקע טעג, נאָר קאָכן יאַיכלעך מיט לאָקשן... און זי וועט שמייכלען. אָט, אָט איז ער, יעקב, געווען אין דער הייך, אין בוידעמשטיבל, באַלד וועט ער זען די צעשטראַלטע פּנימער פון זיינע נאָענטע — ווי ער האָט דערהערט דעם מלמדס קול: „ווו האַלט מען, יעקב?״

„ביי דער קלאַמקע!" האָט ער אויסגערופן אַ צעהיצטער, אין גאַנצן אַריינ־געטאָן אינעם דמיון־בילד.

נאָר דאָ האָט ער פאַרנומען דאָס געלעכטער פון די ייִנגלעך, און דערזען ווו ער געפינט זיך. נו, האָט ער געדאַרפט זאָגן דער מאַמען פאַר וואָס דער רבי האָט אים געשלאָגן? וואָס איז דאָס איצטער וויכטיק געווען? איצטער איז נאָר איין זאַך וויכטיק געווען: נישט צו דערלאָזן, אַז אַזאַ דערנידעריקונג זאָל נאָך אַ מאָל צו אים געשען. דערפאַר האָט ער אַנטשלאָסן געמאָלדן הינדעלען: „איך גיי נישט מער אין חדר אַריין!" זי האָט אים גאַרנישט געענטפערט, ווי זי וואָלט אים נישט געהערט. אָבער ער האָט געוווסט, אַז זי האָט אים יאָ געהערט. זי האָט זיך נישט איבערגענומען דערמיט. מסתמא נישט. זי האָט אים באַטראַכט ווי אַ שוואַכלינג, פונקט ווי אַלע אַנדערע. „כ'האָב געזאָגט, אַז כ'גיי נישט מער אין חדר אַריין!" האָט ער איבערגעחזרט העכער.

„כ'האָב געהערט וואָס ד'האָסט געזאָגט", האָט זי זיך אָפּגערופן. „ביז מאָרגן מירטשעם אין דער פרי גייסטע נישט מער אין חדר אַריין".

אוודאי אַזוי. וואָס דען האָט ער דערוואַרט צו הערן פון איר? אָבער דאָ האָט זי אַוועקגעשטעלט דאָס שיסעלע וואָס זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט, זיך אויפגעשטעלט, אונטערגעקומען צו אים און אים אַרומגענומען אַזוי צערטלעך, אַז ער האָט זיך ממש צעשמאָלצן אין אירע אָרעמס. טרערן האָבן אַ פלייץ געטאָן פון זיינע אויגן.

„מאַך זיך נישט צו־נאַר, ייִנגעלע", האָט זי וואַרעם אַ זאָג געטאָן. „וואָס מיינסטע, ד'גייסט נישט מער אין חדר אַריין? איז אַזאַ זאַך מעגלעך? גיי, וואַש דיך און נעם דיך צו דיין ביסל עסן". זי האָט בדעה געהאַט אים צו באַגלייטן צו דער שיסל, צו וואַשן די הענט, דאָך, הגם עס האָט וויי געטאָן זיך אָפּצורייסן פון איר — ער האָט זיך געבייטיקט אין איר נאָענטקייט מער ווי ווען נישט איז פריער — האָט ער געגעבן אַ שטאַרקן טרייסל מיטן אַקסל און זיך אַרויסגעריסן פון אירע אָרעמס.

„כ'גיי נישט מער צוריק!" האָט ער אַרויסגעפּלאַצט. און הגם דער בויך האָט אים געבורטשעט פון הונגער און זיין גוף און נשמה האָבן געחלשט נאָך אַ ביסל וואַרעמער קאַרטאָפל־זופּ, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם קאַפּטאָן און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

דער פרימאָרגן איז אָנגעקומען. די קיך איז געווען איינגעהייצט, אָבער אין בוידעמשטיבל איז געווען קאַלט. ווינט און פראָסט האָבן אַריינגעבלאָזן דורך די שפּאַרעס אין די ווענט און אין דאַך. די שויבן האָבן אויסגעזען ווי צוזאַמענגעצ־קלעפּטע אייזקלעצלעך. יעקב איז שלעכט געשלאָפן ביי נאַכט. ער האָט ווידער געחלומט, אַז ער האָט געפונען אַן אוצר. אָבער דאָס מאָל האָט דאָס שטיק צירונג,

הגם עס האָט געפינקלט ווי אַ דימענט, געהאַט די ענלעכקייט צו אַ שטיק אייז. עס האָט אים אָנגעפרוירן די פינגער. ער האָט אויך געזען אַ קאַשמאַרנע פיגור, פון ר׳ שאַפּסעלען צי פון טייוול אַליין, זיך יאָגן נאָך אים, בעת ער איז געלאָפן איבער דער גליטשיקער גאַס. גלייך ווי ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער זיך דערמאָנט וואָס עס איז נעכטן געשען מיט אים.

ער האָט אויסגערופן הויך און קלאָר, און מודיע געווען הינדעלען, וועלכע האָט דערלאַנגט איטשעלען אַ טעפּל ציקאָריקע־קאַווע: „איך גיי נישט מער אין חדר אַריין!"

הינדעלע האָט זיך ביי אים געבעטן: „אַ ייִדיש ייִנגל מוז גיין אין חדר אַריין. אַ ייִד האָט גאָרנישט צו טאָן אין דער וועלט, אויב וויל ער נישט לערנען גאָטס תורה".

ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן און נישט איר בעטן זיך, אַז ער זאָל איר נישט צעברעכן דאָס האַרץ וואָס איז איר געווען גענוג צעבראָכן, און יעקב איז געבליבן איינגעעקשנט אין זיין באַשלוס — האָט הינדעלע גערופן צו הילף אירע עלטערע זין, זיי זאָלן איר העלפן איבערצייגן יעקבן. איטשעלע האָט אין זיין שאַרכנדיק קול געזאָגט אַ פּאָר קלוגע ווערטער, איבערגעהאַקט מיט אַ טעמפּ הוסטן, בעת זיין בוזעם האָט געאַרבעט ווי אַ פּאַרזשאַווערט מאַשינדל. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך נישט געווונטשן עפּעס בעסערס ווי צו קאָנען אָנגיין מיטן לערנען. אַז דעם מלמדס קלעפּ זיינען געווען גאָרנישט שבגאָרנישט אין פאַרגלייך מיט וואָס ער איז גרייט געווען אויסצושטיין, כדי צו קענען זיך אַוועקזעצן מיט אַ גמרא לעבן זיינע חברים אין בית־מדרש. ווען אַפילו אַט אַזעלכע רייד האָבן געהאָלפן „ווי אַ טויטן באַנקעס", האָט הינדעלע, וואָס איר נאַכט איז פאַרלאָפן אין וואַכקייט, מיט טרעריקע תפילות און זיפצן און זאָרגן וועגן איר עלטסטן זון, לסוף פאַרלוירן דאָס געדולד.

„ד׳ עסט יאָ גיין!" האָט זי אַרויסגעפּלאַצט. „נישקשה, דער רבי ט׳דיך חלילה נישט אַוועקהרגענען! אַ ייִנגל דאַרפט קענען אויסהאַלטן אַ פּאָר קלעפּ, וואָס ער האָט זיך כשר פאַרדינט. אַלע ייִנגלעך האַלטן אויס! ׳עט עס דיך לערנען שכל איין מאָל פאַר אַלע מאָל! די הויפּטזאַך איז צו לערנען תורה און דינען דעם רבונו־של־עולם! צוליב דעם מוז אַ ייִד קענען נעמען וואָס עס קומט און אויסהאַלטן!"

לסוף, ווען עס איז איר קלאָר געוואָרן, אַז זי רעדט צו טויבע אויערן, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן יעקבן פאַר דער האַנט און אים אַרויסגעשלעפּט פון שטוב. זיי זיינען שיִער נישט אַראָפּגעפאַלן פון די גליטשיקע שטיגן. זי האָט אים גע־שלעפּט איבערן הויף, געכליפּעט, און אים מוסר געזאָגט: אַ וואַזשנער זון ביסטע דאָס! טוסט מיר אָן אַ חרפּה און אַ בושה פאַר גאַנץ באַטשאַני אין די אויגן! אַזוי שטאָלץ מאַכסטע מיך! אַזוי פיל האַרץ האָסטע פאַר מיר, אַצינדער, נאָכן טאַטנס פּטירה... מיט אַ קראַנקן ברודער אין דער היים, עס זאָל זיין אָפּגעשיידט!"

ער האָט זי קיין מאָל נישט געזען אַזאַ ווי איצטער. זי איז איבערגע־ביטן געוואָרן אין אַ מכשפה, אַ יזבל. זי האָט אים נישט ליב געהאַט, און איז מער נישט געווען זיין מאַמע. ער איז געווען איינער אַליין אויף דער וועלט און גאָרנישט איז מער וויכטיק געווען. אָבער עס איז וויכטיק געווען נישט צוריקצו־גיין אין חדר. מער קיין מאָל!

ער האָט זיך געראַנגלט מיט איר. מענטשן אין גאַס האָבן צוגעקוקט און חוזקדיק אונטערגעשמייכלט. קיינער האָט נישט געהאַט קיין טראָפּן רחמנות אויף אים. וועט ער אויך נישט האָבן קיין רחמנות אויף קיינעם, און בפרט נישט אויף איר, אָט דער יִדענע מיטן כוח פון אַ שמשון הגיבור און דעם פּנים פון אַ מכשפה. — בעת־מעשה... האָט ער אינעווייניק, איך זיך, געוווּסט, אַז ער וועט זיך נישט אָפּרייסן פון איר, אַז ער וועט אַפילו נישט באַניצן דעם גאַנצן כוח וואָס ער פאַר־מאָגט, צו פּרוּוון אַנטלויפן, אַז אַלץ איז געווען פאַרלוירן, און אַז פריער צי שפּעטער וועט ער זי לאָזן אים ברענגען צוריק אין חדר אַריין צו ר׳ שאַפּסעלען.

ער האָט זיך געפילט ווי אַ וואָרעם.

2

דער גאַנצער לאַנגער ווינטער נאָך איר מאַנס פּטירה איז אויך הינדעלען פאַרביי ווי אין אַ נעפּלדיקער פאַרבלענדעניש. נישט אַז די וועלט איז איר אויס־געקומען נישט ממשותדיק. די וועלט האָט אויסגעזען נישט צו עקסיסטירן. אַן אייזיקע פוסטקייט האָט פאַרנומען איר אָרט, און געלאָזט נאָר דעם איינעם הייס־ברענענדיקן פּונקט פון באַוווּסטזיין: דאָס קראַנקע קינד וואָס זי האָט געמוזט ראַטעווען, די נאָך געזונטע קינדער וואָס זי האָט געמוזט באַשיצן. אין יעדן אַנדערן פּרט האָט זי בלויז מעכאַניש זיך באַוועגט ווי אַ לעבעדיקער מענטש. איר נשמה איז געווען דאָ, אַנוועזנדיק, וואָך — און בעת־מעשה איז זי געווען דאָרט, אויף יענער זייט לעבן, אַנגעשלאָסן אָן דער נשמה פון דעם סודותדיק־פרעמדן, און לייבלעך־נאָענטן מאַן אירן.

איצט איז דער פרילינג אָנגעקומען. די בושלען זיינען דאָ געווען צוריק, און קעגן איר ווילן, האָבן הינדעלעס חושים זיך פאַמעלעכל געעפענט, אַרויס־שלייכן זיך פון תהום פון טעמפּקייט, פון חושך. בטחון האָט זיך צעטרילעט: זי וועט ראַטעווען איר קינד, מיט דער הילף פון איר ליבשאַפט, פון דעם אַלמעכ־טיקנס ליבשאַפט.

זי האָט געלאָזט אויף הפקר דאָס קלייטל. געלאָזט די יינגלעך אירע אַכטונג געבן דערויף נאָך דעם ווי זיי זיינען געקומען פון חדר. אָדער זי האָט געבעטן די שכנות אויפן פּאָטשעיאַוו צו כאַפּן אַ בליק דערויף, און זי איז אַהיימגעלאָפן זיין מיט איטשעלען. אַלע אָוונטן האָט זי פאַרבראַכט אין בוידעמשטיבל, געגרייט עסן

אויפֿן קומענדיקן טאָג, פֿאַרריכט די קינדערס בגדים, און נישט אויפֿגעהערט אַריינצורעדן אין איטשעלען, צו קאַרמען אים, צו פֿאַרווײלן אים.

די איבעריקע קינדער האָבן זי אויסגעמיטן לעצטנס, ווי כּדי זיך צו באַשיצן, זיך פֿאַרטיידיקן קעגן יִיאוש וואָס האָט געהויערט אין דער היים. זי איז געווען צופֿרידן. זי האָט זיי נישט געוואָלט האָבן לעבן זיך, כּדי זיי זאָלן חלילה נישט כאַפּן די מחלה. און אויך... ווייל אַזוי אַרום האָבן זיי איר געגעבן די געלעגנהייט זיך אָפּצוגעבן מיט איר אייגענעם טרויער, נאָך דעם ווי איטשעלע איז אַנטדרעמלט געוואָרן. זי איז געווען צופֿרידן וואָס זיי האָבן גענומען אָפּטרייסלען די לאַסט פֿון זייערע הערצער. אויב צייט איז געווען אַ רחמימדיקע היילערין פֿון נשמה־ווונדן, האָט זי דאָס דערגרייכט אַ סך גיכער מיט קינדער, ווי מיט דערוואַקסענע, בפֿרט ווען דער פֿרילינג האָט איר צוגעהאָלפֿן.

דער צער און די זאָרגן האָבן הינדעלען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז עס איז איר קוים געבליבן כּוח פֿאַר דעם אַלעם וואָס זי האָט געהאַט צו טאָן און עס האָט איר גענומען אַ סך מער צייט דאָס צו טאָן. זי האָט אויך לעצטנס ווייניק וואָס געגעסן. זי האָט פּשוט פֿאַרגעסן דערוועגן. אויב האָט זי זיך דערמאָנט, איז זי געווען צופֿרידן וואָס זי פֿילט נישט קיין הונגער. זי האָט גאָר ווייניק פֿאַרדינט אין קליטל. געווען טעג ווען זי האָט געמוזט באָרגן די פּאָר קאָפּעקעס אויף אַ ברויט ביי נעכעלען דער געשטופּלטער, צי ביי אַ שכנה אויפֿן פּאַטשעיאָוו. און דאָס וואָס זי האָט יאָ פֿאַרדינט איז פֿאַרברויכט געוואָרן צו קויפֿן די מילכשפּייזן, וואָס זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי די איינציקע רפֿואה אויף איטשעלעס חלאת.

היינט אָוונט, נאָך דעם ווי איטשעלע איז איינגעשלאָפֿן, האָט הינדעלע זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ בענקל לעבן אָפֿענעם פֿענצטער. זי איז געזעסן אַנמאַכטיק, האָט קוים געאָטעמט, דער קאָפּ אויסגעלערט, פֿאַרטעמפּט. ביז זי האָט פּלוצעם דערשפּירט דעם ריח פֿון בעז וואָס האָט דערגרייכט אירע נאָזלעכער. דער מוח האָט זיך אויפֿגעוועקט, אַ באַוועג געטאָן, און גלייך נאָך אים — דער מאָגן. זי איז געווען הונגעריק. יאָ, זי האָט געפֿילט ווי דער הונגער קנייפּט אין דער הוילקייט פֿון בויך. זי האָט זיך געוווּנדערט און איז אין כּעס געוואָרן אויף זיך. זי האָט נאָר געהאַט איינצלנע שטיקלעך ברויט פֿאַר יעדן פֿון די קינדער, און אַ הערינג, זיי צו דערלאַנגען איידער זיי זיינען געגאַנגען שלאָפֿן. זי האָט טיף אַריינגעאָטעמט די ריחות פֿון בעז, ווי זי וואָלט געוואָלט פֿול מאַכן דעם בויך מיט זיי. דער קאָפּ האָט זיך איר פֿאַרדרייט, גענומען שווימען. אַ געדאַנק האָט אַ שלאָג געטאָן קעגן איר מוח: זי האָט נישט געהאַט קיין רעכט אָנצוגיין אָט אַזוי. וואָס וועט זיין, אויב זי וועט זיך חלילה צוזאַמענברעכן? איז דאָס געווען איר שולד, אַז זי איז געווען נאָר אַ מענטש, און אַ מענטשלעכן גוף האָט מען געמוזט שפּייזן, אויב מען האָט געוואָלט אַז ער זאָל אַרבעטן ווי ס׳געהער צו

זיין? זי וועט זיך מוזן צווינגען אַכטונג צו געבן אויף איר נעבעכדיקן גוף. אירע קינדער האָבן זיך געבייטיקט אין אַ געזונטער מאַמען.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, איז צו צום סלוי מיטן שמאַלץ־הערינג און אָפּ־געשניטן אַ האַלבן פּאַר זיך. זי האָט אַריבערגעבראַכט אַ קוואַרט ציקאָריע־קאַווע צום פענצטער צוזאַמען מיטן האַלבן הערינג, און האָט זיך אַוועקגעזעצט צו איר סעודה. זי האָט נאָכגעשווענקט דעם געזאַלצענעם הערינג מיט נאָך אַ קוואַרט קאַווע און האָט דערפילט, אַז זי האָט זיך גוט אָנגעגעסן. זי האָט זיך גוט געפילט. איר געמיט האָט זיך אויסגעלייטערט. אַ פאַרנעפּלטע בענקעניש צו עפּעטן איינס פון אירע פאַרוואַרלאָזטע ביכלעך האָט אַ צופּ געטאָן אין מוח, אָבער זי האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון איר. זי וועט סיי ווי נישט וויסן וואָס זי לייענט. די פּעפּער־לעך פון אותיות וועלן פאַרנעפּלען אירע אויגן און אַוועקטראָגן דעם זכרון צו די טעג ווען איר משפּחה איז נאָך געווען גאַנץ...

זי האָט זיך נענטער צוגערוקט צום פענצטער און אַריינגעקוקט אין די נאַנעס' גאָרטן, כּדי צו זען די צעבליטע בעזביימער, וואָס זי האָט אַזוי גערן געהאַט. ס'איז שוין געווען גענוג שפּעט, אָבער די טעג האָבן אָנגעהויבן גרעסער ווערן און הינדעלע האָט נאָך בולט געזען דיביימער און קוסטעס. דער קאָליר פון בליעכץ האָט באַקומען אַ באַזונדערע פיינקייט, אַ מין ווייכקייט, אַצינד, נאָך דעם ווי די זון איז אונטערגעגאַנגען.

הינדעלע האָט געזען די נאַנעס אַרומשפּאַצירן צווישן די בלומענבייטן. אַנ־דערע האָבן זיך נאָך געפּאָרעט אַרום די קוסטעס, אַרומגעשניטן, צעקאָפּעט דעם באָדן. הינדעלע האָט זיך דערמאָנט די רגעס לעצטנס, ווען זי איז געווען אויסער זיך פון צער, און איז מקנא געווען אָט די שוויגנדיקע געשטאַלטן, באַהערשטקייט און רו אויף זייערע פּנימער, אין די באַוועגונגען, פּונקט ווי ווייטיק וואָלט קיין מאָל נישט געווען אַ טייל פון זייער לעבן. זי איז זיי נישט מקנא געווען אַצינד, אין אָט דעם מאָמענט. זי האָט געוווּסט, אַז זי וואָלט נישט געקאָנט לעבן אָט אַזוי. אַזאַ לעבן האָט קיין באַטייט נישט געהאַט. לויט איר, לויט הינדעלען, האָט די שיינקייט פון גאָטס וועלט געקאָנט באַנומען ווערן, אָפּגעשאַצט ווערן נאָר דורך דער פּריזמע פון לעבן וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער דאָיקער זייט פון דעם מאָנאַסטיר־פּלויט. עס איז הינדעלען אויסגעקומען, אַז ייִאוש און טרערן זיינען געווען דאָס זאַלץ וואָס האָט געלאָזט דערשפּירן דעם אמתן טעם פון דאָ־זיין, פאַרשטייט זיך, ווען דאָס לעבן איז נישט געווען איבערגעזאַלצן — אָט ווי דער הערינג וואָס זי, הינדעלע, האָט געגעסן אויף אַ לערן מאָגן, און וואָס האָט אַצינד געברענט אין אירע אינגעווייד, אַזוי אַז זי האָט מער גאָרנישט געפילט — ווי אַ ווייטיק זיך איינעסן אין דער הוילקייט אונטערן „לעפעלע". אַוודאי האָט זי געשטרעבט צו רו, אָבער נישט דעם מין רו וואָס מען האָט דערגרייכט מיטן אָפּקערן זיך מיטן רוקן צו מיאוסקייט, צו פּחד, צו ליידן און טרויער. זי האָט

אויך דאָס געוואַלט קענען אַנגעמען ווי אַ געשאַנק פֿון אַלמעכטיקן, זיך אונטער־געבן, אָן כּעס, אָן ביטערניש; און וואָס די שטראָף זאָל נישט זיין, ליבן דעם באַשעפֿער.

אויב הינדעלע איז עמעצן באמת מקנא געווען, זיינען דאָס געווען די ייִדן, די מאַנספּאַרשוינען. זיי זיינען געווען ביכולת זיך צו פֿילן אַזוי געקנופּט מיטן אַלמעכ־טיקן, אַז זיי האָבן זיך קיין מאָל, אויף קיין אויגנבליק נישט געוואַקלט, נישט געצווייפֿלט, „אַז גאָט איז גערעכט און זיין מישפּט איז גערעכט". זי איז מקנא געווען איר פֿאַרשטאָרבענעם מאַן וועלכער האָט מיט אַזוי פֿיל צוטרוי, אַזוי שטיל און רויִק אַריינגעשוועבט אינעם טיפֿן תּהום פֿון שווייגן, ווי דער תּהום וואָלט געווען פֿול נישט מיט חושך, נאָר מיט אַ היילנדיק ליכט.

אָט דעם מין רו, אָזאַ נאָכגיביקייט, איז הינדעלע נישט געווען ביכולת צו דער־גרייכן. הגם זי האָט אין לויף פֿון איר לעבן זיך אויסגעלערנט אַרויסצודראָפּען זיך פֿון די אָפּגרונטן פֿון אומגליק, איינעם נאָך דעם אַנדערן, און זי האָט זיך אַפֿילו אויסגעלערנט שלום מאַכן ווי נישט איז מיטן פֿאַרלוסט פֿון איר מאַן, האָט זי געוווּסט, אַז זי איז נישט געווען גרייט און וועט קיין מאָל נישט זיין — שלום צו מאַכן מיטן פֿאַרלוסט פֿון אַ קינד. אויפֿן בלויזן געדאַנק דערוועגן האָט זיך אַלץ אין איר צעשוידערט מיט גרויל. — זי האָט פֿאַרטריבן דעם געדאַנק און טיף אַריינגעאָטעמט די פֿאַרפֿומען פֿון די נאָגעס' גאָרטן. דאָס זיינען נישט געווען קיין פֿאַסיקע מחשבות פֿאַר אַזאַ פּראַכטפֿולן פֿרילינג־אָוונט, ווען די גאַנצע וועלט איז וואָך געווען מיט צוזאָג און בטחון. זי מוז לאָזן דער האָפֿענונג זיך צעבליִען, דערלויבן איר צו פֿאַרדעקן דעם שרייענדיקן שניט אין איר האַרצן. זי האָט אויפֿ־געשמייכלט. אַ בלייכער, געזאַלצן־טרעריקער שמייכל. זי האָט געפֿילט ווי דער געזאַלצענער הערינג בייסט איר ביים מאָגן.

זי האָט באַמערקט מאַנקען די וועשין זיצן אונטן אויף דער שוועל פֿון איר כאַטע. מאַנקעס קינדער האָבן זיך געשפּילט מיט הינדעלעס מיידעלעך, און מיט אַ פּאָר אַנדערע קינדער אין דער מיט־גראָז־פֿאַרוואָקסענער חורבה פֿון מאַנקעס אָפּגעברענטן הויז קעגן איבער. ס'איז געווען זונטיק אָוונט און מאַנקע איז געווען אויסגעפּוצט אין אירע יום־טובדיקע בגדים.

הינדעלע האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן איר חברטע, נעכעלען דער געשטופּל־טער און די אַנדערע ווייבער וואָס זיינען אָפֿט אַרויפֿגעקומען זיצן מיט איר אין די אָוונטן. זיי האָבן איר אויסגערעדט, מיטגעוויינט מיט איר, און געפּרוווט לייכ־טער מאַכן די לאַסט אויף איר האַרצן. זי איז זיי דאַנקבאַר געווען. ס'איז געווען אַ בענטשונג צו לעבן מיט אייגענע וואָס זיינען געווען אַזוי נאָענט ממש ווי משפּחה, און האָבן געטיילט מיט דיר די פֿריידן און ליידן. דאָס האָט געמאַכט פֿילן, אַז מען איז נישט געווען אַליין אויף דער וועלט. דאָך איז זי געווען צופֿרידן, אַז קיינע פֿון די ווייבער האָט זיך היינט, זונטיק, נישט אַרויפֿגעכאַפּט צו איר.

זי האָט אַליין נישט געוווּסט פאַר וואָס, נאָר היינטיקן אָוונט האָט זיך איר גראָד געגלוסט אַראָפּצוגיין און זיך אָוועקזעצן לעבן מאַנקען אויף דער שוועל, הגם מאַנקע האָט קיין מאָל נישט מיטגעוויינט מיט איר. מאַנקע האָט איבער אירע אייגענע אומגליקן אויך נישט געוויינט.

הינדעלע האָט זיך אויפגעשטעלט, איינגעהילט זיך אין דער פאַטשיילע. אָן אויגנבליק האָט זי זיך איינגעהאָרכט צו איטשעלעס אָטעמען אין שלאָף, און איז אַראָפּגעגאַנגען אויפן הויף. מאַנקע האָט געמאַכט אָרט פאַר איר אויף דער שוועל. זיי האָבן פאַרטוישט אַ פּאָר ווערטער וועגן וועטער. הינדעלע האָט באַ־שריבן די נאָגעס׳ גאָרטן פאַר מאַנקען, ווי ער זעט אויס מיט די ביימער און קוסטעס געטונקען אין אַ ים פון בליעכץ. ווייל פון דאָ אונטן האָט מען נאָר געקאָנט זען דעם פּלויט פון מאַנאַסטיר. דערנאָך זיינען די צוויי ווייבער געבליבן זיצן אין שווייגן.

מאַנקע איז געווען אַ שווייגעוודיקע. איר ענערגיע און כּוח זיינען געווען אין אַ שאַרפער סתירה צו איר אומעט און מעלאַנכאָליע. זי האָט געהאַט אַ פיין קול פאַר געזאַנג. הינדעלע אין איר בוידעמשטיבל פלעגט אָפט הערן מאַנקען זינגען די לאַנגע פוילישע לידער. זי האָט באַוווּנדערט די ווייכקייט און וואַרעמ־קייט פון די טענער וואָס מאַנקע האָט אַרויסגעבראַכט. דאָך, אַז הינדעלע האָט ביי איר געבעטן זי זאָל אַ ברום טאָן אַ מעלאָדיע, האָט זי אָפּגעזאָגט.

הינדעלע האָט געוואָרפן אַ בליק אויף אירע צוויי מיידעלעך, וואָס האָבן זיך אַצינד געשפּילט מיט מאַנקעס קינדער אויפן שטיקל פעלד ביי דער זייט, וואָס האָט געהערט צו מאַנקען. זי האָט באַטראַכט מאַנקעס קינדער, מאַרישען און בראָנעקן. בראָנעק, דער יִינגערער, האָט געהאַט גרויסע אויגן, בלויע, טרויעריקע, פּונקט ווי זיין מאַמעס. ער האָט נאָך געזייגט אַ פינגער הגם ער איז געווען אין יעקבס עלטער. מאַנקעס קינדער האָבן זיך באַוועגט פּאַמעלעך, ווי אין אַ חלום. זיי האָבן קיין מאָל צו הויך נישט געלאַכט, נישט געליאַרעמט. הינדעלע האָט געוווּסט, אַז מאַנקעס שווערקייט פון געמיט, איר מעלאַנכאָליע האָבן זיך פאַרגעס־טיקט אין זייערע נשמות. הינדעלע האָט אין האַרצן תּפילה געטאָן, אַז איר אייגע־נער טרויער זאָל זיך נישט אָט אַזוי איינוואָרצלען אין אירע קינדערס נשמות. זי האָט זיך אַ קער געטאָן צו מאַנקען.

„פאַר וואָס ביסטע תּמיד אַזוי טרויעריק, אַפילו אין אַ זונטיק? סוף־כּל־סוף האָסטע אַ דירה מיט אַ שטיקל פעלד. דו פאַרדינסט דיר נישט שלעכט מיטן וועש וואַשן. דיינע קינדער וואַלגערן זיך נישט אַרום נאַקעט און באָרוועס. זיי ליידן נישט פון קעלט, נישט פון הונגער...״ האָט זי אַ פרעג געטאָן.

„איך בין נישט טרויעריק״, האָט מאַנקע געצויגן מיטן אַקסל. „דאָס לעבן איז טרויעריק״.

„אַפילו אין אַזאַ אָוונט ווי היינט?״

„דווקא אין אַזאַ אָוונט ווי היינט". מאַנקע האָט אַ וויקל געטאָן די אונ־טערשטע ליפּ און מיט די פינגער זיך גענומען שפּילן מיטן צלמל וואָס האָט געהאָנגען אויף איר האַלדז, פאַרטשעפּעט אָן אַ שנירל קרעלן. „וואָס שענער די וועלט, דאָס טרויעריקער די נשמה".

הינדעלעס האַרץ האָט זיך אַ קאַרטשע געטאָן. ס'איז אויסגעקומען ווי מאַנקע וואָלט געלייענט אירע אייגענע מחשבות. דאָך האָט זי ווייטער געפרעגט: „אָבער פאַר וואָס? אייך, פויערים, איז דאָך גוט אויף דער וועלט. די מאַמע ערד קאַרמעט אייך. מיר, ייִדן, מוזן פאַרדינען אויף אונדזער סקאַרינקע ברויט ממש פון דער לופטן. און דעם רבין דאַרף מען צאָלן אין חדר, און אויף כּל־המינים צדקה דאַרפט מען געבן. מיר לעבן נישט, ווי מען זאָגט דאָס, יעדער פאַר זיך... טאָקע דערפאַר ווייל מען פילט זיך ווי פאַרהאָנגען אין דער לופטן".

„ביי אונדז לעבט אויך נישט יעדער פאַר זיך", האָט מאַנקע געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„איך ווייס", האָט הינדעלע איינגעשטימט. „אָבער ס'איז נאָך אַן אונטערשייד..."

מאַנקע האָט זי אָנגעקוקט מיט די גרויסע טרויעריקע אויגן. „נישט אַזאַ גרויסער אונטערשייד ווי דו מיינסט".

הינדעלע האָט ווידער איינגעשטימט, „אָבער... איר לעבט נישט אין אַזאַ פּחד ווי מיר".

„פון וואַנען ווייסטע? האָסט אַריינגעקוקט אין אונדזערע הערצער?" האָט מאַנקע געפרעגט, אָן פאַרוואָרף אין קול. „ווי קאָן אַ מענטשלעך באַשעפעניש לעבן אָן פּחד? און טאָמער איז דער שניט נישט געראָטן? און טאָמער גייען אַרויף די טאַקסעס פאַרן צאַר? און טאָמער ברעכט אויס אַ פייער, צי עס מאַכט זיך אַ פאַרפלייצונג, זאָל גאָט אָפּהיטן, און טאָמער ווערט מען קראַנק?"

הינדעלע האָט געזיפצט, „אָבער איר זענט אויף אייער אייגענעם שטיקל לאַנד, אין דער היים. קיינער אין דער וועלט וועט אייך נישט באַפאַלן, נישט אַרויסטרייבן סתם ווייל עס גלוסט זיך אים. דו דאַרפסט געדענקען די הריגה, מאַנקע".

מאַנקע האָט געצויגן מיט די אַקסלען. „כ'געדענק גאָרנישט. געווען צו קליין. סיי ווי, אונדזערע מענטשן שלאָגן זיך צווישן זיך אויך, און נישט אויף קיין געלעכ־טער, גלייב מיר. דאָס לעבן איז נישט קיין רויזן־גאָרטן. מענטשן שלאָגן זיך, קריגן זיך, צוליב פאַרצווייפלונג, אַנשטאָט אונטערצושפּאַרן איינער דעם אַנדערן אין אַ שווערער שעה. טאָקע דערפאַר איז דאָס אַלץ אַזוי טרויעריק".

יאָ, מאַנקע האָט ליב געהאַט איר טרויער. זי האָט אויסגעזען זיך צו קלאַמערן אין אים מיט אַ מין עקשנותדיקער פאַסיע. און אין דער אמתן האָט הינדעלע זי געגרן געהאַט צוליב אָט דעם טרויער אירן. זי האָט געפילט מאַנקעס כּוח אונטער די שלייערן פון דערשלאָגנקייט און מעלאַנכאָליע. זי האָט נישט דערוואַרט, אַז

מאנקע זאל פארשטיין דעם אונטערשייד צווישן דעם פחד פון די ייִדן און דעם פחד פון די גויים. אָבער זי האָט נישט געמאַכט צו קליינגעלט דאָס וואָס מאַנקע האָט איר געזאָגט.

אין הסכּם מיט איר, מיט הינדעלעס אויסבליק אויף דער וועלט, האָבן די גויים געהאַט זייער ראָלע צו שפּילן אין דעם סדר פון דער וועלט. זיי זיינען געווען אַ טייל פון דער ווונדערלעכער וואָר, דער פולער מיט רמזים, וועלכע האָט פאַרשלייערט די אמתע, פאַרהוילענע אַלוועלט. הינדעלע האָט גוט געקענט דאָס פּוילישע לשון נאָך פון די צייטן ווען זי האָט ווי אַ יונג מיידל געהאַנדלט איבער די דערפער. זי האָט ליב געהאַט איבערצוחזרן די ווערטלעך פון די פּויערים, זייערע שפּרוכן און האָט אין זיי אויך געזען סימנים און רמזים פולע מיט אַ געהיימען באַטייט.

זי האָט געלערנט די פּוילישע לידער, נישט נאָר פון מאַנקען, צי פון מאַנקעס פלימעניצע, וואַנדען, וואַצלאַוו ספּאַקויניס טאַכטער, וועלכע האָט געהאַט אַ פּראַכטפול קול פאַר נגינה. זי האָט די לידער געלערנט ביי יעדער געלעגנהייט, געברומט זיי צו זיך, פאַר די קינדער, און בעת־מעשׂה אָנגעגעבן די טענער איר אייגענעם חסידישן קנייטש. אויך אין אַט די ניגונים האָט זי געפונען געהיימע, פיל־באַטייטיקע רמזים. און איידער אירע אומגליקן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער איר קאָפּ, פלעגט זי, ווען זי איז נאָר געווען אין דער שטימונג, צופּאַסן אירע אייגענע ייִדישע ווערטער צו די מעלאָדיעס. דערנאָך, ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיט נעכעלען דער געשטופּלטער וועלכע האָט שטאַרק ליב געהאַט נגינה, האָט זי דאָס געזונגען פאַר נעכעלען. פון נעכעלען האָט זי ווידער געלערנט חסידישע מעלאָדיעס און ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט, האָט זי די מעלאָדיעס אויסגעברומט פאַר מאַנקען. דערנאָך האָט נישט לאַנג גענומען און מען האָט די חסידישע מעלאָדיעס געקאָנט הערן זיך טראָגן איבער די פעלדער, געזונגען פון וואַנדען און אירע חברטעס, מיט אַ ריטעם וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט ווינט און יונגער ווייבלעכקייט.

אָפּגעזעסן אַ שעה אָנדערטהאַלבן מיט מאַנקען, די לאַנגע שווייגענישן צו־זאַמענגעוועבט מיט אַ קורצן פאַרטויש פון מיינונגען, האָט הינדעלע זיך אויפגע־שטעלט, צוגערופן אירע צוויי מיידעלעך, גענומען זיי ביי די הענט און אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ צו מאַנקען: „צייט צו לייגן זיי שלאָפן". זי האָט באַמערקט יעקבן און שלומען זיך אַהערשלייכן דורך די הינטערהייף. צו דער זעלבער צייט האָט זי אין דער טיף פון געסל באַמערקט די מאַסיווע פיגור פון פייער־קאָמענ־דאַנט פּאַן וואַצלאַוו ספּאַקויני, וועלכער איז געווען אַרומגערינגלט מיט זיין סוויטע פון ווייב און קינדער. דאָס זיינען זיי געקומען אָפּשטאַטן מאַנקען אַ וויזיט. הינדעלע האָט גיך אויסגערופן צו די ייִנגלעך: „קומט שוין אַרויף!"

אַרויפגעקומען אין שטוב, האָט הינדעלע יעדן פון די קינדער צוגעטיילט אַ

שטיקל ברויט מיט הערינג. זי האָט צוגעזען, אַז זיי זאָלן נישט באַלאַמוטשען צו לאַנג ביים פענצטער, ווו זיי האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַראָפּצוקוקן אויפן הויף. איטשעלע האָט זיך געהאַט איפּגעוועקט און זי האָט אים דערלאַנגט אַ ביסל צוואָרעך פון אַ קריגעלע, אים פאַרריכט דאָס קישן און אים אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט אַ פייכטער שמאַטקע. זי האָט אויסגעטרונקען אַ פולע שעפּ קאַלט וואַסער. דער געזאַלצענער הערינג האָט נאָך אַלץ „געלעבט" אין איר מאָגן. זי איז פאַרבליבן לעבן איטשעלעס בעט און האָט אים ריטמיש געגלעט, ביז ער איז צוריק איינגעשלאָפן. זי איז געבליבן זיצן נאָך אַ ביסל צייט מיט דער האַנט אויפן זונס שטערן. עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז די היץ איז געפאַלן. זי האָט אָפּגעזיפצט.

דער סעלעדרין-בלויער הימל אין פענצטער איז טונקעלער געוואָרן. פון דרויסן האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען: דער לאַנגער „מו..." פון קי, אַ בילן פון הינט, געלעכטער, קולות פון שמועסנדיקע. הינדעלע האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך אויפן קלאַנג פון קינדערשן געלעכטער. נאָר ווען וואַנדע איז געקומען צו גאַסט, זיינען מאַנקעס קינדער געוואָרן צעשפּילט און טומלדיק.

הינדעלע האָט זיך אויפגעשטעלט פון איטשעלעס בעט און זיך אַוועקגעזעצט לעבן פענצטער בשכנות פון אירע צוויי שלאָפנדיקע ייִנגלעך. זי האָט זיך איינגעהאָרכט צו זייער טיף, רעגולער אָטעמען און אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ אין זייער ריכטונג, ווי זי וואָלט זיך נישט צוגעגלייבט. ווי ווייניק צייט די יונגע האָבן דאָס געברויכט זיך אַריבערצוטראָגן פון וואַכקייט אין שלאָף. זי האָט זיי געבענטשט אין געדאַנק.

„רחמימדיקער גאָט, לאָז מיך זיי אַלע האָבן. לאָז מיך ווערט זיין זיי אויסצוהאָדעווען לתורה, לחופה ולמעשים טובים", האָט זי תפילה געטאָן.

דער טומל אונטן איז גרעסער געוואָרן. הינדעלע האָט נישט געקאָנט זען קיין פּנימער אין דער טונקל, אָבער ס'איז געווען קלאָר, אַז אַנדערע גויִישע שכנים האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמפּאַניע פאַר דער שוועל פון מאַנקעס דירה. דער קלאַנג פון צעקלימפּערטע גלעזער, קולות וואָס אַ מאָל מער בגילופינדיקע. דערנאָך איז שטיל געוואָרן. וואַנדע האָט געזונגען. עמעץ האָט לייכט-לייכט געגומען זי באַגלייטן אויף אַ מויל-האַרמאָשקע. דער ניגון איז געווען אַ דינער, זיידענער, ווי געטונקען אין דער בענקעניש פון ערב-נאַכט. הינדעלעס אויגן זיינען אָנגעלאָפן מיט טרערן. „אוי, רבונו-של-עולם, טאַטע לאַכטיקער אין הימל", האָט זי געפליסטערט. „זיי געבענטשט פאַר דיינע מעשים-טובים. נישט געקוקט אויף מיין צער, זיי טויזנט מאָל געלויבט פאַר דיין גוטסקייט און חסד".

זי האָט זיך אַרויסגעלענט דורכן פענצטער, נישט צו פאַרהערן קיין איינציקן טאָן פון ניגון, ווי זי האָט באַמערקט אַ שאָטן דאָרט אונטן, פונקט אַנטקעגן איבער איר פענצטער, דעם ווייסן שיין פון אַ פּנים אויפגעהויבן צו איר אין דער טונקל. עמעץ האָט זי גערופן מיט אַ הייזעריקן פליסטער: „הינדעלע... הינדעלע, ביסטו

דאָס ?" דאָס קול איז העכער געוואָרן. הינדעלע האָט צוריקגעבויגן דעם קאָפּ פון פענצטער. זי האָט דערקענט דאָס קול און די געשטאַלט אונטן. דער פייער־לעשער־קאָמענדאַנט פאַן וואַצלאַוו ספּאָקויני. ער האָט נישט אויפגעהערט זי צו רופן. אַן אימה איז זי באַפאַלן, זי האָט נישט געוווסט פאַר וואָס. מיט אַ מאָל האָט ער אויסגערופן איר נאָמען גאַר הויך, מיט אַ הייזעריק־לאַכנדיק קול.

זי האָט זיך אַרויסגעבויגן, כּדי ער זאָל נישט אויפוועקן די קינדער, און האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ שטאַמל: „יאָ, פּאַניע קאָמענדאַנט, דאָס בין איך".

„קום אַראָפּ און זיץ דאָ אַ ביסל מיט אונדז!" האָט ער אויסגערופן און אויפגעהויבן צו איר דאָס פלעשל וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט.

„אַ שיינעם דאַנק, פּאַניע קאָמענדאַנט", האָט זי אַרויסגעקרעכצט, „אַ שיינ־טשינקן דאַנק".

„וואָס האָסטע מיר צו דאַנקען? קום אַראָפּ, וועסטע הערן מיין וואַנדען זינגען".

זי האָט ענערגיש אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: „איך הער זי זייער גוט פון דאַנען אויך".

„עי", איז ער אָנגעגאַנגען. „זאָג נישט אָפּ אַן אַלטן גוטן פריינד. פאַר וואָס זאָלסטע זיצן דאָרט אויבן אַליין?"

„איך זיץ נישט אַליין", האָט זי געשטאַמלט. „מיינע קינדער זענען דאָ מיט מיר... דער אַלמעכטיקער איז דאָ מיט מיר".

זי האָט ווידער דערהערט זיין הייזעריק געלעכטער: „זאָל איך אַרויפקומען און דיך דאָ אַראָפּברענגען?"

„גאָט זאָל אָפּהיטן!" האָט זי אַ שפּרונג געטאָן, געוואָרפן אַ פאַרצווייפלטן בליק אויף די שלאָפנדיקע קינדער, בעסער איינגעדעקט איטשעלען מיטן איבער־בעט, זיך איינגעהילט אין דער פאַטשיילע, און האָט אַראָפּגעדרעפּטשעט די שטיגן אַראָפּ אויפן הויף.

אַרויסגעקומען דרויסן, האָט זי אויסגעמיטן דעם פייער־קאָמענדאַנט און מיט אַ וואַקלדיקן שריט זיך דערנענטערט צו דער גרופּע פאַר דער שוועל פון מאַנקעס דירה, פון דער אַנדערער זייט. זי האָט זיך, אַ פאַרלוירענע, פאַרהאַלטן, ביז מאַנקע האָט זי אַ רוף געטאָן מיט אַ באַוועג פון פינגער. זי האָט זיך אַריינגעשלייכט אין דער צעזונגענער גרופּע, אין דער ריכטונג פון מאַנקען, וועלכע האָט איר אָנגעוויזן זיך אַוועקצוזעצן לעבן איר.

דער פייער־קאָמענדאַנט האָט מיט דער מאַסע פון זיין שווערלייביקייט גע־נומען זיך שטופּן גלייך נאָך הינדעלען. הינדעלע האָט געהאַלטן דעם בליק אין דער הייך, אויף איר פענצטער, און ער האָט געהאַלטן דעם בליק אויף איר. ווען ער איז פאַרביי זיין ווייב — אַ גויע מיט אַ פּנים און האָר פון אַן אַש־גרויען קאָליר, אַ געזונטע, אָבער איר הויט אויסגעטריקנט און צעקנייטשט, די אויסגע־

טריקנטע אָרעמס און הענט באַדעקט מיט נעצן פון אָנגעשוואָלענע אָדערן — האָט ער איר אַ קלעפּל געטאָן איבערן אַקסל, אַ מין קלעפּלען וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ סימן פון צערטלעכקייט און אַן אופן פון מאַכן איר האַלטן דאָס מויל.

ווי נאָר ער האָט זיך דערשלאָגן צו הינדעלען, די פלאַש נאָך אַלץ אין דער אויפ־געהויבענער האַנט זיינער, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן אירע פיס און אַ צעסאַפּעטער אויסגערופן: „אָט אַזוי! אַצינד וועל איך מיך קענען זאַט אָנקוקן... אַריינקוקן אין דיינע ייִדישע אויגאַנעס!"

„האַלט ס'מויל, אַלטער נאַר!" האָט זיין ווייב אים אָנגעשריגן. „מענטשן ווילן אַ ביסל זינגען!"

הינדעלע האָט אַ שווידער געטאָן. זי האָט זיך פעסטער איינגעהילט אין דער פאַטשיילע. זי האָט אַרויפגעקוקט צו איר פענצטער, און דאָך האָט זי געזען דאָס פלעשל „מאַנאַפּאָלקע" וואָס וואַצלאַוו האָט געהאַלטן אויסגעשטרעקט צו איר.

„נאַ, כאַפּ אַריין אַ זופּ. ס'עט דיך מאַמענטאַלנע אָנוואַרעמען. דו ציטערסט דאָך, אַרעמע שוואַלב", האָט זי אים געהערט זאָגן.

„נעמסט אַוועק דאָס פאַרשאָלטענע פלעשל פון איר, צי נישט?" האָט וואַ־צלאַווס ווייב זיך ווידער אָפּגערופן. זי האָט זיך אַ בייג געטאָן צו הינדעלען: „קוק דיך נישט אום אויף אים", האָט זי געזאָגט ווי זי וואָלט וועלן באַרויקן הינדעלען. „ער זשליאָקעט היינט דעם גאַנצן טאָג".

„דיין וואַנדע האָט דאָס שענסטע קול וואָס איך האָב ווען נישט איז געהערט", האָט הינדעלע, אַ דאַנקבאַרע, געענטפערט און זיך באַמיט צוריק אַריינצוקריכן אין איר אייגענער הויט.

„און דו האָסט די שענסטע אויגן וואָס איך האָב ווען נישט איז געזען!" האָט וואַצלאַוו אויסגערופן צו הינדעלען. „און די שענסטע נשמה אויף אַ צולאָג!"

דער עולם אַרום האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ הילכיק געלעכטער. דאָס זינגען איז איבערגעריסן געוואָרן. וואַנדע האָט אַדורכגעשפּיזט איר טאַטן מיט בליקן פון עקל און שינאה. זי איז געווען אַ שיקסל אַ פייער. ביי אירע פערצן יאָר האָט זי שוין פאַרמאָגט אַ פולן רייפן בוזעם, רונדיקע צעוויגטע היפטן און האָט זיך געקליידט אין קליידער, אויערריגנען און קרעלן ווי אַ רייפע פרוי וואָס באַווייזט זיך מיט איר שיינקייט. אָבער נאָך מער ווי מיט איר שיינקייט האָט וואַנדע ליב געהאַט זיך צו באַווייזן מיט איר קול. ווו זי איז געגאַנגען, איז איר צעזונגען קול איר פאַרויסגעלאָפן ווי דער קלאָרער איידעלער קלאַנג פון אַ פלייט. איצט, אַז איר פאָטער האָט איר איבערגעהאַקט אין מיטן זינגען, האָט זי זיך, אַ באַליי־דיקטע, אָפּגעקערט פון דער גרופּע פאַר מאַנקעס שוועל, גענומען צוויי פון אירע חברטעס פאַר די טאַליעס און אַוועקגעוואַנדערט מיט זיי. אַ גרופּע שקצים איז זיי נאָכגעגאַנגען.

אַנשטאָט דעם פלעשל „מאַנאַפּאָלקע" האָט הינדעלע איצט דערזען אַ טעלער

מיט קיכלעך גלייך אונטער איר נאָז. וואַצלאַוו האָט זי מכבד געווען און געשמיי־כלט, „טאָ נעם עפּעס פון טעלער, הינדעלע. נו, זיי נישט אַזוי שעמעוודיק".

מאַנקע האָט אים אַרויסגענומען דעם טעלער פון דער האַנט און האָט אַוועק־געשטופּט זיין אָרעם. „לאָז זי צו רו. ד'ווייסט נישט, אַז זי איז כּשר?"

„צום טייוול מיט דיר, מאַנקע!" האָט וואַצלאַוו אויסגערופן. „בין איך דאָך געווען גערעכט, איר צו דערלאַנגען דאָס פלעשל! מאַנאָפּאָלקע איז כּשר, אמת, הינדעלע?"

„אַ ייִדענע האָט אַזוי אויך אַ שוואַכן קאָפּ, פּאַניע פּייער־קאָמענדאַנט", האָט הינדעלע געפּרוווט אַ שפּאַס טאָן, הגם אַ צאָן אַן אַ צאָן האָט ביי איר געקלימ־פּערט. „אונדזערע ווייבער רירן נישט אָן אַט אַזעלכעס..."

„אָבער דו ביסט דאָך נישט קיין ווייב!" האָט וואַצלאַוו אויסגערופן. „דו ביסט דאָך אַ מלאך!"

מאַנקע האָט זיך אומבאַקוועם געדרייט אויף איר געזעס. אָבער קיינער האָט וואַצלאַוון נישט געקאָנט אַריינזאָגן, אויסער זיין ווייב. האָט זי זיך צוגעבויגן צו איר און עפּעס אַ פליסטער געטאָן אויף איר אויער. די גויע האָט אַרויס־געפּלאַצט קעגן איר מאַן: „אפשר וועסטו לאָזן מענטשן האָבן אַ ביסל פאַר־געניגן, דו אַלטער עובר־בטלניק, האַ, זאָל דיך דער טייוול נעמען. צי ד'ווילסט, אַז מ'זאָל זיך שוין אָפּטראָגן פון דאַנען?"

„כ'וויל איר זאָלט זיך שוין אָפּטראָגן פון דאַנען!" האָט וואַצלאַוו זיך צערע־וועט, אָבער אָן אמתן כּעס. „איך לאָז אייך האָבן אייער ביסל פאַרגעניגן. איר לאָזט מיך נישט!" מיט אַ מאָל איז ער ערשט רעכט צעקאָכט געוואָרן, האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף די פיס און האָט אויסגערופן: „יאָ, פאַר וואָס גייט איר נישט אַלע צום טייוול, די כאָלערע זאָל אייך נעמען, איר לויזיקע כאַליאַסטרע פון צעגראַגערטע אייזלקעפּ!" ער האָט גענומען צילעווען מיטן פלעשל אויף מאַנקעס געזעס.

הינדעלע איז אויך אויפגעשפּרונגען אויף די פיס. „אַ גוטע נאַכט... אַ גוטע נאַכט..." האָט זי אַ צעפּלאָטערטע געשטאַמלט.

וואַצלאַוו האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם. „איר זעט, איר'ט זי אָפּגעשראָקן!" האָט ער געוועט צו די פאַרזאַמלטע. סלינע האָט געשוימט אין זיינע מויל־ווינקלען. „איר שמוציקע באַנדע חזירים, צוריק אין אייערע חזיר־שטאַלן!" ער האָט סטראַשענדיק געפאָכט מיטן פלעשל אין דער האַנט, דערנאָך האָט ער אַ בליק געטאָן אויף הינדעלען. „זעץ דיך!" האָט ער זי אַראָפּגעשטופּט אויף איר געזעס.

זי האָט זיך געוויגט אויפן געזעס און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר פענצטער. די אַנדערע געסט האָבן זיך אויפגעשטעלט, אונטערגעאיילט פון מאַנקען און פון וואַצלאַווס ווייב. פּאַמעלעך האָבן זיי זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג

פון געסל. וואַצלאַווס ווייב האָט זיך פאַרהאַלטן און אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו וואַצלאַוון. „נו, קום שוין, דו אומגליקלעכער סקונדרעל איינער! הער אויף צו מאַכן ס׳געלעכטער פון זיך!"

„דו גיי דיר אַליין דיין וועג, אַלטע קו, זאָל דיך די כאָלערע אַוועקטראָגן אין דער אייביקייט אַריין!" האָט וואַצלאַוו הייטער צוריקגערופן, צופרידן מיט זיך. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פריערדיקן אָרט אויף דער ערד, זייער נאָענט צו הינדעלען. ער האָט געגלאָצט אויף מאַנקען מיט אַ פּאָר מענטשן־פּרע־סערישע אויגן. „דו גיי ליבערשט אויך אַריין צו זיך!" האָט ער אויסגערופן צו איר. „ד׳זעסט נישט, אַז איך וויל רעדן מיט איר אויג אויף אויג?" האָט ער אַ טרייסל געטאָן הינדעלען פאַרן אַקסל.

מאַנקע האָט זיך אָנגענומען מיט מוט זיך אים אַנטקעגנצושטעלן. „דאָס איז מיין כּודאָבע!" האָט זי צו אים צוריקגעשריגן. „און איך וועל טאָן וואָס מיר געפעלט! דו גיי בעסער דיין וועג און לאָז די זשידאָווקע צו רו!"

וואַצלאַוו האָט געוואָרפן אַ בליק אויף הינדעלען. ער האָט אויסגעזען רויִק, אַנטשפּאַנט און... ניכטער. ער האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ פאַרענדערט קול. „וואָס האָסטע אַזוי מורא, נאַרישע מאַנקע? איכל איר נישט קיין עוולה טאָן, פאַרלאָז דיך אויף מיר. אַלץ וואָס איך וויל איז רעדן צו איר ווי... אַ מענטש".

מאַנקע האָט ענערגיש געטרייסלט מיטן קאָפּ: „אַז דו כלייעסט דיך אָן, ביסטע אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט קיין מענטש".

„טאָ ווי אַזוי האָסטע געוואָלט, אַז איך זאָל פאַרטרייבן די גאַנצע כאַלאַסטרע, האַ? און דו, מאַנקע, זיי אַ גוטע קומע און גיי דיר געזונטערהייט אין דיין שטוב אַריין". וואַצלאַוו האָט איר אַ ווייז געטאָן די טיר מיט אַ גאַנץ העפלעכן שאָקל מיטן קאָפּ.

מאַנקע האָט זיך געוואַקלט וואָס צו טאָן. דערנאָך איז זי מיט אַן אַנטשלאָסענעם באַוועג פון די אַקסלען אַריין אין דער כאַלופּע. נאָך אַ פּאָר מינוט האָט זיך איר פיגור צוריק באַוויזן אין שאָטנדיקן ווינקל פון דער אָפענער טיר. זי האָט געהאַלטן אַן עמער מיט וואַסער אין דער האַנט, גרייט יעדער רגע אים אַ גיס צו טאָן איבער איר קוזינס, וואַצלאַווס קאָפּ.

„וועגן... וועגן וואָס ווילט איר רעדן מיט מיר, פּאַניע פּייער־קאָמענדאַנט?" איז הינדעלען געלונגען אַרויסצוברענגען מיט אַ היסטערישן שטאַמל.

„וועגן אַלצדינג!" האָט וואַצלאַוו געענטפערט מיט אַן אַנגעלאַדנט קול.

זי האָט געקרעכצט: „איך בין אַ נאַרישע יידענע, פּאַניע פּייער־קאָמענדאַנט. איך בין... איך בין נישט מער ווי אַ גאַרנישט... אַ שטויבעלע... איך בין..."

„דו ביסט", האָט ער צוריקגעפליסטערט, „ביסט דער מלאך פון רחמים... ד׳זעסט אויס ווי די יונגפרוי מאַריאַ אין טאָג פון דער קרייציקונג. יאָ, כ׳וואָלט געקאָנט שווערן. די מוטער מאַריאַ איז געווען אַ זשידאָווקע, אמת? זי איז נישט

געזעסן אַן אויסגעפּוצטע אין אַ קאַשטשאָל, אמת? אין אַ פּאַטשעיאָוו איז זי געזעסן און געהאַנדלט מיט גאַלאַנטעריע. און זי האָט זיך נישט איבערגענומען מיט די רייד פון אַזעלכע צבועקעס ווי מיין ברודער, דער גלח, נאָר האָט געהאַט אַן אָפן אויער און אַן אָפן האַרץ פאַר אַזעלכע אומגליקלעכע באַשעפענישן... ווי איך". ער האָט זיך צעיאָמערט.

הינדעלע האָט נישט געוווסט וואָס מיט זיך אויפצוטאָן. זי האָט מיט די אויגן געזוכט מאַנקען אין דער טיפעניש פון דער כאַלופּע, אָבער האָט זי נישט געקאָנט זען פון דאָרט ווו זי איז געזעסן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער פּאַטשיילע מיטביידע הענט, און זי צוריק אַראָפּגעשלעפּט אויף איר אָרט. פּלוצעם האָט זי אים דערזען אויף די קני, פאַר איר. „בלייב... זיץ נאָך אַ פּאָר מינוט", האָט ער זיך ביי איר געבעטן. „האָב רחמנות אויף מיר, הינדעלע. ווען דו קוקסט אויף מיר... פיל איך מיך גוט, זויבער". זי האָט זיך ווידער געפּרוווט אויפצושטעלן. ער האָט זי צוריקגעהאַלטן. „זיץ, האָב איך געזאָגט!" ער האָט געיאָמערט.

זי האָט זיך גובר געווען און געענטפערט מיט אַ זיכער קול: „אָבער אויב דער פּאַן פייער־קאָמענדאַנט וויל זיין גוט... טאָר ער מיך נישט אַזוי איבערשרעקן, און מיך נישט לאָזן צוריקגיין צו מיינע קינדער. איר... איר ווייסט, אַז איך האָב אַ קראַנק יינגל".

„איך שרעק דיך איבער? איך בין נישט גוט צו דיר?" ער האָט אויפגעהויבן צו איר די טרעריקע אויגן.

הינדעלע האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון ווי לעכערלעך, ווי קאָמיש זיי האָבן ביידע אויסגעזען. אָבער עס האָט זיך איר ווייט נישט געגלוסט צו לאַכן. „אַוודאי... אַוודאי..." האָט זי געמורמלט, „איר שרעקט מיך שטאַרק איבער".

„זאָג מיר ווי אַזוי? זאָג מיר! ווייל איך וויל קוקן אויף דיין גוט פּנים און דיינע אויגן... און אַנוואַרעמען אַ ביסל מיין געפרווירן האַרץ... ווייל איך וויל זיין נאָענט פון דעם ליכט וואָס שטראַלט אַרויס פון דיר?"

„אָבער... אָבער, פּאַניע פייער־קאָמענדאַנט. איר ווייסט נישט וואָס איר רעדט... איך בין פול מיט חושך..." אירע אויגן זיינען איבערגעלאָפן.

„דו ביסט מיין גוט ליכט", האָט ער איבערגעחזרט.

„נישטאָ קיין גוט ליכט אין מיר", האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אויך זי וואָלט געווען שיכור. „איך בין אַ יידענע מיט אַ צעבראָכן האַרץ... אַ שטויבעלע ערד... אַן אומגליקלעכע מיאוסע זשידאָווקע, ווען דו קאָנסט צעטרעטן מיט דיינע שטיוול... ווען עס גלוסט דיך..."

„דו ביסט די שענסטע הייליקע פּאַננע מאַריע..."

„באַליידיקסט מיך... באַליידיקסט זי מיט דער פאַרגלייכעניש".

„ביסט אַזוי הייליק, אַז עס מאַכט מיך אַזש וויינען", האָט ער ווייטער געיאָ־

מערט. „כ'וואָלט אָפּגעגעבן מיין לעבן פאַר דיר... גלייך דאָ אויפן אָרט. אָט די רגע. הייס מיך נאָר. הייליקע מאַריע, ראַטעווע מיך...״ זיינע אַקסלען האָבן זיך גיך געטרייסלט.

„איך קאָן קיינעם נישט ראַטעווען... אַפילו נישט מיין קינד... אַפילו נישט זיך אַליין״, האָט זי געפּרעפּלט מיט אַ גייוויער. „ד'זעסט נישט, אַז איך בין אין דיינע הענט? יאָ, דו האָב בעסער רחמנות אויף מיר, אויף מיינע קינדער און לאָז מיך גיין. איך בעט אייך, פּאַניע פייער־קאָמענדאַנט, פּייניקט מיך נישט אַזוי״.

זי האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט, זיך געטרייסלט אין ספּאַזמען. דאָס מאָל האָט ער זי נישט צוריקגעהאַלטן, אָבער האָט זיך אויך אויפגעשטעלט.

„קאָנסט נישט בלייבן דאָ מיט מיר נאָך אַ ביסל?״ האָט ער זי אָנגעקוקט מיט געבעט אין די פאַרלאָפענע אויגן, דאָס פּנים אויסגעקרימט אין אַ משונה־דיקער גרימאַסע. זיינע העטמאַנסקע וואָנצעס זיינען צעשויבערטע אַריבערגעהאַנ־גען איבער זיין מויל און גאָמבע.

„כ'בין שוין סיי ווי דאָ צו לאַנג געזעסן״, האָט זי אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט אַ ברעג פון איר פאַטשיילע. „טרינקט נישט אַזוי פיל, פּאַניע פייער־קאָמענדאַנט. ניכטערערהייט ט'איר זען ווי די זאַכן זעען באמת אויס און איר'ט לאַכן פון זיך פאַרן האָבן געזאָגט דאָס אַלץ וואָס איר האָט מיר היינט אָוונט געזאָגט״.

„נישט אמת, הינדעלע״, ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און איר נאָכגעגאַנגען ווען זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט צו שטעלן אַ פּאָר שריט אַוועק פון אים, אין דער ריכטונג פון איר כאַלופּע. „איך טרינק מיך אָן, ביז איך ווער אמתדיק ניכטער, נישט שיכּור. פאַרשטייסט, קליינע קאָביטקע? דעמאָלט זע איך ווי די זאַכן זעען באמת אויס. ווייל נישט דער טייוול וואָס זיצט אין מיר איז אַזוי דאָר־שטיק, פאַרשטייסט, נישט דער טייוול, נאָר... נאָר...״ ער האָט זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט דער פּאָלע פון זיין אויפגעקנעפּלטן מונדיר. טרערן האָבן נישט אויפגע־הערט צו וואַשן אים דאָס פּנים. „איך בין אַזאַ אומגליקלעך באַשעפעניש... אַזאַ פאַרשאָלטענער, פון גאָט־פאַרלאָזענער בענקאַרט...״ — און ער האָט אַוועקגע־דרעפּטשעט מיט אַ צעוויגטן טראָט און פאַרשוווּנדן אין דער טיף פון געסל.

מאַנקע איז אַרויסגעקומען און אַוועקגעשטעלט דעם עמער מיט וואַסער לעבן איר טיר. „מיט אָט דעם עמער וואָלט איך אים אויסגעניכטערט״, האָט זי זיך געקאָכט און זיך געטרייסלט פון כּעס. „אַזאַ קונדעל!״

הינדעלע איז נישט בכּוח געווען איר צו ענטפערן. זי האָט קוים־קוים אַ פּאַכע געטאָן מיט דער האַנט און איז אַריין צו זיך אין הייזל.

זי האָט פאַרריגלט דאָס שלאָס אין איר בוידעמשטיבל און צוגערוקט דעם טיש צו דער טיר, זי צו פאַרבאַריקאַדירן.

„איך מוז עפּעס טאָן... עפּעס טאָן...״ האָט זי אַ צעטומלטע נישט אויפגעהערט צו מורמלען צו זיך.

זי האָט זיך געפילט שוואַך. דער געזאַלצענער הערינג האָט נאָך אַלץ איר געברענט ביים מאָגן. זי איז צו צום פענצטער און געגומען פּאַכען זיך אין פּנים מיטן ברעג פון דער פאַטשיילע, נישט בכּוח זיך צו באַרויִקן. וואָס האָט זי געדאַרפט טאָן? וואָהין האָט זי געדאַרפט אַנטלויפן מיט אירע קינדער? נישט פאַראַן געווען קיין אָרט וווּ זיך צו באַהאַלטן פון דער סכּנה וואָס האָט געלויערט... זי האָט אַ קראַנק קינד. זי מוז בלייבן דאָ, אויפן אָרט. און זי, שוואַכע ייִדענע וואָס זי איז, האָט געמוזט מאַכן אַ שווייג וועגן דעם גאַנצן ענין. ווייל דאָס אַלץ איז געווען איר אייגענע שולד. זי האָט זיך אַריינגעלאָזט אין שמועסן מיט וואַצלאַוון, געווען צו פריינדלעך מיט אים, הגם איר שכן אויפן פּאַטשעיאָוו, יאָסעלע אַבעדאַלע, האָט זי געוואָרנט וועגן וואַצלאַוון. אפשר האָט זי געדאַרפט טאַקע אַ פרעג טאָן יאָסעלען וועגן דער זאַך? יאָסעלע איז געווען אַ קלוגער ייִד און אַ שטאַרקער אויך. אַזוי פיל מענטשן האָבן זיך מיט אים אַן עצה געהאַלטן ווען עס איז געקומען צום אומגיין זיך מיט די גויים. די גויים האָבן אים גערן געהאַט... אָבער ער האָט נישט אויסגעזען צו זיין אין גוטע באַציונגען מיט וואַצלאַוון. און צו יאָסעלען איז געווען שווער צו רעדן, בפרט פאַר אַ ייִדענע. ניין, זי וועט נישט רעדן מיט אים, און נישט מיט קיינעם.

אייגנטלעך איז נישט געווען וואָס צו רעדן, וואָס צו דערציילן. סוף־כּל־סוף האָט וואַצלאַוו איר גאָרנישט געטאָן. ער האָט בלויז געפּלאַפּלט. זי האָט איבער־געטריבן די גאַנצע זאַך, געוואָרן היסטעריש צוליב איר מידקייט. זי וועט זיכער וויסן ווי בעסער זיך אומצוגיין מיטן גוי דאָס קומענדיקע מאָל. זי וועט פון אים פּטור ווערן און דער אייבערשטער וועט איר העלפן. וועמעס הילף קאָן סוף־כּל־סוף זיך גלייכן צו זיינער? זי איז נישט געווען אין קיינעמס הענט, נאָר אין דעם אייבערשטנס. האָט זי טאַקע נישט געהאַט פאַר וואָס זיך צו שרעקן, נאָר האָט געדאַרפט זיין האַפּערדיק. און דער אייבערשטער ט'זיכער זיך אויסלאַכן פון איר מאַכן אַזאַ באַריערע מיטן טיש לעבן דער טיר. וועט זי טאַקע גלייך דעם טיש צוריקרוקן אויף זיין אָרט, כּדי די קינדער זאָלן זי נישט פרעגן קיין קשיות אין דער פרי, און זי וועט אומזיסט באַלאַסטיקן זייערע הערצער מיט זאָרג.

שטילערהייט האָט זי צוריקגערוקט דעם טיש. דאָך האָט זיך יעקב אויפגע־וועקט, זיך אויפגעזעצט אויפן גלעגער און געריבן די אויגן. „דאָס ביסטו, מאַמעשי?" האָט ער געפרעגט.

„אַוודאי איך", האָט זי געשטאַמלט. „ווער דען?"

„ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז דער אַשמדאַי איז אַריינגעשפּרונגען דורכן פענצטער און האָט אַזוי הויך אַראָפּגעריסן דאָס קלייד פון דיר, אַז עס האָט מיך אויפגעוועקט".

„אַראָפּגעריסן דאָס קלייד פון מיר?" איר האַרץ איז איינגעפרוירן. זי האָט

מיט אַלע כּוחות זיך באַמיט צו הערשן איבער זיך. „אַ חלום איז אַ נאַר, ד׳ווייסט גאַנץ גוט״.

ער האָט זיך ברייט צעשמייכלט בעת ער האָט אין דער טונקל זי געזען אַריינ־קריכן אין בעט. „אַ שאַד וואָס עך בין שוין אַזוי גרויס, אַז עך טאָר נישט מער אַריינקריכן צו דיר אין בעט אַריין״, האָט ער געזאָגט און זיך צוריקגעלייגט.

„וואָס זאָגסטע עפּעס ׳אַ שאַד׳?״ האָט זי ווייך באַמערקט. „ד׳האַלטסט ביים ווערן אַ יונגער־מאַן, מירצעשעם... האָסטע נישט וואָס צו באַדויערן״.

3

עס האָט יעקבן אויסגעזען מאָדנע. זומער און ווינטער האָבן געדויערט די זעלביקע לענג פון צייט, דאָך איז אים אויסגעקומען, אַז דער זומער איז פאַר־שוווּנדן גיכער ווי דער ווינטער. בפרט דער היינטיקער זומער איז פאַרבייגעפלויגן ווי אַ קורצער חלום, בעת די נשמה האָט זיך פאַמעלעך צוגעוויינט צום פאַרלוסט פון טאַטן. איידער יעקב האָט זיך אומגעקוקט, איז אַ יאָר געווען פאַרביי. עס איז געווען נאָך די ימים־נוראים. סוכּות. און אַט איז געווען שׂימחת־תּורה, דער וווּנדער־לעכער טאָג אויף וועלכן אַלע חדר־ייִנגלעך האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט. זיי זיינען דאָך געווען פּרינציפּאַלנע אַנטייל־נעמערס אין דער שׂימחה.

די שול איז געווען פול געפּאַקט. מען האָט זיך געריסן איבער די הקפות. ווייבער און מיידלעך זיינען אויך געווען אין זאַל אונטן, האָבן געקושט די ספר־תּורות. גרויס און קליין האָט זיך געדרייט אין אַ קאַראַהאָד. די ייִנגלעך האָבן שטאָלץ געהויבן די פּאַפּירענע פענער, פאַרשטאָכענע אין רויטע צוקער־עפּל פון וועלכע אַנגעצונדענע ליכט האָבן פריילעך אַרויסגעפינטלט. ר׳ פּייוועלע דער מילנער האָט געבראַכט צו פירן משקה מיט וויסן לעקעך, מיט האָניק־לעקעך, מיט צוקערלעך און ניס. חסידים זיינען געוואָרן בגילופין און האָבן געבראָכן גלעזער. ר׳ לייבעלע יאָפּצאָק־פּרעסער, דער שמש, ווען נאָר די פרומקייט און די אָרעמקייט האָבן אָפּגעהאַלטן פון ווערן אַ פאָלנער שיכּור, האָט טאַקע אַריינגע־כאַפּט די אמתע כּוסע. ער איז געווען היימיש און גוט־ברודעריש מיט יעדן און האָט זיך געפירט מעשה גאַסטגעבער.

„ר׳איז גוט צוצולייגן צו אַ געשוויר״, האָבן געזאָגט די ווייבער וואָס זיינען געקומען קוקן אויף די הקפות.

באמת, גאַנץ באַטשאַני איז היינט געווען איין פריילעכע משפּחה, געאייניקט אַרום איר גרעסטן אוצר, די הייליקע תּורה, וואָס האָט אַנגעגעבן אַ זינען דער וועלט. אַלע ייִדן זיינען געווען ברידער, דעם אייבערשטנס קינדער, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן די תּורה, וועלכע האָט פון איר זייט זיי אויפגעהאַלטן ביים לעבן. דערפאַר האָבן זיי נישט געהאַט פאַר וואָס מורא צו האָבן. ווייל די תּורה איז

געוועז זייער פּאַנצער און שילד. אַט די אַלע געפילן, אַט די דערהויבענע פרייד האָט זיך קלאָר געלאָזט אַראָפּלייענען פון די פּנימער פון עולם. אָבער צום בולטסטן און צום שענסטן האָט מען זי געקאָנט זען זיך מאָלן אויפן פּנים פון יונגן רב, וועלכער האָט, פאַרהילט אין זיין טלית, געטאַנצט מיט דער ספר־תורה איבערן אַקסל און האָט אויסגעזען סיי בכבודיק און שטאָלץ ווי אַ כהן־גדול, סיי גליקלעך און פאַרחלומט ווי אַ חדר־יינגל.

יעקב און שלום האָבן באַגלייט דעם עולם, געגאַנגען מיט די הקפות, זיך געלאָזט באַשיטן מיט צוקערלעך און ניס, ענטוזיאַסטיש געפּאַטשט מיט די הענט און מיטגעזונגען: „שישו ושמחו בשמחת תורה, ויתנו כבוד לתורה!" די פרייד איז געווען גרויס, די תורה איז געווען זיס און אַלץ איז געגאַנגען כשורה מיט דער וועלט און מיטן רבונו־של־עולם.

דערנאָך האָט יעקב פאַרלוירן שלומען פון די אויגן, אין מיטן פון דער שטופּעניש און גראַטשקע. אָבער ער האָט געפונען אַריהלען, פּישעלע דעם קצבס זונדל, וועלכער איז פאַרבליבן זיין, יעקבס, בעסטער חבר, נישט געקוקט דערויף וואָס יעקב האָט נאָך אַלץ געווייכט פון יעדן מין געשלעג און האָט ליבערשט געוואָלט שפּילן אין „יוסף מיט די ברידער", צי אין „דוד און יונתן", צי אין „דוד און דער מלך שאול".

יעקב און אַריהלע האָבן מיט פאַרקייטלטע אָרעמס געהאָפּסלט, התפּעלותדיק געזונגען און מיטגעטאַנצט מיט די חסידים. דערנאָך האָבן זיי פאַרסאָפּעטע זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ באַנק נישט ווייט פון דעם אָרט ווו ר' סענדערל דער מקובל איז געזעסן אַרומגערינגלט מיט אַ חברה בית־מדרש־בחורים. מיט די פינגער פון דער קליינער בלייכער האַנט האָט ער געקאַמט זיין רייכע זילבערבאָרד; אין דער אַנדערער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קעלישעקל.

„השמים מיינט דאָך אש און מים, פייער און וואַסער", האָט ער געזאָגט צווישן איין זופּעלע בראַנפן און דעם אַנדערן. „די שטערן זענען פייער און די רעשט איז וואַסער. און דאָך איז דער הימל איין שלמותדיקע גאַנצקייט. און די ערד מיטן הימל זענען אויך צוויי קעגנזאַצן און ז'האַלטן זיך דאָך צוזאַמען. דערפאַר האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט, אַז די ערד מיטן הימל זענען ווי אַ טעפּל מיט אַ שטערצל..."

גלעקער האָבן זיך צעקלונגען אין יעקבס קאָפּ. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען! ער האָט דאָס באַנומען! דאָס איז דאָך געווען אַ וווּנדערלעכער אמת! אַריהלע האָט דאָס אויך באַנומען, אָבער זיך אויפגעפירט ווי ער וואָלט דאָס שוין געוווּסט זינט אַ לאַנגער צייט. יעקב איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. אין פּחד, אַז ער וועט פאַרגעסן איבערצוגעבן געטרוי ווי אַזוי ר' סענדערל האָט אַרויסגעבראַכט אַט די וויכטיקע מחשבה, האָט ער זיך אַ יאָג געטאָן צום אַרויסגאַנג. ער האָט געמוזט אַהיימלויפן און איבערחזרן אַט דאָס ווערטל פאַר דער מאַמען און פאַרן ברודער,

וועלכער איז געווען אַזוי זייער קראַנק, און איז שוין זייער לאַנג נישט געווען ביי די הקפות. אַזאַ ווערטל וועט זיי זיכערביידן אויפהייטערן!

אויפן וועג אַרויס, גלייך אין פּאַרהייזל פון דער שול, האָט יעקב זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ מיידל וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען און האָט געהאַלטן אַ קליין מיידעלע פאַר דער האַנט. פון דעם שטויס האָט דאָס קליינע מיידעלע, פאַרהילט אין אַ קנויל שמאַטעס, איינע אויף דער אַנדערער, זיך איבערגעקערט. זי איז אַרויס מיט אַ פאַרטויבנדיקן געשריי. דאָס גרויסע מיידל האָט זיך דראָענדיק אַ בייג געטאָן צו יעקבן.

„ווי זענען דיינע אויגן? ביסט בלינד?" האָט זי גערעוועט אויף אים.

יעקב האָט דערקענט רייזעלען, יאָסעלע אַבעדאַלעס עלטסטע מיידל. „כ'האָב נישט געזען", האָט ער געמורמלט זיך צו פאַרענטפערן.

„דאָס זע איך, אַז ד'האָסט נישט געזען!" האָט זי געשריגן. „האָסט זי דאָך חלילה געקאָנט אָוועקהרגענען!"

זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן און גענומען אַרומטאַפּן איר שוועסטערל וועלכע האָט נישט אויפגעהערט צו גוואַלדעווען. יעקב האָט עפּעס נישט געקאָנט אָט אַזוי אָפּטראָגן זיך. ער האָט צוגעקוקט ווי דאָס מיידל האָט גענומען די קליינע אויף די אָרעמס און זי אונטערגעוואָרפן אויף זיי און זי געוויגט.

„זי האָט זיך עפּעס געטאָן?" האָט יעקב שעמעוודיק אַ פרעג געטאָן.

„און וואָס איז דאָס דיין עסק?" האָט דאָס מיידל געצויגן מיטן אַקסל אָן אויפגערעגטע.

„איך האָב זי אומגעוואָרפן..."

„נו, טאָ ווילסטע אַ גאָלדענעם מעדאַל דערפאַר? טשעפּע דיך אָפּ, כ'בין שוין סיי ווי סיי געקומען צו שפּעט!" האָט דאָס מיידל אויסגערופן אויסער זיך.

דאָס קינד אויף אירע אָרעמס איז דערווייל נייגעריק געוואָרן אויף יעקבס אַ פּאהלעט, און נאָך אַלץ וויינענדיק, האָט עס אויסגעשטרעקט דאָס הענטל זיך אַ שפּיל צו טאָן דערמיט. דאָס מיידל האָט איר אַ שטורכע געגעבן איבערן אָרעם און אָוועקגענומען דער קליינערס האַנט.

„לאָז זי אָנרירן, מיך אַרט נישט", האָט יעקב דערמוטיקט די קליינע מיט די אויגן. „ווי הייסט זי?"

„בינהלע הייסט זי. און אפשר לאָזסטע מיך שוין לעבן!" האָט דאָס מיידל, אַליין נאָענט צו טרערן, געענטפערט. „כ'האָב געוווסט, אַז מ'עט קומען צו שפּעט!" זי האָט אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ און מיט דער קליינער אין די אָרעמס אַריין אין שול.

אויפן הויף, פאַר זיין כאַלופּע, האָט יעקב זיך אָנגעשטויסן אויף שלומען וועלכער איז אַראָפּגעקומען צו לויפן פון די טרעפּן, אַ פאַרווײנטער. ער האָט אַ צי געטאָן יעקבן פאַרן אַרבל, און געשטאַמלט: „קום אַרויף, שנעלער!"

ווען זיי זיינען אַרויפגעקומען אין בוידעמשטיבל, האָט יעקב דערזען הינדע־לען זיצן לעבן אַ קליין בערגעלע, אַ שוואַרצעס, אויף דער פּאָדלאָגע. צוביידע זייטן פון בערגעלע האָבן ליכט געברענט. די שטוב איז פול געווען מיט ווייבער־דיקע ווייבער, און אויך מאַנספּאַרשוינען זיינען אַרומגעשטאַנען אין די ווינקלען. צווישן די ווייבער האָט יעקב דערקענט נעכעלען די געשטופּלטע, שרה־לאהלען, דעם שוחטס ווייב, און אויך בראָנטשעלען די קרעכצערין מיט אַ פּאָר פון אירע קלאָגערינס. די קלאָגערינס זיינען געזעסן אויפן שטרוישעניק אונטערן פענצטער און האָבן געקלאָגט.

דער ברודער איטשעלע איז געווען פאַרביי.

קאַפּיטל פיר

1

וואָכן לאַנג זיינען מער קיין יום־טובים נישט געווען. נאָר גרויקייט, פייכטקייט, קעלט און האָפענונגלאָזיקייט. ביז, ווען דער ווינטער האָט געהאַלטןביים דערגרייכן דעם פראָסטיקן הויכפּונקט, האָט חנוכּה זיך געגעבן אַ דערנענטער צוזאַמען מיט אַ שבת־טאָג. אָט דאָס איז געווען דער יום־טוב וואָס יאָסעלעס קינדער האָבן צום בעסטן ליב געהאַט, צוליבן אָנצינדן די חנוכּה־ליכט, צוליב דעם דריידל־שפּילן, די איינציקע שפּיל וואָס זיי האָבן געהאַלטן, אַז עס לוינט צו שפּילן, און צוליבן חנוכּה־געלט, די פּאָר קאָפּעקעס וואָס יאָסעלע פלעגט זיי אויסטיילן.

יאָסעלע איז געווען אַוועק אין די דערפער. עס איז שוין געוואָרן אַ סדר אַזאַ ביי אים, יעדן דאָנערשטיק צו לאָזן די עלטסטע מיידלעך אין קרעמל, און אַליין, מיט אַ זאַק קאַלך און קרייד אויף די פּלייצעס אַרומצוּוואַנדערן איבער די דער־פער אין דער געגנט פון באָטשאַני.

די קינדער זיינען געווען אומגעדולדיק און זיך היינט נישט געקאָנט דער־וואַרטן אויף אים. צום מזל איז היינט געווען פרייטיק און די קראָמען האָבן זיך פרי געשלאָסן. האָבן די מיידלעך געשלאָסן יאָסעלעס קרעמל נאָך אַ ביסל פריִער און זיי האָבן זיך אַלע אַרויסגעלאָזט אַנטקעגנגיין יאָסעלען אויפן ברייטן טאָפּאָליע־וועג. אַ טומלדיקע, פריילעך־צעפּלאַפּלטע כאַליאַסטרע זיינען זיי געווען, באַקליידט אין ווינטער־שמאַטעס, די קעפּ צעשויבערט, אין פאַרפּלאָנטערטע קאָלטנס, די רויטע, פון־פראָסט־צעביסענע פּנימער אויסגעשמירט מיט שמוץ און בלאָטע, די פיס אין אָנפאַרמיקע איבערבלייבענישן פון אַמאָל־געוועזענע שיך, אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס. די עלטערע האָבן געשלעפּט די ייִנגערע פאַר די הענט. און אַזוי צעגראַגערט, צעשריגן, ווישנדיק די רינענדיקע נעזער מיט די אַרבל, איז מען האַלב געגאַנגען, האַלב אונטערגעלאָפן אויפן וועג.

ביז פייגעלע, די לעבעדיקסטע און אומגעדולדיקסטע פון זיי, האָט אויסגעע־רופן: „דער טאַטשי גייט!" זיי זיינען אַלע פאַרשטומט געוואָרן, שעמעוודיק זיך געשאַרט פאָרויס, צוריקגעהאַלטן, ביז זיי זיינען שטיין געבליבן אַ פּאָר טריט פון יאָסעלען.

יאָסעלע האָט זיך אַ בייג געטאָן פאָרויס, כּדי זיי בעסער צו זען מיט די

שוואַכע אויגן. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט און אָנגענומען זיין געוויינט־לעכן, ענערגישן גאַנג. דאָס האָט גורם געווען, אַז די יינגסטע, בינהלע, זאָל אָנהייבן אונטערלויפן מיט קליינע שריטעלעך, זיך אויסגליטשן, אומפאַלן, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל.

נאָך אַ פּאָר מינוט מאַרשירן אין שווייגן, די קינדערס קעפּ שעמעוודיק אויפגע־הויבן צו אים, האָט יאָסעלע לעבעדיק אויסגערופן: „נו, טאַ וואָס האָט עץ עפּעס אויפגעטאָן, לאַבוסעס, ווען דער טאַטע ז׳ביש געווען אין דער היים, הע?״ זיינע אויגן האָבן זיך קודם פאַרהאַלטן אויף הערשעלען.

הערשעלע איז רויט געוואָרן, גענומען צופּן אַ פּאה. „כ׳קען די סדרה פון דער וואָך ווי אַ וואַסער, טאַטשי, און כ׳האָב זיי פאַרציילט... די גאַנצע מעשׂה פון... פון חנוכּה האָב עך זיי פאַרציילט״, האָט ער אָנגעוויזן אויף די שוועסטער. „און...״

„און איך האָב פאַרשלאָסן די קראַם און דאָס גאַנצע מיסט אַוועקגעקערט פון דער טיר!״ האָט די עלטסטע, רייזעלע, אים איבערגעריסן און זיך באַרימט.

„און איך בין אַהיימגעלאָפן אויסקערן די שטוב און כ׳האָב אויסגעקערט בראַנטשעלע דער קרעכצערינס שטוב אויכעט!״ האָט רחלע אויסגערופן.

„און איך האָב אַרויסגעטראָגן ס׳פּאָמעשאָף און אַוועקגעטראָגן אונדזערס און טויבע־קריינדעלעס טשאָלנט צום בעקער!״ האָט פייגעלע זיך אויך באַרימט.

„און איך האָב איר איינגעוויגט ס׳קינד!״ האָט איר צווילינג־שוועסטער, מאַשעלע, זיך אָפּגערופן.

„איך אויכעט! איך אויכעט!״ האָבן די יינגסטע, דבורהלע און בינהלע, זיך צעשריען.

קודם האָט יאָסעלע דערלאַנגט פּעטש רייזעלען און רחלען פאַר האָבן גע־שלאָסן די קראַם צו פרי. וואָס שייך די איבעריקע קינדער, איז וואָס זיי האָבן נישט געהאַט געטאָן, האָט אויף אים קיין רושם נישט געמאַכט. ער האָט זיי געצויגן פאַר די אויערן, פאַר די נעז און דערלאַנגט שטורכאַקעס אויף רעכטס און אויף לינקס.

די קינדער האָבן די קלעפּ אָנגענומען אין גוטן מוט, אַפילו מיט אַ מין הייטערקייט און התלהבות. עס איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז מיט די קלעפּ... איז דער טאַטע אויסן געווען זיי צו לאָזן וויסן ווי שטאַרק ער האָט זיך געאיילט אַהיימצוקומען צו זיי, ווי אויסגעבענקט ער איז געווען נאָך זיי, און אַז ער האָט גוט געוווּסט, אַז זיי האָבן אים ליב „מיטן גאַנצן לעבן״, און האָבן קוים געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן, אַזוי אומגעדולדיק זיינען זיי געווען אים צו זען. איז אָנשטאָט צו האַלטן זיך אין אַן אָפּשטאַנד פון אים כּדי אויסצומיידן די שטורכאַקעס, האָבן זיי זיך געשטופּט און געשלאָגן צווישן זיך איבער אַ ברעקל אָרט נענטער צו אים. ווען די אויגן זיינען זיי איבערגעלאָפן מיט טרערן, פון דער קעלט און פון די קלעפּ וואָס זיי האָבן געקראָגן, האָבן זיי גיך אָפּגעווישט די באַקן, גליקלעך צו

האָבן געפילט אויף דער הויט דעם טאַטנס האַנט, ווי זיי וואָלטן נישט באַקומען קיין פּליאַסק, נאָר דעם צערטלעכסטן גלעט. זיי האָבן געטראַכט וועגן חנוכּה־געלט וואָס ער וועט זיי אויסטיילן און אַז ער וועט זיי לאָזן שפּילן אין דריידל.

זיי האָבן אויסגעשטרעקט די הענט צו יאָסעלען צו נעמען די זעקלעך און טאָרבעלעך מיט וועלכע ער איז געווען באַלאָדנט, און האָבן זיך געקריגט און געריסן צווישן זיך, ווייל עס זיינען נישט געווען גענוג קיין פּעקלעך צו טראָגן פאַר יעדן פון זיי. כּדי זיי איינצושטילן האָט יאָסעלע ווידער אויסגעטיילט פּעטש. האָבן זיי זיך איינגעשטילט און גענומען טראָגן די פּעקלעך בשותּפות און בעת־מעשׂה געפּרוווט טרעפן וויפל קאַרטאָפל דער טאַטע האָט געבראַכט אויף לאַטקעס, און אפשר האָט ער געבראַכט צוויי הינדלעך, אַנשטאָט איינס, לכּבוד שבת און חנוכּה, און אפשר האָט ער אויך געבראַכט עפּעס אָנצוטאָן פאַר איינער פון זיי, צי פאַר צוויי.

יאָסעלע האָט באַמערקט זייערע בליקן וואָס האָבן אַרויפגעשטראַלט צו אים פול מיט געטריישאַפט, בעטלענדיק עפּעס ביי אים אַזוי פאַרבענקט, אַז עס האָט אים אַזש אַ צופּ געטאָן אונטערן לעפּעלע. יאָ, ער האָט גוט געפילט ווי זיי האָבן גע־קלעפּט צו אים, אַז זיי האָבן מורא געהאַט צו פאַרלירן אַן אויגנבליק פון זיין אַנוועזנהייט און האָבן אָנגענומען די פּעטש ווי אַ נישטיקן פּרייז וואָס זיי האָבן געמוזט צאָלן פאַרן גוטן געפיל פון זיין לעבן אים. — דאָך האָט ער זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון באַוווסטזיין, אַז אָט די נאָענטקייט, וואָס אויך ער האָט געפילט, איז געווען באַגלייט פון אַ מין אומבאַקוועמלעכקייט אין האַרצן. אָט אַזוי איז דאָס תּמיד געווען צווישן אים און זיינע קינדער. זיי האָבן זיך קיין מאָל נישט געפילט אין זייער אייגענער הויט ווען זיי זיינען געווען צוזאַמען.

יאָ, דער רבונו־של־עולם איז געווען אַ שטרענגער האַר, אַ נוקם־ונוטרדיקער און דעם מענטשן געגעבן אַזאַ שטומע און לאָמע צונג, ווען עס איז געקומען צום צופרידן זיך אַפילו מיט זיין אייגן בלוט און פלייש. שווער געווען צו געפינען דעם טאָן, דאָס לשון צווישן זיך. גוט, פּשוט און קלאָר איז אַלץ אויסגעקומען צווישן יאָסעלען און זיינע קינדער נאָר אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס, צי אַ שבת, צי אַ יום־טוב, ווען אַבעלע דער שוטה איז געווען אין שטוב און געשפּילט די ראָלע פון אַ מין בליץ־אַפּלייטער און יאָסעלע האָט סיי ווי געהאַט אַ גוט געמיט. אָבער צוליב עפּעס אַ פאַרהוילענער סיבּה איז אַלץ אויסגעקומען נאָך פּשוטער און קלאָרער צווישן זיי גראָד ווען יאָסעלע האָט זיך געבייזערט און דערלאַנגט קלעפּ.

„וואָלט דער רבונו־של־עולם מיר כאָטש צוגעשיקט נאָך אַ צוויי בנים...״ האָט יאָסעלע, שפּרייזנדיק אָט אַזוי מיט זיין כאַליאַסטרע, אַ טראַכט געטאָן. „נישט ער האָט מיר צוגעשיקט זעקס מיידן, וואָס מאַרימל קוקט אַרויס אויף מיר פון זייערע לאַשטשענדיקע שליפּיעס. און הערשעלע, דער קדיש מיינער, זיינע שלי־פּיעס גלעטן מיך דען נישט מיט מאַרימלס בליקן?״

ער האָט אָפּגעשטופּט די קינדער פון זיך מיט נערוועזע שטורכאַקעס און געהייסן זיי איילן פאַרויס, ער זאָל זייערע אויגן נישט זען. מחמת הייִנט, ערב יום־טוב, האָט מאַרימל אים אויסגעפעלט מער ווי תמיד און ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם געדאַנק ווי גוט עס וואָלט אים הייִנט געווען ווען זי וואָלט נישט געפעלט.

אַזוי האָט ער מיט די קינדער אַריינגעוואַנדערט אין שטעטל. אָנגעקומען צו דער שול, האָט ער זיך מיט זיי פאַרהאַלטן אויף דער שוועל. ער האָט זיי אַלעמען געהייסן אַרויפלייגן די הענט אויף דער געשניצטער טיר, וועט דער זיידע, עליו־השלום, וועלכער האָט אויסגעצאַצקעט אָט די שיינע שניצערייען, זיי „אָפּגעבן שלום און זיי בענטשן". דער שמש, ר׳ לייבעלע יאָפּצאַק־פּרעסער, איז אַרויסגעקומען אויף דער שוועל. ביידע ייִדן האָבן זיך דערלאַנגט די פינגערשפּיצן פון די הענט און זיך אָפּגעווונטשן אַ גוטן שבת, אַ גוטן יום־טוב, ווי זיי וואָלטן געווען די בעסטע גוטע פריינד.

אָנגעקומען אין היימישן געסל, האָט יאָסעלעס חברה זיך אַ טראָג געטאָן פאַרויס, און אַ באַשימחהטע אָנגעזאָגט די שכנישע קינדער די בשורה: „אונדזער טאַטשי איז שוין דאָ!"

אַריינגעקומען אין דער כאַטע, האָט יאָסעלע זיי אַלע איינגעשפּאַנט אים צו העלפן יום־טוב מאַכן.

דאָס איז געווען אַ שבת און אַ חנוכּה צום געדענקען. יאָסעלע האָט דערלייגט יעדן קינד אַ קאָפּעקע צום חנוכּה־געלט, און ער האָט באמת געהאַט געבראַכט אַ פּאָר הילצערנע טרעפּקעס פאַר דער עלטסטער טאָכטער, רייזעלען, און צוויי קליידלעך פון פּרעדקען, דעם מילנערס גאָספּאָדיניע, פאַר די צוויי צווילינג־שוועסטער, מאַשעלען און פייגעלען. און די גאַנצע צייט אין לויף פון יום־טוב חנוכּה האָט יאָסעלע געהאַלטן די קיך איינגעהייצט.

אָבער ווי נאָר די חנוכּה־טעג זיינען אַריבער, האָט יאָסעלע זיך ווי דערפילט שולדיק פאַר האָבן געבראַכן זיין אייזערנעם באַשלוס נישט צו צעבאַלעווען די קינדער. ער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן פרי לערנען, אַז גאַרנישט קומט אָן לייכט, אַז זיי זאָלן דערקענען די ביטערקייט פון לעבן. וואָס ביטערער, וואָס שווערער — האָט ער געטראַכט — דאָס בעסער. וועט זיי זייער גורל, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן און ער וועט זיי מער נישט קאָנען אויסהאַלטן און באַשיצן — אויסקומען לייכטער און זיסער. אַ שטיק צוליב דעם האָט ער זיי נישט געשוינט די קלעפּ. „פּונקט ווי מען האַמערט אויס אַ שטיק גאָלד", האָט ער זיך געזאָגט, „מוז מען אַריינהאַקן אין אַ קינד, כּדי עס זאָל זיין אַ לייט". און ער איז געווען צופרידן וואָס ער האָט זיך געקאָנט דערלויבן זיי אַזוי צו „פאַרהאַרטעווען". ווייל זיי זיינען אַלע געווען געראָטן אין אים: געזונט, פעסט און האָבן געקאָנט אויס־

קומען מיט אַ לאַך פון אַ בייגל ממש. אַז קינדער ווערן אַ מאָל פאַרשלאָפט מיט קינדערשע חלאָתן, האָט ער געהערט פון די שכנים. זיין חברה האָט נישט געוווּסט פון אַזעלכע זאַכן. און האָבן זיי אַ מאָל אַ ביסל אונטערגעקרעכצט, אונטערגעוויינט, געלעגן אויף דער שוועל, געווען פאַרשניאָשקעט, געהאַט אַ הוסט, צי אַן אויסשיט — האָט ער זיך געמאַכט נישט זען. נישקשה, ער האָט געוווּסט, אַז עס וועט זיי גאָרנישט זיין.

איז אויב יאָסעלע האָט געקאָנט דערלאַנגען אַ קינד קלעפּ ווען עס איז געווען גאָט די נשמה שולדיק, האָט ער דאָס געטאָן מיט נאָך מער ערנצט ווען זיי האָבן זיך פאַרזינדיקט אין זיינע אויגן. אויב זיינס אַ קינד האָט זיך אויפגעפירט נישט ווי ס'באַדאַרפט צו זיין, האָט יאָסעלע געפילט אַ באַשולדיקנדיקן פינגער אָנטייטן אויף אים אַליין, אויף דער נאַכלעסיקער האָדוואָניע וואָס ער האָט זיינע יורשים געגעבן. דאַמאָלסט האָט די שולד פאַר וואָס ער האָט נישט חתונה געהאַט שטאַרק געוווּמען גריזשען אים ביים האַרצן. דערפאַר האָט ער געטאָן אַ גרינטלעך שטיקל אַרבעט ביים אויסמעסטן די שטראָף פאַר יעדן קינדערשן פאַרברעכן. ער האָט אַריינגעצימבלט אויפן זייט־זשע־מוחל מיטן קאַנטשיק וואָס איז געהאָנגען אין דער כאַלופּע אויף אַן אָנזעעוודיק אָרט אויף דער וואַנט. און אויב איז אים בעת־מעשה באַפאַלן אַ ביטער רחמנות, סיי אויף זיין קרבן, סיי אויף זיך, האָט ער אים פאַרשריגן מיט די פאַרסאַפּעטע שטראָפּרייד מיט וועלכע ער האָט באַגלייט די קלעפּ.

גלייך נאָך חנוכּה האָט זיך געמאַכט די געלעגנהייט צו דערלאַנגען הערשעלען די אמתע פּאַרציע. דער מלמד ר' שאַפּסעלע האָט צוויי מאָל אין אַ ריי געהייסן הערשעלען „זיך אַריבערלייגן" אין חדר און עס איז נישט געווען קיין ספק ביי יאָסעלען, אַז הערשעלע האָט געהאַלטן ביים אויסגליטשן זיך אינעם לערנען. אַזאַ מעגלעכקייט איז געווען אומדערטרעגלעך צו פאַרנעמען אַפילו בלויז אין דער מחשבה.

יאָסעלע האָט תמיד געשטראָפט הערשעלען מיט אַ באַזונדערן ערנצט. ער האָט באמונה־שלמה געגלייבט, אַז ווער עס האָט געקאַרגט אַ זון דעם קאַנטשיק, דער האָט נישט פאַרדינט צו האָבן אַ זון. נישט נאָר איז אַ זון געווען אַ ייִדנס בענטשונג, נישט נאָר איז אַ זון געווען אַ ייִדנס קדיש, נאָר אַ זון האָט פאַרזיכערט די המשכדיקייט פון דער משפחה און דערמיט די המשכדיקייט פון עם־ישראל בכלל.

הגם ער, יאָסעלע, האָט געהאַט מער ווי איין זאַך פאַרצוּוואַרפן די לומדים, די ווילער־לערנערס, האָט ער דאָך געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז הערשעלע מוז אויסוואַקסן אַ למדן און אפשר אַ מאָל דערגרייכן די מדרגה פון אַ רב. יאָסעלע האָט זיך דאָס געוווּנטשן נישט נאָר צוליב כּבוד, צי צוליב רוחניותדיקע סיבות, נאָר אויך צוליב ערדישע טעמים. ער האָט געוואָלט, אַז הערשעלען זאָל זיין ווילער אין לעבן ווי אים, יאָסעלען, איז געווען. די וועלט האָט סוף־כּל־סוף געהערט צו

די שיינע יידן, די בעלי־תורה. גבירים האָבן זיך מיט זיי משדך געווען און זיי געקאָרמעט און באַקליידט, בעת זיי האָבן פאַרבראַכט די טעג אין לערנען גאָטס וואָרט. מען האָט זיי אָפּגעגעבן כבוד, צי זיי האָבן יאָ געהאַט זכות־אָבות, צי נישט. זיי האָבן געהאַט די דעה אין קהלשע ענינים און האָבן געקאָנט דינען סיי דעם אַלמעכטיקן, סיי זיין פאָלק.

ווען נאָר יאָסעלע האָט באַגעגנט דעם יונגן באַטשאַנישן רב, מיט זיין שיינער שלאַנקער געשטאַלט, האָט יאָסעלע זיך פאַרגעשטעלט זיין הערשעלען אין יאָרן אַרום. אמת, דער יונגער רב איז שוין אַ ביסל צו פיל געווען אַריינגעטאָן אין די הויכע ענינים, וואָס דאָס האָט אים אַ ביסל פאַרחושט געמאַכט און גורם געווען ער זאָל פאַרגעסן וועגן ממשותדיקע ענינים פון דער טאָג־טעגלעכקייט. דאָך האָט ער זיך געזאָרגט פאַר קהל און נישט געווען גלייכגילטיק צו קיינעמס נויט. און אים, דעם רב אַליין, איז גאָרנישט שלעכט געגאַנגען. קהל האָט אים און זיין בני־בית פאַרזאָרגט און באַזאָרגט מיט אַלעם גוטן. מען האָט אים אָפּגעגעבן כבוד און אין זיין זכות האָט מען אַפילו זיין חנעוודיק־פעטינקע ווייבל און זיינע קינדער באַהאַנדלט מיט אָפּשיי.

זיין הערשעלע, האָט יאָסעלע געטראַכט, וועט האָבן די זעלביקע הצלחה אין זיין קהילה. אָבער הערשעלע וועט זיין אַ רב וואָס גייט אויך מיט ביידע פיס אויף דער ערד, ווייל ער האָט דאָך זיכער געירשנט זיין טאַטנס פראַקטישקייט, צוזאַמען מיט זיין טאַטנס פיזישן כוח, זיין טאַטנס „אייזן־שטאַרקן" געדולד און אויסדויער.

און בעצם האָט הערשעלע געוואָלט פאַר זיך דאָס זעלביקע וואָס דער טאַטע, הגם צוליב אַנדערע טעמים. קודם־כל האָט ער געוואָלט נושא־חן זיין ביים טאַטן אין די אויגן; שטאַרק געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל זיך גרייסן מיט אים. שנית, איז אים דאָס לערנען ליב געווען. ער איז געווען אַן אָפּגעהיטענער חדר־יינגל, אַ פאָלגעוודיקער. קיין מאָל איז ער נישט אַנטלאָפן פון חדר צו שפּילן כל־מיני ווילדע שפּילערייען מיט די חברימלעך הינטערן שטעטל, קיין מאָל נישט אַוועק צו די זומפּן זען ווי די באַטשאַנעס כאַפּן זשאַבעלעך, שוין אָפּגערעדט פון גיין אַזש ביז צום סטאַוו; הגם ער איז שטאַרק נייגעריק געווען צו זען אַט דאָס לאַקנדיקע, סודותדיקע אָרט ווו קיילעלע דער משוגענער כלהס אויגן זיינען אַרומגעשווומען אויפן וואַסער; צו זען די וואַסער־ליליעס, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז זייערע ווייסע בלעטער זיינען אין דער אמתן די קאַראַנקאַווע שפּיצן פון קיילעלעס חתונה־קלייד. און קיין מאָל איז ער נישט אַוועק „אונטערן הויף", אַריינצוקוקן דורך די קראַטעס פון פּלויט און זען דעם פריצס זין, די פּאַניטשעס, פאַרביירייטן אויף די ווייסע פערד.

און מיט די אַנדערע חדר־יינגלעך האָט הערשעלע זיך אוודאי און אוודאי נישט געשלאָגן, אַפילו זיך נישט געבערעוועט מיט זיי אויף אַ געלעכטער. מחמת פון טעגלעכן טראָגן עמערס וואַסער פאַר די שכנות, וועלכע האָבן אים באַלוינט מיט

אַ ביסל וואַרעמס, זיינען די הענט און אָרעמס ביי אים שטאַרק געוואָרן, נישט געקוקט אויף זיין נעבעכדיקער פּלעגע. איז ער געווען דער שטאַרקסטער פון זיינע חברימלעך, וועלכע זיינען נאָך אַ געשלעג געלאָפן אַהיים מיט אַ געוויין, פאַרמסרט אים פאַר זייערע טאַטעס וואָס פּלעגן דאָס דערציילן יאָסעלען און גורם געווען די גוט־באַקאַנטע רעזולטאַטן.

חוץ־מזה, האָט הערשעלע געירשנט פון טאַטן אַן אומווילן צו גיין אויף קרומע וועגן און אָפּטאָן לינקע שטיקלעך. ער איז געווען אַ גראַדליניקער, אַ שטייף־נאַקנדיקער, אַ דיסציפּלינירטער, אַזאַ פאַרביסענער, אַז אים האָט מען געקאָנט נאָר צעברעכן, אָבער נישט בייגן. אָן עקשן פונקט ווי דער טאַטע. אָבער גראָד אָט צוליב דער טבע זיינער איז עפּעס אויסגעקומען סיי ביים טאַטן, סיי ביי ר׳ שאָפּסעלען, אַז הערשעלען דאַרפט מען מער פּאַדאָווען ווי יעדן אַנדערן חברה־מאַן — כדי עס זאָל האָבן אַ פּעולה. און הערשעלע, וועלכער האָט געוווּסט, אַז אים האָט מען גיכער געדאַרפט שוינען, ווייל ער איז געווען אַ יתום — האָט מיט אַ מין משונהדיקן שטאָלץ איינגעשטימט מיטן טאַטן און מיטן רבין. אים האָט זיך אַפילו געגומען אויסדאַכטן, אַז דער קאָפּ שטאָפּט זיך ביי אים ממש אויף, נאָך יעדער פאַרציע קלעפּ וואָס ער באַקומט, בפרט ווען דעם טאַטנס פּסק און דעם רבינס פּסק זיינען נישט געקומען אין אַ צו גרויסן צייטאָפּשטאַנד איינער פון אַנדערן.

אַזוי איז טאַקע געשען בעת אָט דעם קאַלטן שפּעט־נאַכמיטאָג, גלייך נאָך חנוכה.

הגם דעם טאַטנס קלעפּ זיינען דאָס מאָל געווען נאָך האַרבערע ווי געוויינט־לעך, האָט הערשעלע זיי אויפגענומען אָן אַ פּיפּס. דאָס לייב איז אים געווען באַדעקט מיט רויטע פּרענגעס, אָבער ער האָט מיט פאַרפּרעסטע ליפּן זיך גיך פאַרקנעפּלט די הייזלעך. די אייגלעך זיינען געווען פול מיט וואַסער, ביז צום איבערגיין — דאָך האָט ער נישט געלאָזט קיין איין טרער. ער האָט געוווּסט, אַז ייִדן אין גלות מוזן זיין שטאַרק, אַז אַפילו דאָס לערנען תורה האָט זיי געמוזט אָנקומען מיט יסורים.

יאָסעלע האָט שווער געפּרייכט נאָך דער פאַרענדיקטער סעסיע פון קלעפּ און האָט זי געשלאָסן מיט דער געוויינטלעכע שאלה: „ד׳עסט נאָך, שייגעץ איינער?״

הגם הערשעלע האָט נישט געהאַט קיין אַנוגג מיט וואָס ער האָט זיך אייגנ־טלעך אַזוי פאַרזינדיקט, האָט ער געענטפערט מיט אַ טרוקן, אַ ביסל הייזעריק קול: „כ׳על נישט מער, טאַטשי״.

„זאָלסטע געדענקען!״ האָט יאָסעלע אויסגעפּירט און צוגעגעבן: „און היינט ביי נאַכט ׳עסטע פאַר אַ שטראָף נישט קריגן קיין שטיקל ברויט מיט הערינג, ס׳ט געהערט?״

„כ׳האָב געהערט, טאַטשי״, האָט הערשעלע געענטפערט ווי אַ סאָלדאַט, אַ קוש געטאָן יאָסעלען אין דער האַנט און גיך געעפנט דאָס צעפליקטע ספר זיינס.

ווייל אויב פעטש האָבן געשאַרפט די תפיסה פון אַ חדר־ייִנגל, האָט מען געמוזט אַריינכאַפּן, ווי לאַנג די פעטש זיינען נאָך געווען פריש. נאָר ביי נאַכט, אויף דער קויקע, אונטער דעם שמאַטעדיקן איבערבעט, האָט הערשעלע זיך געלאָזט ווילגיין און האָט מתפלל געווען: „קום שוין, משיח, שנעלער. ס'טוט וויי אַז מען קריגט געשלאָגן. אַז דו'סט קומען ט'מיך קיינער נישט טאָרן שלאָגן און מ'עט אַלע אויסגעלייזט ווערן".

אויף מאָרגן אין דער פרי איז הערשעלע נישט בכוח געווען אַראָפּצוקריכן פון דער קויקע, אַזוי גיך ווי דער טאַטע האָט אים אַ טרייסל געטאָן פאַרן אַקסל. דער גוף איז אים געווען שווער ווי אַ קלאָדע, באַדעקט מיט רויטע און בלויע שטרייפן פון דעם מלמדס און דעם טאַטנס שמיץ. יאָסעלע האָט נישט געהאַט קיין ברירה, ווי אונטערגיסן אים אַ שעפּ קאַלט וואַסער אונטער דעם שמאַטעדיקן איבערבעט, כּדי אים צו פאַרגיכן דאָס אויסטשוכען זיך. דערנאָך, אַז הערשעלע איז לסוף אויפגעשטאַנען, האָט יאָסעלע אים אויפן ניכטערן מאָגן דערלאַנגט אַזעלכע הילכיקע פעטש, אַז די מיידעלעך האָבן זיך אַזש אויפגעוועקט.

זיי האָבן זיך אויפגעזעצט אויף די קויקעס, אַרומגעהילט זיך מיט די שמאַטעס, צוגעטוליעט זיך איינע צו דער אַנדערער און צוגעקוקט ווי די זאַוויערוכע קערט וועלטן אויף די פאַרפרוירענע שויבן; צוגעקוקט ווי הערשעלע שטאַפּט אַן די געלעכערטע שיך מיט שטיקער פּאַפּיר און שמאַטעס, ווי דער טאַטע צינדט אים אָן דאָס לאַמטערנדל, ווייל דרויסן איז נאָך געווען שטאָק פינצטער. דערנאָך האָבן זיי געזען ווי הערשעלע עפנט די טיר און פליט אַרויס אין דעם שנייִיקן דרויסן; געזען ווי דער טאַטע הייצט איין די קיך, דאַוונט אָפּ און פאַרשווינדט אויך אינעם ווייסן שטורעם, גלייך ווי די טומאה אויפן מאַרקפּלאַץ האָט זיך צעקלונגען מיטן ערשטן „אַניאָל פּאַנסקי".

ווי נאָר דער טאַטע איז אַרויס, האָבן די מיידעלעך אָפּגעזוכט די שטיקלעך ברויט וואָס דער טאַטע האָט פאַר זיי אָפּגעשניטן און זיי האָבן זיך אַלע אויסגע־זעצט אויפן פּיעקעליק. רייזעלע האָט געהאַלטן די ייִנגסטע, בינהלען, אויף איר שויס. רחלע האָט געהאַלטן די צווייט־ייִנגסטע, דבורהלען — אויף אירער. די שוועסטערלעך האָבן געגריזשעט די טרוקענע סקאָרינעס און שטאַרק רחמנות געהאַט אויף הערשעלען און אויפן טאַטן, וואָס האָבן געמוזט אַרויס דרויסן אויף אַזאַ בייז וועטער.

רייזעלע, וועמען די שכנות האָבן גערופן „די חכמת", האָט אַרויסגעלאָזט אַ שווערן זיפץ, פון דעם מין וואָס זי האָט זיך אָפּגעלערנט פון בראַנטשעלען דער קרעכצערין.

„כ'קאָן נישט פאַרשטיין", האָט זי זיך געוואָגדן צו רחלען. „פאַר וואָס דער רבונו־של־עולם איז אַזוי בייז אויף די מאַנען, כאָטש די מאַנען פירן זיך אויף

בעסער צו אים ווי די ווייבער. די מאַנען מוטשען זיך אָפּ אין חדר, דערנאָך אין בית־מדרש. ז׳ווערן דאָך דאָרט פאַרגרינט און פאַרטריקנט. דערנאָך האָבן זיי חתונה און ז׳מוזן נאָך מער דאַווענען און לערנען. און אונדזער טאַטשי מוז נאָך דערצו פאַרדינען די פּרנסה פאַר אונדז. בראָנטשעלע די קרעכצערין האָט טאַקע געזאָגט, אַז שרה־לאהלע די שוחטקע האָט געזאָגט, אַז די מאַנען זענען ווי אַ פאַלק זעלנער ביים אייבערשטן. אַז דער אייבערשטער איז פונקט ווי דער צאַר ניקאָליי און די מאַנען מוזן אים גיין דינען אין פּריזיוו אַריין אויפן גאַנצן לעבן״.

„אוודאי אַזוי״, האָט איינגעשטימט רחלע. רחלע האָט געקאָנט וויינען אויף קאָמאַנדע און האָט שטאַרק ליב געהאַט נאָכצולויפן אַלע לוויות. די שכנות האָבן זי גערופן „אַלט געמיט״. איר באַליבט ווערטל איז געווען „עליו־השלום״, און זי האָט עס אַריינגעבראַקט אַקוראַט דאָרט וווּ מען האָט עס נישט געברויכט. „די מאַנען שאָקלען זיך איבער די גמראס, עליו־השלום. ביי טאָג און ביי נאַכט מוזן זיי זיך שאָקלען אין בית־המיקדש...״

„אין בית־מדרש מיינסטע״, האָט איר רייזעלע פאַרריכט. „דער בית־המיקדש איז אַן אַנדערע זאַך. דער בית־המיקדש איז חרוב געוואָרן״.

„יאָ״, האָט רחלע איינגעשטימט און מיט דער סקאָרינע ברויט אין דער האַנט זיך אבלדיק צעוויגט איבער דבורהלען וועלכע איז געזעסן אויף איר שויס. „דער בית־המיקדש איז חרוב געוואָרן... און די מאַנען שאָקלען זיך אין בית־מדרש איבער די גמראס און זיי מאַכן מיט די לעפצן און שלינגען אַראָפּ דעם גאַנצן קורזש פון די ספרים, עליו־השלום. אונדז דאַרפט מען נישט שלינגען דעם קורזש פון די ספרים, עליו־השלום״.

„ס׳דען ? ז׳ווייסן דען פון אַ לעבן, די מאַנען ?״ איז אָנגעגאַנגען רייזעלע. „און טאָמער דאַרפן זיי עפּעס טאָן, די מינדסטע זאַך, מוזן זיי טויזנט מאָל קלערן : יאָ טאָן, צי נישט טאָן. ווייל אַ ייִד מוז שטענדיק געדענקען אין קאָפּ, וואָס אַ ייִד טאָר טאָן און וואָס אַ ייִד טאָר נישט טאָן. און זיי מוזן נאָך מער מורא האָבן פאַרן אייבערשטן ווי די ווייבער. כ׳האָב אַליין געהערט ווי די רביצין האָט געזאָגט צו שרה־לאהלען דער שוחטקע אין דער ווייבערשול. ׳שווער צו זיין אַ ייִד׳ האָט זי געזאָגט. ווייל וואָס אַ ייִד זאָל נישט טאָן, נעמט ער אויף זיך שטענדיק אַ זינד״.

„איך פרייַ מיך וואָס עך בין נישט קאַ ייִד !״ האָט אויסגערופן די ייִנגערגע שוועסטער, פייגעלע.

„ביסט יאָ אַ ייִד״, האָט רייזעלע איר ערנצט פאַרריכט. „ביסט אַ ייִדיש קינד. אַ ייִדישע טאָכטער ביסטע״.

„כ׳פרייַ מיך וואָס עך בין אַ ייִדישע טאָכטער !״ האָט פייגעלע אויפגעלאָכט און אירע אייגלעך האָבן זיך נחתדיק צעפינקלט. זי איז געווען אַ פריילעך, קוועק־זילבערדיק קינד.

„אוודאי", האָט רייזעלע ערנצט באַשטעטיקט, אַ צי געטאָן פייגעלען צו זיך און זיך פאַרנומען זי אויסצולויזן. „אַ יִדישע טאָכטער איז גאַנץ גוט צו זיין".

רחלע האָט אַראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן ברויט און צוגעשלעפּט צו זיך מאַשעלען. מאַשעלע האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף דבורהלעס בייכל און רחהלע האָט זיך גענומען פונאַנדערקלייבן אין אירע האָר. דאָס אויסלויזן איז צוגעגאַנגען אין שטילקייט. רחהלע און רייזעלע האָבן געאַרבעט מיט התמדה, סלינע איז זיי אַזש געראָנען פון די מיילער. לסוף האָט רחלע זיך אָפּגערופן. „טאָקע אַזוי. קיינעם אַרט נישט וואָס אַ יִדישע טאָכטער טוט. דעם רבונו־של־עולם, עליו־השלום, אַרט אוודאי אויכעט נישט".

רייזעלע האָט זיך פאַרטראַכט. „דאָס ווייס עך נישט". אירע הענט האָבן אויף אַ רגע אויפגעהערט צו זוכן אין פייגעלעס קאָפּ. „שרה־לאהלע די שוחטקע האָט געזאָגט, אַז אונדז, ווייבער, ט'מען זיין פוסנבענקעלעך ביי אונדזערע מאַנען, מ'זאָסטע־לעבן, אין לאַכטיקן גן־עדן".

„אַזוי האָט זי געזאָגט?" האָט פייגעלע אָפּערגעריסן דעם קאָפּ פון אונטער רייזעלעס הענט. אַ לייכטפּיסיקע און פלינקע האָט זי געגעבן אַ שפּרונג אַראָפּ פון פּיעקעליק, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, מיט די הענט אויף דער פּאָדלאָגע, און האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ צו רייזעלען: „אַזוי זעט אויס אַ פוסנבענקעלע, קיק נאָר? אָט אַזוי 'עט מען זיין? און די מאַנען 'עלן האַלטן די פּיס אויף אונדזערע פּלייצעס?"

די צוויי יִנגסטע האָבן זיך אויפגעזעצט, זיך צעכיכיקעט און איבערגעחזרט נאָך פייגעלען: „אָט אַזוי?"

„יאָ... מער ווינציקער אַזוי..." האָט רייזעלע אומזיכער פעסטגעשטעלט.

„אַזוי 'עט מען קניען דעם גאַנצן פעליקן טאָג?" האָט פייגעלע געשטוינט.

„און די גאַנצע פעליקע נאַכט אויך", איז רייזעלע געוועזן געצוווּנגען צו באַשטעטיקן און זי האָט פּאַמעלעך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

„וואָס עפּעס?" האָט רחלע שוין אויך נישט פאַרשטאַנען. „מען שלאָפט דען נישט אין לאַכטיקן גן־עדן, עליו־השלום?"

„ניין. אין לאַכטיקן גן־עדן איז נישטאָ קיין טאָג, נישט קיין נאַכט", האָט רייזעלע אויפגעקלערט.

„וואָס דען איז דאָ?" האָט רחלע געפרעגט.

„גאָרנישט. אייביק איז דאָ".

„אייביק מיינט, אַז ס'איז גאָרנישטאָ?"

„אייביק מיינט, אַז אַלץ איז דאָ און מען דאַרפט מער גאָרנישט".

„אָבער מען דאַרפט זיין אַ פוסנבענקעלע און שטיין אַזוי די גאַנצע פעליקע צייט?" איז פייגעלע אומגעדולדיק געוואָרן און זיך גענומען רייבן די קני. „'עלן דאָך די קניען ווי טאָן און די פּלייצעס אויכעט".

„אין לאַכטיקן גן־עדן טוט גאָרנישט ווײ, עליו־השלום", האָט שוין רחלע געוווסט צו דערקלערן.

„אָבער מ׳עט זיך נישט קענען אויסגלײַכן און מ׳עט קריגן אַ הויקער!" האָט פײַגעלע אויסגערופן מיט אָן אָפּענער אומצופרידנקייט.

„ס׳ט נישט קריגן קיין הויקער, האָב נישט קיין מורא". רייזעלע האָט זיך קלוג צעשמייכלט. „אין גן־עדן נעמט מען צו אַלע הויקערס, אַפילו ביי די אמתע הויקערס און מען שיקט די הויקערס אין גיהנום אַריין פאַר די גויים און די רשע־מרושעס".

„אָבער כ׳על דאָך נישט קענען אויסהאַלטן אויף די קניען אַזוי די גאַנצע צייט אין לאַכטיקן גן־עדן!" איז פײַגעלע אויפגעשפּרונגען אויף די פיס.

„טאָ וואָס?" רחלע האָט זיך אַ בייג געטאָן פאָרויס, און שיער נישט אַראָפּגעלאָזט די קליינע דבורהלען פון איר שויס און פון פּיעקעליק. זי האָט געקוקט אויף פײַגעלען מיט אַ שטראָפנדיקן בליק. „ווילסטע קראַנטער גיין אין גיהנום אַרײַן? מ׳זאָל דיך דאָרטן בראָטן און ברענען, עליו־השלום?"

„כ׳וויל נישט גיין אין ערגעץ נישט!" האָט פײַגעלע פאַרצווייפלט אויסגערופן.

„ד׳גייסט נאָך נישט", האָט רייזעלע זי באַרויִקט און האָט נאָך מוטערלעכער און נאָך קלוגער געשמייכלט צו פײַגעלען.

„אַוודאי נישט", האָט רחלע באַשטעטיקט און איז אָנגעגאַנגען מיטן אויס־לויזן מאַשעלען. „אַריינצוקומען אין לאַכטיקן גן־עדן מוז מען פריער אַלט ווערן הונדערט און צוואַנציק יאָר, עליו־השלום".

רייזעלע האָט מיט אויטאָריטעט אַ קוק געטאָן אויף רחלען. „נישט אמת! קודם־כל מוז מען פריער שטאַרבן, איידער מען קאָן אַריינקומען אין לאַכטיקן גן־עדן. און איידער מען מוז שטאַרבן, מוז מען נאָך פריער חתונה האָבן".

„חתונה האָבן דאָס וויל עך יאָ!" האָט פײַגעלע אויפגעלעבט און גענומען פּאַטשן מיט די הענט.

„אַוודאי איז גוט חתונה צו האָבן", האָט איינגעשטימט רחלע. זי האָט זיך אויך מונטער צעשמייכלט און האָט אַפילו פאַרגעסן צוצוגעבן דעם „עליו־השלום".

„פאַר אונדז ווייבער איז גוט חתונה צו האָבן", האָט רייזעלע אונטערגעשטראָכן. „אָבער נישט פאַר די מאַנען".

רחלע האָט גערן מסכים געווען מיט איר. „אַוודאי אַזוי. אונדז, אַז מ׳עט ווערן, עליו־השלום, ט׳מען אַריינגיין צו שרה־לאהלען דער שוחטקע און הערן ווי זי לייענט די מעשיות פון דער צענע־בענענע".

„צענערענע..." האָט רייזעלע איר פאַרריכט.

„יאָ..." האָט רחלע איינגעשטימט. „און אונדז קאָן מען זיין מאַמעס און די מאַנען קאָנען נישט!"

„איך וויל אויך זיין אַ מאַמע!" האָט פייגעלע אויסגערופן. זי האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן מאַמעס און האָט אָפט געפּייניקט רייזעלען, אַז רייזעלע זאָל איר דערציילן וועגן זייער אייגענער מאַמען. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן איר שמאַטע־ליאַלקע אין די אָרעמס און איז צוריק אַרויפגעקראָכן אויפן פּיעקעליק.

„איך וויל אויכעט זיין אַ מאַמע!" האָט איר צווילינג־שוועסטער, מאַשעלע, זיך אויפגעזעצט און אָנגעקוקט אירע עלטערע שוועסטער ווי זי וואָלט ביי זיי געבעטן אַ דערלויבעניש.

„איך אויך! איך אויך!" האָבן די צוויי ייִנגסטע אויסגערופן און זיך אויך אויפגעזעצט.

„אונדז 'עט מען אַלע זיין מאַמעס!" האָט רחלע אויסגערופן. „מ'עט קאָכן און באַקן און אויסלאָזן גריוועגעס אויף יום־טוב".

רייזעלע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ אויף בראָנטשעלע דער קרעכצעריגס שטייגער. „אַוודאי..." האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. „ווער זאָגט עפּעס, אַז עס איז שלעכט צו זיין אַ מאַמע? וואָס וואָלט אונדזער מאַמעשי געפעלט ווען זי וואָלט געלעבט?"

רחלע האָט גלייך אָנגעהויבן צו פינטלען מיט די אויגן. „שאַ... שטיל", האָט זי געמורמלט. „לאָמען היינט נישט רעדן פון די זאַכן".

„לאָמען היינט יאָ רעדן פון אונדזער מאַמעשי!" האָט פייגעלע טראַציק אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ. „פאַרצייל, רייזעלע!"

רחלע האָט מיט אַ פאַרצווייפלטן זשעסט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף רייזעלעס מויל. „שאַ... צ'ווילט, אַז כ'זאָל וויינען?"

„ד'עסט נישט וויינען", האָט פייגעלע זי פאַרזיכערט. „אַז רייזעלע רעדט פון דער מאַמעשי איז עס אַ פריילעכע זאַך".

אָבער רייזעלע האָט איינגעשטימט מיט רחלען. זי האָט פאַמעלעך אַוועק־גענומען רחלעס האַנט פון איר מויל און איר געשאָנקען אַ קלוגן, מוטערלעכן בליק. וויגנדיק גיך בינהלען אין איר שויס, האָט זי אַ פליסטער געטאָן מיט אַ געבראָכן קול, „אַז עך פאַרגעס, אַז די מאַמעשי איז גע... איז געשטאָרבן, איז דאָס אַ פריילעכע זאַך". זי האָט עפּעס אומפאַרשטענדלעך אַ שטאַמל געטאָן און האָט זיך צעכליפּעט. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל פאַר רחלען וועלכע איז בכלל געווען אַ גרויסע וויינערקע.

דערזען די צוויי עלטערע שוועסטער וויינען, האָט זיך פייגעלע פאַרלוירן. „וויינץ נישט... וויינץ נישט..." האָט זי געבעטן און גענומען אָוועקרייסן זייערע הענט פון די אויגן. „גוט. פאַרצייל נישט, רייזעלע... פאַרצייל נישט..." האָט זי געשטאַמלט און זיך לסוף אויך צעכליפּעט.

איר צווילינג־שוועסטער, מאַשעלע, אַ שווייגעוודיק, שעמעוודיק מיידעלע און די צוויי ייִנגסטע האָבן זיך דערשראָקן און האָבן אונטערגעכאַפּט דאָס

געוויין. אַזוי האָבן זיי אַלע לאַנג און פֿאַרלוירן געכליפּעט, בעת דער שניישטורעם האָט נישט אויפגעהערט פֿאַרבייצוהוליען פֿאַר די אייזיקע שויבן.

דער שניישטורעם האָט נאָך געבושעוועט אין דרויסן שפּעט נאָך מיטאָג. די מיידעלעך האָבן אויפגעגעסן די אַנדערע שטיקלעך ברויט וואָס דער טאַטע האָט פֿאַר זיי איבערגעלאָזט. הערשעלע איז אַהיימגעקומען שפּעטער און האָט אויפגעגעסן זיין חלק. דערנאָך איז ער צוריק אַרויסגעלאָפֿן טראָגן וואַסער פֿאַר די שכנות. אין אַזאַ טאָג האָט ער געהאַט צו טראָגן מער עמערס ווי געוויינטלעך, ווייל די שכנות זיינען געווען צופֿרידן נישט צו מוזן אַרויסגיין דרויסן אין אַזאַ וועטער.

דערנאָך איז דאָס יינגל יעקב, הינדעלע דעם סופֿרס אלמנהס זונדל, אַריינ־געקומען. ער איז געווען וואָרעם אַנגעטאָן, געטראָגן אַ לאַנגן וואָלענעם שאַל אַ פּאָר מאָל אַרומגעוויקלט אַרום האַלדז. דער שאַל האָט געהאַט ליכטיקע פּריילעכע קאָלירן. יעקב האָט אַריינגעבראַכט אַ טאָפּ מיט זופּ, וואָס האָט געפּאַרעוועט.

„די מאַמע האָט דאָס אַריינגעשיקט", האָט ער דערלאַנגט דעם טאָפּ רייזעלען.

רייזעלע האָט אים גאַרנישט געענטפֿערט. זי האָט גענומען דעם טאָפּ און פֿונאַנדערגעטיילט הילצערנע לעפֿל צו אירע שוועסטערלעך. זי האָט אַוועקגע־שטעלט דעם טאָפּ אויף דעם הויפּן שמאַטעס אין ווינקל. זיי האָבן זיך אַלע אַרומ־געזעצט און צוזאַמען געגעסן פֿון אים. עס איז געווען מער צו זופּן ווי צו קייען. די זופּ איז באַשטאַנען פֿון הייס וואַסער און אַ ביסל האָבער־פּלאַקן. אָבער זי איז געווען הייס און זייער געשמאַק. די לעפֿל אין די הענט פֿון די יינגסטע צוויי מיידעלעך האָבן פֿאַרלוירן אַ העלפֿט פֿון דער פֿליסיקייט אויפֿן וועג צו זייערע מיילער. רחלע און רייזעלע האָבן פֿון צייט צו צייט גוט געמאַכט דעם היזק מיט קאַרמענען די קליינע מיט דער זופּ פֿון זייערע אייגענע לעפֿל.

יעקב, וועלכער האָט געוואַרט אויפֿן טאָפּ, האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיי אויף די שמאַטעס. די קליינע בינהלע האָט אים געמאַכט אויפשמייכלען. אַ פּאַר־ווײַלטער האָט ער צוגעקוקט ווי זי האָט אַנגעכאַפּט איר שוועסטער ביים געלענק און גיריק געפֿירט דער שוועסטערס האַנט מיטן פֿולן לעפֿל אין איר מויל אַריין.

די מיידעלעך, דערוואַרעמט פֿון דער זופּ, די אייגלעך צעפֿינקלט, די פּייכטע ליפּן צעשמייכלט, האָבן זיך געווישט די פּנימער מיט די אַרבל פֿון די יאַקעס און האָבן זיך נישט אומגעקוקט אויפֿן יינגל. דער טאָפּ איז געווען ליער, אויס־געקראַצט ביז צום לעצטן טראָפּן זופּ. רייזעלע האָט אים גלייכגילטיק דערלאַנגט יעקבן. נאָר דאָ האָט בינהלע אַ שפּרונג געטאָן אויף די פֿיס און איידער יעקב האָט באַוויזן זיך אויפֿצושטעלן, האָט זי זיך צוגעקלעפּט צו זיין פּלייצע, פֿאַרוואָרפֿן די אַרעמס אַרום זיין האַלדז און אויסגערופֿן: „נעם מיך קאַפּעטשעלע!"

יעקב האָט געלאָזט דעם טאָפּ אויף דער פּאָדלאָגע, האָט זיך אויפגעשטעלט,

אַרויפגעשטעלט בינהלען אויף אַ בענקל און פון דאָרט זי אַ טראַג געטאָן „קאָפּע־טשעלע" איבער דער שטוב. די איבעריקע קינדער האָבן זיי באַגלייט מיט די אויגן. רייזעלע און רחלע האָבן נישט געהאַט קיין ברעקל דרך־ארץ פאַר אים, הגם ער האָט לעצטנס געהאַט פאַרלוירן זיין עלטסטן ברודער, און אויך זיין טאַטן אַ צייט פריער. ער האָט געהאַט דעם שם פון אַ „ווייכער מירל". זיי זיינען געווען זיכער, אַז זייער שטאַרקער ברודער הערשעלע איז אים בכּוח געווען „אָוועקצולייגן" מיט „איין פינגער". זיי האָבן אים באַטראַכט ווי ער זעצט זיך אַוועק מיט בינהלען אויף אַ קויקע, ציט אַרויס אַ שטריקל פון קעשענע און ווייזט איר ווי צו שפּילן עטל־בעטל.

רייזעלע האָט פאַרשאַרצט די נאָז און געמאַכט אַ שטאָלצע גרימאַסע, וואָס זי האָט באַגלייט מיט אַ ביטולדיקן באַוועג פון אַקסל. „פוי..." האָט זי געזאָגט. „אַזאַ גרויסער יונג זאָל זיך שפּילן מיט מיידלעך און נאָך מיט אַזעלכע קליינע דרעקן! אַ וווּנדער, אַז אַלע רופן דיך ווייכע מירל?"

דאָס יינגל האָט נישט אויסגעזען צו זיין באַליידיקט. ער האָט נאָר אויפגעהערט זיך צו שפּילן מיט בינהלען, האָט אַריינגעלייגט דאָס שטריקל אין קעשענע, גענומען דעם טאָפּ פון דער פּאָדלאָגע און איז אַרויס.

2

בדרך־כּלל האָבן זיך יאָסעלעס טעכטער נישט געקלאָגט אויף זייער גורל. זייער לעבן האָט געהאַט אַן איינגעשטעלטן ריטעם, אין וועלכן דאָס אַרומגיין הונגעריק במשך פון שעהען און שעהען איז געווען אַ באַשטאַנדיקער טייל. דאָך איז אָט דער הונגער, לכּל־הפּחות טיילווייז, געשטילט געוואָרן פריער צי שפּעטער — אָדער אַ דאַנק די שכנים, אָדער אַ דאַנק זייער אייגענעם טאַטן, צי גאָר אַ דאַנק זייער איינגעבוירענער פעיקייט זיך אַליין אַן עצה צו געבן. זיי זיינען געוווינט געווען צו דער קעלט, צום אַרומבלאָנקען זיך, באַקליידט אין שמאַטעס. זיי האָבן געהאַט גאַנץ באַשטאַנדיקע פריינדשאַפטן מיט די ווייבער אין געסל, צי אין פּאַטשעיאָוו, און די ווייבער האָבן פאַרטרעטן די אייגענע מאַמען ווי וויל זיי האָבן געקאָנט. — און דערנאָך איז תּמיד געווען דער הייליקער שבת אויף וועלכן מען האָט געקאָנט רעכענען, און דעמאָלט איז דער הימל אַראָפּגעקומען אויף דער ערד.

אַזוי ווי יאָסעלעס פּרווו מיטן לאָזן די עלטערע טעכטערלעך אין קראָם איז געקרוינט געוואָרן מיט הצלחה און רייזעלע און רחלע האָבן זיך אויסגעלערנט ציילן אויף די פינגער, און אויך אַ ביסל „אויפן קאָפּ", האָט יאָסעלע — קעגן די גוטע עצות פון די שכנות — אַריינגענומען די צוויי טעכטער אין דער קרייד־קראָם אויף „סטאַלע", אַזוי גיך ווי דער ווינטער איז פאַרביי. אונטער זיין אויפזיכט

און מיט דער הילף פון טעגלעכע פּאַרציעס קלעפּ, האָבן זיי גאַנץ גיך געכאַפּט דעם ענין און געוואָרן בקי אין די פּרייזן פון אַ זעקל קאַלך, צי אַן עמער קאַלך, צי אַ טאָפּ קרייד. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט דעם ווערט פון אַ פּרוטה און ווי־צו הייבן דעם פּרייז און ווי אַראָפּצולאָזן, צו דינגען זיך, לאָזן דעם קונה אַוועקגיין און אים צוריקרופן ווען ס'איז קיין ברירה נישט געווען. זינט דעמאָלט האָבן רייזעלע און רחלע און אַ צייט שפּעטער אויך מאַשעלע און פייגעלע — אַרויסגע־האָלפן די שכנות פון דער גאַס נאָר נאָכן שליסן די קראָמען. דערצו האָבן זיי אויך אָנגעהויבן צו פירן די בעל־הבתישקייט ביי זיך אין דער היים, ווייל יאָסעלע, ווען ער האָט איינגעזען, אַז ער קאָן זיך אויף זיי פאַרלאָזן, האָט גענומען פאַר־ברענגען די מערסטע טעג אויף די וועגן, אין די דערפער.

אַזוי זיינען די מיידעלעך אַרויס פון די קינדער־שיכלעך, וואָס זיי האָבן סיי ווי קיין מאָל נישט געטראָגן — און האָבן אָנגעהויבן צו „לעבן".

וואָס שייך יאָסעלען גופא, האָט ער אויף אַ רעכטן אמת אָנגעהויבן, אַ דאַנק דער געוווינטער פרייהייט, צו פילן, אַז ער לעבט. זיין גוף האָט ווי דערוואַכט, זיינע גלידער זיינען ווי באַנייט געוואָרן. ער האָט זיך מחיה געווען אַפילו מיט דער מידקייט נאָכן זיין אין באַוועגונג גאַנצענע לאַנגע טעג.

מיטן זאַק קאַלך און קרייד פאַרוואָרפן איבערן אַקסל, האָט ער געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף. די פּויערים האָבן אים פריינדלעך געגריסט, מיט אַ מאָס דרך־ארץ. ער האָט פאַרקויפט וואָס ער האָט מיטגענומען אין זאַק און אויב איז געווען אַ געלעגנהייט, האָט ער צוגעלייגט אַ האַנט צום פאַרריכטן אַ דאַך, אַ שטאָל, אַ קאָמער, צי אַ בית־הכסא. ער האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין קיין לאַנגע דינגענישן, האָט געזאָגט אַ פּרייז, אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט, אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט, געזאָגט „אַבי דאַלעי!" און האָט גענומען וואָס מען האָט אים געגעבן. נאָר איין זאַך האָט ער קיין מאָל די פּויערים נישט נאָכגעגעבן. ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אויסצוגלייכן זייערע סיכסוכים.

און אַזוי ווי יאָסעלע איז שוין געווען אויפן וועג, האָט ער זיך געשענקט דאָס גרויסע פאַרגעניגן און פלעגט זיך צוכאַפּן אין בעריאָזע־וועלדל אָפּצודאַווענען. ער איז צו צו דער חברה דעמבבעס וואָס האָט אַרומגעצוימט דאָס וועלדל פון דער זייט פון סטאַוו און דאָרט האָט דאָס דאַווענען ערשט געהאַט דעם רעכטן טעם. צווישן די דעמבבעס האָט יאָסעלע זיך געפילט מער אין דער היים ווי אין זיין אייגענער היים, דער „קנאַלבודע". ער האָט זיי געקענט, די דעמבבעס — פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק, אַזוי צו זאָגן. אין זיין יוגנט האָט ער דאָך געפלעגט אַרבעטן מיט דעמבענעם האָלץ, זיך פונאַנדערגענומען אין יעדער זייער פיברע, געקענט זייער אינעווייניקסטן, אינטימען ריח, אפשר אויך זייער רוח. און איצט, אַז ער איז געשטאַנען צווישן זיי און זיך מתיחד געווען מיט זייער פּשטות, זייער ערלעכקייט, מיט זייער מאַסיווקייט — האָט דאָס שטאַרקע, דאָס

דעמבעגע אין אים אַליין, זיך געפילט אונטערגעשפּאַרט, און אים איז אויסגעקומען, אַז די דעמבעס נעמען עפּעס איבער פון אים אויך, און זיי שטייען שמונה־עשרה צוזאַמען מיט אים.

אַזוי גיך ווי יאָסעלע האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג אַהיים, זיינען זיינע בליקן פאַרויסגעלאָפן אין דער ריכטונג פון שטעטל און אויסגעקוקט, אַז דער דאַך פון דער שול זאָל זיך באַווייזן פון דער ווייטן. אַוודאי האָט ער בדעה געהאַט, ווי געוויינטלעך, זיך צו פאַרהאַלטן אויף דער שוועל פון דער שול אויף אַ ווײַלע, אָפּצוגעבן „שלום" זיין טאַטן, ווי ער האָט דאָס אָנגערופן. — דערווייל, איידער ער האָט נאָך דערזען דעם פּראַכטפולן הילצערנעם געביי, האָט ער אים געזען אין דמיון — ווי ער וועט אויסזען מיטן אָנקום פון שבת. ער האָט געציילט די טעג וואָס האָבן אים אָפּגעטיילט פון יענעם טאָג, מיט דער הייטערער שפּאַנונג פון אַ קינד וואָס דערוואַרט אַ געשאַנק וואָס איז אים צוגעזאָגט געוואָרן. דעמאָלט האָט ער מיט זיין גאַנצן חיות געפילט, אַז פון דעם בית־המיקדש אין ירושלים זיינען בלויז די מויערן חרוב געוואָרן, אָבער אַז די נשמה פון בית־המיקדש האָט געהויזט צווישן די הילצערנע ווענט פון דער שול אין באָטשאַני, וואָס זיינע, יאָסעלעס קרובים האָבן אויסגעבויט.

אָבער ווען יאָסעלע איז לסוף אָנגעקומען צו דער שול, איז ר' לייבעלע יאַפּצאַק־פּרעסער, דער שמש, געוויינטלעך אַרויסגעקומען אויף דער שוועל אים צו באַגריסן, וואָס דאָס האָט יאָסעלען קיין גרויס פאַרגעניגן נישט פאַרשאַפן.

געווען איז ר' לייבעלע אַ קליין אויסגעדאַרט יידל מיט אַ מאָגער־איינגעפאַלן, פאַרזויערט פּנים. אַ פּאָר כיטרע נייגעריקע אייגלעך האָבן אַפּערגעקוקט פון אונטער זיינע אַרויסשטייענדיקע ביינערדיקע ברעמען. די ברייטע, רויט־אָנגעשוואָלענע נאָז איז געווען דאָס איינציק־פליישיקע אין זיין גאַנצער צורה. נאָר אַ בויך האָט ר' לייבעלע געהאַט ווי ער וואָלט געווען אין ניינטן חודש. אַ יאַפּצאַק־בויך. ווייל ר' לייבעלען איז געגוג געווען אויף איין צאָן דאָס ביסל יאַפּצאַק־טשאָלנט וואָס זיין ווייב, נעכעלע די געשטופּלטע, האָט אים צוגעגרייט אויף שבת. און ער פלעגט אָפּרייסן די טירן ביי די שיינע ייִדן פון שטעטל, מען זאָל אים אַרויסדערלאַנגען אַ שיסעלע עכטן־רעכטן יאַפּצאַק, ער זאָל זיך קאָנען דערכאַפּן דאָס חיות.

אויסער דער תאווה צום יאַפּצאַק, האָט ר' לייבעלע געהאַט אַ תאווה וואָס ער איז נישט בכוח געווען צו באַהאַלטן — צום ביטערן טראָפּן. „יין שרוף איז זיין קרוב", האָט מען אויף אים אין שטעטל געזאָגט.

אַרויסגעקומען אויף דער שוועל פון דער שול, פלעגט ר' לייבעלע אויפּ־פלעכטן די הענט מיט וועלכע ער האָט געוויינטלעך אונטערגעהאַלטן דאָס „מעוברתע" בייכל און האָט אָפּגעגעבן יאָסעלען אַ ברייטן שלום־עליכם. בעת־מעשה האָט ער זיך אויפגעהויבן אויף די פינגערשפּיצן, ווייל ער האָט דערגרייכט

יאָסעלען ביז צו דער פּאָכווע, און פֿאַרצויגן די פּליישיקע, פּאַרשניאַשקעטע נאָז אַריינצושנופּלען יאָסעלעס אָטעם.

„ס'ט שוין ווידער געכאַפּט אַ כּוסעלע, הע?" האָט ער לאַקכעצדיק אונטער־געכיכיקעט, בעת זיינע מויזיש־שאַרפּע אייגלעך האָבן זיך צעפּינקלט מיטן חשק צו אַ זופּ „מאָנאָפּאָלקע".

איידער יאָסעלע האָט באַוויזן צו שווערן ביי באָרד און פּאות, אַז ער האָט קיין פּוס נישט אַריינגעשטעלט אין דער קרעטשמע, האָט שוין ר' לייבעלע באַוויזן צו באַטאַפּן יאָסעלעס קעשענעס, אויף וואָס יאָסעלע האָט געענטפערט מיט אַ האַסטיקן שטויס פֿון עלנבויגן און מיט אַ מרוקע: „געץ נאָר פֿריער אַ זוך אין ענקערע אייגענע קעשענעס, ר' לייבעלע!"

הגם ר' לייבעלע האָט ליב געהאַט צו מאַכן אַ כּוסע, איז ער נישט געווען קיין אמתער חסיד. ער האָט מיט אַלעמען געוואָלט לעבן בשלום און האָט זיך באַמיט צו שאַפֿן זיין אייגענע שיטה אין באַטשאַנישן לעבן. ער האָט אַפּט מיט גרויס פֿייער געדרשנט, אַז עס איז שוין צייט, אַז די מלחמה צווישן די חסידים פֿון פֿאַרשיידענע רביים זאָל אויפֿהערן און מען זאָל בעסער מאַכן יד־אחת צו פֿאַריאָגן די פּעסט וואָס האָט זיך, לויט ר' לייבעלען, פֿאַרנומען אונטערצוגראָבן באַטשאַני ביז צום וואָרצל, נעמלעך, די משכּילישע אַנשיקעניש, די אַזוי גערופֿענע מאָדערנע־קייט, וואָס איז אין דער אמתן געווען נישט עפּעס אַנדערש ווי הונדערט־פּראָצענ־טיקע עבודה־זרה.

ביז מיט אַ צען יאָר צוריק איז אָט די אַנשיקעניש געזעסן אויפֿן פּנים פֿון באַטשאַני ווי אַ קליין בלאָטערל, אָפּגעגרענעצט אין די פּאָר גבירישע הייזער און האָט אויפֿן שטעטלשן לעבן נישט געהאַט די מינדסטע פּעולה. נאָר זינט שמוליקל רופֿא האָט געגעבן אַ קום אַראָפּ אין שטעטל אַריין און האָט מיט זיין מענה־לשון זיך געלאָזט ווילגיין פֿאַר קינד און קייט, איז געווען די העכסטע צייט צו מאַכן אַ טרעוואָגע.

„אָט דער יאָקטער, וואָס מע ברויכט אים אויף פּערציק טויזנט שיינע רייניע כּפּרות, מעגן אים אַלע יידישע שונאים ברויכן!" האָט ר' לייבעלע זיך געקאָכט. „ער'ט נאָך פֿון מיר האָבן צו זינגען און צו זאָגן!"

ר' לייבעלע האָט געהויבן זיין פּויסטל צו די גרופּקעס יידן וואָס ער האָט אַרומגעזאַמלט אַרום זיך אין שול נאָכן דאַווענען — און אין אָט דעם איינציקן פּרט איז יאָסעלע מסכּים געווען מיט ר' לייבעלען. הגם יאָסעלע האָט נישט געזען ווי עס האָט געקאָנט קומען צו אַ יד־אחת צווישן די חסידים פֿון פֿאַרשיידענע רביים, איבּ עס זיינען צווישן די חסידים פֿון דעם זעלביקן רבין אייך אָפּט מאָל אויסגעבראָכן מחלוקותן.

האָט יאָסעלע זיך משער געווען, אַז ר' לייבעלען איז נישט געגאַנגען אַזוי

שטאַרק אין דעם יד־אחת, ווי אין דעם, אַז ער זאָל ווערן אַ יחסן און דעה־זאָגער אין שטעטל.

לפּנים האָט דאָס אויסגעזען אַ לייכטע זאַך צו דערגרייכן פאַר ר׳ לייבעלען. קודם־כל איז ער געווען דער שמש פון דער הייליקער שול, דער קרוין פון באַטשאַני. שנית, האָט ער זיך עוסק געווען אין דערלאַנגען מלקות, וואָס ביי אַזעלכע געלעגנהייטן האָט ער ערשט רעכט משמש געווען. שלישי, האָט באַטשאַני זיך נישט געקאָנט דערלויבן אויסצוהאַלטן אַ לייטישן ווילגעלערנטן פּני. און אויב איז ווער פון זיי יאָ געווען ווילגעלערנט, איז עפּעס אַנדערש געווען דער מער מיט זיי. דער פריערדיקער רב למשל, יאָ ווילגעלערנט צי נישט, האָט אַלע יאָרן געקרענקט, ביז ער האָט אָפּגעגעבן די נשמה, און באַטשאַני איז געבליבן אַ לאַנגע צייט אָן אַ רב בכלל. דער נייער, יונגער רב ווידער, צי ער איז געווען יאָ ווילגעלערנט צי נישט, איז געווען צו יונג, צו גרין און האָט נישט אַרויסגע־רופן צו זיך קיין ברעקל דרך־ארץ, לכל־הפּחות נישט אין ר׳ לייבעלען. דער דיין, פון דער אַנדערער זייט, האָט אפילו יאָ געהאַט היתר־הוראה, אָבער ער איז געווען אַ ייִד אַ זקן, אַ נעבעכדיק נפש, מיט איין פוס אין קבר. בעת ער, ר׳ לייבעלע, איז געווען אַ ווילערנבער און דערצו אַ גבר אין בליענדיקן עלטער, פּונקט ווי יאָסעלע, דערצו אויסגעקאָכט אין אַלע פּרטים פון שטעטלשן לעבן. אָבער ר׳ לייבעלע האָט, ווייזט אויס, קיין מזל צום שטעטל נישט געהאַט. האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ קינאה צו יעדן איינעם. וואָס האָט געהאַט אַ שטיקל אָנזען ביים עולם.

אויף יאָסעלען האָט ר׳ לייבעלע באַזונדערש געטראָגן אַ בייז האַרץ, אפשר דערפאַר ווייל אַליין האָט ער קיין קינדער נישט געהאַט און דאָס האָט אים אין זיינע אייגענע אויגן געשטעלט אויף דער מדרגה פון אַ מערדער ממש. אחוץ דעם, איז ער געווען אַ „פּיטשעמאַנטשיק״ אין געשטעל, נישט געקוקט אויף זיין בכּבודיקן בויך. האָט אים אפשר אויסגעזען, אַז יאָסעלע, דער עם־האָרץ און גראָבער־יונג, נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז געווען אַן אַלמן, האָט פאַרמאָגט אַלץ וואָס עס האָט אים, ר׳ לייבעלען, צוגעפעלט, מיט אַ נישט־פאַרדינטן דרך־ארץ פון קינד און קייט ווי אַ צולאָג.

ער, ר׳ לייבעלע, וועלכער האָט סיי ווי אין יעדן ייִדן געזען אַ געפּאַנגענעם פון דער סיטרא־אחרא, האָט נישט געהאַט קיין ברעקל צוטרוי צו יאָסעלעס פרומקייט און אָפּגעהיטקייט, וואָס דאָס האָט קיינער אין שטעטל נישט געהאַט די העזה צו באַצווייפלען. און הגם ער האָט געוווּסט, אַז ער שטעלט זיך אויס אויף לייטנס געלעכטער, האָט ר׳ לייבעלע זיך לעצטנס נישט געקאָנט צוריקהאַלטן פון איינרוי־מען ווען ער האָט נאָר געהאַט אונטער דער האַנט וועגן דער אמתער סיבה פאַר וואָס יאָסעלע לאָזט זיך אַזוי אָפּט איבער די דערפער, דהיינו: טמאהדיקע פּירעכצער... שיקסעס... טשוי־פוי... מיט איין וואָרט: יאָסעלע איז געוואָרן אַן

עוקר־ישראל, אַ שמדניק־אַפּיקורס רחמנא־לצלן — און ר׳ לייבעלע פּלעגט דריי מאָל אויסשפּייען.

עס איז געווען אַ טאָג פּונקט ווי יעדער אַנדערער ווען יאָסעלע האָט זיך דאָס מאָל צוריקגעקערט פון די דערפער און זיך פאַרהאַלטן אויף דער שוועל פון דער שול. היינטיקן טאָג איז ר׳ לייבעלע געווען גאָר שלעכט אויפגעלייגט און יאָסעלע האָט אָפּגעענטפערט אויף זיין פריינדלעכן ברוך־הבא מיט אַ גראָבן אָפּ־שניט. דערפאַר האָט ר׳ לייבעלע באַשלאָסן דעם היינטיקן טאָג צו האַנדלען מער דראַסטיש ווי פריער. ער איז אַוועק פאַרמסרן יאָסעלען פאַרן יונגן רב, נישט געקוקט דערויף וואָס דער יונגער רב האָט קיין האָט קיין וואַזשנעם אָנזען אין זיינע אויגן נישט געהאַט.

און טאַקע אַזוי, וועמען איז זיך דאָס באַטשאַני, מישטיינס געזאָגט, בכּוח געווען איינצושאַפן ? אַט אַ רבל, אַ יונגס, אַ דאַרן דראַנג, אַ בעל־חלומות וואָס האָט נישט געהאַט קיין גרינגע אַנונג וו ער איז און וואָס ער איז. האַלבע נעכט האָט ביי אים אין פענצטער געברענט אַ ליכטל, ש״ס און פּוסקים האָט ער כּלומרשט געלערנט. געטובלט האָט ער זיך אין אייז־קאַלט וואַסער, און אַ שטיק איידער די זון איז אויפגעגאַנגען, איז ער געלאָפן אין שול אַריין דאַווענען שחרית. אויסער דעם, האָט ער תּמיד געטראָגן אַט דאָס גולמדיקע שמייכעלע אויפן פּנים, און אַן דעם חורבן דיין האָט ער זיך נישט גערירט פון דאַנען ביז אַהער. איידער ער האָט געפּסקנט די מינדסטע שאלה, צי אַדורכגעפירט די לאַבזעדיקסטע דין־תּורה, האָט ער זיך אַן עצה געהאַלטן מיטן זקן, זיך מיט דרך־ארץ צוגעהערט צו זיין לחשדיק, סטענקענדיק גמרא־קול — און ער האָט אָסור דערהערט, צי פאַרשטאַנען אַ וואָרט.

ר׳ לייבעלע האָט זיך קיין האָר נישט געוווּנדערט וואָס דאָס שטעטל איז אַזוי נתפּעל געוואָרן פון דעם יונגן רב, זיך געצאַצקעט און געשפּיגלט אין אים. ערשטנס טאַקע, ווי פריער געזאָגט: „במקום שאין איש, איז הערינג אויך אַ פיש״. צווייטנס, איז דאָס רבל טאַקע געווען גרויס, ווען ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אין שול פאַרן עולם בעתן שבתדיקן צי יום־טובדיקן דאַווענען; און ער איז אויך געווען אַ מומחה אין צוזאַמענפירן בוידעם מיט קלאָץ, דאָס הייסט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, און עס זאָל שטימען. ער האָט געקאָנט צונויפפּאָרן רמב״מס און גמראס, שטעלן קלאָץ־קשיות און זיי פאַרענטפערן, געקענט פּילפּולדיק פּשטלען אַהין און אַהער, ביז זיינע צוהערערס האָט שוין געשווינדלט אין קאָפּ — און דעמאָלט האָט ער אַרויסגעפירט זיין רעיון אויפן גלייכן דרך. אמת, נישט איין מאָל איז ער, ר׳ לייבעלע, אַליין פאַרכּישופט געוואָרן פון דעם רבס חריפות. אָבער דאָס שטעטל האָט נישט געוווּסט וואָס ער, ר׳ לייבעלע, האָט יאָ געוווּסט. נעמלעך, אַז די שאַרפקייט פון דעם רבס מוח איז נישט געווען זיין אייגענע, נאָר האָט

געהערט צו עפּעס אַ דיבוק פון אַ זינדיקן רבין וואָס איז געזעסן אין דעם יונגן אויסגעמאַרכטן גוף. ווייל לויט ר׳ לייבעלען האָט דאָס רבל זיך אויפגעפירט נישט אַנדערש, נאָר ווי אַ באַזעסענער. אַז נישט וואָלט ער דען געווען אַזאַ פאַרברענטער שאַכשפילער, געמאַכט גמטריות און נוטריקון, זיך געחברט מיט ר׳ סענדערלען דעם מקובל און זיך אַריינגעכאַפּט צו אים זען די סדרה פון דער וואָך אין זוהר און דערצו נאָך געווען אַ גאַנצער בריה אין דיקדוק?

און וואָס האָט דאָס רבל געטענהט נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעהערט ר׳ לייבעלעס באַשולדיקונג־אַקט קעגן יאָסעלען? „שיקט אים טאַקע אַריין צו מיר", האָט ער געזאָגט. „עך דאַרף מיך מיט אים אַן עצה האַלטן", האָט ער געזאָגט.

ר׳ לייבעלען האָט אַזש פאַרקלעמט ביים האַרץ פון דעם רבס חוצפּה. „וואָס עפּעס מיט אים?" האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

„און פאַר וואָס עפּעס נישט מיט אים?" האָט דאָס רבל אַ זינג געטאָן ווי ער וואָלט נאָכגעשפּעט ר׳ לייבעלען. „ער איז דער ראַכטיקער מענטש פאַר דעם ראַכטיקן ענין וואָס עך דאַרף פאַרענטפערן. אַז עך ׳על דאַרפן פאַרענטפערן אַן ענין וועגן דער שול, ׳על עך מיך אַן עצה האַלטן מיט אייך, ר׳ לייבעלע".

„כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט פאַר וואָס נישט מיט אים, רב־לעבן. לעצטנס טויג ער זיך נאָר בלויז פאַר טרייפענע ענינים, רחמנא־לצלן!"

„לאַוו־דווקא!" האָט דער רב זיך צעלאַכט מיט זיין יונג, קלינגעוודיק קול. „לשון־הרע איז אויך נישט גלאַט כשר, ר׳ לייבעלע!"

„לשון־הרע רופט איר דאָס, רב־לעבן?" האָט זיך ר׳ לייבעלע אַ קאָך געטאָן און איז אַזש רויט געוואָרן פון האַרצווייטיק.

„יאָ, אַזוי רוף עך דאָס!" האָט דאָס רבל לאַכנדיק אָפּגעשניטן. „און פאַרגעסט טאַקע נישט למען־השם אַריינצושיקן צו מיר ר׳ יאָסעלען, טאַקע גלייך אַצינדער. וואָס שנעלער, דאָס בעסער".

האָט שוין דער בייגער זיך געטאָן אַ צעשפּיל אין ר׳ לייבעלען. „וואָס שנעלער, דאָס בעסער?" האָט ער איבערגעפרעגט און גלייך געמאַכט זיך פאַר־געסן די עוולה וואָס דער רב האָט אים געטאָן. „און וואָסאַראַ ענין איז דאָס רב־לעבן, ס׳אַ סוד?"

דער רב האָט מיטן לאַנגן דאַרן פינגער צוגערופן ר׳ לייבעלען צו זיך און זיך צוגעבויגן צו אים.

„פאַר די גויים דאַרפט דאָס זיין אַ סוד", האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ האַלבן פליסטער. „די מעשה איז וואָס דער אַרענדאַר, ר׳ גרשון שערעס, איז ערשט דאָ געווען ביי מיר. ער האָט עפּעס געהאַט צו זען דעם פּריץ און דאָרט, אין הויף, האָט ער היינט אין דער פרי געכאַפּט אַ בליק אין אַ בלאַט... אַ מעשה וועגן מאַנ־סטראַציעס און שטרייקן איבער גאַנץ ראַסיי. געוויס, מיט וואָס מען עסט דאָס, האָב עך דערווייל נישט קיין אַנונג, אָבער קיין פינגער אין מויל אַריין דאַרפט מען דאָך

אונדז נישט לייגן, הע, ר׳ לייבעלע? ווי עס מאַכט זיך, ט׳מען באַלד זאָגן, אַז ייִדן זענען שולדיק. דערפֿאַר האָב עך באַשלאָסן אַוועקצושטעלן אַ שמירה אויף ביי נאַכט. הייסן זאָל דאָס, אַז מען וויל פֿאַרהיטן דאָס שטעטל פֿון שרפֿות. און לויט מיינע ידיעות איז ר׳ יאָסעלע דער בעסטער מענטש אַדורכצופֿירן אַזאַ ענין. איר מיינט נישט אַזוי, ר׳ לייבעלע?״

ר׳ לייבעלע האָט געגעבן אַ מין יאָ־ניין־שאָקל מיטן קאָפּ און איז אַרויס פֿון רב אַ צעטרייסלטער, אָן אַדורכגענומענער מיט אימה. געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער אַרענדאַר האָט די זאַכן נישט אַרויסגעזויגן פֿון פֿינגער און אַז אפֿשר איז די המצאה וועגן אַ שמירה אויך געקומען פֿון אים אַליין. עפּעס האָט זיך ווידער אָנגערוקט אויף ייִדישע קעפּ. און ר׳ לייבעלע האָט אַ פּאָר טעג אויפֿגע־הערט אויסצורעדן אויף יאָסעלען און אויף די אַנדערע זינדיקע ייִדן פֿון באַטשאַני. שטילערהייט האָט ער געהאַלטן אַן אויג אויף דער אַרבעט פֿון דער נייער שמירה־באַטאַליע וואָס יאָסעלע האָט צוזאַמענגעשטעלט, און ער איז אַ פּאָר מאָל אַרויס־געגאַנגען ביי נאַכט קוקן צי די שמירהניקעס באַוואַכן טאַקע דאָס שטעטל.

אַזוי האָט זיך אונטערגערוקט אַ מילדער זוניקער פּורים־טאָג. די פֿעלדער, די זומפּן אַרום באַטשאַני און דער ווייסער אָון בלויער באַרג האָבן געפּאַרעוועט. דאָס שטעטל האָט זיך ממש געטונקען אין די בלאָטעס — און זיך געפּליוסקעט און געטובלט אין פּורימדיקער גדולה. ס׳איז געווען ששון־ושימחה. די גאַסן האָבן געקלונגען מיט קינדערש געלעכטער און מיט די געשרייען פֿון שיכּור־צעשפּילטע דערוואַקסענע.

היינט האָט זיך ר׳ לייבעלע שמש אָנגעטרונקען כּדת־וכּדין, לעגאַל־בפּרהסיא, ווי אַ גוטער ייִד האָט געדאַרפֿט טאָן. די זאַך איז נאָר געווען וואָס היינט האָט ר׳ לייבעלעס ווייב, נעכעלע די געשטופּלטע, גראָד באַשלאָסן אָפּצוריכטן איר מאַן דאָס אמתע פּורים־שפּיל. אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר האָט נעכעלע געלעבט גאַנץ בשלום מיטן געדאַנק, אַז זי וועט שוין מיט איר מאַן קיין קינדער נישט האָבן. זי האָט געהאַט צייט זיך צוצוגעוווינען צו איר אומגליק און זיך פֿאַרנעמען מיט ר׳ לייבעלען ווי ער וואָלט געווען אַלע אירע קינדער. זי האָט אים נאָכגעקוקט און צוגעהיט מיט מאַמעדיקער אויפֿמערקזאַמקייט. אָבער לויט איר נאָך איז דער פּורים קיין פּורים נישט געווען, אויב מען האָט קיין אמתע קינדער נישט געהאַט. און בעתן פּורים־טאָג האָט זי דאָס איר מאַן בשום־אופֿן נישט געקאָנט מוחל זיין.

און ר׳ לייבעלע האָט איינגעשטימט מיט זיין ווייב פֿון גאַנצן האַרצן. פֿאַר די לעצטע פּרוטות וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט איז ער דאָך אויסגעפֿאָרן צו אַלע גוטע ייִדן פֿון דער געגנט פֿון דער שעלצער גובערניע. ער האָט אַרומגעוואַנדערט ווו נאָר ער האָט געהערט וועגן עפּעס אַ בעל־שם, אַ בעל־מופֿת. ער האָט דאָך נישט געקאָנט מוחל זיין דעם שטעטלשן בעל־שם, ר׳ סענדערלען, דערפֿאַר וואָס ער

האָט נישט אויסגעפונען עפּעס אַ סגולה פאַר אים, און ער איז אַ שטיק צוליב דעם אים געווען אַ דם־שונא. און ביי זנאַכערקעס און ביי דעם גויישן דאָקטער אין כוואָסטי איז ער, דער פרומער ר׳ לייבעלע, דען נישט געווען? בלויז איין זאַך איז ער, ר׳ לייבעלע, נישט בכוח געווען צו טאָן. ער איז נישט בכוח געווען אָפּצוגטן זיין נעכעלען, הגם די ערשטע צען יאָר זינט זייער חתונה זיינען שוין לאַנג געווען פאַרביי. ער וואָלט זיך צו דעם נישט געקאָנט ברענגען אַפילו פאַר איר אייגענער טובה־וועגן, אין פאַל ווען דער גויישער דאָקטער איז גערעכט געווען, אַז די שולד איז געווען זיינע און זי וואָלט געקאָנט האָבן קינדער מיט אַן אַנדערן מאַן. ער האָט זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן דאָס לעבן אָן איר — און האָט זיך געפילט זינדיק און שולדיק אין אַלע זיינע רמח־אברים.

היינט האָט נעכעלע, ווי יעדן פורים, נאָר געפּאַלעוועט אויף אַ געלעגנהייט צו פאַרסמענען איר מאַן דעם איינציקן טאָג אין יאָר, ווען ער האָט אַ בגילופינער געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרגעסן אָן זיינע צרות און זיך פילן ווי אַ מענטש מיט מענטשן צו גלייך.

און טאַקע, ווי ער האָט אַ צעזונגען־„באַשאַשקעטער" זיך באַוויזן אין שטוב און אַריינגעבראַכט אַ בלאַטע־„פלעטש" פון דרויסן און די זויבער אָפּגעשייערטע פּאָדלאָגע איז געוואָרן באַשטעמפּלט מיט ר׳ לייבעלעס צעוויגטע טריט — האָט נעכעלע געגעבן אַ צאַפּל אַן אויפגעקאַכטע. אין האַרצן האָט זי זיך געזאָגט, אַז זי וואָלט געווען אין זיבעטן הימל, ווען אַ חברה פון אירע אייגענע קונדסימלעך וואָלטן, אַנשטאָט ר׳ לייבעלען, אַזוי „פאַרשוווערט" די שטוב. און אין איר צער און אומבאַהאָלפנקייט האָט זי גענומען שליידערן אויף איר מאַן וואָס עס איז איר געקומען אונטער דער האַנט.

איז ר׳ לייבעלע צוריק אַרויסגעלאָפן פון שטוב ווי אַן אָפּגעבריטער. דערצו נאָך איז ער געווען שיכור. האָבן זיך אַזש ביי אים די פיס אַזוי צעפּלאָנטערט — אַז ער האָט זיך גלייך געגעבן אַ צי אויס אין דער סאַמאַראָדנער בלאָטע אין מיטן פול־געפּאַקטן מאַרקפּלאַץ ווו פישעלע קצב און ר׳ דבטשעלע בדחן האָבן געפירט דאָס רומל. חברה קונדסים, לצנים, פורים־שפילערס און חסידים, שיכורע עד דלא ידעו, אין די איבערגעקערטע קאַפּאָטעס, זיינען אַרויס אין אַזאַ געלעכטער, אַז ווען עס וואָלט נישט געווען פורים, ווען אַ ייִד האָט געדאַרפט פריילעך זיין, אַפילו ווען דאָס האַרץ האָט אים שיִער נישט געפּלאַצט פון צער — וואָלט ר׳ לייבעלע אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ ביטער געוויין.

אָבער אַזוי ווי ס׳איז געווען פורים און ער איז, ווי געזאָגט, געווען בגילופין, האָט ר׳ לייבעלע זיך נאָך העכער צעלאַכט פון אַלע, און כלומרשט ווי ער וואָלט דאָס געטאָן בכיוון, כדי צו פאַרוויילן דעם עולם, האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן אויף די פיס, אָפּגעטרייסלט פון זיך די נעץ און די בלאָטע, כאילו אַ נאַסע קאַטשקע, און נישט געקוקט וואָס די קני האָבן אים געברענט און געשטאָכן ווי מיט שפּילקעס

און די נאָס־פֿאַרבלאָטיקטע ווייסע זאָקן האָבן געקוויטשעט אין די קאַמאַשן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ריקודל צום טאַקט פֿון דער קאַפּעליע־מוזיק וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון לעבן חסידים־שטיבל.

האָצקענדיק אָט אַזוי, אַרומגענומען פֿאַר די גאַרטלען מיט אַ חברה בית־מדרש־בחורימלעך, האָט ר׳ לייבעלע באַמערקט יאָסעלען אַבעדאַלע אַנקומען אויפֿן מאַרקפּלאַץ מיט זיין אָפּגעשליסענער כאַליאַסטרע, וועלכע האָט אסור געדאַרפֿט זיך איבערטאָן און אויסריסן די פּנימער כּדי אויסצוזען ווי פּורים־שפּילערס. יאָסעלע האָט זיין חברה געגעבן אַ לאָז אַריין אין דעם הו־האַ ווי מען לאָזט אָפּ אַ כּנופֿיא הינטלעך פֿון דער קייט און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער זייט, הויך און שטייף ווי אַ סלופּ, די באָרד בלאָנד־געל צעכוואַליעט איבער זיין בוזעם, און אָן דעם מינדסטן שמייכל אויפֿן פּנים, ניכטער, אָן אַ ברעקל התלהבות, צוגעפּאַטשט מיט די הענט צום הייטערן ניגון, ווי יוצא צו זיין. און הגם יאָסעלע האָט געהאַלטן דעם בליק אין דער הייך און האָט זיך מער צוגעקוקט צו די באָ־טשאָנעס, וואָס האָבן אַרומגעהאָוועט אין דער לופֿטן איבערן מאַרקפּלאַץ ווי זיי וואָלטן געפּראַוועט זייער אייגענעם פּורים — ווי ער האָט געקוקט אויפֿן עולם אונטן — האָט זיך ר׳ לייבעלען אויסגעדאַכט, אַז יאָסעלע נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פֿון אים און ווייס אַלץ, און זעט זיין, ר׳ לייבעלעס, נעבעכדיקייט.

האָט ר׳ לייבעלע אויפֿגעהערט צו טאַנצן, געבליבן שטיין אַ רגע ביז דאָס דרייעניש אין קאָפּ האָט זיך אים אָפּגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט אַ פֿאַרלוירענער אויף דעם לוסטיקן, צעהאָצקעטן המון, און דערנאָך האָט ער זיך מיטן גאַנצן ווייטיק־דיקן פֿייער אין האַרץ, הענדעם־פֿענדעם, שיִער נישט ווידער פֿאַלנדיק אין דער בלאָטע, אַ לאָז געטאָן צום רבס כאַלופּע.

געווען איז דאָס אייגנטלעך נישט דעם רבס כאַלופּע, נאָר דעם שוחטס און דער רב איז דאָרט נאָר געווען איינגעקוואַרטירט אין די זייטיקע איזבעס. די טיר פֿון דעם רבס דירה איז היינט געשטאַנען אָפֿן. דער רב האָט געפּראַוועט די פּורים־סעודה און די יונגע רביצין, אַ פּולכנע, שוואַרץ־חנעוודיק ווייבעלע, אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרץ קלייד מיט אַ שנירל פֿאַרגעלטע פּערל אַרום האַלדז און אַ שטערנ־באַנד מיט שפּיצן, אויך באַצירט מיט געלע פּערל, אַרום קאָפּ, האָט אַ צעיאַכמערטע זיך געפּאָרעט אין קיך מיט אַ כאָפּטע צעפּלאָפּלטע ווייבער.

דערזען ר׳ לייבעלען אין דער אויסגעשמירטער, פֿאַרבלאָטיקטער קאַפּאָטע, וואָס האָט קאָמיש געקלעפּט צו זיין לייב, זיין פּנים און די נאָז באַדעקט מיט בלאָטיקע זומער־שפּרענקעלעך, זיינען די ווייבער אַרויס מיט אַ פּורימדיק גע־לעכטער.

נאָר די יונגע רביצין — וועלכע איז לויט ר׳ לייבעלען אויך נישט געווען קיין גרויסע חכמת — האָט פֿאַרשנורט דעם שמייכל מיט די ליפּן און מיט אַ קליין מיילעכל אין וועלכן ס׳האָט זיך געבאַמבלט דאָס פֿאַרשטיקטע געלעכטער, אַרויס־

געפישטשעט: „פע, ר' לייבעלע, ס'פּאַסט גאָרנישט... אַזאַ אָסאַבע ווי איר, זאָלט ענק אַזוי צו נאַר מאַכן!"

די געלע פּערל־אויערינגלעך אויף אירע אויערן האָבן זיך צעבאָמבלט בעת זי האָט זיך צעשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך אָנגעכאַפּט פאַר די שטאָלטענע באָקעס. זי האָט אים בשום־אופן נישט אַריינגעלאָזט צום רב אין דער גרויסער בית־דין־שטוב, נאָר אים דערלאַנגט דעם רבס עפּעס אַן אַלטן שפּאַנצער, און אים אַרויס־געשיקט אין שוחטס קאַמער זיך פריער איבערטאָן. נאָך אײדער ער איז אַרויס, האָט זיך איר מיילעכל אויפגעשנורט און זי האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ הויך כיכיקען, וואָס די ווייבער האָבן באַגלייט מיט אַן אויספאַרשעמט פּישטשעריי.

איבערגעטאָן אין דעם רבס צו נעטן און צו לאַנגן שפּאַנצער, ווי אַ רעכטער פּורים־שפּילער, האָט ר' לייבעלע זיך באַוויזן אין רבס איזבע. גערירט האָט ער זיך, אַז מען וועט אים דרינען אויך אויפנעמען מיט אַ חוזקדיק געלעכטער און ער האָט זיך פאַרנומען אַ ביסל קאַטאָוועס צו טרייבן, אונטערצולצעוון, אפשר וועט דאָס גראָד דערוואַרעמען די הערצער צו אים און דער עולם וועט אים אַריינגעמען אין דער חברותא. אָבער קיינער האָט זיך אויף אים אַפילו נישט אומגעקוקט.

דער רב האָט געדרשנט אַ פּורים־דרשה און די צוהערערס ביי די טישן, צוזאַמענגעפּרעסט ווי הערינג אין אַ פאַס, האָבן נישט אַראָפּגענומען די בליקן פון דעם רבס אויסגעצויגענער פיגור, פון זיין בלייכן דורכזיכטיקן פּנים, פון וועלכן עס האָבן ווי פייערדיקע שטורקאַצן אַרויסגעלויכטן אַ פּאָר ברייִקע שוואַרצע אויגן, טיפע ווי צוויי שוואַרצע הימלען. דער רב האָט, ווי זיין טבע, גערעדט מיט די הענט, געהויבן און אַראָפּגעלאָזט דאָס זינגעוודיקע און דאָך שווער־אָנגע־לאָדענע קול, וואָס האָט טאַקע אויסגעזען אַרויסצוקומען דורך זיין דין־סקעלעטישן, האַריקן האַלדז, ווי פון עפּעס אַ דיבוק וואָס איז געזעסן אין זיין ביינערדיקן גוף. בעת־מעשה האָט ער זיך געטרייסלט און געציטערט ווי אַ בלאַט, און דער עולם צוהערערס האָט זיך מיטגעטרייסלט און מיטגעציטערט מיט אים — און אַט אַזוי צוגעהאָלפן צום התפשטות־הנפש — זיך אויסצוטאָן פון דעם גשמיותדיקן אַרום און זיך דערהייבן צו אָנפּגימהדיקער יום־טובדיקייט.

דערנאָך איז ר' סענדערל דער מקובל — אין סאַמע מיטן עסן, בעת דער סעודה, אַוועקגעפאַלן ביים טיש און געבליבן אַזוי אַ לאַנגע צייט מיט זיינע קליינע ווייסע הענט, ווי צוויי דורכזיכטיקע שטיקער גלאָז, צעשפּרייט איבערן טישטעך, דער קאָפּ מיט די ווייס־גרויע האָרפּאַסמעס און די לאַנגע ווייסע פּאה־רערן זייטיק פאַרבויגן — ווי דער קאָפּ פון אַ שלאָפנדיקן עוף.

אַרום איז אַראָפּגעפאַלן אַ טויטע שטילקייט. מען איז געבליבן זיצן מיט נישט־צעקייטע ביסנס אין די אָפענע מיילער. מען האָט זיך נישט קיין באַוועג געטאָן, נישט דערלויבט זיך אַפילו אַ טיפערן אָטעם צו טאָן. אַפילו ר' לייבעלע, וועלכער

האָט די גאַנצע קבלה געהאַלטן פאַר אַ תורה אויסגעמוטשט פון שטן, נישט סתם אַ פולע מיט סתירות און ניבול־פה, נאָר אַ געפערלעך שפּיל, וואָס האָט חלילה געקאָנט ברענגען צו אַ נייעם שבתי צבי, און ער האָט סתם פיינט געהאַט ר׳ סענדערלען מיט זיינע „מופתים״ — איז געזעסן אַ פריטשמיעלעטער.

ביז ר׳ סענדערלס הענטלעך האָבן זיך פּאַמעלעך גענומען שליסן אין פויסט־לעך און אַ פּאה האָט זיך אַ ריר געטאָן אויף זיין איינגעפאַלענער פּאַרמעטענער באַק. דעמאָלט האָט דער רב געגעבן אַ ציטער דעם עולם, אַז מען מעג שוין און די שטילקייט האָט אויפגעריסן מיט אַן אומגעצוימטער התפעלות. מען האָט זיך צעפּאַטשט מיט די הענט און אַרויס מיט אַ פורימדיקן זמר.

בעת־מעשה איז ר׳ סענדערל געקומען צו זיך, אויפגעהויבן דאָס לויטערע פּנים צום עולם און אַ וואַרעמקייט, אַ כּישופדיקע ליבשאַפט האָט אַ פלייץ געטאָן פון זיינע אויגן אויף די פּנימער וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. דעמאָלט האָט דער רב אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש, אַז עס זאָל זיין שאַ־שטיל און ר׳ סענדערל האָט מיט אַ שאַרכנדיק־גלעטנדיקן קול גענומען דערציילן וואָס ער האָט זיך נאָר וואָס אָנגעזען ביי דער פּמליה־של־מעלה.

ר׳ סענדערלס מעשיות האָט שוין ר׳ לייבעלע געהערט מיט איין אויער. ער האָט זיך אויסגעטשוכעט פון דעם פּחד וואָס איז אים אין דער שטילקייט געהאַט באַפאַלן. אָפּטע אָנפאַלן פון פּחד זיינען נישט געווען קיין נייעס ביי אים. האָט ער צוגעקוקט ווי די גאַנצע איזבע חסידים מיטן רב אַריינגערעכנט טראָגט זיך אַוועק ווי אַ לופטשיף צו די העכסטע הייכן פון דמיונדיקער גליקזעליקייט און ער איז געבליבן זיצן, ווי איר אַנקער, צוגענאַגלט מיט נעגל פון האַרצוויייטיק צו דער קאַלטער ערד. — ערשט, אַז דער רב איז אַ ביסל געקומען צו זיך נאָך דער נסיעה אויף די פליגל פון ר׳ סענדערלס רייד, האָט ר׳ לייבעלע זיך צוגעשטופּט צו אים, זיך אַריינגעקוועטשט אויף דער באַנק צווישן רב און אַ פאַרדבקעט־צעפּלאַפּלטן חסיד, אָפּגעגעבן דעם רב שלום און דערנאָך אים איבערגעגעבן אַ ראַפּאָרט וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אָפּ דרויסן, אין שטעטל, און לסוף, אַגבֿ־אורחאדיק אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן יאָסעלע אַבעדאַלעס פירעכצער.

אַזוי ווי דעם רבס קאָפּ איז נאָך אַלץ געשוומען אין די הימלען, און אַזוי ווי ער האָט וועגן יאָסעלעס פירעכצער שוין געהאַט געהערט מער ווי איין מאָל און מער ווי צען מאָל, און אַזוי ווי ער איז שוין בכלל געוווינט געווען, אַז דער שמש זאָל אים אונטערטראָגן מסירהלעך אויף דעם און אויף יענעם, האָט ער, צופּאַטשנדיק מיט די הענט צום הייטערן זמר וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דער שטוב, אויטאָמאַטיש אַ זאָג געטאָן: „נישט געדאַגהט, ר׳ לייבעלע. שיקט אים אַריין צו מיר״. און ער האָט אונטערגעלענט דאָס האַרץ מיט אַ המן־טאַש, נאָכגע־זופּט אַ שלוק מאַלינע־זאַפּט און אויפגערופן דעם חזן זיך צו פאַרהערן מיט אים אין נגינה.

דער חזן, ר׳ מאירל, אַ שלעפּער וואָס דער רב האָט אים אַראָפּגעבראַכט פון ווער ווייסט ווו, און וועמען ר׳ לייבעלע האָט נישט געקאָנט פאַרליידן ווייל ער האָט זיך אויפגעפירט מעשה בעל־הבית אין דער שול, האָט געהאַט אַ קול פון אַ קאַנאַריק. דאָס האָט ר׳ לייבעלע געמוזט צוגעבן. און דער רב אַליין האָט פאַר־מאָגט אַ מין קול ווי פון זייד און סאַמעט, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ פידל. דאָס האָט ר׳ לייבעלע אויך געמוזט צוגעבן. נישקשה, ער, ר׳ לייבעלע, איז געווען אַ מבין אויף נגינה; אגב, זיין ווייב נעכעלע אויך. אייגנטלעך איז די ליבשאַפט פאַר נגינה געווען איינער פון די פעדעם וואָס האָבן אים און זיין ווייב געהאַלטן געקנופּט און געבונדן צוזאַמען. זיי האָבן באַזונדערש מיטן גאַנצן האַרצן ליב געהאַט חזנות. נישט איין מאָל ווען זיי האָבן געהערט דעם רבס צי דעם חזנס קול, איז אינעווייניק, אויף דער נשמה, געוואָרן אַזוי ווייך און זיס און דין און שווער־אַנגעלאָדנט, אַז ס׳האָט אַזש פאַרקלעמט ביים האַרצן. יאָ, דאָס האָט ר׳ לייבעלע אויך געמוזט צוגעבן: זינגט אָט דאָס פּאָרל, דער רב און דער חזן, האָבן זיך באַוויזן אין שטעטל, האָבן אפילו די ווייבער געקענט גאַנצע שטיקער חזנות, אוצרות פון חסידישע ניגונים פון אויסווייניק און האָבן אָפט פאַרוויגט די קינדער מיטן רבס, צי מיטן חזנס אַ פאַרדבקעטן ניגון.

אַצינד, אַז דער חזן און דער רב האָבן זיך צעזונגען, האָט זיך דרויסן אויפן מאַרק געמאַכט אַ געלויף צום שוחטס הויז. די רביצין — וועלכע איז מיט איר סוויטע פון ווייבער געשטאַנען אין פאַרהייזל לעבן דער אָפענער טיר פון רבס חדר, האָט זיך צוגעהערט צום געזאַנג און אירע אויגן האָבן נחתדיק געלויכטן — האָט באַמערקט די סומאַטאָכע אין דרויסן. זי האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט אין דער בית־דין־שטוב אַריין, אַז מען זאָל דרינען עפענען די פענצטער, כדי דער עולם דרויסן זאָל אויך הנאה האָבן.

ס׳האָט נישט לאַנג גענומען און דער דרויסן און דער דרינען זיינען טאַקע געוואָרן איינס. די קאַפּעליע מוזיקאַנטן האָט זיך אויך צוגעשאַרט אַהער. מענדעלע דער פידלער האָט לייכט, לייכט געצויגן מיטן סמיטשיק איבער די סטרונעס, נישט חלילה צו פאַרקלינגען דעם מתיקותדיקן ניגון וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער איזבע. און אַזוי האָט זיך גאַנץ באָטשאַני געלאָזט אַוועקטראָגן אויף די פליגל פון שירה, צו אַזעלכע הייכן, צו אַזעלכע טיפענישן — און דאָס מאָל מיטגעטראָגן ר׳ לייבעלען אַזש אַזוי ווייט — אַז ער האָט דאָס מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. עפּעס האָט אים גענומען שטיקן אונטערן אָדם־קנאָפּ אין האַלדז און ער האָט זיך בגנבה אַרויסגעשלייכט פון דער בית־דין־שטוב.

אומבאַמערקט האָט ער זיך אַדורכגעשאַרט דורכן מאַרקפּלאַץ און איז אַריין צו זיך אין דער דירה. ער האָט געטראָפן זיין ווייב, נעכעלען די געשטופּלטע, זיצן אַן איינזאַמע ביים אָפענעם פענצטער, פאַרהילט אין אַ פאַטשיילע, אַ פאַר־

הערטע אין געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אָפּענעם פענצטער פון רבס שטוב. טרערענעס ווי באַב האָבן געהאָפּסלט איבער די שטופּלען אויף איר פּנים.

דערזען איר מאַן אַריינקומען און בלייבן שטיין אין מיטן דער שטוב אַ פאַרטראָגענער, האָט זי זיך מיט בײדע הענט אָפּגעווישט דאָס פּנים און שטיל אַ מורמל געטאָן: „ווײ געוואַלד און געשריגן, אַ שיף מיט זויערמילך איז דיר אונ־טערגעגאַנגען אין סאַמאַראַדנעם פּורים־טאָג ? זע נאָר די זויערע צורה וואָס ד׳האָסט דיר אָנגעטאָן״. זי האָט דערזען זיינע אויסגעטאָרגעטע, פאַרבלאָטיקטע בגדים, זיינע אייגענע, ווייל ער האָט זיך געהאָט שנעל איבערגעטאָן אין שוחטס קעמערל, איידער ער איז אַהיימגעלאָפן, און זי האָט צוגעגעבן: „גיי, דערכאַפּ דיר כאַטש דאָס האַרץ מיט אַ שטיקל המן־טאַש, גיי... און זאָלן אַלע המנס אויף דער וועלט זיין דיין כפּרה...״ ווען זי האָט געזען, אַז אַנשטאָט זי צו פאָלגן, איז ער אַוועק נעמען דעם בעזעם און האָט, וויגנדיק זיך אויף די פיס, גענומען אַוועקקערן די בלאָטע וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אויף דער זויבער־אָפּגעשייערטער פּאַדלאָגע, האָט זי אַ מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט. „לאָז צו רו, איך ׳על עס שוין מאַכן״. לסוף האָט זי זיין צערפּול־פאַרלוירענער בליק אונטערגעהויבן פון אָרט. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויסגענומען אים דעם בעזעם פון דער האַנט, דער־לאַנגט אים אַ המן־טאַש מיט אַ שעפּ ציקאָריע־קאַווע און צוגעשטעלט אַ בענקל צום אַנדערן פענצטער וואָס זי האָט אויך געעפנט. „דאַ זעץ דיך אַוועק״, האָט זי אים צוגערופן מיט אַ ווייך קול. „מ׳קאָן גאַנץ גוט הערן פון דאַנען״. און זיי האָבן צוזאַמען געהערט דעם רב און דעם חזן זינגען.

3

אָבער דער נאָכקומענדיקער טאָג איז געווען אַ טאָג פּונקט ווי אַלע טעג פון יאָר.

גלייך ווי מען האָט אויפן פּאַטשעיאָוו גענומען שליסן די קרעמלעך, איז ר׳ לייבעלע אונטערגעלאָפן צו יאָסעלען אַבעדאַלע וועלכער איז געוויינטלעך אַהיימ־געקומען פון די דערפער צום שליסן די קראָמען, און האָט אים אָנגעזאָגט, אַז דער רב וויל אים זען למען־השם גלייך אויפן אָרט. יאָסעלע, זיין פּנים, די הענט און בגדים אויסגעווייסט מיט קרייד און קאַלך, האָט פאַרלייגט דעם פרענט איבער דער טיר פון קרעמל, האָט אַהיימגעשיקט די טעכטער און נישט שענקענדיק ר׳ לייבעלען אפילו אַן איינציקן בליק, אַוועקגעשפּרייזט איבערן מאַרק צום רבס דירה.

איידער זיי זיינען אַריין אין רבס חדר, איז ר׳ לייבעלע אים פאַרלאָפן דעם וועג און ווי נאָר ער איז אַריבער די שוועל, האָט ער אויסגערופן צום רב: „דאָ איז ער!״

דעם רבס אויגן מיטן אָפּווענדיקן בליק, טיף און שוואַרץ ווי צוויי תהומען,

האָבן אויפגעטויכט פון ספר אין וועלכן ער איז געזעסן פאַרטיפט, און ער האָט אַ פאַרטראַגענער געשטאַרט אויף די צוויי אורחים ווי ער וואָלט זיי נישט דער־קענט. דערנאָך, אַז ער איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט ער תמעוואַטע אַ שמייכל געטאָן:

„סקאַצל קומט! ס'הערט זיך, ייִדן?" און ער האָט אויסגעשטרעקט די לאַנגע בלייכע פינגער, די באַזוכערס זאָלן אים אָפּגעבן שלום.

„איר'ט נעכטן געהייסן עד זאָל אים אַריינרופן צו אייך, רב־לעבן", האָט ר' לייבעלע אַ ווייז געטאָן מיט דער גאָמבע אַרויף צו, אויף יאָסעלען. דער רב האָט אויסגעזען אים נישט צו הערן. זיינע אויגן זיינען ווידער געוועןן איינגעגראָבן אין ספר און ער האָט זיך צעוויגט איבער אים, זופנדיק געשמאַק מיט די ליפּן.

„איר'ט געהייסן עד זאָל אים אַריינשיקן צו אייך", איז ר' לייבעלע צוגעשטאַנען און געמאַכט אַ טראָט נעענטער צום רב. אַז דער רב האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו אים, איז ער אַנגעגאַנגען: „וואָס וועגן... וואָס נוגע די קלאַנגען וואָס גייען אַרום איבער דער שטאָט..."

„קלאַנגען... סאַראַ קלאַנגען?" האָט דער רב זיך ווייטער געוויגט, דאָס מאָל נאָר מיט איין אויג אין ספר.

„ווייס עד וואָס..." האָט ר' לייבעלע געצויגן. „מ'שמועסט אין גאַס... מענטשן רעדן. מ'זאָגט... כ'האָב געהערט פון דעם און פון יענעם..."

„וואָס אַ שטייגער למשל?" איז יאָסעלע אומגעדולדיק געוואָרן.

„וואָס אַ שטייגער למשל?" האָט שוין ר' לייבעלע זיך אַ קאָך געטאָן און אַרויסגעפּלאַצט מיט רוגזה. „אַז ד'ביסט אַ פּושע־ישראל געוואָרן זינט ד'שלעפּסט דיך אַרום איבער די דערפער! אַז ד'ביסט אַן אַפּיקורס גמור!"

„אַן אַפּיקורס... ווער?" האָט דער רב לסוף זיך אָפּגעריסן פון ספר.

„ווער? ער!" האָט ר' לייבעלע אַ וואָרף געטאָן דעם טייטפינגער אין יאָסעלעס ריכטונג.

דעם רבס אויגן האָבן גענומען זיך אויסקלאָרן. „ר' יאָסעלע? דער דאָ... איז אַן אַפּיקורס, זאָגט איר?"

„אַלץ הייסט אַן אַפּיקורס, רב־לעבן!" האָט ר' לייבעלע גיך פאַרפלאָכטןביידע הענט אונטערן בייכל און עס געפּרוווט אַרויפרוקן, ווי דאָס וואָלט אים געקאָנט לייכטער מאַכן אין די רייד. „בלויז פאַר אַ העלפט וואָס מענטשן פאַרציילן... וואָלט אים געקומען מלקות צו געבן, אין פּאַליש אויף דער קייט אים צובינדן. און... נעמט אַזאַ געוויינטלעכע זאַך ווי נעכטן למשל, רב־לעבן. אַזאַ טאָג ווי פּורים, ווען אַלע ייִדן דאַרפן זיך משמח זיין, האָב עך אים אַליין געזען שטיין אויפן מאַרקפּלאַץ, טויט־ניכטער... שטיין צוזאַמען מיט אַלע גויים אַרום און צוקוקן מיט אַ חוזקדיקער... מיט אַ... פאַרזויערטער צורה. אויסצושטעכן ייִדן די אויגן, איר פאַרשטייט, רב־לעבן? ווי איינער וואָס עסט טפו־טפו... חזיר־פלייש בפרהסיא..."

יאָסעלע האָט אָנגעקוקט ר׳ לייבעלען מיט אַ קאַלטן, גלייכגילטיקן בליק. יאָ, שינאה און קינאה האָבן פון דעם קלוגסטן מענטש געקאָנט מאַכן אַ לעכער־לעכן אידיאָט. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן רב און דער רב האָט זיך צו אים צעשמייכלט ווי אַ צעשפּילט קינד, זיך אַ רוק געטאָן אויף דער באַנק און אָנגעװיזן יאָסעלען ער זאָל זיך אַוועקזעצן לעבן אים. יאָסעלע האָט געפאָלגט. און ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, מיט זיין רייכער, געלער באָרד, מיט די הויכע גלייכע אַקסלען צווײ מאָל ברייטערע ווי דעם רבס, איז ר׳ לייבעלען אויסגעקומען ווי יאָסעלע וואָלט גאָר געווען דער רב, און דער רב וואָלט געווען יאָסעלעס עפּעס אַ לעמעשקעוואַטער תלמיד.

„נאָ, לאָמען לערנען!״ האָט דער רב אַ טייטל געטאָן אויפן דף וואָס ער האָט געהאַלטן אָפן, לעבן זיך.

יאָסעלע האָט אַ צופּ געטאָן די באָרד און צוגעוואָרפן דעם רב אַן אייז־קאַלטן בליק. „כ׳האָב אייך שוין טויזנט מאָל געזאָגט, רב, אַז עך בין נישט קאָ גרויסער צעלייגער אין לערנען״.

„וואָס הייסט ד׳ביסט נישט?״ האָט דער רב, אַ פאַרוויילטער, צו אים אַ ווונק געטאָן און אונטערן טיש, מיטן לאָטש, לייכט אַ קוועטש געטאָן יאָסעלעס שפּיץ־פוס.

„אַזוי הייסט דאָס!״ האָט יאָסעלע אַרויסגעפּלאַצט, צעטומלט פון די שטיק וואָס דער רב האָט דאָ מיט אים געפּראַוועט.

דאָס רבל האָט פריידיק אַ פּאַטש געטאָן מיט די לאַנגע שמאָלע הענט, אַ כיכיקע געטאָן אין דער באָרד אַריין און אויסגערופן צו ר׳ לייבעלען ווי ער וואָלט אים אַריינגעכאַפּט אין אַ אומגעריכטן שאַך־מאַט: „נישט געדאגהט, ר׳ לייבע־לע! ווי קאָן ר׳ יאָסעלע זיין אַן אַפּיקורס, אַז ער קאָן נישט לערנען, הע, זאָגט אַליין? צו זיין אַן אַפּיקורס מוז מען דאָך זיין אַ למדן, קאָנען אויספּשטלען אַפּיקורסישע רעיונות, צופּאַסן זיי צו די חריפותדיקע מאמרי חז״ל!״

ער האָט נחתדיק אויסגעשטרעקט די האַנט מיט די לאַנגע פינגער צו די אורחים, לייכט אַ טרייסל געטאָן זייערע פינגערשפּיצן און זיך צוריק געוואָנדן צום ספר.

יאָסעלע האָט ביטולדיק אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ צו ר׳ לייבעלען: „דער אייזל איז געגאַנגען זוכן הערנער און איז צוריקגעקומען אָן אויערן, הע?״

„אַזוי?״ האָט דאָס ר׳ לייבעלען שוין אַ ברי געטאָן. ער איז צוגעשפּרונגען צום רב און אים אַ טרייסל געטאָן פאַרן אָרעם. „טאָ גיט אים נאָר אַ פרעג, רב־לעבן, פאַר וואָס ער האָט נישט חתונה, אויב ער איז אַזאַ צדיק. פרעגט אים. נאָר צי דאָס איז אַזוי לויטן דין צו זיין אַ טאַטע פון זיבן יורשים, קיין עין־הרע, און... און זיי לאָזן נאָ וואָלגי פּיעס?״

דער רב האָט געמיטלעך אויפגעהויבן די אויגן אויף יאָסעלען. „האָסט טאָקע נישט קיין ווייב, יאָסעלע?״

„כ׳האָב אייך שוין טויזנט מאָל געזאָגט, רב, אַז כ׳האָב נישט!" האָט שוין יאָסעלע קוים געקאָנט צוימען דאָס „אייזערנע געדולד".

דער רב האָט זיך אַ קלעפּל געטאָן אין איידעלן שטערן: „ס׳דען... ס׳איז מיר גאָר אַרויס פון קאָפּ! טאָ וואָס עפּעס האָסטע נישט חתונה, יאָסעלע?"

דאָס בלוט איז אָפּגעפלאָסן פון יאָסעלעס פּנים, פון רוגזה. וואָס האָבן די צווי זיך צוגעטשעפּעט צו אים ווי זלידנע פליגן? וואָס האָבן זיי געוואָלט פון זיין לעבן? „ווייל כ׳וויל נישט קאָ שטיפמאַמע פאַר מאַנע קינדער!" האָט ער אָפּגעשניטן און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

דער רב האָט אים נאָכגערופן און אַ מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט: „שט׳ געדאגהט, יאָסעלע, מ׳עט מירטשעם געפינען אַ גוט ווייבל פאַר דיר און דו צוזאַמען מיט דיינע יורשים ט׳עץ למען־השם אויפגעריכט ווערן".

„מיקנשמאַלץ, רב! כ׳על נישט חתונה האָבן!" האָט יאָסעלע, מיט איין פוס אין דרויסן, שאַרף געדרייט מיטן קאָפּ.

„ס׳ט יאָ!" האָט דער רב געלאַכט.

„כ׳על נישט! נישט באַ מאַטיען!" יאָסעלע האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און איז אַרויסגעלאָפן.

געבליבן אַליין מיטן רב, האָט ר׳ לייבעלע פעסטער פאַרצויגן דעם גאַרטל אונטערן בויך און מיט אַ טרייסטנדיק קול זיך אָפּגערופן: „איר׳ט זען, רב־לעבן, ס׳עט זיך נאָך אַרויסווייזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז עד בין גערעכט וועגן יאָסעלען, פונקט ווי עד בין גערעכט וועגן יואלן דעם שמיד!" דער רב האָט זיך שוין געשמאַק געשאָקלט איבערן ספר און ר׳ לייבעלע האָט איינגעזען, אַז אַצינד רעדט ער שוין באמת צו דער וואַנט. האָט ער זיך אויך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. אָבער איידער ער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה, האָט ער צוגעגעבן: „ער׳ט זיך נאָך מתוודה זיין פאַר כּל־עם־ועדה אין דער שול. צו דער קונע ט׳מען אים צובינדן אין פּאָליש. מלקות ט׳מען אים געבן, גענוי־אַקוראַט ווי אים קומט!" און מיט דעם דמיון־בילד ווי אַזוי ער איז זיך מתעסק ביים שלאָגן יאָסעלען, איז ער אַרויס.

אוודאי האָט יאָסעלע נאָך אַזעלכע מסירהלעך נישט ליבער באַקומען ר׳ לייבעלען. אָבער ער איז נישט נתפּעל געוואָרן. ער האָט געוווּסט, אַז לשון־הרע פאַרשפּרייטן אומגליקלעכע ברואים, ווען סע דאַכט זיך זיי אויס, אַז עמעץ האָט אַ קאַפּינקע מער מזל פון זיי. פאַראַן געווען אַ ווערטל: „וואָס גרעסער דער מענטש, דאָס גרעסער זיין שטן". ווערדליק יאָסעלען האָט גיכער געשטימט צו זאָגן: „וואָס קלענער דער מענטש, דאָס גרעסער זיין שטן". און אַזוי ווי יאָסעלע האָט זיך בכלל נישט שטאַרק איבערגענומען מיט דעם וואָס מענטשן טראַכטן און רעדן וועגן אים, זיינען אים ר׳ לייבעלע יאַפּצאַק־פּרעסערס רייד, וואָס מען האָט אים אויך ווייטער אַריין צוגעטראָגן, אַנגעגאַנגען ווי דער פאַראַיאָריקער שניי.

יאָסעלע האָט אַזוי לאַנג געאַרבעט איבער זיך, ביז ער האָט אויפגעהערט

צו האָבן עגמת־נפש ווען ער האָט געזען ר׳ לייבעלען אַרויסקומען אויף דער שוועל פון דער שול. בשום־אופן האָט ער זיך נישט געלאָזט פאַרשטערן דעם פאַרגעניגן פון אָנפרייען דאָס אויג מיט דער שול, אויפן וועג אַהיים פון די דערפער. און אויב האָט אים דער שמש, ווי נישט־ווילנדיק, פאַרשטעלט דעם וועג אַרויס, צי אַריין — האָט יאָסעלע מיט איין באַוועג פון פעסטן אָרעם אים אָוועקגעשאַרט אין אַ זייט, עלעהיי ר׳ לייבעלע וואָלט געווען אַ חפץ וואָס איז אים געווען אַ שטער.

4

די צייט האָט זיך גערוקט פאָרויס. יאָסעלעס קינדער זיינען געוואַקסן — און בקרוב איז יאָסעלען קלאָר געוואָרן, אַז אַנדערש פון זיינע אַנדערקע קינדער איז געווען זיין מיזינקע: בינהלע. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי אין איר וואָלט געזעסן אַ שד, אַ רוח. אפשר טאַקע דער רוח פון דער משוגענער כּלה קיילעלען, וועלכע האָט זיך דערטרונקען אין סטאַוו.

קלאָר ווי דער טאָג, אַז ביי יאָסעלען איז דאָס אַפּל פון אויג געווען זיין איינציקער זון, הערשעלע, דער קדיש זיינער. פאַר אים האָט יאָסעלע געמאַכט פּלענער, פאַר אים געחלומט חלומות. אין הערשעלען האָט יאָסעלע געוואָלט זען דאָס בעסטע פון זיך, פון זיין טאַטן און פון זיינע אָבות־אָבותיו. הערשעלע האָט געטראָגן דעם קיום פון דער משפחה און פון פאָלק ישראל אין עתיד אַריין. הער־שעלע האָט געמוזט זיין אַ שלמותדיקער ייִד.

דאָך האָט יאָסעלע אַבעדאָלע פאַר בינהלען, זיין ייִנגסטער, וואָס בעת איר געבורט האָט ער פאַרלוירן זיין ווייב מאַרימלען, זיך געזאָרגט מער ווי פאַר אַלע זיינע קינדער, מער אַפילו ווי פאַר הערשעלען. בינהלע האָט צעכוואַליעט אין יאָסעלעס האַרצן אַזעלכע געפילן וואָס ער האָט גאָר קיין נאָמען פאַר זיי נישט געהאַט. אויף איר אַנבליק האָט אַ ווייטיק זיך צענאָגט אין אים און גלייכצייטיק — אַ מילדקייט; אַ בענקעניש און אַ פאַראיבל און גלייכצייטיק — אַ טרייסטנ־דיקע ליכטיקייט. — אָבער לייגעס האָט ער איר פאַדאַוועט מער און אָפטער ווי די אַנדערע קינדער, הגם זי האָט, להיפוך צו די אַנדערע קינדער, געווייכט פון אים ווי נאָר זי האָט געקאָנט.

גערעאָטן מיטן אויסזען אין מאַרימלען איז בינהלע גראָד מער ווי אַלע איבע־ריקע קינדער. זי האָט אַפילו געהאַט נאָך מער אַרויסגעהויבענע באַקנביינער און שיפּערע אויגן פון איר מאַמען. אָבער אַן עקשן איז זי געווען פונקט ווי דער טאַטע. און פאָלגן האָט זי נישט געוואָלט, מיט די שוועסטער און דעם ברודער זיך אַרומגעהרגעט נאָך איידער זי האָט געהאַט אַ ביסל כּוח אין אירע דינע הענט־לעך. דערפאַר האָט זי, נאָך איידער זי האָט רעכט פאַרשטאַנען וואָס אַ מאַמע איז, געהערט פון זיי, אַז צוליב איר איז די מאַמע געגאַנגען פון דער וועלט.

ווי אַזוי דאָס איז געשען, אַז די מאַמע איז צוליב איר געגאַנגען פון דער וועלט, האָט בינהלע בשום־אופן נישט געקאָנט באַנעמען. ווי אַזוי האָט עמעץ איבער הויפט געקאָנט אַראָפּגיין פון דער וועלט? און אַז זי האָט שוין שפּעטער־אַריין זיך דערוווּסט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ שרעקלעכער מלאך ווי דער מלאך־המוות, וועלכער קומט און נעמט צו בײַ דעם מענטשן דעם אָטעם און דער מענטש הייסט דעמאָלט געשטאָרבן און מען באַגראָבט אים אויפן בית־עולם — און אַז דאָס איז געווען דער טייטש פון „גיין פון דער וועלט" — האָט זי ערשט רעכט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס זי איז געווען דער גורם אין דער מאַמעס טויט, און נישט דער מלאך־המוות. זי איז טאַקע געבוירן געוואָרן דעם זעלבן טאָג וואָס די מאַמע איז געשטאָרבן, אָבער די שוועסטער האָבן דאָך איר אַליין געזאָגט, אַז „מענדל און גנענדל", די באַטשאַנעס אויפן דאַך, האָבן זי אַראָפּגעבראַכט פון הימל. טאָ וואָס פאַר אַ שייכות האָט זי געקאָנט האָבן מיטן מלאך־המוות? וואָס איז זי געווען שולדיק וואָס די מאַמע איז געגאַנגען פון דער וועלט פּונקט דעמאָלט ווען זי, בינהלע, איז געקומען אויף דער וועלט? סײַדן די מאַמע איז געגאַנגען פון דער וועלט צוליב איר, צוליב בינהלעס מיאוסקייט. אין איר מיאוסקייט האָט בינהלע נישט געספּקט. נישט נאָר די שוועסטער, נאָר אַלע שכנות האָבן זי דאָך גערופן „מאַרזעפּע". האָט בינהלע געטראַכט, אַז די מאַמע האָט אפשר געכאַפּט אַ בליק אויף איר, אויף בינהלען, ווען דער באַטשאַן האָט זי געבראַכט — און עס איז איר נישט גוט געוואָרן — און דעמאָלט האָט דער מלאך־המוות זיך צוגעכאַפּט צו איר.

אָבער אויב די מאַמע האָט זי, בינהלען, נישט געוואָלט, איז דאָס געווען דער מאַמעס עסק. זי, בינהלע, האָט נישט בדעה געהאַט צו טראָגן די שולד אויף זיך פאַר דער מאַמעס אויפפירונג. און אויב זי, בינהלע, איז געווען אַזאַ „מאַרזעפּע" און אַלע האָבן זי געטריבן פון זיך מיט אַ „גיי שוין, כ'קאָן דיך נישט אָנקוקן!", האָבן זיי אַלע געמעגט נאָכטאָן דער מאַמען און אויך גיין פון דער וועלט, און זי וואָלט זיך אָסור געפילט שולדיק. זי האָט זיי דאָס מער ווי איין מאָל געווונטשן. אַז זיי האָבן נישט געוואָלט דערפילן איר ווונטש, איז דאָס אויך געווען זייער עסק, און זי האָט זיי לכל־הפחות געמעגט ווייזן וואָס זי קאָן. ווייל, אַז מען איז געווען אַ „מאַרזעפּע" האָט נישט געהאַט קיין שום זינען צו זיין גוט און געלאָסן און נישט טאָן וואָס עס גלוסט זיך. — האָט זי טאַקע אָפּגעטאָן די שוועסטער אויף להכעיס, נישט געלאָזט זיי בשום־אופן קאָמאַנדעווען איבער זיך, און זי האָט אַלץ געטאָן פּונקט קאַפּויער ווי דער טאַטע האָט געהייסן.

און אַז יאָסעלע האָט איר אַריינגעצימבלט מכות־רצח און האָט אַ פאַרסאַ־פּעטער, מער פון עגמת־נפש ווי פון אָנשטרענגונג, געוואָלט פאַרענדיקן דאָס שלאָגן און האָט געפרעגט: „ד'עסט נאָך? ד'עסט נאָך, סמאַריק איינער?" האָט זי געגוואַלדעוועט, אַז ס'האָט אַזש געקלונגען אין די אויערן, אָבער געענטפערט האָט

זי נישט. האָט ער ווייטער געקלאַפּט און איבערגעחזרט: „ד׳עסט נאָך? ד׳דעסט נאָך?״ האָט זי, ווי נישט זי מיינט מען, ווייטער גערעוועט און ווייטער נישט געענטפערט. — ווי האָט ער, דער קלוגער טאַטע, געקאָנט פרעגן אַזאַ נאַרישע שאלה? אוודאי וועט זי נאָך. און זי האָט זיך געלאָזט האַקן און בראָקן, ביז יאַסעלע, דער עקשן — האָט נאָכגעגעבן און זי אָפּגעלאָזט.

בינהלע איז געוואַקסן אַליין פון זיך, און צוזאַמען מיט איר איז געוואַקסן דער פאַרך אויף איר קאָפּ און זיך גענומען פאַרשפּרייטן איבער איר גאַנצן שאַרבן. די שוועסטער האָבן איר געזאָגט, אַז דעם פאַרך האָט זי באַקומען פאַר אַ שטראָף, ווייל צוליב איר איז די מאַמע געגאַנגען פון דער וועלט. אָבער מיט זיי האָט זי זיך ווי ניט איז אַן עצה געגעבן.

„אַז עך ׳על וועלן״, האָט זי צוריקגעשריגן צו זיי, „׳על עך מאַכן אַזאַ קונץ, אַז עץ ׳עט אויכעט אַראָפּגיין צוליב מיר פון דער וועלט!״

ערגער איז געווען וואָס די קינדער אין גאַס האָבן איר נאָכגערופן: „מאַר־זעפּע, פאַרעך־קאָפּ!״

די מאַמעס האָבן נישט געלאָזט די קינדער זיך שפּילן מיט איר, נאָר אויס רחמנות און אויס דרך־ארץ פאַר יאַסעלען האָבן זיי אַרויסגעלייגט פאַר איר אַ שטיקל ברויט אויף דער שוועל, צי אַ בלעכל מיט אַ צוויי געקאָכטע קאַרטאָפל, און האָבן זי צוגערופן ווי אַ הינטל: „קום אַהער, פאַרעכל, עס!״

בינהלע איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר און זי האָט מער נישט געקאָנט אויס־האַלטן דאָס בייסעניש, דאָס צופּעניש, דאָס דראַפּען און קראַצן דעם קאָפּ ביז בלוט און דער עיקר — דעם בזיון, ווי די מיאוסקייט אירע, דער פאַרך, וואָלטן געווען אַ מין קין־צייכן טאַקע פאַר אַ זינד וואָס זי איז באַגאַנגען. זי האָט זיך אַזוי פיינט באַקומען און די וועלט איז איר געוואָרן אַזוי ענג, אַז איין מאָל, ווען זי האָט באַמערקט, אַז אירע שוועסטער זיינען געווען אין שטוב און האָבן צו־געגרייט דאָס אָוונט־עסן, איז זי אַוועקגעלאָפן צו יאַסעלען אין קראָם מיט אַ געוויין.

„כ׳וויל נישט הייסן מאַרזעפּע פאַרעך־קאָפּ!״ האָט זי גערעוועט.

„ווער רופט דיך מאַרזעפּע פאַרעך־קאָפּ?״ האָט ער געפרעגט.

„אַלע!״

„וואָס עפּעס?״

„וואָ כ׳האָב אַ פאַרעך!״ זי האָט אים אַנגעקוקט מיט חשד דורך די טרערן, נאָכצופאָרשן צי ער מאַכט נישט אַ מאָל חוזק פון איר. האָט ער טאַקע נישט געוווּסט אַ זאַך וואָס גאַנץ באַטשאַני האָט געוווּסט? אַ רגע איז זי געשטאַנען, געשטאַרט אויף אים דורך די טרערן און דערנאָך האָט זי פאַרצווייפלט געגעבן אַ בייג צו דעם קאָפּ צו אים: „נאַ, קיק!״

ער האָט אַרויפגעלייגט די דלאָניעס אויף אירע אויערן, צוגעבויגן דאָס פּנים צו איר געלבן קאָפּ און זיך צעפּינטלט מיט די קראַנקע אויגן. עס האָט זיך אים אַזש פאַרדרייט דער קאָפּ. ער איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס און געוואָרפן אַ ווילדן בליק דרויסן אַרויס, צום פּאַטשעיאַוו.

אָבער ניין, צו פריידעלען דער שטעפּערקע וועט ער מיט בינהלען נישט אַריינגיין! פריידעלע די שטעפּערקע האָט אָפּגעטאָן געברענטע צרות ביים היילן פאַרכעס. נישקשה, ער, יאָסעלע, האָט דאָס צוגעקוקט. פריידעלע האָט באַשמירט שטיקער לייוונט מיט פּעך, מיט סמאָלע, זיי צעגליט איבערן פייער און אַרויפגעלייגט אויף די קרעציקע קעפּ, געמאַכט אַ מין קופּקע, אַ מין ברענענדיק־בראָטנדיק לצים־שייטל. אויף מאָרגן איז מען געגאַנגען צו איר און זי האָט די קופּקע אַראָפּגעריסן, אָפּגעשונדן מיט דער הויט, און אויפן בלוטנדיקן קאָפּ אויף ס׳ניי אַרויפגעלייגט אַזאַ סמאָלעדיקן טשאַפּיק. טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך. ער, יאָסעלע, וועט דאָס נישט קאָנען צוקוקן, ביי זיין גאַנצער „אייזנדיקייט”. ניין! בשום־אופן נישט!

אָבער וואָס פאַר אַן עצה האָט ער געהאַט?

דאָ האָט אַן איינפאַל אויפגעבליצט אין זיין קאָפּ: שמוליקל רופא! אין דעם פאַל האָט מען געמעגט, געמוזט פאַרגעסן די שינאה וואָס מען האָט געטראָגן צו די אַפּיקורסים. ס׳איז דאָך כמעט געווען אַן ענין פון פּיקוח־נפש. ס׳האָט זיך דאָך געהאַנדלט אין אַ קינד, אין איינשפּאָרן יסורים אַ נעבעכדיק, אומבאַהאָלפן באַשעפעניש. שמוליקל רופא איז דאָך פאָרט אויסגעווען אַ וועלט. אפשר האָט ער אין אַנדערע מקומות אויסגעפונען אַ לייכטערן מיטל ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אַ פאַרך? מען האָט אים געמוזט אויספרווון, זען וואָס און ווען, איידער מען גיט זיך איבער אין די הענט פון פריידעלען.

יאָסעלע האָט אַ כאַפּ געטאָן די טאָכטער פאַר דער האַנט, אויסגערופן צו הינדעלען דער שכנה זיינער, אַז זי זאָל האַלטן אַן אויג אויפן קרעמל, און איז מיט בינהלען אַריבערגעלאָפן דעם מאַרקפּלאַץ, צום פעלדשערס הויז.

דער פעלדשער סאַמועל בעסטערמאַן איז געווען אַ נידעריק, רירעוודיק מענטשל פון אַ יאָר פינף און דרייסיק, מיט אַ שפּיציק בערדל און מיט קליינע פריזיערסקע וואָנצעלעך וואָס האָבן זיין פאַרשפּיצטע נאָז געמאַכט אויסזען קירצער ווי זי איז געווען. ווען די בייע ווינטן וואָס האָבן געווייעט איבער רוסלאַנד האָבן אים אַרויסגעשלאָגן פון דער אַמביציע צו ווערן אַ רב און האָבן אים פאַרטראָגן אַזש קיין קיִעוו ווו ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו שטודירן אויף דאָקטער, איז ער בעת־מעשה געווען עדות פון אַ פאַר פּאָגראָמען צו וועלכע די שטאָט קיעוו האָט געהאַט אַ נטיה. ער האָט זיך אַנגעזען און אַנגעליטן אַ וועלט, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַט דעם דיפּלאָם זיינעם — פון אַ פעלדשער. ווייל ביי דעם אַלעם גוטן איז ער געווען אַ ייִד פון פוילן און דערצו אַן אביון־בן־אביונים. אין קיִעוו איז ער

געוואָרן אַ פאַרברענטער אָנהענגער פון די „חובבי־ציון" און אַזוי האָט ער באַשלאָסן צו „גיין אין פאָלק" — אין זיין אייגענעם, און דאָס אייגנסטע פון אייגענעם האָט געלעבט אין זיין היימשטעטל באַטשאַני. און אַזוי גיך ווי די בענקשאַפט נאָך ציון האָט אָנגענומען די פאָרעם פון אַ פּאָליטישער באַוועגונג, איז ער געוואָרן אירס אַ פייערדיקער אָנהענגער און פּראָפּאַגאַנדיסט.

ער האָט געגנוג גוט געקענט דאָס אייגענע פאָלק זיינס צו וויסן, אַז די פּראָפּעסיע זיינע וועט אים צו זיינע ברידער נישט דערנענטערן, נאָר פאַרקערט — זיי אָפּשרעקן פון אים. אָבער דאָס האָט אים גופא נישט אָפּגעשראָקן. ער, שמוליקל רופא, איז פשוט מיד געוואָרן פון אַלע מינים שרעקן. ער האָט זיך מיט זיין נייעם שטייגער לעבן און מיט זיינע איבערצייגונגען נישט בדעה געהאַט צו באַהאַלטן און אַזוי האָט ער באַשלאָסן צו לעבן צווישן זיין פאָלק, לעבן ווי דאָס פאָלק — און קעמפן מיט דער צוריקגעשטאַנענקייט און פאַרגרעבטקייט אין זייער סאַמער נעסט.

אַ פריזיער איז שמוליקל געוואָרן טאַקע אין זיינע סטודענטסקע יאָרן. דאָס פאַך האָט אים געהאָלפן זיך דערשלאָגן צו זיין היינטיקער מדרגה און איצט האָט ער עס אויסגענוצט פאַר זיינע טעטיקייטן אין באַטשאַני. אַ פריזיערסקער „זאַקלאַד" האָט געהאַט אַ מעלה: אַ שטענדיק אָפענע טיר. און הגם שמוליקל האָט געוווּסט, אַז אָנהייבן וועט ער מוזן מיט גויים, ווייל ביי גויים האָבן פריזיערן אָפּט דערפילט די פונקציעס פון אַ רופא, און אַז קיין ייִדישער „מענטש פון פאָלק" וועט זיך ביי אים אַזוי גיך נישט יאָווען — האָט ער באַטראַכט פאַר מזלדיק דעם פאַקט וואָס ער האָט געקאָנט עפענען אַ ראַזורע אויפן סאַמאָראָדנעם מאַרק־פּלאַץ, צו דער זייט פון פאַטשעיאָוו. דאָס האָט אים געגעבן די געלעגנהייט צו פאַרשפּרייטן זיינע מיינונגען און אידעעס, אויב נישט אינעווייניק, איז לכל־הפחות אין דרויסן, פאַר דער טיר, דורך פאַרטשעפּען די ייִדן וואָס האָבן זיך דאָרט געזאַמלט; דורך רעאַגירן אויף אַלץ וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר זיינע אויגן. — אוודאי האָט ער זיך פאַר קיינעם נישט דערקלערט פאַר אַ ציוניסט. געווען געזינטער אַזוי. סיי ווי האָט דער פאַקט פון זיין פאַרטייִשער אָנגעהעריקייט פאַר דעם באַטשאַנישן עולם קיין באַטייט נישט געהאַט. זיי האָבן קוים געוווּסט מיט וואָס „מען עסט" דעם ענין „ציאָניסמוס" און דער נאָמען פון דאָקטער הערצל איז זיי פרעמד געווען. האָט שמוליקל זיך גענומען די פרייהייט צו פריידיקן זיינע אידעאַלן אָן צו באַנוצן די מאָדערנע שפּראַך. דאָס האָט בעסער געדינט זיינע צילן.

שמוליקל רופא איז גראָד געווען שטאַרק פאַרנומען מיט אַ פויער וועלכער איז געזעסן אויפן פריזיערסקן בענקל, ווען יאָסעלע מיט בינהלען ביי דער האַנט איז אַריינגעפאַלן צו אים. דער פויער האָט געהאַט אַן אויסגעלענקטע האַנט און

אַ צווייטער פּויער האָט געהאָלפן שמוליקלען ציען דעם אָרעם, כּדי די האַנט צוריק אַריינצושטעלן אין געלענק.

שמוליקל האָט אויף יאָסעלעס אַנבליק נישט קיין פּינטל געטאָן מיטן אויג אונטער די שווער־באַראַמטע ברילן וואָס זיינען אים געווען אַראָפּגערוקט ביז אַ האַלבער נאָז. ער איז אַנגעגאַנגען מיטן אונטערקרעכצן, אונטערסאָפּען צו גלייך מיט די צוויי פּויערים. די עבודה איז נישט געווען קיין לייכטע, און אַז זי האָט זיך פאַרצויגן, האָט שמוליקל אַ פאַרשטיקטן קרעכץ געטאָן אין יאָסעלעס ריכטונג: „קומץ אַהער און לייגטץ צו אַ האַנט!" — האָט יאָסעלע ווי אַ פאַרהיפּנאָטיזירטער געפאָלגט, אויך אָנגעכאַפּט דעם קרעכצנדיקן פּויער פאַרן אָרעם, ביז אינעווייניק האָט אַ בייַן אַ קנאַק געטאָן און די אָפּעראַציע איז געלונגען.

שמוליקל רופא האָט אויסגעווישט די ברילן, אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן מיט אַ צעקנאָדערט, גרויס ווייס טיכל און בעת איינער פון די כלאָפּעס האָט אַוועקגעלייגט אַ הייפל קרויט און אַ שטיק ווייסן קעז אונטערן פריזיער־סקן שפּיגל, דעם רופאס באַלוינונג, האָט שוין שמוליקל זיך אויסגעפרעגט ביי יאָסעלען וועגן פּרטים פון זיין לעבן, ווי ער וואָלט אים אָנגעשטאַנען אַ גליד־שוועסטערקינד. און וויפל מאָל יאָסעלע האָט אים איבערגעשלאָגן אין מיטן די שאלות און אים געזאָגט קורץ און שאַרף וועגן וואָס ער איז געקומען, האָט עס אויף שמוליקלען געווירקט ווי אויף אַ טויטן באַנקעס. ביז ער האָט זיך דערוווּסט פון יאָסעלען אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט וויסן, און ערשט דעמאָלט האָט ער אַ נעם געטאָן בינהלען פאַר דער האַנט און זי אַריינגעפירט אין זיין חדרל הינטער דער ראַזורע און געהייסן יאָסעלען בלייבן אין דער טיר, מחמת מער קיין סך אָרט איז אין דעם חדרל נישט געווען.

יאָסעלען איז גלייך געפאַלן אין די אויגן אַריין דער גרויסער פּאָרטרעט פון אַ פּושע־ישראל וואָס איז געהאַנגען גלייך לעבן שמוליקלס דיפּלאָם, און ער האָט זיך גלייך משער געווען, אַז דאָס איז געווען טאַקע אָט דער דאָקטער הערצקע, צי הערצל, וואָס מען האָט געזאָגט אין שטאָט, אַז שמוליקל גלייבט אין אים ווי אין אַ בעל־שם.

דערווייל האָט שמוליקל אַוועקגעזעצט בינהלען לעבן דעם קרומען טיש, דעם באַלייגטן מיט כּלערליי פלעשלעך, פּאַפּירן און ביכער. ער האָט באַטראַכט איר קאָפּ און אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן קרעכצנדיקן זיפץ: „אוי געוואַלד!" — דער־נאָך האָט ער דערלאַנגט בינהלען אַן אומגעריכטן קנייפּ אין בעקל, זי אַ נעם געטאָן פאַר דער האַנט און געזאָגט: „קום, מ'עט זיך נעמען צו דער אַרבעט!"

אין בינהלען האָט דאָס האַרץ אַ זינג געטאָן. „מ'עט זיך נעמען צו דער אַרבעט", האָט געקאָנט מיינען נאָר איין זאַך: אַז ער וועט זיך נעמען זי אויס־צוהיילן. אַ וואַרעמקייט האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן איבער אַלע אירע אברים,

פון דעם באַריר פון שמוליקלס ווייכער האַנט. עק וועלט וואָלט זי זיך אַצינד געלאָזט פירן פון אים.

דערווייל האָט ער זי צוריק אַריינגעפירט אין דער ראַזורע און זי אָוועקגע־זעצט אויפן פריזיערסקן בענקל. ער האָט גענומען זיינע משונהדיקע כלים, אַריינגעלייגט זיי אין אַ בלעכל און דאָס אַרויפגעשטעלט אויף אַ ספּיריטוס־מאַשינקע, ווי ער וואָלט זיך פאַרנומען צו קאָכן אַ זופּ. דערנאָך האָט ער געכאַפּט דאָס הייפּטל קרויט מיטן שטיק קעז און איז דערמיט פאַרשווונדן ערגעץ דורכן „קאַבינעט". זי איז געזעסן שטייף, באַוועגלאָז, געוואַרט אויף אים און זיך איינגעהערט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט איר הויך, גיך, ווי עס האָט נאָך קיין מאָל נישט געקלאַפּט. קיין איין מאָל האָט זי נישט אומגעקערט דעם קאָפּ צו איר טאַטן וואָס איז געשטאַנען ערגעץ הינטער איר רוקן, אין דער ראַזורע.

צוריק אין דער ראַזורע, האָט שמוליקל אַרויסגענומען די כלים פון בלעכל און האָט גיך אַ זאָג געטאָן צו בינהלען: „ס'עט אַ ביסל וויי טאָן".

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר שטראַלנדיקע, איבערגעלאָפענע אויגן און אים דערמוטיקט: „כ'על נישט וויינען".

„מאַלאַדיעץ!" האָט ער אויסגערופן און חבריש האָט ער צוגעגעבן: „מעגסט יאָ וויינען, אַפילו שרייען, נאָר דריי דיך נישט, אַז נישט 'על עך דיר פאַרפאָרן אין דער לינקער פּאה!" — ער האָט זיך פאַרנומען אָפּצוראַזירן איר קאָפּ און אָוועקצושערן די האָר פון די קרעץ. בינהלע האָט פאַרביסן די ליפּן, געשלונגען די טרערן און קיין פּיפּס נישט געטאָן. אָבער דאָ האָט דער גוטער שמוליקל רופא, אין סאַמע מיטן פון אירע יסורים, זיך גאָר אַ צעבייזער געטאָן אויפן טאַטן, אויף יאָסעלען: — „גמרא לערנען קענסטע, הע?" האָט שמוליקלס הייסער אָטעם געבריט בינהלעס אויער. „אָבער וואָס די גמרא זאָגט איז נישט דיין עסק, הע?" האָט ער זיך געקאָכט. „דאָס זענט עץ אַלע, פאַרשניאַשקעטע אייזלקעפּ! בלינדע און פאַרבלענדטע צבועקעס זענט עץ!"

יאָסעלע, וועמען עס איז געווען פּריקרע צוצוקוקן די אָפּעראַציע פון דער נאָענט, איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דער שוועל פון שמוליקלס „קאַבינעט" און האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק, אויפן פאַרטרעט אויף דער וואַנט. ער האָט פאַר־ביילט די הענט אין פויסטן און זיך קוים געקאָנט צוימען נישט צו פאַרפאָרן דעם וויסטן אַפּיקורס אין דער זיבעטער ריפּ. אָבער בינהלע, זיין אייגן בלוט און פלייש, איז אַצינד געווען אין דעם מנוולס הענט און ער האָט איר געקאָנט פאַרפאָרן מיטן ראַזיר־מעסער ווער ווייסט ווו.

האָט יאָסעלע בלויז אַ כריקע געטאָן: „וואָס שטייט דאָס אַזעלכעס אין דער גמרא וואָס דו פירסט יאָ אויס אין אַ לייטישער ייִד נישט, הע, למשל אַ שטייגער?"

„אין דער גמרא שטייט געשריבן", האָט שמוליקל געשאָבן בינהלעס קאָפּ מיט אַן אומהיימלעך־קלינגענדיקער, אייזיקער מאַשינקע, „אַז אַן אומריינער קאָפּ,

אַ שטייגער למשל, ברענגט צו בלינדקייט, אומריינע קלידער צו אַפּגעלאָזנקייט און אַ שמוציקער גוף ברענגט צו קרעץ און כל־מיני חלאתן!" ער איז שטיל געוואָרן, פאַרביסן די צונג צווישן די ליפּן, בעת ער איז מיט דעם שאָבן פון בינהלעס שאַרבן צוגעקומען הינטער איר אויער.

יאָסעלע האָט געזען ווי בינהלע דרייט זיך אין יסורים אויפן פריזיערסקן פאָטעל. ער האָט פאַרנומען ווי זי קרעכצט שטיל אונטער. און ס'איז אים געווען ענג די וועלט. צום גערנסטן וואָלט ער אַראָפּגעכאַפּט דאָס קינד פון אָט דעם מזבח־שטול און מיט איר אַנטלאָפן ווו די אויגן טראָגן. אָבער ער האָט זיך מתגבר געווען און כדי איבערצוקומען דאָס וואַרטן און אָפּצווענדן די אויפמערקזאַמקייט זיינע פון בינהלעס קאָפּ און פון דער פריקרער טעמע וואָס שמוליקל האָט איינגע־פעדעמט, האָט ער מיט דער גאַמבע אַ ווייז געטאָן אויפן בילד וואָס איז געהאַנגען אין חדרל אויף דער וואַנט און אַ פרעג געטאָן: „דיינס אַ קרוב?"

שמוליקל וועלכער איז בשלום אַרויס פון הינטער בינהלעס אויער מיטן פריזיערסקן מכשיר, האָט נישט גלייך געענטפערט. ער האָט זיך עוסק געווען מיטן אָפּווישן דאָס בלוט וואָס איז גערונען פון בינהלעס קאָפּ, מיטן איינגעצן די ווונדן מיט אַ שטיק וואַטע געטונקען אין אַן אומהיימלעך־ברוינער פליסיקייט. יעדער מאָל וואָס בינהלע איז אונטערגעשפּרונגען אויפן געזעס און אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן פּישטש, האָט שמוליקל ווי מיטגעפּישטשעט מיט איר.

„מאַלאַדיעץ! מאַלאַדיעץ!" האָט ער זי באַרויִקנדיק גיך געגלעט איבערן אַקסל. לסוף האָט ער געענטפערט יאָסעלען: „ר'איז דיין קרוב אַזוי גוט ווי מיינער".

„ס'טייטש?" האָט יאָסעלע איבערגעפרעגט, נישט ווייל ער איז געווען ניי־געריק, נאָר סתם, נישט צו ווערן אויסער זיך פון אומגעדולד.

„דער טייטש איז, אַז דאָקטער הערצל איז דער צווייטער משה־רבנו".

„יאָסעלע האָט אַ שפּרונג געטאָן. „אַזוי? נישט מער און נישט ווייניקער!"

„נישט מער און נישט ווייניקער!" האָט שמוליקל געענטפערט מיט אַ גע־צוימטן פּאַטאָס. „ער וויל צוריק אַהיימפירן די ייִדן קיין ציון".

„און ווי אַזוי וויל ער דאָס מאַכן, אַ שטייגער למשל?" האָט שוין יאָסעלע אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז ער האָט אָנפאַרטרויט זיין קינד אין די הענט פון דער סיטרא־אחרא אַליין.

„לייכט צוגיין 'עט דאָס נישט". שמוליקל האָט ערנצט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „אָבער נישקשה. פאַרלאָז דיך אויף דאָקטער הערצל. מ'עט אויסלייזן דאָס לאַנד פון פרעמדע הענט. ער פירט אונטערהאַנדלונגען מיטן טערקישן סולטאַן אַליין, און די ענגלענדער זענען אויך שוין באַלד נוטה צו פאַרשטיין דעם ענין. ט'מען אונטערהאַנדלען מיט אַנדערע מדינות אויך. מ'עט פאַרקויפן מיליאָנען שקלים. מ'עט קאָלאָניזירן דאָס לאַנד..."

יאָסעלע האָט אים איבערגעשלאָגן מיט אַ בייסיקן חוזק: „און מיטן רבונו־של־עולם קלערט עץ אויכעט צו פירן עפעס... עפעס אונטערהאַלטונגען?"

שמוליקל האָט אים צוגעוואָרפן אַ גיכן שאַרפן בליק: „דער רבונו־של־עולם איז נאָר גורם, אַז ייִדן זאָלן פאַרן שטאַרבן קיין ציון. אונדז ווילן מיר לעבן אין ציון".

„ציון?" יאָסעלע האָט אַ בלאָז געטאָן מיט די ליפּן ווי ער וואָלט זיך פאַר־מאָסטן אַ שפּיי צו טאָן אויף שמוליקלען. „עץ מעגטץ ענק ציען פון היינט ביז מאָרגן אין אַזאַ ציון. דוחק זיין דעם קץ ווילט עץ אַן דעם רבונו־של־עולם, הע? און אפשר ברויכט עץ גאָר אין גאַנצן נישט קיין משיחן, הע? ד'ווייסט וואָס עץ קאָנט יאָ אויפטאָן, חכם מיינער? פון דער הייליקער ערד מאַכן נאָך אַ גלות, דאָס קאָנט עץ אויפטאָן!"

שמוליקל האָט צעשמירט אַ זאַלב איבער בינהלעס אָפּראַזירטן רויט־בלויען גאָלן קאָפּ און זיך איצט דערלויבט אַ האַלבן קער צו טאָן די גאָמבע אין יאָסע־לעס ריכטונג. „און דאָס וואַרטן אויף ביאת־המשיח מיט פאַרלייגטע הענט וואָס האָט אויפגעטאָן, דו זאָג מיר, אויב ד'ביסט אַזאַ גרויסער חכם, הע? נאָך אַ פּאָר טויזנט יאָרעלעך וואַרטן און ווערן געברענט און געבראָטן? ווערן גערודפט און געשאָכטן? ער איילט זיך נישט, ענקער משיח. ר'האָט צייט, דער אויסלייזער, הע? מה רעש? שפּילט אַ ראָלע ביי אים נאָך אַ קישעניעוו, נאָך אַ דור פאַר נגישות און פורעניות? ביליקער ווי באָרשט איז ביי אים ייִדיש בלוט. דערפאַר זאָגן מיר אונדז: גענוג געוואַרט. עם־ישראל 'עט ווערן זיין אייגענער משיח און זיך אַליין אויסלייזן!"

יאָסעלע האָט זיך געוואָלט פאַרשטעלן די אויערן, נישט צו הערן שמוליקלס עזותדיקע רייד. נישט געווען ביי אים קיין ספק, אַז ר'לייבעלע שמש איז געווען גערעכט. דעם שמוליקלען האָט מען געדאַרפט פאַרטרייבן פון באַטשאַני, אַז עס זאָל פון אים קיין שריד־ופליט נישט בלייבן. יאָסעלע איז צוגעשפּרונגען צום פּריזערסקן פאָטעל, צו זען צי ער קאָן שוין אַ כאַפּ טאָן בינהלען און אַנטלויפן. אָבער שמוליקל האָט נאָך אַלץ געריבן די זאַלב אין בינהלעס שאַרבן. — האָט יאָסעלע פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און גיך געגנומען שפּרייזן אַהין און צוריק איבער דער ראָזורע. ער האָט פאַרביסן די ליפּן, באַשלאָסן זיך נישט אָפּצורופן צו שמוליקלען מיט קיין וואָרט מער, כדי שמוליקל זאָל זיך מער נישט אָפּרופן צו אים. בעת־מעשה האָט יאָסעלע קענען זיין ווילן, אין זיך, איבערגעקייט שמוליקלס טרייפענע רייד. ווייל וואָס דען האָט ער געזאָלט טאָן בעת אָט דער וואַרטעניש וואָס האָט אים אָפּגעקאָסט אַ שטיק האַרץ און אַ שטיק מוח? און דאָ האָט ער, קעגן זיין ווילן, זיך אַ קער געטאָן צו שמוליקלען, ווייל ער האָט פאַרט נישט געוואָלט אים שולדיק בלייבן אָן ענטפער.

„דו מעגסט דיך אויפן קאָפּ שטעלן, שמוליקל", האָט ער שוימיק, אָבער פעסט

ביי זיך, אַ זאָג געטאָן. „'עסטע די גאולה נישט דערגרייכן. ד'הערסט וואָס עך זאָג דיר? אין קף־הקלע ט'עץ אַלע אַריינפּאַלן! ווייל דער רבונו־של־עולם איז מיט אונדז און נישט מיט ענק. און די שכינה ריכט אָפּ גלות פּונקט ווי אונדז אַלע ריכט מען אָפּ... איז די קדושה דאָ און נישט דאָרטן. און מיר איז אויך ניחא דאָ צו זיין, ד'הערסט? ס'איז מיר ניחא!" ער האָט אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבערן מויל, איבער דער באָרד און צוגעגעבן: „עץ 'עט די הייליקע ערד נישט אויפריכטן! מיקנשמאַלץ, זאָג עך דיר! עץ 'עט זיך אַליין אויך נישט אויפריכטן. ווייל ענקער לויפן אַהין איז צוליב אימה. דער פּחד פאַרן גוי טרייבט ענק. און וואָס קאָנען שוין פּחדנים מישטיינס געזאָגט אויפטאָן, פּחדנים וואָס האָבן אַפילו קיין טאָטן אין הימל נישט?"

יאָסעלע איז געוואָרן אַזוי אַריינגעטאָן אין זיינע אייגענע רייד, אַז הגם ער האָט צוגעקוקט ווי שמוליקל האָט אַראָפּגענומען בינהלען פון פריזיערסקן פּאַטעל און איר געגעבן אין דער האַנט אַ סלויִקל מיט אַ זאַלב צו שמירן דעם קאָפּ, האָט ער דאָס ווי נישט באַמערקט.

נאָר אַט האָט שמוליקל אַ גלעט געטאָן בינהלען איבערן אַקסל, נאָך אַ מאָל אַ זאָג געטאָן צו איר „מאַלאַדיעץ!" און בעת ער איז צו צו דער שיסל וואַשן די הענט, האָט ער אויסגערופן צום טאַטן און דער טאָכטער: „צוויי מאָל אַ טאָג שמירן!" און צו יאָסעלען האָט ער צוגעגעבן: „כאַפּ דיך אַ מאָל אַריין. 'על עך דיר געבן די תשובה וואָס עך קום דיר. זעסט דאָך, איך בייס נישט".

„מעגן דיך די הינט בייסן!" האָט יאָסעלע געהאָט אַ חשק אויסצושרייען. אָבער ער האָט געזען בינהלעס טרעריק־צעשמייכלטע פּנים, און דעם צענעמענדיקן בליק וואָס זי האָט פון שמוליקלען אַריבערגעטראָגן אויף אים, האָט ער זי אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל און אַרויסגעלאָפן מיט איר פון דער ראַזורע.

דרויסן, אויפן מאַרק און אויפן פּאַטשעיאָוו, האָט דער עולם פון אַלע זייטן צוגעוואָרפן יאָסעלען בליקן פולע מיט חשד, פולע מיט פאַרשנדיקער צודרינגלעכ־קייט. יאָסעלע איז אַריין מיט בינהלעס פאַרך צו שמוליקלען דעם רופא? און פאַר וואָס האָט פריידעלע די שטעפּערקע, וועלכע האָט אויסגעהיילט אַ פאַרך, אַז עס איז קיין שפור נישט געבליבן — נישט געטויגט? נישט אַנדערש נאָר דער פרומער יאָסעלע איז טאַקע עפּעס קאַליע געוואָרן לעצטנס. ר' לייבלעלע שמש האָט פאַרט נישט אַלץ אויסגעזויגן פון פינגער. נאָר אויב דער שטן האָט זיך אַ נעם געטאָן צום „אייזן־שטאַרקן" יאָסעלען, איז דאָך די סכנה געוועזן נאָך אַ גרעסערע פאַר אַלע איבעריקע יידן פון באַטשאַני. און די גברים האָבן בגנבה נאָכגעקוקט זייערע ציצית, און די ווייבער האָבן אַ פּליסטער געטאָן אַ פּאָר אָפּשפּרעכענישן און דריי מאָל אויסגעשפּיגן.

ביי נאַכט איז בינהלע געלעגן אויף דער קויקע מיט אירע שוועסטערלעך, מאַשעלען און דבורהלען, און נישט געקאָנט איינשלאָפן פון ווייטיק און איבער־

גענומענקייט. דער קאָפּ האָט געבריט און געשטאָכן — און זי איז געווען גליקלעך. זי האָט נאָך מיט אַלע אברים געפילט שמוליקל רופאס באַריר, זיין האַנט אויף איר אַקסל, אַרום אירע פינגער. זי האָט קיין ספק נישט געהאַט, אַז זי וועט פּטור ווערן פון פאַרך. ווען זי איז לסוף איינגעשלאָפן, האָט אַ שמייכל געשפּילט אויף אירע ליפּן.

יאַסעלע האָט גיך פאַרגעסן אַן בינהלעס פאַרך. אָבער זי האָט געלעבט מיטן געדאַנק וועגן איר גאַלן קאָפּ טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך. זי האָט זיך אַליין געמאַכט אַ מין קופּקע אויפן קאָפּ פון אַ שמאַטע וואָס זי האָט געפונען און זי פאַרשטאָכן מיט אַ פאַרזיכער־נאָדל וואָס זי האָט געגנבעט ביי טויבע־קריינדעלען דער טיקערין. ווען בינהלע האָט זיך געשפּיגלט אין דער שויב, האָט זי זיך געטרייסט, אַז די קופּקע מאַכט זי אויסזען דערוואַקסן. יעדער נאַכט האָט זי געוואַרט ביז מאַשעלע און דבורהלע וועלן איינשלאָפן און אַלע איבעריקע אין שטוב וועלן שוין ליגן אויף די קויקעס. דעמאָלט האָט זי אַראָפּגענומען די קופּקע, אָפּגעגענומען די „מאַשטש" פון אונטער דער קויקע און זיך געשמירט דעם קאָפּ.

דער פאַרך האָט זיך געהיילט, אָבער די האָר האָבן זיך נישט געאיילט צו־ריקצוּוואַקסן. וואַכן זיינען פאַרביי. יעדן טאָג, ווען ס'איז קיינער נישט געווען אין שטוב, האָט בינהלע אַראָפּגעכאַפּט די קופּקע פון קאָפּ מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט היינט שוין דער קאָפּ נישט זיין אַזוי גלאַטיק און זי וועט אַנטאַפּן דעם שמץ פון אַ הערעלע.

ביז זי האָט זיך דערוואַרט. פאַרשיכורט מיט איר נצחון, קוים בכוח צו האַלטן דעם סוד אין זיך, איז זי צענדליקער מאָל געלאָפן זיך פאַרשטעקן אין די ווינקעלעך, אַראָפּגעכאַפּט די קופּקע און באַרירט דאָס בערשטעלע האָר אויפן שאַרבן. זי האָט עס געמאָסטן מיט די נעגלשפּיצן און זיך געמאַכט הארץ, אַז גרויסע מיידלעך גייען אַרום שוין באַלד מיט אַזעלכע בערשטלעך האָר אויפן קאָפּ ווי זי, ווייל מען שניידט זיי אָפּ די האָר ווען זיי האָבן חתונה. זי האָט זיך צוגעזאָגט, אַז זי וועט אירע האָר קיין מאָל נישט לאָזן אָפּשערן. לאַנגע צעפּ וועט זי האָבן צו איר חתונה — אפשר ביז צום סאַמע דיל.

דער פאַרך איז געווען אויסגעהיילט, די האָר האָבן איר געשפּראָצט און די קינדער האָבן נאָך אַלץ גערופן בינהלען „מאַרזעפּע, פאַרעך־קאָפּ!"

האָט זי זיי נאָכגעיאָגט, אַראָפּגעריסן דאָס טיכל פון קאָפּ און זיי נאָכגע־שריגן: „נאַ, זע, כ'האָב נישט מער קא פאַרעך! כ'בין אַ מאַלאַדיעץ!"

האָבן זיי געלאַכט פון איר אָפּגעגאָלטן קאָפּ און איר נאָכגעזונגען: „מאַרזעפּע פאַרעך־קאָפּ! זעסט אויס ווי'א חזיר־טאָפּ!"

נאָר אַצינד האָט בינהלע געהאַט די מאַמעס פּון די קינדער אויף איר זייט. די שכנות האָבן געמוסרט זייער חברה און זיי דערלאַנגט אין די היטנס אַריין פּאָר נאַכלויפן איר. אָבער ביים נאָמען „מאַרזעפּע״ האָבן זיי זיך געהאַלטן. ס׳האָט אויסגעזען ווי גאַנץ באַטשאַני וואָלט פאַרגעסן איר אמתן נאָמען, מיטן אויסנאַם פון איין גרויס יינגל: יעקב, הינדעלע דער אלמנהס זונדל. ער האָט יאָ געדענקט איר נאָמען און ווי אויף להכעיס אַלע אַנדערע, זי גערופן „בינהלע״, יעדער מאָל ווען ער האָט זי באַגעגנט אויפן פּאַטשעיאָוו.

קאַפּיטל פינף

1

נאָכן טויט פון טאַטן און פון ברודער איז די מאַמע געוואָרן וויכטיקער ווי ווען נישט איז פריער אין יעקבס לעבן. ווען ער איז ארויפגעקומען אין בורדעמ־שטיבל איז זי אים תמיד אַנטקעגנגעקומען. זי האָט גענומען זיינע אייזיקע הענט אין אירע וואַרעמע ווייכע דלאָניעס און געהויכט אויף זיינע פינגער, כּדי זיי אויפצוטייען. זי האָט אים אָוועקגעזעצט צו אַ טעלער הייסער גריץ און אים באַטראַכט ווי ער עסט. — דעמאָלט האָט ער געפילט, אַז זי, די מאַמע, איז געוועזן דאָס איינציק דויערהאַפטיקע אין אַט דער וועלט. אַז זי איז געווען אומפאַרענ־דערט־באַשטייענדיק, אַז זי איז געווען אייביק. ער האָט געפילט, אַז אין וויפל לבושים די וועלט זאָל זיך נישט באַקליידן, וויפל פאָרמען אַל דאָס לעבעדיקע און נישט־באַלעבטע זאָלן אָננעמען, אַז וויפל ער אַליין זאָל זיך נישט בייטן — איז זי, די זעלביקע, געווען מיט אים, מיט יעקבן — דאָ אין אָט דער וועלט; און אַז די פעדעם וואָס האַלטן אים און זי צוזאַמען זיינען איינציק־אַרטיק און נישט צום צערייסן.

דאָך האָט זי צוליב עפּעס אַ סיבה אים גענומען אויפרעגן. איין מאָל, למשל, האָט זי זיך אויסגעגליטשט אויף די פאַרבלאָטיקטע שטיגן בעתן אַרויפשלעפּן אַן עמער וואַסער. ווען יעקב איז אַהיימגעקומען פון חדר, איז זי געזעסן אויף דער באַנק לעבן טיש און געלייגט קאַלט וואַסער צו אַן אָנגעשוואָלענעם פוס. עפּעס האָט אַ ברען געטאָן אין יעקבן. ער איז צוגעפאַלן צו איר און מיט כּעס אַ סיקע געטאָן: „פאַר וואָס האָסטע נישט געוואָרט אויף אונדז?" ער האָט איר נישט געקאָנט מוחל זיין איר שוואַכקייט. נישט געקאָנט צוקוקן איר אומבאַהאָלפנקייט, ווען זי האָט גענומען אַרומהאָפּסלען איבער דער שטוב מיטן אויסגעלענקטן פוס און דערלאַנגען די זין צו עסן. „מ'עט זיך שוין אַליין נעמען!" האָט יעקב זי געפּרוּווט אָוועקשטופּן פון דער קיך.

אָבער זי איז געווען שטאַרק אין איר שוואַכקייט. זי האָט געשמייכלט און ענערגיש געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ס'איז מיר גאָרנישט. נאַרישער קאָפּ. גיי וואַש דיך צום עסן".

ווען זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש, איז לעבן איר אָרט נישט געשטאַנען קיין טעלער מיט גריץ, נאָר אַ טעפל ציקאָריע־קאַווע. דאָס מאָל האָט שלום געפרעגט: „און ווו איז דיין עסן?"

זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אָנגעהאַלטן דעם שמייכל אויפן פּנים. „כ'האָב שוין געגעסן. צ'זענט שפּעט אַהיימגעקומען. און דאָס..." האָט זי אַ ווייז געטאָן אויפן טעפל קאַווע, „זופּ איך נאָר כּדי ענק צו האַלטן געזעלשאַפט". נישט שלום, נישט יעקב האָבן איר געגלייבט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זי האָט היינט נישט געלייזט קיין קאָפּעקע.

ווען יעקב איז געלעגן אויפן שעניק, אויף דער פּאָדלאָגע, האָט ער געקאָנט זען הינדעלען זיצן ביים אויוון, איבער וועלכן דער אייל־לאָמפּ איז געשטאַנען. זי איז געזעסן איבערגעבויגן איבער אַן אָפן ביכל אין איר שויס. זי האָט זיך לעצטנס ווידער גענומען צום לייענען. זיין באַוווסטזיין איז אָפּגעשוווּמען פון די ברעגעס פון וואַכקייט, צום קלאַנג פון איר שאַרכנדיקן, פליסטערנדיקן קול.

יעקב האָט אָנגעהויבן אַריינקלערן אין דעם ענין יושר־וצדק, אַזוי אַריינקלערן, אַז עס איז אים אָפּט מאָל אַליין דערעסן געוואָרן. בשום־אופן האָט ער די שאלות נישט געקאָנט אָפּשטופּן פון זיך. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז ער וועט צוקומען לערנען יענע פּרשות וואָס וועלן אים קלאָר מאַכן, פאַר וואָס דער רבונו־של־עולם איז געווען אַזוי אַכזריותדיק צו זיין מאַמען — דער בעסטער, גוטהאַרציקסטער נשמה אויף דער וועלט. פאַר וואָס האָט ער זי געלאָזט אַזוי שווער האָרעווען? פאַר וואָס האָט ער איר לייכטער געמאַכט דאָס לעבן אויף אַט אַזאַ גרויליקן אופן — ווי דורך לאָזן איר ווערן אַן אלמנה און צונעמען ביי איר דעם עלטסטן זון? ווייל הגם יעקב האָט דעם טאַטן און איטשעלען ליב געהאַט, האָט ער געמוזט מודה זיין, אַז נאָך זייער פּטירה איז איר לייכטער געוואָרן צו טראָגן דעם יאָך. אָבער ווי לייכט איז איר געוואָרן און וואָס פאַר אַ לייכטקייט איז דאָס שוין, מישטיינס געזאָגט, געווען? וואָס פאַר אַ חסד איז דאָס סוף־כּל־סוף געווען? און האָט זי „אין שווייס פון שטערן" געדאַרפט עסן איר שטיקל ברויט, טאָ פאַר וואָס האָט זי אַפילו אַ שטיקל ברויט ברווח נישט געהאַט?

אין חדר האָט ער זיך די מי געטאָן צו באַנעמען דעם רביס רייד און וואָס אַ מאָל אָפטער האָט זיך צעפויקט דער אומגעדולד אין אים. ער האָט געוואָלט אונטערוואַקסן וואָס גיכער און לערנען מיט די בית־מדרש־בחורים „פאַר זיך". דעמאָלט וועט ער נישט האָבן דעם רבין, דעם „אשמדאי", איבער זיך און ער וועט אַליין געפינען די ענטפערס אויף די שאלות וואָס האָבן אים געפּייניקט. דערווייל האָט ער זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און האָט געטיילט זיינע רעיונות מיט הינדעלען.

הינדעלע האָט אים געשטראָפט: „חלילה דיר אַזעלכע רייד, יעקב". זי האָט

קיין מאָל נישט פאַרצויגן די נעמען פון אירע לעבן־געבליבענע זין, ווי דער מינהג איז געווען אין באַטשאַני. „זאָלסט אַזעלכע רייד פאַרן מויל נישט ברענגען. ס'איז דאָך מיר וויל, נאַרישער קאָפּ וואָס ד'ביסט. כ'רעד שוין נישט פון דעם וואָס כ'האָב געהאַט דעם זכות צו האָבן דיין טאַטן עליו־השלום פאַר אַ מאַן, און איטשעלען, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, פאַר אַ זון. אָבער וואָס פעלט מיר, אַז כ'האָב דיך, עס זאָל זיין אָפּגעשיידט ? אַז עך בין געבליבן מיט אַזעלכע גוטע, טייערע קינדער, ז'זאָלן מיר לעבן און געזונט זיין ? גאַנץ באַטשאַני איז דאָך מיך מקנא״. זי האָט אים צוגעדריקט צו זיך, וואָס אַ מאַמע האָט אייגנטלעך נישט געדאַרפט טאָן נאָך דעם ווי דער זון האָט אָנגעהויבן צו לערנען גמרא, און האָט צוגעגעבן: „דיין טאַטע, עליו־השלום, פלעגט זאָגן, אַז ערגעץ שטייט געשריבן: 'אַז דאָס וואָס ד'האָסט איז נישט דיינס, טאָ פאַר וואָס זאָלסטע וועלן דאָס וואָס ד'האָסט נישט ?' פאַרש־טייסט ? ס'איז קלוג, הע ?״

זי איז יעקבן אויסגעקומען וווּנדערלעך־שיין אין אָט דער רגע. יאָ, ער האָט אַרומגעטראָגן צוויי בילדער פון איר אין האַרצן. איינס איז געווען דאָס בילד פון אַן אַלט געבויגן ווייבעלע וואָס אָט, אָט האַלט עס ביים פאַלן אונטער אַ לאַסט וואָס זי טראָגט אויף די פּלייצעס; און דאָס צווייטע: פון אַ פּראַקטיקער, שטאַרקער פרוי, מיט אַ יונג גלאַטיק פּנים, פייכט־וואַרעמע אויגן און אַ שיין יונג מויל, וואָס פון אים האָט דאָס קול זיך געצויגן ווי אַ ווייכער, זיידענער פאָדעם. זי האָט נאָך אַלץ געהוינקען אויף דעם אויסגעלענקטן פוס און דאָך איז זי געווען זשוואַווע.

ער האָט דערהערט ווי זי גיט צו: „און טאָמער וואָלטן מיר שוין געהאַט פון אַלעם גוטן, פון וואַנען ווייסטע ווי עס וואָלט אונדז באַקומען, ווען אַרום אונדז וואָלטן אַלע געווען הונגעריק און באָרוועס ?״

„דעם אַרענדאַר באַקומט גאַנץ גוט !״ האָט יעקב זיך דאָך געהאַלטן ביים זייניקן, אַן אויפגערעגטער. „און ר' פייוועלען דעם מילנער און דעם האָלץ־סוחר אויכעט !״

„פון וואַנען ווייסטע דאָס אַזוי גענוי ?״ איר פּנים האָט אויפגעלויכטן מיט אַ שטראַליקן שמייכל. „כ'האָב דיר שוין נישט איין מאָל געזאָגט, יעקב, אַז דאָס וואָס מען זעט און דאָס וואָס עס קוקט אויס צו זיין אמת, איז טייל מאָל נישט מער ווי אַ דאַכטעניש״.

יעקב האָט פאַרביסן די ליפּן. די מאַמע מיט אירע רייד וועגן דאַכטעניש אַהין און דאַכטעניש אַהער האָט אים טייל מאָל נאָך מער צעטומלט ווי ער איז סיי ווי געווען.

פרייטיק איז געווען אַ גוטער טאָג. פרייטיק האָט דער רבי ר' שאָפּסעלע זיך אָנגעטאָן אַ כּוח און אַרויפגעצויגן אויף זיך אַן ערב־שבתדיק געמיט, און אַז פּסח

האָט זיך גענומען דערנענטערן, האָט ער פּרייטיק געלערנט מיט די ייִנגלעך שיר־השירים. פאַרשטאַנען האָט מען גאָרנישט. דער רבי האָט „געכאַפּט און געזופּט ווי אַ וואַסער" און קיין איין וואָרט נישט פאַרטייטשט. דאָך האָט מען זיך געקוויקט מיט די ניגונדיק־באַטעמטע, לאַקנדיק־אומבאַקאַנטע ווערטער וואָס האָבן איינגע־שטעלט דאָס געמיט ערב־שבתדיק, עס נישט איינגעשלעפערט, נאָר פאַרקערט, אויפ־געוועקט אַ מין פאַרבענקטן נייגער.

דער מלמד האָט די ייִנגלעך פּרי אָפּגעלאָזט פון חדר און אויפן וועג צו דער מאַמען אויפן פאַטשעיאָוו האָט יעקב זיך אַריינגעכאַפּט צו ר' סענדערלען דעם מקובל, הגם געוויינטלעך איז ער צו אים געגאַנגען שבת נאָכן עסן, אויף אַ פאַרהער.

ר' סענדערל האָט שטאַרק ליב געהאַט קינדער און איז זיי מקרב געווען. אָבער זיי פלעגן זיך אַריינכאַפּן צו אים בשתיקה, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן נישט וויסן. ווייל די באַטשאַנישע ייִדן האָבן זיך באַצויגן צו ר' סענדערלען מיט אַ מין מחיצהדיקן אָפּשיי. מען איז טאַקע געלאָפן צו אים נאָך סגולות און אָפּשפּרעכע־נישן, נאָך קמיעות און קרייטעכצער, אָבער מען האָט עפּעס מורא געהאַט פאַר אים, הגם ער האָט קוים געזשיפּעט און איז נישט בכוח געווען אויפצוהייבן דאָס קול העכער ווי אַ פליסטער. — דער עיקר האָט מען מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט נאָך מער אָפּשוואַכן די שוואַכע מוחות פון די קינדער מיטן כּישוף פון קבלה. דער טשאַד פון שבתי צבי און יעקב פראַנק האָט זיך לענגער געהאַלטן איבער די זומפּן פון באַטשאַני ווי איבער אַנדערע שטעטלעך. און דער חשד האָט געגעסן די הערצער, אַז אפשר איז ר' סענדערל געווען דער, וואָס האָט דעם טשאַד נישט געלאָזט אויסוועפּן. באַטשאַני האָט דאָך אַזוי אויסגעקוקט אויף משיחן. מען האָט מער נישט געברויכט ווי אַ פונק, אַז ר' סענדערל זאָל אַ פּיפּס טאָן — אַז דאָס פייער פון אמונה אין אַ פאַלשן משיח זאָל זיך ווידער צעפלאַקערן, פאַרכאַפּן די יונגע און מיטרייסן די אַלטע... און עס זאָל אָפּנאַרן... אויף ס'ניי אָפּנאַרן.

נאָר הינדעלע האָט נישט געטיילט די באַוואָרענישן פון די שטעטלשע ייִדן. פאַר איר איז ר' סענדערל געווען אַ היילונג פאַר דער נשמה. אַדרבא, זי האָט אָפּט געראַטן אירע קינדער, ווען איר האָט זיך גערעדט, אַז זי האָט נישט גענוגנדיק פאַרענטפערט זייערע קשיות — אַריינצוגיין איבערפרעגן ר' סענדערלען. און זי האָט ביי ר' סענדערלען אויסגעפּועלט, אַז ער זאָל פאַרהערן אירע זין יעדן שבת נאָכן עסן.

פאַר ר' סענדערלס קבלה־כּישוף האָט זי נישט מורא געהאַט. קודם האָט זי גוט געוווּסט, אַז ר' סענדערל וועט מיט אַזאַ יונג בחורל קיין קבלה נישט לערנען. צווייטנס, האָט זי געהאַלטן, אַז אַ קינד פאַרשטייט דאָס וואָס עס איז גרייט צו פאַרשטיין. דריטנס, האָט עס דאָך זי אַליין אויך געצויגן צו די סודות פון דער קבלה. זי האָט אָפט געטראַכט, אַז זיי וואָלטן אפשר פאַרענטפערט אירע אייגענע שאלות, געשטילט איר אייגענע בענקעניש צום אומבאַקאַנטן... צום אייביקן סוד.

זי האָט דאָך זינט יאָרן געהאַלטן פאַרשטעקט דעם ספר־יצירה אין שטוב, צוזאַמען מיט איר מאַנס כתבי־יד. טאַקע נאָר פאַר אַ סגולה, אָבער פון צייט צו צייט, ווען זי איז געווען אַליין אין שטוב, האָט זי אַריינגעקוקט דערין. ווי שטאַרק זי האָט געוואָלט פאַרשטיין און נישט געקאָנט, הגם זי האָט גאַנץ גוט געקענט לשון־קודש. ווי שטאַרק האָט זי געוואָלט האָבן אַ רבין... אַ וועגווייזער, און נישט מוזן בלאָנדזשען אַליין אין דעם וואַלד פון רעטענישן!

יאָ, איר, הינדעלען — ווען נאָר זי האָט געהערט דאָס קול פון תורה קומען פון די חדרים, בתי־מדרשים, פון דער שול און פון די אָפענע פענצטער פון די כאַלופּעס — איז אויסגעקומען ווי אַלע ייִדן וואָלטן געווען כהנים וואָס באַדינען גאָט; אַז זיי שפּאַרן אונטער די וועלט ווי זיילן. דעמאָלט האָט זי געזען אַ סך קדושה אויך אין דער ראָלע פון די ווייבער, וואָס האָבן די כהנים באַדינט און דערמיט בייגעטראָגן, אַז די עבודת־הקודש זאָל אויסגעפירט ווערן וואָס שלמות־דיקער. די קליינלעכע, זשמודנע עבודת־פּרך וואָס האָט איבערגעפּולט די טעג פון יעדער אישה איז דענצמאָל אויסגעקומען ממש ווי אַ דערהויבענע שליחות. דאָך האָט אַן אייפערזוכט אָפּט אַ פּיק געטאָן אין הינדעלעס האַרצן: זי האָט אויך געוואָלט מיט אַ רויִקן קאָפּ, מיט אַ פריי געמיט זיצן על התורה ועל העבודה און אָנזאָפּן זיך מיט די רייד פון די חכמים — כאָטש אַ האַלבן טאָג, כאָטש אַ שעה. און אַזוי ווי דאָס איז נישט מעגלעך געווען, האָט זי געוואָלט לכל־הפּחות שעפּן פון אַלע קוואַלן — דורך אירע זין.

אַז ר׳ סענדערל האָט באַמערקט יעקבן אויף דער שוועל פון זיין טונקעלן קרעמל, האָט דאָס נאַפּטלעמפּל, וואָס איז דרינען געשטאַנען, אויסגעזען זיך העלער צו צעשיינען, ווייל דעם זקנס פּנים האָט אויפגעלויכטן מיט אַ ליכט.

ער האָט מיט אַ פינגער צוגערופן דאָס בחורל און אויסגערופן מיט זיין שוואַך קול: „סקאָצל קומט, ר׳ יעקב!" ער האָט אויסגעשטרעקט זיין גלאָזיק־דורכזיכטיק הענטל איבערן טיש, און אַז יעקב האָט זיך צו אים דערנענטערט, האָט ער אים צוגעצויגן צו זיך. „מיט וואָסאַרא שאלות קומסטע שוין ווידער מיך אַרויס־טרייבן פון גלייכן געוויכט, הע?"

יעקב האָט צוגעקוקט ווי ר׳ סענדערל פאַרלייגט אַ זילבערנעם פאָדעם־האָר פון זיין באָרד אויפן דף ווו ער האָט געהאַלטן אין לערנען, ווי ער פאַרמאַכט דאָס ספר, רוקט עס אָפּ פון זיך, ווי ער צינדט אָן זיין טאַביק־ליולקע. פון ר׳ סענדער־לען האָט יעקב געוווּסט, אַז אַט די ליולקע איז נישט סתם אַ ליולקע, אַז אין איר איז פאַרשטעקט אַ כישופדיקער סוד. איצט, אין דער טונקל פון ר׳ סענדערלס קלייטל, האָט זיך טאַקע די ליולקע צעבליצט מיט אַ באַזונדערן שיין ביי יעדן צי פון איר.

„כ׳זע די נצוצות!" האָט יעקב אויסגערופן און צוגעטאָן אַ פינגער נאָענט צום פּלעמל.

ר׳ סענדערל האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט. „זאַכטע, ס׳ט דיך אָפּבריִען", האָט ער געמורמלט. „ביים ראַטעווען די נצוצות, די פונקען פון קדושה, מוז מען גוט אַכטונג געבן זיך נישט אָפּצובריען", האָט ר׳ סענדערל געשמייכלט. די ליולקע איז תמיד געווען די ערשטע טעמע אָנצוהייבן אַ שמועס מיט ר׳ סענדערלען.

„און ווי קומען נצוצות פון קדושה אין דעם שטינקנדיקן טיטון?" האָט יעקב אַ צעשפּילטער אונטערגעזונגען מיט אַ ניגונדל. ר׳ סענדערל איז שוין גרייט געווען אים צום ענטפערן, אָבער יעקב איז אים פאַרלאָפן דעם וועג: „כ׳ווייס! כ׳ווייס! פונקט ווי די נצוצות פון קדושה קומען צו דער טומאה! אָבער איך וויל וויסן פון וואַנען ז׳נעמען זיך אַהער".

„און איך וויל עס דיר נישט זאָגן, הע?" האָט ר׳ סענדערל נחתדיק אונ־טערגעקרעכצט.

„נאָך נישט זאָגן", האָט יעקב אים פאַרריכט. „איר האָט צוגעזאָגט אם־ירצה־השם נאָך מיין בר־מיצווה!"

„אמת. די שאלה איז נאָר, ווען נאָך דיין בר־מיצווה..."

„באַלד נאָך מיין בר־מיצווה, און נישט צען יאָר דערנאָך!"

אָנשטאָט אים צו ענטפערן, האָט ר׳ סענדערל מיט אַ פאַרזשאַווערטן נאָגל אויפגערודערט דעם טאַביק אין דער ליולקע, פאַרצויגן דעם שמייכל, אַריינגע־צויגן אַן אָטעם רויך און אים נחתדיק צוריק אַרויסגעהויכט. „איי... איי, סאַראַ מעדן פון אַ טיטון!"

יעקב האָט ערנצט באַמערקט: „עך ווייס וואָס ר׳ זענט אויסן מיטן זאָגן דאָס, ר׳ סענדערל. כ׳מיין דעם שטינקנדיקן טיטון וואָס איז אַ מעדן פון אַ טיטון. דאָ אַנומלטן האָבן די שקצים געכאַפּט אַ שטשאָר און אים אָפּגעשונדן און אים אַוועק־געוואָרפן אין מיטן דער גאַס, אויפן שניי. און איך גיי מיר אַזוי מיין וועג און עך קוק און עך זע פון דער ווייטנס אַ רויז ליגן. נו יאָ, אַ רויז, אַן אָפּגעבליטע בלום אויפן שניי. ס׳האָט אויסגעזען געוואַלדיק שיין, ר׳ סענדערל. אַ רויז, ווינטער אויפן שניי. בין עך צוגעלאָפן און כ׳גיב אַ קוק, ערשט ס׳איז דער טויטער אָפּגע־שונדענער שטשאָר. און אַ צווייט מאָל איז געשען פונקט פאַרקערט. כ׳זיץ ביי דער מאַמען אויפן פאַטשעיאָוו און דאָ, כ׳גיב אַ קוק, עס ליגט אַ פגר פון אַ מויז אונטער דער מויער. כ׳קום צו נענטער, ערשט ס׳איז אַ לעבעדיק ניי־געבוירן פייגעלע וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון דער נעסט אין דער סטעליע..."

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט מיט שטומער פאַרשטענדעניש. יעקב האָט געוווּסט, אַז אַצינד קאָן ער אַרויסקומען מיט די אייגנטלעכע שאלות, אַז אַפילו אויף דער חוצפּהדיקסטער שאלה וועט ר׳ סענדערל ענטפערן אָן כעס, אָן אַ חוזקדיק גע־לעכטערל ווי ר׳ שאַפּסעלע אין חדר. — נאָר בנעימותדיק, אַ מאָל מיט אַ מדרש, אַ מאָל מיט אַן אגדה. נישט תמיד האָט יעקב פאַרשטאַנען וואָס ר׳ סענדערל איז אויסן געווען. אָבער ר׳ סענדערל האָט אים אַרויסגעוויזן דרך־ארץ. פון דעם אַליין

איז יעקבן אויסגעקומען, אַז אייגנטלעך פאַרשטייט ער יאָ וואָס ר׳ סענדערל איז אויסן, פאַרשטייט מיט אַ מין אַנדערן שכל. און דער טומל אין יעקבס קאָפּ האָט זיך איינגעשטילט לכל־הפּחות אויף אַ קורצער צייט.

ר׳ סענדערלס קלייטל איז געווען טיף און שמאָל. אינעווייניק, אונטער דער וואַנט, אויפן דיל, איז געווען ר׳ סענדערלס געלעגער און פאַרנט איז געווען דער טיש צונויפגעקלאַפּט פון רויע ברעטער. דאָ האָט געקאַפּטשעט דער פאַרריסטער נאַפטלאָמפּ וואָס האָט באַלויכטן ר׳ סענדערלס פּנים, דאָס אָפענע ספר און די שטאָבעס געלע זייף וואָס זיינען געלעגן אָנגעהויפנט אַרום און אַרום אויפן טיש. באַלויכטן פון דעם לאָמפּ האָבן די שטאָבעס זייף אויך אויסגעזען צו שיינען — ווי לאָמפּן פון גאָלד. די פירמע וואָס איז געווען אויסגעקריצט אויף יעדער שטאָבע זייף מיט גויִישע אותיות האָט אויסגעזען ווי אַ כּישוף־שפּרוך. די כּשרע זייף האָט ר׳ סענדערל געהאַלטן אין דער טיף פון קעמערל, אין אַ קעסטל לעבן זיין געלעגער.

„ר׳ סענדערל“, האָט יעקב לסוף אַ מורמל געטאָן. „איז דאָס יושרדיק, אַז די מאַמע זאָל זיך אַזוי מוטשען?“

ר׳ סענדערל האָט מיטן גראָבן פינגער אַ פּאָר מאָל אויפגעשטאָפּט און צו־געשטאָפּט די עפענונג פון דער ליולקע, און געפּיפּקעט. מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער געקאַמט די זילבערנע סטענגעס פון זיין באָרד. „אָסור מיר, צי ס׳איז יושר־דיק“. ער האָט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל. זיינע קליינע ליכטיקע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ טריבן נעפּל און אַזוי האָבן זיי אַריינגעצויגן דעם אומרו פון יעקבס בליק.

„נו, טאָ פאַר וואָס טוט דער רבונו־של־עולם גאָרנישט דערצו?“

„ווער זאָגט, אַז ער טוט גאָרנישט? דאָס וואָס ער האָט איר געגעבן אַזאַ גוטן זון ווי דו, הייסט ווייניק געטאָן?“

„די מאַמע זאָגט דאָס זעלבע און דאָס... דאָס איז סתם גערעדט“.

„פאַר וואָס סתם גערעדט? דער רבונו־של־עולם ווייסט און דיין מאַמע ווייסט, אַז ז׳קענען זיך אויף דיר פאַרלאָזן“.

„מיט וואָס פאַרלאָזן, ר׳ סענדערל?“ האָט שוין יעקב אויסגעשריען. „וואָס קאָן עך טאָן?“

„ד׳טוסט דאָך, יעקב“, האָט ר׳ סענדערל מוטנע אויפגעשמייכלט.

„וואָס טו עך, געוואַלד און געשריגן?“

„ד׳ביסט דאָ... לעבן איר ביסטו. און ד׳ביסט נישט גלייכגילטיק. דאָס איז דער אָנהייב פון יעדן טאָן“.

„אָבער כ׳מוז דאָך זיצן און לערנען און שלום אויכעט. און זי לויפט פון שטוב אין קרעמל און פון קרעמל אין שטוב. האָרעוועט ווי אַן אייזל און פאַרדינט אַ פּאָר קאָפּעקעס אַ טאָג. דערנאָך פאַלט זי און צעקלאַפּט זיך, דערנאָך לאָזט זי נישט איבער קיין ביסן עסן פאַר זיך, דערנאָך וויינט זי. זי מיינט, אַז טאָמער

מאַכט זי אַן אָנשטעל, אַז זי וויינט נישט און זי לאַכט צו אונדז, זע איך נישט, אַז זי האָט יאָ געוויינט. אַז אַ מענטש האָט געוויינט, דערקען עך גלייך, אַפילו ווען ער האָט טרוקענע אויגן".

„זאָג עך דיר, אַז דיין מאַמען איז וויל, כאָטש זי וויינט. און כאָטש זי וויינט, ווייסט זי, אַז עס איז איר וויל".

„איך קאָן נישט צוקוקן אַזאַ ווילקייט!" איז יעקב געוואָרן אויסער זיך. „וואָס זאָל עך טאָן?"

„געדולד זאָלסטע האָבן, דאָס זאָלסטע טאָן. אַז דיין צייט 'עט קומען, 'עסטע שוין וויסן וואָס צו טאָן און ד'עסט לכל־הפחות פּרוּוון. ווייל ד'ביסט נישט גלייכ־גילטיק, 'עסטע פּרוּוון פריער צי שפּעטער..."

„איך וויל פריער, נישט שפּעטער!"

„און אַ ד'ווילסט, ביסטע ביכולת? דערפאַר, אַז דיין רגע ט'קומען, ס'טע האָבן אַ טאָפּלטע גבורה... אַ טאָפּלטע נשמה. ווען... ווען ד'ביסט געבוירן געוואָרן, פאַרשטייסט, איז אין דיר אַריין די נשמה פון אַ גוטן צדיק וואָס האָט נישט פאַרענ־דיקט זיין שליחות און ער'ט דיר העלפן פירן דיינע מלחמות מיט דער קליפּה..." ר' סענדערל האָט אַ פאָכע געטאָן מיט דער האַנט, אומצופרידן מיט זיך. „עך, ד'מאַכסט מיך רעדן צו פיל..."

„וואָס הייסט צו פיל, ר' סענדערל. איר'ט דאָך מיר גאָרנישט געזאָגט!" דערנאָך האָט יעקב אַ פרעג געטאָן אַ צעטומלטער: „און וואָס האָט דער רבונו־של־עולם גאָרנישט געטאָן איידער צו העלפן? איר האָט דאָך נישט קיין זון?"

ר' סענדערל האָט אַן אויפגעלעבטער זיך צעפינטלט מיט די אויגן. „ער האַלט דאָך מיר אין איין העלפן".

יעקב האָט פאַרקאַרבט דעם שטערן. „ווי אַזוי? ס'יאָגט דאָך דאָ אַ וויסטע קעלט ביי אייך. ס'רינט אַריין פון באַלקן און איר האָט דאָך אַפילו קיין שטיקל שעניק נישט", האָט ער אָנגעוויזן אויפן זאַק אויף דער ערד, אין ווינקל פון קלייטל. „אויף דער הוילער ערד שלאָפט איר!"

„איז וואָס?" האָט ר' סענדערל פאַרהויבן די ברעמען ווי יעקבס רייד וואָלטן אים דערשטוינט. „ערשטנס, האָב עך אונטערגעלייגט אַ פאָר ברעטער אונטערן געלעגער. שנית, פון דער ערד קאָן מען נישט אַראָפּפאַלן, אָבער אויפהייבן זיך פון דער ערד קאָן מען יאָ, בעזרת־השם. און וואָס שייך די שפּאַרעס און לעכער, איז מיר פריילעכער אַזוי. ס'איז נישט גוט זיך אין גאַנצן אָפּצושליסן פון דער וועלט. אַ שפּאַרע מוז מען לאָזן אָפן... תּמיד. און קיין וויסטע קעלט איז דאָ נישט. ווייל אַז עס ווערט מיר נאָך אַ ביסעלע קאַלט, זאָטל איך מיר אָן די מחשבה און דאָס האַרץ און לאָז מיך אוועק רייטן איבער דעם בורא־עולמס פאַרהוילענע וויינ־גערטנער. און דאָרט איז וואַרעם. דאָרט איז טייל מאָל צו וואַרעם... צו הייס פאַר אַ שוואַכן בשר־ודם, און כ'מוז הענדעם־פענדעם צוריקקומען".

„ווערט דאָך אייך קאַלט ווען איר קומט צוריק", האָט יעקב געפּרוווט כאַפּן דעם זינען פון ר' סענדערלס רייד.

ר' סענדערל האָט געדרייט מיטן קאָפּ: „ס'נעמט מיר אַ ביסל צייט ביזקל כ'קיל מיך אָפּ, פאַרשטייסט? און טאָמער ווערט מיר ווידער קאַלט, טו עך ווידער דאָס זעלבע".

יעקב האָט זיך פאַרקרימט. „דאָס פאַרענטפערט נישט מיין שאלה".

„וואָס איז דען דיין שאלה?" האָט ר' סענדערל געמאַכט אַן אַנשטעל ווי ער וואָלט פאַרגעסן.

„מיין שאלה איז", איז יעקב דרייסט אַרויסגעקומען, „ווי אַזוי קאָן דער מענטש מנצח זיין דעם שטן, אַז דער רבונו־של־עולם קאָן זיך מיט אים נישט קיין עצה געבן?"

„פון וואַנען ווייסטע, אַז ער קאָן נישט?"

„כ'זע דאָך".

„ד'זעסט גאָרנישט".

„ער קאָן, נאָר ער וויל נישט? איז ער דאָך טאַקע ווי אַשמדאי און ס'איז צווישן זיי ביידע קיין חילוק נישט". יעקב איז רויט געוואָרן. איצט האָט ער דערוואַרט, אַז ר' סענדערל זאָל זיך אַנברוגזן אויף אים.

ר' סענדערל איז בלויז טרויעריק געוואָרן. ער האָט זיך פאַרצויגן מיט דער פּיפקע, זיין קול איז געוואָרן ווי אַ מידער זיפץ.

„ד'זעסט", האָט ער אַ פליסטער געטאָן, „דער ענין פון רישעות, פון רשע־וטוב לו, איז טאַקע שווער צו באַגרייפן, ווייל דער מענטש איז נאָר אַ מענטש... און ווען ער ליידט גרויסע יסורים געשעען צוויי מעגלעכקייטן: אָדער ער ווערט אין גאַנצן פאַרטעמפּט און זיין מוח־לעבן ווערט אויסגעלאָשן. אָדער זיין מוח ווערט גאָר קלאָר ווי אַ שפּיגל. ער זעט אין דעם שפּיגל אַלצדינג און דאַמאָלס שפּירט ער מער די יסורים נישט... און ער ברויכט מער קיין פּירושים נישט. און פון אַזאַ איינעם קאָן מען זיך דערוויסן גענוי דעם מקור פון טוב ורע און ווי אַזוי דאָס אַלץ איז געשעען. אָבער ווער קאָן אַזאַ איינעם פאַרשטיין? נאָר אַ צווייטער וואָס האָט דערגרייכט צו זיין מדרגה. אָבער ווער עס ליידט מיטלמעסיקע יסורים... דערליידלעכע יסורים, דער פאַרשטייט נישט... דער שטעלט קשיות און זעט נישט קיין ענטפער אויף זיי".

„איך וויל נישט ליידן קיין יסורים!" האָט יעקב אויסגערופן. „כ'וויל נישט, אַז די מאַמע זאָל ליידן יסורים. זי האָט שוין גענוג געליטן!"

ר' סענדערל איז אַריינגעזונקען אין שווייגן. אַ צעשטרייטער האָט יעקב זיך גענומען שפּילן מיט די זייפשטאָבעס אויפן טיש, און אויפגעבויט אַ משונהדיק געביי פון זיי. מיט אַ מאָל איז אים איינגעפאַלן אַ בריליאַנטענער אייגפאַל: ער וועט אַרויסהעלפן דער מאַמען מיט פאַרקויפן פּאַפּיראָסלעך צווישן די בית־מדרש־

בחורים! ער האָט געגלאָצט אויף ר׳ סענדערלען מיט ברייט־פונאַנדערגעריסענע אויגן. נישט געווען קיין ספק ביי אים, אַז דאָס האָט ר׳ סענדערל פאַרזייט אָט דעם ברילאַנטענעם איינפאַל אין זיין קאָפּ. ער האָט אָפּגעזיפצט מיט דערלייכטע־רונג, התפּעלותדיק באַדאַנקט ר׳ סענדערלען, געטרייסלט זיין האַנט אַרויף און אַראָפּ, ווי זי וואָלט געווען דאָס הענטל פון אַ פּלומפּ, און איז אַרויסגעלאָפן פון קרעמל אין אַן אויסגעצייכנטער ערב־שבת־שטימונג.

הגם אַ יידיש קינד האָט שבת קיין פּלענער נישט געטאָרט מאַכן, האָט יעקב נישט געקאָנט העלפן, און ער האָט דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג אַריינגעטראַכט ווי אַזוי זיך צו נעמען צו דעם מיסחר. לסוף האָט ער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און האָט מגלה געווען זיין סוד פאַר דער מאַמען.

הינדעלע האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט. „חלילה וחס!״ האָט זי אויסגערופן. „אסור זאָל מיר זיין, צי כ׳על דערלאָזן דערצו. ביסט דאָך נאָך אַפילו בר־מיצווה נישט. זיצן און לערנען מוזסטע. און ד׳ביסט נאָך טאַקע אַ קינד אויך. אַ קינד מוז זיך שפּילן און מוז זיין אין דרויסן כאַטשבי אַ ביסעלע. שפּעטער אין לעבן איז נישטאָ קיין געמיט. יעקבשי־קרוין, דו׳סט דאָס דער מאַמען נישט אָפּטאָן. די פאַר קאָפּעקעס וואָס דו׳סט פאַרדינען, ׳עלן מיך קאָסטן אַ ים מיט... טרערן״. און זי האָט זיך צעכליפּעט.

יעקבן האָט געברענט די שולד פאַר מאַכן זי וויינען אום שבת.

בכלל איז הינדעלע לעצטנס אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטע און צעטראָגענע, ווי פאַרפאַלגט פון אַן אימה, הגם עס האָבן זיך געטראָפן טעג ווען זי איז געווען גאַנץ גוט אויפגעלייגט און האָט אויסגעזען אָפּצוקווען פון די ערב־פרילינג־טעג. — אויסער דעם, האָט ר׳ מנשהלע דער שדכן איר גענומען אָפּרייסן די טיר און איר משפּחה האָט זי אויך נישט מער צו רו געלאָזט, געשיקט בריוו צו איר און צו ר׳ מנשהלען מיט דער דרינגענדיקער דערמאַנונג: צייט זי זאָל חתונה האָבן.

אַזוי איז די וועלט געווען איינגעשטעלט. אַ מאַנספּאַרשוין איז געווען רשות עצמו. ער האָט געקאָנט טאָן וואָס ער האָט געוואָלט. אָבער אַ זינדיקע אישה האָט געמוזט פאָלגן די משפּחה, און פאָלגן האָט זיך איר שטאַרק נישט געגלוסט. נישט געווען קיין אָרט אין איר האַרץ פאַר אַ נייעם מאַן. די קינדער האָבן דאָס האַרץ פול געמאַכט פון ברעג צו ברעג. יעדער רגע האָט זי אויסגענוצט צו זיין מיט זיי; יעדער מחשבה, יעדער ברעקל געפיל, יעדער איר חלום האָט געהערט צו זיי. זי האָט זיך אַפילו נישט פאַרגונען דאָס פאַרגעניגן פון אַריינכאַפּן זיך אַ מאָל, צוזאַמען מיט איר חברטע נעכעלען דער געשטופּלטער, צו שרה־לאהלען דער שוחטקע וועלכע איז געווען אַ גוואַלדיקע מעשיות־דערציילערין. פאַרברענגען מיט אירע קינדער איז הינדעלען אויסגעקומען וויכטיקער.

הינדעלע איז אַפילו געווען גאַנץ גוטע פריינד מיט ר׳ מנשהלען דעם שדכן.

ער איז געווען אַ לייטישער, בכּבודיקער ייִד, וועלכער האָט זיין פאַך גענומען מיט גרויס ערנצט, ממש ווי אַ ייִחוסדיקע עבודה. זיווּגים צווישן זכרים און נקבות זיינען געמאַכט געוואָרן אין הימל און ער איז געווען זייער פּראַקטישער אויספירער דאָ, אויף דער ערד. ער איז געווען איבערצייגט, אַז ער ווערט אין זיין צונויפפּאָרן צוויי, כּדי צו שאַפן איינס, געפירט פון דער געטלעכער האַנט, און האָט מיט גרויס באַדאַכטקייט גענומען אין באַטראַכט די מעלות, נישט די חסרונות, פון יעדן זכר און נקבה וואָס ער האָט זייערע נעמען געהאַלטן אויסגעשטעלט לויטן אַלף־בית אין זיין שוואַרצן, פאַרפּעצטן ביכעלע. ער האָט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט אויסגעחשבונט וועמעס מעלות, נישט די חסרונות, וועלן שטימען מיט וועמען, ווי עס דאַרפט זיין אין אַ געראָטענעם זיווּג; דערביי האָט ער, פאַרשטייט זיך, גענומען אין באַטראַכט סיי דעם מצב היִיחוס און סיי דעם מצב הקעשענע. און דערצו האָט ער געהאַט אַ צוגאַנג, אַז אַפילו פון קרומע פּאָרלעך, קומען אַרויס גלייכע קינדער.

געקליידט האָט זיך ר׳ מנשהלע שדכן לייטיש, מיט אַ זויבערער רויטער פאַטשיילע אַרום האַלדז און אַ פאַרקנעפּלטן שטויבמאַנטל אויף אַלע קנעפּלעך, סיי זומער, סיי ווינטער, ווי ער וואָלט יעדער רגע גרייט געווען זיך צו לאָזן אין וועג אַריין אַדורכצופירן עפּעס אַ וויכטיקן שידוך. ער האָט טאַקע געטאָן שידוכים מיט כוואַסטי און מיט אַנדערע שטעטלעך אין דער שעלצער גובערניע. דער שדכנישער שירעם אין זיין האַנט האָט אויסגעזען ווי דער וואַנדערשטאַק פון ממש אַ הימלישן שליח. — דאָך האָט ער ביי זיין גאַנצער פרומקייט גערעדט ווי אַ היינטצייטיקער מענטש, וואָס שטייט מיטביידע פיס אויף דער ערד; און דערביי האָט ער געהאַט מיט הינדעלען געמיינזאַמס דאָס, וואָס אויך ער איז געווען דעם פּאַקן־טרעגערס אַ סטאַלער קונה, אַ פאַרברענטער לייענער פון היינטצייטיקע מעשה־ביכלעך אין עברי־טייטש. אויב האָט דער פּאַקן־טרעגער אַ מאָל פאַרפעלט זיך צו יאָווען אין שטעטל, האָט ר׳ מנשהלע זיך געביטן מיטן לייען־מאַטעריאַל מיט הינ־דעלען. דערביי האָט ער איר קלאָר געמאַכט, אַז ביי אים איז דאָס אַריינלאָזן זיך אין די „נאַרישע מעשיות" געווען פאַרבונדן מיט פּאַקאָווע סיבות: כּדי ער זאָל בעסער פאַרשטיין די היינטיקע „יוגענט".

די צרה איז נאָר געווען, אַז לעצטנס, בעת זייערע שמועסן, האָט ער גערעדט און זי, הינדעלע, האָט געבליפּעט.

אין דעם פאַל, אַז הינדעלע האָט געדאַרפט זיך אויסוויינען פאַר עמעצן, איז זי נישט געלאָפן צו ר׳ סענדערלען דעם מקובל. זי האָט זיך געניייטיקט אין ווייבער־שן מיטגעפיל — ניין, נישט אין מאַנקע דער וועשינס. לעצטנס האָט זי, הינדעלע, אויסגעמיטן מאַנקען. זי האָט אָנגעהויבן זיך צו פילן זייער אומבאַקוועם מיטן פייער־קאָמענדאַנט וואַצלאַוו ספּאָקויני, און בכּלל מיט איר לעבן אין דעם בוידעמ־שטיבל, אָן איין איינציקן ייִדישן שכן אין הויף. זי האָט אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז

יעדער אַ ביסל נעענטערער קאָנטאַקט מיט אַ נישט־ייִדן האָט געמוזט דערפירן צו געפערלעכע רעזולטאַטן. זי האָט גערן געהאַט מאַנקען פונקט ווי פריער, אָבער דאָס איז געווען אַלץ. צווייטנס, האָט זי געגלייבט, אַז נאָר אַ ייִדישע טאָכטער האָט גרינטלעך געקאָנט פאַרשטיין אַ צווייטע ייִדישע טאָכטער. נעכעלע די גע־שטופלטע איז געווען די קרובישע נשמה אין וועלכער הינדעלע האָט זיך געניייטיקט.

נעכעלע האָט אויסער אירע אַנדערע מעלות, אויך געהאַט די מעלה, וואָס זי האָט זיך לייכט צוגעוויינט צו אומגליקן. זי האָט נישט אַריינגעקלערט און נישט געלאָזט זיך צעפּרעסן פון זאָרגן. דערביי איז זי געווען אַ היציקע. האָט איר עפּעס געדויעט, האָט זי דאָס נישט געהאַלטן אין זיך, נאָר איז שטורעמדיק אַרויס־געקומען מיטן אמת, און גלייך דערנאָך פאַרגעסן. נעכעלע האָט זעלטן געוויינט און נאָר די איינזאַמקייט בעת אַ פּורים־טאָג, צי סתם אַ שיינער ניגון האָבן זי גע־קאָנט רירן ביז טרערן.

נעכעלע האָט געזאָגט הינדעלען אַקוראַט דאָס וואָס הינדעלע האָט געוואָלט הערן: „אַז ד׳האָסט קינדער, ז׳זאָלן דיר לעבן און געזונט זיין, טאָ צו וואָס דאַרפסטע האָבן אַ מאַן אויף דיין קאָפּ? אַוודאי ס׳טע מוזן סוף־כל־סוף חתונה־האָבן. אָבער לייג אָפּ. ווו ברענט? זאָג ר׳ מנשהלען, אַז ער זאָל זיך אם־ירצה־השם מטריח זיין צו דיר מיט אַ בעסערן שידוך. ביסט דאָך נישט בילע ווער... וואָסאַראַ נוצן האָסטע פון דיין גרויסן ייִחוס, אויב דו מאַכסט אַפילו נישט קיין אָנשטעל צו זיין איבערקלייבעריש?"

האָט הינדעלע גענומען מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי איז איבערקלייבעריש, ווען ר׳ מנשהלע איז געקומען זי זען, און זי האָט נישט אויפגעהערט צו כליפּען. ר׳ מנשהלע האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז וואָס לענגער זי וועט וואַרטן, וועט ער קומען מיט וואָס אַן ערגערן שידוך, ווייל „די צייט שטייט נישט" און אַ יונג ווייבל, ווי הינדעלע, קאָן פאַרט לייכטער אַ שידוך טאָן; הגם אַ יונג ווייבל מיט פיר קינדער, קאָן שווערער אַ שידוך טאָן ווי אַ מיטל־יאָריק ווייבל אָן קינדער; און אַז גרויסער ייִחוס איז טאַקע וויכטיק, אָבער אויב מען האָט נישט קיין פּרוטה נדן, רעכנט זיך הייַנטיקע צייטן קיין שום ייִחוס נישט. ר׳ מנשהלע האָט צוגעגעבן, אַז ער וואָלט זיך אָסור אַזוי די מי געגעבן, ווען נישט הינדעלעס משפּחה וואָס באַוואָרפט אים מיט בריוו, און ווען ווען ער אַליין וואָלט נישט געווען הינדעלעס ערלעכער גוטער פריינד, וועלכער האָט זי געוואָלט זען אויפשטעלן אַ גוטע לייטישע היים פאַר זיך, פאַר אירע קינדער און פאַר דעם אַלמן פּלוני בן פּלוני, דעם טייערן פאַרדינער און הייסן וואָלאַשטשעווער חסיד, מיט זיינע גראָ־טענע קינדערלעך, ז׳זאָלן לעבן, וואָס איר, הינדעלעס משפּחה, וועט זיכער זיין צופרידן זיי צו „לערנען קענען".

דערווייל האָבן זיך הינדעלעס קינדער געכאַפּט, אַז יעדער מאָל וואָס דער מאַמעס גוטער פריינד, ר׳ מנשהלע שדכן, קומט אָפּשטאַטן דער מאַמען אַ וויזיט

אין בוידעמשטיבל און די מאַמע שיקט זיי אַלע אַרויס — איז איר פּנים תּמיד פאַרוויינט, ווען זיי קומען צוריק.

ביז שלום האָט זיך לסוף געכאַפּט אין וואָס עס גייט און האָט איינגערוימט יעקבן אויפן אויער: „ר' וויל חתונה מאַכן די מאַמען און די מאַמע וויל נישט".

יעקב האָט אָנגעקוקט דעם ברודער ווי אַ דונער וואָלט אים געטראָפן. אַזאַ מין זאַך וואָלט אים גאָר קיין מאָל אויפן רעיון נישט געקומען. „איך וויל אויך נישט!" האָט ער אויסגעשריען.

האָט שלום געענטפערט: „זי מוז". שלום איז נישט געווען קיין גרויסער ריידער, אָבער וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען פעסט ווי אַ מויער.

יעקב האָט דאָס נישט געקאָנט אָננעמען. „וואָס הייסט זי מוז? ווער קאָן זי צווינגען, אַז אונדז ביידע ׳עט מען נישט לאָזן, הע, שלום?"

שלום איז געווען געוווינט דערוואַקסן צו וויסן בעסער. ער האָט אָנגעקוקט יעקבן מיט אַ פאַרלוירענעם בליק. „וואָס קאָן מען טאָן?"

„מ׳עט גיין צו ר' מנשהלען און מ׳עט אים זאָגן, אַז ער זאָל זיך נישט דער־וועגן מער אַ פוס אַריינצושטעלן אין אונדזער שטוב, אַז נישט ט׳ער האָבן מיט אונדז צו טאָן".

„מיינסטע, אַז ער שרעקט זיך פאַר אונדז? דער דין איז אויף זיין זייט. און דער דין איז פאַר דער מאַמעשיס גוטס און פאַר אונדזער גוטס אויכעט".

„ס׳אַ ליגנט!" האָט יעקב אַרויסגעפּלאַצט. „דער דין איז אַן אומגליק!"

„לעסטער נישט מיט די רייד", האָט שלום געזאָגט אַן אומגעוויינטלעך אויפ־געטרייסלטער.

„איך גיי אַריינוואַרפן שטיינער דורך זיין פענצטער! כ׳על אים אונטערשטעלן אַ פיסל אין דער גאַס! כ׳על אַראָפּגיסן אַ טאָפּ קאָכעדיק וואַסער אויף זיין קאָפּ!" איז יעקב געווען אויסער זיך.

„ס׳עט העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס", האָט שלום געדרייט מיטן קאָפּ. לסוף האָט ער דאָך נאָכגעגעבן יעקבן. „גוט, לאָמען פּרוּוון אָפּשטופּן די זאַך. לאָמען האַלטן שמירה. מ׳מוז זאָגן גיטעלען און שיינדעלען אויכעט. ז׳עלן זיך דאָך סיי ווי דערוויסן, טאָמער האָט די מאַמע חלילה חתונה. און אַז דו׳סט זיין אין חדר און איך אין בית־מדרש, ׳עלן זיי האַלטן שמירה. אויפן פּאַטשעיאַוו קומט דאָך ר' מנשהלע נישט צו צו דער מאַמען. דאַרפט מען אַכטונג געבן בלויז אים נישט אַרויפצולאָזן אין שטוב אַריין. טאָמער ט׳מען זען, אַז ער קומט אָן, ט׳מען זאָגן, אַז די מאַמע איז נישטאָ אין דער היים און ער האָט זיך נישט וואָס מטריח צו זיין. דערווייל ט׳מען אַרויסנעמען די לויזע שטיג און זי באַהאַלטן, ט׳ער נישט קענען אַרויפגיין נאָכקוקן. און דורכן פענצטער זי רופן ט׳אים נישט פּאַסן און דער מאַמען ט׳דאָס נישט געפעלן".

די רעשט פון פרילינג האָט הינדעלע אָפּט געטראַכט מיט שטוינען און זיך געפרעגט פאַר וואָס ר' מנשהלע האָט פּלוצעם אויפגעגעבן זיינע רעגולערע באַזוכן ביי איר. איין מאָל איז ער עפּעס יאָ צוגעקומען צו איר אויפן פּאַטשעיאָוו. זי איז בלייך געוואָרן, איז צוגעלאָפן צו אים און אים געבעטן נישט צו רעדן מיט איר בעת גאַנץ באַטשאַני קוקט צו, נאָר אַז ער זאָל זיך מטריח זיין און קומען צו איר אַהיים, און זי האָט זיך באַלד צעוויינט. און וואָס עס האָט זי געמאַכט נאָך מער וויינען, איז געווען וואָס אירע צוויי טעכטערלעך, גיטעלע און שיינדעלע, ווי זיי וואָלטן געפילט אין וואָס עס האַנדלט זיך, זיינען אים באַפאַלן מיט גוואַלדן: „גייטש אַוועק פון אונדזער מאַמעשי!"

דעמאָלט האָט הינדעלע אַנטדעקט נאָך אַ פאַרבינדטן — אין איר שכן, יאָסעלע אַבעדאַלע. אַז ער האָט באַמערקט ר' מנשהלען זיך אַוועקשאַרן פון הינדעלעס קרעמל, האָט יאָסעלע אים אָנגעכאַפּט פאַר די קלאַפּעס און זיך אַ קאָך געטאָן: „ביסט שוין ווידער דאָ?"

ר' מנשהלע האָט צעפּירט ביידע הענט און גאָט־די־נשמה־שולדיק אויסגערופן: „כ'בין דאָך נישט געקומען צו דיר. צו איר בין עך געקומען!" ער האָט אַ ווייז געטאָן מיט דער גאָמבע אויף הינדעלען. „די משפחה וויל זי חתונה מאַכן, נאָר זי איז אָנגעיחסנט ביי זיך. דעם נדן וואָס זי האָט, מישטיינס געזאָגט, זעסטע דאָך". ער האָט אָנגעטייט אויף גיטעלען און שיינדעלען.

ר' מנשהלע איז נעלם געוואָרן. יאָסעלע האָט צוריק געוואָלט אַריינגיין צו זיך אין קרעמל, נאָר די פאַרוויינטע הינדעלע האָט זיך צוגערוקט צו אים.

„איר דאַרפט מיך יאָ פאַרשטיין, ר' יאָסעלע", האָט זי זיך צו אים אָפּגערופן פון דער זייט. „איר ווילט דאָך אויך נישט, אַז אייערע קינדער זאָלן האָבן אַ שטיפמאַמען... אָבער איך בין אַן אומגליקלעכע אישה. „כ'האָב נישט קיין דעה איבער מיין אייגן לעבן. אָבער..." אַ נייע כוואַליע טרערן האָט אַ וואַש געטאָן איבער איר פּנים. „ס'האַרצט מיך נישט..."

יאָסעלע האָט אַ זאָג געטאָן קורץ און שאַרף: „פאַרלאָזט ענק אויף מיר. דאָ, אויפן פּאַטשעיאָוו, ט'ער זיך פאַר ענק נישט ווייזן".

הינדעלע איז געוואָרן האַפּערדיקער ביי זיך. זי האָט געהאָפט, אַז דער רבונו־של־עולם וועט זיך דערבאַרעמען איבער איר און וועט זען זי זאָל נישט קאָנען אַ שידוך טאָן. דערווייל האָט זי געהאַט קאָפּ־מנוחה וואָס שייך דעם ענין און איר פּנים האָט זיך אַ ביסל אויסגעלייטערט. זי האָט זיך געקאָנט קאָנצענטרירן אויף די לייענביכלעך, לכל־הפּחות ביז אַ וואָרט, אַ זאָץ, האָט אָנגעבראַכט אויפן זכרון איטשעלען, איר עלטסטן זון, און זי איז ווידער געווען אין די אָרעמס פון צער. אָדער ווען וואַצלאַוו ספּאָקויני האָט איר אָפּגעשטאַט אַ פּלוצעמדיקן וויזיט אויפן פּאַטשעיאָוו און איר האַרץ איז אַריינגעפאַלן אין תהומען פון אימה. אַז נעכעלע די געשטופּלטע איז אַרויפגעקומען צו איר, האָבן זיי צוזאַמען געברומט באַליבטע

ניגונים, זיך דערציילט חסידישע מעשיות, צי געשמועסט וועגן פאַרשיידענע גוטע ייִדן און בעל־שמס, ביז די קינדער זיינען איינגעשלאָפן. דעמאָלט האָבן זיי זיך צעשמועסט וועגן לעבן בכלל און וועגן מענטשן, זיך אַנפּאַרטרויט מיט מחשבות וועגן זייער אייגענעם גורל און דעם גורל פון ייִדישע טעכטער בכלל.

יעקב האָט אָפט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער שלאָפט שוין. ער איז געווען נייגעריק וועגן די אַלע זאַכן וואָס זיין מאַמע און נעכעלע האָבן אַרומגערעדט. אָפט מאָל האָט נעכעלע איבערדערציילט די מעשיות וואָס זי האָט געהערט ביי שרה־לאהלען דער שוחטקע און נישט איין מאָל האָט איר הינדעלע דערווידערט. זי האָט געהאַט אַן אַנדערע מיינונג וועגן שדים, ווי שרה־לאהלע און ווי נעכעלע גופא.

היינטיקן אָוונט האָט יעקב געהערט ווי הינדעלע האָט אַ זאָג געטאָן: „אויב עס איז אמת, אַז שדים זענען ווי מענטשן", האָט זי שאַרכנדיק אונטערגעברומט מיט אַ גמרא־ניגונדל, „סיי מיטן אויסזען און סיי מיטן אויפפירן זיך, וואָלט מען זיך דאַך געדאַרפט אָנשטויסן אויף זיי אויף טריט און שריט. די זאַך איז וואָס זיי האָבן נישט קיין גופים. דערפאַר, הגם די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיי, אין דער לופטן, אין וואַסער, אין די ביימער, שטויסט מען זיך אויף זיי נישט אָן. זיי זענען נישט אַנזעעוודיק איבער הויפט נישט. ווייל אויב וואָלט עמעץ פון אונדז געזען אַן אמתן שד, וואָלט ער דאָס נישט געקאָנט איבערהאַלטן".

„אָבער אַז שדים האָבן פיר פינגער אַנשטאָט פינעף און ס'פעלט זיי דער גראָ־בער פינגער, גלייבסטע כאָטש יאָ, הינדעלע?" נעכעלע האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס הינדעלע איז אויסן געווען מיטן זאָג, אַז שדים האָבן איבער הויפט נישט קיין גופים. „אונדז זעט מען זיי נישט", האָט נעכעלע איינגעשטימט, „ווייל ז'קומען אַרויס ביי נאַכט, אין דער פינצטער, און ז'זענען שוואַרץ".

„ניין", האָט הינדעלע געלאָסן איבערגעחזרט. „אונדז זעט מען ז'נישט, ווייל ז'זענען נישט אַנזעעוודיק".

„עסטע מיר גיין איינרעדן", האָט נעכעלע געשטוינט, „אַז מ'זעט נישט זייערע שפּורן אין שניי, צי אויף דער גאָלער ערד, שפּורן ווי פון אַ האָן? כ'זאָל מיר האָבן אַזוי פיל גוטע יאָר, וויפל מאָל כ'האָב זיי אַליין געזען פאַר דער טיר".

הינדעלע האָט זיך נישט געלאָזט איבערצייגן. „האָסט געזען שפּורן פון אַ האָן, נישט פון אַ שד".

„אָבער אַז מען טאָר נישט לאָזן קיין עסן אונטערן בעט און מען טאָר נישט טרינקען קיין אומגעקאָכט וואַסער יעדן מיטוואָך און שבת, גלייבסטע כאָטש יאָ?" נעכעלע איז געווען אַן איבערגעטריבן־זויבערע און האָט פאַר זיכערקייט וועגן געקאָכט דאָס וואַסער יעדן טאָג פון דער וואָך. זי האָט געגלייבט, אַז שדים זיינען „שליאַכעס" און האָבן נישט ליב קיין זויבערקייט.

„עסן אונטערן בעט דאַרפט מען נישט איבערלאָזן, ווייל ס׳מאַכן זיך מייז", האָט הינדעלע אויפגעקלערט. „און אין וואַסער זענען דאָ פאַרשיידענע סגאַל ווערעם. איז געקאָכט וואַסער בכלל געזינטער. שמוליקל דער רופא האָט דאָס אַגב געזאָגט צו מיין קומע, מאַנקען, אונטען".

„דו גלייבסט אין דעם וואָס שמוליקל דער רופא זאָגט?"

„וואָס איז וויכטיק צי כ׳גלייב יאָ, צי כ׳גלייב נישט? אַ פאַקט איז, אַז ער האָט אויסגעהיילט מאַנקעסביידע קינדער פון שילשול, מען זאָל אָפּגעהיט ווערן".

„און אַז ס׳איז געפערלעך צו טאָן זאַכן אין פאַרן, גלייבסטע יאָ?" נעכעלע האָט אָנגעקוקט הינדעלען מיט פאַראיבל. „שרה־לאהלע האָט בפירוש געזאָגט, אַז מען טאָר נישט טרינקען קיין צוויי גלעזער ציקאָריע, צי פיר גלעזער, צי נעמען צוויי קלעצלעך צוקער, עסן צוויי קאַרטאָפל, צי פיר, ווייל דאָס ציט צו די שדים. נאָר די פיר כּוסות פון דער סדר־נאַכט זענען אַן אויסנאַם, זאָגט זי".

הינדעלע האָט געדרייט מיטן קאָפּ. „דאָס זעט מיר אויס קינדעריש. אַ מענטש האָט דאָך אַ סך גלידער פּאָרוויַיז: אַ פּאָר הענט, אַ פּאָר פיס, אַ פּאָר אויגן, אַ פּאָר אויערן. שדים זענען נישט דאָס וואָס קינדער מיינען, אַז ז׳זענען. די שדים־וועלט איז דאָך נאָר איין פּנים פון דער וועלט. און די וועלט האָט דאָך טויזנטער און טויזנטער פּנימער, איינס אין אַנדערן, איינס פאַרמישט מיטן אַנדערן. ווען זיי וואָלטן אַלע געווען אַזוי ממשתדיק ווי אונדזער ממשתדיקע וועלט, וואָלטן זיי דאָך נישט געקאָנט זיין אויפן זעלביקן פּלאַץ אַלע צוזאַמען אין דער זעלבער צייט, פאַרשטייסט, נעכעלע?"

„אַוודאי פאַרשטיי עך", האָט נעכעלע געשאָקלט מיטן קאָפּ. „גאָטס וווּנדער זענען טאַקע גרויס..."

אָט דאָס איז געווען דער בעסטער באַוויַיז פון נעכעלעס געטריישאַפט צו הינדעלען. זי האָט זי אַזוי גערן געהאַט, אַז זי האָט איר, הינדעלען, מוחל געווען אַלע נאַרישקייטן וואָס זי האָט געפּלאַפּלט.

הינדעלע איז געווען פאַר איר אַ גרעסער רעטעניש ווי שרה־לאהלע אַפילו. הינדעלע איז פּונקט ווי שרה־לאהלע די שוחטקע, געווען פאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן, אַ פאַרחלומטע. הינדעלע האָט איר, נעכעלען, אַליין געהאַט דערציילט, אַז ווען זי, הינדעלע, טוט עפּעס מיט די הענט, שייערט די פּאָדלאָגע, שלעפּט די פּעק סחורה, וואַלגערט אַ שטיקל טייג אויף לאָקשן, איז איר דער קאָפּ גאָר ערגעץ אַנדערש. נישט קיין ווונדער, אַז זי האָט נישט באַמערקט, אַז דאָס שייטל זיצט איר קרום אויפן קאָפּ, צי אַז עס איז איר גערינען פון דער נאָז. דאָך, להיפּוך צו שרה־לאהלען, האָט זי, הינדעלע, געוווסט וואָס עס טוט זיך אַרום איר. די שאַדנס און די שאלות וועגן כּשרות וואָס שרה־לאהלע האָט דאָס גורם געווען! אָבער הינדעלע האָט געהאַט אויפן קאָפּ סיי די שטוב, סיי דאָס קלייטל. זי האָט זיך גוט אַן עצה געגעבן מיטן קויפן און פאַרקויפן די סחורה און זי האָט געקאָנט

חשבונען פּונקט ווי אַ מאַנספּאַרשוין. ס'איז געווען ווי זי וואָלט געהאַט צוויי קעפּ, אַזוי צו זאָגן, איינעם וואָס איז געווען אין די הימלען, און איינעם האַרט אויף דער ערד.

אַחוץ־מזה, איז שׂרה־לאהלע אָדער געווען אַ פֿאַרמרה־שחורהטע, אָדער זי איז געווען אַן איבערגעטריבן באַשימחהטע, בעת הינדעלעס שטימונגען זענען געווען מער גלייכגעוויכטיק. זי האָט ליב געהאַט סיי זיך אויסצוווינען, סיי זיך אויס־צולאַכן, מיט אַ מאָס. זי האָט ליב געהאַט צו זינגען און אַפֿילו זיך נאַריש מאַכן מיט גראַמען. און הינדעלע האָט זיך נישט געשעמט צו קומען נאָך אַ טרייסט־וואָרט און זי אַליין האָט געקאָנט טרייסטן ווי אַ מאַמע. האָט נעכעלע, וועלכע האָט אין תּוך ליב געהאַט צו זאָגן דעם אמת, געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי פֿאַרשטייט הינדעלעס אויסטערלישע רעיונות וועגן שדים. רעיונות וועלכע האָבן גראָד דערוועקט אין נעכעלען אַ חשד, צי הינדעלע האָט נישט אַ מאָל פֿאַרלוירן דעם קלאָרן זינען. — דאָס אַלץ כּדי אָנצוהאַלטן די פֿריינדשאַפֿט.

יעקב איז געלעגן וואַך אויפֿן שטרוישעניק, זיך צוגעהערט און פֿאַרשטייט זיך, מסכּים געווען מיט דער מאַמען. דאָך האָט ער געהאַלטן, אַז עס איז פֿאַראַן געווען אַן אמת אין דעם וואָס נעכעלע האָט געזאָגט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז שדים זיינען נישט אָנזעעוודיק. דאָך זיינען זיי אָפֿט מאָל געווען זייער אָנזעעוו־דיק און האָבן אַרויסגעקוקט פֿון די פּנימער פֿון די מענטשן וועלכע ער האָט טאָג־טעגלעך באַגעגנט. דאָס האָט נישט וויניק בייגעטראָגן צו יעקבֿס צעטומלע־ניש וואָס שייך די ענינים פֿון גוטס און שלעכטס.

2

הײַיאָר האָט יעקב זיך אָפֿט באַגעגנט מיט אַריהלען, פּישעלע דעם קצבֿס זונדל. ער האָט וואָס אַ מאָל ליבער באַקומען אָט דאָס פֿעסט־געבויטע בחורל מיטן קיילעכדיקן אָפּענעם פּנים, וועלכער איז געווען אַזוי דריעקט, חבריש, שטאָלץ מיט זיך און מיט זיין גוטן קאָפּ — און דאָך נישט קיין בעל־גאווה. אריהלע האָט גערן געהאַט אַ שפּאַס, אַ שטיפֿעריי, געווען געראָטן אין זיין טאַטן פּישעלען, מיט דעם אומגעשטילטן הונגער צו אַלץ וואָס האָט וואַך געהאַלטן די חושים. אריהלע איז געווען דרייסט און מוטיק.

אָבער הײַיאָריקן פֿרילינג האָט יעקבן גענומען נאָך שטאַרקער ציִען צו אַריהלען גראָד צוליב דעם ווייל ער האָט אַנטדעקט, אַז אריהלע איז געווען פּונקט אַזוי צעטומלט ווי ער, ווען עס איז געקומען צו די וויכטיקע ענינים. יעדער מאָל וואָס זיי האָבן זיך באַגעגנט אין אַ שבת־צו־נאַכטס, צי אין די אַנדערע אָוונטן פֿון דער וואָך, און די אָוונטן זיינען געוואָרן וואָס אַ מאָל ליכטיקערע און לענגערע — האָבן זיי אַרויסגעוואָנדערט הינטערן שטעטל דורך פֿאַרוואָרפֿענע שטעגלעך. די צעבליטע ביימער האָבן געוווּנקען צו זיי צו ביידע זייטן פֿון וועג, פֿון איבער

די פּלויטן, און האָבן אויסגעזען זיך איינצוהערן צו דעם ייִנגלשן שמועס וועגן צדק און יושר. — אַז אַ פּרילינג־רעגן איז אַ פאַל געטאָן פון הימל, האָבן יעקב און אריהלע זיך נאָכגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּ, געשפּרונגען אין די טיפסטע קאַלוזשעס און דערנאָך, אָדורכגעווייקט ביז צו די ביינער, זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין אריהלעס שטוב, וועלכע מען האָט נאָך אַלץ געהייצט און געהאַלטן וואַרעם, ווייל אַריהלעס מאַמע האָט געליטן פון דעם חלאת פון די רייכע: „רומאַטן".

די צוויי ייִנגלעך האָבן זיך פאַרמאַכט אין אַ קליין חדרל, האָבן געטריקנט די בגדים אויף די אויוונרערן וואָס האָבן זיך געצויגן לענג־אויס דעם באַלקן און האָבן זיך אָוועקגעזעצט „לערנען", דאָס הייסט, אָנגיין מיט זייער אייביקן שמועס וועגן „תוך־זאַכן".

אריהלע, ר' שאָפּסעלע מלמדס תלמיד מיטן „פייערדיקן קאָפּ", איז ביי זיין אייגענער משפּחה באַטראַכט געוואָרן ווי אַ גאָט ממש. קיינער האָט נישט געהאָט די העזה אַרויסצורעדן אַ צו הויך וואָרט צו אים. דער טאַטע, פישעלע דער קצב, האָט אין זיין זונדל געזען זיין אייגענע „בעסטע קאָרט". ער איז געווען איבער־צייגט, אַז אַ דאַנק אַריהלען וועט אַ גרויסער חלק פון זיין זינדיקייט אים אַראָפּ־גערעכנט ווערן אויף יענער־וועלט. אַריהלע האָט געקראָגן געשלאָגן פון טאַטן נאָר ווען ר' שאָפּסעלע האָט אים צוגעשטעלט אַ בענקעלע, אַז ער איז אָפּגעלאָזן אין לערנען. טאָמער וואָלט אריהלע חלילה אַראָפּ פון גלייכן וועג, וואָלט דאָך פישעלע געווען אַ פאַרמישפּטער, די אָפענע טויערן פון גיהנום וואָלטן געוואָרט אים איינ־צושלינגען. אָבער אַחוץ־מזה איז פישעלע, פּונקט ווי די גאַנצע משפּחה, אַרומגע־גאַנגען אויף די שפּיצן פינגער אין הויז, ווען אריהלע האָט געלערנט. די בעסטע חלקים פון עסן האָט מען אָוועקגעשטעלט פאַר אריהלען, ווי פאַר אַ טראַנפּאַלגער. וואָס אריהלע זאָל נישט האָבן געזאָגט — איז דאָס געווען נישט נאָר קלוג און „טיף", נאָר עס איז געווען הייליק, און סיי דער טאַטע, סיי די מאַמע האָבן זיך צוגעהערט צו אים מיט גרויס אָפּשיי.

היינטיקן אָוונט זיינען די צוויי ייִנגלעך געזעסן אין אריהלעס אַלקערל, לעבן טיש וווּ עס איז געלעגן אַן אָפענע גמרא באַלויכטן פון אַ פינקלדיק־זויבערן נאַפטלאָמפּ. זיי האָבן אויף אַן אמת געלערנט. אָבער יעקב האָט גלייך באַמערקט, אַז אריהלע איז געווען מאָדנע אויפגערעגט, האָט זיך מעכאַניש געשאָקלט, געזאָגט די ווערטער און נישט געהאַט קיין אָנונג וואָס ער לערנט. ער האָט געהאַלטן די אויערן אָנגעשפּיצט אין דער ריכטונג פון דער וואַנט פון וועלכער דער קלאַנג פון עמעצנס רעגולערע מאַרשירנדיקע טריט האָט זיך געהערט. יעקב האָט עפּעס נישט געהאַט די דרייסטקייט אַ פרעג צו טאָן פון וואַנען די טריט קומען, וועמעס זיי זיינען.

ביז אריהלע איז אַרויסגעקומען מיט אַ פליסטער: „ד'הערסט אים שפּרייזן דרינען, הע?"

„יאָ, כ׳הער ווי עמעצער שפּרייזט דרינען", האָט יעקב מודה געווען.

„דאָס איז דעם טאַטנס אורח. דער טאַטע האָט אים נעכטן ביי נאַכט, בסוד־סודות, געבראַכט צו פירן פון כוואָסטי".

„פאַר וואָס בסוד־סודות ?"

„ס׳הייסט אַז ער איז אַ הייליקער רבי, אַ צדיק, אַ מקובל, אַ למד־וואָוניק, אַ ווייס עך וואָס. ער זאָל האָבן איבערגעריסן יעדן שייכות מיט דער וועלט און נאָר זיינע חסידים האָבן דאָס רעכט אים צו זען. דער טאַטע טראָגט אים אריין דאָס עסן. נעכטן ביי נאַכט זענען זיי געזעסן שעהען צוזאַמען און האָבן גערעדט און גערעדט. מיר דאַכט זיך, אַז מיין טאַטע האָט פאַרקויפט די נשמה צו דער סטרא־אחרא דעם טאָג ווען ער איז אַ קצב געוואָרן. מיר דאַכט זיך, אַז דער אורח דרינען איז נישט קיין הייליקער רבי, נאָר דער אַשמדאי בכבודו־ועצמו. נעכטן ביי נאַכט האָב עך געפּרוווט כאַפּן אַ בליק אינעווייניק, דורך די שפּאַרעס אין דער וואַנט. ער האָט טאַקע נישט קיין הערנער, דער דרינען... און נישט קיין שום אַנדערע טייוולאַנישע סימנים. דרינען איז געווען שטאַרק טונקל און ער איז געווען שוואַרץ און זיינע רישעותדיקע שוואַרצע אויגן האָבן געברענט ווי שטורקאַצן. און וואָס עך האָב געהערט... כ׳ווייס נישט... נאָר דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז עך מוז ראַטעווען דעם טאַטן פון דעם אורחס הענט. דער טאַטע איז טאַקע אַן עם־האַרץ און קאָן נישט לערנען, אָבער ר׳איז אַ גוטער. אָט דער... דער שד דרינען ניצט אויס דעם טאַטנס עם־הארצות. ער... ער רעדט צו אים אַזוי, אַז איך אַליין... הייב אָן אים צו גלייבן. נאָר איך ווייס לכל־הפּחות, אַז עס טויג נישט... ס׳טויג זייער נישט..."

אַ שוידער איז אַדורך יעקבס רוקן „וואָס ד׳זאָלסט נישט באַשליסן..." האָט ער אַ שטאַמל געטאָן, „׳על עך דיר העלפן".

„יאָ ? טאָ לאָמען צוזאַמען הערן... ט׳מען אפשר צוזאַמען דערגיין וואָס ער איז אויסן. טאָמער ׳עט מען איינזען, אַז ער וויל מיטנעמען דעם טאַטן מיט זיך, ׳עט מען אים אונטערצינדן די בגדים און אים פאַרברענען".

„ווי אַזוי ?"

„מ׳עט זיך אַריינגנבענען דרינען. נעכטן ביי נאַכט איז ער אַרויסגעגאַנגען אין בית־הכּסא ווי אַ געוויינטלעכער בשר־ודם. כ׳האָב אים געהערט. כ׳בין אים נישט נאָכגעגאַנגען, ווייל כ׳האָב נאָך נישט געהאַט קיין חשד... נאָר ווען דער טאַטע האָט זיך אָפּגעזאָגט מיך אַריינצופירן צו אים און האָט מיר אָנגעזאָגט אַזוי און אַזוי, אַז עך זאָל נישט וואַגן פּרווון, דעמאָלט... איז ווען דער אורח גייט אַרויס אין דער בית־הכּסא, ט׳זיין די בעסטע געלעגנהייט זיך אַריינצוגנבענען אינעווייניק, זיך באַהאַלטן אונטערן בעט און ווען מירביידע באַשליסן מיר, אַז מיר זענען גערעכט וועגן אים, ט׳מען זיך געבן אַ צייכן, מ׳עט אָנצינדן אַ זאַפּלקע און אונטערצינדן אים די קאַפּאָטע".

„אָבער אויב ער איז דער אַשמדאי, ט׳ער דאָך וויסן, אַז אונדז זענען

מיר דרינגען. און דער אַשמדאי האָט דאָך נישט מורא פאַר פייער". יעקב האָט געפּליסטערט. אַ צאָן אַן אַ צאָן האָט אים געקלאַפּט.

„אמת. אָבער ער מאַכט אַן אַנשטעל נישט צו זיין דער אַשמדאי, נאָר אַ היילי־קער צדיק. אויב באַווייזט ער זיין ראַכטיק פּנים, ט'ער דאָך פאַרלירן דעם טאַטנס נשמה. אונדז ט'דער אַשמדאי נישט בכּוח זיין צו טשעפּען, ווייל מ'עט נישט אויפהערן זאָגן קריאת־שמע. מ'עט מיט אַריינגעמען אַ היילק ספּרל, און דו'סט ברענגען עפּעס אַ שטיקל קמיע פון ר' סענדערלען".

„אָבער דאָס גייט דאָך זיין שפּעט ביי נאַכט", האָט יעקב געשטאַמלט. „וואָס 'עט מיין מאַמע טענהן?"

„זאָג איר, אַז ד'עסט איבערשלאָפן ביי מיר, אַז אונדז גייט מען לערנען ביז שפּעט אין דער נאַכט".

אימה האָט ווי אַ שטריק אַ שטיק געטאָן יעקבן אין האַלדז. דאָך האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, איינגעשטימט. עס איז געווען די העכסטע צייט, אַז ער זאָל באַווייזן מיט מעשים, אַז ער איז ווערט געווען צו זיין אריהלעס חבר. אויסער דעם, איז דאָס דאָך געווען אַ פראַגע פון ראַטעווען אַ נשמה פון טייוולס הענט. אמת, עס האָט אויסגעזען אומגלייבלעך, אַז צוויי יִנגלעך, וועלכע זיינען נאָך אַפילו בר־מיצווה נישט געווען, זאָלן מיט די אייגענע הענט קענען מנצח זיין דעם טייוול און אָפּמעקן דעם מקור פון שלעכטס פון דער וועלט — מיטן אָנצינדן אַ זאַפּלקע. אמת, דער קלוגער אריהלע האָט נישט גערעדט שכלדיק. אָבער אפשר האָט אָט דער משונהדיקער אורח שוין באַוויזן צו צעטומלען אריהלעס מוח און גורם געווען, אַז ער זאָל זאָגן און טאָן נישט־שכלדיקע זאַכן. דאָך, ווי עס זאָל נישט זיין, האָט ער, יעקב, נישט געדאַרפט האָבן קיין שום וואַקלענישן. זיין אויסוואַל איז געווען פּשוט: אָדער ביישטיין זיין חבר, אריהלען, אַפילו ביז צו די טויערן פון גיהנום, אָדער אים פאַרלאָזן, לאָזן אים אַליין אין די הענט פון גורל.

זיי האָבן באַשלאָסן אויסצופירן דעם פּלאַן די קומענדיקע נאַכט. אַלץ איז אַדורך פּונקט אַזוי ווי ארהילע האָט געזאָגט. די צוויי בחורימלעך האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי לערנען אין אריהלעס אַלקערל. זיי האָבן געהויבן דעם גמרא־ניגון איבערגעטריבן הויך. דערנאָך איז דאָס הויז שטיל געוואָרן, די בעטן האָבן געסקריפּעט. די צוויי חברה־לייט האָבן אַריינגעבליקט אין שכנותדיקן חדרל דורך די שפּאַרונעס אין דער וואַנט. אַ שוואַרצקייט פאַר די אויגן. אָבער עמעץ האָט דרינען מאַרשירט. דערנאָך האָט די טיר אַ סקריפּע געטאָן. עמעץ איז אַרויס פון דרינען, אין פאָדערשטיבל אַריין. טריט האָבן זיך צעפּישטשעט דרויסן אין דער בלאָטע.

„אַצינדער!" האָט אריהלע אַ פּליסטער געטאָן און אַ שלעפּ געטאָן יעקבן פאַרן אַרבל.

אויף די פינגערשפּיצן זײַנען זיי אַרײַנגעלאָפן אין פּאַדערהייזל, פון דאָרט — אין אורחס אַלקערל; מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם, אויף דער גיך, זיך אַרונטער־געשלײַכט אונטערן בעט, און געוואַרט. די הערצער האָבן געפּויקט... צום טאַקט פון פישעלע קצבס טריט. פישעלע איז אַרײַנגעקומען. עפּעס ווייס האָט געפינקלט אויף זײַנע הענט. אַ טעלער. ער האָט אים אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און האָט פּאַמעלעך, פאַרזיכטיק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער קאָן עמעצן אויפוועקן, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל.

אַ שוואַרצע פיגור האָט זיך באַוויזן אין אַלקערל, ברומענדיק, ווישנדיק די הענט אין אַ ווייסער שמאַטע.

„רבי...” האָבן די ייִנגלעך דערהערט פישעלעס קול, וואָס האָט געציטערט פאַרצווייפלט, אַ קול ווי פון עמעצן וואָס טרינקט זיך. אַ צווייט בענקל האָט לייכט אַ סקריפּע געטאָן. „טוט מיר אַ טובה, רבי, און עסט עפּעס. נעמט כאָטשבי אַ ביסן פון דעם טייערן שטיקל שפּאַנדערע מיט די פּאָר קנישקעלעך”.

„כ׳בין נישט געקומען אַהער פרעסן און זויפן”, האָט זיך דערהערט אַ שווערער באַסאָווער פליסטער. „עך בין געקומען אַהער צו ראַטעווען דײַן נשמה און די נשמות פון אַ גאַנצער קהילה. צו מאַכן פון אַ שברי־כּלי אַ גאַנצקייט און זי אָנפילן מיט קדושה, בין עך געקומען”.

„יאָ, הייליקער רבי”, האָט פישעלע פּאַטעטיש געשטאַמלט. „אָבער טוט מיר אָן כאָטשבי אַ ברעקעלע כּבוד. לאָזט מיך זיך טיילן מיטן ביסן מיט אײַך. כ׳בין אַזאַ גראָבער־יונג, אַזאַן עם־הארץ, און כ׳בין אַזאַ זינדיקע נשמה, פאַרסמט מיט די תאוות פון גוף, כ׳בין אַזוי צעפרעסן פון דער גלוסטעניש צו... צו בייז. כ׳בעט אײַך, רבי, דערהייבט מיך כאָטש אַ טראָפּעלע”.

„עך קאָן קיינעם נישט דערהייבן. דאָס איז דײַן עובֿדה. זיך אַליין צו דער־הייבן, אויפצוהייבן”.

„אָבער עך לײַדט אַזוי פיל יסורים פאַר מײַנע טועגן, הייליקער רבי”.

„נישט פאַר מײַנע טועגן לײַד עך יסורים, נאָר פאַרן רבונו־של־עולמס־טועגן, אַ לויב זײַן ליבן נאָמען. דאָס איז טאַקע וואָס דו מוזסט דיך אויך אויס־לערנען. צו לײַדן יסורים פאַר זײַן ליבן נאָמען. צו לערנען דיך ווי אַזוי צו טראָגן די יסורים בין עך געקומען, כּדי ד׳זאָלסט קענען אויספירן דײַן שליחות ווי ס׳געהער צו זײַן. נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל ׳על עך רעדן צו דיר וועגן יסורים, ביז עס ׳עט ריזלען דורך דיר צוזאַמען מיט דײַן גלוסטעניש, מיט די תאוות פון דײַן לײַב, וואָס זענען די כּלים פון דײַן דערלייזינג”.

„אוי, יאָ, הייליקער רבי, רעדט צו מיר דערוועגן, רעדט. אָבער קודם־כּל נעמט אַ ביסן אין מויל אַרײַן... טוט מיר די געפעליקייט”, האָט פישעלע געבעטן מיט אַ שטאַמל און די גאַנצע ענגשאַפט און פאַרלוירנקייט פון זײַן נשמה האָט זיך געהערט אין זײַן קול.

„גוט... אויב ס'גייט דיר אַזוי אין לעבן, 'על עך דיר נאָכגעבן און כ'על נעמען אַ ביסן... אָבער נאָר כּדי דו זאָלסט אַראָפּשלינגען מיינע ווערטער ווי איך שלינג אַראָפּ די שפּייז..."

„כ'על... רעדסט צו מיר, הייליקער רבי, און עסטע געזונטערהייט", האָט פּישעלע גיריק געפּליסטערט.

די ווערטער פון דער ברכה האָבן זיך דערהערט, דערנאָך האָט דאָס קול זיך דערהערט אין באַגלייט פון אַן אַנדערן קלאַנג, דעם קלאַנג פון קייען.

„ד'מוזסט געדענקען", האָט דאָס קול געזאָגט אין צווישן אַ הויך פּאַטשן פון ליפּן, „אַז אַט די וועלט אונדזעריקע איז נישט באַשאַפן געוואָרן פון דעם אייבערשטן, גרויסן גאָט, נאָר פון דער סיטרא־אחרא. דערפאַר איז פאַראַנען טויט און יסורים אויף דער וועלט, און נאָר דורכן לערנען ווי אַזוי מנצח צו זיין דעם טויט און די יסורים, און זיי מאַכן אַ באַשטאַנד פון אונדזער לעבן, 'עט מען אויפהערן זיך פאַר זיי צו שרעקן און מ'עט קענען ראַטעווען די וועלט. דו מוזסט גלייבן אין דעם בכל לבבך ובכל נפשך. כּדי צו ראַטעווען דעם בן־אָדם, כּדי צו ראַטעווען דאָס פאָלק ישׂראל מוזסטע, אַ נישט־געשטרויכלטער, אַדורכגיין דורך די טויערן פון אומריינקייט און רישעות. אונדז מוז מען זוכן די אומריינקייט און דאָס שלעכטס, און נישט אַנטלויפן דערפון. טאַנצנדיק מיט התלהבות מוז מען זיך אונטערגעבן צו דער זינד און זי מנצח זיין. ד'עסט גלייבן אין דעם מיט דיין גאַנצן נפש, מיט דיין חיות? ענטפער מיר".

„עך... עך 'על..." האָט פּישעלע געקרעכצט.

„די וועלט ט'קיין מאָל נישט אויסגעלייזט ווערן און די גאולה ט'פלאַצן ווי אַ זייפנבלאָז, אויב די דרייסטסטע פון אונדז 'עלן נישט פאַרמאָגן דעם מוט אַראָפּצו־לאָזן זיך אין תהום פון די קליפּות, צום גרונט פון רישעות, צו ראַטעווען די נצוצות פון קדושה וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן אין דער טיפעניש פון חושך ווען עס איז געשען דער שבר־הכלים און אָדם הראשון האָט, אַנשטאָט זיי צו ראַטעווען, זיי נאָך טיפער אַראָפּגעשטופּט אונטן. זאָג, 'עסטע דאָס געדענקען?"

„כ'על, רבי... כ'על", האָט פּישעלע געשטאַמלט.

„משיח גופא 'עט האָבן די האַרבסטע עובֿדה, פאַרשטייסטע מיך", איז דאָס קול אַנגעגאַנגען. „ער'ט מוזן אויפגעבן די הייליקע תורה און זיך אַראָפּלאָזן נאָך טיפער ווי דער תהום. דערפאַר ברוכט ער די דרייסטסטע און די ערלעכסטע, אַז זיי זאָלן אים באַגלייטן, וואָס זאָלן אין אים גלייבן, נישט געקוקט דערויף וואָס ער 'עט אָננעמען דאָס פּרצוף־פּנים פון אַשמדאי אַליין; און זיי 'עלן אים העלפן ראַטעווען די נשמה פון בן־אָדם. זאָג, ד'עסט געדענקען, אַז אין־סופיקע גוטסקייט קאָן ווערן דערגרייכט דורך זינד, אַז די עשׂרת־הדיברות קאָנען ווערן אָפּגעהיטן, דורך דעם וואָס מען היט זיי נישט אָפּ, און אַז דאָס אַלץ מוז אויסגעפירט ווערן בסוד־סודות, ענטפער מיר?"

„כ'על, רבי..." האָט פישעלעס קול זיך געשטיקט.

„אויב אַזוי, טאָ זאָג זשע מיר, צי ד'עסט גלייבן, אַז משיח ט'אָננעמען די פּאַרעם פון אַ ווייבספאַרשוין, אַ בתולה, אַן אויגן־פאַרכאַפּנדיקע יפת־תואר, אַ מטרוניתא וועלכע האָט נישט קיין אויגן... וועלכע ט'פאַרשוועכן די תורה, פאַרראַטן איר אמונה און ווערן אַן אַפּיקורסטע און אַ זונה וואָס באָדט זיך אין שמוץ — כדי אונדז אַלעמען אויסצולייזן? זאָג, ד'עסט צו'ן איר גלוסטן, ד'עסט ברענען מיט דער ליבשאַפט צו'ן איר, ד'עסט זינדיקן מיט איר — כדי די קדושה זאָל געראַטעוועט ווערן און די וועלט זאָל ווערן אויסגעלייזט?"

„כ'על..." האָט פישעלע תאווהדיק אַ פּליסטער געטאָן.

אריהלע האָט אַ פּרעס געטאָן יעקבס אָרעם. ס'איז געווען די העכסטע צייט אויסצופירן דעם פּלאַן. עס האָט מער קיין ספק נישט געקאָנט זיין וועגן דעם ווער אָט דער „הייליקער צדיק" איז געווען. אָבער דאָ האָט יעקב גענומען גיך דרייען מיטן קאָפּ. מיטן גאַנצן כוח האָט ער צוריקגעהאַלטן אריהלעס האַנט. אַריהלע האָט זיך געפּרוווט באַפרייען, אויסער זיך, פאַרצווייפלט. יעקב האָט מיט דער זעלבער מאָס ייִאוש זיך געראַנגלט מיט אים. ס'איז געווען אַ סכנה, אַז מען וועט זיי דערהערן. — נאָך אַ פּאָר מינוט האָבן זיי זיך באַרויִקט, געבליבן ליגן אונטערן בעט און זיך איינגעהערט ווייטער, פאַרכישופט פון דעם אורחס קול, פון זיינע רייד, פון דער גאַנצער שטימונג אין אָט דעם אַלקערל. זיי האָבן געשווידערט, קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם.

פּאַמעלעך איז פישעלע שלעפעריק געוואָרן. ער האָט נאָך אָנגעהאַלטן דאָס איבערחזרן: „כ'על..." נאָך דעם אורחס יעדער שאלה, אָבער עס איז שוין אַרויס־געקומען אין באַגלייט פון אַ גענעץ. דער אורח האָט אים לסוף משלח געווען.

גלייך דערנאָך האָבן די ברעטער פון געלעגער אונטער וועלכן די ייִנגלעך זיינען געלעגן באַהאַלטן, אָנגעהויבן צו סקריפּען. דאָרט אויבן, איבער זייערע קעפּ, איז דער אורח געלעגן אויסגעצויגן און האָט שווער געזיפּצט, געמורמלט אומפאַר־שטענדלעכע ווערטער, וועלכע האָבן זיך בהדרגהדיק פאַרוואַנדלט אין אַ הויך געזונט שנאָרכן, אין באַגלייט פון אַ לאַנגן סווישטשענדיקן פייף דורך דער נאָז. דאָס אַלקערל איז פול געוואָרן מיט אַ בלאָזן, אַ סאָפּען, ווי אַ מאַשין וואָלט דאָרט אָנגעהויבן צו אַרבעטן. אונטערן שוץ פון אָט די קלאַנגען האָבן די ייִנגלעך זיך אָפּערגעשאַרט פון אונטערן בעט, אַרויס פון צימערל אָן אַ שאָרך, זיך אַריינגעשלייכט צו אריהלען אין אַלקערל און זיך אַ שליידער געטאָן אויף זיין געלעגער.

„כ'האָב געוווּסט, אַז ד'ביסט אַ פּחדן!" איז אריהלע אַרויס מיט אַ שלוכץ. „הלוואי זאָל עך פאַרלירן מיין צונג פאַר האָבן דיר אויסגעזאָגט דעם סוד. הלוואי זאָל עך ברענען אויף די שייטערס פון גיהנום!"

„זאָג דאָס נישט", האָט יעקב געשטאַמלט. ער האָט קיין מאָל פריער נישט

געזען אריהלען וויינען. אַ כוואַליע פון פאַרצווייפלונג האָט פאַרשווענקט יעקבס האַרץ. איצט, ווען ער איז גרייט געווען מיט זיין גאַנצן חיות, צו זיין מוטיק, צו באַווייזן זיין געטריישאַפט צו אריהלען — פאַר וואָס האָט אָט דער אינערלעכער שטער אים צוריקגעהאַלטן פון אויספירן דעם פּלאַן? — „איך... איך האָב אים פּראָסט און פּשוט נישט געגוג פּיינט געהאַט כּדי... צו וועלן אים אונטערצינדן", האָט ער געפּרעפּלט.

„אַוודאי נישט!" האָט אריהלע זיך געהיצט, וויינענדיק. „ער האָט נישט דיין טאַטן אין זיינע ידים, נאָר מיינעם. דיין טאַטע האָט אַ געזיכערטן פּלאַץ אין לאַכטיקן גן־עדן".

„כ'בעט דיך, אריהלע", האָט יעקב זיך ביי אים געבעטן. „דאָס איז באמת נישט די סיבה... דער אמת איז... אַז... אַז איך בין מיט אים מסכּים אַ ביסל..."

אריהלע איז פאַרשטומט געוואָרן, ווי אַ דונער וואָלט אים געטראָפן. „דו אויכעט?"

„אַזוי דאַכט זיך מיר..."

נאָך אַ לאַנגע רגע פון שווייגן האָט נאָכגעפאָלגט. „מיר אויך..." האָט אריהלע מודה געווען. „אוי, גאָט אין הימל! כ'האָב געהאַפט, אַז ער'ט כאַטש דיך נישט כאַפּן אויף דער ווענדקע".

„איך מיין, אַז ער איז גערעכט, אַז אָט די וועלט האָט נישט געקאָנט ווערן באַשאַפן פון אַלמעכטיקן... פון רבונו־של־עולם. און ער איז גערעכט, אַז עס איז נישט פאַראַן אַזאַ זאַך ווי בלויזע רישעות. נאָר זאָג מיר איין זאַך, אריהלע, ד'האָלטסט פון זינדיקן?"

אריהלע האָט לאַנג, שווייגנדיק געשנופּט מיט דער נאָז. דערנאָך האָט ער געענטפערט: „כּדי אויסצולייזן די וועלט..."

„ד'וואָלסט געקאָנט גנבענען און גזלענען און הרגענען? ד'וואָלסט טאַקע געקאָנט... געקאָנט גיין און שלאָפן מיט אַ גויע?"

„צו ראַטעווען די וועלט... צו דערלייזן זי..."

„אָבער ווי קאָנסטע דערלייזן די וועלט מיט בלוט אויף דיינע הענט? ווי קענסטע ראַטעווען די וועלט, אויב דו שטינקסט? אָט דאָס קאָן עך נישט פאַרשטיין".

„האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז די וועלט טויג נישט".

„נו, טאָ ווילסטע זי נאָך ערגער מאַכן מיטן צוגעבן שלעכטס צו שלעכטס?"

„יאָ... ניין... אוי, יעקב, ער האָט אונדז צעפּלאָנטערט די מוחות... אונדז אַריינגעכאַפּט מיט די גלאַטיקע רייד, זעסט דען נישט אַליין? ער איז די סיטרא־אחרא, כ'פּיל דאָס אין מיינע רמח־אברים".

„ניין..." האָט יעקב געפּליסטערט. „אַ געוויינטלעכער בשר־ודם האָט געקאָנט האָבן געזאָגט די זעלבע זאַך... אויב זיין מוח איז מבולבל, אויב ער איז אַראָפּ

פון זינען פון די אַלע שוידערלעכע זאַכן און גרויסע יסורים וואָס ער האָט איבערגעלעבט".

די צוויי יִנגלעך האָבן געפּליסטערט, אונטערגעכליפּעט צוזאַמען, פאַרזונקען אין תהומען פון צער, פון רחמנות אויף זיך און אויפן בן־אָדם. מיט אימה האָבן זיי געשטאַרט אויף די שוואַרצע שויבן — ביז דער פרילינגדיקער פאַרטאָג האָט גענומען אויסגרויען דאָס אַלקערל און דאָס געזאַנג פון די דערוואַכטע פייגל האָט זיי איינגעוויגט צום שלאָף.

3

די בושלען זיינען דאָ געווען צוריק. דער פרילינג האָט געבליט מיט אַלע פאַרבן, מיט אַלע ריחות. דיביימער און קוסטעס, די פעלדער און וועלדער האָבן זיך באַדעקט מיט אַ שלייער פון לייכטן איידעלן גרין, פון סעלעדין. די בעלטער האָבן געגרוישט און געפּלאַטערט ווי צעפליגלטע כמאַרעס פון גרינע פייגל. דער בעז האָט נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן און האָט זיך באַוויזן מיט הענגלעך פון ליליאַ־קנאָספּן. און די קאַרשנביימער און עפּלביימער האָבן אויך שוין אַרויס־געלאָזט די ערשטע בליטן. די ערד האָט געפּאַרעוועט, ווי איין ריזיקער קוכן וואָס וואַקסט ווי אויף הייוון. גאַנץ באָטשאַני האָט אויסגעזען ווי איין גרויסער שמייכל.

און דאָ, מיט אַ מאָל, האָט זיך אַ שטעל געטאָן אַן ערב־פּסחדיקער טאָג מיט אַ וויסטער ווינטערדיקער קעלט און מיט אַן אמתן שניי, ווי דער פרילינג וואָלט חרטה באַקומען און אַנטלאָפן פון באָטשאַני, אויף להכעיס אַלע ייִדן — פּונקט צו דער ערשטער סדר־נאַכט. אַ רחמנות געווען אויף די בושלען.

דער עולם איז אַנגעגאַנגען מיט די צוגרייטונגען צום יום־טוב. דער הו־האַ און דאָס האָוועניש פּונקט ווי פאַר אַ יאָרן אין דער צייט, פּונקט ווי מיט צען יאָר צוריק אין דער צייט. מען האָט געכשרט די שטיבער, געכשרט די כלים אויף די הייף, אין דער מיט פון גאַסן, געסלעך. מען האָט אויסגערייניקט דאָס חמץ ביז צום לעצטן קרישקעלע און געלאָפן דורכן שנייִקן דרויסן פאַרענדיקן די לעצטע „געשעפטן".

הינדעלע האָט אַריינגעשיקט יעקבן צו ר' סענדערלען, זיך צו פאַרזיכערן, אַז ר' סענדערל וועט טאַקע נישט באַלאַמוטשען היינט נאָכן דאַווענען און וועט גלייך אַרויפקומען צו איר אין בוידעמשטיבל אָפּריכטן דעם סדר מיט איר און די קינדער, ווי ער האָט דאָס יעדער יאָר, זינט דעם טויט פון איר מאַן, געטאָן.

האָט שוין יעקב אויסגענוצט די געלעגנהייט און אויף דער גיך „צוגעפּרעסט ר' סענדערלען צו דער וואַנט" מיט אַ פּאָר גיכע קלאָץ־קשיות.

אייגנטלעך האָט ער לעצטנס ממש געברענט צו דערציילן ר' סענדערלען וועגן

פישעלע דעם קצבס אורח, וועלכער איז נעלם געוואָרן פון פישעלעס הויז דעם אַנדערן טאָג, נאָך דעם ווי יעקב האָט אים געזען און געהערט, — און פישעלעס ווייבס פּאָר זילבערנע לייכטערס זיינען נעלם געוואָרן צוזאַמען מיט אים. ווייזט אויס, אַז דער אורח האָט אויסגעפירט אין מעשים דאָס וואָס ער האָט געפּרעדיקט, נעמלעך: רישעות, גנבה און גזלה. צי אפשר איז ער גאָר געווען אַ רעגולערער גנב, וואָס האָט געשפּילט אויף דעם רייכן פישעלעס עם־הארצות, כדי זיך אַריינצו־באַקומען אין פישעלעס הויז. — דאָך איז פאַראַן געווען עפּעס אין דעם פרעמדנס רייד. זיינע ווערטער האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט אין דער געדעכעניש און נישט געוואָלט אויסוועפּן. האָט יעקב געחלשט, מען זאָל אים דערקלערן... — אָבער ער איז געווען געבונדן מיטן נדר פון שווייגן וואָס ער האָט זיך געגעבן מיט אַריהלען.

איז ער ווילנדיק־נישט־ווילנדיק אַרויסגעקומען מיט זיין געוויינטלעכן אַרסע־נאַל פון שאלות וועגן אָרעם און רייך, און לסוף האָט ער אַ פרעג געטאָן ר׳ סענדערלען: „אויב דער רבונו־של־עולם לעבט איבער מיטן בן־אָדם אַלע זיינע איבערלעבענישן, מוז ער דאָך זיכער פאַרזוכן אויך דעם טעם פון אָרעמקייט און הונגער. אָבער ווי אַזוי קאָן דער וואָס פאַרמאָגט אַלצדינג בעת־מעשה זיין אָרעם און חלשן פון הונגער?״

האָט ר׳ סענדערל, גלייך אויפן אָרט, געבראַכט יעקבן אַ מעשה דערויף, פון בעל־שם־טוב, וועגן דעם מעכטיקן מלך וואָס איז געזעסן אין זיין פּאַלאַץ פון הונדערטער חדרים פון קרישטאָל און פון איידעלן גאָלד און זילבער, מיט טייערע שטיינער צעוואָרפן אין אַלע ווינקעלעך. ער אַליין איז געזעסן אויף אַ טראָן פון אַ זעלטענעם שטיין און פון בעסטן פּימסנהאָלץ. אַרום אים האָבן געגלי־טערט די פאַרשיידנסטע אוצרות וואָס מען קאָן זיך נאָר אויסמאָלן. און אַזוי האָט דער מלך אויפגענומען זיינע אורחים, די יעניקע וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן אַלץ געטאָן, כדי אָנצוקומען צו אים און כאָטש איין מאָל אַ בליק טאָן אויפן מלכס מלכותדיקן פּנים.

„ד׳פאַרשטייסט?״ האָבן זיך ר׳ סענדערלס אויגן אָנגעצונדן ווי וואַרעמע ליכטלעך. „די אורחים, ווי נאָר ז׳זענען אַריינגעקומען אין מלכס פּאַלאַץ, האָבן נישט געוווּסט וווּ פריער אַהינצוטאָן די אויגן. ז׳האָבן פאַרגעסן וועגן וואָס ז׳זענען געקומען, און האָבן זיך געכאַפּט אויפצוזאַמלען אין די טאָרבעס אַריין די אַלע אוצרות וואָס זענען פריי אומעטום אַרומגעלעגן און מען האָט געקאָנט נעמען וויפל מען האָט געוואָלט. זיי האָבן געהאַט אַזוי פיל צו קלייבן און דורך אַזוי פיל חדרים צו זוכן די וואָס אַ מאָל טייערערע חפצים, אַז ז׳זענען קיין מאָל נישט געקומען דערצו... — צו זען דעם מלכס פּנים. בלויז אַ פּאָר, נאָר אויף די פינגער אָנצוציילן, פון צווישן די אורחים, האָבן, ווי נאָר זיי זענען אַריינגעקומען אין פּאַלאַץ, אַ יאָג געטאָן דורך די חדרים, פאָרויס — נישט געקוקט אויף רעכטס, נישט געקוקט אויף לינקס, נאָר געלאָפן ווי משוגע — ביז ז׳האָבן דערזען דאָס פּנים

פון מלך בכבודו־ובעצמו. דאַמאָלסט האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין פּאַלאַץ, נישטאָ קיין חדרים, נישטאָ קיין אוצרות... אַז אָרעם איז נישט אָרעם, און רייך איז נישט רייך. און ס׳זענען נישטאָ קיין מחיצות. און אַז דער... דער מלך איז אַזוי נאָענט ווי דער אייגענער אָטעם... נענטער נאָך. ווייל דער אורח און דער מלך האָבן דעם זעלבן אָטעם... און דאָס הייסט ביטול הנפש, פאַרשטייסט מיך, הע, ד׳פאַרשטייסט מיך ?״

יעקב האָט נישט געענטפערט ר׳ סענדערלען. ער איז געשטאַנען מיטן קאָפּ אַפּגעוואָנדן פון זקן און האָט אַרויסגעבליקט דרויסן, אויפן מאַרקפּלאַץ. בעת־מעשה האָט ער געלאָזט ר׳ סענדערלס רייד אַריינזינקען אין זיך. אוודאי האָט ער פאַרשטאַנען די מעשה, און זי איז אים נימאס געוועזן, פּונקט ווי זיין מאַמעס מעשיות זיינען אים נימאס געוואָרן. אָט די מעשיות האָבן קיין מאָל נישט פאַרענטפערט זיינע שאלות, זיי האָבן נאָר פאַרטעמפּט זיין הונגער נאָכן אמת. ער האָט שוין ליבערשט געהאַט די רייד פון דעם משונהדיקן גנב, פישעלע דעם קצבס אורח, וועלכער האָט מינדעסטן גערופן עפּעס צו טאָן, זאָל זיין פאַלשס, זאָל זיין שעדלעכס, שווידערלעכס — אָבער האָט געוואָלט שאַפן לכל־הפּחות אַ געלעגנהייט אַז עפּעס זאָל זיך בייטן. יעקב האָט געטראַכט ווי אַזוי זיך אַרויסצושלייכן פון קרעמל און נישט באַליידיקן דעם זקן, ווי ער האָט באַמערקט אַ מאָדנע אויפרו־דערונג און דרויסן, פאַר דער טיר. ער איז צוגעלאָפן אַהין און האָט דערזען ווי זשאַנדאַרן פירן פאַרביי אַן עשאַלאָן אַרעסטאַנטן, געשמידטע אין קייטן, דורכן מאַרקפּלאַץ. פון צפון פון שטעטל זיינען זיי אָנגעקומען, פון יענער זייט פון שמאָלן טאָפּאָליע־וועג, ווו דינע סטעזשקעס האָבן געפירט פון די דערפער.

„זעט נאָר, ר׳ סענדערל !״ האָט יעקב אויסגערופן.

ער האָט געשטאַרט אויף די קייטן אויף די פיס פון די אַרעסטאַנטן, גע־שטאַרט אויף די אָנגעשטעלטע לופעס פון די ביקסן אין די זשאַנדאַרסקע הענט, אויף די באַגנעטן, און אויף דער לאַנגער קייט וואָס האָט געהאַלטן צוגעבונדן איין אַרעסטאַנט צום אַנדערן אין יעדער גרופּע ; צוגעבונדן צום זשאַנדאַר וועלכער איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן. ווען זיי זיינען נאָענט פאַרביי פון פאַטשעיאַוו האָט יעקב געקאָנט באַמערקן די וואַקסענע איינגעפאַלענע פּנימער פון די אַרעסטאַנטן, דעם שנײ אויף זייערע ברעמען און אויף די בלויזע קעפּ, אין די פאַלדן פון זייערע צעשליסענע בגדים. וואָס האָבן זיי געפילט, די מענער מיט די קייטן אויף די פיס און אויף די הענט ? יעקב האָט זיך געזען אין זייערע אַפּגעשליסענע בגדים, אין זייערע גרויסע שיך אַרומגעוויקלטע מיט שמאַטעס, אַ מין אַניצעס ביז צו די קני, אַרומגעקלעפּטע מיט בלאָטיקן שנײ. אַ שווידער איז אים אַדורך דורכן לייב.

בעת־מעשה האָט אים אַ גליקזעליקייט אַזש געשטיקט אין האַלדז : ער און זיין מאַמע, זיינע שוועסטער און זיין ברודער טראָגן נישט קיין קייטן, ווערן נישט געטריבן דורכן שנײ און דער קעלט פון זשאַנדאַרן מיט באַגנעטן. ער וועט

היינט אָוונט זיצן מיט זיין משפחה ביים סדר, זאָגן די הגדה און עסן קניידלעך. אַצינד האָט ער ערשט פאַרשטאַנען ר׳ סענדערלען וועלכער האָט אים אַנומלטן געהאָט געזאָגט, אַז זיין, יעקבס מאַמען, איז וויל. יאָ, ס׳איז איר טאַקע געווען וויל. ס׳איז איר געווען ביטער און וויל, און אים, יעקבן — אויך. זיי האָבן געהאַט אַן אייגן ווינקל און זיינען געווען צוזאַמען.

„וווּ פירט מען זיי?״ האָט יעקב אַ פרעג געטאָן ר׳ סענדערלען וועלכער האָט זיך אויך צוגעשלייכט צו דער טיר.

„צום ברייטן טאַפּאַליע־וועג״, האָט ר׳ סענדערל טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„און פון דאָרטן?״

„מסתמא קיין סיביר. די פערטע פּאַרטיע די וואָך. מענטשן האָבן מיר געזאָגט, אַז ז׳האָבן באַמערקט אַ פּאָר אחינו בני־ישראל צווישן זיי...״

„פאַר וואָס קומט זיי דאָס?״ האָט יעקב געשטאַמלט.

„ווייל ז׳זענען מורדים־במלכות. ביי אונדז ייִדן איז דער רבונו־של־עולם דער מלך. אָבער ביי די גויים איז דער מלך אַ גאָט און אויפצושטיין קעגן אים איז דאָס גרעסטע פאַרברעכן. אַזוי איז זיך די וועלט נוקם אָן די וואָס פרוּוון צעשטערן איר איינגעשטעלטן סדר. און...״ ר׳ סענדערל האָט טיף אָפּגעזיפצט. „מ׳שמועסט, אַז דאָס ווילדע משוגעת האָט פאַרכאַפּט הונדערטער און טויזנטער... צווישן זיי נעבעך אויך אונדזעריקע קינדער... גאָט זאָל אָפּהיטן וואָס עס קאָן נאָך געשען...״

ר׳ סענדערלס קול האָט זיך געבראָכן. יעקב האָט אים נישט געהערט, אַזוי אָנ־געשטרענגט איז ער געווען בעת ער האָט נאָכגעקוקט דעם עשאַלאָן וואָס האָט געצויגן צום ברייטן טאַפּאַליע־וועג. די קייטן האָבן געקלונגען מיט אַ זשאַווערדיקן קלאַנג. די פיגורן פון די אַרעסטאַנטן האָבן געבויגענע געטאַפּטשעט אין די בלאָטעס און צוביידע זייטן האָבן פאַרביקע, פאַרשנייטע פענקעס בליעכץ פון די בעז־און קאַרשן־ביימער זיך נידעריק געגייגט פאַר זיי מיטן ווינט. פון דער ווייטן האָבן די זשאַנדאַרן, וואָס האָבן צוגעהאַלטן די ענדרינגען פון די קייטן, אויך אויסגעזען ווי אַסירים, געקנופּט מיטן גורל פון די פאַרמישפּטע. אויך זיי זיינען געגאַנגען געבויגן און האָבן געטאַפּטשעט אין די בלאָטעס. יעקבן איז געווען אַ רחמנות אויף זיי, פּונקט ווי אויף די אמתע אַרעסטאַנטן.

ער האָט דערזען ווי איינער פון די מאַרשירנדיקע אַרעסטאַנטן פאַרטשע־פּעט זיך מיט די פיס אָן די פוסרינגען פון זיין חבר. ביידע האָבן זיך איבערגעקערט אין דער בלאָטע און מיטגעשלעפּט מיט זיך די איבעריקע אַרעסטאַנטן פון דער גרופּע, צוזאַמען מיטן זשאַנדאַר. דער זשאַנדאַר איז גלייך אויפגעשפּרונגען אויף די פיס. ער האָט געלאַכט און געשטורכעט די אַנדערע מיטן באַגנעט. צוויי האָבן זיך אויפגעשטעלט, די איבעריקע האָבן זיך נאָך מער איינגעפּלאָנטערט איינער אין אַנדערן, און צוריק אַראָפּגעשלעפּט די שטייענדיקע. דער זשאַנדאַר האָט אויפ־

געהערט לאַכן. ער האָט זיך געאיזדעקוועט איבער די פאַרפּלאָנטערטע גופים, זיי געקאָפּעט מיטן שטיול און געשטורכעט מיט דער קאָלבע.

„איך 'על אויך זיין אַ מורד!" האָט יעקב אַרויסגעפּלאַצט און איז אַרויסגע־לאָפן פון ר' סענדערלס קרעמל.

מיט צעפּלויגענע פּאָלעס פון כאַלאַטל, מיט אַ פלאַטערנדיקן טלית־קטן האָט ער גאַלאָפּירט אין דער ריכטונג פון עשאַלאָן. דאָס היטל מיטן קאָפּעלע זײַנען אים אַ פּאָר מאָל אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ. האָט ער זיך אומגעקערט, עס אויפגעהויבן, נאָסערהייט צוריק אַרויפגעצויגן אויפן קאָפּ און ווייטער געלאָפן. מען האָט גע־דאַרפט העלפן די צוויי דאָרט, סאַמע אונטן אויף דער ערד, זיי זאָלן זיך אויפ־שטעלן, ווען די גאַנצע גרופּע זיך קאָנען צוריק אויסגלײַכן. ס'איז געווען אומ־דערטרעגלעך צוצוקוקן ווי דעם זשאַנדאַרס שווערער שטיוול האַמערט איבער די אומבאַהאָלפענע לײַבער.

אָט איז ער געווען נאָר אַ פּאָר טריט פון עשאַלאָן. שקצימלעך זײַנען אָנגע־קומען צו לויפן פון אַלע זײַטן. פון ראַנד פון וועג האָבן זיי צוגעקוקט. יעקב האָט זיי אַלע געקענט. ער האָט זיך צוגערוקט צו זיין חברל, בראָנעקן, מאַנקע דער וועשינס זונדל, וועלכער האָט ענערגיש געזייגט אַ ריטל און געשטאַרט אויף דעם בילד מיט פונאַנדערגעריסענע בלוי־טרויעריקע אויגן.

„קומץ, לאָמען זיי העלפן אויפשטיין!" האָט יעקב אויסגערופן אַ פּאַרסאָ־פּעטער צו בראָנעקן און די איבעריקע שקצימלעך.

די שקצימלעך האָבן זיך אומבאַקוועם צעשמייכלט און דער לאַנגער סטעפּעק, דער עלטסטער פון זיי, אַן אויסגעצויגענער שייגעץ מיט רויטע פרישטשיקעס אויפן פּנים, ווען עס האָבן געפעלט די צוויי פאָרנטיקע ציין, האָט אַ פייפנדיקן זאָג געטאָן דורך די לעכער אין זיין מויל: „די זעלנער וועלן אונדז דערשיסן אויפן אָרט".

„'על איך אַליין..." האָט יעקב אַרויסגעשטאַמלט און טיף אײַנגעאָטעמט. עפּעס האָט אים געצויגן אויף צוריק — צו אַנטלויפן צו דער מאַמען, העלפן איר צוגרייטן דעם ליבן פסח אויף וועלכן מען האָט דאָס גאַנצע יאָר אַזוי אויסגעקוקט, באַפרייען זיך פון אָט דעם בילד פאַר די אויגן. „על איך אַליין..." האָט ער איבערגעחזרט.

ער האָט נאָך אַ מאָל אַרײַנגעצויגן אַ טיפן אָטעם לופט, געענטפערט מיט אַ טראָציקן בליק אויף די חוזקדיקע בליקן פון די שקצימלעך, און מיט אַן אימפּעט זיך אַ טראָג געטאָן צום בערגל לײַבער וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ געטאָרעט אין דער בלאָטע, אין געפּלאָנטער פון די קייטן, פון בגדים, אונטער די קלעפּ פון דער קאָלבע און די קאָפּעס פון דעם זשאַנדאַרס שטיוול. די איבעריקע גרופּעס אַרעס־טאַנטן זײַנען שוין געווען אָוועק פאַרויס.

ווי יעקב האָט זיך אַ טראָג געטאָן גלײַך אויף דעם באַרג לײַבער, האָט ער בעת־מעשה זיך געזען... ווי ער וואַרפט זיך אויף די קניען, ווי ער העלפט די

צוויי, סאַמע אונטן, אויף דער ערד. — און דאָ האָט ער זיך גאָר פֿאַרהאַלטן. עפּעס האָט אַ פֿריר געטאָן אין האַרצן, שטייף געמאַכט די גלידער — שוין איז ער געלאָפֿן מיטן גאַנצן כּוח אין די פֿיס — אַהיים. אַ געוויין האָט זיך אַ רייס געטאָן פֿון זיין בוזעם. הויך אויף אַ קול האָט ער געיאָמערט און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער הערט הינטער זיך דאָס געלעכטער פֿון די שקצימלעך, פֿון דעם זשאַנדאַר און די אַרעסטאַנטן. די אַרעסטאַנטן! וואָס איז געשען מיט זיי? אין דער חרפּה, האָט ער געמוזט אַ קער טאָן דעם קאָפּ אויף צוריק. ער האָט געמוזט וויסן. ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן, אומגעקערט דעם קאָפּ און דורך די טרערן דערזען אַלע אַרעסטאַנטן שטיין אויף די פֿיס.

„גאָט זיי דאַנק!" האָט ער אַ פֿליסטער געטאָן און זיך נישט גערירט פֿון אָרט ביז ער האָט געזען ווי די קייטן ווערן פֿונאַנדערגעפּלאָנטערט און ווי די אַרעסטאַנטן הייבן אָן מאַרשירן און דער זשאַנדאַר איז ווידער צוגעטשעפּעט צו דער קייטשנור, ווי ער וואָלט געווען איינער פֿון די אסירים.

די שקצימלעך זיינען אונטערגעקומען צו לויפֿן צו יעקבן. ער האָט באַמערקט ווי זיי האָבן זיך, לויפֿנדיק, געסודעט צווישן זיך און ערנצט געשאָקלט מיט די קעפּ. און דאָ האָבן זיי אַלע אים אַרומגערינגלט און אים באַטראַכט ווי אַ בייז ווונדער, אָן חוזק, גיכער מיט דרך־ארץ.

„ער ווײנט טאַקע!" האָבן זיי געטייט אויף יעקבן.

„ער האָט אָן אמתע קריסטלעכע נשמה", האָט זיך אָפּגערופֿן אַ מיידל וואָס האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אָן דער גרופּע.

יעקב האָט זיך מיט ביידע הענט אָפּגעווישט דאָס פּנים. „כ'ווין שוין נישט", האָט ער אַ זאָג געטאָן און געוואָלט זיך אַ לאָז טאָן פֿאָרויס.

ער האָט נישט באַוויזן צו שטעלן מער ווי אַ פּאָר טריט, ווי די גאַנצע חבֿרה קינדער האָט אים ווידער אַרומגערינגלט. זיי האָבן אַהערגערופֿן אַנדערע פֿון די פֿעלדער און די הייף; נאָך אַ פּאָר שיקסלעך זיינען אונטערגעקומען צו לויפֿן. זיי האָבן זיך גאָר ערנצט און עפּעס ווי טרויעריק־מיטפֿילנדיק געסודעט און נישט געלאָזט יעקבן זיך רירן פֿון אָרט. האָט ער זיי אָנגעקוקט מיט פֿרעגנדיקע בליקן, האָבן זיי צו אים ערנצט צוריקגעשמייכלט; אין זייערע אויגן האָבן זיך געצונדן פֿייערלעך פֿון נייגער, פֿון פּחד און צעשפּילטקייט.

„ווילסט אַ גאַנץ הייפּטל קרויט בחינם?" האָט דער לאַנגער סטעפּעק אַ פּייפּנדיקן פֿרעג געטאָן דורך די לעכער צווישן די ציין.

„אַוודאי וויל איך", האָט יעקב אים אָנגעקוקט מיט שטוינען.

„און איך 'על דיר געבן אַ פּאָר אַזעלכע גרויסע שטיקער קוילן!" האָט אויסגערופֿן אַ צווייט שייגעצל און ברייט צעשפּרייט ביידע הענט.

„און איך 'על דיר געבן אַ ראַגאַווקע פֿאַר דיין מאַמען אויף אייער יום־טובֿ!" האָט אַ שיקסל אַרויסגעפּישטשעט.

„און איך ׳על דיר אויך עפּעס געבן", האָט יעקבס חבֿרל, בראָנעק, אומזיכער אַ שטאַמל געטאָן.

„און איך אויך!" האָט פֿריינדלעך געזאָגט בראָנעקס עלטערע שוועסטער, מאַרישקאַ.

„איך אויך! איך אויך!" האָבן זיך די אַנדערע קינדער צעשריגן.

יעקבֿ האָט אין דמיון דערזען ווי ער דערלאַנגט דער מאַמען די פּאָר שטיקלעך קוילן, מיטן הייפּטל קרויט און די אַנדערע מתנות וואָס ער וועט באַקומען פֿון זיינע חבֿרימלעך אויף יום־טובֿ. און ער האָט זיך געלאָזט פֿון זיי פֿירן אויף צוריק, אין דער ריכטונג פֿון דאָרף. אָבער אַנשטאָט אַרויף אויפֿן זייטיקן שטעג צום דאָרף, האָבן זיי אים געפֿירט ווייטער אַרויף, אויפֿן ברייטן טאַפּאָליע־וועג. יעקבֿ האָט זיך געחידושט.

„ווו גייט מען?" האָט ער אַ פֿרעג געטאָן דעם לאַנגן סטעפֿעקן וועלכער האָט זיך געהאַלטן נאָענט פֿון אים.

„מיר האָבן אַ גאַנצן אוצר באַגראָבן אין בעריאָזע־וועלדל", האָט סטעפֿעק, דער אויסגעצויגענער בחור, אַ קוק געטאָן אויף זיין חבֿרה און געוואָרט ביז זיי האָבן שווייגנדיק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. „דאָרט ט׳מען דיר געבן די אַלע גוטע זאַכן און נאָך מער".

די זאַך איז יעקבן פּלוצעם פֿאַרדעכטיק געוואָרן. ער האָט חרטה באַקומען. „כ׳מוז צוריקגיין..." האָט ער אַ פּרעפּל געטאָן. דאָך איז ער געוועזן זייער נייגעריק און האָט ווייטער געשפּרייזט מיט זיי פֿאָרויס. „היינט איז ביי אונדז ערבֿ־פּסח", האָט ער זיי אויפֿגעקלערט. „כ׳האָב אַ סך צו טאָן".

„ביי אונדז איז אויך ערבֿ־פּסח", האָט סטעפֿעק אים ערנצט באַרויִקט, „מיר דאַרפֿן זיך אויך גרייטן".

עפּעס איז דאָך די חבֿרה אַרום אים יעקבן נישט געפֿעלן געוואָרן. זיי האָבן זיך כּסדר געסודעט צווישן זיך און יעדער מאָל איז איינער, צי אַן אַנדערער פֿאַרשוווּנדן אין אַ זייטיקער קאַטע, דערנאָך אַנגעיאָגט די גרופּע מיט שטריק און שמאַטעס אין די הענט. יעקבֿ האָט זיך צוגעשטופּט צו זיין חבֿר, בראָנעקן, און אים געפֿרעגט: „צו וואָס די שטריק... און די אַלע זאַכן?"

דאָס פֿעטינקע שייגעצל האָט וואָרעם אַ לייכט געטאָן אויף יעקבן מיט די טרויעריקע בלויע אויגן און אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף יעקבס אַקסל: „פֿאַר דיר איז דאָס..." האָט ער חבֿריש געענטפֿערט.

זיי האָבן געשפּרייזט וואָס אַ מאָל גיכער. די שקצימלעך האָבן שווער געסאָפּעט און מאַרשירט אין אַ געשפּאַנט שווייגן, מיט די אויגן אַנגעהאַנגען אויף יעקבן.

יעקבן האָט גענומען ווערן אומהיימלעך. ער האָט דערפֿילט דעם קאַלטן ווינט וואָס האָט זיך אַרויסגעשיילט פֿון צווישן די טאָפּאָליעס. ער האָט איינגעצויגן דאָס כאַלאַטל אַרום זיך, און אין זיך האָט ער בעת־מעשה דערהערט אַ קול:

„אַט איז דאָס פייער און דער שייטער־האָלץ און ווו איז די לאַם פאַרן בראַנד־קרבן?" זיינען די שקצימלעך געגאַנגען אים הרגענען? מסתמא יאָ... אַז נישט וואָלטן זיי דאָך נישט געווען אַזוי שטיל און סודותדיק. זיי האָבן אים אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין. זיי האָבן אים געוואָלט פאַרפירן אין בעריאָזע־וועלדל און אים דאָרט ממיתן. ממיתן? בראַנעק, דער וואָס איז דאָ געגאַנגען דערנעבן אַזאַ טרויעריקער און האָט אַזוי ענערגיש געזייגט דאָס ריטל, וועט אים, זיין בעסטן חברל, ממיתן? — יאָ, ער וועט! — האָט אַ קול אין יעקבן געענטפערט און ער האָט געשטוינט, פון וואַנען ער האָט דאָס געוווּסט אַזוי זיכער? ווי איז דאָס געקומען צו אים, וואָס ער איז חושד געווען זיינס אַ חבר אין אַזאַ זאַך? בלויז דערפאַר איז אים געקומען געממיתט צו ווערן. מען האָט נישט געטאָרט טראַכטן שלעכט וועגן אַ חבר.

דאָך איז ער געווען זיכער, אַז ער האָט געמוזט זיך ראַטעווען, מאַכן פליטה — כאַטשבי בלויז כדי צו שוינען די מאַמען, נישט צו פאַרשאַפן איר קיין צער. אָבער הענט האָבן אים פעסט צוגעהאַלטן פון אַלע זייטן. ער איז געווען ווי געפּענטעט. ער, יעקב, האָט לעצטנס זיך אויסגעלערנט גוט לויפן, דאָך, דער לאַנגער סטעפעק איז געווען אַ בעסערער לויפער פון אים. ער, יעקב, האָט געקאָנט שרייען און זיך ראַנגלען מיט זיי, זיך נישט לאָזן אַזוי פירן. אָבער וואָס פאַר אַ זינען האָט דאָס געהאַט? אַרום און אַרום זיינען געווען בלויז גויִישע כאַלופּעס. און אַז מען איז צוגעקומען נענטער צו דער ייִדישער קרעטשמע און צום הויז פון פערד־סוחר און געהאַלטן ביים פאַרבייגיין די שטאַלן, האָט די חברה אַראָפּגעפירט יעקבן צו די פעלדער. דאָרט, אַ ביסל ווייטער, איז געווען דער בלויער באַרג. אויבן איז געשטאַנען ר' פּיוועלע מילנערס מיל, גאָר אויבן. — מען וועט זיין געשריי פון דאַנען נישט הערן. אַפילו אויפן וועג וועט קיינער נישט דערהערן, ווייל דער ווינט האָט געוויעט און פאַרטראָגן און צעשטויבט די רייד אַפילו פון דער חברה דערנעבן. יעדער קלאַנג פון אַ קול איז פאַרווישט געוואָרן און מען האָט גאָרנישט געקאָנט פאַרנעמען, גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין.

וועט קיינער נישט דערהערן יעקבס געשריי... קיינער וועט נישט וויסן ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. אין סטאַוו וועלן זיי אים מסתמא אַריינוואַרפן און זיינע אויגן וועלן אַפילו נישט אַרויפשווימען אויף דער וואַסערפלאַך ווי קיילעלע דער כלהס אויגן, ווייל די קריִעס אויפן סטאַוו זיינען שוין געווען צעשמאָלצן. און ער וועט גלייך אונטערגיין... ווייל ער איז אַ פחדן... ווייל אַפילו פאַרן טויט האָט ער מורא צו אַנטלויפן... פונקט ווי ער האָט מורא געהאַט פריער... צו העלפן די געפאַלענע אַרעסטאַנטן, און איז אַנטלאָפן. יאָ, טייל מאָל איז אין אַנטלויפן געווען גבורה, און טייל מאָל פחדנות... ער, יעקב, איז אַנטלאָפן נאָר דעמאָלט ווען דאָס האָט געמיינט פחדנות. וועט ער ליגן אויפן באָדעם פון סטאַוו... דערווייל וועט דער זומער קומען קיין באַטשאַני. אַלע פענקעס וועלן זיך אויפעפענען מיט

בלומען און פון די נאַנעס' גאָרטן וועלן דער יאַשמין און די אַקאַציע אַרויפשמעקן אין בוידעמשטיבל, נאָר ער וועט דאָס שוין מער נישט זען... נישט שפּירן.

ער האָט זייטיק אַ קוק געטאָן אויף בראָנעקן. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט.

„איר... איר האָט נישט קיין קוילן און נישט קיין קרויט באַהאַלטן אין וועלדל, הע?" האָט ער אַ פּליסטער געטאָן צו אים. בראָנעק האָט נישט אַרויסגענומען דאָס ריטל פון מויל, בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. „און איר גייט מיך דערהרגענען אין וועלדל, הע?"

בראָנעק האָט פרעגנדיק אָנגעקוקט דעם לאַנגן סטעפעקן. סטעפעק האָט זיך אַ רגע מישב געווען און דערנאָך אַ ווונק געטאָן צו בראָנעקן ווי ער וואָלט אים געגעבן די דערלויבעניש צו רעדן.

בראָנעק האָט פּאַמעלעך אַרויסגעצויגן דאָס ריטל פון מויל און געענטפערט מיט אַ פליסטער: „נישט אמתדיק הרגענען... בלויז שפּילן זיך אין הרגענען".

„וואָס האָב איך אייך געטאָן שלעכטס?" האָט יעקב געשטאַמלט. ער האָט זיך ווידער אָנגעהאַנגען מיט די אויגן אָן בראָנעקס פּולכנעם, ליכטיקן פּנים. בראָנעק איז געווען זיין איינציקע ישועה. „מיר זענען דאָך קאָלעגעלעך..." האָט ער אים דערמאָנט.

„טאָקע דערפאַר..." בראָנעק האָט, געריירט, אַ פינטל געטאָן מיט די צערפּולע בלויע אויגן, וועלכע זיינען פאַרנעפּלט געוואָרן, און ער האָט געזאָגט מיט אַ צעציטערט קול: „דערפאַר זאָגן זיי, אַז איך מוז זיין יודאַש, כאָטש כ'בין נישט קיין ייִד... מוז איך זיין..."

„וואָס האָב איך צו טאָן מיט אַ יודאַשן?" יעקבן האָט גענומען שטיקן אין האַלדז.

„דו האָסט", האָט אַן אַנדער שייגעצל אים דערקלערט אָן איבערגענומענער. „דו'סט זיין אונדזער קאָכאַני פּאַן יעזוס. ווייל דו ביסט אַ ייִד מיט אַ קריסטלעכער נשמה. קיינער פון אונדז האָט נישט געוויינט, נאָר דו איינער, ווען די פּאַרטיע אַרעסטאַנטן איז געפאַלן. דו איינער האָסט זיי געוואָלט העלפן... און מיר האָבן דיך אויסגעלאָכט..."

„אונדזער אומגליקלעכער פּאַן יעזוס", האָט אַ שיקסעלע אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין.

„איך וויל נישט זיין קיין יעזוס!" האָט יעקב פאַרצווייפלט זיך צעשריען.

„דו מוזסט. ביסט אַ ייִד!" האָט אַן אַנדער שייגעצל אומבאַקוועם אויפגעלאַכט. נאָך אַ פּאָר מיידעלעך האָבן זיך צעוויינט.

יעקב האָט געפּרוווט זיך אַרויסרייסן פון די הענט וואָס האָבן אים געהאַלטן, אָבער דעם לאַנגן סטעפעקס האַנטגרייף איז ווי אַ רינג פון אַ קייט געווען פאַר־

מאַכט אַרום יעקבס אָרעם. דאָך האָט יעקב געטאָרגעט די האַנט און מיט אַלע כּוחות געשלעפּט אויף צוריק. סטעפּעק האָט אים אַ קאָפּע געטאָן.

„וואָס קאָפּעסטו מיך?" האָט יעקב זיך צערעוועט פון ווייטיק.

„דעם פאַן יעזוס האָט מען אויך געקאָפּעט אויפן וועג..." האָט סטעפּעק רויִק דערקלערט, און אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים. „און דו טאָרסט דיך נישט רייסן פון מיינע הענט".

„יאָ... דו גייסט איצט אויפן וועג..." האָט בראַנעק זיך צוגעבויגן צו יעקבן און געשעפּטשעט אויף זיין אויער מיט אַ מילד קול. דערנאָך האָט ער אַ זייג געטאָן דאָס ריטל און אומגעקערט דעם קאָפּ. ער האָט אַ זוך געטאָן מיט די אויגן זיין עלטערע שוועסטער, מאַרישקאַן, „ווי... ווי הייסט ער... דער וועג?"

מאַרישקע איז אונטערגעקומען נענטער און אָפּגעווישט אַ טרער פון דער באַק: „גאַלגאָטאַ הייסט דער וועג".

„גאַלגאָטאַ! גאַלגאָטאַ!" האָט זיך די מחנה צעשריגן מיט מאַוימדיקע קולות.

„דאַרפט מען אים שוין מאַכן אַ צלם... ער מוז שלעפּן דעם קרייץ אויף די פּלייצעס!" האָט עמעץ פון די קינדער אויסגערופן.

אַ שיקסל האָט אַ צופּ געטאָן סטעפּעקן פאַרן אַרבל און מיט אַ פאַרשטיקטן, געשפּאַנטן אָטעם אויסגערופן צו אים: „ער מוז האָבן אַ דערנערקרוין... און ער מוז פאַלן און זיך אויפשטעלן און ווידער פאַלן!"

„קאָלצעס!" האָט סטעפּעק אויסגערופן און אַראָפּגעכאַפּט יעקבס היטל מיטן קאָפּעלע.

חברה האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די קוסטעס, געגומען פּליקן בערעלעך און מיט זיי באַוואָרפן יעקבס קאָפּ. בעת־מעשה האָט זיך די פּראַצעסיע פאַרהאַלטן. אַ מיידל האָט דווקא געוואָלט אַרומשטעכן יעקבס קאָפּ מיט אַ גלייך קרענצל בערעלעך און דאָ האָט ער זיך געוואָרפן, געריסן פון די הענט וואָס האָבן אים געהאַלטן און געדרייט מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן. אַ פּאָר שקצימלעך זיינען אַרויפגעקראָכן אויפן נאָדלבוים אין מיטן פעלד, האָבן אָפּגעבראָכן צוויי גרויסע צווייגן. אַ חברה האָט זיך גענומען אָפּצוצופּן די נעבנצווייגן און נאָדלען. יעקב האָט געוואָלט אויסניצן די געלעגנהייט וואָס זיי האָבן זיך געפּאַרעט און געוואָלט מאַכן פּליטה, אָבער סטעפּעק האָט אים פעסט געהאַלטן, און צוויי אַנדערע שקצימלעך האָבן אים צוגעהאָלפן. האָט זיך יעקב צעוויינט מיט אַ יאָמערדיק, פאַרצווייפלט געוויין; די קינדער אַרום אים האָבן עס אונטערגעכאַפּט און אויך זיך צעיאָמערט.

יעקב האָט דערפילט בראַנקעס האַנט אויף זיין אַקסל. „דו טאָרסט נישט וויינען", האָט בראַנעק געפליסטערט, קוים צוריקהאַלטנדיק די טרערן. „דער פאַן יעזוס דאַרפט רחמנות האָבן אויף אַנדערע, אָבער נישט אויף זיך. ער... ער האָט אויך נישט געוויינט ווען ער איז געגאַנגען... דאַרפסט בעטן פאַר אונדז... און פאַר מיר דאַרפסטע אויך... איך בין דיין בעסטער חבר, ד׳טאָרסט דאָס נישט

פּאַרגעסן און...״ בראָנעק האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו זיין שוועסטער. „וואָס האָט דער פּאַן יעזוס געזאָגט צו די מענטשן וואָס האָבן אים געפּייניקט?״

„דער פּאַן יעזוס האָט געזאָגט: ׳פאַרגיב זיי, גאָט, ווייל זיי ווייסן נישט וואָס זיי טוען׳ ״, האָט מאַרישקאָ געענטפערט, זיך דערנעענטערט צו יעקבן און אים אַ גלעט געטאָן איבער דער פּלייצע.

די שקצימלעך האָבן צוזאַמענגעבונדן די אַרומגעפליקטע צווייגן אין אַ קרייץ און האָבן אים געפּרוווט אַרויפלייגן אויף יעקבס אַקסל. יעקב האָט געכליפּעט, זיך געצאַפּלט און אַראָפּגעשליידערט דעם קרייץ פון רוקן.

„בינדט אים צו צו אים... דעם קרייץ! נאָט אייך, דאָ איז שטריק!״ איז אַ פאַרפאַרעט שייגעצל אונטערגעקומען מיט אַן עצה.

די חברה האָט זיך גענומען צו יעקבן, אים אומגעוואָרפן מיטן פּנים אַראָפּ און ווי נישט איז, איז זיי געלונגען צוצובינדן דעם קרייץ צו יעקבס רוקן, צוזאַמען מיט די הענט וואָס זיי האָבן פאַרנומען אויף הינטן און צוזאַמענגעבונדן אַרום געלענק. סטעפעק האָט אים צוריק אויפגעשטעלט און אים געשטופּט פאָרויס און יעקב האָט זיך אַ פּאָר מאָל איבערגעקערט אין נאַסן, בלאָטיקן גראָז. דער עולם קינדער האָט אַזש פאַרהאַלטן דעם אָטעם, אַזוי וואָרהאַפטיק האָט די סצענע אויסגעזען. ס׳איז מער נישט געווען קיין טרוקן אויג צווישן דעם המון קינדער; אַפילו סטעפעק איז געווען גערירט און זיין שטערן, באַדעקט מיט פייער־רויטע פרישטשיקעס, איז געווען פאַרקאַרבט — פון איבערגענומענקייט.

„בעט פאַר אונדז, יעזושענקאָ קאָכאַני!״ זיינען די שיקסלעך געפאַלן פאַר יעקבן אויף די קני אין דער בלאָטע און האָבן זיך געצלמט. די קלענערע האָבן וואָס אַ מאָל אימהדיקער געוויינט.

„דו ווין נישט... דו טאָרסט נישט וויינען...״ איז בראָנעק נאָכגעלאָפן יעקבן און אָנגעהאַלטן דעם טראָט מיט אים. ער האָט הייס געפּליסטערט אויף יעקבס אויער: „דו ביסט אונדז מוחל... אמת, אַז דו ביסט אונדז מוחל?״

„ניין!״ האָט יעקב זיך געצאַפּלט און געדרייט מיטן קאָפּ.

„זיי אונדז מוחל!״ איז אַ מיידעלע מיט פאַרפלאָכטענע הענט איבער איר בוזעם אַ פאַל געטאָן אויף די קני פאַר יעקבס פיס, און יעקב האָט זיך שיִער נישט איבערגעקערט איבער איר.

„זיי אונדז מוחל!״ האָבן די אַנדערע קינדער אונטערגעכאַפּט, געפאַלן פאַר אים אויף די קני און געהויבן צו אים די פאַרפלאָכטענע הענט.

„ניין! ניין!״ האָט יעקב ווילד געררעוועט.

„דו מוזסט אונדז מוחל זיין!״ איז סטעפעק אומגעדולדיק געוואָרן און גע־שטופּט יעקבן פאָרויס. „האָסט געהערט וואָס מאַרישקאָ האָט געזאָגט? דו מוזסט אונדז מוחל זיין, ווייל מיר ווייסן נישט וואָס מיר טוען״. און ער האָט דערלאַנגט יעקבן אַ שטאַרקן קאָפּע אין הינטן אַריין.

„דו ווייסט יאָ!" האָט יעקב זיך געריסן מיט אַ הייזעריק קול. „דו קאַפּעסט מיך!"

„טאַ זיי אונדז מוחל", האָט סטעפּעק אים ווידער אַ מאָל דערלאַנגט מיטן פוס.

„וויל איך נישט!" יעקב האָט שוין געקרייעט ווי אַ הענדל. „מעגסט מיך דערהרגענען און איך 'על דיר נישט מוחל זיין!" דאָ האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן. „גוט!" האָט ער פאַרכריפּעט אויסגערופן, „קומט אין וועלדל אַריין און הרגעט מיך!"

ער האָט זיך, מיטן קרייץ אויף די פּלייצעס, אַ ריס געטאָן, זיך אַרויסגעריסן פון צעטומלטן סטעפּעקס האַנט און זיך אַ לאָז געטאָן פאַרויס, אין אַן אָנאָטעמדיק געלויף. ער האָט מער קיין כוח נישט געהאַט צו וויינען, נאָר פון זיין קעל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ מין שאַרפער כאָרכל און אַזוי האָט ער גאַלאָפּירט איבערן בלאָטיקן גראָז, מיט די הענט פאַרבונדן אויף הינטן — אין דער ריכטונג פון בעריאָזע-וועלדל.

דער המון קינדער איז אַ רגע שטיין געבליבן פאַרבליפט, צעטומלט, ווי אויפגעוועקט פון אַ חלום. אַ פּאָר האָבן פאַרצווייפלט זיך צעשריען: „ער איז נישט קיין גוטער יעזוס! דער פּאַן יעזוס טאָר נישט לויפן מיטן קרייץ!"

„קומט אים כאַפּן!" האָט סטעפּעק אַ קאָמאַנדע געטאָן. „מ'וועט אים באַלד כאַפּן און ער'ט מוזן זיין אַ גוטער יעזוס!"

„כאַפּט אים! כאַפּט אים!" האָבן די קינדער זיך געטראָגן פאַרויס איבערן פעלד.

יעקב האָט נישט אויפגעהערט צו לויפן. די טרערן זיינען אים פאַרטריקנט געוואָרן אויפן פּנים. באַלד האָט דער שוויס גענומען רינען פון זיין שטערן און ברענען אין די אויגן. די בגדים האָבן געקלעפּט צום גוף. ער איז גרייט געווען... גרייט געווען אויף אַלץ. אַ קאַלטער נייגער איז געווען אין אים צו דעם וואָס האָט געדאַרפט געשען. איצט האָט ער געוווסט נישט בלויז וואָס די קאַטאַרזשני־קעס אין די קייטן האָבן געפילט, נאָר געוווסט אַ סך מער. עפּעס האָט אַ ברען געטאָן אין אים. פאַר וואָס האָט דאָס געמוזט געשען? און אַפילו אויב עס האָט געמוזט... וועט ער זיך נישט לאָזן... מיט די לעצטע כוחות וועט ער לויפן, ביז ער וועט אין גאַנצן מער די פיס נישט פילן, נאָר לאָזן זיך וועט ער נישט, ניין!

ער האָט גיך אַ קער געטאָן דעם קאָפּ אויף צוריק און געזען די גאַנצע מחנה נאָכקומען הינטער אים. אַ שטיק פעלד איז געווען צווישן אים און זיי און נאָר איינצלנע פון זיי זיינען געווען נאָענט. האָט ער זיך אַ פאַרקער געטאָן אין דער ריכטונג פון די סטאָדאָלעס לעבן טאָפּאָליע-וועג. לויפנדיק, האָט ער געזען פון דער זייט ווי סטעפּעק מיט די פּאָר שקצימלעך וואָס זיינען געווען נאָענט, האָבן זיך אויך פאַרקירעוועט אַהין. אָט איז ער געווען אויפן ברייטן וועג און סטעפּעק מיט די שקצימלעך איז אַרויסגעקומען פון יענער זייט פון די סטאָדאָלעס. האָט

יעקב זיך מיט די לעצטע כּוחות ווייטער געטראָגן פאָרויס. „איך בין נישט קיין ווייכע מירל!" האָט ער אויף אַ קול געדעוועט צו זיך.

אַ בריטשקע איז אים אַנטקעגנגעקומען פון דער זייט. „ראַטעוועט! ראַטעוועט!" האָט יעקב פאַרריסן דעם קאָפּ צו דער בריטשקע.

אַ הדרת־פּנימדיקער מאַן, אַ שוואַרצבאָרדיקער, ברייטפּלייציקער איז געזעסן אויף דער בריטשקע. ער האָט זיך אויסגעבויגן אויף צוריק און מיט די לייצעס פאַרהאַלטן דאָס פערד.

„ווי איז מיר, אַ ייִדיש ייִנגל! אָן אַ היטל אויפן קאָפּ!" האָט דער מאַן אויס־גערופן אויף ייִדיש און מיט איין צי פון דער שטאַרקער האַנט אַרויפגעשלעפּט יעקבן אויף דער בריטשקע. „און וואָס איז דאָס?" האָט ער אַ ברעך געטאָן די צווייגן וואָס זיינען געווען צוגעבונדן צו יעקבס פּלייצע, און אים פונאַנדערגעבונדן די הענט. „ווי אַ יוזל האָסטע מיר דאָך אויסגעזען פון דער ווייטנס, מיט דעם צלם און מיט דעם גאַנצן קלאָפּער־געצייג אין די האָר".

יעקב האָט נישט געקאָנט ענטפערן. ער האָט געקייכט, אַ מין אָנאָטעמדיקער שלוכץ האָט אים געשטיקט אין האַלדז. ער האָט נאָר מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף דעם המון קינדער וואָס איז פון דער זייט אַרויסגעקומען אויפן וועג. „פאָרט... פאָרט גיכער!" האָט ער געשטאַמלט.

„וואַרט אַ מינוט", האָט דער מאַן אים אָפּגעשטופּט פון זיך. „ס'ט דאָך מיר די אויגן אַרויסנעמען מיט דער דערנערקרוין דיינער, און מיט די שטיקער האָלץ!" און ער האָט ווייטער צעפּלאָנטערט די שטריק אַרום יעקבן.

„אָט זענען זיי! אָט זענען זיי! ז'עלן מיך ממיתן!" האָט יעקב געצאַפּלט.

„וואָס ממיתן, ווער ממיתן?" האָט דער ייִד לסוף אַרויסגעוויקלט יעקבן פון די שטריק און זיי אַ שליידער געטאָן צוזאַמען מיט די צעבראָכענע שטיקלעך צווייגן אין גראָבן אַריין ביי דער זייט. יעקב האָט געוואָרפן אימהדיקע בליקן אויף די גרופּקעס שקצימלעך און שיקסלעך ביים ראַנד פון וועג. אַ טייל פון זיי האָט פּאַמעלעך זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון די שטעטלשע כאַטעס. דער ייִד האָט זיך אַ קער געטאָן און מיט דער בייטש דערלאַנגט אַ הילכיקן שמיץ אין דער לופטן אַנטקעגן סטעפּעקן מיט די פּאָר שקצימלעך וואָס זיינען נאָכגעלאָפן נאָך דער בריטשקע. „הושאַ! הושאַ!" האָט ער פריילעך אויסגערופן צו זיי. יעקב האָט זיך אויך אומגעקערט, אָפּגעריבן די טרערן פון פּנים און געוויזן סטעפּעקן און זיין חברה אַ גרויסע צונג. דערנאָך האָט ער פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו דער־ציילן זיין רעטער וואָס די חברה האָט געוואָלט מיט אים טאָן.

דעם ייִדנס פּנים האָט זיך פאַרכמאַרעט. „אַז זייער גאָט זאָל ווינען צווישן זיי, וואָלטן זיי אים יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק געקרייציקט". ער האָט אַ פרעג געטאָן יעקבן: „וועמעס ביסטע דען?"

„הינדעלע דער סופּרטעס", האָט יעקב געענטפערט. „און איר זענט ר' פּייוועלע דער מילנער!"

„קלאָר ווי דער טאָג!" האָט זיך דער ייִד צוריק אויסגעלייטערט. „און אַצינ־דער ט'מען דיך אַהיימפירן ווי אַ פּריץ, ווייל אַז נישט, 'עט דיין מאַמע נישט באַווייזן צו האָבן אַ גוט געמיט צום סדר".

יעקב האָט כּסדר אומגעקערט דעם קאָפּ אויף צוריק, אָפּצומעסטן ווי ווייט זיי זיינען שוין אָפּגעפאָרן פון סטעפּעקן מיט די שקצימלעך. ער האָט דאַנקבאַר אַ זאָג געטאָן צו ר' פּייוועלען: „ווען איר קומט נישט, וואָלט מיין מאַמע ערשט רעכט געהאַט אַ פאַרשטערטן סדר. ווייל זיי דאַרטן וואָלטן מיך געמיתט סיי אויב איך וואָלט געשפּילט יעזוסן ווי זיי האָבן געוואָלט, סיי ווען כ'וואָלט נישט געוואָלט אים שפּילן ווי זיי וואָלטן געוואָלט... איר פאַרשטייט ר' פּייוועלע?"

ר' פּייוועלע האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ זייטיקן בליק. „אַז ד'פאַרשטייסט דאָס אַזוי, טראָגסטע דאָך אַן אַלטן קאָפּ אויף די יונגע פּלייצעס. ווי קומט, ד'ביסט אַזאַ חכם־עתיק, הע?" האָט ער דערלאַנגט יעקבן זיין נאָזטוך צו פאַרדעקן דעם קאָפּ.

„וואָסאַראַ חכם, ר' פּייוועלע?" אין יעקבן האָט זיך די פרייד אַזוי צעשפּרו־דלט, אַז ער האָט גאָרנישט געקאָנט אויפהערן רעדן. „אַז מען איז אין אַזאַ פּאַלאַזשע־ניע, ר' פּייוועלע, קאָן מען קיין חכם נישט זיין, גלייבט מיר. און די גאַנצע זאַך איז, וואָס אין אַזאַ פּאַלאַזשעניע דאַרפט מען ערשט זיין אַ חכם!" ער האָט גיך געמאַכט פיר קנופּן אין ר' פּייוועלעס טיכל און עס אַרויפגעצויגן אויפן קאָפּ.

„וואָס מיינסטע?" האָט ר' פּייוועלע נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון אים.

„כ'מיין, ווען דער קאָפּ שטייט אין קאָן, מוז מען ערשט האָבן דעם קאָפּ אויף די פּלייצעס. נאָר די זאַך איז וואָס דאַמאָלס פאַרלירט מען לייכט דעם קאָפּ". מיט אַ מאָל איז ער ערנצט געוואָרן. „בכלל איז צייט, אַז די וועלט זאָל געפינען אַן עצה... דער ייִד זאָל געפינען אַן עצה..."

„וואָס הייסט אַן עצה?"

„מען מוז עפּעס טאָן... די וועלט טויג נישט".

ר' פּייוועלע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך אָפּגערופן ווי צו זיך:
„מען טוט טאָקע. ס'טוט זיך אויף טיש און אויף בענק. נאָר צי פאַר אונדז ייִדן 'עט מען אויך עפּעס אויפטאָן, ווייס עך נישט".

„וואָס טוט זיך, ר' פּייוועלע?" האָט יעקב אים אָנגעקוקט מיט גרויס נייגער.
„איר מיינט נישט אַ מאָל די אַרעסטאַנטן וואָס מען פירט קיין סיביר?"

„אייגנטלעך האָט עס זיך שוין אָפּגעטאָן, חברל. ס'איז שוין נאָך אַלעם. אָבער מען קאָן נישט וויסן וואָס דער מאָרגן ט'ברענגען".

„וואָס אַזעלכעס איז אָפּגעטאָן, זאָגט מיר ר' פּייוועלע. איך 'על פאַרשטיין. כ'ווער שוין באַלד בר־מיצווה".

„אַ רעוואָלוציע. פאַרשטייסטע וואָס דאָס איז אַזעלכעס ?"

יעקב האָט, אַ געפּלעפּטער פון דעם מאָדנעם וואָרט, אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ.

„ניין... אַ וואָס ?"

„אַ האָן מיט אַ נאָז !" האָט ר' פּיוועלע אויסגערופן. זיי זײַנען אַרײַנגעפאָרן אין מאַרקפּלאַץ. ר' פּיוועלע האָט מיט דער בײַטש אַ וויַז געטאָן אויף די קרעמ־לעך. „זעסט, דײַן מאַמע ט'שוין פאַרמאַכט ס'קרעמל. מסתמא פאַרעט זי זיך בײַם פּסח מאַכן. כ'על דיך דאָ אַראָפּלאָזן". יעקב האָט אויפגעגעבן זײַנע שאלות. נישט געוווּען אַצינד די צײַט דערויף. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בריטשקע, גע־דאַנקט ר' פּיוועלען און אים געווינטשן אַ גוטן פּסח. „וואַרט !" האָט ר' פּיוועלע זיך געכאַפּט און אים צוריקגערופן. „לאָמיך דיר געבן אַ מתנהלע לכבוד פּסח". און ער האָט זיך אויסגעבויגן צום זאַק וואָס איז געשטאַנען אַ באַדעקטער מיט מעליקן שטויב אויף דער בריטשקע.

„אַ דאַנק, אַ שיינטשינקן דאַנק !" האָט יעקב ענערגיש געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין און אַ מאַך געטאָן צו ר' פּיוועלען מיט בײדע הענט ווי ער וואָלט זיך געוועהרט. „איך האָב שוין הײַנט מײַן מתנה לכבוד פּסח באַקומען פון אײַך !"

„זיי נישט אַזאַ חכם־עתיק. וואָס איז דאָס עפּעס ? ס'ט נישט נעמען אַ ביסל מצה־מעל ?" האָט ר' פּיוועלע זיך גוטמוטיק געברוגזט.

„מצה־מעל !" יעקב איז רויט געוואָרן. „אדרבא, ר' פּיוועלע", האָט ער אַ שטאַמל געטאָן. „די מאַמע ט'זײַן אין זיבעטן הימל".

ר' פּיוועלע האָט אַרויסגעצויגן אַ צעקנייטשט טיטל פון קעסטל הינטערן זיץ און עס פול געמאַכט מיט מצה־מעל. „נאַ, און האָב אַ פריילעכן פּסח, צוזאַמען מיט דײַן משפּחה !" ער האָט דערלאַנגט יעקבן דאָס טיטל, אָפּגעקלאַפּט די הענט, זיך אויסגעגלייכט אויפן געזעס און אַ שמיץ געטאָן דאָס פערדל.

מיט איין אָטעם האָט יעקב זיך אַ לאָז געטאָן אין דער ריכטונג פון דער שטוב. עס האָט אים גאָרנישט ווײ געטאָן. די פרייד האָט אַרויסגעצווּנגען פון אַלע בײלן און אַלע קלעפּ אויפן לײַב. ער האָט זיך דערוואָרט אַליין אַהיימצוברענגען עפּעס... בײַצוטראָגן צום פּסח. אים איז אויסגעקומען ווי ער וואָלט מיט די שעהען פון געוויין און יסורים געהאַט געקויפט אָט די מתנה פאַר דער מאַמען. ווײַל פון איר האָט ער דאָך טאַקע געהאַט געלערנט, אַז ר' פּיוועלע איז סײַ געוווּען אַ מילנער, סײַ אַ שליח פון רבונו־של־עולם, וועלכער האָט אים אויסגעלייזט און באַלוינט. ווען ער איז פאַרבײַ מאַנקע דער וועשינס הויז, האָט ער געשוווירן, אַז ער וועט מער קיין מאָל נישט אויסרעדן קיין וואָרט מיט אירע קינדער.

ער איז אַרײַנגעפאַלן אין שטוב, און אײדער הינדעלע, וועלכע האָט פונאַנ־דערגעלייגט שמאַטעס אויף דער אָפּגעשייערטער פּאָדלאָגע, האָט באַוויזן אַרויס־צורעדן אַ וואָרט, האָט ער אויסגערופן צו איר: „מאַמעשי, זע וואָס כ'האָב ! מצה־מעל ! אַ פול טיטל פון ר' פּיוועלען מילנער, פאַר דיר אַ מתנה אויף פּסח !...

נאַר ס׳קאַפּעלע מיטן היטל האָט דער... דער ווינט מיר... האָט ער מיר געבאַרגט זיין טאַשנטיכל״...

זי האָט אַ צעטומלטע זיך געווישט מיטן ברעג פון דער שירץ דאָס פאַרשוויצ־טע פּנים. „רבונו־של־עולם, יעקב, גיטעלע און שיינדעלע זוכן דאָך דיר אַרום איבער דער גאַנצער שטאָט״. דערנאָך איז זי צוגעפאַלן צו אים און אים אַ כאַפּ געטאָן אין די אָרעמס. „גאָט זיי דאַנק, ד׳ביסט דאָ. ס׳האַרץ האָט מיר אַזוי געצאַפּלט דעם גאַנצן טאָג, אַז מ׳זאָל נאָר נישט האָבן אַ פאַרשטערטן סדר. אַ מאַמעס האַרץ איז אַזאַ נאַר...״

„ס׳איז נישט קיין נאַר, אַ מאַמעס האַרץ...״ ער האָט שוין געהאַט אויפן שפּיצ־צונג איר צו דערציילן וואָס מיט אים איז געשען, אָבער ער האָט עס אויפגעגעבן. דער מאַמען האָט די מינדסטע קלייניקייט געקאָנט פאַרשטערן דעם פּסח.

4

וכך־הווה, הינדעלען האָט טאַקע אַ קלייניקייט פאַרשטערט דעם פּסח. זי האָט נעמלעך צוליב אַ נאַרישקייט זיך צעווערטלט מיט איר חברטע, נעכעלען דער געשטופּלטער.

אגב האָט דאָס געמאַכט לייכטער צו פאַרטראָגן די שלימותדיקע שיינקייט פונעם יום־טוב. ווייל געשטעלט האָט זיך דעם ערשטן פּסח־טאָג, גלייך נאָך דעם שנייִיקן ערב־פּסח, אַ גאָר לינד וועטער. ס׳איז געוואָרן אַזוי וואַרעם, אַז אַלץ אַרום האָט באַוויזן זיך אויסצוטריקענען. די זון איז איבער הויפּט נישט אַראָפּ פון הימל, וועלכער איז געווען תכלת־קלאָר און ליכטיק. די בעז־פּענקעס האָבן אויפ־געפּלאַצט, די קאַרשן־און־עפּלבליטן אויך. פון אומעטום האָבן זיך געטראָגן מחיהדיקע ריחות און דער ריח פון דער באַמיסטיקונג אויף די פעלדער האָט אויסגעוועפּט. די בושלען זיינען געפלויגן אַזוי הויך, אַז זיי האָבן אויסגעזען ווי זומער־פייגעלעך, אַנדערע האָבן געקרייזלט איבער די קעפּ, זעט אויס, סתם, הנאה צו האָבן — נאָכצוטאָן די ייִדן וואָס האָבן אויסגעלופטערט די קעפּ פון אַלע דאגות און שפּאַצירט איבער די גאַסן, אויסגערוט, יום־טובדיק־צעפּלאַפּלט.

גאַנץ באַטשאַני האָט שפּאַצירט, אָדער געזעסן אויף קישנס אויף די שוועלן. דער שטאָטגאָרטן לעבן מאַרקפּלאַץ איז געווען פול געפּאַקט מיט חסידים וועלכע האָבן אין גרופּקעלעך געשמועסט און באַלאַגערט די בענק אונטער די קאַשטאַנ־ביימער.

הינדעלע האָט גענומען די צוויי טעכטערלעך, גיטעלען און שיינדעלען,ביידע אויסגעפּוצט אין קרעטאָנענע קליידלעך וואָס זי האָט פאַר זיי אַליין צונויפגעשטאָ־כן; ביי ביידע מיידעלעך די האָר אויסגעצירט מיט „שלייפבאַנדן״, וואָס הינדעלע האָט אָפּגעשניטן פון די סטענגעס וואָס זי האָט געהאַט צו פאַרקויפן אין קרעמל —

און זי איז אַראָפּ צו נעכעלען דער געשטופּלטער וועלכע האָט געוווינט אויפן מאַרק־פּלאַץ. די מיידעלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו זייערע חברטעס וואָס האָבן אויפן זויבערן מאַרק געשפּילט אין יאַגעלעך. הינדעלעס זין, שלום און יעקב, זיינען געווען אין גאָרטן און זיך געדרייט אַרום די חסידים און בית־מדרש־בחורים. נעכעלע די געשטופּלטע האָט אַרויסגעבראַכט אַ לאַנג קישן און עס אויסגעלייגט אויף דער שוועל. די צוויי ווייבלעך האָבן זיך אַוועקגעזעצט שעפּן לופט און באַטראַכטן די פּראָמענאַדע.

פאַרביי זיי האָבן שפּאַצירט מאַנספּאַרשוינען מיט אַ געמיטלעכן טראָט, אויס־געפּוצט אין די יום־טובדיקע בגדים, די ווייסע קראַגנס און די ווייסע העמדער האָבן אַפּערגעבלאַנקט פון אונטער די שוואַרצע קאַפּאָטעס. די בחורים פון די רייכע הייזער זיינען געגאַנגען צו צוויי און צו דריי, אויסגעפּוצט אין אַטלעסענע קאַפּאָטקעס מיט זיידענע גאַרטלען. הינטער זיי האָבן שפּאַצירט די ווייבער אויס־געצירט אין פּריזקעס און קאַראַנקעס. די עלטערע ווייבער האָבן געטראָגן שטערנ־טיכלעך און הויבן. די יינגערע האָבן געהאַט אַלע מינים שפּילקעס פאַרשטאָכן אין די נעצן איבער די שייטלעך. די ווייבער פון די רייכע הייזער האָבן געראַשט און געשוירגעט מיט די פּילפאַרביקע קליידער פון פאַרשידנערליי אימיטאַציעס פון פּערסישע שטאָפן; קליידער נעטע אין סטאַן און לויזע פון דער טאַליע אַראָפּ, די היפּטן אַרומגענומען מיט אַראָפּהענגענדיקע מעטערס און מעטערס פון פאַלדן. אַ טייל ווייבער האָט געטראָגן סאַמעטענע „האַרצבערעטלעך" אויף וועלכע עס זיינען געווען פאַרשטאָכן די שטיקער צירונג וואָס זיי האָבן געהאַט באַקומען צו דער חתונה.

„ביסט אַ מבין אויף דעם צירונג, הינדעלע?" האָט נעכעלע נאָכגעקוקט די ווייבער און געשטורכעט הינדעלען מיטן עלנבויגן. „דאָס איז אַ מין שפּילקעס אויסצושטעכן אַרעמע לייט די אויגן".

„לאָז דיך אויס דערפון, נעכעלע", האָט הינדעלע אַ גלעט געטאָן נעכעלעס קני. „טראַכט בעסער, אַז טאָמער טראָגט מען אַ שטיקל צירונג אויפן אייגענעם קלייד, זעט מען אַליין נישט די שיינקייט דערפון. אונדז קענען מיר כאָטש אָנפּרייען די אויגן מיט זייער צירונג. צווייטנס, דאָס אמתע צירונג פון אַ מענטש איז גיכער זיין פּנים, מיין עך".

נעכעלע האָט זיך מיט ביידע הענט אַ רייב געטאָן דאָס פּנים. „מיין געשטופּלט שטיק צירונג מישטיינס געזאָגט".

הינדעלע האָט וואַרעם אַריינגעקוקט אין נעכעלעס אויגן וואָס זיינען געווען אונטערגעבעט מיט קישעלעך און מיט אַ סך קנייטשן. „די מאַכסט אַ צו גרויס עסק מיט דיינע שטופּלען, נעכעלע. אַ פּנים פון אַ מענטש איז אויך דאָס ליכט וואָס שטראַלט פון אים אַרויס. דיינע מעשים־טובים און דיינע מחשבות און דיינע חלומות, זיי שטראַלן דאָך אַרויס פון דיר. די גויים זעען אַט אַזאַ ליכט אַרויסשטראַ־

לן פון זייערע הייליקע. אַלע הייליקע ביי זיי זענען אָפּגעמאָלן מיט אַזעלכע ווייסע טעלערס אַרום די קעפּ. דער אמת איז, אַז יעדער איינער טראָגט אַזאַ טעלער פון ליכט, צי פון שאָטן אַרום זיין קאָפּ, אַ טעלער פון שטראַלן. אַז ד׳עסט דיך למשל גוט איינקוקן אין ר׳ סענדערלס פנים, ׳עסטע באַמערקן, אַז עס לייכט העלער ווי טויזנט ברילֿיאַנטן. צי אַפילו אונדזער רבס פנים. מען קאָן דאָס אָפּפילן, אויב מען האָט אַ חוש דערפאַר. און דיין פּנים, נעכעלע, איז דאָך אין מיינע אויגן שיין ווי די וועלט״. זי האָט וואַרעם אַ פּרעס געטאָן נעכעלעס שאַרסטקע געקאַרבטע האַנט.

נעכעלע האָט זיך דערפילט זייער דערהויבן פון הינדעלעס רייד, דאָך האָט זי אַ ביסל געצווייפלט אין הינדעלעס אויפריכטיקייט. „ד׳מיינסט צו זאָגן״, האָט זי זיך מיטן אַקסל צוגעבויגן צו איר חברטע, „אַז ד׳ביסט די אַרענדאַרעכע גאַרנישט מקנא ?״

הינדעלע האָט ברייט אויפגעשמייכלט. „אַוודאי בין עך זי מקנא. אָבער כ׳לעב נישט מיט דער קינאה, כ׳לאָז נישט זי זאָל מיך אויפפרעסן. כ׳לאָז איר נאָר פון צייט צו צייט מיך אַ צופּ טאָן — און נישט מער. ווייל טאָמער הייבט מען אָן מיט דער קינאה, פאַרשפּרייט זי זיך איבערן האַרץ ווי אַ מגפה. צווייטנס, ווי ד׳קוקסט זי אָן, די אַרענדאַרעכע, איז זי אויך נישט פריי פון קינאה. זי איז מקנא די פּריצה פון הויף און די פּריצה פון הויף איז מקנא די רייכערע פּריצה און אַזוי גייט דאָס צו. ווייל פּונקט ווי ס׳איז נישטאָ קיין גרענעץ צום פאַרמאָגן, אַזוי איז נישטאָ קיין גרענעץ צו דער קינאה. און קינאה גייט האַנט אין האַנט מיט אימה. מ׳האָט מורא צו פאַרלירן וואָס מען פאַרמאָגט. דערפאַר זאָג עך מיר: ווייל איז דעם אָרעמאַן, ער האָט נישט מורא, אַז ער׳ט אָרעם ווערן. אויסער דעם האָט געלט די מיאוסע טבע וואָס עס פאַרפעצט דאָס האַרץ״. זי האָט מיט די בליקן אַ ווייז געטאָן נעכעלען די בושלען וואָס האָבן געקרייזלט איבערן מאַרק־פלאַץ. „אַלץ וואָס עך בעט בעט דעם רבונו־של־עולם״, האָט זי צוגעגעבן, „איז, אַז ער זאָל מיך פאַרזאָרגן מיט פּרנסה פּונקט ווי ער פאַרזאָרגט די באַטשאַנעס. דאָס איז נישט אַזאַ גרויסע חוצפה אים צו בעטן, הע, נעכעלע, ווי מיינסטע ?״

אין דער רגע האָבן זייביידע דערזען יאַסעלען אַבעדאַלע אַרויסקומען פון זיין געסל, מיט זיין זון הערשעלען ביי דער זייט. נעכעלע האָט אַ שטויס געטאָן הינדעלען מיטן עלנבויגן און אַ מרוקע געטאָן: „זעסט דעם צדיק אין פעלץ דאַרטן ? ביסט אַ מבין אויף די בגדי־מלכות זיינע ? ער׳ט אַפילו די איבעצע נישט באַוויליקט אָפּצופּוצן פון קאַלך און קרייד לכבוד יום־טוב״.

הינדעלע האָט פאַרביסן די ליפּן. נעכעלעס רייד האָבן איר אַ ברי געטאָן אין סאַמע האַרצן. ס׳האָט גענומען אַ נישקשהדיקע ווײַלע ביז זי האָט זיך געקאָנט גובר זיין און זיך אָפּרופן צו נעכעלען: „ס׳איז דאָך נישט קיין קאַלך און קרייד.

דער שטאָף איז ביי אים אַזוי דין, אַז מ'זעט אַדורך וואָס ער טראָגט פון אונטן, און... און וואָס רופסטע אים עפּעס צדיק אין פּעלץ?"

נעכעלע איז אַזש אונטערגעשפּרונגען אויפן געזעס און זיך אָפּגערוקט אַ ביסל פון הינדעלען. „וואָס מאַכסטע דיך כּלא־יודע? ד'ווייסט גאַנץ גוט וואָס די שטאָט דערציילט וועגן אים. און איך האָב מיר מיין באַזונדערן חשבון מיט אים. ער קירצט מיין אַלטן דאָס לעבן. האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים ווי אַ פּיאַווקע. ס'איז שוין מער ווי איין מאָל געקומען דערצו, אַז ער האָט שיִער מיין אַלטן, ער זאָל מיר געזונט זיין, נישט דערלאַנגט מיט דער פויסט, דער גראָבער־יונג".

„וואָס אַזעלכעס האָט דאָס ר' יאָסעלע קעגן דיין מאַן?" האָט הינדעלע געשטאַמלט. זי האָט אַליין נישט געוווּסט פאַר וואָס זי האָט נעכעלעס רייד וועגן יאָסעלען גענומען אַזוי פּערזענלעך.

„גיי פרעג אים. ביסט דאָך עפּעס זיין שכנה. שטייסט דאָך אָפּ גאַנצענע טעג מיט אים, זינט וויפל יאָרן שוין, הע? האָסט שוין אַ מאָל געהערט אַ מענטשלעך וואָרט פון אים, דעם מרוק? יאָ, פאַדערן יושר ט'ער ביי דיר. דער גאַנצער יושר איז ביי אים אין קעשענע, פאַרשטייסטע מיך, און אַליין איז ער עובר נישט איין לאוו... אין די דערפער. דערביי האַלט ער זיך פאַר אַ גאַנצן בעל־הבית פון דער שול. איין קלייניקייט, זיין יִיחוס פון טראַטוואַר־יונגען!" נעכעלע האָט באַטראַכט הינדעלען מיט אַ שאַרפן, כּעסיקן בליק. „דו קענסט דאָך מיך יאָ, הינדעלע. וואָס־וואָס, נאָר קיין רכילות־טרייבערין בין עך נישט. אַלץ וואָס עך ווייס איז פון דער ערשטער האַנט, פון מיין אייגענעם מאַן, ער זאָל מיר געזונט זיין. און וואָס ד'זאָלסט נישט זאָגן וועגן אים, קאָנסטע נישט זאָגן, אַז ער איז נישט קיין ערלעכער ייִד, צי אַז ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט... נאָר אויף דיר, זעסטע, וווּנדערט מיך. ווי קאָן אַזאַ מענטשן־קענער ווי דו... נישט האָבן דערשנאַפּט בייצייטנס... דו האָסט דיך דאָך געקאָנט משער זיין, אַז עפּעס טויג נישט מיט דעם צדיק, נאָך איידער וואָס ווען..."

„וואָס... זיך משער זיין?" האָט הינדעלע מיט מי געפרעגט.

„לויט דעם ווי ער פירט זיך לגבי דיר".

„ווי פירט ער זיך לגבי מיר? ר'איז דאָך מיינס אַן אַלטער גוטער שכן".

„אַ גוטער?" נעכעלע האָט זיך גאַליק צעלאַכט. „ד'ווייסט, הינדעלע, טייל מאָל קומט מיר אויס, אַז דו רעדסט פאַלשע רייד... אַז ד'ביסט אויך נישט מער... ווי אַ צדיק אין פּעלץ".

הינדעלע האָט זי אָנגעקוקט מיט ברייט־פונאַנדערגעריסענע אויגן. וואָס האָט יאָסעלע אַבעדאַלע געטאָן נעכעלען אַזעלכעס, וואָס האָט אַזש גורם געווען, אַז זי זאָל אָט אַזוי זי, הינדעלען, באַליידיקן? ווי האָט אַזאַ גוטע, אומגליקלעכע פרוי ווי נעכעלע געקאָנט טראָגן אַזוי פיל גאַל קעגן יאָסעלען?

„ד׳באַליידיקסט מיך, נעכעלע...״ האָט זי אַ פליסטער געטאָן און די אויגן זײַנען איר איבערגעלאָפן.

„איך באַליידיק דיך? דו באַליידיקסט מיך! טאָמער ביסטע מיר אַ גוטער פרײַנד, דאַרפסטע דאָך זײַן מײַן מאַנס אַ גוטער פרײַנד אויך, ניין? דאַרפסטע נישט האַלטן מיט זײַנע שונאים. נאָר וואָס? ד׳ מאַכסט נאָר אַן אָנשטעל. יאָ, אַזוי איז דאָס. וואָס פאַר אַ שייכות האָסטע דאָס מיט דעם קאַלכיונג, הע? אָבער מיט מיר דאַרפסטע דאָך יאָ האָבן אַ שייכות. דערפאַר פאַרשטיי עך טאַקע, אַז עך ליג דיר אין דער לינקער פּאה?״ נעכעלעס אויגן זײַנען אויך פול געוואָרן, הגם זי האָט זעלטן געוויינט.

„רעד נישט אַזוי, נעכעלע...״ האָט הינדעלע געבעטן מיט אַ צעגאָסן קול.

„פאַר וואָס זאָל עך עפּעס נישט אַזוי רעדן?״ איז נעכעלע איר נישט שולדיק געבליבן און זיך גיך אָפּגעווישט דאָס פּנים מיטן אַרבל פון איר יום־טובדיק קלייד. „דעם אמת מעג עך דאָך זאָגן!״

„דאָס איז נישט דער אמת״.

„בין עך שוין אַ ליגנערין ביי דיר אויך, הע?״ איז נעכעלע אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אָפּגערעצויגן דאָס קישן פון אונטער הינדעלען.

הינדעלע האָט אַזוי געכליפּעט, אַז זי האָט זיך נישט גלייך געקאָנט אויפשטעלן פון דער שוועל. נעכעלע איז שוין געווען ביי זיך אין שטוב. האָט הינדעלע אונטערגעוואַרט אַ ביסל, ביז זי האָט ווי ניט איז באַהערשט די טרערן און האָט זיך אונטערגעהויבן. זי איז צו צו אירע צוויי מיידעלעך וואָס האָבן זיך געשפּילט אויפן מאַרקפּלאַץ, זיי גענומען פאַר די הענט און איז מיט זיי אַוועק אין דער ריכטונג פון איר געסל.

יעקב האָט פון דער ווייטן דערזען די מאַמען מיט די שוועסטער אַהיימגיין, האָט ער אַ רוף געטאָן שלומען. אפשר איז שוין צייט געווען צו עסן? דער הונגער האָט אים דעם פּסח שטאַרק דאַקוטשעט. ער האָט לעצטנס גענומען וואַקסן ווי אויף הייוון.

די ברידער האָבן זיך געלאָזט אויפן וועג אַהיים, אין אַ גרויסן אָפּשטאַנד פון דער מאַמען. יעקבן האָט געררווישט אין קאָפּ פון דעם אַלעם וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין שטאָטגאָרטן צווישן די חסידים. אים איז אויסגעקומען, אַז היינט צום ערשטן מאָל האָט ער באַנומען די טיפערע אונטערשיידן צווישן די חסידים פון איין רבין און אַן אַנדערן. קיין מאָל פריער האָט ער זיך נישט געפילט אַזוי שטאָלץ צו זײַן אַן אָפּשטאַמיקער פון דער וורקער גזע, ווי היינט. אין אַזאַ טאָג ווי היינט איז אוממעגלעך געווען נישט צו גלייבן, אַז דער וורקער איז געווען גערעכט, אַז דער מענטש איז אין תוך געווען אַ הייליק געפעס פול מיט ליבשאַפט. ס׳איז געווען אַזאַ שלמותדיקער פּסחדיקער טאָג, באַטשאַני איז געווען אַזוי שלווהדיק איינגעטוליעט אין אַלמעכטיקנס שויס, אַז מען האָט געמוזט פאַרגע־

סן אָן אַלע שאַרפקייטן, אָן אַלע טונקעלע ווינקעלעך פון לעבן. — טיף, טיף אין זיך איז יעקב נאָך אַלץ געלאָפן; אַנטלאָפן פון די שקצימלעך וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך אים — נעכטן. דאָך האָט ער זיך היינט אָפּגעזאָגט אַנצונעמען די איבערלעבעניש ווי אַ וואָר.

אויפן וועג אַהיים, אַצינד, האָט יעקב באַוואָרפן שלומען מיט שאלות. שלום האָט, ווי זיין טבע, געענטפערט קורץ, אָבער אַזוי קלאָר, אַז יעקב האָט זיך געפילט באַקוועם מיט יעדן ענטפער און נישט געדאַרפט איבערפרעגן. און דאָ האָט ער, פאַרבייגייענדיק דאָס אָרט וווּ ר׳ פּייוועלע דער מילנער האָט אים נעכטן אַראָפּגעלאָזט פון דער בריטשקע, זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט דאָס וואָרט וואָס ר׳ פּייוועלע האָט געהאַט אַ וואָרף געטאָן — און עס איז געבליבן שטעקן אין זכרון.

„און זאָג נאָר, שלום", האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום ברודער. „פאַרטייטש מיר דאָס וואָרט ווערוואָלוציע".

שלום האָט אים זייטיק אָנגעקוקט. „וואָס ס׳טע געזאָגט ?"

„ווערוואָלוציע. ר׳ פּייוועלע דער מילנער האָט דאָס אַ זאָג געטאָן... אַז עס טוט זיך עפּעס אויף דער וועלט, אַ... ווערוואָלוציע".

שלום האָט זיך געכאַפּט: „ער האָט מסתמא געמיינט די שחיטות אין קישיניעוו, צי אין זשיטאָמיר, צי אין ביאַליסטאָק און שעדלעץ און אין אַנדערע שטעט".

„וואָס מיינסטע שחיטות ? וואָס האָט מען געשאָכטן ?"

„פרעג קראַנטער וועמען מען האָט געשאָכטן. ייִדן. וועמען דען ? ביי די אומות־העולם הייסט דאָס אַ פּאָגראָם. ס׳איז מסתמא איינס און דאָס זעלביקע ווי די... ווי האָסטע געזאָגט ?"

יעקב האָט אים נישט געענטפערט. גרויליקע בילדער האָבן אין זיין דמיון זיך פאַרמישט מיט דער פּלוצעם שאַרף־געוואָרענער דערמאָנונג פון דער איבערלעבעניש — ערשט נעכטן.

קאַפּיטל זעקס

1

ווי נאָר בינהלע, יאָסעלע אַבעדאַלעס מיזינקע, האָט זיך אויסגעהיילט פון פּאָרך, האָט בראָנטשעלע די קרעכצערקע אָנגעהויבן צו אַנטדעקן, אַז בינהלע שטייגט מיט איר „ממזרישן קאָפּ״ אַריבער אַלע אירע שוועסטער מיטן ברודער אַריינגערעכנט, ווי אַן אַרויסהעלפערין אין דער שטובאַרבעט. און פּעשעלע שליאָך, וועלכע איז אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער מיטן סידורל און מיט אַ טייטל און פאַרדינט אַ פּאָר קאָפּעקעס אַ טאָג פון אָפּלערנען מיט די מיידלעך פון שטעטל, האָט איינגערוימט טויבע־קריינדעלען דער טיקערין, אַז בינהלע איז מער „געביפּט און געריבן״ ווי נישט איין דערוואַקסענע מויד. און פאַרנומען און פאַרהאָוועט ווי די ווייבער זיינען גאַנצענע טעג געווען מיט די קינדער, בעל־הבתישקייט, פּרנסה — איז בינהלע ביי זיי געוואָרן אַן אבן־טוב. זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן זיך צו באַדינען מיט איר. אָבער בינהלע, ווי נאָר די שכנות האָבן זי ליב באַקומען „ס׳לעבן״ און זי האָט זיך פאַרחברט מיט זיי, האָט זיך גענומען אויסרעדן מיט זיי ביי יעדער זאַך וואָס איז פון איר פאַרלאַנגט געוואָרן.

„אַז כ׳על צוהאַלטן ס׳קינד, ׳עסטע מיר געבן אַ שטיקל חלה? אַז כ׳על אַרויס־טראָגן ס׳פּאָמעשאָף, ׳עסטע מיך לאָזן אָנמעסטן דיין שרהלעס פּסחדיקע שיך?״

זי איז אײַפערזיכטיק געווען אויף די קינדער וועלכע האָבן אויף פּסח פון צייט צו צייט באַקומען נייע בגדימלעך, בפרט שיך. זי אַליין האָט נאָך קיין אייגענע שיך נישט געהאָט. זומער איז זי געגאַנגען באָרוועס און ווינטער האָט זי אין שטוב געטראָגן שמאַטעס אַרומגעוויקלט אַרום די פיס. נאָר צום אַרויס־גיין אין דרויסן האָבן איר די שוועסטער, איין מאָל איינע, אַ צווייט מאָל די אַנדע־רע, געבאָרגט זייערע צעפּאַלנדיקע טשאַפּעס אָנצוטאָן. דערפאַר האָט זי געמוזט באַצאָלן מיטן זיין גוט און פאָלגעוודיק צו זיי, אפילו ווען עס האָט איר נישט געגלוסט.

די ווייבער האָבן נאָכגעגעבן בינהלען. זיי האָבן זי גענומען ערנצט און האָבן גערעדט צו איר שוין באַלד ווי צו זייערס גלייכן. דאָס איז געווען נאָרמאַל. צו יאָסעלעס קינדער האָט מען אַנדערש נישט געקאָנט רעדן, און דער עלטער

האָט דאָ נישט געשפּילט קיין ראָלע. ווייל יאָסעלעס קינדער האָבן אפשר צווישן זיך זיך אויפגעפירט ווי קינדער, אָבער פאַרן דרויסן, פאַר דער גאַס, פאַר די שכנות, זיינען זיי געווען פּיקס און פּאַרטיקע מענטשעלעך. וואָס איז וויכטיק געווען, למשל, צי בינהלע האָט געהאַט זיבן יאָר, צי זי האָט געהאַט צוואַנציק — אַז ווען זי האָט עפּעס געטאָן, געגאַנגען אַ גאַנג, צוגעהיט אַן עופּעלע, אַרויסגעהאָלפן ביים שייערן די טעפּ, האָט מען זיך געקאָנט אויף איר פאַרלאָזן. דערצו האָט זי נישט באַלאַמוטשעט, אַלץ געטאָן צווישן אַ יאָ און אַ ניין, געשיקט, שכלדיק, גרינגלעך, אָפט מאָל בעסער ווי אַ דערוואַקסענע.

איז אויב זי האָט אַ מאָל אַראָפּגעלקחנט אַ ביסן פון טיש אַראָפּ, צי אַרויסגעגנבעט אַ הייסע קאַרטאָפל פון אַ דעניצע, האָט מען זיך געמאַכט נישט וויסן. מען האָט איר דערלאַנגט אַ פּאָר פּליאַסקעס, אָבער איר קיין „בענקעלע" צו יאָסעלען נישט צוגעשטעלט. סיידן עפּעס אויסנעמלעכס האָט פּאַסירט, ווי למשל ווען בראָנטשעלע די קרעכצערין האָט זיך צעוווערטלט מיט פעשעלען שליאַך — טאַקע וועגן בינהלען. יעדע פון די שכנות האָט גענומען געהאַלטן, אַז זי האָט מער רעכט זיך צו שאַפן מיט בינהלען, ווי די אַנדערע. דעמאָלט איז בראָנטשעלע אַוועקגעלאָפן צו יאָסעלען און פאַרמסרט פאַר אים סיי איר שכנה, סיי בינהלען.

„אָסור מיר, יאָסעלע", האָט זי זיך געקאָכט, „צי פעשעלע שליאַך האָט אַ געלעגנג צו האַלטן אַן אויג אויף דיין מיזינקע, נעבעך. אַ קינד ווייסט דאָך נישט פון דאַנען ביז אַהער", האָט זי זיך פאַכאַווע צעקרעכצט. מ'דאַרפט עס דאָך פירן, לערנען צו זיין אַ מענטש. און אַז די קליינע דיינע, יאָסעלע, מאַכט נישט קיין המוציא איבערן ברויט, איז פעשעלע שליאַך, די גרויסע רביצין, דען יאָ מדקדק? אָסור זאָל מיר זיין. און גלייב מיר, ווען מען זאָל מיך באַגליקן, וואָלט עך פעשעלען שליאַך נישט אַנגעטרויט מיינס אַ מיידל צו לערנען דעם סידור. גאָט זיי דאַנק וואָס כ'האָב בלויז ייִנגלעך, רבונו־של־עולם!" — דעמאָלט האָט בינהלע באַקומען פעטש פון יאָסעלען פאַר נישט מאַכן קיין המוציא איבערן ברויט.

אָבער פּונקט ווי די ווייבער האָבן זי ליב געהאַט, אַזוי האָט בינהלע זיי פיינט געהאַט. ערשטנס, האָט זי בכלל פיינט געהאַט מאַמעס. צווייטנס, האָט בראָנטשעלע זי געשלאָגן און די אַנדערע האָבן איר מוסר געזאָגט אָן איבעררייס, איר תמיד דערמאָנט, אַז זי איז אַ יתומה און מוז דערפאַר זיך אויפפירן ווי אַ מלאך, כּדי צו געפעלן איר מאַמען אין „לאָכטיקן" גן־עדן. און ווערדיק איר, בינהלען, האָבן זיי קיין רעכט נישט געהאַט אָפּצוטאָן אַזעלכע זאַכן. זי האָט דעם טאַטנס שלאָגן און מוסר־זאָגן אויך נישט געקאָנט פאַרליידן, אָבער ער איז כאָטש געווען איר אייגענער טאַטע. און איר גרויסער ברודער, הערשעלע, האָט איר געהאַט אויפגעקלערט, אַז ביז משיח וועט קומען, מוז אַ טאַטע שלאָגן.

דערפאַר האָט בינהלע מער ווי איין מאָל געהאַט אַ חשק זיך אַ וואָרף צו טאָן אויף בראָנטשעלען דער קרעכצערקע, צי אויף אַן אַנדער שכנה וואָס האָט

זי שלעכט באַהאַנדלט, און זיי אָפּבייסן אַ פינגער, צי דערלאַנגען אַ קאַפּע אין בויך, צי אַראָפּרייסן דאָס שייטל פון קאָפּ, צי זיי אויסדראַפּען די אויגן. זי האָט דאָס נישט געטאָן, ווייל זי האָט נישט געוואָלט, אַז זיי זאָלן איר צושטעלן אַ „בענקעלע" צו יאַסעלען. און זיי פלעגן איר אויך געבן אַ ביסל געקאָכט עסן, ווען זיי האָבן געהאַט גענוג פאַר זייערע אייגענע קינדער.

ביז זי האָט געפונען אַ וועג זיך צו באַגיין אָן די שכנות.

געווען אַ דינסטיקדיקער מאַרקטאָג. בינהלע האָט אַרומגעבלאָנקעט איבערן באַלעבטן מאַרק לעבן פּאַטשעיאַוו. און דאָ האָט זי צווישן די גויִשע וועגענער לעבן דער פּלומפּ דערזען אַ פעטע גויע מיט אַ גרויסן בויך, מיט אַ קיילעכדיק פּנים, מיט רויטע באַקן און מיט צוויי לאַנגע בלאָנדע צעפּ וואָס האָבן איר געגרייכט ביז אויפן הינטן, ווו זיי האָבן אַרומגעבאַמבלט מיט דער גויעס יעדער באַוועגונג. דער גויעס צעפּ, פאַרקנופּט מיט צוויי רויטע שלייפבאַנדן, האָבן געלויכטן אין דער זון ווי צוויי לאַנגע גאָלדענע חלות, און האָבן גערופן צו זיך. אַזאַ פּראַכטיקע געשטאַלט און אַזעלכע פּראַכטיקע האָר האָט בינהלע קיין מאָל אין איר לעבן נישט געזען. בינהלען איז גלייך איינגעפאַלן, אַז נאָר אַ מאַמע וואָס וואָלט אָט אַזוי אויסגעזען ווי אָט דאָס געשטאַלט, וואָלט זיך געלוינט צו האָבן.

ווי אַ פאַרהיפּנאָטיזירטע האָט זי געגעבן אַ שפּרונג צו צו דער גויע, זי אָנ־געכאַפּט פאַר דער פאַלד פון איר לויזער לאַנגער ספּאָדניצע, זי אַ צי געטאָן און אַרויסגעפּלאַצט: „ד'ווילסט זיין מיין מאַמע? כ'קאָן דיר העלפן וואַשן די טעפּ... שייערן די פּאָדלאָגע..."

איידער בינהלע האָט באַוויזן אויסצורעכענען אַלץ וואָס זי קאָן טאָן, האָט די גויע איר דערלאַנגט אַ קלאַפּ איבער דער האַנט, ווי מען גיט אַ קלאַפּ אַ קעצל וואָס פאַרטשעפּעט זיך אין די בגדים, עס זאָל זיך אָפּטשעפּען, און זי האָט זיך ווייטער געפּאָרעט ביי אירע פערד און וואָגן; זי איז, ווייזט אויס, נאָר וואָס אָנגעקומען אויפן מאַרק. זי האָט אויסגעשפּאַנט דאָס פערדל, עס אויסגעדרייט מיטן קאָפּ צום וואָגן, עס צוגעפעסטיקט צו דער האָלאָבלע און אים אָנגעהאָנגען אַ זעקל האָבער אויפן האַלדז. דערנאָך האָט זי זיך גענומען פאָרען ביי די קאָנען און קוישן וואָס זי האָט געבראַכט.

בינהלע איז געבליבן צוגענאָגלט צום אָרט. די פּראַכטיקע גויע האָט געהאַנדלט מיט פּוטער, סמעטענע, צוואָרעך און ווייסן קעז. יאָ, פּוטער, צוואָרעך און קעז זיינען געווען ווייס, פּונקט ווי קאַלך און קרייד. קאַלך און קרייד האָט בינהלע געכאַפּט אין מויל אַריין ביים טאַטן אין קרעמל, ווען זי איז געווען הונגעריק. קאַלך און קרייד האָט זי סתם געגעסן. אָבער פּוטער, צוואָרעך און ווייסער קעז זיינען געווען גן־עדנדיקע מאכלים. זי האָט דאָס געוווּסט, ווייל אין די מאַרקטעג האָט זי זיך תמיד צוגעגנבעט צו אַ פויערשן לייטער־וואָגן און אַראָפּגעלעקט

פון די „דראַביעס" דעם פּאַרגאַסענעם צוואַרעך, צי די סמעטענע, צי זי האָט אָפּגעלעקט די גרויסע גרינע בלעטער וואָס די פּויערים האָבן געהאַלטן אין זייי פּאַרוויקלט די פּוטער, און האָבן זייי אָפּט איבערגעוויקלט.

ווי זי האָט אַ פּאַרכישופטע באַטראַכט די גויע און דעם וואָגן, האָט זי דערזען ווי די גויע גיט אַ קער דעם קאָפּ צו דער פּלומפּ און רופט אויס מיט אַ זינגעוודיק קול: „יאַדווישו, גדזשעזש טי שעו, כאַלערא, פּאַדזשעוואַש?"

בינהלע האָט דערזען אַ מיידעלע אַנקומען פון דער פּלומפּ מיט אַ קריגל וואַסער. דאָס מיידעלע האָט געהאַט דינינקע בלאָנדע צעפּלעך, אויך פּאַרבונדן מיט אַ רויטער סטענגע, האָט געטראָגן אַ שנירל קליינע רויטע פּאַטשערקעס מיט אַ הילצערן צלמל אין מיטן און דאָס האָט איר באַרכנט קליד געמאַכט אויסזען זייער יום־טובדיק. די גויע האָט אַנגעזאָגט דעם מיידעלע, אַז זי זאָל זיך נישט שמוציק מאַכן, ווייל אַז נישט, וועט זי זי מער נישט מיטנעמען אויפן „רינעק", און זי האָט זיך פּאַרנומען צו פּאַרטשעפּען די יידן און יידענעס וואָס האָבן אַרומ־געשמייעט צווישן די פּויערשע וועגענער.

הייסע שטראַמען פרייד האָבן אַ שפּאַר געטאָן צו בינהלעס האַרץ. אָט איז געווען אַ מיידעלע וואָס האָט געהאַט אַזאַ גוט מזל: אַ פּראַכטיקע מאַמען מיט אַ וואָגן פול מיט צוואַרעך, סמעטענע און קעז. קוקן אויף זייי האָט מען דאָך געמעגט וויפל עס האָט געגלוסט. פּאַרן קוקן וועט קיינעם נישט איינפאַלן זי צו שלאָגן, און זי וועט דאָ טאָקע אָפּשטיין דעם גאַנצן טאָג און נישט אַראָפּנעמען די אויגן פון דעם אָטעם־פּאַרכאַפּנדיקן בילד. און אַז זייי וועלן אַוועק, האָט זי באַשלאָסן, וועט זי זייי נאָכגיין. זי וועט אויסגעפינען וווּ אָט די מאַמע און דאָס מיידעלע וווינען, און זייי וועלן זיין אירע.

דאָ איז איר איינגעפאַלן, אַז אויב אפילו מיט דער שיינער מאַמען איז נישט געווען מעגלעך זיך צו פּאַרחברן, האָט מען געקאָנט פּרווון זיך פּאַרחברן מיט דעם מיידעלע. ס'האָט געלוינט צו פּרווון, אַפילו זיך אויסצושטעלן אויף נאָך אַ שטורכע פון דער גויע. טאָמער וועט אַ שטויבעלע פון דעם גוטן מזל דאָך אַ פאַל טאָן אויף איר, אויף בינהלען.

זי האָט געמאַכט אַ טראָט נענטער צו יאַדווישען און האָט מוטיק אַ זאָג געטאָן: „ד'האָסט שיינע קרעלן!"

יאַדווישע האָט נישט פּאַרשטאַנען קיין וואָרט יידיש, האָט זי געמיינט, אַז בינהלע בעט ביי איר אַ שלוק וואַסער און זי האָט איר דערלאַנגט די קרוג זיך אָנצוטרינקען.

בינהלע איז נישט געווען דאָרשטיק, אָבער זי האָט אַריינגעזויגן אין זיך וויפל וואַסער זי האָט געקאָנט. דאָס האָט איר געגעבן צייט צו קומען צו זיך, איינצושטילן אַ ביסל דאָס התלהבות וואָס האָט זיך צעפּויקט אין אירע אַלע גלידער און געמאַכט אַ גרויסן טומל אין איר קאָפּ. זי האָט געטרונקען אַזוי

גיריק, אַז זי האָט זיך אַזש פאַרכלוסניעט און אַ העלפט וואַסער פון קריגל האָט זיך אַ צעגיס געטאָן איבער איר גאַמבע, אַריין אונטערן האַלדז און נאַס געמאַכט איר קלייד. ערשט ווען זי האָט דערהערט יאַדווישעס געלעכטער, האָט זי אַפּגעריסן דאָס מויל פון דער קרוג און זיך אויך צעלאַכט, געווישט דאָס פּנים מיטן אַרבל, געמאַכט גרימאַסעס, כּדי יאַדווישע זאָל נאָך מער לאַכן. אָט האָט זי מיטן קריגל אין דער האַנט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער פּלומפּ — און יאַדווישע נאָך איר. זי האָט פול געמאַכט דאָס קריגל, און דערנאָך זיינען זיי שוין דעם גאַנצן טאָג געווען צוזאַמען.

זיי האָבן אַרומגעוואַנדערט איבערן פּאַטשעיאָוו און אַריינגעקוקט אין די קלייטלעך. ס'איז געווען גאָר אַן אַנדער מין קוקן, אַן אַנדער מין זען, ווען מען איז געגאַנגען אין צווייען און זיך געהאַלטן פאַר די הענט.

די בשמים אין בשמים־קרעמל האָבן איצט געהאַט אַ נייעם ריח, די שפּייזן אין די שפּייזקרעמלעך האָבן גערעדט גאָר אַן אַנדער לשון צו די נאָזלעכער און די אויגן. די ליימענע טעפּ, די דעניצעס, די פאַנען און פּאַטעלניעס און אַפילו די הילצערנע לעפל האָבן געהאַט אַנדערע פאָרמען, אַנדערע, לעבעדיקערע קאָלירן. און די קלייטלעך מיט סטערינליכט, מיט פּודלעס גילדזעס און ר׳ סענדערל דעם מקובלס זייפקרעמל האָבן אויסגעזען ווי איבערגעביטן אין געהיימע, כּישופדיקע ווינקעלעך. די בעקעריי מיט ברויט און ווייס געבעקס און אייער־קיכלעך, וואָס בינהלע האָט אַזוי ליב געהאַט, האָט אויסגעזען ווי דער גן־עדן אַליין. היינט שוין די קלייטלעך וווּ מען האָט באַקומען די לאַנגע מעטערס פון כּלערליי קאָלירטע שטאָפן, דעם סיץ אויף קליידער, דעם באַרכנט, די קרעטאָנען מיט די ווונדער־לעכסטע מוסטערן, און די שטיקלעך זייד און סאַמעט!

דערנאָך זיינען ערשט געווען די קלייטלעך מיט פאַרטיקן אָנטועכץ פאַר מענטשן פון אַלע מאָסן, פון קליין ביז גרויס: וועש און היטעלעך און הענטשקעס. און הינדעלע דער אַלמנהס קלייטל מיט די קאָלירטע סטענגעס, מיט זאָקן, מיט שפּיגעלעך און קרעלן און כּל־המינים האָרנאַדלען און שפּילקעס און קנעפּ און וואָס נישט?

און צו דעם צו איז נאָך געווען די אַנדערע זייט פון פּאַטשעיאָוו, ווו די בעל־מלאכות האָבן געהאַט זייערע וואַרשטאַטן: דעם שניידערס „ווערקשטעל״ ווו די ניימאַשין מיטן נאָמען „זינגער״ האָט געזונגען אַ קיין מאָל נישט פאַרענדיקט זינגעניש, צי דעם שוסטער־„ווערקשטעל״ ווו מעכעלע שוסטער איז געזעסן אויף אַ נידעריק שטולעכל, דאָס מויל זיינס פול מיט קליינע נעגעלעך וועלכע ער האָט אַרויסגענומען איינס נאָכן אַנדערן און זיי אַריינגעקלאַפּט אין דער זויל פון אַ שוך אין זיין שויס. דערנאָך זיינען געווען די „ווערקשטעלן״ פון היטל־מאַכער, באַרשטן־מאַכער, פון בלעכער, פון טישלער!

נאָר פישעלע דעם קצבס יאַטקע האָט נישט אויסגעזען אינטערעסאַנט און

האָט גיכער אויסגעזען טרויעריק, מיט די שורות טויטע אָפּגעפּליקטע הינער און סתם שטיקער פלייש וואָס זיינען אַראָפּגעהאָנגען פון די האָקעס גלייך ביים אַריינגאַנג. ס׳איז געווען אַ גרעסער פאַרגעניגן צו באַטראַכטן די לעבעדיקע חיות וואָס האָבן אַרומגעבלאָנקעט אויפן מאַרק, די פאַרבלאָנדזשעטע חזרים, די הינער, גענדז און קאַטשקעס און ציגן וואָס די פאַרקויפערינס האָבן געפירט מיט זיי אַן אייביקע מלחמה, ווייל זיי האָבן ליב געהאַט צו פאַרזוכן די אויסגעשטעלטע שפּייזן, און מען האָט זיך פון זיי קוים געקאָנט אָפּטרייבן.

בינהלע און יאַדווישע האָבן נישט געוווּסט ווו פריער אַהינצוטאָן די אויגן, אַט ווי מען וואָלט נאָר וואָס אָנגעקומען אין עפּעס אַ כישופדיקער פרעמדער שטאָט. מען האָט אַרומגעוואָנדערט, געפּלאָפּלט יעדע אויף איר לשון און זיך פאַרשטענ־דיקט מיט די אויגן, מיטן געלעכטער.

בינהלע האָט אַרויסגעבראַכט אַ גרויס שטיק קרייד פון טאַטנס קרעמל און זיי האָבן געמאַכט „מאַלאָוואַנקעס" אויפן טראָטואַר פאַר די קלייטלעך. לייכט איז דאָס נישט געווען, ווייל דערוואַקסענע האָבן געאיילט אַהין און אַהער און מען איז כסדר אומגעפאַלן פון אַן אומגעריכטן שטויס, וואָס האָט גורם געווען אַ נייעם אַטאַק פון געלעכטער. און אַז זיי זיינען מיד געוואָרן דערפון, האָבן זיי זיך געיאָגט נאָך די פאַרבלאָנזשעטע חיות און עופות, צווישן די וועגענער, און האָבן מיט די פינגער איינע דער אַנדערער אָנגעטייט אויף די משונהדיקע צי קאָמישע מענטשן, צי זאַכן וואָס זיי האָבן באַמערקט.

בינהלע האָט זיך בכיוון געהאַלטן ווייט פון יאַדווישעס מאַמען און פון דעם וואָגן, ווי זי וואָלט זיך געמיט צו באַהאַלטן פון יאַדווישען ווי שטאַרק עס האָט זי געצויגן צו אַט דעם אָרט אויפן מאַרקפּלאַץ, לעבן דער פּלומפּ — צו זיין לעבן דער שיינער גויע מיט די גאָלדענע חלה־צעפּ, שטיין לעבן לייטער־וואָגן דעם פולן מיט די בעסטע מאכלים אין דער וועלט. אָבער אין דמיון האָט זי כסדר געזען ווי יאַדווישעס מאַמע גלעט זי איבערן קאָפּ און דערלאַנגט איר אַ ביסן ווייסן קעז, אַ שלוק צוואַרעך, אַ זופּ סמעטענע, צי גאָר אַ רוי איי צו טרינקען פון דער שאָל.

נאָכן מאַרקטאָג האָט בינהלע נאָכגעוואָנדערט דעם לייטער־וואָגן, יאַדווישען און איר מאַמען. זי האָט געפילט אַזאַ שטאַרק ציִעניש צו זיי, ווי זי וואָלט געווען צוגעבונדן צו זיי מיט אַ נישט־אָנזעעוודיקער שטריק. זי האָט אַ פּאָר מאָל געהאַט דעם איינפאַל אַ לויף צו טאָן פאַרויס און בעטן די גויע זי זאָל איר דערלויבן גיין לעבן דעם וואָגן; אפשר אויך בעטן אַ דערלויבעניש אָפּצולעקן די ליידיקע קאַנען און טעפּ. זי האָט געוווּסט, אַז יאַדווישעס מאַמע וואָלט פאַרשטאַנען איר לשון. זי האָט זי געהערט רעדן אַ גוטן ייִדיש צו אירע קונים. אָבער זי, בינהלע, האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו בעטן. תמיד ווען זי האָט עפּעס געבעטן, האָט מען איר געענטפערט מיט אַ „ניין". דערפאַר איז איר אָנגעקומען לייכטער צו געבן אַ

נעם, אַ כאַפּ, אונטערצולקחנען ווען קיינער האָט נישט געזען. אָבער אַצינד האָט זי נישט געטאָרט ריזיקירן. עפּעס גאָר טייערס איז געשטאַנען אין קאָן. וואָס וואָלט זי געטאָן ווען יאַדווישע און איר מאַמע וואָלטן זי פאַרטריבן? זי איז דאָך געווען צוגעבונדן צו זיי — אויף אייביק.

ווען יאַדווישע און איר מאַמע זיינען אָנגעקומען אין דאָרף, האָט בינהלע זיך געהאַלטן אין נאָך אַ גרעסערן אָפּשטאַנד פון זיי. ס'איז קליגער געווען זיך נישט צו מאַכן אָנזעעוודיק אין די אויגן פון יאַדווישעס מאַמען. זי, בינהלע, האָט שוין געהאַט געלערנט, אַז מאַמעס האָבן נישט איבעריק גערן געהאַט אַנדערע מענטשנס קינדער, ווען זיי האָבן זיי נישט געברויכט.

בינהלע האָט געזען ווי יאַדווישע און איר מאַמע פאַרשווינדן אויף יענער זייט פון אַ פּלויט. איצט האָט זי אַ לויף געטאָן פאָרויס און אַריינגעקוקט אין אַ הויף דורך די שפּאַרעס פון פּלויט. אינעווייניק האָט יאַדווישע אַרומגעשמייעט צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער, צווישן הינער, גענדז, אַ קו, אַ פּאָר חזירים און אַ הונט. יאַד־ווישעס מאַמע האָט זיך געפּאַרעט ביים וואָגן, אויסגעשפּאַנט דאָס פערד, אַרויס־גענומען די לערע קאַנען, שיסלען, קוישן פון וועלכע ס'האָט געטריפט אַ ווייסע, מילכיקע פליסיקייט. סלינע האָט אַזש פול געמאַכט בינהלעס מויל. דער פויערטעס לאַנגע צעפּ מיט די לויזע, צעפלויגענע בענדער, האָבן געטאַנצט איבער איר רוקן, געשווינדלט פאַר בינהלעס אויגן.

אַ נאַגנדיקער טרויער האָט בינהלען אַ באַפאַל געטאָן און זי איז אַנטלאָפן אַהיים.

אויף מאָרגן באַלד אין דער פרי איז זי געקומען צו לויפן צום דעם זעלביקן אָרט ביים פּלויט. זי האָט אַזוי געבענקט צו יאַדווישען, אַז ווי נאָר זי האָט זי דערזען אַרויסקומען אויפן הויף, האָט זי זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן, און האָט זי אַ רוף געטאָן. יאַדווישע איז אַרויסגעקומען צו האַפּקען איבער אַ שטריק. זי האָט אָנגעכאַפּט בינהלען ביים אַרבל און זי אַריינגעשלעפּט צו זיך אויפן הויף. זי האָט גענומען בינהלען אַרומפירן און האָט נישט אויפגעהערט צו פּלאַפּלען אין איר פויערשן לשון. בינהלע האָט נישט אויפגעהערט צו שאָקלען מיטן קאָפּ אויף יאָ, און האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט.

אַ ביסל צייט האָבן זיי זיך געקייקלט איבער די סטויגן היי אין שייער, צוזאַמען מיט יאַדווישעס עלטערע און יינגערע ברידער און שוועסטער. דערנאָך האָט זיי די מאַמע עפּעס אַ באַפעל געטאָן און זיי זיינען אַלע אַוועק איבערן פעלד, העט־אַרויף, האָבן געגנבעט שטיקער טאָרף, באַהאַלטן זיי אונטער די בגדים און גלייך זיך אומגעקערט אויף צוריק. די עלטערע קינדער זיינען אויף אַ באַפעל פון זייער מאַמען, ווידער ערגעץ פאַרשוווּנדן, אָבער יאַדווישע איז געבליבן מיט בינהלען אויפן הויף און זי געלערנט צו האָפּסלען איבער דער „סקאַקאַנקע".

דער הונט האָט דווקא געוואָלט מיטשפּרינגען. בינהלע האָט זיך אָנגעבייזערט אויף אים מיט א „פּאַשאָל וואָנט!", ווי זי וואָלט יעדן טאָג געהאַט צו טאָן מיט הינט. אין דער אמתן האָבן אירע שוועסטער און דער ברודער און אַלע קינדער פֿון איר געסל שטאַרק מורא געהאַט פֿאַר הינט. נאָר די גויים האָבן געהאַלטן הינט אין באַטשאַני. בכּלל האָט בינהלע געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז גאָרנישט האָט זי דאָ איבערראַשט, אַז זי איז געווען היימיש מיט דעם אַלעם אַרום — וואָס זי האָט, אין דער אמתן, צום ערשטן מאָל געזען פֿון דער נאָענט.

יאַדווישע האָט זי מכבד געווען מיט אַ ביסל קאַליע־געוואָרענער זויערמילך צו זופּן פֿון אַ פֿלעשל. בעת בינהלע האָט געשלוקט, האָט זי געפֿילט ווי עפּעס מילדס און קילס גלעט זי אינעווייניק, שטילט איין איר שפּאַנונג, דעם נייגער וואָס האָט געשטיקט אין האַלדז, דעם דאָרשט נאָך עפּעס — זי האָט אַליין נישט געוווסט נאָך וואָס.

דערנאָך איז זי אַוועק מיט יאַדווישען פּאַשען די קו אויף דער לאָנקע.

2

מיט דער צייט איז בינהלע געוואָרן אַן אָפּטע איינגייערין ביי דער יאַנקאָווע, ביי יאַדווישעס מאַמען אויף דער נחלה. זי האָט זיך פֿאַרשטענדיקט מיט יאַדווישען און די גויישע קינדער אויף שטום־לשון, דאָס הייסט, יעדער פֿון זיי האָט גערעדט דאָס אייגענע לשון און זיך אַרויסגעהאָלפֿן מיט די הענט און דאָס איז פֿאַר זיך אַליין געווען זייער קאָמיש. בינהלע האָט זיך באַמיט צו לאָכן העכער פֿון די שיקסלעך, זיך צו ווילן מער פֿון זיי. און בכּלל זיי צו ווייזן ווי שטאַרק זיי זיינען איר געפֿעלן. זי האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח זיי נישט איבערצושטייגן אין דער בריהשאַפֿט פֿון לויפֿן, קלעטערן, שפּרינגען, באַהאַלטן זיך, ווען מען האָט געשפּילט אין באַהעלטענישן — כּדי זיי זאָלן זי נישט פֿיינט באַקומען.

אין דער אמתן איז איר קאָפּ נישט געווען ביי דעם אַלעם. זי האָט געזוכט איינפֿאַלן, טריקלעך ווי אַזוי צו פֿאַרברענגען אַ ביסל צייט לעבן דער יאַנקאָווע, צי לכל־הפּחות גורם זיין, אַז די שיקסלעך זאָלן פֿלוצעם הונגעריק ווערן, זיי זאָלן אַריינלויפֿן אין דער כאַטע און אַרויסקומען מיט אַ שטיק ברויט, אַן אוגערקע, אַ שטיק קרויט און זיך טיילן מיט איר מיט אַ ביסן. בעת־מעשה האָט זי סתם געטשאַטעוועט אויף אַ גינסטיקער רגע עפּעס אַליין אַ כאַפּ צו טאָן אין מויל.

זי האָט גענומען לערנען נייע ווערטער און אויסדרוקן אין דער פּויערשער שפּראַך און אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין, האָט זי וואָס אַ מאָל ווייניקער געמוזט אָנקומען צום שטום־לשון. איצט, אַז עס האָט זיך איר שטאַרק פֿאַרבענקט צו זיין נאָענט צו יאַדווישעס מאַמען, האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי קאָן בשום־אופֿן זיך נישט צונויפֿרעדן מיט יאַדווישען און פֿאַרשטייט נישט וואָס זי איז

איסן, און אַז זי האָט שטאַרק עגמת־נפש דערפון. דעמאָלט האָט יאַדווישע זי אַריינגעשלעפּט אין הויז צו דער יאַנקאָווע, זי זאָל דינען ווי אַן איבערזעצערין.

דאָס זיינען געווען ווונדערלעכע אויגנבליקן. אמת, יאַדווישעס מאַמע איז געווען צו פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן און צו אויפגערעגט צוצולייגן קאָפּ און אויף אַ רעכט אויסהערן די קינדער. אָבער בינהלע האָט געהאַט די געלעגנהייט צו שטיין גאָר נאָענט פון דער יאַנקאָווע, אַזוי נאָענט, אַז זי האָט געפילט דעם שאַרפן ריח פון דער גויעס לייב און זי האָט געקאָנט זען ווי עס פולסירט דער פויערטעס מעוברתער בויך. און די יאַנקאָווע האָט גערעדט דירעקט צו איר — צו בינהלען! און אַזוי, מיט דער פאַרמיטלונג פון דער יאַנקאָווע און אַן איר, האָבן בינהלע און יאַדווישע זיך געשאָפן אַ מין „קאַשע מיט מילך"־לשון, מיט וועלכן זיי האָבן זיך פאַרשטענדיקט. זיי זיינען געוואָרן „אמתע קאָלעזשאַנקעס" — אויף אייביק.

הגם מען האָט איר הילף ביי דער יאַנקאָווע נישט געברויכט — די יאַנקאָווע האָט געהאַט אַ פולע שטוב מיט קינדער פון אַלע גרייסן — האָט בינהלע מיט דער צייט זיך אָנגעהויבן אַוועקצושלייכן פונעם שפּיל מיט די שיקסלעך — און פון אייגענעם ווילן גענומען אַרויסהעלפן דער מעוברתער פויערטע אין שטוב, מיט שיילן קאַרטאָפל, וואַשן כלים, אויסקערן, אַוועקשטעלן, ווי זי האָט דאָס געטאָן ביי די שכנות אין געסל, אָבער מיט מער ווילן צו געפעלן. אפילו ווען די יאַנקאָווע האָט בפירוש געהייסן עפּעס טאָן יאַדווישען, צי אַן אַנדער קינד, האָט בינהלע זיך פרייוויליק צוגעשטעלט.

„איך 'על דאָס מאַכן איינס און צוויי!" האָט זי פאַרזיכערט די פויערטע און דערמיט געשאָסן צוויי האָזן. די יאַנקאָווע האָט זי געלויבט און דער יאַנקאָוועס קינדער זיינען איר דאַנקבאַר געווען.

זי האָט אַליין נישט געוווּסט פאַר וואָס זי טוט דאָס; פאַר וואָס עס האָט איר געגעבן אַזוי פיל פאַרגעניגן צו זיין נאָענט פון דער יאַנקאָווע, זיך צו דרייען און צו פאַרען אַרום איר. דער ריח, די באַשיצנדיקע, טרייסטנדיקע וואַרעמקייט וואָס האָט געשלאָגן פון דער גויעס צעוואַקסענעם לייב האָבן געצויגן צו זיך מיט אַ גוואַלדיקן כוח.

אַז בינהלעס התפּעלות פאַר דער יאַנקאָווע האָט איבערגעשוימט איר האַרץ, האָט זי זיך מער נישט געקאָנט צוימען און האָט זיך מודה געווען פאַר יאַדווישען: „איך האָב שטאַרק ליב דיין מאַמען, ד'ווייסט?"

יאַדווישע האָט גלייכגילטיק אַ וואַרף געטאָן די צעפּלעך אויף אונטן און האָט געמאַכט אַ גרימאַסע. „ווען זי טראַגט, האָב איך זי נישט אַזוי שטאַרק ליב".

בינהלע האָט נישט פאַרשטאַנען. „וואָס טראַגט זי?"

אַ קרומער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף יאַדווישעס ליפּן. זי האָט געמאַכט

אַ פאַרשטענדיקפול אייגל צו בינהלען. „ביסט בלינד? זעסט נישט, אַז זי טראָגט אַ בויך?"

בינהלע האָט צוריקגעווונקען צו איר און זיך פונאַנדערגעלאַכט: „אַלע מענטשן טראָגן בייכער!"

„אַלע מענטשן טראָגן בייכער!" איז זיך שוין יאַדווישעס פאַרגאַנגען אין אַ קייכנדיקער קאַסקאַדע, אַז ס'האָט אַזש אָפּגעהילכט איבערן פעלד ווי מיט גלעקלעך. בינהלעס וויץ איז איר שטאַרק געפעלן געוואָרן. „דו ווייסט וואָס מיין טאַטע טראָגט אין בויך?" האָט זי קייכנדיק געפרעגט. „אַ פאַס מיט וואָדקאַ טראָגט ער!"

בינהלע האָט נישט אויפגעהערט מיטצולאַכן מיט יאַדווישען, אָבער אין זיך האָט זי אָנגעהויבן זיך צו פילן אומבאַקוועם. „און וואָס טראָגט דיין מאַמע אין בויך?" האָט זי כּלומרשט שפּאַסיק געפרעגט.

„אַ בענקאַרט טראָגט זי!" האָט יאַדווישעס אַרויסגעפּלאַצט, זיך אַ וואָרף געטאָן אין גראָז און זיך גענומען קייקלען איבער אים ווי אַ שמאָל ווייך קישן.

האָט בינהלע איר נאָכגעטאָן און צוזאַמען מיט איר זיך געקייקלט איבערן פעלד. אָבער זי האָט באַשלאָסן אויסצופאָרשן דעם ענין. עפּעס איז דאָ געווען אַ זאַך וואָס זי האָט נישט געוווּסט. און זי האָט פאַמעלעך, פאָרזיכטיק גענומען פאָרשן יאַדווישען, — ביז עס איז איר קלאָר געוואָרן, אַז די יאַנקאָווע טראָגט אַ קינד אין בויך, און אַז זי וועט דאָס טראָגן אַזוי ביז ניין חדשים וועלן אַריבער, און אַז די קו טראָגט אויך אירע קעלבלעך אין בויך, און אַ קאַץ די קעצלעך, און די הינטיכע אירע הינטלעך. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע זאַך — די זאַך וואָס אַלע אין באָטשאַני האָבן אויסבאַהאַלטן פון איר, אַפילו דער טאַטע און די שוועסטער.

אַוודאי האָט זי תמיד געזען אַרומגיין ווייבער מיט געשוואָלענע בייכער איבערן שטעטל און טייל מאָל האָט זי געהערט ווי מען האָט געזאָגט אויף דער צי יענער: „ז'טראָגט גוט", צי „ז'טראָגט שלעכט". אָבער בינהלע האָט דאָס נישט פאַרבונדן מיטן קומען פון קינדער אויף דער וועלט. און אַז עס האָבן זיך געהערט געשרייען פון אַ פענצטער און דאָס געזעמל אַרום האָט געזאָגט: „ז'האָט נעבעך אַ שווער האָבן", און אַלע ווייבער פון באָטשאַני האָבן געהאַט אַ „שווער האָבן" — האָט בינהלע טאַקע נישט געקאָנט באַנעמען פאַר וואָס „דאָס האָבן" איז אָנגעקומען אַזוי שווער, אויב זיי זיינען געלעגן אין די בעטן ווי קרולאָוועס, בעת די באָטשאַנעס, וואָס האָבן געוווינט ביי זיי אויף די דעכער, האָבן געטאָן די גאַנצע אַרבעט און אַראָפּגעבראַכט צו שלעפּן דאָס קינד פון הימל.

איצט האָט בינהלע פאַרשטאַנען, אַז קיינער פון אירע אייגענע האָט נישט געוואָלט, אַז זי זאָל וויסן, אַז די מאַמע, איר אייגענע מאַמע, האָט זי ניין חדשים געטראָגן אין בויך, אין זיך. איצט האָט זי אויך געוווּסט פאַר וואָס „דאָס האָבן" איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך, אַז אַפילו חיות האָבן געהאַט יסורים ווען זייערע

קינדער זיינען אַליין אַרויסגעקומען פון די בייכער. אָבער ביי מענטשן איז געווען נאָך ערגער, האָט געזאָגט יאַדווישע. ביי מענטשן האָט מען די מאַמעס געמוזט מאַכן אַ לאָך אין בויך און „אַפּנעמען" דאָס קינד.

„ווייל מענטשן ווערן געבוירן פויל", האָט יאַדווישע אויפגעקלערט. „אַפילו ווי קליינע קינדער, זענען זיי פויל אַליין אַרויסצוקומען אויף דער וועלט. ערשט נאָך דער קאָמוניע הייבן זיי אָן צו פאַרשטיין, אַז ז׳מוזן אַ סך זאַכן טאָן אַליין. און ווען ז׳וואַקסן אַ ביסל אויס, מוזן זיי אַרבעטן שווער, ווייל מענטשן זענען נישט ווי די חיות וואָס פאַר זיי האָט דער פּאַן יעזוס צוגעגרייט גרייט עסן אויף די לאַנקעס". זי האָט אַ ווייז געטאָן אויף דער קו וואָס האָט בנעימותדיק געצופּט גרעזלעך דערלעבן.

אַ שטורעם האָט אַ ברויז געטאָן אין בינהלען. אַ ווייטיק האָט זיך צעגאָגט אין איר האַרצן בעת זי האָט זיך איינגעהערט צו יאַדווישען. אַנדערע מאַמעס זיינען געזונט געוואָרן נאָכן האָבן די קינדער. איר אייגענע מאַמע איז געזונט געוואָרן נאָכן האָבן די שוועסטער און דעם ברודער. נאָר זי, בינהלע, האָט זיך שוין ביים געבוירן מסתמא צו פיל געבריקעט, אַנגעטאָן דער מאַמען יסורים — ווייל זי, בינהלע, איז באַלד געקומען אויף דער וועלט נישט נאָר אַ פוילע, נאָר אויך אַ שלעכטע. און זי האָט דערהרגעט איר אייגענע מאַמען. — און צוזאַמען מיט אָט דער שולד האָט זיך אין האַרצן פאַרגעסטיקט אַ בענקעניש וואָס איז כסדר געוואַקסן, זיך אויסגעברייטערט, מיטגעריסן דאָס גאַנצע חיות אירס — פול צו מאַכן אָט דאָס גרויסע ליידיקע אָרט אין איר זכרון, ווו אַ בילד האָט געפעלט, אַ בילד מיט די שטריכן פון דער אומבאַקאַנטער, לייבלעכער, קיין־מאָל־נישט־געזעענער מאַמען. די בענקעניש איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז בינהלע האָט זיך קוים געקאָנט אַן עצה געבן מיט איר.

זינט אָט דעם טאָג, האָט בינהלע נאָכגעפאָלגט די יאַנקאָווע מיט נאָך מער אַפּשיי, ווי זי וואָלט וועלן איר אָפּדינען פאַר די צרות וואָס זי האָט פאַרשאַפן איר אייגענער מאַמען.

ס׳איז געווען אַ נעפּלדיק־הייסער טאָג נאָכן זון־אונטערגאַנג. בינהלע האָט געהאָלפן יאַדווישען אָוועקרוימען פון טיש נאָכן אָוונט־מאָלצייט, אין דער יאַנ־קאָוועס כאַטע. אומגעריכט האָט יאַנעק, יאַדווישעס טאַטע, וועלכער איז קיין מאָל נישט אַהיימגעקומען קיין ניכטערער, ווייל זיין ערשטע סטאַנציע אויפן וועג אַהיים איז געווען די קרעטשמע — גענומען זיך איבעררעדן מיט זיין מעוברת ווייב. ס׳האָט נישט לאַנג גענומען און ער איז אויפגעשפּרונגען פון טיש, אָנגעכאַפּט די יאַנקאָווע ביי אַ צאָפּ און גענומען איר אַריינפּאַדאַווען אַ פּאָר גוטע לייגעס, קודם מיט דער גאָלער פויסט און דערנאָך מיטן הונטס רימען.

בינהלע איז אַזוי צעטומלט געוואָרן פון דעם אומגעריכטן בילד, אַז די שטוב

האָט איר געגומען שווימען פאַר די אויגן. דערנאָך האָט זי זיך צעגוואַלדעוועט, ווי זי וואָלט אַליין באַקומען די קלעפּ. זי האָט זיך געוואָלט אַ יאָג טאָן צו יאַנעקן און אים אַוועקרייסן פון דער יאַנקאָווע, אָבער די צעכיכיקעטע קינדער האָבן זי אַנגעכאַפּט פאַר די אָרעמס, פאַרן קלייד, אַרויפגעלייגט די הענט אויף איר מויל און זי אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן.

זי איז אַנטלאָפן אין פעלד, אַ וואָרף געטאָן זיך אויפן גראָז און שטאַרק און ביטער געיאָמערט, געוואָלט אַרויסכליפּען דעם גאַנצן ווייטיק וואָס האָט זיך אָנגע־זאַמלט אין איר האַרץ — און זי איז נאָך טיפער אַריינגעזונקען אינעם יִיאוש אין וועלכן זי האָט זיך געטרונקען. וואָס פאַר אַ זינען האָט דאָס געהאַט אַנצוגיין מיטן לעבן אין אַ וועלט ווו עמעץ האָט געקאָנט ווי טאָן דער פּראַכטיקער יאַנקאָווע?

יאַדווישע איז אַרויסגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר אויפן גראָז. ס׳איז שוין געווען פאַר נאַכט צו. דער הימל איז געווען פאַרקנוילט אין שווערע כמאַרעס. בינהלען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז באַלד וועט ער אַראָפּפאַלן אויפן פעלד און זי איינקנוילן צוזאַמען מיט איר פאַרדרעננגטן האַרץ. זי האָט נישט געוואָלט אָנקוקן יאַדווישען. ס׳איז איר אויסגעקומען ווי יאַדווישע וואָלט זי פאַרראַטן און וואָלט מער נישט געווען איר חברטע. דערצו האָט נאָך יאַדווישע געשמייכלט צו איר, ווי זי וואָלט זיך מיט איר געררייצט. בינהלע האָט זיך אַ קער געטאָן צו איר, אירע פייכטע אויגן פולע מיט כעסיקן פאָרוווּרף.

„דיין טאַטע שלאָגט די מאַמען און דו זיצסט דאָ און לאַכסט? גיי... גיי אַוועק פון מיר!" און זי איז זיך ערשט אויף ס׳ניי פאַרגאַנגען אין אַ געוויין.

האָט יאַדווישע נאָך מער געלאַכט. „וואָס בעטשעסטו, נאַרישע קו? ס׳איז דאָך פריילעך ווען דער טאַטע שלאָגט די מאַמען. גיי אַריין אין דער כאַלופּע ס׳טו זען ווי די מאַמע איז פריילעך".

„כ׳גליייב דיר נישט!" האָט בינהלע אַוועקגעשטופּט יאַדווישען פון זיך. „דו ביסט עפּעס פריילעך, אַז מען שלאָגט דיך, הע?"

„ניין", האָט יאַדווישע שפּילעוודיק געדרייט מיטן קאָפּ און אויפגעקלערט: „אָבער, אַז כ׳על האָבן מיין אייגענעם מאַן, ׳על איך אויך זיין פריילעך ווען ער׳ט מיך שלאָגן".

„ד׳ווייסט נישט וואָס ד׳רעדסט! צו דעם דאַרפסטע אַ מאַן? אַז ער זאָל דיך שלאָגן?"

„ניין, צו האָבן בענקאַרטעס, צו דעם דאַרף איך האָבן אַ מאַן. דער גלח, פאָטערל סטאַניסלאַוו, לאָזט נישט האָבן קיין בענקאַרטעס אָן אַ מאַן. און צו זיין פריילעך יעדן זונטיק, און גיין טאַנצן, דאַרף איך האָבן אַ מאַן. מיין מאַמע זאָגט, אַז דער טאַטע האָט זי נאָך אַלץ ליב, דערפאַר שלאָגט ער זי. אַז ער׳ט זי אויפהערן ליב צו האָבן, ט׳ער זי מער נישט שלאָגן און דאַמאָלס ט׳זיין זייער שלעכט פאַר דער גאַנצער משפחה און פאַר דער כאַלופּע. און איך בעט שטענדיק דעם פאַן

יעזוס, וועלכער האָט געזאָגט 'קאָכייטשע שעו', אַז ער זאָל נישט לאָזן דעם טאַטן נישט ליב האָבן די מאַמען".

„אָבער ער... ער'ט דאָך געקאָנט דערהרגענען דאָס קינד אין איר בויך..." האָט בינהלע אַ צעטומלטע געשטאַמלט און זיך געווישט דאָס פּנים מיטן ברעג פון איר קלייד.

יאַדווישע האָט געצויגן מיט די אַקסלען. „טאָ וואָס? ווער דאַרפט דאָס קינד אין איר בויך? זי האָט נישט גענוג בעַנקאַרטעס מיט מיר און מיינע שוועסטער און ברידער? ס'עט זיין מער אַרבעט פאַר איר און פאַר אונדז. דאָס איז אַ שטראָף פון פאָן יעזוס, מיין איך, וואָס זי טראָגט נאָך אַ בעַנקאַרט". יאַדווישע האָט מעשה־דערוואַקסענע געשאָקלט מיטן קאָפּ. „אָבער ס'איז דאָ אַ האָפענונג, אַז טאַמער 'עט זי דאָס אַצינד נישט פּטור ווערן, ט'עס שטאַרבן נאָכן געבוירן. אפשר ט'מען קאָנען עפּעס מאַכן דערוועגן".

אחוץ־מזה, האָט בינהלע גאַנץ גערן געהאַט יאַנעקן, יאַדווישעס טאַטן. ער איז תּמיד געווען אַ פריילעכער, צוגעלאָזענער. די קינדער האָבן פאַר אים נישט מורא געהאַט, געווען היימיש און נאָענט מיט אים און ער האָט געהאַט קאָמישע שיפּע וואָנצעס, איינע אַ קירצערע, איינע אַ לענגערע; איינע אַ גלייכע און די צווייטע פאַרענדיקט מיט אַ שפּיץ אַרויף צו. ער האָט אָפּגעאַרבעט ווי אַ פּאַראָבעק ביים פּריץ אויף די פעלדער און ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט ער זיך ערשט גענומען אַרבעטן אַרום דער נחלה, ווייל די יאַנקאָווע, זיין ווייב, איז וואָס אַ מאָל שווערער געוואָרן און האָט זיך געטויגט נאָר פאַר דער אַרבעט אין הויז. ער האָט איינגעשפּאַנט זיין כאַליאַסטרע קינדער אים אַרויסצוהעלפן אויפן שטיקל פעלד, קאָפּען קאַרטאָפל, פּיעלען גרינוואַרגבייטן, צי זיי גאָר געשיקט אין וואַלד אַריין גנבענען האָלץ, צי גנבענען טאָרף.

בינהלע האָט זיך אומעטום אַרומגעשלעפּט מיט דער כאַליאַסטרע און זי איז יאַנעקן געווען דאַנקבאַר וואָס ער זעט זי און זאָגט גאָרנישט.

יאַנעקס משפחה און בינהלע אַליין האָבן געהאַלטן פאַר נאַטירלעך וואָס זי האָט זיך פאַר נאַכט געזעצט צום טיש מיט אַלעמען. יאָ, דאָ האָבן זיך אַלע געזעצט צום טיש יעדן אויפדערנאַכט, נישט ווי אין דער היים, ביי יאָסעלען — נאָר אום שבת. זי האָט באַקומען אַ פּיידע ברויט, פּריש, היימיש־געבאַקן, מיט אַ ברוינער קנאַקנדיקער סקאָרינע, באַשמירט מיט מעדנימדיקער פּוטער און אַ מחיהדיק שיסעלע קאַפּושניאַק דערצו. מיט אירע געלב־פלאַקסענע האָר, וואָס זי האָט שוין געקאָנט פאַרבינדן מיט שטריקלעך איבערביידע אויערן, אַ מין אַנהייב פון די צעפּ וואָס זי האָט געחלומט צו האָבן, און מיט איר קורצן ברייטן נעזל און די באַקן פולע מיט זומער־שפּרענקעלעך, האָט זי זיך מיטן אויסזען ווייניק וואָס אונטערשיידט פון די איבעריקע קינדער. און דער האַלב־שיכורער יאַנעק האָט טאָקע אָפּט פאַרגעסן ווער זי איז איינגטלעך און האָט זי מער ווי איין מאָל

דערמאָנט צו זאָגן די „מאַדליטווע" פאַרן עסן. זי האָט זיך גיך אויסגעלערנט די „מאַדליטווע" און האָט זיך איבערגעצלמט צו גלייך מיט אַלע שטוביקע.

אַז עס האָט זיך אַ מאָל געמאַכט אַ טאָג ווען יאַנעק האָט געהאַט געאַרבעט אין פּריצס הויף גופא, אַנשטאָט אויף די פעלדער, האָט ער נאָכן עסן — דאָס עסן גופא איז אַריבער אין שטילקייט, מען האָט זיך פולשטענדיק קאָנצענטרירט אויף דער אכילה — באַשריבן פאַר זיין משפחה די ווונדער וואָס ער האָט געזען אין „דוור"; ווי דער אַלטער פּריץ מיט דער פּריצה עסן אויף דער טעראַסע, ביים מלכותדיק־געדעקטן טיש צווישן די רויזן; וואָס זיי עסן, ווי אַזוי זיי עסן און וואָס זיי טראָגן און וואָס זיי זאָגן. ער האָט דערציילט ווי די עלטערע און יינגערע פּאַניטשעס שפּילן אין גאָרטן מיט קליינע באַלעמלעך און קלאַפּן זיי אַהין און צוריק דעם גאַנצן טאָג, און די פּאַניעס און די פּאַניענקעס אויך. אָדער זיי רייטן אַרום און אַרום דעם „דוור"־גאָרטן אויף די זגראַבנע פערדלעך, צי עמעץ פון זיי שפּילט גאָר אויף דער „פּיאַנינאָ" און זיי טאַנצן עלעגאַנטע טענץ; צי זיי לייענען גאָר ביכער אין מיטן טאָג און גאַזעטן, און דאָס איז זייער אַרבעט.

יאַנעקס משפּחה האָט געהערט מיט אָפענע מיילער, געשמייכלט תמימותדיק־דערשטוינט, און אַז ער האָט געענדיקט, איז מען אים באַפאַלן מיט פראַגעס וועגן דעם פּאַניטש צי יענעם, צי וועגן יעדער פּאַניע און פּאַניענקע באַזונדער. מחמת ביי יאַנעקן אין דער כאַלופּע האָט מען געקענט, ממש אינטים, נישט נאָר די נעמען פון יעדן איינעם פּריצישן זון, צי טאָכטער, נאָר זייער כאַראַקטער און זייערע לעבנס־געשיכטעס און זייערע פאַרוויקלטע, תמיד טרויעריקע ליבעס. הגם יאַנעק האָט דעם גרעסטן טייל פון זיינע מעשיות צוגעטראַכט, האָט ער געמוזט שטאַרק אַכטונג געבן, אַז זיי זאָלן זיין אמת און שטימען מיט די „פּאַקטן" וועלכע זיינען זיין משפּחה באַקאַנט געווען מיט אַלע פּרטים.

האָט טאַקע בינהלע, צוזאַמען מיט דער „מאַדליטווע", זיך גיך אויסגעלערנט זיך פונאַנדערצוקלייבן אין די משפּחה־פאַרהעלטענישן אין „דוור", און בעת אַט אַזעלכע רגעס האָט זי זיך געפילט געבונדן מיט יאַנעקס משפּחה, אַריינגענומען אין זייער קרייז פון פאַרטרוילעכקייט. זי איז נאָר אַ קליין ביסעלע אייפערזיכטיק געווען אויף יאַדווישען וועלכע האָט זיך גערימט פאַר איר, אַז זי, יאַדווישע, איז געווען פאַרליבט אין דעם יונגן פּאַניטש.

און טאַקע, בעת איינעם אַ מיט־זון־געבאַקענעם נאָכמיטאָג, האָט יאַדווישע באַשלאָסן זיך צו באַווייזן מיט איר „געליבטן" פאַר בינהלען. זי האָט זי מיט־גענומען אויף אַ „ראַנדקע", און זיי האָבן זיך געשלעפּט באַרוועסע העט־אַרויף דעם שמאָלן טאָפּאָליע־וועג. דער הייסער זאַמד אונטער די פיס האָט געברענט די סטאָפּעס; הייסער שטויב האָט געשמיסן די שווייסיקע באַקן. ביז זיי האָבן דערגרייכט די שטאַכעטן־פאַרצוימונג פון „דוור". אַ סך שעהען זיינען זיי דאָרט געשטאַנען, געלאָזט זיך באַקן פון דער זון; שווייס איז גערונען פון די האָר —

און זיי האָבן אַריינגעקוקט אין גאָרטן און אויסגעקוקט יאַדווישעס „געליבטן". אפשר וועט ער זיך באַווייזן, גראָד דאָ נאָענט פאַרביישפּאַצירן אין זיין עלעגאַנטן „סטרוי", מיט אַ בוך אין דער האַנט. און אַז ער וועט צוקומען נענטער, וועט דאָס האַרץ אים זאָגן, אַז ער דאַרפט אויפהייבן די טרויעריקע אויגן און אַריינקוקן אין יאַדווישעס טרויעריקע אויגן.

דאָס מזל האָט זיי צוגעשפּילט. נאָכן זון־אונטערגאַנג האָבן זיי אים דערזען, „דעם געליבטן", אָנקומען אויפן וועג; ער איז פאַרבייגעפאָרן, נישט אין אַ קאַרעטע, נאָר אין אַ בריטשקע און ער האָט אַ פאָכע געטאָן מיט דער בייטש צו די צוויי מיידעלעך וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער געמויערטער באַזע פון פּלויט און זיך צוגעהאַלטן ביי די שטאַכעטן.

יאַדווישע האָט אַ פּליסטער געטאָן מיט אַ פאַרשטיקט קול: „ס'ט געזען ווי ער האָט מיך אָנגעקוקט?"

„מיך אויך..." האָט בינהלע אַרויסגעשטאַמלט. „דאַכט זיך, אַז ער האָט אונדז געוואָלט אָנועקטרייבן".

„נישט מיך... אפשר דיך", האָט יאַדווישע געפּליסטערט אַ צעשטראָלטע. „אויף מיר האָט ער געקוקט... און מיט דער בייטש האָט ער אַ שמיץ געטאָן צו דיר".

„פאַר וואָס בלויז צו מיר?" האָט בינהלע נישט געקאָנט פאַרשטיין.

„ווייל ער איז מיינער און דו ביסט אַ זשידאָוועטשקע".

„וואָס איז אַ זשידאָוועטשקע?"

„כ'ווייס נישט", האָט יאַדווישע מודה געווען. „אָבער מיין ברודער מיעטעק האָט דאַמאָלט געפרעגט מיין מאַמען צי ער'ט קענען חתונה האָבן מיט דיר... ווייל ד'האָסט אים געהאָלפן שייערן די פאָדלאָגע. האָט די מאַמע געזאָגט ניין, ווייל ד'ביסט אַ זשידאָוועטשקע. און זשידאָוועטשקעס און אונדזעריקע האָבן נישט חתונה".

„אָבער... אָבער פון וואַנען ווייסט דער יונגער פּאַניטש, אַז איך בין אַ...?"

„דער יונגער פּאַניטש ווייסט אַלץ", האָט יאַדווישע מיט ערנצט באַשטעטיקט. זי האָט באַמערקט בינהלעס טרויעריק פּנים, די פאַרבלעזלטע ליפּן אירע, האָט זי פאַרוואָרפן די האַנט אַרום בינהלעס נאַקן און איר הילכיק אַ קוש געטאָן אין באַק. „דאַרפסט נישט באַלד וויינען. ד' מאַמע זאָגט, אַז דו ביסט אַזוי ווי אַן אונ־דזעריקע און אַז ד'עסט זיין עלטער, 'עט דער גלח, פּאַטערל סטאַניסלאַוו, דיך מאַכן פאַר אַן אונדזעריקע אין גאַנצן און ד'עסט יאָ קאָנען חתונה האָבן מיט מיעטעקן".

„כ'וויל נישט חתונה האָבן מיט מיעטעקן!" האָט בינהלע זיך געברוגזט. „כ'וויל מיך פאַרליבן אין פּאַניטש".

„גוט, פאַרליב דיך אין אים אויך", האָט יאַדווישע לסוף מסכים געווען. „דו ביסט מיין בעסטע קאָלעזשאַנקע, מעגסטע דיך פאַרליבן אין אים. וועט מען אים

האָבן צוזאַמען. אָבער קיינעם ׳עט מען מער נישט לאָזן און מ׳עט קיינעם נישט דערציילן. דאָס ט׳זיין אונדזער סעקרעט״. און זי האָט בינהלען נאָך אַ מאָל הילכיק אַ קוש געטאָן אין באַק.

3

זייער גיך איז בינהלע געוואָרן העכער און שטאַרקער פון איר שוועסטער דבורהלען און האָט שוין געהאַלטן ביים דעריאָגן פייגעלען. די צרה איז נאָר געווען וואָס די שכנות האָבן זי וואָס אַ מאָל זעלטענער געקאָנט געפינען ווען זיי האָבן זי געברויכט און זיי האָבן זיך ערנצט גענומען אויסצופאָרשן דעם ענין.

בראָנטשעלע די קרעכצערין האָט אָסור געהאַט צייט זיך אַליין צו פאַרנעמען מיט דער זאַך. דעם גאַנצן טאָג איז זי געווען פאַרפּאָרעט ביי איר „פּאָד״; ס׳האָבן ברוך־השם נישט געפעלט קיין הייזער ווו ס׳איז געווען אויף וואָס מיט־צוקרעכצן יעדן פעליקן טאָג. אויסער דעם, האָט זי נאָך אַ ביסל צופאָרדינט מיט פליקן הינער יעדן טאָג פאַר די גבירישע הייזער. געטאָן האָט זי דאָס ביים שוחט אויפן הויף, אַן אַרבעט וואָס איר חברטע, שרה־לאהלע די שוחטקע, האָט איר צוגעשאָנצט. אויסער דעם, האָט בראָנטשעלע געהאַט אַ פולע שטוב מיט קינדער, בלויז ייִנגלעך און אַ ייִנגעלע ביי דער ברוסט, און מיטן פירן די בעל־הבתישקייט, מיטן רוימען און קאָכן — איז דער טאָג איר נישט געווען גענוג לאַנג און זי האָט קיין מאָל סיי ווי נישט באַוויזן צו טאָן וואָס זי האָט געהאַט צו טאָן.

דערפאַר האָט אָבער בראָנטשעלע געהאַט אַ בחורל, אַ זונדל, אויף וועלכן זי האָט זיך שוין געקאָנט פאַרלאָזן: בערעלען, וואָס די קינדער האָבן אים גערופן „דער לבנה־קריכער״, ווייל ער האָט געהאַט לונאַטישע אייגנשאַפטן. ער פלעגט אַ שלאָפנדיקער אַרויסקריכן ביי נאַכט פון בעט, אַרומשמייען אויפן הויף אין לבנה־ליכט, און איבערוועקן האָט מען אים נישט געטאָרט, ווייל ער האָט חלילה געקאָנט שטאַרבן אויפן אָרט. נאָר מען האָט געמוזט אַכטונג געבן ער זאָל נישט אין עפעס אַריינקריכן און זיך דעם קאָפּ פּלעטן און וואַרטן ביז ער וועט אַליין צוריקגיין אין בעט.

אויסער דעם, איז בערעלע געווען אַ גאַנץ כיטרער בחורל, אַ גאַנץ חכמל, און ער האָט דאָס אויף זיין מאַמעס באַפעל גענומען נאָכקוקן בינהלען פון דער ווייטנס. אַזוי האָט ער אויסגעפונען און דערציילט בראָנטשעלען, זיין מאַמען, ווו בינהלע פאַרשווינדט דאָס אַזוי אָפט.

בראָנטשעלע האָט אַזש באַקומען אַן אַטאַק פון לוויה־קרעכצענישן ווען זי האָט דערהערט די בשורה. געווען איז זי, ביי איר גאַנצער בריהשאַפט, אַ קרענקלעכע אויסגעדאַרטע ייִדענע, הגם איר פּנים האָט נאָך געטראָגן בולטע

שפּורן פון איר פאַרשווונדענער שיינקייט. אירע פּיס זיינען אפשר אַ מאָל געווען שטאַרק און גאַנץ „שטאַלטנע", אָבער היינט צו טאָג האָט זי פאַרמאָגט אַ פּאָר דינע פויגלשע פיסלעך וואָס האָבן זי געמאַכט אויסזען ווי אַ מין באָטשאַניכע וואָס קאָן נישט פליען. אויף אָט די פיסלעך האָט זי געטראָגן אַ גוף וואָס איז באַ־שטאַנען פון דריי רונדיקייטן: דער קאָפּ, דער בוזעם און דער בויך. און אַלע דריי זיינען געווען פאַרדעקט און פאַרהילט מיט שיכטן און שיכטן פון טיכער און לויזע פאַלדן, פאַרקנופּט אונטערן האַלדז, אַרום סטאַן און אויפן רוקן, ווי אָט די קנופּן וואָלטן איר געהאָלפן בלייבן צוגעקנופּט צו דער ערד — אַז נישט וואָלט זי דער מינדסטער ווינט, צי חלילה, די מינדסטע שלעכטע בשורה געקאָנט אַוועקבלאָזן.

כדי צו קומען אַ ביסל צו זיך, האָט בראָנטשעלע די קרעכצעריין אַלץ געלאָזט שטיין און גיין און איז אַרויסגעלאָפן אויפזוכן טויבע־קריינדעלען די טיקערין אויפן פּאַטשעיאָוו, ווו טויבע־קריינדעלע האָט אַ ביסל צופאַרדינט מיט פאַרקויפן הייסע באָבע־אַרבעס, וואָס זי האָט געטראָגן אין אַ טאָפּ פאַרהאַנגען אַרום האַלדז אויף אַ שטריקל. דערהערט די מעשה, איז טויבע־קריינדעלען דאָס לעבן שיִער נישט איינגעגאַנגען פון האַרצווייטיק, און זי איז אַוועק אָפּוואַרטן פעשעלען שליאָך ביים ראָג פון פּאַטשעיאָוו, ווו פעשעלע האָט אַ ליאַדע מינוט געזאָלט פאַר־ בייגיין מיטן סידור און דעם טייטל. פעשעלע שליאָך האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים שייטל, ווען זי האָט דערהערט די נייעס; און דאָס זעלבע האָבן געטאָן די אַנדערע שכנות פון געסל. ווייל האָט דען נישט יעדע פון זיי געהאַט צוגעזאָגט מאַרימלען ביים טויטנבעט, אַז זי וועט אויף מאַרימלס קינדער, און דער עיקר אויף בינהלען, אַכטונג געבן פונקט ווי אויף אירע אייגענע יורשים?

און אַזוי ווי זיי האָבן זיך טאַקע געפילט ווי מאַרימלס פאַרטרעטערינס אויף אָט דער וועלט, האָבן זיי צוזאַמען באַשלאָסן, אַז „ווייטער אַזוי גיין קאָן דאָס נישט". און יעדער מאָל ווען בערעלע, צי עמעץ אַנדערש האָט דערשנאַפּט די „מאַרזעפּע" זיך אָפּערשלייכן פון הינטער די סטאַדאָלעס און פלויטן, האָבן זיי, הגם זיי זיינען געווען אַזוי אויסגעמאַרכט און קוים־זשיפּענדיק, אַז זיי האָבן קוים געהאַט דעם כוח צו כאַפּן דעם אָטעם — זי אָנגעכאַפּט פאַר אַ צעפּל און איר אַריינגעצימבלט, פון גאַנצן האַרץ, אַ פּאָר פליאַסקעס אויף וואָס די וועלט שטייט; הגם סיי טויבע־קריינדעלע, סיי פעשעלע שליאָך האָבן בינהלען קיין מאָל פריער נישט געשלאָגן, סיידן ווען זי האָט געגנבעט אַ ביסן. אפילו בראָנטשעלע איז קיין מאָל פריער נישט געווען אַזוי אומרחמנותדיק. און באַגלייט האָבן זיי דאָס מיט אַ פאַרציע מוסר און מיט טרערן וואָס האָבן געקאָנט אַ שטיין רירן. ווייל אין תוך זיינען זיי געווען ווייכהאַרציקע, וואַרעם־האַרציקע ווייבער, הגם פאַרמוטשעטע און צעפרעסן פון טויזנטער זאָרגן און דאגות. און ווער ווייסט וואָס עס וואָלט טאַקע געשען מיט יאַסעלעס קינדער, צי מיט די אַנדערע יתומים, אַז

מאַמעס — ווען נישט זיי און די אַנדערע שכנות. אָבער אין פאַל מיט בינהלען זיינען זיי באמת געווען פאַרצווייפלט.

און די גוטע שכנות האָבן זיך מקריב געווען פאַר יאָסעלען, כדי אים צו פאַרהיטן פון גרויסן עגמת־נפש וואָס בינהלעס פירעכצער וואָלטן אים פאַרשאַפן. נישקשה, יאָסעלען איז ביי די גאַנצע גליקן אין די דערפער נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. אין שטאָט האָט עפּעס אַ חשד געהאַלטן אין אונטערגראָבן דעם דרך־ארץ צו אים. מען האָט גערעדט, געשמועסט גאָרנישט קיין שייַנע זאַכן. נאָר זיי, די שכנים פון געסל, הגם זיי האָבן אַלץ געוווּסט בפרטי־פּרטים, האָבן אים העלדיש פאַרטיידיקט און נישט געגלייבט קיין איין וואָרט פון די רכילותן. יאָסעלע האָט מער נישט געברויכט... נאָר אַ טאַכטער, רחמנא־לצלן, וואָס וואַקסט צווישן גויים.

אָבער די גוטע כשרע כוונות פון די שכנות האָבן קיין האָר נישט געהאָלפן. בינהלע האָט געפונען אירע אופנים און וועגן ווי אַזוי זיך אומבאַמערקט אַרויס־צושלייכן פון שטוב. זיינען די שכנות ווידער געקומען צו אַן איינשטימיקער מסקנה, אַז „אַזוי גיין ווייטער קאָן עס נישט", אַז דאָס פאַרהיטן יאָסעלען פון האָבן עגמת־נפש קאָן אַ מאָל דערפירן דערצו, אַז ער זאָל שנעלער קריגן אַ „פּאַפּלעקציע". ווייל דער ענין איז גאָרנישט געווען קיין קינדערשפּיל און די שכנות האָבן לענגער נישט געקאָנט טראָגן אויף זיך אַזאַ אחריות — ווי די מעשה מאַכט זיך אַ מאָל. מחמת אָרום בינהלען האָט די לופט געשמעקט מיט שמד, מען זאָל באַהיט ווערן.

און זיי האָבן באַשלאָסן צוצושטעלן בינהלען דאָס „ראַכטע־גערעכטע" בענ־קעלע צו יאָסעלען.

יאָסעלע האָט גראָד געהאַט איינעם פון זיינע „קרומע" טעג. ער איז שלעכט געשלאָפן די פאַרגאַנגענע נאַכט, געפּייניקט פון בייזע חלומות פון וועלכע ער האָט ווי געוויינטלעך גאָרנישט געדענקט. אָבער ער האָט זיך בשום־אופן נישט געקאָנט אָפּטרייסלען פון זייערע שווערע שאָטנס וואָס האָבן געלאַסטיקט דעם גאַנצן טאָג אויף זיין געמיט. ער איז געווען שטאַרק אומצופרידן מיט זיך.

ער איז דעם טאָג נישט אַוועק אין די דערפער, נאָר האָט אַהיימגעשיקט זיינע עלטסטע מיידלעך אָפּצוקאָכן אַ ביסל עסן. זינט ער האָט אָנגעהויבן צו גיין איבער די דערפער מיט זיין סחורה, האָט ער אַהיימגעבראַכט גענוג גרינוואַרג און די משפחה האָט איצט יעדן טאָג געהאַט אַ ביסל וואַרעמס. יאָסעלע איז געווען אַליין אין קאַלך־און קרייד־קרעמל און האָט געהאַט די געלעגנהייט צו „מעלה־גירהן" זיינע מחשבות.

ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון קלייטל, ווי געוויינטלעך, זיך אָנגע־

לענט אַן ביישטידל, זיך געוויגט אַהין און אַהער און אויסגעקוקט אַ קונה. פּלוצעם האָט זיך פישעלע דער קצב באַוויזן לעבן אים.

פישעלע האָט אויסגעזען טויט־ערנצט, פאַרייַאושט. דאָס מאָל האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו יאָסעלען אויף אַ שמועסל, האָבנדיק זיך אַליין און נישט יאָסעלען אין זינען. זיינע פּריוואַטע דאגות זיינען געוואָרן גאָר אומדערטרעגלעך אין דער צעטומלעניש און פאַרלוירנקייט וואָס האָט אים איינגענומען נאָך דעם משונה־דיקן וויזיט און דעם נעלם ווערן פון דעם „רבין״־גנב — וועמעס לערעס עס האָבן אים צערודערט ביז צו די סאַמע וואָרצלען פון דער נשמה. זיי האָבן אַזוי וויל באַרעכטיקט זיינע, פישעלעס, זינדיקע תאוות, אַז ווען נישט דער פאַקט וואָס אַ פּאָר זי״לבערנע לייכטערס זיינען פאַרשווונדן פון זיין שטוב — וואָלט ער, פישעלע, נאָכגעפאָלגט דעם דרך פון זינד מיט גרויס מוט.

איצטער איז זיין איינציקע האָפענונג געווען יאָסעלע. ער איז מער ווי שטענ־דיק געווען איבערצייגט, אַז יאָסעלע איז געווען דער איינציקער מענטש וואָס וואָלט אים געקאָנט פאַרשטיין אין זיין ביטערער דאַליע. ווייל ער האָט, פּונקט ווי די אַנדערע ייִדן פון באָטשאַני, זיך אָנגעהערט וועגן יאָסעלעס פאַרדעכטיקטע טועכצער אין די דערפער און ער האָט, פּונקט ווי די אַנדערע ייִדן, נישט געגלייבט קיין וואָרט פון די אַלע מעשיות. דאָך איז ער וואָס אַ מאָל נייגעריקער געוואָרן ווי אַזוי יאָסעלע גיט זיך אַן עצה אָן אַ ווייבל. און דאָס מאָל האָט ער באַשלאָסן צו עפענען דאָס האַרץ פאַר יאָסעלען. יאָסעלע איז טאַקע געווען אַ קאַלטער גזלן, קאַרג אין אַ וואָרט און קאַרג אין פריינדשאַפט. דאָך איז ער געווען דער איינצי־קער וואָס האָט געקאָנט האַלטן אַ סוד. ער האָט אויך געוווסט ווי אַזוי אַ מאַנס־פאַרשוין דאַרפט „עסן דאָס לעבן״ און וואָלט, צוליב זיין אייגענער לאַגע, געקאָנט דינען מיט אַן עצה.

פישעלע האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער באַמערקט נישט יאָסעלעס „שטיינערנע״ פּנים. לענגער האָט ער זיך מיט זיין סוד נישט געקאָנט אַרומטראָגן, ווייל ער האָט געקאָנט חלילה אַראָפּגיין פון זינען, פּלאַצן. האָט ער זיך טאַקע אָוועקגעשטעלט, זיך אָנגעלענט אָן קעגנאיבערדיקן ביישטידל און ער האָט געגנור־מען פאַמעלעך, מיט אַ פּליסטער, מיט אומקאָנטראָלירטע כאַאָטישע רייד פונאַנ־דערוויקלען פאַר יאָסעלען די סטענגעס פון בילדער, פון חלומות, אין וועלכע ער איז צעפּייניקט געוואָרן פון זינעלכע תאוות און מערדערישע גלוסטונגען.

„גלייב מיר, יאָסעלע״, האָט פישעלע זיך געקלאַפּט מיט דער פויסט אין דער רויט־פאַרפלעקטער שירץ איבער זיין בוזעם, אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט אָזש אָפּגעהילכט. „גלייב מיר, אַז עך האָב נישט קיין רו, נישט ביי טאָג, נישט ביי נאַכט. סע גייט מיר גאָרנישט איין. און אַ גוטער ייִד זיין וויל עך. כ׳מאַך מיר טאַקע אַ מאָל אַ וויץ, כ׳האָב ליב אַ הוליע צו טאָן, אָבער כ׳בין דאָך נישט ווי די חברה יאָטקעיונגען, די פּורמאַנעס, מיט זייערע פירכעצער און ניבול־פּה. און

ד׳ווייסט דאָך, אַז ביי מיר אין שטוב וואַקסט אַ זון, ער זאָל מיר לעבן און געזונט זיין, וואָס ׳יעט אַ מאָל זיין אַ שטיק צירונג אין דער קרוין פון פאָלק־ישראל. יאָ... מיין אריהלע. דאָס זענען געגוי די ווערטער וואָס דער רב האָט מיר אַ זאָג געטאָן נאָך דעם ווי ער האָט אים פאַרהערט דעם שבת. איז, יאָסעלע, כאָטש בלויז פאַר אַריהלעס טוועגן...״ פישעלע האָט הויך אויסגעשנייצט די נאָז און אָפּגעווישט דאָס פּנים מיטן ברעג פון דער שירץ. די אויגן זיינען אים פאַרנעפּלט און רויטלעך געוואָרן. „אָבער וואָס מער מעשים־טובים עך טו, וואָס מער עך זיך אָפּ ביי שרה־לאהלען דער שוחטקע און הער מיך צו צו אירע באַלערנדיקע מעשיות, דאָס ערגער ווערט מיר״.

ער האָט אויסגעמיטן צו דערמאָנען די געשעעניש מיטן געהיימען אורח. ער האָט געהאַט אָנגעזאָגט זיינע בני־בית נישט אַרויסצולאָזן קיין פּיפּס וועגן די פאַרשווונדענע לייכטערס, כדי זיך נישט אויסצושטעלן אויף לייטנס געלעכטער.

„ס׳איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט״, איז ער אָנגעגאַנגען מיט די רייד, „אַז ווען עך בין אַריינגעטאָן אין לעשן אַ שרפה, צעפלאַקערט זיך אין מיר ערשט רעכט דער יצר־הרע, מיין פאַרשאַלטענער חשק צו זינד און... גלייב מיר יאָ, גלייב מיר נישט... בעת אַ שרפה זע איך בולט די פלאַמען פון דער שחיטה... יאָ, ווי לעבעדיק זע איך זיי... און... נאָר בעת אַ שׂרפה פיל עך, אַז עך לעב און ס׳לעבן איז מיר טייער. און אַזוי פיל עך מיך טויט אינעווייניק, אַ מת מיט... מיט אַ זאַוויערוכע אין קאָפּ, בין עך. זאָג מיר, מיט וואָס האָב עך מיך אַזוי פאַר־זינדיקט? ביסט דאָך אַן אייגענער. כ׳וויל דאָך נישט פאַרשעמען מיין זון, מיין משפחה, און כ׳בין געטריי מיין ווייב, יאָ, אין מיין האַרץ בין עך איר געטריי, אַזוי זאָל עך דערלעבן צו הערן דעם שופר־של־משיח, ווי עך בין. נאָר עך ווער געטריבן פון אַ הונגער צו נקבהש לייב, יאָסעלע... און איך וויל נישט גיין אין גיהנום אַריין. כ׳וויל מיך נישט פּרעגלען אויף די פייערן פון שטן־המשחית. נישטאָ דאָרטן קיין פייער־בריגאַדע... דאָרטן, אַז ד׳ברענסט, ברענסטע...״ ער האָט קרום, פאַצווייפלט אַ שמייכל געטאָן און מיט אַ הייסן פליסטער צוגעגעבן: „גלייב מיר, כ׳ווייס שוין אַליין נישט וואָס איז וואָס. אפשר בין עך קראַנק, מ׳זאָל אָפּגע־היט ווערן״.

„ביסט געזונט ווי אַן אָקס״, האָט יאָסעלע לסוף זיך אָפּגערופן. „דאָס איז דיין אומגליק״. און ווי צו זיך, שטילער, האָט ער צוגעגעבן: „און אויך מיינער״.

פישעלעס רייד האָבן עפּעס גערירט אין אים און ווי פישעלע האָט גערעדט, האָט ער, יאָסעלע, זיך דערמאָנט אַ שמץ פון זיינע אייגענע חלומות, און אַ קאַלטער שוויס איז אים אַרויס איפן שטערן. פישעלע האָט געליטן יסורים. יאָסעלע האָט אים געגלייבט. אין געדאַנק האָט ער געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן פישעלען און וואַצלאַוו ספּאָקויני, צווישן בידע פייער־קאָמענדאַנטן, און זיך נישט געקאָנט אָפּוונדערן ווי ענלעך זיי זיינען געווען צו זיך און ווי יעדער פון זיי איז געפירט

געוואָרן צו טאָן דאָס, וואָס איז געווען אין הסכּם מיט זיין טבע. און ער האָט זיי ביידן פאַרגלייכט מיט זיך און אַ געהיימער חשד — אויף זיך אַליין — האָט גענומען בויערן אין אים. אפשר איז ער טאַקע געגאַנגען איבער די דערפער, געט־ריבן פון די פינצטערע כּוחות וואָס האָבן אים געהאַלטן אין זייער רשות ביי נאַכט? — אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט באַצווינגען פון אָט דער מחשבה. ער, יאָסעלע, איז געווען האַר איבער זיך, איבער זיינע מעשׂים און דאָס איז געווען דער עיקר.

האָט ער געקוקט פישעלען גליך אין פּנים און האָט רויק באַמערקט: „וואָס שטאַרקער דער גוף, דאָס שווערער איז זיך מנצח צו זיין".

„אמת", האָט פישעלע געזיפצט. „ס'איז אַ קללה צו פאַרמאָגן אַ שטאַרקן גוף".

„חלילה!" האָט יאָסעלע געדרייט מיטן קאָפּ. „ס'איז אַ קללה צו פאַרמאָגן אַ שוואַכן ווילן".

„אָבער דו האָסט אַ שטאַרקן ווילן, יאָסעלע, און דאָך זאָגסטע, אַז דיין שטאַרקער גוף איז אויך דיין אומגליק, הע?" פישעלע איז געשטאַנען אויסגעבויגן פאַרויס און געשטאַרט אויף דעם שווייס וואָס איז אַרויס אויף יאָסעלעס שטערן, ווי ער וואָלט געהאַט פאַר זיך אַ גרויסע אַנטפּלעקונג. „כ'האָב מיך אַזוי משער געווען", האָט ער אָפּגעזיפצט ווי אַ שטיין וואָלט אים אַראָפּ פון האַרץ. „און גערעכט ביסטו, יאָסעלע. דאָס חתונה האָבן העלפט נישט, זעסט דאָך לויט מיר. הגם אַ ייִד מוז האָבן אַ ווייב. אָן דעם קאָן דאָס פאָלק־ישׂראל נישט באַשטיין און... און אָן דעם וואָלט שוין גאַרנישט געווען אויסצוהאַלטן. דערפאַר וווּנדער איך מיך טאַקע..."

אין דער אמתן האָט פישעלע גראָד אין דעם מאָמענט זיך אויפגעהערט צו ווונדערן. דער שווייס אויף יאָסעלעס שטערן און יאָסעלעס צעפינטלטע אויגן, וואָס זיינען אומרויִק געוואָרן און גענומען שפּרינגען איבערן פּאַטשעיאָוו, ווי ער וואָלט מיט זיי געזוכט אַן אַנטרינונג, האָבן עדות געזאָגט, אַז ר' לייבעלע שמש האָט דאָך נישט אַלץ אויסגעזויגן פון פינגער.

פישעלעס האַרץ האָט זיך מיט אַ מאָל אָנגענומען מיטן מוט פון אַ פייער־קאָמענדאַנט און ער איז אַרויסגעפאָרן: „כ'בין אין אַ הינערפלעט... כ'מוז אַרויס. כ'דאַרף האָבן אַ שיקסע!"

יאָסעלעס קורצזיכטיקע אויגן האָבן זיך געגעבן אַ שטעל אָפּ אויף פישעלען און ער האָט זיי ברייט פונאַנדערגעריסן. נאָך קיין מאָל האָט זיך אים נישט גע־גלוסט אַזוי צו לאַכן, ווי איצט. אָבער ער האָט נישט קיין שמייכל געטאָן, נאָר בלויז פאַרהויבן די ברעמען, ווי כּדי בעסער צו זען.

„ביסטע געקומען צו מיר? וואָס האַנדל איך מיט שיקסעס, רחמנא־לצלן?"

די גאַנצע אומזיכערקייט מיט זיך איז נעלם געוואָרן פון יאָסעלעס האַרץ. אָפּצומוסרן פישעלען איז טאַקע נישט געווען זיין זאַך און ער האָט קיין חשק

דערצו אויך נישט געהאַט, צוליב רחמנות. אָבער פּישעלע איז געווען לעכערלעך. ווי לאַנג צוריק איז דאָס געווען, זינט אָט דער „צדיק" איז אַריינגעקומען צו אים און האָט געדרשנט פאַר אים וועגן ייִדישקייט? איצט, אַז ער איז אַרויס מיט אָט דעם טראַגיש־קאָמישן פּיזמון, האָט מען טאַקע געדאַרפט זיין פון אייזן, ווי ער, יאָסעלע איז געווען — סיי נישט אָנצוכאַפּן זיך פאַר די באַקעס פון געלעכטער, סיי נישט אַרויס פון די כּלים, פון כּעס.

פּישעלע איז געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיט זיך, צו פּרווון דערגיין וואָס פאַר אַ סטרונעס ער האָט אָנגערירט אין יאָסעלעס האַרצן. בפירוש דערמוטיקט פון דעם ערשטן איינדרוק, האָט ער זיך נאָך מער צוגעבויגן צו יאָסעלען און האָט ממשיך געווען אין אַ הייסן פּליסטער.

„ד'זעסט, ס'איז אייגנטלעך נישט אַזוי ווייט דאָס נקבהשע לייב וואָס... וואָס ציט מיך צו זיך, ווי עס ציט מיך... כ'ווייס אַליין נישט צו וואָס... אפשר סתם צו זינד. יאָ, כ'האָב מיר שוין לאַנג געקאָנט געפינען עפּעס אַ לייטיש שיקסל. כ'על מיך נישט גיין סתם באַרימען פאַר דיך, אָבער פאַרלייקענען קאָנסטע נישט, אַז אַן אָסאָבע, קיין עין הרע, בין עך. און מיין סמיקאַלקע צו מאַכן מיר אַ וויץ און געבן אַ לאַך, גייט אויך נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. די ווייבער וואָס קומען אַריין אין מיין יאַטקע קריגן דאָך די כּפּרה פאַר מיר... וואָלט, מיין עך, די בעסטע שיקסע זיך מיר נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן. נאָר וואָס דען?"

ער האָט אונטערגעוואַרט, אַז יאָסעלע זאָל איבערחזרן דעם „וואָס דען?" כּדי אים אַרויסצווייזן זיין מיטגעפיל און אינטערעס, צוגעבן אים מוט, און געבן אים צייט זיך צוצוגרייטן און אַרויסקומען מיטן שווערסטן טייל פון זיין ווידוי. אָבער יאָסעלעס פּנים איז איצט ווידער געווען ווי אַ שטיין, אָן אויסדרוק. איז ער בלית־ברירה ווייטער געפאָרן.

„נאָר וואָס דען?" האָט ער שוין אַליין איבערגעחזרט מיט אַ גמרא־ניגון. „די זאַך איז... וואָס עך האָב פאַר זיי... כ'האָב פאַר זיי ממש מורא... סכּנות־נפשות... פאַר אַלע ווייבער, און דערצו נאָך אַ גויע, וואָס צו זיי ציט עס מיך צום מערסטן. אַז מען קוקט מיך אָן, לייגט זיך דאָס נישט אויפן שכל, הע? יאָ, אָבער אַזוי איז דאָס, ברודערקע. אַ גאַנצער יאָ־טיבי־דאָם בין עך און דאָך..." ער האָט אָפּגעווישט דאָס פּנים מיטן ברעג פון פאַרטעך און האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף יאָסעלעס אַקסל. די באַקן האָבן ביי אים געפלאַמט און דאָס קול איז געוואָרן ממש בעטנדיק. „זעסט, יאָסעלע, עך האָלט אַזוי שמאָל, אַז עך פאַרצייל דיר זאַכן וואָס קיין שום מאַנספּאַרשוין וואָלט נישט... כ'שעם מיך גאָרנישט פאַר דיר און צעשנייד מיר דאָס האַרץ פאַר דיינע אויגן... ד'זאָלסט מיך פאַרשטיין".

„כ'פאַרשטיי דיך", האָט יאָסעלע אַ מרוקע געטאָן ווי אונטער דער לאַסט פון פּישעלעס האַנט אויף זיין אַקסל. ער האָט זיך טאַקע גיך פון איר באַפרייט מיט אַ ענערגישן טרייסל פון גאַנצן גוף.

דער פייכטער נעפּל אין פישעלעס אויגן איז געדיכטער געוואָרן. „דערפאַר וויל עך... וויל עך מיר קריגן עפּעס אַ צוגעלאָזן באַשעפעניש... אַבי אַ שטיק פלייש, פאַרשטייסטע מיך. וואָס ווייניקער צעלייגערין, וואָס ווייניקער חכמת, דאָס בעסער... און אַ פרייליידיקע איז די בעסטע זאַך". אויף אַן אויגנבליק האָט ער זיך דערשראָקן פאַר זיין אָפנהאַרציקייט און האָט אַ פליסטער געטאָן ווי ער וואָלט וועלן טרייסטן זיין צוהערער: „גלייב מיר, יאָסעלע, ס'זענען נישטאָ קיין צדיקים אויף דער וועלט".

יאָסעלע, ווי עס וואָלט אים מיט אַ מאָל געוואָרן צו דושנע אין פישעלעס געזעלשאַפט, האָט זיך אַרויסגעבויגן איבער דער שוועל, ווי ער וואָלט וועלן כאַפּן אַ פרישן אָטעם לופט. דרויסן האָט היִנדעלע די אַלמנה, זיין שכנה, זיך געראַנגלט מיט אַ גרויסער טאָוולענער שאַכטל סחורה וואָס זי האָט געוואָלט אַרויפפּאַקן צווישן די שאַכטלען אויף דער העכסטער פּאָליצע פון איר פענצטער־קרעמל. „אָט אַ נאַרישע ייִדענע", האָט ער אַ טראַכט געטאָן. „פאַר וואָס בעט זי מיך נישט, אַז עך זאָל איר העלפן? וואָלט עך געהאַט אַ רגע מנוחה פון פישעלען". אוודאי האָט ער געקאָנט אַליין צוגיין און איר העלפן, אָבער אַזאַ פישעלע האָט זיך גלייך געקאָנט מאַכן ווער ווייסט וואָס פאַר אַ רעיונות. האָט ער צוריקגעפירט דעם בליק אויף פישעלען און זיך געוווּנדערט אויף זיך: „זייט ווען האָב עך דאָס מורא פאַר די רעיונות וואָס מענטשן מאַכן זיך וועגן מיר? אוי, רבונו־של־עולם!" האָט ער אין האַרצן אויסגערופן. „דו מוזסט האָבן די אמתע זאַבאַווע, קוקנדיק אויף אונדז, די צוויי וויסטע אידיאָטן. אָבער אונדז פאַרדינט מען זיך אַן עוקץ רחמנות פון דיר אויכעט, גלייב מיר..."

יאָ, דער מענטש איז געווען אַ לעכערלעך באַשעפעניש, זיך טויט־ערנצט געראַנגלט מיטן חושך אין זיין נשמה, און אין תוך איז דאָך דאָס אַלץ געווען אַ חוזק, אַ וויץ, אַ שפּאַס וואָס דער גורל האָט אָפּגעשפּילט און נאָר אין הימל האָט מען געוווּסט צו וואָס פאַר אַ צוועק.

„אָט דאָס גאַנצע געשריי אין דיר..." האָט יאָסעלע אַ מורמל געטאָן ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין. „דאָס גרויסע געשריי, איז נישט מער ווי אַ פּישטשע־ניש פון אַ מילב. דיר דאַכט זיך, אַז עס איז מי־יודע ווי שטאַרק און סע האַלט אַן מי־יודע ווי לאַנג. אין דער אמתן איז עס אַ גאָרנישט מיט אַ נישט און עס דויערט נאָר אַן אויגנבליק. מיקנשמאַלץ, זאָג עך דיר. איידער 'דעסט דיך אַרומ־קוקן, 'עט עס זיין פאַרביי. אוודאי איז דאָס נישט קיין ענטפער וואָס שטעלט צופרידן אויף דער רגע, אַצינדער... אָבער ס'איז גוט צו געדענקען, אַז דאָס געשריי פון גוף קומט אויך פון קאָפּ. דער יצר־הרע זיצט אין קאָפּ..." ער האָט מיט דער פויסט זיך לייכט אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן. „דאַ דאַרפט מען זיך מיט אים ראַנגלען... און אים גובר זיין. ווייל טאָמער גיסטע נאָך דעם געשריי פון גוף, ביסטע אַ פאַרלוירענער".

פישעלע האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס יאָסעלע האָט אים דאָ געעצהט. האָט דאָך זיין, פישעלעס קאָפּ, גיכער פאַרפלאָנטערט אָט דאָס געשריי פון גוף, וואָס איז אין תוך געווען אַזוי פּשוט צו פאַרענטפערן. יאָסעלעס רייד האָבן אים אויפגערעגט. זיינע אויגן האָבן זיך צעצונדן מיט אַ ביטער, חוזקדיק פייערל.

„דו... דו'סט דעם יצר־הרע דאָ ...אין קאָפּ, טאַקע גובר געווען?" ער האָט נאָכגעמאַכט יאָסעלען און זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אין שטערן. „אפשר 'עסטע מיר גאָר גיין איינרעדן, אַז ד'ביסט אַפילו נישט עובר אויף דעם לא תחמוד? מיינסט כ'האָב נישט געזען ווי אַזוי ד'האָסט געקוקט אויף איר, דער שכנה דיינער, אַ מינוט צוריק? שטעל עך מיר שוין פאָר ווי ד'פּירסט דיך ווען קיינער זעט נישט".

האָט שוין יאָסעלע אומגעדולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „דיין צרה איז טאַקע, וואָס ד'שטעלסט דיר צו פיל פאָר". און ער האָט אָפּגעהאַקט. ער איז געגנוג ווייט פאַרפאָרן אין דעם שמועס מיט פישעלען, צו ווייט. ער האָט שטרענג צוזאַמענגעצויגן די ברעמען און אָנגעקוקט דעם קצב מיט אַ שאַרפן בליק: „וואָס ביסטע עפּעס געקומען צו מיר מיט אַזעלכע שאלות?"

איז פישעלע ערשט רעכט אויפגערייצט געוואָרן. „צו וועמען דען זאָל עך גיין? ביסט דאָך אַ חבר, דער רוח זאָל דאָס נעמען!" נאָר גלייך איז זיין קול צוריק געוואָרן בעטנדיק. „'עסט דאָך מיר נישט אָפּזאָגן אַ... אַ טובה".

„וואָסאָראַ טובה קאָן עך דיר שוין מישטיינס געזאָגט טאָן? אַז עס קומט צו אַזעלכע זאַכן בין עך נישט קיין שלמה המלך. גיי אַריין צום רבי".

פישעלע איז אַרויס מיט אַ היסטעריש געלעכטער. „ביסט ביים קלאָרן זינען, יאָסעלע? אַ שיין ווייבל האָט ער טאַקע, אָבער צי ער ווייסט וואָס מיט איר צו טאָן איז אַן אַנדערע מעשה. אַז כ'על פאָר אים נאָר אַ פּיפּס טאָן וועגן די נקבות וואָס עך זע אויף די יאַטקע־קלעצער, אין חלום, ט'ער אַ פּאַפּלעקציע קריגן".

יאָסעלען זיינען שוין שטאַרק געווען דערווידער פישעלעס רייד. „טאָ גיב דיר אַליין אַן עצה. איך האָב בילכערע דאגות אויפן קאָפּ!" האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן: „יעדער איינער מוז סיי ווי אַליין פירן זיינע אייגענע מלחמות. איך קאָן זיכער גאָרנישט טאָן פאַר דיר".

„דו קאָנסט יאָ!" האָט פישעלע אויסגערופן צודרינגלעך, פאַרצווייפלט.

יאָסעלע האָט אים אָנגעקוקט. „איך קאָן יאָ? וואָס קאָן עך?"

„קאָנסט מיר נאַרייען עפּעס אַ שטיקל שיקסל..."

יאָסעלע האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט, געלאָזט פישעלען הינטער זיך אין קרעמל און אַליין איז ער אַרויס אין דרויסן. ער איז צו צו הינדעלען דער אלמנה וועלכע האָט זיך נאָך אַלץ געראַנגלט מיט דער שאַכטל סחורה, אַרויסגענומען דעם פּאַק פון אירע הענט און אַן אַ וואָרט צו זאָגן אים אַרויפבאַקומען אַקוראַט אויף דעם אָרט ווו זי האָט אים געוואָלט האָבן. איידער הינדעלע האָט

באַוויזן צו קומען צו זיך און אים צו דאַנקען, איז יאָסעלע שוין געווען ביי דער פּלומפּ. ער האָט אָנגעפּלומפּט אַ שטראָם וואַסער און אונטערגעשטעלט דאָס מויל, לאָזנדיק די שנירלעך וואַסער אַראָפּרינען לענג־אויס דער באָרד. ער האָט זיך געפילט שמוציק אינעווייניק, אין זיך.

ווען ער האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט ער דערזען פישעלען פון דער ווייטנס, נאָך אַלץ אין קרעמל, אַריינגעטאָן אין אַ שמועס מיט עמעצן. אַ קליין פיגורל פון אַ ייִד איז געשטאַנען אינעווייניק און געפאָכעט מיט די הענט. יאָסעלע האָט צוריקגעשפּרייזט אַהין, און ווען ער איז צוגעקומען נאָענט, האָט ער דערקענט ר׳ לייבעלען יאָפּצאָק־פּרעסער. יאָסעלען איז באַפאַלן אַ חשק צו אַנטלויפן ווו די אויגן וועלן אים טראָגן.

דאָ האָבן ביידע, סיי ר׳ לייבעלע, סיי פישעלע זיך אַ קער געטאָן צו יאָסעלען, ווי נאָר ער האָט זיך דערנענטערט, און זיי האָבן מיט אומגעדולד זיך אַ רוק געטאָן צו דער שוועל פון קרעמל.

„יאָסעלע!“ האָט ר׳ לייבעלע זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַר יאָסעלעס קלאַפּעס. אויף ר׳ לייבעלעס פּנים איז נישט געווען קיין שפּור פון ווידערווילן צו יאָסעלען, גיכער געבעט, אַ הכנעה אין זיינע צעפּינטלטע אייגלעך. ער האָט זיך געטרייסלט ווי אַ פיש. „יאָסעלע...“ האָט ער געשטאַמלט. „מ׳מוז עפּעס טאָן. כ׳האָב דאָס ערשט געזאָגט צו פישעלען. אונדזערע לעבנס זענען אין סכּנה, זאָל דער אייבערשטער שומר־ומציל זיין“.

יאָסעלע האָט זיך פּאַמעלעך באַפרייט פון ר׳ לייבעלעס פויסטלעך אויף זיינע קלאַפּעס. ער האָט באַטראַכט ביידע איבערגעשראָקענע ייִדן מיט אַ רויִקן בליק און אַ פרעג געטאָן: „וואָסי די מעשה?“

„פרעג נישט, יאָסעלע“, האָט ר׳ לייבעלע זיך אונטערגעהויבן דאָס בייכל מיט אַ גיכן, נערוועזן באַוועג. „דער אַרענדאַר, ר׳ גרשון שערעס, איז נאָר וואָס געווען ביים רב. אין טשענסטאָכאָוו איז געווען אַ שחיטה. טשענסטאָכאָוו... נישט ערגעץ אין האָצעפּלאָץ, פאַרשטייסט? ד׳מוזסט זען גלייך עפּעס צו טאָן, יאָסעלע“.

„וואָס דער רב ט׳באַשליסן, ט׳מען טאָן“, האָט יאָסעלע קורץ אָפּגעשניטן.

„ווי גאָט איז דיר ליב, יאָסעלע“, האָט ר׳ לייבעלע געסאָפּעט. „דער רב איז צו יונג און צו שטאַרק צעחושט... אַ שוואַכער דאַרער דראַנג וואָס האָט קיין מאָל קיין שחיטה נישט מיטגעמאַכט, ווי אונדז האָט מען“.

„ני, טאָ וואָס איז די נפקא־מינה?“ איז יאָסעלע אומגעדולדיק געוואָרן. „און אַז אונדז האָט מען יאָ מיטגעמאַכט, איז מען עפּעס קליגער געוואָרן, ר׳ לייבעלע? לאָמען וואַרטן און זען וואָס דער רב ט׳באַשליסן“. און ער האָט ר׳ לייבעלען און פישעלען אַרויסגעשטופּט פון קלייטל. בעת־מעשה האָט ער זיך צוגעבויגן צו פישעלען און סאַרקאַסטיש אַ פליסטער געטאָן: „נו, ד׳פילסט דיך אַ ביסל לייכטער? פּחד איז אַ גוטע רפואה אויף דיין מחלה“.

יאָסעלע האָט קוים באַוויזן פּטור צו ווערן פון די צוויי באַזוכערס, ווי דער גלח, פּאַטער סטאַניסלאַוו איז אונטערגעקומען און זיך פּאַרהאַלטן לעבן קרייד־קרעמל. ער האָט געטראָגן זיין שווארצע סוטאַנע מיט אַ זילבערנעם צלם איבערן ברוסטקאַסטן. אַ קליין הילצערן צלמל איז צוזאַמען מיט די רוזשאַניעץ־פּאַטשער־קעס אַראָפּגעהאָנגען פון אַ רינג אַרום זיין גאַרטל. פאַר כל־עם־ועדה אויפן פּאַטשעיאָוו האָט ער אויסגערופן: „דזשען דאָברי, יאָסעק, מיין ברודער!"

יאָסעלע האָט זיך הינטערווײַלעכץ צוריקגערוקט אין קרעמל אַריין און דער גלח איז אַריין נאָך אים. ער האָט אָנגעקוקט יאָסעלען מיט אַ פּאָר וואַסערדיקע אויגן וואָס זיינען געווען אַרומגעזיימט מיט רויטע שטריכן, אָנשטאָט מיט וויִעס. פון אָט די אויגן האָט אַרויסגעשטראַלט דאָס זילבערדיקע ליכט פון ליבשאַפט פאַר זיין חברל פון די קינדער־יאָרן.

„צוליב עפּעס אַ פאַרהוילענער סיבה", האָט דער גלח איינגעפּעדעמט דעם שמועס, „האָבן אַלטע צייטן זיך מיר היינט דערמאָנט, יאָסעק".

אַ שמייכל האָט מילד אַ שפּיל געטאָן אויף זיינע טונקל־בלויע ליפּן. ער האָט אויסגעזען נישט צו האָבן באַמערקט, אַז יאָסעלע האָט פאַרלוירן דאָס לשון, אַז זיין פּנים, פאַרקאַלכט ווי עס איז געווען, איז אַזש טונקל געוואָרן. אַזוי צעטרייסלט איז ער געוואָרן פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש. דער גלח גופא, הגם שוואַך, האָט אויסגעזען זייער אָנטשפּאַנט. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק נישט בלויז פון אַ נזיר, נאָר אויך פון אַ זייער קראַנקן מענטשן וועלכער האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס נאָר אַ דאַנק דעם כּוח פון זיין אמונה.

„דערפאַר, יאָסעק, האָב איך באַשלאָסן אַריבערצוקומען צו דיר און אַליין דיר אָנזאָגן די גוטע נאָווינע, ברודער מיינער", איז ער אָנגעגאַנגען. „ווייל גוטע נאָווינעס דאַרפן אָנגעזאָגט ווערן מיט מער אייפער ווי שלעכטע. געדענקסט ווי איך האָב דיך געפּלעגט אָפּטויפן אין טייכל... אין יענע שעלסקע־אַניעלסקע קינדער־יאָרן? דערמאָנסט דיך?"

יאָסעלע האָט זיך אָנגענומען מיט כּוח, דריי מאָל אויסגעשפּיגן און זיך אומ־געקערט צו דער וואַנט. „כ'על צו דיר נישט רעדן", האָט ער אַ שטאַמל געטאָן.

„נאָך אַלץ נישט רעדן צו מיר?" דער גלח האָט נישט אויסגעזען איבעררעאַשט.

„איך בעט דיך, יאָסעק, דריי זיך נישט אויס מיטן רוקן צו מיר. מיט הכנעה בין איך געקומען..." זיין קול איז געווען קרישטאָל־קלאָר, צערטלענדיק. „אין פרידן און אין ליבשאַפט בין איך געקומען צו דיר, זאָלן מיר אַלע הייליקע ביישטיין. מיר זיינען דאָך אַלע גאָטס שאָף, יאָסעק. שוין צייט אויפצוהערן מיט דער אָפּגעזונ־דערטקייט... מיט דער שינאה".

יאָסעלע האָט זינט יאָרן נישט געהאַט פאַרטוישט קיין וואָרט מיטן גלח. ווען נאָר דער גלח האָט אים פאַרטשעפּעט, האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער הערט נישט און האָט אָוועקגעשפּאַנט פון אים. ער האָט אויך אַצינד נישט בדעה

געהאַט זיך אָפּצורופֿן צו אים. אָבער ער איז געשטאַנען מיטן פּנים אַנטקעגן דער וואַנט, דער אויסגעשמירטער מיט קאַלך און קרייד. ער וואָלט זיך גערן געלאָזט פֿאַרשלינגען פֿון איר, ער וואָלט זי גערן אַדורכגעבראָכן און אַנטלאָפֿן. אָבער ווי זי איז געשטאַנען קעגן זיינע אויגן, האָט ער זי פֿאַרטראָגן נישט געקאָנט. ער האָט זיך ראַפּטעם אַ קער געטאָן צום גלח און אויסגערופֿן ווי נישט מיט זיין קול: „וואָס ווילט עץ פֿון מיר?"

דעם גלחס בלייכע, אויסגעמאַגערטע פּנים איז נאָך ווייכער און מילדער געוואָרן. זיין קול האָט זיך געצויגן דין און גלאַטיק, ווי אַ זילבערנער פֿאָדעם: „מיר זיינען זיך לאַנג געווען פֿרעמדע, יאַסעק". ער האָט פֿייכט געמאַכט איין בלוטלאָזע ליפּ מיט דער אַנדערער און הכנעהדיק געשמייכלט. „וווּנדער איך זיך נישט. אָבער מען וועט זיך צוריק צוגעוווינען איינער צום אַנדערן, יאַסעק. אַלטער וויין און אַן אַלטע פֿריינדשאַפֿט ווערן נאָך בעסער מיט די יאָרן, זאָגט אונדזער פֿאָלק".

יאַסעלע האָט געשטעלט אַ טראָט פֿאַרביי דעם גלח און געוואָלט אַרויסלויפֿן אין דרויסן, אָבער דער גלח האָט באַוויזן אים אָנצוכאַפּן מיט די פֿינגערשפּיצן פֿאַר דער איבעצע. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, די פּנימער איינס אַנטקעגן איבער דעם אַנדערן; דער גלח, הגם אַ דאַרער און אויסגעטריקנטער, איז געווען די זעלבע הייך וואָס יאַסעלע. דער שמייכל איז פֿאַרשווונדן פֿון גלחס פּנים, וואָס איז פֿאַרשלייערט געוואָרן מיט אַן איידעלן טרויער.

„כ'בין אַריינגעקומען צו דיר, יאַסעק", האָט ער אָפּגעלאָזט יאַסעלעס אָרבל און אַרויפֿגעלייגט די ביינערדיק־בלייכע, לאַנג־פֿינגערדיקע האַנט אויף יאַסעלעס אַקסל, „אין נאָמען פֿון דער ליבשאַפֿט וואָס איך טראָג פֿאַר דיר אין מיין האַרצן, בין איך געקומען... דיר אָנצוזאָגן די גוטע נאָווינע וואָס מען האָט מיר היינט אין דער פֿרי צו וויסן געגעבן".

יאַסעלע האָט ברייט פֿונאַנדערגעריסן די קורצזיכטיקע אויגן און מיט זיי אַ הענג געטאָן אויפֿן גלחס מויל. איצט האָט ער געקאָנט אַרויסלויפֿן, ווייל דער גלח האָט אַראָפּגענומען די האַנט פֿון זיין אַקסל. אָבער איצט איז ער, יאַסעלע, געשטאַנען מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, איינגעפּרוירן, בעת דאָס האַרץ האָט אים געהאַמערט מיט אייזיקער דערוואַרטונג.

„יאָ, יאַסעק", האָט דער גלח פֿאַמעלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ. „דער צאַר ניקאָליי גרייט זיך אַרויסצוגעבן אַ דעקרעט, אַז אַלע ייִדן מוזן זיך שמדן... אַלע. בין איך אַריינגעקומען אין... אין נאָמען פֿון דעם גרויסן קרבן וואָס אונדזערע טאַטעס האָבן צוזאַמען געבראַכט אויפֿן מזבח פֿון אַ באַפֿרייטער פּוילישער ערד... אונדזער הייליקע מאַמע־ערד. און כ'וויל דיך בעטן... דו האָסט דאָך אַן אָנזען ביי די ייִדן אין באַטשאַני... דו זאָלסט זען, אַז איר זאָלט קיינער נישט ווערן פּראַוואָסלאַוונע... נאָר אונדזער פּוילישע רעליגיע זאָלט איר אָננעמען. איר ייִדן

גלייבט דאָך, אַז איר זייט גאָטס אויסדערוויילט פֿאָלק. מיר פּאָליאַקן גלייבן, אַז מיר זיינען דער קריסטוס פֿון די פֿעלקער. זעסטו שוין וואָס פֿאַר אַ גרויסן שייכות מיר האָבן איינע מיט די אַנדערע, מיר און איר, געקרייציקטע פֿאַר דער גלאָריע פֿון דעם אָלמעכטיקנס נאָמען". יאָסעלע האָט אַ צאַפּל געטאָן. אַ צעשווידערטער, האָט ער מער נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טאָן. דער גלח האָט געמאַכט אַ צלם איבער אים, האָט זיך טיף, הכנעהדיק פֿאַרנייגט און האָט צוגעגעבן: „מיין טיר שטייט אָפֿן פֿאַר דיר, יאָסעק. מיינע אָרעמס אויך. ניעך בענדזשע פּאָכוואַלאָני..." נאָך אַ רגע איז ער שווייגנדיק געשטאַנען מיט צעשפּרייטע אָרעמס, גרייט אַרומצונעמען יאָסעלען. יאָסעלע איז שוין געווען אין דרויסן.

בעת דער גלח האָט זיך פּאַמעלעך געשלייכט אין דער ריכטונג פֿון דער פּלעבאַניע, האָט זיך אַ האַלבער מאַרק ייִדן פֿאַרזאַמלט אַרום יאָסעלען. יעדער האָט געוואָלט וויסן וואָס דער גלח האָט געשמועסט מיט אים.

אויסער זיך, האָט ער אויסגערופֿן צו זיי: „גייטץ און פֿרעגטץ אים!" ער האָט געהייסן הינדעלען די אַלמנה האַלטן אַן אויג אויפֿן קרעמל און איז אַריבערגעלאָפֿן צום רב.

דער רב האָט אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט יאָסעלען, געהייסן אים איבערחזרן געגנוי דעם גלחס רייד, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. דערנאָך האָט ער גערופֿן אַן אַסיפֿה פֿון שטעטלשן פּני און האָט געשיקט אַ שליח צום רב אין כּוואַסטי אויסצוגעפֿינען וואָס מען ווייסט דאָרט וועגן דעם ענין. באַטשאַנישע ייִדן האָבן זיך גענומען תּהילים זאָגן.

4

אַהיימגעקומען נאָך אָט דעם טאָג, האָט יאָסעלע אַנגעגעבנט די שכנות וואָס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין זיין כאַלופּע. אין בינהלעס בייזיין האָבן זיי אים דערציילט וועגן אירע פּירעכצער. זיי האָבן פֿאַרבראַכן די הענט צוקוקנדיק ווי יאָסעלע נעמט זיך צום האַרצן — און ווי ער נעמט זיך צו דער טאָכטער.

בינהלע איז שוין געווען אַ גרויס מיידעלע, אָבער זי האָט זיך נאָך אַלץ געפֿירט פּונקט קאַפּויער ווי איר ברודער הערשעלע. זי האָט גראָד יאָ ליב געהאַט צו שרייען, ווען עס האָט איר וויי געטאָן. ווען דער טאַטע האָט זי גענומען פֿאַדאַווען, האָט זי זיך נישט געשעמט צו גוואַלדעווען אַזוי הויך, אַז גאַנץ באַטשאַני זאָל זי הערן. יאָ, זאָל באַטשאַני וויסן — האָט זי בעת־מעשה געטראַכט — וואָס פֿאַר אַן אַכזר פֿון אַ טאַטן זי האָט, אַ טאַטן וואָס ממיתט זיין מיזינקע, אַ יתום אָן אַ מאַמען דערצו. יאָ, זאָל ער זיך פֿאַרשוואַרצן דאָס פּנים פֿאַר חרפּה.

„שלעכטער טאַטע! שלעכטער טאַטע!" האָט זי געגרעוועט צווישן איין סווישטשע פֿון קאַנטשיק און דעם אַנדערן.

און יאָסעלע האָט זיך טאַקע געשעמט, נישט פאַרן שטעטל — נאָר פאַר זיך אַליין, פאַרן רבונו־של־עולם. אַזוי זיך געשעמט, אַז דאָס האַרץ האָט אים אַזש געהאַמערט און אין קאָפּ האָט געשווינדלט. בינהלע איז דאָך געווען כשר גערעכט. ער איז טאַקע געווען אַ שלעכטער טאַטע. דאָס אַלץ איז דאָך געווען זיין שולד. וואָס עלטער די קינדער זיינען געוואָרן, דאָס ווייניקער האָט ער זיי נאָכגעקוקט. און געדאַרפט האָט זיין פאַרקערט. אַ יונגער מוח האָט געהאַט ווילדע מחשבות, משונהדיקע איינפאַלן. און וואָס אין קאָפּ פון אַ מיידל האָט זיך אָפּגעטאָן, האָט ער, יאָסעלע, דען געהאַט אַן אנונג? אמת, זיינע אַנדערע מיידלעך האָבן זיך גראָד געפירט ווי קליינע ווייבעלעך און זיינען אים געווען אַ הילף אין קרעמל, אין שטוב. אָבער נישט בינהלע. זי איז געווען אַנדערש. פאַר וואָס? מיט וואָס? האָט ער געקאָנט דאָס באַנעמען? ער איז געווען אַ ייִדענע דאָס צו פאַרשטיין?

„ווער איז ביי דיר אַ שלעכטער טאַטע, ווער?" האָט ער זי געקאָטעוועט, אינעם כעס אויף זיך אַליין, אין דער צעטומלעניש וואָס סיי פישעלע, סיי דער גלח האָבן אים אַריינגעבראַכט.

„דו... דו ביסט!" האָט זי געוואָרפן מיט די פיס און איז אים נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער.

האָט יאָסעלע אַריינגענומען מיט די קורצזיכטיקע אויגן דאָס בילד פון דעם גופל, דעם דינעם, דעם ווייכן, וואָס האָט זיך געצאַפּלט אויפן בענקל. וויפל האָט דען אַזאַ גאָרנישט פון אַ גופל געקאָנט אויסהאַלטן? ווי ווייניק כוח האָט מען געדאַרפט האָבן עס צו צעטרייבערן, עס צו קוילען!

פּלוצעם האָט, צוזאַמען מיט אָט דעם בילד פאַר זיינע אויגן, זיך אַ שטעל געטאָן פאַר זיין דמיון די שטאָט טשענסטאָכאָוו, די שחיטה איבער הונדערטער... דערנאָך האָט ער דערזען דאָס אַנדערע בילד. דאָס בילד וואָס ער האָט שאַרף און בולט געטראָגן אין זיך דאָס גאַנצע לעבן זיינס. די שחיטה אין זיינע קינדער־יאָרן, אין באָטשאַני. יעדער מאָל וואָס ער האָט געשלאָגן זיינע קינדער האָט ער אָט דאָס בילד אויף ס׳ביי געזען... אויף אַן אויגנבליק. אָבער היינט איז דאָס געווען לגמרי נישט דערטרעגלעך. ווי עס וואָלט געקומען זיך רייצן מיט אים... פרעגן: ווער איז דער רוצח, ווער דער קרבן? און דאָס, אַנשטאָט צו ווערן אַ וואָרענונג פאַר אים און גורם זיין ער זאָל, אין זיין בושה, אויפהערן דאָס שלאָגן, האָט אים גראָד געשטויסן ער זאָל שלאָגן נאָך שטאַרקער, לאָזן דעם קאַנטשיק שמייסן מיט ווייניקער צוריקהאַלט.

איז וואָס, אויב בינהלע האָט געקראָגן די קלעפּ וואָס זיינען אים געקומען? איז וואָס, אויב זי איז געווען דאָס טייערסטע וואָס ער האָט פאַרמאָגט און ער האָט געציטערט איבער איר מער ווי איבער די אַנדערע קינדער? איז וואָס, אויב ער האָט באַהאַלטענערהייט אַנגעקוואָלן פון איר חכמה, פון איר געבן זיך אַן עצה, פון איר שיינעם וווקס, פון דעם „סקלאַראָוואַנעם", באַטעמטן „מאַרזעפּע"־

פּנים מיט די ראָזאָווע זומער־שפּרענקלעך אויף די באַקן און די שיפּע גנבישע שליפּיעס? איז וואָס?

ווי ער האָט זי געשלאָגן, האָט ער געדענקט, אַז פּאַר אַ יאָרן האָט זי זיך איינגעשאַפּט אַ פּאָר הילצערנע טרעפּקעס און נישט געוואָרט, אַז דער טאַטע זאָל איר ברענגען אַ פּאָר צעריסענע טשאַפּטשעס פון דאָרף, צי פון עמעצן פון זיינע גבֿירישע קונים. און דאָ נישט לאַנג צוריק איז זי דאָך אַהיימגעקומען אין אַ קלייד אָן לעכער. ער האָט זי קיין מאָל נישט געפרעגט פון וואַנען זי האָט עס גענומען. וואָס האָט ער געהאַט צו פרעגן? זי האָט זיך דאָך געפלעגט אַרומשלעפּן אין מאַרימלס אַ האַלקע וועלכע האָט געהאַט עפּעס אַ בייזע גבֿורה און האָט באַוויזן צו באַקליידן אַלע פינף שוועסטער פאַר בינהלען. מיטן ברודערס אַן אַלטן צעפּליקטן קאַפּטנדל, פאַרשטאָכן מיט אַ פאַרזיכער־נאָדל האָט בינהלע אָט די האַלקע גע־פלעגט טראָגן — אַ מלבוש אַזאַ וואָס זי האָט זיך אַליין „צוזאַמענגעקנאַלט". נו, האָט ער נישט געזאָלט אַנקוועלן פון איר בריהשאַפט?

טאַ פאַר וואָס האָט ער זי געשלאָגן מיט אַזאַ רציחה, בעת ער האָט געטראַכט אָט די אַלע טראַכטעניש? פון וואַנען האָט זי געזאָלט וויסן פון דער סכּנה וואָס האָט געלויערט אויף איר נשמה אין גוייִשן דאָרף? נישט אַנדערש נאָר אַשמדאַי אַליין האָט באַוועגט מיט זיין, מיט יאָסעלעס, האַנט. ער, דער אַשמדאַי, איז קיין מאָל נישט געווען צו ווייט פון אים, פון יאָסעלען. פון גאָר נאָענט האָט ער נאָכ־געפאָלגט זיין יעדן טראָט. ווייל ער, יאָסעלע, האָט זיך פאַרדינט, אַז מען זאָל אים פאַר די שיבֿעה־מדורי־גיהנום וואָס ער גייט אַדורך אויף אָט דער וועלט, באַלוינען מיט די שיבֿעה־מדורי־גיהנום אויך אויף יענער וועלט. דאָ איז ער געשטאַנען און געהויבן די האַנט אויף אַן אומשולדיק נפש, אויף זיין אייגן בלוט און פלייש. און דאָס איז נישט געווען קיין הייבן אַ האַנט פון יענעם מין וואָס אַ טאַטע מעג, וואָס אַ טאַטע דאַרף, כּדי אויסצוהאָדעווען אַ קינד, אַז עס זאָל ווערן אַ מענטש. אָט דאָס הייבן די האַנט איז געווען גאָר אַן אימהדיקער ענין. ווייל ער, יאָסעלע, האָט געפילט אַ חיהשן פאַרלאַנג דאָס נפש צו בענדיקן, אָוועקהרגענען — אָט דאָס טייערסטע וואָס ער האָט פאַרמאָגט אויף דער וועלט, וואָס ער האָט געזאָרגט דערפאַר מער ווי פאַר זיין אייגן לעבן. איז ער, יאָסעלע, נישט געווען גערעכט, אַז עס איז נישט פאַראַנען געווען אַזאַ זאַך ווי ליבשאַפט? אַז די איינציקע „ליבשאַפט" וואָס האָט עקסיסטירט איז געווען דעם פאָטערל סטאַניסלאַווס „ליב־שאַפט"? אַוודאי! פאָטערל סטאַניסלאַוו האָט געדאַרפט קומען אַהער און זיין עדות צו אָט דעם בילד — און האָבן זיין נקמה און זיין שׂכר. — ניין, דער רבונו־של־עולם האָט נישט געטאָרט רחמנות האָבן אויף אַזאַ מענטש ווי יאָסעלע. און דאָס וואָס ער, יאָסעלע, איז דאָס גאַנצע לעבן זיינס אויסן געווען צום גוטן, און אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט צום שלעכטן — איז קיין תּירוץ נישט געווען, בשום־אופן נישט.

און ווי ער האָט געשמיסן בינהלען מיטן קאַנטשיק, איז יאַסעלעס רציחה — אָנשטאָט זיך אויסצולאָדענען — נאָך מער געוואַקסן. ביין, נישט נאָר אויף בינהלען, נישט נאָר אויף זיך אַליין, נישט נאָר אויף די שכנות וואָס האָבן געמסרט אויף בינהלען, און זיינען אַצינד געשטאַנען אַרום אין דער „קנאַלבודע" און צו־געקוקט, צי ער באַרט זיך, חלילה, נישט אָפּ מיט די קלעפּ — נאָר אויף דעם גאַנצן סדר פון אָט דער וועלט, קעגן דער גאַנצער פאַרשאָלטענע מענטשלעכער גזע, קעגן גורל. — ווייל צוזאַמען מיטן כעס איז אין אים געוואַקסן דער צער, די פאַרלוירנקייט, דער יִאוש. ווייל וואָס האָט ער געקאָנט האָבן צו די יִדן פון שטעטל וואָס האָבן געקוקט אויף אים מיט חשד? צי צו די נשים־צדקניות וואָס זיינען געווען זיינע געטרייע שכנות? סכנה האָט געלויערט פון אומעטום, און דאָ איז אַ יִדיש קינד — זיין קינד — געווען אין סכנה שוין פאַרכאַפּט צו ווערן פון דער סיטרא־אחרא. ער, יאַסעלע, האָט געמוזט עפּעס טאָן, גלייך אויפן אָרט, צו ראַטעווען דאָס אייגענע בלוט און פלייש, צו ראַטעווען זיך אַליין! געמוזט!

אָבער ווי האָט געקאָנט זיין אַ רייד פון ראַטעווען, אויב דער עצם־תוך פון אַלץ און אַלעם איז געווען פאַרשפּילט? — ער איז געווען גערעכט אין דעם געפיל וואָס ער האָט געטראָגן זינט זיינע בלוטיקע קינדער־יאָרן, אַז אַלץ איז געווען אומזיסט. אין אים האָט די נשמה פון אַ דרייצן־יאָריק בחורל גערופן ממעמקים צו די הימלען — בעת ער האָט געשמיסן דאָס ווייכע שוואַכע גופל מיטן קאַנטשיק.

אַ פּאָר טעג האָט בינהלע זיך נישט געקאָנט רירן פון טאַטנס קלעפּ. איר לייב איז געווען צעקיילט און זי האָט געהאַט בלויע און רויטע פּרענגעס אויפן רוקן. די שוועסטער זיינען געווען גוט צו איר. פייגעלע האָט געפּרוווט זי מאַכן לאַכן מיט דערציילן איר פריילעכע מעשיות און זי האָט איר צוגעלייגט שמאַטעס מיט קאַלט וואַסער צום לייב. אַז הערשעלע איז אַהיימגעקומען און זי געזען ליגן אויפן בויך, אויף דער קויקע, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר און זי געטרייסט:

„'עסט זען, משיח 'עט שוין באַלד קומען און דער טאַטע 'עט דיך מער נישט שלאָגן".

האָט זי אים געענטפערט מיט אַ רויִק קול: „לאָז ער מיך שלאָגן. לאָז מיך משיח אויך שלאָגן, מיך אַרט נישט. כ'על מיך סיי ווי שפּילן מיט יאַדווישען".

„וואָס רעדסטע וואָס?" איז הערשעלע געוואָרן אויסער זיך. „די גויים זענען גוט צו דיר, ווייל ז'ווילן דיך אָפּשמדן".

„טאָ זאָלן זיי מיך אָפּשמדן", האָט בינהלע נאָכלעסיק אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ. „כ'וויל סיי ווי נישט זיין קיין זשידאָוועטשקע. דער יאַנקאָוועס קינד וויל עך זיין. און יאַדווישע קושט מיך..."

„ביסט משוגע ?" הערשעלע האָט זי אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן. „אַז אונ־דזער משיח ט'קומען, 'עט די גאַנצע וועלט זיך ליב האָבן. דאַמאָלס 'עלן אַלע זיך קושן. און דער טאַטע ט'אונדז אַוודאי און אַוודאי קושן. ווייל דער טאַטע האָט אונדז צום בעסטן ליב פון אַלע אין דער וועלט".

בינהלע האָט זיך פאַרטראַכט. „כ'וויס..." זי האָט זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט, אַז יאַנעק האָט אויך געשלאָגן די יאַנקאָווע ווייל ער האָט זי ליב געהאַט. זי האָט אָנגעהויבן צו ספקן צי עס האָט זיך געלוינט צו לאָזן זיך שמדן, כּדי דער יאַנקאָוועס משפּחה זאָל זי ליב באַקומען. „כ'וויס, אַז ער האָט אונדז ליב", האָט זי איבער־געחזרט. „דערפאַר שלאָגט ער אונדז".

„יאָ, דערפאַר שלאָגט ער אונדז", האָט הערשעלע איינגעשטימט. „ער איז אויסן אונדזער טובה. אָבער אַז משיח 'עט קומען, 'עט מען קיינעם נישט דאַרפן שלאָגן, ווייל אַלע 'עלן זיין ריין פון זינד. דערפאַר איז גוט צו זיין אַ ייִד".

„וואָס עפּעס ?" האָט בינהלע נישט פאַרשטאַנען.

„ווייל אונדז 'עט מען ברענגען משיחן פאַר דער גאַנצער וועלט. אָן אונדז 'עט משיח נישט קומען קיין מאָל נישט".

פאַר נאַכט איז בינהלע אויפגעשטאַנען פון דער קויקע. הגם דער רוקן האָט איר שטאַרק וויי געטאָן, איז זי אַרויסגעגאַנגען אויפן ברייטן טאָפּאָליע־וועג, אַוועק־געוואַנדערט אַזש העט ביז צו דער קרעטשמע, צו זען, צי משיח באַווייזט זיך נישט אַ מאָל. זי האָט געקוקט אין דער טיף פון וועג, און האָט אים גערופן פון דער טיפסטער טיף פון איר האַרצן. ווען זי איז צוריקגעקומען — אָן משיחן — איז שוין געווען גוט פינצטער. יאָסעלע מיט אַלע קינדער און די שכנים האָבן זי געהאַט געזוכט איבער גאַנץ באַטשאַני. ווען זיי האָבן זי דערזען אָנקומען אין געסל, האָבן זיי זיך אַלע פאַרזאַמלט פאַר דער כאַלופּע. יאָסעלע איז איר אַנטקעגנגעלאָפן, זי געכאַפּט אויף די הענט און אַריינגעטראָגן אין שטוב.

„ווו ביסטע שוין ווידער געווען, סמאַריק איינער ?" האָט ער זיך געכעסט.

זי האָט אים נישט געענטפערט. האָט ער איבערגעחזרט די שאלה. האָט זי געשטומט. ער האָט געוווסט, אַז זי קאָן זיך קוים רירן מיט איר צעוווּנדיקטן לייב, אָבער אַן עצה האָט ער געהאַט ? די איבעריקע קינדער האָבן צוגעקוקט, די שכנים האָבן אַריינגעקוקט דורך די אָפענע טיר און פענצטער. האָט ער איר געמוזט נאָך אַ מאָל פאַדאַווען.

אַז ער האָט איר פאַדאַוועט, האָט זי זיך ערשט צערעוועט : „משיחן בין עך אַנטקעגנגעגאַנגען ! כ'האָב דיר געוואָלט צושטעלן אַ בענקעלע, ר' זאָל דיך נישט אויסלייזן, ווייל ד'ביסט אַ שלעכטער טאַטע ! שלעכטער טאַטע !"

קאַפּיטל זיבן

1

דער זומער איז כּמעט געווען פאַרביי. די אָפּגעקאָסעטע פעלדער וואָס האָבן אַרומגעאָרעמט באַטשאַני ביז צום ראַנד פון די זומפּן האָבן אויסגעזען ווי בלאָנדע אָפּגעגאָלטע קעפּ, מיט די קאָרן־און ווייץ־סנאָפּעס צונויפגעבונדן, ווי פונאַנדער־געוואָרפענע צעפּ. די ימים־נוראים זיינען געקומען און אַוועק און דער גאָלדענער פוילישער האַרבסט האָט איינגענומען די וועלט מיט אַ כוואַליע פון היצן, וואָס קיינער האָט זיך אויף זיי נישט געוווּנדערט, ווייל דער פאַרגאַנגענער זומער איז אויך געווען זייער אַ הייסער.

ס'איז געווען דער זומער פון יעקבֿס מרידה.

זיין מרידה האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מיט אַ צייט צוריק — אין דער היים. זי האָט אָנגעזאָגט איר אָנקום מיטן אָפּקילן זיך פון יעקבֿס געפילן פאַר דער מאַמען. וואָס זי זאָל נישט האָבן געזאָגט, צי געטאָן, האָט אים אויפגערעגט. אַפילו דער קלאַנג פון איר ווייך וואַרעם קול האָט אַרויסגערופן אַ סקריפּעדיקן נאָכקלאַנג אין זיינע אויערן. טייל מאָל האָט ער זי פּשוט אויף די אויגן נישט געקאָנט פאַרטראָגן. אין זיינע אויגן איז זי מער נישט געווען שיין. פאַרקערט, זי איז אים אויסגעקומען מיאוס. עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז זי, מער ווי אַלצדינג אין דער וועלט, געווען אַ דאַכטעניש.

זי איז געווען אַ ליגנערין. אַלע אירע זיס־האַרציקע מעשׂיות האָבן געהאַט נאָר איין צוועק: צו שאַפן אַ תּוהו־ובֿוהו אין זיין קאָפּ. זי האָט אים צעטומלט וועגן אַלצדינג, דעם בן־אָדם, דעם רבונו־של־עולם און זיין וועלט אַריינגערעכנט. זי האָט איינגעוויקלט דעם אמת אין אַ וואַטע פון צוקערדיקע רייד, באַהאַלטן די ביטערע פּיל אין אַ לאַקריץ־צוקערל, כּדי ער זאָל זי לייכטער אַראָפּשלינגען, כּדי ער זאָל שלום מאַכן מיט דער מיאוסקייט, כּדי זיך איר אונטערגעבן; כּדי פון אים צו מאַכן אַ „ווייכע מירל‟. עס איז אים געווען אַ בושה בלויז צוצוהערן זיך ווי זי האָט גערעדט צו אירע קונים, ווי זי וואָלט גרייט געווען זיי צו קושן די הענט און לעקן זייערע שטיוול. — אָ, דאָס אַלץ איז געווען איר שולד!

ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר זיין חובֿ איר אַרויסצוהעלפן מיט וואָס ער

האָט געקאָנט, אַרויפֿגעבראַכט פֿאַר איר די עמערס וואַסער, געגאַנגען אַ גאַנג, פֿאַרטרעטן זי אין קלייטל. אָבער עס האָט אים מער נישט געאַרט צי זי האָט געלאַכט, צי געוויינט. ער האָט איסגעמיטן צו זיין אין שטוב ווען נאָר עס האָט זיך געלאָזט. און וואָס עס האָט אים צו דעם אַלעם אויפֿגערעגט נאָך מער, איז געווען איר אָננעמען זיין געביטענע אויפֿפֿירונג מיט גלייכגילט, ווי זי וואָלט גאָרנישט געהאַט באַמערקט. זי האָט אים מער נישט געקושט און ארומגעהאַלדזט ווי זי פֿלעגט דאָס אַ מאָל טאָן, אמת, אָבער דאָס איז געווען דערפֿאַר — האָט יעקב זיך דערקלערט — ווייל זי האָט איינגעזען, אַז ער איז שוין געווען צו גרויס פֿאַר אַזאַ קעכלען זיך.

ער איז איצט געווען זייער אַריינגעטאָן אין שטאַרקן דעם כוח פֿון גוף. ער איז געווען אַנטשלאָסן זיך אויסצולערנען נישט צו ווייכן פֿון יעדן געשלעג, נאָר מוטיק זיך אַנטקעגנשטעלן יעדן איינעם וואָס וועט הייבן אַ פֿויסט צו אים. אָבער זיינע חברימלעך פֿון חדר האָבן גראָד אָנגעהויבן צו פֿאַרלירן דעם חשק זיך צו בערעווען אויף אַ געלעכטער, צי אין ערנצט. אַפֿילו זיין חבר אריהלע, דער אָנפֿירער פֿון אַלע „וואָלקעס", האָט זיך לעצטנס שטאַרק געסטאַטקעוועט.

איז די איינציקע מעגלעכקייט זיך באמת אויסצולערנען ווי אַזוי זיך צו שלאָגן, געווען אין פֿאַרטשעפּען די שקצימלעך; ער, יעקב, האָט אַצינד געהאַט די באַדערפֿעניש צו פֿילן פֿיזישן ווייטיק און אים קענען פֿאַרטראָגן. זיין האַרץ האָט געברענט מיטן פֿאַרלאַנג נקמה צו נעמען אָן לאַנגן סטעפּעקן און זיין כאַליאַס־טרע. אָבער דער לאַנגער סטעפּעק און זיין כאַליאַסטרע האָבן איצטער גאַנצענע טעג אָפּגעאַרבעט אין די פֿעלדער, אַרום די כאַלופּעס, צי געדינט ביים פּריץ אין „הויף". זיין, יעקבס, אַמאָליקער חברל, בראָנעק, מאַנקע דער וועשינס זון, וואָס יעקב איז געווען מיט אים ברוגז און נישט גערעדט צו אים, האָט איצט געאַרבעט פֿאַר זיין קרוב, וואַצלאַוו, און זיך געלערנט ווערן אַ פֿייער־לעשער. איז די איינציקע מעגלעכקייט צו קומען פּנים־אל־פּנים מיט די שקצימלעך געווען אין אַ זונטיק. אָבער אין אַ זונטיק האָט קיין שום ייִד מיט קלאָרע געדאַנקען זיך נישט אַרויסגעלאָזט אין גאַס. און אַחוץ־מזה, האָט ער, יעקב, קיין מאָל נישט אַזוי מורא געהאַט פֿאַר די גויים ווי לעצטנס, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָנגעהערט וועגן די הריגות אין אַזוי פֿיל שטעט און שטעטלעך.

ער האָט אַפֿילו נישט געהאַט די געלעגנהייט זיך אַנטקעגנצושטעלן זיין מלמד, ר' שאַפּסעלען, מיט זיינע „לייג דיך אַריבער"־סצענעס, ווייל זיי האָבן זעלטן געטראָפֿן. ער, יעקב, און זיינע חברים האָבן זיך געגרייט צו בר־מיצווה, און דער רבי האָט געהאַט דרך־ארץ פֿאַר בר־מיצווה בחורימלעך. דאָס איינציק־גוטע פֿון דעם אַלעם איז געווען, וואָס ער, יעקב, האָט געהאַלטן ביים פּטור ווערן פֿון דעם „אַשמדאַי" און אָנהייבן אַליין לערנען, אין בית־מדרש, צי אפֿשר גאָר אָוועק אין אַ ישיבה. ווייל נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט „פּיזישע",

פּראַקטיש־ערדישע רעיונות, האָט ער נישט געקאָנט אָפּלאָזן דאָס לערנען. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער מוז דאָס אַלץ טיף אַדורכאַקערן, קענען די הייליקע ספרים אַזוי גוט ווי נאָר מעגלעך, פּונקט ווי ער האָט געמוזט קענען מוטיק זיך שלאָגן.

אריהלע איז איצט געווען דער איינציקער וועמען יעקב האָט ליב געהאַט. אין אָט די לעצטע הייסע אָוונטן האָבן די צוויי יינגלעך אַרומגעוואַנדערט איבער די געסלעך און סטעזשקעס. די לופט איז געווען אַדורכגעזאַפּט מיט די ריחות פון האַרבסטיקע בלומען און פון צייטיקע פּרוכטן. אָבער זיי צוויי האָבן נישט באַמערקט די וועלט וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט. זיי האָבן פאַרגעבראַכט פסוקים, געפּשטלט, זיך געשפּאַרט און דערנאָך פאַרפאַרן מיטן שמועס צו ענינים וואָס זיינען געווען נאָך נענטער צום האַרצן, און דער עיקר צו דער שאלה: וואָס דאַרפט מען טאָן? — יאָ, עפּעס האָבן זיי געמוזט טאָן, כּדי אַרויסצובורענגען דעם כּעס, די אימה, די אומ־צופרידנקייט מיטן סדר פון דער וועלט.

ווי שטאַרק זיי זאָלן נישט וועלן, האָבן זיי מער נישט געקאָנט געפינען קיין פאַרגעניגן אין אַרומרודערן, שלאָגן זיך, אָפּטאָן שטיק אָט סתם אַזוי. הגם אַריהלע איז געווען אַ מוטיקער און שטאַרקער און ער האָט געלערנט אַלע מינים שפּיצלעך פון די קצבים־יונגען, און אַפילו געוווסט ווי זיך אומצוגיין מיט אַ האַק, איז ער איצט מיט ווייניק וואָס געווען אַנדערש פון יעקבן. אויב אָפּטאָן אַ שפּיצל, האָט עס געמוזט האָבן אַ זינען, אַ באַטייט. עפּעס מער האָט געמוזט שטעקן דערין ווי בלויז צעשטערערישקייט, צי להכעיסדיקייט. דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן געלערנט אין חדר, צי פון די יידן אין שטעטל האָט צו טיף געהאַט אַריינגעדרונגען אין זייערע נשמות, זיי אַדורכגענומען ביז צום מאַרך פון דיביינער. די לאַסט פון אחריות האָט זיי באַוויזן אַראָפּצופּרעסן די אַקסלען, נאָך איידער זיי זיינען בר־מיצווה געוואָרן.

דער גרעסטער אויפטו, דער בעסטער באַווייז פון זייער דרייסטקייט, וואָס יעקב און אריהלע האָבן געקאָנט צוטראַכטן, איז געווען זיך אַוועקצולאָזן פון די שטעטלשע געסלעך אין אַזאַ אָוונט און נעמען שפּאַצירן דורך דאַרפישע שטעגן.

די כלאָפּעס מיט זייערע משפּחות זיינען געזעסן אויף די שוועלן, צי לעבן די כאַלופּעס און האָבן גערוט. אַנדערע האָט מען געקאָנט זען דורך די אָפענע טירן און פענצטער זיך גרייטן צום שלאָפן גיין; זיי פלעגן זיך דאָך לייגן „צוזאַמען מיט די הינער״. די יינגלעך האָבן זיך צעוואַנדערט איבער די פעלדער. טייל סנאָפּעס האָבן אויסגעזען זיך צו באַוועגן, זיך וויגן, ווי זיי וואָלטן באַלעבט געוואָרן. פאַרשטיקטע קלאַנגען האָבן זיך געהערט פון זייערע אינגעווייַדן, קולות אָדער פון שדים, אָדער פון פויערשע פּאַרלעך. מען האָט געדאַרפט פאַרמאָגן אַ סך מוט זיך צו באַהאַלטן הינטער אַזאַ סטויג, אַ צעוויגטן שטרוייקן פאַרזעעניש, און זיך איינהערן.

אריהלע האָט אַ סך געוווּסט וועגן זכרים און נקבות, נישט בלויז פון דעם וואָס מען האָט געלערנט אין חדר, נאָר אויך פון די קצבים־יונגען. מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן האָט ער געלערנט יעקבן די געפּעפּערטע ווערטער און זיך געטיילט מיט אים מיט די צעטומלענדיקע, סודותדיקע פּרטים וואָס ער האָט געטראָגן איינגעשלאָסן אין זכּרון. פאַר אַזעלכע זאַכן האָט מען געדאַרפט פאַרמאָגן ערשט אַ באַזונדערע דרייסטקייט. ס׳איז גאַרנישט געווען לייכט צו וואַנדערן איבער די דערפער און פעלדער אין דער פינצטער, זיך צוצוהערן צו די משונהדיקע פליס־טערייען צווישן די סנאָפּעס, און דערנאָך רעדן וועגן דעם אַלעם מיט אריהלען. יעקב האָט קוים געקאָנט אַנהאַלטן דעם רויִקן, פּאַמעלעכן טראָט. אַ פּרעסטל איז געקראָכן איבער זיין רוקנביין, אַ צאָן אַן אַ צאָן האָט אים געקלאַפּט. — און אריהלע איז מער נישט געווען קיין אָנשפּאַר פאַר אים. עס זיינען אַוועק די צייטן ווען ער האָט זיך געפילט מיט אריהלען ווי אונטער אַ באַשיצנדיקן פליגל. גראָד פאַרקערט. ער, יעקב, האָט אָפט מאָל געפילט, אַז אריהלע, נישט געקוקט אויף זיין בקיאות און דרייסטקייט, האָט אַרויפגעקוקט צו אים, געזוכט ביי אים אַן אָנשפּאַר, אַן עצה. אַריהלעס נשמה האָט געברויזט אין אומרו און צעטומלעניש.

בעת איינער אַזאַ וואַרעמער לבנה־נאַכט, ווען זיי האָבן געוואַנדערט לענג־אויס דעם ברייטן טאָפּאָליע־וועג אין דער ריכטונג צוריק צום שטעטל, האָבן זיי באַמערקט די פיגור פון אַ מאַן אַריבערשפּרינגען דעם גראָבן, פאַרנעמען זיך אַרויף איבערן פעלד, צום דאָרף. אריהלע האָט זיך אָפּגעשטעלט, ראַפּטעם, ווי אַ דונער וואָלט אים געטראָפן.

„ס׳ט אים געזען?״ האָט ער אַ שטאַמל געטאָן. „דאַכט זיך... דאַכט זיך, אַז ס׳איז מיין טאַטע!״

יעקבן האָט זיך אויך אַזוי געדאַכט, אָבער ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. „מאַך דיך נישט צו נאַר... ווו וואָלט דיין טאַטע געלאָפן אַצינדער... אַזוי שפּעט?״ דאָס האַרץ האָט אים גענומען קלאַפּן גאָר ווילד.

„קום אים נאָכיאָגן! ר׳איז אין אַ סכּנה!״

„ווי גאָט איז דיר ליב, הער אויף, אריהלע״, האָט יעקב געפּרעפּלט. „ס׳איז... ס׳איז בלויז אַ דאַכטעניש״.

אריהלע איז אַריבערגעשפּרונגען דעם גראָבן. נישט געווען קיין אַנדערע ברירה ווי אים נאָכטאָן. ער, יעקב, איז געווען אריהלעס חבר. ער וועט אים ביישטיין, און זאָל געשען וואָס עס וויל. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין אַן אָנאָטעמדיקן גאַלאָפּ איבערן פעלד. ס׳איז איסגעקומען ווי מען וואָלט געלאָפן אין אַ חלום. האָט אָט די גרויסע שוואַרצע פיגור וואָס האָט דאָרט דערגרייכט צום דאָרף געקאָנט באמת זיין פישעלע דער קצב, אריהלעס טאַטע, זיין פלייש און בלוט?

אין די פענצטער פון די כאַלופּעס זיינען די ליכטער אויסגעגאַנגען איינס

נאָכן אַנדערן. די ייִנגלעך זיינען אַצינד געלאָפן אין שטאָק־פינצטערניש לענג־אויס דער דאָרפסטעזשקע. די פיגור פאַר זייערע אויגן האָט אויפגעהערט לויפן און האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר מאַגדאַ דער אַלמנהס כאַלופע, אַריינגעקוקט אינעווייניק דורכן פענצטער. מיט אַ מאָל איז די פיגור נעלם געוואָרן אין דער שוואַרצקייט פון דער כאַטע. די ייִנגלעך האָבן זיך אויטאָמאַטיש אַ כאַפּ געטאָן פאַר די הענט, געשטאַרט איינער אויפן אַנדערן. איז דאָס אַלץ געווען אויף דער וואָר? האָבן זיי באמת געזען דאָס וואָס זיי האָבן געזען? אריהלע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן אַ בוים ביי דער זייט פון דעם שטעג.

„אוי, גאָט...” האָט ער געמורמלט. „וואָס ’על עך אַצינדער טאָן?”

יעקב האָט זיך אַראָפּגעזעצט לעבן אים. „ס’איז נישט זיכער, אַז דאָס איז געווען דיין טאַטע”, האָט ער געקרעכצט. „און... און אויב יאָ, איז ער אַוודאי אַריינגעגאַנגען אָפּטראָגן אַ שטיקל פלייש...”

„כשר פלייש? פאַר מאַגדאַן דער אלמנה? אוי, יעקב, לאָז מיך צו רו”. אריהלע איז אַרויס מיט אַ געוויין. „דו האָסט נישט אַזאַ פאַרשאַלטענע, אומגליק־לעכע בריאה פאַר אַ טאַטן ווי איך...”

„איך האָב אין גאַנצן קיין טאַטן נישט...” האָט יעקב געשטאַמלט. ער האָט געוווּסט, אַז אריהלע איז געווען אייפערזיכטיק אויף אים, צוליב זיין פאַר־שטאָרבענעם טאַטן, דעם שיינעם ייִד, צוליב זיין גרויסן ייִחוס — צי אפשר איז אריהלען סתם אַ בושה געווען פאַר זיין אייגענעם טאַטן, וועמען ער האָט, נישט געקוקט אויף אַלץ, שטאַרק ליב געהאַט. „קום אַריהלע”, האָט ער זיך ביי אים געבעטן. „איך בין זיכער, אַז עס איז נישט געווען...”

„און איך בין זיכער, אַז יאָ...” האָט אריהלע געקלאָגט. „ר’איז זינדיק פון קאָפּ ביז די פיס, אַ חיה איז ער, נישט קיין מענטש. נאָר ר’וויל... ר’וויל אַזוי שטאַרק זיין גוט... אַ גוטער ייִד”.

„ער איז...” יעקב האָט אים געצויגן פאַרן אַרבל. „קום, לאָמען גיין”.

„גיי, אַז ד’ווילסט. איך בלייב דאָ. כ’מוז אים זען”. האָט אריהלע אַנטשלאָסן געדרייט מיטן קאָפּ. „דער... דער אורח, געדענקסט אים? ר’האָט צוגעגנבעט אַ פּאָר זילבערנע לייכטערס, אָבער אַנשטאָט דעם האָט ער איבערגעלאָזט עפּעס געפּערלעכס אין מיין הויז, ד’הערסט יעקב? עפּעס מסוכנדיקס! דו ווייסט נישט, ווייל מען זעט דאָס אויף מיין טאַטן נישט אָן. אָבער מיך קאָן ער נישט גענאַרן. אוי, רבונו־של־עולם, עך בין זיין זון און עך קאָן אים נישט ראַטעווען, און נישט פאַר־היטן אים פון זיין שרעקלעכן יצר־הרע. יעקב!” ער האָט אָנגעכאַפּט יעקבן פאַר דער פאַלע. „כ’גיי אַראָפּ פון זינען. זאָג מיר וואָס צו טאָן. ד’ביסט מיין איינציקער חבר אין דער גאַנצער וועלט”.

„דאָס... דאָס מיינט נישט, אַז עך ווייס...” האָט יעקב געשטאַמלט. „איך מיין, אַז דו קאָנסט דיך האָבן טועה געווען. דיין טאַטע... וואָלט אַזעלכע זאַכן נישט

געטאָן... אַלע מענטשן פון באַטשאַני האָבן אים גערן און האָבן דרך־ארץ פאַר אים".

„ז'קענען אים נישט". אריהלע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געהאַלטן די פאַרטרערטע אויגן אויף די פענצטער פון מאַגדאַס כאַלופּע.

„אָבער דו האָסט אים אַזוי ליב, טאָ ווי קאָנסטו קלערן, אַז..."

„ווייל עך האָב אים ליב, ווייס עך... ער איז אַנדערש ביי טאָג און אַנדערש ביי נאַכט... די גרעסטע זינד ווערן אָפּגעטאָן ביי נאַכט".

יעקבן איז געקומען אויפן זינען די איבערלעבעניש מיט די שקצימלעך. „ד'ביסט דיך טועה", האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ. „די גרעסטע זינד ווערן אָפּ־געטאָן אין מיטן העלן טאָג".

אריהלע האָט אומגעדולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „ביי טאָג איז ער אין דער יאַטקע. שפּעטער זיצט ער אָפּ אין שוחטס הויז. ער וואָלט גאָרנישט אָפּגעטאָן אין מיטן העלן טאָג, פאַר וואָס פאַרשטייסטע דאָס נישט?"

„טאָ לאָמען צוגיין צום שוחטס הויז נאָכקוקן... 'עט מען ווייסן אויף זיכער", האָט יעקב פאָרגעשלאָגן.

אריהלע איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, כמעט האָפּערדיק. „גוט, לאָמען לויפן נאָכקוקן". ער האָט אַ ציי געטאָן יעקבן פאַרן אַרבל און זיי האָבן זיך נאָכגעלאָזט לויפן אין דער ריכטונג פון שטעטל.

זיי האָבן אַריינגעקוקט אין שוחטס הויז דורך דעם אָפענעם קיכפענצטער און דורכן פענצטער פון שכנותדיקן צימער. אינעווייניק, אין דער גרויסער שטוב, איז געזעסן שרה־לאהלע די שוחטקע און געשפּונען אירע מעשיות פאַר די ווייבער וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט. אין דער קיך וואָס איז אויך געווען פול־געפּאַקט, זיינען געזעסן די מאַנספאַרשוינען אויף די בענק אַרום טיש, צי זיינען געשטאַ־נען אַרום, אָנגעלענט אָן דעם קיכמעבל, צי אָן די ווענט, אַלע פאַרזונקען אין שווייגן. טייל האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי קוקן אַריין אין די אָפענע גמראס אויפן טיש, אַנדערע האָבן געהאַלטן אָפענע ספרים אין די הענט. אין דער אמתן האָבן זיי זיך אַלע צוגעהערט צו שרה־לאהלעס קול וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער שכנותדיקער שטוב.

נישט געווען אינעווייניק קיין שפּור פון פישעלען.

פאַמעלעך האָבן זיך די צוויי ייִנגלעך אומגעקערט און מיט אַ מאָל זיך נאָכ־געלאָזט אין אַ געלויף צו אריהלעס שטוב. אפשר איז פישעלע געווען אין דער היים, אין בעט, און געשלאָפן ווי קיין מאָל גאָרנישט? אריהלע האָט געלאָזט יעקבן וואַרטן דרויסן און איז אַריינגעשפּרונגען אין הויז. באַלד איז ער געווען צוריק אויפן הויף. ער איז זיך ערשט רעכט פאַרגאַנגען אין אַ יאָמער. „איך גיי מיך אָוועקהרגענען", האָט ער געגייוועט.

„כ'בעט דיך, רעד נישט אַזוי..." האָט יעקב, ווען די טרערן האָבן גע־שטיקט אין קעל, זיך געבעטן ביי אים. ער האָט אַראָפּגעשלעפּט אריהלען אויפן

ראַנד פון דער פלומפּ וואָס האָט זיך געפונען אויפן הויף, לעבן אַ קאַרשנבוים. דער בוים האָט געליכטיקט מיט רויטע קאַרשן, ווי מיט קליינע ליכטלעך פון רויטן בלוט. יעקב האָט אָנגערירט דעם חברס צעציטערטן אַקסל. „כ׳בעט דיך, אריהלע, וויין נישט״, האָט ער איבערגעהזרט מיט אַ געבראָכן קול.

„כ׳האָב פאַרלוירן מיין טאַטן... מיין פאַרשאָלטענעם, אומגליקלעכן טאַטן... כ׳על מיך אָוועקהרגענען...״ האָט אריהלע זיך נישט געלאָזט טרייסטן.

„טאָ ׳על איך מיך אויך אָוועקהרגענען צוזאַמען מיט דיר״, האָט יעקב נאָכגעגעבן. „די וועלט איז סיי ווי נישט ווערט, אַז מען זאָל אין איר לעבן״. — די נאַכט האָט געשמעקט פאַרשיכּורנדיק. יעקב האָט מיט אַ מאָל דערשפּירט ווי די ריחות פון וועלקנדיקע בלומען, פון צייטיקע פרוכטן, פון די הויפּנס פון די ערשטע אַראָפּגעפאַלענע בלעטער נעמען אים אַדורך צוזאַמען מיטן וואַרעמען ווינטל וואָס האָט אים געפעכערט אין פּנים. עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער איז נישט אין גאַנצן געווען גערעכט אין זיין מישפּט איבער דער וועלט. „אפשר...״ האָט ער אַ מורמל געטאָן, „אפשר איז פאַראַנען אַ סיבה פאַר וואָס אונדז זענען מיר דאָ. אפשר איז אונדז געגעבן געוואָרן עפּעס אויפצוטאָן... און דאָס איז דער אופן... אַז מען זאָל זיך דאָס קלאָר מאַכן ?״

„לייכט דיר אַזוי צו רעדן״, האָט אריהלע זיך געווישט דאָס פּנים מיטן אַרבל. „מיין טאַטע איז אַריין דרינען... צו מאַגדען״.

„ס׳איז מיר נישט אַזוי לייכט צו רעדן ווי ד׳מיינסט״, האָט יעקב געפּליטערט. „אָבער טאָמער זענען מיר אונדז געמיינט געוואָרן צו ראַטעווען די וועלט, מיינט דאָס ראַטעווען דיין טאַטן אויכעט. אפשר איז דאָס אונדזער גורל... די שליחות, און... יאָ, אַפילו אויב דאָס איז נישט געמיינט צו זיין אונדזער שליחות, קאָן מען דאָס מאַכן פאַר אונדזער שליחות. ווער קאָן אונדז אָפּהאַלטן ?״

אריהלע האָט זיך געווישט דאָס פּנים און אָנגעקוקט יעקבן מיט אַ פאַרוואורף. „ד׳ווייסט גאַנץ גוט ווער״, האָט ער אַ וווייז געטאָן צום הימל.

„פאַר וואָס זאָל ער ? אונדז זענען מיר דאָך אויף זיין צד״.

„און פון וואַנען ווייסטו אויף וועמעס צד ער איז ?״

„לאָמען נישט לעסטערן, אריהלע״, האָט יעקב זיך ביי אים געבעטן.

אָבער יעקב האָט בשום־אופן נישט געקאָנט אויפהייטערן אריהלען דעם אָוונט. די צוויי ייִנגלעך זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען איינגעשרומפּענע, פאַרקנוילטע אין זיך, ווי צוויי פלוצעם־איבערגעריסענע פעדעם.

2

יעקב איז זייער אָפּט אַהיימגעקומען גאָר שפּעט אין אָוונט. די גאַנצע פרייע צייט זיינע האָט ער פאַרבראַכט מיט אריהלען, וועלכער איז געווען אויסער זיך

פון צער און האָט זיך שטאַרק געגייטיקט אין אים, יעקבן. — און יעדער מאָל וואָס יעקב האָט זיך באַוויזן אין דער בוידעמשטוב האָט הינדעלע געוואַרט אויף אים. זי האָט פאַרריכט די קינדערס בגדים, צו געצירעוועט זייערע זאַקן. די מיידלעך און שלום זיינען שוין געשלאָפן. יעקב האָט זיך באַגעגנט מיט הינדעלעס בליק וואָס האָט אים דערציילט ווי שטאַרק זי האָט איבערגעקלערט. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער באַמערקט זי לגמרי נישט און האָט זיך געגרייט צום שלאָפן גיין.

און דאָ האָט ער איין אָוונט, קעגן זיין ווילן אַרויסגעפּלאַצט: „ד'מוזסט נישט אויפזיצן און וואַרטן אויף מיר יעדער נאַכט. כ'בין נישט מער קיין קינד".

„ביי מיר עסטו שטענדיק זיין אַ קינד, יעקב", האָט זי אים געענטפערט אין אַ פליסטער און אויך זיך געגרייט צו גיין שלאָפן. „עך קלער איבער ווען קיינער קאָן דיך נישט געפינען און ד'קומסט נישט אַהיים אין אַ מענטשלעכער שעה..."

„טאָ הער אויף איבערצוקלערן!" האָט ער אַרויסגעסיקעט. „דער טייוול 'עט מיך נישט נעמען!" ער האָט באַדויערט די רייד. ער האָט געוווּסט, אַז ער טוט איר וויי. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. „גוט אויף איר!" האָט ער אינעווייניק, אין זיך, געברויזט. „ס'זענען מיר נימאס אירע אייביקע זאָרגן..." — אויפן געלעגער האָט ער זיך באַמיט נישט צו טראַכטן וועגן איר, נאָר זיך אָפּגעגעבן מיט די מחשבות וועגן אריהלען און מיט פלענער ווי צו העלפן דעם חבר.

פראַכטפולע האַרבסטטעג זענען נאָכגעקומען איינער נאָכן אַנדערן. דיביימער האָבן זיך געטונקען אין כלערליי מינים גאָלד, ברוין, געל און פורפור, אין פאַרבן קיין מאָל נישט געזעענע, נישט געחלומטע. באַטשאַני האָט זיך געבאָדן אין ליכט פון אָט דעם יום־טובדיקן פאַרגיי פון אַלעם וואָס וואַקסט, זיך נחתדיק געוואַרעמט אין דעם לעצטן וואַרעמען גלעט פון דער צערטלעכער זון.

אין די אָוונטן איז גרויס און קליין געווען דרויסן, כדי אַריינצוכאַפּן אָט די מתנה, די לעצטע, פון מילדער לופט. די ווייבער האָבן געשמועסט פּאָר די הייזער. מאַנספּאַרשוינען מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן האָבן שפּאַצירט אַהין און צוריק איבערן שטויביקן מאַרקפּלאַץ, צווישן די בערגלעך מיסט; אַפילו דער רב מיט זיין סוויטע איז געווען צווישן זיי, אַ באַקליידטער אין זיין טיזליק, אין די ווייסע זאָקן און גרויסע לאַטשן. חברה יונגוואַרג האָט געצויגן צום „אונטערן הויף", בחורים אויף איין זייט גאַס, די מיידלעך אויף דער אַנדערער.

די קינדער, נאָך באַרוועס, האָבן געקאַפּעט די בערג מיט גאָלדענע אַראָפּגע־פאַלענע בלעטער וואָס האָבן צוגעדעקט די ערד אין שטאָטגאַרטן. זיי האָבן גע־מאַכט קאָזשלעקעס איבער די ווייכע הויפנס בלעטער, געגראָבן טונעלן אין זיי, צו געקליבן די שענסטע בלעטער, איינעם ביי איינעם און זיי פאַרזיכטיק געזאַמלט אין די פּויסטלעך, עלעהיי די בלעטער וואָלטן געווען שטיקער צירונג. אַ שאָד געווען צו האָבן פאַרבראַכט אין חדר אָט די לעצטע שעהען פון דער נאַטורס

שפּילעוודיקייט, און מען האָט זיך דאָס אין אָוונט, אויף דער גיך געמוזט אָפּנעמען. האָבן טאַקע גאַנצע כמאַרעס חדר־יִינגלעך זיך געלאָזט צו די פעלדער, די זומפּן, מיט אַ שימחה, ווי מען וואָלט איבערגעלעבט אַ מין פאַרקערטן פרילינג. ווייל איצט האָבן זיי באַגלייט מיט די אויגן די באָטשאַנעס אין זייער אָפּפלי.

יעקב האָט באַטראַכט די צעיאַכמערטע חדר־יִינגלעך און ער האָט ערשט קלאָר געפילט ווי ווייט ער איז אָוועק פון דער אומשולד פון זיינע קינדער־יאָרן. וואָס שענער עס איז דרויסן געווען, דאָס טיפער, דאָס טונקעלער האָט גע־האַרבסטיקט זיין האַרץ. טיר און פענצטער זיינען געשטאַנען אָפן צום דרויסן. די שטיבער זיינען נאָך געווען איינס מיט די הייף, די גערטנער, די סעדער, מיט דער ערד און מיטן הימל. גאָטס וועלט נאָך אַלץ איין יום־טוב, אַלץ אַרומגע־האַלדזט ווי מיט מוטערלעכע אָרעמס. — און דאָ האָט ער, יעקב, אַדורכגעקוקט דורך דעם ליגן וואָס די נאַטור האָט אויפגעשפּילט פאַר די חושים. — און ער האָט זיך געפילט אַרומגעהאַלדזט פון די אייזיקע אָרעמס פון איינזאַמקייט — נישט בלויז זיין איינזאַמקייט, נאָר אויך זיין חברס, אריהלעס, און אויך די איינזאַמ־קייט פון יעדן בן־אָדם, די איינזאַמקייט פון אָט דער פיינלעך־שיינער וועלט, וועלכע האָט איצט, אין איר וועלקן, געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי שמייכלט, אַז זי האָט פאַרגעסן דעם פּראָסטיקן גרוי פון ווינטער וואָס איז געשטאַנען פאַר איר טיר.

נישט פאַראַן געווען גאָרנישט, נישט פאַראַן געווען קיינער, אָן וועמען זיך אָנצושפּאַרן, ביי וועמען צו געפינען אַ טרייסט — סיידן זי ווידער אָפּזוכן ביי אָט דער אָפּגעפרעמדטער, אייביק פאַרזאָרגטער ייִדענע, וואָס האָט זיך גערופן מאַמע, וואָס מיט איר איז מער קיין בשותפותע שפּראַך נישט געווען.

דאָס זיצן איבער די ספרים און לערנען האָט לסוף אויך פאַרלוירן יעדן זינען. יעקב איז נאָכלעסיק געוואָרן אין לערנען און האָט אויסגעמיטן די ספרים ווען נאָר עס האָט זיך געלאָזן.

ער איז שלעכט געשלאָפן, אָפּגעלעגן שטיקער נאַכט אַ וואַכער אויפן שטרוי־זאַק, לעבן דעם שלאָפנדיקן ברודער, שלומען. גאָר אָפט, ווען די לבנה האָט גע־שטאַרט אויף אים פון סאַמעטענעם הימל, דעם באַהאַנגענעם מיט גרויסע שטערן, ווי מיט שטיקער צירונג, האָט זיך אים געוואָלט וויינען. ער האָט געבענקט נאָך דער מאַמעס אָרעמס אָרום זיין נאַקן. ער האָט זיך געפילט שטאַרק שולדיק לגבי איר. לעצטנס האָט ער אויפגעהערט איר אַרויסצוהעלפן. „נישט גענוג דאגות האָט זי אָן מיר ?״ האָט ער זיך פאָרגעוואָרפן. „פאַר וואָס גיב איך איר נאָך אַ צולאָג ? וואָסאַרא בייזער שד האָט זיך דאָס אַריינגעצויגן אין מיין האַרץ ? צי אפשר איז ער תמיד אין מיר געזעסן, און האָט בלויז אַצינדער געפונען אַ פורטקע צום דרויסן ?״

ער האָט געפרווּט צוריקרופן זיינע מחשבות פון פאַרגאַנגענעם פסח, ווען ער האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיט דער חכמה פון די גרויסע רבנים. אָבער אָט

די מחשבות האָבן אים איצט אויסגעזען דומפּיק. ער האָט גיכער געפֿילט אַ כּעס אויף די רבנים, אַ כּעס אויף אים, דעם אַלמעכטיקן אַליין.

אין גערדאַנק איז ער איבערגעגאַנגען באַקאַנטע פּסוקים וועגן שכר און עונש, וועגן מישפּט אויף יענער־וועלט. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געהאַט קיין ווערט, קיין באַטייט אַנטקעגן איין מענטשלעכער טרער אויף אָט דער וועלט — זיין מאַמעס טרער. ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט מוחל זיין דעם אַלמעכטיקן דאָס פֿאַרטיילן די מענטשן אין רייך און אָרעם, אין ייִד און גוי. ער, דער אייביקער, האָט מער נישט ווי חוזק געמאַכט פֿון מענטש, מיטן באַשאַפֿן דעם ייִד יעזוסן, וואָס צוליב אים האָט אַ תּהומיקע פֿײַנטשאַפֿט איינגעטרעטן צווישן ייִד און גוי, בעת דער ייִד איז תּמיד געווען דער געשלאָגענער. יאָ, ווי האָט דער אַלמעכטיקער געקאָנט צוקוקן צו די הריגות פֿון זיינע געטרייסטע, די וואָס האָבן געטראָגן זיין הייליקע תּורה איבער דער וועלט?

יעקב האָט זיך נאָך אַלץ פֿון צייט צו צייט אַריינגעכאַפּט צו ר׳ סענדערלען, דעם מקובל, אָט סתּם אַזוי, אים „צוצודריקן צו דער וואַנט" מיט קשיות וואָס זיינען אים, יעקבן, דעם געגעבענעם טאָג געקומען אויפֿן זינען, למשל: וואָס וואָלט געשען ווען אדם־הראשון וואָלט נישט געגעסן פֿון עץ־הדעת, נאָר פֿון עץ־החיים? צי ער האָט געפֿרעגט וואָס עס איז געווען אויפֿגעשריבן אויף משה רבנוס ערשטע לוחות, די וועלכע ער האָט צעבראָכן. אָבער ר׳ סענדערלס תּשובות האָבן באַרויִקט דאָס געמיט נאָר אויף אַן אויגנבליק. זיי האָבן נישט אויסגעגלייכט זיינע, יעקבס, טראַכטענישן, נישט פֿאַרענטפֿערט זיינע ספֿקות.

האָט יעקב, צוזאַמען מיט אַריהלען, בעת אָט די גאָלדענע האַרבסטטעג, זיך פֿאַרנומען אָפּצוטאָן דעם רבונו־של־עולם אויף להכעיס, צי אים אויסצופּרוּוון. אין די אָוונטן האָבן ביידע ייִנגלעך געוואַנדערט איבער די שטעגן מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, זיי האָבן נישט געוואַשן די הענט פֿאַרן עסן, נישט געמאַכט קיין המוציא און אָפּגעטאָן צענדליקער אַנדערע קליינע עבֿירהלעך.

הינדעלע האָט באַמערקט יעקבס קרומע פֿירעכצער און האָט אים געמאַכט פֿאַרוואָרפֿן מיט אַ פֿאַרייִאושט קול. זי איז געווען אויפֿגערעגט, און ער, יעקב, האָט גוט געוווּסט וואָס עס פּלאָגט זי. זי האָט פֿאַרמאָגט אַזאַ פֿעיִקייט זיך צו זאָרגן „נאָ זאַפּאַס", אַז זי האָט יעקבן ממש אַרויסגעבראַכט פֿון די כּלים.

אָט האָט שלום למשל אין אַ פּאָר יאָר אַרום זיך געדאַרפֿט שטעלן צום פּריזיוו. אָבער הינדעלע האָט שוין געקאָנט שלאָפֿן קיין נעכט צוליב דעם. דאָס שטעלן זיך צום פּריזיוו האָט זיך נישט געקאָנט פֿאַרגלייכן מיטן אומגליק פֿון פֿאַרשווינדן אויף פֿינף און צוואַנציק יאָר מיט די קאַנטאָניסטן, ווי עס איז נישט לאַנג צוריק געווען אין ראַסיי. אָבער דער פּריזיוו איז אויך נישט געווען קיין קינדערשפּיל, בפֿרט פֿאַר אַ מאַמען — האָט הינדעלע דערקלערט. דערביי האָט זי

זיך געמאַכט פאַרגעסן, אַז שלום איז געווען איינגעמאַלדן אין דעם פּאָוויאַטאָווי נאַטשעלניקס ביכער צוזאַמען מיט יעקבן, ווי אַ צווילינג־ברודער, און צווילינג־ברידער האָט מען נישט גענומען.

הינדעלע האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. איצט, אין אָט דער צייט פון יאָר איז באָטשאַני פול געווען מיט די יונגע מתים, די וואָס האָבן געדאַרפט שטיין צום „לאָס" — צום גורל הייסט דאָס. דערצו האָט זיך איבער דעם געמיטלעך צעשמייכלטן שטעטל גענומען פאַרשפּרייטן אַ שמועה, אַז הגם ראָסיי האָט געליטן אַ מפּלה פון די יאַפּאַנטשיקעס, וועט זיך אַ מלחמה אויף ס'ניי צעבושעווען איבער דער וועלט. אָרעמע בחורים פון באָטשאַני, און דאָס האָט געמיינט כּמעט אַלע אין מיליטער־עלטער, זיינען געווען דאָס „כּפּרה־הינדל", ווייל די רייכע האָבן געקאָנט אונטערקויפן נאַטשאַלסטוואָ, געקאָנט „שמירן" דאָקטוירים. אַן אָרעמער בחור האָט זיך געשעצט גליקלעך, אויב ער האָט געהאַט צו באַצאָלן דעם „מאַכער" אין כוואָסטי, אַז ער זאָל אים מאַכן אַ מום: מאַכן גראָבע אָדערן אויף די פיס, צי אָפּהאַקן אים צוויי פינגער פון אַ פוס, צי אַרויסרייסן אים אַלע ציין. און דער וואָס האָט אַפילו אויף דעם לוקסוס זיך נישט געקאָנט דערלויבן, האָט געטרונקען ריצינאַייל און זיך געצערט. דאָס איז געווען דאָס ביליקסטע מיטל. — און דער סוף איז געווען, אַז די מערסטע בחורים האָט מען סיי ווי צוגענומען. אַלע האָבן געשמועסט, אַז זיי וועלן גיין אויפן ערשטן פייער, טאָמער ברעכט אויס אַ מלחמה.

נאָכן נעמען די רעקרוטן פאַרן יאָר, האָט הינדעלע זיך אַ ביסל באַרויִקט. דאָ האָט זי אויף אַ רעכטן אמת זיך גענומען זאָרגן וועגן יעקבן. זי האָט זיך נישט געפּילט ביכולת אים צו העלפן, האָט זי זיך געקלאַמערט אינעם בטחון, אַז דאָס אַלץ וואָס זי און איר מאַן, ר' כאַמעלע סופר, און זיינע, יעקבס מלמדים, און בכלל דאָס לעבן אין באָטשאַני האָבן אים געגעבן, וועט אים בייִשטיין אין צוריק געווינען דאָס גלייכגעוויכט. דאָך האָט זי נישט געקאָנט צוקוקן צו דעם וואָס געשעט מיט אים און זי האָט געפּרוווט אים דערגרייכן דורך דער מויער פון שווייגן וואָס האָט זיך אַ שטעל געטאָן צווישן זיי.

„זע נאָר, יעקב", האָט זי זיך איין מאָל אָפּגערופן מיט דעם טרויעריק־תמימותדיקן שמייכל באַהאַלטן אין די ווינקלען פון איר מויל. „ד'נעמסט דאָך נישט קיין ספר אין האַנט ווי דער טאָג איז גרויס. ס'איז טאַקע שיין אין דרויסן, אָבער זיצן מיט אַ ספר ביים אָפענעם פענצטער איז דאָך אויך אַ פאַרגעניגן".

ער האָט זיך פאַרלוירן און נישט געוווסט וואָס איר צו ענטפערן. לסוף האָט ער זיך אָפּגערופן: „כ'לערן געגנוג מיטן רבין".

„אָבער ד'האָסט דיך אַ מאָל געפלעגט אוועקזעצן ביי אַ ספר, געדענקסט?" האָבן אירע אויגן אויפגעשיינט מיט אַ פאַרבענקט ליכט, ווי זי וואָלט וועלן צוריק־רופן די קלאָרקייט וואָס איז אַ מאָל געווען צווישן זיי ביידן. „געדענקסט, ווען ד'ביסט געווען אַ קליינער, האָב עך דיר דערציילט וועגן אייבערשטנס רייטוואָגן,

אַז ער איז איינגעשפּאַנט אין די צוויי און צוואַנציק אותיות פון אַלף־בית, און אַז צוזאַמען מיט די צען ספירות זענען זיי די צוויי און דרייסיק דרכים פון חכמה, דורך וועלכע די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן? נו... ווייסן ווייס עך נישט פּונקט אַקוראַט ווי עס שטייט געשריבן אין די באַהאַלטענע ספרים. כ׳האָב נאָר געוואָלט, אַז ד׳זאָלסט דיר פאַרשטעלן... אַז ד׳זאָלסט פאַרשטיין, אַז די צוויי און צוואַנציק אותיות זענען נישט נאָר הייליק, נאָר אויך היילנדיק; אַז מען מוז זיך אָן זיי אָנהאַלטן כּדי צו קענען גובר זיין די מיכשולים פון אַלע טאָג, און סיי כּדי צו קענען זיך מיטכאַפּן מיטן רבונו־של־עולמס רייטוואַגן... אויף זיין גרויסער נסיעה, כּאַטשבי פון דער ווייטנס... מיט אַ געלייטערט האַרץ. פאַרשטייסט, די צוויי און צוואַנציק אותיות זענען די האַטשיקעס וואָס צו זיי ווערן אונדזערע נשמות צוגעטשעפּעט, פּעדעם וואָס די שכינה אַליין וועבט אויס. אגב... האָט מיר ר׳ סענדערל געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן נאָך אַ דריי און צוואַנציקסטער אות, וואָס אונדז זעט מען אים נישט, און אַז אונדז זעט מען אויכעט נישט די אותיות וואָס זענען פאַראַן אין די ווייסע שטעלן צווישן די ווערטער, און ערשט, אַז משיח ׳עט קומען, ׳עט מען דאָס אַלץ זען, און דאַמאָלס ׳עט זיך די גאַנצע תורה בכלל אַנדערש לייענען, ווייל די אותיות ׳עלן זיין אַנדערש צונויפגעפּאָרט... אָבער די זעלביקע אותיות ׳עלן דאָס זיין, יעקבשי..."

אויף מאָרגן האָט זי געזען יעקבן זיצן מיט אַ ספר ביים אָפענעם פענצטער. ער האָט געלערנט און אונטערגעברומט מיט התמדה — און דאָך זיינען די אותיות געבליבן אויפן פּאַפּיר, און די ווערטער וואָס זיי האָבן אויסגעפורעמט זיינען נישט אַריינגעדרונגען אין אים.

פון צייט צו צייט האָט ער אָפּגעריסן די אויגן פון ספר און אַריינגעקוקט אינעם גאָרטן פון די נאָנעס, צי געקוקט נאָך ווייטער — צו די פעלדער. ער האָט געזען ווי די קי גייען אַהיים פון דער פּאַשע, זיך צוגעקוקט צו די לעצט־געבליבענע בושלען אויף די דעכער. ערגעץ האָט ווער געשפּילט אויף אַ האַרמאָשקע. און ער האָט געפּרווט אַריבערקוקן איבער דעם בילד וואָס האָט זיך געשפּרייט פאַר זיינע אויגן, אַריבערהערן איבער די קלאַנגען וואָס האָבן זיך דערטראָגן פון דרויסן. אַלע קשיות זיינען זיך צוזאַמענגעשוואומען אין איינער: „וואָס איז דאָס אַלץ אויסן געווען?"

און אַז די שאלה איז איינגעשרומפּן, האָט זי זיך רעדוצירט צו אַ צווייטער איינציקער שאלה: „וואָס איז דער זינען פון מיין דאָ זיין?" — און אַז אָט די שאלה האָט זיך צוזאַמענגעצויגן, איז פון איר געבליבן די איינציקע ממשותדיקע קשיא: „וואָס דאַרף איך טאָן?" אמת, ער האָט פון דער מאַמען מער נישט געהאַלטן, אָבער ער, איר זון, האָט איר געמוזט בלייבן געטריי. און די געטריישאַפט האָט אים צו עפּעס מחייב געווען.

דאָ האָט ער זיצנדיק ביים פענצטער דערהערט הינדעלעס צעגאָסן קול: „וואָס

זיצסטע עפּעס דעם גאַנצן אויפדערנאַכט אין דער שטוב, אין דער דושנעקייט? גיי אַראָפּ, גיי דיך אַ ביסל איבער, ביסט אַזוי בלאַס". זי איז אונטערגעקומען צו אים, פאַרוואָרפן דעם אָרעם אַרום זיין אַקסל און זיך אַרויסגעבויגן דורכן פענצטער. „ביסט אַ מבין ווי ס'שמעקט אין דרויסן?" האָט זי נחתדיק אַריינגעאָטעמט. „הערסט ווי די גרילן האָבן זיך צעזונגען? ס'עט זיך מאָרגן אויך שטעלן אַ שיי־נער טאָג".

יעקב האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן איר נאָענטקייט. „כ'ווייס נישט וואָס ד'ווילסט פון מיר האָבן", האָט ער זיך אַ קאָך געטאָן און אָפּגעטרייסלט איר אָרעם פון זיך. „בין עך אין דרויסן, הייסטע מיך זיצן אין שטוב. זיץ עך אין שטוב, טרייבסטע מיך דרויסן אַרויס".

3

די שיינע טעג זיינען געווען פאַרביי. האַרבסטיקע רעגנס און ווינטן האָבן איינגענומען די וועלט. יעקב איז געזעסן אין שטוב צוליב די לעכער אין די זוילן. ס'איז געווען אָוונט. הינדעלע איז געזעסן ביים טיש, ווו דער נאַפטלאָמפּ איז געשטאַנען, און געלאַטעט גיטעלעס קליידל.

שלום איז אַריינגעקומען, אויפגעהאַנגען דעם נאַסן כאַלאַט און זיך אויך אַוועקגעזעצט ביים טיש. ער האָט לאַנג געשוויגן. זיין פּנים, נאָר פון איין זייט באַלויכטן מיטן בלייכן ליכט פון דעם לאָמפּ, האָט אויסגעזען שאָטנדיק.

„מאַמע..." האָט ער לסוף זיך אָפּגערופן מיט אַ פאַרכריפּעט קול. „אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז עך זאָל חתונה האָבן?"

אין יעקבן האָט עפּעס אַ ברען געטאָן. ער איז געווען אייפערזיכטיק אויף שלומען וועלכער האָט זיך פאַרנומען צו טאָן עפּעס ממשותדיקס: גיין אויף קעסט. אין קאָפּ האָט יעקב גיך אַדורכגעהיפּט די יאָרן ווי לאַנג אים וועט אויסקומען צו וואַרטן כּדי צו טאָן דאָס זעלבע.

הינדעלע האָט אויפגעהויבן די אויגן פון דער אַרבעט, אַ דערשטוינטע. לסוף האָט זי זיך צעשמייכלט: „אַז ד'ווילסט אַזוי, ט'מען זיך אַרומקוקן. ר' מנשהלע שדכן איז דאָך מיינס אַ גרויסער גוטער פריינד".

שלום האָט געעפּנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער איז נישט געווען קיין גרויסער ריידער. ער האָט פאַרביסן די ליפּן און אַפילו אין דער טונקל האָט מען געקאָנט זען ווי זיין פּנים איז רויט געוואָרן, טונקל־רויט.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „ס'ברענט נישט".

הינדעלען האָט מען נישט געדאַרפט לייגן קיין פינגער אין מויל, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אירע קינדער. זי האָט גלייך דערשפּירט, אַז שלום חלשט

חתונה צו האָבן, און אַז ער קלערט גאָרנישט וועגן עפּעס אַנדערש. האָט זי זיך טאַקע אונטערגעגאַרטלט מיט דער האָפענונג, אַז ר׳ מנשהלע שדכן וועט נישט האָבן די העזה איר אַליין פאָרצושלאָגן שידוכים, ווען זי וועט קומען צו אים וועגן אַ שידוך פאַר איר זון. צווייטנס, האָט זי געהאָפט, אַז דער שדכן וועט מער קיין שידוך פאַר איר נישט האָבן. זי איז דאָך שוין געווען אַן אַלטע יידענע, מיט אַ זון חתונה צו מאַכן. דאָס וואָס איר פּנים און איר גוף זיינען נאָך נישט געווען אַזוי שטאַרק גערונצלט, און בלויז די הענט זיינען געווען ביי איר שאַרסטקע־צעקנאָדערט, איז געווען ווייל זי האָט געהאַט אַ באַזונדער גוטן גאַטונעק הויט. אמת, איר נשמה האָט אויך נישט געפילט קיין גרויסע ענדערונג אין לויף פון די יאָרן. זי האָט פונקט ווי אַ מאָל געקאָנט זיך פאַרחלומען, פאַרבענקען; זי האָט ליב געהאַט אַ לאַך און אַ זינג צו טאָן. אָבער דאָס טאָג־טעגלעכע געמיט אירס איז אָן שום ספק געווען אַלט, שווער, פול מיט אימות און דאגות.

האָט זי זיך מטריח געווען צו ר׳ מנשהלען אין שטוב און האָט געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט אים וועגן איר זון שלומען — וועלכער איז, נישט געקוקט אויף זיין יונגן עלטער, געווען אַ מענטש, צו גאָט און צו לייט, מיט אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס און קיין פוילער איז ער אויך נישט געווען, נאָר געווען איז ער אַ שטילער, אַן עניוותדיקער, און אויף זיין וואָרט האָט מען מוירערן געקאָנט בויען. און ווי שיין און חנעוודיק ער איז געווען האָט זי דאָך ר׳ מנשהלען נישט געדאַרפט זאָגן. דאָס גאַנצע שטעטל מאַמעס איז דאָך זי מקנא געווען. ר׳ מנשהלע האָט דאָך אַליין געדאַרפט פאַרשטיין, אַז הינדעלע האָט נישט אונטערגעשטראָכן אָט די אַלע מעלות פון איר זון, ווי עפּעס וואָס זי האָט אויסגעזויגן פון פינגער, ווייל זי איז געווען זיין מאַמע, — און וועגן זיין ייחוס איז געווען איבעריק צו דערמאָנען.

הינדעלע איז אַוועק פון ר׳ מנשהלען אַ צופרידענע ביז גאָר. ער האָט מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן אַ שידוך פאַר איר און ער האָט זי אויסגעהערט זייער געדולדיק, הגם ער האָט זיך גראָד געאיילט צו דערליידיקן אַ וויכטיקן שידוך אין כוואַסטי. ער האָט אַריינגעשריבן שלומס נאָמען אין זיין פאַרפּעצט ביכעלע און האָט צוגעזאָגט צו טאָן וואָס ער וועט קענען. הינדעלע האָט געוווסט, אַז ער וועט ברענגען פאַר שלומען נישט סתם אַ כלה, נאָר אַזעלכעס וואָס באַטשאַני האָט נאָך נישט געזען. בעת־מעשה האָט זי אָפּגעווישט אַ טרער. צום ערשטן מאָל וועט זי בקרוב פירן אירס אַ קינד צו דער חופה. זי האָט אַזוי געציטערט איבערן גורל פון אירע קינדער... זיי וועלן אָפּער פון אונטער אירע פליגל... הלוואי זאָלן זיי זיין מזלדיק... גליקלעך.

און ר׳ מנשהלע האָט טאַקע פאָרגעשלאָגן כלות פאַר שלומען — פּערל ממש, איינע ביי איינער. די מניעה איז נאָר געווען וואָס שלום אַליין האָט זיך געקרימט ווען הינדעלע איז געקומען צו לויפן פון ר׳ מנשהלען אַ באַגליקטע, מיט אַ באַ־

שרייבונג פון אַ כלה וואָס האָט געהאַט לויטער מעלות. שלום פלעגט רויט ווערן איבער די אויערן און אַרויסלויפן פון שטוב.

אַז הינדעלע האָט אים צוגעפרעסט צו דער וואַנט, ער זאָל איר זאָגן פאַר וואָס דער שידוך געפעלט אים נישט, האָט ער געהאַט איין ענטפער: „ז'איז טאַקע אַ גוטער שידוך, אָבער נישט פאַר מיר".

„פאַר וואָס נישט פאַר דיר? ז'איז דאָך ר' שימחהלע האָלץ־סוחרס פלימעניצע. איין קלייניקייט!"

האָט ער איר צוגעוואָרפן איינעם פון זיינע שאַרפע, קלאָרע בליקן וואָס האָבן אַריינגעדרונגען גלייך אין האַרצן און האָט זיך אויפריכטיק מודה געווען: „זי קומט מיר אויס מיאוס ווי די נאַכט".

האָט הינדעלע געשטויגט: „ר' מנשהלע צערייסט זיך דעם יאַשטשיק פאַר דיר און ברענגט דיר די רייכסטע און שענסטע מיידלעך פון באַטשאַני, און ביי דיר קומען זיי אַלע אויס מיאוס ווי די נאַכט? האָסט דאָך זיי רעכט נישט אָנגע־קוקט אַפילו..."

„כ'קאָן מיר נישט העלפן..." שלום האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און מער נישט געקוקט אויף דער מאַמען.

„טאָ אפשר דאַכט זיך דיר בלויז, אַז ד'ווילסט חתונה האָבן?" האָט הינדעלע געפרוווט אויספירן.

איז שלום איין מאָל, אַ פרייטיק צו נאַכטס נאָכן עסן, געווען געצוווּנגען אַרויסצוקומען מיטן אמת און ער האָט זיך אָפּגערופן צו הינדעלען: „מאַמע..." האָט ער אַ זאָג געטאָן. „כ'וויל אַ מיידל..."

הינדעלע האָט געענטפערט מיט אַ זיפץ: „כ'ווייס..." און זי האָט אים און זיך געטרייסט: „זיי דיך נישט מצער, שלומשי. מ'עט סוף־כל־סוף געפינען וואָס ד'זוכסט".

„איך האָב שוין געפונען", האָט שלום אַרויסגעפּלאַצט.

„וואָס הייסט ד'האָסט געפונען? פלוצדאַלבן, פון דער העלער הויט?"

„נישט פלוצדאַלבן, מאַמעשי. שוין פון לאַנג. כ'וויל דינהלען, שייעלע דעם בלעכערס עלטסטע מיידל".

„ז'האָט דאָך קיין פרוטה נדן נישט!" איז יעקב אַזש אויפגעשפּרונגען.

הינדעלע האָט געדרייט דעם קאָפּ מיט גרויס שטוינען. די צייטן האָבן זיך טאַקע געביטן, גאָר אומבאַמערקט. ווי האָט איר געקאָנט איינפאַלן, אַז אירס אַ זון וועט זיך אַליין געפינען אַ כלה? זי האָט זיך אומבאַהאָלפן צעשמייכלט און אַרויסגעקרעכצט: „איין זאַך מעגסטע יאָ וויסן זיין: ליבע איז טאַקע זיס, אָבער זי שמעקט בעסער מיט ברויט". זי איז שטיל געבליבן און ערשט נאָך אַ לאַנגן שווייגן זיך אויסגגלייכט דאָס שייטל און אויסגעלייטערט דאָס פּנים. „מסתּמא ווייסטע וואָס ד'ווילסט", האָט זי אַ פליסטער געטאָן. „זאָל אַזוי זיין צום גוטן.

ווייל טאָמער ׳עט דאָס ווייב נישט געפינען חן אין דיינע אויגן, קאָנסטע זייער גיך געפינען חן אין דער סטרא־אחראס אויגן. כ׳על מ׳ירצה־השם אַריינשיקן ר׳ מנשהלען צו שייעלען דעם בלעכער״.

ביסלעכווייז איז זי הייטער געוואָרן, און אַז די צוויי טעכטערלעך וואָס זיינען בעתן שמועס אין שטוב נישט געווען, זיינען אַריינגעקומען, האָט זי זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און האָט זיי מודיעה געווען, אַז מסתמא וועט זייער ברודער שלום בקרוב אַ חתן ווערן.

דעם זעלביקן האַרבסט האָט שלום חתונה געהאַט מיט דער צו וועמען זיין האַרץ האָט געגלוסט. ס׳איז געווען אַן אָרעמע וואָכעדיקע חתונה, אָבער אַ געמיט־לעכע. און פאָרגעקומען איז זי אין נעכעלעס און דעם שמש ר׳ לייבעלעס דירה. ווייל נעכעלע די געשטופּלטע איז געקומען זיך איבערבעטן מיט הינדעלען און האָט איר פאַרגעשלאָגן צוליב באַקוועמלעכקייט וועגן צו פּראַווען די שימחה ביי איר. הינדעלע האָט איינגעשטימט. ס׳איז געווען אַ מיצווה צו באַלעבן נעכעלעס שטוב מיט אַ ביסל הייטערקייט. און זי האָט נעכעלען און דעם שמש געלאָזט זיך פאָרען אין דער שטוב ווי זיי וואָלטן טאַקע געווען די אמתע מחותנים. בעת דער חופּה האָט נעכעלע געוויינט פון געריהרטקייט. הינדעלע האָט געקוקט אויף איר זון, דעם חתן, און זיך דערמאָנט די נאַכט ווען זי האָט אים געבוירן. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן געגליט מיט שטאָלץ און איר האַרץ איז פול געווען מיט תפילה, אָבער גראָד האָט זיך איר געגלוסט צו כאַפּן אַ טענצל און נישט צו וויינען. און ווען די קאַפּעליע האָט זיך צעשפּילט, האָט זי טאַקע מיטגעטאַנצט דעם „פּאַטשער״.

אויף מאָרגן נאָך דער חתונה האָט שלום אַרומגעבונדן די לענדן מיט אַ שטריק און זיך געשטעלט אַרבעטן אויפן פּאַטשעיאַוו — ווי אַ טרעגער.

און וואָס מער צייט עס איז פאַרביי פון זיין חתונה, דאָס גליקזעליקער זיינען סיי הינדעלע, סיי שלום געווען. סוף־כל־סוף איז פּרנסה ביי זיי ביידן נישט געווען דער סאַמע עיקר, ווי לאַנג עס איז געווען אַ שטיקל ברויט מיט הערינג, צי אַפילו אָן הערינג, צו נעמען אין מויל, אַז מען זאָל זיך נישט לייגן שלאָפן אויפן ניכטערן מאָגן. און שלום איז געבליבן אַ גוטער לערנער, אַ מתמיד. אַפילו ווען ער האָט געוואָרט אויף אַ קונה, אויפן פּאַטשעיאַוו, איז ער געשטאַנען אָנגעלענט אָן דער מויער און האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר. סיי הינדעלע, סיי ער האָבן געוווּסט, אַז דער רבונו־של־עולם האָט געוואָלט, אַז דחקות און לומדות זאָלן גיין האַנט אין האַנט אין זייער משפּחה. אפשר דערפאַר האָבן סיי דחקות, סיי לומדות געהאַט אַ זיסערן טעם.

יעקב האָט דעם ברודערס און דער מאַמעס נאָכגיביקייט צו גאָטס משפּט נישט געקאָנט פאַרשטיין און נישט געוואָלט אָננעמען. זיין אומרו און אויפגערייצטקייט

האָבן וואָס אַ מאָל אָפּטער געגומען אַרויסקומען צום דרויסן. ער איז נאָך אומגע־דולדיקער געוואָרן מיט דער מאַמען. איר געמיטלעכקייט און מילדקייט, וואָס האָבן אים אַ מאָל געגלעט דאָס האַרץ, האָבן אים וואָס אַ מאָל מער אויפגערעגט. מיט שלומען האָט ער איבער הויפּט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט. ווי האָט שלום געקאָנט זיין אַזאַ אייגנגוציקער און נאָר קלערן וועגן דעם וואָס איז אים געווען ניחא? שלום האָט דאָך געקאָנט חתונה האָבן מיטן רייכסטן מיידל אין שטאָט, גיין אויף דער רייכסטער קעסט און אַרויסהעלפן דער מאַמען אויך.

און יעקב האָט טאַקע באַשלאָסן, אַז ער וועט זיך נעמען צום לערנען ש"ס און פּוסקים אַזוי פאַרעקשנט, מיט אַזאַ התמדה, אַז דאָס שטעטל וועט קלינגען מיט אים, און ר' מנשהלע שדכן וועט מוזן אַראָפּברענגען פאַר אים די רייכסטע כלה פון כוואָסטי, צי אפשר גאָר פון וואַרשע. אַ גאָלדענעם זייגער מיט צען טויזנט קאַרבן נדן וועט ער נעמען, זיצן אויף קעסט כל־ימיו און דער מחותן וועט מוזן באַקליידן און געבן פון אַלעם גוטן, נישט נאָר אים — נאָר אויך דער מאַמען און די שוועסטער, און אַפילו דעם ברודער מיטן ווייבל. דערווייל איז ער סיי ווי מקנא געווען שלומען. שלום איז אַצינדער לכל־הפחות נישט געפאַלן דער מאַמען צו לאַסט.

מיט דער צייט האָט יעקב טאַקע דערגרייכט דאָס וואָס ער האָט זיך פאַרגע־נומען און אין שטוב האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן, אַז ער וועט בקרוב אַוועק־פאָרן אין דער ישיבה אין כוואָסטי.

דאַמאָלס, גראָד בעת אָט די טעג, ווען הינדעלע האָט געקוקט אויף אים מיט אַ שטאָלצן נחתדיקן פינקל אין די אויגן, האָט יעקבן געגומען אויסזען, אַז זיין לערנען, זיין „קוועטשן די באַנק" איז גראָד געווען אייגנגוציק, נישט יושרדיק — אַפילו ווען דאָס זאָל אים אַ מאָל ברענגען צו אַ לייטישן שידוך. וויכטיק איז געווען וואָס ער האָט געטאָן איצט, שוין. דאָס גוטע וואָס ער וועט אַ מאָל אויפטאָן, האָט נישט געקאָנט באַרויִקן זיין געוויסן — היינט. און ער האָט זיך אין האַרצן געשעמט סיי פאַרן רבונו־של־עולם, סיי פאַר זיך אַליין, וואָס ער האָט געלערנט אָן כוונה, נישט צוליבן לערנען אַליין, נאָר צוליב פּראַקטישע הינטער־כוונות. ער איז געווען ווי אַ גוף אָן אַ נשמה. עפּעס איז דאָ קרום געווען. עפּעס האָט נישט געטויגט.

4

ס'איז געווען אַ טרוקענער קילער אָוונט. הינדעלע האָט גוט איינגעבעט די קינדער און געלאָזט דאָס פענצטער אָפן. זי האָט פול געמאַכט דעם אייללאַמפּ מיט אייל, אויסגעפּוצט דאָס גלעזל, אַוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ איבער דער קיך

און זיך איינגעהילט אין דער פאַטשיילע. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער קיך, אַוועקגעלייגט אַ מעשה־ביכל אויף דער קאַלטער פּייערקע און האָט טיף איינגעאָטעמט, איידער זי האָט זיך גענומען צום לייענען.

זי האָט געטראַכט וועגן יעקבן. ווען זי האָט אים איינגעבעט און אים אָנגע־רירט, האָט זי דערפילט ווי זיין גוף קאַרטשעט זיך איין אונטער איר באַריר, און זי האָט געוווּסט, אַז ער שלאָפט נאָך נישט. זי האָט פאַרביסן די ליפּן. אָט דאָס יינגל אירס האָט פאַרמאָגט אַ פאַרפלאָנטערטע נשמה. זיין נאַטור האָט געטראָגן אין זיך אַ רעטעניש וואָס זי האָט לייזן נישט געקאָנט. „ווער ווייסט צי די ווייכע פידעלעך וואָס האָבן אַ מאָל צווישן אונדזביידן געשפּילט, אַזוי פּשוט און מילד, זענען נישט אַ מאָל פאַרשוויגן געוואָרן אויף שטענדיק?״ האָט זי זיך געפרעגט און מיט באַדויער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אָבער דאָס איז נישט מעגלעך געווען. זי האָט דאָך אַזוי בולט אָפּגעפילט יעדן פלאַטער פון זיין אומרו. דאָס זיינען בלויז געווען די ווייען פון וואַקסן — האָט זי זיך געטרייסט. דאָס האָבן זיי נאָר פאַרטעמפּט דעם פידל־ניגון. איר יעקב איז געווען נישט באַשיצט, אָט פונקט ווי אַ חיה וואָס באַפרייט זיך פון אַן ענגער פעל און האָט נאָך נישט אַרויפגעצויגן אויף זיך קיין נייע. זי האָט געמוזט זיין געדולדיק, פאַרזיכטיק מיט אים. און אין דער צווישנצייט האָט נישט געהאַט קיין זינען אַריינצולאָזן זיך אין ערנצטע שמועסן מיט אים, הגם אָפּט מאָל האָט זי נישט געקאָנט צוריקהאַלטן די רייד. — „ער׳ט זיך אויסוואַקסן דערפון...״ האָט זי געפרוּווט איינשטילן די זאָרג.

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט נאָכן מעשה־ביכל און אָנגעהויבן צו לייענען מיט אַ פּליסטער, קוים־קוים באַוועגנדיק מיט די ליפּן. אירע אויערן זיינען געווען אָנגעשפּיצט. זי האָט געוואַרט צו דערהערן יעקבס גלייכמאָסיקן אָטעם אין שלאָף. האָבן אירע מחשבות נאָר האַלב נאָכגעפאָלגט די מעשה בעת זי האָט געלייענט. אין איר געדאַנק האָט זי ווייך, צערטלעך געדעדט צום יינגל, אים איינגעוויגט... ביז זי האָט דערהערט זיין טיפן אָטעם און האָט אָפּגעזיפצט. איצט האָט זי געהאַט אַ ביסל צייט פאַר זיך.

זי האָט געלייענט אַ מעשה אויף יידיש, וועגן אַ מיידל אַ יתומה, וואָס האָט געדינט ווי אַ דינסטמיידל אין אַ רייכן הויז, אין אַ גרויסער אויסלענדישער שטאָט. די בעלי־בתים האָבן זי שלעכט באַהאַנדלט, אַזוי שלעכט, אַז הינדעלע האָט קוים געקאָנט צוריקהאַלטן די טרערן. אַזוי פיל ליידן פאַראַנען געווען אויף דער וועלט... אָבער ס׳איז אויך פאַראַנען געווען גוטסקייט. דאָס מיידל איז געווען אַ גוטע, נאָר אַ דערשלאָגענע. גוטסקייט האָט אויסגעזען צו גיין האַנט אין האַנט מיט דערשלאָגנקייט אין אָט דער וועלט. אַ גוטן מענטשן האָט מען לייכט אויסגענוצט. אָבער דעם בעל־הביתס זון איז אויך געווען אַ גוט־האַרציקער... טאַקע אויף אַן אמת, צי ער האָט נאָר געמאַכט דעם אָנשטעל? ווייל פאַר וואָס האָט ער דעם

אַרעמען מיידל אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט זיסע ריידעלעך? ער'ט דאָך מיט איר סיי ווי קיין מאָל נישט חתונה האָבן. אוי, די אָרעמע נשמה נעבעך, דאָס יתומהלע. זי איז געווען אַזוי אויסגעבענקט נאָך אַ גוט וואָרט, אַז דער שכל האָט ביי איר אַזש אויפגעהערט צו אַרבעטן. אַזוי דאַנקבאַר איז זי אים געווען, אַזוי זייער דאַנקבאַר. זי איז דאָך גרייט געווען צו שטרעקן איר לעבן פאַר זיינע פיס. זי האָט אים געפאָלגט ווי ער וואָלט אַ כּישוף אָפּגעטאָן מיט איר. ווייל אויב נישט, וואָלט זי דען אים נאָכגעגאַנגען אין זיין שלאָף־חדר אַריין, ביי נאַכט? — אוי, זי, הינדעלע, האָט נישט געדאַרפט נעמען אָט אַזאַ מעשה־ביכל, פול מיט זינדיקייט און נישט־מענטשלעכקייט, אין די הענט.

אָבער די מעשה איז געווען אָטעם־פאַרכאַפּנדיק. וואָס אַזעלכעס האָט דאָס דער יונגער בעל־הבתישער זונדל געוואָלט פון דעם מיידל אין זיין חדר, אין אַזאַ שפּעטער שעה? איז דאָס געווען מעגלעך? — הינדעלעס האַרץ האָט גענומען שטאַרק קלאַפּן. אַ גרויל איז זי באַפאַלן. אירע ליפּן האָבן אויפגעהערט זיך צו באַוועגן. זי האָט געשלונגען די שורות מיט די אויגן. ניין, זי האָט געמוזט איבער־רייסן דאָס לייענען און טיף אַריינאָטעמען די פרישע קילע לופט, ווייל עפּעס האָט איר געשטיקט אין האַלדז.

אַ רעש האָט דערגרייכט צו אירע אויערן פון אונטן, אין פאָדערהייזל, ווי עמעץ וואָלט געזוכט די שטיגן מיט צעטופּעטע פיס. הינדעלע האָט זיך אויפגעשטעלט, געלאָזט דאָס ביכל פאַלן אויף דער פייערקע; די פאַטשיילע איז געבליבן אויפן בענקל. זי האָט זיך אַ טראָג געטאָן צו דער טיר און געעפנט אַ שפּאַרע.

„ווער איז דאָרט?" האָט זי אויסגערופן.

קיינער האָט נישט געענטפערט. אָבער אַ שטיג האָט אַ סקריפּע געטאָן. הינ־דעלע האָט איבערגעחזרט די פראַגע. די שטיגן האָבן זיך העכער צעסקריפּעט אונטער דער לאַסט פון אַ שטיוול. קודם איז הינדעלען איינגעפאַלן צו פאַר־ריגלען די טיר. דערנאָך האָט זי דאָס אויפגעגעבן. דער ריגל איז געווען לויז, שרויפן האָבן געפעלט. איז זי אַרויסגעלאָפן און איז צו צו די שטיגן.

זי האָט דערזען אַ גרויסע שוואַרצע מאַסע זיך באַוועגן אַרויף צו. אַ ווייסע האַנט האָט פאַמעלעך, שווער זיך אַרויפגעגליטשט לענג־אויס דעם צעטרייסלטן פאַרענטש וואָס האָט געקנאַקט און געקרעכצט. אַ פּנים. נאָך אַ האַנט און אין דער האַנט עפּעס וואָס האָט מעטאַליק געבליאַסקעט. הינדעלע איז מער נישט ביכולת געווען אַרויסצוברענגען קיין קלאַנג פון קעל. אירע אַרויסבאַלושטשעטע אויגן האָבן גענומען פונאַנדערשיידן פאָרמען אין דער פינצטער. מאַנקעס קו אונטן האָט שוואַך אַ מו געטאָן.

דער צעפינקלט־מעטאַלענער בליאַסק איז געקומען פון אַ האַק וואָס האָט זיך געוויגט אין עמעצנס האַנט. אין אַ רגע אַרום האָט זי דערהערט אַ קול און געוווּסט ווער דער עמעצער איז.

„דאָס בין איך דאָך, הינדעלע, האָב נישט קיין מורא און שאַ... זיי שטיל... כ'בין געקומען דיר דערציילן אַ סוד".

וואַצלאַוו ספּאָקויני האָט שווער געאָטעמט, געסאָפּעט, און געקומען העכער, נענטער. אַ טראָפּ האָט זיך אַ ברעך געטאָן אונטער דער מאַסע פון זיין גוף. ער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט ביז סאַמע אונטן און געגומען שיטן מיט קללות. הינדעלע איז געשטאַנען צוגעשמידט צום אָרט, פאַרשטייפט. זי האָט דערהערט זיין שווער געלעכטער, ווי עס וואָלט געקומען פון הינטער איר רוקן. זי האָט געזען די פאָרמען פון זיין גוף אויפן הינטערגרונט פון הימל אונטן, אין אַריינגאַנג. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך געוויגט אויף די פיס און ווידער זיך פאַרנומען אַרויפצוקריכן די שטיגן.

אַן איינפאַל האָט אויפגעלויכטן אין הינדעלעס איינגעפרוירענעם מוח. זי האָט אַרויסגענומען דעם שליסל פון דער שירץ־קעשענע, פאַרשלאָסן דאָס בוידעם־שטיבל און אַראָפּגעלאָזט דעם שליסל צו זיך אין בוזעם. זי האָט געוווּסט, אַז זי דאַרף, זי מוז אויסשרייען, אויפוועקן מאַנקען, די שכנים פון די דערבייִקע כאַ־לופּעס. זי האָט געפּרוּווט, געעפנט דאָס מויל, אָבער דער קלאַנג האָט זיך פאַר־האַקט אין איר האַלדז, און נאָר אַ שוואַכער פּישטש האָט זיך אַרויסבאַקומען פון איר קעל. וואַצלאַוו, אַן אומגעלומפּערט־צעטרייסלטער, איז געקראָכן איבער די שטיגן אויף אַלע פיר, די האַק האָט זיך אַנגעקלאַפּט אַן איין שטיג נאָך דער אַנדערער.

„שמע־ישראל!" הינדעלעס קול איז קוים ביכולת געווען צו דערגרייכן צו אירע ליפּן. זי אַליין איז מער נישטאָ געווען. מיט איר קאָפּ און מיט איר גאַנצן חיות איז זי געווען דרינען, אין פאַרשלאָסענעם בוידעמשטיבל, לעבן אירע שלאָפנדיקע קינדער.

„די כאָלערע זאָל כאַפּן דיינע שטיגן, הינדעלע!" האָט וואַצלאַוו אויסגערופן, בעת אַ פוס זיינער איז אַריינגעזונקען אין לאָך פון דער צעבראָכענער שטיג. הינ־דעלע האָט אים געזען זיצן אין אַ מין רייטער־פּאָזיציע אויף דער נידעריקערער שטיג, מיט דער האַק איבער זיין שויס. ער האָט אַרויפגעקוקט צו איר. זיינע אויגן און די ציין האָבן געשיינט דורכן חושך. ער האָט געשמייכלט. „קום דאַ אַראָפּ און זעץ דיך אַוועק לעבן מיר", האָט ער זי איינגעלאַדן מיט אַ קאָמישן באַוועג פון קאָפּ.

זי איז געבליבן איינגעמויערט אויף איר אָרט. „גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב..." האָט זי געפּליסטערט און נישט געהאַט קיין אַנונג וואָס עס האָט זיך אַרויסבאַקומען פון איר מויל. יעדער קעמערל פון איר גוף האָט געליאַרעמט, גערופן הילף.

„כ'האָב געזאָגט ד'זאָלסט אַראָפּקומען און זיך אַוועקזעצן לעבן מיר", האָט ער ווייך איבערגעחזרט. „לאָז מיך זען דיינע אויגן... אַזוי קאָן איך זיי נישט זען.

ז׳זיינען איינס מיט דער פינצטערניש. פאַר וואָס זיינען זיי נישט העלער ווי די פינצטערניש, האַ? נו, קום אַראָפּ, קליין ווייבעלע, ווי גאָט איז דיר ליב. אָדער זאָל איך אַרויפקומען און דיך דאָ אַראָפּנעמען?״

„פּאַניע פּייער־קאָמענדאַנט״, האָט זי אַרויסגעפּרעסט די ווערטער פון זיך. „איך בלאַגע אייך, האָט רחמנות אויף מיר!״

„פאַר וואָס זאָל איך האָבן רחמנות אויף דיר? דו האָב בעסער רחמנות אויף מיר!״ ער האָט שפּילעוודיק אויפגעהויבן די האַק צו איר. „נו, אויף וואָס וואַרטסטו? דו האָסט דאָך נישט מורא פאַר מיר, אמת? ד׳ווייסט דאָך, אַז איך וואָלט גיכער זיך אַליין אַוועקגעהרגעט״, האָט ער געכיכיקעט, „ווי געטאָן דיר אַן עוולה. אַזוי פאַרפוילט בין איך נישט״. ער האָט מיט דער שאַרף פון דער האַק געקלאַפּט קעגן דער דלאַניע זיינער. „כ׳מוז דיר דערציילן אַ וויכטיקע זאַך, הינדעלע. זיי אַ גוטע קומע און זעץ דיך אַוועק לעבן מיר״.

זי האָט טיף אַריינגעאָטעמט און געוואָרפן אַ פאַרצווייפלטן בליק אויף דער טיר פון איר שטיבל. זי האָט געוווּסט, אַז זי מוז עפּעס טאָן. זי האָט געפּרוּווט זיך באַהערשן, האָט אַראָפּגעדרעפּטשעט איין טרעפּ און זיך אָפּגערופן נישט מיט איר קול: „איך האָב פאַר אייך נישט קיין מורא, פּאַניע פּייער־קאָמענדאַנט... אָבער איר טאָרט דאָ נישט אַרויפקומען״. זי האָט אונטערגעוואַרט אַ רגע. ער האָט גענומען קלאַפּן מיט דער דלאַניע אין דער שטיג ווו ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל זיך אַוועקזעצן. זי האָט אַרויסגעבראַכט נאָך אַ שטאַמל פון זיך: „אפשר קאָנט איר צוואַרטן אַ מינוט... כ׳וועל נעמען מיין פּאַטשיילע... ס׳איז דאָ קאַלט...״

„אַוודאי וועל איך וואַרטן אויף דיר, אַפילו אַז ס׳וועט נעמען אַן אייביקייט, הינדעלע. גיי, נעם די פּאַטשיילע״. ער האָט אַ פּאַכע געטאָן מיט דער האַק צו איר.

זי האָט אַ שפּרונג געטאָן צו דער טיר. מיט צעציטערטע הענט האָט זי אַרויס־באַקומען דעם שליסל פון בוזעם, דערנאָך זיך געראַנגלט מיט אים, אים אַריינצו־באַקומען אין שליסללאָך. לסוף האָט זי מצליח געווען און געעפנט די טיר. זי איז צוגעפאַלן צו יעקבן מיט דער גאַנצער וואָג פון איר גוף.

„יעקב־קרוין, יעקבשי!״ האָט זי אים געטרייסלט און לייכט געפּעטשלט אים אין די באַקן. ווען זי האָט אין דער טונקל דערזען, אַז ער עפנט די אויגן און שטאַרט אויף איר דורכן וואָלקן פון שלאָף, האָט זי אַרויסגעפּלאַצט אין איין אָטעם: „הער, מיין אוצר, הער גוט וואָס עך זאָג דיר. ד׳מוזסט אַרויסקריכן דורכן פענצ־טער... ד׳מוזסט. גיי און וועק אויף מאַנקען... ביין!״ האָט זי געביטן איר באַשלוס. „בעסער נעם דעם לייטער פון מאַנקעס הויז און פיר אַראָפּ גיטעלען און שיינ־דעלען, שנעל, זייער שנעל! פרעג נישט קיין קשיות!״ זי האָט אים גענומען שלעפּן מיט ביידע הענט און אים אויפגעזעצט; דערנאָך האָט זי אים געהאָלפן זיך אויפשטעלן פון געלעגער. „גיי, טו ווי איך הייס און באַהאַלט ענק אין דער קאַמער. וואַרט דאָרט אויף מיר. שנעלער, כ׳בלאַגע דיך, יעקבשי! און איידער

דו מאַכסט דאָס, פאַרריגל די טיר ווי נאָר עך גיי אַרויס, נו, שטיי נישט!"

„ווו גייסטע?" האָט ער זי אָנגעכאַפּט פאַר דער ספּאָדניצע.

זי האָט גיך אָפּגעריסן זיין האַנט פון זיך. „זאָל גאָט אונדז שומר־ומציל זיין, יעקב־לעבן. פאַרריגל די טיר הינטער מיר, שנעלער!" זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די פּאַטשיילע פון בענקל און איז אַרויסגעלאָפן. זי האָט זיך פאַרהאַלטן אויף יענער זייט טיר ביז זי האָט דערהערט ווי יעקב פאַרריגלט די טיר פון אינעווייניק.

„אָט בין איך דאָ, פאַניע פייער־קאָמענדאַנט", האָט זי זיך צעקראַקעט. „איך וויקל מיך אַרום מיט דער פּאַטשיילע". זי האָט פאַרשלאָסן די טיר פון דרויסן און האָט אַראָפּגעדרעפּטשעט די שטיגן אַזוי גיך ווי זי האָט געקאָנט. זי האָט זיך פאַרהאַלטן אַ פּאָר שטיגן איבער וואַצלאַוון.

ער האָט אַ באַוועג געטאָן די האַנט מיט דער האַק צו איר. „קום נענטער, הינדעלע, אָט דאָ", האָט ער איר אָנגעוויזן די שטיג גלייך איבער אים. „זעץ דיך אַוועק".

זי האָט אים געפאָלגט, זיך אַוועקגעזעצט. אַזאַ שטאַרק ציטערניש האָט זי איינגענומען, אַז די שטיג אויף וועלכער זי איז געזעסן האָט מיטגעפּישטשעט מיט יעדן טרייסל פון איר גוף. אין אירע אויערן האָט געהודזשעט. דאָס האָט זי זיי אַזוי אַנגסטיק אָנגעשפּיצט אויפצוכאַפּן די קלאַנגען וואָס זיינען געקומען פון דער זייט פון דער כאַלופּע ווו איר פענצטער האָט זיך געפונען. „גאָט, טאַטע זיסער!" האָט דאָס בלוט אין אירע אָדערן געוועט. יִיאוש האָט געהאַמערט אין איר האַרץ ווי אַ פּויק. יעדער קעמערל אין איר לייב האָט געשריגן גוואַלד.

זי האָט דערהערט טעמפּע קלאַנגען קומען פון דרויסן, ווי עמעץ וואָלט גע־שפּרונגען, געפאַלן. איצט האָט זי געמוזט רעדן הויך, גיך, צו פאַרווישן די קלאַנגען וואָס האָבן דערגרייכט אָהער פון דרויסן. רעדן? אָבער וואָס זאָגן? יאָ, זי האָט געמוזט. — און נישט הערנדיק אירע אייגענע ווערטער, האָט זי האַסטיק גענומען דערציילן, איבערחזרן ווי אַן אויטאָמאָט פאַר אָט דער שוואַרצער מאַסיווער פאַרעם פון אַ מענטש — די מעשה וואָס זי האָט געהאַלטן אין לייענען. האָט ער זיך צוגעהערט? יאָ, ער האָט געשוויגן. האָט זי זיך געהאַלטן ביים פאָדעם פון דער מעשה... ווי גוט זי האָט דאָס אַלצדינג געדענקט, הגם איר געדאַנק איז נישטאָ געווען... און דאָ האָט דער פאָדעם פון דער מעשה זיך שוין דערנענטערט צום סוף. אָט דעם לעצטן טייל... וועגן דעם בעל־הביתס זון האָט זי געמוזט פאַרשווייגן. זי האָט אָפּגעהאַקט, האָט זיך איינגעהערט. איצט איז געווען שטיל אין דרויסן.

זי האָט דערפילט עפּעס וואַרעמס אויף איר באַק. הויט. מענטשלעכע הויט קעגן איר אייגענער הויט. וואַצלאַוו האָט מיט דער האַנט באַרירט איר פּנים. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ הייזעריקן פּישטש, זיך אַזוי גיך צוריקגעבויגן, אַז די שטיג איבער איר האָט זיך איינגעשניטן אין איר רוקן.

„וואָס האָסטו אַזוי מורא פאַר מיר, הינדעלע? ווי קומט וואָס דו האָסט אַזוי פיל האַרץ פאַר מענטשן אין אַ מעשה און האָסט נישט קיין ברעקל האַרץ פאַר מיר? קוק אויף מיר". ער האָט זי אַ צי געטאָן פאַרן אָרעם און איר געצוואונגען זיך אויסצוגלייכן. „אָט אַזוי איז בעסער", האָט ער אַ פליסטער געטאָן. „אַצינד שיינען דיינע אויגן העלער ווי די פינצטערניש. דו מיינסט, אַז איך וויל דיך זגוואַלטשען, האַ? דו טראַכסט שלעכטס וועגן מיר, האַ? אָבער דו דאַרפסט דאָך וויסן, אַז דו ביסט שטאַרקער פון מיר. מלאכים זיינען שטאַרק, נישט אמת?"

„האָט רחמנות אויף מיר, פאַניע פייער־קאָמענדאַנט..." פון דעם ריח פון בראַנפן וואָס האָט געשלאָגן פון זיין מויל האָט איר גענומען דרייען אין קאָפּ. דאָס האָט איר געהאָלפן לויז מאַכן דעם שטראָם פון טרערן.

„יעזוס מאַריאַ!" האָט וואַצלאַוו אויסגערופן. „דו טרייסלסט זיך און בעטשעסט, קליין ווייבעלע. קוק אויף מיר. כ'בין שטיל, רויק ווי אַן אוגערקע. כ'בין גליקלעך. יאָ, ענדלעך. ווייל... ווייל כ'האָב אַלץ באַשלאָסן. וואַצלאַוו ספּאָקויני איז געקומען דיך בעטן אַ גרויסע טובה. דו... דו'סט מיר נישט אָפּזאָגן, אמת?"

„אַ... אַוודאי נישט", האָט זי געמיאַוקעט און נישט געקאָנט אָפּווענדן די אויגן פון דער האַק.

ער האָט נאָכגעפאָלגט איר בליק, האָט אויפגעהויבן די האַק און זי לייכט געטרייסלט פאַר אירע אויגן.

„האָסט מורא פאַר אָט דעם?" האָט ער שפּילעוודיק געפרעגט. „נישטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבן. די האַק איז מיין דרוך. זי טוט אַ זויבער שטיקל אַרבעט. קיין שום פאַלשקייט פאַרטראַגט זי נישט. דער אמת און די האַק זיינען שוועסטער און ברודער, ווי... ווי דו און איך. מיר האָבן זיך ליב מיט דער זויבערסטער ליבע, נישט אַזוי, הינדעלע?"

זי האָט זיך צעיאָמערט: „אוי, גאָט, טאַטע זיסער, העלף מיר..."

„כליפּע... כליפּע, קליין ווייבעלע... באַוויין מיך אָט אַזוי... באַוויין אונדזער טרויעריקע ליבע", האָט ער געפליסטערט. „דיינע טרערן בלישטשען ווי אמתע דימענטן. איך וויל זיי... די טייערע טראָפּנס... דיין צירונג... מיין היילונג". פּלוצעם האָט זיך איר קאָפּ געפונען צווישן זיינע דלאָניעס. איידער זי האָט זיך באַוויזן קלאָר צו מאַכן וואָס עס געשעט מיט איר, האָט ער אַרויסגעשטרעקט די צונג, און גענומען אָפּלעקן די טרערן פון אירע באַקן. ער האָט זי אָפּגעלאָזט און אַ זאָג געטאָן: „איז... איז בין איך געקומען דיר זאָגן ווי די האַק אַרבעט. האָסט דאָך בייגעוווינט אַ פייער, האַ, הינדעלע? ס'ט מיך געזען ביי דער אַרבעט". זי האָט געזען ווי ער הייבט זיך אויף אויף די קני אַ צעוויגטער, ווי ער טורעמט איבער איר. „איך הייב זי אויף אָט אַזוי הויך..." ער האָט אַ הייב געטאָן די האַק איבער הינדעלעס קאָפּ. „און איך לאָז זי אַראָפּ אויף אַ ברענענדיקן בויל". ער האָט אַראָפּגעלאָזט די האַק און זיך מיט איר איינגעשניטן אין דער שטיג אויף וועלכער

הינדעלע איז געזעסן. „אַ מענטש איז ווי אַ ברענענדיקער בויל. אויב דו לאָזסט אַראָפּ די האַק אויף אים, גייט דאָס פייער אויס אין אַן אויגנבליק. דאָס איז די גאַנצע קונץ, קליין ווייבעלע".

זי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם אין שגעונדיקער אימה. „פּאַניע פייער־קאָמענדאַנט, איך בלאַגע אייך. כ'קאָן נישט מער. כ'בעט אייך... שוינט מיך. כ'האָב נאָך יונגע קינדער. איר זייט אַ גוטער מענטש... אַ מילאַשערנער מענטש... איך ווייס. מיר האָבן אַ סך געשמועסט. מיר זענען גוטע פריינד... כ'בעט אייך, לאָזט מיך..."

ער האָט געגלעט איר אָרעם זי צו באַרויִקן. „איך בין אַ פאַרשאָלטענער מענטש, הינדעלע. און פּרווו מיך נישט אָפּרעדן דערפון. ווייַן... ווייַן נאָך אַ ביסל איבער מיר. הלוואי וואָלט איך געווען אַ ייִד און געקאָנט זייַן נענטער צו דייַן נשמה... דייַנע אויגן. הלוואי וואָלט איך געקאָנט אייביק זייַן מיט דיר. אָבער דו ביסט צו הייליק פאַר מיר... דייַנע טרערן צו זויבער, דייַן ליבשאַפט צו זיס. אָבער ווייַן איבער מיר, איך בעט דיך. בעט צו דייַן גאָט פאַר מיר... הייליקע מאַמע מאַריע... הייליקע מאַמע פון עופּעלע יעזוסן. איך בין אַזאַ פאַרשאָלטענער".

ער האָט צונויפגעלייגט די הענט ווי צו מאַדליטווע, מיט דער האַק צווישן זייַנע דלאָניעס. דערנאָך האָט ער אָוועקגעלייגט די האַק לעבן הינדעלען. ער האָט זיך צעוויינט, אַרומגעכאַפּט הינדעלען פאַר די פיס און געפרווט אייַנגראָבן דעם קאָפּ אין איר שויס.

זי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, אַ כאַפּ געטאָן די האַק און איז אויפגעשפרונ־גען אויף די פיס. זייַן צעשלאָגערט לייב האָט פאַרשטעלט דעם וועג אַראָפּ פון די שטיגן. זי האָט זיך אַ קער געטאָן און איז אַרויפגעלאָפן אין דער הייך. זי האָט מער נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך מיט איר. זי האָט געהאַלטן דעם שליסל אין דער האַנט, געפרווט מיט אים טרעפן אין שליסללאָך און נישט געדענקט, אַז די טיר איז געווען פאַראיגלט.

וואַצלאַוו האָט זיך באַוויזן לעבן איר און זי אָנגעכאַפּט פאַרן געלענק. ער האָט זיך געוויגט, געכליפּעט, זייַן פּנים אַראָפּגעבויגן צו אירן. דער ריח פון בראָנפן האָט געשלאָגן פון אים. זי האָט זיך מיט אים געראַנגלט, געפּישטשעט, געפרווט זיך באַפרייען פון זייַנע אָרעמס. זייַנע פייכטע האַריקע ליפּן זייַנען געקראָכן איבער איר פּנים און האַלדז. זי האָט נישט אַרויסגעלאָזט די האַק פון דער האַנט. ער האָט נישט געפרווט צונעמען די האַק פון איר.

„איך בעט דיך, קליין ווייבעלע, איך בלאַגע דיך..." האָט ער געשפּיגן די ווער־טער. „דו מוזסט... דו מוזסט מיר טאָן די טובה..."

„איך קאָן נישט... ניין! איך מוז לעבן... איך וויל..." די צונג האָט זיך איר געפּלאָנטערט צווישן די ציין.

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די פיס און זיך אַראָפּגעלאָזט מיט איר, פאַרקנוילט,

אויף די ברעטער. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט און זי צוגעהאַלטן פאַר די קניען מיט בײדע הענט. זיי האָבן בײדע געסאַפּעט, געיאָמערט, זיך געוויגט. די האַק וואָס הינדעלע האָט געהאַלטן האָט זיך מיטגעוויגט מיט זיי.

„וועסט עס טאָן, זאָג מיר צו... דו מוזסט", האָט ער געיאָמערט און זי גע־טרייסלט מיט בײדע הענט פאַר די קניען, ווי זי וואָלט געווען אַ סנאָפּ פון אָפּגע־קאָסעטן קאָרן.

„איך... איך..." האָט זי געגייוועט.

ער האָט אַוועקגענומען איין האַנט פון אירע קניען און זיך געווישט מיט איר דאָס פּנים, געפּרוווט זיך איינשטילן. „איך האָב דאָס געוואָלט מאַכן היינט ביי נאַכט, יאָ", האָט ער געשלונגען די ווערטער.

„מאַכן וואָ... אָס?" האָט זי אַרויסגעהעשעט.

„אים פאַרטיק מאַכן... מיט דער האַק".

זי איז אַ ביסל געקומען צו זיך: „גאָט אין הימל, וועמען?"

„דעם... אים... מיין ברודער. יאָ, אים. נאָר אויפן וועג צו... צו דער פּלעבאַניע האָב איך דערזען די הייליקע מאַריען. זי האָט געוויינט. זי האָט זיך געטרייסלט פון שרעק. דו... דו האָסט צו מיר געזאָגט: 'זיי נישט קיין קין, וואַצלאַוו. הרגע נישט דיין ברודער!' בין איך טאַקע געקומען צו דיר, הינדעלע. ווייל מיט אַ מאָל האָב איך איינגעזען וואָס איך דאַרף טאָן. און כ'בין געווען אַזוי גליקלעך... אַזוי גליקלעך..." ער האָט אָפּגעסאָפּעט. „דו'סט מיר טאָן די טובה, אמת, מיין מלאך... מיין מלאך פון..."

הינדעלע האָט פּאַמעלעך גענומען הערשן איבער זיך: „טאָן וואָס?" האָט זי געפרעגט.

„איך בין אַ שוואַכלינג אַ מאַן, הינדעלע, אַ רשע און אַ שוואַכלינג. און דו... מיט דיינע זויבערע קליינע הענט... מוזסט מיר העלפן. דו האָסט דעם כּוח. די... די האַק איז אָנגעשאַרפט... איך בין וויליק... וועט דאָס צוגיין לייכט. דו לאָז זי בלויז אַראָפּ איבער מיין גאַרגל". ער האָט אַנטבלויזט דעם האַלדז און געדרייט מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן ווי ער וואָלט אים וועלן אַרויסשרויפן פון דער הוט־השדרה.

„איר זענט אַראָפּ פון זינען!" האָט זי אויסגעשריגן.

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן געלענק פון דער האַנט. זיין קול האָט זיך געביטן, געוואָרן דראָענדיק, הייזעריק.

„יאָ, כ'בין אַראָפּ פון זינען! צום בעלזעבוב! און דו רעד בעסער נישט קיין וואָרט ווען אַ מאַן איז גרייט... דו טו וואָס מען הייסט דיך!" ער האָט איר אַ פּאַטש געטאָן אין באַק. בעת זי האָט געפּרוווט זיך אַ שטעל טאָן אויף די פיס, האָט ער זי אָנגעכאַפּט, זי אַראָפּגעשלעפּט און אַ פאַל געטאָן אויף איר מיט דער מאַסע פון זיין לייב. „דו פאַרשטונקענע הייליקע מאַריע, דו פאַרשאָלטענע זשי־

דאָווע, די כאָלערע זאָל דיך נעמען!" האָט ער געברילט און געריסן איר ספּאָד־ניצע. „איכ'ל דיר אויסדראַפּען די אויגן, אָרויסרייסן די נשמה פון דיר!" ער האָט אָפּערגעשלעפּט די פּאַטשיילע פון אונטער איר רוקן, זי אַ שליידער געטאָן, ביז זי איז פאַרשוואונדן אינעם לאָך צווישן די טרעפּן.

די האָק איז נאָך אַלץ געווען אין הינדעלעס פאַרפּרעסטער פויסט. די ווייסקייט פון איר אַנטפּלעקט לייב האָט אַ מיניע געטאָן פאַר אירע אויגן.

„שמע־ישראל!" האָט זי איצט געשריגן מיט אַלע כוחות, אָבער דער קלאַנג פון איר קול איז פאַרשטיקט געוואָרן פון דער וואָג פון זיין ברוסטקאַסטן קעגן איר פּנים. זי איז געווען באַנומען. זי האָט זיך מער נישט געפונען אין דער פאַרעם פון איר גוף. ווי אַ דיבוק וואָלט אין איר אַריין, האָט זי געברילט נישט מיט איר קול: „איך וועל... איך וויל... דאָס טאָן!"

ער האָט איר פאַרדעקט דאָס מויל מיט דער האַנט, אָבער ער האָט זיך אונטער־געהויבן, כּדי זיך צו באַפרייען פון פאַס אַרום זיינע הויזן. זי האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף די פיס און מיט ביידע הענט אויפגעהויבן די האָק איבער זיין קאָפּ.

אין אַן אויגנבליק האָט זי דערזען די פּנימער פון אירע קינדער. זי האָט דערזען גאַנץ באַטשאַני אין פלאַמען. — זי האָט אַ שליידער געטאָן די האָק אויף אים און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַראָפּ פון די שטיגן, געפאַלן, זיך געקייקלט, אירע פיס פאַרהאַנגען איבער די לעכער ווו אַ שטיג האָט געפעלט, דערגרייכט די ערד אונטן און אַ שפּרונג געטאָן אויף די פיס. זי האָט זיך אַ יאָג געטאָן צו דער קאַמער. די צעטרייבערטע, צעריסענע יאַקע און ספּאָדניצע האָבן געפלאַטערט אַרום איר. זי האָט מיט זייערע אַראָפּהענגענדיקע שטיקער גיך געווישט דאָס בלוט פון צעקאַלעטשעטן פּנים און די עלנבויגנס.

„קומטש!" האָט זי אַריינגעשריגן צו די קינדער, ווי נאָר זי האָט זיי דערגרייכט און אָנגעכאַפּט די מיידעלעך פאַר די הענט. אָבער זי האָט זיך קוים געקאָנט אַ ריר טאָן. זי האָט אָפּגעלאָזט גיטעלעס האַנט און זיך אָנגעשפּאַרט, ממש זיך אָנגע־האַנגען אָן יעקבן. זי האָט געהייסן די קינדער זיך אַ לאָז טאָן צו שלומס שטוב. „קלאַפּטש אַריין דורכן פענצטער און לויפטש אַריין!" אַזוי גיך ווי זיי זיינען צוגע־קומען צו שלומס כאַטע, האָט זי זיי אָפּגעלאָזט. „בלייבטש אינעווייניק!" האָט זי איבערגעחזרט און ווי אַ שיכּורע אַליין זיך אַוועקגעטראָגן ווייטער.

יעקב איז איר נאָכגעלאָפן. „ווו לויפסטו? בלוט רינט דאָך פון דיר!" ער האָט אַרויסבאַלושטשעט די אויגן אויף איר, אויסער זיך פון אימה.

„כ'קום שוין צוריק. גיי אַריין!" האָט זי באַפוילן, נאָך אַלץ ווי נישט מיט איר קול.

„איך וויל נישט! ד'גייסט דאָך קוים!" האָט ער געשריגן.

„ס'איז מיר גאָרנישט! און טו ווי איך הייס, יעקב! גיי אַריין אינעווייניק!"

אַז ער האָט זי אָנגעכאַפּט פֿאַר דער יאַקע, האָט זי זיך באַמיט אַ זאָג צו טאָן אין אַ באַהערשט קול. „ס'איז שוין אַריבער, יעקבשי. באַלד בין איך דאָ צוריק".
„ווו גייסטע?"
„קוק, שלום האָט געעפֿנט די טיר. לויף אַריין, שנעלער!" זי האָט אים אַ שטאַרקן שטויס געטאָן פֿון זיך, אין דער ריכטונג פֿון שלומס כאַטע.
מיטן לעצטן ביסל כּוחות, אַ צעוויגטע אויף די פֿיס, האָט זי זיך אַ טראָג געטאָן צו יאַסעלע אַבעדאַלעס כאַלופּע אויף דער אַנדערער זייט שטעטל.
ערשט פֿאַר זיין שוועל האָט זי געכאַפּט אַ בליק אויף זיך און געפּרוווט אויסגלייכן די יאַקע אַרום איר האַלדז און פֿאַרדעקן די צעריסענע פּאָלדן פֿון דער ספּאָדניצע מיט איר צעפּליקטער שירץ. „וואָס איז דאָס אַצינדער וויכטיק?" האָט זי קאַלט אַ זאָג געטאָן צו זיך. „ער'ט געזען מיין הויט, מיין לייב, געשענדט מיך מיט זיין מויל, מיט די בליקן. בין איך נישט מער ווי אַ שטיק מיסט, אַ צעבראָכן, צעטרעטן שערבל בין איך". נאָר דאָ האָט אַ קול אין איר שטאַלץ אויפגעשריגן: „אָבער מיין נשמה איז געראַטעוועט!" זי האָט שוין געהאַלטן ביים אָנקלאַפּן אין יאַסעלעס טיר, ווי זי האָט זיך אויסגעניכטערט. „וואָס טו איך דאָ?" האָט זי זיך געפֿרעגט. „ווי 'על איך קענען זאָגן יאַסעלען וואָס עס איז מיט מיר געשען? איך מוז טראָגן די חרפּה אין מיין האַרץ, ביז צום קבר. אָבער גאָט, טאַטע זיסער, מיך אַרט נישט... מיך אַרט אין גאַנצן נישט, אויב נאָר דו'סט שומר־ומציל זיין די קינדער".
זי האָט זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק און זיך גענומען שלעפּן אין דער ריכטונג פֿון שלומס שטוב. זי איז געוועזן בלינד פֿון די טרערן און פֿון איר פֿאַרלוירנקייט אין אָט דער פֿינצטערער נאַכט, אָן שטערן. אַ הוילע, ליידיקע שוואַרצקייט איבער איר קאָפּ. היינט האָבן געבילט. די נאַקעטע ביימער האָבן געזיפֿצט. דער ווינט האָט געסיקעט אין די פֿרייע רוימען צווישן די כאַטעס.
זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ פּלויט און צוגעטאָן די באַק צו דער קילער פֿלאַך פֿון די ברעטער. אין דער פֿינצטער האָט זי באַמערקט אָן אָפּדרוק פֿון בלוט אויף זיי. זי האָט אַ שפּיי געטאָן אויף אַ ברעג פֿון דער שירץ און זיך דערמיט אָפּגעווישט די באַק. זי האָט געכליפּעט און טרעריק געפּליסטערט צו זיך.
„איך טאָר מיך נישט לאָזן... כ'מוז קלערן... געפֿינען אָן אויסוועג. ניין, דערציילן יאַסעלען איז נישט קיין אויסוועג... יאַסעלע איז פּונקט אַזוי אומבאַהאָלפֿן ווי איך... אין די גוייִמס הענט זענען מיר. גאַנץ באָטשאַני איז... טאָ אפשר זאָל איך אוועק קיין כוואַסטי מיט די קינדער? אַ ייִד 'עט דאָך שטענדיק געפֿינען אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ שטיקל ברויט, בפֿרט אַ נע־ונדע מאַמע מיט אירע קינדער. רחמימדיקע מענטשן 'עלן אונדז אַריינגעמען... צי מ'עט גיין אין הקדש אַריין... צי אפשר זאָל איך מיך אַוועקלאָזן צום טאַטן... די שוועסטער? אוי, ס'וואָלט מיר אונטערגעשפּאַרט די נשמה... אָבער ניין, דער חרובער אַלטער טאַטע, ער'ט נישט איבערטראָגן די חרפּה. אים 'על איך מוזן פֿאַרציילן. און ווי קאָן איך לאָזן דאָ

שלומען ? פאַר גאָרנישט אין דער וועלט 'עט ער איבערלאָזן זיין שוואַנגערדיק ווייבל. און ז'יט נישט אַוועק אָן איר משפּחה... און וואָס 'עט געשען מיטן ביסל בעבעכעס ? מיטן ביסל סחורה ? אָן דעם איז מען דאָך גלייך נאַקעט און באָרוועס. אוי, רבונו־של־עולם, לאָכטיקער טאַטע אין הימל, טאָמער קוקסטע אַראָפּ אויף מיר אַצינדער, טאָ גיב מיר אַ סימן, מאַך אַ צייכן, זע, אַז איך זאָל טאָן די גלייכע זאַך און שטראָף מיך נישט מער. העלף מיר באַהיטן די קינדער און מיך אַליין אויכעט. זיי ברויכן מיך. און איך וויל נישט שטאַרבן ווייל אַ מיזערנער גוי, אַ קלאָגעדיק פּאַרזעניש, האָט זיך אָנגעזויפּט און ווייסט נישט וואָס ער טוט. כ'וויל גאָרנישט פון דיר, טאַטע זיסער אין הימל, נאָר העלף מיר קלערן... העלף מיר קלערן..."

זי האָט זיך געווישט דאָס פּנים. זי האָט זיך געפילט אַזוי שוואַך, אַז אירע פיס האָבן גענומען אַראָפּזינקען קעגן איר ווילן.

זי האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ פראַנטשטיג פון אַ כאַלופּע און האָט אויפגעהויבן דאָס פייכטע פּנים צום הימל, ווי זי וואָלט אויסגעקוקט אויף אַ סימן. די שטיקלייט פון דער קילער נאַכט האָט זי אַרומגענומען. זי האָט אויפגעכאַפּט מיטן אויער דאָס שורגען, דאָס פליסטערן פון דער לופט דער פּולער מיט שדים. אַצינד, נאָך דעם וואָס עס איז נאָר וואָס געשען מיט איר, האָבן די שדים אויסגעזען ווי אַ פריינדלעכע קאָמפּאַניע. זי וועט קיין מאָל מער זיך נישט שרעקן פאַר זיי. זי האָט טיף איינגעאָטעמט און זיך אויפגעשטעלט. זי האָט זיך אַ קער געטאָן און אַזוי גיך ווי זי האָט געקאָנט, האָט זי אַוועקגעדרעפּטשעט צוריק צו יאָסעלע אַבעדאַלעס כאַלופּע. זי האָט לייכט אַ קלאַפּ געטאָן אין דער טיר, איין מאָל און נאָך אַ מאָל, געוואַרט און זיך איינגעהערט נאָך יעדן קלאַפּ.

גיכער ווי זי האָט דערוואַרט, האָט זיך אַ שפּאַרע געעפנט אין יאָסעלעס טיר. זי איז צוריקגעשפּרונגען אָן איבערגעשראָקענע. זי האָט דערהערט יאָסעלעס שווערע, אומהיימלעכע וואָרטשען. „ווער איז דאָרטן ?"

„דאָס בין איך, ר' יאָסעלע..." האָט זי געשטאַמלט. „זייט מיר מוחל וואָס עך... וואָס עך וועק אייך אויף, ר' יאָסעלע..." זי איז ווידער אַרויס אין אַ יאָמער, אָבער אַ טרוקענעם, ווי זי וואָלט מער קיין טרערן נישט פאַרמאָגט. „איר מוזט מיר העלפן. ס'אַ... ס'אַן ענין פון לעבן און טויט".

אַנשטאָט איר צו ענטפערן, איז יאָסעלע נעלם געוואָרן, געלאָזט אָפן די שוואַרצע שפּאַרע. אין אַן אויגנבליק אַרום איז ער, אין גאַנצן אָנגעטאָן, אַרויסגעקומען דרויסן.

„וואָס איז געשען ?" האָט ער געפרעגט מיט דעם זעלביקן שווערן נישט־פריינדלעכן קול און האָט זיך אָפּגערוקט פון איר.

הינדעלע האָט אַ שלינג געטאָן, געקומען אַ טראָט נענטער צו אים, האָט טיף איינגעאָטעמט און זיך אָפּגערופן: „וועגן וואַצלאַוון... וואַצלאַוו ספּאַקויני... מיט

א האק איז ער געקומען צו מיין טיר. טויט שיכור. ער׳ט מיר געזאָגט... מיר געזאָגט, אַז ער האָט בדעה געהאַט אוועקצוהרגענען זיין ברודער, נאַר... ער האָט דאָס אויפגעגעבן... און ר׳ יאָסעלע, איך...״

ווי ער וואָלט וועלן זי אָפּהאַלטן פון פאַרשעמען זיך אַליין האָט ער אַ שטאַרקן פּאַכע געטאָן מיטן אָרעם. „ווו איז ער?״ האָט ער כמעט אויסגעשריִען. זיין גוף האָט אויסגעזען האַרטער און גרעסער צו ווערן פאַר אירע אויגן, ווי די רציחה וואָלט אים פונאַנדערגעשפּאַרט.

„ר׳איז נאָך דאָרט... ר׳איז געווען... ווען כ׳האָב אַ כאַפּ געטאָן די קינדער און אַנטלאָפן צו מיין שלומען״. יאָסעלע האָט איצט געשפּריזט מיט גיכע, גרויסע „לאָקשנטריט״. זי האָט גערעדט צו זיין רוקן און איז אים נאָכגעלאָפן אויף די צעפּלאָנטערטע פיס.

„איכ׳ל אים בענדיקן!״ האָט יאָסעלע געהויבן אַ פויסט אין דער לופטן. „כ׳על אים אוועקלייגן און מאַכן אַ סוף צו אים איין מאָל פאַר אַלע מאָל!״ מיט אַ מאָל האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער קאָן אויפוועקן די מענטשן אין די כאַלופּעס, און האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט מיט דער פויסט. ער האָט זיך צעזעגלט מיט די אָרעמס און אַ זאָג געטאָן אין אַ שטילן קול: „מיקנשמאַלץ! טאָמער דערהרגע איך אים, ׳עלן די גויים אונדז אַלעמען אויסשעכטן צווישן אַ יאָ און אַ ניין״.

„דאָס ׳עלן זיי טאָן!״ האָט זי געסאָפּעט, לויפנדיק הינטער אים. „כ׳קלער צו אַנטלויפן מיט די קינדער״.

„טאָ לאָמען אַריינגיין צום רבֿ און פרעגן...״

זי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל. „גאָט באַהיט, ר׳ יאָסעלע, איך בלאָגע אייך! נישט צום רבֿ און נישט צו קיינעם נישט... דערנידעריקט מיך נישט נאָך מער. דעציילט נישט קיינעם, כ׳בעט אייך, ווי גאָט איז אייך ליב, כ׳על אוועק־שטאַרבן פון חרפּה״.

„שאַ! שאַ! איז נישט!״ האָט ער זיך צעסיקעט. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעּ־נומען מיט מוט, זי דאַך אַ פרעג צו טאָן וועגן דעם וואָס האָט אים געברענט אין מוח: „האָט ער... דער מנוול... הם... האָט ער אייך אָנגערירט?״

עפּעס האָט הינדעלע, צו איר אייגענעם שטוינען, זיך גאַרנישט געשעמט פאַר יאָסעלען און איז גלייך אַרויסגעקומען מיט די רייד: „איר׳ט מיך נישט אָנ־געקוקט?... כ׳האָב מיך געראַנגלט מיט אים. יאָ... ער׳ט... געזען מיין הויט און־טערן... קלייד... ער׳ט מיך אָנגערירט, יאָ, מיט די לאַפּעס, די ליפּן...״

אזוי איז זי אַליין אַרויסגעקומען דערמיט. אַצינד וועט זי מער נישט טראָגן אַליין איר חרפּה און איר סוד אין איר קבֿר אַריין. יאָסעלען האָט זי דעם סוד אַנפאַרטרויט, זיך געטיילט מיט אים.

דאָס מאָל האָט יאָסעלע אַ הייב געטאָן ביידע פאַרביילטע פויסטן אין דער לופטן. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און פאַרבליבן אָפּגערוקט אַ פּאָר

פוס פון איר. „איין זאַך זאָלט עץ געדענקען, שכנטע", האָט ער אַ זאָג געטאָן. „טאָמער אַנטלויפט עץ מיט די קינדער, 'עט גאַנץ באַטשאַני זיין אין וואַצלאַווס הענט". ער איז פאַרשוויגן געוואָרן אויף אַ רגע און האָט צוגעגעבן: „אַצינדער גייטץ צוריק צו אייער שלומען אין שטוב. איך על מיר שוין אַליין אַן עצה געבן, זאָרגטץ ענק נישט". ער איז ווידער פאַרשוויגן געוואָרן און ווידער צוגעגעבן: „טאָמער גיב עך ענק נישט צו וויסן, זאָלט עץ זיך אָנטאָן אַ כּוח און קומען מאָרגן אויפן פּאַטשעיאָוו, עפּענען דאָס קרעמל, ווי קיין מאָל גאָרנישט".

ער האָט זי געלאָזט הינטער זיך און אין אַ רגע אַרום איז ער נעלם געוואָרן אין דער פינצטערניש.

הינדעלע איז געזעסן אין שלומס פינצטערער שטוב און געפּרוווט איבערצייגן אירע צעטומלטע פאַרשלאָפענע זין און די שנור, אַז אייגנטלעך איז גאָרנישט געשען, אַז אַ שיכּורער גוי האָט זי נאָר איבערגעשראָקן ווען ער האָט געפּרוווט אַרויפקריכן די שטיגן; אַז נאָך דעם ווי זי האָט אים אָוועקגעטריבן, איז זי אַליין אַראָפּגעפאַלן פון די שטיגן און זיך צעקלאַפּט דאָס פּנים און די עלנבויגנס.

בעת־מעשה איז יאָסעלע אַבעדאַלע אָוועקגעלאָפן אויפזוכן וואַצלאַוון אין הינדעלעס פאַדערהייזל. ער האָט אים געפונען ליגן שטייף און צעשפּרייט לעבן די שטיגן. אַ הויך שנאָרכן האָט זיך געטראָגן פון זיין אָפענעם וואַנציקן מויל. ער האָט געהאַט אַ גרויסע בייל אויפן שטערן. יאָסעלע האָט באַמערקט דעם האַלדז פון אַ פלעשל אַרויסשטאַרטשען פון וואַצלאַווס קעשענע און ער האָט עס אַרויסגע־צויגן פון איר. געווען נאָך אַ ביסל וואָדקאַ אינעם פלעשל. יאָסעלע האָט אונטער־געהויבן דעם גויס קאָפּ און האָט אַריינגעשטופּט דעם האַלדז פון פלעשל אין זיין מויל.

„נאַ, וואַצעק, כאַפּ אַריין אַ זויף!"

יאָסעלע האָט גענומען אים טרייסלען, פאַרפעסטיקט וואַצעקס קאָפּ אין זיין אָרעם און אַ קער געטאָן דאָס פלעשל מיטן באָדעם אַרויף. דער שלאָפנדיקער פייער־קאָמענדאַנט האָט גענומען זייגן פונעם פלעשל ווי אַ דאָרשטיק עופעלע. יאָסעלע האָט דאָס ליידיקע פלעשל צוריק אַריינגעגליטשט אין וואַצלאַווס קעשענע, האָט געלאָזן פאַלן דעם שלאָבעריקן גוף צו דער ערד, און איז אַרויסגעלאָפן דרויסן.

ער איז אָוועקגעלאָפן אויפוועקן פישעלען קצב און האָט אַראָפּגענומען אַ פּאָר מענטשן פון דער נאַכט־שמירה לעבן דער שול. ער האָט זיי דערציילט, אַז וואַצלאַוו האָט זיך אָנגעשיכּורט און האָט געוואָלט באַפאַלן הינדעלען, כאָמעלע דעם סופרס אַלמנה, מיט דער האַק. די גרופּע יידן האָט שטילערהייט צוגעגרייט אַ פייער־לעשער־וואָגן, זיינען מיט אים אונטערגעקומען צו הינדעלעס כאַלופּע, האָבן אויפ־געלאָדנט אויף אים דעם צעשנאָרכטן וואַצלאַוון — און זיינען אָוועק מיט אים אין דאָרף.

אַ ליכט האָט נאָך געברענט אין וואַצלאַווס כאַלופּע. ווי נאָר זיי זיינען אַריינ־געפאָרן אין פּייער־קאָמענדאַנטס הויף, איז זיין ווייב אַרויסגעשפּרונגען אויפן גאַניק און האָט פאַרבראָכן די הענט.

„יעזוס מאַריאַ! וואָס האָט דער סקונדרעל ווידער אָפּגעטאָן?"

„זייער אַ מיאוסע מעשה, קומע, גאָר אַ מיאוסע מעשה!" איז יאַסעלע, גאָר־נישט ווי זיין טבע, געוואָרן באַריידעוודיק. „לאָמען אים קודם־כּל אויסטאָן און לייגן אין בעט אַריין". ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער גויע און איר שטרענג געקוקט אין פּנים, בעת די אַנדערע יִדן האָבן איר מאַן אַריינגעטראָגן אין דער כאַלופּע. „לייג אים צו וואַסער צו דער בייל אויפן שטערן. און ווען ער'ט זיך אויפוועקן אין דער פרי, זאָלסטע אים זאָגן, אַז ער איז די גאַנצע נאַכט אַדורכ־געשלאָפן אין זיין בעט ווי אַ זייגקינד, און אַז ער איז דערנאָך אַרויסגעפאַלן פון בעט און זיך געמאַכט דעם בייל... און טאָמער הייבט ער דיר אָן צו דערציילן ווו ער איז געווען, זאָלסטע אים זאָגן, אַז דאָס האָט זיך אים אַלץ געחלומט". יאַסעלע האָט אין קאָפּ נישט געהאַט אויסגעאַרבעט קיין באַזונדערן פּלאַן ווי זיך נוהג צו זיין און גערעדט אַזוי צו דער גויע האָט ער נאָר דערפאַר, ווייל אויפן מאָמענט האָט דאָס אויסגעזען די גלייכסטע זאַך צו טאָן. האָט ער זיך אַפילו צוגעבויגן צו דער גויע און אַ פּליסטער געטאָן אויף איר אויער: „ער האָט געוואָלט אַוועקהרגע־נען זיין ברודער מיט דער האַק".

ער האָט איר דערלאַנגט וואַצלאַווס האַק.

„יעזוס באַרעמהאַרציקער!" האָט די גויע זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די האָר.

„ווי קאָן איך אייך אָפּדאַנקען, טייערע זשידקעס, גוטע מענטשן?" זי האָט אָנ־געכאַפּט יאַסעלעס האַנט, גרייט זי צו קושן, אָבער ער האָט די האַנט ביי צייטן צוריקגעכאַפּט.

„נישטאָ פאַר וואָס צו דאַנקען", האָט ער אַדורכגעקאַמט די באָרד מיט צע־שפּרייטע פינגער. „אַזוי איז גלייכער פאַר דיר און פאַר אונדז. און זאָלסט נישט קיין פּיפּס טאָן וועגן דער גאַנצער מעשה פאַר קיינעם".

די גויע האָט געשוווירן ביי אַלע הייליקע, אַז זי וועט נישט קיין פּיפּס טאָן פאַר קיינעם. זי האָט הייס נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל געדאַנקט די יִדן. אויפן וועג צוריק האָט יאַסעלע אויך זיינע באַגלייטערס געמאַכט שווערן ביי אַלעם הייליקן, אַז אויך זיי וועלן נישט קיין פּיפּס טאָן פאַר קיינעם וועגן דער גאַנצער מעשה, כּדי נישט איבערצושרעקן דעם באָטשאַנישן עולם.

אויף מאָרגן אין דער פרי, ווי נאָר הינדעלע האָט זיך באַוויזן אויפן פּאָטשעיאָוו, איז יאַסעלע אַרויסגעשפּרונגען פון זיין קרעמל און צוגעקומען צו איר נענטער ווי ווען נישט איז פריער.

„דאָס איז אַלץ ענקער אייגענע שולד, נאַרישע יִדענע! אַליין זיך דאָס

אַראָפּגעבערענגט אויף ענקער קאָפּ!״ האָט ער מיט אַ פֿאַרשטיקט קול זיך געכעסט אויף איר. „וויפֿל מאָל האָב עך ענק געוואָרנט נישט צו האָבן קיין מגע־ומשא מיט דעם טייוול, הע?״ זי האָט אויסגעזען נעבעכדיק מיט איר אַנגעשוואָלן פּנים, האָט זיך געטרייסלט ווי אַ בלאַט, און האָט געכליפּעט אַ פֿאַרלוירענע. אירע טרערן, דאָס צעקיילטע פּנים אירס האָבן עפּעס אַ ריר געטאָן אין אים, האָט ער אָפּגעהאַקט די רייד און נאָר באַפֿעלעריש צוגעגעבן: „הערטץ אויף צו יאָפּן און מאַכטץ אַן אָנשטעל ווי קיין מאָל גאָרנישט. אונדז האָלט מען אַן אויג״.

ער איז צוריק אַריין צו זיך אין קרעמל און האָט געטראַכט ווי שטאַרק זיין ווידערווילן צו אָט דער ייִדענע איז געווען; אַ ווידערווילן וואָס איז נאָך גרעסער געוואָרן נאָך איר מאַנס פּטירה. — אירע אומגליקן האָבן זיי ביידן, זי און אים, אויף קיין האָר נישט געבראַכט נענטער צו זיך, נישט געקוקט וואָס זי האָט אַרויס־געוויזן אַ שכנישע זאָרג סיי פֿאַר זיינע קינדער, סיי פֿאַר אים. ווען נאָר זי האָט געקוקט אין זיין ריכטונג מיט אירע מיט־טרערן־איבערגעלאָפּענע אויגן, וועלכע זיינען טאָפּלט גרויס און טאָפּלט שוואַרץ געוואָרן נאָך איר זונס טויט, האָט ער אַ קער געטאָן דעם קאָפּ אין דער פֿאַרקערטער זייט. לעצטנס, ווען זי האָט זיך גע־נומען באַווייזן מיט איר נאַרישעוואַטן פֿייכטן שמייכל אויף די ליפּן, איז אים איר אָנבליק געוואָרן גאָר נישט־דערטרעגלעך.

הינדעלע האָט זיך באַמיט אַרומצופּאָרען אַרום אירע פּאַליצעס מיט גאַלאַנ־טעריע, אָבער אַלץ איז איר געפֿאַלן פֿון די הענט. זי איז געווען צעחושט, נישט געקאָנט איינשטילן די ציטערניש פֿון די הענט, נישט געקאָנט צוריקהאַלטן די טרערן. זי איז געווען צופֿרידן וואָס די קינדער זיינען נישט געווען לעבן איר. נאָר שלום איז געשטאַנען אין דער ווייטן, אָנגעלענט אָן דער מויער, און זיך געגאַפּעט אַהער, צו איר. ער איז געווען פֿאַרשלאָפֿן, באַזאָרגט, געשפּירט עפּעס און דאָך נישט געהאַט קיין אָנונג וואָס עס איז מיט זיין מאַמען געשען די פֿאַרגאַנגענע נאַכט. פֿאַר גאָרנישט אין דער וועלט האָט זי געוואָלט, אַז אירע קינדער זאָלן זיך דערוויסן. — זי איז געשטאַנען אומגעקערט מיטן רוקן צו שלומען.

ס׳איז שוין געווען אַרום מיטאָגצייט ווען וואַצלאַוו ספּאַקויני האָט זיך באַוויזן אויפֿן פּאַטשעיאַוו און געשפּרייזט גלייך אין דער ריכטונג פֿון הינדעלעס קרעמל. זי האָט אים דערזען אָנקומען און האָט קוים באַוויזן אויסצורופֿן: „ר׳ יאָסעלע!״

ס׳איז נישט נייטיק געווען אים צו רופֿן. ער איז געווען אויף דער וואָך, צו גלייך מיט די אַנדערע ייִדן וואָס האָבן אים די פֿאַרגאַנגענע נאַכט אַרויסגעהאָלפֿן.

פּישעלע קצב האָט זיך באַוויזן אין ראָג מיט דער קצבישער האַק אין דער האַנט.

אַ פֿרעסטל האָט אַ קריך געטאָן איבער הינדעלעס רוקן. אָבער דאָ האָט זי געזען ווי וואַצלאַוו שפּרייזט אַן אויסגעגלייכטער, דאָס פּנים זיינס אויסגערוט, דער בליק ניכטער. זיין קאָמענדאַנטסקע מונדיר איז געווען פֿאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך. און אַז ער איז צוגעקומען צו איר, האָט ער זי באַגריסט מיט אַ ברייטן „דזשען

דאַברי!". זי האָט נישט געהאַט קיין כּוח און נישט קיין מוט אים צו ענטפערן. ער האָט גלייך באַמערקט איר צעקאַליעטשעטע פּנים און די געשוואָלענע אויגן.

„מאַטקאַ שוויענטאַ! הינדעלע!" האָט ער אויסגערופן. „דו קוקסט דאָך אויס ווי די הייליקע פאַנגע מאַריע אינעם טאָג פון דער קרוציפיקסיע! אויסן אויג! ביי אַלע הייליקע, וואָס איז דיר צוגעקומען?"

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איר זיצקעסטל, פאַרבויגן דעם קאָפּ ווי זי וואָלט דערוואַרט, אַז ער זאָל אַרויסנעמען די האַק פון אונטער זיין פאַרקנעפּלטן סורדוט און זי אַראָפּלאָזן איבער איר. ער האָט זיך צעשמייכלט, אויסגעגלייכט די העטמאַנסקע וואָנצעס און גענומען איבערוואַרפן די קאַלירפולע סטענגע־ראַלקעס וואָס זיינען געלעגן אויף דער מיטלסטער פאָליצע.

„וועט אַט דאָס זיך פּאַסן צו מיין וואַנדעס האַר?" האָט ער איר אָנגעוויזן אויף אַ געלער ראַלקע באַנד.

זי האָט אַרויסגעפּרעסט די פראַגע: „אַן אַרשין?"

ער האָט אויסגערופן: „גיב מיר דריי אַרשין, הינדעלע! כ'האָב דריי טעכטער, און גיב מיר אַ פּאָר שטרימפּ פאַר מיין אַלטער אויך, און שקאַרפּעטקעס פאַר די יינגלעך, פיר פּאָר. איך האָב פיר זין, ווייסטו דאָס, הינדעלע?"

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זיך אויפגעשטעלט. זי האָט קוים געהערט וואָס ער האָט אַריינגערעדט אין איר. אירע צעציטערטע הענט האָבן פיבערדיק געזוכט די אַלע זאַכן וואָס ער האָט זיך געהייסן דערלאַנגען. זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל וואָס גיכער נעלם ווערן, איינזינקען אין דער ערד. אַלץ איז איר געפאַלן פון די הענט.

דאָ האָט ער זיך גאָר דערנענטערט צו איר, און אַ באַשימחהטער איר דערציילט מיט אַ פּליסטער. „שטעל דיר פאָר, הינדעלע... די פאַרגאַנגענע נאַכט... האָב איך געהאַט אַ משונהדיקן חלום וועגן דיר... און וועגן מיין ברודער סטאַשעקן". — און ער האָט איר דערציילט מיט אַלע פּרטים וואָס עס איז געשען מיט אים אין חלום. איצט האָט הינדעלע זיך געמוזט באַהערשן מיט אַלע כּוחות וואָס זי האָט פאַרמאָגט, געמוזט גובר זיין דאָס ציטערניש אין די הענט, אין איר לייב, כּדי זיך נישט אויסצוגעבן. — „איך קאָן דאָס בשום־אופן נישט צוגלייבן, ד'הערסט?" האָט וואַצלאַוו געדרייט מיטן קאָפּ. „אַזוי בולט, אַזוי אמתדיק וואָר איז דאָס מיר אויס־געקומען. ווען כ'האָב מיך אויפגעוועקט און איינגעזען, אַז איך האָב דאָס נישט געטאָן, האָב איך אַזש געקושט מיין אַלטע, ד'הערסט?"

איר האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען אַ שמייכל־גרימאַסע אויפן פּנים.

זי האָט דערהערט איר אייגן קול: „פּאַראַן אַ... מאָראַל אין דעם... דעם חלום אייערן, פּאַניע פייער־קאָמענדאַנט. דער... מאָראַל איז, אַז איר טאָרט נישט אַזוי פיל טרינקען, ווייל איר קאָנט חלילה אַ מאָל אויף אַן אמת דערהרגענען

אייער ברודער. און צו הרגענען אַ ברודער איז די גרעסטע זינד. איר זענט נישט באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַ קין, זיכער נישט".

ער האָט געשטראַלט: „כ'האָב געוווּסט, אַז דו וועסט דאָס מיר זאָגן! און ד'זעסט, כ'בין ניכטער ווי אַן אוגערקע! מײַנע ליפּן וועלן זיך מער נישט צורירן צו דער מאַנאַפּאַלקע. און דאָס אַלץ נאָר אַ דאַנק דיר!"

זי האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו טרייסלען. „פאַר... פאַר וואָס אַ דאַנק מיר? איך בין גאָרנישט מער ווי... אַ צעבראָכן שערבל".

„אַ דאַנק דיר, ווייל דו ביסט מיר צו חלום געקומען און מיך געוואָרנט. דו ווייסט דאָך יאָ, אַז איך בין נישט אין גאַנצן אַ פאַרשאָלטענער רשע, אמת, אַז דו ווייסט דאָס? דו ביסט מיין שומר, מיין מלאך, מיין מלאך פון רחמים".

די פיס האָבן איר אויפגעהערט צו דינען, זי האָט זיך דערפילט ווי צום חלשן. זי האָט זיך געוואָלט אַראָפּלאָזן אויף איר זיצקעסטל אויף אַ רגע, אָבער איצט האָט וואַצלאַוו זיך געהייסן דערלאַנגען קעמעלעך און שפּיגעלעך פאַר זיינע טעכ־טער, און נאָך זאַכן פאַר זיינע זין און זיין ווייב. עס האָט איר גענומען אַ נישקשה־דיק ביסל צייט ביז זי האָט דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען. זי האָט זיך טועה געווען אין חשבון, פאַרגעסן צוצוגעבן איין זאַך און אַן אַנדערע און האָט געמוזט אָנהייבן חשבונען פון אָנהייב אָן. ער האָט איר אויסגעצאָלט די גאַנצע סומע וואָס זי האָט ביי אים געבעטן, ביז צו דער לעצטער קאָפּעקע.

בכלל האָט הינדעלע היינט געהאַט אַ מזלדיקן טאָג ביי זיך אין קרעמל.

5

אַ יאָר איז פאַרביי, אַ ווינטער האָט זיך אונטערגערוקט. ייִדישע מאַמעס האָבן אַרויסבאַגלייט זייערע זונדלעך אויפן ברייטן טאַפּאָליע־וועג, געשלעפּט זייערע פּעקלעך און קעסטלעך, ביז ס'האָט זיך געמאַכט אַ וואָגן און מען האָט אַרויפגע־זעצט די בחורימלעך, די מאָרגנדיקע ישיבה־בחורים, און זיך אָפּגעזעגנט מיט זיי, מיט טרערן און מיט די לעצטע באַלערנדיקע רייד. הײַיאָר האָבן די מאַמעס אָפּגע־שיקט די זונדלעך לערנען תורה מיט באַזונדערש באַשווערטע הערצער. קלאַנגען האָבן זיך געשפּרייט וועגן אומרוען אין דער וועלט און וועגן הריגות אויף ייִדן.

נעכטן האָט יעקב זיך אָפּגעזעגנט מיט זיין חבר אריהלען, וועלכער האָט, נישט געקוקט אויף זיין עילוייִשן קאָפּ זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן אין אַ ישיבה לערנען. ער האָט געוואָלט געפינען זיין דרך אַליין, אין בית־מדרש. און יעקב האָט זיך אויך אָפּגעזעגנט מיט ר' סענדערלען דעם מקובל און מיט זיין ברודער שלומען, זיין ווייב און זייער פּיצל מיידעלע. דאָס האַרץ איז אים געווען באַשווערט, אין קאָפּ אַ תוהו־ובוהו.

ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און בשום־אופן נישט געוואָלט, אַז הינדעלע זאָל אים אַרויסבאַגלייטן אויפןברייטן טאָפּאָליע־וועג.

„פּירטץ מיך נישט אַרויס...״ האָט ער פּאַרעקשנט געדרייט מיטן קאָפּ צו הינ־דעלען און די שוועסטער. „כ׳ברויך נישט עץ זאָלט גיין נאָך מיר ווי נאָך מיין לוויה, און כ׳וויל נישט צ׳זאָלט שלעפּן מיינע פּעקלעך. אַליין גיי עך!״

אין שטוב האָט ער זיך געוואָלט מיט זיי אַלעמען אָפּגעזעגענען, קורץ און טרוקן זיך אָפּגעזעגענען. דאָס האַרץ איז אים געווען צו איבערגעלאָדנט, אַז ער זאָל האָבן דעם מוט צו פאַרציען די פּיינלעכע מינוטן. און הינדעלע האָט אים נאָך שווערער געמאַכט דאָס צעשיידן זיך. זי האָט געקלעפּט צו אים און געפּלאָנטערט ווי ער וואָלט חלילה געהאַלטן ביים אַוועקפאָרן, נישט קיין כוואָסטי, נאָר אין אַנדערן עק וועלט. זי האָט אויסגעזעצן בלייך, קראַנק.

„כוואָסטי איז אונטער דער נאָז״, האָט זי נישט אויפגעהערט צו פּליסטערן און צו ווישן זיך די אויגן וואָס האָבן צו גלייך געווייגט און געשמייכלט. „צווישן אַ יאָ און אַ ניין ׳עסטע דיך אם־ירצה־השם אַהיימכאַפּן אויף יום־טוב״.

אוודאי איז כוואָסטי געווען אונטער דער נאָז. און צעשיידט האָבן מענטשן געקאָנט זיין אַפילו ווען זיי האָבן געלעבט אין דער זעלבער שטאָט. אָבער ווער וועט אַכטונג געבן, אַז הינדעלע זאָל נישט שלעפּן די עמערס וואַסער אויף די צעלאָמיעטע געדרייטע טרעפּ, האָט יעקב אין האַרצן געפרעגט. זי איז דאָך נישט איין מאָל אַראָפּגעפאַלן פון זיי און זיך שיִער נישט אַ מעשה אָפּגעטאָן. זי האָט דאָך אַלץ געטאָן בשתיקה, נישט צו פאַרדרייען די קינדער דעם קאָפּ. מען האָט איר געדאַרפט פאַרלויפן דעם וועג, אָפּטרעפן אין וואָס זי האָט זיך גענייטיקט. די שוועסטער, גיטעלע און שיינדעלע, זיינען נאָך געווען צו פאַרשפּילט אַזעלכע זאַכן אין זינען צו האָבן. און שלום, דער ברודער, האָט דאָך דעם גאַנצן טאָג געשלעפּט שווערע זעק אויף די פּלייצעס און ער האָט שוין געהאַט אַ ווייב מיט אַ קינד אויך.

אַז יעקב האָט דערפילט ווי די שולד, די פאַרביטערונג, די ליבשאַפט און אומבאַהאָלפנקייט נעמען אים שטיקן אין האַלדז, האָט ער זיך אָפּגעריסן פון דער טרויעריק־צעשמייכלטער הינדעלען און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

אַ נאַכט פריער האָט זיך געמאַכט די ערשטע שניי־זאַווערוכע. אין דער פרי איז גאַנץ באָטשאַני געווען באַדעקט מיט אַ ווייסער שניי־פּערענע. צוליב עפּעס אַ סיבה האָבן די בושלען הײַיאַר פאַרשפּעטיקט מיט זייער אָפּפלי, און ערשט היינט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג. הויך, הויך זיינען זיי געפלויגן, ווי שנורן פון ווייסע שנייפלאָכטעס, ווי שנורן ווייסע וועש צעהאַנגען איבער שטריק. יעקב האָט געש־פּריזט אין צעפּרושעטן שניי איבערן ווייסן טאָפּאָליע־וועג, מיטן זעקל אויף די פּלייצעס און דעם קאָפּ פאַרריסן אין דער הייך. „ווער ווייסט וויפל פון די באָ־

טשאַנעס ׳עלן זיך נישט אומקערן קיין באַטשאַני... ווער ווייסט, צי איך ׳על מיך אומקערן ?״ האָט אַ מחשבה געפּיקט אין מוח ווי דער שנאָבל פון אַ פּיקהאָלץ.

די פּיס האָבן אים געטראָגן פאָרויס, אָבער דאָס האַרץ האָט געצויגן אויף צוריק. אַ פּאָר וועגענער און שליטנס זיינען אים שוין געהאַט פאַרבייגעפאָרן, נאָר עס האָט זיך אים נישט געגלוסט אַרויפצוכאַפּן זיך אויף זיי. ער האָט געמוזט אויסלאַדענען פון זיך די שפּאַנונג, צעטרעטן די לאַסטיקייט פון געמיט.

שפּעטער אַריין האָט ער איבער הויפּט נישט באַמערקט די וועגענער, צי שליטנס וואָס זיינען אים פאַרבייגעפאָרן. ער האָט געטראַכט וועגן זיין לעבן, וועגן זיין צוקונפט.

אוודאי האָבן אים טאַטע־מאַמע פון קינדוויייז אָן אַריינגעהאַקט אין קאָפּ, אַז ערדישע רייכטימער זיינען נישט מער ווי אַ כּלי־זין אין די הענט פון דער סיטרא־אחרא; אַז ווויל איז דעם אָרעמאַן, ווייל ער האָט נישט מורא, אַז ער וועט אָרעם ווערן; אַז באַקוועמלעכקייט איז הכל־הבלים; אַז דער דלות וואָס האָט געפּיפּן אין יעדן ווינקעלע פון דער מאַמעס שמעקנדיקן בוידעמשטיבל, האָט געהאָלפן, אַז מען זאָל זיך פילן פריי פון ערדישע לאַסטן, זיך פילן ממש ווי אַ פויגל אַזוי לייכט — כּדי מען זאָל זיך קאָנען לייכטער אַוועקטראָגן מיט דער נשמה צו רוח־ניותדיקע הייכן.

יאָ, ער האָט זיי איבערגעלעבט, יענע דערהויבענע רגעס, די טיפע פרומע שטילקייטן פון וועלכע די שיינקייט האָט אַרויסגעבליט אין אָט דער טונקעלער בוידעמשטוב מיט דער קרומער פּאָדלאָגע, די שיפּע אָפּגעריסענע ווענט, מיט די לעכער אין דאַך און מיט דעם פראָסט אויף די שויבן. ער האָט גוט און טיף אַריינגעזאַפּט אין זיך די שלווה פון זיינע הונגעריקע קינדער־יאָרן, וואָס ער האָט אַצינד אַוועקגעשפּרייזט פון זיי. — אָבער אַצינד האָט דער דלות, מער ווי תמיד, גערעדט צו אים גאָר אַנדערע דיבורים. ער האָט אין אים צעברענט אַ כּעס. און אַזוי, אַ פאַרביטערטער, האָט ער אַצינד פיינט געהאַט גאָט — וועלכער איז אפשר גאָרנישט פאַראַן געוועזן — דערפאַר ווייל ער איז נישט פאַראַן געוועזן; דעם גאָט וועמעס תּורה ער איז איצט ווייטער געגאַנגען לערנען אין דער ישיבה אין כוואַסטי. פאַר אים וועט ער דאָס עסן טעג אין פרעמדע היימען, שלאָפן אויף פרעמדע געלעגערס — און שנאָרן אַ שמייכל, אַ גוט וואָרט, ווי אַ בעטלער.

איז ער אפשר געוועזן אַצינד אויפן וועג — נישט אין ישיבה — נאָר צו אַפּיקורסות? ער, וועלכער האָט שוין געהאַט אָפּגעטאָן מער ווי איין דבר־אָסור? האָט ער זיך געדאַרפט פילן שולדיק, געדאַרפט בעטן מחילה ביים רבונו־של־עולם פאַרן ספק אין אים? — אָבער די תּורה אַליין האָט דאָך געהייסן טראַכטן, שאַרפן דעם מוח, שאַרפן דאָס חריפות. ווי האָט מען געקאָנט אַוועקשטעלן אַ גדר פאַר אַ מענטשנס מחשבות — ווו זיי זאָלן נישט פירן?

ער איז נאָר וואָס פאַרביי דעם פאַרשנייטן צמענטאַזש פון וועלכן די צלמים

האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פון איבער די שניי־איינגעבעטע קברים, יעדער צלם אַ ריס אין דער לופט, אינעם הינטערגרונט פון הימל. און אָט, אין דעם אינערלעכן ויתרוצצו, אין דער קלעמעניש און אויפּרעגונג, האָט יעקב דערהערט גלעקלעך פון אַ שליטן זיך צעקלינגען. ער האָט מעכאַניש אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו דער זייט און דערקענט ר׳ פּייוועלען מילנער אויפן שליטן. פּלוצעם האָט עס אים אַ הייב געטאָן פון די פיס.

„ר׳ פּייוועלע! ר׳ פּייוועלע!״ האָט ער מיט אַלע כּוחות גענומען שרייען און נאָכיאָגן דעם שליטן.

דער שליטן האָט זיך גענומען גליטשן פּאַמעלעכער. יעקב האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער הויך־פּאַרשפּיצטער סאַניצע, געגעבן אַ שפּרונג אַרויף און איז ממש אַרויפגעפאַלן אויף ר׳ פּייוועלעס ווייכער שויס.

„ס׳טוסטע? ביסט אַראָפּ פון זינען?״ האָט ר׳ פּייוועלע מיטן עלנבויגן אים אַראָפּגעשטופּט פון זיך און פאַרריכט דאָס פעלעכל מיט וועלכן זיין שויס איז געווען איבערגעדעקט. ער האָט געטראָגן אַ פריצישן פוטער־מאַנטל, מיט אַ פוטערנעם הוט מיט לאַפּן. דאָס פוטער האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרלענגערונג פון זיינע שוואַרצע באָרד און פאות.

„ר׳ פּייוועלע!״ האָט יעקב אַרויסגעפּלאַצט מיט איין אָטעם. „אפשר האָט איר עפּעס אָן אַרבעט פאַר מיר... אפשר אין דער מיל? כ׳על טאָן אַלץ! אַלץ ׳על עך טאָן!״

עפּעס איז געווען אין דעם בחורלס טאָן וואָס האָט פונאַנדערגעטריבן די כמאַרעס אויף ר׳ פּייוועלעס שטערן. אַנשטאָט אַראָפּצוטרייבן אים פון שליטן, האָט ער זיך אַ רוק געטאָן צו דער זייט און געמאַכט אָרט אויפן געזעס פאַר יעקבן. ר׳ פּייוועלע האָט זיך גאָר צעלאַכט: „וואָס כאַפּסטע? וואָס קאַכסטע דיך אַזוי? וואָס איז דיר צוגעקומען?״ ער האָט מיט צעשטיפטע פּייערלעך אין די בליקן באַטראַכט דעם צעטראָגענעם בחור.

יעקב האָט גיך, גיך אַריינגעזופּט אַ קאַלטן אָטעם לופט. דאָס האַרץ האָט אים געהאַמערט ווי ביי אַ גזלן. „כ׳בין... כ׳גיי קיין כוואַסטי אין דער ישיבה... כ׳וויל אַרבעטן און עפּעס פאַרדינען... אפילו בלויז אַ ביסל עסן און... אַ ביסל מעל פאַר דער מאַמען אויף שבת ט׳אויך זיין געגנוג!״

„שאַ... שטיל. פאַנפע נישט אַזוי״, האָט ר׳ פּייוועלע אים באַרויִקט און לויזער געמאַכט די לייצעס. דער שליטן האָט זיך איצט זייער פּאַוואָליע געגליטשט פאַרויס. דאָ האָט ר׳ פּייוועלע געוואָרפן נאָך אַ בליק אויף יעקבן און האָט אויסגערופן: „ד׳ביסט דאָך הינדעלע דער סופרטעס!״

„איר געדענקט מיך, הע?״ האָט יעקב זיך דערפרייט.

„אַ שיינע מעשה! ווי לאַנג איז ווי כ׳האָב געהערט דיין בר־מיצווה־דרשה? שוין איין מאָל אַ דרשה געווען!״

„שוין מער ווי אַ יאָר, ר׳ פּייוועלע! און פֿון נאָך פֿריער געדענקט איר מיך נישט?" האָט יעקבֿ אויסגערופֿן. „ווען איר׳ט מיר געראָטעוועט ס׳לעבן? די שקצים האָבן מיך דאַמאָלס, ערבֿ־פּסח נאָכגעיאָגט, געוואָלט מאַכן אַ יוזל פֿון מיר, הע, איר דערמאָנט זיך?"

„כ׳דערמאָן מיך דיין בר־מיצווה־דרשה, געווען די פֿינגער צו קושן!" האָט ר׳ פּייוועלע צוגעטראָגן די באַהעכטשקעטע פֿינגערשפּיצן צום מויל און זיי אַ סמאָטשקע געטאָן מיט פֿולע, טונקל־רויטע ליפּן. „און וואָס ווילסטע עפּעס נישט לערנען אין דער ישיבֿה, הע? אַ קליינער כּבֿוד, באַטשאַני שיקט דיך אין ישיבֿה אַריין? אַזאַ קאָפּ ווי דיינער טאָר דאָך נישט פֿאַרזשאַווערט ווערן, און..." דאָ האָט ר׳ פּייוועלע צוגעבויגן דעם קאָפּ צו יעקבֿן און אויסגערופֿן: „עי, דו, וואָס כליפּעסטע גאָר אין מיצקע דערינען? אַ שיף מיט זויערמילך איז דיר אונטערגעגאַנגען? פֿע... נישט שיין אַ ישיבֿה־בחור זאָל וויינען. נו, שאַ שוין און אַן עק זאָל עס נעמען!" מיט איין האַנט האָט ר׳ פּייוועלע צוגעהאַלטן די לייצעס און מיט דער אַנדערער אָוועקגענומען יעקבֿס האַנט פֿון זיין פּנים. „אָט אַזוי!" האָט ער אויסגערופֿן. „אַז עך קאָן זען אַ פּנים, קאָן עך דיר עפּעס זאָגן. ווי רופֿט מען דיך, הע?"

„יעקבֿ..." האָט דער בחור אַרויסגעקרעכצט.

„כ׳על דיר עפּעס זאָגן, יעקבֿ. כ׳וויל אַפֿילו נישט וויסן פֿאַר וואָס דיר גלוסט נישט צו פֿאָרן אין ישיבֿה. דאָס איז דיין עסק, נישט מיינס. נאָר אין אָט דער רגע... איז מיר עפּעס איינגעפֿאַלן. איך, זעסטע... נו, דריי שוין נישט אָוועק דעם קאָפּ און לאָמיך דיר עפּעס זאָגן!" יעקבֿ האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח און צוריק געוואָנדן צו ר׳ פּייוועלען דאָס פֿאַרוויינטע, צעקנייטשטע פּנים. „אָט אַזוי!" האָט ר׳ פּייווע־לע זיך אַ רוק געטאָן צו אים. „אַצינדער הער מיך אויס. ווי ד׳זעסט מיך דאָ אַ לעבעדיקן, איז מיר אָט די רגע איינגעפֿאַלן, אַז דער רבונו־של־עולם אַליין האָט זיך אַריינגעלייגט אין דעם גאַנצן עסק, פֿאַרשטייסט? ער, דער אייבערשטער, האָט אונדז היינט אַראָפּגעשיקט אַ געדיכטן, געזונטן שניי, כּדי עך זאָל צום ערשטן מאָל אַרויסנעמען דעם שליטן און אַריינפֿאָרן קיין באַטשאַני, נאָר מיט דער כּוונה, אַז עך זאָל דיך דאָ באַגעגענען אַצינדער אויפֿן וועג און דיך אַהיימנעמען צו מיר. קלאָר ווי דער טאָג. ער האָט מיר צוגעשיקט אַן אבֿן־טובֿ, יאָ, חבֿרל, אַזוי איז דאָס!"

„וואָס זענט איר אויסן?" יעקבֿ האָט מיטביידע הענט זיך גיך אויסגעווישט די אויגן ווי ער וואָלט אויף דעם אופֿן בעסער געוואָלט הערן, קלאָרער פֿאַרשטיין.

„עך בין אויסן", איז ר׳ פּייוועלע זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ ניגון, „אַז עך נעם דיר אַצינדער אַהיים צו מיר... כּדי ד׳זאָלסט מיט מיינע צוויי יאָטלעך לערנען חומש מיט רש״י... זיינט וואָכן זוך עך שוין עפּעס אַ לייטישן בחורל פֿאַר דעם צוועק, כ׳וויל נישט נעמען צו זיי עפּעס אַן אַלטן ייִדן מיט מערידן..." האָט ר׳ פּייוועלע אַ כיכיקע געטאָן. „אַז די תּורה זאָל האָבן פֿאַר מיינע בנימלעך דעם ריח, זאָלסט מיר מוחל זיין, פֿון פּוילעניש. ווייל אַז מען שפּירט דעם ריח פֿון פּוילעניש, עפּנט

מען וועלכע טיר עס לאָזט זיך און מען לויפט גלייך אַרויס לתרבות־רעה, און כ׳מיין גראָד נישט די חכמות־חיצוניות. דערפאַר וויל עך אַ לעבעדיק בחורל, וויל עך, וואָס ער זאָל צו מיינע יאָטלעך זיין ווי אַן עלטערער ברודער למשל, וואָס ער זאָל זיך קענען אויסטענהן מיט זיי אויף זייער לשון. ׳עט זיי דאַמאָלס דאָס לערנען אָנקומען זיסער. הע, ד׳פאַרשטייסט מיך וואָס עך רעד? איי־איי, דיין בר־מיצווה־דרשה! מתיקות! גלייב מיר, אַז ד׳האָסט אָסור נישט וואָס צו וויינען. נישקשה, די ישיבה ט׳נישט אַנטלויפן. ס׳ט האָבן געגוג צייט צו לערנען אַ בלאַט גמרא ביי מיר אויך. און גרויסע לומדים־סוחרים נעכטיקן מער ווי איין מאָל איבער ביי מיר. ס׳ט נישט פאַרגרעבט ווערן, שרעק דיך גאָרנישט. און ד׳עסט אַ ביסל צוהעלפן אין דער מיל. ס׳ט דיך נישט איבעראַרבעטן, אָסור זאָל מיר זיין!״

יעקב האָט געהאָט אַ חשק אָנצוכאַפּן ר׳ פּייוועלעס האַנט און זי קושן. געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז אַ העכערער ווילן האָט אים היינט צונויפגעפירט מיט ר׳ פּייוועלען. „ס׳איז דאָ אַ גרויסער גאָט אין הימל, ר׳ פּייוועלע״, האָט ער גע־שטאַמלט. „אַ נס איז געשען. צום צווייטן מאָל ראַטעוועט איר מיר דאָס לעבן!״

ר׳ פּייוועלע האָט אָנגעקוואָלן: „ס׳דען...״ האָט ער אַריינגעלאַכט אין דעם זויבער אַרומגעשוירענעם, געדיכטן שוואַרצן בערדל. „ווי קאָן אַ ייִד אויסקומען אָן אַ שטיקל נס?״

דעם זעלבן טאָג איז יעקב, נאָך אַלץ אַ צעטומלטער, נאָך אַלץ נישט קלאָר אויף וועלכער וועלט ער איז, שוין געזעסן מיט ר׳ פּייוועלעס צוויי ייִנגעלעך, פריער מיטן עלטערן און דערנאָך מיטן ייִנגערן, ביים גרויסן דעמבענעם טיש אין ר׳ פּייוועלעס עסשטוב און זיי געלערנט דעם אַלף־בית פון אַ סידור. פון די ווענט האָבן צו זיי אַראָפּגעקוקט פון באַגילדעטע רעמען: אַברהם אבינו מיט יצחקן, משה רבנו מיט די לוחות און באַראָן דע הירש און משה מאָנטעפיאָרע.

פאַר נאַכט צו האָט יעקב, נאָך אַלץ מיט אַ יריד אין קאָפּ, אַוועקגעאײלט קיין באָטשאַני זיך זען מיט דער מאַמען.

הינדעלע איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אַ פאַרמרה־שחורהטע, אַ פאַרטראָגענע. זי האָט בשום־אופן נישט געקאָנט קומען צו זיך נאָך דער איבערלעבעניש מיט וואַצלאַוון.

איצט, אַז זי האָט אומגעריכט דערזען יעקבן אַריינקומען אין שטוב, בעת לויט איר חשבון האָט ער שוין באַלד געדאַרפט אָנקומען קיין כוואָסטי — האָט זי אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר גרויסע אויגן, ווי יעקב וואָלט געווען אַ חלום וואָס איז איר וואָכערהייט צו חלום געקומען. קודם איז זי צוגעפאַלן צו אים זיך איבערצוצייגן, אַז דאָס איז טאַקע ער אַליין, אין פלייש און אין בלוט. שפּעטער האָט זי אים באַטאַפּט, צי ער איז גאַנץ. דערנאָך האָט זי אים אָנגעקוקט פון גאָר נאָענט, צו זען צי זיין צעשטראָלט פּנים באַטייט נישט אַ מאָל, אַז ער איז נאָר

וואָס אַרויס פון אַ גרויסער סכּנה. לסוף האָט זי אים אַרומגעהאַלדזט, ווי זיי וואָלטן געווען צעשיידט זינט יאָרן.

אַז זי איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט ער איר דערציילט וואָס עס איז מיט אים געשען אויפן וועג קיין כוואַסטי, און ער האָט זיך פאַרנומען זי איבערצוצייגן, אַז דאָס וואָס איז געשען, איז געווען אַ סימן פון גאָט.

„זעסט דאָך אַליין, מאַמעשי", האָט ער איר פאַרגעבראַכט דעם האַרבסטן אַרגומענט און געמאַכט זיך נישט זען איר בלייך פּנים און דעם צער וואָס זיינע ווערטער האָבן איר פאַרשאַפן. „צוליב דעם דחקות זענען אפשר דער טאַטע און איטשעלע געגאַנגען פון דער וועלט. מוז מען זען, אַז דאָס זאָל חלילה נישט געשען מיט... זעסט דאָך אַליין, גיטעלע און שיינדעלע זענען אויסגעדאַרט ווי צוויי שטעקנס און ז'דאַרפן וואַקסן..."

„רבונו־של־עולם, בייס דיר אָפּ די צונג!" האָט הינדעלע אים נישט געקאָנט הערן.

„כ'וויל מיר נישט אָפּבייסן די צונג. דאָס איז דער אמת, מאַמעשי. מ'מוז אים קוקן אין די אויגן אַריין. און איידער ד'עסט דיך אומקוקן, 'עסטע דאַרפן פאַר זיי אַ נדן אויך".

„רעד שוין נישט אַזוי פיל... נאַ!" האָט זי אים דערלאַנגט אַ שעפּ ציקאָריע־קאַווע.

יעקב האָט נישט געקאָנט אויפהערן רעדן. ער איז געווען אַזוי איבערגע־נומען מיט דעם וואָס עס איז מיט אים געשען, מיט דעם וויכטיקן שריט וואָס ער האָט געמאַכט אויף דער אייגענער האַנט, און ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט האָבן די מאַמען אויף זיין זייט, באַקומען איר ברכה, איר צושטימונג — אַז ער האָט געמוזט אַרויסקומען מיט דעם אַלעם וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געהאַט פאַר איר אויסבאַהאַלטן. ער האָט געמוזט אויפשטעכן דעם בלאָטער פון שווייגן צווי־שן זיי.

אַז ער האָט דערזען ווי טרערן לייכטן אויף אין אירע אויגן, האָט ער נאָך העכער געשריען: „איך וויל נישט קוועטשן די באַנק, ד'האָסט עפּעס צו מיר? ס'איז נישט יושרדיק! ס'איז... ס'איז אייגננוציק. דער רבונו־של־עולם, יאָ, ער אַליין, אויב איז ער אויסן אונדזער גוטס, קאָן נישט פאַרלאַנגען אַזאַ זאַך פון אַ זון וואָס... איז שוין..."

זי האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן מויל. „נו שווייג שוין, ווייי איז מיר! האָסט איינגענומען פלוידער־וואַסער, צי וואָס? וואָס זינדיקסטע עפּעס מיט די רייד?"

„כ'וויל בעסער זינדיקן מיט די רייד ווי מיט מיינע מעשים!" האָט ער שאַרף אָוועקגעשטופּט איר האַנט פון זיין מויל. „און טאָמער איז עס אַ זינד, נעם עס דאָס אויף מיר!"

זי האָט זיך גאַרנישט געמאַכט פון זיין שאַרפן באַוועג און האָט מיט דער האַנט אים אַ וויש געטאָן איבערן אָרעם, ווי אים איינצוגעמען.

„ס'איז נישט אַזוי פשוט... גאַרנישט אַזוי פשוט...״ האָט זי געפּליסטערט און נישט אויפגעהערט אים צו גלעטן. ווען זי האָט דערפילט, אַז די ברוגזעניש וואָס האָט אים צעטראָגן, האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט, האָט זי צוגעגעבן: „נאַריש קינד וואָס ד'ביסט. די יסורים... די יסורים פון דחקות זיינען דאָך פאַר אונדז די לייכטסטע אַריבערצוטראָגן. פאַראַן ערגערע, אַ סך ערגערע און מען טראָגט זיי אויכעט אַריבער. אונדז טאָר מען נישט נתפעל ווערן פון יסורים, יעקב־קרוין. קיין שום בשר־ודם טאָר נישט, בפרט אַ ייִד. ווייל אַלץ אין דער וועלט איז דאָך באַשאַפן געוואָרן דורך יסורים. אַ מענטש דאַרפט זיך לערנען... זיי אויפצונעמען... זיי איבער... איבערצוקנעטן, אַז עפּעס גוטס זאָל פון זיי אַרויסקומען. דאָס הייסט, זיך אויסלערנען די קונץ פון לעבן. און... אַנטקעגן דעם וואָס ד'זאָגסט 'קוועטשן די באַנק', איז עס דאָך נישט קיין סתם קוועטשן. אויף דער הייליקער תורה איז דאָך באַרוט אונדזער גאַנץ חיות. די תורה איז דאָך דאָס טויער אַרויסצוגיין אין גאָטס אין־סופיקער וועלט, זון־לעבן. אָן דער תורה איז מען דאָך ווי ווערעם וואָס קריכן אין דער ערד און פון קיין ליכט ווייסן זיי נישט. אָן דער תורה איז מען דאָך ווי אַ תפיסהניק וואָס ווייסט נישט דעם טעם פון זיין פריי. דעמאָלט, זעסטע, ווערט ערשט דאָס דחקות נישט־דערטרעגלעך. דעמאָלט ליידט מען יסורים וואָס זיינען איבעריק, אַרויסגעוואָרפן, ווייל קיין גוטס ווערט פון זיי נישט געבוירן...״

יעקב האָט געמוזט אויפשמייכלען. „נו״, האָט ער איר איבערגעריסן, „איז דאָס נישט אייגננוציק, מאַמעשי... אַז איך זאָל זיין אויף דער פריי, לערנען תורה יומם־ולילה, און דיך זאָל עך לאָזן... אין דער תפיסה... זיך ראַנגלען מיטן דחקות?״

דער היימישער ערב־שמייכל האָט אויפגעלויכטן אין די ווינקלען פון הינדעלעס מויל. „דאָס בין איך אייגננוציק, זון־לעבן... ווייל, אַז דו לערנסט, נעמסטע מיך מיט... דורך דיר קום עך אויך אַרויס צו דעם אייבערשטנס רחובותדיקער וועלט. דורך דיר... דו פילסט דאָס נישט, אָבער אַזוי איז דאָס״.

„הם...״ האָט יעקב געוואָלט איר איבעררייסן, זיך אָפּרופן, אָבער ער האָט זיך גלייך צוריקגעכאַפּט. ער האָט געמוזט צוימען דעם קוואַל פון רייד וואָס האָבן זיך געשפּאַרט צום מויל, און לאָזן אויך זי רעדן. יאָ, זי האָט אויך מיט רייד געדאַרפט אויסטרעטן אַ וועג צוריק צו אים. נאָר אויף דעם אופן האָבן זיי זיך געקאָנט אויף ס'ניי באַגעגענען.

„דעם אמת געזאָגט״, האָט זי זיך געראַנגלט מיטן קול, „שלאָגסטע דיך אין אָפענע טירן. אין תוך גענומען איז דאָך די ישיבה נישט דאָס איינציקע אָרט ווו אַ בחור קאָן לערנען גאָטס דרכים. זעסט דאָך, שלום איז אויך נישט אַוועק אין ישיבה, און איז געבליבן אַ לערנער. טייל מאָל טראַכט עך גאָר, אַז אָט דאָס ישיבה־לומדות שטעלט זיך צווישן דעם בן־אָדם און גאָטס ווערק, צווישן דעם

בן־אדם און אים, דעם אַלמעכטיקן אַליין. זי פאַרשטעלט אים מער ווי זי איז אים מגלה. דער בעל־שם־טוב אַליין האָט דאָך געזאָגט, אַז די רבנים זענען אַזוי פאַרטיפט אין דער תורה, אַז זיי האָבן נישט קיין צייט פאַרן רבונו־של־עולם. איז, פאַרשטייסטע מיך, יעקב־קרוין... איז די זאַך אַזוי...״ הינדעלע האָט זיך אָפּ־געווישט די אויגן מיט אַ ברעג פון דער שירץ. „די זאַך איז, וואָס דעם גוטן ט׳קיין שענק נישט קאַליע מאַכן און דעם שלעכטן ט׳דער בית־מדרש נישט פאַרריכטן. ווייל פרומקייט... אמתע פרומקייט איז דאָך סוף־כל־סוף נישט קיין מוח־ענין. פון האַרץ קומט דאָס. דאָס האַרץ דאַרפט לערנען די תורה... דאָס האַרץ דאַרפט לערנען דעם מוח. דאַמאָלס ערשט ווייסט דער מענטש ווי אַזוי זיך צו פירן. און טאָמער גייט דאָס אויף קאַפּויער, פאַרשטייסטע מיך... פון מוח צום האַרץ... טויג דאָס אויף כפּרות. אָבער יעקב־קרוין, כ׳על דיר זאָגן דעם אמת, פאַר דיר האָב עך דווקא יאָ געוואָלט די ישיבה. יאָ, אַזוי איז דאָס. זיי מיר מוחל פאַר די רייד. דו ביסט נישט שלום... פאַרשטייסט ? דיך וואָלט די ישיבה געהאַלטן פעסטער...״

„פעסטער אין שפּאַן, הע ?״ האָט יעקב אַ שפּרונג געטאָן ווי אַן אָפּגעבריטער. זיין פּנים האָט גענומען פלאַמען און דאָס קול האָט זיך אים אַ ברעך געטאָן : „מיר געטרויסטע נישט, הע ?״

„פאַרשטייסט מיך נישט...״ האָט זי אים אַרומגענומען.

„כ׳פאַרשטיי דיך גאַנץ גוט !״ האָט ער זיך כּעסיק באַפרייט פון אירע אָרעמס. זי, די מאַמע, האָט נישט געהאַלטן פון אים. זי האָט אים נישט געטרויט מיט זיין פרומקייט. ס׳האָט ווי געטאָן, געבריט. און דאָך... זי איז דאָך געווען גערעכט. ער האָט האַסטיק אַוועקגעקערט דעם קאָפּ פון איר, כּדי זי זאָל נישט אַראָפּלייענען פון זיין פּנים סיי דעם ווייטיק וואָס זי האָט אים פאַרשאַפן, סיי זיין איינשטימונג. זי האָט אים געקענט בעסער ווי ער אַליין האָט זיך געקענט. זי האָט געוווסט, אַז ער, יעקב, איז טאָקע נישט אַזאַ ווי שלום, אַז אין אים איז אַלץ לויז געוואָרן. ער האָט מער קיין גלייכן דרך פאַר זיך נישט געזען און האָט זיך געקאָנט ווענדן אַזוי גוט אַהין, ווי אַהער. דאָ איז אים איינגעפאַלן, אַז ער איז איר שולדיק געבליבן אַן ערלעכן ענטפער.

„דו...״ האָט ער אַ מרוקע געטאָן. „דו פאַרשטייסט מיך יאָ, מאַמעשי״. ער האָט קוים־קוימיק אויפגעשמייכלט. „ווען... ווען, אָבער דיך ׳על עך קיין מאָל נישט קענען אָפּגענאַרן״.

אַרויס פון שטוב איז יעקב ווי אויף פליגל.

קאַפּיטל אַכט

1

בינהלע, יאָסעלע אַבעדאַלעס יינגסטע טאָכטער, איז אַלט געווען צען יאָר. יאָסעלע האָט, אַ דאַנק דער שתדלנות פון רב, צו וועמען ער איז געגאַנגען פרעגן אַן עצה, זי פאַרדונגען פאַר אַ דינסטמיידל צו שרה־לאהלען דער שוחטקע.

שרה־לאהלע האָט געשמט אין שטעטל פאַר דער פרומסטער, אָפּגעהיטנסטער אשת־חיל, וואָס אפילו די יונגע רביצין האָט זיך ביי איר געלערנט ווי אַזוי זיך צו פירן. אַלע ווייבער פון באַטשאַני האָבן שרה־לאהלען גענומען פאַר אַ מוסטער, און האָבן פירגעבראַכט אירע קלוגע, גאָטספאָרכטיקע רייד פאַר זייערע טעכטער. אַז מען האָט אַליין נישט באַוויזן צו פאַרכאַפּן אַן אָרט אין דער ווייבערשול לעבן שרה־לאהלען וועלכע איז געווען אַ פירזאָגערין, האָט מען צוגעשטופּט צו איר די טעכטער, זיי זאָלן לכל־הפחות האָבן דעם זכות. איין קלייניקייט, שרה־לאהלע די שוחטקע! פון איר האָט געפירט אַ גלייכער וועג אין גן־עדן אַריין. אַלע זיבן הימלען זיינען געשטאַנען פאַר איר אָפן און זי איז ביכולת געווען אַרויסצולייענען פון זיי ווי פון אַן אָפן ספר.

בינהלע האָט פונקט ווי אַלע מיידלעך זיך אָנגעהערט מיט מעשיות וועגן שרה־לאהלען און יעדער מאָל, פריייטיק, אַז זי איז געקומען צום שוחט מיטן הינדל וואָס דער טאַטע האָט געבראַכט פון דאָרף, האָט זי צוגעפּרעסט דאָס נעזל צו דער שויב פון שוחטס דירה, וועלכע האָט זיך געגרענעצט מיטן רבס דירה, און האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק, ווו שרה־לאהלע האָט פירגעהאַלטן פאַר די ווייבער וואָס האָבן געהאַט געבראַכט די הינער צום שוחט.

דורך דער שויב האָט בינהלע קיין וואָרט נישט געהערט. זי האָט נאָר געזען שרה־לאהלען זיך וויגן אַהין און אַהער. און די ווייבער, מיט די געשאַכ־טענע הינער אין די טאָרבעס לעבן זייערע פיס, האָבן זיך געוויגט צוזאַמען מיט איר. שרה־לאהלע האָט ווי אַ טענצערין געפאַכעט מיט די אָרעמס און דאָס מויל האָט זיך ביי איר אַ מאָל גיך, אַ מאָל פּאַמעלעך אויף־און־צוגעמאַכט. בינהלע איז געקומען צום אויספיר, אַז שרה־לאהלע, מיטן מויל וואָס עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך, אין דער קופּקע מיטן קריינדל אויפן קאָפּ, מיט איר טערקישן שאַל,

מיט די גרויסע קאַמאַשן אויף די פּיס דינע ווי שטעקעלעך, באַקליידטע אין שוואַרצע שטרימפּ, און מיט איר בלייכן פּנים און דעם בליק דעם פּאַרטראַגענעם און הייסן — האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקער פאַרבלאָנדזשעטער אינדיק.

זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי די ווייבער האָבן געקאָנט אויסהאַלטן און נישט אויסשיסן מיט אַ געלעכטער אויפן אָנבליק פון דער שוחטטע, נאָר זיי האָבן גאָר פרום און פאַרכטיק געגלאָצט אויף איר מיט אַרויסבאַלושטשעטע אויגן, וואָס זיינען שיער נישט אַרויסגעפאַלן פון זייערע אויגנלעכער און זיך אַוועקגעקייקלט צו שרה־לאהלעס קאַמאַשן מיט די אויפגעבונדענע שנורוואַדלעס; און זיי האָבן דערביי געמאַכט מיט די מיילער ווי זיי וואָלטן געקייט און געשלונגען יעדער וואָרט פון שרה־לאהלעס מויל.

אַריינגעבראַכט בינהלען צו שרה־לאהלען האָט יאָסעלע אין אַ האָגלדיק־רעגנדיקן אויפדערנאַכט, אין מיטן דער וואָך. ער האָט געהאָפט, אַז ביי אַזאַ כליאָפּ וועט ער האָבן דאָס מזל צו טרעפן די שוחטקע אויג אויף אויג און איר קענען דערציילן וועגן זיינע צרות מיט בינהלען. אָבער ביי דער שוחטקע איז די דירה געווען פול געפּאַקט. די טיר האָט זיך נישט צוגעמאַכט. דרינען אין דער עססטוב און פאָרנט, אין דער קיך, האָט גערויעט ווי אין אַ בית־מדרש. די ווייבער דרינען און די מאַנספאַרשוינען הינען, אין דער קיך, זיינען געזעסן שטיל־שאַ, מיט אויפגעשפּיצטע אויערן.

שרה־לאהלע איז געווען גרויס אין איר צידקות נישט נאָר צוליב דעם וואָס זי האָט זיך געפירט ווי אַ שרה־בת־טובים, נאָר אויך דערפאַר וואָס זי האָט פאַרמאָגט אַ גוואַלדיקן כּוח־הדיבור און האָט ממש קאָנקורירט מיטן רב אַליין. איבערגעשטיגן דעם רב האָט זי דערמיט וואָס דעם רב גוט פאַרשטיין האָבן געקאָנט נאָר אויסדערוויילטע, די ווויללערנערס, בעת שרה־לאהלע האָט גערעדט אַזעלכע פּשוטע רייד, אַז נישט נאָר דאָס פּראָסטע פאָלק, נאָר אַפילו אַ קינד האָט דאָס געקאָנט באַנעמען. און דערביי האָט זי געהאַט די פעיִקייט, מיטן היפּנאָטיזירנדיקן כּוח פון אירע רייד, אַריינצודרינגען אין די פאַרבאָרגנסטע קעמערלעך, נישט נאָר פון די ווייבערשע הערצער און מוחות, נאָר אויך פון די מאַנספאַרשויניש.

און עס האָט טאַקע די מאַנספאַרשוינען אויך געצויגן אַריינצוקומען אַהער און הערן שרה־לאהלען דרשענען. קודם־כּל האָט מען זיך אַריינגעכאַפּט צום רב, כלומרשט הערן אַ גוט וואָרט, ווייל ביים רב איז אויך געווען אַ פולע שטוב, סאַמע סמעטענע. דערנאָך האָט מען זיך אַריינגעשאַרט צום שוחט די קעגנאַיבערדיקע טיר, כלומרשט אים אָפּגעבן שלום, כאַפּן אַ שמועסל, אפשר אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא, מחמת דעם בית־מדרש האָבן אָנגעפּראַפּט די בית־מדרש־בחורים. ווייל פאַרט איז שרה־לאהלע געווען נישט מער ווי אַ זינדיקע אישה וואָס אירע מעשׂיות זיינען גוט געווען בלויז פאַר ווייבער. אָבער אַז מען האָט פאַרכאַפּט אַ ווינקל אין דעם שוחטס קיך, האָט מען גוט צוגענייגט דאָס אויער צו דער איזבע דרינען,

ווו שרה־לאהלע איז געזעסן מיט די ווייבער און האָט זיי פירגעהאַלטן מיט אַ הויך „מאַראַליש" קול.

יאָסעלע האָט אַריינגעוואָרפן צו אַ קאָפּעקע אין די צדקה־פּושקעס וואָס זיינען געהאָנגען לעבן דער טיר. דערנאָך האָט ער זיך צוגעשפּאַרט אויף דער וואַסערבאַנק וואַרטן ביז דער עולם וועט זיך פונאַנדערגיין. און גלייך האָט זיך צו אים צוגעזעצט פּישעלע קצב, וועלכער האָט ממש געוווינט אין אָט דעם אָפּענעם הויז; אָדער ער איז געווען דרינען, ביים רב, אָדער הינען ביים שוחט. דאָ האָט ער זיך געריבניקט פון עם־הארצות און זיך אָנגעזאָפּט מיט קלוגע רייד וואָס ער האָט דערנאָך איבערגעחזרט אין דער יאַטקע, ווי אַן אמתער תּלמיד־חכם. אָבער מער פון אַלץ האָט ער געהאָפּט דאָ צו פאַרגעסן וועגן זיינע זינדיקע גלוסטעונישן.

פּישעלע האָט אַ פּליסטער געטאָן אויף יאָסעלעס אויער: „אַ שאָד ד׳ביסט נישט אַריינגעקומען אַ ביסל פריער. ס׳ט געדאַרפט הערן..." און ווי יאָסעלע וואָלט בדעה געהאַט זיך צו פאַרענטפערן פאַרן אַריינקומען שפּעטער, האָט פּישעלע צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן און פייערלעך אַ פּליסטער געטאָן: „שאַ..."

האָט יאָסעלע, ווילנדיק־נישט־ווילנדיק, אָנגעשפּיצט די אויערן אויפצוכאַפּן שרה־לאהלעס קול און ער האָט זיך איינגעהאָרכט. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שרה־לאהלע דרינען פאַרנעמט זיך גאָר צו דערציילן די מעשה וועגן קיילעלען דער כלה, אַ מעשה וואָס דאָס גאַנצע שטעטל האָט געקענט פון אויסווייניק. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין מניעה. ווייל יעדער מאָל וואָס שרה־לאהלע האָט די מעשה דערציילט, איז אויסגעקומען ווי מען וואָלט זי געהערט צום ערשטן מאָל. און די מעשה האָט זיך אַקוראַט געפּאַסט פאַר אָט דער ווינטערדיקער נאַכט, ווען דרויסן איז געגאַנגען אַ טרויעריקער גאַסרעגן. נאָר יאָסעלע איז נישט געווען אַזוי זיכער, צי די מעשה איז געווען פּאַסיק פאַר בינהלעס אויערן און ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געוואָלט זי אַרויסשיקן אין פירהייזל, נאָר ער האָט זי נישט געזען.

„קיילעלע די כלה, די קיילעכדיקע יתומה נעבעך", האָט יאָסעלע דערהערט שרה־לאהלעס ניגונדיק קול קומען פון אַנדערן חדר, „איז משוגע געוואָרן אין דער סאַמאַראַדנער חתונה־נאַכט..." דער שוחטקעס קול האָט אַ ברי געטאָן אין יאָסעלעס האַרצן. ער האָט געהאָפּט, אַז בינהלע איז אַליין אַרויס אין פירהייזל, צי זי האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו דער רביצין אין שטוב. „קיילעלע די כלה האָט געהאַט אַ צו שיינעם חתן..." האָט יאָסעלע ווייטער געהערט און בעת־מעשה זיך דערמאָנט אָן זיין אייגענער חתונה־נאַכט.

„זי האָט געהאַט אַ צו שיינעם חתן..." האָט שרה־לאהלע געצויגן דאָס ניגונדיק קול, „און דאָס איז געווען איר מאַלעיער. ווייל זי האָט זיך מאַמענטאַלנע, אויפן אָרט, פאַרליאַפּעט אין אים, אויפן גיטן־אָרט, אונטער דער חופּה. און דער־פאַר, ווען ער האָט זיך, עץ זאָלט מיר מוחל זיין, אין דער חתונה־נאַכט צוגערירט

צו איר, האָט זי געחלשט. ווען ער האָט איר, כ׳זאָל נישט זינדיקן פאַר די רייד, אַ קוש געגעבן, האָט זיך איר דער מוח איבערגעדרייט. אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז זי שוין געווען פולקום משוגע. יאָ... יאָ, נאַקעט און באָרוועס ווי די מאַמע ט׳זי געהאַט, אַז מ׳זאָל אָפּגעהיט ווערן, איז זי אַרויסגעלאָפן פון שלאָף־חדר. און דענצמאָל איז געווען אַ פראָסטיקע נאַכט, מיט אַ לבנה. אַזאַ לאַכטיקע נאַכט ווי שוואַרץ ס׳איז געווען קיילעלעס מזל נעבעך״.

אין יאַסעלען איז דאָס האַרץ איינגעפרוירן. זיין חתונה־נאַכט איז אויך געווען אַ ווינטיקע, אַ פראָסטיק־ליכטיקע. און ווי שרה־לאהלע האָט גערעדט, האָט ער געזען זיין מאַרימלען אין שלאָף־חדר, איר ווייס לייב, אַ שטיק קילע און דאָך ברייַקע לבנה. שפּעטער אַריין, נאָך איר טויט, האָט זיך אים אָפּט געדאַכט, אַז די לבנה איז מאַרימלס לייב, אַ מאָל אַ ברוסט, אַ מאָל אַ קיילעכדיקער אַקסל, צי גאָר אַ קני...

„די לבנה האָט געשיינט און דער שניי אויף דער ערד האָט געשימערירט...״ איז שרה־לאהלע די שוחטקע אָנגעגאַנגען. „און ווי קיילעלע איז געלאָפן, האָט זי געלאָזט אירע באָרוועסע טריטלעך אין שניי, אַזוי ווייט, אַזש ביז צום סטאַוו. דאָרט האָט זי זיך, מען זאָל אָפּגעהיט ווערן, געגעבן אַ וואָרף אויפן אייז. און דאָס אייז איז געווען דין, נישט געדאַכט זאָל עס ווערן. האָט עס געפּלאַצט. אָבער ס׳האָט זי אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער בלויז איין שפּאַן, צי אפשר צווי. האָט זיך קיילעלע בלויז דערטרונקען אין סטאַוו, אָבער אונטערגעגאַנגען איז זי נישט. ז׳איז געבליבן ליגן אויף אַן אייז־קריע, איז זי געבליבן, אַזוי צווישן אונטן און אויבן, וויי איז מיר נישט, ווי אויף אַ בעט מישטיינס געזאָגט... אַז אונדזערע שונאים זאָלן פון קיין בעסערע בעטן נישט וויסן...״

איצט איז נאָכגעקומען אַ לאַנגע שטילקייט אין וועלכער ס׳האָט זיך נאָר געהערט אַ זיפצן און אַ שנופּלען מיט די נעזער דרינען.

„דערפאַר האָט זיך דער באָדעם פון סטאַוו נישט געקאָנט דערגרונטעווען צו קיילעלעס משוגעת״, האָט שרה־לאהלע לסוף אונטערגעכאַפּט דעם פאָדעם פון איר מעשה. „ער האָט עס נישט געקאָנט אַרויסציען פון איר נשמה און אַריינציען אין דר׳ערד אַריין, איידער זי, די נשמה, האָט זיך אָפּגעטיילט פון גוף, פאַרשטייט עץ מיך. האָט זי, די אָרעמע נשמה נעבעך, נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, נאָר האָט געמוזט משוגענערהייט אַרויפקומען אין דער הייך, אויף דער אייבערדעק פון סטאַוו. דערפאַר איז טאַקע דער סטאַוו פונקט אַזוי ווי אַ שפּיגל. און אַז מען קוקט אין אים לאַנג אַריין, קאָן מען, אַז גאָט זאָל שומר־ומציל זיין, זען זייער געענוי קיילעלעס אויגן אַרומשווימען אינעווייניק. דערפאַר, פאַרשטייט עץ מיך, אַז ס׳קומט דער ווינטער און ס׳איז אַ פראָסטיקע נאַכט און ס׳איז אָנגעפאַלן אַ שניי און ס׳קומט אַרויס די לבנה, שיילט זיך קיילעלעס נשמה אַראָפּ פון דעם סטאַווס שפּיגל, אַזוי צו זאָגן, און לאָזט זיך זוכן אירע שפּורלעך אונטערן שניי. ווייל

ס'איז פּונקט ווי די ערד אונטן וואָלט זיך זיי יעדן ווינטער דערמאָנט. און די שפּורלעך פירן די נשמה צוריק אין שטעטל אַריין. און אַזוי, מען זאָל אָפּגעהיט ווערן, לאָזט זי זיך איבער באָטשאַני, פון הויז צו הויז, זוכן אַ שותפטע צו איר משוגעת. ווייל ווען ז'איז אַליין, ליידט די נשמה טאָפּלט פון איר משוגעת. דערפאַר זוכט זי זיך טאַקע אָפּ אַ יונג מיידעלע אין אַ שטוב, אַ יונג מיידעלע מיט אַ שוואַכן מוח — און קומט איר צו חלום, איין מאָל און נאָך אַ מאָל, נאַכט נאָך נאַכט. ביז צו דעם מיידעלע, אַז נישט געדאַכט זאָל עס ווערן, קלעפּט זיך צו אַ העלפט פון קיילעלעס משוגעת".

יאָסעלע האָט פאַרביסן דעם שפּיצבאָרד. אין האַרצן איז אים געוואָרן ווינ־טערדיק קאַלט. ער האָט זיך דערמאָנט דעם גרויליקן טעם פון זיינע אייגענע נאַכטיקע חלומות פון וועלכע ער האָט געדענקט נישט מער ווי אַ שמץ, אָבער וועלכע האָבן אים פאַרפאָלגט מיט זייער לאַסטיקער שטימונג. אפשר האָט קיילע־לע די כלה געהאַט אַ שייכות צו זיי? אפשר איז איר צעפּייניקטע נשמה יעדער ווינטערדיקע לבנה־נאַכט געקומען אין זיין „קנאַלבודע" און געזוכט אַ שותפטע צווישן זיינע טעכטערס נשמות? אפשר האָט זי זיך צוגעקלעפּט טאַקע צו בינהלעס נשמה? די שכנות פלעגן דאָך אים מער ווי איין מאָל דאָס זאָגן און ער האָט עס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

„האָט נאָך דאָס מיידעלע האַלב־וועגנס אַ לייטישע היים", האָט שרה־לאהלע זיך פאַרנומען איבערצוגעבן דעם מוסר־השכל צו אירע צוהערערינס. „האָט זי נאָך גוטע און פרומע טאַטע־מאַמע, בלייבט דאָס משוגעת איבער בלויז אין אירע חלומות. דאָס הייסט, יעדן פאַרטאָג גייט זיך קיילעלעס נשמה איר וועג און פאַר־לאָזט דאָס קינד צוזאַמען מיט דער געדעכעניש וועגן חלום. נאָר טאָמער, מ'זאָל אָפּגעהיט ווערן, האָט דאָס מיידעלע נישט קיין פעסטן גרונט אונטער די פיס און זי לעבט פּונקט ווי אויף אַן אייז־קריע, אויף דער ערד, פּונקט ווי די טויטע קיילעלע וואָס ליגט אויף אַן אייז־קריע אין וואַסער; אַ מיידעלע אָן אַ לייטישער היים, פאַרשטייט עץ מיך — בלייבט שטענדיק עפּעס פון קיילעלעס נשמה איבער אין דעם מיידעלעס נשמה אויך וואָכערהייט, טייל מאָל מער, טייל מאָל ווינציקער. אָבער אַרויסקאָפּען זיך דערפון אין גאַנצן קאָן דאָס מיידעלע נישט".

יאָסעלע האָט זיך אַ צעטראָגענער געגעבן אַ קוק אַרום איבער דער שטוב. ווו איז עפּעס בינהלע אָט אַזוי פּלוצעם נעלם געוואָרן פון זיינע אויגן? ס'איז דאָך געווען קלאָר, אַז בינהלע איז געווען אָט דאָס באַזעסענע מיידעלע. זי, בינהלע, האָט דאָך קיין לייטישע היים נישט געהאַט... אַלץ צוליב אים, דעם טאַטן. ס'איז אויסגעקומען ווי שרה־לאהלע וואָלט פאַר קיינעם נישט דערציילט היינט ביי נאַכט די מעשה וועגן קיילעלען דער כלה — נאָר פאַר אים, פאַר יאָסעלען. מסתמא האָט זי זיך געריכט אויף אים, צי אפשר האָט זי פּראָסט און פּשוט דער־שפּירט, אַז ער זיצט דאָ אין דער קיך און הערט.

„ערשט נאָך דער חתונה, אַז דאָס מיידעלע אַליין ווערט אַ פרומע, אַפּגעהי־טענע אשת־חיל, היילט זי זיך פולקום אויס פון משוגעת", האָט שׂרה־לאהלע פאַרענ־דיקט מיט אַ האַפּערדיקן קרעכץ. אַ שטיק צוליב אָט דעם האַפּערדיקן אויספיר פון אירע מעשׂיות, האָט דער עולם גערן געהאַט צו הערן שׂרה־לאהלען. אַלץ וואָס אַ ייִד האָט געדאַרפט טאָן, וועדליק שׂרה־לאהלען, כּדי זיך איינצושפּאָרן צרות און כּל־המינים אָנשיקענישן, איז געווען צו זיין גוט און פרום און אָפּהיטן מיצוות. דעמאָלט איז דער שׂכר געווען אַ געזיכערטער, אויב נישט אויף דער־וועלט, איז אויף יענער־וועלט.

יאָסעלע האָט זיך אויפגעריסן אויף די פיס און איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. און ווי ער איז אַרויס, איז אים פישעלע נאָכגעלאָפן און אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם. „ס'ט געהערט, הע?" האָט פישעלע, אַ טיף איבערגענומענער, געסאָפּעט. „זעסט וואָס ס'טוט זיך אָפּ פאַר אונדז אין די אויגן, און אונדז זעען מיר גאָר־נישט?"

„ס'ט נישט געזען מיין מיידל ערגעץ?" האָט יאָסעלע אַ פרעג געטאָן פישע־לען און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. דרויסן איז דער רעגן געגאַנגען מיט אַ געדיכטן שפּריי, באַפינטלט מיטן ווייס פון האָגל ווי מיט אייזיקע פּערל. יאָסעלעס אויגן האָבן מער גאָרנישט געזען ווי אָט דעם צעפינטלטן חושך.

„דיין מיידל?" האָט פישעלע צעשטריייט געשטאַמלט און זיך צוגעקלעפּט צו יאָסעלען. „ד'מיינסט..." — און אָט אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען אונטערן כליאָפּ, האָט ער פיבערדיק גענומען פליסטערן אויף יאָסעלעס אויער. טרערן און רעגן האָבן געגייוועט פון זיינע ליפּן: „כ'גיי אַראָפּ פון זינען, יאָסעלע... עס טויג נישט מיט מיר. ס'טויג גאָרנישט, ד'הערסט? כ'האָב מיך אַליין אָפּגעשאַכטן, אָן אַ שוחט, אָן אַ חלף, האָב עך מיך. אַ... אַ שיקסע מיר געפונען. נישט שיין און נישט יונג, און נישט קיין נאַר. מאַגדאַ די אַלמנה. און אַצינדער קאָן עך נישט פּטור ווערן פון איר. וויל זיך נישט אָפּטשעפּען, וויל ז'נישט. ז'וויל כ'זאָל מיך שמדן און חתונה האָבן מיט איר, וויל זי. אַז נישט, ט'זי קומען צום רבֿ, זאָגט זי, מיך פאַרמסרן. ראַטעווע מיך, יאָסעלע... עך האָב אַ ברילליאַנטענעם זון, יאָסעלע. טו עס פאַר אים, ווייל... ווייל עך שטיק מיך".

„כ'האָב דיר געזאָגט", האָט יאָסעלע זיך אָפּגעטרייסלט פון אים. „מ'מוז אַליין פירן די אייגענע מלחמות!" ער האָט האַסטיק אָפּגעשטופּט פישעלען פון זיך און זיך אַ לאָז געטאָן לויפן אונטערן שפּריי. ליכטלעך ווי שדים־אויגן האָבן אַרויס־געלויכטן פון די טריבע פענצטער צו ביידע זייטן געסל. „בינהלע, ווו ביסטע ערגעץ, סמאַריק איינער!" האָט ער גערופן אין חושך אַריין און געווישט די אייזשטיקער פון האָגל וואָס האָבן זיך אים צוגעקלעפּט צו די ווייעס און ברעמען.

ער האָט דערפילט ווי עפּעס אַ כּוח וואָלט אים געשטויסן אין דער ריכטונג פון ברייטן טאָפּאָליע־וועג, זיך אַ לאָז צו טאָן צום סטאַוו. אפשר האָט קיילעלעס

נשמה פאַרלאָקט אַהין דאָס קינד... כּדי אים, יאָסעלען, צו באַשטראָפן? ווייל זיין זינד איז דאָך געווען טויזנט מאָל גרעסער ווי פישעלעס. זיכער אַזוי. בינהלע איז דאָך נעלם געוואָרן פון לעבן אים, ווי אין וואַסער אַריין. — האָט ער זיך אַ טראַג געטאָן אינעם רעגן מיט אַ שגעונדיקן אימפעט. ער האָט געמוזט איילן מיט אַלע כּוחות, ביז צום פאַרפעלן אָטעם, ראַטעווען זיין קלענסטע, זיין טייערסטע. ער וועט זיך אַריינוואַרפן אין סטאַוו און זי מציל זיין. ער מוז זי מציל זיין. און אויב וועט ער נישט... וועט ער אויך אונטערגיין. זאָל דער שאול-התחתית אים פאַרשלינגען. זאָל ער אים גלייך אַריינציען אין גיהנום אַריין. אָן בינהלען האָט נישט געהאַט קיין זינען זיך צו ראַנגלען...

אַ בייסיקער ווינט איז אים אַנטקעגנגעקומען פון טאָפּאָליע־וועג. זיינע פּאָלעס זיינען געפלויגן ווי נאַסע שווערע פליגל און דער ארבע־כּנפות איז זיי נאָכגעפלויגן, אויף צוריק — בעת זיינע פיס האָבן זיך געטראָגן פאָרויס, מיט עקשנות, מיט רוגזה. ביז אַ גרויסער שטראָם וואַסער האָט אים אַ כלוסניע געטאָן אין פּנים אַריין פון אַ טאָפּאָליע־צווייג און ער איז געוואָרן בלינד־פאַרבלענדט.

ער איז שטיין געבליבן און זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט די נאַסע הענט. איז ער אַראָפּ פון זינען, ער, דער מיושבער יאָסעלע? מילא, אין אַ חלום האָט ער געקאָנט אָט אַזוי, נישט געטראַכט, אָפּטאָן ווער ווייסט וואָס. אָבער וואָכער־הייט? איז ער געוואָרן אַזוי אידיאָטיש־זאַבאַבאָנע ווי אַ יִידענע? ער האָט דען בינהלען רעכט אַ זוך געטאָן אין שוחטס הויז? אפשר איז זי איינגעשלאָפן אין אַ ווינקל? אפשר האָט זי זיך אַריינגעגנבעט דרינען, אין דער אַנדערער איזבע, צו די ווייבער?

ער האָט זיך נאָכגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּ אויף צוריק. ער האָט זיך געמוסרט, געוואָלט צוריק אַריינקריכן אין דער אייגענער הויט. ער וועט זיך דאָך נישט אַראָפּלאָזן צו דער מדרגה פון אַ פישעלען וועלכער איז אין גאַנצן עובר־בטל געוואָרן, הגם אויבנאויפיק האָט מען אים דאָס נישט אָנגעזען. אוודאי האָבן זיך מיט יעדן מענטשן געשפּילט און גערייצט אַזעלכע אומגעזעענע כּוחות, גוואַל־דיקע, טייוולאָנישע. אָבער ס'איז פאַרט אמת געווען, אַז דער מענטש איז געווען שוואַכער פון אַ פליג, און שטאַרקער פון אייזן. ער, יאָסעלע, איז געווען אַן עקשן.

דאָך האָט ער זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז עפּעס אַ קללה איז געהאָנגען איבער אים. ער האָט געזינדיקט. ער האָט געמוזט אָפּקומען אַ שטראָף. ער זעט דאָך אַליין. די ראיה ווערט ביי אים ביסלעכווייז צוגענומען, און נישט בלויז אין די אויגן. דאָס הארץ האָט אויך וואָס אַ מאָל ערגער געזען, האָט קוים געקאָנט אונטערשיידן וואָס איז וואָס... און ער בלאָנדזשעט וואָס אַ מאָל מער. מענטשן פילן דאָס אויך אין אים. עפּעס באַנעמט מען זיך נישט צו אים ווי אַ מאָל. און דער רבונו־של־עולם איז אויבן, וווייט־ווייט אוועק, וואָס אַ מאָל ווייטער. ווייל אַפילו דאָס דאַווענען מיט כּוונה טוט צו אים נישט דערגרייכן.

נישקשה, ער, יאָסעלע, פּילט דאָס... אַז עס דערגרייכט נישט. און דאַוונען מוז מען. תּפילה טאָן מוז מען. בעל־כּרחו מוז מען תּפילה טאָן. פּונקט ווי עס שטייט געשריבן: בעל כּרחך אתּה נולד, בעל כּרחך אתּה חי ובעל כּרחך אתּה מת. קעגן דײַן ווילן, ממש מיט גוואַלד ביסטו געבוירן, קעגן דײַן ווילן לעבסטו און קעגן דײַן ווילן וועסטו שטאַרבן. דאָס איז געווען גורל. דאָס איז געווען דער כּוח פֿון באַשעפֿער און דער כּוח פֿון זײַן נעבעכדיקן באַשאַף, דעם מענטש, וואָס גיט זיך דעם גורל אונטער.

און יאָסעלע האָט געוווּסט, אַז ביין, אַז ער וואָלט זיך נישט אַרײַנגעוואָרפֿן אין וואַסער, אַפֿילו אויב חלילה... אַפֿילו אויב ער וואָלט געוואָלט. דער רבונו־של־עולם וואָלט אים פֿאַר דער באָרד אַרויסגעצויגן און וואָלט אים באַפֿוילן: „צי ווייטער... טראָג אים אויס, דעם גורל דײַנעם, ביז צום סאַמע... סאַמע סוף!" — און יאָסעלע האָט, לויפֿנדיק צוריק, אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל, געלאָזט דעם רעגן אים וואַשן, ווייקן דאָס פּנים און ער האָט געפּרעפּלט מיט וואַסערדיקע ליפּן: „מסכּים... מסכּים אויף אַלץ... נאָר טו מיר אײן אײנציקע טובֿה, אַלמעכטיקער, רחום־וחנון... לאָז מיך געפֿינען ס'קינד. מער וויל איך גאָרנישט פֿון דיר. און כ'על מיט דאַנק אָננעמען אַלץ וואָס ד'פֿאַרגרייטסט פֿאַר מיר אויף להבא".

ער איז צוריק אַרײַנגעפֿאַלן אין דעם שוחטס כאַלופּע און אין אײן אָטעם אויסגערופֿן: „ייִדן, צ'האָט נישט געזען מײַן מיידל?"

איידער די ייִדן אין דער קיך האָבן אויפֿגעהויבן די קעפּ צו אים און באַוויזן זיך אָנצובייזערן אויף אים מיט אַ „שאַ... שטיל זאָל זײַן!" האָט ער דערזען בינהלען אַפּערקריכן פֿון אונטערן טיש.

„דאָ בין עך, טאַטשי!" האָט זי אויסגערופֿן ווי קיין מאָל גאָרנישט און איז אונטערגעקומען צו אים.

„וואָס'טע געטאָן אונטערן טיש?" האָט ער זיך אָנגעבייזערט אויף איר.

„גאָרנישט האָב עך געטאָן", האָט זי אים קורץ געענטפֿערט. „אין סטרולקעס האָב עך געשפּילט".

„שאַ... אַך!" האָט דער עולם זיי ביידן אָנגעקוקט מיט פֿאַרצוקנדיקע בליקן.

יאָסעלע האָט אַרויסגעשטופּט בינהלען אין דרויסן אַרויס און באַשלאָסן זיך אַרײַנצוכאַפּן צו שׂרה־לאהלען מאָרגן באַלד אין דער פֿרי. „נאַ, האַלט דיך אָן בײַ דער פּאַלע!" האָט ער אויסגערופֿן צו איר ווי נאָר זיי זײַנען אַרונטער אונטערן גאַסרעגן.

„וויל עך נישט!" האָט זי צוריקגערופֿן און זיך אַ לאָז געטאָן פֿאָרויס.

„האַלט דיך אָן, האָב עך געזאָגט! ס'איז פֿינצטער־חושך און מ'זעט נישט צו גיין. ני, קים אַהער!" ער האָט קוים געזען אַ טראָט צו שטעלן. די אויפֿרעגונג האָט נאָך מער ווי דער חושך און דער רעגן פֿאַרנעפּלט זײַן ראיה.

„איך זע צו גיין!" האָט זי אים געענטפֿערט און איז ווייטער געלאָפֿן פֿאָרויס.

איז ער נאָכגעלאָפן די ליכטיקע פלעקן פון די שמאַטעס וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגן. „וואַרט, וואַרט!" האָט ער איר נאָכגעשריען. „כ'על מיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען אין דער היים!"

אָבער אין האַרצן האָט עפּעס געזונגען. גאָט האָט אים דערהערט און געענט־פערט. בינהלע האָט זיך אָפּגעפונען. אַצינד האָט ער געגלייבט באמונה־שלמה, אַז שׂרה־לאהלע איז אים צוגעשיקט געוואָרן פון הימל. זי האָט דאָך געהאַט אַזאַ כּוח איבער דערוואַקסענע. זי האָט מיט איר קול געקאָנט אַריינדרינגען אַזוי טיף אין יעדן איינעמס נשמה, אָט די שׂרה־לאהלע. וועט דאָך אַ קינד זיכער זיין אין אירע הענט כּחומר־ביד־היוצר. זי וועט מאַכן פון בינהלען אַ לייט, צונעמען ביי איר דעם אַפּעטיט זיך צו חברן מיטן גוייִשן ערב־רב און זי וועט מאַכן פון איר אַן איידעלע, בעל־הבתישע טאָכטער. אפשר וועט בינהלע אים, יאָסעלען, גאָר אַריינברענגען אַ לייטישן איידעם אין שטוב, וועט ער זיין טאָפּלט צופרידן און ער וועט זיך קאָנען גרייסן מיט דער ייִנגסטער זיינער. זי וועט אים ליכטיקער מאַכן דאָס געמיט, פאַרלייכטערן די לאַסט פון דער שולד, אַזוי אַז ער זאָל זי קאָנען ליב האָבן „פאַר עפּעס".

יאָ, ליב האָבן. איצט, ווי ער איז אַזוי אַהיימגעלאָפן אונטערן רעגן, איז אים איינגעפאַלן, אַז ער האָט בינהלען, אַזאַ ווי זי איז געווען — אָן „עפּעס" — טאַקע ליב געהאַט. אַנדערש האָט ער דאָס נישט געקאָנט אָנרופן ווי ליבשאַפט. עפּעס האָט מסתמא יאָ עקסיסטירט אויסער פליכט, אויסער התחייבות. מסתמא האָט ער, יאָסעלע, זיין מאַרימלען אויך ליב געהאַט, אפשר גאָר צו שטאַרק? אַז נישט וואָלט ער זיך שוין פון לאַנג געהאַט גובר געווען און חתונה געהאַט. ער האָט טאַקע נישט געוואָלט, אַז זיינע קינדער זאָלן האָבן אַ שטיפמאַמען. אָבער ער האָט שוין לאַנג אָנגעהויבן צו ספקן, צי ער האָט זיי אַזאַ טובה געטאָן. און ער האָט דאָך די קינדער ליב געהאַט. אַלע. אין דעם האָט ער מער נישט געספקט.

יאָסעלען איז באַפאַלן אַ גרויס שטוינען. אַ מענטש האָט אַזוי פיל יאָרן אָפּגעלעבט מיט זיך — און זיך נישט פאַרשטאַנען, נישט געקענט זיך אַליין; ווי ער וואָלט געווען מיט אַ טויזנט מייל דערווייטערט פון זיין אייגענער נשמה. יאָ, ס'איז אויסגעקומען ווי דער מענטש וואָלט זיך — צו זיך אַליין — בלינד געמאַכט, אויף טויזנטער אופנים זיך בלינד געמאַכט צו זיינע אייגענע שטאַרקסטע געפילן.

„רבונו־של־עולם", האָט יאָסעלע אַ פליסטער געטאָן. „און נאָך בלינדער ווי צו זיך, בין איך צו דיר... און דאָך קלאַמער איך מיך אָן דיר מיט אַ בלינדער... אַ בלינדער אהבה..."

אויף צו מאָרגנס אין דער פרי איז יאָסעלע ווידער אַוועק מיט בינהלען צו שׂרה־לאהלען. צו זיין באַדויער, איז שׂרה־לאהלע שוין געווען אַרומגערינגלט מיט אַ קרענצל ווייבער. ער האָט סיי ווי איבערגעלאָזט בינהלען מיט שׂרה־לאהלעס ייִנגערער טאָכטער, פּערעלען, וועלכע איז געווען אַ חתונה־געהאַטע און האָט גע־

וווינט אין שכנותדיקן הויז. זי האָט דאָס אַכטונג געגעבן אויף אירע טאַטע־מאַמעס בעל־הבתישקייט. יאָסעלע האָט זיך אומגעקערט צו זיך אין קליטל מיט אַ לייכט האַרץ, אַ פּולס מיט בטחון.

יאָסעלע איז אַזוי פעסט און שטאַרק געוואָרן ביי זיך, נאָך דעם ווי בינהלע האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביי שרה־לאהלען דער שוחטקע, אַז ער האָט אויפן אָרט באַשלאָסן צו דערליידיקן צוויי ענינים וועלכע ער האָט אויף זיך געהאַט גענומען צו דערליידיקן.

דער ערשטער ענין האָט אים נישט צו רו געלאָזט און האָט גורם געווען ער זאָל זיך פילן שולדיק פאַר אַפּלייגן: ער האָט געמוזט רעדן מיט וואַצלאַוו ספּאָ־קויני און איין מאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף צו וואַצלאַווס וויזיטן ביי היג־דעלען דעם סופרס אַלמנה, אין איר קרעמל. די שרעק פאַרן גוייִשן פייער־קאָמענ־דאַנט האָט אַ תל געמאַכט פון דער ייִדענע. און דאָס האָט, צוליב אַ פאַרהוילענער סיבה, יאָסעלען שטאַרק אויפגערעגט.

נאָך דער געשעעניש מיט הינדעלען, איז יאָסעלעס ביטערניש קעגן וואַצלאַוון טויזנטפאַך געוואַקסן. וואַצלאַוו איז נישט געווען קיין רשע פון דער נאַטור, האָט יאָסעלע נישט אויפגעהערט אַריינצוקלערן, אָבער וואַצלאַווס הפקרות, זיין נישט אָנערקענען קיין שום צוים און געסדרטקייט אין זיין לעבן, צוזאַמען מיט זיין שוואַכקייט פאַר דער „מאָנאָפּאָלקע", האָבן אים געקאָנט ברענגען צו די שוידערלעכסטע מעשים. אמת, הינדעלע האָט מער קיין מאָל נישט דערמאָנט יענע גרויליקע נאַכט פאַר אים, פאַר יאָסעלען. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט באַ־פרייען פון דעם בילד אין זיין דמיון — פון אָט דעם קליינעם שוואַכן ווייבל, אַ ייִדישע טאָכטער פון איידעלן ייִחוס, אין די הענט פון אָט דער חיה־רעה, אויף דעם פינצטערן שטיגן־אַרויפגאַנג פון איר הייזקע. יאָסעלע האָט געזען אין דמיון די הויט פון הינדעלעס אָנטבלויזט לייב אויפלייכטן אינעם חושך, געזען די פיין פון די גרויסע שוואַרצע אויגן, די גרייס פון צוויי פלוימען, געהערט איר שרייען, רופן נאָך הילף דורך דער שוואַרצער שטילקייט.

אמת, זי האָט אַליין געהאַט דערפירט צו אָט דער געפערלעכער באַגעגעניש מיט וואַצלאַוון, מיט דער דינערישער אויפמערקזאַמקייט וואָס זי האָט אַרויסגע־וויזן אָט דעם שיכּור און זיין אידיאָטישן פלאַפּלען. אָבער זי, אַ ייִדישע טאָכטער, איז פאַרשעמט געוואָרן, שיער נישט צעבראָכן געוואָרן פון אָט דעם רויען, ווילדן אָקס, דעם גוי וואַצלאַוון. זי — אַזוי נישט־באַשיצט, ער — אַזוי מאַכטיק. נישט קיין וווּנדער וואָס די אימה האָט זי נישט אָפּגעלאָזט און האָט אַ תל געמאַכט פון איר; מעגלעך אויך דערפאַר וואָס קיינער אין דער וועלט האָט נישט געוווּסט פון איר שרעקלעכער איבערלעבעניש, אויסער אים, יאָסעלען.

ער האָט נישט געוווּסט פאַר וואָס זי האָט פון אַלע מענטשן אין באַטשאַני

אויסגעקליבן אים, כדי זיך צו פֿאַרטרויען מיט איר סוד. ער האָט פּאַראיבל געהאַט אויף איר צוליב דעם, האָט זי נאָך ווינציקער גערן געהאַט ווי פֿריער. אָבער דאָס התחייבות איז געווען אויף זיינע אַקסלען. ער האָט איר געעצהעט נישט צו אַנטלויפֿן פֿון באַטשאַני. איז ער געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר איר זיכערקייט, פּונקט ווי ער איז געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער זיכערקייט פֿון גאַנצן שטעטל. ווייל ווער ווייסט וואָס עס האָט געקאָנט געשען, אויב וואַצלאַוו וואָלט טאָקע אָוועקגעהרגעט זיין ברודער, אָדער ווען הינדעלע וואָלט פֿאַרווונדיקט, צי אָוועקגעהרגעט וואַצלאַוון.

יאַסעלע האָט נישט געהאַט קיין ספּעציעלן פּלאַן ווי זיך נוהג צו זיין, ווען ער וועט זיך אָוועקלאָזן רעדן מיט וואַצלאַוון. די הויפּטזאַך איז געווען צו געפֿינען וואַצלאַוון אַ ניכטערן און דאָס האָט געקאָנט טרעפֿן נאָר גלייך אין דער פֿרי.

האָט יאַסעלע טאָקע ווי געוויינטלעך געעפֿנט דאָס קלייטל, געלאָזט דרינען זיינע צוויי עלטסטע מיידלעך, און מיט אַ זאַק סחורה פֿאַרוואָרפֿן איבערן אַקסל איז ער אַרויס דרויסן. קעגן זיין ווילן, האָט ער געוואָרפֿן אַ קורצן בליק אויף הינדעלען, וועלכע איז געזעסן אויף איר קעסטל, לעבן אירע פּאַליצעס מיט גאַלאַנטעריע, אַן איינגעקאָרטשעטע, און האָט זיך געוואָרעמט די הענט ביים פֿייערטאָפּ. ער האָט באַוויזן אַרויסצוליייענען פֿון אירע גרויסע שוואַרצע אויגן ווי אומזיכער זי האָט זיך דערפֿילט, זעענדיק אים, יאַסעלען, זיך קלייבן אין וועג אַריין. אָט אַזוי האָט זי לעצטנס אָפֿט געקוקט אויף אים.

פֿאַרביי די יידישע קרעטשמע אויפֿן ברייטן טאַפּאַליע־וועג, האָט יאַסעלע געכאַפּט אַ בליק אינעווייניק, צו זען צי וואַצלאַוו, וועלכער האָט דרינען פֿאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פֿון זיינע טעג, האָט נאָך נישט באַוויזן קומען אָפּשטאַטן זיין וויזיט. דערנאָך האָט יאַסעלע זיך אָוועקגעלאָזט אין דאָרף אַריין.

אָנגעקומען צו וואַצלאַווס כאַלופּע, האָט ער באַגעגנט וואַצלאַווס טאָכטער, וואַנדען, אויפֿן גאַניק. אירע לאַנגע בלאַנדע האָר זיינען געווען צעפּלאָשעט אויף אַ מין באַזונדערש קאָקעטישן אופֿן און האָבן אָפּגעדעקט האַלבקרייזן פֿון די גרויסע ציגאַנסקע אויערינגען וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פֿון אירע אויערן. זי האָט געטראָגן אַ דיקן האַנט־געשטריקטן סוועטער, אַ לאַנגע, לויזע ספּאָדניצע און גרויסע מענערישע שיך. זי האָט געפּוצט אַ גרויסן, רויטן עפּל אָן איר סוועטער. ווי נאָר יאַסעלע איז אַרויפֿגעקומען אויפֿן גאַניק, האָט זי דעם עפּל צוגעטראָגן צו די פֿייכטע פֿונאַנדערגעשפּרייטע ליפּן.

„אָט איז דער יצר־הרע אין דער געפּערלעכסטער פֿאָרעם אַרויסגעקומען מיך צו גריסן", האָט יאַסעלע אַ טראַכט געטאָן. ער האָט אָפּגעקערט די אויגן פֿון וואַנדעס זינלעכן, לאַקנדיקן פּנים און אַ פֿרעג געטאָן, מיט די אויגן אויף דער טיר: „דער טאַטע ז'אין דער היים?"

זי האָט אַ טרייסל געטאָן מיט דער לאַנגער האָריקער גריווע, אויפֿגעקנאַקט

די שאַל פֿונעם עפּל מיט די שאַרפֿע, ווייס־צעשימערטע ציין, אָפּגעווישט דעם פֿונאַנדערגעשפּריצטן עפּלזאַפּט פֿון איר פּנים, און האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ זאַפּטיק, זויער־קלינגענדיק געלעכטער. „ער שלאָפֿט נאָך!" — יאָסעלע האָט געהאַלטן ביים עפֿענען די טיר, ווי זי האָט אויסגערופֿן נאָך אַלץ לאַכנדיק, דאָס מויל פֿול מיט עפּל: „נישט אין זיין אייגענעם בעט!"

יאָסעלע האָט זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק. אין דער ווייטן, אויף יענער זייט פּלויט, האָט ער דערזען וואַצלאַווס גויע מיט אַ פּאָר פֿון אירע שקצימלעך רייניקן פֿון שניי דאָס בריקל איבער אַ שמאָלן שטראָם. וואַנדע האָט נאָך אַ מאָל זיך הויך איינגעביסן אין עפּל.

„די מאַמע ט׳גאַרנישט קויפֿן ביי דיר היינט אין דער פֿרי", האָט זי אַ זאָג געטאָן, קייענדיק ענערגיש. דער נעפּל פֿון איר וואַרעמען אָטעם איז געהאַנגען אין דער לופֿטן אַרום איר פּנים, ווי אַ דורכזיכטיקער שלייער. „די נאַרישע קו, די אידיאָטקע, האָט די גאַנצע נאַכט געוואַרט אויף אים און קיין אויג נישט צוגעמאַכט. איז זי נישט געשטימט צו קויפֿן, סיידן זי האָט בדעה אויסצוקאָפּען אַ גרוב פֿאַר אים און אים באַגיסן מיט ברענענדיקן קאַלך, ווען ער׳ט אַהיימקומען". דער קרומער שמייכל איז פֿאַרשוווּנדן פֿון דעם שיקסלס פּנים. זי האָט אַ שליידער געטאָן דאָס רעשטל פֿון עפּל אינעם שניי איבערן פּלויט, מיט אַ כּעסיקן, ברייטן שוווּנג פֿון אָרעם. „איר, זשידקעס, זייט קיין מאָל נישט אַזעלכע סקונדרעלס צו אייערע ווייבער און קינדער, האַ, יאָסעק?" זי האָט זיך דערנענטערט צו אים. בעת־מעשׂה האָט זי מיט די ווייזפֿינגער פֿון ביידע הענט אָוועקגעשאַרט די פּאַסמעס האָר פֿון פּנים.

יאָסעלע איז נישט גרייט געווען זיך אַריינצולאָזן אין אַ שמועס מיט איר. ער האָט געאײַלט צום פּלויטטירל. דער קנאַקנדיקער סקריפּע פֿון אירע שיך איבערן שניי האָט אים נאָכגעיאָגט.

„ביסט גאַנץ גערעכט", האָט ער הינטער זיך געהערט ווי זי זאָגט. „וואָס ד׳ווילסט נישט האָבן צו טאָן מיט דעם פֿאַדליעץ. ער באַרימט זיך שטענדיק... דערציילט ווי איר האָט זיך צוזאַמען געשפּילט ביי די זומפּן... באַרימט זיך וועגן אייערע טאַטעס וואָס האָבן געדינט דער אויטשיזנע. אַזאַ מערזאַוויעץ! ר׳ וויל יעדער איינער זאָל זיין גוטע פֿריינד מיט אים, און פֿאַרדינט זיך נישט צו האָבן אַפֿילו איין פֿריינד. חבר דיך נישט מיט אים, יאָסעק. זאָל ער אַלט ווערן און זיין אַליין ווי אַ הונט!"

„כ׳מוז מיט אים רעדן", האָט יאָסעלע אַ זאָג געטאָן אויף אַ קול, כּדי דאָס שיקסל וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען, זאָל אים דערהערן. „ווו קאָן איך אים טרעפֿן?"

ווידער האָט ער דערהערט איר גאַליק געלעכטער. „ס׳ט אים טרעפֿן ביי דער זונה מאַגדאַ אין בעט, ס׳טע אים טרעפֿן. לויף אַהין, יאָסעק, ס׳טע אים מאַכן אַן אַנגענעמע ניעספּאָדזשאַנקע!"

זי איז צוריקגעלאָפן צום גאַניק.

ביי יאָסעלען איז דאָס האַרץ איינגעפרוירן. מאַגדאַ די אַלמנה האָט געהאַט אַ שייכות צו דעם צווייטן ענין וואָס ער האָט גענומען אויף זיך צו דערליידיקן. אויך דאָס איז נישט געווען בלויז אַ פראַגע פון ראַטעווען פישעלען דעם קצב. פישעלע איז געווען אַ נעבעכדיקע צעטומלטע נשמה, אַ שפּילעכל אין די הענט פון דער סיטרא־אחרא, פון וועלכער ער האָט זיך געמוזט אָדער אַליין באַפרייען, אָדער אונטערגיין. אָבער באַטשאַני איז געווען אין סכנה. מאַגדאַ האָט געהאַט די פעיקייט צו פאַרקאָכן אַ קאַשע. יאָ, ווי לעכערלעך דאָס איז געווען! פישעלע, וועלכער האָט געפלעגט קומען צו אים, יאָסעלען, פריידיקן וועגן פליכטן לגבי דעם כּלל, איז געווען אַזוי ווייט פאַרפאַרן, אַז ער, איינער פון באַטשאַניס אונטער־שפּאַרנדיקע זיילן — האָט געשטעלט אין סכנה דעם באַטשאַנישן כּלל. דאָך, ווי עס זאָל נישט האָבן געווען, האָט באַטשאַני זיך געניייטיקט אין דעם אַמאָליקן שטאַרקן פישעלען. דערפאַר האָט ער, יאָסעלע, געמוזט טאָן דערוועגן וואָס ער איז ביכולת געווען צו טאָן.

יאָסעלע האָט גענומען גיין פון טיר צו טיר איבערן דאָרף און אָנבאָטן זיין סחורה. אָבער אין קאָפּ ביי אים האָט זיך געטומלט און ער האָט קיין געדולד נישט געהאַט אַלץ צו פאַרקויפן. עפּעס האָט אים געצויגן צוריק, קיין באַטשאַני. ער האָט געוואָלט זיין צווישן אייגענע, אין דער היימישער סביבה. „צו וואָס דאַרף איך האָבן אָט דעם גאַנצן קאַפּווייטיק? וואָס איז דאָס מיין עסק?" האָט ער זיך געפרעגט און דאָך גוט געוווּסט, אַז ער וועט נישט האָבן קיין רויִק געמיט, ביז ער וועט נישט אויספירן דאָס וואָס ער האָט אונטערגענומען.

זיך דערנענטערט צו דער קרעטשמע, האָט יאָסעלע דערזען וואַצלאַוון אָנקו־מען פון יענער זייט וועג.

„העי, יאָסעק!" האָט וואַצלאַוו אויסגערופן צו אים מלא־שׂימחה, ווי איינער וואָס באַגעגנט אַ חבר נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג. „קום אַריין, ט'מען מאַכן אַ כּוסע!"

וואַצלאַוו איז נאָך געווען ניכטער. דער מונדיר־זשאַקעט איז ביי אים געווען פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך. יאָסעלע האָט גלייך באַמערקט, אַז אונטער דער מאַסקע פון גוטן מוט האָט וואַצלאַווס פּנים אויסגעדריקט פאַרלעגנהייט, צעטומ־לעניש. די צעפּינטלטע אויגן זיינע האָבן זיך באַהאַלטן מיטן בליק. דער גוואַל־דיק הייטערער טאָן פון זיין קול האָט אומגעלומפּערט פאַרשטעלט זיין שלעכטע שטימונג, און האָט געגרילצט אויף די אויערן, הייזעריק־רוי.

יאָסעלע האָט צוגעשפּריזט גאָר נאָענט צו אים. „דיין וואַנדע האָט מיר געזאָגט, אַז דו ווילסט נאָך אַלץ זיין גוטע פריינד מיט מיר", האָט ער טרוקן אַ זאָג געטאָן.

„ווען האָט זי דיר דאָס געזאָגט?" וואַצלאַוו האָט פאַרגראָבן אַן אומבאַקוועמען

שמייכל אין די העטמאַנסקע וואַנצעס. „אוודאי וויל איך. ז׳איז געראָכט, די כאַ־לערע. קום, לאָמען אַריינגיין אינעווייניק און איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויסטריַנ־קען צו אונדזער ברודערשאַפט״.

„ז׳יט מיר דאָס געזאָגט מיט אַ פּאָר שעה צוריק. כ׳בין פאַרביי דיין כאַלופּע מיטן זעקל קרייד. אָבער דו ביסט נישט געווען אין דער היים״.

וואַצלאַווס רויטע אויערן האָבן זיך נאָך טונקעלער צעפלאַמט. ער האָט אויפ־געראָגט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „נו, פּשאַ קרעוו, וואָס שטייט מען דאָ ביידע ווי צוויי ליימענע קוקלעס, דער טייוול זאָל דאָס נעמען? קום זשע אַריין און לאָמען אָוועקהרגענען דעם וואָרעם מיט אַ געזונטן זופּ מאַנאַפּאַלקע!״

יאָסעלע האָט אים אָנגענומען פאַרן אָרעם און געפּרוּווט אים אָוועקשלעפּן פון אַריינגאַנג צו דער קרעטשמע. „מאַנאַפּאַלקע הרגעט נישט אָוועק דעם וואָרעם. זי שלעפערט אים נאָר איין. דו דאַרפסט דאָס וויסן. לאָמען כאַפּן אַ שמועסל ניכטערערהייט״.

וואַצלאַוו האָט פעסט איינגעמויערט די צעשפּרייטע פיס אין דער ערד. ער האָט קאַטעגאָריש געדרייט מיטן קאָפּ. „איך מוז שוין האָבן אַ טרונק!״

„אויב אַזוי, קאָן איך נישט שמועסן מיט דיר, און נישט זיין גוטע פריינד מיט דיר״.

„גוטע פריינד שמועסן צום בעסטן איבער אַ גלעזל מאַנאַפּאַלקע״.

„און ווער וועט פאַרדינען די פּאָר קאָפּעקעס פאַר מיר, טאָמער לאָז איך מיר אַזוי וויל גיין, דו?״ האָט יאָסעלע געדולדיק געפרעגט. „צווייטנס, האַלט איך נישט פון באַנייען אַ פריינדשאַפט בעת מען איז שיכּור. קודם מוזן מיר ביידע ווערן גוטע פריינד ניכטערערהייט, שפּעטער ט׳מען זען״.

וואַצלאַוו איז זייער אומגעדולדיק געוואָרן. „אויב אַזוי, טאָ זאָל דיך די כאַ־לערע נעמען! דאָס גלעזל מאַנאַפּאַלקע איז סיי ווי מיין בעסטער דרוך!״ ער האָט אַ פּאַכע געטאָן מיט דער האַנט צו יאָסעלען.

יאָסעלע האָט אים געשלעפּט פאַרן אָרעם. „ד׳ווייסט וואָס נאָך דיין וואַנדע האָט מיר געזאָגט? ז׳יט געזאָגט, אַז אויף דער עלטער ס׳טע בלייבן אַזוי איינזאַם ווי אַ הונט״.

די רויטקייט פון וואַצלאַווס אויערן האָט זיך צעגאָסן איבער זיין פּנים. „ז׳יט דיר אַ סך געזאָגט, די סוקע״. ער האָט אַ שפּיי געטאָן. „פאַר וואָס האָט זי דיר דאָס געזאָגט?״

„ווייל זי זאָרגט זיך וועגן דיר. ווייל דו צעבראָכסט איר יונג האַרץ. אַזאַ קראַסאַוויצע... מיט אַזאַ קול צום זינגען... און דו פאַרשאַפסט איר אַזוי פיל חרפּה, אַז זי קאָן זיך אַ מאָל שעמען אויסצוזוכן אַ לייטישן מאַן פאַר זיך, צי בכלל חתונה צו האָבן״.

וואַצלאַוו האָט אָנגעשפּיצט די ברעמען. אַ בליאַסק האָט אויפגעבליצט אין

זיינע אויגן, ווי פון קלינגלעך פון צוויי חלפים. „און וואָס איז דאָס דיין פאַר־שיווע עסק, האַ? וואָס שטופסטע די נאָז ווו ד׳דאַרפסט נישט, און וואָס דרייסטע מיר אַ קאָפּ מיט אַזעלכע אידיאָטסטוועס אויף אַ לערן מאָגן?"

„איז הייסט דאָס, אַז ס׳איז נישט אמת, אַז ד׳ווילסט דיך מיט מיר איבער־בעטן", האָט יאָסעלע רויק אויסגעפירט און געקוקט וואַצלאַוון גלייך אין די בייזע אויגן אַריין. „דאָס פאַרשטיי איך. וואָס דאַרפסטע דיך חברן מיט אַ פאַרשיווען זשיד? נאָר ווען ד׳ביסט אַנגעזויפּט און ד׳ווייסט נישט וואָס דו ברייעסט, זאָגסטע אָט אַזעלכע נאַרישקייטן צו מיר, צי צו... צו הינדעלע דעם סופרס אַלמנה, למשל..."

וואַצלאַוו האָט אַ שפּרונג געטאָן. „לאָז זי אַרויס פון עסק! אַז נישט וועל איך דיך אַוועקהרגענען דאָ, אויפן אָרט!"

יאָסעלע איז געבליבן באַהערשט. „וואָס דען? ווו האָסטע די האַק? דו גייסט דאָך אַרום און סטראַשעסט מיט הרגענען יעדן איינעם, אַריינגערעכנט... הינדעלען, צי דיין אייגענעם ברודער... אַצינדער מיך".

וואַצלאַוו האָט אים צוגעוואָרפן אַ מאָדנעם בליק פון אונטער די אָנגעשפּיצטע ברעמען. זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, אָבער האָבן נישט אַרויסגעלאָזט קיין קלאַנג. מיט אַ מאָל האָט ער אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען, און אַ זאָג געטאָן מיט אַ קול וואָס האָט זיך געראַנגלט אַנצוהאַלטן דעם הייטערן טאָן.

„כ׳בין גאָרנישט אויסן געווען, דו ווייסט דאָס. ס׳אָן אופן פון רעדן, בפרט אויף אַ ליידיקן מאָגן". ער האָט צוגעבויגן דעם קאָפּ נאָענט צו יאָסעלעס אויער. „איכ׳ל גיכער פּגרן, ווי ווייי טאָן דער קומע... הינדעלען... צי דיר". ער האָט קרום געשמייכלט. „און וואָס שייך מיין ברודערל. זעסטע... הלוואי וואָלט איך בכוח געווען אים אַוועקצוהרגענען, אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן. אָבער איך בין נישט קיין קין. כ׳בין אַ גוטער פּאָליאַק און אַ גוטער קריסט, וואָס מיין סטאַשעק זאָל ווענן מיר נישט זאָגן".

יאָסעלע האָט עפּעס געוויגן אין קאָפּ. לסוף האָט ער זיך אָפּגערופן: „און דאָך האָסטע אים שיער נישט אַוועקגעהרגעט... דיין ברודער... פּאָר אַ יאָרן, ווען נישט הינדעלע וועלכע האָט דערצו נישט דערלאָזן... און צוליב וואָס דו ביסט איך זי גרייט געווען אַוועקצוהרגענען".

וואַצלאַוו האָט אַרויסבאַלושטשעט די אויגן אויף אים, געבליבן פאַרשטייפט, ווי אַ דונער וואָלט אים געטראָפן. „דו... ד׳מיינסט יענע נאַכט?"

„יאָ, יענע נאַכט. ס׳האָט זיך דיר נישט געחלומט. ס׳האָט קיין סך נישט געפעלט און ד׳האָסט געקאָנט זיין דער מערדער פון..."

איצט האָט וואַצלאַוו זיך געלאָזט פון יאָסעלען אַוועקשלעפּן צו אַ מיט־שניי־באַדעקטן בוים און אים אַוועקשטעלן אַזוי, אַז מען זאָל וואַצלאַווס פּנים נישט קאָנען זען פון וועג.

יאָסעלע איז אָנגעגאַנגען: „די אָרעמע יידענע איז שיער נישט אַראָפּ פון

זינען פון שרעק. ז'איז געקומען... אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר אין מיטן דער נאַכט און אַ פּאָר יונגען האָבן מיר געהאָלפן דיך אַהיימפירן. כ'האָב געצוווּנגען דיין ווייב מיר צו שווערן, אַז זי וועט דיך מאַכן גלייבן, אַז ד'האָסט געחלומט, כדי דיך נישט צו פאַרשעמען. דיין ווייב ווייסט, אַז ד'האָסט געוואָלט הרגענען דיין ברודער. מער ווייסט זי גאָרנישט. די יונגען ווייסן אויך גאָרנישט, אַחוץ, אַז ד'האָסט דיך אָנגעשיכּורט. נאָר מיר דריי ווייסן אַלץ. און מער ט'קיינער נישט אויסגעפינען".

אַ לאַנג שווייגן איז נאָכגעקומען. דערנאָך האָט וואַצלאַוו אַרויסגעקרעכצט:

„איך בין אַזאַ פאַרשאָלטענער הונט..."

„נאָך עפּעס זאָלסטו געדענקען", איז יאַסעלע אָנגעגאַנגען. „טאָמער הייבסטו אָן מיטן הרגענען... ט'מער נישט נעמען קיין סוף דערצו. ווייל איינס ט'פירן צום אַנדערן... ט'פירן צו דיין וואַנדען און צו דיינע אַנדערע קינדער. נאָר אויב דו'סט לאָזן אַלץ, ווי עס איז, ט'אַלץ בלייבן פאַרגעסן. זאָג מיר בלויז צו, אַז ד'עסט מער נישט פאַרפירן קיין שמועסלעך מיט דער... דער קומע... הם, הינדעלען דער אלמנה... און ד'עסט זי מער נישט סטראַשען..."

דער ניכטערער וואַצלאַוו האָט זיך צעוויינט מיט אמתע טרערן. יאַסעלע האָט זיך געקאַמט און איבערגעקאַמט די באָרד מיט די פינגער. פּלוצעם האָט ער באַשלאָסן אַריינצושלעפּן וואַצלאַוון אין קרעטשמע.

„אַצינדער 'על איך דיר שטעלן אַ גלעזל!"

איידער זיי האָבן טועם געווען דאָס ערשטע גלעזל „מאַנאָפּאָלקע", האָט יאַסעלע אויפגעצוווּנגען דעם ניכטערן טרויעריקן וואַצלאַוון צו שווערן ביים הייליקן אָנדענק פון זיין העלדישן טאַטן, און ביי די נעמען פון זיינע קינדער, און ביי דער הייליקער דרייאיינינקייט און ביי דער ענדגילטיקער באַפרייונג פון דער פּוילישער ערד פון מאָסקאָלס הענט — אַז ער וועט קיין מאָל מער נישט פּרווון פאַרפירן קיין שמועס מיט הינדעלען. דערנאָך האָט יאַסעלע געשוווירן ביי אַלץ וואָס איז אים געווען הייליק און טייער, אַז קיינער אין דער וועלט וועט זיך קיין מאָל נישט דערוויסן דעם אמת וועגן „יענער נאַכט". וואַצלאַוו האָט פון זיין אייגענעם גוטן ווילן אויך געגעבן אַ צוזאָגב־שבועה, אַז ער וועט אויסטרינקען בלויז אָט די פּאָר גלעזלעך מיט יאַסעלען, און דערנאָך מער קיין מאָל אין זיין לעבן נישט אָנרירן, נישט דאָס פלעשל, און נישט אַ פרעמדע נקבה, כדי וואַנדע זאָל זיך מיט אים נישט מוזן שעמען.

„און אויך דערפאַר", האָט וואַצלאַוו צוגעגעבן נאָך אַ מינוט וואַקלעניש. „ווייל, יאַסעלע... דיר מעג איך דאָך זאָגן. איך ווייס דאָך, אַז דו קאָנסט יאָ האַלטן אַ סוד. איז, ברודערקע, די מעשה אַזאַ... אַז איינער פון אונדזערע העלדישע כלאָפּצעס, אַ געוויסער יוזעק פּילסודסקי האַלט ביים אָרגאַניזירן פּוילישע לעגיאָנען... יאָ, זיך צו שלאָגן פאַר דער וויזוואָלעניע פון אונדזער מוטער־ערד. און אַ חברה אונדזעריקע אין באָטשאַני גרייטן זיך אויך... איז אויב... אויב וועל איך

אַנגיין מיטן זויפן און מיטן וואַלגערן זיך אין ווייבערשע בעטן, וועל איך קיין וואַזשנער אַנפירער נישט קאָנען זיין, נישט אַזוי?"

ער האָט געמאַכט אַ כּוסע מיט יאַסעלען, געטרונקען צו דער פריינדשאַפט און צו אַ פריי פוילן.

אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט יאַסעלע, געשטאַרקט פונעם שאַרפן טרונק, אוועק־געאײַלט זיך אויסצוטענהן מיט מאַגדאַן דער אַלמנה.

מאַגדאַ האָט געטראָגן אַ פּאָר שווערע מענערישע שטיוול. איר באַרכנטענע לויזע בלוזע איז געווען צעקנעפּלט אונטערן האַלדז און האָט זיך לויז געפּאַלדע־וועט אַרום איר גרויסן לויזן בוזעם. אַזוי איז זי געשטאַנען אין דער קעלט און האָט אַריבערגעהאַנגען זאַקשמאַטעס איבערן רוקן פון איר אויסגעשפּאַנטער קאַבילע.

„אַ... אַ, יאַסעק קאַכאַני!" האָט זי אויסגערופן. „ס'ט מיר מאַכן אַ מציאה און מיר פאַרקויפן ביליק אַ טאָפּ קאַלך?"

„פאַר וואָס נישט?" האָט יאַסעלע אַ קלעפּל געטאָן דעם פערדס קאַרק. ער האָט נישט געקוקט אויף דער גויע און דאָך מיט אַלע חושים געפילט איר מגשומ־דיקן כּוח. זי איז געווען מאַנספּאַרשוויניש אין איר מאַסיווקייט און דאָך פול מיט ווולגאַרער, אַנגרייפערישער ווייבלעכקייט. „איכל דיר אַפילו שענקען אַ מתּנה צוויי טעפּלעך קאַלך... אין גאַנצן בחינם". ער האָט געגלעט דער קאַבילעס גריווע.

„זי האַלט זיך נאָך גוט, האַ?" האָט ער אַנגעטייט אויפן פערד.

„אַלץ הייסט גוט!" מאַגדאַ האָט צווײדײַטיק געוווּנקען און זיך צעטרייסלט מיטן לויזן בוזעם. „און מיט וואָס, נאַ פּזשיקלאַד, ווינטשסטו דיר, אַז איך זאָל דיר אָפּצאָלן פאַר דער בחינמדיקער מתּנה?" האָט זי אַ פרעג געטאָן, בעת יאַסעלע האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער באַטראַכט אַ גערשטנקאָרן אויפן פערדס אויגנלאַפּ. „איר, זשידקעס, וועט דאָך קיין מאָל אומזיסט גאָרנישט אָוועקשענקען, נישט אַזוי?"

„טייל מאָל טאַקע נישט אַזוי און טייל מאָל יאָ אַזוי". — יאַסעלע איז געווען רויִק, האַר איבער זיך. — „איך, נאַ פּזשיקלאַד, וויל דיר יאָ אָוועקשענקען עפּעס, פאַר גאָרנישט. אויב ד'ווילסט, נעם עס צו. אויב ד'ווילסט נישט, נעם נישט".

אירע נאָזלעכער און דער קאַבילעס נאָזלעכער האָבן אין דער זעלבער רגע אַ פלאַטער געטאָן. — „און פאַר וואָס ביסטע עפּעס אַזוי גוט צו מיר?" האָט זי אַ פרעג געטאָן.

„איך בין נישט אויסן צו זיין גוט צו דיר. נאָר טאָמער טוסטו גאָרנישט, פאַרדינסטע דיר צו קריגן עפּעס".

„וואָס מיינסטע, טאָמער טו איך גאָרנישט?"

„טאָמער טוסטע גאָרנישט וועגן פּישעלען קצב. איך מיין... טאָמער לאָזסטע אים צו רו, און גיסט אויף אַזעלכע נאַרישקייטן ווי גיין אים פאַרמסרן פאַרן רב...

טאַקע אַזוי... ווי קומט וואָס ד׳ווילסט חתונה האָבן מיט אַ פֿאַרשיווען זשידעק, נאָך דערצו אַ טאַטן פֿון פֿינף קליינע זשידקעס, האַ? ער קאָן זיך טאַקע שמדן, אָבער דאָס יִידישע בלוט אין זיינע אָדערן ט׳פֿון דעם אויף קיין האָר נישט אַנדערש ווערן״.

ער האָט נאָך געוואָלט אָנגיין מיט די רייד. אָבער דאָ האָט זי פּלוצעם אַרויס־געפּלאַצט מיט אַזאַ דונערדיק געלעכטער, אַז די לופֿט אַרום איר און יאָסעלען און דער קאָבילע האָט זיך צעציטערט. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר די ברייטע באַקעס. אירע אויגן זיינען איבערגעלאָפֿן מיט טרערן. „ס׳האָט איר גענומען אַ ביסל צייט, ביז זי האָט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט פֿון זיך.

„אוי, יעזוס מאַריאַ!״ האָט זי ספּאַזמאַטיש געקרעכצט. „וואָס פֿאַר אַ ווערעמ־דיקער אידיאָט, דער פּישעלע קצב! איך... איך? חתונה האָבן מיט אים, דעם שמוציקן צעווירעוועם גאַרנישט? אוי, הייליקער לאַסקאַוועד פּאַניע באָזשע אין הימל! אוי, יאָסעק, מיין סקאַרב, דער טייוול זאָל דיך נעמען! איך האָב דאָך געטריבן קאַטאַוועס פֿון אים... דעם קיילעכדיקן אידיאָט! איכל דאָך גיכער זדעכ־ניען ווי אַ הונט, איידער חתונה האָבן מיט אַן אייעריקן. אוי, מעג די כאָלערע אייך אַלעמען נעמען, איר קרעציקע, ווערעמדיקע כּנופֿיה...״ האָט זי געקייכט. „ער... ער איז דאָך אַפֿילו נישט אַ מאַן... וואָס ס׳לוינט צו רעדן... אוי, הייליקער סאַק־ראַמענט!״

יאָסעלע איז געוואָרן אויפֿגעהייטערט. ער האָט אַ רייב געטאָן די הענט, און מיט די הענט — די אויערן; האָט געגעבן אַ יונגטלעכן שפּרונג אונטער און אויסגערופֿן: „אַ דאַנק! אַ שיינעם דאַנק דיר, מאַגדאַ, זאָל דער אַלמעכטיקער געדענקען דיך אין זינען צו האָבן!״ ער האָט אויסגעגלייכט דעם זאַק אויף זיין אַקסל און איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון מאַגדאָס הויף.

זי איז אים נאָכגעלאָפֿן מיט אַ גוואַלד: „עי, יאָסעק, דו פֿאַרכאַטער בלוט־זויגער! ווו זענען מיינע צוויי טעפּ קאַלך, וויל איך וויסן! ס׳ט דאָך מיר צוגעזאָגט עפּעס פֿאַר גאַרנישט, דו מערזאַוועץ איינער!״ זי האָט אים אָנגעכאַפּט פֿאַר אַ פּאה און אים פֿאַר איר געצויגן.

יאָסעלען האָט די האַנט „געקיצלט״ איר צו דערלאַנגען איבערן אַרעם אַזוי, אַז זי זאָל אים האָבן צו געדענקען. אָבער אַנשטאָט דעם, האָט ער איר אַ קלעפּל געטאָן איבער דער האַנט און האָט אויסגערופֿן: „אוי, כ׳האָב אין גאַנצן פֿאַר־געסן! אַוודאי, מיט פֿאַרגעניגן!״

ער האָט איר אָפּגעמאָסטן צוויי טעפּ קאַלך און איז אַהיימגעלאָפֿן ווי אַ לייכטפֿיסיקער בחורל. דאָך האָט ער זיך אויפֿן וועג פֿאַרהאַלטן פֿאַר דער שול און איז אַריין אינעווייניק. ער האָט געפֿונען אַ סידורל און האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו פּליסטערן — כּדי זיך צו באַרויִקן און צוריק געווינען דעם גלייכגעוויכט.

דער שמש, ר׳ לייבעלע יאפצאק־פרעסער, האט אים באמערקט און איז צוגע־קומען אים באגריסן. יאסעלע האט אים אפגעענטפערט מיט א פעסטן האנטדרוק.
דא האט ר׳ לייבעלע געגעבן א שנופל מיט דער נאז און האט אויסגערופן:
„דו אויספאר׳שעמטער עבודה־זרהניק! ווי נעמט זיך צו דיר די העזה אריינצו־קומען אין אט דעם הייליקן מקום א טויט־שיכורער, רחמנא־לצלן, אין סאמע מיטן טאג, אין סאמע מיטן פון דער וואך?״

2

בינהלע האט אנגעהויבן צו ארבעטן ווי א דינסטמיידל ביי שרה־לאהלען דער שוחטקע. איבערגעארבעט האט זי זיך ביי איר נישט, הגם דעם גאנצן טאג איז געווען א גראטשקע אין הויז מיט דעם כסדרדיקן קומען און גיין, און ס׳האט נישט געפעלט וואס צו טאן — אויב האט מען געוואלט טאן. שרה־לאהלע וועלכע האט געפאסט יעדן מאנטיק און דאנערשטיק, איז נישט מדקדק געווען אויף די פרטים פון איר בעל־הבתישקייט. זי האט געהאט בילכערע ענינים אויפן קאפ, נעמלעך: דעם רבונו־של־עולמס בעל־הבתישקייט, וואס דאס האבן ווייבער גע־וויינטלעך געלאזט פאר די מאנספארשוינען. נאר זי האט דעם ענין צוגעגעבן א ווייבערישן טעם.
אין ווי לאנג דאס טעפל האבערגריץ איז ביי שרה־לאהלען געווען אפגע־קאכט, די איזבעס אויסגעקערט, די פאדלאגעס אפגעשייערט אויף שבת און דער שבת ווי נישט איז פארגרייט, האט שרה־לאהלע דעם נישטיקן ערדישן לעבן קיין איבעריקע מחשבה נישט געשענקט. איבעריקנס האט מען דאס נישט דערוואַרט פון איר. זי האט געהאט צוויי גערַאטענע אויסגעגעבענע טעכטער וואס האבן געהאט מער געלענג צו אזעלכע טאג־טעגלעכע זאכן ווי זייער מאמע. — ווייל שרה־לאהלע איז געווען אזוי אריינגעטאן אין די אנדערע וועלטן, אזוי צעחושט איז זי ארומגעגאנגען גאנצענע טעג, אז אלץ וואס זי האט אויפגעטאן איז געווען גורם זיין שאלות. זי האט טרייף געמאכט דאס געפעס, פארמישט מילכיקס מיט פליישיקס און אז זי האט א מאל איר מאן, דעם שוחט, געקויפט א שפאנצער ביי א גויע, פון דעם מין וואס די גויעס האבן אליין אויסגעארבעט, איז ער געווען בלויז שעטנז.
בינהלען האט שרה־לאהלע אריינגענומען צו זיך אויך נישט כדי דאס מיידעלע זאל סתם האלטן די דירה אין ארדענונג — נאר פאר א סך א וויכטיקערן צוועק, נעמלעך, כדי זי, שרה־לאהלע, זאל מאכן א מענטש פון איר. א מענטש איז אויך געווען א דירה, א דירה וואס עס האט זיך שוין יא געלוינט אויף איר אכטונג צו געבן מיט אלע פיטשעווקעס, ווייל אין איר האט געהויזט א פונק פון דער געטלעכער שכינה. און האט מען אט די דירה נישט געהאלטן זויבער, האבן

דער שמוץ און די בלאָטע פון דער סיטרא־אחרא זיך אַריינגעריסן אין איר דורך טיר און פענצטער און פאַרוואַנדלט די דירה אין אַ הפקרער חורבה, רחמנא־לצלן. האָט טאַקע שרה־לאהלע ליבערשט געוואָלט, אַז בינהלע זאָל הערן אירע באַלערנדיקע מעשׂיות ווי אַרומגיין מיטן בעזעם.

שׂרה־לאהלעס ספּעציאַליטעט זיינען נישט געווען סתּם די מעשׂיות וועגן קיילעלען דער כלה, צי בכלל מעשׂיות וועגן די אומגליקן וואָס האָבן געטראָפן די זינדיקע נשמות אין שטעטעלע באַטשאַני און אין דער גאַנצער שעלצער גובערניע זינט ששת־ימי־בראשית. אין תוך זיינען אָט די מעשׂיות געווען נאָר באַפּוץ־בלימעלעך צו איר הויפּטטעמע. און איר הויפּטטעמע זיינען געווען אַזוי גוט די הימלישע ענינים ווי די גיהנומדיקע.

זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ בקיאות וועגן דער פינצטערער זייט פון יענער־וועלט, וואָס זעלטן ווער אין באַטשאַני האָט זיך געקאָנט מיט איר גלייכן. זי האָט געגוי געקענט די געאָגראַפיע פון גיהנום, ווי אירע אייגענע צען פינגער: די גרויסע פייניקונג־אַרענעס מיט כל־המינים פייערן און קאָכעדיקע קעסלען, מיט דער קאָמפּליצירטער מאַשינעריע וואָס האָט געדינט צום שאָבן, צום שינדן, צום בייסן און רייסן. און זי האָט געקענט די פינצטערע, פאַרוויקלטע קאָרידאָרן און קאַנאַלן דורך וועלכע אַלע קאַלירן פון קאָכעדיקער סמאָלע האָבן זיך געשוימט מיט בלאָטערדיקע, בלינד־מאַכנדיקע שוימען און זיינען געפּלאָסן מיט אַ קאָפּשווינדלדיקער שנעלקייט, טראָגנדיק אין זיך כל־המינים לאַכנדיקע עקדישן און צישענדיקע שלאַנגען וואָס האָבן גערעדט אַ מענטשלעך לשון און זיך דערצײילט וויצן, בעת זיי האָבן מיט זייערע לייבער ווי מיט רינגען צוזאַמענגעקוועטשט זייערע קרבנות.

שׂרה־לאהלע האָט געוווּסט געגוי צו באַשרייבן דעם פּאַלאַץ, געבויט פון מענטשלעכע שאַרבנס ווי פון ציגל, ווו סמאל, דער טייוול, וועלכער איז אויך געווען דער מלאך־המוות, האָט געלעבט מיט זיין ווייב לילית, וועלכע האָט נישט נאָר געכישופט מאַנספּאַרשוינען, נאָר האָט אויך געהרגעט קינדער, אָנגעפּאַלן אויף טראָגעדיקע ווייבער און אַרויסגעכאַפּט עופעלעך פון די וויגן. — און פונקט ווי זי האָט געקאָנט באַשרייבן סמאלן, דעם שטן־המשחית, האָט זי אויך געוווּסט צו באַשרייבן די לאַפּיטוטלעך, די מחבלים, די הייצערס פון די העלישע פייערן און די גאַנצע אַרמיי פון שדים און מזיקים. ביי איר זיינען דאָס נישט געווען סתּם רוחות, נאָר רוחות פון בלוט און פלייש, מיט געגויע שטריכן און ממשותדיקער קליידונג. מען האָט זיי בפועל־ממש געקאָנט באַגעגענען, מען זאָל אָפּגעהיט ווערן, און זיך אויסטענהן מיט זיי אין די פינצטערע געסלעך פון באַטשאַני, בפרט אין אַ מיטוואָך, צי אין אַ שבת ביי נאַכט.

שׂרה־לאהלע האָט אויך געוווּסט אַלע פּרטים פון געטלעכן שטראָף־קאָדעקס און האָט אָן אַ רגע וואַקלעניש געקאָנט פּסקענען וואָס פאַר אַ שטראָף עס קומט

אויף יענער־וועלט יעדן ייִדן, צי ייִדענע, פּאַר אַזאַ צי אַן אַנדער זינד. דערמיט האָט זי נישט נאָר געמאַכט גליוורען דאָס בלוט ביי די שוואַך־האַרציקע ווייבער, נאָר אויך ביי די מיושבדיקע מאַנספּאַרשוינען, וועלכע האָבן זיך צו איר צוגע־הערט אין איר קיך — וואָס צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַזעלכע „צעלייגערס" ווי פישעלע קצב מיט זיין חברה יאַטקעיונגען און די אמתע גיבורים: די בעלי־עגלות.

לויט שרה־לאהלען זיינען די בושלען אויף די דעכער פון באָטשאַני נישט געווען קיין בושלען סתם, נאָר „שלוחים פון אויבן", אַראָפּגעשיקט אונטער־צוהערן נישט נאָר וואָס אין די הייזער טוט זיך, נאָר אויך וואָס עס טוט זיך אין דער נשמה פון יעדן בשר־ודם, ייִד, צי גוי להבדיל. נאָר ביי די גויים, האָט שרה־לאהלע דערקלערט, האָט דער רבונו־של־עולם געלאָזט שטיין די בושלען אויף די דעכער גיכער „דלאַ פּוצו", סתם יוצא צו זיין, כּדי די גויים זאָלן נישט אייפערזיכטיק ווערן אויף די ייִדן פאַר זייער אויסדערוויילטקייט — און די גויים זאָלן דערפאַר פיניקן די ייִדן „מיט רחמנות". שרה־לאהלע האָט געוווּסט צו דערציילן, אַז אין דער גאַנצער מדינה פון צאַר ניקאָליי איז נישט געווען נאָך אַזאַ שטעטל ווי באָטשאַני — ווו באָטשאַנעס זיינען איינגעשטאַנען אויף יעדער פעליקן דאַך. דאָס האָט ביי שרה־לאהלען באַטייט אַ גאַר וואַזשנע זאַך. נעמלעך, אַז באָטשאַני איז ביים רבונו־של־עולם נתעלה געווען צו ווערן דאָס אייבערשטע פון שטייסל נומער צוויי — גלייך נאָך דער הייליקער שטאָט ירושלים. און אַט דער גוואַלדיקער זכות האָט די ייִדן פון באָטשאַני צו עפּעס מחייב געווען. זיי האָבן געדאַרפט זיין פרומער און מער אָפּגעהיט אין דינים ווי די ייִדן פון יעדער אַנדערער שטאָט.

דאָס האָט זיך געלייגט אויפן שכל. האָט דען נישט באָטשאַני געדאַרפט זיין די ערשטע שטאָט אין גלות ווו משיח בן־דוד וועט אַריינרייטן אויפן ווייסן אייזעלע? האָט מען דאָס נישט געפילט בפירוש, ממשותדיק, ווען מען האָט גע־דאַוונט אין דער פּראַקטיקער באָטשאַנישער שול, וואָס האָט קוים געהאַט אירס גלייכן אין שיינקייט אין דעם גאַנצן מלכות־גלות?

און שרה־לאהלע האָט געוווּסט גענוי איבערצוגעבן די מסורה ווי אַזוי דאָס אַנקומען פון מלך־המשיח האָט געדאַרפט פּאַרקומען. זי האָט גענוי געוווּסט די פּרטים פון משיחס קליידונג: אַ פּשוטער ווייסער כאַלאַט, אַרומגעזיימט מיט גאָלד. דעם ווּקס זיינעם: נישט צו הויך און נישט צו נידעריק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ שיינעם ייִדן. דער קאָליר פון זיינע אויגן: בלוי, אָבער נישט אַזאַ בלוי ווי ביי די גויים, חלילה, נאָר גאָר אַן אַנדער מין, אַ הימלישער תכלת וואָס אַזאַ האָט מען נאָך קיין מאָל נישט געזען ביי אַ בן־אדם. די לענג פון זיין באָרד און פּאות: כּמעט אַזאַ ווי ביי ר' סענדערלען דעם מקובל און אַזאַ מין קאָליר אויך מער ווייניקער, נאָר זילבערדיקער נאָך, און מיט אַ ליכטיקן גאָלדענעם אָפּשיין.

און די האָר גופא: דינער פון שפּינוועב, ווייכער ווי זייד, יעדער האָר אַדורכ־געזאַפּט מיטן ריח פון גן־עדנדיקע בשמים. אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין משיחס גאַנצן פּנים צוזאַמענגענומען, האָט גאָר קיינער אַזאַ פּנים אין זיין לעבן נישט געזען: אַזאַ הדרת־פּנים, אַזאַ גוטסקייט, אַזאַ לייכטנדיקע קלוגע געטריישאַפט, אַז יעדער איינער וואָס וועט אים אָנקוקן, וועט ווערן איבערגע־נומען סיי מיט הייליקער פּאַרכט, סיי ער וועט זיך פילן ווי משיחס נאָענטסטער נשמה־ברודער. בלויז איין בליק זיינער וועט אויסהיילן אַלע ווונדן און די שכינה וועט רוען אויף יעדן איינעם וואָס וועט האָבן די זכיה צו דערלעבן דעם טאָג פון זיין אָנקומען.

און אַז שרה־לאהלע האָט זיך פאַרנומען צו באַשרייבן משיחס־צייטן, האָט זיך נישט געפונען קיין איין טרוקן אויג צווישן דעם עולם צוהערערס, בעת די הערצער האָבן ווי פייגעלעך געטרילעט פון בענקעניש. מען האָט באַוועגט מיט די ליפּן ווי מען וואָלט געקושט יעדער וואָרט וואָס איז אַרויס פון שרה־לאהלעס מויל. און דעמאָלט האָט זי גערעדט בנעימותדיק, נישט געשלונגען, ווי זי וואָלט יעדער וואָרט צייט געגעבן אויפצובליען אין יעדנס דמיון ווי אַ רויז.

„דעמאָלט...״ האָט זי לייכט אונטערגעזונגען, „׳עלן ערד און הימל ווערן איינס און דער גן־עדן ט׳זיך ציען פון איין עק פון גאָטס וועלט ביז צום אַנדערן. און איין מענטש ׳עט גאַרנישט דאַרפן רעדן צום אַנדערן, ווייל מען ׳עט זיך זיין אַזוי נאָענט, אַז מען ׳עט הערן איינער דעם אַנדערנס מחשבות; און מען ט׳זיך, אַפילו נישט דאַרפן גריסן ׳גוט־מאָרגן, גוט־יאָר׳, ווייל ס׳עט שטענדיק זיין אַ גוטער מאָרגן און אַ גוט יאָר״. און אַז מען האָט דעמאָלט אָנגעקוקט שרה־לאהלען, האָט מען געזען ווי איר תמיד איינגעפאַלן, פאַרמעטן פּנים הייבט אָן צו לייכטן, ווי די שכינה וואָלט שוין גערוט דערויף. אירע אויגן זיינען געווען גרויס און פול ווי צוויי בעכערס פולע מיט אַ זיסן וויין, און יעדן איינעמס בענקעניש און יעדן איינעמס בטחון האָט זיך געשפּיגלט אין זיי. און זי האָט אויסגעזען דערהויבן ווי אַ נביאה און שיין ווי אַ מלכּה.

דעמאָלט האָבן שרה־לאהלעס אויגן געקאַנט אויך אומגעריכט יונג און שטי־פעריש אויפבליצן און זי האָט לייכטהאַרציק אויפגעקלערט אירע צוהערערינס:

„מ׳זאָגט אונדז, ווייבער, אַז אונדז ׳עט מען זיין פוסנבענקעלעך ביי אונ־דזערע מענער אין לאַכטיקן גן־עדן. מיינט עס דען טאַקע ממש פוסנבענקעלעך? וואָס איז מען דען קינדער, צו קלערן, אַז אין גן־עדן ׳עלן די מאַנספּאַרשוינען אויסזען ווי ז׳זעען היינט נעבעך אויס, און אַז ז׳עלן אויף די פיס טראָגן שטי־וואלעס, צי אַפילו קאַמאַשן, צי אַפילו לאַטשן, רחמנא־לצלן? חלילה־וחס! ווער ׳עט דאָס האָבן די חוצפה אַרומצוגיין מיט שיך איבערן לאַכטיקן גן־עדן? ס׳איז דאָך אַ פּחיתת־הכּבוד. ווי דען ׳עט מען אַרומגיין, באָרוועס? אַוודאי און אַוודאי נישט! זאָלן אַלע אונדזערע שונאים אַרומגיין באָרוועס. די זאַך איז, אַז מ׳עט

בכלל נישט אַרומגיין. מ׳עט אַרומשוועבן. מ׳עט זיין לייכט ווי אַ פעדער, לייכט ווי באַביע־לאַטאַ ׳עט מען זיין. טאַ וואָס פאַר אַ פוסנבענקעלע קאָן שוין עמעץ וואָס איז לייכט ווי אַ פעדער, מישטיינס געזאָגט, ברויכן? דערפאַר זאָג עך ענק, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ משל, כדי מען־זאָל־מער לייכטער פאַרשטיין ווי גוט עס ׳עט אונדז זיין לעבן אונדזערע מענער איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר. בעסער ווי די בעסטע וואַרעם־פלעשער, ׳עלן זייערע פוכענע פיס אונדז וואַרעמען די קושיזשעס, אַז ז׳זאָלן אונדז מער קיין מאָל נישט וויי טאָן. און פונקט ווי אַ מענטש קריגט זיך נישט מיט זיין פוסנבענקעלע, אַזוי ׳עלן אונדזערע מענער זיך קיין מאָל נישט קריגן מיט אונדז״.

איז טאַקע נישט קיין וווּנדער וואָס יאַסעלע האָט צו גלייך מיט די שכנות פון געסל געטראַכט, אַז מיטן אָפּגעבן די מיזינקע זיינע, בינהלען, צו שרה־לאהלען אויף דינסט, וועט ער ממש עפענען די טויערן פון גן־עדן פאַר איר. ווייל אַזוי, האָבן נישט יאַסעלע און נישט די שכנות געהאַט דאָס מינדסטע ברעקל נחת פון איר.

און ס׳וואָלט טאַקע אַלץ געווען גוט און פיין, און בינהלע וואָלט נישט נאָר אויפגעהערט צו לייגן שטיינער אויף איר טאַטנס האַרץ, נאָר זי וואָלט אים אפשר גאָר אויפגעריכט, ווי מען ריכט אויף אַ חורבה. אָבער ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? פאַרשטייט זיך, נאָר דעמאָלט ווען זי וואָלט עפּעס געלערנט פון שרה־לאהלען און פון אירע באַלערנדיקע מעשיות.

בינהלע האָט גיך גערן באַקומען שרה־לאהלען און אירע מעשיות. זי האָט געקאָנט זיצן לעבן איר און הערן און הערן און קיין מאָל נישט מיד ווערן. אויב עס האָט איר עפּעס אַ מאָל יאָ געשטערט, זיינען דאָס גראָד געווען די אַנדערע ווייבער, די צוהערערינס. ווי נאָר זיי האָבן זיך אַרומגעזעצט אין ווינקעלע לעבן פּיעקעליק, האָט שרה־לאהלעס „מאַראַלישער״ טאָן, וועלכער האָט זיי סיי היפּנאָטיזירט, סיי פאַראַליזירט מיט זיין ריטמישן שטייגן און פאַלן, גורם געווען, אַז אָדער זיי זאָלן בלייבן זיצן שטייף, מיט די משונהדיקסטע אויסדרוקן אויף די פּנימער, אָדער זיי זאָלן זיך אַלע אָנהייבן וויגן אַהין און אַהער.

דאָס האָט אויף בינהלען אויך געווירקט אויף צוויי אופנים: אָדער קיצלדיק, אָדער איינשלעפערנדיק. אָדער זי האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט איינדרימלען — און חלילה פאַרלירן די גוטע שטעלע ווו זי האָט צוויי מאָל אַ וואָך באַקומען אַ טעלערל קישקע מיט מילך, ווייל פון יעדן קאַלב וואָס דער שוחט האָט געשאָכטן, האָט ער, ווי דער מינהג איז געווען, אַראָפּגענומען פאַר זיך די גראָבע קישקע און די מילך. אָדער זי האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט אַרויספּלאַצן מיט אַ געלעכ־טער און זי וועט אוודאי זיין אַ פאַרלוירענע.

דעמאָלט האָט בינהלע, אַנשטאָט זיך צוצוהערן, געמוזט פאַרווענדן די גאַנצע

אויפמערקזאַמקייט — אָדער אויף צו האַלטן דאָס מויל פאַרשנורט כדי צוריק־צוהאַלטן דאָס געלעכטער, אָדער צו האַלטן די אויגן אויפגעריסן, כדי צוריקצו־האַלטן דעם שלאָף. נאָר דאָנערשטיק און פרייטיק האָט זי זיך לייכט אָן עצה געגעבן מיט דער פּראָבלעם. טאָמער האָט איינע פון די צוויי מעגלעכקייטן גע־האַלטן ביים געשען דאָנערשטיק צי פרייטיק, האָט בינהלע זיך אויסגעדרייט צום פענצטער און זיך צוגעקוקט ווי דער שוחט אַרבעט דרויסן מיטן חלף, אין קעמערל אויפן הויף. דעמאָלט איז איר גלייך פאַרגאַנגען סיי דער שלאָף, סיי דאָס גע־לעכטער און שרה־לאהלעס מעשׂיות האָבן ערשט געהאַט דעם אמתן טעם.

בפרט פרייטיק איז שרה־לאהלע איבערגעשטיגן זיך אַליין. גראָד פרייטיק אין מיטן טאָג, ווען דאָס פאַרהאַוועטע שטעטל האָט זיך געגרייט אויפצונעמען דעם הייליקן שבת, און ווען די ווייבער האָבן קיין אויגנבליק צייט נישט געהאַט און האָבן זיך אויף דער גיך אַריינגעכאַפּט צום שוחט מיט די עופות וואָס זיי האָבן גלייך געדאַרפט צושטעלן צום קאָכן — גראָד דעמאָלט האָט זיך שרה־לאהלען צום בעסטן גערעדט, און די ווייבער, מיט די געשאָכטענע עופות אין די קוישן לעבן זייערע פיס — פאַריאָגט ווי זיי זיינען געווען — האָט זיך גראָד דעמאָלט צום בעסטן געהערט.

פרייטיק האָבן זיך שרה־לאהלעס רייד גלענצנדיק צונויפגעשפּילט מיט די יום־הדין־קולות פון די עופות; קולות וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אין דער כאַלופּע פון דרויסן, פון קעמערל, וווּ דער שוחט האָט געטאָן זיין אַרבעט: אַ געקוואַקע, געקוויטשעט, אַ גוססדיק קרייען און כאָרכלען פון די געקוילעטע און נאָך לעבעדיק־צאַפּלדיקע הינער, געגנדז, קאַטשקעס און אינדיקעס פון די רייכע הייזער. אַ פליגל־פלאַטער. אַ שטרעקן זיך. אַ ציטערן.

בינהלע האָט צוגעקוקט ווי דער שוחט פאַרעט זיך ביי די חלפים וואָס ער נעמט אַרויס פון די הילצערנע שיידלעך, ווי ער קוקט זיי איבער ביים שיין פון נאַפטלאָמפּ וואָס האָט דרינען, אין קעמערל, תמיד געברענט ווען דער שוחט האָט געטאָן זיין אַרבעט. זי האָט צוגעקוקט ווי ער שלייפט די חלפים אויף אַ גרויסן שטיין. אָפט זיינען דרויסן צוזאַמען מיט אים געווען די קצבים־יונגען, בלאַנקענדיקע מעסערס פאַרשטעקט אין די שטריקגאַרטלען, וואָס אַרום זייערע ווייסע, מיט בלוט־פאַרפלעקטע שירצן. דער שוחט האָט זיך צוגעהערט צו זיינע חלפים, צי ס'איז נישטאָ קיין פּגם און ער האָט געקוילעט די קעלבער, די געגנדז, די הינער. די קצבים־יונגען האָבן געשונדן די הויט. דערלעבן איז געשטאַנען אַ גרויסע באַליע אַ פולע מיט בלוט.

דער שוחט האָט געהאַט אַ שיינע געקרייזלטע באָרד און פּאות, ברוינלעכע, אָבער מיט אַ סך רויטע האָר אין זיי. ער איז געווען אַ הויכער און פעסטער ווי די קצבים־יונגען. דאָך, אין שטוב, האָט ער זיך לגמרי פאַרלוירן אין שרה־לאהלעס שאָטן און בינהלע האָט זיך אָפט געוווּנדערט ווי אַזאַ שטאַרקער ייִד

האָט געקאָנט האָבן אַזאַ שוואַך קול. אין שטוב האָט מען אים קוים געהערט, קוים געזען.

נאָר דרויסן, ווען ער איז געשטאַנען און געשאָכטן, און שרה־לאהלע האָט, אינעווייניק, גראָד געמאָלן דעם אויסזען פון מלאך־המוות, האָט זיך אין בינהלעס דמיון צונויפגעגאָסן דאָס בילד, וואָס שרה־לאהלע האָט געמאָלן, מיט דעם בילד וואָס זי, בינהלע, האָט געהאַט פאַר די אויגן. דער שוחט איז איר אויסגעקומען צו זיין דער מעכטיקער רויט־באָרדיקער שטן־המשחית. ווען זי האָט אויפגעכאַפּט דעם בליאַסק פון שאַרפן חלף־קלינגל, דערזען דעם געשטרעקטן האַלדז פון עוף, האָט דאָס האַרץ זיך ביי איר אָ פאַרצי געטאָן מיט אַן אייזיקן פראָסט. ווען דער שוחט האָט אַ זעג געטאָן איבערן גאָרגל און דער שפּריץ פון בלוט האָט אַ פליוכע געטאָן אויף אים, האָט זיך איר דער אָטעם פאַרהאַקט. אָבער אַנשטאָט אָפּצוקערן דעם קאָפּ, האָט זי מיט ברייט־פונאַנדערגעריסענע אויגן געשטאַרט אויף די צאַפּלדיקע בלוטנדיקע פייגל וואָס האָבן געקערט די ערד מיט צעשפּרייטע, קרומע פליגל.

דעמאָלט האָט שרה־לאהלעס מאָוימדיק־„מאַראַליש" קול אויסגעזען צו קומען פון דרויסן, נישט פון אינעווייניק, פון דער איזבע. ס'איז געווען דאָס קול פון אַ קאַלב, פון אַן עוף, וואָס האָט געוואַרט אויף זיין ריי — צום חלף. דאָס גיהנום איז געווען נאָענט, אָט די האַנט אויסצושטרעקן.

בינהלע האָט זיך געוווּנדערט אויף זיך. ווען זי איז געווען ייִנגער און האָט געפּלעגט ברענגען אַ הינדל צום שוחט, האָט זי געפּלעגט צוקוקן און עס האָט זי קוים געאַרט. אַ הינדל איז געווען געשמאַק, דאָס בעסטע מאכל. אָבער זינט זי האָט זיך גענומען צוהערן צו שרה־לאהלעס מעשׂיות, און זינט זי האָט זיך גוט פאַרהיימישט אין דער יאַנקאָוועס כאַלופּע, ווו זי האָט אָפּט געקאָרמעט די עופות, די קעץ און הינט, איז געגאַנגען מיט יאַדווישען פּאַשען די קו, צוגעקוקט ווי אַ קעלבל איז געקומען אויף דער וועלט — זיינען די חיות ווי לעבעדיק געוואָרן פאַר איר, מער נאָך ווי לעבעדיק — מענטשלעך זיינען זיי געוואָרן, מיטן אויסזען, מיטן אופן פון גיין, אַפילו מיט די שטימונגען. אַ הינדל איז נאָך אַלץ געווען מחיהדיק־באַטעמט צו עסן, און דאָך... — ווען זי האָט צוגעקוקט ווי דער שוחט אַרבעט דרויסן, האָט זי כּסדר געמוזט שלינגען... שלינגען, כּדי זיך צו פאַרזיכערן, אַז איר האַלדז איז נאָך גאַנץ.

אַז זי האָט נאָך דרויסן באַמערקט אָבעלען דעם שטאָטנאַר, וועלכער האָט זיך נישט געלאָזט אָוועקטרייבן, אַזוי שטאַרק האָט ער ליב געהאַט צוצוקוקן ווי דער שוחט שעכט, האָט דאָס פרעסטל אַרום האַרץ זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע אירע גלידער. דער צעשמייכלטער אָבעלע האָט געשטשירעט די ציין, און יעדער מאָל וואָס דער שוחט האָט אַ זעג געטאָן מיטן חלף איבער אַ האַלדז, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ פּישטש און פאַרקוועטשט די אויגן.

„כ'האָב נישט מורא... כ'האָב גאָרנישט מורא..." האָט בינהלע זיך אין האַרצן פאַרזיכערט. און באמת, די אימה איז איינגעזונקען ערגעץ טיף אין איר און וואָס זי האָט מער פון אַלץ געפילט איז געווען אַ מין גרויליקן, הונגעריקן נייגער.

בעת־מעשׂה האָט שׂרה־לאהלע הינטער איר רוקן, אין באַגלייט פון די טענער וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דרויסן, מיט דראַמאַטישע פּרטים באַשריבן דעם יום־הדין — און זי האָט אויפן אָרט איבערגעהאַקט דעם גאַרגל פון אַלע מעגלעכע זינדיקע מחשבות וואָס האָבן אַרומגעפלאַטערט אין די קעפּ פון די זינדיקע נשים, אירע צוהערערינס. און אַפילו אַז זי איז אַריבערגעגאַנגען צו פאַרענדיקן איר דרשה מיט האָפערדיקע רייד וועגן גן־עדן און ביאת־המשיח, זיינען די בילדער פון שלום און שלווה, אויפן הינטערגרונט פון די קולות וואָס זיינען געקומען פון דרויסן, אַרויסגעקומען נאָך בולטער, נאָך לאַקנדיקער. האָט מען זיך טאַקע גאַנץ גוט אויסגעוויינט און אַהיימגעגאַנגען מיט אַ לייכט האַרץ גרייטן דעם שבת. צו האָבן אַ לייכט האַרץ אום שבת איז פאַר אַ באַטשאַנישער אשה געווען וויכטיקער אַפילו ווי האָבן אַ שטיקל פלייש אַריינצולייגן אין טשאָלנט.

צום ליבסטן האָט בינהלע געהאַט ווען שׂרה־לאהלע האָט זיך גענומען צו באַשרייבן דאָס לעבן פון אשמדאי און לילית, נישט פון דעם קוקווינקל פון זייערע קרבנות, נאָר פון זייער אייגענעם קוקווינקל. בכלל האָבן די שדים אויס־געזען צו זיין אַ פריילעכע חברותא. שׂרה־לאהלע האָט געזאָגט, אַז די שדים האָבן אויסגעזען פונקט ווי מענטשן, אַז זיי האָבן חתונה געהאַט און האָבן געהאַט קינדער פונקט ווי מענטשן. האָט בינהלע אָפט געטראַכט, אַז עס וואָלט אינטערע־סאַנט געווען זיך צו שפּילן אַ ביסל מיט די שדימשע קינדער. לילית איז בינהלען גאָר געפעלן געוואָרן. זי, בינהלע, האָט געטראַכט, אַז אויב שדים האָבן געקאָנט זיין פונקט ווי מענטשן, האָבן דאָך מענטשן געקאָנט זיין פונקט ווי שדים. און זי האָט געוואָלט זיין פונקט ווי לילית. לילית איז געווען די שענסטע און שטאַרקסטע ייִדענע אין דער וועלט. אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט, האָט זי געהאַט, און קיינער האָט נישט געהאַט די חוצפּה איר עפּעס צו זאָגן.

שׂרה־לאהלע האָט דערציילט, אַז ווען זי איז אַ מאָל אַריינגעגאַנגען צום מקובל ר' סענדערלען, אַז ער זאָל איר אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע און איר געבן אַ סגולה צו דער קלינגעניש וואָס זי האָט געהאַט אין לינקן אויער, האָט זי זיך פונאַנדערגערעדט מיט אים וועגן ענינים פון גן־עדן און גיהנום. און ר' סענדערל האָט איר דערציילט, אַז לילית איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער נאָר אָדם־הראשונס ערשט ווייב. און באַשאַפן האָט זי דער רבונו־של־עולם, נישט פון אָדמס ריפּ, נאָר פונקט אויפן זעלביקן אופן ווי ער האָט באַשאַפן אָדמען — פון דער ערד, נאָר פון אַ ביליקן גאַטונעק ערד. דערפאַר האָט טאַקע לילית צו פיל פאַרריסן די נאָז און האָט זיך געהאַלטן פאַר פונקט אַזאַ דעה־זאָגערין איבערן גן־עדן ווי אָדם. און אַז דער רבונו־של־עולם האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס וועט

צו קיין גוטס נישט ברענגען, און אַז דער שלום־בית צווישן מאַן און ווייב הענגט אויף אַ האָר, האָט ער זי, ליליתן, משלח געווען, און ער האָט באַשאַפן חווהן. חווה איז דעם רבונו־של־עולם אויך נישט זייער געראָטן. זי איז אויך געווען אַ ווייבעלע מיט אַן אויערינגל און זי האָט צוגערעדט אָדמען צו עסן דעם עפּל. און טאַקע — פאַר די זינד פון די דאָזיקע צוויי ערשטע ווייבער — האָט שרה־לאהלע ביי דער געלעגנהייט געמאַכט אַ מאָראַלישן אויספיר — האָבן ייִדענעס געצאָלט מיט יסורים ביז צום היינטיקן טאָג, און די מאַנצבילן האָבן נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין צוטרוי צו זיי. דערפאַר האָבן טאַקע ווייבער געמוזט זיין אָפּגע־היטן אין זייערע פירעכצער, זיין ערלעך און פרום, און מסירת־נפשדיק.

„עס מען דאָך פרעגן...״ איז שרה־לאהלע אָנגעגאַנגען מיט אירע אויספירן. „צו וואָס האָט עס געלוינט דעם רבונו־של־עולם צו באַשאַפן אַזעלכע צוויי מציאות ווי לילית און חווה? ר׳האָט דאָך געקאָנט באַשאַפן איין לייטישע אשת־חיל, אַז מ׳זאָל זיך קאָנען אַראָפּנעמען אַ מוסטער פון איר? איז דער ענטפער אַ פּשוטער. ער האָט געוואָלט מיט די ערשטע ווייבער אויספרווון אָדמען, אויס־פּרווון יעדן מאַנספאַרשוין. דערפאַר זענען מיר אונדז ווייבער אַזוי וויכטיק. ווייל לויט דעם וואָסאַראַ ווייב אַ ייִד האָט, קאָן מען זען וואָסאַראַ מין ייִד ער איז. יאָ, אונדז קענען מיר אונדזערע מענער אָדער צעדרייען, אָדער באַנייען, אָדער דערהייבן, אָדער דערנידעריקן״.

אָט דעם טייל, דעם באמת באַלערנדיקן, פון שרה־לאהלעס דרשות האָט בינהלע גראָד נישט געהערט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס שרה־לאהלע איז מיט אירע רייד אויסן געווען. דערצו נאָך האָבן די ווייבער זיך שטאַרק איבערגענומען מיט אַזעלכע רייד מצד שרה־לאהלען, און זיי האָבן זיך אָנגע־הויבן שטאַרק צו שאָקלען, צו זיפצן און זופן מיט די לעפצן, פאַרכטיק אויסשפּייען דריי מאָל און נאָך אַ מאָל דריי מאָל. איז בינהלע דעמאָלט אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב, מיטן פּנים פאַרנורעט אין די הענט — וואָס די ווייבער האָבן אָנגענומען פאַר אַן אויסדרוק פון איר גוואַלדיקער פאַרשטענדעניש פאַר שרה־לאהלעס רייד. זי איז אַריין אין בית־הכסא און נאָך אַלץ מיט די הענט אויפן מויל, מען זאָל זי נישט הערן אין דרויסן — אַרויסגעפּלאַצט מיטן לאַנג־געצוימטן געלעכטער.

אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט די מחשבות וועגן לילית, וועלכע איז געווען די איינציקע פון וועמען עס האָט זיך, ווערדליק איר, געלוינט אַראָפּצונעמען אַ מוסטער. איין מניעה האָט זי נאָר געזען אויף איר וועג צו ווערן אַ לילית. לילית איז געווען אַ „בילד־שיינקייט״ און זי, בינהלע, איז געווען אַ „מאַרזעפּע״.

מיט איין וואָרט: בינהלע האָט געמאַכט פאַלשע אויספירן פון שרה־לאהלעס באַלערנדיקע מעשיות.

3

אָבער די שולד וואָס בינהלע איז נישט געוואָרן קיין לייט ביי שרה־לאהלען, איז געווען נישט בלויז אירע — נאָר אויך שרה־לאהלעס. אמת, אין בינהלעס נאַטור איז געווען עפּעס וואָס האָט זי נישט געלאָזט באַנעמען ווי ס׳געהער צו זיין דעם גאַנצן ענין פון עבירות און זינדיקייט. זי האָט למשל זיך אויסגעלערנט מיט אַ שטרויעלע, אַ באַשמירטס מיט האָניק, אַרויסצוגנבענען פּרוטות פון די פּושקעס וואָס זיינען געהאַנגען אויף דער וואַנט אין דער שוחטקעס קיך: פאַר ר׳ מאיר בעל־נס, צי מלבוש־ערומים, צי תלמוד־תורה. ווען נאָר זי האָט אין זיך נישט געקאָנט גובר זיין דעם חשק צו קויפן זיך אַן אייער־קיכל אויפן פּאָטשעיאָוו, האָט זי זיך אויף דעם אופן אַרויסגעהאָלפן און האָט זיך אָסור געפילט זינדיק. פאַר וואָס האָבן אַנדערע קינדער געמעגט זיך קויפן אייער־קיכלעך, און זי נישט?

פון דער אַנדערער זייט אָבער, האָט שרה־לאהלע אויך געהאַט אירע שוואַכע פּונקטן. זי איז טאַקע געווען גוט צו בינהלען, קיין מאָל נישט אין כּעס געוואָרן אויף איר און זי קיין מאָל נישט אַנגערירט. אַז זיי זיינען ביידע געווען אַליין אין שטוב, האָט שרה־לאהלע גערעדט צו בינהלען, דערציילט איר, מיט אַ פאַרטראַ־גענעם בליק אין די גרויסע שוואַרצע אויגן, וועגן דעם אַלעם וואָס זי האָט געזען אין איר דמיון, עלעהיי בינהלע וואָלט געווען אַן עולם צוהערערינס. — די צרה איז נאָר געווען וואָס שרה־לאהלע האָט געהאַט אַן ערשטקלאַסיקע ראיה פאַר אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין איר דמיון, און אַ זייער שלעכטע ראיה פאַר דעם וואָס האָט זיך געפונען אונטער איר נאָז. האָט זי בינהלען טאַקע געזען — אָבער נישט באַמערקט. און האָט זי בינהלען יאָ באַמערקט, האָט זי געהאַט בילכערע ענינים צו האָבן אין זינען, ווי צו גערענקען פאַר וואָס זי האָט דאָס מיידל אַריינגענומען אין שטוב מיט אַ צייט צוריק. אָט האָט עס זיך אַרומ־געדרייט, געקערט די פּאָדלאָגע, געוואַשן כּלים, דערלאַנגט אַ גלאָז ציקאָריע־קאַווע און זי האָט זיך נייגעריק איינגעהערט ווען מען האָט גערעדט צו איר. און שרה־לאהלע איז געווינט געווען, אַז מען זאָל זיך פאַרנעמען מיט איר, זי באַדינען און זיך איינהערן צו אירע רייד. זי האָט געוווּסט, אַז אירע געראָטענע טעכטער וועלן זיך שוין פאַר אַלץ זאָרגן. זיי זיינען דאָך געווען אַ מוסטער פאַר אַנדערע. ווען זי, שרה־לאהלע, וואָלט נישט געווען אַזוי הצלחהדיק מיטן דער־ציען אירע קינדער, וואָלטן דען די ווייבער פון באָטשאַני געהאַט אַזאַ צוטרוי צו איר?

און באמת האָבן טאַקע שרה־לאהלעס טעכטער געזאָרגט פאַר טאַטע־מאַמע מיט אַ סך ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש. דאָס האָבן זיי געלערנט בינהלען ווי אַזוי צו טאָן און וואָס צו טאָן אין שטוב און ווי אַזוי צו באַדינען זייערע עלטערן.

אָבער אַזוי ווי קיין סך צייט צו באַלאַמוטשען ביי טאַטע־מאַמע אין שטוב האָבן זיי נישט געהאַט, האָט בינהלע געטאָן וואָס און ווען זי האָט געוואָלט. און אַזוי ווי דער פּרילינג איז געווען אויפן וועג — האָט זיך איר אַ סך טאָן נישט געגלוסט.

דערנאָך האָט זיך אונטערגערוקט דאָס אומגליק מיט דער שוחטקע שׂרה־לאהלעס יינגערער טאָכטער, מיט פּערעלען, און בינהלע האָט פאַרלוירן אַלע שאַנסן צו ווערן אַ לייט.

פּערעלע איז געווען דאָס אַפּל פון אויג ביי אירע טאַטע־מאַמע. זי איז געווען נישט סתּם אַ גוטע יידישע טאָכטער, נאָר ממש אַ צדקת. זי איז געווען ווי אַ שׂרה־בת־טובים נישט בלויז צו אירע טאַטע־מאַמע, נאָר צו יעדן איינעם מענטשן, בפרט צו קימפּעטאָרינס. זי האָט זיי באַזאָרגט מיט ריינע ליילעכער, געקאָכט פאַר זיי ייַכעלעך, געזאַמלט שמאַטעס אויף ווינדלעך. און פּערעלע, וועלכע איז געווען אויסן אויג געראָטן אין איר מאַמען, געווען אַן אויסגעבלייכטע, מיט איינגעפאַלענע באַקן און גרויסע שוואַרצע אויגן, מיט שטאַרק דיקע שוואַרצע ברעמען, אַ דינער אײדעלער נאָז און אַ פאַרחלומטן אויסדרוק אויפן פּנים — האָט טאַקע אַריינגעכאַפּט אַ מאַן וואָס איז איר געקומען: אַ בחור פון שטעטל כוואָסטי, אַ ירא־שמים, אַ למדן מופלג, און דערביי אַ זײַדענע נשמה, עניוותדיק, שעמעוו־דיק, קיין פליג פון דער וואַנט וואָלט ער נישט געהאַט די העזה אַוועקצוטרייבן. און דאָס פּאָרל האָט טאַקע געלעבט ווי צוויי טויבן. משהלע, דער מאַן, איז יומם־ולילה געזעסן אין בית־מדרש און פּערעלע איז געזעסן אין איר שניטקרעמל אויפן פּאַטשעיאָוו און האָט געזויגן די קינדער, וואָס זיינען, לויטן באָטשאַנישן שטייגער, געקומען אויף דער וועלט רעגולער, איין מאָל אַ יאָר.

איינעם אַ פאַרטאָג, ווען בינהלע איז נאָך געשמאַק געשלאָפן אויפן שטרויזעקל אין דער פאָדערשטוב, האָט זיך דערהערט אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר. ווען בינהלע האָט אַ פאַרשלאָפענע געעפנט, איז פּערעלע, אין די נאַכטקליידער, מיט אַן אויס־געקרימטער קופּקע אויפן קאָפּ, אַ צעפלאָמטע און פאַרווײנטע, אַריינגעפאַלן אין קיך און גענומען לויפן צווישן אויוון און דעם פּאָמעשאַך, ווי אַ נישט־גוטע. זי האָט זיך געריבן דאָס פּנים, געבראָכן די פינגער, און געהאַלטן אין איין איבער־חזרן: „אוי, מאַמעשי...״

בינהלע האָט איר דערלאַנגט אַ שעפ וואַסער און פּערעלע האָט דעם טרונק אַראָפּגעלאָזט אין האַלדז מיט איין צי. זי האָט זיך פייכט געמאַכט דאָס פּנים מיט די לעצטע טראָפּנס וואַסער פון דער שעפּ, פאַרקנעפּלט דאָס באַרכנטענע העמד אונטערן האַלדז און איז אַריינגעפאַלן אין דער אַנדערער שטוב ווו שׂרה־לאהלע און דער שוחט זיינען געשלאָפן. אין אַ רגע אַרום זיינען מאַמע און טאָכטער געווען אין דער קיך.

שרה־לאהלע האָט געפּינטלט מיט די פאַרשלאָפענע אויגן, זיך געריבן דאָס פּנים און נישט־טויט, נישט־לעבעדיק געשטאַמלט: „וואָס... וואָס איז דיר צוגע־קומען, פערלשי־קרוין?"

„לעק מיר אויס די אויגן, שנעלער, מאַמע!" האָט פערעלע זיך אָנגעהאַלטן אַן שרה־לאהלען און צוגעטאָן דאָס פּנים צו איר מויל.

„נישט גוט ווערט מיר!" האָט שרה־לאהלע דריי מאָל אויסגעשפּיגן, איידער זי האָט אויסגעלעקט דער טאָכטערס אויגן זיבן מאָל. „אַן עין־הרע, הע? כ'זע דאָך שוין. אוי, מיין קינד נעבעך". זי האָט אַ ציִ געטאָן די טאָכטער פאַרן אָרבל און האָט זיך צוזאַמען מיט איר אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק לעבן טיש, ווייל די פיס האָבן זי נישט געטראָגן. זי האָט זיך פאַרצווייפלט צעשאָקלט מיטן איי־בערשטן טייל קערפּער און געפּליסטערט: „ווי איז מיר! אויף איינעם וואָס שטאַרבט, ווייל ער מוז שטאַרבן, שטאַרבן דאָך ניין און ניינציק צוליב אַן עין־הרע, ד'הערסט, אוצר מיינער? ניין און ניינציק, נישט גוט ווערט מיר".

ביידע טויט־בלייכע ווייבער זיינען זיך געפאַלן אין די אָרעמס, האָבן זיך צעסאָפּעט און קוים געקאָנט אַראָפּוויינען. בינהלע האָט זיי דערלאַנגט נאָך אַ שעפּ וואַסער. פערעלע האָט געזופּט דאָס וואַסער, געקרעכצט, איינגעטונקען די האַנט אין דער שעפּ און זיך געווישט דעם שטערן, דעם קאָפּ אונטערן טשעפּיק.

לסוף האָט זי אַרויסגעקרייעט: „יאָ, מאַמעשי־קרוין, כ'ווער פאַרלענדט, נעבעך..." זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז בינהלע זאָל אַרויס.

בינהלע איז צוריק אַריין אין פאָדערשטיבל. זי האָט בדעה געהאַט זיך צוריק־לייגן שלאָפן אויף איר שעניקל, ווייל זי איז נאָך געווען שטאַרק שלעפעריק. אָבער דער נייגער האָט זי נישט געלאָזט. האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פאָדלאָגע לעבן דער פאַרמאַכטער קיכטיר און צוגעלייגט אַ מאָל דאָס אויג, אַ מאָל דאָס אויער צום שליסללאָך.

„נו, ציִ מיר שוין נישט אַרויס די נשמה, טאָכטערשי", האָט בינהלע געהערט שרה־לאהלעס טרעריקע זיפצן. „כ'מוז דאָך וויסן וואָס די עין־הרע איז, מ'זאָל קענען אָנהייבן עפּעס צו טאָן, פערלשי־קרוין, ביטער איז מיר".

פערעלע האָט ספּאַזמירט: „איך 'על דאָס סיי ווי נישט איבערהאַלטן. איך עק מיך... ד'הערסט, מאַמעשי? כ'עק מיך!"

„טפו... טפו..." האָט שרה־לאהלע אויסגעשפּיגן. „בעסערע בשורות זאָלן מיר אָנגעזאָגט ווערן, מיין קינד. און גוואַלד און געשריגן", איז שרה־לאהלעס קול געוואָרן וואָס אַ מאָל מער פאַרייִאושט, „זאָג מיר שוין וואָס עס האָט פּאַסירט. אַ מענטש עקט זיך סוף־כל־סוף נישט אַזוי שנעל. ס'זענען היינט דאָ, ברוך־השם, ערשטקלאַסיקע מיטלען אָפּצושפּרעכן די ערגסטע עין־הרע... דער רבונו־של־עולם איז אַ גוטער טאַטע..."

„ניין, ר'איז נישט..." האָט פערעלע אַרויסגעפּלאַצט.

„וואָס הייסט ר'איז נישט?" שרה־לאהלע איז געוואָרן אויסער זיך. „שפּיי דריי מאָל אויס. ד'רעדסט דאָך עפּעס טאַקע גאָרנישט ווי מיינס אַ קינד, רבונו־של־עולם. ד'רעדסט דאָך ווי ד'וואָלסט געווען אַ באַזעסענע, מ'זאָל אָפּגעהיט ווערן..."

„כ'בין, מאַמעשי־קרוין, כ'בין!"

„הער שוין אויף, פּערלשי, כ'קאָן נישט הערן אַזעלכע רייד. ד'רעדסט דאָך ווי אַ רוח וואָלט אין דיר, רחמנא־לצלן, אַריין".

„ר'איז, מאַמעשי קרוין... ר'איז..."

„ווער איז? וואָס איז?"

„דער גלח, מאַמע־לעבן..."

„וואָסאָראַ גלח, די שוואַרציאַר? ד'רעדסט דאָך פון וועג, שלעכט ווערט מיר. אפשר האָסטע היץ?" זי האָט צוגעלייגט די האַנט צו פּערעלעס שטערן. „יאָ... ד'גליסט ווי אַ באַקאויוון".

פּערעלע האָט גענומען איר מוטערס האַנט אין אירער. „כ'גלי טאַקע, נאָר הלוואי וואָלט עך געוועדט פון וועג, מאַמעשי... הלוואי וואָלט עך אַראָפּ פון זינען נאָ פעסט, וואָלט עך נישט געשפּירט די געברענטע יסורים".

„וועלכע יסורים? ווייז מיר ווו ס'טוט דיר וויי".

„ס'גאַנצע לייב און לעבן טוט מיר וויי, מאַמעשי..." — דאָ האָט פּערעלע אַרויסגעפּלאַצט: „משהלע האָט מיך גערופן זונה היינט פאַר טאָג, האָט ער מיך", זי האָט אויף אַ רגע פאַרלוירן דעם אָטעם. „ער... ער'ט זיך מער נישט צורירן צו מיר, ט'ער געזאָגט... ער'ט מיך אָפּגטן, ט'ער געזאָגט".

„ס'קינד איז מיר פאַרביי!" האָט שרה־לאהלע פאַרבראָכן די הענט, אַז ס'האָט אַזש אַ קנאַק געטאָן. „אַראָפּ פון זינען ביסטע נעבעך, פּערלשי!"

בינהלע האָט געהערט אַ באַוועגונג אין דער קיך; האָט צוגעטאָן דאָס אויג צום שליסללאָך און געזען ווי שרה־לאהלע שפּרעכט אָפּ אַן עין־הרע און גיט עפּעס פּערעלען איין אויף אַ סגולה.

פּערעלעס קול איז אַ ביסל טריקענער געוואָרן, איז אַריבער אין אַ מין כליפּען אָן טרערן און אַזוי האָט זי פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו דערציילן שרה־לאהלען וואָס עס האָט מיט איר געטראָפן.

„ד'קענסט דאָך נישט זאָגן, מאַמעשי־קרוין, אַז עך בין אַ שלעכט ווייב צו מיין משהלען, ר'זאָל מיר לעבן און געזונט זיין. ר'איז דאָך ביי מיר ווי אַ הייליקער צדיק ממש... און ד'ווייסט דאָך ווי עך היט מיך מיט דער אָפּגעהיטנקייט. כ'פיר מיך דאָך פונקט ווי ד'האָסט מיך געלערנט און ווי דער אייבערשטער האָט געבאָטן, און ד'זאָלסט זאָגן, אַז עך האָב אַ מאָל פאַרפעלט... צי אַדורכגעלאָזט, 'על עך דיך נישט גלייבן, ווייל... ווייל אַ מענטש איז טאַקע נאָר אַ מענטש. נאָר עך קאָן מיך בשום־אופן נישט דערמאָנען. און דאָ..." זי האָט ווידער אָנגעהויבן ספּאַזמירן.

„וואָסאַראַ שייכות האָט דאָס אַלץ צום גלח?״ האָט שרה־לאהלע נישט געקאָנט אויסהאַלטן פון זאָרג און אומגעדולד.

„ס׳האָט, מאַמעשי...״ האָט פערעלע אַרויסגעצווונגען מיט מי די ווערטער פון זיך. „און בייזער דיך נישט אויף מיר... ווייל כ׳על דאָס נישט איבערהאַלטן!״

„טאַ רעד ווי אַ מענטש, ווייַ איז מיר!״

„ווי קאָן עך רעדן ווי אַ מענטש, מאַמע־לעבן... אַז עך בין אויס מענטש? כ׳האָב דאָך אַזוי ליב מיין משהלען, ער זאָל מיר לעבן און געזונט זיין... אַז ער חלומט זיך מיר אָפּט אין שלאָף אַפילו. יאָ... אין שלאָף קומט ער צו מיר, זאָלסט מיר מוחל זיין פאַר די רייד. נאָר דאָ... מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק... זינט דער ערשטער סדר־נאַכט. יאָ, גלייך נאָך... נאָך דער ערשטער סדר־נאַכט, האָט ער זיך מיר ווידער געחלומט, ווי ער שטעלט זיך אויף פון סדר־טיש. ר׳האָט אויס־געזען ווי אַ ראַכטיקער מלך, מיטן קיטל... אין ווייסן. אמת, מאַמעשי? האָסט דאָך אים געזען. אַזוי האָט ער אויסגעזען ווען ר׳איז געקומען צו מיר אין שלאָף. און, מאַמע־לעבן... כ׳גיב אַ קוק און ס׳איז גאָרנישט משהלע, נאָר ס׳איז דער גלח, ימח־שמו...״

„וואָס עפּעס דער גלח?״ האָט שרה־לאהלע געשטאַמלט. „ווו׳סטע אָנגע־קוקט ס׳פּרצוף פון גלח, נישט גוט ווערט מיר?״

„כ׳האָב נישט, מאַמעשי־קרוין. כ׳שווער דיר ביי אַלעם הייליקן. כ׳האָב נישט. אָבער אַ פּאָר טעג פאַר ערב־פּסח איז זיין גאָספּאָדיניע מיט צוויי שקצימלעך אַריינגעקומען אין קרעמל... און ער, דער גלח, איז געבליבן שטיין אין דרויסן, אויפן פּאָטשעיאָוו, און פאַרטשעפּעט די יִדן, ד׳ווייסט דאָך, ווי ער האָט ליב. זי, די גאָספּאָדיניע, האָט אַפילו גאַנץ מענטשלעך געזאָגט ׳דזשען דאָברי׳ צו מיר און האָט זיך געהייסן געבן אַ שיינע פּאָר מעטער פון בעסטן לייוונט, אויף צו מאַכן נייע קאָשטשעלנע האַלקעס, האָט זי מיר געזאָגט. די ווייסע שירצן וואָס זיי טראָגן, טפו... טפו. האָב עך מיר געטראַכט: ׳מיינע טוועגן קענסטע קויפן די לייוונט אויף תכריכים׳. און כ׳האָב איר אָפּגעמאָסטן אַ פּאָר שיינע מעטער לייוונט. ז׳האָט זיך נישט געדונגען מיט מיר, זאָלסט זאָגן איבער אַ פּרוטה, געזאָגט ׳דאָ ווידזעניאַ׳ און שוין איז זי נעלם געוואָרן. און שפּעטער...״

„און שפּעטער?״ האָט שרה־לאהלע אָנאָטעמדיק איבערגעפרעגט.

„שפּעטער האָט זיך געמאַכט אַ געלויף אין דרויסן. בין עך אַרויסגעגאַנגען זען וואָס עס טוט זיך. ד׳ווייסט דאָך ווי דער גלח ווייכט נישט פון אונדז און ווי אונדז ווייכט מען פון אים. און דאָ זאָגן מיר מענטשן, אַז ר׳איז אַריין אין יאָסעלע אַבעדאַלעס קרעמל. אַלע האָבן זיך געשטופּט ביים אַריינגאַנג, האָב עך מיך אויך געשטופּט. און עך זע, דער גלח רעדט עפּעס צו יאָסעלען און יאָסעלע דרייט זיך נישט אַוועק, נאָר קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין און ענטפערט אים גלייך, און מיט אַ סך כעס, ד׳ווייסט דאָך ווי יאָסעלע קאָן...״ פערעלע האָט אַראָפּגעלאָזט

די שטימע און אַ טייטל געטאָן אויף דער טיר הינטער וועלכער בינהלע איז געזעסן. „און עך הער ווי דער גלח גיט אַ פרעג יאָסעלען...״

„האָסטע דאָך יאָ געזען דעם גלח...״ האָט שרה־לאהלע אַ קרעכץ געטאָן.

„בלויז זיין פלייצע, מאַמעשי, כ׳שווער דיר. אויף יאָסעלען האָב עך געקוקט. און עך הער ווי דער גלח, אַז אָפּגעמעקט זאָל ווערן זיין נאָמען, גיט אַ פרעג יאָסעלען פאַר וואָס אונדזער רבונו־של־עולם איז אַזאַ נוקם־ונוטר, בעת זייער יוזל איז פונקט פאַרקערט. זייער יוזל זאָגט ׳קאָכייטשע שעו׳, דאָס הייסט מכלומ־פרשט: ׳האָטץ ענק ליב׳. האָט יאָסעלע אים געגעבן אַ שריי אויס אין פנים אַריין: ׳יאָ, עץ גויים, הרגעט און רודפט און פירט מלחמות און דאָס ליב האָבן לאָזט עץ פאַר ענקער גאָט. אונדז, ייִדן, הרגען מיר קיינעם נישט און מען פירט נישט קיין מלחמות, דערפאַר לאָזט מען די נקמה איבער צום רבונו־של־עולם׳. און אַז דער גלח איז אַוועק, האָט דער עולם זיך שטאַרק אָנגעבייזערט אויף יאָסעלען, פאַר וואָס ער האָט דעם גלח אַזוי שאַרף געענטפערט; אַז ער קאָן נאָך, חלילה, ברענגען אַן אומגליק אויף אונדזערע קעפּ, און אַז ער האָט נישט געטאָרט קוקן דעם גלח גלייך אין די אויגן אַריין. דערנאָך בין עך צוריק אַריין צו מיר אין קרעמל. אַלע קונים האָט אַרומגעכאַפּט אַן אימה. האָסט דאָך געהערט די קלאַנגען וואָס גייען אַרום, אַז דער גלח גרייט זיך צו עפּעס... אַז דער צאַר, ימח־שמו, גייט אַרויסלאָזן אַ גזירה, אַז אַלע ייִדן ׳עלן, חלילה, זיך מוזן שמדן... אַז די בונטאָווטשיקעס קעגן צאַר רודערן זיך אויף וואָס די וועלט שטייט און דער צאַר זאָגט, אַז די ייִדן האָבן דערפירט דערצו. ד׳געדענקסט דאָך ווי מען האָט געציטערט, אַז די ערשטע סדר־נאַכט זאָל אונדז חלילה נישט פאַרשטערט ווערן... אַז געוויסע יענע נאַכט זאָלן זיך די גויִים נישט נעמען צו אונדז... און מער גאָרנישט, מאַמעשי, כ׳שווער דיר״.

„וואָס הייסט מער גאָרנישט?״ איז שרה־לאהלע נאָך מער צעטומלט געוואָרן.

„מער גאָרנישט. כ׳בין מיר געזעסן אין קרעמל און אין מיין האַרץ געבעטן דעם רבונו־של־עולם פאַר אַ רויִקן יום־טוב און עך האָב אים געדאַנקט פון גאַנצן האַרץ וואָס ער אַרבעט אויף אַזעלכע משונהדיקע אופנים און ער האָט מיר צוגעשיקט אַ שיינע מטבע, כ׳זאָל מיר קענען צוגרייטן אַ שיינעם פסח און זיך נישט מוזן אָפּבייסן די צונג פאַר אַ גראָשן. און עך האָב, פונקט ווי אַלע ייִדן, געהאַט בטחון, אַז דער אייבערשטער ט׳אונדז שומר־ומציל זיין און אונדז אויס־לייזן פון די גויִישע הענט, ווי ער האָט אונדז אויסגעלייזט פון מצרים״. פּערעלע האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און דאָ איז זי אַרויס מיט אַ נייעם ספּאַזמאַטישן שלוכץ. „און אַלץ איז געווען גוט און פיין, און מ׳האָט אָפּגעריכט אַזאַ טייערן סדר... ס׳ט דאָך אַליין געזען, מאַמעשי. און די זעלביקע נאַכט, גלייך נאָכן סדר... דערזע איך אין שלאָף, אַנשטאָט משהלען, אָט דעם מנוול. ר׳זאָגט צו מיר, ׳קאָכייטשע שעו׳ און קריכט אַריין צו מיר אין בעט״.

„וועלכער מנוּוול ? דער גלח ?"

„ווער דען ? ד'הערסט דאָך. ר'האָט געזאָגט 'קאַכייטשע שעו' צו מיר און... מאַמעשי־קרוין, חלש נישט, האָב רחמנות אויף מיר... ער'ט געטראָגן די נייע ווייסע שירץ געמאַכט פון מיין סחורה, מיט קאַראַנקעס אַרומגעזיימט. און ר'האָט אַראָפּגענומען דעם זילבערנעם צלם פון האַלדז. ערשט, כ'קוק און זע : ס'איז נישט קיין צלם, נאָר אַ חלף מיט אַ פייער־רויטן קלינגל, ווי דעם טאַטנס חלף זעט אויס בעתן שעכטן. און... און ער דעקט מיך אויף און שניידט מיך אויף אונטערן בויך... אוי, מאַמעשי..."

„האָסטע דיך שוין יאָ מיט עפּעס פאַרזינדיקט, טאַכטערשי. עפּעס האָסטע געטאָן, פּערל־קרוין, הלוואי זאָל עס זיך אויסלאָזן צו אונדזערע שונאימס קעפּ, מיין קינד". שרה־לאהלע האָט געוויינט, דאָך האָט איר קול געקלונגען אַ ביסל רויִקער. „ס'ט עפּעס אַן עבירה געטאָן און אַ שד ט'אויסגענוצט די זאַך, און איז געקומען דיך פּייניקן אין שלאָף. ס'זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן, ווי ס'טרעפט זיך. מ'עט דיך גוט אָפּשפּרעכן. ס'ט אַריינלייגן אַ ביסל מער אין די צדקה־פּושקעס. ס'ט געבן ליכט פאַר דער שול. ס'ט אַרומגיין צווישן די קימפּעטאָרינס און הלוואי זאָל זיין אַל דאָס גוטס".

„ד'פאַרשטייסט נישט, מאַמעשי־קרוין..." האָט פּערעלע, אויסער זיך, גע־שטאַמלט. „כ'האָב שוין אַלץ געפּרוּווט. נישט געוואָלט פריער קומען דיר פאַר־ציילן, ד'זאָלסט דיך נישט מצער זיין. כ'בין שוין אַפילו אַ צוואַנציק מאָל געווען ביי ר' סענדערלען... און ביי די אָפּשפּרעכערינס, אָבער..."

„אָבער וואָס ?"

„ער קומט צו מיר ווייטער יעדער נאַכט. יעדער פעליקע נאַכט. וואָך נאָך וואָך... אַפילו שבת און זונטיק אויכעט".

אַ שטילקייט איז אַ פאַל געטאָן איבער דער קיך. דערנאָך האָט בינהלע דערהערט שרה־לאהלעס הייזעריק, טעמפּ קול : „דער גלח קומט צו דיר אין חלום יעדער נאַכט, קריכט אין דיין בעט אַריין און..."

פּערעלע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. עס האָט איר, ווייזט אויס, פאַרפעלט כּוח צו וויינען, ווייל איצט האָט זי קוים־קוים געפליסטערט. „און... און כ'האָב שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן, האָב עך פאַרציילט משהלען... מיט אַלע פּיטשעווקעס. כ'האָב געמיינט, אַז דאָס 'עט העלפן. און דעמאָלט האָט די בראָך מיך ערשט רעכט געטראָפן. משהלע האָט זיך מער נישט געוואָלט צורירן צו מיר. ער וויל נישט לעבן מיט אַן אישה וואָס לעבט מיט אַ שד, זאָגט ער, וואָס דער שד זאָל נישט טאָן צו מיר אין מיין חלום. ער'ט מיך אָפּגטן, זאָגט ער. און היינט פאַר טאָג האָט מיך אויפגעוועקט אַ געוויין. כ'גיב אַ קוק, זיצט משהלע איבער דער גמרא און העשעט ווי אַ קינד. אַז ער האָט מיך דערזען, ט'ער געזאָגט צו מיר : 'זונה איינע, אָדער דו'סט גיין פון דער שטוב, אָדער איך' ".

אין דער קיך האָט זיך געמאַכט אַ סומאַטאָכע. די באַנק, דער טיש האָבן געסקריפּעט. איצט האָט דאָס געוויין און דאָס קרעכצן פאַרשלונגען די רייד. דעם שוחטס קול האָט זיך שוין אויך געהערט.

בינהלע האָט געגומען שטאַרק אַריינטראַכטן אין דעם וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט, און האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. וואָס האָט איר טאַטע געזאָגט צום גלח? און פאַר וואָס איז דאָס שטעטל ברוגז געווען אויף אים און וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס געהאַט מיט דעם וואָס דער גלח איז געקומען באַזוכן פערעלען אין איר חלום יעדער פעליקע נאַכט? און פאַר וואָס זאָל אַ שד, וואָס האָט ליב שטיפערייען, זיך איבערטאָן פאַר אַ לאַנגווייליקן גלח און אָפּטאָן אַזעלכע מיאוס־קייטן אין פערעלעס חלום? — און אַז בינהלע האָט שוין געהאַלטן ביים איינ־שלאָפן, אָט אַזוי ווי זי איז געזעסן ביי דער טיר, איז איר איינגעפאַלן, אַז אויב מען קאָן אַזוי לייכט פאַרטוישן אַ שד פאַר אַ מענטש, איז איינגטלעך נישט מעגלעך געווען צו וויסן ווער עס איז אַ שד און ווער אַ מענטש, סיידן זי, בינהלע, זאָל דאָס דערקענען לויט דער מאָס נייגער וואָס זיי האָבן אין איר דערוועקט.

„למשל די יאַנקאָווע און יאַנעק און יאַדווישע און אַלע שיקסלעך און שקצימ־לעך, זיי מוזן אַוודאי זיין שדים", האָט זי געשמייכלט צו זיך. „אַז נישט וואָלט איך זיי נישט אַזוי גערן געהאַט". און זי איז איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן האָט זיך אין באַטשאַני געטאָן אויף טיש און אויף בענק. אין באַטשאַני האָט זיך לאַנג קיין סוד אין אַ שטוב נישט געהאַלטן. גלייך איז ער אַרויס דורך טיר און פענצטער און איז געוואָרן אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד. שרה־לאהלע און פערעלע זיינען גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אויפמערקזאַמקייט. גרויס און קליין האָט זיך וועגן זיי געזאָרגט. די ווייבער האָבן זיי געצווונגען זיך צו לייגן אין די בעטן אַריין, און דאָרט זיינען זיי געלעגן אויף די הויכע קישנס אונטער די איבערבעטן אָנפּגעפּראָפּטע מיט געגנדזענע פעדערן, ווי אומ־גליקלעכע קרבנות פון אַן איבערפאַל. די שטעטלשע ווייבער האָבן געוואָרפן זייערע אייגענע בעל־הבתישקייטן, פאַרגעסן קינד און קייט און נישט אָפּגע־טרעטן פון שרה־לאהלעס און פערעלעס בעטן. מען האָט געוויינט און געקלאָגט און מען האָט צוזאַמענגערופן אַלע אָפּשפּרעכערינס, וויינערינס און קרעכצערינס. מען האָט פאַרקאָכט אַלע מינים קרייטעכצער און זיי דערלאַנגט שרה־לאהלען און פערעלען צו טרינקען מיט אַ לעפעלע.

ווייל געהאַלטן האָט מען צו גלייך מיט שרה־לאהלען, אַז זי, שרה־לאהלע, איז געווען דער גורם פון איר טאָכטערס אומגליק. דער אַשמדאי האָט זיך, נעמלעך, פאַרנומען אָפּצושוואַכן שרה־לאהלעס כּוח, מיטן שטראָפן אירע קינדער. ציי אפשר האָט ער זי לגמרי געוואָלט אומברענגען, ווייל זי איז אים געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן. האָט מען געמוזט אָנווענדן אַלע מעגלעכע מיטלען צו קעמפן

מיט דעם שׂטן־המשחית און אונטערהאַלטן דאָס חיות פון די צוויי געטראָפענע ווייבער.

די מאָנספּאַרשוינען זיינען אויך נישט געשטאַנען אין אַ זייט און סתּם צוגע־קוקט. אָבער זיי זיינען געווען שאַרף צעטיילט וואָס שייך דער מיינונג וועגן דעם געגעבענעם ענין. טייל פון זיי, למשל די אַנגעהעריקע צום פּני, די לומדים מיטן רב און דעם דיין אַריינגערעכנט, האָבן די גאַנצע זאַך גענומען לייכט, צו לייכט. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט זיך אַרויסצוזאָגן קלאָר וואָס זיי שלאָגן פאָר צו טאָן, האָבן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט אַלע באַווייזן און האָבן איבערגעחזרט דעם רבס רייד, אַז חלומות זיינען שפּילערייען פון אַ מענטשנס פאַרבאָרגענע משוגעתן, און אַז ווי לאַנג מען פאַלגט זיי נישט אויס אין טאָג־טעגלעכן לעבן, שטעלן זיי מיט זיך נישט פאָר קיין שום סכּנה.

אָבער די פּשוטע באָטשאַנישע ייִדן, די חסידים, די אָרעמע קרעמערס, עמך־שער־און־אייזן האָבן געהאַט אַ קליפּ־און־קלאָרע מיינונג וועגן דעם וואָס עס איז געשען מיט פערעלען, און האָבן זיך שטאַרק איבערגענומען וואָס זייער ליב־לינג, דער רב, איז געווען אַזוי נישט־דערפאַרן און נישט־פאַראַנטוואָרטלעך. די דאָזיקע מאָנספּאַרשוינען האָבן דעם ענין אויפגעפאַסט פּונקט ווי די ווייבער, אָבער פון אַ סך אַ ברייטערן קוקווינקל, אויך זאַכלעכער און פּראַקטישער.

בלויז אין איין זאַך האָבן זיי יאָ נאָכגעטאָן די ווייבער. דהיינו, זיי האָבן איבערגעריסן אַלע קריגערייען צווישן זיך; זיינען געוואָרן אַלע ווי איינער, געאייניקט, פון איין זייט, אין זייער מי איבערצוצייגן דעם רב אין דער ערנצטקייט פון דער לאַגע; פון דער אַנדערער זייט, אין זייער שׂינאה קעגן שמוליקלען דעם רופא, וועלכער האָט דעם גלח רעגולער באַזוכט און האָט געהאָלפן אָט דעם שׂונא־ישׂראל זיך ראַנגלען מיט די סוכאָטעס — אַנשטאָט אים צו לאָזן פּגרן ווי אַ הונט. האָט מען נאָך געדאַרפט בולטערע באַווייזן, אַז שמוליקל האָט זיך געגעבן די הענט מיט דער סיטרא־אחרא, ווייל אויף דער אייגענער האַנט איז ער נישט בכּוח געווען אָנצושטעקן באָטשאַני מיטן סם פון אפּיקורסות? — האָט מען טאַקע אַ פּאָר מאָל אויסגעהאַקט די שויבן אין שמוליקלס ראַזורע, מיט אַ „צופעליקן" שטיין.

יאָ, די וויכטיקסטע זאַך איז געווען, אַז באָטשאַני זאָל בלייבן געאייניקט, ווי זי איז תּמיד געווען אין גאָר ערנצטע מאָמענטן. דערין איז געלעגן דער כּוח פון באָטשאַני. נאָר ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין לאַבזעס האָט מען זיך אַרומגעריסן צווישן זיך און אָפט מאָל איינער דעם אַנדערן אַפילו אַן עוולה געטאָן. נאָר טאָמער האָט חלילה געלויערט אַן אמתע סכּנה און עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַן ערנצט־תּוכיקן ענין, איז מען געוואָרן וואָס מען איז בעצם אייביק געווען: אחינו־בני־ישׂראל.

האָט מען טאַקע דעם רב און די וואָס האָבן מיט אים איינגעשטימט נישט

צו רו געלאָזט. ווייל אַז זיי האָט באָטשאַני נישט געקאָנט ווערן ווי איין גוף און איין נשמה, גרייט זיך קעגנצושטעלן יעדן אַטאַק פון דער סיטרא־אחרא. און מען האָט זיך אָוועקגעלאָזט אויסטענהן מיטן יונגן רב, כדי אים איבער־צוציינן וועגן דער ערנצטקייט פון דער לאַגע. מען האָט פול געמאַכט דעם רבס שטובן און זיך געשטופט אין מחנות פאַר דער טיר — פון דעם זעלביקן הויז ווו שרה־לאהלע איז געלעגן אין בעט אַרומגערינגלט מיט אירע געטרייע שכנות.

באַריידעוודיקע שלוחי־ציבור האָבן נישט אויפגעהערט אַריינצורעדן אין רב און האָבן גענוצט אַלע שכלדיקע אַרגומענטן און קל־וחומרס וואָס זיינען נאָר מעגלעך געווען, כדי איבערצוציינן דעם רב, אַז דער אַשמדאי האָט דאָ אָנגענומען אַ גאַנץ געווייגטלעכע סטראַטעגיע: דורך די שדים האָט ער זיך פאַר־גומען צו צעשטערן דאָס משפחה־לעבן פון די באָטשאַנישע ייִדן, זיך אַריינ־צורייסן אין זייערע היימען, אין די סאַמע בעטן אַריין, און אויף דעם אופן אַטאַקירן דעם שורש פון דעם פאָלק־ישראל, דאָס הייסט: מאַן־און ווייב־פאַרבונדנשאַפט.

ווייל אויב אַזעלכעס האָט געקאָנט פּאַסירן אין דער משפחה פון שרה־לאהלען, דער אשת־חיל, און ביי איר מאַן דעם שוחט, וואָס עס איז נישט געווען דער מינדסטער פגם אויף זיין נאָמען — האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרמיידן די היימען פון דעם רוב ייִדן פון באָטשאַני. און וואָס האָט אַ ייִד געקאָנט אויפטאָן אַן אַ היים, מיט אַ חרוב־געוואָרן משפחה־לעבן? די היים איז דאָך געווען אַ ייִדנס פעלדז. סע וואָלט דאָך געווען לגמרי אוממעגלעך צו פאַרטראָגן דעם גלות, אָן דער ייִדישער היים, חלילה.

צווייטנס — האָבן די שלוחי־ציבור געפּרוּווט איבערצייגן דעם רב — האָט דער ענין אויך געהאַט אַ שייכות צו פּאָליטיק. ווייל וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין איין ייִדישער עדה, האָט זיך געקאָנט אויסווירקן אויפן גאַנצן פאָלק אין גלות פּוילן און ראַסיי, און אפשר איבער דער גאַרער וועלט. ווייל דער שד וואָס האָט זיך גענומען צו פּערעלען צ"ז שוין גאַרנישט געווען קיין נאַר. ער האָט זיך פאַרקליידט פאַרן שטעטלשן גלח, דעם היימישן סטאַשעק ספּאַקוינין, וועמען אַלטע ייִדן האָבן נאָך געדענקט פון ווען ער איז נאָך געווען אַ שייגעצל. און דעם גלחס ברודער איז געווען וואַצעק ספּאַקויני, דער קאָמענדאַנט פון דער גויישער פייער־בריגאַדע, וועלכער האָט געהאַט מער דעה איבער די גויים ווי דער פּאָוויאַטאָווי נאַטשעלניק. האָט מען דערפאַר געמוזט האַנדלען מער סטראַטעגיש און דיפּלאָמאַטיש, ווי ווען דער שד וואָלט זיך געווען פאַרקליידט אין עפּעס אַ פרעמדן גלח.

די ערשטע זאַך צו וועלכער דער רב האָט גאַנץ לייכט איינגעשטימט איז געווען צו האַלטן דעם גאַנצן ענין בסוד פאַר די גויים. די מאַנספּאַרשוינען האָבן גענומען אויף זיך אָנצוזאָגן זייערע ווייבער צו טאָן דאָס זעלבע, און אין דעם פאַל האָט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזן אויף די באָטשאַנישע ווייבער. זיי האָבן דאָס

געזען דערצו, אַז די קינדער זאָלן נישט אונטערהערן, ווען זיי, די מאַמעס, האָבן זיך געסודעט צווישן זיך. ווייל דאָ האָט זיך געהאַנדלט ממש אין לעבן. טאָמער וואָלטן זיך חלילה די גויים דערוווּסט וואָס עס איז געשען, וואָלטן זיי תיכּף־ומיד איבערגעדרייט דאָס גאַנצע עסק. זיי וואָלטן געזאָגט, אַז ייִדישע ווייבער האָבן זיך פאַרנומען צו פאַרנאַרן די גויים אין זייערע בעטן אַריין, כּדי זיי שפּעטער מגייר צו זיין און אַזוי אַרום צעשטערן די גוייִשע רעליגיע. ווי ס'זאָל נישט זיין, יאָ פּראַוואָסלאַווגע, נישט פּראַוואָסלאַווגע, איז דאָס געווען די זעלבע יענטע נאָר אַנדערש געשלייערט — און זי איז געווען די רעליגיע פון צאַר ניקאָליי, וועלכער וועט גלייך אַראָפּשיקן אַ פּאָלק קאָזאַקן אויפן שטעטל און די שטעטלשע גויים וועלן זיי צוהעלפן, ווי גויים קענען; און ס'האָט, מ'זאָל דאָס גאָרנישט ברענגען פאַרן מויל — געקאָנט קומען צו אַ צווייטן קישעניעוו.

ווי נאָר דער רב האָט איינגעשטימט מיטן ערשטן פּונקט, אַז דער ענין מוז געהאַלטן ווערן בסוד פאַר די גויים, האָט מען אים באַוואָרפן מיט ווייטערדיקע שאלות. למשל: האָט טאַקע משהלע געמוזט אָפּגטן פּערעלען שוין אויפן אָרט, און דערנאָך זאָל מען זיך נעמען צו אַלע מיטלען כּדי צו פאַרטרייבן דעם שד פון פּערעלעס חלומות? צי מען האָט פריער געדאַרפט פּרווון דאָס צווייטע און ערשט אויב דאָס צווייטע וועט נישט גיין, אַדורכפירן דאָס ערשטע? אָט די שאלה האָט אויפן אָרט גורם געווען אַן אונטער־שאלה, נעמלעך: אויב משהלע וועט בלייבן ווינען מיטן ווייב, וועט ער יאָ מעגן ווייטער שלאָפן מיט איר, ווי לאַנג זי שלאָפט נאָך מיטן שד אין די חלומות, צי ער וועט זיך טאַקע נישט טאָרן צורירן צו איר? און מען האָט געפרעגט נאָך אַנדערע שאלות פון דער זעלביקער וויכטיקייט.

דער רב איז געווען אַזוי אויסער זיך, אַז זיין געוויינטלעך אויסגעבלייכט, איידל פּנים — האָט געפלאַמט. זיינע אויגן, שוואַרץ און טיף, געוויינטלעך פולע מיט אַ מין נישט־ערדישן שלווהדיקן שיין, האָבן איצט אויסגעזען ווי צוויי תהומען פון ייִאוש.

„רבותי!‟ האָט ער געקרעכצט און זיך געבעטן ביים עולם — בעת ער איז אַזוי געשטאַנען צווישן זיי, געהויערט איבער זיי ווי אַ שוואַרצער זייל פון בענקעניש און צער: אין דער שוואַרצער קאַפּאָטע, זיין שיינע שוואַרצע באָרד צעפלאָסן איבערן ברוסטקאַסטן, — „רבותי, עס פעלט ענק דען אויס אמתע סיבות פאַר וואָס זיך צו זאָרגן, פאַר וואָס זיך צו שרעקן? נאָר עץ דאַרפט ענק איבערנעמען מיט אַזאַ נאַטירלעכער זאַך ווי אַ ייִדענעס אַ שלעכטער חלום? כ'האָב דאָך ענק געזאָגט, אַז חלומות זענען נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ מענטשנס משוגעתן וואָס רוישן זיך אויס אין זיין שלאָף, כּדי זיי זאָלן אים נישט צעחושן ווען ער איז וואַך. חלומות זענען ווי די זעק מיט מחשבה־מיסט וואָס אונדזערע מוחות וואַרפן אַרויס, אַז די ווינטן פון פאַרגעסעניש זאָלן זיי אָוועקקערן און

צעשטויבן. אַז איר׳ט האָבן געדולד, ׳עט די אישה פּערעלע זיך אַליין אויסטשוכען פון איר שד. ווייל אַ מענטשנס משוגעתן ווערן מיד פון כּסדר זיך איבערחזרן אין די חלומות. זיי רייבן זיך אויס... ז׳וועפּן אויס... יאָ...״ ער האָט באַמערקט די אומגעדולדיקע, פאַרלוירענע בליקן, דעם צערפּולן אויסדרוק אויף די פּני־מער וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. זיינע אויגן זיינען גלאָזיק געוואָרן, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים צעוויינען זיך. „נישט געדאַגהט, רבותי...״ האָט ער זיך ביי זיי געבעטן.

„רב־לעבן, וואָס הייסט נישט געדאַגהט?״ האָט עמעץ פאַרצווייפלט אויס־געשריגן, און אַנדערע האָבן זיך אָנגעשלאָסן. מען האָט אָנגעקוקט דעם רב ווי ער וואָלט געווען חסר־דעה.

„מ׳האָט דאָך דאָ צו טאָן מיט אַ בפירושן דיבוק!״ האָט זיך דערהערט נאָך אַ קול. „דער שד האָט זיך פאַרנומען אָפּצווישן גאַנץ באַטשאַני פון דער וועלט, און ווער ווייסט ווער עס העלפט אים אַלץ צו, מ׳זאָל אָפּגעהיט ווערן! פאַר וואָס ווילט עץ דאָס נישט איינזען, רב־לעבן?״

וואָס דער רב איז גיכער געניגט געווען איינצוזען איז געווען, אַז פּערע־לעס חלום איז געווען אַ שלעכטער סימן, אַ בייזער אָנזאָג. אַז סיי פּערעלע, סיי איר מאַמע, סיי דער עולם ייִדן האָבן פאַרגעפּילט עפּעס אַן אומגליק, וואָס האָט גע־הויערט איבער די קעפּ און האָט זיך נאָך נישט באַוויזן אָנצוזאָגן מיט ממשות־דיקע באַווייזן. אָבער דאָס האָט דער רב דעם עולם נישט געוואָלט זאָגן.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי אַן איבערגעשראָקענער לאַשיק, אַ פּאַרעקשנ־טער אין זיין פאַרלוירנקייט, און האָט געענטפערט: „ווי קומט המן אין דער מה־נשתנה אַריין, הע? ראשית־כּל, איז אַ שד נישט קיין דיבוק, און מישץ נישט אויס לאָקשן מיט קלאָץ. שנית, איז אַ שד נישט קיין בשׂר־ודם. כּדי די שדים זאָלן נישט האָבן מיט וואָס צו שיסן, איז גענוג, אַז אונדז זאָל מען זיך האַלטן ביי אונדזערע דינים. אונדז האָט מען זיך גאַרנישט וואָס צו זאָרגן, זאָג עך ענק!״

„איר מיינט צו זאָגן, רב־לעבן״, האָט אַ ייִד אויסגערופן, „אַז פּערעלע דעם שוחטס איז נישט קיין גוטע, פרומע ייִדישע טאָכטער?״ דער עולם האָט אַן אויפגעבראָוזטער און באַליידיקטער זיך צעשאָקלט מיט די קעפּ.

„זי איז״, האָט דער רב איינגעשטימט. „און איר מאַמע איז אויך... אַ צדקת. אָבער... אָבער, עץ זעט, רבותי, ס׳איז פאַראַן אַ צידקות וואָס דערפירט אַזש צו דער גרענעץ פון זינד...״

ער האָט געזען, אַז ער טוט נאָך מער ווי דעם עולם מיט זיינע רייד, אַז זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס ער איז אויסן געווען צו זאָגן. ווי ער איז אַזוי געשטאַנען, ענג אַרומגעפּרעסט מיט זייערע לייבער — איז ער געווען אַליין, פאַראיינזאַמט און אָפּגעטיילט פון זיי אין זייער פּיין. דאָס האָט נישט געטויגט.

ער האָט דאָס געפּילט מיט זיין גאַנצן חיות. ער איז געווען זייער רב. ס'איז בעסער געווען צו בלאָנדזשען, אַפּילו צו זינדיקן צוזאַמען מיט זיי, ווי זיי צו פאַרלאָזן אין דער שעה פון צעטומלעניש און פאַרטעמפּטקייט. ער האָט אַרויפגעצווונגען אַ שמייכל אויף די ליפּן, ווי ער וואָלט דעם עולם נאָכגעגעבן.

„אָבער רבותי!" האָט ער אויסגערופן. „ווי עס זאָל נישט זיין, איז אַ חלום, אַ נאַר און מען קאָן אים איבערקליגן".

„ווי אַזוי, רב־לעבן?" האָבן זיך דערהערט קולות. „ווער האָט אַ שליטה איבער אַ מענטשנס חלומות, דערצו נאָך די חלומות פון אַן אישה?"

דער רב האָט זיך אויסגעגלייכט. „שט'געדאַגהט!" האָט ער פעסט אַ זאָג געטאָן. ער האָט אָנגענומען אַ באַשלוס. „עס זענען דאָ מיטלען".

„און וואָס מכוח משהלען? זאָל ער אָפּגטן פערעלען, אַז נישט געדאַכט זאָל עס זיין?"

„חלילה־וחס!" האָט דער רב אויסגערופן, בעת ער האָט זיך באַמיט איינצושטימען מיטן עולם. „דער שטן ברויכט נישט מער, נאָר אַז מען זאָל אים גיין אויף דער האַנט. דאָס וויל ער דאָך טאַקע. און פאַר דעם האָט מען דאָך אַלע מורא... ר' זאָל נישט צעשטערן דעם שלום־בית צווישן אונדז און די ווייבער".

„אָבער רב־לעבן", איז דער שמש, ר' לייבעלע יאַפּצאַק־פּרעסער, געוואָרן אויסער זיך. ר' לייבעלע איז געווייַנטלעך געווען אַ גאַנץ שכלדיקער ייִד. אָבער אַצינד האָט זיין אימה אים געהאַלפן טראַכטן, און נישט דער שכל. ער האָט געפּלאַטערט און דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. ער האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן די נאַרישקייטן וואָס דער רב האָט גערעדט אין אָט דער רגע ווען אַזאַ גרויסע סכנה האָט געלויערט אויף באַטשאַני. ער האָט מיטביידע הענט אונטערגעהויבן זיין יאַפּצאַק־בייכל און אויסגערופן: „די אישה פּערעלע דעם שוחטס איז דאָך... איז דאָך, מ'זאָל אָפּגעהיט ווערן, אין דער בחינה פון אַ זונה, יאָ, צי ניין? טאָ ווי מעג ר' משהלע, ער זאָל לעבן און געזונט זיין, זיך געפינען אין אירע דלד־אמות?"

דער רב האָט זיך טרויעריק צעשמייכלט. „שט'געדאַגהט, ר' לייבעלע. עך ווייס גאַנץ גענוי וואָס די הלכה איז. און אויב דער מהר"ם מלובלין האָט געפּסקנט, אַז אַ חתונה־געהאַטע אישה קאָן געשטעמפּלט ווערן ווי אַ זונה נאָר ווען זי לעבט מיט אַ פרעמדן מאַן, און אַז קיין שד, כאָטש ער קאָן זיך אויפפירן ווי אַ מאַן, איז נישט קיין מענטש, בפרט אין אַ חלום, קאָן די אישה פּערעלע נישט זיין אין דער בחינה פון אַ זונה".

„טאָ אין וואָסערע בחינה איז זי פאַרט?" איז מען צוגעשטאַנען צום רב.

„ז'איז אין דער בחינה פון אַן אישה וואָס שלאָפט אין חלום מיט אַ שד", האָט דער רב געענטפערט.

„טאָ וואָסעראַן עצה איז דאָ דערויף, רב־לעבן?" האָט דער עולם ייִדן נישט

אַפּגעלאָזט. „ווי ווערט מען פּטור פון אַזאַ געפערלעכן שד? ס'איז דאָך נישט קיין קלייניקייט. אַ גלח־שד! באַטשאַני קאָן דאָך נאָך חלילה אַפּגעווישט ווערן פון דער ערד. און נישט נאָר באַטשאַני!" האָט מען פון אַלע זייטן געווּפן.

דער רב האָט נאָך אַ פּאָר מאָל געזאָגט, „שט'געדאַגהט!" דערנאָך האָט ער פּלוצעם באַשלאָסן ווידער אַרויסצוקומען מיט זיינע אויפריכטיקע מחשבות פאַרן עולם.

ער האָט געזאָגט, אַז הגם ער פאַרשטייט זייער שרעק, טראַכט ער נישט, אַז די סכנה איז אין דעם פאַל מיט פערעלען באמת אַזוי גרויס ווי זיי מיינען. אַז אין אַנדערע יִדישע קהילות זיינען לעצטנס פאָרגעקומען שחיטות אויף יִדן, אָן שדים און אָן דיבוקים, און אַז דאָס איז געווען די אמתע סכנה וואָס האָט געלויערט אויף עם־ישראל. נאָר דער רבונו־של־עולם וועט העלפן און דאָס פאָלק־ישראל וועט אויסגעלייזט ווערן גאָר בקרוב. עס זיינען פאַראַן געווען בפירושע סימנים דערויף.

דערנאָך האָט דער רב זיך אַריינגעלאָזט אין אַ ויכוח מיטן דיין און די אַנדערע שטעטלשע שיינע יִדן. דער עולם איז דערווייל אַנגעגאַנגען מיט זיין אייגענעם ויכוח און דער טומל אַרום רב איז כסדר געוואַקסן. דעם רבס בית־דין־שטוב איז געווען אַזוי געפּאַקט, אַז מען האָט דריינען קוים געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן. די ווייבער וואָס האָבן געוואַכט ביי שרה־לאהלעס בעט האָבן פול געמאַכט דאָס פאָדערהייזל. זיי האָבן געיאָמערט, געפאָדערט, אַז דער רב זאָל באַשליסן עפּעס צו טאָן.

לסוף האָט דער רב אויפגעהויבן זיינע לאַנגע אָרעמס איבער די קעפּ פון אַלע פאַרזאַמלטע און האָט אויסגערופן: „רבותי, הערטץ מיך אויס וואָס עך האָב באַשלאָסן!" דער עולם איז שטיל געוואָרן. זיך נישט קיין באַוועג געטאָן. דעם רבס הויך זויבער קול האָט אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט: „קודם־כל און פריער פאַר אַלץ מוז מען זען דערצו, אַז די אישה פערעלע זאָל צוריקגעבן דעם גלח דאָס גאַנצע געלט, ביז צו דער לעצטער פּרוטה. דאָס געלט וואָס די גאַס־פּאָדיניע האָט באַצאָלט פאַר דער ווייסער לייוונט וואָס זי האָט ביי פערעלען געקויפט יענעם פאַר־פּסחדיקן טאָג. דאָס 'עט זיין דער ערשטער שריט, אַז פערעלע, די געניזיקטע אישה, זאָל אויפגעריכט ווערן. זי זאָל אין איר חלום נישט פילן, אַז זי דאַרפט זיך דעם גלח אָפּדינען".

אַ שטורעם האָט אויסגעבראָכן אַרום רב. ווו וועט פערעלע נעמען דאָס געלט? — האָט עולם געוואָלט וויסן. זי האָט עס דאָך פאַרנוצט אויף צוצוגרייטן אַ כשרן פּסח. און דער שוחט און זיין ווייב שרה־לאהלע האָבן דאָך אויך קוים געהאַט דעם טאָג איבערצוקומען, הגם זיי האָבן געגעסן קישקע מיט מילץ. זיי האָבן דאָך געלעבט אָן ערלעך, פּרום לעבן, און זיינען, נישט געקוקט אויף זייער יִחוס, געווען פּונקט אַזעלכע קבצנים ווי אַלע יִדן פון באַטשאַני.

דער רב האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס, איינצושטילן דעם עולם און האָט געזאָגט: „שאַטץ רבותי! מיט געשרייען און קאָכעניש קאָן מען קיין געלט טאַקע נישט באַשאַפן. אָבער אַז צ׳עט ענק איינשטילן און זיך צוזאַמענלייגן צווישן ענק, ווי צ׳וואָלט ענק צוזאַמענגעלייגט פאַר אַן אַנדערן יידישן צוועק, ׳עט עץ אַפילו נישט פילן דעם לאָך אין דער קעשענע...״ דאָ האָט ער דערמוטיקנדיק אונטערגעשמייכלט: „ווייל ענקערע קעשענעס זענען דאָך שוין סיי ווי פול מיט לעכער. אַחוץ־מזה, האָבן מיר אַ פּאָר גאַנץ שיינע גבירים און לייטישע בעלי־צדקה ביי אונדז אין שטאָט און זיי ׳עלן מיט גאָטס הילף אויכעט צולייגן אַ האַנט, און נישט חלילה קיין ליידיקע. טאָ זאָרגטץ ענק טאַקע גאָרנישט, רבותי. דער אַלמעכטיקער, געלויבט זאָל זיין זיין ליבער נאָמען, ט׳אונדז חלילה נישט פאַרלאָזן״.

דער עולם האָט זיך נישט געלאָזט אויפמונטערן פון רב. עפּעס האָט ער זיי אין אָט דער רגע פון נסיון שטאַרק אַנטוישט מיט זיין ייִנגלשן חכמען זיך. גראָד ר׳ לייבעלע יאַפּצאַק־פּרעסער האָט געערעדט צו דער זאַך. אמת, דער עולם האָט אים נישט זייער גערן געהאַט. אָבער ער האָט לכל־הפּחות געוווסט וואָס עס טוט זיך, נישט ווי דער רב וועלכער האָט געלעבט מיטן קאָפּ אין די הימלען און האָט אָסור געוווּסט, אַז דער קאָליר פון באָרשט איז רויט.

„לייכט צו זאָגן״, האָט ר׳ לייבעלע געקרעכצט און דער עולם האָט מיטגע־קרעכצט מיט אים. „צוזאַמענלייגן זיך. אין די הייַנטיקע ביטערע צייטן, ווען האַלב באַטשאַני גייט אַרום הונגעריק און דער צווייטער האַלב איז קוים זאַט. און דעם דאָך פון דער שול דאַרפט מען פאַרריכטן. און צווייטנס, פון וואַנען קאָן מען זיין זיכער, אַז אָט דער ריזיקער געלט־קרבן ט׳העלפן נישט נאָר דעם גלח... נאָר פּערעלען אויכעט?״

ר׳ לייעבעלעס שפּאַס איז גוט אויפגענומען געוואָרן פון עולם, ווייל ער איז געווען אַנגעלאָדנט מיט אַ געגוגנדיקער מאָס ביטערניש.

דאָך איז קיינער נישט אַרויסגעקומען מיט אַ מער געראָטענעם פּאַרשלאָג וואָס צו טאָן, און דער עולם האָט אָנגעהויבן צונויפזאַמלען אַ קאָפּעקע צו אַ קאָפּעקע. דער רב איז נעלם געוואָרן אין זיין פּריוואַטער שטוב און איז פון דאָרט אַרויסגעקומען אין זיין לאַנגן סאַמעטענעם טיזליק, אין ווייסע זאָקן און אין די שבתדיקע לאַטשן. אַזוי איז ער אַוועק אין די גבירישע הייזער און איז צוריקגעקומען ווען ער האָט געהאַט גענוג געלט צו דעקן די גאַנצע סומע, ביז צו דער לעצטער פּרוטה.

אַז דער רב האָט געהאַט דאָס פּאַרטיקע קניפּל, האָט ער אויפגעקנעפּלט דעם טיזליק און פון הינטערשלאַק אַרויסגענומען אַ קאָנווערט וואָס ער האָט געשיקט קויפן אין כוואָסטי, ספּעציעל פאַר דעם ציועק. אין אָט דעם קאָנווערט האָט ער פאַר אַלעמען אין די אויגן אַריינגעלייגט דאָס געלט.

דערנאָך, ווען דער זייגער איז מער ווייניקער געווען צווישן צוויי און דריי, האָט דער רב זיך אַליין מטריח געווען און איז אַריינגעגאַנגען צום גאַלן שרייבער, גאַספּאַדין פּייפּער, דעם „דיניעקאָפּ", ווי דאָס שטעטל האָט אים גערופן. נישט די שטעטלשע ייִדן און אוודאי נישט דער רב האָבן געהאַט וועלכע נישט איז מגע־ומשא מיט אָט דעם ייִדישן גוי. מען איז אָנגעקומען צו אים נאָר צוויי מאָל אַ וואָך, צווישן צוויי און דריי, אין אַ נויט, ווען מען האָט געדאַרפט שרייבן אַ ספּעציעלע פּאַדאַניע אויף גויִש. און דער רב האָט זיך טאַקע אין קיין לאַנגע ברייענישן מיטן גאַספּאַדין פּייפּער נישט אַריינגעלאָזט, אַפילו נישט קיין פּיפּס געטאָן פאַר אים וועגן דעם וואָס אין שטעטל איז געשען, נאָר געבעטן דעם גאַלן שרייבער אָנצושרייבן שוואַרץ אויף ווייס, אויף פּויליש, אַ בריוול צום גלח בזה־הלשון:

„וויעלמאַזשני גלח פון קאַשטשאַל פון אַלע הייליקע. דאָ אין דעם קאָנווערט ליגט דאָס געלט וואָס דעם וויעלמאַזשני גלחס גאַספּאַדיניע האָט באַצאָלט פאַר די מעטערס לייוונט וואָס זי האָט פאַר דעם וויעלמאַזשני גלח געקויפט ביי דער הענדלערין פון שניט־סחורה אויפן פּאַטשעיאַוו, ביי פּערלען, וועלכע שיקט דאָס געלט צוריק".

מיט אָט דעם בריוו אין דער האַנט האָט דער רב פאַרלאָזן דעם פּריטשמיעלעטן שרייבער.

אין זיין בית־דין־שטוב, אין די אויגן פון גאַנצן פאַרזאַמלטן עולם, האָט ער צוגעלייגט דעם בריוו צו דעם געלט וואָס אין דעם קאָנווערט. ער האָט אַרום־געלעקט דעם קאָנווערטס ברעג מיט דער צונג, אַוועקגעלייגט דעם קאָנווערט אויפן טיש און אים פאַרמאַכט מיט אַן אָנטשלאָסענעם קלאַפּ מיט דער פויסט. ער האָט געשיקט נאָך זיין טויב־שטומען שבת־גוי, פּעלעקן, געמאַכט אַ פּאָר משונה־דיקע באַוועגונגען צו אים מיט דער האַנט און אים אָפּגעשיקט צום גלח מיטן קאָנווערט.

פּעלעק איז צוריקגעקומען מיט אַ תשובה פון גלח — צו פּערעלען אין שטוב אַריין. די ווייבער וואָס זיינען דרינען געווען פאַרזאַמלט האָבן אים אָבער נישט געוואָלט אַריבערלאָזן איבער דער שוועל. פּערעלע האָט מער נישט געברויכט, נאָר נעמען אין דער האַנט אַ בריוו געשריבן מיט דעם גלחס האַנט. אָבער דער גוי האָט זיך איינגעעקשנט. דער גלח האָט אים געגעני געהאַט אָנגעוויזן אויף פּערעלעס הויז און מיט די הענט אָפּגעמשלט, אַז נאָר זי מיינט ער און נישט עמעצן אַנדערש. האָט דער טויב־שטומער פּעלעק, אַ ברוגזער, שוין געוואָלט צוריקטראָגן דעם בריוו אין דער פּלעבאַניע אַריין, ווי דער רב איז אים פאַרלאָפן דעם וועג און אים אויף שטום־לשון געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פּערעלע קאָן נישט לייענען קיין פּויליש, און אַז זי ליידט אויף קאַפּווייטיק און איז צו קראַנק אַליין

אַריבערצוגיין צום שרייבער און לאָזן זיך דעם בריוו איבערלייענען. וועט ער, דער רב, נעמען דעם בריוו און אים אַריינטראָגן צום שרייבער, איבערצולייענען.

פּעלעק האָט געהאַט גרויס אַפּשיי פאַרן רב און האָט אים גלייך נאָכגעגעבן. דערווייל האָט זיך געמאַכט אַ געלויף פון פּאַטשעיאָוו און די אַרומיקע הייזער. עולם האָט אַרומגערינגלט דעם רב און אים באַגלייט צום שרייבערס הויז.

דער גוואַלדיק־דערשטוינטער שרייבער האָט געלייענט:

„אין נאָמען פון דער קאָנגרעגאַציע פון דער קירך פון אַלע הייליקע, דאַנקען מיר דיר, זשידאָוועטשקע פּערלאַ, פאַר דיין שיינער מתנה. מיר וועלן דערפאַר בעטן אונדזער האַר, דעם פאַן יעזוס, פאַר אַ גיכער זבאַוויעניע פון דיין פאַרבלאָנדזשעטער נשמה, אַז דו זאָלסט גאָר שנעל דערזען דאָס ליכט פון דער אמתער רעליגיע". אונטערגעשריבן: „פּאַטער סטאַניסלאַוו".

דערהערט פון רב די איבערגעזעצטע ווערטער פון גלח האָט דער עולם זיך אָנגעכאַפּט פאַר די קעפּ. מער האָט מען נישט געדאַרפט, נאָר אַז נישט נאָר דער גלח־שד, נאָר אויך דער לעבעדיקער גלח זאָלן זיך אונטערנעמען צו פאַנגען פּערעלעס נשמה.

נאָר דער רב, וועלכער האָט שוין געהאַט באַוויזן, אַז ער האָט זיך ווייט נישט פאַרדינט די ליבשאַפט און דעם אַפּשיי מיט וועלכן דאָס שטעטל האָט אים באַשאָנקען, האָט דעם עולם נאָך מער איבערראַשט מיט דעם זיפץ פון דערלייכטערונג וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט. ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט דער בלייכער האַנט, מיט די לאַנגע, דינע פינגער.

„מיר האָבן מיר זיי אין דר'ערד!" האָט ער אויסגערופן. „מיט דעם אמתן גלחס תּפילות קאָנען זיך מיינע און אונדזערע אַלעמענס תּפילות גאַנץ גוט אַן עצה געבן!" ער האָט באַמערקט די שוויגנדיקע צעטומלטע פּנימער אַרום זיך און האָט נאָך העכער אַ הייב געטאָן דאָס קול. „ווי גאָט איז ענק ליב, רבותי!" האָט ער געפאַכעט מיט די לאַנגע אָרעמס איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע. „ווו איז ענקער אמונה? יאָ, יאָ, איין שטיין איז מיר שוין אַראָפּ פון האַרץ! אַצינדער גייטץ ווער אַריין נאָך משהלען, פּערעלעס מאַן. לאָז ער תיכף־ומיד אַריינקומען צו מיר!"

עמעץ האָט זיך אַוועקגעלאָזט נאָך משהלען און מען האָט אים אַריינגעבראַכט צום רב.

דער רב מיטן דיין האָבן זיך פאַרמאַכט מיט אים אין דער בית־דין־שטוב און אָפּגעזעסן דרינען איין שעה און נאָך איינע. דער עולם האָט זיך געדרייט פאַרן הויז, אַריינגעקוקט דורכן פענצטער, אָבער געזען האָט מען גאָרנישט — אויסער זייערע רוקנס. זיי האָבן זיך אַלע דריי געשאָקלט איבער די גרויסע צעעפנטע ספרים. און וואָס זיי האָבן דרינען, צווישן אָפּלערנען איין פּסוק און אַ צווייטן, איבערגעדרשנט צווישן זיך, איז געבליבן אַ סוד, וואָס די בעסטע

קעפּ פון באָטשאַני האָבן נישט געקאָנט צעגריזשען. מען האָט זיך געמוזט שפּייזן מיט השערות, ווייל נישט דער רב, נישט דער דיין און נישט משהלע אַליין, האָבן דערוועגן אַ פּיפּס געטאָן, נאָך דעם ווי זיי זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

אויף מאָרגן האָט זיך איבערן שטעטל פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער נס האָלט ביים געשען; אַז פּערעלע איז אַדורכגעשלאָפן די נאַכט, ברוך־השם, אָן אַ ברעקל חלום.

אויף איבער מאָרגן האָט שוין דער נס אויסגעזען ווי אַ פאַקט, און פּערעלע איז אויפגעשטאַנען פון בעט, געשיקט ליכט פאַר דער שול, אַ האַלבן קערץ קוילן פאַרן הקדש אויף ווינטער, און אַליין האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט אויפן פּאָטשעיאָוו, אין איר שניטקרעמל, ווייל זי האָט מער קיין פּרוטה אויף קיין שטיקל ברויט נישט געהאַט. זי אַליין האָט אויסגעזען בעסער ווי ווען נישט איז פריער אין איר לעבן. איר פּנים איז געווען אויסגעגלאַטיקט, אויסגערוט. אירע אויגן, פולע מיט לעבן, האָבן געשיינט ווי געשליפענע קויל־שוואַרצע דימענ־טן. זי איז געווען אַזוי גוט אויפגעלייגט, אַז די ווייבער זיינען פון אומעטום געקומען זען מיט די אייגענע אויגן וואָס דער נס האָט אָפּגעטאָן מיט פּערעלען.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז דער גלח, אויפן וועג פון דאָרף, געגעבן אַ פאַל אַריין אין פּערעלעס קלייטל, ווי אַ דונער פון בלויען הימל — כּדי איר פערזענלעך צו דאַנקען פאַר דער מתנה וואָס זי האָט אים געשיקט. די ווייבער אין די שכנותדיקע קלייטלעך האָבן שיער נישט געחלשט. אָבער פּערעלע גופא איז געבליבן רויִק, און האָט אים געענטפערט אויפן דאַנק, ווי זי וואָלט געוווינט געווען זיך אויסצוטענהן מיט אים יעדן טאָג.

„איך בין אַן אָרעמע ייִדענע, פּאַניע גלח", האָט זי געזאָגט. „אָבער כ'האָב געוואָלט מקריב זיין דאָס געלט, כּדי ענק צו ווייזן ווי שטאַרק אונדז ייִדן וויל מען לעבן בשלום מיט ענק. ווען דער פּאַן גלח 'עט האַלטן אַ קאַזאַניע אין קאָשטשאָל, טאָ לאָז ער טאַקע נישט דערמאָנען וועגן מיין געלט און מיין בריוו, ווייל אַ נדבה איז בעסער צו געבן בסוד. אָבער לאָז ער יאָ אָנזאָגן אַלע כלאָפּעס אונדז נישט קיין בייז צו טאָן".

„מיר קריסטן ווילן אייך נישט טאָן קיין בייז", האָט דער גלח איר ווייך געענטפערט. זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט אַ מיסיאָנערישן אייפער־פייערל. „פאַר אייער אייגענער טובה־וועגן, ווילן מיר, אַז איר זאָלט זיך אָנשליסן אָן דער אמתער רעליגיע, כּדי עס זאָל מער נישט זיין קיין שום באַריערע צווישן אונדז און אייך. נאָר דער אמתער גלויבן אין יעזוס קריסטוסן, אונדזער האַר, וועט אייך געבן אַ רויִק געמיט און דעם טעם פון אמתער גליקזעליקייט".

פּערעלע האָט אים נישט געענטפערט. זי וואָלט זיך געוווען אויסגעלאַכט, טיף אין זיך, פון אירע משונהדיקע נאַכט־חלומות וועגן אָט דעם סקעלעטישן קוים־

זשיפּעדיקן שאָטן פון אַ מענטש. אָבער זי האָט געוווּסט וואָס פאַר אַ כּוח ער האָט געהאַט איבער די גויים. האָט זי דרך־ארצדיק געשאָקלט צו אים מיטן קאָפּ און אונטער דער פּאַטשיילע אַרום אירע אַקסלען און בוזעם זיך צוגעגרייט אויפ־צוקנעפּלען דאָס קלייד, כּדי צו געבן די ברוסט איר עופעלע, וואָס האָט געני־מען אונטערוויינען אויף איר שויס.

דער גלח האָט געוואַרט, אפשר כּדי צו דערהערן פּערעלעס ענטפער, און אפשר גאָר צו דערזען דעם שיין פון איר ברוסט. אָבער די ייִדענע האָט געגלאָצט אויף אים אַ וואַרטנדיק־שווייגנדיקע. דאָס עופעלע האָט זיך אויף אַ רעכט צערעוועט. האָט דער גלח זיך איבערגעצלמט און איז אַרויס.

ווי אַ בליץ האָט זיך פּערעלעס ענטפער צום גלח צעטראָגן איבערן שטעטל. קינד און קייט האָט גערעדט וועגן פּערעלען, דער העלדין פון טאָג. גאַנץ באַטשאַני האָט אויפגעלעבט. מען האָט זעלטן געזען אַזוי פיל צעשמייכלטע פּנימער אין די גאַסן און אויפן מאַרקפּלאַץ ווי אָט דעם טאָג. עולם האָט פול געמאַכט די שטיבלעך, דאָס בית־מדרש און די שול פריער ווי געוויינטלעך. יעדער האָט גע־זוכט די געלעגנהייט צו באַגעגענען דעם רב, אים אָפּצוגעבן כּבוד און אים דערלאַנגען די האַנט.

שרה־לאהלע די שוחטקע איז ווידער געווען אַרומגערינגלט מיט ייִדענעס. ייִדן זיינען זיך צונויפגעקומען אין דער קיך ביי איר און האָבן זיך אויך צוגעהערט צו איר דרשענען. שרה־לאהלעס קול איז געוואָרן נאָך „מאַראַלישער" און אירע מעשׂיות האָבן באַקומען נאָך אַ טיפערן באַטייט. בכלל איז באַטשאַני נאָך אָט דער געשעעניש געוואָרן נאָך גאַטספאַרכטיקער, און אויך האַפּערדיקער. דער אַלמעכטיקער האָט געגעבן אַ סימן צום גוטן.

נאָר איין זאָרג איז געבליבן איינגעגעסן אין די געמיטער פון די שטעטלשע ייִדן: טאָמער קומט דער שד ווידער צוריק און נעמט זיך צום שטעטל, באַניצנדיק אַ נאָך מער קאָמפּליצירטע סטראַטעגיע?

4

דערווייל איז בינהלע געווען פריי ווי אַ פויגל. בכלל איז זי נאָך קיין מאָל נישט געווען אַזוי גליקלעך, ווי זינט זי האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביי שרה־לאהלען דער שוחטקע. קיינער האָט איר נישט נאָכגעקוקט און זי האָט געקאָנט גיין און קומען ווו איר האַרץ האָט געגלוסט. יאָסעלע און די גוטע שכנות פון געסל האָבן זיך פולשטענדיק פאַרלאָזט אויף שרה־לאהלען.

איז טאָקע בינהלע נאָך אָפטער געלאָפן צו דער יאַנקאָווע.

אָפט מאָל האָט זי צונויפגעזאַמלט די שיקסלעך אויף דער פּאַלאַנע און האָט זיי מיט אַ פליסטער איבערדערציילט די מעשׂיות וועגן גיהנום. זי האָט נאָכגע־

מאַכט שרה־לאַהלעס „מאַראַלישן" טאָן, בעת זי האָט באַשריבן דעם אויסזען פון אַשמדאי, דעם מלאך־המוות, און פון ליליתן, דער מלכּה פון די שדיכעס, און דעם אויסזען פון די שדים און שדיכעס גופא. וואָס זי האָט נישט געדענקט, האָט זי צוגעפּוצט מיט אייגענע ווערטער און זי האָט זיך אַרויסגעהאָלפן מיט די סצענעס וואָס זי האָט צוגעזען ביים שוחט אויפן הויף, נאָר דעם אָרט פון די עופות האָבן אין אירע באַשרייבונגען פאַרנומען זינדיקע מענטשן.

בעת־מעשה האָט זי מלא־שטוינען געפּאָרשט די פּנימער פון די שיקסלעך און יעדער מאָל איז זי איבערראַשט געוואָרן פון דעם איינדרוק וואָס זי האָט געמאַכט אויף זיי. די שיקסלעך האָבן פאַרגאַפטע געשלונגען אירע רייד, אפשר נאָך גיריקער ווי די ווייבער ביי שרה־לאַהלען. צווישן אַ יאָ און אַ ניין, האָבן טרערענעס ווי באַב געגומען קאַפּען פון זייערע אויגן. זיי האָבן זיך יעדער רגע איבערגעצלמט און געפּליסטערט מיט גייוועדיקע לעפצן: „אַלאַ באַגאַ! יעזושענקו קאָכאַני!"

טייל מאָל האָבן זיי געפּרוווט זיך איר אָפּדינען און זי סטראַשען מיט זייערע מעשׂיות וועגן בעלזעבוב און ווילקאַלאַקעס, אָבער צום אָפּטסטן האָבן זיי זיך אויפגעריסן פון די ערטער מיט אַן אימהדיק געשריי און זיינען גאָר אין גאַנצן אַנטלאָפן. דעמאָלט איז שוין בינהלען דער גאַנצער ענין אויסגעקומען קאָמיש, הגם עס האָט זיך איר נישט געגלוסט צו לאַכן. זי האָט געוווּסט, אַז איר פריינדשאַפט מיט די שיקסלעך איז דערמיט נישט צעשטערט געוואָרן, נאָר פאַרקערט — אַז זיי האָבן באַקומען נאָך מער דרך־ארץ פאַר איר נאָך יעדן אַנטלויפן, און אַז ביי דער נאָענטסטער באַגעגעניש וועלן זיי זי ווידער בעטן זי זאָל דערציילן „סטראַשנע" מעשׂיות. — אָבער זי האָט זיי נישט געקאָנט פאַרשטיין. דערפאַר האָט זיך איר נישט געגלוסט צו לאַכן.

אַזוי האָט זי ביסלעכווייז גענומען איינזען, אַז זי איז געקומען אויף דער וועלט מיט אַ מום. ס'איז איר אויסגעקומען, אַז זי האָט פאַרמאָגט אַן אייגענעם מין אימה, וואָס קיינער אין דער וועלט האָט נישט געטיילט מיט איר. און אַז דעם מין אימה וואָס אַלע, סיי ייִדן, סיי גויים און אַפילו שיקסלעך האָבן פאַרמאָגט — האָט זי נישט פאַרמאָגט. איר אָרט אימה, דאָס פּלוצעמדיקע פלאַטערן פון הארץ, די ציטערניש, דאָס אומפאַרשטענדלעכע נאָגעניש, וואָס האָט זיך אפשר אָנגעקערט מיט איר אויסנעמלעכן, איינזאַמען קומען אויף דער וועלט, איז געווען אַזוי טיף איינגעגראָבן אין איר, אַזוי נישט־באַגרייפלעך און נישט־דערקלערלעך — אַז זי האָט דאָס גאָרנישט אָנגערופן אימה. און ס'איז איר אויסגעקומען, אַז אויב עס האָבן זי נישט געשראָקן די זאַכן וואָס האָבן געשראָקן אַנדערע — האָט זי אייגנטלעך נישט געוווּסט וואָס אימה איז.

זי האָט זיך געפּרוווט אויסמאָלן, אַז זי האָט יאָ מורא פאַר די זאַכן וואָס אַנדערע מענטשן האָבן מורא געהאַט. זי האָט געפּרוווט טראַכטן וועגן איר טאַטנס

טויט, איז דאָס איר אויסגעקומען אַן אוממעגלעכקייט. דער טאַטע איז געווען אייביק, פּונקט ווי גאָט. האָט זי געפּרוווט טראַכטן וועגן איר אייגענעם טויט, איז דאָס איר אויסגעקומען נאָך אוממעגלעכער. האָט זי געטראַכט וועגן די ערגסטע שמיץ וואָס דער טאַטע איז בכוח געווען איר צו דערלאַנגען; צי וועגן אַ טאָג ווען זי וועט גאַרנישט, טאַקע גאַרנישט האָבן צו נעמען אין מויל אַריין. האָט דאָס איר אויך נישט אויסגעזען אימהדיק. דער טאַטע וואָלט דאָך אַ מאָל געמוזט אויפהערן שמייסן, כאָטשבי ווייל די האַנט וואָלט אים אָנגעהויבן וויי צו טאָן. און אויב עס וואָלט זיך געמאַכט אַ טאָג, ווען זי וואָלט אפילו אַ כזיתל עסן נישט געהאַט צו נעמען אין מויל — וואָלט זי דאָך געקאָנט זיך פאַרגנבענען אויף עמעצנס אַ פעלד און אַרויסציען אַ מערל, צי אַ בוריקל פון דער ערד. אפילו ווינטער, ווען אַלץ איז פאַרדעקט מיט שניי — האָט זי געקאָנט זוכן אין מיסט אויפן פּאַטשעיאָוו, צי זיך פאַרגנבענען אין אַ שטאַל, צי אַ סטאַדאָלע און זיך נעמען אַ זשמעניע האָבער. צי זי האָט, אין ערגסטן פאַל, זיך געקאָנט אָנפּאַקן מיט קאַלך און קרייד ביים טאַטן אין קרעמל.

דערפאַר האָט זי זיך אַזוי איינגעקוקט אין די פּנימער פון די שיקסלעך, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו איר. זי האָט אויך געפּרוווט גוט באַטראַכטן די פּנימער פון שרה־לאהלעס צוהערערינס, און גובר געווען דעם חשק צום לאַכן — אפשר וועט זי אויף דעם אופן אויסגעפינען וואָס זייער אימה איז דאָס אַזעלכעס. אָבער ווייט איז זי דערמיט נישט דערגאַנגען.

פּרייטיק ביי נאַכט, ווען זי איז איבערגעשלאָפן אין דער היים, זיינען די שוועסטער צוגעשטאַנען צו איר — דער יינגסטער פון זיי — אַז זי זאָל זיי אַרויספירן אין אַפּטריט אַריין. ווייל זי האָט נישט מורא געהאַט פאַר די נעכט, נישט די זומערדיקע, נישט די ווינטערדיקע; נישט מורא געהאַט פאַר די שדים און נישט פאַר די מייז און שטשאַרעס, די קעץ און הינט. בינהלע האָט דעמאָלט געפּרוווט נאָכמאַכן די שוועסטערס אימהדיקע פּישטשען. אפשר וועט זי אַזוי אַרום איבערנעמען זייער פּחד. נאָר באַלד איז זי באַפאַלן אַ חשק זיך צו לאָזן ווילגיין אויף די שוועסטערס חשבון און זי האָט גענומען אַרויסגעבן וויענדיקע קולות, עלעהיי זי וואָלט געווען אַ נישט־גוטע, צי אַ חיה־רעה.

די שוועסטער האָבן געצאַפּלט און זי געקנייפּט: „ד'הערסט אויף, מאַרזעפּע, צי נישט?"

„ס'איז נישט איך!" האָט בינהלע געכיכיקעט. „ס'איז בערעלע דער לבנה־קריכער!" געמיינט האָט זי בערעלען, בראָנטשעלע דער קרעכצעריגס בחור, וועל־כער איז געווען אַ מטורף און האָט אַרומגעוואַנדערט דרויסן אין די לבנה־נעכט.

אין קאַלטע, רעגנדיקע אָוונטן, האָט בינהלע זיך געפּרוווט אויסמאָלן ווי די נשמה פון קיילעלען דער כלה באַפאַלט זי פון הינטן, אויפן וועג אַהיים פון שוחטס הויז — און הייבט זי אָן שטיקן מיט גליטשיק־נאַסע, אייז־קאַלטע

הענט. — „קום צום סטאַוו... קום צום סטאַוו...״ האָט בינהלע געפּרעפּלט צו זיך און זיך געפּרוּווט פאַרשטעלן, אַז דאָס איז נישט איר אייגן קול, נאָר דאָס קול פון דער משוגענער נשמה. אָבער צוליב דעם איז בינהלען נישט געוואָרן נאָך קעלטער ווי עס איז איר סיי ווי געווען אין דער גליטשיקער גאַס, אין די שיך מיט אָפענע זוילן, אין דעם געלעכערטן קאַפּטאַן וואָס זי האָט געטראָגן. צווייטנס, האָבן אַלע געזאָגט, אַז קיילעלעס נשמה זיצט שוין אין איר, אין בינהלען, פון לאַנג. טאָ וואָס האָט זי דאָ געהאַט מורא צו האָבן?

זונטיק צי אין די חגאות אין דער פרי זיינען אַלע קרעמלעך אויפן פּאַטשעיאַוו געווען פאַרהאַמערט, די ייִדישע הייזער פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער, די לאָדנס פאַרקרייצט מיט שטעקנס און פּרענטעס — און די ייִדן זיינען געזעסן אין די כאַלופּעס אין איין ציטערניש: „טאָמער... ווער ווייסט וואָס?״ די גאָר קליינע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין די שטובן און נאָר די דרייסטע, גאָר־בייגעריקע חדר־ייִנגלעך האָבן אַרויסגעבליקט אין גאָס דורך די שפּאַרעס אין די פּלויטן און מיט אימה געהאַלטן אין איין אויסשפּייען און זאָגן קריאת־שמע.

ווען עס האָט זיך געמאַכט די סומאַטאָכע אין שטעטל מיט דעם גלח־שד, איז בינהלען איינגעפאַלן זיך אויסצופּרוּוון און זען, צי זי וועט מורא האָבן אַרויסצוגיין דרויסן אין אַ זונטיק. זי איז נייגעריק געווען אויף דעם גלח אויך. זי האָט אים אַ סך מאָל געהאַט באַמערקט סיי פון דער ווייטן, סיי פון דער נאָענט. אָבער ער האָט קיין מאָל פריער נישט צוגעצויגן איר אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אויסגעזען ווי יעדער אַלטער מאַן, פון וועמען עס טראָגט זיך דער ריח פון לאַנגווייל. אָבער אַציִנד האָט זי געברענט מיט אומגעדולד אים גוט אָנצוקוקן.

אַזוי האָט זי זיך אַ זונטיקדיקן אינדערפרי אַרויסגעגנבעט פון שרה־לאהלעס כאַלופּע, היננטן אַרום. געווען איז דאָס יענעם זונטיק ווען שרה־לאהלע איז געלעגן אין בעט, אויף די הויכע קישנס, אונטערן איבערבעט פון געגנדזענע פעדערן און דאָס הויז איז געווען פול מיט ווייבער, וועלכע האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן און זיינען אַריבערגעקומען אַהער אַכטונג געבן אויף שרה־לאהלען און זי באַדינען ווי אַ פאַרשלאָפטע מלכה. אין בינהלען האָט זיך שרה־לאהלע נישט געבייטיקט. און אַזוי ווי קיינער האָט בינהלען נישט באַמערקט ווען זי איז דאָ געווען, אַזוי האָט קיינער נישט באַמערקט ווען זי איז נעלם געוואָרן.

דורך די הייף און הינטערגעסלעך איז בינהלע אַרויסגעקומען אויף דער אַנדערער זייט פון מאַרקפּלאַץ, לעבן דער פלעבאַניע. דאָרט האָט זי געגומען פראַנק און פריי אַרומשמייען צווישן דעם זונטיקדיק־אויסגעפּוצטן המון פויערים וואָס האָבן געשטראָמט אין קאָשטשאָל אַריין.

מיט קינאה האָט זי באַוווּנדערט די בונטיקע טראַכטן פון די כאַרמיידלעך,

וואָס צווישן זיי האָט וואַנדע, דעם פּייער־קאָמענדאַנטס, וואַצלאַוו ספּאַקויניס טאָכ־טער, אַ שטאָלצע געשפּרייזט און געוויגט מיט די רונדיקע היפּטן. איר קול, ווי דער קלאַנג פון אַ פליים, זויבער און זיס, האָט זיך געהערט איבער אַלעמענס שטימעס. בינהלעס מויל איז פול געוואָרן מיט סלינע ווען זי האָט באַטראַכט די יונגע פּויערטעס אויסגעקליידט אין אַרומגעהאָפּטענע סאַמעטענע קאַפּטאַנדלעך, באַצירט מיט קאָלירטע סטענגעס, פּאַטשערקעס, קליפּערלעך און פליטערלעך. זי האָט נאָכגעקוקט די קלויסטער־זינגערלעך אין די ווייסע לייוונטשירצן באַ־זוימטע מיט קאַראַנקעס. אַפילו די נאָנעס פון שטעטלשן קלויסטער האָט זי נאָכ־געקוקט און באַוווּנדערט, הגם זיי האָבן געטראָגן נישט מער ווי שוואַרצע „ליי־לעכער״ פון דרויסן און ווייסע פון אינעווייניק. די שוואַרצע ליילעכער האָבן אַראָפּגעפלאַטערט פון זייערע אַקסלען ווי פליגל, עלעהיי זיי וואָלטן געווען שוואַרצע באַטשאַנעס מיט ווייסע פאַרשפּיצטע קופּקעס אויף די קעפּ.

בינהלע האָט דערזען דעם גלח. אויך ער האָט געטראָגן אַ ווייסע שירץ געדיכט אַרומגעהאַנגען מיט קאַראַנקעס, מיט אַ גרויסן צלם אויפן בוזעם. ער האָט פּאַמעלעך געטרעטן, מיט די הענט צונויפגעלייגט איבערן צלם. זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט. די ליפּן זיינען געווען דאָס איינציק טונקעלע אין זיין גאַנצער געשטאַלט. דעם קאָליר פונעם צלם אויף זיין בוזעם האָבן זיי געהאַט. די רעשט פון אים איז געווען אָדער ווייס, אָדער זילבערדיק. זיינע בגדים — ווייס ווי קרייד; דאָס פּנים, דער קאָפּ און די הענט — ווייס ווי שמוציקער וואַסערדיקער קאַלך. זיין גאָלער קאָפּ איז געווען אַרומגעזיימט מיט אַ קרענצל זילבערנע האָר אַרום דער טאָנסורע. און אויך זיינע אויגן זיינען געווען ווי זילבערדיק. דערצו איז ער געווען אַ הויכער און אַ דינער. איז ער בינהלען אויסגעקומען ווי עפּעס אַ מלכותדיקער מת, אַ טויטער מלך, וואָס שפּאַנט פּאַמעלעך אַריין אין זיין פּאַלאַץ, באַגלייט פון רוחות אין ווייסן — זיין סוויטע. יאָ, דער קאָשטשאָל איז איר אויסגעקומען ווי אַ קאַלך־ווייסער פּאַלאַץ באַצירט מיט גאָלדענעם שפּינוועבס — ווי זי האָט אַצינד אים געזען זיך שפּיגלען אין דער זון מיט די באַגילדטע קופּער־טורעמלעך.

בינהלע האָט בשום־אופן נישט געקאָנט צונויפּפּאָרן אָט דעם קאַלך־בלייכן ווייסן מלך־גלח־מת מיט דער היימישער לעבעדיק־צעפּלאָפּלטער פּערעלען דעם שוחטס. ווי האָט אָט דער געקאָנט אַריינטרעפן אין פּערעלעס חלום אַריין, נישט איין מאָל, נאָר יעדער נאַכט? זי האָט נישט געגלייבט, אַז אַ שד וואָלט איינגע־פאַלן זיך אויסצוקליידן אין אָט דעם ווייסן מלכס אויסזען, אַפילו כדי אָפּצוטאָן אַ שפּיצל. ווי וואָלט אַ שד דאָס געקאָנט אויסהאַלטן, צו זיין אַזוי שטייף און ערנצט? שדים זיינען דאָך געווען גרעסערע בראַדיאַגעס און פריילעך־מאַכערס ווי מענטשן. און אַזוי איז בינהלע געקומען צום אויספיר, אַז דער וועמען פּערעלע האָט געזען אין איר בעט ביי נאַכט איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי משהלע,

פערעלעס אייגענער מאַן, וועלכער האָט ביי נאַכט געטראָגן אַ ווייס נאַכטהעמד פונקט אַזאַ ווי דעם גלחס ווייסע שירץ. און פון דעם איז געווען געדרונגען, אַז נישט נאָר פערעלע איז פאַרנאַרט געוואָרן, נאָר דאָס גאַנצע שטעטל באַטשאַני, מיטן רב אַריינגערעכנט.

בינהלע האָט זיך אַזוי לאַנג איינגעקוקט אין גלח, ביז איר איז איינגעפאַלן, אַז פון אַזאַ שירץ ווי דער גלח, צי ווי די קירך־ייִנגלעך האָבן געטראָגן, וואָלט זי זיך געקאָנט צונויפשטעכן אַ שיין קליידל אויף אויסצופוצן זיך אום שבת.

פאַמעלעך האָט זי זיך גענומען מיטרוקן מיט דער מחנה. זי האָט זיך איינגע־האָרכט אין געזאַנג און געשמייכלט צום געקרייציקטן אויפן צלם. ער איז איר אויסגעקומען היימיש, ווי אַ קאָפּיע פון אַבעלען דעם שטאָטנאָר. און זי האָט ווידער נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס די שטעטלשע ייִדן האָבן מורא געהאַט פאַר אַט דעם יוזל — סיידן זיי זיינען טאַקע אַלע געווען נאַראָנים. דערווייל האָט זיך בינהלע מער און מער אַריינגעשטופּט אין סאַמע מיטן פון פויערישן המון. מיט אַ מאָל האָט זי דערזען יאַדווישען און האָט זיך צוגעשטופּט צו איר.

„זעסט שיין אויס", האָט זי אַ פּליסטער געטאָן אויף יאַדווישעס אויער.

יאַדווישע האָט זיך פאַרקרימט: „כ'קאָן נישט אָטעמען. ס'קלייד איז פון דער ערשטער קאָמוניע. אַז כ'על שטאַרק אָטעמען ט'עס פּלאַצן".

„הלוואי וואָלט איך געהאַט אַזאַ קליידל אויף שבת!" איז בינהלעס קינאה נישט קלענער געוואָרן.

„הלוואי וואָלט איך געהאַט אַ שענער קליידל אויף זונטיק!" האָט יאַדווישע געכיכיקעט.

בינהלעס דאָ־זיין לעבן איר האָט איר ניט אויסגעזען צו האָבן איבעראַשט. זי האָט אָנגענומען בינהלען פאַר דער האַנט און אַזוי האָט זיך בינהלע צוזאַמען מיט איר אַריינגעשלייכט אין דער קירך. אַוודאי האָט זי, בינהלע, געוווּסט, אַז דאָס וואָס זי טוט איז אַן אומדערהערטע עבירה; אַז דער טאַטע, יאָסעלע, וואָלט אָדער אַליין אָוועקגעחלשט, אָדער ער וואָלט זי דערהרגעט צום טויט — ווען ער זאָל זיך דערוויסן וואָס זי טוט. אָבער גראָד דערפאַר איז דאָס זיין דאָ געווען אַזוי אינטריגירנדיק, אַזוי אָטעם־פאַרכאַפּנדיק.

דאָ, אינעווייניק אין דער טומאה, האָט אַלץ אויסגעזען נישט געוויינטלעך, ווי נישט־אמתדיק. אין דער טיף פון דעם גרויסן זאַל איז געשטאַנען אַן אויס־געפּוצטער אַלטאַר, באַשטעלט מיט בלומען, מיט צעפינקלטע זילבער־געפעסער. פון איבער דעם אַלטאַר האָט אַראָפּגעקוקט פון צלם אַ באַגילדעטער הילצערנער יעזוס, אין אַ גאָלדיק־הילצערנער דערנערקרוין. צו דער זייט פון אַלטאַר איז געשטאַנען אַ וואַקסענע ווייַנענדיקע מאַטקע־באָסקע מיטן קליינעם יעזוס אין די אָרעמס. אירע גלאַזיקע טרערן האָבן געשימערט און ס'האָט געשימערט איר

קאַפּטוך מיט די באַזילבערטע פּראַנדזן און ס׳האָבן געשימערט די פאַלדן פון איר לאַנג, אַפּגעמאָלן בלוי־מלכותדיק קלייד.

בינהלע האָט זיך לאַנג אײַנגעקוקט אין דער מאַטקע־באַסקע. וואָס פאַר אַ שיינע מאַמע זי איז דאָס געווען! ווי שיין איז געווען איר טרויעריק פּנים! בינהלע האָט געוווּסט פון יאַדווישען וואָס פאַר אַ יסורים די מאַטקע־באַסקע האָט געהאַט אין איר לעבן. ווי זי האָט געוויינט און געקלאָגט ווען מען האָט איר זון יעזוסן צוגעקלאַפּט מיט נעגל צום צלם.

„מאַמעשי...״ האָט עפּעס אַ כליפּ געטאָן אין בינהלעס האַרצן. „ווי אַזוי האָסטע אויסגעזען? ביסטע געווען אַזאַ גוטע, שיינע מאַמע ווי די מאַטקע־באַסקע? אַז דו ביסט ערגעץ דאָ אין הימל, ביסטע נאָך ברוגז אויף מיר וואָס איך האָב דיר אָפּגעטאָן אַזעלכע צרות און כ׳האָב דיך דערהרגעט? כ׳ווייס, אַז איך בין אַ מאַרזעפּע און אַ שלעכטע מויד... אָבער כ׳בין נאָך אַלץ בעסער פון יעזוסן. ער האָט געוווּסט, אַז ער ׳עט צעברעכן זיין מאַמעס האַרץ... און איך בין נאָך געווען צו קליין צו וויסן, אַז כ׳טו דיר ווײ... מאַמעשי, ד׳זעסט דאָך פון הימל, אַז איך גיב מיר גוט אַן עצה און אַז איך ׳על מיך קיין מאָל נישט לאָזן צוקלאַפּן צו אַ צלם...״

בינהלע האָט דערפילט ווי די אויגן נעמען איר איבערגיין און זי האָט גיך אָפּגעוואַנדן דעם בליק פון דער מאַטקע־באַסקע און אים אַריבערגעטראָגן אויף די אַנדערע הייליקע, וועלכע האָבן מיט פאַרגלאַצטע אויגן און פאַרריסענע קעפּ צום הימל אַרויסגעקוקט פון פערלמוטערנע ראַמען אין די זייטיקע נישעס.

פון אויבן, אַרום דעם הויך־געוועלבטן סופיט דעם אויסגעווייסטן מיט קאַלך און באַמאָלענעם מיט פליענדיקע מלאכים, האָט די זון זיך אַדורכגעפּיל־טערט מיט רעגן־בויגן־קאָלירן דורך די פאַרביקע וויטראַזשן־פענצטער. סנאָפּעס שטראַלן, צעגאָלדיקטע, צעציטערטע זיינען געפאַלן אויפן קאָפּ פון יעזוסן ווי זיי וואָלטן געווען אַ פאַרלענגערונג פון זיין דערנערקרוין. — און אונטן, אַרום די ווענט, אַרום און אַרום, האָבן געפינטלט הונדערטער אָנגעצונדענע ליכט, וואָס צווישן זיי איז געזעסן דער פאַרביק־אויסגעפּוצטער המון און האָט געזונגען. דערנאָך האָט זיך דער אָרגל צעשפּילט. שפּעטער האָט בינהלע אַנידערגעקניט מיטן המון און זיך געצלמט פונקט ווי אַלע.

דאָ האָט זי זיך פּלוצעם געפונען האַרט לעבן גלח. ער האָט איר, פונקט ווי יעדן איינעם, אַרויפגעלייגט אַן אָפּלאַטעק אויף דער צונג און זי געבענטשט. איצט האָט זי אים גוט אָנגעקוקט. די קנייטשנבנעץ אויף זיין ווייסן פּנים איז איר אויסגעקומען ווי אַ מין מאַסקע און זי איז געווען נייגעריק ווי ער האָט אויס־געזען אונטער דער מאַסקע.

די גאַנצע צייט וואָס די פייערלעכקייטן אין דער קירך זיינען אָנגעגאַנגען, האָט בינהלע נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דעם ייִדישן גאָט דרויסן, אין

שטעטל — דעם טאטנס גאט, שרה־לאהלע דער שוחטקעס גאט. ס'האט איר הנאה געטאן וואס זי איז דא געווען. זי האט דעם שטעטלשן גאט אפגעטאן א שפיצל, געשפילט אין א בלינץ מיט אים, זיך באהאלטן אין אן ארט ווו עס וועט אים אין זיין לעבן נישט איינפאלן זי צו זוכן. אבער אין אט דער להכעיסדיקער הנאה איז אויך געווען פארמישט א שפארער טראפן פון יאוש, פון ביטערקייט. דער שטעטלשער גאט האט זי דען געזוכט? זיך געקימערט וועגן איר? האט ער איבער הויפט געהאט אן אנונג, אז זי איז פאראן געווען אויף דער וועלט? אפשר האט ער זיך יא געקימערט וועגן דעם טאטן, די שוועסטער מיטן ברודער, וועגן די ווייבער און די ייִדן פון שטעטל. זיי האבן דאך שטענדיק גערעדט צו אים און וועגן אים, ווי ער וואלט זיך געחברט מיט יעדן פון זיי באזונדער. אבער מיט איר האט ער זיך זיכער נישט געחברט, קיין מאל זיך צו איר נישט אפגערופן, אפילו דעם מינדסטן צייכן איר נישט געגעבן, אז ער קען זי.

זי האט אפילו אנומלטן געפרעגט איר ברודער הערשעלען דערוועגן. „אז דו רעדסט צום רבונו־של־עולם, הערט ער דיך?" האט זי געפרעגט.

האט ער איר געענטפערט: „אוודאי, וואס דען?"

האט זי ווייטער געפרעגט: „פון וואנען ווייסטע? ער ענטפערט דיר?"

האט ער געענטפערט: „אוודאי, וואס דען?"

האט זי געפרעגט: „וואסארא קול האט ער?"

האט ער געענטפערט: „ער האט נישט קיין קול. ער רעדט צו מיר מיט מיין אייגן הארץ".

„ווי אזוי רעדט אן אייגן הארץ?" האט זי נישט פארשטאנען. „א הארץ האט דען א מויל? ס'קאן דען רעדן?"

האט ער איר דערקלערט: „קיין מויל האט עס נישט, אבער רעדן קאן עס. אז מען איז אליין און מען טראכט אין קאפ ווערטער צו רעדן מיטן רבונו־של־עולם, גייען זיי אדורך דורכן הארץ און מען קאן דורכן הארץ הערן ווי דער רבונו־של־עולם ענטפערט, כאטש דאס הארץ האט קיין אויערן אויכעט נישט".

האט זי טאקע א פאר מאל געפרווט רעדן צו גאט דורך איר הארץ און ער האט איר קיין וואָרט נישט געענטפערט. דערפאר איז ער נישט געווען איר גאט, און זי האט זיך געמעגט אויפפירן ווי ער וואלט בכלל נישט געווען אויף דער וועלט.

און אט דער גוייִשער גאט אין דער „טימע" איז אויך נישט געווען אירער. ער האט געהערט צו יאדווישען און איר משפחה, צו די פויערים אין די דערפער. און הגם די מאטקע־באסקע איז געווען אזא שיינע — איז זי געווען א פרעמדע מאמע, נישט אירע. זי, בינהלע, האט מיט איר הארץ דעם גוייִשן גאט אויך נישט געהערט. דערפאר האט זי קיין שום גאט נישט געהאט, פונקט ווי זי האט

נישט געהאַט קיין שום מאַמען. און נישט צוליב גאָט איז זי אייגנטלעך געקומען אין דעם קאַשטשאָל אַריין, נאָר צוליב נייגעריקייט, צוליב איר אייגענעם פאַר־געניגן. און זי וועט קומען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. ווייל דאָ איז געווען שיין. ס'האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג. און דאָ האָט זי קיינער נישט געשטופּט און געשטורכעט: „דאָ שטיי נישט און דאָ גיי נישט!" ווי אין דער ווייבערשול, דער שול וואָס איר אייגענער זיידע און די פעטערס מיטן טאַטן האָבן געבויט. דאָ האָט מען זי געלאָזט אַלץ זען און זיצן מיט וועמען איר האָט געגלוסט.

אָבער נאָך דעם ווי זי האָט זיך אָנגעזען און אָנגעהערט, האָט זי זיך אָנגע־הויבן צו לאַנגווייליקן. און דאָ האָט דער גלח זיך באַוויזן אויפן באַלקאָנדל צו דער זייט און יאַדווישע האָט בינהלען אַ צי געטאָן פאַר דער האַנט.

„קום אַרויס... אַז דער אַלטער הייבט אָן די קאַזאַניע", האָט יאַדווישע געפּליסטערט, „שלאָף איך באַלד איין".

זיי האָבן זיך אַרויסגעשלייכט אויפן קאַשטשאָלהויף ווו אַ פּאָר שיקסלעך און שקצימלעך האָבן זיך אַרומגעשפּילט. בינהלע האָט זיך בגנבה אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און אַ פּיר געטאָן יאַדווישען אין אַ ווינקל צווישן די קאַשטשאָל־מויערן. טאָמער דערזעט זי עמעץ און וועט דערציילן דעם טאַטן. קיין קלעפּ צו באַקומען פון טאַטן איז איר נישט געגאַנגען אין לעבן, געהרגעט צו ווערן פון אים, אַוודאי נישט. אַוודאי האָט זי געוווסט, אַז קיין גרויסע סכנה, אַז מען זאָל זי דערשנאַפּן פון דער ווייטן איז נישט געווען. אויב האָט עמעץ אַהערגעקוקט דורך די שפּאַרעס אין די פּלויטן, האָט ער סיי ווי נישט געקאָנט אונטערשיידן איר געלב־בלאָנדן קאָפּ צווישן די קעפּ פון די אַנדערע קינדער וואָס האָבן זיך דאָ אַרומגעשפּילט. אָבער אין איר הולך, אין די גרויע, אָפּגעטראָגענע טראַנטעס, איז זי געווען דער טונקלסטער פּונקט וואָס האָט זיך באַוועגט אויפן ליכטיקן קירכהויף. דערפאַר איז בעסער געווען זיך צו באַהאַלטן אין אַ שאָטנדיק ווינקל.

צווייטנס, האָט זי געוואָלט יאַדווישען עפּעס דערציילן. זי האָט פאַרוואָרפן דעם אָרעם אַרום יאַדווישעס נאַקן און מיט אַ פּליסטער אַ פרעג געטאָן אויף איר אויער: „דער... דער גלח... ער האָט אָן אייגענע שטוב און אַ בעט?"

יאַדווישע האָט זי אָנגעקוקט דערשטוינט. „אַט איז דאָך זיין שטוב. די פּלעבאַניע". האָט זי אַ ווייז געטאָן מיט דער גאָמבע.

„און ער האָט אַ ווייב מיט קינדער?"

יאַדווישע האָט באַלערנדיק אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ: „אַ גלח האָט נישט קיין ווייב. אַ גלח האָט אַ גאָספּאָדיניע און נישט קיין איין קינד".

„טאָ ווייס איך שוין עפּעס וועגן גלח וואָס דו ווייסט נישט", האָט בינהלע שטאָלץ ווייטער געפּליסטערט אויף יאַדווישעס אויער.

„וואָס ווייסטו?" איז יאַדווישע נייגעריק געוואָרן.

„כ'ווייס, אַז ער שלאָפט נישט קיין איין נאַכט אין זיין אייגן בעט ביי דער גאַספּאַדיניע".

בינהלע האָט פאַרשוויגן דעם פאַקט, אַז דאָס איז נאָר בלויז געווען אַזוי אין פּערעלעס חלום, און הגם זי האָט געהאַט אירע אויספירן וואָס שייך דער גאַנצער מעשׂה מיטן גלח, האָט יאַדווישע אויך וועגן דעם נישט געמוזט וויסן.

„ווו דען שלאָפט ער?" האָט יאַדווישע אַנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר גרויסע אויגן.

„ער שלאָפט מיט פּערעלען, דעם שוחטס טאָכטער, וואָס האָט אַ שניטקרעמל אויפן פּאַטשעיאָוו".

יאַדווישע האָט אַזש איינגעצויגן דעם אָטעם און אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן קלאַנג. „דו מאַכסט חוזק פון מיר", האָט זי גענומען פאַרשן בינהלעס פּנים.

„כ'זאָל אַזוי געזונט זיין, אַז נישט!" האָט בינהלע ענערגיש געדרייט מיטן קאָפּ.

„פון וואַנען ווייסטו, אַז דער גלח שלאָפט מיט איר?"

בינהלע האָט דערציילט יאַדווישען פון וואַנען זי האָט געוווּסט און יאַדווישע האָט אַזש אַ כאַפּ געטאָן די הענט צו די באַקן. דערנאָך האָט זי זיך איבערגעצלמט און אויסגערופן: „יעזוס מאַריאַ!" און זי האָט ערשט אָנגעהויבן צו באַשיטן בינהלען מיט פראַגעס.

בינהלע האָט געהאַלטן, אַז ס'איז בעסער געווען צו האַלטן יאַדווישען אין שפּאַנונג און נישט אַלץ אויסדערציילן אויף אַ מאָל. זי האָט אַ פאָכע געטאָן צו דער חברטע. „איצט מוז איך לויפן!"

הינטן אַרום האָט זי זיך אַוועקגעשלייכט פון דער קירך. עס האָט זי נאָך נישט געגלוסט צוריקצוגיין צו שרה־לאהלען אין דער כאַלופּע, און נישט אַהיימ־צוגיין צו זיך, האָט זי דורכן טויער וואָס איז געווען לייכט צוזאַמענגעבונדן מיט אַ דרעטל זיך אַריינבאַקומען אויפן הויף פון פּאַטשעיאָוו און איז צו צו אַבעלע־נאַרס קעמערל.

אַבעלע־נאַר איז אַ האַלב־נאַקעטער געלעגן אויף זיין שטרויזעקל וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ באַרג מיסט אויף דער ערד, און איז געווען פאַרנומען מיטן אויסלויזן זיין געלעכערטן שפּאַנצער. דערזען בינהלען, האָבן זיינע אויגן וואַרעם אַ פינטל געטאָן און דער צוגעקלעפּטער שמייכל אויף זיין תּמעוואַטן פּנים איז ברייטער געוואָרן. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט לעבן אים און אים אַנגע־נומען ביי די אָרעמס.

„גיב זיי נאָר אַ צעשפּרייט, אָט אַזוי..." האָט זי אים געוויזן.

אַבעלע האָט זי געפאָלגט און צעשפּרייט די אָרעמס צו דער זייט. זי האָט גענומען זיין קאָפּ צווישן אירע הענט און אים פאַרבויגן צו זיין אַקסל.

„אָט אַזוי?" האָט אַבעלע איבערגעפרעגט.

„ניין!" האָט זי געדרייט מיטן קאָפּ. „שטעל דיך אויף!"

האָט אַבעלע זיך אויפגעשטעלט און געבליבן אַ געבויגענער. ער איז געווען אַ גאָר הויכער און דער באַלקן פון קעמערל איז געווען גאָר נידעריק. האָט זי אים צוגעשטופּט צו דער אָפענער טיר פון קעמערל און אים אַוועקגעשטעלט מיט דער פּלייצע צו די טירברעטער.

„אָט אַזוי!" האָט זי קאָמאַנדעוועט. „אַצינדער שטעל דיר פּאַר, אַז ד׳ביסט... אַז ד׳ביסט..." די טיר איז געווען קירצער פון אַבעלען און זיין קאָפּ האָט אַרויס־געסטאַרטשעט איבער איר. זיינע אָרעמס וואָס זי האָט אים געהאַלפן צע־שפּרייטן, זיינען געלעגן אויף דער אייבערשטער רעם פון דער טיר און אַראָפּגע־האַנגען איבער די ברעגעס צוביידע זייטן. זי האָט אים צוגעפּרעסט די דלאָניעס צו די זייטיקע טיר־ראַנדן. „שטעל דיר פּאַר..." איז זי אָנגעגאַנגען, „אַז ד׳ביסט צוגעקלאַפּט מיט נעגל אָט דאָ, פאַרשטייסט, אַבעלע? מיט נעגל ביסטע צוגעקלאַפּט און די פּיס אויך!" האָט זי אים צוגערוקט די באָרוועסע פּיאַטעס האַרט צו דער טיר.

„די פּיס אויך!" האָט אַבעלע איר געלאָזט טאָן מיט אים וואָס זי האָט געוואָלט, און גייוועדיק געשמייכלט.

„אָבער ד׳טאָרסט נישט לאַכן", האָט זי אים דערקלערט. „אַז מען האַקט צו מיט נעגל צו אַ צלם... אָדער צו אַ טיר, טוט וויי. טאָ לאַך נישט, האָב עך דיר געזאָגט. ד׳מוזסט וויינען".

„אַבעלע וויינט..." האָט ער לאַכנדיק געגייוועט.

„דו ווייסנט נישט, דו לאַכסט!"

„אַבעלע וויינט..." האָט ער איבערגעחזרט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

„ריר נישט דעם קאָפּ!" איז זי אומגעדולדיק געוואָרן און צוריק זייטיק אים פאַרבויגן דעם קאָפּ צום אַקסל. זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן קעמערל. אויסער דעם שטרוישעניק און הויפּנס קאַלך און קרייד, וואָס יאָסעלע האָט דאָ געהאַלטן אויפן „סקלאַד", איז דאָ גאָרנישט געווען. זי האָט באַמערקט אַ שטיינדל ליגן דרויסן לעבן דער טיר. האָט זי עס אויפגעהויבן און גענומען קלאַפּן דערמיט איבער אַבעלעס דלאָניעס. „זעסט, אַז ס׳טוט וויי, אַבעלע?" האָט זי געקלאַפּט מיט כּעס און געשריגן אויסער זיך. „זעסט שוין?"

„ס׳טוט ווי..." האָט אַבעלע באַשטעטיקט.

„טאָ הער אויף צו לאַכן! שוין זאָלסטע אויפהערן לאַכן!" האָט זי ווייטער געקלאַפּט אין זיינע הענט מיטן שטיינדל, מיט אַזאַ כּוח, אַז זי איז אַזש רויט געוואָרן און טרערן האָבן גענומען שפּרודלען פון אירע אויגן. „וויין! וויין, האָב עך דיר געזאָגט! לאַך נישט נאָר וויין!"

„אַבעלע לאַכט נישט... אַבעלע וויינט", האָט ער איבערגעחזרט.

זי האָט אַ שליידער געטאָן דאָס שטיינדל, זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן שטרוי־

שעניק און זיך צעכליפּעט. זי האָט אַליין נישט געוווּסט פון וואַנען אָט דער כליפּ איז געקומען צו איר. עפּעס נאַגנדיקס, עפּעס פרעמדס האָט געשטויסן די קוואַלן טרערן צו די אויגן; טרערן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן אַרויס־געכוואַליעט פון ערגעץ טיף אין איר, פון די סאַמע פּיספּינגער, דורכן גאַנצן לייב אירן האָבן זיי פאַרבייגעשפּרודלט. און אַז זי האָט אַזוי כליפּענדיק געוואָרפן אַ בליק אויף אַבעלען, איז איר דורך די טרערן אויסגעקומען, אַז אַבעלע, וועל־כער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און איז געבליבן אַזוי ווי זי האָט אים אָוועקגעשטעלט, האָט טאַקע נישט געלאַכט — נאָר געוויינט, הגם דער אויס־דרוק פון זיין פּנים האָט זיך אויף קיין האָר נישט געביטן. דערצו האָט זי געזען די דינע ריטשקעלעך בלוט וואָס זיינען גערונען פון זיינע הענט, פון דאָרט ווו זי האָט אים פריער געקלאַפּט מיטן שטיינדל. דער הימל וואָס האָט זיך אָנגעזען הינטער אַבעלעס זייטיק־פאַרבויגענעם קאָפּ, האָט אויסגעזען ווי דער סופּיט פון קאַשטשאַל.

זי האָט אויפגעהערט צו וויינען און מיט די ליפּן, נאָך פייכטע פון טרערן, אַ פליסטער געטאָן: „אַ יוזל...“ אַ רגע איז זי געבליבן אַזוי זיצן, דערנאָך האָט זי זיך מיטביידע הענט אָפּגעווישט דאָס פּנים און זיך צעשמייכלט דורך די טרערן. „אַבעלע!“ האָט זי אויסגערופן. „ד׳ביסט אַ יוזל!“

„אַ יוזל!“ האָט אַבעלע נאָכגעזאָגט און געשמייכלט זיין תמעוואַטן שמייכל, ווי זיי וואָלטן ביידע געהאַט אַ בשותפותן סוד.

זי איז צוגעלאָפן צו אים און אים אַרומגענומען ביי די פיס. „דו ביסט אַ גוטער, אַבעלע!“

„אַבעלע אַ גוטער“, האָט ער נאָכגעפּרעפּלט.

„קום“, האָט זי געזאָגט, „כ׳על דיך אַראָפּנעמען פון צלם!“ זי האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און זיך אַוועקגעזעצט מיט אים אויפן שטרויזאַק. „דעם אַנדערן זונטיק“, האָט זי אים אַ דערהויבענע, אָבער נאָך אַלץ אַ פאַרטרער־טע, געקלעפּלט אין פּלייצע, „ט׳מען צוזאַמען גיין אין קאַשטשאַל אַריין, דו און איך... מ׳עט זיך אַריינגנבענען. ס׳ט זען... ס׳ט זען דעם אמתן יוזל. ער זעט אויס פּונקט ווי דו. ט׳עץ ענק ביידע אָנקוקן!“

אַבעלע האָט געשמייכלט, געדרייט מיטן קאָפּ און זיך איינגעקאָרטשעט. „אַבעלע נישט גיין אין קאַ... קאַ...“ האָט ער געסקאַמלעט.

„נישט היינט“, האָט בינהלע אויפגעקלערט. „דעם אַנדערן זונטיק“.

ער האָט זיך אָן איינגעקאָרטשעטער אַ וואָרף געטאָן אויפן שטרויזאַק. „אַבעלע נישט גיין...“

אַבעלע האָט מער ווי יעדער אַנדערער יי׳ד אין באַטשאַני, צוליב עפּעס אַ סיבה, מורא געהאַט פאַרן קאַשטשאַל און דאָס בלויזע דערמאָנען דאָס וואָרט האָט אים געמאַכט ציטערן ווי אַ פיש.

5

דער נאָכקומענדיקער דינסטיקדיקער מאַרקטאָג איז געווען ווי געוויינטלעך אַ טאָג פון טומל און האָווענײש. אָבער דאָס מאָל זיינען די ייִדן געווען מער אויפגעהייטערט ווי געוויינטלעך. פּערעלע האָט נאָר וואָס געהאָט איבערגעקומען די ערשטע נעכט אָן אַ בייזן חלום.

אָבער אַ וואָך שפּעטער, ווען די פּויערים האָבן גענומען רויען אַרום פּאַ־טשעיאָוו און דעם מאַרקפּלאַץ, האָט זיך צוזאַמען מיט זיי צערויעט אַ הייטער פּויע־ריש געלעכטער.

„אייער פּערלאַ האָט זיך פאַרליאַפּעט אין אונדזער גלח, האַ?״ האָבן די פּויערטעס אויסגערופן צו די קרעמערקעס. „באַקט אָפּ מעשׂיות וועגן שלאָפן מיט אים, האַ?״

„אָן אמתע פּערל מוז זי זיין, אייער פּערל!״ האָבן די פּויערים געשפּאַסט און פאַרטשעפּעט די פאַרבייהאָווענדיקע ייִדן.

דאָך האָבן זיי נישט געוואָלט זיך צו פיל רייצן מיט די ייִדן. פאַר זיי איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז דאָ האָט זיך נישט געהאַנדלט אין סתם „אַ ליבע״, נאָר אַז דאָס האָט זייער טייערן גלחס מיסיאָנערישער אייפער אָנגעהויבן ברענגען די ערשטע פּרוכט. יאָ, אָן ענין פון שמד איז דאָס געווען. דעם שוחטס טאָכטער האָט געהאַלטן ביים פאַרלאָזן איר רעליגיע. דאָס אַליין איז פאַר די שטעטלשע ייִדן מסתמא געווען ווי אַ מעסער אין האַרצן, און ס'איז נישט געווען אין דער טבע פון אַ גוטן קריסט צו שיטן זאַלץ אויף עמעצנס וווּנדן. גענוג, אַז דעם גלחס צוזאָג, אַז אַזעלכע זאַכן וועלן בקרוב פאַרקומען, איז מקוים געוואָרן. זיי זיינען נישט געווען איבערראַשט. האָבן זיי, די פּויערים, דען נישט געקענט דעם כּוח פון זייער גלח, פּאַטערל סטאַניסלאַוו? די קאָנגרעגאַציע האָט דאָך אים פאַרגעטערט. ער איז דאָך געווען דער גענויער היפּוך פון זיין ברודער, דעם מגושמדיקן פּאַן קאָמענדאַנט וואַצלאַוו ספּאָקויני. די פאַרקערפּערונג פון אַלע קריסטלעכע מעלות איז דאָך פּאַטערל סטאַניסלאַוו געווען.

האָט טאַקע דאָס לייכטע געמיט פון די באַטשאַנישע ייִדן געדויערט נישט מער ווי אַ וואָך. דערנאָך האָט זיך געמאַכט אַ סומאַטאָכע. זינט אָט דעם טאָג האָט קיינער נישט געוווּסט וואָס מען לייזט, וואָס מען קויפט און וואָס מען פאַר־קויפט. פאַר די ייִדן איז געווען קלאָר, אַז אָן אומגליק רוקט זיך אָן אויפן שטעטל, גרייט עס צו באַפאַלן ווי אַ בלוטדורשטיקע רויב־חיה. און קודם־כּל האָט מען נישט געקאָנט מוחל זיין דעם רב פאַרן האָבן דעם „ברילֿיאַנטענעם״ איינפאַל צו שיקן אַ בריוו מיט געלט צום גלח, און אויף דעם אופן אַליין אויס־געבן דעם סוד וואָס מען האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט צו האַלטן.

ר׳ לייבעלע שמש האָט געגריסט יעדן איינעם אויף דער שוועל פון דער

שול, דערלאַנגענדיק אַ ציטערדיקע האַנט. „מ'האָט פאַרקאַכט אַ קאַשע, אַצינדער פאַרשטאָפּן זיי אונדז מיט איר די העלדזער".

יאָ, דער ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז דער גלח גופא האָט פאַרשפּרייט די מעשה צווישן די כלאָפּעס און זי צוגעפּוצט אַזוי, אַז זי האָט על־פּי צופאַל באַקומען די ענלעכקייט צו דעם וואָס איז באמת געשען, וואָס דערוועגן האָט ער קיין אַנונג נישט געקאָנט האָבן; מחמת די סיבה פאַר וואָס פּערעלע האָט דעם גלח אָפּגעגעבן דאָס געלט איז אינעם בריוו נישט אָנגעגעבן געוואָרן. — סיידן... ס'איז פאַראַן געווען אַ מסור צווישן די שטעטלשע ייִדן און מען האָט גאָר איינער דעם אַנדערן נישט געקאָנט טרויען קיין שום זאַך.

הגם עולמס ליבשאַפט און דרך־ארץ פאַרן רב האָט אויסגעוועפּט, איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה ווי קומען צו אים וועגן אָט דעם ערנצטן ענין. און ער האָט אים טאַקע גענומען זייער ערנצט. ער האָט נעמלעך געפּסקנט, אַז קודם־כּל און פריער פאַר אַלץ האָט מען געמוזט געפינען דעם מסור. ווייל, אַז מען האָט איינער דעם אַנדערן נישט געטרויט, האָט דאָס גאַנצע קהל־לעבן געקאָנט חלילה אונטערגעגראָבן ווערן, נאָך איידער וואָס ווען.

האָט מען זיך טאַקע אַ לאָז געטאָן אויסצושפּירן דעם מסור. מען האָט גענוצט אַלע מיטלען, געזוכט שפּורן, סימנים. אַ מאָל איז דער חשד געפאַלן אויף דעם, אַ מאָל אויף יענעם, און דער און יענער האָט געוויינט און געקלאָגט און זיך געשווירן ביי באָרד און פּאות, אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק. טעג זיינען פאַרביי און צו קיין טאָלק איז מען נישט דערגאַנגען. און דאָ האָט מ'ען ממש אין דער לופטן געשפּירט, אַז די סכנה רוקט זיך אָן וואָס אַ מאָל נענטער. ביז אין דער לעצטער מינוט איז דעם רב איינגעפאַלן, אַז מען מוז אויספאָרשן די גויים גופא.

דערהערט, אַז מען מוז אויספאָרשן די גויים גופא, האָט אין ר' לייבעלען יאַפּצאַק־פּרעסער זיך אומגעריכט אַ צינד געטאָן דער חשד, אַז דער מסור מוז זיין נישט קיין אַנדערער נאָר יאָסעלע אַבעדאַלע, און ער איז הענדעם־פּענדעם אַריינגעלאָפן צום רב און מיט איין אָטעם אַרויסגעסאָפּעט: „ס'איז יאָסעלע, רב־לעבן! ס'איז נישט קיין אַנדערער, נאָר ער! ווייל ווער דען איז אַזוי אויס־געקאָכט מיט די גויים ווי יאָסעלע אַבעדאַלע, הע, רב־לעבן? איר מעגט זאָגן, אַז דער שמש ר' לייבעלע האָט אייך געזאָגט!"

דער רב האָט אים אָנגעקוקט מיט זיין געווייינטלעכן, ווי ר' לייבעלען האָט זיך תמיד אויסגעדאַכט, שפּאָטישן בליק, און ער האָט אַ זאָג געטאָן: „שיקט אים טאַקע תיכף־ומיד אַריין צו מיר!"

אַז יאָסעלע איז אַריינגעקומען צום רב, האָט אים דער רב געזאָגט, אַז די קלוגסטע זאַך איז אויסצופאָרשן די גויים אַליין און זען ווער עס האָט צו זיי

דערטראָגן וואָס עס טוט זיך אָפּ אין שטעטל ביי די ייִדן, און אַז ער, דער רב, האָט אָפּגעקליבן אים, יאָסעלען, צו טאָן די אויסשפּיר־אַרבעט.

„די כלאָפּעס האָבן דרך־ארץ פאַר דיר", האָט דער רב געזאָגט. „און דו ביסט דאָך אויסגעקאָכט מיט זיי ווייל ד'גייסט איבער די דערפער. און ד'קאָנסט דאָך דיך טאַקע צונויפרעדן מיט זיי אויכעט. טאָ גיי און רעד און פרעג און הער, און לאָמען וויסן וווּ מען שטייט אין דער וועלט".

יאָסעלען איז די גאַנצע מעשה מיטן גלח און מיט פּערעלען אויסגעקומען גאַרנישט שכלדיק, ממש אַ חוזק, און ער האָט זיך צוגעהערט צו די רייד אין גאַס, אויפן פּאַטשעיאָוו און אין שטיבל וועגן דער געשעעניש, בלויז מיט איין אויער. אָבער דער פאַקט וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט אַ מסור איז שוין גאַרנישט געווען קיין חוזק. און אַז דער רב האָט באַשלאָסן, אַז ער, יאָסעלע, זאָל זיין דער שליח־ציבור, האָט ער נישט געזאָגט ניין, הגם ער, יאָסעלע, האָט זיך פאַר קיין גרויסן אויספאָרשער נישט געהאַלטן. ס'איז נישט געלעגן אין זיין טבע.

האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אין דאָרף אַריין און געפרעגט ביים ערשטן באַקאַנטן פויער וואָס ער האָט אָנגעגעגנט: „העי, פּיעטרעק, פון וואַנען ווייסט עץ, הם... אַז דער... פון וואַנען ווייסט עץ די נאַרישע מעשה וועגן פּערעלען און ענקער גלח?"

דער פויער האָט זיך צעלאַכט, אַ קלעפּל געטאָן יאָסעלען איבערן אַקסל און געענטפערט: „די באַבע האָט מיר געזאָגט".

האָט יאָסעלע, וועלכער האָט מיט די גויים נאָך אַ מאָל פאַרטוישט אַ פּאָר ווערטער, אָבער מיט די באַבעס זיך כמעט קיין מאָל אין קיין שמועס נישט אַריינגעלאָזט, געוואָלט אַריינשיקן דעם פויער אין דער כאַלופּע פרעגן ביי זיין באַבען פון וואַנען זי ווייסט. אָבער ער האָט אויפגעגעבן, זיך אָנגעטאָן אַ כּוח, און איז אַליין אַריין צו דער באַבע איבערפרעגן. ער איז געווען אַ שליח־ציבור, האָט ער געוואָלט די זאַך טאָן בשלמות.

האָט די באַבע זיך צעלאַכט אַזוי, אַז אירע אַלע גרויסע פעסטע ציין האָבן זיך צעפינקלט און האָט געענטפערט יאָסעלען: „אַ קומע ט'מיר געזאָגט".

„וועלכע קומע?" האָט יאָסעלע געפרעגט.

האָט די באַבע געזאָגט דעם נאָמען פון דער קומע און יאָסעלע איז אַוועק פרעגן ביי דער קומע.

האָט די קומע געענטפערט: „דער אַלטער ט'מיר געזאָגט".

אַזוי האָט זיך יאָסעלע געדרייט אין אַ רעדל, ביז ער האָט זיך דערשפּירט ווי אַ נאַר אויפן מאַרק און ער איז אַוועק צום רב און האָט אים דערקלערט, אַז ער גיט אויף די אויספאָרשונג. ר' לייבעלע יאָפּצאָק־פּרעסער האָט טריומפירט און דאָס שטעטל האָט גענומען קוקן אויף יאָסעלען מיט אמתן חשד. טייל ייִדן

האָבן אים אויפגעהערט אָפּצוגעבן שלום און ער האָט אָנגעהויבן הערן ווי מען רופט אים נאָך „מסור!" אין גאַס.

אַז ער האָט די ערשטע פּאָר מאָל דערהערט דאָס וואָרט „מסור!" האָט יאָסעלע זיך אָפּגעשטעלט, ווייל ער האָט געמיינט, אַז דאָס פרעגט מען אים ווו דער מסור איז און מען איז אין כעס אויף אים, ווייל ער האָט אויפגעגעבן דאָס זוכן, און ער האָט אויסגעשריגן אַן אויפגערעגטער צו דעם ייִד, צי דער ייִדענע: „גייטץ און זוכטץ אים אַליין!"

האָט מען אים מיט גאַל געענטפערט: „מ׳דאַרפט נישט גיין ווייט אים צו געפינען!"

יאָסעלע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אָוועקגעשפּרייזט ווייטער. פאַר אים איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז דאָס שטעטל איז אַראָפּ פון זינען.

פון דעסטוועגן האָט דאָס מיט דער צייט אים אָנגעהויבן צו ווערן איבער־דריסיק, און ער איז אַריין צום רב קלאָר מאַכן פאַר וואָס ער האָט אויפגעגעבן דאָס זוכן דעם מסור; אַז די גויים טרייבן סתם קאַטאָוועס, אַז זיי וועלן סיי ווי אין גיכן פאַרגעסן די גאַנצע זאַך; און אַז די ייִדן פון באַטשאַני זיינען פונקט אַזוי זיכער, צי נישט זיכער מיטן לעבן — ווי זיי זיינען תמיד געווען.

דער רב האָט מיטן גאַנצן האַרצן איינגעשטימט מיט יאָסעלען און אים געדאַנקט מיט אַ זיפץ. „ס׳איז שווער... שווער איינצושטילן ייִדישע געמיטער. מיר ווערן מיר אַזוי גערודפט פון כל־מיני אימות, הע, יאָסעלע? אָבער ווען מיר וואָלטן מיר געהאַט צוטרוי צום רבונו־של־עולם, טאָקע מיטן גאַנצן חיות אונדזערן, וואָלט מען זיך געקאָנט איינשפּאָרן אַזוי פיל זאָרגן, אַזוי פיל האַרץ־קלאַפּעניש. ווי קאָן עולם פאַרגעסן, אַז מען איז איבערגעקומען צוויי טויזנט יאָרעלעך גלות, הע? עפּעס אַ קלייניקייט?"

„דער אייבערשטער שטעלט אונדז פאַר שווערע נסיונות", האָט יאָסעלע באַמערקט.

„טאָקע אמת", האָט דער רב איינגעשטימט. „אָבער, יאָסעלע, קיין איינצי־קער טראָפּן פון אונדזער בלוט ווערט נישט פאַרגאָסן אָן חשבון". — ער האָט ווי בעטנדיק אויפגעהויבן אַ האַנט צו יאָסעלען. „ווייס איך דען נישט, ר׳ יאָסעלע, אַז דיין בטחון איז פונקט אַזוי טיף, ווי טיף עס איז דער סוד אין וועלכן דעם בורא־עולמס מעשׂים זענען פאַרהילט? דאָס מיינט זיין אַ גוטער ייִד..." יאָסעלע האָט געוואָלט זיך אָפּרופן, אָבער דער רב האָט געצויגן ווייטער: „כ׳ווייס... כ׳ווייס, באו מים עד נפש... און דאָך איז דיין אמונה אין־לשער. און דאָס אונ־טערשיידט דאָך אונדז פון די אומות־העולם. אונדזער ייִאוש דערגרייכט קיין מאָל נישט ביז צום באָדעם".

דעם יונגן רבס אויגן זיינען אַזוי פול געוואָרן מיט צער; אַזוי גלעטנדיק

און בעטנדיק איז געוואָרן זיין קול, אַז יאָסעלע איז גרייט געווען איינצושטימען מיט אים. יאָ, בטחון — אָט דאָס האָט אים, יאָסעלען, טאַקע דערהאַלטןביים לעבן.

דאָך האָט ער אַ פּרעפּל געטאָן: „אַבער, רב, טייל מאָל מאַכט דאָס מיך פילן ווי אַ פינצטערער אידיאָט. אַבעלע דער שטאָטנאַר איז דער גרעסטער בעל־בטחון אין באַטשאַני".

„נו טאָ וואָס? זענען מיר נישט אַלע אויף דער מדרגה פון אַבעלען, אַנט־קעגן דער גרויסקייט פון אַלמעכטיקן? הלוואי וואָלט עך געווען אַזוי אומשולדיק, פאַרמאָגט אַזאַ זויבערע נשמה ווי אַבעלע..."

יאָסעלע האָט געשטוינט אויף זיך, ווי מאָדנע דערהויבן ער האָט זיך געפילט ווען ער איז אַרויס פון רבס שטוב. ס'איז געווען אַ רעטעניש. ער, דער גראָבער יונג, דער עם־הארץ; ער, דער פּראַקטישער, זאַכלעכער, האָט אַזוי אָפט איינגע־שטימט מיטן רב, דעם יונגן למדן, דעם גרויסן קענער און דעם בעל־חלומות.

אַזוי איז פאַרביי דער זומער און די ימים־נוראים און דאָס שטעטל האָט פון איין זייט זיך גענומען גרייטן צו סוכות און פון דער אַנדערער זייט: צו אַן אַטאַק פון די גויים. ווייל ביי די גויים האָט קיין ספק נישט געקאָנט זיין, אַז די מעשׂה מיט פערעלען איז געווען אַ „יידישער קונץ צו כאַפּן גויישע נשמות און זיי מגייר זיין, און ביי וועמען דען האָבן זיי געזאָלט אַנהייבן, אויב נישט ביים סאַמאַראַדנעם גלח?" — אַזוי האָט דאָס שטעטל געפּרוווט קוקן, מיט ניכטערע אויגן, אויף דער מעשׂה, פון גוייִשן קוקווינקל. ס'איז נאָר געווען אַ פראַגע פון צייט, ביז די גויים וועלן זיך „כאַפּן".

האָט מען זיך איינגעשאַפט נייע פרענטעס צו פאַרהאַמערן די טירן, נייע שלעסער צו פאַרשליסן די קינדער אין די קאַמערן און מען איז געלאָפן צום סופר ער זאָל איבערקוקן די מזוזות. מען האָט שטודירט די פוילישע פּנימער, צי דער שמייכל הייבט זיך נישט אָן לעשן אויף זייערע ליפּן און די יוכע צינדט זיך נישט אָן אין זייערע אויגן. און מען איז אַנגעגאַנגען מיטן בויען די סוכות.

געוויינטלעך סוכות־צייט האָט יאָסעלע אויפגעגעבן דאָס גיין איבער די דערפער. ער האָט געהאָלפן דעם שטעטל בויען די סוכות. אָבער דאָס מאָל האָט אים קיינער נישט גערופן, אויסער דעם רב, דעם דיין און ר' פייוועלען דעם מילנער. און אַז ער האָט זיך אַליין אָנגעבאָטן, האָט מען זיך אָפּגעקערט פון אים און געפּאַנפעט אין די בערד אַריין: „מ'ברויכט נישט". יאָסעלע האָט געצויגן מיט די אַקסלען. נישט אומזיסט האָט מען געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט אַן „אייזערן געדולד". נישקשה, ער וועט אויסהאַלטן און איבערוואַרטן די אומ־געריכטע עוולה וואָס דאָס שטעטל באַגייט קעגן אים. „ז'עלן זיך איבערבעטן", האָט ער געטראַכט. „קהל האָט אַ טבע פון קינדער. ס'גיט זיי עפּעס אַ פלי פאַר דער נאָז, פאַרקרימען זיי זיך. ס'פליט פאַרביי, פאַרגעסן זיי".

ער האָט זיך מיט אַ באַזונדערער מי אָפּגעגעבן מיטן אויפבויען זיין אייגענע סוכּה.

ער האָט איינגעשפּאַנט זיין זון, הערשעלען, וועלכער איז שוין געווען אַ פעסטער, געזונטער בית־מדרש־בחור וואָס האָט בקרוב געדאַרפט אַוועק אין דער ישיבה, אים אַרויסצוהעלפן, און אויך די מיידלעך, בינהלען צווישן זיי, האָט ער איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט. און דאָס עוסק זיין זיך צוזאַמען ביי דער סוכּה האָט יאָסעלען געמאַכט פילן זייער דערהויבן. אַ מין ניי, באַרויִקנ־דיק געפיל געווען, אַ מחיהדיקס, צו טאָן עפּעס צוזאַמען מיט די קינדער. ער און הערשעלע האָבן געגראָבן די גריבער פאַר די פלאָקנס. די מיידלעך האָבן צונויפגעשלעפּט די ברעטער און אים זיי דערלאַנגט, ער זאָל דאָס אַלץ צוזאַ־מענקלאַפּן מיט די פאַרזשאַווערטע נעגל וואָס ער האָט פאַר דעם צוועק געזאַמלט. די סוכּה איז געווען פעסט, גרוים און האָט זיך בלויז אַ ביסל געוויגט ווען אַ צו שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן פון די פעלדער.

יאָסעלע האָט געשיקט זיין גאַנצע חברה ברענגען סכך און בעתן פונאַנדער־שפּרייטן אים איבערן דאַך, האָט ער מיט פולע נאָזלעכער אַריינגעאָטעמט דעם טייערן ריח. די מיידלעך האָבן אַרויסגעבראַכט דעם טיש פון דער כאַלופּע, און די בענק. זיי האָבן צוזאַמענגעקליבן די אַראָפּגעפאַלענע שטיקלעך סכך און אויסגעשיט געלן זאַמד אויף דער ערד אינעווייניק.

פּלוצעם איז עפּעס אַ פאַל געטאָן דורך דעם גרינעם דאַך פון דער סוכּה, עפּעס האַרטס און שווערס — און געטראָפן פייגעלען אין קאָפּ, בעת זי האָט פונאַנדערגעשיט דעם געלן זאַמד פון אַ שופלע אַראָפּ. פייגעלע איז אומגעפאַלן לעבן טיש. בלוט האָט געפּלייצט פון איר קאָפּ. די מיידלעך האָבן זיך צעשריגן. יאָסעלע, וועלכער איז נאָך געשטאַנען אויפן לייטער, האָט זיך אַ קער געטאָן — און אָט האָט ער זיי דערזען, די חדר־יִינגלעך פון גאַס. זיי זיינען אַפילו נישט אַנטלאָפן.

„גזלנים!" האָט יאָסעלע אַ רעווע געטאָן און גיך אַראָפּגעקראָכן פון לייטער. איצט האָט ער זיי אַלע באַמערקט, די שכנים: ווייבער און מענער, ייִדן פון אַנדערע געסלעך.

„מסור!" האָבן זיי אים צוגערופן און געהויבן די פויסטן צו אים.

יאָסעלע האָט אַריינגעשטורעמט אין דער סוכּה און צוגעפאַלן צו פייגעלען. זי האָט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט און האָט שטיל געקרעכצט. ער האָט גערעדט צו איר, זי געטרייסלט, אָבער זי האָט אויסגעזען אים נישט צו הערן. האָט ער זי גענומען פאַמעלעך אויף די הענט און זי אַריינגעטראָגן אין שטוב. די טעכטער און הערשעלע זיינען נאָכגעלאָפן פון הינטן און מיט גרויסע אויגן געקוקט ווי דאָס קאָפּענדיקע בלוט ציט אַדורך אַ ריטשקע פון דעם געלן זאַמד אין דער סוכּה, ביז יאָסעלעס פיס, ביז פייגעלעס קאָפּ.

„צולייגן קאַלט וואַסער!" האָט יאָסעלע אַ באַפֿעל געטאָן רייזעלען און אַליין האָט ער אָוועקגעלייגט פֿייגעלען אויף דער קויקע, און גענומען זוכן צווישן די שמאַטעס.

בינהלע איז צוגעשפּרונגען צו יאָסעלען און אים אַ צי געטאָן פֿאַר דער פּאָלע: „טאַטשי, כ'על לויפֿן נאָך שמוליקל רופֿא, יאָ?"

„מ'ברויכט נישט קיינעם!" האָט יאָסעלע אַ רעווע געטאָן. אָבער אַז רייזעלע און רחלע האָבן אים צוגעבראַכט אַ שמוציקע שיסל מיט וואַסער, האָט ער זיך דערמאָנט וואָס שמוליקל רופֿא האָט אים אַ מאָל געהאַט געזאָגט, און ער האָט אַ געשריי געטאָן צו הערשעלען: „לויף און ברענג אַ וויאַדרע ריין וואַסער!"

סוכּות האָט יאָסעלע געפּראַוועט אַזוי ווי ער האָט זיך געהאַט פֿאַרגענומען. פֿייגעלע, אַ בלייכע, אַ מין פֿאַרשלאָפֿענע, האָט צוזאַמען מיט די אַנדערע שוועס־טער באַדינט דעם טאַטן, דעם ברודער און אַבעלען־נאַר. יאָסעלע האָט זיך נישט געבייזערט און נישט געשריגן, נאָר געווען יום־טובֿדיק געשטימט. — אָבער מיט די שכנים איז יאָסעלע ברוגז געוואָרן, און בהדרגה אויך מיטן איבעריקן שטעטל ייִדן.

דערווייל איז דער סוכּות פֿאַרביי און די פּויערים האָבן זיך אויפֿגעפֿירט ווי געוויינטלעך. די מעשׂה מיט פֿערעלען האָט אויסגעזען צו האָבן אויסגעוועפּט פֿון זייערע קעפּ. און די באַטשאַנישע ייִדן האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז די באַטשאַנישע גויים זיינען גאָרנישט קיין גויים, נאָר מלאכים.

ביי פֿייגעלען האָט זיך די ווונד אין קאָפּ פּאַמעלעך געהיילט. זי האָט זיך אָפֿט צוגעלייגט אויף דער קויקע, און האָט אויפֿגעהערט אַרומצולצוועון און אַרומצוהאַוועון, ווי איר טבֿע איז געווען. דאָס קוועקזילבערדיקע אין איר איז פֿאַרשוווּנדן און אַנשטאָט דעם, האָט זי גאָר אָפֿט געוויינט און זיך געקלאָגט אויף קאָפּווייטיק. יאָסעלע האָט דאָס נישט גענומען ערנצט. זיינע קינדער האָט גאָר־נישט געקאָנט געשען. זיי זיינען געווען שטאַרק־אייזן, פּונקט ווי ער.

יאָסעלע איז ווי געוויינטלעך געגאַנגען דאַוונען אין „זיין" שול. ער האָט זיך קיין מאָל אין קיין באַזונדערש היימישע שמועסלעך מיט קיינעם דאָרט נישט אַריינגעלאָזן, נישט פֿאַרן דאַוונען, נישט נאָכן דאַוונען, אָבער ער האָט זיך תּמיד געפֿילט באַקוועם אין דער שול, ווי אַ טייל פֿון דער עדה. דאָס שמועסן, די וויכּוחים וואָס ער האָט אויפֿגעכאַפּט אַרום זיך, זיינען געווען ווי דאָס היימישע זשומען פֿון לעבן, וואָס אָן דעם האָט מען זיך גאָרנישט געקאָנט פֿאַרשטעלן דאָס זיין אין דער שול. אָבער איצט איז ער, יאָסעלע, געווען אויסגעשלאָסן פֿון דער חבֿרותא, נישט פֿון זיין אייגענעם ווילן, נאָר ווי אַן אויסגעשפּיגענער, אַ פֿרעמדער.

פֿון צייט צו צייט האָט ער געהערט דעם און יענעם אַ מורמל טאָן אויף זיין אויער: „אַרויס פֿון דעם הייליקן מקום!" צי מען האָט צו אים אַ סיקע געטאָן: „עוקר־ישׂראל! מסור!" — ער האָט זיך געמאַכט נישט הערן און זיך

געשטעלט דאַוונען, צי ער האָט ווייטער געשפּרייזט פון וואַנט צו וואַנט, מיט די הענט פאַרפלאָכטן אויף הינטן. טייל מאָל איז דער רב אונטערגעקומען צו אים. די ייִדן האָבן זיך פאַרקרימט; אין יאָסעלען האָט זיך דאָס האַרץ געקאַרטשעט צוליב דעם כבוד וואָס דער רב האָט אים אָפּגעגעבן. „כ'ברויך נישט ער זאָל איינשטעלן זיין גוטן נאָמען צוליב מיר", האָט יאָסעלע צו זיך געזאָגט און אָפּגע־האַקט דאָס שמועסל מיטן רב אין דער מיטן.

געוועזן טעג אין שול ווען יאָסעלע האָט זיך געשטיקט מיט דער שינאה וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. אים איז באַפאַלן אַ חשק אַרויפצוגרייסן זיך צום באַלעמער און אויסרופן צום עולם: „ייִדן, וואָס האָט עץ ענק אָנגעזעצט אויף מיר? מיט וואָס האָב עך מיך ביי ענק פאַרזינדיקט?" אָבער ער האָט זיך גובר געווען. ער וועט זיך פאַר קיינעם נישט בייגן, קיינעם נישט בעטן מחילה פאַר אַ חטא וואָס ער איז נישט באַגאַנגען, אַפילו נישט פאַרשלאָגן מען זאָל אים שטעלן צו אַ מישפּט. זיין איינציקער שופט איז געווען דער רבונו־של־עולם, מער קיינער, קיינער נישט.

„מיקנשמאַלץ! מיקנשמאַלץ, ענקער שׂכל, ענקער יושר!" האָט ער געקריצט מיט די ציין.

אָבער גלייך האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער געפינט זיך אין דער טייערער, הייליקער שול, „זיין" שול, און ער האָט אויפגערופן זיין געטריישאַפט צום אַלמעכטיקן פון דעם קדשי־קדשים־ווינקעלע אין זיין האַרץ, און זי האָט אים געענטפערט; אים אַרומגענומען און מער נישט געלאָזט קיין אָרט אין אים פאַר אַנדערע רגשים. פון דער שול איז ער שוין אַרויס אַ געלייטערטער.

דערווייל האָט דער רעיון וועגן זיין טאָכטער פייגעלען אים אָנגעהויבן צו פייניקן. לויט אַלע זיינע חשבונות האָט זי שוין לאַנג געדאַרפט האָבן פאַרגעסן וועגן דעם קלאַפּ. און דאָ איז זי נאָך אַלץ נישט געוועזן די זעלבע וואָס אַ מאָל. די באַקן האָבן איר געפלאַמט, די אויגן האָבן גלאַזיק געגלאַנצט און זי איז גאַנצענע טעג אָפּגעלעגן אויף דער קויקע. אין אָנהייב, אַז ער האָט אויף איר אָנגעשריען, זי זאָל זיך אויפהייבן און נישט פוילענצעווען, ווייל ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם אָנבליק פון איר — אָט ווי זי איז געלעגן אַזוי שלאַ־בעריק, אַזוי אָן לעבן אויף דער קויקע — האָט זי אים געפאָלגט, געוויינט און געפאָלגט. לעצטנס האָט זי אים אָבער נישט געענטפערט, אַז ער האָט גערעדט צי זיך געבייזערט אויף איר, נאָר זי האָט געקוקט אויף אים מיט די גלאַזיקע, אָפּוועזנדיקע אויגן. זי איז ווי טויב און בלינד געוואָרן. האָט ער אָנגעהויבן צו רופן די אָפּשפּרעכערינס און ער האָט איר געבראַכט פאַרשיידענע סגולות און זאַלבן פון ר' סענדערלען דעם מקובל.

ביז איינע פון די אָפּשפּרעכערינס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קומען: „ס'עט

קיין פּעולה נישט האָבן", האָט זי אים געזאָגט. „די קללה וואָס דיר איז געקומען, האָט אין איר נעבעך געטראָפן".

די שכנות אויף די שוועלן האָבן אָנגעקוקט יאָסעלען מיט אַרויסרופערישע בליקן. „אַזוי... אַזוי איז דאָס", האָבן זיי געשאָקלט מיט די קעפּ. „די טאָכטער צאָלט נעבעך פאַר די זינד פון טאַטן".

עס האָט אים נישט געאַרט וואָס די אָפּשפּרעכערינס האָבן אויפגעהערט צו קומען. ער האָט געהאַט ווייניק וואָס אמונה אין אָפּשפּרעכענישן און ער האָט זיי גיכער גערופן, ווייל אַזוי האָט מען זיך נוהג געווען, און כּדי צו שטילן דאָס געוויסן. אָבער זייערע רייד און די רייד פון די שכנות האָבן אים פאַרפאָלגט. פייגעלע, זיין לעבעדיקסטע, פריילעכסטע, האָט געצאָלט פאַר זיינע זינד, נישט וויכטיק וואָס זיי זיינען געווען. פאַראַן געווען נאָר איין אויסוועג: ער האָט געמוזט איבערנעמען די לאַסט וואָס זי האָט פאַר אים געטראָגן.

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן איז ער נישט בכּוח געווען זיך אַליין אַן עצה צו געבן, און האָט באַשלאָסן זיך אַריינצוכאַפּן צום רב. ס'איז געווען שפּעט אין אָוונט. דער רב איז געזעסן אין דער בית־דין־שטוב, איבערגעבויגן איבער אַ ספר.

יאָסעלע האָט צו אים צוגעשפּרייזט און אַרויסגעקרעכצט: „זייט מיר מוחל, רב, וואָס איך רייס אייך איבער..."

ווען דער רב איז געווען אַריינגעטאָן אין לערנען, האָט די וועלט אויפ־געהערט פאַר אים צו עקסיסטירן. דער קאָפּ איז אים געווען אַזוי ווייט אַוועק, אַזוי אָפּגעשניטן פון דער וואָר, וואָס האָט זיך געקאָכט פאַר זיין פענצטער, איז ער געווען; אַזוי אָפּגעריסן אַפילו פון דער שטילקייט פון דער שטוב ווו ער איז געזעסן — אַז עס האָט אים גענומען אַ שפּאַר ביסל צייט, איידער ער האָט באַוויזן צוריק צו קומען און ווידער זיך שטעלן מיטן פּנים צו דער ממשותדיקער וועלט.

ביז אַט דאָס איז געשען, האָט יאָסעלע באַוויזן צו באַטראַכטן דעם בלייכן יונגן־מאַן וועלכער האָט געטרייסלט זיינע פינגערשפּיצן, אים באַגריסט, געבעטן זיצן, און האָט בפירוש אים נאָך נישט באַמערקט, נאָך נישט דערקענט. עפּעס האָט אַ קאָך געטאָן אין יאָסעלען. אַן אומגעדולד, אַ כּעס האָט אים צעטראָגן קעגן אַט דעם איידעלן, פאַרגאַפּיעטן גאַנער וועלכער איז געווען דער ראש פון באַטשאַני. — דאָך, בעת־מעשׂה, האָט יאָסעלע אים שטאַרק מקנא געווען, וואָס ער איז געווען ביכולת אַוועקצוּוואַנדערן מיטן דמיון אין אַזאַ פאַרגעסעניש, אין אַזאַ שטילקייט. ווען ער, יאָסעלע, וואָלט אַט דאָס געקאָנט באַווייזן לכּל־הפּחות אויף אַ שעה־צוויי, וואָלט ער זיך דערפילט מיט אַזוי פיל שטאַרקער. — ווייל דאָס גאַנצע אַנטלויפן זיינס, יאָסעלעס, אין די דערפער, צו דער פריי פון וועגן און פעלדער, פון דעם בעריאָזע־וועלדל, איז היינט צו טאָג נישט געווען

קיין היילונג פאַר אים. ווו ער זאָל נישט לויפן, זיינען די צעפּייניקנדיקע מחשבות וועגן פייגעלען געוועזן מיט אים. זיי האָבן אים בלינד געמאַכט צום אַרום, און אים געהאַלטן אין קלעם פון ווייטיק.

לסוף איז דער רב געוועזן צוריק אויף דער ערד. זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן. ער האָט נאָך אַ מאָל באַגריסט יאָסעלען. איצט זיינען זיינע אויגן, זיינע אויערן, זיין מויל געווען נאָענט, גרייט איינצוזאַפּן... אָנטייל צו נעמען.

„גוט וואָס איר זענט אַריינגעקומען, ר׳ יאָסעלע", האָט ער אַ זאָג געטאָן צום אורח וועמען ער האָט טייל מאָל געאירצט און טייל מאָל געדוצט. „פאַראַן אַזוי פיל זאַכן וואָס עך האָב געוואָלט אַרומשמועסן מיט אייך".

„מיט מיר?" האָט יאָסעלע אַרויסגעשטאַמלט.

„יאָ, וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי, ר׳ יאָסעלע? איר ווייסט דען נישט, אַז איר שטייט מיט טויזנט קעפּ העכער פון מיר, אין ממש אַ מיליאָן זאַכן?"

יאָסעלע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן. „כ׳בעט אייך, רב, מאַכט היינט חוזק פון עמעצן אַנדערש. כ׳האָב נישט קיין געדולד צו פאַרנעמען ביטול אויך פון אייך..."

דעם רב איז אַפילו אויפן רעיון נישט געקומען, אַז אָט דער מאַסיוועֶר, ממש מאַיעסטעטישער ייִד וואָס איז לעבן אים געזעסן, האָט געקאָנט אַריינקומען צו אים זוכן אַן אָנשפּאַר. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף יאָסעלעס אָרעם.

„אַ שאָד, ר׳ יאָסעלע", האָט ער ווי שעמעוודיק אַ שמייכל געטאָן. „וואָס איר האָט נישט קיין אויער פאַר דער אויפריכטיקייט אין מיין קול. ווייל... עך דאַרף אייער הילף און אייער אָנשפּאַר, גאָט איז מיר אַן עדות. איר פאַרשטייט... מיין כוח און מיין שוואַכקייט ליגן דערין... וואָס עך פיל מיך אַזוי אין דער היים אין די היכלען... אין דער וועלט פון רעיון, פון תפילה... און בעת־מעשׂה פיל עך מיך שטאַרק נישט באַקוועם אין דער וואָרהאַפטיקייט... דער ממשות. איר פאַרשטייט... כ׳קען נישט דעם בן־אָדם ווי ס׳געהער צו זיין. יאָ, כ׳שפּיר מיין פאַרבונדנקייט מיט זיין נשמה. אָבער די פאַרפלאָנטערטקייטן, די קנופּן פון דער וואָכעדיקייט, פון דעם טאָג־טעגלעכן... די מענטשלעכע פּירעכצער, די משונהדיקייטן, די קליינלעכקייט... דאָס איז מיר שווער צו... צו פאַרדייען. טייל מאָל בין עך פּשוט פאַרלוירן. כ׳האָב נישט קיין גרינגע אָנונג וואָס צו טאָן. און עך בין דאָך דער רב, סוף־כּל־סוף, און כ׳בין דאָך ראוי צו זיין אַ רב. דאָך פעלט מיר עפּעס. עך פיל, אַז מיין גאַנצע בקיאות... אַז די ראַכטיקע תשובות וואָס עך גיב אויף שאלות, פאַרענטפערן נישט... די שאלות וואָס איך לייען אין זייערע אויגן, למשל..."

יאָסעלע האָט קוים געדולד געהאַט זיך צו דערוואַרטן אויף אַ פּויזע אין דעם רבס משונהדיקע רייד. צעטראָגן, אויסער זיך פון אויפרעגונג, האָט ער אַרויסגעפּלאַצט: „וואָסאָראַ נאַרישקייטן ברייעט איר מיר דאָ אַצינדער, רב, ווען כ׳בין

אַריינגעקומען... עך בין דאָך אַ גראָבער־יונג, אַן עם־הארץ, וואָס ווערט פון טאָג צו טאָג בלינדער, נישט בלויז אויף די אויגן...״

דער רב האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי אַן איינגעשפּאַרטער לאַשיק.

„דאָס וואָס ד׳זאָגסט מיר, איז בלויז נאָך אַ באַווייז, אַז עך בין מיך נישט טועה וועגן דיר. איך קוק מיך צו צו אייך, ר׳ יאָסעלע, כ׳זע ווי איר פירט זיך אויף, ווי איר האַנדלט. איר, אַ גראָבער־יונג? איר זענט דאָך דאָס זאַלץ פון דער ערד, ר׳ יאָסעלע. איר זענט נישט קיין בעל־גאווה, און דאָך זענט איר דער שטאָלצסטער ייִד וואָס עך האָב וועגן נישט איז אָנגעגעגנט. דו טראָגסט דעם עיקר פון אונדזער ייִדישקייט אין זיך. נאָר די פּירושים, ווי רבי הלל וואָלט געזאָגט, פעלן דיר. אוי, ר׳ יאָסעלע, איך ברויך אויף אַן אמת, אַז איר זאָלט מיר העלפן...״

„איך ברויך איר זאָלט מיר העלפן!״ האָט יאָסעלע אויסגערופן אויסער זיך.

דער רב איז פאַרשטומט געוואָרן. זיינע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין יאָסעלען. „עפּעס חלילה געשען?״ האָט ער אַ פרעג געטאָן.

„יאָ... כ׳האָב אַ קראַנק מיידל. ערב סוכות האָט אַ ייִנגל איר געטראָפן מיט אַ שטיין אין קאָפּ און ז׳איז נאָך אַלץ צו זיך נישט געקומען. דער שטיין איז געמיינט געווען פאַר מיר. איר ווייסט, רב, ווי די שטאָט האָט מיך פיינט געקראָגן״.

„דיך פיינט געקראָגן? טרייבסט קאַטאָוועס״. דער רב האָט זיך ייִנגלש צעשמייכלט. „יעדער איינער לויפט דאָך צו דיר זיך אַן עצה האַלטן. האָסט דאָך אויסגעגלייכט מער סיכסוכים אין שטאָט ווי דער דיין, צי איך״.

„זענט איר טאַקע נישט פּושיטאָמנע, רב!״ האָט יאָסעלע אויסגערופן. „כ׳האָב געמיינט, אַז איר זענט צוגעקומען צו מיר אין שול, ווייל איר׳ט געוווסט...״

„געוווסט וואָס?״

„וויפל מאָל האָט איר שוין געהערט ווי ר׳ לייבעלע רעדט אויס אויף מיר, הע?״

„טאָ וואָס, אַז ער רעדט אויס? עפּעס דויעט אים אינעווייניק, נעמט ער זיך אָפּ... פאַר דער אייגענער נעבעכדיקייט. קיינער נעמט אים סיי ווי נישט ערנצט״.

„אַזוי זאָגט איר, טאָ זייט זיך מטריח דרויסן אַרויס און פרעגט ביי די מענטשן וואָס ז׳קלערן זיך וועגן יאָסעלען אַבעדאַלע״.

„איר נעמט זיך איבער דערמיט? זינט ווען?״

„זינט אַצינדער!״ האָט יאָסעלע אויסגעשריען, צעטראָגן פון ביטערניש. „און ד׳זענען געוואָרן גערעכט אויכעט, מיך אַזוי פיינט צו האָבן. כ׳בין מסתמא באַגאַנגען

עפּעס אַ געפּערלעכע זינד, וואָס עך ווער געשטראָפט מיט די יסורים פון מיינס אַ קינד. דאָס איז דאָס ערגסטע, איר הערט, רבי? דאָס ערגסטע!"

„אַזוי קראַנק איז דיין מיידל?" האָט דער רב געפרעגט.

„מסוכן. דאָס האַרץ זאָגט מיר אָן וויסטע בשורות".

דער רב האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און טיף אָפּגעזיפצט: „אַזוי געפאַלן ביי זיך ביסטע?" מיט אַ מאָל האָט ער זיך געגעבן אַ הילכיקן רוק מיטן בענקל גאָר נאָענט צו יאָסעלען. „געדענק, יאָסעלע", האָט ער אומגעריכט הויך אויס־גערופן. „פאַראַן עמעץ דאָרט אויבן", האָט ער אַ טייטל געטאָן צום באַלקן, „וועלכער קען דיך, וועלכער פּרוּווט נאָר אויס ווי שוואַך אַ שטאַרקער בן־אָדם קאָן אַ מאָל ווערן, און ווי פאַרעקשנט ער כאַפּט זיך אָן אָן דער אמונה כּדי זיך צוריק צו שטעלן אויף די פיס. נישט געדאגהט, ר' יאָסעלע. דער אַלמעכטיקער, געלויבט זיין ליבער נאָמען, ט'העלפן". זיינע טיפע שוואַרצע אויגן האָבן זיך פאַרנעפּלט און זיינען פול געוואָרן מיט מיטגעפיל. ער האָט צוגעגעבן מיט אַ געביטן קול. „אויב אַזוי, טאָ לאָמען נישט באַלאַמוטשען. מ'עט תהילים זאָגן..." ער האָט אַוועקגעשאַרט דאָס אָפענע ספר פון זיך און פון אַ הויפן ספרים אַפּגעגעבן צוויי תהילימלעך.

זיי האָבן תהילים געזאָגט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

6

יאָסעלע האָט אַ סך פאַרבראַכט מיטן רב אין די דאָזיקע טעג. אָבער די רו פון געמיט האָט אַנגעהאַלטן נאָר ווי לאַנג ער איז געווען מיטן רב. איז געבליבן נאָר דער איינציקער וועג פאַר אים, פאַר יאָסעלען: נעמען מלקות אויף זיך, נאָר מלקות. דאָס וועט פייגעלען מוזן העלפן.

איז יאָסעלע אַוועק אין דער שול, אויסצורופן, מודה זיין זיך צו אַלץ... אַלץ... אָבי מען זאָל אים שמייסן. יאָ, ער, ר' לייבעלע יאַפּצאַק־פּרעסער, זאָל האָבן דעם ווילדסטן פאַרגעניגן פון שמייסן אים. וואָס מער ער וועט זיך פרייען, ר' לייבעלע, דאָס בעסער וועט זיין... דאָס מער האַפענונג וועט זיין, אַז פייגעלע זאָל דערלייזט ווערן פון די יסורים.

אָבער גראָד דעם טאָג ווען יאָסעלע האָט אין שול בדעה געהאַט זיך אַרויפ־צולאָזן צום באַלעמער, האָט זיך געמאַכט אַ גרויסער רעש צווישן די מתפּללים. פישעלע קצב, אַ צעכראַסטעטער, איבערגעביטן נישט צום דערקענען, האָט זיך אַדורכגעריסן דורכן עולם און איז אַרויף אויף דעם אָרט וווּ יאָסעלע האָט זיך היינט געהאַט בדעה אַוועקצושטעלן.

„ייִדן!" האָט פישעלע קצב זיך צערעוועט און מיט ביידע פויסטן אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש. „ייִדן! כ'האָב געזינדיקט! געזינדיקט האָב עך! מיט דעם יצר־

הרע, האָב עך! ייִדן, אַ בראָך זאָל קומען אויף מיין קאָפּ, אַ וויסטע מגפה זאָל מיך פּאַרטיליקן! ייִדן שלאָגטץ מיך, קאַטעוועטץ מיך! רייסטץ שטיקער פון מיר!"

ער האָט אַ הייב געטאָן די שטאַרקע צוויי הענט אין דער לופטן; געבליבן שטיין אַ רגע ווי ער וואָלט געוועזן צוגעבונדן מיט נישט אַנזעעוודיקע שטריק צום סופיט, און דערנאָך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע.

„ר'איז אַראָפּ פון זינען, געוואַלד!" האָט זיך געמאַכט אַ טומל אין דער שול.

„ר' פישעלע! ר' פישעלע!" האָט מען פון אַלע זייטן געריסן שטיקער פון קצב. הענט האָבן דעם שווערן גוף אונטערגעהויבן און אים אויפגעשטעלט.

אין דער ווייבערשול האָט זיך געמאַכט אַ פּישטשעריי און אַ געוויינעריי. און דאָ איז אַ ייִדענע צוגעפאַלן צו דער באַריערע און זיך צעקרייעט: „גלייבטץ אים! גלייבטץ אים, ייִדן! מיט אַ... אַ..." האָט זי נישט געקאָנט מער אַרויסרעדן און איז געפאַלן אין חלשות.

„די קצבטע! די קצבטע!" האָט אַ געשריי ווי אַ דונער זיך אַ טראָג געטאָן איבער דער שול.

דער טויט-בלייכער פישעלע האָט אויפגעהויבן די פאַרגלייזטע אויגן צו דער ווייבערשול און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

האָט מען פישעלען קצב אַרויסגעטראָגן אויף דער גיך אין פּאָליש אַריין, ווי מען טראָגט אַרויס אַ פאַרטשאַדעטן פון אַ ברענענדיקן הויז. באַלד איז ער געווען צוגעבונדן צו דער קונע און יעדער וואָס איז אים פאַרביי, האָט אים געגעבן אַ קאָפּע, אַ שטורכע, אַ שפּיי. עמעץ האָט אים געשלאָגן מיט גאָלע פויסטן און ערשט דערנאָך האָט זיך ר' לייבעלע שמש גענומען צו אים.

יאָסעלע האָט זיך אַרויסגעשאַרט מיטן המון אין פּאָליש אַריין און זיך אַפילו נישט קיין בייג געטאָן אין פישעלעס ריכטונג. נישט געקוקט דערויף וואָס דער עולם איז געווען גענוג צעטראָגן און צעקאַכט, האָט מען גוט באַמערקט יאָסעלעס אויפפירונג. האָט מען נאָך געדאַרפט האָבן אַ בעסערן באַוויז אויף יאָסעלעס שולד? אַזוי זינדיק האָט ער זיך געפילט, אַז ער האָט נישט געהאַט די העזה אָנצורירן דעם זינדיקן פישעלען.

יאָסעלע איז אַרויס פון דער שול, און דער אייפערזוכט אויף פישעלען האָט געברענט אין אים. פישעלען איז געווען וווּיל. ער האָט געצאָלט פאַר זיינע זינד. אָבער ביי אים, ביי יאָסעלען, האָבן זיינע קינדער געצאָלט פאַר זיינע זינד. דאָס וואָס עס איז געשען היינט אין דער שול איז געווען אַ באַווייז, אַז זיין גרייט-קייט צום קרבן איז נישט אָנגענומען געוואָרן, אַז אויף זיין קינד האָט געלאָקערט אַ גרויסע סכנה.

ער האָט זיך אין אַ ווילדן גאַלאָפּ אַ לאָז געטאָן צו שמוליקל רופאס הויז. ער האָט שמוליקלען נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, אים אַ שלעפּ געטאָן ווי באַזעסענער צו דער טיר. שמוליקל האָט קוים באַוויזן צו באַפרייען זיך פון אים

און אַ כאַפּ צו טאָן זיין רענצל. אויפן וועג האָט אים יאָסעלע מיט אַן אָפּגעהאַקט סאַפּען, מיט שטאַמלעניש דערציילט וואָס עס איז געשען מיט פייגעלען.

האָט שמוליקל רופא דאָך באַוויזן אַריינצוּוואַרפן אַ וואָרט צו יאָסעלען אויפן וועג: „זעסט ברודערקע״, האָט שמוליקל קרום געשמייכלט, „אונדז זענען מיר ביידע אויף דער זעלבער מדרגה. ביי מיר וואַרפט מען דאָך אויך אַריין שטיינער, יעדן מאַנטיק און דאָנערשטיק״.

דער זאָג האָט שוין גאַרנישט גרינגער געמאַכט יאָסעלען אויפן האַרצן. ניין, ער איז נישט גרייט געווען צו מאַכן יד־אחת מיט שמוליקלען, הגם ער האָט איצט געברויכט אַ רעטונג... און ער וואָלט זי אָנגענומען פון טייוול אַליין, אַבי דער יושר זאָל צוריק איינגעשטעלט ווערן, אַבי פייגעלע זאָל געראַטעוועט ווערן און ער, יאָסעלע, זאָל צאָלן — יאָ, אַפילו מיט זיין לעבן.

אַז שמוליקל רופא איז אַריינגעקומען אין יאָסעלעס כאַלופּע און זיך גע־נומען צו באַטראַכטן פייגעלען, האָט יאָסעלע זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער טיר נישט אַריינצולאָזן די ווייבער וואָס זיינען זיך דרויסן צוזאַמענגעלאָפן.

„ס׳דען״, האָט טויבע־קריינדעלע, די טיקערין, געכליפּעט און דורך די טרערן געקוקט יאָסעלען גלייך אין די קורצזיכטיקע אויגן אַריין. „ווועמען דען ט׳יאָסעלע צדיק רופן צו זיין קראַנק קינד? דעם פּושע־ישראל, שמוליקלען, ס׳דען? דאָס פאַרשטיי עך!״

און די אַנדערע ווייבער האָבן זיפצנדיק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ: „ס׳דען! מיט ווועמען מען בעט זיך אויס, מיט דעם שלאָפט מען!״

שמוליקל רופא איז לאַנג געזעסן מיט פייגעלען. אַז ער האָט זיך אויפגע־שטעלט, האָט יאָסעלע קוים געהאַט כוח אין די פיס זיך צוצורוקן צו אים, און פון דער נאָענט הערן וואָס שמוליקל רופא האָט געהאַט צו זאָגן — אָט אַזאַ פנים האָט דער רופא אים געוויזן. און געאיילט זיך צו זאָגן עפּעס יאָסעלען האָט ער נישט. ער האָט גענומען זיין אויסגעטאַרגעט, אָפּגעדלובעט רענצל, זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. דאָרט האָט ער ערשט איינגערוימט יאָסעלען מיט אַ פּליסטער: „אַ בלוט־פאַרגיפטונג״. און נאָך דעם ווי ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ לאַנג שווייגן האָט ער צוגעגעבן: „ז׳דאַרפט אַ נס״.

זינט דער רגע האָט עס געקלונגען אין יאָסעלעס אויערן, אָט דער קורצער זאָג: „ז׳דאַרפט אַ נס... ז׳דאַרפט אַ נס״. און ווען יאָסעלע איז געשטאַנען אין קלייטל און ווען ער איז געגאַנגען איבער די דערפער, און ווען ער האָט גע־דאַוונט, בפרט ווען ער האָט געדאַוונט, און ביי נאַכט ווען ער האָט זיך געלייגט אויף דער קויקע — האָט ער געבעטן אויפן נס, מתפלל געווען מיט זיין גאַנצן חיות, אַ פאַרטראַגענער, אַ שיכורער פון צער.

דאָס שווערסטע איז פאַר אים געווען אָפּצושטיין דעם טאָג אין קרעמל. ווי אַ געפּענטעטער טיגער אין אַ שטייג האָט ער געשפּרייזט די צוויי טריט

אַהין, די צוויי טריט אַהער, צווישן די ווייסע בערג קרייד און קאַלך, צווישן די ווייסע ווענט. און ער איז דאָך געווען צופרידן וואָס ער מוז דאָס אויסטראָגן. אַ מין להכעיסדיקע צופרידנקייט קעגן זיך אַליין — דווקא ווייל עס איז אָנגעקומען אַזוי שווער, דווקא ווען מען האָט פון אַלע זייטן צו אים אַריינגעקוקט, ווי די שכנים אויפן פּאַטשעיאָוו וואָלטן געוואָלט מעסטן זיין ווייטיק, זיך קילן די הערצער מיט זיין יִיאוש, דווקא דעמאָלט האָט ער זיך אָװעקגעשטעלט אויף דער שוועל, מיט די הענט פאַרלייגט אויפן רוקן, זיך אָנגעשפּאַרט אָן ביישטידל און זיך געוויגט — נישט ווי ער וואָלט געווען דער טאַטע פון אַ צאַנקנדיק קינד — נאָר ווי ער וואָלט שוין געהאַט אויסגעגעבן די קינדער אין פריידן. „עץ ׳עט מיך נישט צעברעכן! נישט דערוואַרטן ׳עט עץ ענק!" האָט ער זיי צוריקגעשפּיזלט מיט די שאַרפע בליקן פון די קורצזיכטיקע אויגן.

דעמאָלט האָט זי זיך צוגעשאַרט צו אים, זיין שכנה אויפן פּאַטשעיאָוו — הינדעלע די אלמנה. זי האָט זיך אָנגעלענט אָן דער וואַנט לעבן אים, ווי זי וואָלט זיך אויך געוואָרעמט אין דער זון און אַ זאָג געטאָן ווי זי וואָלט גערעדט צום פּערדסלופּ דאָרטן, אויפן מאַרקפּלאַץ.

„כ׳האָב ערשט געלייענט אין אַ ספרל, האָב עד... אַז דער רבונו־של־עולם קלאַפּט זיך אין האַרצן און קלאָגט איבער אונדז... די אומגליקלעכע ברואים וואָס ער האָט באַשאַפן. ער וויינט בסתר... יאָ, בסתר. איר ווייסט פאַר וואָס בסתר, ר׳ יאָסעלע?" זי האָט זייטיק אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ צו אים, אָבער נישט געוואָרט, אַז ער זאָל איר ענטפערן. „ער וויינט און קלאָגט בסתר", האָט זי געצויגן, „ווייל עס פּאַסט נישט פאַר אַ לייב צו וויינען פאַר אַ פוקס, פאַר אַ מלך צו וויינען פאַר זיינע אונטערטאַנען. אָבער נישקשה... ווער עס איז נישט קיין לייב און ווער עס איז נישט קיין מלך, מוז נישט וויינען בסתר..." זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. „נאָר כ׳פאַרשטיי גאַנץ גוט. אַז אַ מענטש... אַז דער מענטש וויינט נישט בסתר... בפרט אַ מאַנספּאַרשוין... פילט ער זיך שפּל. אָבער אַזוי צי אַזוי, וויינען מעג מען... וויינען דאַרפט מען טייל מאָל. ס׳איז טייל מאָל אַ מיצווה צו וויינען, ר׳ יאָסעלע..."

זי האָט נאָך עפּעס בדעה געהאַט צוצוגעבן, אָבער יאָסעלע איז אַ שפּרונג געטאָן ווי אַן אָפּגעבריטער און מיט כעס אַ סיקע געטאָן צו איר: „האַקטץ נישט קיין טשייניק, שכנטע!"

האָט זי זיך פאַמעלעך אָװעקגעשאַרט פון אים און זיך צוריק אָװעקגעזעצט אויף איר קעסטעלע.

יענעם אויפדערנאַכט איז יאָסעלע אַרויסגעלאָפן אויפן בית־עולם צו מאַרימלען, זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן גראָזיקן קבר, מיטביידע הענט אַרומגענומען די הילצערנע מצבה, וואָס ער האָט אַליין געהאַט אויסגעשניטן און אויסגעקריצט,

און מיטן פּנים פאַרגראָבן אין דער ערד, אינעם גראָז, האָט ער זיך פונאַנדער־געקלאָגט — אַ פאַרדרענגט, פאַרקרעמפּט געוויין, אָן אַן אײנציקער טרער.

דערווייל איז באָטשאַני אָנגעגאַנגען מיטן נאָרמאַלן לעבן און בינהלע האָט געטאָן איר אַרבעט ביי שׂרה־לאהלען דער שוחטקע, וועלכע האָט געהאַט נאָך אַ גרעסערן עולם צוהערערינס און צוהערערס ווי אַ מאָל. אָבער יעדן טאָג, נאָך דער אַרבעט, איז בינהלע געלאָפן אַהיים זען וואָס פייגעלע מאַכט. פייגעלע איז געווען איר באַליבטסטע שוועסטער. סיי פייגעלע, סיי מאַשעלע, איר צווילינג־שוועסטער, האָבן נישט פאַרמאָגט קיין ביטערקייט אין זיך און זיי האָבן בלויז איבערגעחזרט די בייסיקע רייד וואָס זיי האָבן געהערט פון רייזעלען און רחלען. דערנאָך האָט מען דאָס פאַרגעסן. נאָר מאַשעלע איז געווען אַן ערנצט־טרויעריקע און פייגעלע איז געווען אַ שטיפערקע, אַ לייכטפּיסיקער קוועקזילבער. אַ דאַנק פייגעלען האָט מען אין שטוב אָפט געפלעגט לאַכן, אָט סתם, צוליב גאָרנישט. איצט איז געווען טויט־שטיל אין דער כאַלופּע.

בינהלע האָט נישט געקאָנט לאַנג קוקן אויף דער קראַנקער שוועסטער, אין דער טויט־שטילער כאַלופּע. האָט זי געבעטן מאַשעלען זי זאָל צוזאַמען מיט איר אַרויסגיין אויפן ברייטן טאָפּאָליע־וועג אָפּוואַרטן משיחן, אפשר וועט ער זיך צואײלן און קומען אויסהיילן פייגעלען. זי, בינהלע, איז שוין געווען גענוג דערוואַקסן צו וויסן, אַז משיח וועט נישט קומען ווען ייִדן ווילן, און אוודאי נישט ווען זי וויל, און אַז צוליב זייער שוועסטער פייגעלען וועט זיך אים זיכער נישט לוינען צו קומען גראָד היינט. און מאַשעלע האָט דאָס אויך גוט געוווּסט. דאָך איז מען עפּעס געוואָרן גאָר קינדעריש אין האַרצן, זינט פייגעלע איז אַזוי קראַנק געוואָרן — און מען האָט געגלייבט אין די וווּנדערס אין וועלכע מען האָט שוין געהאַט אויפגעהערט צו גלייבן.

דערנאָך, אַז זיי זיינען צוריקגעקומען, האָט בינהלע זיך אָוועקגעזעצט לעבן הערשעלען און געפרעגט: „זאָג מיר, הערשעלע, אויף ראַכטיק... ווען ׳עט משיח קומען?״

„ווען אַלע ייִדן ׳עלן אויפהערן זינדיקן״, האָט הערשעלע געענטפערט. „און ווען מ׳עט שוין נישט קאָנען אויסהאַלטן פון די צרות״.

„מען קאָן דאָך שוין נישט מער אויסהאַלטן פון די צרות״, האָט בינהלע געפּליסטערט.

„יאָ, אָבער מען איז נאָך נישט פריי פון אַלע זינד״, האָט הערשעלע באַמערקט. „זעסט דאָך, באָטשאַני האָט געזינדיקט קעגן טאַטן און קעגן פייגעלען...״

„טאָ וואָס איז דער טאַטע... וואָס איז פייגעלע שולדיק?״ האָט זי אַ פאַר־לוירענע אויסגערופן: „מ׳עט דאָך קיין מאָל נישט זיין פריי פון אַלע זינד!״

דאָ איז איר אייגעפאַלן, אַז קיין משיח איז בכלל נישט פאַראַנען. ס׳איז

געווען אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה. און אין אים, אין משיחן, האָט זי געהאַט געגלייבט, שטאַרק געגלייבט, אַפּילו ווען זי האָט אויפגעהערט צו גלייבן, אַז זי האָט געהאַט אַ גאָט. משיח איז געווען אַ מענטש, אַ שטאַרקער מענטש פון בלוט און פלייש, מיט אַ גוואַלדיקן כּוח אויסצוהיילן אַלע קראַנקע, לעבעדיק צו מאַכן אַלע טויטע, דער עיקר די מאַמען, און אַלעמען גליקלעך מאַכן. אים האָט זי אויסגעקוקט, אים וואָלט זי דערקענט אויפן ערשטן בליק. — און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ס'איז נישטאָ אויף וועמען צו וואַרטן, וועמען אויסצוקוקן, אויף וועמען צו האָפן...

האָט איר ווידער אַ ציִ געטאָן צו דער קירך. און זי האָט זיך אַ זונטיק אין דער פרי אַריינגעשליכט אהין צוזאַמען מיטן המון פּויערים. זי האָט באַמערקט יאַדווישען פון דער ווייטן, אָבער זי האָט זיך נישט צוגערוקט צו איר. פאַרקערט, זי האָט זיך באַהאַלטן הינטער דעם רוקן פון אַ ברייטפּלייציקן פּויער, כּדי יאַדווישע זאָל זי נישט דערזען. דעמאָלט האָט זי זיך אַריינגעקוועטשט אויף דער באַנק, גלייך פון פאַרנט, צווישן צוויי פּויערטעס, און האָט זיך איינגעקוקט אין דער מאַטקע־באָסקע.

„מאַמעשי...״ האָט זי געפליסטערט מיט פאַרמאַכטע אויגן און פאַרלייגטע הענט איבערן בוזעם. „מאַמעשי־קרוין, זע, אַז פייגעלע זאָל געזונט ווערן. לאָז מיך פייגעלע רופן ׳מאַרזעפע׳ און לאָז זי מיר טויזנט מאָל זאָגן, אַז צוליב מיר ביסטע געשטאָרבן, מאַמעשי... נאָר זיי גוט צו פייגעלען און הייל זי אויס...״ — אַז זי האָט געעפנט די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף דער מאַטקע־באָסקע, האָט זיך איר געדאַכט, אַז די פאַרוויינטע מאַמע שאָקלט מיטן קאָפּ צו איר. מיט אַ האַרץ פול מיט בטחון האָט זי זיך אַרויסגעשלייכט פון קאָשטשאָל.

„אַצינדער ׳על איך אויפרוימען שרה־לאהלעס שטוב, אַז ס׳עט אַלץ בלי־שטשען״, האָט זי זיך צוגעזאָגט. „און כ׳על פרעגן שרה־לאהלען וואָס נאָך אַלץ איך זאָל טאָן, אַז פייגעלע זאָל געזונט ווערן. און כ׳על מער נישט אַרויסגנבע־נען קיין קאָפּעקעס פון די צדקה־פּושקעס, און כ׳על זען נישט צו האָבן אַפילו קיין איין זינד, און פייגעלע ט׳מוזן געזונט ווערן״, האָט זי באַשלאָסן. — ווייל הגם זי האָט אויפגעהערט צו גלייבן אין וווּנדערס, האָט זי דאָך נישט געקאָנט נישט גלייבן אין זיי, אַצינד, ווען פייגעלע איז געווען אַזוי קראַנק.

ווען זי איז אַריין הינטן אַרום אין שוחטס הויף און געוואָלט זיך אַריינ־שלייכן אינעווייניק דורך דער הינטערטיר, האָבן זיך צו בינהלעס אויערן דער־טראָגן גאָר אומגעווייינטלעכע קלאַנגען. שרה־לאהלע איז בעת אַזאַ זונטיק אין דער פרי געווען באַלאַגערט פון אַן עולם צוהערערינס, וועלכע האָבן איינגע־שטעלט דאָס לעבן ממש, זיך אַרויסגעלאָזט פון זייערע אייגענע כאַלופּעס און זייִנען אַריבערגעלאָפן אהער, צו שרה־לאהלען, הערן זי דרשענען.

אָבער די יללות וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דעם שוחטס שטוב האָבן געהאַט אַן אַנדערן טאָן, ווי דעמאָלט ווען שרה־לאהלע האָט פירגעהאַלטן. זיי זיינען געווען גרילציקער, שאַרפער, פאַרכריפּעטער, יִאוּשדיקער.

אריין אין דער איזבע, האָט בינהלע קיין טראָט נישט געקאָנט שטעלן. צווישן די ווענט האָט זיך געדרענגט אַ צעטומלטער, צעוויגטער המון יִדן און יִדענעס. בינהלע האָט דערזען דעם פאַרהאַנגענעם שפּיגל און דעם שוחט, וועלכער האָט געקלאַפּט מיטן קאָפּ און מיט די פויסטן אַן דער וואַנט.

שרה־לאהלע האָט באַקומען אַ האַרצשלאַק אין דעם סאַמע הויכפּונקט פון איר מעשׂה וועגן מלאך־המוות. באָטשאַני האָט פאַרלוירן אַ כּוח אינעם קאַמף מיט דער סיטרא־אחרא — און דאָס קומען פון משיחן איז דערמיט טאַקע אָפּגע־לייגט געוואָרן אויף ווער ווייסט ווי לאַנג.

פייגעלע איז געשטאָרבן אַ וואָך שפּעטער.

קאַפּיטל ניין

1

אויף ר׳ פּייוועלע מילנערס נחלה האָט יעקב, הינדעלע דער אַלמנהס זון, זיך געפילט ווי אַ פויגל אַ פריי־געלאָזענער פון שטייג צו אַ רחבותדיקן פרילינג — הגם אויף דער וועלט איז גראָד געגאַנגען צום ווינטער. דאָס לעבן איז פול געוואָרן מיט אַ נייעם געשמאַק, מיט נייע ריחות און זיין, יעקבס, אייגענע לייכטקייט פון געמיט האָט אים נישט אויפגעהערט צו איבערראַשן. ער האָט גערן געהאַט ר׳ פּייוועלען, גערן געהאַט זיין הויך, קרעפטיק ווייב, די לאַנגע צירעלען. אַפילו ווען זיי האָבן געשריגן און זיך געקריגט, האָט ער זיי גערן געהאַט. און ער האָט גערן געהאַט זייערע קינדער. אַפילו די אָם און איר מאַן, דעם „גאַספּאַדאַזש״, די פּאַראָבקעס און די פערד און די קי, די הינט און די קעץ האָט ער גערן געהאַט. אַלץ אַרום איז אים גלייך טייער געוואָרן און ער איז אַלץ און אַלעמען געווען דאַנקבאַר. אָט די דאַנקבאַרקייט און די פרייד האָבן זיך געשפּיגלט אין זיין פּנים און האָבן זיך געלאָזט פילן אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן.

איז אים דערפאַר לייכט געווען צו געווינען אָט די נייע וועלט וואָס האָט אים אַרומגערינגלט און די הערצער פון די וואָס האָבן אָט די וועלט באַוווינט. ער האָט זיך געפילט באַקוועם, אין שלום מיט זיך און אין שלום מיטן באַשעפער. יאָ, דאָ האָט ער זיך מיט אים איבערגעבעטן — טראָץ אַלע טענות און תּרעומות. „שמים איז אש און מים...״ האָט ער זיך איינגעחזרט די ערשטע קלאָרקייט וואָס האָט דערוואַכט אין אים אַ מאָל, ווען ער האָט אין שול געהערט דעם אַלטן ר׳ סענדערלס רייד. „ערד און הימל פּאַסן זיך ווי אַ טעפּל מיט אַ שטערצל!״

דער בעל־הבית זיינער, ר׳ פּייוועלע מילנער, איז נישט געווען קיין געוווּק־סיקער. אָבער ער איז געווען אַ קרעמפּער, אַ מאַסיווער, אָן אָנגעלאָדנטער מיט ענערגיע. זיין קיילעכדיק פּנים איז געווען צוזאַמענגעקנאָטן, מוסקולירט, אָפּגע־ברענט, פול מיט ווינטקנייטשן אויפן שטערן און לאַכקנייטשן ביי די זייטן פון די אויגן. אויגן האָט ער געהאַט לעבעדיקע, אומרויִקע, פּונקט אַזוי קויל־שוואַרצע ווי זיין געדיכטע באָרד. יעדער באַוועג זיינער האָט דערציילט פון דעם אומרו

וואָס האָט אים צעטראָגן, ווי דער צונויפגעפּרעסטער כּוח אין זיין ענגען פעסטן גוף וואָלט כּסדר געזוכט אַ וועג זיך אויסצולאָדענען. דאָס האָט אויך אַלעמען אַרום אים געמאַכט אומרויִק. ער האָט נישט געקאָנט לאַנג זיין אָן באַוועגונג און האָט כּסדר פאַרבייגעשווינדלט פון איין אָרט צום אַנדערן. און ווי גיך ער האָט זיך געכאַפּט צו טאָן איין זאַך און דערנאָך אַן אַנדערע, אַזוי גיך האָבן זיך אויך זיינע שטימונגען געביטן. מען האָט קוים באַוויזן מיט־צולאַכן מיט אים, ווי שוין האָט זיך דערהערט זיין כּעסיק געשריי, צי ער האָט זיך גאָר פונאַנדערגעזונגען מיט אַ גראָבן שווערן באַס־קול. אין אַ רגע אַרום האָט ער זיך שוין ווידער געקאָכט און געשריגן אַן אַנגעצונדענער.

ר׳ פּייוועלע איז געווען אַ גאַליציאַנער. אין דער וואָכן האָט ער נישט געטראָגן קיין קאַפּאָטע, נישט קיין יִדיש היטעלע איבערן קאָפּל, נאָר אַ מין פרייִשע טראַכט, מיט אַ פוטערנעם פריצישן טשאַפּיק און זיין באָרד איז געווען דייטשמעריש פאַרשוירן, אויפן פראַנץ־יאָזעף־פאַסאָן.

ווי אַ בחור האָט ער פאַרוואַנדערט אין די מקומות פון קליינפּוילן און זיך פאַרנומען מיט אויפשטעלן וואַסערמילן פאַר די פריצים און מילנערס פון דער געגנט. אַזוי האָט וועגן אים געהערט דער באַטשאַנישער פריץ פאַר וועמען ר׳ פּייוועלע האָט אויפגעשטעלט אַ וואַסערמיל אויף זיין לאַנדבאַזיץ ביים טייך וואָס האָט פאַרבייגעשטראָמט זיינע פעלדער, אַ דרייסיק מייל פון באַטשאַני. דער יונגער פּייוועלע האָט געפונען חן אין די אויגן פון דעם פריצס עלטסטן זון וועלכער האָט אים, ווי אַ שפּאַס, צי פון חוזק־וועגן, אָוועקגעשענקט די חורבה פון אַן אַלטער ווינטמיל אויפן שפּיץ באַרג.

פּייוועלע איז געווען אַ גרויסער מומחה אויף מילן, אָבער אַ באַזונדערע שוואַכקייט האָט ער געהאַט צו ווינטמילן. האָט ער די ווינטמיל אויפן בלויען באַרג אויפגעריכט און געגומען אין אַרענדע דעם גאַנצן באַרג מיט אַ שטיק לאַנד אַרום. דאָס אָרט איז אים שטאַרק געפעלן, און ס׳איז אים אויך שטאַרק געפעלן די לאַנגע צירעלע, דעם האָלץ־סוחרס עלטסטע טאָכטער. ער האָט מיט איר חתונה געהאַט און מיט איר זיך איינגעאָרדנט אַ היים און אַ תבואה־מיסחר אויפן בלויען באַרג. די מיל גופא האָט ער אויסגעריכט אַזוי הייגטצייטיק ווי מען קאָן אויסריכטן ווינטמילן, און מענטשן, גויים און יִדן, פלעגן קומען פון מיילן ווייט זי באַקוקן ווי אַ בייז וווּנדער.

אין שטעטל באַטשאַני האָט יונג און אַלט געקענט ר׳ פּייוועלען. ער האָט גיך אָנגעהויבן צו רעדן דעם באַטשאַנישן יִדיש און ער האָט זיך אַזוי קונה־שם געווען מיט זיינע גמילות־חסדים, אַז מען האָט גאָר גיך אויפגעהערט צו באַמערקן זיין גוייִשן הולך און זיינע נישט־הונדערט־פּראָצענטיק יִדישע פּירכעצער. און דאָס וואָס מען האָט נישט געקאָנט מוחל זיין די אַנדערע „פאַרגויִישטע" יִדן פון שטעטל, האָט מען ביי ר׳ פּייוועלען עפּעס ווי נישט באַמערקט. פאַרקערט, ס׳איז

אַלעמען אויסגעקומען, אַז ר׳פּייוועלע וואָלט נישט געווען ר׳ פּייוועלע, אויב ער וואָלט נישט אויסגעזען ווי ער האָט אויסגעזען און זיך נישט געפירט ווי ער האָט זיך געפירט.

ר׳ פּייוועלע האָט זיך געלאָזט קאָסטן אַ גראָבע אַפּותיקא אויף כּל־ערליי צדקה־צוועקן, אויסגעהאַלטן די שטעטלשע חברות און נישט געמאַכט קיין אונ־טערשייד צווישן די חסידים פון איין רבין און אַן אַנדערן. ער האָט אויך גע־געבן אַ פיינע מטבע פאַרן כּלי־קודש, האָט קאָנקורירט מיטן אַרענדאַר בעתן קויפן עליות אין שול. און דער עיקר האָט ער אונטערגעשטיצט באַדאַרפטיקע יחידים. דאָס הייסט, אַז די מערהייט באַטשאַנישע ייִדן האָט געהאַט פּאַר וואָס אים דאַנקבאַר צו זיין: די כּלות וואָס ער האָט זיי צו שטייער געגעבן צום נדן, די בחורים וואָס ער האָט זיי אַרויסגעראַטעוועט פון „לאָס", די אַלמנות וואָס ער האָט זיי געגעבן אויף שבת צו מאַכן. אָפט האָט ער געגעבן אַן אָרעמען ייִדן אַ טאָג אַרבעט ביי זיך אין דער מיל, צי אויף דער נחלה. און יעדן מאָנטיק איז ער געקומען אין שטעטל אַריין געבן צו לייזן די אָרעמסטע קרעמערס און געבן אַ שטיקל אַרבעט די אָרעמסטע בעל־מלאכות אויפן פּאַטשעיאָוו.

דערפאַר האָט זיך יעדער אין באַטשאַני געהאַלטן פאַר אַ שטיקל מחותן מיט ר׳ פּייוועלען. מען האָט אים געלאַדן אויף חתונות, בריתן, בר־מיצוות און אים צו וויסן געטאָן דעם זמן פון לוויות. און אַז ער האָט זיך אין אַזאַ מאָנטיק באַוויזן אין שטעטל, און האָט זיך פון פּאַטשעיאָוו אָוועקגעלאָזט צום רבס הויז כּדי צו שפּילן מיט אים זיין רעגולערע מאָנטיקדיקע פּאַרטיע שאַך, האָט קיינער נישט אים, נישט דעם רב גענומען דאָס פאַר שלעכט. מען האָט ר׳ פּייוועלען נאָכגעקוקט און באַגלייט צום רבס טיר מיט אָפּשיי אין די בליקן און מיט אַ ברכה אויף די ליפּן.

ביי ר׳ פּייוועלען אויף דער נחלה האָבן אַלע פּאַראָבקעס גערעדט ייִדיש. און די גוייִשע אַם, פּרעדקע, וועלכע האָט, פאַרשטייט זיך, געגעסן נאָר כּשרע מאכלים, ווי לאַנג זי האָט געזויגן דעם בעל־הביתס בנימלעך — כּדי איר מילך זאָל זיין כּשר — האָט געזאָגט מיט די קינדער מודה־אני, געמאַכט מיט זיי אַ ברכה, דערמאָנט זיי צו וואַשן די הענט און האָט פּרייטיק צו נאַכטס און שבת מיטגעזונגען אין דער קיך די זמירות. בכּלל האָט זי געזען דערצו, אַז ר׳ פּייווע־לעס ייִנגעלעך זאָלן נישט אויסוואַקסן קיין גויים.

פּרעדקע דער אַמס וווינשטוב האָט זיך געפונען אין דער טיף פון גרויסן הויף, קעגן איבער ר׳ פּייוועלעס רחבותדיקן הילצערנעם הויז מיט אַ סך גרויסע פענצטער און אַ וועראַנדע אַרום און אַרום. אין אַט דעם הויז האָט ר׳ פּייוועלע סיי געוווינט, סיי געהאַט זיין „קאַנטור". פּרעדקעס כאַלופּע האָט פון איין זייט געגרענעצט מיט ר׳ פּייוועלעס שפּייכלער און פון דער אַנדערער זייט מיט די שטאַלן און קאַמערן. דאָרט האָבן פּרעדקעס אייגענע שקצימלעך און שיקסלעך

אַרומגעריזעט צווישן די פערד און קי, די הינער און גענדז. פּרעדקעס מאַן, דער „גאַספּאַדאַזש", האָט זיך פאַרנומען מיט אַלצדינג אויפן פאַלוואַרק, ווייל ר' פייוועלע האָט זיך עוסק געווען נאָר מיט דער מיל און מיטן תבואה־מיסחר.

ר' פייוועלעס ווייבל, די לאַנגע צירעלע, ווי מען האָט זי אין שטעטל גערופן צוליב איר הויכער, שלאַנקער פיגור, איז געווען אַ „ייִדענע מיט אַן אויערינגל", אַ ברען אַ בעל־הביתטע, וואָס די גאַנצע גרויסע ווירטשאַפט איז געווען אויף איר קאָפּ. זי איז געווען מער דעה־זאָגערין אַרום הויף ווי ר' פייוועלע, וועלכער האָט זיך אין דעם פּרט אין גאַנצן אויף איר פאַרלאָזן, און וועלכער האָט וועדליק איר „געהאַט אַ ווינטמיל אין קאָפּ". זי האָט יעדן דאָנערשטיק אויסגעצאָלט די שכירות די פּאַראָבקעס און די אַרבעטערס און זיי דערלאַנגט יעדן אַ קעלישעק „מאַנאָפּאָלקע" מיט אַ שטיקל לעקעך צו פאַרבייסן. די פּאַראָבקעס און די אַר־בעטערס האָבן געציטערט פאַר איר און זיך גענייגט פאַר איר אין דרייען. זייערע ווייבער, וואָס האָבן געאַרבעט אין הויף, צי אין דער קיך, האָבן געהאַלטן די קעפּ אַראָפּגעלאָזט ווען זיי האָבן גערעדט צו איר.

צירעלע איז מיט איר טעמפּעראַמענט געווען ענלעך צו איר מאַן, ר' פיי־וועלען, הגם זי איז געווען מער זאַכלעך און פּראַקטיש ווי ער, איז מער מדקדק געווען אויף פּרטים. אַפילו ווען זי איז געווען אין כּעס, האָט זי דעם קאָפּ נישט פאַרלוירן, גאַרנישט ווי איר מאַן.

לכל־הפּחות איין מאָל אין טאָג האָבן זיך מאַן און ווייב צעווערטלט און איין מאָל אַ וואָך זיך צעקריגט. דעמאָלט איז דאָס וואָרט „פּראַקטיש" געשפּרונגען צווישן — זיי ווי אַ באַלעמל. זי האָט אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער איז נישט „פּראַקטיש" און ער איר — אַז זי איז צו „פּראַקטיש". זי האָט אים פאָרגעוואָרפן זיין פאַרליבטקייט אין דער מיל און זיין „קינדערישקייט" אין ענינים פון בעל־הבתישקייט און קינדער. ביי איר איז ער געווען אַ פלאַטערקאָפּ, אַן אויסברענגער.

„געדענק!" האָט זי אים געוואָרנט בעת זיי האָבן זיך געקריגט. „אַז מען לעבט אָן אַ חשבון, שטאַרבט מען אָן תכריכים!"

ער, פון זיין זייט, האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן איר אויסגערעכנטקייט מיט יעדן גראָשן און נישט אירע איינגלייבענישן אין שדים און רוחות. „ביסט זאַבאַבאָנגע ווי תּרח " האָט ער זיך געקאָכט. „און דערצו ביסטע אַ קמצנטע און אַ מירשעת!"

„ביסט אַליין אַ תּרח און אַ פּושע־ישראל! ביי דיר ט'נישט זיין צדקה תּציל ממוות! און דערנאָך ס'טע גלייך געבן אַ פלי אַריין אין גיהנום אַריין, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר!" איז זי אים נישט שולדיק געבליבן קיין וואָרט.

דער צעקאָכטער פייוועלע וועלכער האָט קוים געהערט וואָס זי שרייט, האָט צוריקגעשאָסן: „צוליב דיין קמצנות האָט זיך אַפילו דיין טראַכט פאַרמאַכט!"

האָט ער געךעוועט אויף אַלע כּלים. „צוליב דיין קמצנות האָסטע אַפּילו נישט געהאַט גענוג צו זייגן פאַר דיינע אייגענע צוויי יורשים!"

אַז ר' פייוועלע האָט זיך געקריגט, האָט דער שׂכל ביי אים זיך אָפּגערוט. איין זאַך האָט ער נאָר געוווסט: צו צילן מיט די ווערטערפיילן אין די ערטער ווו ס'האָט צום מערסטן ווי געטאָן. און צירעלע האָט נישט ערגער געצילט. די זאַך איז נאָר געווען, וואָס ער האָט זי נישט געהערט, אָבער זי אים יאָ, יעדער וואָרט, כּדי דאָס אויסצוניצן שפּעטער, ביים איבערבעטן זיך.

גוט ווי זיי האָבן געקענט איינער דאָס אַנדערע, זיינען זיי צו זיך גאָרנישט געווען גלייכגילטיק און דער שטורעם צווישן זיי, ווילד ווי ער איז געווען, איז גיך פאַרגאַנגען. אַ מין שלום־פּענדל איז געווען איר, צירעלעס נאָזטיכל, וואָס זי האָט אַ כאַפּ געטאָן צו די אויגן, הגם אין זיי איז זעלטן געווען אַ שפּור פון אַ טרער. דערזען דאָס טיכל, האָט ר' פייוועלעס כּעס זיך געלייגט, ווי דער כּעס פון אַ לייב וואָס דערזעט די בייטש אין דער האַנט פון זיין דרעסירער.

ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אין די אָרעמס, פאַרנורעט די געדיכטע באָרד אין איר האַלדז, התפּעלותדיק זי געקושט און געמרוקעט: „כ'האָב מיר בלויז געמאַכט אַ וויץ, מעשׂה־בהמהלע. האָסט דאָך מיר געגעבן צוויי בנים וואָס כ'וואָלט נישט אויסגעטוישט פאַר אַ טוץ אַנדערע!" און ער האָט זי, ווי זי שטייט און גייט, גאָרנישט יִדישלעך, אַריינגעשלעפּט אין דער שלאָפשטוב.

איין זאַך איז געווען זיכער: פּרייטיק איז נישט געווען אַ טאָג צום קריגן זיך. ר' פייוועלע האָט פרייטיק געדאַרפט פאַרענדיקן אַלע געשעפטן אין דער מיל און אין „קאָנטור" און ער האָט אַ צעהיצטער געהאַוועט פון איין אָרט אין אַנדערן און צירעלע האָט זיך אויף דעם גאַנצן טאָג געפּאַרעט און געשוויצט.

דערנאָך, אַז מען האָט אָנגעצונדן די בלאַנקנדיקע קופּערנע הענגלייכטערס אין דער עסשטוב און אַלע אַנדערע ליכט אין דער שטוב, ווייל צירעלע האָט געוווסט, אַז וואָס מער ליכט אין שטוב, דאָס מער מזל־ברכה און פּרנסה שענקט דער רבונו־של־עולם — האָט צירעלע באַקומען גאָר אַן אַנדערן אויסזען. איר פּנים האָט אַליין אַרויסגעשטראַלט אַ ליכטיקייט פון זיך. זי איז געווען אויסגע־צירט אין איר שוואַרץ־זיידן, שבתדיק קלייד מיט די לאַנגע שנורן פּערל וואָס האָבן אַפּערגעשמייכלט פון אונטער דעם ווייסן זיידענעם שאַליקל אַרום אירע אַקסלען. ווי אַן אמתע יִדישע מלכּה האָט זי אויסגעזען, אַ מלכּה וואָס באַהאַלט עפּעס אַ טייערן, גוטן סוד אין דעם קוים־קוימיקן שמייכל אויף אירע ליפּן. — אַזוי האָט זי זיך באַוויזן אין דער עסשטוב, האָט פאַרריכט די הויב די אָרומגע־בייטע מיט קאַראַנקעס און אויסגעצירטע מיט קליינע דימענטלעך, און האָט זיך דערנעענטערט צום געגרייטן טיש, ווו די חלות זיינען געלעגן פאַרדעקט מיט אַ חלה־טישטעכל אָן אויסגעהאָפטנס מיט אַ זילבער־פאָדעם. זי האָט געבענטשט

די ליכט אין דעם זעקס־רעריקן זילבערנעם לייכטער און אַ צווייבערדיקע שלווה האָט איינגענומען דאָס הויז. די צייט איז שטיין געבליבן.

ר׳ פּיוועלע און זיין אורח, אָדער אורחים וואָס ער האָט איינגעהאַלטן ביי זיך אויף איבער שבת זיינען אָנגעקומען צו פוס פון דער שול אין באָטשאַני. דעמאָלט האָט מען זיך געזעצט צום טיש. קעגן איבער צירעלען איז געזעסן ר׳ פּיוועלע אין אַן אַטלעסענער קאַפּאָטע. זיין שטייף־אויסגעפּרעסט ווייס העמד האָט אַרויסגעבלאַנקט פון אונטער דעם קראַגן. דאָס ווייסע זיידענע קאַפּעלע אויפן שפּיץ פון זיין שוואַרצן קאָפּ האָט געשימערט מיטן אָפּשיין פון אַלע ליכט. דער שמייכל אויף זיינע פולע רויטע ליפּן און אין זיינע קויל־שוואַרצע אויגן האָט געגלעט צירעלען איבערן טיש אַריבער אויף גאָר אַן אַנדער אופן ווי אין דער וואָכן. היינט האָט דער באַגער איידל־פּאַרכטיק געזונגען שירה צווישן זיי: אָנגעשפּאַנט ווי אַ סטרונע צווישן זיי, האָט ער זיך געטובלט אינעם ליכט פון די ברענענדיקע לייכטער.

יעקב, וועלכער איז געזעסן מיט דער משפּחה ביים טיש, אויב ער איז נישט אַהיימגעגאַנגען אויף שבת צו דער מאַמען — האָט דעמאָלט געטראַכט, אַז ער האָט גאָר אַזאַ שיינקייט פון שבת קיין מאָל אין זיין לעבן נישט געזען. נישט פאַראַן געווען עפּעס דערהויבענערס ווי אַ שבת־מאָלצייט פון אַ פּולער, נישט־צעשטערטער משפּחה, מיט אַ טאַטן, אַ מאַמען און זייערע אַלע קינדער אַרום טיש.

ווען יעקב האָט נישט געקנעלט מיט די צוויי יינגעלעך, האָט ער אַרויס־געהאָלפן אין דער מיל. ער האָט ליב געהאַט צו אַרבעטן אין דער מיל. דאָרט האָט ער אָפּט געהאַט די געלעגנהייט צו זיין לעבן ר׳ פּיוועלען.

אויב ר׳ פּיוועלע איז נאָר געווען פריי פון די סוחרים און אין „קאַנטור" האָט גאָרנישט געברענט, האָט ער מיט ברען זיך אָפּגעגעבן מיט דער אַרבעט אין דער מיל. דאָ איז ער אָפּט געווען גוט אויפגעלייגט, לעבעדיק, במשך פון לאַנגע שעהען. דאָ איז ער געווען פריינדלעך און צוגעלאָזן. ער האָט נישט פאַרמאַכט דאָס מויל. און הערן ר׳ פּיוועלען רעדן איז פאַר יעקבן געווען אָטעם־פאַרכאַפּנדיק. אַלץ וואָס ר׳ פּיוועלע האָט געזאָגט איז געווען ניי, אַנדערשדיק. ער האָט געהאַט אַן אָנונג אין וועלטלעכן וויסן און ער האָט געוווסט וועגן דער וועלט גופא, וועגן דער עסטרייכישער אימפּעריע און וועגן ראָסיי. ער האָט גענוי געוווּסט די פעלערן פון דער רוסישער סטראַטעגיע אין דער מלחמה מיט די יאַפּאַנטשיקעס, און געוווסט די פּאָליטיק פון „דויטשלאַנד", ענגלאַנד און פראַנק־רייך, מקומות וועגן וועלכע יעקב האָט געהערט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. ר׳ פּיוועלע האָט געוווסט צו דערציילן ווי מען פירט זיך אויף אין איין מדינה און ווי אין אַן אַנדערער.

געשמועסט האָט ר׳ פּיוועלע וועגן די אַלע זאַכן טאַקע מיט די אורחים

זיינע, די סוחרים, וואָס ער האָט פאַרהאַלטן אָפּט אויף איבער נאַכט, צי אויף איבערן שבת, צו האָבן מיט וועמען „אַ וואָרט אויסצורעדן". אין אַ וואָכנטאָג האָבן אָט די אורחים געמוזט שטיין ביי דער טיר פון דער מיל, מיט פאַרלייגטע הענט, בעת ר' פּיוועלע האָט מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, אין די בלויזע הויזן מיט אַראָפּגעלאָזטע שעלקעס, זיך געפּאָרעט ביי די צערווישטע מילשטיינער, וועלכע ער האָט געמוזט איבערשרייען, ווען ער האָט פירגעהאַלטן פאַר זיי, די צוהערערס.

אין מיטן דערינען האָט ר' פּייוועלע געקאָנט זיך פאַרהאַלטן, אַרויסציען פון דער הינטער־קעשענע פון די הויזן אַ „בלאַט־צייטונג", איינע פון די וואָס ער האָט אויסגעשריבן פון ווין, צי אַדעס, פון קראָקע, צי פון וואַרשע — און צולויפן צו זיין צוהערער אים אויפצווייזן, אַז אין דער „בלאַט־צייטונג" שטייט שוואַרץ אויף ווייס געשריבן, אַז ער, ר' פּייוועלע, איז הונדערט פּראָצענטיק גערעכט מיט זיינע השערות.

יעקבן איז יעדער טאָג ביי ר' פּיוועלען אויסגעקומען ווי שבת, נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז זעלטן געזעסן ליידיק. ס'איז געווען נישט נאָר די יום־טובדיקייט פון דערוויסן זיך נייע זאַכן פון ר' פּיוועלען, נאָר פון דער שטימונג פון דעם גאַנצן אַרום, אין וועלכן ער האָט זיך געפילט באַקוועם מיטן גוף און דער נשמה.

דער דרויסן האָט געשפּרייט פאַר די אויגן אַ סעודה פון שיינקייט. פון דאַנען, פון בלויען באַרג, האָט מען געקאָנט זען באַטשאַני אַרויסקוקן פון העט־ווייט, פון צווישן די טאָפּאָליע־ביימער, מיטן ווייסן שפּיץ פון קאָשטשאָל זיך איינשטעכן אינעם בלוי פון הימל. מען האָט פון דאַנען געקאָנט זען די פעלדער און דעם ווייסן באַרג, דעם פּריצס הויף, דעם סאָסנעוואַלד, דעם בעריאָזע־וואַלד און דעם סטאַוו. דאָס ליכט פון דער זון, דער בלוי צי דער גרוי, צי דער גראַנאַט פון הימל האָבן זיך געשפּיגלט אין אַלע שויבן פון הויז און אויסגעזען עס אונטערצוהייבן פון דער ערד. ווי אַ מין נחס תּיבה האָט עס אויסגעזען סיי צו שווימען דורך דער לופטן, צווישן ליכט און שאָטן, סיי צו זיצן פאַראַנקערט אויפן שפּיץ פון באַרג אַררט, אַרומגערינגלט פון אַ ים מיט גרינס, באַשפּרענקלט מיט כאַברעס, מאַרגאַריטקעס און ווזשאָס.

אַז יעקב האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַלקערל וואָס צירעלע האָט אים צוגעטיילט און האָט געעפנט אַ ספר, האָט ער עס פרום געקושט און געמורמלט: „כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך..."

2

ר' פּיוועלעס יינגערער זונדל איז אַלט געווען פינף יאָר ווען יעקב איז אַריבער־געקומען קנעלן חומש מיט רש"י מיט אים און מיט זיין עלטערן ברודערל. דעם קלייגעמס נאָמען איז געווען אַברהמעלע. אָבער זיין אָם, פרעדקע, וועלכע איז

געווען אַ וואָלינער פויערטע וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ פויער פון באָטשאַני. דעם „גאַספּאַדאַזש" — האָט אים גערופן אַבראַשינקאַ, און ווען ער איז עלטער געוואָרן: אַבראַשאַ, צי אַבראַשקאַ. און אַזוי האָבן שוין אַלע, טאַטע־מאַמע אַריינ־גערעכנט, אים גערופן אַבראַשעלע, אַבראַשע, אַבראַשקע.

האָט אַבראַשעלע געהאַט אַ „מאַמעשי" מיט אַן „אַמעשי", און ער האָט די „אַמעשי" אַ סך בעסער ליב געהאַט ווי ער האָט ליב געהאַט זיין אייגענע מאַמען. און זי, די „אַמעשי" האָט אויך געהאַט אַ באַזונדערע שוואַכקייט צו אים. זי האָט זיך מיט אים אָפּגעגעבן מער ווי מיט איר אייגענעם קליינוואַרג.

פרעדקע איז געווען אַ קרעמפּע, ברייט־ביינערדיקע, ברייט־היפּטנדיקע באַבע מיט אַ פּאָר מאַסיווע שטאַרקע פיס אויף וועלכע די מוסקולירטע לידקעס האָבן זיך אָנגעזען ווי ביי אַ מאַנספּאַרשוין. אַ פּנים האָט זי געהאַט אַ קיילעכדיקס, ווי אַ לבנה, מיט אַ גלאַטער שיינענדיקער הויט, מיט אַ שטאַרק פּאַרריסענער „קאַש־טשושקאַ"־נאָז און אַ פּאָר גוטמוטיקע גרויע אויגן. אָפּט מאָל, אין דער סאַמאַראָ־דנער האַוועניש פון וואַשן און קאָכן — זי איז געווען צירעלעס רעכטע האַנט — פלעגט זי אַ כאַפּ טאָן דאָס צעשפּילטע יאַטל, צופּרעסן אים צו איר גרויסן, רייכן בוזעם און אויססמאַטשקען אים די באַקן מיט אַזאַ ברען, אַז ס'האָט אַזש גע־סווישטשעט אין די אויערן. דערנאָך האָט זי אים — אַפילו ווען ער איז שוין געווען אַ חברה־מאַן וואָס האָט דערגרייכט דעם „רייפן" עלטער פון דריי יאָר — דערלאַנגט די פולע שווערע ברוסט אין מויל אַריין. ביז יעקב האָט זיך באַוויזן אין זיין לעבן, האָט אַבראַשקע מער פאַרבראַכט ביי דער „אַמעשי" אין דער כאַלופּע, ווי אין זיין אייגענער ווינשטוב.

אַבראַשקע איז געווען אַ פעטינק יינגעלע, אַ פּרעסערדיקס, אַ צעשמייכלטער מזיק. גערירט האָט ער זיך ווי אַ קאַטשקעלע אויף די פולכע פיסלעך, אָבער זשוואַווע ווי אַ העזל. אַ שוואַרץ־האָריקער, געראָטן אויסן אויג אין ר' פייווע־לען, האָט ער פאַרמאָגט אַ פּאָר נייגעריקע, שטיפעריש־צעפינקלטע שוואַרצע אייגלעך, וועלכע האָבן אויסגעגעבן וואָס פאַר אַ מזיק און שאַדנווינקל ער איז דאָס געווען. וואָס עס איז אים געקומען אונטער דער האַנט האָט ער געמוזט צענעמען און זען „פון וואַנען די פיס וואַקסן". מען האָט געהאַלטן אין איין „אַפּראַטעווען" חפצים פון זיינע הענט, אין איין טרייבן אים פון איין אָרט צום אַנדערן, ווייל ער האָט געקאַנט אויסוואַקסן דאָרט וווּ מען האָט זיך אויף אים צום ווינציקסטן געריכט, אַפּטאָן אַ שטיקל אַרבעט אין אַן אויגנבליק, און באַלד זיך באַווייזן ערגעץ אַנדערש און ווידער עפּעס אַ כאַפּ טאָן אין די הענט. אַרומגעלאָפן איז ער באָרועס, איין נאַגאַוויצע פון די הויזן אַרויף, די אַנדערע אַראָפּ, דאָס העמדל שוואַרץ מיט בלאָטע, די שעלקעס אַראָפּגעלאָזט, דאָס פּנים אויסגעשמירט.

דאָך, ווען יעקב האָט געקוקט אויף אַבראַשקעס פעטינקן, לאַנכנדיקן פּנימל

מיט די צעפינקלטע שוואַרצע אויגן, די שימערנדיקע דראָבנע ציין — זיינען אים געקומען אויפן זינען די חנעוודיקע מלאכימלעך אויף די „אַנזיכטס״־קאַרטן וואָס די בעל־הביתטע, די לאַנגע צירעלע, האָט באַקומען מיט דער פּאָסט און וואָס איר עלטערער זונדל, שלמהלע, האָט געזאַמלט.

אַבראַשקע האָט געקלעפּט צו יעקבן זינט דעם ערשטן טאָג וואָס זיי האָבן זיך באַגעגנט. געלערנט האָט ער מיט יעקבן אין דער פרי און יעדן נאָכמיטאָג, ווען יעקב האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער אַרבעט אין דער מיל, איז ער אין גאַנצן אַריבער אין קליינעם אַבראַשקעס רשות. ווי נאָר ער האָט באַמערקט יעקבן אַרויסקומען פון דער מיל, איז אַבראַשקע אונטערגעלאָפן צו אים, פאַרפלאָ־כטן די הענט אַרום יעקבס קניען און פאַרריסן צו אים דעם צעשויבערטן שוואַרצן קאָפּ. „הייב אָן די מעשה, שנעלער!״ האָט ער אויסגערופן.

אַבראַשקע האָט געשלונגען מעשיות מיט אָפענע אויגן און אויערן. דאָס איז געווען די איינציקע צייט ווען ער האָט זיך נישט באַוועגט, נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך מיט אים — אַזוי האָט ער מיטן כּוח־הדמיון, מיט זיין גאַנצן חיות, זיך געקאָנט אַריינציִען אין דעם וואָס יעקב האָט אים דערציילט.

ווען יעקב האָט דערשפּירט אָט דעם הונגער, דעם נייגער, די שפּאַנונג, איז ער אָנגעשטעקט געוואָרן פון אַבראַשקען, אַליין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אייגענער מעשה. ס׳איז אויסגעקומען ווי אַבראַשקע וואָלט געהאַט אַ שליסל אויך צו זיין, צו יעקבס דמיון. ער האָט צעעפנט אין אים טירלעך און אַרויסגע־לאָזט בילדער, סעצנעס פון אויסטערלישע געשעענישן, פון נישט־געשטויגענע און דאָך וואָרהאַפטיקע אַוואַנטורעס. ווערטער זיינען אַרויסגעפלאָסן פון יעקבס מויל ווי אָנגעצויגן אויף סטענגעס; ווערטער וואָס ער האָט לגמרי נישט געוווסט פון וואַנען זיי זיינען צו אים געקומען; עלעהיי אַבראַשקע וואָלט אים פאַרוואַנדלט אין אַ קונצן־מאַכער, יעדער ווונטש אַ טויב, וואָס האָט געפלאַטערט אין דער לופטן און אַראָפּגעפּרושעט פון די פליגל דעם שטויב פון מקומות־געוואָרענעם כּישוף. אַבראַשקע האָט אונטערגעכאַפּט די זעונגען, אַריינגעזויגן זיי אין זיך און פאַרלאַנגט נאָך און נאָך...

פרילינג איז אָנגעקומען. די בלאָטעס האָבן אויסגעטריקנט. נאָך דער אַרבעט אין דער מיל האָט יעקב אָוועקגעזעצט אַבראַשקען רייטן אויף זיינע אַקסלען און צוזאַמען מיטן קונדעל באַביקן זיינען זיי אַוועק אין בעריאָזע־וועלדל. בעת־מעשה האָט יעקב אויף קיין אויגנבליק נישט געטאָרט איבעררייסן די מעשה וואָס ער האָט געהאַט אָנגעהויבן דערציילן. מען האָט זיך איינגעהערט צום צווישטשער פון די פייגל — און יעקב איז אָנגעגאַנגען מיט דער מעשה. מען האָט געקליבן קנאָספּיקע ריטלעך — און יעקב איז אָנגעגאַנגען מיטן דערציילן.

אַוודאי האָט יעקב, דערציילנדיק די מעשה, פון צייט צו צייט פאַרוואַנדערט מיטן רעיון אויף אייגענע דרכים. אָט דאָס וועלדל איז אים געבליבן אין זכרון ווי דאָס אָרט ווו ער האָט געזאָלט „געקרייציקט ווערן" פון זיינע חברימלעך, די שקצימלעך. האָט ער, דערציילנדיק אַבראַשקען די מעשה, אויף ס׳ניי איבערגע־לעבט די אימה פון יענעם פרילינגטאָג. בעת־מעשה האָט ער געטראַכט: „כ׳בין מער נישט קיין קינד. אַ דערוואַקסענער ייִד בין איך. און אַ דערוואַקסענער ייִד מוז אָט אַזוי לעבן: מורא האָבן און דאָך גיין זיין וועג... מורא האָבן און דאָך אָנגיין מיטן שפינען די מעשה..."

דערנאָך האָט יעקב באַמערקט ווי זיינע אייגענע פאַרבאָרגענע מחשבות האָבן באַפאַרבט די מעשה וואָס ער האָט דערציילט אַבראַשקען — און פון דעם איז די דערציילונג אַרויסגעקומען נאָך שפּאַנענדיקער, נאָך אָטעם־פאַרכאַפּנ־דיקער.

אָנגעקומען צו די זומפּן און דעם סטאַוו, האָבן זיי צוגעקוקט ווי די בושלען פאַנגען זייער רויב, צי שטייען אויף איין פוס און מעדיטירן — און יעקב האָט נאָך אַלץ נישט איבערגעריסן די מעשה. דאָ, אַזוי ווייט אַוועק פון דער נאָענטסטער כאַטע, ווען ס׳איז אויסגעקומען, אַז זיי צוויי זיינען געווען די איינציקע מענטשן אויף גאָטס וועלט, האָט דאָס דערציילן געהאַט אַ טאָפּלטן טעם. יעקב האָט אַריינגעפלאָכטן דעם סטאַוו און די בושלען, די בעריאָזעס, די דעמבעס און די קוסטעס און זיך אַליין מיט אַבראַשקען אין די בילדער וואָס ער האָט געוועבט. און ס׳איז אויסגעקומען ווי ער וואָלט זיך און אַבראַשקען געזען מיט דרויסנדיקע אויגן, מיט די אויגן פון דער וועלט וואָס האָט זיי ביידן אַרומגערינגלט. אַזוי איז דאָס וועלדל און דער סטאַוו און אַלץ אַרום אויך באַלעבט געוואָרן. דורכן כּישופדיקן כּוח פון דער מעשה איז יעדער בוים, יעדער גרעזל, יעדער וואַסער־טראָפּן ווי אויף ס׳ניי באַשאַפן געוואָרן.

אויפן וועג צוריק זיינען זיי אַרויס אויף דער לאָנקע. יעקב האָט נאָך אַלץ געוויקלט די טאַשמע פון בילדער. „יעקב און אַבראַשקע זענען געגאַנגען און געגאַנגען..." האָט ער געצויגן מיט זיין ספּעציעלן מעשה־ניגון. „ביז זיי האָבן דערזען פאַסטעכער אין פעלד".

אין דער אמתן האָבן זיי דערזען נאָר איין פאַסטעך פון דער ווייטן, קאַזשי־מיעזשן, דעם גאָספּאָדאַזשס אַלטן טאַטן וועלכער האָט געפּאַשעט ר׳ פייוועלעס קי. ער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן דעם סאָסנע־בוים וועלכער איז אָן איינזאַמער געשטאַנען אין מיטן פעלד. פון די צווייגן פון אָט דעם סאָסנעבוים האָבן די שקצימלעך טאָקע דעמאָלט געמאַכט דעם צלם וואָס זיי האָבן צוגעבונדן צו יעקבס רוקן.

אַז ער און אַבראַשקע האָבן זיך דערנענטערט צום בוים און צו קאַזשי־מיעזשן, האָט יעקב ווייטער געברומט מיטן זעלבן ניגון: „און אַבראַשקע און

יעקב האָבן זיך אַוועקגעזעצט לעבן די פֿאַסטעכער. און די פֿאַסטעכער זיינען געווען מרגלים פֿון ווייטע מקומות. די פֿאַסטעכער האָבן נישט געקאָנט רעדן אַבראַשקעס און יעקבס לשון..." דאָ האָט זיך יעקב אַ ווענד געטאָן צו קאַזשימיעזשן און געפֿרעגט: „און די פּויאַרקע ווו איז?"

קאַזשימיעזש האָט זיך ברייט צעשמייכלט מיט זיין אָנצייַנערדיקן מויל, אַרויסגענומען די פּויאַרקע פֿון אונטער דער פֿאַזוכע און זי צוגעטראָגן צו די ליפּן. קודם האָט ער אַדורכגעבלאָזן לופֿט דורך איר, אָפּגעקלאַפּט זי אָן דער צעקנייטשטער ברוינער דלאָניע, דערנאָך אַ זאָג געטאָן: „זאַגראַמי..."

„די פֿאַסטעכער האָבן נישט געקאָנט זיך אויסשמועסן מיט אַבראַשקען אויף זיין לשון, האָבן זיי גענומען זייערע פֿלייטלעך", האָט יעקב ווייטער געשפּונען דעם מעשׂה־פֿאָדעם. „און אַנשטאָט צו רעדן, האָבן זיי געשפּילט. דאָס האָט אַבראַשקע זייער גוט פֿאַרשטאַנען..."

אַבראַשקע האָט זיך אויסגעלענט אויף יעקבס שויס. קאַזשימיעזשס מעלאַדיעס זיינען געווען דין, אויסגעצויגן־אומעטיקע. ס'האָט לאַנג נישט גענומען און אַבראַשקע איז איינגעשלאָפֿן. יעקב האָט אים גענומען אויף די אָרעמס און אים אַהיימגעטראָגן. די לאָנקע איז געווען באַדעקט מיט יונג־גרינעם זאַפֿטיקן גראָז און מיט פֿריִע פֿעלדבלומען. די ערד אונטער די פֿיס איז געווען ווייך, נאָכגיביק ווי אַ דיקער טעפּעך.

יעקב האָט געטראַכט: „אָט טראָג איך אים אויף די הענט... אַ קינד... און איך אַ גרויסער. און כ'גיי פֿאַמעלעך איבער דער לאָנקע ווו כ'בין דאַמאָלס געלאָפֿן מיר צו ראַטעווען דאָס לעבן. און טאָמער באַפֿאַלט אונדז ווער אַצינדער..."

— דאָס איז דער פּחד, וואָס ער האָט דאָ אַ מאָל איבערגעלעבט, אים ווידער באַפֿאַלן. „וואָס 'על איך טאָן? 'על איך האָבן כּוח צו באַשיצן אַבראַשקען?" די לאָנקע האָט מחיהדיק געשמעקט און די ריחות האָבן אויסגעזען מיטצושפּילן מיטן קלאַנג פֿון קאַזשימיעזשס פּויאַרקע וואָס האָט דין־טרעריק־טויִק וואָס אַ מאָל שוואַכער זיך געהערט פֿון אונטערן בוים העט צוריק. יעקב האָט באַטראַכט אַבראַשקעס פּנים דאָס פֿאַרוועבטע אין שלאָף. „ווען איך בין מיט אים", האָט ער אַ טראַכט געטאָן, „כאָטש איך בין נישט מער קיין קינד... געדענק איך קיין מאָל נישט ווי אַלט ער איז, ווי אַלט איך בין. און אַז איך בין מיט דער מאַמען, געדענק איך אויך נישט ווי אַלט זי איז, ווי אַלט איך בין. אפֿשר... אין ליבשאַפֿט... ציילן זיך נישט קיין יאָרן... אַז מען האָט זיך ליב, איז מען אין דעם זעלבן עלטער".

ס'האָט זיך געשטעלט אַן ערב־חגא־טאָג ווען אין דער מיל האָט אַלץ געברענט אונטער די הענט. אַבראַשקע האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן, אַז יעקב זאָל ענדיקן די אַרבעט און אַרויסקומען פֿון דער מיל. אין דער מיל גופֿא האָט ר'

פּיוועלע שטרענג פאַרבאָטן אַבראַשקען אַריינצוקומען. האָט אַבראַשקע זיך אַרומ־געדרייט מיטן הונט באַביק אין דרויסן און נישט אויפגעהערט צו רופן: „ני, יעקב, ני קים שוין אַרויס!"

דאָס סקריפּען פון די מילזעגלען, דאָס קרעכצן פון די מילשטיינער און די פאַרפאַרעטע קולות פון אינעווייניק זיינען געווען אַלץ וואָס ער האָט צוריק־באַקומען במקום אַן ענטפער. לסוף האָט ער דערזען דעם טאַטן, ר' פּיוועלען, אַרויסקומען פון דער מיל, אַ צעכראַסטעטן, אַ פאַרפאַרעטן, אַריבערלויפן צו דעם „קאַנטור" ווו עס זיינען אַרומגעשטאַנען די סוחרים און האָבן געוואַרט אויף אים.

איז אַבראַשקע אים נאָכגעלאָפן און געשריגן: „טאַטשי, ווען ט'שוין יעקב אַרויסקומען?"

דער „קאַנטור" איז געווען אָנגערויכערט און טומלדיק. די סוחרים האָבן זיך געקאַכט, געהיצט וועגן תבואה־פּרייזן, געחשבונט מיט שטיקלעך קרייד אויף ר' פּיוועלעס פראַבע־קעסטלעך, אויף די שאַפעס, טירן און אויפן טיש, ווו זיי האָבן געהאַלטן אין איין איבעררוקן די גלעזער מיט נישט־דערטרונקענעם טיי, די טעלער מיט קיכלעך, כדי צו האָבן אָרט ווו צו חשבונען. בעת־מעשׂה האָבן די סוחרים באַקוקט און פאַרזוכט די פראַבקעס פון קאָרן, ווייץ און גערשטן וואָס זיינען געלעגן אָנגעהויפנט אויף לייוונטענע טישטעכלעך. זיי האָבן גע־קייט די קערנער, געשפּיגן, אַרויסגעבלאָזן דעם אַש וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון זייערע פּאַפּיראָסן צווישן די קערנער. זיי האָבן געדרייט מיט די קעפּ אַהין, אַהער, און ווייטער געחשבונט.

ר' פּיוועלע האָט זיך אַריינגעשטופּט אינעווייניק, צום שרייבטיש, און אַבראַשקע נאָך אים. „טאַטשי, ווען ט'שוין יעקב אַרויסקומען?" האָט ער געצויגן דעם פאָטער פאַר דער פּאָלע.

ר' פּיוועלע האָט אָפּגענומען אַ בלייער פון אונטערן אויער, אַרויסגעצויגן די פּאָלע פון אַבראַשקעס פּויסטל און זיך צעבייזערט אויף די סוחרים: „איר'ט אויפהערן מיר צו פאַרפּאַטשקען דאָס מעבל, איר כניאַקעס? זעטץ נאָר די שטריי־כעלעך און רעדעלעך! ס'וואָלט אָסור געפּאַסט פאַר מיין אַבראַשקען!" ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קליינעם אויף דער האַנט. „שעמען מעגט עץ ענק טיף אין ענקערע העלדזער, הייניטיקע צייטן נישט צו קענען חשבונען ווי מענטשן!"

„טאַטשי..." האָט אַבראַשקע אַ צופּ געטאָן דעם טאַטן פאַר דער באָרד.

ר' פּיוועלע האָט צוגעטראָגן אַבראַשקען צו דער טיר און אים אַרויסגע־שטעלט אין דרויסן.

„טויזנט מאָל האָב עך דיר שוין געזאָגט ד'זאָלסט דיך מיר נישט דרייען אונטער די פיס!" האָט ער אויסגערופן און איז צוריק אַריין אין „קאַנטור", כדי אין אַ פּאָר מינוט אַרום צוריק אַרויסצוקומען, און אַריבערלויפן צו דער

מיל. אַבראַשקע האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים, אים נאָכגערופֿן, אָבער די מיל האָט געררוישט און פֿאַרשלונגען ר׳ פּייוועלען.

אַבראַשקע האָט פֿאַרטריבן די צייט מיטן קלעטערן איבער פֿויערשע וועגע־נער וואָס האָבן געוואַרט אויפֿן מעל, מיטן אויסשמועסן זיך מיט די פֿערד, וועלכע האָבן, מיט די קעפּ אומגעקערט צו די קלאָניצעס, געגעסן פֿון די זעק מיט האָבער. ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרטרייבן דעם אומגעדולד. האָט ער גענומען אַרומ־וואַנדערן אַרום בויך פֿון דער מיל, געקלאַפּט מיט די פֿויסטן אָן די ברעטער צום ריטמישן טאַקט פֿון דער מילס פֿליגל און יעדער פּאָר מינוט האָט ער זיך צערעוועט: „ני, יעקבֿ! ני, קים שוין אַרויס!״

אַ ברעט און אַ צווייטס האָט זיך אַ וויג געטאָן אונטערן קלאַפּ פֿון זיין פֿויסטל. האָט ער די צוויי ברעטער אַריינגעשטופּט אינעווייניק און אַדורכגעקוועטשט דאָס פּעטינקע גופֿל דורך דער עפֿענונג.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. די וואָגן האָבן געטרעשטשעט; די אַקס האָט געקרעכצט; די מילשטיינער, עלעהיי זיי וואָלטן געווען חיות־רעות וואָס זיינען שווער געגאַנגען צו קינד, האָבן אַרויסגעלאָזט אַ רייבנדיקן גרילציקן קלאַנג, ווי דאָס קריצן פֿון ציין. ר׳ פּייוועלע האָט אַ פֿאַרהאָוועטער געגעבן באַפֿעלן, געשריבן אויף ברעקלעך פּאַפּיר, געציילט. די אַרויסהעלפֿערס האָבן זיך עוסק געווען ביי די מילשטיינער, ביי די וואָגן.

אָט איז געווען יעקבֿ. אַ האַלב־נאַקעטער, מיט די שעלקעס אַראָפּגעלאָזט איבער די היפֿטן, האָט ער געשלעפּט די זעק מעל צו דער טיר. זיין פּנים איז געווען צוויק־רויט, פֿאַרשוויצט. אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין דעם עניין פֿון געבן זיך אַן עצה מיט דער לאַסט אויף די פּלייצעס, האָט ער זיך געשאַרט פֿאַרויס מיט קליינע, אָפּגעהאַקטע טריטלעך, די אויגן אָנגעצילט צום אָרט וווּ ער האָט געדאַרפֿט בשלום צוקומען.

אַבראַשקע האָט זיך אַ טראָג געטאָן צו אים, אים אַ צי געטאָן פֿאַר די נאָגאַוויצעס פֿון די הויזן און הייטער אויסגעשריגן: „ני, קים שוין, יעקבֿ, ני קים שוין!״

יעקבֿס געבויגענער גוף האָט זיך צעציטערט, די קניען האָבן זיך אַ ברעך געטאָן, די פֿיס זיך אויסגעקרימט און צעוויגט דעם רוקן. דער זאַק אויף די פּלייצעס האָט זיך מיטגעוויגט, אַהין, אַהער, זיך לסוף גענומען גליטשן און איז צוזאַמען מיט יעקבֿן אַ פֿאַל געטאָן אויף דער ערד. אַבראַשקע האָט אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפֿן פּישטש.

שוין איז ר׳ פּייוועלע געווען דערלעבן און אַ כאַפּ געטאָן אַבראַשקען אין די אָרעמס. „ביסט גאַנץ, אַבראַשקע־לעבן? ס׳ט דיר גאָרנישט געטאָן?״ האָט ר׳ פּייוועלע געסאָפּעט מיט אַ פֿאַרשטיקטן אָטעם און גיך באַטאַפּט דאָס קינד. „ווייַ געוואַלד און געשריגן, אַבראַשקע־קרוין!״

אַבראַשקע האָט זיך געצאַפּלט און געריסן פון זיינע הענט. „יעקב איז טויט! יעקב איז טויט!" האָט ער גערעוועט אויסער זיך און געוואָרפן מיט די פיס.

יעקב האָט זיך שווער אויפגעשטעלט. דער רוקן האָט זיך קוים געלאָזט אויס־גלייכן. מיט איין האַנט האָט ער געריבן דעם צעקיילטן שטערן און מיט דער אַנדערער די בלוטנדיקע קני. מיט פולע אויגן און מיט אַ קרומען שמייכל אויפן פנים האָט ער געשטאַרט אויף דעם פאַרווייניטן אַבראַשקען.

„גאָט זיי דאַנק, ד'האָסט דיר גאָרנישט געטאָן". האָט ער געמורמלט.

אַבראַשקע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון ר' פּייוועלעס אָרעמס און איז צוגע־פאַלן צו יעקבן. ער האָט קוים באַוויזן אים אַרומצוכאַפּן אַרום די בלוטנדיקע קני, ווי ר' פּייוועלע האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אָרעם, אַ שטופּ געטאָן צו דער זייט, און אָנגעכאַפּט יעקבן פאַר די אַקסלען. ער האָט אים גענומען טרייסלען מיט אַ ווילדער רציחה, עלעהיי יעקב וואָלט געווען אַ זאַק מעל וואָס ער האָט געוואָלט אויסשיטן ביז צום לעצטן שטויבעלע.

„וואָס לאַכסטע, וואָס, דו ליימענער גולם!" האָט ער נישט אויפגעהערט צו וואַרפן יעקב אַהין און צוריק. פונקען האָבן געשפּריצט פון זיינע אויגן. „ד'ווייסט וואָס עס האָט חלילה געקאָנט געשען? וויפל מאָל דאַרף עך דיר זאָגן, אַז דאָ איז סכנות־נפשות, אַז דער קליינער טאָר דאָ קיין פוס נישט אַריינשטעלן? גע־דענק!" האָט ר' פּייוועלע זיך צעפאָכעט מיטן קורצן האָריקן פינגער. „טאָמער געשעט עפּעס מיטן קליינעם, ד'הערסט, ווי ד'זעסט מיך אַ לעבעדיקן, 'על עך דיר אַ מעשה אָפּטאָן! צווישן די מילשטיינער 'על עך דיך צערייבן!" ער האָט אַ טייט געטאָן מיטן האָריקן פינגער אין דער ריכטונג פון די מילשטיינער.

אַבראַשקע האָט מיט פאַרווייניטע אויגן באַגלייט דעם וועג פון פאָטערס פינגער. נאָר דאָ האָט ר' פּייוועלע אַרויסגעשטויסן יעקבן דרויסן אַרויס און מיט אַ קלעפּל אין הינטן נאָכגעשטופּט אַבראַשקען.

דרויסן האָט יעקב אויף אַ רגע געשטאַרט אויף דער פאַרמאַכטער טיר פון דער מיל. דערנאָך האָט ער אַרויפגעשאַרצט די נאַגאַוויצע פון די הויזן און פּייכט געמאַכט די בלוטנדיקע קני מיט שפּייעכץ. אַ פּאָר שריט פון אים איז געשטאַנען אַבראַשקע. זייערע בליקן האָבן זיך פאַרקייטלט. נאָך אַ רגע זיינען זיי אַזוי געשטאַנען, ביז אַבראַשקע איז צוגעפאַלן צו יעקבן און אים אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט.

„יעקב!" דעם קינדס גופל האָט געציטערט, געצאַפּלט. „כ'על נישט לאָזן, אַז דער טאַטשי זאָל דיך צערייבן צווישן די מילשטיינער!" דאָ איז ער ערשט אַרויס מיט אַ גרויס געוויין.

ביי נאַכט האָט זיך אַבראַשקען געחלומט ווי ר' פּייוועלע צערייבט יעקבן צווישן די מילשטיינער. ער האָט געוויינט פון שלאָף און זיך איבערגעוועקט מיט אַ געשריי. ר' פּייוועלע איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און צוגעלאָפן צו אים.

ווי נאָר דאָס יינגעלע האָט דערהערט דעם טאַטנס קול, איז עס ערשט רעכט אַרויס מיט אימהדיקע יללות.

זינט דעמאָלט האָט ער מורא באַקומען פֿאַר ר׳ פּייוועלען און די מורא האָט זיך פֿאַרמישט מיט אַ שאָטן פֿון פֿיינטשאַפֿט.

אַבראַשקע האָט קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן די איבערלעבונג מיטן טאַטן אין דער מיל. אָבער יעקבן איז זי גיך אַרויס פֿון קאָפּ. ער, יעקב, האָט שוין געקענט ר׳ פּייוועלען און ער האָט אים נישט ווייניקער גערן געהאַט ווי פֿריער. „ר׳ פּייווע־לע איז טאַקע אַ כעסן״, האָט ער זיך געטראַכט, „אָבער ער האָט אַ גאָלדן האַרץ און איז גרייט זיך דאָס לעבן צו נעמען פֿאַר זיינע קינדער״. ער האָט נישט געצווייפֿלט, אַז ר׳ פּייוועלע האָט אים, יעקבן, אויך גערן געהאַט. ער, יעקב, האָט געקאָנט לייכט דערשנאַפּן וואָס פֿאַר אַ געפֿילן מענטשן האָבן געהאַט פֿאַר אים. — און ביי ר׳ פּייוועלען איז דאָך אים וויל געווען. עסן האָט ער געהאַט ברווח, און אַרום אים האָט דער רחבות זיך געשפּרייט.

יאָ, ער האָט גיכער געדענקט די גוטע זאַכן וואָס זיינען מיט אים דאָ געשען: ווי ער האָט אין די ערשטע צייטן נישט געקאָנט רירן קיין זאַק מעל פֿון דער ערד און ווי ער האָט פּאַמעלעכל גענומען בייקומען די שווער׳ע משׂאות, טרייסט־נדיק זיך בעת־מעשׂה, אַז זיין ברודער שלומען, דעם טרעגער, איז דאָס אויך אין אָנהייב נישט אָנגעקומען לייכט. איצט האָט ער זיך אויסגעגלייכט מיטן ברודער. — און וואָס פֿאַר אַ גוט געפֿיל דאָס איז געווען מנצח צו זיין אַ שווערן זאַק, פֿילן ווי דער גוף ווערט וואָס אַ מאָל פֿעסטער, האַרטער, ווי אַלץ אינע־ווייניק ווערט פֿאַרקנעטן, צוזאַמענגענומען. זיין גאַנצער גאַנג, זיין געשטעל האָט זיך געביטן. דער רוקן איז געוואָרן אויסגעגלייכט, דער ברוסטקאַסטן און די אָרעמס געוואָרן אַזוי מוסקולירט, אַז ער האָט זיך אַפֿט געוווּנדערט ווי אַזוי זיין אייגענע הויט האָט פֿאַרמאָגט אָרט אַרונטערצונעמען אַזעלכע קנוילן פֿלייש אונ־טער זיך. היינט צו טאָג איז קיין שום אַרבעט יעקבן נישט אָנגעקומען שווער. געווען אַ באַזונדערער שטאָלץ אין האָבן בייגעקומען פֿיזישע שטערונגען, אינעם באַוועגן זיך אַזוי מאַסיוו מיטן גוף, אַזוי זיכער — ווי מען וואָלט פֿעסטער געפֿילט די ערד אונטער די סטאַפּעס, און ווי מען וואָלט דער ערד געלאָזט פֿילן די אייגענע וואָג.

די הויזן זיינען אים דריי־פֿערטלדיק געוואָרן, די אַרבל פֿון דער איבעצע האָבן אים געגרייכט ביז צו די עלנבויגן, און זי האָט געהאַלטן אין איין פּלאַצן. די „אַמעשי״ איז מיד געוואָרן פֿון כסדרדיקן צירעווען און פֿאַרשטעכן, און זי האָט אים לסוף באַשאַנקען מיט אַ פּאָר גרוימע געלאַטעטע הויזן און אַ פּויערי־שער יאַקע צו דער אַרבעט. ער האָט זיי בודק געווען צי עס איז אין זיי קיין שעטנז נישט געווען און אַרויפֿגעצויגן אויף זיך. ווען ער האָט זיך אין אַט דעם הולך

דערזען אָפּגעשפּיגלט אין די שויבן, האָט ער געשטוינט. ביי זיין זייט, אין די שויבן, האָט געשפּרייזט אַן אַנדערער, אַ העכער, אַ ברייטערער, אַ שטאַרקערער — פון אים.

און דאָ האָט נישט לאַנג גענומען און די „אַמעשי" האָט אויסגערופן צו אים: „מ'דאַרפט שוין ווידער איבערשטעלן ס'קנעפּל, הע, יאַקאָוו?"

אַזוי האָט ער זיך אַנגעהויבן צו קליידן אין די אָפּגענוצטע בגדים פון די פּאַראַבקעס, מיט אַ מאַטשעיאָווקע איבערן קאָפּעלע, די פּאות פאַררוקט אינעוויי־ניק אַריין, זיי זאָלן אים נישט זיין אין וועג. אויף שבת האָט ער זיך באַקליידט אין ר' פּייוועלעס אַן אַלטער איבעצע, וואָס די לאַנגע צירעלע האָט אים אַוועק־געשענקט. די איבעצע איז געווען אַ גרוימע, אָבער אַ קורצע און האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ בלוזע אויף אים. אין איר האָט ער זיך אויסגעפּוצט ווען ער איז געגאַנגען קיין באָטשאַני באַזוכן די מאַמען.

3

ס'האָט זיך געלוינט גוט אויסצוזען כאָטש בלויז כדי צו זען דער מאַמעס פּנים אויפלייכטן. הינדעלע האָט געשטראַלט ווען זי האָט געקוקט אויף אים, גאָר־נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן, זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון גלעטן דעם גרויסן יונגס אָפּגעברענטע באַקן, זיך איבערצוצייגן, אַז זיי זיינען וואָר. זי האָט באַוואונדערט דעם לעבעדיקן, הייסן בליאַסק פון זיינע האָניק־אויגן. זיין פּיין־געשניצט מויל איז געווען רויטער פון דער קאַלינע אויף די ביימער אין די נאָנעס גאָרטן. זי האָט זיך געפרייט צו דערקענען די אַמאָליקע מילדקייט, די צעשפּילטע חלומדיקייט אינעם בייג פון זיינע ליפּן, צו דערקענען דעם אָפּשיין פון איר אייגענעם שמייכל אין די ווינקלען פון זיין מויל.

די שוועסטער גיטעלע האָט זיך אויך באַגייסטערט. „זעטץ נאָר דעם שיינעם יעקבן!" האָט זי אַ טאַנץ געטאָן צו אים און אים געצויגן פאַר אַ פּאה. זי איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע מויד און נאָך אַ גרעסערע שטיפערקע.

די יינגערע, שיינדעלע, האָט איר נאָכגעטאָן. „גיב מיר אַ קוש, שיינער יעקב!" האָט זי אים געקרייזלט די אַנדערע פּאה און אים אונטערגעטראָגן אַ פאַרשוונרטן שנאַבל.

ער האָט זיך גענומען משער זיין, אַז ער איז טאַקע געווען אַ שיינער. די מיידלעך פון שטעטל האָבן אים נאָכגעקוקט פון די שוועלן און האָבן זיך גערייטלט ווען ער איז זיי פאַרבייגעגאַנגען אין געסל. ער האָט זיי אויך נאָכגע־קוקט אין די שבת־נאָכמיטאָגס. זיי האָבן אַלע שפּאַצירט אויף איין זייט פון דער גאַס און די בחורים אויף דער אַנדערער. אין געדיכטע גרופּעס האָבן זיי אַלע געשטראָמט אין דער ריכטונג פון שמאָלן טאָפּאָליע־וועג, צום „אונטערן הויף", וווּ דאָס שטעטלשע יונגוואַרג האָט ליב געהאַט זיך צו פאַרזאַמלען. די קרעטאָ־

נענע קליידלעך פון די מיידלעך האָבן לייכט געפּלאַטערט, געלאַקט, ווי זיי וואָלטן גערופן יעקבן ער זאָל זיי נאָכגיין. ער איז שטאַרק מקנא געווען זיינע חברים צווישן די בחורים, וועלכע האָבן אים באַגריסט פון דער ווייטן און מיטגע־רופן אויפן שפּאַציר. עפּעס האָט ער זיך געשעמט מיטצוגיין.

איין שבת, ווי זיך אויף צו להכעיס, האָט ער, אַנשטאָט זיך אָנצושליסן אָן די שפּאַצירערס, זיך גאָר אַריינגעכאַפּט אין בית־מדרש, ווו אַ סך פון זיינע אַמאָליקע חברימלעך זיינען געזעסן, זיך מפלפל געווען און זיך געוויגט איבער די צעעפנטע ספרים. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיין אַמאָליקן בעסטן חבר אריהלען, פון וועלכן ער איז מאָדנע אָפּגעפרעמדט געוואָרן.

אריהלע איז איצט געווען אָן אויסגעצויגן בלייך בחורל מיט אַ שפּראָצנדיק בערדל אַרום דער גאָמבע, מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן וואָס זייער שוואַרצקייט האָט געשטימט מיט דער שוואַרצקייט פון זיינע לאַנגע פּאות. דער בליק זיינער איז פאַרבליבן דער זעלבער וואָס אַ מאָל, זוכנדיק־שאַרף, אומרויִק, אָבער ער האָט מער נישט פאַרמאָגט דעם שטיפעריש פייער. אַנשטאָט דעם, האָט אַן אַנדער פלעמל, אַ שאָטנדיקס, געלויערט אין דער שוואַרצקייט פון זיינע אויגן. ער איז נאָך אַלץ געווען אַ רירעוודיקער, אַ בייגעוודיקער, אַ חסידיש־צעצ־קאָכטער. ער האָט אויסגעזען צו פאַרטיידיקן זיין מיינונג אין אַ ויכוח, מיטן גאַנצן גוף. ער, ר׳ שאַפּסעלע מלמדס בעסטער תלמיד, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון לערנען אין אַ ישיבה. ער האָט פיינט געהאַט יעדער אַרט אויטאָריטעט, און מער פון אַלץ די אויטאָריטעט פון רביים און רבנים. ער האָט געוואָלט לערנען אויף אייגענער האַנט.

אריהלע האָט באַגריסט יעקבן מיט אַ נישט־געוויינטלעך שטאַרקן האַנטדרוק און האָט אים אַרומגענומען מיטן אָרעם.

„ד׳זעסט״, האָט ער אויסגערופן. „מ׳פּילפּולט זיך איבער דעם זעלביקן וואָס אונדזערע אָבות־אָבותנו האָבן זיך געפּילפּולט. באַטשאַני שטייט נאָך אַלץ אויף איין אָרט...״ פייערלעך האָבן זיך אַ צינד געטאָן אין זיינע אויגן. בעת יעקב האָט זיך אַרומגעקוקט און געגריסט די אַנדערע חברים פון דער ווייטן, האָט אריהלע אַריינגעפּליסטערט אין זיין אויער מיט אַן אויפגערעגט הייס קול: „ס׳דאַכט זיך בלויז אַזוי... אויף דער אייבערפלאַך״.

„וואָס מיינסטע?״ האָט יעקב נישט פאַרשטאַנען.

אריהלע האָט אַ פּרעס געטאָן זיין אָרעם: „כ׳האָב בדעה געהאַט צו קומען צו דיר, אויפן בלויען באַרג, מער ווי איין מאָל... אָבער ס׳איז עפּעס נישט אויס־געקומען. כ׳בין אַ נייער מענטש, ווי ד׳קוקסט מיך אָן. און דאָס אַלץ אַ דאַנק מיין טאַטנס משוגעתן״. ער איז רויט געוואָרן, דאָס קול איז אים הייזעריק געוואָרן, אָנגעלאָדנט מיט שפּאַנונג. עפּעס האָט זיך אַ ריר געטאָן אין יעקבס

הארצן. „דו ווייסט דאָך...” איז אריהלע אָנגעגאַנגען אין אַ פליסטער, „אַז דער טאַטע מיינער איז אַ צעבראָכן שערבל. טאָ הער אַ מעשה. דאָ נישט לאַנג צוריק, איידער דער טאַטע איז געוואָרן ר' סענדערל דעם מקובלס אַ הייסער חסיד, איז ער אַוועק קיין כוואַסטי און איז צוריקגעקומען מיט אַן אורח... יאָ, ווידער אַן אורח”. אריהלע האָט קרום געשמייכלט. זיינע אויגן האָבן געברענט, זיך איינגע־שטאָכן מיט צודרינגלעכקייט אין יעקבס אויגן. „געדענקסט נאָך יענעם אורח? איז אויב יענער איז געווען אַ שליח פון דער סיטרא־אחרא, האָט דער אויסגעזען צו זיין די סיטרא־אחרא אַליין. און יאָ, ז'האָבן זיך פאַרמאַכט אין דעם זעלבן אַלקערל און איך האָב אונטערגעהערט דורך דער שפּאַרע אין דער וואַנט. אויב... אויב יענער האָט אַנגעשאָטן בערג מיט לעסטערונגען קעגן אַלמעכטיקן, האָט אָט אַ דער לגמרי אים פאַרלייקנט, געטענהט, אַז דער בן־אָדם האָט אים אויס־געטראַכט. אַז קיין שום אויסלייזער, קיין שום משיח ט'נישט קומען, אויב דער מענטש ט'נישט ווערן זיין אייגענער אויסלייזער. און נישט מיט קיין שום נסים 'עלן משיחס צייטן, וואָס מען רופט סאָציאַליסמוס, אָנקומען, אויב נישט דורך דער מרידה קעגן די מאַכטיקע, די רייכע, די רשעים. נאָר ווען זיי 'עלן געבענדיקט ווערן, 'עט קומען דער גן־עדן אויף דער ערד, אַ לעבן פון גלייכ־קייט, פרייקייט און ברידערלעכקייט. פאַרשטייסט, יעקב?” אריהלע, אַ צעהיצטער, האָט געפאָרשט יעקבס פּנים.

יעקב האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, קוים געדולד געהאַט זיך צו דערוואַרטן, אַז אריהלע זאָל אָנגיין מיט די רייד.

„דער טאַטע, פאַרשטייסטע מיך”, איז אריהלע אָנגעגאַנגען. „ווי ער האָט דערהערט אַזעלכע רייד, איז גרייט געווען אַרויסצוואַרפן דעם אורח פון שטוב. אָבער מסתּמא איז אים איינגעפאַלן, אַז ער'ט האָבן אַ מענטשלעך לעבן אויפן געוויסן, ווי אַ צולאָג צו די אַנדערע לאַסטן אויף זיין געוויסן. ווייל דער אורח איז געווען אַן אַנטלאָפענער פון סיביריע, פאַרשטייסטע מיך, און ער האָט גע־וואָלט, אַז דער טאַטע זאָל אים העלפן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דער אָכראַנע. און דער טאַטע האָט דאָך געחלשט אָפּצומעקן זיינע זינדיקע מעשים מיט עפּעס אַ וואָזשנער מיצווה. נו... טאָ איז ער געזעסן מיטן אורח און האָט געוויינט ווי אַ ייִדענע. און איך האָב געוויינט ווי אַ ייִדענע פון דער אַנדערער זייט וואַנט. ווייל כ'האָב געוווסט, אַז דער אורח האָט אַרויסגעזאָגט הויך אויף אַ קול אָט דאָס אַלץ וואָס האָט אין מיר גענורטעוועט... אַז מיך האָט ער נישט געדאַרפט געווינען, ווייל עך האָב געהערט צו זיין שיטה מיטן גאַנצן האַרץ, מיט מיין גאַנץ לעבן, זינט דעם טאָג פון מיין געבוירן, אַזוי צו זאָגן, נאָר כ'האָב דאָס אָקערשט אויסגעפונען... און אַז דאָס זענען נישט געווען די רייד פון דער סיטרא־אחרא, נאָר די רייד פון אמת, די רייד פון אַ מענטש וואָס האָט דרך־ארץ פאַר זיך און פאַר מיין טאַטן אויך... און פאַרן מענטש. ווייל עס איז דער בן־אדם,

יעקב... דער מענטש און נישט גאָט איז דער פּעמפּיק פון דער וועלט. נו, טאָ וואָס זאָגסטע צו דעם?״

יעקב האָט געשטאַרט אויף אים: „וואָס... וואָס זאָל עך זאָגן? וואָס איז געשען מיט אים... דעם אורח?״

אריהלע האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען. „גאָרנישט. דער טאַטע האָט אים די גאַנצע נאַכט אויסגעפּרעגט. דער כּעס איז אים פאַרגאַנגען מיטן גע־וויין. הערסט. ר׳האָט נישט אויפגעהערט צו כליפּען. ער האָט צוגעזאָגט דעם מענטש אים צו העלפן זיך ראַטעווען פון דער אַכראַנעס הענט, אָבער ער האָט אים אַ זאָג געטאָן, אַז דאָס וואָס ער, דער אורח, פּריידיקט איז נישט דאָס וואָס ער, דער טאַטע, זוכט; אַז, טשוי־פּוי, עס לוינט נישט צו לעבן אין אַ וועלט אָן אַ גאָט, און עס לוינט נישט צו לעבן צווישן ייִדן און נישט האָבן פאַרדינט זייער דרך־ארץ. פאַר טאָג איז דער טאַטע אוועק נאָך זעליגן דעם שניידער. און זעליג האָט אים אַריינגענומען צו זיך. אויף מאָרגן האָט שטאָט גערעדט, אַז זעליג האָט צוגענומען אַ נייעם געזעלן, פון לאָדזש. איז, יעקב, דאַרפסטע טאַקע הערן דעם חברה־מאַן רעדן. דאָס האָט ער אַוועקגערוקט דעם שטיין פון דעם ברונעמס מויל, ד׳הערסט? חברה האָט אויסגעפונען דאָס אַלצדינג וואָס איז אַנגעגאַנגען אונטער דער ערד, אין באַטשאַני. כ׳האָב מיך דערוווּסט וועגן שמולי־קל רופאס אויפטוען״. ער האָט מיטן עלנבויגן אַ שטויס געטאָן יעקבן אין דער זייט און אַנגעוויזן אויף די בחורים אין צימער, וועלכע האָבן זיך געוויגט איבער די אָפענע ספרים און געווונקען צו יעקבן מיט די אויגן פון דער ווייטן. „זיי זענען אַנגעלאָדנט מיט דעם זעלבן צער און צאָרן וואָס דו און איך״.

„וואָס איך?״ האָט יעקב איבערגעפּרעגט.

„יאָ, וואָס דו. וואָס מאַכסטע דיך אַזוי כלאַ־יודע? נישקשה, ס׳איז מיר גוט אַריין אין קאָפּ דיין מרידה־לשון פון אַ מאָל. געדענקסט ווי מ׳האָט זיך קינדעריש געפּילפּולט וועגן שׂכר און עונש, וועגן ישר־וצדק, וועגן רשע־וטוב־לו און מען האָט געוואָלט ראַטעווען די וועלט? און געדענקסט ווי מען פלעגט...״

„כ׳ווייס נישט וואָס ד׳ביסט אויסן...״ האָט יעקב אים איבערגעריסן.

„טו מיר אַ טובה״, האָט שוין אריהלע אומגעדולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „און הער אויף צו מאַכן דעם אַנשטעל. ׳עסט דאָך מיר נישט גיין איינרעדן, אַז ד׳ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. פון ר׳ פייוועלען מילנער קומען דאָך די פרישסטע ידיעות. שמוליקל רופא האַלט, אַז ר׳ פייוועלע איז אַ גאַנצער מומחה אין פּאָליטיק״.

„דו קענסט דיך מיט שמוליקלען רופא?״ האָט יעקב געשטוינט.

„נישט בלויז איך. אונדז קען מען זיך אַלע מיט אים. און אַ סך פון די וואָס שפּאַצירן דרויסן צום ׳אונטערן הויף׳ קענען זיך מיט אים אויך, די מיידלעך אַריינגערעכנט״.

„דו גייסט מיט מיידלעך?"

אריהלע האָט שטאָלץ אויפגעלאַכט. „ווי קאָן מען איבערמאַכן די וועלט אָן מיידלעך? פּופּציק פּראָצענט פון די מענטשן זענען דאָך מיידלעך און... נישט אַלע פון זיי האָבן טראַטשינעס אין די קעפּ".

יעקב האָט ברייט פונאַנדערגעריסן די אויגן. „איבערמאַכן די וועלט האָסטע געזאָגט?"

„טאַטשנאַ! נאָר שמוליקל רופא למשל איז ביי דער מיינונג, אַז דערווייל איז גענוג צו פּרוּוון איבערמאַכן דעם גורל פון פאָלק־ישראל. מיר האָבן מיר אַ שטרייט אין דער פראַגע. כ'גלייב נישט, אַז זיין צוועק קאָן דערגרייכט ווערן איידער אונדזערער. אויב די גאַנצע וועלט 'עט זיך נישט ענדערן, 'עט אומיושר נישט נעלם ווערן, און די יידן 'עלן שטענדיק זיין דער שעיר־לעזאזל. יאָ, נאָך פאַראַנען אַ סך זאַכן וואָס מ'מוז קלאָר מאַכן, אָבער אין אָט דעם אויגנבליק איז די וויכטיקסטע זאַך איבערצומאַכן די סאַמאָאַבראַנע. די אַלטע שטעטלשע סאַמאָ־אַבראַנע טויג אויף כפּרות. אַ חברה זקנים. מ'דאַרפט די יוגנט זאָל זיך אָרגאַני־זירן. זעלבסטשוץ הייסט דאָס". אריהלע האָט זיך נאָך נענטער צוגעבויגן צו יעקבן. „וואָס מכּוח ווערן אַ חבר?"

„איך?"

אריהלע האָט אים שאַרף אָנגעקוקט. „וואָס איז דאָס עפּעס מיט דיר? דו ביסט דאָך עפּעס געוואָרן ווי אַ שטיק ליימענער גולם". ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף יעקבס אַקסל. „געדענקסט, ווען מען איז נאָך געווען שמענדריקעס, האָסטע דיך געפּלעגט באַרימען פאַר מיר, אַז ר' סענדערל דער מקובל האָט געזאָגט וועגן דיר, אַז ד'ביסט נישט קיין גלייכגילטיקער".

„ד'האָסט טאַקע אַ גוטן זכּרון", האָט יעקב געמוזט אויפשמייכלען.

„און ווער איז דאָס געווען וואָס איז דער ערשטער אַרויסגעקומען מיטן פּיזמון, אַז די וועלט טויג נישט? און ווער האָט דאָס מיר געפּרוּווט אַריינהאַקן אין קאָפּ, אַז אונדז האָט מען אַ הייליק שליחות... אַז מרידה מיטן צוועק איבער־צומאַכן די וועלט 'עט געבן אַ זינען אונדזער לעבן? גיב אַ קוק אויף דער חברה דאָ", האָט אריהלע מיט די אויגן אָנגעוויזן אויף די בחורים אַרום זיי. „מרידה איז פאַר זיי מער נישט קיין שטרייטפּראַגע. די שטרייטפּראַגע איז, צי מען דאַרפט זיך אָנשליסן אָן דער פּאַרטיי פון די אַרבעטורערס, די אחדותניקעס, וואָס זיי רופן זיך 'דער בונד', צי אָן דעם ציוניסטישן פאַראיין, וואָס שמוליקל דער רופא פירט מיט אים אָן... און פאַראַנען אַזעלכע צווישן אונדז וואָס ז'קאָנען זיך נישט קיין עצה געבן מיטן פאַרבינדן דאָס אַלץ מיטן דת. יאָ, טו מיר אַ טובה, יעקב, און כאַפּ אַ שמועסל מיט זעליג שניידער. ביי אים ס'טע טרעפן דעם מענטש פון לאָדזש, זיין געזעלן, וואָס באַהאַלט זיך אויס פון דער אָכראַנע. דאָס האָט ער געפּנט די אויגן פון די בעל־מלאָכות. כ'בין בייגעווען אַ פּאָר פאַרזאַמלונגען, געהערט

אים רעדן. אַ פּראָלעטאַריער איז ער, אָבער אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער האָט ער. אַזוי האָב עך מיך דערוווסט וועגן 'בונד', וואָס עקסיסטירט שוין זינט זיבן און נײַנצינקסטן יאָר, נאָר אין באַטשאַני האָט מען דערוועגן קיין אָנונג נישט געהאַט. איז ביז דעמאָלט... ביז דעמאָלט האָב עך געהאַלטן מיט שמוליקלען רופא..."

יעקב איז געווען פריטשמיעלעט פון אריהלעס רייד, אויפגעטרייסלט ביז די וואָרצלען פון דער נשמה. ער האָט געלאָזט אריהלען רעדן און רעדן, און האָט געשטוינט, וואָס נאָר אַ טייל פון דעם חברס רייד האָט ער באמת פאַרשטאַנען.

„אריהלע, כ'פאַרשטיי נישט קיין וואָרט וואָס ד'רעדסט", האָט ער לסוף מודה געווען, הגם דאָס איז נישט געווען דער פולער אמת.

„וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין?" איז אריהלע באַריידעוודיק־דעריאָכמערט אָנגעגאַנגען „ס'איז דאָך אַזוי פּשוט ווי צוויי און צוויי. אַוודאי האָבן אַ טייל פון אונדז אַרײַנגעפּירט אין די ענינים די מאָדע פון פּילפּול און שפּאַלטן האָר. אָבער עך פאַרלייד דעם אַפּיקורסישן פּילפּול אויך נישט. היינט שפּאַרן זיי זיך וועגן דעם וואָס ס'עט זײַן נאָך דעם ווי די רעוואָלוציע ט'געווינען, צי נאָך דעם ווי מען ט'דעראָבערן ארץ־ישראל... און דערווייל האָט די רעוואָלוציע פאַרשפּילט און ארץ־ישראל איז אין טערקישע הענט און ייִדן שלאָגט מען אַצינדער. האַלט עך, אַז די זעלבסטשוץ איז דער געבאָט פון דער שעה און אַז די זעלבסטשוץ דאַרפט מען אָרגאַניזירן אַלע שיטות צוזאַמען".

יעקב האָט גוט באַמערקט ווי אריהלעס שפּראַך, דער צוקלייב פון ווערטער האָט זיך געביטן און ער איז נשתומם געוואָרן.

„רעוואָלוציע... האָסטע געזאָגט?" האָט ער אַ שטאַמל געטאָן.

ער האָט געוואָלט איבערפרעגן אריהלען וואָס ער, אריהלע גופא, האָט געטראַכט וועגן דער רעוואָלוציע. יאָ, ער, יעקב, האָט שוין געוווסט דעם באַטייט פון דעם וואָרט; אַזוי פיל זיך אָנגעהערט פון ר' פּייוועלען וועגן די שטרייקן, די דעמאָנסטראַציעס, די קאַמפן מיט דער פּאָליציי וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין גאַנץ רוסלאַנד. ר' פּייוועלע האָט געשאָלטן די רעוואָלוציע מיט וויסטע קללות. אַלע פּאָגראָמען זײַנען, לויט ר' פּייוועלען, געווען אַ פּועל־יוצא פון דער רעוואָ־לוציע.

„יאָ, רעוואָלוציע האָב עך געזאָגט. און וואָס איז דײַן שטעלונג?" איז אריהלע אָנגרייפעריש צוגעשטאַנען.

„מײַן שטעלונג?"

„הער שוין אויף צו שפּילן קאָץ און מויז מיט מיר. וואָס ביסטע געוואָרן אַזאַ פּחדן, רחמנא־לצלן?"

יעקב האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער האָט נישט געהערט אריהלעס באַמערקונג. „און וואָס... וואָס מכּוח, טאַקע... דעם רבונו־של־עולם אַליין?" האָט ער געפרעגט.

אריהלע האָט כּעסיק אַרויסגעפּלאַצט, „נו, וואָס מכּוח אים? מ׳קאָן זיך אַ מאָל בעסער אַן עצה געבן אָן אים, ווי מיט אים״.

„אָן אים? ווי... ווי קאָן מען לעבן אָן אַ גאָט, אריהלע? דיין טאַטע איז דאָך געערכט״.

אריהלעס פּנים איז געוואָרן צערפּול־פאַרשאַטנט. „האָסט דיך געביטן, ברוּ־דערקע...״

אַ פאַרשעמטער האָט יעקב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. „מסתּמא האָב איך. כ׳בין פאַרגרעבט געוואָרן... כ׳דאַרף אָנהייבן פון אָנהייב״.

„יאָ... הייב אָן. הייב אָן פון יד־חזקה!״ האָט אריהלע אויסגערופן און אָפּגעשניטן.

נאָך דעם ווי ער איז אַרויס פון בית־מדרש, האָט יעקב זיך אַ צייט אַרום־געדרייט פאַר זעליג דעם שניידערס וואַרשטאַט. מען האָט אינעווייניק געזונגען. קוים צו הערן די שטימעס. ייִדישע ווערטער. אַ רעפריין וואָס האָט זיך איבער־געחזרט: „וואָס האָבן מיער, ברידער, צו פאַרלירן...״

ער האָט נישט געהאַט דעם מוט אַריינצוגיין.

אויפן וועג צום בלויען באַרג האָבן אין יעקבס אויערן אָפּגעהילכט אריהלעס ווערטער און דער רעפריין פון דעם ליד וואָס ער האָט געהערט. יעדער וואָרט האָט געברענט אין אים, צעברענט אַן אומרו און אים געמאַכט מאָדנע טרויעריק. דאָס מאָל האָט ער נישט באַמערקט די שיקסלעך וואָס האָבן אים נאָכגעקוקט פון די כאַטעס און די פעלדער ביי דער זייט.

אָנגעקומען אויפן בלויען באַרג, האָט ער דערזען אַבראַשקען אים אַנטקעגנ־לויפן. דאָס אַרומיקע רחבות האָט אים אַרומגענומען ווי מיט איינשטילנדיקע אָרעמס. הגם ער איז מער נישט געווען אַזוי זאָרגלאָז ווי פריער, האָט ער זיך דאָך אַרומגעיאָגט און געלאַכט מיט זיין שפּילעוודיקן תּלמיד.

אַזוי האָט יעקב באַגריסט דעם צוריקקער פון זיין טרויער, וואָס איז אים באַפאַלן ווי אַ באַנייטער אַטאַק פון אַ קראַנקהייט. ביסלעכווייז איז דאָס שאָטנ־דיקע אין אים זיך פונאַנדערגעוואַקסן אין אַ כמאַרע וואָס האָט געלאַסטיקט אויף זיין געמיט. ער האָט זיך דאָס געפּרוּווט אויסטייטשן אויף כּל־מיני אופנים. ביז ער האָט געזאָגט צו זיך: „מסתּמא בין איך געקומען אויף דער וועלט אַזוי. אפשר האָב איך די טרויעריקייט איינגעזויגן מיט דער מאַמעס מילך. אַצינד, אין מיין ניי גוט לעבן, איז זי אויך נישט פאַרשוווּנדן, נאָר ווייכער געוואָרן, איינגע־דרעמלט אויף אַ צייט... און זיך צוריקגעקערט צו פאַרלאַנגען איר חלק אויף דאָס ניי... טאָ זאָל זי דאָס האָבן...״

ער האָט זיך אויסגעלערנט רייטן אויף אַ פערד און אין די זונטיקס, ווען די

פאַראַבקעס האָבן נישט געאַרבעט, איז ער אויף גניאָדין, זיין באַליבט פערדל, וואָס ער אַליין האָט אים גערופן פשוט „סוסי״, אַוועקגעריטן העט־ווייט.

פון אויבן, פון דעם פערדס רוקן, האָט די וועלט אויסגעזען אָטעם־פאַרכאַפּנ־דיק. די לאַנדשאַפט האָט פאַרבייגעמיניעט פאַר די אויגן, פאַרבן האָבן זיך געביטן, אויסגעמישט. קאָנטורן פון ביימער, קוסטעס, כאַטעס האָבן זיך איבערגעגאָסן איינע אין אַנדערן — פאַרבייגעשווומען ריטמיש, לייכט, מיטן גאַלאָפּ פון פערד, מיטן ריטעם פון יעקבס גוף, פון זיין אייגענעם פולס. אַפילו די שטיינער אויפן וועג האָבן אויסגעזען צו זיין לייכער, זיך אויפהייבן פון די ערטער און פאַר־ביישוועבן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. גאָרנישט אין געווען איינגעפעסטיקט, גאָרנישט איז געווען באַשטייענדיק. גאָרנישט האָט געלאַסטיקט אויפן הארץ פון דער ערד. צו מאָל איז יעקבן אויסגעקומ:ען, אַז די לאַסט וואָס ער אַליין טראָגט אין הארצן איז גאָריש, אַן אַ זינען, אַן עבירה ממש — אַז ער האָט זי געדאַרפט פריילאָזן, אַט די שווערקייט פון געמיט — לאָזן זיך אונטערהייבן און נאָכגעבן דעם ריטעם פון אַלץ וואָס באַוועגט זיך...

בעת ער האָט זיך, אַט אַזוי, ביי זיך אַליין געבעטן ווי ביי אַ גזלן — צו לאָזן זיך מיטטראָגן מיט דער לייכטקייט, צו פאַרגינען זיך דאָס יום־טובדיקע געפיל — האָט ער באַמערקט, אַז די וועלט געזען דורך דעם שלייער פון לייכטן טרויער שניידט זיך שאַרפער אריין אין זיין באַוווסטזיין, ווי ווען ער וואָלט זי געזען דורך לויטערער פרייד. ער האָט אַט אַזוי בעסער אַריינגעאָטעמט די לאַנדשאַפט אין זיך, געוואָרן איינס מיט איר און ער איז ביכולת געווען אויף אַ נייעם אופן צו באַמערקן יעדן קוסט, יעדער בלימל, יעדער שטריך פון אַ גרעזל.

גראָד אין אַזאַ מאָמענט, האָט אַ נייער מין אומרו אַ ווייע געטאָן אויף אים פון אַ סטאָדאָלע, צי פון לעבן אַ ברונעם, צי פון דער שוועל פון אַ כאַטע. אַ מין טאָפּלטער אומרו: אַט וועט עמעץ וואַרפן פון דאָרט אַ שטיין אויף אים. עמעץ וועט אים פאַרשטעלן דעם וועג און אַראָפּשליידערן פון פערד. — בעת־מעשה איז ער טאַקע שיִער נישט אַראָפּגעפאַלן פון פערד, ווייל דאָרט, ביי דער סטאָ־דאָלע, צי ביים ברונעם, צי אויף דער שוועל פון אַ כאַטע האָט אַהערגעבלענדט דער שיין פון אַ פּאָר פלאַקסענע צעפּ. דער ווינט האָט געשפּילט מיט אַ שיקסלס ספּאָדניצע און זי פאַרהויבן גאָר הויך. די ווייס־ראָזע הויט פון אַ פוס, אַרויף ביז איבער די קני, האָט אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן. ס׳האָט היפּנאָטיזירט, געצויגן צו זיך מיט אַ משונהדיקער ציִעניש. די הענט זיינען פייכט געוואָרן, דער גוף האָט זיך צעשוידערט.

„ניטע, מ׳טאָר נישט קוקן!״ האָט ער אויף זיך אָנגעשריגן, און זיך אָנגע־כאַפּט מיטן געדאַנק אַן דער היפּוכדיקער ציִעניש: אויף צוריק, צו אַנטלויפן פון דער טאָפּלטער סכנה וואָס האָט געלויערט פון דאָרטן.

קאַפּיטל צען

1

דאָס שטעטעלע באַטשאַני האָט געהאַט קאַפּריזן און שטימונגען ווי עס וואָלט באמת געווען דעם רבונו־של־עולמס פּרימאַדאָנע. ווי איין גוף און איין נשמה האָט עס זיך אָפּגערופן אויף געשעענישן, אַ מאָל מיט צופרידנקייט, אַ מאָל מיט כעס, אַ מאָל מיט אַ שמייכל, אַ מאָל מיט אַ טרער. און אָט די שטימונגען האָבן זיך געקאָנט ענדערן גיכער ווי דאָס וועטער. ס'איז גענוג געווען אַ ווינטל פון איין זייט, צי פון דער אַנדערער און די געמיטער האָבן זיך געביטן און געוואָרן דאָס פאַרקערטע וואָס מיט אַ רגע פריער. און באַטשאַני האָט געהאַט אַ טבע אויפצונעמען געשעענישן קודם־כל מיטן האַרץ און ערשט דערנאָך — מיטן קאָפּ.

למשל, נאָך דער מעשה מיט פישעלע קצבס אַרויסטריט אין דער שול, ווו ער, דער שיינער ייִד, דער מענטש אָן אַ גאַל און דער אָנפירער פון דער פייער־בריגאַדע האָט זיך מודה געווען אין נאָכגיין דעם יצר־הרע אין פייער אַריין, האָט דאָס שטעטל אים פיינט באַקומען ווי מען קאָן פיינט האָבן אַ נידעריקע בריאה, אַ שרץ, אַן עקלדיקייט. מען האָט אים נישט געקאָנט מוחל זיין די אַנטוישונג וואָס ער האָט גורם געווען; און הגם עס איז אויף אים קיין חרם נישט אַרויפגע־לייגט געוואָרן, האָט מען אים אויסגעמיטן ווי אַ נישט־גוטן. ער האָט אין דער יאַטקע מער קיין פוס נישט אַריינגעשטעלט. דאָס ווייב זיינס, ווען דאָס שטעטל האָט ממש געטראָגן אויף די הענט, האָט צוזאַמען מיט די קצבים־יונגען זיך עוסק געווען מיט דער פרנסה, און דער אָנפירער פון דער ייִדישער פייער־בריגאַדע איז געוואָרן טוביהלע בעל־עגלה, אַ געזונטער, שטאַרקער ייִד, אַן ערלעכער ירא־שמים, וועלכער האָט נאָר נישט פאַרמאָגט פישעלעס חן און נישט פישעלעס חכמה — און דאָס איז גיכער געווען אַ מעלה ווי אַ חסרון, ווייל מען האָט דאָך בפירוש געזען וואָהין דער חן און די חכמה האָבן פאַרפירט פישעלען.

פישעלע אַליין איז געווען אויס מענטש. אַן איינגעפאַלענע חורבה איז ער געווען. און געליטן האָט ער טאָפּלט, ווייל ער האָט ממש נישט געקאָנט אָטעמען אָן דעם פאַרקער מיט מענטשן, אָן זייער ליבע און אָנערקענונג. איז ער טאַקע

געוואָרן ווי אַ שאָטן פון זיך אַליין, פאַרלוירן די שטאַרקע מוסקלען, דער בויך האָט ביי אים געשלאָבערט, די באַקן האָבן אַראָפּגעהאָנגען ווי לערע טאַרבעס און אין די אויגן האָט געברענט אַ פאַרצווייפלטער שגעון. נאָך זיין אַנטוישונג מיט זיין צווייטן געהיימען אורח, דעם לעסטערער און רעוואָלוציאָנער, איז ער גאַנצענע טעג אַפּגעזעסן ביי ר׳ סענדערלען דעם מקובל און האָט אויסגעפּירט אַלץ וואָס דער שטעטלשער בית־דין האָט גוזר געווען. ער האָט גענומען אויף זיך צו פאַסטן צוויי מאָל אַ וואָך און האָט זיך טובל געווען אין קאַלט וואַסער.

נאָר פּלוצעם, איבער נאַכט, האָט אַ רחמימדיק ווינטל אַ בלאָז געטאָן אויף פישעלען מצד דעם גאַנצן שטעטל. ווייבער האָבן אים נאָכגעקוקט אין די גאַסן ווען ער האָט זיך פאַרבייגעשלעפּט מיט זיין איינגעזונקן, געבויגן געשטאַלט און מען האָט, קעגן אייגענעם ווילן, אָפּגעווישט אַ טרער. מען האָט זיך דערמאָנט פישעלעס אַ וויץ, זיין פריינדלעכקייט און גוטסקייט אין דער יאַטקע, זיין גאָלדן האַרץ. און אַ כוואַליע פון בענקשאַפט צום אַמאָליקן פישעלען האָט אַ פלייץ געטאָן איבער באַטשאַני.

מען האָט גענומען טראַכטן: „ווער קאָן וויסן וויפל פון דער גאַנצער זינד איז זיינע, און וויפל איז געווען אַ שפּיצל פון דער סיטרא־אחרא, אָדער אפשר גאָר פון דעם זעלביקן שד וואָס האָט זיך געהאַט אַנגעזעצט אויף פערעלען דעם שוחטס טאָכטער?״ מען האָט נאָך מער רחמנות באַקומען אויף פישעלעס ווייב און קינדער, וועלכע האָבן געמוזט לעבן מיט דעם בזיון — און מען האָט אָנגעהויבן צו גריסן פישעלען אין גאַס. „ער׳ט שוין אָנזאָגן זיינע קינדס קינדער...״ האָט מען אים נאָכגעקוקט און געשאָקלט מיט די קעפּ.

אַזוי גיך ווי פישעלע האָט דערשפּירט די ערשטע וואַרעמע שטראַלן פון מענטשלעכער האַרציקייט זיך ציען אין זיין ריכטונג, האָט זיין רוקן גענומען זיך פּאַמעלעכל אויסגלייכן; זיין גאַנצע פיגור האָט אויסגעזען צוריקצוקומען צום לעבן ווי אַ בוים נאָך אַ לאַנגן שווערן ווינטער. ס׳האָט נישט לאַנג גענומען און ער איז געוואָרן דער אַמאָליקער פישעלע, לכל־הפחות אויבנאויפיק. האָבנדיק פאַרבראַכט אַזוי פיל צייט מיט ר׳ סענדערלען דעם מקובל, איז ער אַליין געוואָרן אַ שטיק מקובל און האָט זיך גענומען באַווייזן מיט זיין נייעם אוצר פון ווערטער פונקט ווי אין די אַמאָליקע צייטן. ער האָט זיך ווידער באַוויזן אין דער יאַטקע, געשפּאַסט מיט די ווייבער אַפילו מער ווי אַ מאָל, אויס דאַנקבאַרקייט צו זיי. און ער איז פולקום אויסגעהיילט געוואָרן פון זיינע יצר־הרעס, מער נאָך: ער האָט זיך אַפילו צו זיין אייגן ווייב נישט צוגערירט. דאָס איינציקע געפיל וואָס ער האָט געהאַט אַצינד פאַר זיי, די שענערע העלפט פון מענטשלעכן מין, איז געווען: פּחד. דערפאַר איז ער געוואָרן נאָך געטרייער צו זיין משפּחה און צו מענטשן בכלל, געוואָרן נאָך מער גוטהאַרציק און האָט זיך תמיד צוגעשטעלט דער ערשטער צו טאָן עפּעס לטובת־הכלל.

אַזוי האָט ער אויך צוריק איבערגענומען די פייער־בריגאַדע און סיי ער, סיי באָטשאַני האָבן פאַרגעסן זיינע זינד ווי אַ בייזן חלום.

אָן ענלעכער איבערבייט פון געפיל איז פאָרגעקומען אין שטעטל אויך לגבי יאָסעלען אַבעדאָלע, בעת יענעם טאָג ווען זיין טאָכטער פייגעלע איז געשטאָרבן. צו יענער צייט איז דאָס שטעטל נאָך נישט געהאַט געקומען צו זיך נאָך דער פטירה פון שרה־לאהלען דער שוחטקע און איז אינעם צער און דער צעטומלעניש געווען שטאַרק פילבאַר צו מענטשלעכע ליידן און צו געפילן פון יושר און פון שולדיקייט. מיט אַ מאָל האָט דאָס שטעטל איינגעזען וואָס פאַר אַ גרויסע עוולה עס האָט אָפּגעטאָן יאָסעלען, אַזאַ טייערן שיינעם ייִדן, וואָס מען האָט קיין שום ממשותדיקע באַווייזן נישט געהאַט פון זיין שלעכטער אויפפירונג, און מען האָט אים חושד געווען אין זינד, וואָס ער, אַן אומשולדיקער, איז מסתמא גאָרנישט באַגאַנגען.

ווי עס זאָל נישט האָבן געווען, איז דאָס פאַרלירן אַ קינד געווען די ערגסטע שטראָף פאַר אַ בן־אָדם. און אַזוי ווי דאָס שטעטל, ווי אַ גאַנצס, האָט זיך געפילט אומבאַקוועם מיט דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אָט דעם טויט פון אַן אומשול־דיק קינד, האָט עס גענומען אַרויפלייגן די גאַנצע שולד אויף ר׳ לייבעלע יאָפּצאָק־פּרעסערס געבויגענע אַקסלען. ווייל האָבן דען אַלע מיאוסע מעשׂיות וועגן יאָסעלען נישט צוריקגעפירט צום שמש ? ס׳איז דאָך געווען קלאָר, אַז ר׳ לייבעלע איז געווען אייפערזיכטיק אויף יעדן וואָס איז געווען אַ טאַטע פון קינדער. און אַזוי האָט אַ פאַראיבל, מער נאָך — אַ שינאה אויפגעפלאַקערט אין די הערצער. אַצינד האָט מען נאָכגעקוקט מיט פאַרסמטע בליקן — ר׳ לייבעלען. אייגנטלעך האָט מען אים דאָך קיין מאָל נישט גערן געהאַט.

די צווייטע וויכטיקסטע זאַך וואָס דאָס שטעטל האָט געטאָן איז געווען זיך צוצושטעלן, אַלע ווי איינער, צו פייגעלעס לוויה. און פייגעלע האָט באמת געהאַט אַן אויסנעמלעכע לוויה, כּמעט אַזאַ ווי שרה־לאהלע די שוחטקע.

אָבער פייגעלעס טאַטע איז נישט געווען ווי פישעלע קצב. יאָסעלע האָט נישט געקאָנט מוחל זיין דעם שטעטל די עוולה. ווי אַ ביין אין האַלדז איז זי אים פאַרבליבן אין געמיט. אים איז אַפילו נישט איינגעפאַלן צו פאַרגלייכן זיין אומגליק מיט דעם וואָס עס איז געשען מיט פישעלען. ער האָט פאַרלוירן זיין קינד. זיין פייגעלען. ווי אַ שוואַלב איז זי אויסגעגאַנגען אין זיינע אָרעמס. זיין פינצטערע היים, די „קנאַלבודע״, איז געוואָרן נאָך פינצטערער, ווי דאָס לעצטע ביסל ליכט וואָלט פון איר אויסגערונען. און אין אים האָט אַזוי געהודזשעט דאָס פייער פון צער, אַז ווען ער איז נאָכגעגאַנגען דעם אָרון בעת דער לוויה, האָט ער געקריצט מיט די ציין און געוויקלט די פינגער אין פויסטן.

„גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען, ד׳ נתן, ד׳ לקח...״ האָט ער אין הארצן

אויסגערופן. „דו ביסט גערעכט, רבונו־של־עולם, און דיין מישפּט איז גערעכט... נאָר איך נעם אים אָן, דיין מישפּט... מיט מרירות!"

ער האָט צוגעפּרעסט די פויסטן צום אָרון ווי ער וואָלט אים אונטער־געשטופּט ער זאָל פאָרן וואָס גיכער. דער צאָרן וואָס האָט אין אים געברענט האָט אים געצוווּנגען צו שפּרייזן צו אייליק. די אויגן זיינע זיינען געווען טרוקן, ברייט־צעעפנט, ווי ער וואָלט בכיוון וועלן מיט זיי אַריינשלינגען די גאַנצע שוואַרצקייט פון דער עגלה וואָס האָט זיך געוויגט אויפן אומגלייכן בלאָטיקן וועג. ער האָט נישט באַמערקט דעם המון וואָס האָט נאָכגעשטראָמט הינטער זיין רוקן. ער איז געווען בלינד און טויב ווען עולם האָט אים שפּעטער געוווּנטשן ער זאָל קיין מאָל מער נישט וויסן פון קיין צער און געפּליסטערט ווערטער פון טרייסט צו אים.

איצטער האָט ער ווידער געלאָזט זיינע עלטערע מיידלעך אין קרעמל און אַליין זיך אַרויסגעלאָזט איבער די פעלדער, סתּם אַרומצוּוואַנדערן — ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט זיך און איז נישט פעיק געווען צו בלייבן צו לאַנג אויף איין אָרט. אמת, ער איז נאָך פרומער געוואָרן, האָט זיך געקלאַמערט אָן דער אמונה, געדאַוונט מיט התמדה און געלאָפן אין שול — ווייל ער האָט געמוזט זיך צוזאַמענהאַלטן. ער האָט נישט געטאָרט פאַרגעסן, אַז ער איז געווען אַ טאַטע פון נאָך זעקס קינדער. און דער רבונו־של־עולם איז געווען דער איינציקער כּוח וואָס האָט אים געקאָנט דערין ביישטיין. — אָט דאָס געפיל פון התחייבות סיי לגבי דעם אַלמעכטיקן און סיי לגבי די קינדער האָט אים געפירט, אין זיין ווייטיק, ווי אַ בלינדן. האָט ער זיך טאַקע געצוווּנגען זיך אומצוקערן אין קלייטל יעדן נאָכמיטאָג, פאַרטרעטן די מיידלעך און זיי אַהיימשיקן אָפּקאָכן אַ ביסל עסן. זיי האָבן געמוזט עסן. זיי האָבן געמוזט זיין געזונט און שטאַרק.

דאָס שטיין אין קרעמל איז געווען אַן אומדערטרעגלעך אָפּקומעניש.

איינעם אַזאַ טאָג אין קרעמל, האָט הינדעלע די אלמנה זיך באַוויזן פאַר אים. קיין מאָל פריער איז זי נישט אַריינגעקומען אינעווייניק, אויב זי האָט אים נישט געבראַכט קיין טעפּל וואַרעמס.

מיט אַ צעגאָסן קול האָט זי אַ פּליסטער געטאָן: „זייט מיר מוחל וואָס עך מיש מיך אַריין, ר' יאָסעלע. אָבער עך קוק מיך צו צו אייך. איר קומט מיר פאָר ווי אַ באַקאויוון. דער צער הודזשעט אין אייך, גרייט אייך פונאַנדערצורייסן. ר' יאָסעלע, איר מוזט עפּענען דעם ברונעם פון טרערן. איר מוזט אַראָפּוויינען. אין... אין אייער האַרץ האָט איר פייגעלען נאָך נישט קובר געווען... איר האָט נאָך נישט רעכט אַדורכגעמאַכט די אבלות... איר מוזט זי לאָזן אָפּשווימען אינעם... אינעם טייך פון טרערן, כּדי אָנצוגיין..."

ער האָט זיך אַזש אַ וואָרף געטאָן און זיך צעוואָרטשעט: „אַרויס פון דאַנען, מכשפה!"

דאָס קליינע ווייבל איז דאָס מאָל שטיין געבליבן צוגענאָגלט צום אָרט ווי אַ זייל און זיך נישט קיין ריר געטאָן. „איר פאַרשטייט, ר' יאָסעלע..." האָט זי גע־גייוועֶרט. „איך בין אַ מאַמע. כ'האָב אויך פאַרלוירן אַ קינד..." דאָס שייטל איז איר שיף געזעסן אויפן קאָפּ. עס האָט איר געקאָפּעט פון דער נאָז און פון די אויגן.

ער האָט געוואָלט זי לאָזן שטיין און אַרויסלויפן. זיין אויער האָט נישט געקאָנט פאַרנעמען איר קול, אירע צעגאָסענע רייד. ער איז גרייט געווען זיך צו וואַרפן אויף איר, צו כאַפּן די האַק און איר אָפּהאַקן דעם קאָפּ. וואָס האָט זי זיך צוגעטשעפּעט צו אים? וואָס פאַר אַ העזה האָט זי געהאַט זיך אַריינצורייסן אין זיין נשמה און זיך נעמען צו מאַכן פּאַזשאַנדקעס אין איר? — אָבער די האַנט וועלכע ער האָט געהאַלטן ביים אויסשטרעקן, איר צו ווייזן די טיר, האָט צו זיין אייגענעם שטוינען אַ פאַל געטאָן צו דער זייט ווי אַ קלאָדע. ער האָט אויף איר אַנגעשטעלט דאָס צעקנאָדערדטע פּנים און זיך צעפינטלט מיט די אַנגעשוואָלענע קורצזיכטיקע אויגן.

„ווי איז אָבער דער דין..." האָט ער אַ קרעכץ געטאָן. „אַז אַ מענטש קאָן נישט וויינען?"

„לאָזט זיך... גיט נאָך..." האָט זי זיך צעפליסטערט. „גיט זיך אונטער און נעמט אָן... אָן אַ האַרטקייט... נישט ווי אַ שטיין... נאָר ווי אַ בלעטל אויפן ווינט. ווייל דאָס זענען מיר. בלעטער אויפן ווינט. דאַמאָלס 'עלן זיי קומען, די געבענטשטע טרערן. ס'עט לייכטער ווערן. איר זאָלט קיין מאָל מער נישט וויסן פון קיין צער, ר' יאָסעלע".

זי איז געשטאַנען אויף דעם זעלבן אָרט, דאָך האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זי איז צוגעקומען נענטער. פּלוצעם איז אַ משונהדיקער פאַרלאַנג אים באַפאַלן, צוצופאַלן צו איר און פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין אירע קליינע אָרעמס. אַ שטאַרקער פאַרלאַנג זי אַרומצונעמען, צו ווערן אַרומגענומען פון איר. ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער וואַנט, אויסגעשפּרייט די הענט איבער איר, ווי ער וואָלט זיך גענייטיקט אָן איר זיך אָנצושפּאַרן. זיינע אַקסלען האָבן גענומען ציטערן. מיט אַ מאָל זיינען זיי געקומען — די טרערן. הינדעלע האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון קרעמל.

אין אָן אויגנבליק איז ער געוואָרן האַר איבער זיך און האָט זיך גיך אָפּגע־ווישט דאָס פּנים. הינדעלעס קול האָט נאָך געהויערט צווישן די ווייסע ווענט פון קרעמל. אָבער ניין, ער וועט נישט! — וואָס האָט זי געזאָגט, די ייִדענע? ער זאָל נאָכלאָזן... נאָכגעבן, האָט זי געזאָגט. אַ ייִדענע אַ מעשה־בהמה. אָ, ניין! אַט דעם כּוח פון נאָכגעבן און דאָך איבערלעבן, האָט ער נישט פאַרמאָגט! פאַר אים האָט נאָכגעבן געמיינט צוזאַמענפאַלן, איינברעכן זיך און אין גאַנצן דער־

טרונקען ווערן אין ייִאוש. זי האָט געוואָלט, אַז עס זאָל אים לייכטער ווערן. אָבער דאָס האָט ער אַליין נישט געוואָלט. ניין! ער האָט געוואָלט טראָגן די ווונד אין האַרצן, אין איר גאַנצער גרייס, אָט אַזאָ ווי זי איז געווען; טראָגן אַלע זיינע ווונדן. און צו דעם האָט ער געברויכט די האַרטקייט, די עקשנות. נאָר דאָס קינד, דאָס ייִנגל אין אים, האָט געבענקט צו טרערן, געוואָלט זיך לערנען די קונץ פון וויינען — פון אַ ייִדענע.

הינדעלע איז נישט געווען די איינציקע וואָס איז געקומען צו אים מיט עצות וואָס ער זאָל טאָן, זיך לייכטער צו מאַכן אויפן האַרצן. די שכנות אויפן פּאַטשעיאָוו און אין זיין געסל האָבן זיך נישט אויפגעהערט צו זאָרגן וועגן אים. אָבער קיינע פון זיי האָט אים נישט אַזוי דערצאָרנט צי אויפגעטרייסלט ווי הינדעלע מיט אירע רייד. זיי האָט ער פּשוט נישט באַמערקט, נישט געהערט קיין וואָרט וואָס זיי זאָגן. אוודאי האָט זיין צאָרן קעגן שטעטל מיט דער צייט גענומען אויסוועפן, אָבער ער איז געבליבן גלייכגילטיק צו דער האַרציקייט וואָס מען האָט אים אַרויסגעוויזן.

יענעם טאָג איז יאָסעלע געזעסן אין מרחץ. דאָ האָט ער אָנגעהויבן זיך צו פּילן צום בעסטן. אין דער היץ, אין דער פּאַרע וואָס האָט געשלאָגן פון די שטיי־נער אין די צווי שוואַרצע לעכער פון אויוון, האָט זיך אים גראָד לייכטער גע־אָטעמט, הגם ס'איז געווען שווער צו כאַפּן דעם אָטעם. ס'האָט זיך אים בעסער געזען, הגם די אויגן זיינען געווען פאַרלאָפן מיטן נעפּל, מיט שווייס. ער האָט אַרומגעטאַפּט די בענק ווי אַ בלינדער און איז אַרויפגעקראָכן אויף דער אייבער־שטער באַנק, אין דער סאַמער חמימה, געלאָזט זיך שמייסן מיט די ריטלעך וויפל ס'האָט זיך געלאָזט און ער האָט הנאה געהאַט פון דעם ווייטיק, פון דער נעציקייט, פון וואַסער וואָס האָט געקאַפּעט פון זיין פּנים, פון דער באָרד און פּאות.

„ס'איז בעסער, כ'לעבן, ווי אַ ייִדענעס טרערן", האָט ער געמורמלט צו זיך. „און פאַר וואָס זאָל איך עפּעס וויינען? פייגעלע איז געשטאָרבן־באַגראָבן... די איבעריקע קינדער 'עלן אָנגיין מיט זייערע לעבנס. באַוויינען זיך אַליין? אָ, ניין. אויף זיך האָט יאָסעלע אַבעדאַלע נישט קיין ברעקל רחמנות. עס דערוואַרט מיך נאָך אַ טאָג... דער טאָג וואָס 'עט ווערן נאַכט... די רגע ווען כ'על אין גאַנצן אויפהערן צו זען אויף די אויגן. אוודאי האָב איך נאָך פייגעלעס טויט ווייניקער מורא פאַר יענעם טאָג... דאָך מוז איך האָבן כּוח פאַר אים... אים אויפצונעמען ווי אַ דערוואַקסענער ייִד... ווייל אַזוי איז דעם אַלמעכטיקנס רצון".

די שפּאַנונג האָט נאָכגעלאָזט אין אים, ווי די פּאַרע, וואָס האָט זיך געוויקלט אַרום זיין גוף, וואָלט אַריינגעדרונגען אין אים און אויפגעלייזט די קנופּן איבעווי־ניק; איינגעשלעפּערט די פעדעם פון פּיין, ווי ער וואָלט זיך געהאַט אָנגעטרונ־קען מיט אַ שאַרפער ברייִקער משקה. ערשט איצט האָט ער קלאָר געקאָנט טראַכטן.

און ער האָט געטראַכט, אַז ער האָט נאָר געדאַרפט אויפרופן אין זיך דאָס „אייזערנע געדולד״ זיינס. אַז דער צער אין דער גאַנצער גרייס זיינער וועט מיט דער צייט זיך אַריינפּאַסן אין אים, ווי עס איז געשעען נאָכן טויט פון מאַרימלען. אָבער בעת־מעשׂה האָט ער נישט געטאָרט זיצן און וואַרטן מיט פאַרלייגטע הענט. ער איז דאָ געווען, אין אָט דעם עמק־הבכא, אויסצולעבן זיין גורל און צו דערפילן זיינע התחייבותן לגבי זיינע קינדער, לגבי זיינע מיטמענטשן און דער עיקר — לגבי דעם האַר פון דער וועלט.

און יאָסעלע האָט שטאַרק גענומען טראַכטן וועגן זיינע לעבן־געבליבענע קינדער. די צוויי עלטערע מיידלעך זיינען געווען גרויסע בריהטעס, געפירט די גאַנצע בעל־הבתישקייט אין דער היים און די יִנגערע זיינען דאָך אויך שוין געווען גאַנצע כּלה־מוידן. אייגנטלעך, יאָ... אייגנטלעך זיינען די צוויי עלטסטע שוין באַלד געווען פאַרזעסענע... ער האָט זיי שוין געדאַרפט האָבן חתונה געמאַכט. גאָר פאַרלוירן דעם חשבון ווי אַלט זיי זיינען געווען. און הערשעלע? הערשעלען האָט ער שוין לאַנג געדאַרפט האָבן אַוועקגעשיקט אין דער ישיבה. וועלטן האָט ער געדאַרפט איינלייגן און אַוועקשיקן הערשעלען אין ישיבה... און חתונה מאַכן די צוויי עלטסטע מיידלעך. וואָס האָט ער באַלאַמוטשעט? איז נישט אַ מאָל אָט דער צער... אָט דאָס איבערנעמען זיך מיט די אייגענע יסורים געווען אַן אויסרייד מצד אים... נאָכצולאָזן פון שפּאַן?

נאָך אַ צאָל אַזעלכע אַריינטראַכטענישן אין מרחץ, האָט יאָסעלע גענומען אויספּלאַנעווען אַן אופן ווי אַזוי אויסצופירן זיינע באַשלוסן. נישט לאַנג דערנאָך, האָט ער אונטערגענומען שריט — און גאַנץ באַטשאַני האָט אים צוגעהאָלפן; אָבער יאָסעלע האָט דאָס נישט באַמערקט, נישט געוואָלט באַמערקן.

ער האָט זיך נישט געוווּנדערט וואָס ר׳ מנשהלע שדכן, וועלכער איז קיין מאָל זיין ידיד נישט געווען, האָט געפונען אין זיין פאַרפּעצטן ביכעלע די נעמען פון די צוויי לייטישסטע חתן־בחורים אין שטעטל, איינער דעם דיינס אַן אייניקל און דער צווייטער ר׳ שאַפּסעלע מלמדס איינציקער זונדל, וועלכער האָט געהאַט אַ פייערדיקן קאָפּ סיי צום לערנען, סיי צום מיסחר, און האָט שוין אַפילו אויף אייגענער האַנט געפירט דעם קוילן־מיסחר וואָס זיין מאַמע און די שוועסטער האָבן געהאַט איינגעפּעדעמט. ר׳ שאַפּסעלע מלמדס זונדל איז געווען עלטער פון דעם דיינס אייניקל, איז ער באַשטימט געוואָרן פאַר רייזעלען, דער עלטסטער, און דעם דיינס אייניקל — פאַר רחלען, דער יִנגערער.

אַזוי האָט מען אין גיכן באַשטימט אַ זמן פאַר דער טאָפּלטער חתונה מיט אַ טאָפּלטער חופּה, ווייל רייזעלע און רחלע זיינען געווען געבוירן מיט איין יאָר און זיינען ממש געווען ווי אַ צווילינג. און מיט אַ טאָפּלטער חתונה האָט מען זיך איינגעשפּאָרט אַ סך מזומן. קיינער פון די מחותנים האָט זיך אין „שוויל־טאָג״ נישט געבאָדן.

אַ פּאָר וואָכן פאַר דער חתונה האָט יאָסעלע איינגעפּירט ביי זיך אין שטוב ממש אַ טיילווייזן תענית. מען האָט אויפגעהערט צו עסן אַ הינדל אום שבת און דאָס ביסל וואַרעמס אין דער וואָכן. יאָסעלע האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער די דערפער, אָנגענומען יעדער מין אַרבעט, געהאַנדלט און געלייגט אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה אויף אַ „שטיקל" אויסשטייער פאַר די כּלות און אויף קליידער פאַר די איבעריקע טעכטער. ער האָט לסוף אויסגעוויסט די „קנאַלבודע" — און בעת ער איז געווען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, האָט ער זיך נישט אויפגעהערט צו וווּנדערן, ווי דער טויט, אַפילו פון דעם טייערסטן, איז פעיק געווען צו פאַר־וואַנדלען דעם צער אין אַ דראַנג אָנצוגיין מיטן לעבן.

און נישט נאָר האָט ער אויסגעוויסט די שטוב, נאָר ער האָט אין איר אויך אַדורכגעשטעלט דיקטענע ווענטלעך און זי צעטיילט אויף דריי „דירות", ווייל ער האָט זיך געשטעלט, אַז די אײדעמס מוזן גיין אויף קעסט צו אים.

2

די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן אין דיינס שטוב, אויפן מאַרקפּלאַץ, און גאַנץ באַטשאַני איז געווען אויף דער חתונה. יאָסעלע האָט זיך געשטעלט, אַז צו דער חתונה זאָלן דווקא יאָ זיין כּלי־זמרים, און אים האָט נישט געאַרט וואָס די איינציקע קאַפּעליע אין שטעטל איז באַשטאַנען פון בלויז שעלצער חסידים, הגם ער אַליין איז געווען אַ כוואַסטער חסיד. און צו דער חתונה זיינען געקומען סיי די שעלצער, סיי די כוואַסטער, סיי די פאַרערס צו אַנדערע רביים, סיי די חברה פון די „דריי פּייען" און די פּייער־לעשערס. אַטלעסענע קאַפּאָטעס האָבן זיך אויסגעמישט מיט פורמאַנסקע בגדים, שטריימלעך מיט אויסגעריבענע ייִדישע היטעלעך. די צוויי מחותנתטעס האָבן זיך אויסגעפּוצט אין הויכע הויבן מיט שלייפעלעך, ווייבער האָבן געטראָגן זייערע שענסטע שטערן־טיכלעך. ברייטע געפאַלדעוועטע קליידער האָבן פּייערלעך געשאַרכט און געשורגעט. דאָ און דאָרט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין אַן עכט שטיקל צירונג, למשל אויפן האַרצבערעטל פון דער לאַנגער צירעלען, צי פון דער רביצין.

יאָסעלע אַליין איז געקומען אויף דער חתונה אין זיין אַלטער, אויסגעריבע־נער שתּבדיקער קאַפּאָטע און אין זיין אויסגעצופּטן שטריימל.

דערפאַר אָבער האָט בינהלע, זיין ייִנגסטע טאָכטער, געטראָגן איר ערשט ניי קליידל. עס איז געווען אַ קרעטאָנקע מיט אַ מוסטער פון דראַבנע בלימעלעך און גרויסע, גרינע בלעטער, מיט אַ רויט טאַשמעלע אונטערן האַלדז. בינהלען איז אויסגעקומען, אַז אירס איז געווען דאָס שענסטע קליידל אויף דער חתונה. זי האָט גאָר קיין אַנדערע קליידלעך נישט געזען, ווייל זי האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון די פּעלבלעך פון אירן. איין קלייניקייט, דאָס ערשטע קלייד

אין איר לעבן, געמאַכט אויף איר מאָס, נישט געטראָגן פון קיינעם אויסער איר! איר האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע שׂימחה איז געפּראַוועט געוואָרן לכבוד אָט דעם ערשטן קלייד אירן. צו דער געלעגנהייט האָט זי אויך פונאַנדערגעלאָזט די צעפּלעך און זיך באַוויזן מיט אירע לאַנגע האָר וואָס האָבן אויסגעזען ווי קאַרבירט.

נאָר דער בדחן, ר' דבטשעלע, האָט פאַרמאָגט דעם כּוח אָפּצוּווענדן בינהלעס אויפמערקזאַמקייט פון איר קלײדל. מיט אַן אָפן מויל האָט זי זיך צוגעהערט ווי ער האָט באַזונגען די כּלות.

דער בדחן ר' דבטשעלע איז געווען דער ליבלינג פון באַטשאַני. פּורים איז ער געווען דער גאַנצער רעדל־פירער, צוזאַמען מיט פישעלען קצב. דעם טרויע־ריקסטן ייִדן וואָלט ר' דבטשעלע געקאָנט מאַכן לאַכן — ווען ער וואָלט אַליין נישט געווען דער טרויעריקסטער. ר' דבטשעלע איז צווישן פּורים און שׂימחת־תּורה און צווישן איין חתונה און דער אַנדערער אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרדאַגהט, טרויעריק פּנים, ווי נאָך אַ גרויס אומגליק. נאָר בעת אַ שׂימחה האָט ער זיך באַקלײדט מיט אַ ניי פּנים און איז געוואָרן אַן איבערגעביטענער.

בעתן „פאַרשפּילן" אויף דער חתונה האָט ר' דבטשעלע נאָך געטראָגן דאָס אַלטע פּנים, הגם ער האָט זיין טאָג־טעגלעכן טרויער פאַרצויגן מיט אַ פייערלעך־דערהויבענעם טרויער. בעת די ווייבער האָבן אַדורכגעפירט דאָס „באַדעקנס", האָט ער געבעדט צו די כּלות פון האַרץ צו האַרץ; און הגם ער האָט געניצט ביישפּילן פון חומש און דער גמרא, ווייל קיין עם־האָרץ איז ער אויך נישט געווען, איז זיין „זאָגן" געווען אַזוי היימיש־זיס, אַזוי רירנדיק, אַז מען האָט גאָרנישט געדאַרפט פאַרשטיין דעם טיפן מיין פון זיינע רייד. טרערן זיינען גערונען ווי וואַסער און בינהלע אַליין, ווי נאָר זי האָט דערהערט דעם „כּלהשי־כּלהשי וויין..." און האָט דערזען ווי די כּלות און די איבעריקע שוועסטער אירע צעכליפּען זיך — האָט זי זיך אויך צעכליפּעט גאָר געשמאַק, מיט די הענט איבערן פּנים, כּדי די טרערן זאָלן נישט נאַס מאַכן איר ניי קלײדל.

די חופּה האָט מען געשטעלט אויפן שולהויף. אויפן וועג אַהין דורכן מאַרק־פּלאַץ האָט זיך געמאַכט דאָס אמתע געלויף. קינד און קייט האָט זיך געשטופּט פאָרויס צו זען ווי מען פירט די צוויי פּאָרלעך צו דער חופּה. כּפל־שמונהדיקע ליכט האָבן זיך צעלויכטן, ווי הונדערטער שטערן, און פון אַלע געסלעך זיינען געקומען צו לויפן די פויערים אויך כאַפּן אַ קוק אויף דעם ספּעקטאַקל.

די יונגע רביצין האָט אַנטקעגנגעטאַנצט די חתן־כּלה־פּאָרלעך. מיט גרויס חן און מיט זגראַבנע באַוועגונגען האָט זי זיך גערוקט פאָרויס, צוגעשאָקלט מיטן שיינעם קאָפּ צום קאַפּעליע־ניגון און צניעותדיק געשמייכלט. נאָך איר האָבן געשפּרייזט די פּאָרלעך מיט פאַרדעקטע אויגן. די מחותּנתטעס האָבן געפירט די כּלות אונטער די אָרעמס און צו דער זייט האָבן געשפּרייזט די מחותּנים. די

קאַפּעליע האָט געשפּילט אַ פריילעכס. עמעץ פון די פּויערים האָט אַרויסגענומען אַ האַרמאָשקע פון אונטער דער פּאַזוכע און צוגעשפּילט. די חסידים האָבן געפּאַטשט מיט די הענט און צוגעטאַנצט, צוגעזונגען.

בעת דער סעודה האָבן די חתנים געהאַלטן דרשות, געפּשטלט, געבראַכט „ראשונים" און „אחרונים", זיך געוואָרפן מיט גמראס און רמב"מס, געבראַכט שאלות און זיי פאַרענטפערט און זיך באַוויזן מיט זייער חריפות.

דערנאָך האָט דער עולם זיך געלאָזט ווילגיין. די קאַפּעליע האָט געשפּילט ביי דער טיר. דער בדחן ר' דבטשעלע האָט ערשט רעכט באַוויזן וואָס ער קאָן און אַרויסגעטרייסלט וויצן און גלייכווערטלעך פון אַרבל. ווידער איז נישט געווען קיין טרוקן אויג צווישן עולם, אָבער דאָס מאָל זיינען דאָס געווען טרערן פון געלעכטער. — טיר און פענצטער זיינען געשטאַנען אָפן צום דרויסן, ווו מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ טיש און ר' פּייוועלע מילנער מיט זיינע צוויי פּאַראַבקעס האָבן געטיילט לעקעך און בראָנפן פאַר די פּויערים. ביי אַנדערע טישן זיינען געזעסן די בעטלערס, היימישע און פון דער פרעמד. — אַ פּאָר חברה־לייט פון דער גוייִשער קאַפּעליע האָבן זיך באַוויזן אין מיטן מאַרק מיט זייערע כּלי־זמר און ס'האָט נישט גענומען לאַנג ווי די ווילדע וואַנדע, וואַצלאַוו ספּאַקויניס עלטסטע טאָכטער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טענצל און די איבעריקע האָבן איר נאָכגעטאָן.

יאָסעלע האָט זיך אַרומגעדרייט אויף דער שימחה מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, אַ מחותן, און דאָך אַ ביסל אַ זייטיקער. ער האָט זיך געלאָזט אַפּווינטשן פון די ייִדן און ייִדענעס, געענטפערט מיט אַ מרוקע, אַ קוים־קוימיקן שאָקל מיטן קאָפּ. דאָך, הגם קיין שפּור פון אַ שמייכל איז נישט געווען אויף זיין פּנים, האָט ער אויסגעזען אויסגעלייטערט. „אַזוי האָט דאָס באַדאַרפט זיין. אַזוי איז עס", האָט ער שטיל געמורמלט צו זיך.

ער האָט אַרויסגעשפּרייזט אין דרויסן כאַפּן אַן אָטעם פרישע לופט און האָט דערזען דעם גויִישן המון אויפן מאַרקפּלאַץ. דער פייער־לעשער־קאָמענדאַנט וואַצלאַוו ספּאַקויני איז צו אים צוגעקומען אַ בגילופינער און געפירט האָט ער אונטערן אָרעם, אָדער גיכער געשלעפּט מיט זיך האָט ער — אַבעלען־נאַר.

וואַצלאַוו איז פּונקט ווי אַ סך אַנדערע פּויערים געקומען צו דער שימחה אויסגעפּוצט אין זיינע זונטיק־בגדים. ער האָט געהאַט געבראַכט אַ שיינע מתנה אויך: צוויי עכטע פּוילישע קילימס, פאַר די צוויי פּאָרלעך. ער און זיין ווייב זיינען שעהען פאַר דער חתונה געקומען שענקען די מתנות, צוזאַמען מיט זייערע בעסטע ווונטשן, ווי אמתע גוטע פריינד וואָלטן דאָס געטאָן, און יאָסעלע האָט זיי אויפגענומען מיט אַ מאָס פריינדלעכקייט. ער איז לעצטנס געווען בעסער איינגעשטעלט צו וואַצלאַוון. הגם וואַצלאַוו האָט נישט געהאַלטן דעם צוזאָג וועגן מער זיך נישט צורירן צום פלעשל, האָט ער אָבער אויף אַן אמת אויפגעגעבן

די וויזיטן ביי הינדעלען דער אַלמנה אין קרעמל, און איז אין אַלגעמיין געוואָרן מער באַהערשט און געסטאַטקעוועט.

האָט טאַקע יאָסעלע אַצינד געשאָקלט חבריש מיטן קאָפּ צו וואַצלאַוון און זיך צו אים אָפּגערופן ווי אַן ענטפער אויף וואַצלאַווס ווינטשעוואַניעס: „אין קורצן ביי אייער וואַנדען!"

וואַצלאַוו האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „עך, וואַנדע די כאַלערע! זי רייסט זיך נישט חתונה צו האָבן. האָט זיך אַרויסגעצויגן פון מיין שטוב, ווינט מיט דער באַבען. ז׳וויל זיין אַ מענטש פאַר זיך, זאָגט זי, די ווילדע ציג".

האָט יאָסעלע אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ: „וואָס הייסט ז׳רייסט זיך נישט? ווער הייסט דיך ביי איר פרעגן? ביסט דאָך אַ טאַטע. מאַכט מען זי חתונה און אַראָפּ פון מאַרק!"

וואַצלאַוו האָט זיך קרום צעשמייכלט: „וואָלסט געוועזן מיין וואַנדעס טאַטע, וואָלסטו אַנדערש גערעדט". וואַצלאַוו איז שוין געווען גוט „פּאַדכמיעלאַנע". מיטן גלעזל „מאַנאַפּאָלקע" וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין האַנט, האָט ער אָנגעוויזן אויף אַבעלען וועלכער האָט זיך געטרייסלט ווי אַ בלאַט אין זיין אַנדערן אָרעם. „דער אַבוש־וואַריאַט איז דאָך ערגער פון מיר. געגעבן אים אַ ביסל מאָנאָפּאָלקע, די כאַלערע, און ער לאָזט אונדזערע מיידן נישט צו רו, קוקט זיי אַרונטער אונטער די ספּאָדניצעס! און ד׳מיינסט ווען ער איז ניכטער איז ער בעסער? כ׳האָב אַליין אים געכאַפּט אַריינקוקן צו מיר אין פענצטער ביי נאַכט. ר׳האָט מיר איבערגעשראָקן די מיידן אויף טויט!"

יאָסעלע האָט געוווּסט, אַז די לעצטע צייטן פאַרשווינדט אַבעלע פון שטעטל אויף טעג און נעכט. אָבער אַז מען האָט אים געפרעגט וווּ ער איז געווען, האָט ער געענטפערט מיט זיין פּיזמון: „דאָרט". האָט מען אים געפרעגט: וווּ דאָרט? האָט ער געענטפערט: „הינטערן גיטן־אָרט". און מער האָט מען גאָרנישט געקאָנט פון אים אַרויסקריגן. ער האָט אין שטעטל אויך אַרומגעוואַנדערט אין די וואַרעמע נעכט און נישט איין ווייבל איבערגעשראָקן, ווען זי האָט דערזען זיין קיילעכדיקן ווייסן קאָפּ אויפשווימען אין דער פענצטערשויב ווי אַ לבנה.

„וואָס קאָן מען טאָן? צובינדן אים ווי אַ הונט צו דער קייט?" איז יאָסעלע שוין אַ ביסל אויפגערעגט געוואָרן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן וואַצלאַווס אופן פון האַלטן אַבעלען פאַרן אָרעם. „האָב נישט קיין מורא", האָט ער אַ זאָג געטאָן ווי כּדי זיך צו באַרויִקן, גיכער ווי וואַצלאַוון. „ער׳ט קיינעם קיין בייז נישט טאָן".

אַבעלע האָט בעטנדיק געצויגן יאָסעלען פאַרן אַרבל: „אַבעלע גיין... אַבעלע גיין..."

וואַצלאַוו האָט אים אַ טרייסל געטאָן און שיכּור געלאַכט: „וואָס ס׳טע אַזוי מורא פאַר מיר, דו ווייסער אידיאָט איינער, האַ?" ער האָט צוגעבויגן דאָס פּנים

נאָענט צו אַבעלען און אים באַטראַכט מיט צעפּינטלטע אויגן. „עי!" האָט ער אויסגערופן. „ביי אַלע הייליקע! ס'איז דאָך טאַקע אמת וואָס מיין באָבע זאָגט. ער זעט דאָך טאַקע אויס ווי מיין ברודערל... פּאַטערל סטאַניסלאַוו!" ער האָט אויסגעליידיקט דאָס גלעזל אין מויל, אַ הוסט געטאָן און מיט אַ שטויס אָפּגע־לאָזט אַבעלען.

ער האָט פאַרוואָרפן דעם אָרעם איבער יאָסעלעס אַקסל און איז מיט אַ מאָל טויט־ערנצט געוואָרן. „געדענקסט, יאָסעק", האָט ער געפליסטערט אויף יאָסעלעס אויער. „כ'האָב דיר געהאַט דערציילט וועגן דער פּאָוואָסטאַניע וואָס די כלאָפּצעס גרייטן? זיי קאָנען מיך אַ ליאַדע טאָג רופן צו ווערן זייער אָנפירער. דאַמאָלס ט'זיין געענדיקט פאַר מיר מיטן טרינקען און מיטן נאַריש מאַכן זיך". ער האָט ענערגיש געשאָקלט מיטן קאָפּ. „יאָ, ברודערקע, אַ פּאָוואָסטאַניע איז אַ הייליקע זאַך". אַן אויגנבליק האָט ער שווייגנדיק געשטאַרט אויף יאָסעלען, דערנאָך האָט ער אומגעריכט אויפגעלעבט און מיטגעשלעפּט יאָסעלען מיט זיך צום צענטער פון מאַרקפּלאַץ. „אָבער אין דער צווישנצייט, ברודערקע, לאָמען נאָך אַ ביסינקע אַ הוליע טאָן. נו, קום, יאָסעק, ט'מען אַ טאַנץ טאָן. ווי גאָט איז דיר ליב! אַ שימחה היינט ביי דיר, יאָ צי ניין?" און ער האָט אויסגעשריגן צו די פּויערים: „עי, ברידערלעך, פּאַטאַנטשים ז'יאָסקעם!"

יאָסעלע האָט זיך געפּרוּווט באַפרייען פון זיין האַנט. „ניע פּאַטאַנטשים!" האָט ער געדרייט מיטן קאָפּ. „כ'בין נישט קיין טענצער".

„היינט ס'טע זיין!" וואַצלאַוו האָט אַריינגעשטופּט דאָס לידיקע גלעזל צו זיך אין קעשענע און האָט אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די הענט. „גיי, כאַפּ דיר אַ באָבע! כאַפּ דיר מיין וואַנדען, גיי!" ער האָט געשטופּט יאָסעלען מיטן אַקסל. „ז'יט זיך אַ דריי טאָן מיט דיר, ביסט דאָך עפּעס דער טעשטש, נו דאַוויי!"

יאָסעלע האָט זיך איינגעמויערט אַן דער ערד מיט די פיס. „ניין!" ער האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צום דיינס הויז.

וואַצלאַוו האָט אים געגעבן אַ שטאַרקן שטויס פאָרויס. „דו ועסט שוין יאָ טאַנצן! שוין איין מאָל טאַנצן. טאַקע שוין! זיי נישט אַזאַ טראַמבע. עי, כלאָפּצי!" האָט ער געפּאָכעט צו די שיכורע כלאָפּעס. „קומט אַהער און גיט אַ נעם אונדזער יאָסעקן און זאָל ער אַ טאַנץ טאָן סטאַראָפּאָלסקים זוויטשייעם!"

די גויים האָבן אַ וואָרף געטאָן די פּירעקיקע היטעלעך מיט די גלאַנציקע דאַשקעס אין דער לופטן, זיך צעפּאַטשט מיט די הענט און מיט אַ צעוואָקלטן טראָט אָנטקעגנגעטאַנצט יאָסעלען.

„הייב אַ פוס, יאָסעק!" האָבן זיי געזעוועט.

יאָסעלע האָט געוואָרפן נאָך אַ בליק אין דער ריכטונג פון דיינס הויז. די חסידים דרינען האָבן זיך משמח געווען, געזונגען, געקלאַפּט מיט די הענט און געטופּעט מיט די פיס. די ווייבער האָבן געטאַנצט אין דער אַנדערער זייט פון

דער שטוב. מער האָט ער, יאָסעלע, אָצינד נישט געדאַרפט: אַ המון שיכּורע גויים קעגן אַ המון נישט זייער ניכטערע ייִדן, הײַנט... אויף דער חתונה פון זײַנע טעכטער.

דאָ האָט יאָסעלע דערזען זײַן שכנה, הינדעלען די אלמנה, אַרויסקומען דרויסן. ווען זי איז אים פאַרבײַגעגאַנגען האָט זי זיך ברייט צעשמייכלט צו אים.

„אַזאַ שיינע שׂימחה, ר׳ יאָסעלע״, האָט זי אַ זאָג געטאָן. „עס פרייט דאָס האַרץ, בנאמנות. לאָז מען טאַקע דערלעבן צו גיין נאָר אויף שׂימחות, איינער ביי דעם אַנדערן. ס׳אַזאַ חמימה דרינען״, האָט זי זיך געפּאַכעט מיטן ברעג פון דער פאַטשיילע, „אַז כ׳האָב געמוזט מיך אַרויסכאַפּן אויף אַ רגע״. פּלוצעם האָט זי באַמערקט וואַצלאַוון און דער שמייכל איז אָפּגעשטאָרבן אויף אירע ליפּן.

„האָב נישט קיין מורא פאַר מיר, הינדעלע!״ האָט וואַצלאַוו אַ באַשׂימחהטער אויסגערופן און אָנגעכאַפּט זי און יאָסעלען פאַר די אַרבל. „קומט טאַנצן!״ די אַנדערע כּלאָפּעס האָבן זיי אונטערגעשטופּט פון הינטן צום צענטער פון מאַרק־פּלאַץ. די קאַפּעליע־מוזיק איז איצט געווען באַטויבט צו ווערן. יונגע פויערים־פּאַרלעך האָבן שפּאַסיק אונטערגעטענצלט.

מיט אַ מאָל האָט וואַצלאַוו אַ כאַפּ געטאָן הינדעלען אין די אָרעמס און האָט זי אַוועקגעטראָגן מיט זיך אין אַ רעדל. יאָסעלע האָט געזען אירע אויסגעקרימטע פיס זיך פאַרטשעפּען, זיך הייבן אין דער לופטן ווי פאַרבלאָזן פון ווינט; דער גוף אירער, ווי אַ שמאַטע־ליאַלקע, איז געפאַלן אַ מאָל אַהין, אַ מאָל אַהער, שיִער נישט געפאַלן צו דער ערד און אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון וואַצלאַווס אָרעמס.

ס׳האָט יאָסעלען גענומען נישט מער ווי אַן אויגנבליק. ער האָט מער נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער האָט אַ פאַל געטאָן צו וואַצלאַוון, אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן גויס אַקסל מיט אַזאַ וואָג, אַז ער האָט אים פאַרהאַלטן אויפן אָרט. ער האָט אָנגעכאַפּט הינדעלען פאַרן אָרעם, פּונקט צו דער צייט, ווייל זי האָט געהאַלטן ביים פאַלן. זי האָט געסאָפּעט אָפּגעריסן, געציטערט, געווען ווייס ווי אַ שטיק קרייד.

„בראַוואָ!״ האָבן די כּלאָפּעס זיך צעפּאַטשט מיט די הענט. „נעם זי, יאָסעק, כאַפּ אַ טענצל מיט איר!״ אַ געדיכטער קרייז פון פויערים האָט אַרומגערינגלט יאָסעלען מיט הינדעלען.

וואַצלאַוו איז נאָך געשטאַנען מיט די אָרעמס אויסגעשטרעקט צו הינדעלען. ער האָט עפּעס געוויגן אין קאָפּ. מיט אַ מאָל האָט ער אויסגערופן אין גוטן מוט: „נו, דאָ כאָלערי! וואָס שטייט איר ווי צוויי מעגעגעס, הייבט אַ פוס, דאַווײַ!״

„שכנטע...״ האָט יאָסעלע אַ שטאַמל געטאָן. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער געקוקט, באמת געקוקט אויף איר, באמת געזען אָט די שוואַרצאויגיקע פּרוי; אימה, אומבאַהאָלפנקייט, אָבער אויך צוטרוי צו אים, צו יאָסעלען, האָבן זיך געמאָלן אויף איר פּנים. „נישט תּמיד קאָן אַ ייִד... נישט שטענדיק קאָן אַ

ייִד זיך דערלויבן צו זיין אַן עקשן... אונדז מוז מען... עס טאָן, שכנטע... אין דער חתונה־נאַכט פון מיינע טעכטער... ס׳טאָר גאָרנישט געשען, חלילה... שכנטע, דער רבונו־של־עולם ט׳אונדז מוחל זיין...״

פּאַמעלעך האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט און אָנגענומען די פּראַנדזן פון הינדעלעס פּאַטשיילע. די פֿויערשע קאַפּעליע האָט זיך אַצינד געפונען נאָענט הינטער דעם קרייז פון די פויערים — דעם פאַרמאַכטן קרייז, וואָס פון אים איז נישט געווען צו אַנטרינען.

אַ גרימפּלען פון פידעלעך. אַ פייפן. אַ קלאַפּן פון הענט. אויסרופן. געלעכטער. יאָסעלע האָט אויפגעהויבן אַ פוס, דערנאָך דעם צווייטן. הינדעלע האָט אויפ־געהויבן אַ פוס, דערנאָך דעם צווייטן. זי האָט אויסגעזען רויִקער, זיכערער מיט זיך. זי האָט אויסגעזען צו וואַקסן און ווערן וואָס אַ מאָל שטאַרקער. יאָסעלעס באָרד איז אַ פלי געטאָן אין דער לופטן. איר פּאַטשיילע האָט זיך אונטערגע־הויבן ווי אַ פּאָר פליגל. נישט ווילנדיק האָבן זייערע הענט זיך באַרירט. זיי האָבן זיי האַסטיק צוריקגעכאַפּט. זיי זיינען געווען אינעם קאָכנדיקן קעסל פון גורל און האָבן זיך אַרויסגערעדלט פון אים צו יענער זייט פון ייִאוש.

בעת דער הוא־האַ אַרום זיי האָט אָפּגעהילכט אין די אויערן, האָט ער, האָפּ־סלענדיק אומגעלומפּערט, סאָפּענדיק, אַרויסגעדעכעט: „אַז מען טאַנצט נישט פון פרייד, טאַנצט מען... מוז מען טייל מאָל טאַנצן פון...״

איידער ער האָט באַוויזן צו ענדיקן, האָט איר פּנים אויפגעלויכטן און זי האָט אויסגערופן: „אויב מען מוז טאַנצן... פאַר וואָס נישט טאַנצן פון פרייד, ר׳ יאָסעלע?״

ווי ער האָט זיך אָן איר אָנגעהאַלטן פאַר די פּראַנדזן פון דער פּאַטשיילע, איז זי געוואָרן לייכט ווי אַ פעדער. יאָסעלע האָט געהויבן די פיס העכער, זיך באַוועגט מיט מער שווּנג, מיט מער אייפער. ביז ער האָט זיך אַ טראָג געטאָן מיט איר אין שווינדלדיקן קרייז. ווייל זי איז געווען גערעכט, יאָ!

דער פרעמדער המון, די דאַזיקע נאַכט, די ליכטער און דער טומל וואָס זיינען געקומען פון דיינס הויז ווו יאָסעלעס געסט האָבן זיך משמח געווען, דאָס בייזיין פון וואַצלאַוון דערנעבן — דאָס אַלץ האָט געהאַלטן לעבעדיק דאָס פייער אין יאָסעלעס פיס. אָבער דער עיקר איז זי איצט געווען. אָט דאָס קליינע ווייבל וואָס האָט זיך מיטגעטראָגן דאָ מיט אים. ער וועט קיין מאָל נישט דערלאָזן, אַז עפּעס זאָל איר געשען. ער וועט נישט לאָזן וואַצלאַוון זי אָנרירן, אַפילו ווען ער, יאָסעלע, זאָל מוזן אָנגיין מיטן טאַנצן מיט איר, אויף אייביק. יאָ, צו טאַנצן מיט איר אויף אייביק — און דערנאָך אויסהויכן די נשמה, אויפן אָרט, וואָלט געווען גוט, זייער גוט. אָבער אָנצוגיין מיטן לעבן בשכנות פון איר וואָלט געווען נאָך בעסער, יאָ, נאָך בעסער!

„דער אייבערשטער ט׳אונדז מוחל זיין!״ האָט ער נישט אויפגעהערט צו רופן

צו איר. „ער ע'ט!" האָט ער גערעוועט, כּדי זי זאָל אים דערהערן אינעם טומל פון המון און דעם טומל פונעם הארץ זיינעם, וואָס האָט ווילד געהאַמערט.

אַזוי האָבן הינדעלע און יאָסעלע געטאַנצט אין דער חתונה־נאַכט פון יאָסע־לעס טעכטער. נאָך ווי געטאַנצט!

3

די וואָך איידער הערשעלע, יאָסעלעס קדיש, וועלכער איז שוין געווען אַ בחור מיט אַ לייטיש בערדל, האָט געזאָלט אַוועק לערנען אין דער ישיבה אין כוואַסטי, האָט ער זיך דערוועגט אויף זיין ערשטן רעוואָלוציאָנערן שריט.

דער טאַטע האָט נישט אים, נישט קיינעם פון די מיידלעך דערלויבט אַרויפ־צוקריכן אויפן דאַך. דער דאַך איז געווען אַ „שפּימבע־דעגימבע", דאָס הייסט, ער האָט זיך קוים געהאַלטן; אין אַ שיינע פּאָר ערטער האָט אַריינגערעגנט און אַריינגעשנייט. און יאָסעלען איז נאָכגעגאַנגען די אימה, אַז אַ שיינעם העלן טאָג וועט ער בלייבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, טאַקע בפועל־ממש. אַז ער האָט געדאַרפט פאַרלייגן דאָס ראָד פאַר די בושלען, האָט ער צוגעשטעלט דעם לייטער צו דער פּעסטערער זייט פון הויז און האָט אַליין קיין מאָל אויפן דאַך קיין פוס נישט אַרויפגעשטעלט, אַפילו נישט כּדי אים צו פאַרריכטן; ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט מאַכן ערגער, נישט בעסער. און אַז ער האָט געמוזט אָנקומען צו סטאַכן, דעם קוימען־קערער, האָט ער אים אויך אָנגעזאָגט אַריינצוווארפן דעם שווארצן בעזעם און דעם אייזערנעם באַלעם גלייך פון לייטער אין קוימען אַריין. דערפאַר טאַקע האָט דער קוימען ביי יאָסעלען תּמיד געקאָפּטשעט.

בפרט נאָך זיין טאָכטער פייגעלעס טויט האָט יאָסעלע אויפן וועג אַהיים פון די דערפער געהאַט זעונגען, אַז ער וועט באַגעגנט ווערן פון אַ טאָפּלט אומגליק: אַ קינד מיט צעבראָכענע ביינער און אַ צעבראָכן הויז.

הערשעלעס הארץ איז אויסגעגאַנגען כאָטש איין מאָל צו כאַפּן אַ בליק אויף דער באַטשאַנישער נעסט פון דער נאָענט. זיינע חברים האָבן דאָס לאַנג צוריק געוואָגט, נישט געקוקט דערויף וואָס זיי איז אָנגעזאָגט געוואָרן דער זעלבער פּיזמון. נאָר ער איינער האָט געפאָלגט דעם טאַטן, נאָך אַלץ געפאָלגט דעם טאַטן. געוויינטלעך האָט דאָס פאָלגן דעם טאַטן באַטייט, אַז ער, הערשעלע, פּירט אויס אַ וויכטיק געבאָט. אָבער אין דעם פאַל איז דאָס אים אויסגעקומען ווי אַ סימן פון קינדערישן פּחדנות.

הערשעלע, הגם ער איז מער נישט געווען קיין קינד, און אפשר גראָד דערפאַר, האָט פּשוט נישט געקאָנט אַוועק פון דער היים און נישט וויסן ווי „מענדל און גנענדלס" נעסט זעט אויס פון דער נאָענט. אין איין זאַך איז ער געווען זיכער: אַז אויב אַפילו דער רבונו־של־עולם וועט אים מוחל זיין דעם שריט — וועט

דער טאַטע אים נישט מוחל זיין. דאָך האָט ער באַשלאָסן צו ריזיקירן, אָבער נישט אַליין — צו דעם האָט ער קיין מוט נישט געהאַט — נאָר מיט בינהלען, זיין יינגסטער שוועסטער, וועלכע איז שוין געווען אַ גרויס, שטאַרק מיידל און זי האָט פאַרן טאַטן מורא געהאַט ווייניקער ווי אַלע איבעריקע קינדער, ווייניקער אַפילו ווי די צוויי חתונה־געהאַטע שוועסטער, רייזעלע און רחלע. האָט מען זיך מיט בינהלען געפילט מוטיקער. דערצו האָט זי געהאַט אַ שוואַכקייט צו די בושלען פּונקט ווי ער, הערשעלע.

זיי זיינען צוזאַמען אַוועק צו די זומפּן, אַנגעזאַמלט כּלערליי ווערעם און שליירן, אַ פּאָר זשאַבעלעך און רעגן־ווערעם און געטשאַטעוועט אויף אַ גע־לעגנהייט אויסצופירן דעם פאַרבאָרגענעם ווונטש. און אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך נישט לייכט געמאַכט. די שטוב איז זעלטן געשטאַנען לער. אָדער עמעץ פון די חתונה־געהאַטע שוועסטער איז געווען דרינען, אָדער עמעץ פון די יינגערע. אָדער אַ שוואָגער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין שטוב ווען מען האָט זיך צום ווינציקסטן געריכט אויף אים, בפרט דער שוואָגער דער למדן, וואָס האָט זיך געקאָנט אויף שעהען אַוועקזעצן אינעווייניק מיט אַ ספר און אים זאָל נישט איינפאַלן אַרויס־צורירן זיך אויף אַן אויגנבליק.

איז קיין ברירה נישט געווען און מען האָט באַשלאָסן אויסצופירן דעם פּלאַן גראָד ווען אַלע זיינען געווען אין שטוב, אויסער דעם טאַטן — און מען האָט זיך דרינען גאָר שטאַרק צעווערטלט וועגן עפּעס. דעמאָלט האָט הערשעלע מיט צעציטערטע הענט צוגעשטעלט דעם אויסגעשטשערבעטן לייטער צום דאַך. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט ווי ביי אַ גזלן, און ווען ער האָט זיך געפונען אויפן דריטן־פערטן שטאַפּל, געכאַפּט אַ קוק אַראָפּ און דערזען בינהלען נאָכקומען הינטער אים, איז ער שיִער פון לייטער נישט אַראָפּגעפאַלן.

„זע נאָר, כ'בעט דיך", האָט ער אַ שטאַמל געטאָן און דערווייל געכאַפּט אַ בליק, צי קיינער קומט נישט אַרויס אויף דער שוועל פון הויז, צי מען קוקט נישט אַריבער פון די שכנותדיקע הייזער. „קריך נישט אַרויף. טאָמער ט'דיר עפּעס געשען, ט'דער טאַטע מיך קיין לעבעדיקן נישט אַרויסלאָזן פון די הענט".

בינהלע האָט זיך ווייניק איבערגעגנומען מיט דעם וואָס מען האָט ביי איר געבעטן. זי האָט געטאָן וואָס זי האָט חשק געהאַט צו טאָן. אָבער זי האָט רחמנות געהאַט אויף הערשעלען. דערצו האָט הערשעלע געהאַלטן ביים פאַרלאָזן די היים און זי — נישט. איז הגם דאָס האַרץ איז איר אויסגעגאַנגען אָט שוין צו זען די באַטשאַנישע נעסט פון דער נאָענט, האָט זי זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט פון לייטער און זיך באַנוגנט מיט אונטעראיילן הערשעלען.

„ני, וואָס שטייסטו? גיי שוין..."

„שטיי אויף זעקס..." האָט הערשעלע מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם געפּליסטערט. „קיק צי רייזעלע... צי רחהלע... קיק צי בראָנטשעלע די קרעכצערין קיקט נישט".

הערשעלע האָט מער אַראָפּגעקוקט ווי אַרויפגעקוקט. „זעסט נישט אַ מאָל טויבע־קריינדעלען? זעסט נישט פּעשעלען שליאָך?"

אַרום לייטער האָבן זיך געגומען זאַמלען קינדער. שטיל, געשפּאַנט, האָבן זיי צוגעקוקט מיט צעפינקלטע אייגלעך. „זאָג אונדז וואָס ד'זעסט!" האָבן זיי געהויבן די הענט צו הערשעלען.

הערשעלע האָט שוין געהאַלטן דעם פוס אויפן לעצטן שטאַפּל פון לייטער, אָבער די אויגן האָט ער געהאַלטן אונטן, אויף די קינדער, טאָמער לויפן זיי אַריין אין די שטיבער דערציילן. דאָ האָט ער באַמערקט אַ פּאָר ווייבער זיך באַווייזן אין געסל.

„ווער... ווער זענען דאָס די..." האָט ער געקרעכצט.

„וואָס טוען די באָטשאַנדלעך?" האָט בינהלע אַרויפגעשריגן, כדי איבער־צושרייען דעם טומל וואָס האָט זיך געטראָגן פון שטוב.

„ז'קוקן אַהער!" האָבן הערשעלעס פיס זיך צעציטערט אַזוי שטאַרק, אַז דער לייטער האָט מיטגעציטערט מיט אים.

„די באָטשאַנדלעך?" האָט בינהלע איבערגעפרעגט.

„די... די..."

הערשעלע האָט זיך פאַרגעסן, אַ הייב געטאָן די האַנט מיט וועלכער ער האָט זיך צוגעהאַלטן ביים לייטער, געוואָלט אַ טייט טאָן מיטן פינגער. ער האָט זיך אַ גליטש געטאָן צו איין זייט, דער לייטער צו דער אַנדערער. די קינדער האָבן אַרויסגעלאָזט אַ כאָראַלן פּישטש, אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט — און שוין איז הערשעלע געלעגן ביי בינהלעס פיס אויף אַ געדיכטער קעמפּע גראָז.

דאָס געשריי פון די קינדער האָט זיך אַ צעוואַקס געטאָן. אין געסל האָט זיך געמאַכט אַ טאַראַראַם. רייזעלע און רחהלע, נישט ווי זיי וואָלטן זיך געקריגט אינעווייניק, נאָר ווי זיי וואָלטן געוואַרט ביי דער טיר אויף דער רגע, זיינען שוין געווען אין דרויסן. די שכנות זיינען אויך אַרויסגעשפּרונגען פון די כאַטעס. מען האָט די צעטומלטע בינהלע אַוועקגעשטופּט אין אַ זייט. די שוועסטער מיט די שכנות האָבן אונטערגעהויבן הערשעלען. ער האָט געהאַלטן די ליפּן פאַרפּרעסט און געקרעכצט, די אויגן צוגעקוועטשט, דער שטערן פאַרקאַרבט.

פאַר בינהלען האָט אויפגעלעבט דאָס בילד ווען אַ שטיין האָט געטראָפן איר שוועסטער, פייגעלען. און ווי נאָר מען האָט הערשעלען אַריינגעבראַכט אין שטוב, האָט זי זיך אַ טראָג געטאָן רופן שמוליקלען רופא.

זי איז אַריינגעפאַלן צו אים אין דער ראַזורע מיט אַ גוואַלד: „פּאַניע שמוליקל רופא, שנעלער! מיין ברודער איז אַראָפּגעפאַלן פון לייטער!"

שמוליקל רופא איז אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט אין מויל פון אַ פּאַציענט אויפן פריזיערסקן בענקל און האָט אַפילו נישט אומגעקערט דעם קאָפּ צו איר. איז זי אין איין אָטעם צוגעפאַלן צו אים און אים אַ ציִ געטאָן פאַרן אַרבל, אַזוי

שטאַרק, אַז זיין האַנט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און דער פּויער אויפן פּאַטעל האָט זיך צעברילט.

שמוליקל רופא, וועלכער האָט געהאַט אַ טבע נאָכצומאַכן די העוויות און קלאַנגען פון זיינע פּאַציענטן, האָט זיך אויך צעברילט: „עך, קטשאַרטאַם!"

„איר זענט טויב, פּאַני שמוליקל רופא?" האָט בינהלע זיך נישט איבערגענומען מיט דעם געשריי. „איר דערקענט מיך נישט? איר'ט דאָך מיך אויסגעהיילט פון פּאַרעך, און... מיין שוועסטער... קימט שנעלער, אַנישט 'עט מיין ברודער אויך שטאַרבן!"

ווייזט אויס, אַז בינהלע האָט מיט איר שטויס בייגעטראָגן צו דעם גיכן און פּאָזיטיוון רעזולטאַט פון דער אָפּעראַציע, ווייל שמוליקל רופאס האַנט האָט אויפגעטויכט פון פּויערס מויל מיט אַ שפּיציקן, פּאַרבלוטיקטן צאָן אין צווענגל.

איצט האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו בינהלען ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פאַר איר וואָרענונג און אויסגערופן: „לאָמען לויפן!" ער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין רענצל מיט די כלים און זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איר.

אַרום הויז איז דאָס געלויף פון ווייבער און קינדער נאָך גרעסער געוואָרן. אין שטוב האָבן רייזעלע און רחלע, בראָנטשעלע די קרעכצערין און טויבע־קריינדעלע געלייגט נאַסע שמאַטעס צו הערשעלעס ווונדן.

„דאָס איז אַ שטראָף פאַר קריכן דאָרט וווּ מען דאַרפט נישט. פּע... אַ חרפּה און אַ שאַנד... אַזאַ גרויסער יונג... אַ ישיבה־בחור. יאָסעלע ט'זיך ס'לעבן נעמען..." האָט טויבע־קריינדעלע טרעריק געמוסרט הערשעלען וועלכער האָט פאַרשטיקט געקרעכצט און געסיקעט.

„פאַר וואָס קומט דאָס יאָסעלען טאַקע אַזאַ שטראָף... אַזאַ ביטער מזל נעבעך?" האָט בראָנטשעלע די קרעכצערין פּאַכאָווע געיאָמערט און אַרויסגערופן נייע און טייכן טרערן אין די אויגן פון יאָסעלעס טעכטער.

שמוליקל רופא האָט אַוועקגעשטעלט דאָס רענצל אויף דער ליימיקער פּאָדלאָגע און מיט איין שאַר פון אָרעם אַראָפּגעווישט אַלץ פון טיש.

„לאָמען אים דאָ אַוועקלייגן!" האָט ער אויסגערופן און צוזאַמען מיט די ווייבער אונטערגעהויבן הערשעלען.

בעת־מעשה האָבן די ווייבער געקוקט אויף שמוליקלען מיט מענטשן־פּרעסערישע בליקן. זיי האָבן נישט געוווּסט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען אַהער. אָבער געפּאַלגט האָבן זיי אים, ווייל אין דעם פּרט האָט זיך דאָך עפּעס געענדערט אין באַטשאַני. מען האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַגיין אָן די אָפּשפּרעכערינס און אָן די קרייטעכצער פון ר' סענדערלען דעם מקובל, אָבער מען האָט לעצטנס אויך גערופן שמוליקלען רופא צו אַ שוועך קראַנקן. ער האָט טאַקע באַוויזן אַ פּאָר בפירושע מופתים מיט די כלים אין זיין רענצל און מען האָט אים באַטראַכט ווי נאָך אַ כישוף־מאַכער, אַ זנאַכער.

זיינען די ווייבער אַנגעגאַנגען מיטן צוליגן קאָמפּרעסן צו הערשעלעס בלוטנדיקער וווּנד און האָבן געלאָזט שמוליקלען רופא אויסקלאַפּן דעם בחורס גלידער, דרייען אַהער און אַהין זיינע הענט און פיס. ביז בראַנטשעלע די קרעכצערין האָט פאַרלוירן דאָס געדולד און האָט זיך אָפּגערופן צו שמוליקלען:

„וואָס האָט עץ אַזוי פיל צו מייסטרעווען מיט אים, פּאַניע שמוליקל רופא? עץ זעטץ דאָך, אַז ער האָט נעבעך צעבראָכן הענט און פיס".

„און ס'בלוט האָט זיך אים אויסגעגאָסן אין מוח!" האָט צוגעגעבן טויבע־קריינדעלע. „יאָסעלע 'עט דאָס נישט איבערהאַלטן. דאָס איז דאָך דער איינציקער קדיש זיינער!" זי האָט זיך אויף ס'ניי צעיאָמערט סיי צוליב יאָסעלעס ביטערן גורל, סיי פון דאַנקבאַרקייט צום באַשעפער וואָס האָט איר צוגעשיקט אַזש דריי קדיש־זאָגערס.

ס'האָט זיך געמאַכט אַ גרויסער טומל ביי דער טיר. „יאָסעלע גייט!" האָבן זיך פון דרויסן געהערט געשרייען.

הערשעלע איז געבליבן ליגן אַזוי פאַרשטייפט און פאַרשטומט, אַז בראַנטשעלע האָט אַרויסגעכאַפּט די געגנדזענע פעדער וואָס זי האָט שטענדיק געטראָגן ביי זיך אין דער שירץ און זי צוגעלייגט צו הערשעלעס מויל, צו זען צי ער אָטעמט נאָך.

דאָ האָט הערשעלע אַ צאַפּל געטאָן אויפן טיש: „ער'ט מיך ממיתן!" און ער האָט מיט פאַרצווייפלטע בליקן אַרומגענומען די שטוב ווי ער וואָלט געזוכט אַן אַנטרינונג.

ווי נאָר יאָסעלע איז אַריבער די שוועל, האָבן די צעכליפּעטע ווייבער אים אַנטקעגנגעטראָגן די בשורה: „ר'האָט נעבעך צעבראָכן הענט און פיס און ס'בלוט האָט זיך אים אויסגעגאָסן אין מוח!"

יאָסעלע איז צוגעפאַלן צום טיש. דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט, שגעון אין די אויגן. „ער לעבט נאָך?" האָט ער אַ פאַנפע געטאָן.

„ער'ט נאָך דערלעבן ביז הונדערט און צוואַנציק!" האָט שמוליקל אַ פאַר־פאַרעטער אים געענטפערט.

יאָסעלע האָט אַ הייב געטאָן די אויגן צום באַלקן: „געלויבט צו גאָט!" און גלייך זיך פאַרמאָסטן מיט דער האַנט אַריינצוצימבלען הערשעלען אַ געזונטן פליאַסק.

שמוליקל האָט פאַרהאַלטן זיין האַנט אין מיטן וועג און אַ קאָמאַנדע געטאָן: „כאַפּ אים אַן פאַרן פוס!" ער האָט אָנגעוויזן יאָסעלען: „אָט דאָ!" און אַליין האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן פון דער אַנדערער זייט פון הערשעלעס לינקן פוס. „ער'ט לייטיש אויסגעלענקט דעם פוס", האָט ער דערקלערט. „מ'מוז אים שוין גלייכשטעלן. זאָלסטע אים ציִען ווען איך 'על הייסן". ער האָט אויסגערופן צו די ווייבער: „שמאַטעס!" און געגעבן דעם באַפעל יאָסעלען: „ציִען! איינס־צוויי־דריי!"

יאָסעלע האָט געצויגן דעם זונס פּוס און ווען הערשעלע האָט אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן קוויטש, האָט ער דערפילט ווי זיינע אייגענע פיס קרימען זיך אויס פון ווייטיק, ווי אויסגעלענקטע. אָבער ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַק און שמוליקל האָט געגעבן אַ צייכן מיטן קאָפּ אָפּצולאָזן, האָט יאָסעלע, אַ פאַרסאָפּעטער, מיט רציחה געטרייסלט דעם פינגער אין הערשעלעס פּנים: „וואַרט, וואַרט, כ׳על מיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען!"

„מאַלאַדיעץ!" האָט שמוליקל רופא אויסגערופן, ס׳איז נישט געווען קלאָר צו וועמען. ער האָט מיטן אַרבל אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן, אַרויסגעשיקט יאָסעלען ברענגען אַ ברעטל און אויסגערופן צו די ווייבער: „צערייסן די שמאַטעס אין פּאַסן, איינס־צוויי!"

„וואָס נעמט עץ זיך נישט צו זיין קאָפּ?" האָט בראָנטשעלע די קרעכצערין, וועלכע האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרעסערער מומחה אין אַזעלכע זאַכן, ווי דער רופא — זי האָט דאָך אַ לעבן פאַרבראַכט ביי די „טויערן פון לעבן און טויט" — זיך אָפּגערופן צו אים מיט אַ טענה.

„ס׳דען", האָט טויבע־קריינדעלע איינגעשטימט מיט איר, אָוועקגעכאַפּט די שמאַטע פון הערשעלעס קאָפּ און אים געוויזן די בלוטנדיקע וווּנד: „צ׳זעט נישט ווי ס׳גאַנצע בלוט רינט אים אַרויס פון מוח!"

„ניין", האָט שמוליקל געדרייט מיטן קאָפּ און אַרויסגענומען אַ פלאַש יאַדינע פון רענצל. „כ׳זע, אַז פון אייער מוח, מאַדאַמעשי, איז אויסגערונען דער גאַנצער שׂכל, דאָס זע איך!" ער האָט אַ שמיר געטאָן אַ ביסל יאַדינע אויף הערשעלעס שטערן. הערשעלע האָט זיך צעגוואַלדעוועט גאַרנישט ווי זיין טבע. שוין האָט שמוליקל געוויקלט שמאַטעס אַרום זיין פוס מיט דעם ברעטל, וואָס האָט געגרייכט פון דער לידקע ביז צום קנעכל.

ווען הערשעלע האָט מיט דריי חדשים שפּעטער זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג קיין כוואָסטי אין דער ישיבה, האָט ער נאָך לייטיש אונטערגעהונקען אויפן פוס. אָבער מער נאָך האָט אונטערגעהונקען זיין געמיט. עפּעס האָט נישט געטויגט מיט אים. ער האָט די קליינע באַטשאַנעס אין דער נעסט נישט געזען און אָפּגעקומען איז ער אַ שטראָף פאַרן בלויזן פּרווון. סיי דער טאַטע, סיי דער רבונו־של־עולם זיינען ברוגז געווען מיט אים. פאַר וואָס? פאַר וואָס האָבן אַלע חברים זיינע געמעגט אונטערזינדיקן, נאָר נישט ער? — און ער האָט דאָך געלערנט גאָטס תורה פלייסיקער און מיט מער התלהבות ווי זיי, און געפאָלגט דעם טאַטן האָט ער אויך מער ווי זיי. סיידן ער איז סתם געווען אַ שלימזל.

הערשעלע האָט בינהלען שטאַרק אויסגעפּעלט און ווי צוליב דעם געפיל פון התחייבות לגבי אים, מער אָפילו ווי צוליב איר אייגענעם פאַרגעניגן, איז זי געווען אַנטשלאָסן אויסצופירן דאָס וואָס ער האָט נישט געקאָנט, כּדי גלייכצו־

שטעלן עפּעס, וואָס איז נישט געווען גערעכט. הערשעלעס מפּלה ביים אַרויפקריכן אויפן דאַך האָט זי נישט איבערגעשראָקן. און דערפאַר, ווי נאָר עס האָט זיך ווידער געמאַכט די זעלבע געלעגנהייט, וואָס איז קיין געלעגנהייט נישט געווען — און די שוועסטער האָבן זיך צעווערטלט אין שטוב — האָט זי איר באַשלוס אויסגעפירט.

זיך האָט צוגעשטעלט דעם אויסגעשטשערבעטן לייטער צום דאַך און נישט געוואָרפן קיין בליק נישט אויף רעכטס, נישט אויף לינקס. זי האָט זיך גיך אַרויפבאַקומען אין דער הייך, אָנגעכאַפּט זיך אָן קוימען, ווי זי האָט געזען דעם קוימען־קערער טאָן, אַרומגעהאַלדזט דעם קוימען ווי דעם קאַרק פון אַ פערד און זיך אַוועקגעזעצט רייטן אויפן שפּיץ דאַך. פון דאָרט האָט זי באַטראַכט „מענדלען און גנענדלען" און געזען זייערע קליינע מיט די קאָמיש־לאַנגע, געלבע שנאָבלען אַרויסבליקן פון דער נעסט. זי האָט זיך נישט קיין באַוועג געטאָן, נישט אָפּצושרעקן די פייגל.

„זאָלן זיי זען, אַז כ'בין נישט חלילה אויסן קיין בייז", האָט זי אָן איבער־געגנומענע געפּליסטערט צו זיך.

זינט דעם טאָג איז זי געוואָרן אַן אָפטער גאַסט ביי „מענדלען און גנענדלען". די בושלען האָבן זיך געגומען חברן מיט איר און האָבן אָן פּחד זיך צוגעשאַרט צו די מתנות וואָס זי האָט זיי געבראַכט אויף אַ שטיקל טאָוול וואָס זי האָט אַוועקגעלייגט אויפן ראַנד פון קוימען, אויב אין שטוב איז די קיך נישט געווען איינגעהייצט, צי אויפן שפּיץ פון דאַך. זיי האָבן אַרומגעפלאַטערט אַרום איר מיט האַלב־צעעפנטע פליגל, געפּעכערט איר אין פּנים מיט זיי. האָט זי מורא באַקומען, אַז זייער פריינדלעכקייט זאָל נישט צוציִען די בליקן פון די שכנים און זי האָט זיך אַריבערגעשאַרט אויף דער אַנדערער זייט פון קוימען, אָנגעשפּאַרט זיך אָן אים מיטן רוקן, דאָס פּנים געוואָנדן צו די גויִישע הייזער.

אַז זי איז אַרויפגעקראָכן אַהער, האָט זיך איר גאַרנישט געגלוסט אַראָפּצו־קריכן. דאָ האָט זי קיינער נישט געטשעפּעט. ס'איז איר אויסגעקומען ווי זי וואָלט בכלל נישט געווען אין באָטשאַני. איר בליק האָט געזעגלט איבערן הימל און מיטגענומען אירע חלומות און ווונטשן וואָס זיינען געווען אָן אַ פאַרעם, פּונקט ווי די וואָלקנדלעך אויבן. זיי האָבן איר געמאַכט פאַרגעסן ווי דערשלאָגן זי איז געווען לעצטנס. — יאָ, די שטוב אָן פייגעלען, אָן הערשעלען, מיט פרעמדע מאַנספאַרשוינען, די שוואָגערס, מיט דער ענגעניש, דעם נייעם אופן פון לעבן, איז מער נישט געווען די זעלבע וואָס אַ מאָל. אַחוץ־מזה, האָט זי, בינהלע, נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. שרה־לאהלע די שוחטקע איז שוין לאַנג געווען אויפן עולם־האמת און אירע טעכטער האָבן אַכטונג געגעבן אויף זייער טאַטן, דעם שוחט.

בינהלע האָט זיך אָן עצה געגעבן ווי זי האָט געקאָנט. האָט אַרויסגעהאָלפן

אַ ביסל ביי דער יאַנקאָווע, זיך אָנגעבאָטן ביי אַנדערע פּויערטעס צו טאָן אַן אַרבעט — פֿאַר אַ טעלער קאַפּושניאַק, אַ שטיקל פֿריש פּויעריש ברויט. נאָר פֿון טאַטנס קרעמל האָט זי געוויכט, פּונקט ווי זי האָט געוויכט פֿון איר אייגע־נער שטוב. לעצטנס איז זי טאַקע אָפּט באַפֿאַלן דאָס געפֿיל פֿון פֿאַרלאָזנקייט — פֿון היימלאָזיקייט. די בושלען זיינען איר אויסגעקומען ווי אירע איינציקע קרובים.

שפּעטער אַריין, אַז „מענדל און גנענדל" זיינען נישט געווען „אין דער היים", אָוועק זוכן חיונה — האָט בינהלע צוגעריטן אויפֿן שפּיץ־דאַך ביז צו דער באָטשאַ־נישער נעסט און געכאַפּט אַ גנענטערן בליק אויף די קליינע אינעווייניק. זי האָט פֿאַמעלעך אויסגעשטרעקט די האַנטפֿלאַך צו דער נעסט און געלאָזט די קליינע אַרויספּיקן די ווערעמלעך מיט די קאָמישע לאַנגע שנאָבלען. זי האָט גערעדט צו זיי און זיי אַפֿילו געגלעט מיט אַ פֿינגער איבער די קעפּלעך. זי האָט געפּרוווט אָפּטרעפֿן וואָס פֿאַר אַ טעם זיי פֿילן אין האָבן אַ מאַמען, און וואָס פֿאַר אַ טעם גנענדל האָט געפֿילט בעת זי האָט געקאָרמעט אירע קינדער. דערנאָך האָט זי זיך פֿאַמעלעך צוריקגעשאַרט צום קוימען, האָט זיך פֿאַרקוקט אין דער אומענדלעכקייט פֿון הימל. עס האָט זי שטאַרק געצויגן צו האָבן אַ מאַמען... צו זיין אַ מאַמע.

בכלל איז בינהלע נישט מקנא געווען די שוועסטער צוליב דעם וואָס זיי האָבן שוין חתונה געהאַט און געווען בעל־הביתטעס. אָבער רייזעלען איז זי יאָ מקנא געווען. רייזעלע האָט נישט לאַנג צוריק געבוירן אַ קינד. אויסער־געוויינטלעכע טעג זיינען דאָס געווען, ווען דאָס ייִנגעלע איז געקומען אויף דער וועלט. די ווענט פֿון דער שטוב זיינען געווען אויסגעקלאַפּט מיט קוויט־לעך, כּדי דער שטן וואָס האָט ליב זיך צו פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ הונט, צי אַ קאַץ, זאָל נישט שעדיקן דאָס ניי־געבוירענע. און חדר־ייִנגלעך זיינען געקומען אויף דער נאַכט צו קריאת־שמע־לייענען; שכנים און ייִדן פֿון שטאָט האָבן געהאַלטן אין איין גיין און קומען און דאָס הויז האָט געשמעקט מיט באַנייטקייט און בטחון.

בינהלע האָט זיך גלייך צוגעבונדן צום ניי־געבוירענעם און האָט עס אין הארצן באַטראַכט ווי איר אייגנס. אָבער איר גוטער מוט האָט נישט לאַנג גע־דויערט. הגם זי איז שוין געווען אַ גרויסע מויד, כּמעט אַ דערוואַקסענע, איז זי אייפֿערזיכטיק געוואָרן אויפֿן קליינעם עופֿעלע. קיינער האָט זי נישט באַמערקט, קיינער האָט זיך אין איר נישט גענייטיקט. נאָך מער ווי אַ מאָל, האָט זי זיך געפֿילט איבעריק אויף דער וועלט.

ווען עס איז אין אַ צייט אַרום באַקאַנט געוואָרן בינהלען, אַז איר דריטע שוועסטער, מאַשעלע, איז שוין אויך מיט מזל אַ כּלה געוואָרן, האָט בינהלע איפֿגעלעבט. זי האָט ליב געהאַט חתונות און האָט געהאָפּט, אַז זי וועט ווידער באַקומען אַ ניי קליידל. דאָס קליידל וואָס זי האָט באַקומען צו דער חתונה פֿון

אירע עלטסטע שוועסטער, און וואס זי האט איצט געטראגן אלע טאג, ווייל זי האט נישט געהאט עפעס אנדערש, איז געווען צו קורץ און צו ענג אויף איר. עס האט קוים פארמאגט די ענלעכקייט צו יענעם פראכטיקן קליידל וואס זי האט דעמאלט אנגעטאן צום ערשטן מאל. האט זיך דערפאר בינהלעס הארץ איצטער התפעלותדיק צעפויקט. א שינוי האט ווידער געהאלטן ביים פארקומען אין איינגעשטעלטן סדר פון לעבן. זי האט זיך אפגעזאגט צו טראכטן איצטער וועגן די צייטן וואס וועלן נאכקומען נאך מאשעלעס חתונה. ווייל זי האט שוין געוווסט, אז פונקט ווי זי האט נישט געקאנט פארטראגן די עלטסטע שוועסטערס מענער, וועט זי אויך מאשעלעס מאן נישט קענען פארטראגן.

אמת, אירע שוואגערס זיינען געווען גרויסע לערנערס, וויכטיקע „זעלנערס אין רבונו־של־עולמס מיליטער״, ווי זי האט א מאל געהערט שמוליקלען רופא א זאג טאן פאר א גאנצן עולם אויפן פאטשעיאוו. אבער אין אירע אויגן זיינען זיי געווען פארזעענישן, משונהדיקע פרעמדע מעגעגעס וואס האבן פארכאפט איר היים.

למשל רייזעלעס מאן. אמת, ער איז נישט געווען קיין שלימזל. ער האט זיך געעפנט א קוילנסקלאד אויפן פאטשעיאוו און איז געווען א גאנצער אויפטוער אין שטעטל. אבער ער האט אומעטום אריינגעשטופט די נאז, אלץ געדארפט וויסן און האט מיט איר, מיט בינהלען, קאמאנדעוועט ווי ער וואלט אויך געווען איר טאטע. דערצו איז רייזעלעס מאן נישט געווען קיין שטאמלער חלילה, אבער ער האט זיך אפט פארהאקט אין מיטן א זאץ, זיך פארטראכט און פארגעסן אים צו פארענדיקן, וואס דאס האט שטארק אויפגערעגט, ווייל מען האט געווארט און געווארט אויף דער צווייטער העלפט פון זאץ און זיך קיין מאל נישט דערווארט.

צי למשל רחלעס מאן, דער אמתער למדן, דעם דיינס אן אייניקל. ער איז חלילה נישט געווען קיין לאמער, אבער א גאנג האט ער געהאט ווי ער וואלט געהאט איין פוס א לענגערן און דעם צווייטן א קירצערן, און ער איז געגאנגען אויסגעבויגן אויף לינקס, בעת ער האט געהאלטן דעם קאפ פארהויבן אויף רעכטס, ווי א קרומער האקן.

און מאשעלעס האט באקומען א חתן וואס מען האט אויף אים נישט געקאנט זאגן, אז ער איז געווען א קראנקער, אבער ער האט לא־עלינו געהאט א הוילן הוסט וואס האט געקאנט אויפוועקן די מתים אויפן בית־עולם אין מיטן דער נאכט.

טאקע אויף מאשעלעס חתונה האט בינהלע זיך דערוווסט, אז דער טאטע האלט אין גרייטן א שידוך אויך פאר דבורהלען, דער פערטער שוועסטער — נישט מיט קיין אנדערן ווי מיט בערעלען, דעם „לבנה־קריכער״, בראנטשעלע דער קרעכצערינס „אפל אויסן אויג״, איר בכור, וועלכער האט נישט געהאט קיין מזל צו שידוכים, ווייל מיידלעך האבן מורא געהאט פאר א לונאטיקער. דערמיט איז מאשעלעס חתונה פולשטענדיק פארשטערט געווארן פאר בינהלען.

ווייל זי האָט אויך קיין ניי קליידל נישט באַקומען, נאָר האָט געטראָגן מאַשעלעס אַלטע קלייד, וואָס מאַשעלע האָט באַקומען צו דער חתונה פון די עלטסטע שוועסטער.

במשך דער גאַנצער צייט פון דער חתונה האָט בינהלע מיט אימה געטראַכט וועגן דעם חתן וואָס דער טאַטע, וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין אין גרויס איילעניש חתונה צו מאַכן די טעכטער — וועט צוקלייבן פאַר איר.

טראָץ איר אייפערזוכט אויף די שוועסטער וואָס האָבן מיטן חתונה האָבן באַקומען די פּריווילעגיע צו האָבן קינדער — האָט בינהלע געשווידערט אויפן געדאַנק צו מוזן לעבן טאָג און נאַכט מיט אַזאַ משונהדיק מיאוס באַשעפעניש וואָס האָט זיך גערופן „אַ מאַן". זי האָט בשום־אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס אירע שוועסטער האָבן געמאַכט אַזאַ „צימעס" פון דעם „גליק" זייערן צו ווערן „חתונה־געהאַטע".

יאָ, זיי האָבן אויסגעזען צו זיין גוואַלדיק שטאָלץ מיט זיך; זיינען געוואָרן זיכער ביי זיך, פול מיט ענערגיע און מיט אַ נייעם כוח — ווי דאָס חתונה האָבן וואָלט זיי טאַקע געהאַט אַריינגעפירט אין דעם גן־עדנדיקן לעבן פון וועלכן זיי האָבן געחלומט אין די קינדער־יאָרן. איצטער האָבן זיי, אויסער העלפן דעם טאַטן מיט פרנסה און אויסהאַלטן די מענער אויף קעסט, געמוזט קאָכן און וואַשן און קינדלעך און פירן די בעל־הבתישקייט. אָבער דאָס האָט זיי גראָד אויס־געזען צו דינען, צו האָבן פריי געמאַכט אַלע זייערע פעיִקייטן זיך אַן עצה צו געבן אין דער ראַנגלעניש פאַרן לעבן. מער און מער זיינען זיי מיטן כאַראַקטער ענלעך געוואָרן צו יאָסעלען.

אַזוי איז בינהלע, זיצנדיק אויפן דאַך, צו גאַסט ביי די בושלען, באַטראַכטנ־דיק דעם אויסגעשפרייטן הימל איבערן קאָפּ, הערנדיק די געשרייען וואָס האָבן זיך געטראָגן פון הויז — געקומען צום ווייטיקסטן באַשלוס אין איר לעבן, נעמלעך, אַז זי וועט קיין מאָל נישט חתונה האָבן — אַפילו ווען דער טאַטע זאָל זי באַשענקען מיט אַ גאָלדענעם חתן. און ווי נאָר זי האָט דעם באַשלוס אָנגענומען, האָט זי אָנגעהויבן אַריינצוטראַכטן וואָס צו טאָן כדי צו אַנטרינען פון דעם גורל, וואָס האָט אירע שוועסטער אַזוי „גליקלעך געמאַכט", און וואָס האָט געלויערט אויך זי איינצושלינגען.

יאָסעלע אַליין איז אַצינד כמעט יעדן טאָג געגאַנגען איבער די דערפער. אָט דער נייער מין לעבן האָט אים צוגעטראָפן. ער האָט זיך דערקוויקט דאָס חיות מיטן האַרעווען אין לופטיקן פרייען דרויסן. דאָס געוויסן האָט אים איצט ווייניקער געפּלאָגט און ער האָט מער נישט געדאַרפט זיך זאָרגן, אַז עפּעס וועט חלילה געשען צו די קינדער, ווען ער איז נישט געווען אין דער היים. זיי האָבן זיך איצט מער געזאָרגט וועגן אים, ווי ער וועגן זיי. און הגם די מרירות־הנפש

האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, האָט ער אָבער היינט צו טאָג אויך געהאַט אַ נחתדיק געפיל: ער האָט אויסגעפירט דאָס זייניקע און האָט שוין באַלד געהאַלטן ביים פאַרענדיקן די וויכטיקסטע התחייבות אין זיין לעבן: פאַרזאָרגן די קינדער.

דערפאַר האָט ער נאָך שטאָלצער און פאַרביסענער געשפּרייזט אויף זיין דרך. ער איז געוואָרן נאָך שטרענגער מיט זיך, מער אָפּגעהיט אין זיין ייִדישקייט ווי אַ מאָל. און איצט האָט ער אויסגעזען נאָך מאַיעסטעטישער ווי אין זיינע ייִנגערע יאָרן. זיין געל־בלאָנדע באָרד האָט אָנגעהויבן אָפּבלאַקניען, ערטער־ווייז ווייס ווערן. זיין טראָט איז געוואָרן שווערער, מאַסיווער, זיין בליק שטרענ־גער — ווייל די ראיה איז אים וואָס אַ מאָל שוואַכער געוואָרן.

אָבער ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסקומען, האָט ער אָנגעהויבן זיך צו פילן אָט פּונקט ווי זיין ייִנגסטע טאָכטער, בינהלע. ער איז אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון זיין אייגענער היים, פון זיינע קינדער, ווי ער וואָלט געבליבן אַליין אויף דער וועלט. ס׳איז אויסגעקומען ווי דאָס אַריינצימבלען די קינדער אַ פּאָר פּליאָסקעס וואָלט אים אויסגעפּעלט. אַזעלכע דערוואַקסענע, חתונה־געהאַטע טעכטער, וועט ער דאָך נישט דערלאַנגען קיין קלעפּ, און ער האָט אויך נישט געזען קיין סיבה דאָס צו טאָן, אַפילו ווען זייערס אַ פירעכץ איז אים נישט געווען צום האַרצן. דער זון, הערשעלע, איז געווען אין דער ישיבה, און בינהלען, די איינציקע פון זיינע טעכטער וועלכע איז נאָך נישט געשטאַנען אין שידוכים און פון וועלכער ער האָט נאָך אַלץ קיין נחת נישט געהאַט — האָט ער געזען נאָר ווען זי איז געשלאָפן. זי האָט געווייכט פון אים. קיין מאָל נישט געווען אין שטוב און אין קרעמל נישט אַריינגעשמעקט.

אַז יאָסעלע האָט זיך מיט בינהלען אַ מאָל באַגעגנט אויג אויף אויג, האָט אַ שטורעם פון ווייטיק, פון באַדויער זיך צעבושעוועט אין אים. אָבער ער האָט געפילט, אַז אַ סך פאַרריכטן די אויסגעקרימטע נאָענטקייט צווישן זיי וועט זיך שוין נישט לאָזן. געווען צו שפּעט. אויסער דעם: וואָס עלטער ער איז געוואָרן, דאָס מער איז ער געוואָרן אַ פאַרביסענער שתקן. ער האָט נישט, להיפוך ווי כאַצקעלע דער וואַסער־טרעגער, זיך ערשט געדאַרפט אַ נדר טאָן נישט צו רעדן. ער האָט נישט געזען קיין זינען אין רעדן, אַחוץ ווען ס׳איז נייטיק געווען אין מיסחר, צי אין קהלשע ענינים. און דערויף האָט יאָסעלע קיין סך רייד נישט געדאַרפט פאַרברויכן. אַ „מנע...” און אַ „ני... ני” און אַן „אַבי דאַלעי”, זיינען אָפט גענוג געווען.

4

ווען רייזעלע האָט גענומען שוואַנגערן מיטן צווייטן קינד און מאַשעלע מיטן ערשטן, האָבן די שוועסטער גענומען צושטיין צו בינהלען, אַז זי זאָל אויך אַ ביסל אַריינקומען שטיין אין קרעמל, ווען דער טאַטע איז נישטאָ. נישט

חלילה ווייל עס איז געווען אַן איינרייסעניש אין מיסחר און אירע הענט האָבן צוגעפּעלט צום באַדינען די קונים, אָבער רייזעלע האָט איצט געהאַט אויפן קאָפּ דאָס קוילן־מיסחר אויך — זי האָט טאַקע תּמיד אויסגעזוכט פּאַרווייסט פון קאַלך און פאַרשוואַרצט פון קוילן — און דאָס אָפּשטיין דעם גאַנצן טאָג אויף די פּיס איז פאַר די שוועסטער נישט געווען קיין לייכטע זאַך, באַזונדערש מיט די בייכער. ווייל רחלען האָט זיך תּמיד אויך געדאַכט, אַז זי גייט מיט אַ בויך. אויף דבורהלען, דער שוועסטער וואָס איז געווען מיט אַ יאָר עלטער פון בינהלען, און האָט געהאַלטן ביים תּנאָים שרייבן, האָט מען נישט געקאָנט רעכענען. זי האָט געאַרבעט ווי אַ דינסטמיידל ביי דער אַרענדאַרעכע, זיך געזאַמלט געלט אויף אַן אויסשטייער.

בינהלע האָט נישט געוואָלט הערן פון פאַרטרעטן די שוועסטער אין קרעמל.

„ווען שווענגערט עץ נישט? אַז נישט איינע, איז די אַנדערע!" האָט זי געצויגן מיט די אַקסלען. „מיין פוס 'על עך אַהין נישט אַריינשטעלן. נישט ביי מאַטיען! אַז עך 'על דאָרט אַריינשטעלן איין פוס, 'על עך שוין דרינען איינגע־זונקען ווערן פונקט ווי עץ!"

„ס'טוט דיר הנאה, אַז אונדז מאַרדעוועט מען זיך, הע? אַזאַ האַרץ האָסטע פאַר דיינע לייבלעכע שוועסטער, הע?" האָט רייזעלע וועלכע איז שוין באַלד געווען אין ניינטן חודש, אַנגעקוקט בינהלען מיט פאַרביטערונג.

„און אַז איך 'על מיך אויך מאַרדעווען, 'עט ענק זיין בעסער, מיינסטע?" האָבן בינהלעס שיפּע אויגן געבריט רייזעלען מיט להכעיסדיקע פונקען.

„אוודאי!" האָט רחלע זיך צעכליפּעט, „ס'טע אונדז לייכטער מאַכן!" און זי האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים מאָגן. ווייל ווען איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי שוואַנגערט, האָט זי געליטן פון איבלעניש.

„גייטץ צו ענקערע מאַנען, זאָלן זיי ענק לייכטער מאַכן! זיי האָבן ענק געמאַכט די בייכער, נישט איך!" האָט בינהלע זיי געלאַכט אין די אויגן אַריין.

„האַלט ס'מויל, מאַרזעפּע!" האָט רייזעלע זיך אָנגעכאַפּט פאַרן בויך. זי האָט געוווּסט, אַז עס האָט נישט מער געהאַט קיין זינען צו רעדן אַן איבעריק וואָרט. האָט זי דען נישט געקענט בינהלען, דעם עקשן, דעם שלאַק, וועלכע איז געקומען אויף דער וועלט אַן אַ טראָפּן מענטשלעך האַרץ? רייזעלע האָט אַ צעווייטיקטע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו די אַנדערע שוועסטער. „וואָס איז דאָ אַ סך צו ברייען מיט איר? צ'קענט נישט די מאַרזעפּע? ווייניק צרות האָט דער טאַטשי אויסצושטיין פון איר?"

„בלויז דער טאַטשי?" האָט בינהלע זיי געשטאָכן מיט די סמיק־בייסיקע בליקן. „און די מאַמעשי איז דען נישט יונגערהייט געגאַנגען צוליב מיר פון דער וועלט?"

בעת־מעשה האָט זי געפילט אַן אומבאַקוועמלעכקייט אין אַלע גלידער.

עפּעס האָט אינעווייניק געצופּט און גענאַגט. זי איז געווען מיאוס נישט בלויז אין אויסזען. אויך אינעווייניק, אין האַרצן, איז זי געווען אַ שלעכטס, אַ „מאַרזעפּע״. מען האָט דאָך טאַקע געדאַרפט האָבן אַ שטיין אויפן אַרט פון אַ האַרץ נישט רחמנות צו האָבן אויף די מעוברתע שוועסטער, וועלכע האָבן פון פאַר טאָג ביז ביי נאַכט נישט גערוט און קוים געוווּסט פון אַ לעבן. אָבער וואָס האָט זי, בינהלע, געקאָנט טאָן, אַז איר האָט געאייבלט אויפן בלויזן גדאַנק פון ווערן „איינגעזייפט״ אינעם גורל פון אַ באַטשאַנישער ייִדענע, פון וועלכן זי האָט זיך אַ נדר געטאָן צו אַנטרינען.

בינהלע האָט זיך אויסגעלערנט פון לאַנג שוין, ווי אַזוי צו פאַרמאַסקירן די אומבאַקוועמלעכקייט אין האַרצן, דעם טעם פון שולד, פון זינדיקייט וואָס זי האָט געפילט. האָט זי מיט אַ שינאהדיק־לצניש געלעכטער געלאָזט די שוועסטער אין זייער ביטערניש און איז אַנטלאָפן.

געלאָפן איז זי גלייך צו שמוליקלען רופא, וועלכער האָט זי אויסגעהיילט פון פּאַרך, געשטעלט הערשעלען אויף די פיס און וואָלט פייגעלען אויך געהאַט אָפּגע־ראַטעוועט פון טויט, ווען מען וואָלט אים ביי צייטנס גערופן. שמוליקלען רופא, הגם ער איז געווען אַ טשודאַק, האָט זיך אַרומגעקריגט מיט די פרומע ייִדן און האָט געקאָנט רעדן אַ מין ייִדיש וואָס מען האָט איבער הויפּט נישט פאַרשטאַנען — אים האָט בינהלע ליבער געהאַט פון אַלע ייִדן אין באַטשאַני. איין קלייניקייט שמוליקל רופא! ער איז דאָך ביכולת געווען אַ מענטשן ממש פון טויט לעבעדיק צו מאַכן! און אַצינד האָט זיך דאָך אויך געהאַנדלט אין אַ לעבן — איר, בינהלעס לעבן. נישטיק ווי אַט דאָס לעבן איז געווען, איז דאָך דאָס געווען דאָס טייערסטע וואָס זי האָט פאַרמאָגט.

שמוליקל רופא, ווי ער איז זיך נוהג געווען יעדן אינדערפרי, האָט געריסן ציין. לענג־אויס דער וואַנט אין דער ראַזורע זיינען געזעסן גויים און ייִדן; יאָ, ייִדן אויך, ווייל דער רב אַליין האָט געפּסקנט, אַז קיינער אין באַטשאַני האָט נישט געריסן ציין אַזוי געשיקט ווי שמוליקל רופא, און אַז דאָס גיין צו אים האָט נישט באַטייט, אַז מען האָט געהאַט מיט אים וועלכע נישט איז מגע־ומשא.

אין דעם מאָמענט האָט טאַקע שמוליקל רופא געהאַלטן אין מיטן רייסן אַ צאָן ביי אַ פּאַראָבעק, וועלכער איז געזעסן אין פריזיערסקן פּאָטעל. שמוליקל האָט געהאַלטן דעם פּאַראָבעקס קאָפּ אונטערן אָרעם, עלעהיי עס וואָלט געווען אַ הייפּטל קרויט, און ווי ער וואָלט געוואָלט אויסשניידן אַ שטיק פּוילעניש פון אָט דעם הייפּטל, האָט ער מיט דער אַנדערער האַנט געראָדעוועט מיט אַ משונהדיקן מכשיר אין פּאַראָבעקס אָפענעם מויל. פון דעם מויל האָבן זיך גע־טראָגן גאַרגלדיקע קולות, וועלכע האָבן זיך אויסגעמישט מיט די גאַרגלדיקע קולות פון שמוליקל רופאס אָפענעם מויל; דאָס האָט שמוליקל, ווי זיין טבע,

מיטגעקרעכצט מיט זיין פּאַציענט. דער פּאַראַבעק איז אַריבער אין אַ קרעכץ: „אַ... אַ... אַ...” און שמוליקל איז אַריבער אין אַ קרעכץ: „אַ... אַ... אַ...” שוויס איז סטרוגעסוויז געראָנען פון ביידנס שטערנס, סלינע איז געראָנען פון די מיילער. ווייזט אויס, אַז דער פּאַראַבעק האָט געהאַט ציינער פון אַ פערד.

בינהלע האָט זיך נישט איבערגענומען מיט דער דראַמאַטישער סצענע אין דער ראַזורע. ווי נישט זי מיינט מען, האָט זי מיט אַ געמאַכטער זיכערקייט זיך געטאָן אַ שלייף אַדורך צווישן דער ריי פּאַציענטן און דעם פּאַטעל מיט די צוויי צעקרעכצטע מאַנספּאַרשוינען — וועלכע האָבן זיך ביידע געראַנגלט מיט איין צאָן — און איז אַריין אין אַלקערל הינטער דער ראַזורע. דאָרט האָט זי זיך אָוועקגעזעצט וואַרטן אויפן פעלדשער, אויף דעם זעלביקן לאַמען בענקל ביים קרומען שרייבטיש דעם אָנגעוואָרפענעם מיט פלעשלעך, ביכער, פּאַפּירן — ווו זי איז מיט יאָרן צוריק געזעסן מיט איר פאָרך.

לסוף האָט זיך שמוליקל רופא באַוויזן אין צימערל אַ פאַרשוויצטער, נאָך אַלץ אַ פאַרפאַרעטער, אָבער בפירוש אַ שטאָלץ-צופרידענער מיט זיין אָפּגעטאָן שטיקל אַרבעט. אומגעקערט צו בינהלען מיטן רוקן, האָט ער זיך געוואַשט די הענט אין אַ לאַנגער ווייסער שמאַטע און האַלב-שמייכלענדיק אַריינגעברומט אין זיין אונטערגעשוירן בערדל. ער האָט אַרויפגערוקט די ברילן, אָפּגעווישט דאָס פאַרשוויצטע פּנים, און ווי ער האָט זיך אַ קער געטאָן צוריק אַריינצוגיין אין דער ראַזורע, האָט ער באַמערקט בינהלען.

ער האָט נאָך העכער פאַררוקט די ברילן איבערן שטערן, אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ פאָרויס ווי ער וואָלט זי געוואָלט אָנקוקן פון דער נאָענט און האָט אַ מרוקע געטאָן: „וואָס טוסטע דאָ?”

זי האָט זיך געמאַכט האַרץ און האָט דרייסט געענטפערט: „כ'בין געקומען, בין עך דאָ”.

„ציין רייס עך דרינען”, האָט ער אָנגעוויזן מיט דער גאָמבע אין דער ריכטונג פון דער ראַזורע.

„מיינע שונאים זאָל מען רייסן ציין”, האָט זי אָפּגעשניטן.

„וואָס דען פעלט דיר?” האָט ער געפרעגט מיט אַ פאַרפאַרעט, אומגע־דולדיק קול, גרייט אַרויסצוגיין פון צימערל.

„וואָס זאָל מיר פעלן?” האָט זי איבערבעטנדיק זיך צעשמייכלט צו אים און אים באַטראַכט מיט צעשטראַלטע בליקן.

„וואָס טוט דיר וויי?” האָט שמוליקל רופא אַ קורצן לאַך געטאָן, געוואָרפן אַ בליק אויפן פּאַטעל הינטערן שרייבטיש ווו ס'איז געלעגן אַן איינלאַדנדיק, אַריינגעקוועטשט קישעלע. נאָך אַ רגע יישוב-הדעת האָט ער גיך אַ שפּרייז געטאָן צום ווייכן געזעס און זיך מיט אַ קרעכץ אַראָפּגעלאָזט אין אים, די ברילן נאָך אַלץ פאַררוקט איבער זיין שטערן.

„מיינע שונאים זאָל ווי טאָן", האָט בינהלע אָפּגעאָטעמט דערלייכטערט און מיט אַ דרייסטן, זיגערישן בליק אים אַריינגעקוקט גלייך אין די מידע אויגן.

„הער", האָט שמוליקל רופא אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. „לאַנג זיצן מיט דיר און זיך אונטערהאַלטן, האָב עך נישט קיין צייט". און ער האָט אַראָפּגערוקט די ברילן איבער דער נאָז.

„איר דאַרפט מיך נישט אונטערהאַלטן, פּאַניע שמוליקל רופא!" האָט זי ענטוזיאַסטיש אויסגערופן. „כ'בין געזונט ווי אַ פערד און כ'בין שטאַרקער פון אַן אייזל!"

„טאָ צו וואָס ביסטע געקומען?"

„כ'בין געקומען אַרבעטן!" האָט זי אים געמאָלדן.

ער האָט מיט אַ פינגער אַריינגעקוועטשט די בריל אין דער אויסהוילונג פון דער נאָז און זי איצט דורך די גלעזער באַטראַכט, צי זי איז נישט אַ מאָל חסר־דעה.

„וואָס מיינסטע אַרבעטן?"

„וואָס הייסט וואָס עך מיין?" זי האָט אים פרעגנדיק אָנגעקוקט. „כ'וויל, אַז עך זאָלן מיך צונעמען צו ענקער ווייב בלויז פאַרן ביסל עסן. כ'קאָן אָפּשייערן אַ פּאָדלאָגע, אַז זי זאָל זיין ווייס ווי קרייד. כ'קאָן טראָגן וואַסער, וואַשן וועש, פוצן פענצטער. כ'קאָן ניאַנטשען אַ קינד און כ'קאָן קאָכן אַלץ וואָס מען קאָן עסן. אַלץ קאָן עך!"

„ווען מעס ביסטע דען?" שמוליקל רופא האָט, אַנטשפּאַנט, זיך דערלויבט אויף אַ קאָמבינאַציע פון אַ שמייכל מיט אַ מידן גענעץ.

„יאָסעלע דעם קריידהענדלערס בין עך!" האָט בינהלע מיט אַ שטאָלצן אייפער אויסגערופן. „עך האָט מיר אויסגעהיילט דעם פאַרעך און צוריקגעשטעלט מיין ברודער אויפן צעבראָכענעם פוס". זי האָט דאָס דערקלערט מיט אַ טאָן, ווי אָט די פאַרדינסטן פון שמוליקלען רופא לגבי איר משפחה וואָלטן אים מתחייב געווען צו אַ ספּעציעלער זאָרג לגבי איר. זי האָט לגמרי פאַרשוויגן די געשעעניש מיט איר שוועסטער פייגעלען. „און", האָט זי צוגעגעבן, „כ'צוואָג מיר יעצט דעם קאָפּ אויף יעדן שבת, מיט זייף!" זי האָט קאָקעטיש־שטאָלץ אַ פּאָכע געטאָן מיט אירע נישקשהדיק לאַנגע צעפּלעך.

שמוליקל רופא האָט זיך מיט דער טינטפּעדער אַ קראַץ געטאָן אין דער פּאַטילניצע. ס'איז צייט געווען, אַז ער זאָל זיך נעמען צו דעם נאָענטסטן פּאַציענט אין דער ראָזורע. ער האָט זיך מיט אַ קרעכץ אויפגעשטעלט און געשלאָסן דעם שמועס מיט בינהלען. „מיין ווייב ברויכט דיך נישט. זי האַלט אַ משרת".

„ברויכט מיך דאָס משרת!" איז בינהלע גיך אונטערגעשפּרונגען צו אים און אים פאַרלאָפן דעם וועג.

זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און ער האָט גיך באַגראָבן אַ שמייכעלע

אין זיין קאָזעבערדל. בינהלע איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע הענט צווישן אים און דער ראַזורע, האָט ער בלית־ברירה זיך אומזיכער אַ קער געטאָן אין דער פאַרקערטער ריכטונג און איז דורך אַ קעגנאיבערדיקער טיר פאַרשוונדן אין די טיפענישן פון דער דירה.

באַלד איז ער געווען צוריק. איבער אים האָט געהויערט אַ שלאַנק שטאָלטנע ווייבספּאַרשוין מיט אַ שוואַרץ שאַטנדל אַרום מויל און מיט אַ שוואַרץ ווערצעלע אויף דער באַק. זי האָט אָפּגעמאָסטן בינהלען מיט אַ לאַנגן בליק און זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, ווי זי וואָלט אויף בינהלעס אָנבליק באַקומען אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק.

„ווי הייסטו?" האָט זי אַ פרעג געטאָן בינהלען.

„בינהלע הייס עך". בינהלע האָט זיך געפּרוווט חנדלען צו איר, און האָט אַפילו באַשלאָסן צו מאַכן זי שמייכלען: „אַלע רופן מיך מאַרזעפּע אָדער געלער גנב, אָבער דאָס מיינט נישט, אַז עך בין טאַקע אַ גנבטע".

„ביסט זיכער, אַז ד׳גנבעסט נישט?" האָט דאָס ווייבספּאַרשוין זיך געריבן דעם קאָפּ מיט ביידע הענט.

„זיכער בין עך זיכער!" האָט בינהלע זיך שיִער נישט צעלאַכט פון דער נאַרישער פראַגע און זי האָט צוגעגעבן מיט שטאָלץ: „יאָסעלע דער קאַלכ־הענדלער איז מיין טאַטע!"

„טאָ וואָס?" האָט די רופאטע נישט פאַרשטאַנען.

„טאָ וואָס?" בינהלע האָט זי אָנגעקוקט מיט שטוינען. „זי קענען נישט מיין טאַטן?" די רופאטע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און נאָכגעוואָרפן איר מאַן אַ לאַנגן בליק בעת ער איז אַריין אין דער ראַזורע. „מיין טאַטן קען גאַנץ באַטשאַני!" האָט בינהלע זיך געריִמט. „ער איז דער ערלעכסטער ייִד אין באַטשאַני. און מיך וואָלט ער אָוועקגעהרגעט אַ טויטע, טאַמער..."

דאָס האָט וואַרשיינלעך געוויגנדיק איבערצייגט די רופאטע אין דעם מיידלס ערלעכקייט. זי האָט זיך דערנענטערט צו בינהלען און צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל, ווי יעדער וואָרט בינהלעס וואָלט איר געמאַכט לעכער אין קאָפּ. האָט בינהלע פאַרביסן די ליפּן, מער קיין וואָרט נישט געזאָגט. בעת־מעשה האָט זי, פון איר זייט, פאַרלוירן די זיכערקייט, צי די רופאטע, די געלערנטע הייבאַם פון די גבירים, איז טאַקע געווען אַזאַ חכמת ווי שמוליקל רופא האָט זיך פאַר־דינט צו האָבן פאַר אַ ווייב. ווי האָט די רופאטע זי געקאָנט פרעגן אַזאַ קשיא למשל, צי זי איז זיכער, אַז זי גנבעט נישט? איז דען פאַראַן געווען אַ גנב וואָס האָט זיך פרייוויליק מודה געווען, אַז ער גנבעט?

„גוט", האָט די רופאטע לסוף אַ קרעכץ געטאָן. „ס׳ט זיין אַ געהילף ביים משרת", זי האָט אַ פּאַכע געטאָן מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט בינהלען געוואָלט אַרויספּאַכען פון צימער: „קום אַריין מאָרגן באַלד אין דער פרי". דאָ איז זי

גאַר, צו בינהלעס שטוינען, אונטערגעקומען און אַ גלעט געטאָן בינהלען אין קאָפּ. „פּערמיסיאַן, מיין שאַץ", האָט זי אַ פליסטער געטאָן מיט אַ טרויעריקן שמייכל. „די מיגרענע מאַכט מיך פּערריקט". זי האָט זיך אָפּגעקערט און צוריק פאַרשווונדן אין די טיפענישן פון דער דירה.

בינהלע איז אַ פּאַרטראַכטע אַרויס פון שמוליקל רופאס ראַזורע. זי האָט נאָך געפילט דער רופאטעס גלעט איבערן קאָפּ. אָבער וואָס האָט באַטייט: „פּרעמיסיאַן, מיין שאַץ, די מיגרענע מאַכט מיך פּערריקט?" ווער איז דאָס געווען דער מנוול וואָס האָט די גוטע אָבער נאַרישע רופאטע „פּערריקט" געמאַכט? ווער איז דאָס געווען אָט די „מיגרענע"? זי, בינהלע, וועט דאָס גלייך מוזן אויסגעפינען און זען נישט דערלאָזן צו אַזאַ זאַך. און וואָס האָט געמיינט „פּרעמיסיאַן, מיין שאַץ"? פאַר וואָס האָבן דער רופא און די רופאטע גערעדט אַ ייִדיש פון וועלכן מען האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין מער ווי אַ וואָרט צי צוויי? איז דאָס געווען אַ סימן פון געלערנטקייט? מסתמא יאָ, ווייל דער רופא און די רופאטע זיינען דאָך געווען די בעסטע און געלערנטסטע מענטשן אין גאַנץ באַטשאַני.

בינהלע האָט לאַנג געדענקט איר ערשטן שמועס מיט דער רופאטע און דעם גלעט אין קאָפּ וואָס זי האָט פון איר באַקומען. דאָך האָט לאַנג נישט געגומען זינט זי האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן „אַלס משרת ביים משרת" — ווי זי האָט אָנגעהויבן בשתיקה אַרויסצולקחנען פּראַשקעס „ז'קאַגוטקעס" פון שמוליקל רופאס שופלעד־לעד, און האַלב־ליידיקע פלעשלעך מיט וואַלעריאַן־טראָפּנס פון די שאַפקעס מיט די גלעזערנע פּאָליטשקעס. שמוליקל רופא האָט אָפט געגומען זיך קריגן מיטן ווייב הלמאי זי האַלט נישט מער קיין חשבון און וויל, ווייזט אויס, צוזאַמען מיט דער מיגרענע פּטור ווערן פון איר יונגן לעבן און זי סמט זיך ממש אָפּ מיט די פּראַשקעס און די טראָפּנס.

בינהלע האָט די פּראַשקעס און די טראָפּנס פאַרקויפט צו די פּויערטעס פאַר אַ טעפּל צוואָרעך, אַ שטיקל פּוטער, אַ פּאָר אייער. דעם צוואָרעך האָט זי אַליין אויפגעגעסן. מיט אַזאַ מעדן האָט זי זיך נישט געקאָנט טיילן. אָבער די פּוטער און די אייער האָט זי אַוועקגעטראָגן צו די שוואַנגערדיקע שוועסטער, ערשטנס, ווייל עס איז איר געווען אַ רחמנות אויף זיי, צווייטנס, ווייל זי האָט זיך געוואָלט איינקויפן אַ ביסל פריינדלעכקייט. לעצטנס, ווען זי האָט זיך געגומען פילן אַזוי אָפּגעריסן פון אַלץ און פון אַלע, איז זי געווען דאַנקבאַר ווען מען האָט איר אַרויסגעוויזן אַ ביסל האַרץ. אפילו אַ גוטער בליק איז גענוג געווען.

די שוועסטער האָבן שטייפע און זאַכלעכע צוגענומען אירע מתנות. פאַר בינהלען איז געווען אַ גענוגנדיקע באַלוינונג וואָס קיינע פון זיי האָט נישט געוואָגט צו פרעגן פון וואַנען און ווי אַזוי. דערפאַר האָט רייזעלע, שבת נאָכן טשאָלנט, ווען זי, בינהלע, האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן דערלאַנגען צום טיש

ביים רופא און איז אַהיימגעקומען — איר דערלויבט צו ניאַנטשען איר קליינעם זונדל דרויסן, אין גאַס, בעת זיי האָבן אַלע געכאַפּט דעם שבתדיקן דזשים, פונקט ווי דער טאַטע — כּדי אָנצוזאַמלען כּוחות פאַר די וואָכעדיקע צרות.

בינהלע האָט מיטן קינד אָוועקשפּאַצירט אין שטאָטגאָרטן, זיך אַוועקגע־לייגט אויפֿן גראָז און אים געלאָזט אַרומקריכן איבער זיך, בערעוועז זיך מיט איר, ציִען זי פאַר די צעפּ. זי האָט געפילט זיינע קליינע ווייכע הענט אַרומקריכן איבער אירע גלידער, איבער איר גאַנצן לייב. אַ סלינע איז איר אַזש געקומען אין צעשמייכלטן מויל פון תענוג. ווען ער האָט געריטן איבער איר רוקן און זי האָט געהאַלטן די נאָז פאַרגראָבן אין אַ גראָזיקער קעמפּע, האָט זי ערשט רעכט געפילט די וואַרעמע ריחות, די פאַרשיכּורנדיקע, וואָס די ערד האָט אַרויסגעגעבן.

ביים רופא אין שטוב האָט בינהלע געהאַלטן די אויגן און אויערן אָפן. זי האָט געלערנט פון משרת קאָכן וויכטיקע פּאָטראַווּעס, מאַכן געדעמפּטס, גע־פּרעגלטס, אויסלאָזן גענדזנשמאַלץ, קאָכן אַ ראָסל, מאַכן בלינצעס מיט קעז, אַ מיירן־צימעס, אַן עפּל־און פלוימען־קאָמפּאָט. ביים רופא אין שפּייז־קעמערל איז געווען פון אַלעם גוטן, ווייל די פּויערים האָבן געצאָלט מיט הינער און גענדז, מיט קאַרטאָפל און גרינסן. זי האָט זיך צוגעקוקט צו דער געלערנטער רופאטעס מאַנירן, אויפגעכאַפּט און איינגעחזרט די אויסטערלישע געלערנטע ווער־טער וואָס די רופאטע האָט באַנוצט. אַציגד האָט בינהלע הונדערט מאָל אַ טאָג געהערט דאָס וואָרט „פּערמיסיאָן״, וואָס איז נישט אַראָפּ פון דער רופאטעס ליפּן, בפרט ווען זי האָט גערעדט וועגן זאַכן וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו ווייבערשע דיסקרעטע ענינים.

זי האָט למשל געזאָגט: „בינהלע, וואַש מיר, פּערמיסיאָן, אויס דאָס לאַנגע נאַכטהעמד, און דערלאַנג מיר, פּערמיסיאָן, די האַלקע פון בענקל״.

בינהלע האָט זיך שוין דערטראַכט, אַז „פּרעמיסיאָן״, ווי זי האָט דאָס, אַ ביסל פאַרדרייט, אַרויסגעזאָגט — איז נישט קיין קללה, ווי עס האָט זיך איר געהאַט געדאַכט ווען זי האָט דאָס וואָרט געהערט צום ערשטן מאָל, נאָר איז אַ פראַנצייזישער, יאָ, אַ פראַנצייזישער און נישט קיין ייִדישער אופן פון זאָגן אויף דייטש: „איך בעט דיך מחילה״.

און זי האָט געוווּסט צו ענטפערן: „זי מיינען, פּרעמיסיאָן, די לייוונטענע האַלקע, צי, פּרעמיסיאָן, די באַרכנטענע?״

יאָ, דער רופא און די רופאטע האָבן גערעדט אַזש אַ פאַר שפּראַכן, און נישט איינע, פאַרבראַקט מיט אַ פאַר פּויערישע ווערטער, ווי אַלע ייִדן פון באָטשאַני האָבן גערעדט. זיי האָבן געקענט „שפּרעכן״ דויטש, רעדן רוסיש און אויך פּויליש, נישט פּויעריש. און זיי האָבן געהאַט אַ גאַנצע שאַנק מיט אַזעלכע ספרים וואָס האָבן געהאַט אותיות וועלכע זי, בינהלע, האָט קיין מאָל אין לעבן נישט געזען.

זי האָט אין זיי אַריינגעקוקט יעדער מאָל ווען זי האָט געווישט דעם שטויב. — יאָ, דאָ האָט זי געמוזט איין מאָל אַ וואָך ווישן דעם שטויב פון אַלע מעבל. דאָס האָט איר אַפילו אויסגעזען נישקשהדיק קאָמיש. דערצו האָט זי די פענצטער געמוזט האַלטן אָפן, אַפילו ווען זי האָט בלויז געקערט די פּאָדלאָגע. פאַר וואָס זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַ ביסל שטויב, האָט זי בשום־אופן נישט געקאָנט באַגרייפן. און ס'האָט זיי דען געהאָלפן? גאַנץ באַטשאַני האָט זיך דאָך געטוב־קען אין שטויב און ס'האָט אויך קיינעם חלילה נישט פאַרשאַדט.

בינהלע איז איצט געווען אויסגעפּוצט אין אַ זויבער קליידל וואָס דער רופא־טעס משרת האָט איר געבאָרגט. און זי האָט עס געמוזט יעדער וואָך אויסוואַשן, אַזאַ משוגעת האָבן דער רופא און די רופאטע געהאַט. אַלץ האָט ביי זיי געמוזט „שפּיגלען און בלאַנקען" — און בינהלע האָט זיי אַט די שוואַכקייט מוחל געווען. מענטשן האָבן געהאַט פאַרשיידענע „בזשיקעס", און עס האָט נישט געהאַט קיין זינען אַפילו צו פּרוּוון די „בזשיקעס" זיי אַרויסצוהאַקן פון קאָפּ. און ווען בינהלע האָט, באַקליידט אין אַט דעם קליידל וואָס האָט געשלאָבערט אויף איר, דערלאַנגט צום טיש, האָט זי, מיט די אויערן אָנגעשפּיצט, זיך באַמיט אויפצוכאַפּן די רייד פון שמוליקלען רופא צו זיינע זינדלעך און דער טאָכטער, רייד וואָס זי האָט קיין מאָל ביי זיך אין דער היים נישט געהערט.

שמוליקל רופא האָט גערעדט וועגן דעם הער דאָקטאָר הערצל וועמעס בילד ס'איז געהאַנגען אויף דער וואַנט אין זיין קליינעם חדרל און וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ שוואַרצער קרעפּע־באַנד. די צרה איז נאָר געווען וואָס צו זיינע קינדער האָט שמוליקל רופא גערעדט דעם שווערן יידיש וואָס האָט זיך גערופן „דויטש". און פונקט אַזוי אָפט ווי זיין ווייב האָט באַנוצט דאָס וואָרט „פּערמיסיאָן" אין אַלקער, האָט שמוליקל באַנוצט דאָס וואָרט „ציאָניסמוס" אין דער עסשטוב. בינהלע האָט אַ דאַנק יעדן דריטן וואָרט וואָס זי האָט יאָ פאַר־שטאַנען, זיך גיך משער געווען, אַז דער דאָקטאָר הערצל איז געווען שמוליקל רופאס אַ ברודער, וועלכער האָט אין זיין צוואה פאַרשריבן שמוליקלען אַ גרויסע ירושה אין ארץ־ישראל. און דערפאַר האָט שמוליקל מיט זיין גאַנצער משפחה זיך געדאַרפט אַריבערפּעקלען אין דער הייליקער שטאָט ירושלים, ווייל דאָרט האָט זיך אויך געפונען אַזאַ פאַנטאַסטיש־גוטע זאַך ווי דער „ציאָניסמוס", וואָס מען האָט דאָס דאָ, אין באַטשאַני, גאַרנישט געקאָנט קריגן פאַר געלט.

האָט בינהלע טאַקע באַקומען אַ מאָמענטאַלע אַנטיפּאַטיע צום הער דאָקטאָר הערצל, הגם ער איז שוין געווען אויפן עולם־האמת. ווען זי האָט גערוימט שמוליקל רופאס חדרל און אויך דרינען אַרומגעווישט דעם שטויב, האָט זי זיך באַמיט נישט צו קוקן אויף דעם שוואַרץ־אַרומגעראַמטן בילד פון דעם מאַן אין שוואַרצן, מיט דער שוואַרצער באָרד און שוואַרצע האָר, אָן אַ היטל, צי אַ קאַפּעלע אויפן קאָפּ. ווייל ער האָט זי אויפגערעגט, אַט דער פרעמדער. און טאָמער האָט

זי זיך נישט געקאָנט גובר זיין און האָט יאָ געכאַפּט אַ בליק אויף אים, האָט זי כּעסיק אַרויסבאַלושטשעט די אויגן אויף אים און אים געוויזן אַ לאַנגע צונג.

„וואָס 'על עך טאָן, אַז כ'על פאַרלירן די שטעל ביי שמוליקל רופא?" האָט זי געסיקעט צו אים. „און וואָס 'עט גאַנץ באַטשאַני טאָן אָן שמוליקלען רופא, הע?" און זי האָט אַ פּאַכע געטאָן מיט דער פויסט צו אים: „אַ מכּה דיר! ער 'עט נישט פאָרן! נישט ביי מאַטיען!"

אָבער ביי זיך איז בינהלע נישט געווען אַזוי זיכער, ווייל שמוליקל רופא האָט גערעדט וועגן זיין עלטערן ברודער הערצלען ווי וועגן אַ גאָט. האָט בינהלע, כּדי זי זאָל וויסן ווו זי האַלט מיט זיי אין דער וועלט, נאָך מער צוגעלייגט קאָפּ און זיך באַמיט צו פאַרשטיין די אַלע משונהדיקייטן וואָס זי האָט דאָ צוגעזען און צוגעהערט.

דער רופא מיט דער רופאטע האָבן געהאַט דריי קינדער, צוויי ייִנגלעך און אַ מיידל וואָס האָט געהייסן גענייאַ. גענייאַ איז געווען אין בינהלעס עלטער, אָבער אין בינהלעס אויגן איז זי אויסגעקומען ווי אַ קליין מיידעלע. דאָך האָט אָט דאָס קליינע מיידעלע געלערנט צוזאַמען מיט אירע ברידער וועלכע זיינען אין חדר נישט געגאַנגען. זיי האָבן צוזאַמען גענומען „שטונדן" אַזש פון צוויי לערערס, וועלכע האָבן זיך געקליידט ווי גויים און איינער פון זיי האָט געוווינט ביים אַרענדאַר און דער אַנדערער ביים ליסען שרייבער, גאַספּאַדין פייפער, וועמען דאָס שטעטל האָט גערופן „דיניעקאָפּ". בינהלע האָט אָפט צוגעלייגט אַן אויג צום שליסללאָך פון דער עסשטוב ווען די קינדער האָבן דרינען געלערנט. זי האָט אַזש געעפנט דאָס מויל אַ פאַרגאַפטע, ווען זי האָט געהערט ווי די קליינע גענייאַ רעדט דרינען צו איר לערער — אַזוי דרייסט און אומפאַרשטענדלעך.

דערנאָך זיינען געווען די אָונטן ווען דורך דער הינטערטיר האָבן זיך אַריינגעשאַרט אין הויז, איינצלווייז, באַקאַנטע בית־מדרש־בחורים. דעמאָלט האָט בינהלע זיך שוין געדאַרפט געפינען אין דער הייך, אין קאַרידאַרל, און שלאָפן אויף איר שעניק וואָס איז געלעגן לעבן דער טיר פון דער רופאטעס שלאָפשטוב. איז זי דאָך אָבער געווען נייגעריק. איז זי אַ באָרוועסע אַראָפּגעלאָפן אונטן און אַריינגעקוקט אין דער עסשטוב דורכן שליסללאָך, און האָט געזען ווי דער רופא און די רופאטע זיצן צווישן די בית־מדרש־בחורים, וועלכע האָבן, ווייזט אויס, אין דער קאָכעניש, פאַרלוירן די היטלען און די קאַפּעלעך פון די קעפּ. דרינען האָט מען זיך הייס געשפּאַרט. די רופאטע האָט אויסגעזען נישט צו האָבן קיין ברעקל קאַפּווייטיק און זי האָט געקאָנט לאַנג רעדן און זיך קריגן מיט די בחורים און זיי האָבן איר אָפּגעגעבן פאַרשייט, אָן אַ ברעקל דרך־ארץ.

שמוליקל רופא האָט נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן: „דער קאָנגרעס אין באַזעל..." און זיך כּסדר געוואָרפן מיטן דאָקטאָר הערצלס נאָמען.

די בחורים האָבן ענערגיש געדרייט מיט די קעפּ און געשטורעמט מיט אַזעלכע

ווערטער ווי „אחד העם!" — שפּעטער האָבן זיך די בית־מדרש־בחורים צעקריגט צווישן זיך אַליין און אייניקע האָבן געשריגן: „אחדות!"

די אַנדערע, מיט שמוליקלען און דער רופאטע אויף זייער זייט, האָבן שטאַרק געדרייט מיט די קעפּ און געפּאַכעט צו זיי מיט די הענט ווי זיי וואָלטן געווען חסר־דעה.

„סאָציאַליסמוס 'עט אונדז די גאולה נישט ברענגען!" האָבן זיי זיך געקאָכט.

„ציאָניסמוס ט'אונדז די גאולה נישט ברענגען!" האָבן זיך די אַטאַקירטע נישט געלאָזט.

הגם דער רופא און די רופאטע זיינען געווען אירע בעלי־בתים, האָט בינהלע גיך אָפּגעמאַכט ביי זיך מיט ווענען מיטצוהאַלטן. זי האָט שוין געוווסט וואָס „ציאָניסמוס" האָט געמיינט, האָט זי נישט געהאַט קיין ברירה ווי צו האַלטן מיטן „סאָציאַליסמוס" — ווייל זי האָט שטאַרק נישט געוואָלט, אַז אירע בעלי־בתים זאָלן אויספירן זייער ברודער הערצלס צוואה און אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל.

דערנאָך איז בינהלע לאַנג געלעגן אַ וואָכע אויף איר געלעגער אין דער הייך און אַריינגעטראַכט אין די אַלע זאַכן וואָס זיינען געשען אין רופאס הויז דעם פאַרלאָפענעם טאָג. ס'איז געווען ווי זי וואָלט זיך געפונען אין אַ פּרעמדער וועלט, אַ נייער — אין סאַמע מיטן פון באַטשאַני.

אַזוי האָט זי אויף איר געלעגער זיך דערוואַרט ביז די רופאטע איז אַרויפגעקומען, זיך איבער איר איבערגעבויגן און געפּליסטערט: „בינהלע מיין שאַץ, ד'שלאָפסט שוין?" האָט בינהלע געעפנט די אויגן און זיי געריבן ווי זי וואָלט נאָר וואָס דערוואַכט פון אַ טיפן שלאָף און מיט אַ זיסקייט אין האַרצן געהערט ווי די רופאטע בעט זי טויזנט מאָל איבער און זאָגט צו איר: „מאַך מיר, פּער־מיסיאָן, אַ קאַלטן קאָמפּרעס, און ברענג מיר אַרויף אַ גלאָז טיי, ווייל די מיגרענע מאַכט מיך פּערריקט".

בינהלע האָט זיך געוווּנטשן, אַז זי זאָל אַזוי גוט פאַרשטיין די אַנדערע פרעמדע ווערטער, ווי זי האָט שוין פאַרשטאַנען דאָס וואָרט „מיגרענע".

איין גרויסן חסרון האָט די שטעלע ביים רופא און דער רופאטע יאָ געהאַט: דאָס משרת. זי איז געווען אַ באַטשאַנישע אַלטע מויד, אַ יתומה, וועמען דער רופא האָט אויסגעהאָדעוועט ביי זיך אין שטוב. זי האָט געפירט די גאַנצע ווירטשאַפט, געהאַט אַלץ אויפן קאָפּ און איז געווען אַ געניטע קעכין. אָבער זי האָט תמיד געטראָגן אַ בייז האַרץ אויף דער רופאטע, און זי אַזוי פיינט געהאַט, ווי זי האָט ליב געהאַט דעם רופא. אַז דער רופא האָט זיך באַוויזן אין דער קיך, איז דאָס משרת רויט געוואָרן ווי אַ בוריק און אַלץ איז איר געפאַלן פון די הענט. אַז די רופאטע איז אַריינגעקומען אין דער קיך, איז דאָס משרת גרין געוואָרן ווי אַ שלאַנג און האָט זיך צעסיקעט אַנשטאָט צו ענטפערן גלייך. און דערנאָך, אַז

די רופאטע איז אַרויס, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס שאַראַייזן, צי אַ פּאַטעלניע און דאָס אַ הייב געטאָן אין דער לופטן, ווי זי וואָלט גרייט געווען נאָכצויאָגן דעם רופאס ווייב און איר דערלאַנגען איבערן קאָפּ.

בינהלע האָט גוט געוווּסט, אַז טאָמער האָט זי געוואָלט אָנהאַלטן די שטעלע, האָט זי געמוזט לעבן בשלום מיטן משרת. האָט זי איר טאַקע געלאָזט נאָכשפּעטן דער רופאטע, נאָכמאַכן ווי זי קרעכצט בעת די מירגרענע־אַנפֿאַלן און אויסרעדן אויף איר די ווילדסטע רייד; און הגם דאָס האַרץ האָט איר וויי געטאָן פֿאַר דער רופאטע, האָט זי זיך נישט אָפּגערופֿן מיט קיין וואָרט.

אָבער ווען דאָס משרת האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן פֿון דעם כּעס וואָס האָט געזאָטן אין איר, האָט זי געהאַט אַ טבע אים אויסצולאָזן צו בינהלען. אומגעריכט האָט זי איר געקאָנט דערלאַנגען אַ פּאָר פּליאַסקעס אין פּנים, צי אַ פּאָר שטורכאַקעס אין הינטן אַריין. בינהלע, הגם זי האָט מער קיין געדולד נישט געהאַט צו פֿאַרנעמען אַזעלכע זאַכן, און זי האָט מיט אַזאַ דערפֿאַלג אויסגעמיטן, אַז דער טאַטע זאָל זי שלאָגן — האָט אַראָפּגעשלונגען די קלעפּ. ס'האָט זיך געלוינט צו צאָלן דעם פּרייז. ס'איז איר געגאַנגען אין לעבן צו פֿאַרבלייבן אין רופאס הויז. דאָ איז איר גוט געווען. נישט נאָר האָט זי באַקומען גוט צו עסן, נאָר די בעלי־בתּים האָבן גערעדט צו איר לייטיש, אַזוי לייטיש, אַז טייל מאָל האָט זי זיך אַרומגעקוקט, צי זיי רעדן נישט אַ מאָל צו עמעצן הינטער אירע פּלייצעס. קיינער האָט קיין מאָל אַזוי צו איר נישט גערעדט — אַט ווי זי וואָלט געווען נישט די „מאַרזעפּע״, דער געלער גנב, נאָר למשל די שיינע רביצין פֿון באַטשאַני בכבודה־ועצמה.

און בינהלע איז געווען גאָר צוגעבונדן צו דער רופאטע, הגם זי האָט זי נאָך אַלץ נישט געהאַלטן פֿאַר קיין גרויסער חכמת. זי האָט אויסגעפֿונען אַלע מיל־דערנדיקע סיבות פֿאַר וואָס די רופאטע האָט טייל מאָל געזאָגט זאַכן וואָס האָבן זיך נישט געלייגט אויפֿן שׂכל. די רופאטע האָט דאָך נעבעך שטענדיק געליטן אויף קאַפּווייטיק, אַ ווייטיק וואָס אַפֿילו איר לייבלעכער מאַן, וועלכער האָט ממש געקאָנט פֿון טויט לעבעדיק מאַכן — איז נישט בכּוח געווען צו פֿאַרטרייבן. פֿאַרקערט. בינהלען האָט זיך געדאַכט, אַז שמוליקל האָט דעם ווייבס קאָפּווייטיק גאָר גרעסער געמאַכט; ווייל אין זיין אַנוועזנהייט האָט די רופאטע צוויי מאָל העכער געקרעכצט ווי אין זיין אָפּוועזנהייט. און בינהלע האָט אַזש באַשלאָסן מקריב צו זיין די אַלע גוטע זאַכן וואָס זי פֿלעגט איינקויפֿן פֿאַר די מעדיצינען — וואָס זי האָט אַרויסגעגנבעט פֿון רופאס שאַפֿקעס, און מער נישט גנבענען — כּדי דער רופא זאָל זיין נישט חושד זיין, אַז זי סמט זיך אָפּ — און אפשר דערמיט כאַטש אויף אַ האָר לייכטער מאַכן דער רופאטעס יסורים.

אַז בינהלע האָט געוואָלט אָנגענעם איינשלאָפֿן ביי נאַכט, האָט זי זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז די רופאטע איז נישט נאָר געניאַס, דעם מיידעלעס מאַמע,

נאָר אויך אירע, בינהלעס. אַ געלערנטע מאַמע, וואָס ביי יעדן צווייטן וואָרט זאָגט זי „מיין שאַץ" און לאָזט איר טאָכטער לערנען צוזאַמען מיט די ברידער, און פוצט זי אין שבתדיקע קליידער אין דער וואָכן און קושט זי אַ פּאָר מאָל אַ טאָג. בינהלען האָט קיין האָר נישט געאַרט וואָס די אויסגעחלומטע מאַמע איז נישט געווען איבעריק שיין און נישט איבעריק קלוג, וואָס זי האָט געהאַט אַ שוואַרצע בראָדעווקע און האָט נעבעך געליטן אויפן קאָפּ.

דאָך האָט יעדער זאַך געהאַט איר גרענעץ. אַז בינהלע האָט צום סוף מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן פון דעם משרת, האָט זי זיך פאַרקלאָגט פאַר דער רופאטע. זי האָט איר געוויזן די סימנים פון קלעפּ אויף אירע אָרעמס און אויפן הינטער־חלק — דעם משרתס האַנטאַרבעט. די רופאטע האָט זיך טאַקע אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ... און געהייסן זיך ברענגען אַ קאָמפּרעס פון קאַלט וואַסער.

דערנאָך האָט זי אויפגעקלערט בינהלען: „ס'וועט נישט העלפן קיין רעדן, מיין שאַץ. מיר זענען ביידע אין אירע הענט, דו און איך. זי איז די בעל־הביתטע, פאַרשטייסט? דאָ איז איר היים. וווּ ט'זי גיין, אַז מען וועט זי פון דאַנען אַרויס־וואַרפן?... און העקל מיר, פּערמיסיאָן, אויף דעם קאָרסעט, ווייל דער קאָפּ ווערט מיר, פּערמיסיאָן, צעפּלאַצט".

נישט געקוקט אויף דער רופאטעס קאַפּוויטיק, האָט בינהלע זיך אָנגענומען מיט מוט און פאַרגעשלאָגן: „טאָ שטעלן זי איר צו אַ בענקעלע צו אינס מאַן". און זי האָט אַפילו בדעה געהאַט אַליין דאָס צו טאָן.

האָט אָבער די רופאטע געזאָגט: „גאָט בעהיט... ער דאַרפט זיך אין דיזען דינגען נישט מישען".

איז בינהלע אָנגעגאַנגען מיטן לעבן ביים רופא און אָנגענומען דאָס גוטע צוזאַמען מיטן שלעכטן.

ביז ס'איז געקומען דער שיינער פּורים־טאָג, ווען זי האָט אַריינגעכאַפּט אַ פּסק פון דער משרתטע מיטן בזעם, גלייך נאָך דער האַרעוואַניע, נאָכן צוגרייטן די פּורים־סעודה צו וועלכער ר' פייוועלע מילנער מיט זיין משפחה זיינען געווען איינגעלאַדן. און ס'איז געשען ווי אַ בליץ. נישט געטראַכט קיין אויגנבליק, האָט בינהלע אַראָפּגעריסן פון זיך דאָס זויבערע קלייד וואָס די משרתטע האָט איר געהאַט געבאָרגט, איז אַריינגעקראָכן אין אירע אייגענע שמאַטעס און איז אַרויס־געלאָפן פון דער שטוב מיט אַזאַ טראַסק אין דער טיר, אַז די שויבן האָבן זיך אַזש צעציטערט.

דרויסן פאַר דער טיר האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. באַטשאַ־ני, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם יום־טוב פּורים, איז געגאַנגען כאַדאָראַם. די חסידישע קאַפּעליע האָט געשפּילט אויפן פאַטשעיאַוו. די טירן פון די שטיבלעך און פון בית־מדרש זיינען געשטאַנען אָפן. אינעווייניק האָבן חסידים געפּראַוועט

סעודהלעך און געשיכורט עד דלא ידעו. מען האָט געטאַנצט אויף טיש און אויף בענק. די חדר־ייִנגלעך וועלכע האָבן אַ גאַנץ יאָר זעלטן געהאַט ווען זיך פריי אויסצולאַכן, האָבן איצט נישט געוווּסט וואָס אויפצוטאָן פון גדולה און האָבן אַלע אויסגעזען ווי שיכּור, אָן בראָנפן. אויפן מאַרק גופא האָבן מאַנספּאַרשוינען, אַלט און יונג, די פּנימער אויסגעריסט מיט סאַזשע, די קאַפּאָטעס איבערגעקערט אויף דער לינקער זייט, געהאָצקעט אין געדיכטע צונויפגעקווילטע רעדלעך און געזונגען מיט פאַרכריפּעט־הייזעריקע קולות. פּורים־שפּילערס, אויסגעקליידט אין משונהדיקע בגדים, האָבן מיטגעטאַנצט. אַנדערע זיינען געלאָפן פון טיר צו טיר און געוווּנטשן: „אַ גיטן פּירים, מאַלעך, ווי עך גיי פאַל עך!"

אַ צעיאַכמערטער, הייטערער המון האָט געשטראָמט דורך אַלע געסלעך, די אַקסלען, זיך געוויגט איבער דער גאַנצער ברייט פון די געסלעך און גע־גוואַלדעוועט אויף אַלע כּלים: „נעמט דער טאַטע אַ פייערטאָפּ, מאַכט דער מאַמען אַ לאָך אין קאָפּ!"

האָבן אַנדערע כאַפּטעס מיידלעך זיי אָפּגעענטפערט מיט אַ קוויטשעריי: „שרייען די קינדער אוי, אוי, אוי! זאָגט דער טאַטע גוט אַזוי!"

אַ צעיאַכמערטער, הייטערער המון האָט געשטראָמט דורך אַלע געסלעך, אַהין און אַהער. אין די ראָגעס זיינען געשטאַנען די גויים אין קרענצלעך און צוגעקוקט ווי די זשידקעס נעמען איבער די שטאָט און מאַכן זיך משוגע. דעם גלחס הונט, וואָס אַלע האָבן געוווּסט, אַז אַ גילגול פון אַ ייִד איז אין אים אַריין, ווייל ס'האָט אים נאָר געצויגן צו ייִדן, האָט זיך אַרומגעשמייעט צווישן די פיס אַ הייטערער. חברה קינדער איז פון אים אַנטלאָפן מיט אַ געפּילדער און ער האָט זיי נאָכגעיאָגט מיט אַ געביל.

אַ פּאָר מינוט האָט זיך בינהלע אַרומגעדרייט אין דעם טאַראַראַם ווי אַ פרעמדע. אָבער באַלד האָט זי דערזען אירע שוועסטער אין דעם פול־געפּאַקטן מאַרקפּלאַץ. מיט די קינדער אויף די הענט, האָבן זיי זיך דערנענטערט צו איר. די שוועסטער, זייערע פּנימער אויסגעלייטערט, די אויגן שטיפעריש־צעפינקלט, האָבן צוריק באַקומען דעם מיידליש־קינדערשן אויסזען פון אַ מאָל. די שייטלעך וואָס זיינען קרום געזעסן אויף זייערע פאַרהאָוועטע קעפּ האָבן אויסגעזען ווי פּורים־שפּילעריש, האַריקע קאַפּעליושלעך.

באַלד איז רייזעלעס עלטערע ייִנגעלע באַפאַלן בינהלען און זי גענומען ציִען פאַר די הענט, פאַר דער ספּאַדניצע, צו די קנוילן פון טאַנצנדיקע חסידים. אָט איז זי אַריינגעפאַלן מיט אים אין דעם סאַמע רעכטן־גערדיכטן הו־האַ. זי האָט אַ פאַרוואָרף געטאָן די צעפּלעך אויפן רוקן, אַ נעם געטאָן זיך פאַר די הענט מיט די אַנדערע אַרומשמייענדיקע פּיצלעך קינדער, און אָט האָט זי שוין געהאָצקעט מיט זיי אין אַ רעדל צום קלאַנג פון דער קאַפּעליע־מוזיק.

באַטשאַני איז געווען אויסגעבענקט נאָך אַ ביסעלע פרייד, און בינהלע אויך.

5

זינט אַ צייט האָט זיך צופוסנס פון ווייסן באַרג, הינטער באָטשאַני, געבויט אַ פאַבריק. געזאָגט האָט מען, אַז אַ דייטש אַזש פון שטעטל פּאַבעניץ, וואָס לעבן דער ווייטער שטאָט לאָדזש, האָט געמאַכט אַ שותפות מיטן פּריצס זון, און אַז אין דער פאַבריק וועלן אַרבעטן דעם פּריצס פּאַראָבקעס און די פּויערים פון דער געגנט. די שטעטלשע ייִדן האָבן זיך דערפאַר מיט דעם געבײַ נישט שטאַרק אינטערעסירט.

ווען די פאַבריק איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי וועט וועבן פּליוש און אַז די בעלי־בתּים אירע זײַנען אַזעלכע ווילע לײַט, אַז זיי מאַכן נישט קיין אונטערשייד צווישן ייִדן און גויים. און אַ צאָל קינדער פון ייִדישע בעלי־מלאָכות און סתּם אָרעמע־לײַט איז אַוועק אַהין אַרבעטן — און בינהלע בתוכם.

בינהלע האָט זיך גיך אויסגעלערנט נופּן דעם פּליוש און האָט באַקומען אויסגעצאָלט אַ פּאָר קאָפּעקעס אַ טאָג. אַצינד וואָלט זי געקאָנט זײַן באמת צופרידן און שטאָלץ מיט זיך, דערצו אַז זי האָט געאַרבעט בלויז צוועלף שעה אַ טאָג און די איבעריקע צייט איז זי געווען אַ פרײַער מענטש. די זאַך איז נאָר געווען וואָס די איבעריקע צייט איז אויסגעפאַלן אויף דער נאַכט. ס'איז געווען פרילינגדיק־לינד אין דרויסן. אַ מחיהדיקע, פרײלעכע וועלט. די באָטשאַנעס זײַנען שוין געווען צוריק און דאָס שטעטל האָט נאָכן לאַנגן בייזן ווינטער צעפּראַלט טיר און פענצטער, אויף ס'בײַ זיך מתיחד צו זײַן מיטן דרויסן. און דאָ האָט בינהלע נישט געזען קיין ברעקל זון פאַר די אויגן און אין די אָוונטן האָבן די אויגן געקלעפּט און דער רוקן האָט וויי געטאָן.

זי האָט געקעמפט מיט דער מידקייט. אויפן וועג אַהיים פון דער אַרבעט דורכן שמאָלן טאָפּאָליע־וועג האָט זי אויסגעשטעלט דאָס פּנים צו די דער־פרישנדיקע ווינטן וואָס זײַנען זי באַפאַלן פון די פעלדער, פון די ביימערצווײַגן. דאָס בלויע ליכט פון אָוונט, דער שטילער גרוי פון די כאַלופּעס בײַ דער זײַט, דער אָפּשײַן פון די אָוונטיק־טונקעלע גערטנער אין די שויבן און די פאַרבנשפּיל אויפן הימל, וווּ ראָזע סטענגעס פון דער פאַרגאַנגענער זון האָבן זיך נאָך אַדורכגע־וועבט דורכן פוך פון די פּאַוואָליע זעגלענדיקע וואָלקנס, האָבן אָנגעפילט איר האַרץ מיט אַ נאָגעניש, אַ מין מעלאַנכאָלישער ציעניש — אַהין — ערגעץ — זי האָט אַליין נישט געוווּסט וווּ. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי הערט די רעדער פון אַ קאַרעטע הינטער זיך, אַז פון דער זײַטן־סטעזשקע וועט דער יונגער פּאַניטש אַרויסקומען צו פאָרן פון הויף, פאַרבעטן זי אײַנשטײַגן און וועט זי אַוועקפירן, טאַקע אַהין...

אַזוי האָט זי, אַנשטאָט צו גיין אַהיים, פאַרוואַנדערט אין דאָרף צו יאַדווישען

און די שיקסלעך. נישט אַז זי האָט געוואָלט אַזוי שטאַרק זיין מיט זיי. זי איז פון זיי אָפּגעפרעמדט געוואָרן. זי האָט אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי דאָס איז געשען. און זי האָט אויך אַרויסגעפילט אין זייער באַנעמען זיך אַ מין אומבאַקוועמ־לעכקייט. מיט אַ מאָל האָט איר אויסגעפעלט ווען וואָס צו שמועסן מיט זיי און ווען זי האָט אויף זיי געקוקט, האָט זי קוים געקאָנט אָפּגעפינען אין זייערע פּנימער דאָס היימיש־קינדישע פון אַ מאָל. — איז דער פאַרגעניגן געווען גיכער אינעם גיין אַהין, אינעם לאָזן זיך נאָך אַ ביסל טראָגן איבערן בלויען אָוונטיקן וועג און זיך קאָרמען מיטן הונגער צו עפּעס נישט־דאָיִקס...

ביי דער יאַנקאָווע אין שטוב האָט בינהלע געפּרווּט זיך מאַכן נוצלעך מיטן העלפן צוגרייטן דאָס אָוונט־מאָלצייט. זי האָט נאָך אַלץ גערן געהאָט די יאַנקאָווע און איר מאַן יאַנעקן, ווּעמעס וואָנצעס, איינע אַ קירצערע, איינע אַ לענגערע, זיינען דינער און גרויער געוואָרן. דאָך איז דאָס זעצן זיך צום טיש צוזאַמען מיט דער משפחה נישט אויסגעקומען אַזוי נאַטירלעך ווי אַ מאָל. הגם זי האָט זיך געזאָגט, אַז איר דאַכט זיך נאַר, אַז דאָס שווייגן ביים טיש איז צוליב איר, ווייל זי איז אַ פרעמדע, האָט זי שוין דעם טעלער עסן וואָס מען האָט איר דערלאַנגט, אָנגענומען ווי אַ נדבה. ער האָט געשטילט דעם הונגער, אָבער געמאַכט פילן משונהדיק שעמעוודיק.

איין מאָל איז זי אין אָוונט אַרויס שפּאַצירן מיט יאַדווישען. זי האָט גע־פּרווּט אָנבינדן צו דער אַמאָליקער לייכטקייט פון געמיט צווישן זיי. „דו ווייסט", האָט זי גענומען יאַדווישען פאַרן אָרעם, „איך בין נאָך אַלץ פאַרליבט אין דעם יונגן פּאַניטש פון הויף. און דו?"

יאַדווישע האָט סודותדיק אַ פליסטער געטאָן: „דער יונגער פּאַניטש איז מער נישטאָ אין הויף. ער איז אַוועק ווערן אַ העלד".

„וואָס פאַר אַ העלד?"

„דאָס טאָר איך דיר נישט זאָגן, ווייל דו ביסט אַ זשידאָווקע און איך בין אַ פּאָלקע".

„און וואָס ביסטע אַ מאָל געווען?"

„כ'בין שטענדיק געווען. אונדזער לאַנד הייסט פּאָלסקאַ, ד'ווייסט גאַנץ גוט".

„אַוודאי ווייס איך... בין איך דאָך אויך אַ פּאָלקע, כאָטש איך בין אַ זשידאָווקע".

יאַדווישע האָט זיך צעלאַכט: „ניין, דו ביסט אַ זשידאָווקע. און פאַרטיק". זי האָט זיך נענטער צוגעבויגן צו בינהלען און אַ פליסטער געטאָן אויף איר אויער: „נאָר דו ביסט דאָך געווען מיינס אַ קאָלעזשאַנקע און כ'שווער דיר, אַז איך האָב דיך נאָך אַלץ זייער ליב, וועל איך דיר זאָגן. אַ סך פּאָליאַקן פון דאָרף גרייטן זיך נאָכצופאָרן אונדזער יונגן פּאַניטש זיך שלאָגן מיטן מאָסקאָל".

„ווער איז דער מאָסקאָל?" האָט בינהלע געפרעגט.

„די נאַטשעלניקעס און דער צאַר וואָס האָבן צוגעכאַפּט אונדזער לאַנד", האָט יאַדווישע דערקלערט. „און איר זשידקעס האַלט מיטן צאַר און מיטן מאָס־קאַל, קאָן איך מיך מער נישט אַזוי חברן מיט דיר".

„איך האַלט נישט מיט קיינעם נישט!" האָט בינהלע זי פאַרזיכערט.

„אָבער איך האַלט יאָ", האָט יאַדווישע אויסגעפירט. „און דאָס איז דער אונטערשייד צווישן אונדז ביידע. צווייטנס ווייס איך, אַז איר זשידקעס כאַפּט צו פּוילישע קינדער און איר באַשניידט זיי צו מאַכן זיי פאַר יידן, אָדער איר הרגעט זיי און ניצט דאָס בלוט צו מאַכן אייערע פּסחדיקע מצות".

בינהלע האָט די משונהדיקע שעמעוודיקייט וואָס איז זי באַפאַלן אין הויז, פריִער, דערפילט ווי אַ ווונד. אומגעריכט האָט עס אַ ברען געטאָן אין איר.

„ס'איז נישט אמת!" האָט זי אויסגעשריגן מיט כּעס.

„ס'איז נישט אמת?" האָט יאַדווישע זי אָנגעקוקט מיט אַ גרויזאַמען בליק. „און אַבוש־וואַריאַט וואָס איז?"

„וואָס איז ער?" האָט בינהלע נישט פאַרשטאַנען.

„אַן אונדזעריקער איז ער".

„אַבעלע־נאַר? אַ גוי? ביסט משוגע געוואָרן?"

„דו ביסט משוגע געוואָרן! ר'איז דאָך דעם גלחס בענקאַרט, וואָס ער האָט געהאַט מיט דער פריערדיקער... דער פאַרשטאָרבענער גאָספּאָדיניע".

בינהלע האָט זיך געמוזט הויך צעלאַכן. און אָט אַזוי לאַכנדיק איז זי אַנט־לאָפן פון יאַדווישען, און אָט אַזוי לאַכנדיק, איז איר געוואָרן שטיקנדיק־ענג די וועלט.

זי האָט זיך מער קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען אין באַטשאַני. ביז איצט איז באַטשאַני געווען פאַר איר די וועלט. זי האָט נאָר זעלטן געטראַכט וואָס עס טוט זיך אויסער איר. אַצינד האָט זיך דערוועקט אין איר דער בייגער, צי עס איז פאַראַן געווען אַ שפּאַרונג זיך אַרויסצובאַקומען פון אָט דער וועלט, און וואָהין זי האָט געפירט. וואָס איז געווען אָט דאָס לאַנד, די פּאָלסקאַ, וואָס האָט געהערט צו יאַדווישען און נישט צו איר, צו בינהלען? און וואָס איז געווען דאָס לאַנד וואָס יאַדווישע האָט אָנגערופן „מאָסקאַל"? האָט עס יאָ געהערט צו איר, צו בינהלען? נישט געוועזן קיינער ביי וועמען זי האָט געקאָנט פרעגן.

זי האָט נישט געוווּסט וואָס וויינען מיינט. אַפילו ווען זי האָט געגוואַלדעוועט ווען דער טאַטע האָט איר אַריינגעצימבלט, איז דאָס נישט געווען קיין אמת וויי־נען. דאָס זעלבע ווען זי האָט פאַרגאָסן טייכן טרערן ווען זי האָט געהערט אַ טרויעריקע מעשה. ס'איז נישט געקומען פון דער טיף אין איר. אָבער דעם לעצטן סוף־זומער, ווען די באַטשאַנעס האָבן זיך אַ הייב געטאָן פון די דעכער און געגומען אָוועקציִען איבער די קרוינען פון די צעגאָלדיקטע בעריאָזע־ביימער און זיינען פאַרשווונדן דורכן גרויסן הימל־טויער צווישן בלויען און ווייסן באַרג —

האָט עפּעס אַזוי זיך צעאומערט גאָר־גאָר טיף אין איר, אַז זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

מיילן האָט זי אויסגעוואַנדערט מיט די אויגן פֿאַרהאַנגען אָן די טאָפּאָליע־שנורן ביי דער זייט פֿון וועג. די טאָפּלטע קאָנטורן פֿון די טאָפּאָליעס האָבן זיך געצויגן און געצויגן. ערגעץ זיינען זיי זיך צונויפֿגעלאָפֿן זייער ווייט, זיך באַגעגנט אין אַ טונקעלן שפּיץ, עלעהיי די טאָפּאָליעס וואָלטן געווען שנורן באַטשאַנעס פֿאַרגליווערטע אין מיטן פֿלי, ווי עפּעס אַ כּוח וואָלט זיי נישט געלאָזט רירן פֿון אָרט, זיך אָוועקטראָגן.

בינהלען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי אַליין איז געווען אָט אַזאַ טאָפּאָליע וואָס וויל אָוועקפֿליִען און קאָן נישט.

אַזוי האָט זי פֿאַרוואַנדערט הינטערן שטעטל, אַרויס צום ברייטן טאָפּאָליע־וועג; אַוועק גאָר ווייט, כּמעט ביז צום בלויען באַרג און זיך אומגעקערט ווען די שטערן האָבן זיך שוין בולט צעלויכטן אויפֿן גראַנאַטענעם הימל. דעם גאַנצן וועג צוריק האָבן טרערן אַרויסגעפּלייצט פֿון אירע אויגן, אַזוי כוואַליעדיק, אַז זי האָט קוים געזען ווּו אַ פֿוס צו שטעלן.

ערב דער פֿויערישער חגא פֿון „דאַזשינקי” האָט דער מייסטער אין פֿאַבריק אָפּגעלאָזט די אַרבעטערס גלייך נאָכן מיטאָג־גלאָק. ס'איז געווען אַ וואַרעמער סוף־זומערטאָג. ווי נאַקעטע שטיקער לייב זיינען די פֿעלדער געלעגן אויסגעשפּרייט און זיך געבאָדן אין זונגאָלד. דאָס שוואַרץ פֿון דער ערד האָט אַזש געשימערט מיט דימענטיקן ליכט. דער גלאָק פֿון קאָשטשאָל פֿון „אַלע הייליקע” האָט אין באַטשאַני געקלונגען צום מיטאָגדיקן „אַניאָל־פּאַנסקי”. מוזיקאַנטן פֿון די דאָרפֿישע קאַפּעליעס האָבן געגרימפּלט ערגעץ ווייט און געסטרויעט זייערע פּרימיטיווע שפּיל־כּלים, זיך געגרייט אויף מאָרגן. פֿון די כאַלופּעס האָבן זיך צוזאַמען מיטן ריח פֿון געפּרעגלטן חזיר־פֿעטס געטראָגן הייטערע קולות פֿון קליין און גרויס.

בינהלע האָט, אַנשטאָט זיך צו קוויקן מיטן ליכט פֿון פֿולן טאָג, אַנשטאָט אויפֿגעהייטערט צו ווערן פֿון דער הייטערקייט וואָס האָט איינגענומען די כאַטעס, די וועגן און שטעגן, נאָך שטאַרקער געפֿילט די האַרבקייט אין האַרצן, דאָס נאָגעניש. זי איז נישט אַוועק אַהיים, נאָר איז פֿאַרקראָכן העט־העט, ביז צום בעריאָזע־וועלדל, צו די זומפּן ביים ברעג פֿון סטאַוו. זי האָט אַזוי לאַנג אַריינגעקוקט אין דעם וואַסער־שפּיגל, אַז עס האָט זיך איר געזומען אויסדאַכטן, אַז זי זעט קיילעלע דער כלהס אויגן אַרויסלייכטן פֿון דאָרט. זיי האָבן זי געלאָקט. די בעריאָזעס האָבן געשעפּטשעט אויף איר אויער מיט קיילעלעס קול:

„קום אַריין צו מיר...”

„קום אַריין צו מיר...” האָט זיך איר געדאַכט ווי זי הערט קיילעלען פּליס־

טערן. „ס'ט זיין מיין שוועסטערל... מ'עט צוזאַמען דאָ ליגן און דאָס וואַסער ט'אונדז ווייך צודעקן און מ'עט נישט זיין אַליין... אַז מען לעבט דאָרט אויבן, איז אַליינקייט ביטערער ווי דער טויט... און אַז מען איז טויט דאָ אונטן, איז אַליינקייט זיסער... ווי דאָס לעבן. קום, שוועסטערל, דאָ ט'דיר דאָס האַרץ מער נישט וויי טאָן און ד'וסט מער נישט פילן גאָרנישט... גאָרנישט".

בינהלע האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן, צעטומלט געוואָרן. „ביסט משוגע!" האָט זי אויסגעשריגן און זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק.

זי איז אַרויסגעלאָפן אויפן ברייטן טאָפּאָליע־וועג און אַרויסגעקומען גלייך ביי דער קוזשניע פון יואלן דעם שמיד. פויערים מיט פערד זיינען געשטאַנען אַרום פאַר דער שמידעריי. יואל האָט געקאָוועט פּאָדקעוועס. אָט האָט זי אים געזען נעמען אַ פלעשעלע „מאָנאָפּאָלקע" פון אַ פויער און אַריינגיסן זיך אַ בויגן בראָנפן אין אָפענעם מויל. זיין פּנים, די הענט און די קודלאָטע האָר זיינען געווען פון דעם זעלבן שוואַרצן קאָליר. אַזוי שוואַרץ איז אויך געווען זיין האַלדז און דער האָריקער ברוסטקאַסטן וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון צעכראַסטעטן, ממש שוואַרצן העמד זיינעם, בעת ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף צוריק און געזשליאָקעט דעם בראָנפן.

יואל דער שמיד איז געווען אַ מערדער פון זיין אייגן ווייב און קינדער און אַ מכשף, האָבן די באָטשאַנישע ייִדן געזאָגט. בינהלע האָט נישט מורא געהאַט פאַר אים. פאַרקערט. עפּעס האָט זי שטאַרק געצויגן צוצוקומען נענטער. אָט האָט ער געלאָכט מיט די פויערים אַ גראָב, הייטער געלעכטער, אַ הייס גע־לעכטער. ס'האָט זיך אַזש געגלוסט מיטצולאַכן. אפשר וואָלט ער געקאָנט אָפּטאָן אַ כישוף מיט איר? אָבער צו דעם וועט זי מוזן קומען אַן אַנדערש מאָל, נישט היינט. ווען ער וועט זיין אַליין, וועט זי אַריינגיין צו אים און אים בעטן... וואָס וועט זי אים אייגנטלעך בעטן? ווי אַזוי וועט זי אים קענען זאָגן וואָס איר נאָגט, אויב זי האָט זיך אַליין נישט געקאָנט זאָגן? יאָ, אָבער קודם וועט זי אים בעטן, אַז ער זאָל לאַכן... אָט דאָס זעלביקע געלעכטער וואָס ער לאַכט אַצינד.

זי האָט אָוועקגעשפּרייזט פון דער קוזשניע און ס'איז איר געוואָרן טאָפּלט סקוטשנע אויף דער נשמה. געווען אַ גאָר ווייטער וועג פון דאַנען אין שטעטל אַריין. זי וועט אָנקומען ערשט אויף דער נאַכט... אפשר קיין מאָל נישט. ס'איז איר געווען אַלץ איינס.

אָנגעקומען צום בלויען באַרג, האָט זי באַשלאָסן אַרויפצוקלעטערן און זיך אָנטרינקען מיט אַ ביסל וואַסער.

אַרויפגעקומען אויבן, האָט זי זיך פאַרהאַלטן. די פליגל פון דער מיל האָבן ריטמיש געסקריפּעט און זיך פּאַמעלעך געדרייט. די זון האָט שוין געהאַלטן ביים זעצן זיך. דאָ, פון דער הייך, האָט מען די זון געקאָנט זען אַ צעהאַלבטע אַריינ־זינקען אין האָריזאָנט, און די פליגל פון דער מיל האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן

זיך פֿאַרמאַסטן אָפּצומעקן די זון. זיי האָבן זי כּסדר פֿאַרשאָטנט, געלאָזט אויפֿטויכן און זי ווידער פֿאַרשאָטנט. און דאָ זײַנען די פֿליגל פֿון דער מיל גאָר געוואָרן ווי מעסערס, האָבן זיך אײַנגעשניטן אין לעצטן ברעקל זון, ביז עס האָט אויפֿגע־פּלאַצט און זיך פֿונאַנדערגעגאָסן איבערן הימל ווי אַ געלעכל פֿון אַן איי. איר פֿאַרעם איז נעלם געוואָרן.

אַצינד האָט דער גאַנצער הימל אויפֿן מערב געברענט מיט אַ פּורפּורליכט. דאָרט זײַנען געווען די פֿײַערן פֿון גיהנום, האָט מען געזאָגט אין באַטשאַני. אַ פּורפּורנער נייגער האָט זיך אַ צינד געטאָן אין בינהלען. זי האָט געוואָלט זען די פֿײַערן פֿון גיהנום. נישקשה, זי האָט נישט מורא געהאַט. ערגער ווי אַצינד האָט איר דאָך נישט געקאָנט זײַן. לכל־הפּחות זײַנען די פֿײַערן פֿון גיהנום געווען עפּעס נײַס... עפּעס אַנדערש.

אַרויפֿגעקומען אין ר׳ פֿײַוועלע מילנערס הויף, האָט בינהלע אַ זוך געטאָן די פּלומפּ מיט די אויגן — און האָט דערזען די מילנערקע, די לאַנגע צירעלען אַרויסקומען אויף דער וועראַנדע מיט אַ טאַץ הייסע, פֿאַרעדיקע „סטאָוניקעס״, זיי אָפּצוקילן אין דרויסן. צירעלע האָט געטראָגן אַ לאַנגע, געפּאַלדעוועטע ספּאָדניצע אונטערגעבונדן מיט אַ ווײַס שירצל, די בלוזע בײַם האַלדז אַרומגענומען מיט אַ הויכן קאַראַנקאַוון קראַגן, וועלכער איז פֿון פֿאַרנט געווען צעקנעפּלט. אירע אַרבל זײַנען געווען פֿאַררוקט ביז צו די עלנבויגנס און זי איז געווען באָרוועס.

בינהלע האָט ברייט פֿונאַנדערגעריסן די אויגן כּדי מיט זיי בעסער אײַנ־צושלינגען דאָס בילד פֿון דער הדרת־פּנימדיקער ייִדענע. צירעלע איז געווען פּראַכטיק אין איר צעוואַקסענעם געבוי, אין איר הייך, מיט דעם ברוין־קאַשטאַנאַוון שייטל־קאָקס אויפֿן קאָרק; דאָס גאָלד־בלויע ליכט פֿון אויסגייענדיקן טאָג האָט זיך געשפּיגלט אין איר דערוואַרעמט־שווייסיקן פּנים מיט אַ גליטשיקן אָפּשײַן. צירעלעס טונקעלע, פֿאַרשאָטנטע אויגן האָבן בינהלען אַדורכגענומען מיט אַ בליק וואָס האָט דערגרייכט ביז צום מאַרך פֿון די ביינער. ס׳האָט בינהלען אַזש פֿאַרפֿעלט אָטעם. „אוי, מאַמע...״ האָט עפּעס אַ כליפּע געטאָן אין איר האַרצן. „אָט אַזוי שיין ביסטע אפֿשר געווען... און איך האָב דיך קיין מאָל נישט געזען...״ כּדי זיך נישט צו צעוויינען, האָט זי גלײַך געמוזט אָפּרײַסן דעם בליק פֿון צירע־לען און צולויפֿן צו דער פּלומפּ וואָס זי האָט באַמערקט אין מיטן הויף.

„וואָס זוכסטע דאָרטן בײַ דער פּלומפּ?״ האָט צירעלע זאָכלעך אַ פֿרעג געטאָן פֿון דער ווײַטן, אויף פּויליש. מסתמא האָט זיך איר געדאַכט, אַז בינהלע איז אַ פֿרעמד שיקסל.

בינהלע האָט נישט געהאַט קיין מוט צו ענטפֿערן. אַנשטאָט דעם, האָט זי האַסטיק אַ דריי געטאָן מיט דער קאָרבע און אָנגעשעפּט וואַסער אין די דלאָניעס. דאָס וואַסער אויף אירע האַנטפֿלאַכן איז געווען בלוי, אַדורכגענומען מיטן ליכט פֿון בין־השמשות. זי האָט פֿאַררײַסן דעם קאָפּ און געזען אַ פּאָר בלײַכע, קוים

אַנזעעוודיקע שטערן איפן הימל. אַצינד האָט אַ בלייכע לבנה זיך געוויגט אויף די פליגל פון דער מיל, ווי אַ באַלעם וואָס איין פליגל האָט איבערגעגעבן דעם אַנדערן. בינהלע האָט אָפּגעטרייסלט די הענט און מיט זיי פּייכט געמאַכט דאָס פּנים און די האָר איבערן שטערן.

די מילנערקע איז צו צום ראַנד פון דער וועראַנדע און מיט אַ בייג פון קאָפּ אַ רוף געטאָן בינהלען. בינהלע האָט זיך אומזיכער דערנענטערט צו איר, אויס־מיידנדיק צו קוקן איר אין פּנים. דאָ, מיט אַ מאָל, האָט זיך איר אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט פון דעם נישט־געוויינטלעך באַטעמטן ריח פון די יאַגדע־קיכלעך, די „סטאָוניקעס", וואָס האָבן לייכט געפּאַרעוועט אויפן טישל אויף דער וועראַנדע.

„וואָס זוכסטע דאָ?" האָט די מילנערקע ווידער אַ פרעג געטאָן אויף פּויליש.

בינהלע האָט אַראָפּגעשלונגען די סלינע וואָס האָט איר פול געמאַכט דאָס מויל — צוליב דער נאָענטקייט סיי פון דער מילנערקע, סיי פון די „סטאָוניקעס". די „סטאָוניקעס" און די מילנערקע האָבן געהאַט דעם זעלבן ריח און בינהלע האָטביידע צו גלייך געוואָלט פאַרשלינגען.

זי האָט אַרויסגעפּרעפּלט אויף יידיש: „כ'האָב געוואָלט אַ טרונק..."

צירעלע האָט זי באַטראַכט מיט אַ שאַרפן בליק: „פון שטעטל קומסטע? אַצינדער? וועמעס ביסטע דאָס?"

בינהלע האָט איר געזאָגט וועמעס זי איז און ווי כּדי אויפצוהייטערן צירעלען האָט זי צוגעגעבן: „מאַרזעפּע רופט מען מיך".

דערהערט יאָסעלע אַבעדאַלעס נאָמען, האָט די מילנערקע, נישט בייטנדיק דעם זאַכלעכן, שטרענגן טאָן, אַ זאָג געטאָן: „ווי איז מיר געשריגן! אַליין ביסטע פאַרבייגעגאַנגען די קרעטשמע, פּונקט אַצינדער, ווען שיכּורים וואַלגערן זיך אין דרויסן ווי די נישט־גוטע? און דעם צמענטאַזש אויך? די גויִשע מתים האָבן דאָך דיר געקאָנט גאָט ווייסט וואָס אָפּטאָן. אַראָפּ פון זינען ביסטע, צי וואָס?"

בינהלע איז שוין גרייט געווען איר צו זאָגן, אַז זי איז געקומען דורך די זומפּן, דעם בעריאָזע־וועלדל, דער קוזשניע, אָבער זי האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז אַזאַ באַרימען זיך וואָלט צירעלען נישט אויפגעהייטערט. האָט זי בלויז אַ שטאַמל געטאָן: „כ'האָב נישט קיין מורא". אירע בליקן האָבן זיך צוגעקלעפּט צו דער גלאַנציקער סקאָרינקע פון די „סטאָוניקעס". מיט כּוח האָט זי זיי געמוזט אָפּרייסן פון דאָרט און אַריבערטראָגן אויף דער לאַנגער צירעלעס ספּאָדניצע.

„כ'בין נישט קיין קינד", האָט זי צוגעגעבן.

„טאָקע דערפאַר האָסטע יאָ געמעגט מורא האָבן. אַזאַ מויד ווי דו... ווי אַלט ביסטע?"

בינהלע האָט געצויגן מיט די אַקסלען: „כ'ווייס נישט".

די פאַלדן פון צירעלעס ספּאָדניצע האָבן זי געלאָקט, זי זאָל צוקומען נעג־טער... נענטער. אָט איז איר בליק ווידער אַ פאַל געטאָן אויף די „סטאָוניקעס".

זיי האָבן זי אויך געצויגן צו זיך, גערופן, היפּנאָטיזירט. „דערלאַנג מיר אַ סטאָוניק... דערלאַנג מיר כאָטש איין ביסן פון אַ סטאָוניק... און לאָז מיך דיך אַרומנעמען פאַר די פאַלדן פון דער ספּאָדניצע...״ האָט זי אינעווייניק, אין זיך, מתפּלל געווען. זי האָט אָנגעשטרענגט דעם גאַנצן כּוח פון ווילן, ווי זי וואָלט זיך פאַרמאָסטן איבערצוגעבן דער מילנערקע איר בקשה מיטן געדאַנק. איר מויל איז ווידער געווען פול מיט סלינע.

אַלץ אין איר איז הויל געוואָרן — און האָט געצויגן מיט אַזאַ הונגער, אַז זי איז שיִער נישט גרייט געווען זיך אַ וואַרף צו טאָן אויף דער הייסער טאַץ, אויף צירעלען — און שלינגען... שלינגען.

אָבער אַ מוח און אַ בויך האָבן סוף־כּל־סוף קיין פענצטער נישט און צירעלע האָט אַפילו מיט אירע שאַרפע אויגן נישט געקאָנט זען וואָס אין בינהלען האָט זיך אָפּגעטאָן. דערפאַר האָט זי גאָר אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו דער אָפענער טיר הינטער זיך און אויסגערופן אין שטוב אַריין: „יעקב, קום נאָר אַרויס!״

אויפן גאַניק האָט זיך באַוויזן אַן אויסגעצויגענער בחור אין בלויזן העמד, די אַרבל און די נאַגאַוויצעס פון די הויזן פאַרוויקלט אַרויף, דער טלית־קטן קרום פאַרקנייטשט אונטער די שעלקעס. זיין פּנים איז געווען מאַט־ברוין און די אויגן פון אַ וואַרעמען האָניק־קאָליר. צוויי שטאַרק פאַררינגלטע פּאות האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון זיין געקרייזלטן קאָפּ האָר אונטערן קאַפּעלע, ווי לאַנגע ברוינע רערלעך, און כּמעט געגרייכט ביז צו זיינע אַקסלען. בינהלע האָט גלייך דערקענט אין אים הינדעלע דער אַלמנהס זון. ביי דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ באַרוועס, פּעטינקע ייִנגעלע, אַ שוואַרץ־חנעוודיקס. דער קליינער האָט געשמאַק געקייט אַ וואַרעמען „סטאָוניק״. דאָס גאַנצע קיילעכדיקע פּנימל זיינס איז געווען רויט־בלוי, פאַרשמירט פון יאַגדעטייג. די צוויי שוואַרצע פאַרזשמורעטע אייגלעך האָבן נחתדיק־שקאָציש געלאַכט און געפינקלט — אויך ווי צוויי גרויסע יאַגדעס.

„גיי און פיר זי צוריק אין שטעטל אַריין!״ האָט צירעלע אַ באַפעל געטאָן יעקבן און מיט דער גאָמבע אָנגעוויזן אויף בינהלען. „און נעכטיק שוין איבער אין דער היים״, האָט זי צוגעגעבן. „אַבישט קאָנסטע נאָך אויפן וועג צוריק מיט־שלעפן אַהער עפּעס אַן אָנשיקעניש פון צמענטאַזש, ביי נאַכט. ווייניק צרות האָט מען פון די לעבעדיקע גויים... דאַרפט מען זיך נאָך רייצן מיט די נשמות פון די טויטע?״ זי האָט אָנגעשטעלט איר טונקעלן בליק אויף בינהלען און איר אָנ־געזאָגט: „קיין מאָל זאָלסטע דיך נישט דערוועגן צו קומען אַהער אַליין, נאָך דעם ווי די זון זעצט זיך״. און ווי זי וואָלט עפּעס אַרויסגעלייענט פון בינהלעס פּנים, האָט זי צוגעגעבן אין אַ וואַרעמערן טאָן: „אַז מ׳גייט אין צווייען איז עפּעס אַנדערש״.

בינהלע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און שוין האָט זי זיך געטראָגן

בארג־אראפּ. נישט זי האָט געטראַכט נאָך אַ מאָל אַרויפצוקומען אַהער, און נישט זי האָט געבראָכט אַ באַגלייטער זי פאַרבייצופירן דעם צמענטאַזש, ווי זי איז מער ווי איין מאָל פאַרבייגעגאַנגען נאָכן זון־אונטערגאַנג און ס׳איז איר גאָרנישט געשען. ווען דאָס וואָלט נישט געווען צירעלע די מילנערקע, וואָלט זי דאָס איר געזאָגט גלייך אין פּנים אַריין. אָבער צירעלען האָט זי נישט געהאַט קיין האַרץ אַנטקעגנצוזויידן. צירעלע איז געווען אַזוי אַ טעם־פאַרכאַפּנדיק פּראַקטיק! אויסער דעם, האָט דאָך דער טאַטע אַהיימגעבראַכט פון צירעלעס מאַן, פון ר׳ פייוועלען, די טיטלעך מעל אָפּצוקאָכן אַ ביסל לאָקשן מיט יויך אויף שבת.

אויפן וועג אַראָפּ פון באַרג האָט בינהלע געקאָנט אויפכאַפּן דעם יינגעלעס געוויין אויבן און אַ ווייטן אָפּקלאַנג פון צירעלעס רייד. אָבער ווי נאָר זי איז אַרויף אויפן ברייטן טאָפּאָליע־וועג און אָנגעהויבן צו שפּרייזן, האָט זי אָן זיי פאַרגעסן. זי איז ווידער געווען אַליין מיט איר משונהדיקן טרויער, וועלכער איז אַצינד געווען נאָך בייסיקער, נאָך ווייטיקדיקער — און ער האָט אָנגעטריבן טרערן אין די אויגן.

פונאַנדערגעלאָזט אין דעם גרויסן געוויין, האָט זי אומווילק אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו דער זייט און דורך דעם וואַסערדיקן נעפּל אין די אויגן באַמערקט יעקבן שפּרייזן לענג־אויס דעם זייטיקן גראָבן, פאַזע דער רייע טאָפּאָליעס אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט פון וועג. זי האָט זיך נישט געשעמט און נישט אויפגעהערט צו כליפּען, פּונקט ווי ער וואָלט נישט געווען דערביי. ער איז זי נישט אָנגעגאַנגען.

ווי האָט זי געקאָנט אַצינד אויפהערן צו וויינען, ווען אין איר האָט אַלץ אַזוי יסורימדיק געגאָגט; אַזאַ צעוווּנדיקטע הוילקייט האָט געצויגן, געראָפן, געהונגערט צו עפּעס אַ טעם, וואָס איז איר נישט באַשערט געווען... צו אַ חסד וואָס איז איר נישט באַוויליקט געוואָרן טועם צו זיין. דערצו איז זי געווען אויפן וועג צוריק קיין באַטשאַני, דעם שטעטעלע דעם פאַרזונקענעם אין חושך... באַטשאַני אָן באַטשאַנעס... מיטן לאַנגן, קאַלטן ווינטער וואָס וועט בקרוב קומען און דער פראָסט מיט דער אייזיקער בלאָטע וועלן אַריינקריכן אין אירע געלעכערטע שיך און אָפּפרירן די פיס, ווי אַ צוגאָב צו איר געפרווירענער נשמה.

ווידער איז קיילעלע די כּלה געקומען אויף בינהלעס געדאַנק. בקרוב וועט קיילעלעס נשמה אַרויסקומען פון סטאַוו און אַנהייבן זוכן אירע שפּורן אונטערן שנײַ. זי וועט זיך צעוואַנדערן יעדער נאַכט איבערן שטעטל, אַריינקוקן אין די שטיבער דורך די געפרווירענע פענצטער און זיך אויסזוכן אַ מיידל מיט וועמען איבערצונעכטיקן. דאָ איז בינהלען אײַנגעפאַלן, אַז זי און קיילעלע זיינען אפשר טאַקע געווען איינס. אַז דאָס איז איר אייגענע נשמה אַרומגעגאַנגען זוכן אַ צווייטע נשמה מיט וועמען איבערצונעכטיקן; אַז זי אַליין איז דאָרט געלעגן, אין סטאַוו, אַ דערטרונקענע. דאָס איז מסתמא געווען די סיבה פאַר וואָס זי,

בינהלע, האָט געפילט, אַז זי איז געקומען אויף דער וועלט מיט עפּעס געפּרווירנס אין זיך. אַפילו אין די גרעסטע היצן האָט זי דאָך געפילט אָט די אינערלעכע קעלט.

זי האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם משונהדיקן געדאַנק. זי איז נישט געווען קיילעלע די כלה. קיילעלע די כלה איז געווען אַ מעשׂה־בהמה. קיילעלע האָט געהאַט אַ פּאָר גוטע, נייע שיך — און איז אַרויסגעלאָפן באָרוועס אין שניי, אַרויסגעלאָפן פון אַ וואַרעמער, איינגעהייצטער שלאָפשטוב, פון אונטער אַ וואַרע־מען איבערבעט, און פון אַ שיינעם חתן דערצו — און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין געפרווירענעם סטאַוו. אַליין זיך אַ מעשׂה אָפּגעטאָן, אָן אַ שוחט, אָן אַ חלף. דערפאַר האָט מען דאָך טאַקע געזאָגט, אַז קיילעלע איז געווען חסר־דעה, אַראָפּ פון זינען נעבעך. „וואָס בין עך משוגע, מיך צו פאַרגלייכן מיט קיילעלען?" האָט זי זיך געשטראָפט. „קיילעלע איז געווען צעבאַלעוועט, אָט וואָס. פון שוויל־טאָג איז זי משוגע געוואָרן און האָט זיך ס'לעבן גענומען. איך בין נישט צעבאַלע־וועט. אַלץ וואָס איך וויל... וואָס איך וויל..."

מיט אַ מאָל האָט זי אין איר שלוכצן אויפגעכאַפּט דעם קלאַנג פון אַ קול: „זע נאָר... קיק נאָר וואָס עך האָב דאָ אויף דער האַנט".

זי האָט זיך דערמאַנט אָן יעקבן. זיין קול איז דאָס געווען. זי האָט אויטאָמאַ־טיש אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו אים און דורך די טרערן און דעם פאַרנאַכטיקן גרוי געוואָרפן אַ בליק אויף זיין דלאָניע וואָס ער האָט געהאַלטן אָפן פאַר אירע אויגן. זי האָט גאַרנישט געזען אויסער דער ווייסקייט פון זיין האַנט. האָט זי אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען. אפשר האָט ער גאָר אָפּגעחוזקט פון איר?

זיין קול האָט זי דערמוטיקט: „זעסט נישט, אָט דאָ, אויפן פינגער?"

זי האָט דערזען. „אַ שניי... שניידער... ווע... ווענצל", האָט זי מיט אַ כליפּע אַרויסגעהעשעט.

„יאָ", ער האָט זיך געהאַלטן מיט אַ טראָט דערווייטערט פון איר. „דעם רבונו־של־עולמס בהמהלע רופט מען אַ שניידער־ווענצל. ס'האָט געהאַלפן לעשן דאָס פייער פון בית־המיקדש. נאָ... נעם עס. אפשר ט'עס קענען לעשן דאָס פייער פון... פון דיין עגמת־נפש". זי האָט נישט געוווּסט וואָס ער וויל פון איר האָבן און האָט נישט אויסגעשטרעקט די האַנט נאָכן שניידער־ווענצל. האָט ער עס אַראָפּגעשנעלט מיט די פינגער פון דער דלאָניע און זי אָנגעקוקט ווי ער וואָלט דערוואַרט זי זאָל זיך אָפּרופן. לסוף האָט ער אַ פרעג געטאָן: „וואָס ווייסטע עפּעס דעם גאַנצן וועג?" אַז זי האָט נישט געענטפערט, האָט ער צוגעגעבן: „מיין מאַמע זאָגט, אַז אַפילו ווען מען זעט דאָס קבר אָפן, טאָר מען נאָך אַלץ נישט אויפהערן צו האָפן".

ער איז געווען זיכער, אַז ער מעג אויף איר קוקן... אַ מיידל, אַ קינד נאָך... און ער האָט זי געדענקט פון ווען זי איז נאָך געווען אַ קליינינקע...

דורך די טרערן האָט זי אים באַטראַכט פון דער זייט. אין דעם קאַרגן פאַר־נאַכטיקן ליכט האָט זי באַמערקט, אַז ער טראָגט אַצינד אַ דריי־פּערטלדיקע איבעצע. זיינע פּאות האָבן שאָטנדיק אַראָפּגעבאַמבלט פון אונטער אַ צעקנאָ־דערט אויסגעקרימט היטעלע. צוליב זיין אומגלייך־שפּראָצנדיקער באָרד האָט זיין פּנים אויסגעזען ווי פון צוויי מינים ווייס, אַ העלערן און אַ טונקעלערן. זיינע אויגן, וואָס זייער שטילן, ערנצטן בליק איז נישט מעגלעך געווען אויסצו־מיידן, האָבן אויסגעזען שוואַרץ.

אַן אַנדערש מאָל וואָלט איר נישט געקומען אויפן זינען זיך אַריינצולאָזן אין אַ שמועס מיט אים. וואָס האָבן זי אינטערעסירט בחורים? וואָס פאַר אַ מגע־ומשא האָט זי געהאַט מיט זיי? פאַר איר זיינען זיי געווען פרעמדע, טונקעלע שאָטנס וואָס האָבן פאַראַדירט אויפן הינטערגרונט פון באַטשאַני. זיי זיינען געווען גאָרנישטן שבגאָרנישטן. נישט זיי האָבן געלעבט און נישט זיי זיינען געווען טויט. דאָס גאַנצע פּעליקע יאָר זיינען זיי געזעסן פאַרשטעקט אין די בתי־מדרשים און שטיבלעך, אין די ווינקעלעך פון די טוכלע כאַלופּעס, די גנז איינגע־גראָבן אין די ספרים און זיך געשאָקלט איבער זיי ווי קוקלעס; אָדער זיי האָבן זיך געקאָכט און געפּאַכעט מיט די לאַנגע הענט איינער צום אַנדערן און זיך געשפּאַרט איבער נישט־געשטויגענע זאַכן וואָס זיי האָבן איינער דעם אַנדערן אויפגעוויזן אויף די ספרים־בלעטער, טייטלענדיק מיט די אויסגעצויגענע, ביינער־דיקע פינגער. נאָר אַ שׂימחת־תּורה, צי אַ פּורים האָבן זיי אַרויסגעוויזן סימנים פון לעבן.

לויט איר, לויט בינהלען, האָבן די בחורים געהערט צו לגמרי אַן אַנדערן מין צווייפיסיקע באַשעפענישן, אומגעלומפּערטע ברואים וואָס עס איז מיט זיי געווען ווייניקער אינטערעסאַנט צו פאַרברענגען ווי מיט פירפיסיקע חיות. גרינגע גאַנערס זיינען זיי געווען — אָט וואָס. איין אויסנאַם איז נאָר פאַראַן געווען צווישן זיי: איר ברודער הערשעלע, וועלכער איז געווען אין דער ישיבה אין כוואָסטי, און וועגן וועמען זי האָט אַ סך מאָל געטראַכט. הערשעלע האָט לכל־הפּחות געהאַט שטאַרקע הענט און ער האָט געקאָנט פאַרטראָגן ווייטיק און נישט אַרויסלאָזן קיין פּיפּס. הערשעלע איז סתּם געווען גאָר עפּעס אַנדערש.

אָבער היינט איז איר געווען אַלץ איינס. היינט וואָלט זי אַפילו פאַר אַ שטיין גרייט געווען צו עפענען איר איבערפולט האַרץ. און זי האָט מיט שטאַמלענישן, אַ צעכליפּעטע, געגומען דערציילן יעקבן ווי ענג די וועלט איז איר, אַז זי האָט נישט צו וואָס און פאַר וואָס צו לעבן אין באַטשאַני, אַז זי וויל אַוועק וואוהין די אויגן וועלן זי טראָגן. און אַז זי האָט אַרויסגעבראַכט פון זיך וואָס זי איז בכוח געווען אַרויסצוברענגען, האָט זי זיך אָפּגעגעבן דעם געוויין. אַצינד האָט זיך געווייַנט גלאַטיקער, געשמאַקער. געווען אַפילו אַ שמץ פון אַן אַנגענעם געפיל

אין אַט דעם ווײַנען אַצינד — ווי דאָס געפּרווירעוועע אין איר וואָלט זיך אַ ביסל אָנגעהויבן צעשמעלצן.

נאָך אַ לאַנגער צײַט פון שווײַגן, האָט זי ווידער פאַרנומען יעקבס קול, אָפּגעהאַקטע סאַמעטן־ווייכע קלאַנגען האָבן זיך דערטראָגן צו איר אויער. זי האָט געמוזט ווײַנען אַ ביסל שטילער, כּדי זיי צו דערהערן.

„איך... מיך...״ האָט זי דערהערט ווי ער זאָגט, „טייל מאָל באַפאַלט מיך אויך אַ גלוסטעניש... אַוועקצולאָזן זיך פון דאַנען״.

זי האָט אויפגעהערט צו כליפּען אויף אַ רגע און אים אָנגעקוקט מיט וואַסערדיקע אויגן: „וואַהין?״

„כ׳ווייס אַליין נישט וואַהין... סתם... כ׳קלער...״

די לבנה איז איצט געשטאַנען איבער זייערע קעפּ. פון בײדע זייטן וועג האָבן זיך געצויגן די טאָפּאָליעס, זייערע לאַנגע שאָטנס, ווי שוואַרצע מויערן. צווישן זיי איז געפלאָסן דאָס לבנה־ליכט ווי אַ טײַך צווישן שוואַרצע ברעגעס. בינהלעס און יעקבס שאָטנס האָבן זיך געוויגט איבערן פליסנדיקן זילבער ווי שוואַרצע זעגלען איבער אַ וואַסערוועג וואָס האָט געפירט אַהין... וווּ עס האָט געצויגן זיך אַוועקצולאָזן. אין דער שטילקייט דער אַדורכגעזאַפּטער מיט שאַרפע ריחות פון די פעלדער האָבן לייכט אָפּגעהילכט זייערע ביידנס טריט. אַ ווינט האָט קוים־קוימיק געשורגעט אין די טאָפּאָליע־צווײַגן.

יעקבס קול האָט ווידער אַ פלאַטער געטאָן פאַרבײַ בינהלעס אויער. „כ׳קלער׳, האָט ער זינגעוודיק געפליסטערט, „אַז כ׳על מיר אָנזאַמלען אַ פּאָר רובל, אַרויסלאָזן זיך קיין כוואַסטי, קויפן מיר אַ באַנבילעט און אַרײַנפאָרן מיט דער באַן קיין לאָדזש, למשל״.

„פאַר וואָס קיין לאָדזש למשל?״ האָט בינהלע געפרעגט.

„ווײַל... לאָדזש איז נענטער ווי אַמעריקע״.

„אַמעריקע?״

„יאָ... ס׳ט נישט געהערט פון אַמעריקע? אַ מדינה מעבר־לים״.

„יאָ, כ׳האָב געהערט. זי געהערט צו די ייִדן?״ איז בינהלע נײַגעריק געוואָרן.

„ביין... זי געהערט צו די אַמעריקאַנער״, האָט ער אויפגעקלערט.

„און פּאָלסקאָ געהערט אויך נישט צו די ייִדן?״ האָט זי נישט פאַרשטאַנען.

„און דער מאָסקאַל אויך נישט, טאָ וואָס געהערט צו די ייִדן?״

„מען זאָגט פּוילן, נישט פּאָלסקאָ, ד׳ווייסט גאַנץ גוט. אויף פּויליש איז פּאָלסקאָ״, איז ער געלאָסן אָנגעגאַנגען. „און ׳דער מאָסקאַל׳ רופט מען די רוסן. זייער לאַנד הייסט ראַסיי. און ד׳ווייסט גאַנץ גוט, אַז ייִדן האָבן אַ מאָל געהאַט אַן אייגן לאַנד, ארץ־ישראל, און יעצט האָבן זיי מער נישט קיין לאַנד און זענען אין גלות, ביז משיח ט׳קומען און אַלע ייִדן ׳עלן זיך אומקערן אַהיים״.

און ווײַל יעקב האָט גראַד געהאַלטן אין מיטן לייענען דאָס ערשטע נישט־

הייליקע ספר וואָס האָט געהייסן „אהבת־ציון”, וואָס ער האָט גענומען ביי ר׳ פּייוועלען פון דער ספרים־שאַפע, און ער האָט זיך אַזוי איינגעליבט אין דער העלדין פון דעם ספר, אין תּמרן, אַז ער האָט פון איר געחלומט ביי נאַכט, האָט ער איצט גענומען מאָלן פאַר בינהלען די לאַנדשאַפטן פון יענעם ווייטן תּנכישן לאַנד ווו אַלץ האָט אויסגעזען אַנדערש ווי דאָ... און איז דאָך געווען נאָענט און היימיש.

בינהלע איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין מעשׂה און געלאָזט יעקבס קול גלעטנ־דיק אַריינפליסן אין איר אויער. לסוף האָט זי אים געפרעגט: „טאָ פאַר וואָס ווילסטע נישט קראַנטער פאָרן קיין ארץ־ישׂראל, נאָר ד׳ווילסט פאָרן קיין אַמעריקע?”

„ווייל אין אַמעריקע, זאָגט מען, שאַרט מען גאָלד אין די גאַסן. און איך מוז קודם־כּל העלפן מיין מאַמען און די שוועסטערס”. ער האָט שטיל אויפגעלאַכט. „אָבער כּדי אַנצוקומען אַהין מוז מען פריִער דאָ אָנשאַרן אַ ביסל גאָלד, אויף שיפסקאַרטן. דערפאַר וויל עך קראַנטער פאָרן קיין לאָדזש. קיין לאָדזש דאַרפט מען בלויז אויף אַ באַנבילעט”.

„אין לאָדזש שאַרט מען אויך גאָלד אין די גאַסן?” האָט בינהלע געפרעגט.

„אַזוי האָב עך געהערט. וואָס מיינסטע הייסט שאַרן גאָלד אין די גאַסן? גאָלד איז דען ווי מיסט? מ׳גייט אַרום מיט אַ בעזעם און מ׳שאַרט עס צוזאַמען? ניין. נאָר לאָדזש איז אַ וועלטשטאָט. ס׳זענען דאָרט אויפגעקומען אַ סך פאַב־ריקן און מ׳זוכט דאָרט מענטשן צו דער אַרבעט ממש מיט ליכט”.

בינהלע האָט זיך פאַרקרימט. איר נייגער האָט אויסגעוועפּט. „נישט ביי מאַטיען!” האָט זי פאַרביטערט אויסגערופן. „כ׳על נישט אַרבעטן אין קיין שום פאַבריקן־שמאַבריקן, אַפילו נישט פאַר קיין גאָלד!” זי האָט אַנטשלאָסן אַ וואָרף געטאָן די צעפּ אויף הינטן.

„פאַר וואָס נישט?” האָט ער געפרעגט.

„פאַר דערפאַר!” האָט זי זיך צעבייזערט. „כ׳שטעל מיר שוין פאָר די גרויסע גליקן! אַז מען זעצט דיך אַריין אין אַ קרימינאַל, איז כאָטשבי פאַר עפּעס. אַ פאַבריק איז פונקט ווי אַ קרימינאַל און מען זעצט זיך דאָרט אַליין אַריין, פאַר גאָרנישט!”

זי האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף אים. וואָס האָט זי עפּעס אויסגע־לאָזט איר כּעס צו אים? פאַר וואָס האָט זיך איר אַזוי געגלוסט צו שרייען און זיך צו בייזערן אויף אים? ער האָט זי נאָך געקאָנט לאָזן דאָ אין מיטן וועג און צוריקגיין. — טאָ וואָס? זאָל ער, זאָל ער! זי האָט געמוזט זיך אויסשרייען.

אַז זי האָט זיך אויסגעלאָדנט פון דעם פלוצעמדיקן כּעס, האָט ער זיך דערנענטערט צו איר אויף אַ האַלבן טראָט און שטיל אַ פרעג געטאָן. „ד׳אַר־

בעטסט אין דער פּליוש־פאַבריק, הע? ס׳טע אפשר געהערט דאָרט פון אַ חברה וואָס רופט זיך 'אחדות'?"

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און שפּאָטיש אויפגעלאַכט. „יאָ, וואָס הייסן זיי עפּעס אַכט־דאָס און נישט ניין־דאָס, צי צען־דאָס?"

„אחדות מיינט אַלע ווי איינער", האָט יעקב אויפגעקלערט. בינהלעס חוזק־דיק געלעכטער האָט אים נישט אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט. ער איז גאָר ערנצטער געוואָרן. „כ׳האָב געהערט דערוועגן פון אַ חבר. די אחדותניקעס ווילן אַראָפּוואַרפן דעם צאַר ניקאָליי".

„ס׳דען!" האָט זי נאָך העכער געלאַכט. „ס׳איז דען אַ וווּנדער? אַז מען זיצט אָפּ אין דער פאַבריק דעם גאַנצן פעליקן טאָג, קומען משוגענע זאַכן אין קאָפּ אַריין. וואָס ווילן זיי עפּעס מיצקע דערינגען אַראָפּוואַרפן דעם צאַר ניקאָליי, הע, אפשר קענסטע מיר זאָגן?"

„ווייל דער צאַר ניקאָליי האַלט פאַרשקלאַפט גאַנץ ראַסיי און פּוילן אויך".

„נו, טאָ וועמעס עסק איז דאָס? האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז ראַסיי און פּוילן איז נישט אונדזער לאַנד. זאָלן די גויים אים וואַרפן, אויב ז׳ווילן".

„ס׳איז יאָ אונדזער לאַנד", האָט יעקב איר מיט הארץ דערווידערט. „ווו איינער ווערט געבוירן און ווו ער לעבט און אַרבעט דאָרט איז זיין לאַנד. און אונדז ייִדן לעבט מען שוין דאָ סך דורות. ר׳ פּיוועלע מילנער זאָגט, אַז שוין באַלד טויזנט יאָר".

„און ארץ־ישראל?" האָט זי אים אָנגעקוקט.

ער האָט זיך ברייט צעשמייכלט: „דאָס איז פאַר משיחס צייטן. דערווייל איז מען דאָ, און מען דאַרף דאָ האָבן אַ שטיקל ברויט... און מען דאַרפט מנוחה".

„דערפאַר ווילסטע פאָרן קיין לאָדזש אַרבעטן אין אַ פאַבריק? דאָס הייסט מנוחה ביי דיר?" האָט זי אויסגערופן מיט שפּאָט. „נישט צו וויסן פון קיין לעבן, הע?" ער האָט איר געוואָלט ענטפערן, אָבער זי האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. „איך, זעסטע", האָט זי אויסגערופן. „בין דיר מוחל די וואַזשנע גליקן! אַ משרת וויל עך זיין. כ׳קאָן גוט זיין אַ משרת, פאַרלאָז דיך אויף מיר. כ׳קאָן איינדעמפן פליישן און מאַכן אַ געבראַטנס. כ׳קאָן צוגרייטן אַ טשאָלנט, אַ יאַפּצאַק מיט אַ קוגל. כ׳קאָן מאַכן געהאַקטע לעבערלעך, אַ גאַלער, זכר־אַרבעס, אַ מערן־צימעס. כ׳קאָן דיר אָפּשייערן אַ פאַדלאָגע זי זאָל זיין ווייס ווי קרייד. כ׳קאָן אָפּשייערן ראַנדלעס און בעקנס און בראָטפאַנען, אַז ז׳זאָלן בלישטשען פונקט ווי ניי. קאָנסט פרעגן דער רופאטעס משרת, אַן אומגליק אויף איר קאָפּ, ווי זויבער די טעפּ זענען ביי איר געווען. און מער, זאָגסטע, איז אין לאָדזש נישטאָ ווי בלויז פאַבריקן?"

„אוודאי איז דאָ מער", האָט ער רויִק געענטפערט. „ס׳אָ וועלטשטאָט מיט טויזנטער מענטשן".

„קאָן דאָך עמעץ ברויכן אַ משרת אויך".

„אַוודאי, בעלי־בתים פון פאַבריקן ברויכן משרתים".

„טאָ ווען פאַרסטע?" איז זי ווידער פאַראינטערעסירט געוואָרן.

„דערווייל פאָר עך נישט. כ'האָב מיך פאַרדונגען אויף דער שטעלע דאָ. כ'העלף אַרויס אין דער מיל. כ'לערן מיט ר' פייוועלעס יאַטלעך. כ'קריג אַ פּאָר קילאָ מעל אַ חודש אַהיימצונעמען און כ'גיי נישט הונגעריק אויכעט נישט".

„האָסט דאָך ערשט געזאָגט, אַז ד'ווילסט יאָ פאָרן!" — ווי האָט זי געקאָנט דערגיין אַ טאָלק מיט אים און פאַרשטיין די אַלע זאַכן, אַז איין מאָל האָט ער געזאָגט איינס און באַלד דערנאָך געזאָגט דאָס פאַרקערטע? ער איז איר וואָס אַ מאָל ווייניקער געפעלן, אָט דער אויסגעצויגענער בחור ביי איר זייט. פונקט אַזאַ בטלן ווי די איבעריקע בחורים איז ער געווען.

„כ'האָב געזאָגט, אַז עס גלוסט זיך מיר טייל מאָל..." האָט יעקב געפּרוווט איר קלאָר מאַכן. „אָבער כ'האָב מיך פאַרדונגען".

„טאָ וואָס? קאָנסטע נישט אַנטלויפן? וואָס ביסטע, אַ פערד און וואָגן? אַ פערד און וואָגן דינגט מען. און ביז ווען ס'טע דיך אַזוי פאַרדונגען?"

„עס ווענדט זיך אין ר' פייוועלען".

„און אין דיר גאָרנישט?"

„ניין, מיר איז דאָ גוט".

זי האָט זיך פאַרקרימט. ערשט האָט ער געזאָגט, אַז אים ווילט זיך טייל מאָל אַוועק, און דאָ זאָגט ער, אַז עס איז אים דאָ גוט. „וואָס איז דיר אַזוי גוט?" האָט זי געפרעגט מיט חוזק אין קול.

„ס'איז מיר... און ר' פייוועלעס יאַטל, אַבראַשקע... ס'ט געהערט ווי ער האָט געוויינט ווייל כ'בין אַוועק מיט דיר? כ'קאָן אים נישט לאָזן אַזוי מיצקע דעריי־נען אויך נישט".

„פאַר וואָס נישט?"

„כ'האָב אים גערן, דעם קליינעם. כ'בין צוגעבונדן צו אים ווי ער וואָלט מיר געווען אַ ברודערל".

„אָבער ר'איז דאָך נישט, טאָ וואָס ביסטע צוגעבונדן צו אים, הע? און אַפילו אַז מ'האָט אַ ראַכטיקן ברודער, מוז מען אויך נישט זיין צוגעבונדן. איך בין נישט צוגעבונדן צו קיינעם!" האָט זי אויסגערופן מיט אַ ביטערן שטאָלץ.

„אַפילו נישט צו דיין טאַטן?" זי האָט געצויגן מיט די אַקסלען און ער האָט פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן: „וואָסי, האָסט דען נישט ליב דעם טאַטן?"

„ווער זאָגט, אַז כ'האָב נישט? אָבער כ'קאָן אַוועקפאָרן פון אים ווו דער פעפער וואַקסט. אפשר בין עך צוגעבונדן צו מענדלען און גנענדלען, אָבער כ'קאָן פון זיי אויך אַוועקפאָרן. פאַר וואָס קאָנסטע נישט אַוועקפאָרן פון אַבראַשקען?"

„ווער איז מענדל און גנענדל?" האָט ער געפרעגט.

„מיינע באָטשאַנעס".

„ס'איז נישט דאָס זעלבע..."

„ס'איז נישט דאָס זעלבע..." האָט זי פּאַמעלעך איבערגעחזרט און זיך פאַרטראַכט.

זי האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם אויף גאָר אַ נייעם אופן. מענטשן זיינען געווען צוגעבונדן איינער צום אַנדערן און דאָס האָט באַטייט, אַז זיי האָבן זיך ליב געהאַט. זי האָט געמאַכט אַ נייע אַנטפּלעקונג וועגן זיך: זי האָט געהאַט אַ טאָפּלטן מום. נישט נאָר האָט זי נישט געוווסט פאַר וואָס מענטשן האָבן מורא פאַר זאַכן, וואָס זי האָט נישט קיין מורא, נאָר זי האָט אויך נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי זיינען אויסן געווען מיט דעם גאַנצן ענין פון ליב האָבן, פון זיין צוגע־בונדן.

כדי זיך צו באַפרייען פון דעם אומאַנגענעמען געפיל, האָט זי אויסגערופן מיט רוגזה: „טאָ פאָר עך אַליין!"

„וו'עסטו נעמען געלט אויף אַ בילעט?" האָט ער געפרעגט.

„כ'על גיין צו פוס! איך קאָן גיין אַ טאָג מיט אַ נאַכט און נישט מיד ווערן!" האָט זי זיך געריימט און אַ וואָרף געטאָן די צעפּ אויף אונטן.

פון אַ פעלד ערגעץ נאָענט האָט זיך געהערט וואַנדעס, וואַצלאַוו ספּאָקויניס טאַטערס געזאַנג. ווייך און זילבערדיק־קלאָר האָט עס זיך געגאָסן דורך דער אָוונט־שטילקייט, אַזוי בולט אַז מען האָט געקאָנט הערן יעדער וואָרט:

„דו וועסט גיין דורכן באַרג, גיין דורכן באַרג...
און איך דורך דער דאָלינע.
דו וועסט בליִען ווי אַ רויז, בליִען ווי אַ רויז
און איך ווי אַ קאַלינע..."

יעקב האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון בינהלעס צעפּל וואָס איז אַ פאַרבויגנס געבליבן ליגן אויף איר אַקסל. „וואַנדע זינגט", האָט ער אַ מורמל געטאָן. „כ'קען זי... זי פלעגט קומען צו אונדזער שכנה מאַנקען. מאַנקע זאָגט, אַז וואַנדע איז נישט מער די זעלבע. רעדט נישט צו קיינעם... נאָר גייט אַרום איבער די פעלדער און זינגט".

בינהלע איז אומגעדולדיק געוואָרן. „כ'האָב געזאָגט, אַז כ'על גיין צו פוס!" האָט זי איבערגעחזרט. „וואָס האָסטו דיך פאַרגאַפט?"

„דיין צאָפּ זעט אויס ווי לעבעדיק... ביי דער לבנה... אַז וואַנדע זינגט", האָט ער געזאָגט מיט אַ שטילן התפעלות. „ווי אַ לעבעדיקע שלאַנג פון... גאָלד".

מיט אַ האַסטיקן באַוועג פון דער דלאָניע האָט זי אַרונטערגעוואָרפן דאָס צעפּל אויפן רוקן, ווי זי וואָלט טאַקע אַראָפּגעטריבן אַ לעבעדיקע שלאַנג פון אַקסל. „ביסט פאַרריקט!"

„יאָ, כ'בין פּאַרריקט... וואָס כ'גיי דאָ נאָענט לעבן דיר... און הער וואַנדען זינגען... אַן עבירה".

האָט זי שוין געמוזט אויפשמייכלען פון די נאַרישקייטן וואָס ער האָט גערעדט „איך האָב ליב צו טאָן עבירות!" האָט זי אויסגערופן. „אַז כ'האָב געאַר־בעט ביי שרה־לאהלען דער שוחטקע, האָב עך געקלערט, אַז כ'וואָלט געוואָלט זיין לילית".

„ש... שאַ, רעד נישט קיין זינדיקע רייד. לילית גייט אונדז אפשר נאָך, דאָ אין דער פינצטער, און ז'קאָן אונדז נאָך אָפּטאָן אַ שפּיצל".

„האָסט מורא פאַר ליליתן, אַזאַ גרויסער יונג ווי דו?"

„וואָס גרעסער איך ווער, דאָס מער האָב עך פאַר איר מורא".

„איך האָב נישט מורא פאַר קיין שום שדים!" איז זי גאַר הייטער געוואָרן. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן אירע צוויי צעפּלעך און זיי גיך פאַרבונדן אונטער דער גאָמבע. זי האָט אַרויסבאַלושטשעט די אויגן און אויסגעשטרעקט ביידע הענט מיט צעשפּרייטע פינגער ווי קלויען אין יעקבס ריכטונג. „קוק אויף מיר!" האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ שדיש קול. „איך בין לילית די פאַר־פּי־רע־רין!"

„טו מיר אַ טובה", האָט ער זיך אָפּגערוקט. „פאַרטשעפּע נישט ליליתן".

„איך פאַרטשעפּע זי?" האָט בינהלע געלאַכט. „דו פאַרטשעפּעסט זי!"

„ווי אַזוי?"

„האָסט אַליין געזאָגט, אַז מיין צאָפּ זעט אויס ווי אַ שלאַנג פון גאָלד. ווי קומט צו אַזאַ מאַרזעפּע ווי איך אַ שלאַנג פון גאָלד, הע?"

„מ'זאָגט נישט מאַרזעפּע, נאָר מאָזעפּע. און ד'ביסט נישט קיין מאָזעפּע".

„ווילסט דיך געוועטן, אַז כ'בין יאָ? פרעג אַלע מענטשן אין באָטשאַני, 'עסטע וויסן".

„כ'האָב מיינע אייגענע אויגן".

„דיינע אייגענע אויגן גענאַרן דיך, ווייל ד'זעסט ליליתן אין מיר". זי האָט אים ווידער אַ סטראַשע געטאָן מיט די אויסגעשטרעקטע הענט און געמאַכט אַ טראָט נענטער צו אים.

„כ'זע דיך, נישט ליליתן", האָט ער זיך ווידער אָפּגערוקט.

„אָבער ד'ווילסט דיך געוועטן, אַז כ'קאָן גיין צו פוס קיין לאָדזש? ד'ווילסט דיך געוועטן, אַז כ'קאָן שנעלער צולויפן צו דער סטאַדאָלע דאָרטן, ווי דו?"

ער האָט זי איבעררײַשט מיטן קלאַנג פון זיין געלעכטער, פונקט ווי פריִער מיטן קלאַנג פון זיין קול. אמת, ער איז פונקט ווי אַלע אַנדערע בחורים נישט געווען קיין גרויסער חכם, אָבער זי האָט קיינעם קיין מאָל נישט געהערט אַזוי לאַכן, ווייך, קלינגעוודיק און דאָך פול, און דאָך גלעטנדיק דאָס אויער מיט אַ טרויעריקן נאָכקלאַנג.

זיי האָבן זיך געוועט אויף אַ צווייער־קאָפּעקע און האָבן זיך נאָכגעלאָזט

אין אַ געיעג. זייערע שאָטנס האָבן געטאַנצט איבערן לבנה־זילבער אויפן שליאַך ווי די פיגורלעך פון צוויי ליאַלקעס אין די הענט פון אַ מאַריאָנעטן־ציִער. זיי זײַנען אָנגעקומען צו דער סטאַדאָלע צוזאַמען, אָבער זי האָט געהאַלטן, אַז זי איז געווען די ערשטע.

„אויב אַזוי, טאָ נאָ דיר דעם צווייער", האָט יעקב אַ גרייך געטאָן צו דער קעשענע.

זי האָט אָפּגעשטופּט זײַן האַנט: „כ׳ברויך נישט דײַן געלעכערטן צווייער!" גלייך האָט זי זיך צוריקגעכאַפּט. „יאָ, גיב אַהער!" זי האָט אים אַרויסגעכאַפּט דעם צווייער פון דער דלאָניע.

פּאַרסאַפּעטע האָבן זיי זיך געלאָזט גיין לענג־אויס דעם שליאַך, אין אַן אָפּשטאַנד איינער פון אַנדערן. פון צייט צו צייט האָבן זיי אַ ווענד געטאָן די קעפּ צו זיך און געזוכט איינער דעם אַנדערנס בליק דורכן געוועב פון פינצטער־ניש און לבנה־ליכט. אַזוי זײַנען זיי אָנגעקומען צום פּאַטשעיאָוו אין מיטן פון שטעטל.

„מ׳איז שוין דאָ!" האָט בינהלע אויסגערופן איבערראַשט. ס׳האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז דער וועג איז פאַרביי זייער גיך.

איידער זיי זײַנען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, זי — צו צפון פון שטעטל, ער — צו דרום, האָבן זיי באַוויזן אויפצוכאַפּן מיטן בליק דעם שיין איינער פון דעם אַנדערנס פּנים.

פּאַמעלעך איז בינהלע געקראָכן איבערן געסל. די לבנה איבער איר קאָפּ און דער קאַרגער שיין פון ליכטלעך אין די פענצטער האָט געמאַכט איר אָפּשפּיג־לונג אין די שויבן אויסזען שוואַרץ ווי אַ שאָטן. ס׳איז איר אויסגעקומען ווי זי וואָלט טאַקע נישט געווען זי אַליין, נאָר אַ רוח, אַ שד. „איך בין לילית... לילית בין איך..." האָט זי פאַרשפּילט־שפּאַסיק געפּליסטערט צו זיך. „דערפאַר האָב איך טרוקענע אויגן און כ׳בין פריילעך..." יאָ, זי האָט זיך געפילט יום־טובדיק. איר שטימונג האָט גאַרנישט געפּאַרט זיך מיטן האַרבסטיקן אומעט פון באַטשאַני. אַן באַטשאַנעס. זי האָט באַטראַכט די צווייער־קאָפּעקע וואָס איז געלעגן אין איר דלאָניע. „כ׳על מיך צובינדן צו דיר..." האָט זי האַלב־ערנצט, האַלב־שפּאַסיק אַ פּליסטער געטאָן צו דער מטבע.

קאַפּיטל עלף

1

די נאַכט האָט בינהלע לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפן; זי, וואָס פלעגט תּמיד אַוועקפאַלן ווי אַ קלאָדע אויף איר געלעגער נאָך אַזאַ לאַנגן, גרויסן טאָג. אַלץ וואָס זי האָט געשמועסט מיט יעקבן האָט זיך געשטעלט פאַר אירע אויגן ווי יעדער וואָרט וואָלט געווען באַרירלעך. זי האָט גאָר אַלץ נישט געקאָנט אַריינגעמען אין זיך. דאָך האָט זי אַלץ געמוזט געדענקען. זי האָט אויך געמוזט געדענקען דעם וועג... וואַנדעס געזאַנג... די נאַכט מיט דער לבנה און דעם שיין פון יעקבס פּנים, דעם קלאַנג פון זיינע רייד, פון זיין געלעכטער; יאָ, אַפילו די נאַרישקייטן וואָס ער האָט געזאָגט. זי וואָלט גאָר אַצינד אָנגעהויבן פון דאָס ניי דעם גאַנג פון בלויען באַרג ביז צום שטעטל. זי האָט געשטוינט ווי די וועלט האָט זיך געקאָנט אָט פון גאַרנישט אַזוי בייטן. ווי זי אַליין האָט געקאָנט ווערן אָט פון גאַרנישט — אַזאַ אַנדערע.

אין חושך פון דער שטוב האָט זי באַמערקט אַ שאָטן פאַרביימיניען פאַרן פענצטער. ווער איז דאָס געווען? אפשר זי אַליין? אפשר יעקב, צי גאָר אַ שד? אפשר איז דער מלאך־המוות טאַקע געקומען זי שטראָפן, ווייל זי האָט צוגערעדט יעקבן צו אַן עבירה: ער זאָל גיין אַזוי נאַענט לעבן איר? זי האָט זיך ברייט צעשמייכלט. יעקב האָט דאָך געטאָן אַ מיצווה. ער האָט איר ממש געראַטעוועט דאָס לעבן.

דער שאָטן האָט זיך ווידער באַוויזן אין פענצטער. דאָס מאָל האָט ער זיך פאַרהאַלטן און אַ פּנים, אַ גרויס, אַ שוואַרצס, האָט מיט צוויי צעלויכטענע אויגן אַריינגעשטאַרט דורך דער שויב. בינהלע האָט זיך אויפגעזעצט און צוגערוקט נענטער, גאָר נאָענט, און דאָ האָט זי דערקענט דאָס פּנים פון יואלן דעם שמיד. זי איז אונטערגעלאָפן צו דער טיר, געעפנט אַ שפּאַרע און געוואַרט ביז יואל דער שמיד וועט אונטערקומען. טאַקע געווען אַ מאָדנע, משונהדיקע נאַכט, די היינטיקע. יואלן דעם שמיד האָט זי קיין מאָל אין שטעטל נישט געזען, און אוודאי נישט לעבן איר כאַטע.

„גיי, וועק אויף דעם טאַטן און רוף אים אַרויס!“ האָט ער האַרב אַ זאָג געטאָן.

זי איז צו אין דער פֿינצטער צו יאַסעלען, זיך איבערגעבויגן איבער זיין קויקע און זיך פֿאַרהאַלטן. זי האָט נאָך קיין מאָל אין איר לעבן דעם טאָטן נישט אויפֿגעוועקט. טאָמער האָט דער מכשף, דער מערדער יואל, געוואָלט אַרויסנאַרן דעם טאַטן דרויסן אַרויס — וועט דאָס זיין איר שולד. נאָר דאָ איז איר איינגעפֿאַלן, אַז אויב יאַסעלע זאָל זי אַפֿילו שלאָגן, מוז ער וויסן, אַז יואל איז דאָ; זאָל ער אַליין באַשליסן, צי ער זאָל אַרויסגיין צו אים, צי נישט.

זי האָט פֿעסט אַ טרייסל געטאָן יאַסעלען ביים אַקסל און אַרויסגעפּליסטערט: „טאַטע, יואל דער שמיד איז דרויסן. ער'ט געהייסן דיך אַרויסרופֿן".

אין אַן אויגנבליק איז יאַסעלע געזעסן אויף דער קויקע, די פֿיס אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע. זינט די אַלע יאָרן פֿון האַלטן שמירה און אַרויסהעלפֿן דער פּייער־בריגאָדע האָט יאַסעלע זיך פֿאַראייגנט אַ גאָר לייכטן שלאָף. ביים מינדסטן קלאַנג איז ער געווען פֿולשטענדיק וואַך. איצט האָט ער אויך אין ערשטן מאָמענט געמיינט, אַז עס ברענט ערגעץ, און ערשט נאָך אַ ווײַלע זיינען בינהלעס ווערטער אַריינגעדרונגען אין אים.

„ווער ס'טע געזאָגט? יואל דער שמיד?" האָט ער זיך נישט צוגעגלייבט.

ער האָט אויף גיך אַרויפֿגעצויגן די הויזן און איז צו צו דער טיר. בינהלע האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים און ווי ער איז אַרויס, האָט זי געהאַלטן אָפֿן אַ שפּאַרע, טאָמער דאַרף דער טאַטע צוריק אַריינלויפֿן, טאָמער דאַרף מען מאַכן אַ טרעוואָגע און אַרויסלויפֿן אים ראַטעווען.

זי האָט בולט געהערט ווי יואל רעדט דרויסן צו יאַסעלען מיט זיין שווערן, באַסאָוון פּליסטער. ווייזט אויס, אַז ער האָט שטילער רעדן נישט געקאָנט:

„צו דיר בין עך געקומען, ווייל כ'וויס, אַז דו ביסט מיושבער ווי זיי אַלע צוזאַמענגענומען. און דו קענסט די כלאָפּעס אַזוי גוט ווי איך. בין עך געקומען דיך וואָרענען. קיין זיכערע זאַך איז עס נישט. אָבער מ'קאָן קיין מאָל נישט וויסן. מאָרגן... די דאָזשינקעס. ז'עלן זיך אָנשיכּורן... כ'בין געקומען ביי נאַכט, וויל... ד'ווייסט דאָך אַליין פֿאַר וואָס. מ'מוז האַלטן די אויגן און אויערן אָפֿן. עפּעס טוט זיך ביי זיי זינט וואָכן. אַ פּאָר פֿון זיי זענען נעלם געוואָרן מיטן פּריצס זון. כ'מיין, אַז ערגעץ גרייט זיך אַ פּאָוסטאַניע... און דעם אַרענדאַרס יורשים זענען אויך אַריינגעמישט און דאָס טויג נישט".

„טאָקע אַ... אַ פּאָוסטאַניע?" האָט בינהלע געהערט ווי יאַסעלע פֿרעגט איבער.

„גענוי וויס עך נישט", האָט יואל געענטפֿערט. „אָבער ז'האַלטן אין איין רעדן וועגן לעגיאָנען. אין פֿאַל פֿון אַ מלחמה, פֿאַרשטייסט, ווילן זיי זיין גרייט זיך צו שלאָגן פֿאַר פּוילן. און דאָ זענען די אַלטע כלאָפּעס מיטן צאַר... די מערסטע זענען... און ז'זאָגן, אַז דעם אַרענדאַרס זונדל און דער לערער האָבן אָנגערעדט דאָס יונגוואַרג צו פֿאַרלאָזן די כּוֹדאָבעס. און דאָ... שמועסן זיי עפּעס

וועגן אַבעלע־נאַר אויך. עפּעס האָט זיך צווישן זיי פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ייִדן האָבן אים מגייר געווען, אים געמלעט... און ס'גייען אַרום קלאַנגען וועגן וואַצלאַוו ספּאַקויני. די יונגע מורדים ווילן אים נישט פּאַר אַן אַנפירער און די יוכע קאַכט אין אים".

מער האָט בינהלע גאָרנישט געהערט. ס'האָט גענומען אַ לאַנגע צייט און יאַסעלע איז נישט צוריק אַריינגעקומען אין שטוב. האָט זי גיך אַרויפגעצויגן אויף זיך דאָס קליידל און איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. דאָס שטעטל האָט זיך געבאָדן אין לבנה־ליכט. די הייזער האָבן שאָטנדיק געשימערט, די דעכער האָבן געלויכטן. די שויבן, שוואַרץ ווי זיי זיינען געווען, האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם הימל, די ווייסע כמאַרעלעך און די שטערן. בינהלע האָט זיך אַ באַרוועסע געטראָגן איבער די געסלעך און געהאַט די זיכערקייט, אַז זי חלומט.

אָנגעקומען צום פּאַטשעיאָוו, האָט זי דערזען יאַסעלען אַרומלויפן איבערן הויף אינעווייניק און רופן „אַבעלע! אַבעלע!" זי האָט זיך באַהאַלטן אין אַ שאָטנדיקן ווינקל און געוואַרט ביז יאַסעלע וועט איר פאַרביילויפן. אָט איז ער אַרויסגעקומען פון טויער און זיך אַ לאָז געטאָן איבערן מאַרק. הינט האָבן זיך צעבילט פון אַלע זייטן. יאַסעלע איז פאַרשוווּנדן אין שוחטס הייזל. ביים רב אין פענצטער האָט אַ ליכטל אויפגעלויכטן. שוין האָט בינהלע געזען יאַסעלען לויפן צו פישעלע קצבס טיר, דערנאָך צו טוביהלע בעל־עגלהס טיר. באַלד איז אַ גאַנצע מחנה ייִדן אַריין אין רבס הויז און פון דאָרט זיינען זיי אַלע אַרי־בערגעלאָפן — צו שמוליקלען רופא!

אַן אומרו האָט זיך צעכוואַליעט אין בינהלען. אויב איז מען געלאָפן צו שמוליקלען רופא האָט עפּעס שוידערלעכס געדאַרפט געשען. אַ גרויס אומגליק האָט געלויערט אין אָט דער יום־טובדיקער זילבערנער נאַכט. דער טאַטע איז געווען אין סכנה, די גאַנצע משפחה, דאָס גאַנצע שטעטל! — און אויך יעקב! אים האָט מען געדאַרפט וואָרענען.

זי האָט זיך נאָכגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּ צום אַנדערן עק פון שטעטל. יאָ, זי האָט געוווּסט ווו הינדעלע די סופרטע האָט געוווינט. זי האָט דאָך נישט איין מאָל שפּאַצירט אונטער דער מויער פון די נאָנעס קלויסטער צו שמעקן די ווונדערלעכע ריחות פון זייער גאָרטן און זי פלעגט זען הינדעלעס מיידלעך אַרויסקוקן פון פענצטער אין דער הייך.

אויף אַלע פיר איז זי אַרויפגעקראָכן די קרומע־לאָמע טרעפּן אין הינדעלעס כאַלופּע. די טרעפּן האָבן זיך אַזוי צעסקריפּעט אונטער איר, אַז נאָך איידער זי איז מיט זיי פאַרטיק געוואָרן, האָט זי דערהערט הינדעלע דער סופרטעס צעצי־טערט קול: „ווער איז דאָרטן?"

„דאָס בין איך", האָט זי אין איין אָטעם אַרויסגעפּלאַצט. „יאַסעלע אַבעדאַלעס מיידל. מ'זאָגט, אַז מאָרגן גרייטן זיך די כלאָפּעס... מ'עט שלאָגן... דער טאַטע

לויפט אַרום אַנזאָגן אַלע ייִדן, מ'זאָל וויסן". זי האָט אויף אַלע פיר, אויף הינטער־ווייליכץ, זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט פון די שטיגן.

ווען זי איז אַרויסגעקומען אין געסל, האָט זי נישט געגלייבט אירע אויגן. די שטאָט האָט געוויעט ווי אין סאַמע מיטן טאָג. אַ שטאָט מיט שדים. קיינער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, אַ טויטע שטילקייט. נאָר פּעק און זעק האָט מען געשלעפּט פון אַלע הייזער, הגם זעלטן ווו האָט געברענט אַ ליכט. אויפן מאַרקפּלאַץ זיינען געשטאַנען וועגענער, אַלע וועגענער פון שטאָט מיט די פערד איינגעשפּאַנט און ווייבער מיט קינדער זיינען שוין געזעסן אויף זיי. דער רב איז ווי אַ משוגענער געלאָפן פון טיר צו טיר און נאָך אים אַ מחנה ייִדן מיט צעפלויגענע בערד. מען האָט אים געריסן פאַר די פּאָלעס, געצויגן אים אַ מאָל אַהין, אַ מאָל אַהער.

בינהלע האָט דערזען יאָסעלען אַרויסקומען פון געסל מיט רייזעלעס עלט־סטן ייִנגל אויף די הענט. נאָך אים זיינען געלאָפן די שוועסטער מיט קינדער אויף די הענט און די שוואָגערס מיט פּעק און זעק. יאָסעלע האָט געמאַכט אַן אָרט פאַר די טעכטער מיט די קינדער אויף אַ וואָגן.

„ווו איז ערגעץ בינהלע, צו אַל די גוטע יאָר!" האָט ער אַ סיקע געטאָן.

זי האָט אים אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל: „דאָ בין עך!"

„קריך אַרויף!" האָט ער באַפוילן, און געמאַכט פאַר איר אַן אָרט אויפן וואָגן.

„וויל עך נישט!" האָט זי אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ. „איך 'על זיין מיט דיר!"

זי האָט נישט באַוויזן זיך אַנצוקלאַמערן אָן אים, ווי ער האָט זי אונטערגעהויבן און אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן. האָט זי זיך אַ ריס געטאָן און דורך דעם קנויל פון לייבער אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן אויף דער אַנדערער זייט.

דאָ, מיט אַ מאָל, האָט זיך די טיר פון נאַטשעלניקס הויז געעפנט און דער נאַטשעלניק איז אַרויסגעקומען אויף דער שוועל אין זיינע נאַכט־בגדים, מיט אַ טשעפּיק אויפן קאָפּ און אַן אָנגעצונדענער לאָמטערנע אין דער האַנט. ער האָט אויפגעהויבן די לאָמטערנע, געכאַפּט אַ בליק אויפן מאַרק, און אַנגעקלאַפּט אין פענצטער ווו דער סטאַרשי־סטראַזשניק האָט געוווינט. דאָס ווייב איז אַרויסגע־קומען מיט דעם נאַטשעלניקס שובע, זי אים פאַרוואָרפן איבערן אַקסל און אַזוי האָט ער זיך מיט דער אָנגעצונדענער לאָמטערנע דערנענטערט צום עולם ביי די וועגענער.

„וואָס טוט זיך מיט אייך, זשידקעס, ווי גאָט איז אייך ליב? איר זענט משוגע געוואָרן?"

די סטראַזשניקעס מיט בלאַנקנדיקע שאַבלעס אין די הענט, אין צעקנעפּלטע מאַרינאַרקעס פון ד' מונדירן און אָן היטלעך, זיינען אונטערגעקומען צו לויפן און הינטער זיי האָבן געדרעפּטשעט דער גלח מיט דער גאָספּאָדיניע מיט לאָמטער־נעס אין די הענט. דער נאַטשעלניק האָט געמאַכט אַ טראָט פאָרויס אין דער

געדיכטעניש פון דער מאַסע ייִדן. די סטראַזשניקעס האָבן זיך מיט איין האַנט געקנעפּלט די מונדירן און מיט דער אַנדערער געפּאַכעט מיט די שאַבלעס און געמאַכט אַ וועג פאַר דעם גלח מיט דער גאַספּאַדיניע.

דער המון האָט זיך צעמורמלט און איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

דער רב האָט אַ צי געטאָן יאָסעלען פאַרן אַרבל: „לויף צו שמוליקלען רופא און באַשווער אים, ער זאָל אַרויסקומען!" און צו די אַרומשטייענדיקע ייִדן האָט ער אַ זאָג געטאָן: „די קליפּה האָט זיך אַזוי מתגבר געווען, אַז מען מוז איר קוקן גלייך אין די אויגן אַריין!" און ער האָט געגעבן אַ טרעט אַרויס פון המון און איז צוגעגאַנגען צום נאַטשעלניק און צום גלח און אַ זאָג געטאָן אויף ייִדיש: „צום רבין פאַרט מען!"

דער גלח, הגם ער איז קוים געשטאַנען אויף די פיס און האָט געציטערט פון קעלט, האָט זיך ברייט צעשמייכלט צום נאַטשעלניק. ער האָט גוט פאַר־שטאַנען ייִדיש. „צום ראַבין, זאָגט ער פאַרן זיי. גלייבן מוז מען זיי נישט. קיין זשידעק וועט ביי נאַכט נישט פאָרן צום ראַבין, און מיטוואָך ביי נאַכט אוודאי נישט". און ער האָט זיך געוואָנדן צום רב כלומרשט מיט אַ דרך־ארצדיקן בייג: „און אַז איר פאָרט צום ראַבין, דאַרפט איר אויפוועקן די שכנים, יאַשניע וויעל־מאַזשני פּאַניע ראַבין? און וואָס פאָרט איר עפּעס ביי נאַכט, ווי איר וואָלט געווען גנבים?"

דער רב האָט געוואָרפן אַ פאַרצווייפלטן בליק אין דער ריכטונג פון שמו־ליקל רופאס הויז. עפּעס האָבן יאָסעלע און שמוליקל זיך צו לאַנג געזוימט. דערווייל האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער פאַרשטייט נישט וואָס דער גלח רעדט צו אים און אַ פּאָר ייִדן האָבן געפּרוווט אים דערקלערן. ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ, און די צעגליטע אויגן זיינע זיינען געהאַנגען אויף שמוליקל רופאס הויז. ביז ער האָט לסוף דערזען צוויי פיגורן אַרויסקומען פון דאָרטן. ער האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט, פון איבערגענומענקייט מער קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון זיך, נאָר אַ טייט געטאָן אין דער ריכטונג פון וועלכער שמו־ליקל רופא האָט זיך דערנענטערט.

דער גאַנצער ענין פון אַוועקלאָזן זיך קיין כוואַסטי מיטן אויסרייד, אַז מען פאָרט צום רבין, איז געווען דעם רבס איינפאַל. דער רב האָט געהאַלטן, אַז אויב מען דאַרף דעם גנב, מעג מען אים אַראָפּנעמען פון דער תליה. דערפאַר איז מען אַוועק צו שמוליקלען רופא ער זאָל העלפן אַדורכפירן דעם פּלאַן. אָבער שמוליקל רופא האָט נישט געהאַלטן פון דער גאַנצער זאַך און האָט געזאָגט, אַז מען דאַרפט אָרגאַניזירן די שמירה און די „סאַמאָאָבראָנע" און זען וואָס עס וועט געשען. אָבער דער רב האָט אַדורכגעפירט דאָס זייניקע. איצט האָט יאָסעלע מיט כוח געבראַכט צו פירן שמוליקלען רופא.

אויב שמוליקל איז אין דער רגע געווען אויפגערעגט, האָט מען דאָס אים

נישט אָנגעזען. ווי נאָר ער איז צוגעקומען צו די וועגענער און דעם המון, האָט ער זיך אויסגעגלייכט און מיט גרויס חשיבות זיך דערנענטערט צום נאַטשעלניק און צום גלח און זיך פאַר זיי העפלעך פאַרנייגט.

„אַנטשולדיקט ווילגעבוירנקייטן", האָט ער אַ זאָג געטאָן אין אַזאַ פּער־פעקטן גרויסשטאָטישן פּויליש, אַז סיי דער נאַטשעלניק, סיי דער גלח האָבן זיך דערפּילט אַ שפּאַר ביסל געפאַלן אין זייער שטאָלץ. „ליידער האָט זיך אַ שרעק־לעכע פיבער־עפּידעמיע פאַרשפּרייט צווישן אונדזערע מינער־יעריקע. און אַלטע קרענק וואָס באַפאַלט נאָר אונדזער ראַסע... וואָס דערווייל האָט מען נאָך דערויף קיין רפואה נישט געפונען. האָט דער רב אונדזערער געהייסן די צעבראָ־כענע מאַמעס נעבעך פאָרן צום גרויסן ראַבין פון כוואָסטי, ער זאָל זיי כאָטש טרייסטן. און זיי פאָרן ביי נאַכט, ווייל צוליב דעם גרויסן פיבער קאָנען די קינדער ליידער נישט פאַרטראָגן דאָס טאָגליכט, יאַשני ווילמאָזשני פּאַנסטוואָ".

דער גלח האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר שמוליקלען רופא. ער האָט זיך ביי אים געהיילט פון שווינדזוכט, וואָס ער האָט דערפון זינט יאָרן געליטן. דאָך האָט אים דער גאַנצער ענין נאָך נישט אויסגעזען גלייך און ער איז צוגעגאַנגען צו אַ פאַרוויינטער מאַמען — אַלע ווייבער האָבן שטאַרק געוויינט, זיי האָבן נישט געדאַרפט מאַכן דעם אָנשטעל — און געוואָלט אָנקוקן דאָס קינד וואָס זי האָט געהאַלטן פאַרוויקלט אין דער פאַטשיילע, אָבער שמוליקל רופא איז אים פאַרלאָפן דעם וועג און אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

„ניעך בוג בראָני!" האָט ער אויסגערופן אויסער זיך. „איר... פּאַטערל? אַ קראַנקער מענטש?" און ער האָט אינטעליגענט אויפגעקלערט דעם גלח: „די קרענק איז נישט אָנשטעקנדיק פאַר אייער... ראַסע, אויב איר האַלט זיך פון דער ווייטנס. ס'וואָלט כּדאַי געווען צו וויסן צו געבן דער קאָנגרעגאַציע אייערער".

דער גלח איז ערנצט געוואָרן און האָט שטאַרק אָנגעהויבן צו ציטערן. „מאָרגן ביי דער פּראָצעסיע ט'די שטאָט זיין פול מיט קינדער. מען דאַרף אָנזאָגן דער קאָנגרעגאַציע... זיך צו האַלטן פון דער ווייטנס".

די גאָספּאָדיניע האָט אָנגעכאַפּט דעם גלח פאַרן אָרעם: „מען טאָר נישט וואַרטן, פּאַטערל. מען דאַרף שוין שיקן אָנזאָגן, אַז די מאַמעס זאָלן האַלטן די קינדער ביי זיך און קיינער זאָל נישט צוקומען נאָענט צו די זשידקעס". זי איז אַרויס מיט אַ געוויין און דער גלח האָט געמאַכט דעם צייכן פון אַ צלם איבער איר און איבער דעם נאַטשעלניקס ווייב.

דער נאַטשעלניק האָט זיך אַ וויש געטאָן דעם שטערן און אויסגערופן צו די ייִדן בקול רם: „איך מאַך אייך אַלע פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער זאַך. שיקט אַרויס אַלע אייערע ווייבער און קינדער, שוין!.. אַז קיין אומגליק זאָל נישט געשען!"

„ווי קאָן מען שיקן אַלע, יאַשניע ווילמאַזשני פּאַניע נאַטשעלניקו, אַז מיר האָבן נישט גענוג קיין וועגענער", האָט שמוליקל רופא אַרגומענטירט.

„איר'ט קריגן אַלע וועגענער וואָס שטייען צו מיין דיספּאָזיציע און אַז ס'וועט נייטיק זיין, ט'מען רעקווירירן וועגענער אין די דערפער, ווייל דאָס איז אַן אויסנאַם־צושטאַנד, פּונקט ווי אין אַ מלחמה. און אַלע זשידקעס מוזן זיצן פאַר־שטעקט אין די הייזער... ביז... ביז אַלע קראַנקע וועלן אויסשטאַרבן און מען וועט זיי באַגראָבן". דאָ האָט זיך דער נאַטשעלניק געוואָנדן צו שמוליקלען רופא.

„איר, פּאַניע פעלדשער, ט'זיין פאַראַנטוואָרטלעך צו געבן אַ צייכן ווען ייִדן מעגן שוין אַרויסגיין און עפענען די קראָמען. ווייל פון מאָרגן אָן מוזן אַלע קראָמען זיין פאַרמאַכט דאָ אַדוואָלאַניאַ!"

דער נאַטשעלניק האָט זיך צוגערוקט צום גלח און דער גאָספּאָדיניע. זיי האָבן לאַנג און אויפגערעגט געפּליסטערט צווישן זיך. בעת־מעשׂה האָבן טייל ייִדישע מאַמעס חרטה באַקומען פון פאָרן קיין כוואָסטי, אין דער פרעמד, אויף ווער ווייס ווי לאַנג. אָבער דער רב האָט אַלץ געהאַלטן פעסט אין דער האַנט. נישט געוועזן קיין וועג צוריק. די שפּיל האָט געמוזט געשפּילט ווערן ביז צום סוף. און די סכּנה איז נאָך נישט געוועזן אַריבער, ווייל נישט דער גלח און נישט דער נאַטשעלניק האָבן געהאַט אַן אָנונג וואָס עס טוט זיך אָפּ צווישן די פּויערים.

דערווייל האָט דער נאַטשעלניק אַרויסגעגעבן באַפעלן, אַז מען זאָל אַרויס־ברענגען אַלע וועגענער און אַלע פערד וואָס ער האָט געהאַט צו זיין דיס־פּאָזיציע און די שטראַזשניקעס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די גויִישע הייזער, רעקווירירן נאָך וועגענער און אָנזאָגן די פּויערים, אַז מען זאָל זיך מאָרגן בעת די פייערלעכקייטן און אויך שפּעטער אַריין, ביז מען וועט דאָס אָפּרופן, נישט דערנעענטערן צו די ייִדן, צו קיין איינציקן ייִדן.

דער רב האָט אָוועקגעשיקט נאָך אַ שליח צום רב אין כוואָסטי, ווייל איינעם האָט ער געהאַט אָוועקגעשיקט גלייך ווי דער פּלאַן איז געבוירן געוואָרן ביי אים אין קאָפּ — און אַזוי זיינען אין מיטן דער נאַכט אויפגעגאַנגען אַלע ליכט אין אַלע פענצטער, גויִישע און ייִדישע, פון באַטשאַני און דער אומגעגנט — און ס'איז געוואָרן אַ וואַכנאַכט. אַ טומל, אַ מהומה, אַ קלאַפּעריי פון וועגענער, פון פערדישע קאָפּיטעס. דער ברייטער טאָפּאָליע־וועג האָט אין נאַכטיקן חושך זיך גענומען באַוועגן אין דער ריכטונג פון כוואָסטי.

איידער דער גלח איז צוריק אַריין אין דער פּלעבאַניע, האָט ער נאָך אַ מאָל צוגערופן שמוליקלען רופא צו זיך און אים אַ פרעג געטאָן: „און ווי הייסט זי דאָס, אָט די זשידאָווסקע קרענק?"

„פּערוואָר יודעיקוס!" האָט שמוליקל רויִק געענטפערט.

2

דער פּויערשער יום־טוב פון „דאָזשינקי“ האָט זיך אָנגעהויבן אין באַטשאַני מיט דער געוויינטלעכער פּאָמפּע. דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ שיינער, אַ גאָלדן־האַרבסטיקער. די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער און פון אַרום שטעטל זיינען אָנגעקומען צום קירכפּלאַץ און צו דער קירך אין לאַנגע צעפלאָסענע פּראָצעסיעס, די פּויערים און קינדער אויסגעפּוצט אין פאַרביקע יום־טוב־קליידער.

די מענער האָבן געטראָגן שטיוועלעך, אויסגעהאָפטענע סערדאַקעס און טאַר־בעדיקע הויזן. די פּירעקיקע היטעלעך מיט די גלאַנציקע דאַשקעס זיינען איטלעכס געווען באַצירט מיט אַ בלום אונטערן פאַרנטיקן פּאַסיקל. די פרויען האָבן גע־טראָגן לויזע פאַרביקע רעק, לאַנגע ביז איבער די קני און געפּאַלבעוועטע ווייסע בלוזעס אויסגעהאָפטן מיט פאַרביקן גאַרן, מיט גרויסע בופן־אַרבל און געפּאַסטע אויסגעהאָפטענע סאַמעט־וועסטעלעך איבער די בלוזעס. זייערע העלדזער זיינען געווען באַצירט מיט צענדליקער בייטשן קרעלן. מעטער־לאַנגע קאָלירטע בענדער האָבן אַראָפּגעפּלאַטערט פון זייערע אַקסלען, פון די צעפּ, און דער עיקר פון די קעפּ וועלכע זיינען געווען באַפּוצט מיט קרענץ פון כלערליי פעלדבלומען.

דער עולם האָט געשפּרייזט פּאַרויס און צווישן זיי האָט זיך פּאַמעלעך גערוקט אַ שנור פון וועגענער וועלכע זיינען אויך געווען אויסגעצירט מיט גירלאַנדעס פון בלומען, פון יאָדלע־צווייגן און בעריאָזע־בלעטער. אונטער די גירלאַנדעס זיינען אויף די וועגענער געלעגן הויפנס קאָרן, ווייץ און גערשטן, טעלערס און קוישן מיט פּרוכטן און כלערליי גרינסן — דאָס אַלץ אָנגעהויפנט צופוסנס פון די סטאַטועס פון דער מאַטקע־באָסקע און פון יעזוסן, וואָס מען האָט צו דער געלעגנהייט אַרויסגענומען פון די דאָרפישע קאַפּליצעס. די סטאַ־טועס האָבן זיך געטרייסלט צוזאַמען מיט די וועגענער אויפן קרומען וועג און זיי האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך צוגעשאָקלט צום טאַקט פון די הימענס וואָס די מחנות האָבן געזונגען, בעת זיי האָבן זיך פּייערלעך, אַ ביסל פאַרשלאָפן, פּאַמעלעך גערוקט פאָרויס אין דער ריכטונג פון קאָשטשאָל.

זינגענדיק, האָט מען פעסט געהאַלטן דאָס קליינוואַרג פאַר די הענט און געהאַלטן די קעפּ געוואַנדן צו די יידישע הייזער.

די יידישע הייזער האָבן אויסגעזען פאַרלאָזן און אַ סך זיינען טאַקע געווען פאַרלאָזן. די מערהייט יידן איז געווען אין שול ווו דער רב האָט תהילים געזאָגט מיטן עולם. די הייזער ווו ס'איז יאָ ווער געבליבן זיינען געווען פאַרהאַקט און פאַרהאַמערט און האָבן פון דרויסן אויך אויסגעזען ווי אָפּגעלערט.

די בית־מדרש־בחורים, די מיטגלידער פון דער „זעלבשוץ“, האָבן ביי נאַכט זיך געהאַט אָוועקגעלאָזט צו יואלן דעם שמיד און האָבן גענומען פון אים אַלטע שטיקער אייזן וואָס האָבן געקאָנט דינען פאַר געווער. איצט זיינען זיי געזעסן

אויף די בוידעמער, דורך די שפּאַרעס אַרויסגעקוקט אויפן מאַרק און געהאַלטן שמירה. די מיטגלידער פון דער פייער־בריגאַדע מיט פישעלען בראש און די שמירה וואָס יאָסעלע אַבעדאַלע האָט געהאַט אָרגאַניזירט אויפן באַפעל פון רב, האָבן זיך צעטיילט אין צוויי פּאַרטייעס. אַ העלפט פון זיי האָט געהיט די שול, און די אַנדערע העלפט האָט געהאַלטן וואַך אין די קאַמערן אויפן פּאַטשעיאָוו.

דער קירכגלאָק האָט נישט אויפגעהערט צו קלינגען. הונדערטער ליכט זיינען געווען אָנגעצונדן אין דער קירך און דורך דער אָפענער טיר האָט זיך געהערט דאָס געזאַנג פון די מאַדליענדיקע. ערגעץ אין מיטן מאַרק האָט עס זיך באַגעגנט מיטן תהילימדיקן, יאָמערדיקן ניגון וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער שול.

די פויערים האָבן אַרויסגעפלייצט פון קאַשטשאָל אין אַ פאַרביקער כוואַליע וואָס האָט זיך צעצווייגט אין אַלע ריכטונגען איבערן מאַרק. עפּעס האָט זיך זעלטן געהערט אַ הייטערער אויסגעשריי. צעטומלט, אומזיכער און אויפגערייצט, זיינען די כלאָפּעס דאָס מאָל נישט אַרויס אויף די שפּאַצירן איבער די שטעטלשע געסלעך און האָבן געווייכט פון שטאָטגאָרטן. אַלע פויערטעס האָבן געווישט די אויגן און זיך געצלמט. אָבער פונאַנדערגעגאַנגען אַהיים איז מען זיך אויך נישט. אויפן קאַשטשאָלהויף און פאַרן אַריינגאַנג אין פּראַנט זיינען געווען אויס־געשטעלט טישלעך מיט פאַרבייסנס און דער עולם האָט זיך לסוף צעוואַנדערט אַרום זיי.

ווי נישט־ווילנדיק, האָבן זיך די קאַפּעליעס פון די דערפער אויסגעשטעלט נישט ווייט פון די טישן, מיט די האַרמאָניעס און פידעלעך, די פלייטלעך און די בעמבנעס. ס'האָט זיך דערהערט אַ סטרויען פון די כלי־זמר. דערנאָך האָט פון הינטער דעם נאַטשעלניקס קאַמיעניצע אַפּערמאַרשירט דער אָרקעסטער פון דער פייער־בריגאַדע: זעקס חברה־לייט, אויסגעפוצט אין גראַנאַטענע מונדירן מיט באַ־זילבערטע קנעפּ און גאָלדענע טראָלדזן אויף די אַקסלען, מיט גלאַנציקע מעשענע העלמעס אויף די קעפּ. זיי האָבן זיך אומגעריכט אַ צעבלאָז געטאָן אין די טראָמפּייטלעך; דער איבערגעשראָקענער עולם איז אַזש אונטערגעשפּרונגען. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף דער ברייטער אונטערשטער שטיג פון קאַשטשאָל.

פלעשלעך „מאַנאָפּאָלקע" האָבן זיך באַוויזן פון די פויערשע קעשענעס. אַ יונגער שייגעץ וועלכער האָט ווייזט אויס נאָך שלעכט געהאַלטן דעם בראָנפן אין זיך, האָט זיך אָוועקגעלאָזט אין אַ צו ווילדן טאַנץ אין מיטן מאַרקפּלאַץ — און האָט זיך געגעבן אַ צי אויס אויף די שטיינער אין דער גאַנצער לענג. דאָס האָט אויפגעהייטערט דעם עולם. די יונגע כלאָפּקעס און כלאָפּעס זיינען אַרויס מיט אַ הילכיק געלעכטער. באַלד האָבן פּאָרלעך זיך גענומען באַווייזן דאָ און דאָרט און ס'האָט נישט לאַנג גענומען און איבערן גאַנצן מאַרקפּלאַץ האָט אַ שווינדל געטאָן אַ ים מיט ספּאָדניצע־קאָרוזעלעס און מיט ספּרוזשינעדיק־

צעטופּעטע שטיוועלער. מען האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַן עכט־באַטשאַנישן פאַלקטאַנץ, וועלכער האָט נישט געהאַט זיינס גלייכן אין שנעלקייט און פייער צווישן אַלע אַנדערע פּוילישע טענץ. דער עולם איז לעבעדיקער געוואָרן, לעבעדיקער — אָבער נישט פריילעכער. מען האָט געטאַנצט מיט עפּעס אַ כעס, אַ פאַרביסנקייט, און די געלעכטערס וואָס האָבן זיך וואָס אַ מאָל אָפטער געהערט האָבן געקלונגען גרילציק, האַרט. דער באַוועגלעכער קראַנץ פון גופים איז געוואָרן וואָס אַ מאָל געדיכטער. אַלע קאַפּעליעס האָבן געשפּילט באַטשאַנישע ניגונים — פייערדיקער, העכער, גיכער.

אַזוי איז אַנגעגאַנגען ביז מיטאָגצייט, ביז דער פייער־לעשער־אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט „באַזשע צאַריאַ כראַני". אין דעם מאָמענט האָט וואַצעק ספּאַקויני, דער פייער־לעשער־קאָמענדאַנט, וועלכער איז געוועזן אויסגעפּוצט אין זיין קאָמענדאַנטסקע מונדיר, אַרויפגעשפּרונגען אויף איינעם פון די טישן מיט זיין פלעשל „מאַנאָפּאָלקע" אין דער האַנט און האָט אויסגערופן: „פאַר דער אויטשיזנע!"

דאָ און דאָרט האָט מען אים פון המון געענטפערט מיט אַ „ניעך זשיע!"

אָבער אַנדערע פּויערים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו וואַצעקן און צו אים געשריגן, הייבנדיק די הענט מיט געביילטע פויסטן": „אַראָפּ פון טיש! פאַרשטער אונדז נישט דעם יום־טוב, וואַצעק!"

נעבן וואַצעקן האָט זיך באַוויזן אַ יונגער שיכורער שייגעץ אויפן טיש. ער האָט אויפגעהויבן זיין פלעשל „מאַנאָפּאָלקע" און אויסגערופן צום המון: „נידער מיט די מאָסקאָלעס און די זשידעס!" פּלוצעם האָט ער אַ טייט געטאָן אויף וואַצלאַוון און זיך צערעוועט: „ברידער ראַדאַצי, אָט דער דאָ טרינקט ברודערשאַפט מיט די זשידעס, אַזוי דינט ער די מאָסקאָלעס! יאַק פּראַגנעו באָגאַ! ער איז אַ זדרייצאַ, אונדזער פאַררעטער, אונדזער אומגליק!"

אַ דריטער פּויער, אַן עלטערער, איז אַרויף אויפן טיש און סיי וואַצלאַוון, סיי דעם שייגעץ, וועלכע האָבן זיך שוין איינער מיטן אַנדערן געראַנגלט, אַראָפּגעשטופּט פון טיש.

ס'איז געוואָרן אַ גרויסער טומל אויפן מאַרקפּלאַץ. אַ שטורעם איז אויסגעבראָכן צווישן די פּויערים. דער אַלגעמיינער טאַנץ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טאַנץ מיט געביילטע פויסטן, וואָס מען האָט געהויבן קעגן זיך. די קאַפּעליעס האָבן נאָך העכער געשפּילט. גרופּעס שקצים זיינען געווען פאַרפּלאָכטן אין אַ געשלעג אויף פויסטן און מעסערס. מען האָט אַראָפּגעשליידערט פון זיך די יום־טובדיקע סערדאַקעס. די ווייבער האָבן געפּרוווט פונאַנדערצורייסן די שלעגערס און זיינען אַריינגעפּלאָנטערט געוואָרן אינעם קנויל פון לייבער. די סטראַזשניקעס האָבן געפּאַכט מיט די שאַבלעס און גערעוועט: „פונאַנדערגיין זיך!" קיינער האָט זיי נישט געהערט. די קאַפּעליע פון דער פייער־בריגאַדע האָט

אַפּגעהאַקט דאָס שפּילן און געאײַלט צו פּאַרטײדיקן זײער קאָמענדאַנט, װאַצלאַװן, װעמען מען איז באַפאַלן פון אַלע זײַטן.

נאָך אַ יונגער פויער האָט זיך באַװיזן אויף די טישן און גענומען העצן דעם עולם, טײַטנדיק אויף װאַצלאַװן: „הרגעט אים! הרגעט אים! דעם פאַררעטער! דעם בלוטזויגער!"

דער פויער װעלכער איז פריִער אַרויף אויפן טיש האָט אויך אים אַראָפּגע־שטופּט מיט אַזאַ רציחה, אַז דער חברה־מאַן האָט געמאַכט אַ קאָזשעליק אין דער לופטן אײדער ער האָט געלאַנדט אויף דער ערד.

„ברידערלעך!" האָט ער געברילט מיט אַ הײזעריק קול. „װאָס הרגעט איר אײנער דעם אַנדערן?" ער האָט אָנגעװיזן אויף די ייִדישע הײזער: „זײ! זײ זענען אונדזערע אמתע שונאים!"

„אמת! אמת!" האָט מען זיך פון אַלע זײַטן צעשריגן. „אַלע אונדזערע אומגליקן קומען פון זײ! אַ זאַראַזע! אַ מגפה!"

„אַ זאַראַזע! אַ זאַראַזע!" האָט אַ כאָר פון שטימעס אָפּגעענטפערט און דער עולם שיכורע און האַלב־שיכורע גויים האָט זיך אַ טראָג געטאָן אין דער ריכטונג פון דער שול און די ייִדישע הײַזער. די פויערטעס מיט די קינדער בײַ די הענט זײַנען זײ פאַרלאָפן דעם װעג און װי לײַבעכעס זיך געראַנגלט מיט זײ, נישט געלאָזט זײ שטעלן אַ טראָט פאָרויס.

„איבער אונדזערע טויטע לײַבער!" האָבן זײ געררעװעט. זײ האָבן געשלאָסן די אָרעמס און געשאַפן אַ מין לעבעדיקע מויער פון אײן עק מאַרקפּלאַץ ביז צום אַנדערן. „איר'ט זיך נישט רירן!" האָבן זײ געגװאַלדעװעט, געפאַלן אויף די קני, אָנגעכאַפּט די מענער פאַר די פיס און זײ געפּרעסט צו זיך מיט געבעט: „האָט רחמנות אויף די קינדער! איר'ט כאַפּן די זאַראַזע!"

הינטער די פרויען האָט זיך באַװיזן דער גלח און דער נאַטשעלניק מיט די סטראַזשניקעס מיט צעפּאַכעטע שאַבלעס.

„אונטערצינדן די הײַזער! פאַרברענען די פּעסט דאָ גרונטװ!" האָט דער המון מאַנספאַרשוינען אָפּגעענטפערט און געשטשטירעט די צײן.

דער גלח האָט אַ הײב געטאָן די הענט, געװאָלט עפּעס זאָגן, געזאָגט מיט אַ לחשדיקער שטים, אָבער קײנער האָט אים נישט געהערט. זײַן גאַספּאַדינע האָט אים געפּרוּװט אָװעקשלעפּן. ער האָט געגלעט אײן האַנט מיט דער אַנדערער, װי ער װאָלט זײ אָפּגעװאַשן און מיט אַ שװאַכן, דרעפּטשענדיקן טראָט גענומען זיך מאַכן אַ װעג צום קאָשטשאָל.

די מיטגלידער פון דער פײַער־בריגאַדע און װאַצלאַװס װײַב האָבן װאַצלאַװן געהאָלפן זיך שטעלן אויף די פיס. מיט אַ צעבלוטיקטער נאָז, דער צעכראַטסטעטער מונדיר באַשמירט מיט בלאָטע און בלוט, איז ער אויף צעװאַקלטע פיס אַ לויף

געטאָן און זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף דער פּלומפּ. ער האָט צעשפּרייט די הענט צום המון.

„ברידערלעך! ראַדאַצי!“ האָט ער זיך געריסן דעם האַלדז, און די אָדערן אויף זיין קאָפּ זיינען אָנגעשוואָלן געוואָרן. „איר קענט טאָן מיט מיר וואָס איר ווילט! אָבער געדענקט, איין פֿונק פֿון אַ שוועבעלע און מיר ווערן אָפּגעווישט פֿון דער ערד צוזאַמען מיט די זשידקעס!“ ער האָט זיך אַ קער געטאָן אין דער ריכטונג פֿון גלח וועלכער האָט זיך דערווייטערט פֿון דער מחנה. „עי, פּאַטערל הייליקער!“ האָט ער אים נאָכגערופֿן. „וואָס וואַשסטו אָפּ די הענט? וואָס זאָגסטו נישט דיין סטאַדע שעפֿעלעך וואָס צו טאָן? דיינע שעפֿעלעך האָבן דיך אַזוי ליב, זענען דיר אַזוי געטריי, קום צוריק און זאָג זיי, קום!“

„לאָז אים גיין! מיר ברויכן אים אויך נישט!“ האָט אַ יונגער כלאָפּ אויסגערופֿן.

„מיר ברויכן אייךביידן נישט! מיר ווילן אייך נישט!“ האָבן שטימעס אונטערגעהאַלטן.

וואַצלאַוו האָט געדונערט: „פּאָלגט מיך, ברידערלעך!“ זיין קול איז געווען שטאַרק הייזעריק, אָבער האָט געקלונגען פֿולשטענדיק ניכטער. „לאָמיר אַהיימגיין אין די כאַלופּעס און פּראַווען אונדזער חגא. אַ שאָד די געבראָטענע חזירימלעך, אַ שאָד דאָס גוטע עסן!“

„דו זאָג אונדז נישט וואָס צו טאָן. מיר ווילן דיך נישט פֿאַר אַן אָנפֿירער!“ האָט עמעץ פֿון המון ווידער אויסגעשריגן צו אים.

„מיר ווילן אים יאָ!“ האָט זיך אַ פֿויערטע אָנטקעגנגעשטעלט.

„איך בין אייער אָנפֿירער!“ האָט אויסגערופֿן דער נאַטשעלניק, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענער, אַרומגערינגלט פֿון די סטראַזשניקעס, וועלכע האָבן געפֿאָכעט מיט די שווערדלעך.

דער עולם האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים: „זדרייצאַ! זדרייצאַ! מאַסקאַלסקער שטיוול־לעקער!“ אַ חברה יונגוואַרג האָט זיך אַ ריר געטאָן אין זיין ריכטונג מיט געבײַלטע פֿויסטן.

„לאָזט אים צו רו!“ האָט וואַצלאַוו געברילט. „לאָזט אים!“ בלוט איז אים נאָך אַלץ גערונען פֿון דער נאָז, אָבער דאָס האָט אים נישט אויסגעזען צו אַרן. „די קאָזאַקן וועלן זיך נוקם זיין פֿאַר יעדער האָר וואָס ט'אים אַראָפּפֿאַלן פֿון קאָפּ!“

„זעט נאָר ווי ער זאָרגט זיך דאָס פֿאַר אונדז!“ האָט זיך געהערט אַן איראָניש געלעכטער. „בעסער האַלט די מאָרדע איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל און מאַך נישט ביי אונדז קיין פּאַזשאַנדקעס!“

„דאָבזשע גאַדאַ!“ האָט נאָך אַ קול זיך דערהערט. אַנדערע האָבן זיך אָנגעשלאָסן און איבערגעחזרט: „יאָ, ער פֿירט זיך אויף ווי גאַנץ באַטשאַני וואָלט צו

אים געהערט, אונדזערע ווייבער אריינגערעכנט!" אומבאקוועמע געלעכטערלעך האבן זיך פונאנדערגעקייקלט איבערן מארקפלאץ.

„ס'א ליגן!" האבן א סך ווייבער זיך צעגוואלדעוועט. „ער איז א גוטער פייער־לעשער־קאמענדאנט! ער איז אונדזער פאטערל סטאניסלאווס ברודער!"

„מעגן זיי ביידע זיך פרעגלען אין גיהנום!" האט א יונג קול א קריי געטאן ווי א הענדל. די ווייבער האבן זיך אנגעכאפט פאר די קעפ, אבער די יונגע זיינען ארויס אין א חוזקדיק קייכן.

„יעזוס מאריא!" האבן די ווייבער אויסגערופן אין זיך געגומען ענערגיש איבערצלמען. „איר רעדט דאך ווי באזעסענע! דער דיאבעל רעדט דאך ארויס פון אייך!" זיי האבן דערשראקענע געגלאצט אויף די יונגע חברה־לייט.

„איר זייט די באזעסענע! איר זייט אין די הענט פון טייוול!" האט א יונגער שייגעץ ארויסגעפלאצט אויסער זיך. „איר מאכט זיך נישט וויסן, אז פאטערל סטאניסלאוו האט זיין אייגענעם בענקארט אוועקגעגעבן צו די זשידקעס אויף וויכאוואניע. אבוש־ווארעאט האט זיך דאך אליין מודה געווען!"

א מורמל איז אדורך דורכן המון. אט דאס האט מען ביז היינט נישט גע־בראכט פאר די ליפן אין אן עפנטלעכן פלאץ. די עלטערע פויערטעס האבן זיך א ווארף געטאן אויף דעם יונגן שייגעץ און די עלטערע מענער האבן זיי צוגע־האלפן. א געשלעג צווישן יונג און אלט האט זיך צעפלאקערט. טאטעס קעגן זין. מען האט שוין לאנג געזוכט א געלעגנהייט זיך אפצורעכענען איינע מיט די אנדערע.

אזוי איז אנגעגאנגען דער טאג, ביז דער כעס און דער בראנפן האבן ווילד צערייצט דעם הונגער און מען האט זיך משפחהווייז און איינצלווייז אוועקגעשארט פון דער מחנה און אהיימגעאיילט צו די געבראטענע חזירמלעך וואס האבן גע־ווארט אין די כאלופעס.

די שפאנונג צווישן די פארשטעקטע יידן און די יידן אין דער שול האט נאכגעלאזט אויף א פאר שעה. מיט די פולע בייכער, נאך די טענץ און די געשלעגן, און דער עיקר נאך דעם שווערן זויפן — ווען די כלאפעס אזוי גיך זיך נישט ארויסלאזן צו דער ארבעט, האט מען אויסגערעכנט.

דער מארקפלאץ איז אפגעליידיקט געווארן און פון דער שול איז מען אהיימ־געלאפן אפכאפן א ביסן, זיך צו שטארקן און כאפן א קוק וואס עס טוען די באהאלטענע דארטן. ווער עס האט נישט באוויזן פריער, איז איצט אוועקגעלאפן לאזן נאכקוקן די מזוזות. דער רב האט צונויפגערופן אן אסיפה פון די ראשי־העיר. שמוליקל רופא האט פארזאמלט זיין חברה בית־מדרש־בחורים ביי זיך אין עסשטוב, און די „אחדות"־חברה האט זיך פארזאמלט אויף א בוידעם.

דעמאלט האט זיך אויפן מארקפלאץ באוויזן דעם ארענדארס בריטשקע

און דער אַרענדאַר מיט זיין גאַנצער משפּחה זיינען אַרויסגעפאָרן אויפן שמאָלן טאָפּאָליע־וועג אין דער ריכטונג פון פּריצס הויף.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען שוין פון די פויערישע הייזער געהערט אַ הייטער געזאַנג, אַ שפּילן פון האַרמאָשקעס און געשרייען פון קינדער. דעמאָלט האָט וואַצלאַוו ספּאָקויני געפונען יאָסעלען אַבעדאַלע אויפן הויף פון פּאַטשעיאָוו.

יאָסעלע איז צוגעפאַלן צו אים: „ס'ט געזען אַבעלען ערגעץ?"

וואַצלאַוו, צעכראַסטעט, שטאַרק דערשלאָגן, האָט געגלאָצט אויף יאָסעלען מיט אַ פּאָר מיט־בלוט־פאַרלאָפענע אויגן. דאָס פּנים איז ביי אים פול געווען מיט בלויע צייכנס און געשווילעכצער.

„דו מוזסט... מוזסט מיר ראַטעווען דאָס לעבן, יאָסעק..." האָט ער געשטאַמלט. „זיי האָבן מיך באַשפּיגן... אויסגעשפּיגן. מיינע ברידער... מיין משפּחה... מיין אויטשיזנע..." ער האָט גערעדט וועגן שפּייען און האָט אַליין געשפּיגן מיט בלוט. יאָסעלע האָט באַמערקט, אַז די צוויי פאָרנטיקע ציין האָבן אים געפעלט.

יאָסעלע האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו אים. ער האָט געהאַט בילכערע ענינים אויפן קאָפּ איצט, ווי זיך צו זאָרגן וועגן וואַצלאַוון. „ס'ט אפשר געזען אַבעלען ערגעץ?" האָט ער איבערגעחזרט די פראַגע.

וואַצלאַוו האָט אָנגעכאַפּט יאָסעלען ביי די קלאַפּעס: „דו קאָנסט מיך ראַטע־ווען! איך וויל ווערן אַ ייִד, ד'הערסט, יאָסעק? אַ ייִד וויל איך ווערן... איינער פון אייך... אָדער איך וועל אַ סוף מאַכן צו זיך!"

יאָסעלע האָט אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן. וואַצלאַוו האָט נישט אויס־געזען שיכור. לגמרי נישט. ערגער ווי דאָס. ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט אַראָפּ פון זינען. יאָסעלע האָט געמוזט אויפשמייכלען, אָט אין דער־אַ רגע. מענטשן האָבן פאַרמאָגט אַ פעיִקייט צו איבעראַשן איינער דעם אַנדערן אויף די משונהדיקסטע אופנים.

„אָוושעם", האָט ער געענטפערט מיט געמאַכטער זאָרגלאָזיקייט. „אָבער צו דעם צוועק, ס'טו מוזן זיך לאָזן מלע זיין, און דאָס איז אין דיין עלטער אַן אומאָנגענעמע אָפּעראַציע פון וועלכער מען בלייבט גיכער ליגן אַ מת, ווי מען שטייט אויף אַ ייִד".

„סטראַשע מיך נישט מיט שטאַרבן, יאָסעק. איך קאָן אויפנעמען דעם טויט פונקט ווי איר קאָנט. איך האָב סיי ווי אַ ייִדישע נשמה".

„אַזוי גאָר?" האָט יאָסעלע געפרעגט מיט אַ גאַליקן טאָן. „טאָ באַווייז דאָס מיר. זאָג מיר צי' מיר זענען טאַקע אויף אַן אמת אין סכנה".

וואַצלאַוו האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. „זאָל דער אַלמעכטיקער אייך העלפן..."

„און דו... דו'סט אונדז העלפן?"

„כ'וועל".

„טאַ ווו איז אַבעלע ?"

„נעכטן איז ער געווען ביי דער זונה מאַגדאַ. ווו ער איז אַצינד, שווער איך דיר, אַז איך ווייס נישט".

„גיי און זוך אים!" יאַסעלע האָט זיך געווונדערט אויף זיין אייגענעם באַפעלערישן טאָן.

„איכל פרוּוון. כ'וועל טאָן וואָס איך קען, עס זאָל אים גאָרנישט געשען... און... און איר... הינדעלען, אויך נישט".

„דו זאָרג זיך נישט וועגן איר".

„איכל זי באַשיצן מיט מיין אייגן לעבן. זי ט'מיר העלפן ווערן אַ ייִד".

„שלאָג דיר בעסער די אידיאָטסטווע אַרויס פון קאָפּ און אויך זי... איך וואָרן דיך. אויב דו האָסט טאַקע איר טובה אין זינען, טאָ לאָז מיך וויסן ווען דיין כאַלאָטע גייט אונדז באַפאַלן. אַצינדער... מאַך פיס פון דאַנען. טאָמער דערווישן זיי דיך ווי דו רעדסט מיט מיר, 'עלן זיי אונדז ביידן זאַמאַלעווען. ס'ט פאַר־געסן, אַז אַ זאַראַזע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו די ייִדן ?"

דער דאַזיקער משונהדיקער טאָג איז ווי נישט איז אַדורך. דאָך, די נאַכט האָט נישט פאַרטריבן די אימה, נאָר פאַרקערט — זי פאַרשטאַרקט.

אויף מאָרגן איז געווען אַ געוויינטלעכער וואָכנטאָג. די פויערים זיינען אַוועק צום פריצס פעלדער. געווען אויך אַ סך אַרבעט צו טאָן אויף זייערע אייגענע נחלאות. די ייִנגערע זיינען דעם גאַנצן טאָג געווען אין דער פאַבריק. דאָרט האָבן די חברה פון דער „אחדות" זיך פאַרשטעקט און גענומען זיך צו באַאַרבעטן די פאָר שקצים מיט וועלכע זיי האָבן זיך געחברט. דער אמתער שונא פון פוילישן פויער — האָבן זיי געפּרוווט אויפקלערן די שקצים — איז געווען דער צאַר ניקאָליי. און דער צאַר ניקאָליי איז געווען אַ שונא פון די ייִדן אויך, און קעגן אים האָט מען צוזאַמען געדאַרפט קעמפן.

„טאָ פאַר וואָס ניצט איר בלוט פון קריסטלעכע קינדער אויף מצות ? און פאַר וואָס פאַרכאַפּט איר זיי און זייט זיי מל, און מאַכט זיי פאַר ייִדן ?" האָבן די שקצים געשטעלט דירעקטע שאלות.

האָבן די „אחדותניקעס" מיט פשוטע ווערטער זיי אויפגעקלערט, אַז דאָס זיינען מעשׂיות אויסגעזויגענע פון פינגער, אַז די שׂונאים פון פאָלק ווילן אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די אמתע שולדיקע, טראַכטן זיי אויס מעשׂיות אויף ייִדן. ווייל אין דער אמתן ניצן ייִדן איבער הויפּט נישט קיין בלוט, אַפילו נישט פון חיות און עס איז זייער שווער עמעצן מגייר צו זיין, אַפילו אַז ער וויל ווערן אַ ייִד.

„און אַבוש־וואַריאַט ?" האָבן די שקצים געפרעגט.

„אבעלע־נאַר", האָבן די „אחדותניקעס" דערקלערט, „איז געפונען געוואָרן אין בית־מדרש, אַ געמלעטער".

„האָט מען אים ערגעץ אַנדערש מלע געווען", האָבן זיך די שקצים געהאַלטן ביים זייעריקן. „דער גלח מיט דער גאַספּאַדיניע האָבן שוין געפונען אַ וועג... איר זאָגט דאָך אַליין, אַז די גלחים זיינען צוויי־פּנימדיקע און אַז דער ראָבין איז נישט בעסער פון גלח".

„די גלחים און די רבנים האַלטן טאַקע דאָס פאָלק אין בלינדקייט און דינען די גבירים", האָבן די „אחדותניקעס" איינגעשטימט, „אָבער שלאָגט אייך אַרויס פון קאָפּ, אַז דער משוגענער אבעלע איז דעם גלחס אַ זונדל".

„וואָס הייסט, מען זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ? אבוש האָט דאָך זיך אַליין מודה געווען. פרעגט מאַגדען, ט'איר הערן!"

אבעלע־נאַר, וועלכער האָט די לעצטע זומערס זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען און האָט אָפט אַרומגעוואַנדערט ביי נאַכט איבער די דערפער, האָט מיט אַ צאָל נעכט צוריק זיך אַרויסגעלאָזט איבער באַטשאַני און פאַרוואַנדערט צו דער כאַלופּע פון מאַגדאַן דער אַלמנה, דער פעסטער, דער זינלעכער און דער עלנטער. מאַגדאַ האָט אַריינגערופן אבעלען צו זיך, אים געגעבן גוט אָפּצועסן, האָט אים אָנגעטרונקען און אים גענומען אין בעט אַריין.

אַזוי איז אבעלע יעדער נאַכט געקומען צו איר, ביז איין נאַכט האָט אַ שכנה אָנגעקלאַפּט אין טיר, צו בעטן ביי מאַגדאַן אַ ביסל קרייטער־אויסקאָך פאַר איר אַלטן, וועלכער האָט זיך געדרייט אין יסורים, מסתמא זיך פאַרסמט דעם בויך מיט עפּעס. מאַגדאַ האָט געהאַט אַ קליינע כאַטקע, אַן איינצימערדיקע און דאָס בעט איז געשטאַנען לעבן דער טיר, און אין בעט איז געשלאָפן אבעלע אין זיין גאַנצער צעשלאָבערטער גרייס. קיין וואָרט וואָס מען וואָלט גערעדט צו אים וואָלט ער סיי ווי נישט פאַרשטאַנען. איז מאַגדאַ אויף דער גיך געפאַלן אויף אַ המצאה. זי האָט אים איינס און צוויי צוגעבונדן מיט שטריק צום בעט, אַריינגעלאָזט די שכנה און גלייך זי צוגעפירט צום שלאָפנדיקן יונג.

„זעסט", האָט זי אַ זאָג געטאָן צו דער שכנה. „כ'האָב אים נאָר וואָס געכאַפּט אין דרויסן און כ'וועל אים נישט אָפּלאָזן, ביז ער'ט מיר זאָגן ווער ער איז. אַז דו'סט מיך פרעגן, וועל איך דיר זאָגן, אַז די גאַנצע זאַך איז אַן אָנשטעל. ער איז נישט קיין נאַר און ער קאָן רעדן אונדזער לשון אויך, נאָר די זשידקעס האָבן אים אַזוי ספּעציעל אויסדרעסירט, פאַרשטייסט?"

„ער שלאָפט דאָך", האָט די שכנה זיך איבערגעבויגן איבער אבעלען.

„ער זעט טאַקע אויס ווי דער גלח", האָט זי באַשטעטיקט.

„ער שלאָפט, ווייל כ'האָב אים צו שטאַרק אָנגעשיכורט, געוואָלט ער זאָל אויפזינגען אַלץ וואָס ער ווייסט".

„און וואָס ליגט ער עפּעס אַ נאַקעטער?"

מאַגדאַ האָט זיך צוגעבויגן צו דער קומע. „דיר מעג איך דאָך זאָגן. כ'האָב געוואָלט זען צי ער איז טאַקע געמלעט. ווייל כ'האָב מיר נישט צוגעגלייבט אויף אונדזער הייליק־פרומינקן גלחל... אָבער, אַז כ'האָב געזען, אַז ער איז, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס מען רעדט איז טאַקע אמת. יאָ, לאָמען זיך נישט גענאַרן. אונדזער פאַטערל סטאַניסלאַוו האָט גאָרנישט קיין בעסערן כאַראַקטער ווי זיין אויסגעלאַסענער ברודערל, וואַצלאַוו, וועלכער האָט מער ווי איין מאָל זיך דאָ צו מיר אַריינגעבראָכן אין מיטן דער נאַכט. דיר דאַרף איך דאָך נישט גיין דערציילן, האַ? נאָר ער, דער שוויענטאַשעק, דער גלח, קאָן פאַרווישן די שפּורן געשיקטער פון וואַצלאַוון, דעם פאַרנאַרטן שיכור".

„דו מיינסט נישט, אַז די זשידקעס האָבן אָבושן מלע געווען נאָ גוואַלד?" האָט די קומע געפרעגט. זי האָט אין גאַנצן פאַרגעסן נאָך וואָס זי איז אין מיטן דער נאַכט אַריינגעקומען צו לויפן אַהער. אַזוי פאַרכאַפּט איז זי געווען פון אַלץ וואָס זי האָט דאָ דערהערט און דערזען.

מאַגדאַ האָט מער פיינט געהאַט די ייִדן ווי זי האָט פיינט געהאַט דעם זינדיקן גלח. אָבער זי האָט זיך געוואָלט באַווייזן מיט איר חוש פאַר גערעכטיקייט פאַר איר שכנה. האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: „ווי עס זאָל נישט זיין, איז דער גלח פונקט אַזוי שולדיק אין דעם פאַל, ווי די זשידקעס. דער גלח און זיין פאַרשטאָרבענע גאָספּאַדיניע, מעג זי פוילן אין דר'ערד פאַר אירע זינד, האָבן געוואָלט האָבן זייער בענקאַרט נאָענט פון זיך, און האַלטן אַן אויג אויף אים, און קיין נשמה זאָל דערוועגן נישט וויסן, האָבן זיי געמוזט צאָלן אָט דעם טייערן פּרייז און דאָס איז געווי וואָס די זשידקעס האָבן געוואָלט".

„אַזוי־אַזוי!" האָט די שכנה אַ פאַרגאַפטע זיך צעשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָ האָט זי זיך אַ ווענד געטאָן צו מאַגדען: „לאָז מיך כאַפּן אַ גוטן קוק... כ'האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען קיין אָבושעזאַניעץ".

„קוק וויפל ד'ווילסט!" האָט מאַגדאַ ברייטהאַרציק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

די שכנה האָט זיך נישט פאַרגונען לאַנג צו קוקן, ווייל אין דער רגע האָט זי זיך דערמאָנט וועגן איר אַלטן וואָס האָט זיך געדרייט אין קראַמפּן אין דער שטוב. האָט זי געבעטן ביי מאַגדאַן דאָס פלעשל מיט דעם קרייטער־אויסקאָך און שוין ביי דער טיר, אַ צעפלאַמטע, אַ זאָג געטאָן: „האַלט אים דאָ ביז אין דער פרי. אַז מיין אַלטן ט'בעסער ווערן, ט'ער אַריינקומען זיך נעמען צו אים און מ'עט אָרויסקריגן דעם אמת ווי בוימל אויפן וואַסער".

אַז אַבעלע האָט אַ גליקזעליקער געעפנט אין דער פרי די אויגן, אויף דעם ווייכן געלעגער, וואָס אויף אַזאַ איז ער אין זיין לעבן נישט געשלאָפן, האָט ער דערזען איבער זיך קעפּ און קעפּ פון פויערים און פויערטעס וואָס האָבן עפּעס

גערעדט צו אים, געשריגן און דערנאָך אים דערלאַנגט לייגעס איבערן גרויסן צעוואָקסענעם לייב; קלעפּ וואָס אַ מאָל שטאַרקערע, ביז די הויט האָט אויפגע־פּלאַצט. — ביז ער האָט זיך, אינעם חושך וואָס איז אים באַפאַלן, געכאַפּט, אַז אַלץ וואָס מען האָט געוואָלט פון אים איז געווען, אַז ער זאָל זאָגן: „טאַק!"

האָט ער זיך צערעוועט פון יסורים און געשריגן: „טאַק! טאַק!" ביז ער איז הייזעריק געוואָרן.

אַזוי איז דער אמת אַרויסגעקומען ווי בוימל אויפן וואַסער און אַבעלע האָט זיך געראַטעוועט דאָס לעבן, האָבנדיק בעת־מעשה אויך געלערנט, אַז עס איז נישט פאַראַנען געווען קיין פאַרגעניגן פאַר וועלכן מען האָט נישט געמוזט באַצאָלן, אויף איין אופן, צי אויף אַן אַנדערן. עס איז אים אויך קלאָר געוואָרן, אַז טאָמער וועט ער זיך אומקערן אין יאַסעלעס קאַמער, אויפן פּאַטשעיאָוו, וועט מאַגדאַ, צי יעדער אַנדערע פּויערטע צי פּויער אים לייכט געפינען, ווען נאָר עס וועט זיך זיי אַ גלוסט טאָן אים ווידער צו פאַדאַווען קלעפּ. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן זיך צו באַהאַלטן אין בעריאָזע־וועלדל.

צוויי טעג נאָך דער חגא פון „דאַזשינקי" איז אַ שליח אָנגעקומען קיין באַטשאַני — פון די ווייבער וואָס האָבן מיט זייערע קינדער פאַרלאָזט דאָס שטעטל און אַוועק קיין כוואַסטי. דער שליח האָט דערציילט דעם רב, אַז הגם די ווייבער זיינען גאַסטפריינדלעך אויפגענומען געוואָרן פון די כוואַסטער ייִדן, וועלכע האָבן זיי אַלעמען ווי נישט איז איינקוואַרטירט — האָבן זיי אומבאַדינגט געוואָלט זיך אומקערן קיין באַטשאַני. אַז וואָס עס זאָל נישט געשען, האָבן זיי בעסער געוואָלט זיין מיט זייערע מענער און די עלטערע קינדער וועמען זיי האָבן איבערגעלאָזט אין דער היים.

דערווייל האָבן די שטעטלשע ייִדן געמוזט זאָרגן וועגן פּרנסה. די קרעמלעך אויפן פּאַטשעיאָוו האָבן וואָס גיכער געמוזט געעפנט ווערן, ווייל יאָ סכנה, נישט סכנה — אַ מענטש האָט געמוזט דערהאַלטן דאָס חיות מיט עפּעס. און די כלאָפּעס אַליין האָבן זיך אָן די קרעמלעך אויך נישט געקאָנט אַזוי גוט קיין עצה געבן, און זיי האָבן גענומען פרעגן ביים נאַטשעלניק וואָס עס הערט זיך מיט דער ייִדישער מגפה.

איז דער נאַטשעלניק אַריין צו שמוליקלען רופא מיט דער זעלבער שאלה און שמוליקל האָט זיך נישט געאיילט. זאָלן די פּויערים גוט דערפילן ווי די שטעטלשע ייִדן פעלן זיי אויס, האָט ער באַשלאָסן. און אַז דער רב האָט אַריינגע־שיקט אַ שליח זיך האַלטן אַן עצה, האָט שמוליקל געהייסן מען זאָל איבערוואַרטן דעם מאַרקטאָג. האָט מען אַזוי געטאָן. און דער מאַרקטאָג איז פאַר די כלאָפּעס טאַקע געווען אַ קלאָגטאָג, ווייל זיי זיינען — יאָ מגפה, נישט מגפה — אָפּגע־שטאַנען אויפן טויט־שטילן מאַרק דעם גאַנצן טאָג און קיין איין ייִד, צי ייִדענע,

האָט זיך ביי די וועגענער מיט גרינסן און מילכוואַרג נישט געוויזן, און זיי זיינען צוריקגעפאָרן אין די דערפער מיט דעם וואָס זיי זיינען געקומען.

דעמאָלט האָט שמוליקל רופא באַפוילן דעם רב, אַז מען מעג שוין. איבער די דערפער האָט מען פאַרשפּרייט דעם קלאַנג, אַז דער רבי פון כוואָסטי האָט באַוויזן אמתע מופתים און אויסגעהיילט די יידישע קינדער פון דער יידישער קרענק. די יידן זיינען אַרויס אין די גאַסן כלומרשט שטאַרק באַשימחהט. און מען האָט געזען, אַז די נייעס זאָל דערגיין צום נאַטשעלניק און צום גלח און מען האָט אַרויסגעשיקט די וועגענער נאָך די ווייבער און קינדער וואָס זיינען געוועזן אויף קעסט ביי די יידן אין כוואָסטי.

דעם זעלביקן טאָג זיינען אָנגעקומען צו פאָרן די ווייבער און קינדער מיט גרויס טאַראַראַם. מען האָט געעפנט די קרעמלעך אויפן פּאַטשעיאָוו און די פויערים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויפן מאַרק מיט אָנגעלאָדענע וועגענער; מען האָט געקויפט און פאַרקויפט, זיך געפרייט איינער מיטן אַנדערן — און זיך אָנגעקוקט מיט גרויס חשד.

דעמאָלט האָט דער גלח, פאַטערל סטאַניסלאַוו, אויפן וועג צוריק פון צוטיילן אַ גוססן דעם לעצטן סאַקראַמענט, זיך אַריינגעכאַפּט צו שמואליקלען רופא אויף אַ שמועסל.

„ווי קומט", האָט דער גלח געשטעלט שמוליקלען אַ פּראָסטע שאלה, „וואָס דער ראַבין פון כוואָסטי האָט געקאָנט אויסהיילן אַ קרענק וואָס דו, אַזאַ געלערנ־טער פעלדשער, האָסט נישט געקאָנט?"

האָט שמוליקל רופא אין אַן עלעגאַנטן פּויליש אויפגעקלערט דעם גלח: „דער ראַבין פון כוואָסטי קאָן היילן נאָר אַזעלכע קראַנקהייטן וואָס די מעדיצין האָט נאָך נישט געפונען קיין רפואה אויף זיי".

„טאָ צו וואָס דאַרפט מען די מעדיצין, צו וואָס דאַרפט מען אויסגעפינען רפואות, אַז אַ ראַבין קאָן באַווייזן אַזעלכע מופתים, אַזוי גיך?"

„ווייל די מעדיצין גייט אויף אַ זיכערן וועג", האָט שמוליקל זיך נישט פאַר־לוירן. „נישט שטענדיק געלינגט דעם ראַבין אַ נס. ער דאַרף זיין געבענטשט מיט אַ באַזונדערן חסד אין ריכטיקן מאָמענט, כדי דער הייליקער גייסט פון אַלמעכטיקן זאָל רוען אויף אים. אַ נס געשעט זייער זעלטן אין די היינטיקע מאָדערנע צייטן".

„אמת..." האָט דער גלח אַ פאַרטראַכטער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. „נישטאָ היינט ביי די פעלקער דער כוח פון אמונה ווי אַ מאָל. זעט איר שוין, פּאַניע פעלדשער, וואָס פאַר אַ מעכטיקער כוח ריינע אמונה איז. ווי זי העלפט און היילט".

„יאָ", האָט שמוליקל ערנצט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „אַ בלינדער כוח וואָס מאַכט דעם חולה דאָס געלעגער ווייכער".

„מאַכט דעם חולה געזונט!" האָט דער גלח פאַרריכט שמוליקלען און ער האָט זיך שטאַרק צעזיפצט. „עך, ווי וואָלט איך אַליין היינט געווען אָן מיין אמונה..."

„און אָן מיינע איינשפּריצונגען..." האָט שמוליקל צוגעגעבן.

„אמת..." האָט דער גלח איינגעשטימט. „אָבער די איינשפּריצונגען וואָלטן נאָך בעסער געווירקט... ווען אייער האַנט, פאַניע פעלדשער, וואָלט געווען אַ קריסטלעכע". ער האָט זיך פאַרחלומט צעשמייכלט: „ווי וויל וואָלט געווען ווען די ייִדן נעמען אָן די רעליגיע פון אונדזער האַר יעזוסן..."

שמוליקל האָט אַרויסבאַגלייט דעם גלח צו דער טיר. קיין סך געדולד צו אים האָט ער היינט נישט געהאַט. „די ייִדן דאַרפן נישט אָננעמען די רעליגיע פון יעזוסן", האָט ער מיט אַן עוקץ כּעס אין קול געענטפערט דעם גלח. „יעזוסעס רעליגיע איז די רעליגיע פון די ייִדן. די ייִדן ווילן נאָר נישט אָננעמען די רעליגיע וועגן יעזוסן".

שמוליקל האָט אָפּגעזעגנט דעם גלח און געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון דער ראַזורע. ער האָט מיט די בליקן אַרומגענומען דעם מאַרקפּלאַץ און דעם פאַטשעיאָוו, ווו דאָס לעבן איז מיט אַ פּאָר שעה צוריק אַריין אין דעם געוויינטלעכן ריטעם. דאָך האָט ער געוווּסט, אַז די שפּאַנונג, די אויפרעגונג וואָס ער האָט געפילט, זיינען נישט געווען בלויז זיינע. באַטשאַני האָט געבולבעט ווי אַ קאָכנדיקער פאַרמאַכטער טאָפּ, וואָס דער צודעק איז פון אים נאָך נישט אויפגעהויבן געוואָרן און די איינגעצוימטע פּאַרע האָט געזוכט אַ וועג אַרויס. ער, שמוליקל רופא, האָט גוט געוווּסט, אַז דעם רבס איינפאַל איז געווען נישט מער ווי אַן אָפּשטופּן די סכנה אויף אַ פּאָר טעג. עפּעס איז פאַרגעקומען צווישן די פּויערים. זיי זיינען געווען ווי שאָף אָן אַ פּאַסטעך. צעטראָגן, צעטומלט, געשפּאַנט — און דערין איז געווען די סכנה פאַרן שטעטל ייִדן.

יאָ, די פּויערים זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען מיטן אויסגעפינען וואָס עס איז אייגנטלעך געשען מיט זיי און ווו דער אמת שטייט איין. מען האָט פאַרלוירן דעם צוטרוי צום גלח, דעם היימישן פאָטערל סטאַניסלאָוו. דער נאַטשעלניק איז געווען אַ שוטה און אַ מאַסקאַלישער שטיוול-לעקער. מען איז אפילו נישט געבליבן מיט וואַצעק ספּאַקוינין, דעם לעביונג און שיכור, וועלכער איז דאָך געווען דער איינציקער וואָס האָט געוווּסט נישט נאָר ווי אָנצופירן מיט אַ פּייער-בריגאַדע, נאָר אויך מיט אַ גאַנצער קאָנגרעגאַציע מענטשן; אָבער ער האָט נישט אויסגעזען צו האָבן מער די אַמביציע דאָס צו טאָן. ער האָט אַפילו אויסגעזען צו האָבן פאַרלוירן זיין גוואַלדיקע פּאַסיע פאַרן פלעשל און איז אַרומגעגאַנגען ווי דער לעצטער פונק לעבן וואָלט אין אים געווען אויסגעגאַנגען.

און אַ קאָנגרעגאַציע האָט זיך געגייטיקט אין אַ פירער, בפרט אין אַזעלכע משונהדיקע צייטן, ווען אַ תהום האָט זיך גענומען שפּרייטן צווישן אַלטן און יונגן דור. טאַטעס און זין האָבן מער נישט געהאַט די זעלבע מיינונג וועגן

וויכטיקע ענינים. זין האָבן אויפגעהערט צו פּאָלגן אַ טאַטן און אָן זיין דער־לויבעניש פאַרלאָזט די נחלאות; בעת די טאַטעס האָבן זיך מער ווי תמיד געקלאַ־מערט אָן דעם פּיצל אייגענעם לאַנד, ווייל עס האָט אויסגעזען ווי די איינציקע באַשטאַנדיקייט אָן וועלכער מען האָט זיך נאָך געקאָנט אָנהאַלטן.

דער גלח, פּאַטערל סטאַניסלאַוו, וועלכער האָט פון זיין זייט זיך געפילט צעטומלט און פאַריתומט, אָן דער ליבע פון זיין קאָנגרעגאַציע, האָט זיך יעדן אינדערפרי אַרויסגעלאָזט אויף לאַנגע שפּאַצירן אויפן שמאָלן טאַפּאָליע־וועג. דאָרט האָט אים איין טאָג אָנגעיאָגט יאַסעלע אַבעדאַלע, וועלכער האָט קיין מאָל פריער מיטן גלח נישט געוואָלט רעדן.

„ווילמאָזשנע גלח", האָט יאַסעלע זיך באַמיט צו באַהערשן זיין סאַפּענדיק קול. „ס'האַנדלט זיך אין אַ מענטשלעך לעבן. אַבעלע, דער שטאָטנאַר, איז נעלם געוואָרן". דער גלח האָט זיך פאַרהאַלטן און יאַסעלע האָט זיך אַ שטעל געטאָן פאַר אים; אַ פאַרדאגהטער, פאַרשוויצטער, האָט ער זיך אָנגעהאַלטן אָן דער באָרד. „געהערט האָב איך, אַז די פּויערים באַהאַלטן אים אויס. ער איז נעבעך ווי אַ שטומע חיה, פאַרשטייט גאָרנישט, ווייסט גאָרנישט. אַ גוטע נשמה... ט'קיין האַנט אויף קיינעם נישט אויפהייבן... איר איינער, פּאַטערל סטאַניסלאַוו, קאָנט אים ראַטעווען. זיין לעבן איז אין אייערע הענט".

דער גלח האָט אַרויסבאַלושטשעט זיינע „זילבערדיקע" אויגן, האָט זיך איבערגעצלמט — און האָט לאַנג געשוויגן. געוויינטלעך האָט ער ליב געהאַט צו קוקן יאַסעלען אין פּנים אַריין. אָבער איצט זיינען זיינע אויגן געווען אָנגע־שטעלט אויף דער טיף פון וועג.

לסוף האָט ער געפרעגט: „פאַר וואָס מיינסטו, אַז די פּויערים באַהאַלטן אים אויס?"

יאַסעלע האָט זיך אַ רגע געוואָקלט, צי ער זאָל זאָגן וואָס ער האָט געוווּסט, צי נישט. לסוף האָט ער אַרויסגעפּלאַצט: „ווייל זיי מיינען, אַז ער איז אַן אייעריקער... אַ קריסט... אַז ער איז... דיין ממזר... דיין זון".

דער גלח האָט זיך אַ וויג געטאָן. עפּעס געפּרעפּלט. און איידער יאַסעלע האָט זיך אומגעקוקט, איז ער אַ פּאָל געטאָן און געבליבן ליגן אויסגעצויגן פאַר יאַסעלעס פיס, אין מיטן פון וועג.

יאַסעלע האָט זיך אַ צעטומלטער אַרומגעקוקט. נישט געווען קיין לעבעדיק נפש אויפן וועג. די דאָרפישע כאַלופּעס זיינען געווען גענוג ווייט פון דאַנען, איבערן פעלד. יאַסעלע האָט זיך אַראָפּגעבויגן, געשטאַרט אויפן טויט־בלייכן פּנים, דאָס פּנים פון אַ מת מיט פאַרמאַכטע אויגן. דערנאָך האָט ער אָן גרויסער שווערקייט אונטערגעהויבן דעם שלאַבעריקן גוף, וועלכער האָט געוווּיגן מסתּמא נישט מער ווי דאָס גופל פון אַ קינד. כּדי זיך צו פאַרקירצן דעם וועג, האָט

יאָסעלע גענומען אַדורכקרייצן דאָס פעלד אַנצוקומען אין אַ גלייכער ליניע, צו דער פּלעבאַניע.

„אוי, רבונו־של־עולם", האָט ער געמורמלט. „ווי שטאַרק עס טוען ווײ די שפּאָסן וואָס דו מאַכסט דיר מיט מיר. אָט טראָג איך אויף מײנע אָרעמס דעם, אויף וועמעס טויט איך האָב אַ טויזנט מאָל געבעטן. ווי לעכערלעך מוז איך אויסזען, מיט מײן באָרד און פּאות, אין דער שוואַרצער קאַפּאָטע, טראָגנדיק ווי אַ וויגקינד אויף מײנע אָרעמס — אים, אין זײן שוואַרצער סוטאַנע, מיטן צלם אויף זײן בוזעם... טראָגנדיק אים אַהין... צו דעם אָרט וואָס איך האָב אַ טויזנט מאָל פאַרשאָלטן. אָבער דו, רבונו־של־עולם, האָסט דאָך קיין מאָל מיר נישט געשאָנקען קיין לייכטן אויסוועג. אָט קוק איך דאָ אויפן צלם וואָס הענגט פון זײן האַלדז, דאָס באַזילבערטע שטיקל האָלץ, דער צייכן פון זייער שינאה צו אונדז, און איך פיל נישט קיין עקל. גאָרנישט. בלויז אַ ווונטש, מער גאָרנישט, אַז איך זאָל בשלום איבערקומען אָט דעם וועג ביז דאָרטן אַהין... מער גאָרנישט".

קיין שום אַנדערע געפילן האָט יאָסעלע נישט געהאַט. זײן האַרץ האָט נישט געקלאַפּט און ער איז מער נישט געווען געשפּאַנט. צום ערשטן מאָל אין זײן לעבן האָט ער אָריבערגעשפּרייזט דעם קאַשטשאָלהויף מיטן שלאַבעריקן גוף אויף זײנע אָרעמס. — איצטער האָבן זיך קולות געהערט פון אומעטום, וועלכע האָבן אים באַגלייט פון וואָס אַ נענטערן אָפּשטאַנד. פּויערים זײנען פון אַלע זייטן אָנגעקומען צו לויפן, צוזאַמען מיט אַ כמאַרע קינדער. עמעץ האָט אַ לויף געטאָן פאָרויס און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דער פּלעבאַניע. איידער דעם גלחס בעל־הביתטע האָט געעפנט, האָט יאָסעלע באַוויזן אָריבערצולייגן דעם גוף פון גלח אויף די אָרעמס פון אַ פּאָר כלאָפּעס וואָס זײנען אונטערגעקומען.

ער האָט אָוועקמאַרשירט אין דער ריכטונג פון מרחץ.

וואַצלאַוו ספּאָקויניק, נאָך וועמען דעם גלחס גאָספּאָדיניע האָט גלייך גע־שיקט, האָט מען מסתמא נישט געקאָנט לייכט געפינען, ווייל ער איז אָנגע־קומען אַ פּאָר שעה שפּעטער, נאָך דעם ווי שמוליקל דער רופא האָט אָפּגעמינ־טערט דעם קראַנקן גלח און אים אַ ביסל צוריקגעבראַכט צו די כוחות. די פאַרווײנטע גאָספּאָדיניע האָט אויפגענומען וואַצלאַוון און אים אַרײנגעפירט אין דעם גלחס תּפילה־חדר, וווּ דער גלח איז געלעגן אויף אַ בעט פון ברעטער מיט אַ קליין קישעלע צוקאָפּנס. דאָ, אין דעם צימערל, האָט דער גלח געפּלעגט ווייטיקן מיטן געקרייציקטן, פּייניקן דעם גוף און בעטן פאַרגעבונג.

דערקענט זײן ברודער, האָט דער גלח בלייך אויפגעשמייכלט און קוים־קוימיק אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט. „קום צו נענטער, מײן זון", האָט ער געזאָגט מיט אַ פּליסטערדיק קול.

וואַצלאַוו, צעשויבערט, דער רוקן געבויגן, דאָס פּנים צעקנייטשט, די הענט־מאַנסקע וואַנצעס ווי דיקע שטריכן איבער זײן מויל — האָט זיך געשאַרט

פּאַרויס. דער אָפּשיין פון אַ וואָרעם ליכט האָט אויפגעלויכטן טיף־טיף אין זיינע מיט־בלוט־פאַרלאָפענע, אויסגעלאָשענע אויגן.

„איך בין נישט געקומען צו דיר ווי אַ זון", האָט ער אַרויסגעמרוקעט. „נאָר ווי דיין ברודער בין איך געקומען... ווי פילסטו זיך, סטאַשעק?"

דער גלח, ווי ער וואָלט נישט געהערט וואַצלאַווס שאלה, האָט געדרייט מיטן קאָפּ פון זייט צו זייט. „דו פאַרשטייסט נאָך אַלץ נישט, קליינינקער וואַצלאַוו. קודם־כל און פריער פון אַלץ ביסטו מיין זון..." טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן און זיך אַראָפּגעקייקלט פון זיינע באַקן ווי זילבער־קרעלן. „קום אַהער נענטער, קני אַראָפּ לעבן מיר, און לאָז מיך דיר מוחל זיין דיינע זינד קעגן אַלמעכטיקן... און קעגן מיר. לאָמיר צוזאַמען תּפילה טאָן".

וואַצלאַוו איז געפאַלן אויף די קני לעבן זיין ברודערס בעט.

„סטאַשעק", האָט ער הייס געפּליסטערט. „סטאַשעק... מיין סוף דערנענטערט זיך. איך קאָן מיר נישט קיין עצה געבן מיט דער שאַנדע, ברודער טייערער. כ'האָב געוואָלט שטאַרבן פאַר דער אויטשיזנע ווי... ווי דער טאַטע ז'געשטאָרבן. יאָ, די יונגע גרייטן זיך... געהיים. אָבער זיי ווילן מיך נישט. מיך... מיך, ווילן זיי נישט. דו הערסט? מיך, וואָס איך האָב מער ווי איין מאָל געראַטעוועט זייערע לעבנס און זייערע היימען. ז'זאָגן אַז מ'קאָן זיך אויף מיר נישט פאַר־לאָזן... ז'זאָגן... יאָ, ווי צו עפּעס אַ סמאַרקאַטש רעדן זיי צו מיר..." שווערע טרערן האָבן געקאַפּעט פון זיינע אויגן. די אַקסלען האָבן ספּאַזמאַטיש ביי אים געצוקט.

דער גלח האָט אַרויפגעלייגט זיין בלייכע האַנט אויף וואַצלאַווס קאָפּ.

„דו'סט מיך פאַרראַטן.." האָט ער געפּליסטערט. „אַלע מיינע שאָף האָבן מיך פאַרראַטן. אָבער דיין פאַרראַט טוט מער וויי ווי יעדן איינעמס". וואַצלאַוו האָט אויפגעהויבן די אויגן, פאַרשוואָמענע מיט טרערן, צו זיין ברודער. דורך זיי האָט ער געקאָנט זען וויפל צער עס האָבן אויסגעדריקט דעם גלחס קליינע „זילבער"־אויגן און זיין סקעלעטיש פּנים. אָבער די רייד וואָס זיינען אַראָפּגע־קומען פון די בלייכע ליפּן, אין אַ ווייך לחשדיק קול, האָבן ווי מעסערס גע־שניטן אין וואַצלאַווס האַרצן. „ז'זאָגן, אַז דער ייִדישער שטאָטנאַר איז מיין בענ־קאַרט, האַ, דאָס זאָגן זיי?" האָט דער גלח אַרויסגעקרעכצט די פראַגע.

„סטאַשעק קאָכאַני", האָט וואַצלאַוו געפּרעפּלט. „איך עק מיך... ד'זעסט דאָך..."

„דאָס זאָגן זיי, האַ?" איז דער גלח צוגעשטאַנען.

די פאַרצווייפלונג האָט זיך פּאַמעלעך גענומען שטורעמען אין וואַצלאַווס האַרצן. „נו, דו ביסט דען נישט?" האָט ער פּלוצעם צוריקגעפרעגט מיט אַ סמיק קול.

דער גלח האָט געשלאָסן די אויגן. צוויי פרישע גרויסע טרערן האָבן זיך גענומען קייקלען לענג־אויס די רינוועס אין זיינען באַקן. „זאָל דער אַלמעכ־טיקער דיר מוחל זיין", האָט ער געפּליסטערט, און האָט צוגעגעבן אַזוי שטיל, אַז די רייד זיינען אַרויסגעקומען נישט העכער פון אַ שאָרך. „זאָל מיך דער אַלמעכטיקער נישט שטראָפן פאַר די רייד... נאָר אַ סך מאָל טראַכט איך, אַז איידער צו האָבן אַזאַ ברודער... צו האָבן אַזאַ נישט־געטרייע קאָנגרעגאַציע... וואָלט איך שוין ליבערשט געוואָלט... געוואָלט זיין אַ ייִד". ער האָט זיך איבער־געצלמט.

וואַצלאַוו האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ פּלוצעמדיק, היסטעריש געלעכטער. „געשאָסן און געטראָפן!" האָט ער אויסגערופן. „לכל־הפּחות אין דעם פּרט טראַכטן מיר ביידע ווי צוויי געאייניקטע ברידער!" דאָס קול איז אים געוואָרן גרילצנדיק, בייסיק. „איך וויל אויך ווערן אַ ייִד. און ד'ווייסט פאַר וואָס? ווייל דו ביסט אַ קריסט... און קיינער אין דער וועלט קאָן נישט אַזוי גוט פיינט האָבן, ווי אַ גוטער קריסט! דו האָסט דיך געשעמט מיט מיר, האַ, ברודערל? דאָס זעלביקע פון מיר צו הערן. איך שעם מיך מיט דיר!" ער האָט אָפּגע־האַקט אין מיטן די רייד, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ זאָג געטאָן מיט אַ פאַרענ־דערט קול: „אַך, סטאַשעק, דער אמת איז, אַז דער טאַטע וואָלט נישט געהאַט וואָס צו שטאַלצירן, נישט מיט מיר, נישט מיט דיר".

„איכ'ל פאַרלאָזן די קאָנגרעגאַציע..." האָט דער גלח געקרעכצט. טרערן האָבן נאָך אַלץ געוואַשן זיין פּנים. „אויב איך וועל פריִער נישט פאַרלאָזן אין גאַנצן אָט דעם טרערנטאָל... קירי־עלעיסאָן..."

„איך וועל אים פאַרלאָזן פאַר דיר, זאָרג דיך גאָרנישט, סטאַשעק קאָכאַני..." וואַצלאַווס אויגן זיינען אויך פולער געוואָרן מיט טרערן. מיט אַ פאַרצוויי־פלטן זשעסט האָט ער אָנגעכאַפּט דעם ברודערס האַנט, וועלכע איז געלעגן אויפן הילצערנעם קרייץ לעבן גלחס זייט, און האָט זי פעסט אַ פּרעס געטאָן.

דער גלח האָט אויפגעהויבן די אויגן צום סופיט. ער האָט טיף געזיפצט: „אַ פאַסטעך וואָס די שאָף געטרויט אים נישט, איז קיין פאַסטעך נישט". ער האָט אָפּערגענומען די האַנט מיטן הילצערנעם קרייץ פון אונטער וואַצלאַווס דלאָניע און מיט דער הילף פון דער אַנדערער האַנט זיך אָוועקגעלייגט דעם קרייץ אויפן פּנים. ער האָט צוריק געשלאָסן די אויגן און מער האָט ער זיך מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופן צו וואַצלאַוון. וואַצלאַוו האָט אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט ביידע הענט, אַ שפּיי געטאָן אַ קללה, און איז אַרויסגעלאָפן פון גלחס אַלקערל.

אין אָוונט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג צווישן די כלאָפּעס, אַז דער גלח איז שיִער נישט געשטאָרבן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט אין וואָס די קאָנ־

גרעגאַציע איז אים חושד געווען, און אַז ער האָט באַשלאָסן די קאָנגרעגאַציע צו פאַרלאָזן, אַזוי גיך ווי ער וועט זיין ביכולת אונטערצונעמען אַ נסיעה.

האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע מהומה. דער גלח, פאָטערל סטאַניסלאַוו, איז געווען אַ היימישער, אַן אייגענער, ווי אַ קרוב, אַן אמתער פאָטער. דאָס מתוודה זיין זיך פאַר אים האָט גאָר אַן אַנדערן טעם געהאַט, ווי עס וואָלט געהאַט — פאַר אַ פרעמדן. מען איז דאָך אויסגעוואַקסן מיטן בילד פון זיין אויסגעמאָגערטן, עקזאַלטירטן פּנים פאַר די אויגן. פון אים האָט מען געלערנט גוטסקייט און מענטשלעכקייט, געלערנט די עוואַנגעליע. ער האָט געטויפט און געגעבן די לעצטע סאַקראַמענטן צו די לייבלעך־נאָענטסטע. ער האָט פאַרבונדן מאַן און ווייב אין אַ בונד אויפן לעבן אַרויס.

אַזוי האָט דאָס גוייִשע באַטשאַני, פונקט ווי די טבע איז געווען פון ייִדישן — איבער נאַכט באַקומען אַ ווייך האַרץ. ווייל אַפילו ווען דאָס אַלץ וואָס מען האָט געזאָגט אויפן גלח וואָלט געווען וואָר, איז ער דאָך סוף־כל־סוף געווען אַ מענטש פון בלוט און פלייש. האָבן דען די כלאָפּעס נישט געוווסט וואָס פאַר אַ יסורים דאָס האָט פאַרשאַפן, צו לעבן אָן אַ נקבה? און דער פאַן יעזוס האָט דאָך געזאָגט, אַז דער וואָס איז פריי פון זינד זאָל שליידערן אין אַ זינדיקער נשמה דעם ערשטן שטיין. — און מען האָט גענומען שיקן שלוחים צום גלח מיט דער הייסער בקשה, אַז ער זאָל נישט אַוועק פון באַטשאַני. דערנאָך, כּדי צו באַווייזן, אַז מען האָט אים שטאַרק ליב, האָבן גאַנצע דערפער, גרויס און קליין, גענומען באַלאַגערן דעם גלחס פענצטער און אַריינשרייען, בעטן ביי אים, אַז ער זאָל רחמנות האָבן, זיך דערבאַרעמען און נישט פאַרלאָזן זיינע שאָף.

דער גלח האָט לסוף באַוויליקט צו בלייבן מיט דער קאָנגרעגאַציע. דער עלטערער דור פון גוייִשן באַטשאַני איז נאָך פרומער געוואָרן. מען איז געווען דאַנקבאַר דעם גלח און מען האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין מעסע. די קירך איז יעדער מאָל געווען פול געפאַקט. — און אַז דער אויסגעבלייכטער, טרויעריקער גלח איז אַרויף אויפן באַלקאָנדל אין דער קירך, פריידיקן — האָט מען אָפּט מאָל געהאַט דאָס געפיל ווי מען וואָלט געהאַט פאַר זיך די פאַרקערפּערונג פון געטלעכן זון אַליין, פון דעם וואָס מען האָט אים באַשמוצט און באַליידיקט, און ער האָט גענומען אויף זיך אַלעמענס זינד. און מען איז אַרויס פון קאָשטשאָל מיט פייכטע אויגן.

3

צווישן די פויערים האָט זיך פאַרשפּרייט די שמועה, אַז דאָס האָבן די ייִדן גורם געווען דעם ברוגז צווישן דעם גלח און דער קאָנגרעגאַציע, אַז זיי האָבן דאָס פאַרשפּרייט דעם קלאַנג אַז אַבעלע־נאַר איז געווען דעם גלחס בענקאַרט. מען האָט זיך דערמאָנט אַ מעשה מיט דעם שוחטס טאָכטער, פערעלען, מיט אַ

צאָל יאָרן צוריק. און הגם די פּרטים פון יענער געשעעניש האָט זיך קיינער נישט געקאָנט געגוי דערמאָנען, איז קיין ספק נישט געווען, אַז די ייִדן האָבן געוואָרפן אַן אומחן אויפן גלח און געוואָלט פון אים פּטור ווערן.

אויבנאויפיק איז דאָס לעבן אין שטעטל אָנגעגאַנגען ווי קיין מאָל גאָרנישט. אַבעלע־נאַר, געטריבן פון הונגער, איז צוריק געוואָרן אַ טייל פון שטעטלשן בילד און האָט פאַרנומען יאָסעלעס קעמערל אויפן פּאַטשעיאָוו, ווו דער האַנדל איז אָנגעגאַנגען ווי געוויינטלעך. — דאָך איז די שפּאַנונג געוואַקסן ביי די ייִדן. מען האָט געריסן קריעה, אָפּגעריכט חצות, מען האָט געזאָגט תּהילים אין די נעכט און ביי טאָג האָט מען געפּאַרשט די גוייִשע פּנימער און אַריינגעטייטשט און אַריינגעדרשנט אין יעדער וואָרט וואָס אַ גוי האָט געזאָגט צו אַ ייִד.

דערווייל איז דער סטאַרשי־סטראַזשניק אויך נישט געזעסן ליידיק. די לעצטע געשעענישן אין באַטשאַני און די שפּאַנונג וואָס האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן האָבן אים איבערצייגט, אַז עפּעס רודערט זיך אין שטעטל אונטער דער אייבערפלאַך און ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר זיין חוב גרינטלעך אויסצופאָרשן. ס'האָט טאַקע נישט לאַנג גענומען און זיינע מוסרים האָבן אים דערטראָגן וועגן די חברה־לייט צווישן די ייִדן און גויים וואָס טרעפן זיך אויף די בוידעמער און אין די סטאַדאָלעס — און פּלאַנעווען אַראָפּצוואַרפן דעם צאַר ניקאָליי. דעם סטאַרשי־סטראַזשניק האָבן זיך אַזש די האָר געשטעלט קאַפּויער, ווען עס איז אים קלאָר געוואָרן וואָס עס האָט זיך זינט אַ לאַנגער צייט אָפּגעטאָן דאָ, אונטער זיין נאָז — און ער האָט זיך תּיכף־ומיד אַוועקגעלאָזט קיין כוואַסטי און אָפּגעגעבן אַ גענויען באַריכט דעם נאַטשעלניק פון דער פּאָליציי, מיט אַלע נעמען און אַדרעסן וואָס זיינען אים צוגעשטעלט געוואָרן.

אויף מאָרגן, אַ מאַרקטאָג, האָבן קיין באַטשאַני געגעבן אַ פּאָר אַריין צוויי אָפּטיילונגען רייטער־סאָלדאַטן אין גרויע שינעלן, מיט רייטער־ביקסן אויף די פּלייצעס. מען האָט אַרעסטירט די אָנפירערס פון דער „אחדות"־חברה און אַ פּאָר יונגע כלאָפּעס, פּוילישע פּאַטריאָטן. גויים און ייִדן האָבן זיך געדרענגט אַרום פּאָוויאַטאָווי נאַטשעלניקס הויז, לעבן דעם סטאַרשי־סטראַזשניקס קאַנצע־לאַריע. מען האָט אַרויסגעזעצט די געבונדענע בחורים אויף פּויערשע וועגענער. צעכליפּעטע מאַמעס זיינען זיי נאָכגעלאָפן ביז העט אַרויס אויפן ברייטן טאָפּאָליע־וועג...

דערנאָך האָט מען, צעטומלט, אויפגערעגט, זיך צוריק גענומען צום האַנדל און וואַנדל. די פּויערים האָבן געמורמלט צווישן זיך: די ייִדן זיינען שולדיק, ווייל זיי האַלטן מיטן צאַר. אַנדערע האָבן געצאָרנט: די ייִדן זיינען שולדיק, ווייל זיי זיינען קעגן צאַר...

דעם זעלבן נאָכמיטאָג איז דער שטורעם אויסגעבראָכן. באַטשאַני איז משוגע

געוואָרן. פון אַלע ריכטונגען זיינען פויערים און פויערטעס אָנגעקומען צו לויפן אויפן מאַרק. מען האָט אַרויסגעשלעפּט די דישלעס און קלאָניצעס פון די וועגענער, די העק און שטאַנגען — און זיך געוואָרפן אויף די קרעמלעך אויפן פּאַטשעיאַוו, אויף די שטיבער. יידן האָבן געכאַפּט די געוויכטער פון די וואָגן, די בעל־מלאָכישע האַמערס, אייזנס, פּרענטעס פון די הייזער און מען האָט צוריקגעשלאָגן. יידישע פורמאַנעס האָבן נאָכגעלאָזט די פערד, געשמיסן מיט די בייטשן. פון די קרעמלעך איז געוואָרן אַ געלויף אין די שטיבער, צו די קינדער. פון די שטיבער איז מען געלאָפן צו די קרעמלעך העלפן ראַטעווען דאָס ביסל סחורה. מען האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו פאַרהאַמערן טיר און פענ־צטער. באַלד האָט זיך געהערט אַ בראַזגען פון גלאָז. שטיקער פון צעבראָכן מעבל זיינען געפלויגן אין דער לופטן; אַ שניי פון פעדערן פון אויפגעריסענעם בעטגעוואַנט איז געפאַלן איבער אַלע געסלעך.

ר׳ לייבעלע יאַפּצאַק־פּרעסער, דער שמש פון דער שול, איז גראַד געווען איינער אַליין. נישט געווען קיין דאַוונערס אין אַט דער שעה אין דער שול.

ווי נאָר ער האָט זיך געכאַפּט וואָס עס טוט זיך אין דרויסן, האָט ער אַ צעטרייסלטער, כמעט אַ באַוווסטלאָזער פון אימה, באַהאַלטן די ספר־תורות אין געהיימען קעלער וואָס איז פאַר דעם צוועק אויסגעגראָבן געוואָרן. ער האָט געהאַט אַ גרויסן חשק זיך אַליין צו באַהאַלטן אינעם קעלער צוזאַמען מיט די ספר־תורות. נאָר אַט האָט ער זיך געזען לויפן מיטן בעזעם — אַרויס דרויסן, אויף דער שוועל פון דער שול. ער האָט געפאָכעט מיט דעם בעזעם אויף רעכטס און אויף לינקס, מיטן כוח פון פּחד־שגעון פאַדאַוועט יעדן איינעם וואָס האָט זיך געפּרוווט דערנענטערן צו דער טיר. ער איז מער נישט געווען קיין לייבעלע, נאָר אַ לייב.

אויסגעהאַלטן האָט ער נאָר אַן אויגנבליק. באַלד האָט אים אַ זעץ פון אַ דישעל איבערן קאָפּ אומגעוואָרפן פון די פיס און דער המון כלאַפּעס האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער שול אריין און גענומען ברעכן אַלץ וואָס איז זיי געקומען אונטער די הענט. אָבער גיך איז מען מיד געוואָרן. נישט קיין האַלץ האָט מען געוואָלט ברעכן, נאָר קעפּ, רוקנס. איז מען אַרויס, און אויפן וועג נאָך אַ מאָל אַ לייג געטאָן ר׳ לייבעלען שמש איבערן קאָפּ. עמעץ האָט אָוועקגעקאָפּעט זיין דראָבנע גופל צו דער זייט, ער זאָל נישט ליגן אין וועג. און ער איז געבליבן ליגן אין דער בלאָטע־לוזשע מיטן קאָפּ און אַ פאה מיט בלוט צוגעקלעפּט צום אונטערשטן ברעט פון דער שולמויער, דער יאַפּצאַק־בויך אַרויסגעשטופּט צו דער גאַס. פאַרדעקט מיטן צעכראַסטעטן טלית־קטן האָט דער בויך זיינער אַרויסגעסטאַרטשעט פון דער בלאָטעדיקער לוזשע ווי אַ באַלאָנדל וואָס וויל נישט אונטערגיין.

יאָסעלע אַבעדאַלע איז גראַד געווען אין קרעמל ווען דער שטורעם האָט

אויסגעבראַכן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די האַק און נישט געוווּסט, צי ער זאָל אַהיימלויפן, צי לויפן רופן די חברה פון דער שמירה — און גלייך איז אים קלאָר געוואָרן אַז ער טאָר ביידע זאַכן נישט טאָן — ער איז געווען דער אָנפירער פון דער שמירה, אַפילו ווען ער איז געווען איינער אַליין.

האָט ער אַ בריל געטאָן צו הינדעלען דער סופּרטע: „אַנטלויפטע!" — און איז אַרונטערגעלאָפן אין קעמערל ווו אַבעלע איז געלעגן, אים אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער, אַרויסגעשלעפּט אין גאַס און אַ געשריי געטאָן צו אים: „זעסט וואָס דאָ טוט זיך?" ער האָט אים דערלאַנגט דעם פּרענט צו דער טיר. „נאַ, לויף אַהיים און לאָז קיינעם נישט אַריין אין הויז. קיינעם!" שוין האָט ער אַליין גענומען פּאַכען מיט דער האַק אויף רעכטס און אויף לינקס. ער האָט זיך צובאַקומען צו פּישעלעס יאַטקע, געוואָלט צוזאַמען מיט פּישעלען און זיינע יונגען צונויפשטעלן אַ מין שוצגרופּע. אָבער די יאַטקע איז געווען פאַרהאַקט מיט פּרענטעס.

דער מאַרקפּלאַץ האָט זיך געוויגט מיט געפּילדער און יללה. די שטיינער זיינען געוואָרן באַפּלעקט מיט בלוט. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט שטיקער האָלץ, איבערגעקערטע טיילן פון וועגענער, צעטרעטענע כלים, פּרוכטן, כל־המינים גרינסן; פאַרגאָסענע מילכפּראָדוקטן האָבן מיט זייער ווייסקייט פאַרבלייכט די בלוטפלעקן דאָ און דאָרט. קיין ייִדן האָט מען אין ערגעץ נישט געזען, אויסער די לייבער אויסגעצויגענע צווישן די איבערגעקערטע וועגענער. כלאָפּעס, מיט שגעון אין די אויגן, האָבן זיך געטראָגן פון געסל צו געסל, אַהין און אַהער, און געזוכט וועלכע כאַטעס צו באַפאַלן.

יאָסעלע איז געשפּרונגען פון איין שאַטנדיק ווינקל צום אַנדערן, מען זאָל אים נישט דערווישן. גלייך האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דאָ האָט נישט געהאַט קיין זינען צו פּרוּוון עפּעס טאָן. ער איז אַריין אויפן הויף פון פּאַטשעיאַוו, אים אַדורכגעלאָפן, און הינטן אַרום אַרויס דרויסן און גענומען גאַלאָפּירן צו זיין געסל.

אַ מחנה כלאָפּעס האָט אַרויסגעכוואַליעט פון זיין געסל, אין אַ געלויף. „ער קומט! ער קומט!" האָבן זיי געררעוועט.

יאָסעלע האָט זיך באַהאַלטן הינטער דער טאָפּלטיר פון אַ קלייטל. ער האָט דערזען אַבעלען־נאַר אָנקומען הינטער דעם המון. אַבעלע האָט געקייכט אַ ווילד געלעכטער. אין זיין גאַנצער גיגאַנטישער הייך, מיט אַ האַק וואָס ער האָט מיט שוווּנג געוויגט איבער זיין קאָפּ, האָט ער זיך געיאָגט נאָך די אַנטלויפנדי־קע פּויערים.

אַבעלע האָט געהאַט געטאָן גענוי ווי יאָסעלע האָט אים געהייסן און האָט מיט אַלע כּוחות פאַרטיידיקט יאָסעלעס כאַלופּע; נישט געלאָזט קיינעם אַריבער־טרעטן די שוועל. אינעווייניק זיינען יאָסעלעס טעכטער, די איידעמס און די איי־

ניקלעך געזעסן באַהאַלטן. ווען די אָנפאַלערס, אויפגערייצט פון אַבעלעס עקשנות־דיקן ווידערשטאַנד, האָבן פאַרטאָפּלט די מי זיך אַריינצוררייסן אין דער כאַלופּע, און האָבן אַרויסגעהאַקט דעם אייזערנעם פּרענט פון אַבעלעס האַנט, האָט אַבעלע זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט וויפל פאַרגעניגן ער האָט געפלעגט האָבן פון צוקוקן ווי דער שוחט טוט זיין אַרבעט. ער האָט אַרויסגעריסן אַ האַק פון אַ כלאָפּס פויסט און אין אַ רגע אַרום, לאַכנדיק פריידיק, האָט ער געשפּאָלטן די קעפּ פון צוויי יונגע אָנפאַלערס. ווען זיי זיינען געפאַלן צו זיינע פיס, האָט אַבעלע אַרויסגעלאָזט אַ נצחונדיקן פישטש און האָט ווידער מיט שווונג זיך אַ פאַר־מעסט געטאָן מיט דער האַק, אויסשטרעקנדיק זיין גוף צו דער פולער ריזיקער הייך. די כלאָפּעס זיינען בּשתומם געוואָרן, פאַראַליזירט געוואָרן פון אימה, אויפן אָנבליק פון דעם ריז מיטן קינדיש־לאַכנדיקן פּנים, מיט דעם גיגאַנטישן כּוח און דער טייוולאַנישער אומדערשראָקנקייט.

„דער דיאַבעל! דער בעלזעבוב!" האָט עמעץ אויסגערופן און די כלאָפּעס האָבן זיך זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק און גענומען אַנטלויפן.

אַבעלע האָט אַ שפּרונג געטאָן נאָך זיי און אָוועקגעלייגט אַ פּאָר אַנדערע מיט דער האַק. דאָס געסל איז געווען אין זיינע הענט. דער המון איז אַרויס אויפן מאַרקפּלאַץ. יאָסעלע האָט פון הינטער דער טיר פון קרעמל דערזען אַבעלען אָנקומען מיטן געלעכטער און מיט דעם טאַנצנדיקן טראָט. אַבעלע האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך די כלאָפּעס וועלכע האָבן זיך פונאַנדערגעשיט איבערן מאַרקפּלאַץ.

מיט אַ מאָל האָט אַ האָגל פון ברוקשטיינער זיך אַ טראָג געטאָן אויף אַבעלען פון אַלע זייטן. ס'האָט גענומען אַ רגע און אַ גרויסער שטיין האָט געטראָפן אַבעלען אין קאָפּ. ער האָט זיך גענומען אַרומדרייען אין צעוויגטע קרייזן, ביז ער איז אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד. איינע פון זיינע אויס־געשטרעקטע הענט האָט אַרומגענומען דעם גוף פון אַ טויטער ייִדענע וועמען יאָסעלע האָט ערשט איצט באַמערקט.

יאָסעלע האָט זיך אַרומגעקוקט. אַצינד האָט דער המון זיך אָוועקגעלאָזט אין דער פאַרקערטער ריכטונג, צו דרום פון שטעטל. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער באַהעלטעניש און צוגעפאַלן צו אַבעלען. אין דעם דערנעבן־ליגנדיקן גוף האָט ער דערקענט זיין שכנה, בראַנטשעלען די קרעכצערין. יאָסעלע האָט אַריינגעשלעפּט אַבעלען אין נאָענטסטן הויף. דערנאָך האָט ער דאָס זעלבע געטאָן מיט בראַנטשעלען. דערנאָך האָט ער מיטן גאַנצן אימפּעט זיך אַ לאָז געטאָן אַהיים, זען וואָס עס איז געשען מיט זיין משפּחה. מיט דער הילף פון די איידעמס האָט ער אַריינגעבראַכט אַבעלען אין דער כאַטע, אים אַדורכגעטראָגן דורך די הינטערהייף. זיי האָבן בראַנטשעלען אַריינגעטראָגן צו איר אין שטוב. דאָרט האָט יאָסעלע זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז זי געווען אויפן וועג צום בית־

מדרש, געלאָפֿן אַהין אַהיימצוברענגען אירע ייִנגלעך, ווען די באַנדע איז זי באַפֿאַלן און האָט זי אָוועקגעלייגט.

לסוף האָט אויפֿן מאַרקפּלאַץ זיך באַוויזן דער נאַטשעלניק און דער סטאַרשי־סטראַזשניק מיט זײַנע סטראַזשניקעס. זיי האָבן געפּאַכעט מיט די בלאַנקע שאַבלעס און געשריגן: „פּונאַנדערגיין זיך, מענטשן! פּונאַנדערגיין זיך!"

זיי האָבן פֿאַרנומען פּאָזיציעס אין פֿראָנט פֿון קאָשטשאָל.

פּלוצעם איז דער שטורעם נישט געוואָרן. די כלאָפּעס זײַנען אַרויסגעקומען פֿון די געסלעך און הייף, אויפֿן מאַרקפּלאַץ, און איינער האָט דעם אַנדערן געהאָלפֿן גלײַכשטעלן די איבערגעקערטע וועגענער און צוזאַמענעמען זייער צעטרייבערטע סחורה אויף וויפֿל עס האָט זיך געלאָזט. זייער היזק איז געווען קאַלאָסאַל. פֿאַרלירן אַזוי די קעפּ און צעשלאָגן די ייִדן איז געווען אַ לוקסוס אויף וועלכן מען האָט אין אַזעלכע ביטערע צײַטן זיך גאָרנישט געטאָרט דערלויבן.

דער נאַטשעלניק און די זשאַנדאַרן האָבן איצט ערשט גענומען צוהעלפֿן מאַכן אָרדענונג. זיי האָבן אונטערגעהויבן דעם שטעטלשן רב, וועמען זיי האָבן געפֿונען ליגן צווישן די וועגענער, אַ פֿאַרוווּנדיקטן. בלוט איז גערונען פֿון זײַנע האָר און פּאות. זיי האָבן אים אַרײַנגעטראָגן אין זײַן דירה. ער האָט זיך געהאָט אַרויסגעריסן פֿון דעם שוחטס און פֿון זײַן ווײַבס אָרעמס, בעת דער אַטאַק פֿון די גויים איז געווען אין פֿולן ברען, און איז מיט גאַלע הענט אַרויסגעלאָפֿן באַשיצן זײַן עדה.

ווען די סטראַזשניקעס האָבן גענומען וואַנדערן פֿון איין צעראַבעוועטן קלייטל צום אַנדערן, האָבן זיי אַנטדעקט ר׳ סענדערלען דעם מקובל, אַן אומבאַשעדיקטן, זיצן אויף דער ערד אויף זײַן שעניקל. פּישעלע דער קצב האָט געיאָמערט אין זײַנע אָרעמס.

אַ נס איז געשען מיט ר׳ סענדערלען. ער איז גראָד געזעסן איבער אַן אָפֿן ספֿר, כּדי זיך אַ ביסל צו באַרויִקן, נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט צוגעקוקט ווי מען האָט אָוועקגעפֿירט די יונגע ייִדישע מורדים אויפֿן וואָגן, אין באַגלייט פֿון באַוואָפֿנטע רייטערס. בעת דער מהומה האָט הינדעלע די אַלמנה, פֿאַרביילויפֿנדיק מיט שלומען צו זיך אַהיים, מיט זײַן ווײַב און קינדער, פֿאַרהאַקט איין פֿליגל פֿון ר׳ סענדערלס קרעמל. אינעווייניק איז געווען שטאָק פֿינצטער, ווײַל ר׳ סענדערל האָט גיך אויסגעבלאָזן דעם פֿלאַם אין זײַן שמוציקן נאַפֿטלאָמפּ, און האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף זײַן געלעגער. מער האָט ער גאָרנישט געקאָנט טאָן, כּדי זיך צו ראַטעווען, האָט ער לכל־הפּחות געוואָלט זיצן באַקוועם אויף זײַן זאַקשמאַטע, דאַרטן תּהילים זאָגן און דערוואַרטן דעם אַלמעכטיקנס מישפּט. די פּויערים, וואָס האָבן אַהין און צוריק פֿאַרבײַגעאײַלט פֿאַר זײַן קרעמל, האָבן געוויגט, די טיר, אַהער, אַהין — אָבער זײַנען קיין איין מאָל נישט אַרײַן אינעווייניק.

וואָס שייך פּישעלען דעם קצב, וועלכער האָט אַצינד געקלאָגט אין ר׳

סענדערלס אַרעמס, איז ער דעם גאַנצן שטורעם איבערגעקומען ביי זיך אין דער יאַטקע. ווען דאָס שלאָגן ייִדן האָט זיך אָנגעהויבן, זיינען זיינע יונגען אַרויסגעלאָפן פון דער יאַטקע מיט מעסערס און העק. אָבער פישעלע, אַנשטאָט זיי נאָכצוטאָן — האָט זיך פאַרמאַכט אינעווייניק אויף אַלע שלעסער, און פאַרבאַריקאַדירט די טיר מיט יאַטקעקלעצער. ער, פישעלע, וועלכער האָט לעצטנס אַרויסגעוויזן אַזוי פיל העלדישקייט און איז גרייט געווען זיך מקריב צו זיין לטובת־הכלל — האָט אַפילו זיין אייגן ווייב און קינדער פאַרלאָזן אין אָט דער שעה פון נסיון. ווייזט אויס, אַז נישט געקוקט אויף אַלץ, איז פישעלע נישט געווען מער דער זעלבער וואָס אַ מאָל.

דער סטאַרשי־סטראַזשניק האָט געשיקט אַ שליח צום נאַטשעלניק פון דער פּאָליציי אין כוואַסטי, מיט אַ באַריכט פון די געשעענישן. די גרויע רייטער־סאָלדאַטן מיט די רייטערס־ביקסלעך אויף די פּלייצעס זיינען צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין און אַרעסטירט די שולדיקע: דעם פאַרווונדיקטן רב און דעם צעשלאָגענעם אַבעלע־נאַר. דעם רב — ווייל ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קהילה, און אַבעלען, ווייל ער האָט דערהרגעט צוויי גוים.

דער רב איז אויף מאָרגן צוריקגעקומען, אָבער אַבעלע־נאַר איז פאַרשוווּנדן ווי אין וואַסער אַריין.

4

ביי נאַכט, נאָך דער הריגה אין שטעטל, האָט יאָסעלע מיט זיין חברה פון דער שמירה־גרופּע זיך אַרויסגעלאָזט איבער די שטיבער זען וואָס עס הערט זיך ביי יעדן. אין הקדש האָט מען איינגעאָרדנט אַ מין קליין שפּיטאָל און שמוליקל רופא האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל אים געבן מיידלעך אים אַרויסצוהעלפן. יאָסעלע האָט אים צוגעשיקט זיינע צוויי טעכטער, דבורהלען און בינהען.

איצט איז ער געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, נאָכגעקוקט וועמען מען דאַרפט אַריבערטראָגן אין הקדש; האָט אויך גענומען פון די שטובן די יעניקע געזונטע מיידלעך, וואָס האָבן נישט מורא געהאַט אַרויסצוגיין און נישט מורא געהאַט צו קוקן אויף בלוט. ער האָט אויך געזוכט פרייוויליקע יונגע בחורים פאַר דער „סאַמאָאָבראָנע". ער האָט זיך געפילט שולדיק, יאָסעלע, וואָס קיין שמירה־גרופּע האָט נעכטן, אין דער מהומה, נישט אויסגעפירט אירע התחייבותן, נישט געקוקט וואָס יעדע איז געווען צוגעגרייט און דער אַטאַק איז נישט געקומען נישט־דערוואַרט. ער האָט זיך צוגעזאָגט, אַז מער וועט אַזעלכעס נישט געשען.

יאָ, די לאַסט פון זיין, יאָסעלעס, פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז קעגן זיין אייגענעם ווילן געוואָרן גאָר גרויס. בעת אָט דער נאַכט, למשל, איז דאָס שטעטל געווען אָן אַ רב. דער דיין איז געווען אַ דערשראָקענער, צעבראָכע־נער זקן. ר' לייבעלע יאַפּצאַק־פּרעסער, דער שמש, איז געווען טויט. פישעלע דער קצב איז געוואָרן אַ שוואַכלינג. און די רייכע ייִדן זיינען נעלם געוואָרן פון

שטעטל נאָך פאַרן אַנפאַל, מסתמא לויט אַ „ווונק פון אויבן", וועגן פּלאַנירטן איבערפאַל אויף די מורדים און רעוואָלוציאָנערן.

אין אַט דער נאַכט האָט יאָסעלע אַרויפגעקלעטערט די צעלאָמיעטע שטיגן וואָס האָבן געפירט צו הינדעלע דער סופרטעס דירה. ער האָט געטראָפן די טיר פאַרמאַכט און פון אינעווייניק האָט קיינער נישט געענטפערט. ווען ער איז אַרויס אויפן הויף, איז אים אַנטקעגנגעקומען מאַנקע די וועשין.

„זייט אונדז מוחל", האָט זי געפּרעפּלט. „מיר זענען נישט אַלע אַזעלכע... איך שווער דיר..." ווען ער האָט זיך נישט אָפּגערופן צו איר, איז זי אים נאָכגעלאָפן און אים אָנגעכאַפּט ביים אַרבל. „מיין קוזין וואַצלאַוו האָט געראַטעוועט הינדעלע דער אַלמנהס לעבן, ד'ווייסט כאָטש דערפון? ער האָט געכאַפּט זי און אירע מיידלעך און דעם זון מיטן שוואָגערן ווייב און קינדער... אויפן פייער־לעשער־וואָגן האָט ער זיי אַרויפגענומען, פאַר די אויגן פון אַלע וואָס האָבן צוגעקוקט, און זיי אַוועקגעפירט צום מילנער. געדענק דיר דאָס, יאָסעק!" זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן זיין קאַפּאָטע, בעת ער האָט זיך געריסן צו לויפן וויי־טער. „יאָסעק!" האָט זי ספּאַזמירט. „איר מוזט אונדז מוחל זיין. מיר ליידן אויך יסורים, דו ווייסט דאָך יאָ! און יסורים... פאַרבינדן נישט קיין מענטשן, נאָר צעשיידן, נאָר פירן זיי אַראָפּ פון זינען!"

יאָסעלע האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער הערט נישט קיין וואָרט וואָס זי פּלאַפּלט. אין דער אמתן זיינען אירע רייד טיף אַריינגעדרונגען אין אים.

אין סאַמע ברען פון דעם גויִשן אַטאַק, ווען ער, יאָסעלע, איז געשטאַנען אַליין, צעטומלט, אויפן מאַרקפּלאַץ, האָט ער אַ פּאָר מאָל, צוזאַמען מיט די פּנימער פון זיינע קינדער, געזען אויפשווימען פאַר זיך הינדעלעס דראָבנע געשטאַלט, איר פּנים. אויף אַן אויגנבליק האָט ער געזען אין זיין דמיון אירע שוואַרצע ווילד־צעברענטע אויגן, ווען זי האָט אַ כאַפּ געטאָן שלומען פאַר דער פּאָלע און זיך אַ טראַג געטאָן מיט אים נאָך זיין ווייב און קינדער. ער האָט זיי געזען פאַרביילויפן — און זיך געוואָרפן באַשיצן אַנדערע. אַזאַ גורל האָט געהאַט דער שומר פון אַ כלל. דאָס נאָענטע האָט ער נישט געהיט. און צו באַהיטן דאָס קהלישע איז אים אויך זעלטן געלונגען. — אַזוי איז וואַצלאַוו געווען דער וואָס האָט געראַטעוועט הינדעלען, נישט ער, יאָסעלע. אָבער אויב אַזוי — טאָ ווי געזיכערט איז איר גורל געווען? אַ שוידער האָט אַ קריך געטאָן איבער יאָסעלעס רוקנביין.

ווען ער איז אַהיימגעקומען שפּעט ביי נאַכט, האָט בינהלע, וועלכע איז פּונקט ווי די רעשט פון דער משפחה געזעסן אין אַנטועכץ און געוואַרט אויף אים, אים געוואָגט אַ פרעג צו טאָן, צי ער ווייסט וואָס עס הערט זיך ביי הינ־דעלען דער סופרטע. איר פראַגע האָט אים דערשטוינט. האָט זי געלייענט זיינע מחשבות? זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. פאַראַן געווען, ווייזט אויס, עפּעס

אַ געהיימער כּוח וואָס האָט, נישט געקוקט אויף אַלץ, געווירקט צווישן אים און זיין טאָכטער.

אויף מאָרגן באַלד אין דער פרי האָט גאַנץ באָטשאַני זיך צעזשומעט מיט דער נייעס: דער גוייִשער פייער־קאָמענדאַנט וואַצלאַוו ספּאַקוויני איז טויט! יואל דער שמיד האָט אים געפונען הענגען אויף אַ דעמבענעם צווייג ביים ראַנד פון בעריאָזע־וועלדל, לעבן ברעג פון סטאַוו, וווּ קיילעלע די כּלה האָט זיך דערטרונקען.

טעג און וואָכן זיינען פאַרביי. די שמירה־גרופּעס האָבן איצט געהאַט מענטשן אויף דער וואַך ביי טאָג און ביי נאַכט. דערווייל האָט זיך אַלץ פּאַמעלעכל איינגעשטעלט צווישן די יידן און גויים. אין אָנהייב, אַז מען האָט זיך גענומען צום האַנדלען און וואַנדלען, האָט מען זיך נישט געקוקט אין די פּנימער אַריין. מען האָט נישט פאַרביטן קיין איבעריק וואָרט צווישן זיך. אָבער אומבאַמערקט האָט זיך די לופט צווישןביידע צדדים גענומען אָנוואַרעמען. די געשעעניש איז אַראָפּגעווישט געוואָרן פון דער אייבערפלאַך פון דער געדעכעניש און אַריינגעזונקען טיף־טיף אין די באַהאַלטענע נאַרעס פון זכּרון.

די שול האָט שוין געהאַט אַ נייעם שמש. די אַלמנה נעכעלע די געשטופּלטע, האָט זיך גענומען צו האַנדלען מיט בייגל אויפן פּאַטשעיאַוו און האָט פאַר זיך געפונען אַ שטענדיקן פּלאַץ מיט איר קויש מיט בייגל, גלייך לעבן איר חברטע הינדעלען. אויסער דעם, האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין שטוב צוויי פאַריתומטע מיידעלעך און האָט זיך פאַרנומען זיי אויפצוהאָדעווען ווי אירע צוויי טעכטער.

בראָנטשעלען די קרעכצערין האָט איצט פאַרטרעטן אַ צווייט ווייבל, אַ גוטע וויינערקע, ביים גיין איבער די הייזער ווּ מען האָט זיך גענייטיקט אין קלאָגערינס. דאָס אויג איבער בראָנטשעלעס שטוב האָבן איצט געהאַלטן יאָסעלעס טעכטער. מען האָט זיך דאָך בקרוב געדאַרפט משדך זיין מיט אַט דער שכנות־דיקער משפּחה. מען האָט שוין אַפילו באַשטימט דעם זמן־החתונה צווישן בערעלען דעם „לבנה־קריכער" און יאָסעלעס טאָכטער דבורהלען.

און אויב דאָס שטעטל האָט זיך אָפּט דערמאָנט אָן די קדושים־קרבנות: דעם שמש ר׳ לייבעלען יאָפּצאַק־פּרעסער, צי בראָנטשעלען די קרעכצערין, צי די אַנדערע וואָס זיינען אויסגעגאַנגען אין הקדש פון די ווונדן — האָט מען אָן אַבעלען־נאַר אין גאַנצן פאַרגעסן. נאָר יאָסעלען אַבעדאַלע האָט ער אויסגעפעלט אויף טריט־און־שריט, און צוליב עפּעס אַ געהיימער סיבה האָט ער אויך שטאַרק אויסגעפעלט הינדעלען.

דאָס האָט זי איין מאָל זיך אָפּגערופן צו יאָסעלען: „איר ווייסט, ר׳ יאָסעלע, אָפּט מאָל פיל עך געניי, אַז אַבעלע איז נישט געווען סתם אַ בשר־ודם, אַז ער

איז טאַקע אויף ראַכטיק געווען אַ גולם וואָס איז נעלם געוואָרן פון שטאָט אויף פּונקט אַזאַ געהיימען אופן ווי ער איז אָנגעקומען. דער אופן ווי אַזוי ער האָט באַשיצט אייער כאַלופּע און דאָס געסל ברענגט מיר אויפן געדאַנק, איר ווייסט ווען? יאָ... משיח בן־יוספן, וואָס ט׳אָנקומען אַ שיינעם העלן טאָג און אָפּריינקן דעם וועג פאַר אונדזער ראַכטיקן משיחן... אין אַ גוטער שעה״.

הינדעלע איז צוריקגעקומען פון ר׳ פּיווועלע דעם מילנערס נחלה ווו זי האָט פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג מיט איר גאַנצער משפחה — אַ געביטענער מענטש. יאָסעלע האָט נישט געקאָנט געגוי פּעסטשטעלן אין וואָס אייגנטלעך אָט די געביטנקייט האָט זיך אויסגעדריקט. זי האָט גערעדט פּונקט אַזוי ווייך און טרעריק, ווי אַ מאָל, און האָט זיך אויפגעפירט און נוהג געווען אויך פּונקט ווי אַ מאָל. דאָך האָט ער געשפּירט אַ מין נייע ענערגיע, אַ לעבעדיקייט און אויך אַ מוט — אַרויסשטראַלן פון איר. זי איז אים אַפילו אָפט מאָל אויסגעקומען אָנגענעם אָנצוקוקן, שיִער נישט — אַ שיינע, הגם איר פּנים איז איצט געווען באַדעקט מיט אַ דינער נעץ פון קנייטשן, און די ברעקלעך האָר וואָס האָבן אָפּט אָפּערגעקוקט פון אונטער איר קרומען שייטל זיינען געווען אין גאַנצן גרוי. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַר וואָס ער האָט אַ מאָל געהאָט אַזאַ ווידערווילן צו איר.

5

יאָסעלע האָט זיך מיט דער צייט ווידער אַרויסגעלאָזט איבער די דערפער. ער האָט באַמערקט ווי שטאַרק פרום די עלטערע פּויערים זיינען געוואָרן. זיי האָבן אים אָפט איינגעלאַדן אויסצוגלייכן סיכסוכים צווישן זיי און די יונגע און יאָסעלע האָט זיך דערפון קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

בינהלע האָט זיך ווידער גענומען אַוועקלאָזן אויפן ברייטן טאָפּאָליע־וועג וואָס האָט געפירט צום בלויען באַרג. די הריגה אין שטעטל, דאָס בילד וואָס זי האָט געזען דורכן פענצטער פון איר כאַטע, און דאָס וואָס זי האָט זיך אָנגעזען אין הקדש, ווו זי האָט אַרויסגעהאָלפן שמוליקלען רופא, האָט געלעבט אין איר, יעדער פּרט אַזוי פריש, ווי די צייט וואָלט דעריבער קיין שליטה נישט געהאָט. דאָך האָט זי דאָס נישט געדענקט, נישט געוואָלט געדענקען, נישט היינט, נישט קיין מאָל.

ס׳איז געווען אָנגענעם צו שפּרייזן איבערן שאָסיי מיט די אויגן פאַרקוקט אין דער ווייט, די בליקן פאַרהאַנגען אָן די באַוועגלעכע פליגל פון דער מיל. ס׳האָט אויסגעזען ווי די פליגל וואָלטן זיך געשטרעקט אַרויפצוכאַפּן אויף זייערע שפּיצן די ערד פון אונטן און אַראָפּציִען דעם הימל פון אויבן — צו דער ערד, איבערקערן זיי און אַרומדרייען אין אַ לופטיקן קאַראַהאָד.

אַרויפגעקומען אויפן באַרג, איז זי נישט אַריין אויפן הויף, נאָר האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז הינטערן פּלויט. אַרומגערינגלט פון קנוילן כאַבראָס

וואָס האָבן נאָך אַלץ, אַזוי שפּעט אין האַרבסט, באַדעקט דעם באַרג, האָט זי זיי געפּליקט, געפּלאָכטן קרענצלעך און זיך באַהאַנגען מיט זיי. אויף יענער זייט פּלויט איז געווען אַ באַוועגונג, רייד, אויסרופן האָבן זיך געהערט — ייִדישע, גוייִשע. קיינער האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט.

זי האָט אַראָפּגעקוקט פון באַרג און געזען באַטשאַני ווי אויף דער פלאַך פון דער דלאָניע. אַ קרענצל כאַלופּעס מיטן שפּיץ פון קאַשטשאַל־טורעם אין דער מיטן. ווי מיט אַ גרינער גירלאַנדע איז דאָס שטעטל געווען אַרומגענומען מיטן שמאָלן טאָפּאָליע־וועג פון איין זייט און מיטן ברייטן טאָפּאָליע־וועג פון דער אַנדערער זייט. אַ שלאָפנדיק, פאַרחלומט וועלטל דאָרט אונטן, רויִק, שטיל־שאַ — ווי אַ מוראַשניק, וואָס מען קוקט אויף אים פון דער ווייטנס. און פונקט ווי אַ מוראַשניק איז איינס מיטן אַרום, אַזוי איז באַטשאַני געווען צונויפגעוואַקסן מיטן בעריאָזע־וועלדל, מיטן סטאַוו, מיט די ביימער. איין פאַרביק פינטעלע אין מיטן פון אַ גרין־פאַרביקן טעפּעך, וואָס איבער אים האָבן די ליכטער און שאָטנס פון לעבן זיך פאַרבייגעגליטשט — און קיין שפּור נישט געלאָזן.

יאָ, פון דאַנעט, פון שפּיץ פון בלויען באַרג האָט מען געקאָנט זען די גאַנצע וועלט. אַלץ האָט פון דאַנען אויסגעזען קליין און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז מען וואָלט אַט די וועלט לייכט געקאָנט אויסגיין צו פוס. וואָס איז דאָרט געווען, דאָרט ווייט? ווי האָט דאָרט אויסגעזען פון דער נאָענט? אויבן דאָרט איז געפלאָסן דער טייך סמבטיון און ס׳האָבן דאָרט געלעבט די רויטע ייִדעלעך, ווי הערשעלע האָט איר געפּלעגט דערציילן — טאָ וווּ איז געווען אַמעריקע וואָס איז געווען מעבר־לים? און וווּ איז געווען די שטאָט לאָדזש וואָס איז געווען פונקט ווי אַמעריקע? — יאָ, זי האָט גוט פאַרגעדענקט יעדער וואָרט וואָס יעקב האָט איר געהאַט געזאָגט, אַפילו די ווערטער וואָס האָבן זיך איבער הויפּט נישט געלייגט אויפן שכל.

איין מאָל האָט זי דורכן פּלויט דערזען אַבראַשקען זיך שפּילן אויפן הויף. זי האָט אים אַרויסגערופן און זיך צוגעהערט צו זיינע קינדערשע פּלאַפּלערייען. זי האָט זיך געבערעוועט מיט אים, ווי זי האָט דאָס געטאָן מיט אירע שוועסטערס קינדער. צוזאַמען מיט אים האָט זי זיך געקייקלט איבערן גראָז אַראָפּ־אַראָפּ און שפּעטער אויף אַלע פיר צוריק אַרויפגעקראָכן און איבערגעחזרט דאָס שפּיל. ווי נאָר אַבראַשקע האָט באַמערקט יעקבן אַרויסקומען פון דער מיל, האָט ער זיך אַ יאָג געטאָן צו אים אויפן קאָמישן פעטלעכן גוף, ווי אַ פריילעך־צעקלאַ־קעטע קאַטשקע.

ער האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל און לאַכנדיק, די שוואַרצע אייגלעך שטיפעריש צעפינקלט, האָט ער אים געבראַכט צו שלעפּן צו בינהלען. יעקב האָט זיך ווי אומוויליק, שעמעוודיק געלאָזט שלעפּן פון אים, בעת־מעשה איז זיין בליק, אַן אומרויִק־צעפינקלטער געלאָפן פאַרויס, צו בינהלען. ער האָט זיך

צוגעשפּאַרט אויפן גראָז, אָפּגערוקט פון איר, אַ קעמפּע כאַברעס און גראָז צווישן זיי.

„וואָס מאַכסטע?" האָט זי געפרעגט און פאַרמרוזשעט די אויגן, זיך צו באַשיצן סיי פון דער זון, סיי פון דעם שטראַליקן האַניקליכט פון זיינע אויגן. ער האָט קרום געשמייכלט און עפּעס אַ מורמל געטאָן. זיין בליק האָט זיך פעסטער איינגעפלאָכטן אין דעם בלויען כאַברע־קרענצל אויף איר רויטלעך־געלבן קאָפּ האָר, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אין דער פאַרנאַכטיקער זון. „וואָס האָסטע דיך שוין ווידער פאַרגאַפּיעט אויף מיר?" האָט זי אומבאַקוועם אויפגעלאַכט. קיינער האָט קיין מאָל אַזוי נישט געקוקט אויף איר, אַזוי צענעמענדיק. ס'איז געווען ווי זיין בליק וואָלט אָפּגעטאָן אַ כישוף מיט איר, זי שיין געמאַכט, אויסגעצירט, הגם זי האָט גאַנץ גוט געוווסט ווי מיאוס זי איז. „ציילסט מיינע פּיעגעס, הע?" האָט זי זיך אויך צעשמייכלט. „ביי נאַכט זעט מען זיי נישט, הע? ביי טאָג שפּרינגען זיי אַרויס. ניי, וויפל האָסטע שוין אָפּגעציילט?"

„כ'צייל נישט דיינע פּיעגעס", האָט ער שטיל געזאָגט.

„ווייל ד'קאָנסט גאַרנישט אַזוי פיל ציילן, הע? כ'האָב דיר באַלד געזאָגט, אַז כ'בין אַ מאַרזעפּע... אַצינדער זעסטע אַליין".

„מ'זאָגט נישט מאַרזעפּע, נאָר מאַזעפּע און..." ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון גראָז.

אַבראַשקע האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער נאַגאַוויצע פון די הויזן. „גיי נישט אַוועק, יעקב!" האָט ער זיך געבעטן.

„ד'עסט דאָ מאָרגן אויך קומען?" האָט יעקב געפרעגט בינהלען און זיך באַפרייט פון אַבראַשקעס הענט. „כ'מיין, אויב ס'עט זיין שטיל אין שטאָט".

„וואָס מיינסטע, אויב ס'עט זיין שטיל?" האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אַ פראַגע, הגם זי האָט גוט געוווסט וואָס ער האָט געמיינט.

„כ'מיין... זינט דאַמאָלס, איז מיר דער קאָפּ אין דער היים", האָט ער זיך מודה געווען פאַר איר. „די מאַמע איז אַליין מיט די שוועסטערס... דער ברודער מיט דער משפחה. כ'האָב אפשר געדאַרפט אַריין אין דער... דער זעלבשוץ, כאָטש ז'האָבן נישט קיין סך אויפגעטאָן. ס'איז געקומען אומגעריכט. מיין עד, אַז יעדער מוז זיין אַליין צוגעגרייט. און דאָ זיץ עך..."

זי האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ. זי האָט נישט געוואָלט רעדן וועגן יענעם טאָג. „אַז כ'על קומען מאָרגן, 'על עך דיר ברענגען אַ גרוס פון דיין מאַמען!" האָט זי אויסגערופן, זיך אויפגעשטעלט פון גראָז און זיך געלאָזט אַראָפּלויפן פון באַרג מיטן קרענצל כאַברעס אויפן קאָפּ.

אַ צווייט מאָל, ווען בינהלע איז געקומען, האָט יעקב זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ פרעג געטאָן ר' פּיוועלען מילנער, צי ער מעג בינהלען ווייזן ווי די מיל אַרבעט.

ר׳ פּייוועלע איז געווען גוט אויפגעלייגט און ער האָט גוט־ברודעריש אַ שטורכע געטאָן יעקבן מיטן עלנבויגן. „וואָס ס׳טע דיך אַזוי פאַררייטלט ווי אַ בוריק, הע? אַדרבא, אויב יאָסעלע אַבעדאַלע געפעלט מיר, מעג דאָך דיר געפעלן זיין טאָכטער. נו, וואָס שטייסטע ווי אַ ליימענער גולם? רוף זי אַריין און אַן עק זאָל עס נעמען!״

יעקב האָט אַריינגעפירט בינהלען אין דער מיל. ר׳ פּייוועלע און די פּאַראָב־קעס האָבן זיך געמאַכט נישט זען, און ער האָט זיך אויך געמאַכט נישט זען זייערע זייטיקע צעשפּילטע בליקן. ער האָט בינהלען געוויזן ווי די מילשטיינער זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער אַקס וואָס האָט צוזאַמענגעהאַלטן די זעגל־פליגל אין דרויסן. ער האָט איר דערקלערט ווי אַזוי די זעגלען דרייען די מילשטיי־נער, איר געוויזן ווי עס זעט אויס קאָרנמעל און ווי ווייצנמעל. אַרויסגעקומען צוריק אין דרויסן, האָט בינהלע פאַרריסן דעם קאָפּ צו די סקריפּענדיקע פליגל און זיך איינגעהאָרכט אין פלאַטער פונעם זעגלשטאָף אויף די רעמען. די מיל האָט אַרויסגעבראַכט גוטע קלאַנגען, אַנגענעמע, און גאָטס וועלט איז געווען כּישופדיק. און כּישופדיק איז געווען דער בחור יעקב, וועלכער האָט אָפּט מאָל גערעדט גרויסע נאַרישקייטן, און האָט דאָך געוווסט וועגן זאַכן וועגן וועלכע זי האָט קיין אַנונג נישט געהאַט.

זי האָט זיך נישט געשעמט און איבערגעפרעגט יעקבן וועגן איין זאַך און דער אַנדערער. ער האָט גערעדט צו איר, ווי זי וואָלט געווען אַזוי אַלט ווי דער שמענדריק, אַבראַשקע. אין דעם פאַל האָט עס זי נישט געאַרט. זי האָט געוואָלט פאַרשטיין.

„כ׳קאָן מיך געוועטן, אַז אין דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ נאָך אַזאַ מיל!״ האָט זי התפּעלותדיק אויסגערופן.

ער האָט איינגעשטימט מיט איר. „ביסט שוין באַלד גערעכט. די מילן דאָ זיינען אַלע וואַסערמילן. מ׳ניצט די בייטייכן פון דער ווייסל. ס׳איז פּראַקטישער״, האָט ער אַריינגעוואָרפן דאָס „געלערנטע״ וואָרט וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט פון ר׳ פּייוועלען און זיין ווייב.

ער האָט גערעדט צו האַרבע דיבורים פאַר איר. קודם האָט בינהלע נישט געוווסט וואָס ער איז אויסן געווען מיט דעם וואָרט „ווייסל״. זי האָט געוווסט פון צוויי מינים ווייסלען; איינס איז געווען דאָס ווייסל פון אַן איי און דאָס צווייטע — דאָס ווייסל פון אַן אויג. אַז עמעץ איז געווען אַ פּיפּיקער גנב, האָט מען אויף אים געזאָגט: „ער קאָן ביי דיר צוגנבענען די ווייסלען פון די אויגן״. ווי זשע האָבן אַזעלכע ווייסלען געקאָנט האָבן טייכן און מאַכן אַ מיל אַרבעטן? און ווי אַזוי האָט טאַקע אַ וואַסערמיל געאַרבעט? האָט זי אויך געהאַט פליגל, ווי אַ ווינטמיל? און וואָס האָט געמיינט דאָס אויסטערלישע וואָרט „פּראַקטיש״, וואָס

זי האָט עס אַפּילו פון דער רופאטע קיין מאָל נישט געהערט? — האָט זי אים טאַקע איבערגעפרעגט.

ס'האָט אויך געטראָפן, אַז יעקב האָט בינהלען, ווי נישט־ווילנדיק, אַהיימ־געפירט. פּשוט, ווען זי איז אַראָפּ פון באַרג און געגנומען שפּרייזן איבערן שליאַך, איז ער מיט אַ מאָל אויפגעשווומען פאַזע דעם קעגנאיבערדיקן גראָבן. „כ'גיי אַהיים זען וואָס ס'הערט זיך!" האָט ער, ווי פאַרבייגייענדיק, אַריבערגערופן צו איר. אָדער ער האָט איר פון דער ווייטן געוויזן אַ צווייער־רובל: „ר' פייוועלע האָט מיך געשיקט אין קרעטשמע קויפן אָקעוויט!"

פאַמעלעכל האָבן זיי זיךביידע דערנענטערט צום מיטן־וועג און פון אָן אָפּשטאַנד געגנומען שמועסן וועגן אַלעם וואָס איז בינהלען געקומען אויפן זינען, וואָס זי איז נייגעריק געווען צו וויסן.

בעת אַט אַזאַ גאַנג האָט בינהלע מודיע געווען יעקבן: „כ'האָב באַשלאָסן אַוועק פון דער היים גלייך נאָך פּסח".

דעם אמת געזאָגט, האָט זי אַט דעם באַשלוס אָנגענומען אין אויגנבליק איידער זי האָט דאָס געזאָגט. לעצטנס האָט זי גראָד ווייניקער געטראַכט וועגן פאַרלאָזן באַטשאַני. דאָס שטעטל איז טאַקע לעצטנס געוואָרן מרה־שחורהדיקער און לאַנג־ווייליקער, אָבער איר איז אויסגעקומען ווי זי וואָלט שוין אייגנטלעך געהאַט אַוועק דערפון, אַזוי באַנייט האָט זי זיך לעצטנס געפילט, נישט געקוקט אויף דעם וואָס זי האָט נאָך אַלץ געאַרבעט ביי שמוליקלען רופא אין „שפּיטאָל" און האָט זיך גוט צוגעקוקט צו דעם „שניט". דאָך, ווי זי איז געגאַנגען אַזוי לעבן יעקבן, האָט איר עפּעס אַ שטויס געטאָן צו געבן אַ זאָג — און זען וואָס יעקב וועט טענהן דערצו.

„וואָהין ווילסטע פאָרן?" האָט ער געפרעגט מיט זיין געוויינטלעכן טאָן וואָס איז איר איצט אויסגעקומען נישט וואַרעם, נאָר גלייכגילטיק.

„ד'ווייסט דאָך, קיין לאָדזש", האָט זי אַ ביסל כּעסיק געענטפערט. זי האָט נישט געקאָנט באַגרייפן ווי אַ בחור וואָס האָט געוווּסט אַזוי פיל זאַכן, האָט אין דער זעלבער צייט געקאָנט זיין אַזאַ תּם. האָבן אַזאַ קורצן זכּרון און אַזוי ווינציק שׂכל. האָט זי דען געוווּסט פון אַן אַנדער אָרט צו אַנטלויפן, ווי לאָדזש? ער האָט דאָך איר אַליין געהאַט געזאָגט, אַז אַמעריקע איז מעבר־לים און אַז מען ברויכט שיפסקאַרטן צו פאָרן אַהין. בעת־מעשה האָט זי פון אַ ווינקל פון אויג געפאָרשט זיין פּנים.

„ווי אַזוי רעכנסטע צו פאָרן?" האָט ער ווידער געפרעגט.

„בעטלערס קומען יעדעס יאָר קיין באַטשאַני, יאָ?" האָט זי געהאַט אַ גרייטן ענטפער. „ז'לאָזן זיך אין וועג אַריין גלייך נאָך פּסח, יאָ? און כ'האָב געפרעגט די קעכין און ז'ט מיר געזאָגט, אַז די בעטלערס טרעטן אָפּ אין לאָדזש אויכעט".

„וועלכע קעכין האָסטע געפרעגט?"

„וואָס הייסט וועלכע? דער אַרענדאַרעכעס. כ׳בין דאָך אַצינדער ביי איר אַ משרת אויף מיין שוועסטערס אָרט. מיין שוועסטער גייט חתונה האָבן. אַז זי, די אַרענדאַרעכע, איז אַריינגעקומען אין הקדש און מיך געזען אַרבעטן, האָב עך געזען, אַז כ׳געפעל איר און כ׳האָב זי געפרעגט צי זי וויל מיך, האָט זי געזאָגט יאָ, דערווייל נאָר צו גרייטן אויף שבת, ביז די קראַנקע אין הקדש ׳עלן געזונט ווערן. — ׳על עך מיך מיטכאַפּן מיט די בעטלערס קיין לאַדוש, ׳עט זיין... ׳עט זיין פּראַקטיש״, האָט זי זיך באַוויזן פאַר אים, אַז זי האָט אויסגעלערנט דאָס שווערע וואָרט וואָס ער האָט אַנומלט באַנוצט. „וואָס די בעטלערס ׳עלן טאָן, ׳על עך אויך טאָן״.

„בעטלען אויפן וועג?״ האָט ער אַנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר גרויסע אויגן.

„וואָס עפּעס בעטלען?״

„וואָס דען טוען בעטלערס?״

„איך בעטל נישט. זיי ׳עלן בעטלען און איך ׳על נעמען״.

„גנבענען?״

„וואָס!״ האָט זי אַ באַליידיקטע אויסגערופן. „ד׳ווייסט, אַז כ׳בין יאָסעלע אבעדאַלעס?״

„אַוודאי ווייס עך״.

„טאָ וואָס רעדסטע?״

„ווייל כ׳פאַרשטיי נישט וואָס ביי דיר הייסט נעמען״.

„וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין?״ איז זי באמת ברוגז געוואָרן אויף אים. „כ׳רעד דאָך וועגן עסן. נעמען אַ שטיקל ברויט, צי כאַפּן אַ קאַרטאָפל הייסט נישט גנבענען. נעמען געלט הייסט גנבענען. פאַרשטייסטע שוין?״ זי האָט פאַרביסן די ליפּן און זיך מער נישט אָפּגערופן צו אים.

ער איז אויך שטיל געבליבן און אַ פאַרטראַכטער געשפּאַנט אין אַן אָפּשטאַנד פון איר.

ער האָט אַריינגעטראַכט אין זיך. וואָס איז מיט אים פאַרגעקומען? פאַר וואָס האָט דער באַשלוס פון אָט דעם פרעמדן מיידל אים אַזוי געאַרט? אמת, זינט ער האָט געלייענט „אהבת־ציון״ און ער האָט בינהלען געזען זיצן אויפן בלויען באַרג מיט די קרענצלעך כאַברעס אויפן געלבן קאָפּ, איז אים תמיד אויפן געדאַנק געקומען תמר, די העלדין פון ראָמאַן; און דער בלויער באַרג איז אויס־געקומען ווי די בערג פון יהודה און די גאַנצע וועלט אַרום איז אים אויסגעקומען ווי די וועלט פון חומש. אָבער ער האָט זי, דאָס מיידל פון בלוט און פלייש, דאָס מיידל אין דעם צעפליקטן קאַפּטאַן, מיט די צעכראַסטעטע טשאַפּטשעס אויף די פיס, זי — וואָס האָט דאָ געשפּאַנט דערלעבן — קוים געקענט, נישט געקוקט דערויף וואָס זי איז אים שטאַרק נאָענט געווען, ער האָט אַליין נישט געוווסט צוליב וואָס. עס האָט זיך שטאַרק געוואָלט זי אָפּרעדן פון פאָרן. ער איז זיך

גובר געווען, אַ קער געטאָן צו איר דעם קאָפּ און זי באַטראַכט מיט ערנצטע בליקן.

„ווילסטע, הייסט עס, אויף אַן אמת אָוועק פון באַטשאַני?"

דאָס איז געווען גאָר אַ וואָזשנע שאלה! בינהלע האָט געשטוינט. ווי האָט ער געקאָנט איבערפרעגן, נאָך דעם אַלעם וואָס זי האָט אים אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ. „וואָס מיינסטע", האָט זי אים אַנגעקוקט מיט ביטול. „כ'האָב דען אַן עצה?"

„האָסט דאָך אַ גוטע שטעלע ביי דער אַרענדאַרעכע".

„אויף אַלע מיינע שונאים געזאָגט!"

„וואָס איז?"

„צעפּלאַצט פון שווילטאָג ווערט זי, און אַז כ'קום אַריין העלפן דער קעכין שבת מאַכן, ציילט זי יעדן ביסן פריש ברויט וואָס עך נעם, הלוואי זאָלן איר אַלע ציין אַרויספאַלן פון מויל! איך מעג עסן נאָר דאָס אַלטע ברויט, האָט זי מיר אָנגעזאָגט. אָבער אַ שטיקל פריש ברויט שמעקט מיר בעסער אַפילו ווי אַ שטיקל פרישע חלה, צי פּוטער־קוכן, אַפילו בעסער ווי אַן אייער־קיכל. שמעקט עס מיך אָן... און טאָמער כאַפּט זי מיך דערביי, לאָזט זי מיך דערפאַר נישט נעמען קיין צוויי קלעצלעך צוקער צו דער טיי, פרייטיק צו נאַכטס, נאָר איינס. אַלע קלעצלעך צוקער ציילט זי אָפּ. איר מאַן גיט די גרעסטע נדבות אין שטאָט און זי ציילט די קלעצלעך צוקער אין שטוב, די דינסטן זאָלן זי חלילה נישט באַגנבֿענען. קאָנסטע דאָס פאַרשטיין?"

ער האָט זיך פאַרטראַכט און איר איז איינגעפאַלן, אַז אפשר פרעגט ער זי וועגן דעם אַלעם ווייל ער וויל דאָך נישט, אַז זי זאָל אַוועקפאָרן. ער וויל אַז זי זאָל ווייטער קומען צום בלויען באַרג און צו דער מיל. אָבער זי האָט גלייך פאַרוואָרפן דעם געדאַנק. פאַר וואָס האָט אים געזאָלט אָנגיין צי זי פאָרט אַוועק, צי נישט?

דאָ האָט זי, ווי אַ באַשטעטיקונג דערויף, דערהערט זיין קול: „אפשר דאַרפסטע טאָקע פּרוּוון... אַז ס'עט דיר ערגעץ אַנדערש זיין ערגער ווי אין באַטשאַני, קאָנטסע שטענדיק צוריקקומען. 'עסט נישט בענקען?"

„כ'על נישט וואָס?" האָט זי אויפגערייצט איבערגעפרעגט.

„בענקען. כ'מיין... ד'האָסט דאָך אַ טאַטן מיט אַ משפחה דאָ".

„און אַז כ'האָב?"

„אין לאָדזש 'עסטע קיינעם נישט האָבן".

„ועמען ברויך עך?"

צו פּסח איז נאָך געווען ווייט. דערווייל האָט ערשט געדאַרפט קומען דער ווינטער. בינהלע איז געלאָפן צום בלויען באַרג ווען נאָר זי האָט געהאַט אַ פרייע רגע. נישט תמיד האָט זי געזען יעקבן, צי אַפילו אַבראַשקען. אָבער דאָס גיין אַהין, דאָס צוהערן זיך צום וואָרעמען סקריפּען פון די זעגל־פליגל פון דער מיל האָט זי אויפגעפרישט. הינטער איר רוקן איז געווען ר' פּייוועלעס הויף.

אויף יענער זייט פלויט, אינעם הויז, האָט זיך געפונען די לאַנגע צירעלע. ערגעץ דאָרט האָט זיך געפונען אַבראַשקע מיט אַ חברה שקצימלעך. אפשר האָט זי געהערט ר׳ פּייוועלעס הייטער געלעכטער אויסגעמישט מיט די קולות פון די פּאַראַבקעס, צי זי האָט געהערט צעקאַכטע קולות קומען פון ר׳ פּייוועלעס „קאַנטור״. און דאָרט ערגעץ איז אויך געווען יעקב. — אַ וואַרעמקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט פון הינטער איר רוקן, דערגרייכט אַהער ווי זי איז געזעסן, און האָט אויך זי אַרומגענומען. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי איז אויך אַ טייל פון אָט דער וואַרעמקייט, אַז דער פּולס פון איר האַרץ איז אינעם פּולס פון דעם לעבן אויף יענער זייט פּלויט.

אַ דושנער נאָכמיטאָג. בינהלע איז געזעסן אויפן בלויען באַרג, ווען שווערע כמאַרעס האָבן זיך געגעבן אַ רוק אַרויס פון צווישן די פליגל פון דער מיל. העט־אונטן האָט אַ ווינט זיך אַרויסגעוויקלט פון אונטער די טאָפּאָליע־קרוינען און געגומען הייבן דעם שטויב פון שליאַך און אים וויקלען, קייקלען ווי באַלן באַרג־אַרויף. אַ שטורעם האָט זיך דערנענטערט.

בינהלען וואָלט דאָס נישט געאַרט. זי האָט ליב געהאַט זיך צו לאָזן אַדורכ־ וויקן פון אַ שלאַקסרעגן. אָבער זי וואָלט געמוזט לאָזן דאָס קליידל אויסטרי־ קענען אויף זיך. וואָס דען וואָלט זי אָנגעטאָן? זי האָט דאָך מער נישט פאַר־ מאָגט ווי אָט דאָס קליידל אונטער דעם צעפליקטן קאַפּטאַן; מאַשעלעס קליידל וואָס דער טאַטע האָט געלאָזט אויפנייען פאַר מאַשעלען צו רייזעלעס און רחלעס חתונה, אָן אויסגעוואַקסענע טראַנטע איז עס שוין פון לאַנג געווען. אַרומגיין דעם גאַנצן טאָג אין אַ קלייד וואָס האָט געקלעפּט צום לייב איז נישט געווען פון די אָנגענעמע זאַכן. האָט זי זיך פויל אויפגעשטעלט און מיט קורצע טריטעלעך פאַמעלעך אַראָפּגעהאָפּסלט פון באַרג.

זי האָט קוים באַוויזן אַרויסצוקומען אויפן שליאַך, ווי זי האָט דערהערט יעקבס לויפנדיקע טריט הינטער זיך. „כ׳גיי אַהיים נעכטיקן צו דער מאַמען!״ האָט ער אויסגערופן און זיך אויסגעגלייכט מיט איר. „קום, מ׳מוז לויפן. ס׳גייט זיך אַראָפּלאָזן אַ כליאַפּ!״

„כ׳קאָן מיך געוועטן, אַז כ׳על די ערשטע אָנקומען אין שטעטל!״ האָט זי הייטער אויסגערופן.

שוין האָט זי זיך נאָכגעלאָזט אין אַ געיעג מיט אים. זיי זיינען געלאָפן און געלאָפן. שווייס איז געררונען פון די פּנימער. זיי האָבן געסאָפּעט און געפרייכט און אָנגעהאַלטן דעם ריטעם.

ס׳איז געוואָרן פינצטער אויפן שליאַך. בליצן האָבן געזעגט די טאָפּאָליעס, איין מאָל אויף רעכטס, אַ צווייט מאָל אויף לינקס. דונערס האָבן זיך געקייקלט ווי שווערע וועגענער וואָלטן אָנגעקומען פון ערגעץ ווייט. און דאָ, מיט אַ מאָל,

האָט די שווערע כמאַרע אַ פּאַל געטאָן אויפן שאָסיי ווי אַן אויפגעריסענער זאַק און צעבערס וואָסער האָבן זיך פון איר אַ גיס געטאָן. אַ פּאָר מינוט זיינען בינהלע און יעקב נאָך געלאָפן. דער רעגן האָט מחיהדיק געקילט דעם שווייס. אָבער באַלד זיינען זיי געוואָרן אַזוי אַדורכגעווייקט און די שיך אַזוי פול מיט וואָסער, אַז זיי האָבן זיך קוים געקאָנט שלעפן פאַרויס. — דאָ האָט זיך בינהלע אַ גליטש געטאָן אין די אַדורכגעווייקטע שיך און זיך, אין איר גאַנצער גרייס, אויסגעשטרעקט אין אַ קאַלוזשע.

יעקב איז צוגעשפּרונגען צו איר און איר געהאָלפן זיך אויפשטעלן. דער באַריר פון די נאַסע הענט האָט מאָדנע געבריט. זייערע פינגער זיינען געווען פאַרפלאָכטן, ווי צונויפגעשנורט, און ס׳איז געווען שווער זיי פונאַנדערצונעמען.

„דער רוח זאָל נעמען מיינע שיך!״ האָט זי אַ קרעכץ געטאָן, הגם זי איז זיי געווען דאַנקבאַר, די שיך... פאַרן העלפן איר אויסגליטשן זיך, פאַרן דערפילן דעם באַריר פון יעקבס פינגער. אַ באַריר איז געווען אַ פּראַקטיקע זאַך. „כ׳על מיך אויסטאָן באָרוועס און פּטור אַן עסק!״ זי האָט אַראָפּגעכאַפּט די טריפנ־דיקע שיך פון די פיס.

ער האָט זיך מיטן אַרבל געווישט די גאָמבע. „קום!״ האָט ער פאָרגעשלאָגן. „מ׳עט אונטערוואַרטן אַ ביסל אונטערן דעכל פון די שטאַלן!״

ער האָט אויך אַראָפּגעצויגן די שיך פון די פיס און זיי האָבן זיך באָרוועס צעפליוסקעט איבערן שליאַך. איינגעבויגן אין דרייען, זיינען זיי אָנגעקומען צו די שטאַלן פאַרהאָמערטע מיט פּרענטעס. אינעווייניק האָבן די פערד אימהדיק געהירזשעט. אַ הונט האָט געסקאָמליעט אין פערדהענדלערס הויז. עמעץ האָט דרינען אָנגעצונדן אַ לאָמטערן. בינהלע און יעקב האָבן זיך צוגעפּרעסט צו דער ברעטערוואַנט פון שטאַל, אויסצומיידן די פּלאַכטעס וואָסער וואָס האָבן זיך אַראָפּגעוויקלט פון שמאָלן דעכל איבער זייערע קעפּ. זיי האָבן צוגעקוקט ווי די בליצן שניידן דעם הימל און געוואַרט אויף די דונערס וואָס זיינען נאָכגעקומען.

יעקב, נישקשהדיק אָפּגערוקט פון בינהלען, האָט אויסגעדרעגנגט די אויסגע־צויגענע, טריפנדיקע פּאות. „האָסט נישט מורא?״ האָט ער אַ פרעג געטאָן.

„איך האָב פאָר גאָרנישט נישט קיין מורא!״ האָט זי אים געענטפערט.

„זאָג דאָס נישט!״ האָט ער קאָמיש אַ פאָכע געטאָן צו איר מיטן פינגער.

„כ׳קאָן דיר שווערן ביי וואָס ד׳ווילסט!״

„ס׳ט נישט מורא געהאַט... דעמאָלט?״

„אָסור זאָל מיר זיין!״ האָט זי צוגעלייגט די האַנט צום האַרץ. „ס׳איז נישט געווען קיין צייט אויכעט נישט... מורא צו האָבן. כ׳האָב נישט געוואָלט ז׳זאָלן מיך דערהרגענען און נישט דעם טאַטן מיט די שוועסטער און די קינדער. אָבער ד׳קאָנסט מיך סטראַשען מיט די ערגסטע זאַכן, מיט שדים, מיטן אַשמדאי, מיטן גיהנום״.

„און פאַרן רבונו־של־עולם, האָסטע אויך נישט קיין מורא?"
„וואָס איז דאָ מורא צו האָבן פאַר אים?"
„איך האָב יאָ מורא פאַר אים... און פאַרן אַשמדאַי... און אַפילו פאַר דיר..."
זי האָט זיך צעלאַכט: „ד'מיינסט, אַז כ'בין שטאַרקער פאַר דיר ווייל כ'קאָן אַזוי גוט לויפן?"
„יאָ, כ'מיין, אַז ד'ביסט שטאַרקער".

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט פון דער ווייטן. ער האָט געזען איר גוף. אירע שפּראָצנדיקע בריסטן האָבן זיך בולט געצייכנט דורכן קלייד וואָס האָט צו זיי געקלעפּט. די שטילקייט האָט געברויזט צווישן זיי. די ערד האָט געציטערט און געראָשט ווי זי וואָלט געוועזן אַ שוואַרצע כוואַליע רעגן. דאָס סקאָמלי׳ען פון די הינט און דאָס הירזשען פון די פערד האָט אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט אַן אומרו. ס'איז אויסגעקומען ווי סיי דאָס סקאָמלי׳ען, סיי דאָס הירזשען וואָלט געקומען פון דעם אייגענעם גוף אַרויס.

„ביסט אַ מבין אויף די בליצן?" האָט בינהלע אַ פאַרגאַפּטע אַ וויז געטאָן מיט די אויגן אויפן הימל.
„די גאַנצע וועלט שוידערט", האָט ער באַשטעטיקט.
„דער רבונו־של־עולם איז אויפגערעגט", האָט זי באַמערקט.
„יאָ... ווי ער וואָלט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. צי אפשר גאָר... אפשר האָט ער יסורים פון תענוג".

זי האָט נישט פאַרשטאַנען און אַ פרעג געטאָן: „וואָס טוט דער רבונו־של־עולם ווען אים ווערט ענג די וועלט? אַז מיר איז ענג געוואָרן די וועלט אין באָטשאַני, קלער עך צו פאָרן קיין לאָדזש. אָבער ווו קען דער רבונו־של־עולם אַנטלויפן?"
„ער אַנטלויפט אין זיך אַריין".
„ווו אַריין?" האָט זי נישט דערהערט, ווייל עס האָט שטאַרק געדונערט.
„אין זיך אַריין".

זי האָט ווידער נישט פאַרשטאַנען און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט שלעכט דערהערט. האָט זי געמאַכט אַ טראָט נענטער צו אים. „וואָס שטייסטע אַזוי ווייט? האָסט מורא, אַז כ'על דיך אויפעסן?"
„ביסט דאָך אַן אישה".

„וואָס זאָגסטע?" נייע סאַלוועס דונערס האָבן אַ בראַזגע געטאָן און בינהלען האָט זיך פאַרגלוסט זיי איבערצושרייען. זי האָט זיך צערעוועט מיט אַ הויך געזאַנג: „שפּיל, כלי־זמרל, שפּיל! ס'זאָל ציטערן דער דיל!"
„שאַ..." האָט ער בעטנדיק אַ מאַך געטאָן צו איר מיט דער האַנט. „קול באישה ערווה..." זי האָט איבערגעריסן דאָס זינגען אויפצוכאַפּן וואָס ער האָט

געוואָלט פון איר און ער האָט העכער אויסגערופן: „אַ מאַנספּאַרשוין טאָר נישט הערן אַן אישה זינגען!"

„כ'האָב נישט געזונגען, כ'האָב געשריגן!" האָט זי געלאַכט.

ער האָט דערזען ווי זי מאַכט נאָך אַ טראָט נעענטער צו אים און ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט זי צוריקצוהאַלטן: „מיר טאָרן מיר נישט שטיין אַפילו אַזוי נאָענט אויכעט נישט. ס'אַ זינד".

„כ'האָב נישט קיין מורא פאַר קיין זינד!" האָט זי אים פאַרזיכערט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאַר מיט איר. אויב וואָלט ער איר געהייסן באַגיין אַ זינד — וואָלט זי גערן באַגאַנגען... זי האָט געהאַט אַ חשק אים אוועק־צושענקען אַלץ וואָס זי האָט פאַרמאָגט, צו אַנטפּלעקן איר נשמה פאַר אים... אַלע אירע סודות. אָבער צום מערסטן האָט זי געבענקט נאָך אַ באַריר פון זיינע הענט. „אַז ד'ווילסט", האָט זי אויסגערופן, „'על עך מיך אויסטאָן פאַר דיר... ווי די מאַמע ט'מיך געהאַט... אַז ד'ווילסט..."

„ביסט משוגע!" האָט ער מיט אימה אויסגעשריגן. „זאָלסט דיך נישט דערוועגן!" אַט האָט זי געגעבן אַ שפּרונג און שוין איז זי געשטאַנען האַרט לעבן אים. „ניי, לאָז מיך גאָט שטראָפן דאָ אויפן אָרט!" האָט זי אַרויסרופעניש אַ ווענד געטאָן דאָס פּייכטע פּנים צום הימל און אָנגעכאַפּט יעקבן פאַר דער האַנט. זי האָט געמוזט נאָך אַ מאָל פילן דעם באַריר. דערפילן דעם טעם פון האַלטן די פינגער פאַרפלאָכטן. אַ נאַסער־הייסער באַריר. יעקב האָט געוואָלט אַרויסציִען די האַנט פון אירער און נישט געקאָנט, נישט געוואָלט. זי האָט אים פעסט געהאַלטן, ווי זי וואָלט באמת געהאַט מער כּוח פון אים.

„לאָז מיך גאָט שטראָפן דאָ אויפן אָרט!" האָט יעקב איבערגעחזרט נאָך איר און געפילט ווי אַ בליץ וואָלט אַדורכגעזועגט זיין לייב, זייערעביידנס לייבער און זיי צוזאַמענגעקאָוועט אין איין גוף.

זיינען זיי געבליבן אַט אַזוי, אָנגעלענט אָן דער ברעטערוואַנט פון שטאַל, ביידנס פינגער צוזאַמענגעפלאָכטן, צוזאַמענגעקלעפּט. אינעווייניק, אין האַרצן, האָבן דערשראָקענע הינט געסקאַמליִעט, פערד האָבן געהירזשעט. ס'האָט גע־דונערט און געבליצט. אינעווייניק, אין האַרצן, האָט דער רבונו־של־עולם זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען.

6

אַ דינסטיקדיקער מאַרקטאָג. אַ קאַרוזעלע און קונצן־מאַכערס זיינען אָנ־געקומען אין שטעטל און אויפגעשטעלט די געצעלטן גלייך הינטער דער קירך.

בינהלע האָט שוין געאַרבעט די גאַנצע וואָך ביי דער אַרענדאַרעכע און זי האָט זיך קוים געקאָנט דערוואַרטן זי זאָל זיך אָפּפּאַרטיקן מיטן טאָג און קענען

אַהינלויפֿן אין דעם הייטערן געדראַנג פֿון קינדער און דערוואַקסענע, זען די וווּנדער. זי האָט היינט גערן איינגעוויליקט צו וואַשן די שויבן אין דער אָרעַנ־דאַרעכעס שלאָפשטוב. פֿון דאָ, אין דער הייך, האָט זי געקאָנט אַראָפּקוקן, אַהינ־קוקן, הערן די צעגראַגערטע קאַטערינקע־מוזיק, די גוואַלדן און אויסגעשרייען פֿון די קאַרוזעלע־פֿאָרערס און זיי זען אַ פּלי טאָן אין דער לופֿטן אויף די געזעסן.

ס׳איז געווען קאַלט דרויסן. אַ בייסיקער ווינט האָט זיך געטראָגן איבער די דעכער, אַראָפּגעקערט דעם טרוקענעם, לויזן שטרוי און אים צוזאַמען מיטן שטויב צעפֿרושעט איבערן המון וואָס האָט זיך געדרענגט אויפֿן מאַרקפּלאַץ. דער ווינט האָט צעפֿלאַכטן בינהלעס צעפּ און אירע געלבע האָר האָבן אַרויסגע־פֿלאַטערט פֿון צעעפֿנטן פֿענצטער אין פֿאַרקנוילטע סמוגעס.

איר האַנט האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויף דער שויב. זי האָט דערזען יעקבן זיך אַדורכשטופּן דורכן עולם פּויערים און ייִדן, צווישן די וועגענער, די פֿערד און בהמות, די בוידן מיט גרינוואַרג און מילכוואַרג. זיינע רערלדיקע לאַנגע פּאות האָבן געפֿלאַטערט אין ווינט. ער האָט זיך געאיילט. צו דער קאַרוזעלע מסתּמא. בינהלען האָט זיך געגלוסט אַראָפּצופֿליִען צו אים אָט אַזוי, פֿון פֿענצטער, מיט־טראָגן זיך מיט אים — און זי האָט אין דמיון געזען ווי זי הייבט זיך אויף אין דער לופֿטן צוזאַמען מיט יעקבן און... פֿליט.

ער איז צוגעקומען נענטער. מסתּמא האָט ער זי באַמערקט, ווייל זיין פּנים איז געווען געוואָנדן צו איר. אָט איז ער געשטאַנען האַרט אונטער דער מויער און אַרויפֿגעשריגן: „קום צו דער מיל אויף דער נאַכט!״

גלייך האָט ער זיך גענומען שטופּן אויף צוריק.

צו דער מיל? משוגע האָט זי געדאַרפֿט זיין, היינט אויף דער נאַכט צו קומען צו דער מיל. זי האָט דאָך קיין מאָל אין איר לעבן קיין קאַרוזעלע נישט געזען! זי האָט אַ וואָרף געטאָן די שמאַטע, אַ רייב געטאָן די נאַסע הענט אָן קליידל און איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בענקל. אין איין אָטעם האָט זי זיך געגעבן אַ יאָג אַראָפּ פֿון די טרעפּ און אין אַ רגע אַרום איז זי שוין געלאָפֿן אַ דעריאַכמערטע, זיך געשטופּט דורכן געדראַנג אויפֿן מאַרק. מיט די האָר צעפֿלויגן אין אַלע ריכ־טונגען, איז זי אַרויס אויפֿן ברייטן טאָפּאָליִע־וועג און זיך נאָכגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּ אָנצויאָגן יעקבן. באַלד האָט זי זיך אויסגעגלייכט מיט אים. זייערע בליקן זיינען צוגעפֿאַלן צו זיך, אַנגסטיק, פֿרעגנדיק.

„כ׳על היינט נישט קומען צו דער מיל!״ האָט זי געסאָפּעט און אָוועקגע־שאַרט די וואָלקנס האָר פֿון פּנים.

איידער זי האָט באַוויזן אים צו דערקלערן פֿאַר וואָס זי וועט היינט נישט קומען צו דער מיל, איז ער איר מודיע געווען: „אין דער קרעטשמע שטייט איין אַ לאַדזשער מעל־סוחר מיטן ווייב און קינד. ס׳ווייב איז אים פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן, איז ער אַרויפֿגעקומען פֿרעגן די לאַנגע צירעלען, צי זי ווייסט נישט פֿון עמעצן

וואָס וואָלט געוואָלט מיטפאָרן קיין לאָדזש. אויב ד׳קאָנסט דיך אומגיין מיט עופעלעך... און ׳עסט קענען אַרויסהעלפן אויפן וועג... ׳עלן זיי דיך..." ער האָט זיך אַ רגע פאַרהאַלטן און לסוף פאַרענדיקט מיט אַ פאַרכריפּעט קול: „׳עלן זיי דיך מיטנעמען אין דער בויד. אָבער..." ער האָט טיף איינגעאָטעמט, „מ׳שמועסט, אַז ס׳עט זיין אַ מלחמה. לאָדזשער ייִדן קויפן איין מעל נאָ זאַפּאַס". ער האָט אָנגעשטעלט אויף איר די טרויעריק־שמייכלענדיקע אויגן. „ווילסט טאַקע אויף אַן אמת פאָרן?"

זי האָט קלאָר געהערט דעם באַדויער אין זיין קול, דאָך האָט זי כעסיק אויסגערופן: „אוודאי וויל עך!"

„ס׳אַרט דיך נישט די... די מלחמה?"

זי האָט דערפילט ווי דאָס האַרץ קומט איר אַרויף אין מויל. ווי מאָדנע דאָס איז געווען וואָס גראָד היינט, ווען איר האָט זיך צום ווינציקסטן געגלוסט אַוועק־צופאָרן... איז נישט קיין אַנדערער, נאָר יעקב — געקומען מיט דער בייעס.

„וואָס האָט מיך צו אַרן די מלחמה?" האָט זי, ווי זיך צוצוגעבן מוט, אַ וואַרף געטאָן די צעפּלאָשעטע האָר אויף הינטן. „וואָס בין עך, אַ זעלנער?" זי האָט מיט אַ דעצידירנדיקן באַוועג אים אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל. „קום מיט מיר אַריין צום מעל־סוחר אין דער קרעטשמע!"

ער איז מיט איר אַריין אין דער קרעטשמע. דעם סוחרס ווייב האָט אויס־געזען חולה־מסוכן. דער מעל־סוחר האָט בינהלען נישט געפרעגט קיין שום שאלות. ער האָט זי נאָר פאַרזיכערט, אַז זי וועט קענען לייכט צוריקקומען קיין באַטשאַני, ווייל לאָדזשער ייִדן פאָרן אין די הונדערטער אין די קליינע שטעטלעך איינקויפן עסנוואַרג נאָ־זאַפּאַס. לסוף האָט ער געזאָגט צו בינהלען: „אַ שיינ־טשיקן דאַנק פאַר דער טובה". לאָדזשער ייִדן זיינען, ווייזט אויס, געווען איבער־געטריבן העפלעכע מענטשן.

אַרויסגעקומען פון דער קרעטשמע, האָט בינהלע געמוזט אָפּקילן די באַקן מיט אַ ביסל וואַסער פון דער פּלומפּ, אַזוי האָבן זיי איר געפלאַמט. זי האָט לאַנג געשטאַרט אויף יעקבס טרויעריקע, האַניקדיקע אויגן און זיך נישט געכאַפּט, אַז זי שטאַרט אין זיי. דאָס האַרץ האָט איר נאָך אַלץ געהאַמערט. עפּעס האָט געשטיקט אין קעל. זי האָט מעכאַניש פאַרפלאַכטן און איבערגעפלאַכטן די צעפּלעך.

יעקב האָט אויך אויסגעזען צעטראָגן. „גייסט צוריק קיין באַטשאַני דיך געזעגענען?" האָט ער געפרעגט מיט אַ פּרעפּל.

„ביסט אַראָפּ פון זינען?" האָט זי אויסגעשריגן. „דער טאַטע ט׳מיך פאַר־שליסן אין דער קאַמער!"

„ע׳סטע נישט נעמען דיינע זאַכן?"

„וואָסאַרע זאַכן?"

„ס'ט פֿאַרן ווי ד'שטייסט און גייסט?"

„ס'דען? אַוודאי ווי כ'שטיי און כ'גיי". זי האָט עפּעס געוויגן אין קאָפּ און צוגעגעבן: „אַז כ'על זיין אַוועקגעפֿאָרן... און ס'עט זיין אַ פּאָר שעה שפּעטער, צי מאָרגן... זאָלסטע אַריינגיין צו מיין טאַטן אין קרעמל און אים זאָגן, אַז כ'האָב דיך געהייסן זאָגן, אַז ער זאָל... ער זאָל בלייבן געזונט און די שוועסטערס מיט די קינדער און די מאַנען אויכעט".

„פֿאַרסטע טאַקע שוין?"

„יאָ, שוין. דער מעל־סוחר האָט דאָך געוואָרט צו קריגן עמעצן. און... אַז ד'עסט קומען קיין לאַדזש, 'עסטע מיך אויפֿזוכן?"

„אַוודאי 'על עך!" האָט ער אויסגערופֿן מיט דער גאַנצער בענקעניש וואָס האָט זיך אַ וועק געטאָן אין אים, הגם זי איז נאָך לעבן אים געשטאַנען. ער האָט אויסגעליידיקט די קעשענעס פֿון די פּאָר קאָפּעקעס וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט און זיי איר אַריינגעשטופּט אין דער האַנט. „נאַ דיר לעצטגעלט".

„כ'האָב נאָך דעם געלעכערטן צווייער וואָס כ'האָב ביי דיר געוווּנען!" האָט זי אויסגערופֿן, אַ גרייך געטאָן צום בוזעם, אַרויסגענומען אַ שמאַטקע, זי פֿונאַנדערגעוויקלט אויף דער דלאָניע און אים געוויזן די מטבע.

יעקב האָט אַזוי לאַנג נאָכגעקוקט דעם מעל־סוחרס בויד אין וועלכער בינהלע איז געזעסן, ביז זי איז אים נעלם געוואָרן פֿון די אויגן. „כ'האָב דיך אַזוי ליב..." האָט ער אַריינגעפּליסטערט אין דער פּוסטקייט פֿון ברייטן טאָפּאָליע־וועג, „אַז ס'טוט אַזש ווי..." ער האָט זיך אַ קער געטאָן אין דער ריכטונג פֿון בלויען באַרג און צוגעגעבן: „כ'על דיך זוכן... און אַפֿילו אַז כ'על דיך נישט געפֿינען... 'על איך דאָס גאַנצע לעבן מיינס דיך זוכן".

7

יאָסעלע אַבעדאַלע האָט זיך מער און מער אונטערגעגעבן זיין גורל, אָנגענומען — מיט אַ גלייכגילט כּמעט — דאָס שטייגנדיקע פֿאַרלירן פֿון דער ראיה; און אַפֿילו די וווּנדן פֿון הארץ, פֿון דער נשמה, וואָס אַ מאָל האָבן זיי אים געפּלעגט אַריינברענגען אין אַ כּעס, אין אַ רציחהדיקן צאָרן — האָט ער איצט בייגעקומען מיט אַ האַרטנעקיקייט, אַן עקשנותדיקן שווייגן. ער האָט אָפֿט געטראַכט וועגן ר' מענדל קאָצקערס זאָג, אַז דאָס גרעסטע געשריי אין דער וועלט — איז דאָס שווייגן. ר' מענדל קאָצקער האָט צוגעגעבן, אַז עס איז פֿאַראַן נאָך אַ העכערע מדרגה ווי שווייגן: שירה!

„מיקנשמאַלץ!" האָט יאָסעלע פֿעסטגעשטעלט. „צו אָט דער מדרגה קאָן עך מיך נישט דערהייבן".

אָנהייב ווינטער, נישט לאַנג נאָך בינהלעס פֿאַרשווינדן, האָט דער בית־

מדרש־בחור אריהלע, פּישעלע דעם קצבס בחור, צוגעבראַכט יאָסעלען אין קלייטל אַריין אַ בריוול וואָס איז אָנגעקומען מיט אַ געלעגנהייט פון לאָדזש — פון זיין זון הערשעלען.

„טייערער טאַטע", האָט הערשעלע געשריבן. „איך שרייב דיר אָט דאָס בריוול פון דער שטאָט לאָדזש ווו איך געפין מיך שוין מער ווי אַ האַלב יאָר. איך שרייב צו דיר, כדי דיר צו לאָזן וויסן, אַז דיין זון וועט נישט זיין דאָס וואָס דו ווילסט, אַז ער זאָל זיין — נאָר ער וועט זיין דאָס וואָס ער וויל זיין: אַ פרייער מענטש".

„איך שרייב דיר, כדי אויסצוגלייכן דעם חשבון מיט דיר. האָסט מיך גע־מאַכט פאַר אַ פחדן, טאַטע. האָסט מיך געמאַכט פאַר אַ מענטש וואָס איז קיין מענטש נישט, נאָר אַ שרץ, אַ מילב. ניין, ווייניקער ווי דאָס: אַ פאַלגעוודיקע מאַשין וואָס פירט אויס די באַפעלן פון 'אים אויבן', און פון דיר — אונטן. דו און דער רבי ר' שאַפּסעלע און אייער גאַנצע כנופיה פון כלי־קודש געהערט צו אַ וועלט וואָס איך וויל מיט איר מער קיין שייכות נישט האָבן. איך וויל מער נישט טראָגן דעם פאַלשן עול וואָס איר האָט אַרויפגעלייגט אויף מיינע אַקסלען, און כ'וויל נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן אויף אַ משיחן וואָס איר האָט אויסגעמוטשט — כדי עס זאָל אייך זיין באַקוועמער צו זיצן אין דער פאַרגליווערטער זומפּ פון אומבאַהאָלפנקייט. איך וויל זיין מיין אייגענער משיח. כ'וויל בויען אַ נייע וועלט, פון מענטשן וואָס זענען פריי, וואָס טראָגן נישט קיין כאָמעט אויפן לייב און נישט אויף דער נשמה. איך האָב דיך נאָך אַלץ ליב, טאַטע. איך האָב דרך־ארץ פאַר דיר און פאַר די יסורים וואָס דו האָסט געהאַט אויסצושטיין. אָבער צווישן אונדז שפּרייט זיך אַ תהום, טאַטע, און ווער ווייסט צי דו ביסט אים ביכולת אַריבערצושפּרייזן..."

אַדורכגעאַקערט דאָס בריוול מיט די קורצזיכטיקע אויגן, האָט יאָסעלע אָבגע־דאַלע עס צעפּליקט אויף פּיץ־פּיצלעך, פאַרמאַכט דאָס קרעמל אין מיטן דער גראַטשקע און איז אַהיימגעגאַנגען. ער האָט אָנגעזאָגט די טעכטער, אַז זייער ברודער הערשעלע איז געשטאָרבן. ער האָט געריסן קריעה און זיך געזעצט שיבעה נאָכן זון, דעם איינציקן קדיש זיינעם.

ווען יאָסעלע איז אויפגעשטאַנען פון דער שיבעה און איז געקומען אויפן פּאַטשעיאָוו אין קרעמל אַריין, האָט אים אַ לייכט געטאָן אין די אויגן הינדעלע דער אלמנהס צעשטראַלטע פּנים.

„גיט מיר אָפּ אַ מזל־טוב, ר' יאָסעלע!" האָט זי נצחונדיק אויסגערופן. „מיין שלום האָט געהאַט אַ ייִנגל... דאָס הייסט מיין שנור האָט געהאַט... יאָ!"